STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11866

DI TSAYT

Arn Vergelis

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַרן װערגעליס

די צײַט

ראָמאַן

באַרצײַכענונגען

מײַן טײַערן באָריס סאַנדלער –
בײַם מענטשן, װאָס װאַקסט זיך נאָך.
מיט ליבע –
אַרן װערגעליס
מאָסקװע
14 יאַנואַר 1982

מאָסקװע, פֿאַרלאַג „סאָװעטסקי פּיסאַטעל״, 1981

С(Евр)2
В 31

אין אַרן ווערגעליסעס ראָמאַן „די צײַט“ ווערט טיף און מיט גרויס מײַסטערשאַפֿט אָפּגעשפּיגלט דאָס פֿאָלקס־לעבן, אָנהייבנדיק פֿון די צוואַנציקער יאָרן און ביז הײַנט־צו־טאָג. „די צײַט“ איז איינס פֿון די ערשטראַנגיקע ווערק פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

די העלדן פֿונעם ראָמאַן זײַנען מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן, פֿון פֿאַרשיידענעם עלטער. דער לייענער וועט זיך מיט זיי באַגעגענען אין די שטעט פֿון אוקראַינע, אין ביראָבידזשאַן, אויף די שלאַכטפֿעלדער פֿון דער גרויסער פֿאָטערלענדישער מלחמה, מיט אייניקע פֿון די העלדן אויך מחוץ די גרענעצן פֿון אונדזער לאַנד.

אויסער דעם ראָמאַן „די צײַט“ זײַנען אינעם בוך אײַנגעשלאָסן דראַמאַטישע נאָוועלן, רײַזע־בילדער, שרײַבערישע נאָטיצן.

אין די רײַזע־בילדער טיילט זיך דער אַוטאָר מיט זײַנע אײַנדרוקן וועגן דעם לעצטן באַזוך זײַנעם אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. די דאָזיקע פֿאַרצייכענונגען, וואָס זײַנען אַ פֿאָרזעצונג פֿון ווערגעליסעס פֿריִער דערשינענעם בוך „רײַזעס“, גיבן אַ ברייט בילד וועגן דער הײַנטיקער אַמעריקע בכלל און וועגן דעם לעבן פֿון דער דאָרטיקער ייִדישער באַפֿעלקערונג.

אַ וויכטיק אָרט פֿאַרנעמען אינעם בוך די שרײַבערישע נאָטיצן, וועלכע האָבן אַ באַדײַטנדיקע דערקענטעניש־ווערט מיט זייער טיף פֿילאָסאָפֿישן אַרײַנדרינגען אין פֿראַגן פֿון קונסט, ליטעראַטור, שפּראַך, געשיכטע.

ווי אַלע זײַנע פֿריִערדיקע ווערק („באַם קוואַל“, „ביראָבידזשאַנער דאָר“, „פֿון אַלף ביז תּוו“, „אויג אויף אויג“ אאַ.), וואָס די מערהײַט פֿון זיי זײַנען איבערגעזעצט אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן, איז ווערגעליסעס נײַער בוך „די צײַט“ דורכגעדרונגען מיט טיפֿער אידייִשקײַט און איז אָנגעשריבן מיט גרויס מײַסטערשאַפֿט.

© *Издательство «Советский писатель», 1981 г.*

В $\frac{70303-326}{083(02)-81}$ 244—81 4702200000

די צײַט

ראָמאַן

לאָמיר אָנהייבן פון דאָרט, וווּ עס האָבן געענדיקט אונדזערע פאָרגייער.

דאָס, וואָס זיי האָבן געשריבן וועגן נעכעמיע טשאָרניצערס לעבן, וועגן דעם, וויאַזוי ער האָט אין זײַן שטעטעלע דורכגעמאַכט די רעוואָליוציע און דערנאָך געוואָרן אויס פערד־הענדלער, גענומען זיך פאַר אַן אַנדער פאַך, — דאָס איז טאַקע אַזוי געווען, און געלויבט זאָלן זײַן די פאָרגייער, וואָס האָבן עס פאַרצייכנט און איבערגעלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות.

אָבער נעכעמיע טשאָרניצער איז שוין, זינט מיר האָבן אים געקענט, געווען אַ מענטש אין די יאָרן, און די שײַן פון דער נײַער צײַט איז, ווי עס פירט זיך, געפאַלן אויף זײַנע קינדער און אייניקלעך. איצט לעבן זיי נאָך קימאַט אַלע, נעכעמיעס יאָרשים, איז זאָלן זיי געבן אַן ענטפער אויף אונדזערע איצטיקע שאַלעס.

נעכעמיע דעם טעסלער האָבן מיר געטראָפן אין ביראָבידזשאַן, און אויך אין יענער צײַט האָבן אים באַשריבן אונדזערע פאָרגייער, ס׳וועט אָבער גלײַכער זײַן, מיר זאָלן אָנהייבן טאַקע פון ביראָבידזשאַן, ווײַל גאָרנישט קומט ניט פון זיך אַליין, דאָס הײַנטיקע לעבן האָט זיך אָנגעהויבן פריִער פונעם הײַנטיקן טאָג...

ערשטע נאָוועלע

געבענטשט זאָלסטו זײַן אין דײַן קומען

1

מיטאמאָל האָט זיך דאָס לעבן אין הויף איבערגעקערט מיטן קאָפּ אראָפּ. נעכטן פארנאכט איז מען נאָך געזעסן לעבן נעכעמיע דעם טעסלערס שטוב — די עלטערע פרויען און מאנצבלען אף די קלעצער, די ייִנגערע אפן פּיִכטן גראָז — און געשמועסט וועגן דער בירע, וואָס גייט ארויס פון די ברעגן און אָט־אָט וועט זי שוין צושטיין צום סאמע הויף. די לופט האָט געשמעקט מיט יענע אָנהייב־וועסנעדיקע רייכעס, וואָס מע ווייסט ניט, פונוואנען זיי נעמען זיך: צי פון די ווײַטלעכע וועלדער, צי פון די גרעזעלעך אונטער די פיס. באזונדערס שטארק האָבן געשמעקט די ניט־געטינקעוועטע דרויסן־ווענט פון נעכעמיעס שטוב. עס האָט זיך געדאכט, אז די בערווענעס אין די ווענט האָבן ווידער דערפילט אין זיך לעבעדיקע זאפטן פון די ביימער, וועלכע מע האָט פאר זיי אויסגעהאקט. פונקט ווי אין סאמע בלי־צײַט האָבן זיי זיך צעשוויצט, באדעקט זיך מיט צעשמאָלצענער סמאָלע און מיט ריטשקעלעך קליי.

נעכעמיע איז געזעסן הארט בא דער וואנט און מיט א ברייטער דלאָניע געגלעט די שטוב בידעריקער פון די פענצטער, ווי מע גלעט באם בויך א פערד.

— זי וויל צוריק אין טײַגא ארײַן, זאָג איך אײַך... זינט דער שניי איז צעגאנגען, פיל איך, אז עס נעמט זי אָן א צעפּיקעניש, די שטוב מײַנע...

אלע אין הויף האָבן געוווּסט, אז נעכעמיע טשאָרניצער האָט אליין געהאָלפן די שטוב אוועקשטעלן. איינעם מיט אן ארטעל קאָרייער, סעזאָן־ארבעטער, איז ער פאראיאָרן זומער און ביז שפּעט אין הארבסט געווען פארנומען מיט וואלגערן און צעזעגן די ביימער, און אוואדע שוין האָט ער געטעסעט ברעטער פארן דיל און פאר דער סטעליע.

די שטוב איז אין הויף געשטאנען אף א בערגל — א מעיוכעסטע צווישן די איבעריקע דרײַ שטיבער, און ווען ס'האָט גענומען צוטרעטן

דער טײַך, האָבן די עטלעכע מישפּאָכעס פון דעם הויף זיך פארקליבן ארום נעכעמיען, פונקט ווי אונטערוועגנס, אין א נויט, פארקלײַבט מען זיך ארום אזא אײנעם, וואָס פּאָרט אָף א וואָגן, ווען די אנדערע גײען צופוס.

נעכעמיע האָט ניט געזען קײן גרויסע געפאר אין דעם, וואָס די קאָפּ־רײזנע בירע בלאָזט זיך אָן, האָט ער, זיצנדיק הארט בא דער וואנט פון זײַן שטוב און צוהערנדיק זיך פרעמדלעך צו די רייד וועגן דער פאר־פלײצונג, אלײן אָבער פארפירט א שמועס וועגן דער שטוב, באוויזנדיק מיט דעם, אז דאָ, אין טײַגע־ײַשעוו, האָט ווידעראמאָל באקומען א זין זײַן אלט ווערטל: ווער עס האָט א גוטע בויד, דער פארשפּאָרט וויאָקען און ניאָקען.

אָפּשאָבנדיק מיט א שפּענדל דעם קליי פון דער דלאָניע און פון די באוואקסענע מיט האָר קורצע פינגער, האָט ער געבראכט אײן באווײַז נאָכן אנדערן, אז זײַן שטוב קוקט צוריק אין וואלד ארײַן:

— אדעראבע, קומט צו גײן, ווען ס׳וועט נאָך זײַן ליכטיק, וועט איר זען אף די בערוועגעס קנאָספּן...

ס׳איז אדורך די נאכט. אינדערפרי איז מען זיך צעגאנגען אף ארבעט, און ערשט אזײגער זעקס אין אָוונט, ווען ס׳איז נאָך ניט גוט טונקל גע־וואָרן, האָבן זיך די שכײנים פונעם הויף ווידער צונויפגעקליבן בא נעכע־מיע דעם טעסלערס שטוב. מע האָט אָבער פונקט ווי פארגעסן אין דעם נעכטיקן שמועס. מיט ערנסטע פּענעמער איז מען געשטאנען באם גאנעק און זיך צוגעהערט, וואָס אין שטוב טוט זיך. דאָרט האָבן פון עמעצנס א שטארקן קלאפּ זיך צעקלונגען אפן טיש די טעלער. דערנאָך האָט זיך א קײַקל געטאָן נעכעמיעס אופגערײצטע שטים. א פרוי, ווי זי וואָלט אראָפּ־געפאלן פון עפּעס, האָט קורץ א געשריי געטאָן. עס האָט זיך צעפראלט די טיר, און נעכעמיע, אָנגעטאָן אין זײַן ברעזענטענעם רעגנמאנטל און מיט א פּוזשעלע אין האנט, גלײַך ער וואָלט זיך ווידער, ווי אמאָל, אוועקגע־לאָזט אין א ווײַט שטעטל אף א יאריד, איז ארויסגעלאָפן פון שטוב, פארגעסנדיק צומאכן די טיר. ער האָט באקוקט דעם אוילעם און ווי פון א טאָמע זאך אויסגעשפּיגן.

אין א פּאָר רעגעס ארום, ווען נעכעמיע איז שוין פארשוווּנדן הינטערן שיטערן ברעטלדיקן פּלויט, האָט זיך אף דער שוועל באוויזן, מיט אן ארײַ־בערגעוואָרפענעם איבער דער האנט ווארעמען סעקל, זײַן טאָכטער סאלקע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין א בלוי קלײדל מיט פאלדן און אין א ווײַס פּיקײען קאָפּטעלע. ווי געוויינלעך באדאכט און רויִק, האָט זי געוואָרפן א בליק אף דעם צוגעלאָשענעם סאָף־טאָגיקן דרויסן, היימיש א שמייכל געטאָן צו די שכײנים און איז פונקט ווי אוועקגעגאן באגלייטן דעם טאטן, צומאכנדיק נאָך זיך די טיר.

זינט דער הויף בא דער בירע קען די טשאָרניצערס, האָט מען נאָך ניט געהערט, עמעצער זאָל זיך בא זיי קריגן. שכײנים זײַנען מעקאנע געווען:

— מע לעבט, ווי ווערעם אין כריין. אקשאָנים, מער גאָרנישט... א גאנץ לעבן האלט מען זיך אין איין ליובען...

נעכעמיע, זײַן װײַב עסטער־ראָכל און די גאַנצע מישפּאָכע, װאָס האָט זיך אין ביראָבידזשאַן פאַרמערט: אין דרײַסיקסטן יאָר איז צו די עלטערע קינדער צוגעקומען דער מיזיניק אַנדריושקע, — נעכעמיע און זײַן געזינד האָבן געלעבט מיט עפּעס אַ באַזונדער מין לײַטישקײַט. עס האָט אויסגעזען, װי זײ װאָלטן נאָך ערגעץ דאָרט, אױף דער אוקראַיִנע, געגעבן זיך אַ װאָרט װי װײַט מעגלעך אויסמײַדן פאַרדראָסן און צולאָכעסן, ביזװאַנען זײ װעלן דאָ, אױף דעם נײַעם אָרט, ניט אָפּטאָן דאָס, װאָס זײ דאַרפן אָפּטאָן.

איצט האָבן זײ שױן אװעקגעשטעלט בא דער בירע אַ פעסטע פאַמיליענאַכלע, און ס׳איז שױן אװאַדע ניטאָ פאַרװאָס זיך צו קריגן. איז נאַ דיר! מיטאַמאָל האָט זיך דאָס לעבן בא נעכעמיע דעם טעסלערס מישפּאָכע איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

די שכײנים האָבן אַרומגערעדט דאָס געשעענע און זיך צעגאַנגען איבער די שטיבער. ס׳איז געבליבן, אַז שולדיק אינעם סקאַנדאַל איז, אַפּאָנעם, סאַלקע, נעכעמיעס צװאַנציקיאָריקע טאָכטער, װאָס איז ערשט, אַן אויסגעפּוצטע, אַרויס אױף דער שװעל און אַ שמײכל געטאָן, גלײַך װי גאָרנישט װאָלט ניט געטראָפן. אין ייִשעװ שמועסט מען, אַז סאַלקע דרײט זיך אַרום מיט כּילוש מאַזאָרן, דעם שפּעפּליאָװן דראָנג, װאָס איז געשיקט אַהער צו אַרבעטן אין אָרטיקן מוזײ. דער מוזײ איז דערװײַל נאָך אױף פּאַפּיר, גײט דער דראָנג אַרום פּוסט־און־פּאַס און פאַרדרײט דעם קאָפּ סאַלקען. מיסטאָמע איז עס דערגאַנגען צום טאַטן אירן...

2

די קינדער האָבן געהאָלפן דערבויען די געבײַדע פאַר אַ שול. אַן אײנשטאָקיקע, אַ הילצערנע, האָט די שול זיך דאָך אויסגעטײלט פון אַלע איבעריקע הײַזער אין ייִשעװ מיט אירע גרעסערע פענצטער, מיט די געהובלעװעטע, נאָך ניט אויסגעפאַרבטע שטאַכעטן און מיטן טראָטואַרל, װאָס האָט געפירט גלײַך צום גאַנעקל־צו. די געבײַדע איז געשטאַנען ניט װײַט פון דעם ברײט־צעװאָרפענעם שטײנערנעם פונדאַמענט, װאָס מע האָט פאַרלײגט פאַר אַ ראַטן־הויז. אַרום־און־אַרום איז די ערד באַם פונדאַמענט געװען צעגראָבן. אײנע לעבן די אַנדערע זײַנען געלעגן קופּעס ציגל און לײם, צעװאָרפענע און צונױפגעלײגטע בערװענעס און ברעטער. דער פונדאַמענט מיטן גאַנצן אַרום, די שול בעסױכעם, איז פון באַטאָג אָן באַלױכטן געװען מיט אַן עלעקטרישן לאָמפּ, אַ מין פּראָזשעקטאָר, װאָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון אַ ניט שטאַרק אָנגעצױגענעם דראָט אינמיטן דעם בױפּלאַץ. דער לאָמפּ איז געװען אַזאַ מעגושעמדיק־גרױסער, אַז באָמבלענדיק זיך איבערן פּוסטן פּלאַץ, האָט ער בעשאַס אַ נעפּל אָדער אין כאַשכעס אויסגעזען װי אַ פּעסל, אין װעלכן מע לעשט קאַלך — עמעצער האָט עס איבערגעקערט איבער אַ גרוב, און ס׳שפּריצט און גיסט זיך פון דעם אין אַלע זײַטן די װײַסקײַט. אַ מעטער פיר־פינף הונדערט פון דעם פּלאַץ, אױף יענער זײַט שול־הױף, אין אַ באַראַק, װאָס מע האָט אַפּגיך אויסגעבױט פון רויע ברעטער, האָט געקלאַפּט אָן אויפהער אַן עלעקטראָמאָטאָר. דעם באַראַק האָט מען גערופן שטאָטישע עלעקטראָסטאַנציע, כאָטש גע־

ווּסט האָט מען, אַז דערווײַל קלאַפּט דער מאָטאָר בלויז צוליב אָנפּאָמפּען מיט ליכט אָט דעם גרויסן קײַלעכדיקן לאָמפּ, וואָס באַשײַנט דעם ברייט־צעוואָרפענעם שטיינערנעם פונדאַמענט. די עלעקטראָסטאַנציע קלאַפּט און קלאַפּט, זי האָט שוין קיין קויכעס ניט, און ער, דער לאָמפּ, טוענדיק אַלע ווײַלע א פּינטל און א וויג זיך אַפן ווינט, טרינקט ווײַטער פונעם מאָטאָר די שײַן.

פּאַלעק, נעכעמיע טשאַרניצערס יינגל, אַ שילער פונעם זעקסטן קלאַס, האָט געשלעפּט אין אַ פּאָר מיט עסטערקע שאַנאָווסקי אַ רעדנע מיט ערד אַפן בוידעם. זיי האָבן פּאַמעלעך זיך אופגעהויבן אַף דעם צוגעשטעלטן לייטער, פּאַלעק פון פאָרנט און עסטערקע פון הינטן, פּאַלעק האָט צו שטאַרק געצויגן די רעדנע, און עסטערקע האָט זיך געבלאָזן און געשריגן, אַז קיינער יאָגט זיי ניט נאָך און אַז זי וועט באַלד אַראָפּוואַרפן די ערד. פּאַלעק האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט דערזען פאַר זיך א מאַטעווע־ראַזעווען, שטאַרק אָפּגעווײַטערטן האַריזאָנט, אַף וועלכן עס האָבן זיך אויס־געטײלט די קײַלעכדיקע הילען פון צוויי אָפּגעזונדערטע סאָפּקעס — א קלײנער און א גרויסער. דערנאָך האָט ער דערזען עסטערקעס אויגן. פון די שוואַרצאַפּלען זײַנען אין זיי פאַרבליבן בלויז שאָטנדלעך, ווײַל זיי האָבן געקוקט אַף אַרויף.

אַף רעכטס פון דער שול־געבײַדע האָט זיך געצויגן א זומפּ, און ביז דעם אײַזנבאַן־אָנשיט זײַנען קיין הײַזער ניט געווען. זוכנדיק, וווהין אהינ־צוטאָן זיך פון עסטערקעס אויגן, פון וועלכע ער האָט שוין א יאָר צי מער קיין רו ניט געהאַט, האָט פּאַלעק אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ צו די גלאַנצנדיקע אין דער בלייכער טונקלקײַט רעלסן, וואָס האָבן פון איין זײַט באַם סעמאַפאָר און פון דער צווייטער זײַט באַם וואָקזאַלכל זיך אָפּגעהאַקט אין דער ווײַטקײַט. ער האָט פּלוצעם א שטאַרקן שלעפּ געטאָן די רעדנע, זיך אויסגעצויגן אַף די שפּיץ פינגער און פאַרגליווערט געוואָרן. איבער די שפּאַלעס איז מיט ברייטע אומנאַטירלעך־ריטמישע אונטערהינקענדיקע טריט געגאַנגען זײַן טאַטע, די פּאָלעס פונעם רעגנמאַנטל אָנגעבלאָזן פון־נעם ווינט, די ברוסט אַרויסגעשטעלט, ווי באַם וועלן זיך שלאָגן. פּאַלעקן האָט אָנגעכאַפּט אַן אומרו. וווהין גייט עס אַזוי דער טאַטע? פאַרוואָס לויפט ער? דער לייטער האָט זיך א טרייסל געטאָן, און פּאַלעק האָט אָפּגעלאָזט די רעדנע. א געשריי האָט א שניט געטאָן די לופט און איז גלײַך אַריבער אין אַ פריילעך געלעכטער. עסטערקע איז געשטאַנען א פאַרשאָטענע מיט ערד, און אין אָט דער רעגע האָט זי אויסגעזען, ווי אין די ביכל־איליו־סטראַציעס א סקולפּטור פון אַ רוסאַלקע אונטער די שפּריצן פון א פאָנ־טאַן, מיט דעם אונטערשייד, וואָס אָנשטאָט וואַסער האָט זי פון זיך אָפּגע־טרייסלט ערד. פּאַלעק איז הינטנאַרום אַראָפּגעשפּרונגען פון דעם העכערן טרעפּל פונעם לייטער און זיך אַוועקגעלאָזט לויפן צו דער באַן־ליניע.

— טאַטע! טאַטע!

נעכעמיע האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס?

— טאַטע, וווהין לויפסטו?

ביידע האָבן שווער געסאָפּעט. נעכעמיע איז געשטאַנען אַ בייזער, מיט צעשפּרייטע פיס און מיט אַ פאַרלייגט אַף הינטן פוזשעלע אין דער האַנט.

— דײַן טאַטנס אייסעק, וווהין איך לויף. שוואַליאַם אהיים!

ער האָט אָנגענומען פאַלעקן בײַ ביידע אַקסלען, אים אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו דער גאַס און אַ שטופּ געטאָן מיט אַ קני.

פאַלעק איז געבליבן שטיין מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. אַ שטאַרקער קאַס האָט אים אָנגעכאַפּט אַפן טאַטן, וואָס איז מיט שווערע טריט אוועק ווײַטער, צום וואָקזאַל. ער, דער טאַטע, וויל ניט וויסן, אַז פאַלעק איז שוין גאָר קיין שנעק ניט, ער באַגייט זיך נאָך אַלץ מיט אים, ווי מיט אַ קליין קינד. שטייענדיק אַזוי צווישן די צווײ רעלסן, האָט זיך פאַלעק דער־מאָנט, ווי מע האָט אים הײַנט אַף אַ פאַרזאַמלונג אויסגעקליבן פאַרן סטאַ־ראָסטע פון קלאַס. ער האָט ווידעראַמאָל דערזען פאַר זיך עסטערקעס אויגן. די שאָטנדלעך פון די שוואַרצאַפּלען, פאַרוקטע אַזש אונטערן שטערן, האָבן צוגעגעבן די אויגן אַן אויסדרוק פון שפּאָט, און אויך דאָס האָט געשטאַרקט בײַ פאַלעקן דעם פאַרדראָס אַפן טאַטן.

פאַלעק איז געווען אין יענעם עלטער, ווען בײַ טאַטע־מאַמע איז מען נאָך אַ קליין קינד, אָבער בײַ זיך און בײַ זײַטיקע קאָן מען שוין באַשטיין פאַר אַ גרויסן. זעענדיק, ווי־אַזוי דער טאַטע איז אוועק, ניט אומקוקנדיק זיך אַפילע אַף אים, האָט פאַלעק אײַנגעאַקשנט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געפּויעלט בײַ זיך, אַז עס גייט אים גאָרניט אָן, וואָס אַזאַ מענטש לויפט אום איבער די שפּאַלעס.

פאַזע דעם היכן אײַזנבאַן־אַנשיט האָט פאַר פאַלעקס אויגן זיך גע־שפּרייט דער יִשעוו — אַ היפשע צאָל הילצערנע הײַזער, וועלכע האָבן נאָך קיין דורכויסיקע גאַסן ניט געשאַפן. גרעסער פון אַלע שטיבער איז געווען דער באַראַק פונעם איבערוואַנדערונגס־פּונקט לעבן דער אײַזנבאַן. אַנטקעגן אים איז אײַנגעשפּאַרט געשטאַנען דאָס קלענסטע הײַזקעלע אין יִשעוו, די פאַרלאָזטע זעמליאַנקע, וועמענס באַלעבאָס, דער יעגער טיכאָן, איז שוין אוועקגעשטאָרבן, איבערלאָזנדיק נאָך זיך דעם נאָמען פאַרן פאָ־לוסטאַנעק.

אין די קנאַפּע פיר יאָר, וואָס די טשאָרניצערס לעבן דאָ, האָט טיכאָנ־קע זיך שטאַרק געביטן. פאַרבליבן איז ניט געריררט בלויז אַ שמאָלע סטעזשקע, וואָס פלעגט אַמאָל העלפן דעם יעגער זיך אריבערקלײַבן צו די סאָפּקעס. איצט האָט זי זיך ווידער באַפרײַט פון שניי, אויסגעבעט זיך מיט טרוקענע דערנער, און פאַלעק איז מיט איר, און ניט מיט די הילצער־נע טראָטוארן, אוועקגעגאַן צו דער בירע. קוקנדיק אַף דעם יִשעוו, האָט ער, אײַנגאַנצן שוין ווי אַ גרויסער, אַ טראַכט געטאָן, אַז ניט איין שניי וועט נאָך אויספאַלן און צעגיין, ביזוואַנען די אָפּגעהובלעוועטע ברעטער פון די טראָטוארן וועלן זיך אָנעמען מיט ערד, אַזוי ווי די טײַגישע סטעזשקע.

די בירע האָט זיך געטראָגן פאַרבײַ פאַלעקן — ניט, ווי געוויינלעך, מיט אַ האַסטיקן שטראָם פאָרויס, נאָר ווירבלענדיק און הייבנדיק זיך אין דער הייך, בלאָזנדיק פון זיך טונקל־גרויע כוואַליעס. אַן איבערגעפּולטע

מיט צעגאַנגענעם שניי, האָט זי אויסגעזען שטאַרק אומריין און פאַרלאָזן. אויף יענער זײַט ברעג־אינדזל האָט זי זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג הינטער דעם געדיכט־פאַרוואַקסענעם וואַלד, און עס האָט אויסגעזען, ווי די טײַגע וואָלט זי, אַ פאַרשוילדיקטע, אַרויסגעטריבן פון זיך.

בײַ דער קלאַדקע, וואָס פירט צום ברעג־אינדזל, האָט פאַלעק מיטאַמאָל דערזען זײַן שוועסטער סאַלקע מיט כּילוש מאַזאָרן. זיי זײַנען פאַמעלעך דורכגעגאַנגען די קלאַדקע און זיך אָפּגעשטעלט לעם אַן אומגעוואַלגערטן בוים. סאַלקע האָט זיך צוגעזעצט. ביידע זײַנען זיי געווען אָנגעטאָן פאַר־נאַכטלעך־וואַרעם — כּילוש אין אַן אַלטמאָדישן ברוינעם מאַנטל, פון וועלכן ס'האָט זיך אַרויסגעשלאָגן אַ העל־רויטער שאַרף, און סאַלקע אין איר לאַנג סעקל.

בײַ פאַלעקן האָט זיך דערוואַכט די נײַגעריקײַט פון אַ ייִנגער ברודערל צו זען, וואָס די שוועסטער טוט. אַנשטאָט פאָרזעצן דעם וועג אַהיים, צום הויף בײַ דער בירע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער קלאַדקע און פאַר־טײַעט זיך אונטער דער קרוין פונעם אומגעוואַלגערטן בוים.

כּילוש מאַזאָר האָט גערעדט אויף ייִדיש, נאָר ניט אויף אַזאַ, ווי די איבע־ריקע אײַנוווינער פונעם ייִשעוו. ס'איז געווען באַוווּסט, אַז ער איז אַן אַנגעפאָרענער פון אַ טיף־רוסישער שטאָט, און דעריבער האָט זיך באַזונ־דערס געוואָרפן אַלעמען אין די אויגן זײַן אָפּגעהיטער ניט־רוסישער הויי־לעך און זײַן ריידן אַ לאָשן האַלב־ייִדיש, האַלב־דײַטש, ווי פון אַן אַלט ביכל אויסגעלייענט. אַ סוואָרע, אַז זײַן טאַטן, אַן אַמאָליקן גאַליציאַנער סויכער, האָט פאַרוואָרפן אין דער טיף־רוסישער שטאָט דער נעפּ; דער אַלטער מאַזאָר האָט באַוויזן אַ קונץ — זיך פאַרהאַלטן אין דעם נעפּ אַזש ביז דעם דרײַסיקסטן יאָר. געענדיקט האָט ער מיט אַ היפּש ביסל יאָר אין „דאָפּר”[1]. דעם זון, כּילושן, האָט ער, לעבנדיק נאָך אין דער רוסישער שטאָט, ניט געלאָזט זיך פאַרגוייִשן, און שפּעטער שוין, ווען די בלעטער האָבן אָנגעהויבן שרײַבן וועגן בירָאָבידזשאַנער ייִדישן ראַיאָן, האָט ער איבערגעשיקט כּילושן אַ בריוו, פון וועלכן ס'איז געדרונגען, אַז אומקערן זיך אויף יענער זײַט פּרוט איז אַ פּוסטער כאָלעם, און ביכדיי בלײַבן צווישן ייִדן, דאַרף מען פאָרן קיין בירָאָבידזשאַן, ביפּראַט נאָך, אַז ער, דער אַל־טער מאַזאָר, קומט אָפּ די פאַרשיקונג אין אַן אָרט אַזאַ, וואָס רופט זיך דאַל־לאַג. און געפינען געפינט עס זיך, קאָן מען פאַרשטיין, טאַקע ניט ווײַט פון בירָאָבידזשאַן.

פון דעם אַלטן מאַזאָר האָט פאַלעק ניט געוווּסט. ער איז איצט געשטאַ־נען אונטער דער געדיכטער קרוין און שטיפעריש נאָכגעמאַכט מיט די ליפּן, וויאַזוי דער דראָנג כּילוש רעדט. ניט אַלע ווערטער האָט פאַלעק פאַרשטאַנען. ער האָט אויך געוווּסט, אַז ניט אַזוי דאַרף מען די ווערטער אַרויסבריינגען. לעמאָשל, אַ געוויינלעכן „פאַרוואָס” האָט כּילוש אַרויסגע־רעדט אַזוי: אַ שטאַרקן בלאָז אַרויס געטאָן דעם „פּ־פּ־א”, דערנאָך זיך פאַרגאַנגען אין אַ לאַנגן, קײַלעכדיקן „ר־ר־ר” און צולעצט אויסגעשאָסן דעם „וואָס”. ווען כּילוש האָט גערעדט, פלעגט זיך שטאַרק פילן, אַז זײַן

[1] טורמע.

מויל האָט אַלץ, וואָס אַ מויל דאַרף האָבן, — אַ רירעוודיקע צונג אַף קאַ־שערן יעדן קלאַנג, אַ פּאָר שטאַרקע ליפּן אַף אַרויסוואַרפן דאָס וואָרט און אַן אָפּענעם שלונג, דעם סאַף פונעם וואָרט אַראָפּצושלינגען. ער האָט גע־רעדט ווי אַן אַרטיסט, וואָס ווייסט שלעכט די שפּראַך און סטאַרעט זיך, מע זאָל דאָס ניט באַמערקן.

— פאַרוואָס לאָזט איר איַיך ניט פאַרשטענדיק מאַכן? — האָט ער געפרעגט, אָנעמענדיק און גליַיך אַרויסלאָזנדיק סאַלקעס האַנט, — איך בבין בבעריַיט דאָ איַיך זאָגן אַ פּאָרר וואָררהייַטן...

סאַלקע איז, ווי ס'וויַיזט אויס, שוין געווינט געווען צו כילושעס לאָשן. זי האָט שטיל, פאַר זיך, אים נאָכגעזאָגט:

— איר ווילט זאָגן דעם עמעס...

כילוש האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, ווען סאַלקע האָט גערעדט:

— אָהנע צווייפיל, איַיערר בררודערר האָט געטאָן די גררעסטע דומ־הייַט...

פאַלעק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: דער דראָנג האָט, דאַכט זיך, עפּעס געזאָגט וועגן אים. אָבער וואָס עס באַטיַיט דאָס לעצטע וואָרט, האָט פאַ־לעק ניט פאַרשטאַנען.

כילוש מאַזאָר האָט מיט קאַס אויסגעשריגן:

— איַיערר בררודערר איז אַ דומקאָפּף!..

וועגן וואָס רעדט ער, דער דראָנג? פאַלעק איז אַזש בלאַס געוואָרן. עפּשער מיינט ער דעם אָקאָרשטיקן פאַל מיט עסטערקען? צי האָט ער, פאַלעק, כאָלילע, איר ניט פאַרשאָטן די אויגן מיט ערד? אָבער ווי קומט עס, וואָס אין ישעוו האָט מען זיך אַזוי גיך וועגן דעם דערוווּסט?

פאַלעק האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין פון דער באַהעלטעניש, נאָר סאַל־קעס שטיַיף קאָל האָט אים אָפּגעשטעלט. די שוועסטער האָט זיך, ווי ס'וויַיזט אויס, דערפילט שטאַרק אָנגערירט פון כילושעס ווערטער, וויַיל זי איז אופגעשפּרונגען פונעם אָרט און אַ זאָג געטאָן:

— איר זיַיט אַליין אַ דומפּער קאָפּ, כאַוווער מאַזאָר... דאָס, וואָס מיַין ברודער וויל ניט קומען קיין ביראָבידזשאַן און ער פּאָרט מיטן עשעלאָן אַהין, וווהין ער וויל פאָרן, הייסט נאָך ניט, אַז איר מעגט אַזוי ריידן וועגן אים!

זי האָט זיך אויסגעדרייט אַף אוועקצוגיין. כילוש האָט זי אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט:

— איך האָב געפּפונען פּירר נעטהיג איַיך צו זזאָגן דיזע ווערררטערר. איבעריגנס, אירר וועט אַליין עררפּפאַרן... לאָמירר וועקסלען דעם גע־שפּרעך...

סאַלקע האָט אַריַינגעשטופּט די הענט אין דער מופטע, וועלכע איז גע־מאַכט געווען פונעם זעלבן ציַיג, וואָס דאָס סעקל, זי האָט זיך אַ הוידע געטאָן אַף דער קלאַדקע און געזאָגט מיט אומגעדולד:

— באַלד וועט אָנקומען דער עשעלאָן, לאָמיר גיין, כאַוווער מאַזאָר.

באַ דער קאַנפּער שיַין האָט אין דער קרוין פונעם אומגעוואַלגערטן בוים אַ שווינדל געטאָן דעם דראָנגס פּאָנעם: צוויי גרויע אויגן, וואָס זיַי־נען ווי אַריַינגעשטעלט געוואָרן דאָ, ווען דאָס פּאָנעם איז שוין געווען

אינגאַנצן פאַרטיק, און ניט טיף פאַרשרויפּט; סטאַרטשענדיקע קינבאַקן; קורצע בלאָנדע וואָנצעלעך אויף דער עטוואָס אַרויסגערוקטער אייבערשטער ליפּ. כּילוש איז געווען אויף צוויי קעפּ העכער פון סאַלקען און פּונקט אַזוי שלאַנק ווי זי. ער האָט געטראָגן אַ בלויען בערעט מיט אַ קוטעסל. פון אונטער דעם אַלטמאָדישן ברוינעם מאַנטל האָבן זיך אַרויסגעזען גרויע הויזן גאָלף, וואָס האָבן נידעריקער פון די קני זיך פאַרשפּיליעט אויף ספּראַנטשיקלעך. אויף די פיס האָט כּילוש געטראָגן גרויע וואָלענע זאָקן — געטרעס — און שווערע טעמפּנעזיקע שיך.

דער גאַנצער אויסזען כּילושעס איז געווען ווי אַריבערגעטראָגן פון עפּעס אַן אַנדער שייוועט, כאָטש זינט ער געדענקט זיך, האָט ער אָפּגע־לעבט אין דער טיף־רוסישער שטאָט, וווּהין דער טאַטע זײַנער איז אײַנגע־נעם מיט דער מישפּאָכע, צוליב עפּעס אַ גרויס געשעפט, אַנגעקומען פון גאַליציע גלײַך נאָך קערענסקיס רעוואָליוציע אויף צו באַזעצן זיך און ווױ־נען אין אָט דער שטאָט אַזוי לאַנג, ווי סע וועט פאָדערן דאָס געשעפט; כּילושעס מאַמע איז אין אַן עפּידעמיע אוועקגעשטאָרבן. דער טאַטע, דער פאַרזעסענער נעפּמאַן, איז איצט אין פאַרשיקונג, און ער, כּילוש מאַזאָר, טראָגט די מאַלבושים פונעם טאַטן, וועלכער איז אַמאָל געווען הויך און שלאַנק, ווי דער זון. דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, ווייסט ניט דאָס באַכערל פאַ־לעק טשאַרניצער, וואָס זיצט איצט פאַרטײַעט אונטער דעם בוים און וואַרט, אַז זײַן שוועסטער סאַלקע און אָט דער מאָדנער נעפּעש כּילוש מאַזאָר זאָלן אוועקגיין. אין זיקאָרן באַ אים שווימט דאַפקע יאָ אויף עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אַ שײַכעס צו כּילושעס פאַרגאַנגענהײַט, אָבער דאָס איז בלויז אַן אָנדײַט אויף אייניקע אומשטענדן...

הײַנט נאָך מיטיק איז צו די טשאַרניצערס אין שטוב אומגעריכט אַרײַנ־געקומען דער טוער פונעם ראַיוספּירקאָם וועגנראָווער — זייערער אַ לאַנדסמאַן נאָך פונעם קייסער ניקאָלאַשקעס צײַטן, ווי ס'האָט אַנומלטן זיך אויסגעדריקט דער טאַטע, בײַס די מאַמע האָט אָנגעהויבן מאַכן אויף אים מיט די הענט, ער זאָל זיך אָפּשטעלן און מער וועגן דעם ניט ריידן. ווען וועגנראָווער איז אַרײַן, האָבן אַלע אין שטוב זיך שטאַרק פאַרלאָרן און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. דאַן איז אַרויסגעשפּרונגען סאַלקע און אַ פרעג געגעבן:

— כּאַווער וועגנראָווער, פאַרוואָס קומען קיין בירָאָבידזשאַן ייִדן פון אויסלאַנד? פאַרוואָס ברענגט מען ניט אַראָפּ מערער קאָמסאָמאָלצעס?

— וואָס שטערן דיר די אויסלענדער? — אין וועגנראָווערס קאָל איז געווען צערייצטקײַט.

— פאַרוואָס ניט מערער קאָמסאָמאָלצעס? — האָט איבערגעכאַזערט סאַלקע.

— מאַך פון די אויסלענדער קאָמסאָמאָלצעס, וועסטו האָבן מערער... אויב דו ווילסט וויסן, איז אָפּט אַן אונדזעריקן שווער אונטערצושיידן פון אַן אויסלענדער...

סאַלקע האָט זיך אָנגעצונדן:

— איר רעדט וועגן אונדזערע קאָמסאָמאָלצעס, מאַרק גריגאָריעוויטש?

ס'האָט זיך אַרײַנגעמישט דער טאַטע:

— כוצפעניצע...
ווענגראָווער האָט זיך ניט געפּוילט צו אויפקלערן, וועגן וועמען ער רעדט. אָט, לעמאָשל, איז אין רעזערוו פון די קולטור־טוער פונעם ראיאָן פאַראַן אַ יונגערמאַן, מע רופט אים מאַזאָר... סאַלקע קען אים אַוודאי? מע האָט זיך צערעדט וועגן כילוש מאַזאָרן.

— פונוואַנען, פרעג איך, האָט זיך גענומען צו אונדז אַזאַ נעפעש? — איז ווענגראָווער צוגעשטאַנען צו סאַלקען. — עפשער קומט ער פון אויסלאַנד? ניין, ער קומט נאָך פון ווייטער...

— עפעס רעדט איר אַזוי... — האָט אַרויסגעשטאַמלט סאַלקע.

די הייזעריקע גראָבלעכע שטים ווענגראָווערס האָט ווי געוואָרנט וועגן אַ שלעכטער זאַך:

— פון אונדזער אייגענעם אָוואַר קומט ער, פונעם נעפּ.

דער טאַטע מיט ווענגראָווערן האָבן זיך צוליב עפעס פאַרשפּאַרט אין קליינעם צימערל, די מאַמע איז אַוועקגעגאַנגען אין שטעלכל, ווי נאָר מאַרק גריגאָריעוויטש איז אַרײַן אין שטוב. פאַלעק איז אויך אַוועק פון דער היים, טאַקע אין שול אַרײַן, ווו זײַן קלאַס האָט געהאָלפן דערבויען די געבײַדע. אָבער פון קאָפּ איז אים אַלץ ניט אַרויס ווענגראָווערס זאָג, לויט וועלכן אַ מענטש קאָן קומען ניט פון אַן אַנדער שטאָט, פון זשיטאָמיר, לעמאָשל, צי פון אומאַן, ניט פון אַ צווייט לאַנד, נאָר פונעם אָוואַר, גלײַך ווי אָוואַר וואָלט געווען אַ שטאָט צי אַ לאַנד.

ווען פאַלעק האָט שפּעטער געטראָגן רעדנעס ערד מיט עסטערקען, האָט ער דערזען ווענגראָווערן, אַ פאַרטראַכטן און אײַנגעשטילטן, גיין צוריק פון זייער שטוב, צום אָרט, ווו ס'איז געשטאַנען דער פונדאַמענט פאַרן ראַטן־הויז, און ס'האָט אים, פאַלעקן, אָנגעכאַפּט אַ געלעכטער: נעפּ, נײַע עקאָנאָמישע פּאָליטיק... די לערערקע האָט פּונקט אַף אַ לימעד דערציילט וועגן דעם, נאָר זי ווייסט מיסטאָמע ניט, אַז פון דאָרט, פונעם נעפּ, פאַרן קיין ביראָבידזשאַן איבערוואַנדערער, האַגאַם קיין קעמערל פונעם „אָזעט“ איז דאָרט, אינעם נעפּ, ניטאָ...

און אויך איצט, זעענדיק, ווי סאַלקע מיט כילוש מאַזאָרן טרעטן אַרײַבער די קלאַדקע, האָט פאַלעק זיך שטילערהייט צעלאַכט. ער האָט מיט אָפענער פּײַנטשאַפט געקוקט אַף דעם אײדעלן דראַנג, כאָטש ס'איז שוין קלאָר געווען, אַז יענער רופט אָן „דומקאָפּף“ ניט אים, נאָר זײַן ברודער יודאַלעפן, וואָס איז מיט אַ פּאָר כאַדאָשים פאַר דעם, ווי די מישפּאָכע האָט איבערגעוואַנדערט קיין ביראָבידזשאַן, אַוועק דינען אין דער רויטער אַרמיי, און שפּעטער, נאָך דער דעמאָביליזאַציע, געשריבן בריוו פון אַ דאָרף לעבן זאַפּאָראָזשיע, באָבראָווי קוט, ווו מע האָט איבערגעצאַמט דעם דניעפּער מיט אַ הרעבליע. אין נעכעמיע טשאָרניצערס מישפּאָכע איז יודאַלעף געווען דער בכאָר. מע פלעגט וועגן אים ריידן ווי וועגן אַ שקאָץ, וואָס ראַק ער טוט טאַטע־מאַמע אַפּצולאָכעס. באַזונדערס האָט מיט אים ניט אָפּגעגליקט דעם טאַטן, נעכעמיע טשאָרניצערן. די צוויי מאַנצבלען אין דער מישפּאָכע זײַנען טאָמיד ווי געשטאַנען אין וואָרטעניש איינער קעגן אַנדערן, יעדערער האָט געוואַרט, וואָס דער צווייטער וועט טאָן. די אָפּגע־

פרעמדטקײַט פון טאַטע און זון איז אַמאָל, אין דעם שטעטל, געווען באַ יעדערן אַף דער צונג.

פּיקאַנטע געשיכטעס האָבן זיך געוויקלט אַרום אָט דער אָפּגעפרעמדטקײַט, און וועלכע פון זיי עס איז די עמעסדיקע, ווייסט איין גאָט אין הימל. דאָ אָבער, אין ביראָבידזשאַן, האָט קיינער, אויסער דעם לאַנדסמאַן ווענגראָווער, יודאַלעפן קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, און דעריבער האָט וועגן אים קיינער ניט גערעדט.

גייענדיק מיטן ברעג פון דער בירע צוריק אין דעם יישעוו, האָט פּאַלעק זיך געבראָכן דעם קאָפּ, פאַרוואָס כילוש מאַזאָר האָט גראָד איצט גערעדט מיט סאַלקען וועגן יודאַלעפן. עפּעס מאָדנע האָבן זיך געבונדן צווישן זיך די עטלעכע געשעענישן פונעם הײַנטיקן טאָג: ווענגראָווערס אומגעריכט קומען צו די טשאָרניצערס, די באַגעגעניש, וואָס פּאַלעק האָט געהאַט מיטן טאַטן אַפן אײַזנבאַן־אָנשיט, און סאַלקעס שמועס מיט כילוש מאַזאָרן וועגן דעם „דומקאָפּף" און וועגן עשעלאָן, וואָס קומט באַלד אָן.

צונויפבינדנדיק די אַלע געשעענישן אין איין קנופּ, איז פּאַלעק געפאַלן אַפן געדאַנק, אַז נאָך אַ פּאַסירונג, די סאַמע גרעסטע, דאַרף הײַנט ערשט זײַן, און וויבאַלד סײַ דער טאַטע, סײַ סאַלקע מיט כילושן זײַנען געגאַנגען צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע, איז ער אויך אַהין אַוועק.

3

דער אינסטרוקטאָר פונעם ראַיאָנעם ערד־אָפּטייל יאַנקעוו שאַנאָווסקי איז מיט גיכע, דריבנע טריט אַרומגעגאַנגען איבער די צוויי פּיצינקע צימערלעך פון זײַן דירע. זינט עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט ווּעסנע, האָט שאַנאָווסקי ווידער פאַרלאָרן דאָס גלײַכגעוויכט, וואָס ער האָט שוין געהאַט געפונען אַף דעם פאַרוואָרפענעם פּאָלוסטאַנעק טיכאָנקע, וווהין ער איז אָנגעקומען מיט אַ האַלב יאָר צוריק.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט באַ דעם לײַכטן טישל מיטן פּאַניערענעם אויבערדעקל און זיך אַ שאָקל געטאָן ווי די ליאַלקע מאַטריאָשקאַ, אריבערוואַלגערנדיק זיך פון די אָפּצאַסן אַף די שפּיץ פינגער און פון די שפּיץ פינגער אַף די אָפּצאַסן. גלײַך ער וואָלט עמעצן באַם טישל דיקטירט, יענער זאָל פאַרשרײַבן דעם געדאַנק, האָט ער אַרויסגערעדט דײַטלעך, אַף אַ קאָל:

— יאָ, אַזוי קאָן מען טאַקע פאַרשרײַבן אין פּינקעס פון מײַן לעבן...

און בעעמעס, ניט דערפאַר, ווײַל ער וויל עפּעס פאַרשרײַבן, נאָר ווײַל אַלציינס מוז ער ווי־עס־איז איבערוואַרטן די צײַט, ביזוואַנען עס וועט זיך אומקערן פון שול זײַן עסטערקע, שטעלט ער אוף אין זיקאָרן — שוין דאָס וויפלטע מאָל! — איינעם אַ געשפּרעך, וואָס ער קאָן אים ניט פאַרגעסן.

דאָס איז געווען פאַראַיאָרן האַרבסט, אין דער גרויסער אוקראַאינישער שטאָט, ווו שאַנאָווסקי האָט יאָרנלאַנג געלעבט. דער סעקרעטאַר פונעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט אים אַרויסגערופן צו זיך. אַף צוריקוועגס איז ער פאַרפאָרן צו זײַן אַלטן באַקאַנטן מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער און, צוזעצנדיק זיך צום שרײַבטיש אַנטקעגן דעם באַלעבאָס פון דער

דירע, וועלכער איז צוליב גאסטפריינטלעכקייט אליין געזעסן אף א זייטיקן שטול, גענומען דערציילן:

— איך האָב אָקאָרשט געהאַט די זכיה צו זיין באַם טאַטן אליין...

אזא טעווע האָט ער געהאַט, יאַנקעוו שאַנאָווסקי: צוערשט פלעגט ער מיט א מינע פון א מענטשן, וואָס ווערט פון גאָרנישט ניט ניספּאָעל, ארויסזאָגן דאָס סאַמע איבעראַשנדיקע, אפילע קיין קוק ניט טאָן, צי דאָס האָט ארויסגערופן א רוישעם — פּאַרשפּיליען דערוויַל א קנעפּל, אָדער נעמען זיך אויסווישן די ברילן, און גלייך פאָרזעצן מיט א טרעפלעכן אפּאָריזם, אָדער מיט א פּאַסעק, וואָס עס האָט געדאַרפט באַטייטן, אז ער, שאַנאָווסקי, האָט אלץ פאָרויסגעזען און ער איז א מייוון אף דעם, וואָס עס קומט פאָר.

ווענגראָוויער, פאַרקערט, איז געווען א שוויַגער. ער האָט פיַינט געהאַט מעליצע, אויסערלעכן עפעקט. ברייטפּלייציק און הויך געוואַקסן, האָט ער דאָך אויסגעזען שטענדיק קרענקלעך, מאָרעשכוירעדיק. און איצט, זיצנדיק אף א זייטיקן שטול, א ניט־געגאָלטער, א פאַרדייַגעטער, עטוואָס א פאַרשלאָפענער, אנטקעגן דעם קליינטשינקן, באַברילטן, ריין־אויסגעראַזירטן שאַנאָווסקין, וואָס איז האַלב געלעגן אין ווייכן פאָטעל, ניט דערגרייכנדיק מיט די פיס צום דיל, האָט ער אויסגעזען ווי א טרעגער, וואָס האָט ערשט אריינגעבראַכט אין האָטעל־נומער עטלעכע שווערע טשעמאָדאַנעס און ווארט, מע זאָל אים באַצאָלן. ווען ווענגראָוויער האָט אָבער אָנגעהויבן ריידן, איז ער גלייך געוואָרן אָן אנדערער: ענלעך אף א מענטשן, וואָס איז אָקאָרשט, א מידער, אריינגעגאַנגען אין זיין האָטעל־צימער, נאָר וויַל ער איז שוין געווינט צו אזא ארט ארומוואָגלען און איז לויט זיין באַטור א מענטש א פּראָסטער, האָט ער געלאָזט זיך צוזעצן דעם טרעגער, און ס׳איז אים לאַכלוטן אלציינס, ווען יענער וועט אָפּעטעמען און אוועקגיין, — פאַר דער מי האָט ער אים שוין באַצאָלט.

— ווען פאָרט איר אין ביראָבידזשאַנער ראַיאָן און אף וואָס פאַר א שטעלע? — האָט ער אָן צערעמאָניעס און אינגאַנצן אומגעריכט פאַר שאַנאָווסקין א פרעג געטאָן.

שאַנאָווסקי איז אזש אופגעשפּרונגען פונעם אָרט:

— פונוואַנען ווייסט איר, אז איך פאָר?

— איך וויס, איר האָט שוין אין קעשענע די פּאַפּירן, נאָר איר ווילט זיי מיר באַווייַזן מיט א זשעסט, ווי אין די מעלאָדראַמעס.

ער האָט א טיטשע געטאָן מיטן פינגער צו דעם שרייַבטיש, אף וועלכן ס׳איז צווישן די אקוראַט־צונויפגעלייגטע ביכער און צייטונגען און ריינע בויגנס פּאַפּיר געלעגן א בלויער קאָנווערט. יאַנקעוו שאַנאָווסקי האָט, הוסטנדיק, ארויסגענומען דאָס בייגעלע פּאַפּיר פונעם קאָנווערט און מיט א פאָנפען אונטער דער נאָז אויסגעלייענט, אז עס ווערט פאָרגעלייגט דעם מיטגליד פון אלקפּ(ב) מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָוויער, קאַנדידאַט פון היסטאָרישע וויסנשאַפטן, גלייך ארויספאָרן אין ווייטמיזרעכדיקן קאַנט, ביראָבידזשאַנער ראַיאָן, סטאַנציע טיכאָנקע, ווו ער איז באַשטימט אף פאַראַנטוואָרטלעכער ארבעט אין ראַיויספּירקאָם.

מיט ביטל האָט װענגראָװער א מעסט געטאָן שאַנאָװסקין פון אויבן ביז אַראָפּ.

— װאָס פאַר א פּאָרטפעל װעט איר דאָרט האָבן?

— א פּאָרטפעל אין ערד־אָפּטייל...

װענגראָװער האָט זיך צעלאַכט.

— זײַן עקסעלענץ, דער קומענדיקער מיניסטער פון ערד און װאַלד...

אָן אַנדערש מאָל װאָלט עפּשער שאַנאָװסקי אויך פאַרענדיקט מיט א שפּאַס, נאָר איצט איז דאָס קאָמישע צו אים ניט דערגאַנגען, און ער האָט, אָנטאָפּנדיק מיט די שפּיצעכיקע נעז פון די שיך דעם דיל, זיך אונטער־געהויבן פונעם פאָטעל און פאַריכט אין װענגראָװערס רייד א פעלער:

— װאָס עפּעס מיניסטער? נעמט א ביסל נידעריקער...

דער באַלעבאָס פון דער דירע האָט װידער אַרופגעצויגן אַף זיך אַזא פאַרזאָרגטן, עטװאָס פאַרשלאָפענעם אויסזען, גלײַך ער װאָלט טאַקע אָפּגע־עמעסן געװען א טרעגער, װאָס האָט ערשט אַרײַנגעטראָגן אינעם האָ־טעל־נומער עטלעכע שװערע טשעמאָדאַנעס און װאַרט, מע זאָל אים באַ־צאָלן. אויך שאַנאָװסקי איז געװאָרן אינגאַנצן אַן אַנדערער. ער איז װי אויסגעװאַקסן אין זײַן קאַס. פאַריכט מיט א פינגער באַ דער נאָז די ברילן, האָט ער געזאָגט מיט א שטײַף קאָל:

— מארק גריגאָריעװיטש, קעמינהעג יִיסראָעל...

װענגראָװער האָט אים איבערגעשלאָגן:

— איר זײַנט א באַטלען. די ביראָבידזשאַנער קאָלכאָזניקעס, יענע, װאָס זײַנען נאָך יאָ באַקי אין לאָשנקוידעש, זאָגן קעדערעך האַטעװע. װי דער שטייגער איז, כאָװער שאַנאָװסקי, און ניט װי באַ יִידן פירט זיך...

— מארק גריגאָריעװיטש! לאָזט אויסריידן א װאָרט.

װענגראָװער האָט ניט געענטפערט. אין צימער איז געװאָרן שטיל. עס האָט זיך געדוכט, אַז שאַנאָװסקי האָט שוין פאַרגעסן, װאָס ער װיל זאָגן. ערגעץ גאָר נאָענט, קאָן זײַן אַפילע הינטער דער װאַנט, האָט געזונגען א פרוי. שאַנאָװסקי האָט, פאַרשטייט זיך, געװוּסט, אַז מארק גריגאָריעװיטש װענגראָװער איז אַן אַלטער באָכער און אַז זײַן גאַנצע דירע איז — אָט דער דאָזיקער קאַבינעט־צימער און נאָך א קליין קיכל באַם אַרײַנגאַנג, און דאָך איז ער אַזוי געװען פאַרגלייבט אין װענגראָװערס קויעך, אַז ער האָט אים א בעט געטאָן:

— איר קאָנט עפּשער הייסן, זי זאָל דאָרט אופהערן זינגען?..

מארק גריגאָריעװיטש האָט זיך ניט געטאָן קיין ריר פון אָרט. ער איז װי אויעקגעגאַן אין ערגעץ. שאַנאָװסקי האָט אים א טאַרקע געטאָן באַם עלנבויגן:

— די גרויסע האָפענונגען אַרום ביראָבידזשאַנער פּלאַנען שוין. לוי דובים װעלוי יאָאָר! — ניט קיין בער און ניט קיין װאַלד... גלייבט מיר אַף נע־מאָנעס, מארק גריגאָריעװיטש...

װענגראָװער האָט אַף אים א קוק געטאָן, גלײַך װי ער זעט אים דאָס ערשטע מאָל:

— איר האָט געהאָפט אַף א סאָװעטישן ערעץ־יִיסראָעל?

— װאָס װילט איר מיט אָט דער פראַגע זאָגן, מארק גריגאָריעװיטש?

— מיט אַ פראַגע פרעגט מען...
— פונדעסטוועגן?
— איך וויל זאָגן, אַז מיר מיט אײַך זײַנען שוין באַרעכהאַשעם זעקס יאָר באַקאַנט, און ווען מיר האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, זײַנט איר שוין געווען, געדענק איך, אַ יאָר צוויי אין דער פּאַרטיי...
— אוואַדע, וואָס דען? אין דרײַ־און־צוואַנציקסטן בין איך אוועק פון די טעריטאָריאַליסטן...
— און איך, מײַן טײַערער יאַקאָוו גאָווריליאָוויטש, בין אין נײַנצנטן אוועק צו בודיאָנין. און אויב עס וועט זיך מיר יאָ פּאַרוועלן רעדן וועגן טעריטאָריאַליסטן, איז עס בלויז אין שײַכעס מיטן באַפרײַען אונדזערע רוסלענדישע טעריטאָריעס פון די ווײַסע און פון די אינטערווענטן...
— און דאָך טאַטשעט אײַך עפּעס, כאַווער ווענגראַווער...— אין שאַנאָווסקיס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן גרינע פײַערלעך. ער איז אופגעשטאַנען פונעם פּאַטעל און אָפּגעטראָטן פון ווענגראָווערן נאָך אויף אַ פּאָר טריט, פּונקט ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז יענער קאָן אים פּאַר אַזעלכע רייד אַ פּאַטש טאָן אין פּאָנעם.— יאָ, יאָ, מיט אַרויסשטעלן דעם ייִכעס וועט איר דאָ ניט אָפּקומען... זאָגט, מאַרק גריגאָריעוויטש, וואָס טאַטשעט אײַך?
ווענגראַווער איז געוואָרן געפּערלעך רויִק. ער האָט געזאָגט שטילער ווי געוויינלעך:
— איך האָב אײַך שוין, דאַכט זיך, געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אין ייִדישן ראַיאָן אפן אַמור פאַר איך ניט, ווי, אַשטייגער, קיין ערעץ־ייִסראָעל...
— איך אויך ניט!— האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן שאַנאָווסקי.
אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פון אַ ברייט קעסטעלע, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעמאָלט לענין מיט דער צײַטונג „פּראַוודאַ“ אין האַנט, האָט ווענגראָווער אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פּאַפּיראָס אין דעקל און געמאַכט אַ סאַכאַקל:
— איז דאָך גוט, יאַקאָוו גאָווריליאָוויטש. זייער וווּיל... און איך וויל אײַך טאַקע געבן אַן אייצע, איר זאָלט זיך מאַטריעך זײַן און וואָס גיכער אָנהייבן דענקען און ריידן ווי אַ טוער אין בּיראָבידזשאַנער ערד־אָפּטייל און ניט ווי אַ דאַרדעקע־מעלאַמעד...
שאַנאָווסקי האָט גענומען זיך אָפּגעזעגענען. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן שטאַרק אומבאַהאָלפן און, אַנטועענדיק זיך, ניט געקאָנט טרעפן מיט דער האַנט אינעם אַרבל פון דעם אָסיען־מאַנטל. ווענגראָווער האָט אונטערגעהאַלטן דעם אַרבל און גענומען אפילע פאַרשפּיליען די קנעפּ אויף שאַנאָווסקיס מאַנטל.
— מאַרק גריגאָריעוויטש, ס'איז מיר שווער אפן האַרצן,— האָט מיט אַ שוואַך קאָל אַרויסגעשטאַמלט שאַנאָווסקי.
ווענגראָווערס פּאָנעם האָט זיך אויסגעלײַטערט. ער האָט גענומען אויסגלײַכן אויף שאַנאָווסקיס אַקסל דעם פליושענעם קאָלנער:
— מײַן טײַערער, די פּאַרטיי און די סאָוועטנמאַכט פירן אַרויס דאָס ייִדישע פאָלק צו אַ געזונט, פּראָדוקטיוו לעבן... איר פאַרשטייט עס דען ניט?

אָף יענער זײַט וואַנט האָט שוין געזונגען ניט די פּרוי, נאָר אַ כאָר, און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז עס זינגט די ראַדיאָ. שאַנאָווסקין האָט דאָס געזאַנג געשטערט אָנטאָן די קאַלאָשן. ער האָט זיך געסטאַרעט איבער־שרײַען די ראַדיאָ:

— אַז איך גלייב ניט אין דעם! איך מעג דאָך אין עפּעס ניט גלייבן... מיר, ייִדן, אַלס פֿאָלק, צוליב אונדזער נאַציאָנאַלן מאַצעוו, דאַרפֿן זיך געפֿינען אַ מאָקעם־מענוכע אין אַ טומלדיקן ראַיאָן פֿון דער וועלט, ניט אין דער טײַגאַ...

ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן אין אַ פּאָזיציע און אָנגעסילעוועט וואָרט נאָך וואָרט:

— און איך דאַרף אָדער אַ ייִדיש פֿאָלק מיט אַלע זײַנע האַוויײַעס און פּריוויטשקעס, אָדער קיין שום ייִדיש פֿאָלק ניט!..

דער דאָזיקער געדאַנק שאַנאָווסקיס האָט אויסגעזען אַזוי אומגעלומפּערט, אַז ווענגראָווער האָט מאַמעש זיך אופגעריסן פֿון געלעכטער:

— אָ־כאָ־האָ, אָ־כאָ־האָ!

ער האָט קימאַט אַרויסגעשטופּט שאַנאָווסקין פֿון שטוב, פֿאַרהאַלטנדיק אים אין דער לעצטער רעגע בײַ דער אָפֿענער טיר:

— איר זײַנט שוין צו שטאַרק אַרײַן אין דער ראָל פֿון אַ שלאַבעריקן אינטעליגענט... אַוואַדע איז גוט, וואָס איר בײַט איצט דעם פּלאַץ... מעשאַנע מאָקעם, מעשאַנע מאַזל... גייט, גייט געזונטערהייט, און האָט קיין פֿאַריבל ניט אָף מיר...

. . . .

הײַנט, אין זיבן כאָדאָשים אַרום נאָך אָט דעם געשפּרעך, האָט דער אינסטרוקטאָר פֿון דעם ראַיאָנעם ערד־אָפּטייל שאַנאָווסקי, אַרומשפּאַנענדיק מיט גיכע, דריבנע טריט איבער די צוויי פּיצינקע צימערלעך פֿון זײַן דירע, זיך באַזונדערס געגווי דערמאָנט אין דער פּראַזע, וואָס ווענגראָווער האָט דעמלט אַ וואָרף געטאָן:

— זײַן עקסעלענץ, דער קומענדיקער מיניסטער פֿון ערד און וואַלד.

ס׳איז אַ טרויעריקער שפּאַס: ער, יאַנקעוו שאַנאָווסקי, און — ערד־אַרבעט... ווײַזט אויס, אַז אין יענעם שטאַטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט מען באַשטימט אים שיקן אָף אָט דער אַרבעט, ווײַל מע האָט געדענקט, אַז אַמאָל האָט ער, אַ סיימיסט, זיך פֿאַרנומען מיט טעריטאָריעס פֿאַר ייִדן. ווילסט טעריטאָריע, איז נאַ דיר מיט דער פֿולער האַנט... און וואָס שײַעך מיניסטער, איז דאָך די דאָזיקע קרוין אָנגעמאָסטן טאַקע פֿאַר ווענגראָווערן אַליין. זינט ער איז געקומען קיין טיכאָנקע, האָט ער ווי אַרופּגעצויגן אָף זיך אַ נײַע הויט. אָנגעטאָן אין אַ ברייטן לעדערנעם מאַנטל און אין אַ קיטעל פֿון כאַקי, האָט ער שוין מער ניט אויסגעזען קרענקלעך און אָפּגעלאָזן. ס׳האָט זיך פֿון אים אָפּגעטאָן די מאָרעשכוירע. מיט דער גאַנצער נעשאָמע האָט ער זיך אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט.

צו יאַקאָוו גאַוורילאָוויטשן האָט ווענגראָווער זיך באַצויגן ווי צו אַ באַקאַנטן, וועלכן מע טאָר ניט באַלעווען מיט גוטברודערשאַפֿט. ער פֿלעגט אים אַמאָל אַרויספֿאָדערן צו זיך און אין דער אָנוועזנהײַט פֿון זײַטיקע

זיך באַגיין מיט אים, ווי מיט אַ ייִנגל, וואָס פאַרדינט, מע זאָל אים אָנדרייען די אויערן:

— כאַווער שאַנאָווסקי, די ערד קאָן מען מיט קיין דראָשעס ניט צעאַקערן. איידער דאָ קלאַפּן מיטן צונג, וואָלט איר שוין בעסער אָנגעקלאַפּט אין פענצטער צום וואָלדהיימער אַגראָנאָם, לעמאָשל, — ער וועט אײַך זאָגן, וואָס מע דאַרף טאָן, קעדיי איבעראַיאָר ווינטער זאָל דער ראַיאָן ניט פּוכנען פון הונגער...

די ערשטע צײַט האָבן די גראָבע רייד בלויז פאַרדראָסן שאַנאָווסקין. ער האָט פײַנט געקראָגן זײַן אַלטן באַקאַנטן. שפּעטער האָט ער אָנגעהויבן פאַר אים מוירע צו האָבן, געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ גרויסן רויב־פויגל, וואָס דריקט צו צו דער ערד אַ שעפּעלע. בעשאַסן באַגעגענען זיך פלעגט ווענגראָווער גלײַך מאַכן בײַ אים צונישט די זעלבסטווירדע און דעם ווילן. טיף אין האַרצן האָט שאַנאָווסקי געטראַכט, אַז ווענגראָווער, כאָטש ער קערט זיך אָפּ פון אַלטע פרײַנט, איז דאָך גערעכט, ווײַל עס פּאַסט דען אים, שאַנאָווסקין, זיך פאַרנעמען מיט רעמאָנטירן זייעלקעס און פאַרגרייטן הניי? שוין אַ גוטן צענדליק יאָר נאָך דעם בירגערקריג האָט ער אַ שעם פון אַ טוער אויפן קולטור־פראָנט, — אַ רעדנער, אַ פּאָלעמיקער, אַ מייוון אויף טעאָריע. ער קאָן דען טראָגן אויף זיך דעם אָל פון האָדעוועון מענטשן מיט ברויט? פאַר אַזאַ אַרבעט זײַנען בײַ אים צו קליין די קויכעס און ס'איז צו גרויס דער קאָפּ... דאָ אין בירָאָבידזשאַן דערשאַצט מען אים ניט. ווענגראָווער טראָגט זיך אַרום מיט גיגאַנטישע פּלענער, מײַדט אויס צו ריידן וועגן קאָלערליי, ווי ער דריקט זיך אויס, שטאַכעטלעך און קלאָזעטלעך, טײַנעט וועגן זאַוואָדן און שאַכטעס אין דער טײַגע, וועגן אַ ייִדישער געגנט, אַ גאַנצער גובערניע, הייסט עס, וועלכע וועט דאָ געשאַפן ווערן, — ווענגראָווער איז ניט קראַנק אָוועקצוזעצן אין ערד־אָפּטייל אַ פּראַקטישן טוער, אַ כליעבאָראָב, אַ מענטשן מיט געזונטע פיס, — און ער, שאַנאָווסקי, וואָלט עפּשער געקאָנט ברענגען מערער נוצן בײַם אונטערפירן אונטער די פּלענער אַ טעאָרעטישע באַזע...

ווינטער, ווען די ערד איז געלעגן אַ פאַרפרוירענע און די קאָלווירטן, ווייניקע אין צאָל און פאַרוואָרפענע פון צענטער, האָבן ווי פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אין ראַיאָן אַן ערד־אָפּטייל, — האָט יאַקאָוו גאַווריליאָוויטש זיך באַרויִקט. ווי די זאַך זאָל ניט זײַן, איז ער אַ מענטש מיט וואָג, אַן אינסטרוקטאָר פון אַ וויכטיקן אַנשטאַלט. ווען ער פלעגט אינעם ערד־אָפּטייל פאַרבלײַבן אויג־אויף־אויג מיט קאָלווירט־פּאָרזיצערס און אַגראָנאָמען, וועלכע זײַנען געקומען עפּעס בעטן, אָדער מע האָט זיי אַרויסגערופן צו געבן זיי אָנווײַזונגען און אינסטרוקציעס, — פלעגט ער זיך נאָכאַמאָל פילן, ווי אַמאָל, פיל קליגער און גרעסער פון די, וואָס רינגלען אים אַרום.

נאָר אָט איז געקומען דער פרילינג, און יאַקאָוו גאַווריליאָוויטש האָט ווידער פאַרלוירן דאָס גלײַכגעוויכט. די שלאַקסרעגנס האָבן געדראָעט מיט פאַרפלייצונג. פון די ווײַטע קאָלווירטן און ייִשווים זײַנען אָנגעקומען אויסגעצערטע שעליכים, וועלכע האָבן געקלאַפּט אין טיש און געפּאָדערט הילף. בירעפעלד און „איקאָר” האָבן געדאַרפט מענטשן. אַמורזעט האָט געבעטן בענזין פאַר די טראַקטאָרס. אויף דער בירער פּרווו־סטאַנציע זײַנען

אויסגעגאנגען די זאפאסן פון ברויט. ס'האָט געפעלט זריע. די וועגן, צעשוועגקטע פון די רעגנס, האָבן, ווי שלענג, פארדרייט אין זיך און פארזויגן די פאָר צענדליק פראכט־מאשינעס, מיט וועלכע טיכאָנקע איז געווען פארבונדן מיט די ווײַטע דערפער באם אמור. אפן ראיאָן האָט זיך אָנגערוקט א הונגעריק יאָר...

שאנאָווסקי האָט זיך ארומגעדרייט אין דעם דאָזיקן פלאָנטער, ווי א פרעמדער. אין הארצן האָט ער געטראָגן א קאס — אף וועמען, האָט ער אליין ניט געוווסט. ער האָט מוירע געהאט, אז ביראָבידזשאן וועט זיך פאר אים שלעכט ענדיקן, און וואָס צו טאָן, האָט ער ניט געוווסט. ער איז געוועזן שוואך אין געזונט און צופיל אויסגעיידלט. ס'האָט זיך אים געדאכט, אז ווען ער פאָרט איצט, כאסוועכאָלילע, ארויס אין ראיאָן, קיין באבסטווע, צי קיין ניקאָלסק־אוסורייסק, און אפן וועג פארהריזנעט ער אין דער טײַגע, וואָלט קיינער אפילע ניט געוווסט, וווהין זײַן געביין איז אהינגעקומען.

וועגן דעם האָט ער געטראכט, ארומשפאנענדיק איבער זײַן קלייניקער דירע. די אופראמערן פונעם ראיויספירקאָם האָט ערשט אויסגעהייצט אף באנאכט די הרובע, און אין שטוב האָט געשמעקט מיט ניט־דערברענטן האָלץ. יאקאָוו גאוורילאָוויטש האָט אופגעהערט ארומגיין, זיך אוועקגעשטעלט מיט דער פלייצע צום הייסן ווענטל פון דער הרובע, פאָרזיכטיק זיך צוגעטוליעט צו דעם און מיט פארגעניגן אײַנגעהערט זיך, ווי די וואַרעמקײַט קיצלט אינעם נאקן. שאָענלאנג וואָלט ער אזוי געשטאנען בא אָט דעם צערטלעכן ווענטל. ער האָט פון קינדווײַז אָן ליב געהאט זיך צושפּאָרן צו דער הרובע מיט אלע זײַנע אייוורים און פילן, אז עפּעס וואַרעמט אים אף דער וועלט. די וואַרעמקײַט האָט ארויסגערופן אָן אָנגענעמע בײַסעניש און דערנאָך אליין די בײַסעניש אײַנגעשטילט. רײַבנדיק זיך אין די ארויסשטארצנדיקע וואַרעמע ציגל, האָט ער געטראכט, אז איצט וואָלט גוט געווען נעמען א לעבלעכע וואנע און כאפן א דרעמל. זײַן בליק איז געפאלן אפן פענצטער, אין וועלכן ס'האָט ארײַנגעקוקט א ברייטער סאָף־יישעוודיקער ראכוועס מיט זומפן און ריטשקעלעך, מיט קאָטשקעס און שיטערע קוסטארניקעס. די זון האָט זיך געזעצט מיט א פארבאָרגענעם פײַערלעכן אָפשײַן. יאקאָוו גאוורילאָוויטשן האָט ארומגעכאפּט א מוירע. דאָרט, העט־ווײַט, אָן א סאָף און אָן ענד, איז וואלד און וואלד, איז בערג און אָפגרונטן... ווער האָט עס באדארפט, דאָס פארוואָרפענע אָרט? ווער האָט עס אויסגעטראכט פאר יידן, ווער?

ער האָט ווידער גענומען ארומשפאנען. אָפגייענדיק פון דער הרובע, האָט ער דערפילט, אז צווישן די בערווענעס אין די ווענט, וואָס זײַנען פארשפאקליעוועט מיט טונקעלע שנירעלעך קלאָטשע, בלאָזט ארײַן דער ווינט. אין שטוב איז געווען אומהיימלעך. צוויי אײַזערנע בעטלעך, א נידעריק טישל מיט א פאניערענעם אויבערדעקל, פונקט אזעלכע בענקלעך — אין איין צימערל, א גרויסע פליטע און אן עמער וואסער — אין צווייטן. „ביראָבידזשאנער פראָדוקציע"... — האָט שאנאָווסקי ארויסגעזיפט צווישן די ציין, ווארפנדיק א פארדריסלעכן בליק אף דעם טישל מיט די בענקלעך, וועלכע זײַנען געמאכט אין היגן מעבל־ווארשטאט, און פאריכטנדיק, לויט דער טעווע, אף דער נאָז די ברילן, גלײַך ער זאָל וועלן זיך איבער־

צײַגן, אז ברילן כאַטש האָט ער ראיעלע, ריין־אָפּגעשליפענע, ארומגעזוימ־טע מיט שטײַפע האָרן־רעמלעך.

ווײַזט אויס, ער וועט זיך שוין ניט דערוואַרטן, ביז זײַן טעכטערל עסטערקע וועט קומען פון שול. באַ זיי איז הײַנט אַ שאַבעסניק. מע האָט געפונען וועמען צו שיקן ארבעטן. שילער זאָלן אליין פאַר זיך בויען אַ שול־געבײַדע...

שאַנאָווסקי איז געווען אַן אלמען, און עסטערקע, זײַן באַסיעכידע, האָט אים שטענדיק שטאַרק אויסגעפּעלט. הײַנט האָט ער זיך געקליבן פאַר־ברענגען מיט איר דעם אָוונט אינצווייען באַ אַ גלעזל טיי און באַ אַ ביכל. מוז ער אָבער גיין אַף דער סטאַנציע באַגעגענען אַן עשעלאָן קאָמיוגיסטן, וועלכע פאָרן דאַ פאַרבײַ אַף כאַבאַראָווסק. אַ וויכטיקער עשעלאָן — האָט מען אים געזאָגט אין ראַיוספּירקאָם, ער מוז גיין.

ער האָט נאָך אין שטוב אופגעשטעלט דעם קאָלנער פונעם פוטערנעם מאַנטל, געעפנט די טיר און אַ הוכקע געטאָן אַף דער קעלט. פון דער קעגנגיבערדיקער דירע, אין וועלכער עס האָבן געוווינט ניט־באַווײַבטע טוער פונעם ראַיאָן און וווהין מע פלעגט אויך שיקן איבערנעכטיקן שע־ליכים פון די ערטער, איז ארויסגעגאַן אַ באָכער אין אַ בלויער, געסטרי־געוועטער פופײַקע, אין ברייטע שווארצע הויזן, ארײַנגעלאָזטע אין קיר־זאָווע שטיוול. דער יונגערמאַן האָט אויסגעזען ווי אַן אטלעט: הויך גע־וואַקסן, ברייט אין דער פּלייצע, מיט אַ קורצן אָדערדיקן האַלדז. פאַר־מאַכנדיק הינטער זיך די טיר, האָט ער עטלעכע מאָל אַ רײַב געטאָן די שטיוול אין דער שמאַטע באַ דער שוועל, גלײַך ער וואָלט זיך געקליבן ארײַנגיין אין שטוב און ניט ארויסגיין פון איר. שאַנאָווסקי האָט באַ־מערקט, אז אין קאָרידאָרל איז ריין אויסגעוואַשן דער דיל און אפילע די טרעפּ, וואָס פירן אין גאַס ארײַן.

— ס׳איז פונקט ווי מע וואָלט אונדזער הויז איבערגעניצעוועט, — האָט ער געזאָגט אַף רוסיש, — אין שטוב איז בלאָטע, נאָר די דרויסן־טרעפּ גלאַנצן...

דער באָכער האָט זיך הויך אַף אַ קאָל צעלאַכט:

— איך האָב אײַך עטלעכע מאָל געהערט ארויסטרעטן, כאַווער שאַ־נאָווסקי, און שטענדיק טרעפט איר אין פינטל...

שאַנאָווסקי האָט אַ קוק געטאָן אַף דעם אטלעט. לעבעדיקע גרוילעכע אויגן, אַ ברייט מויל מיט ענערגישע קנייטשן באַ די ווינקלען, קורצע, שיטערע האָר אפן קאָפּ.

— ווו האָט איר מיך געהערט ארויסטרעטן? — די פראַגע האָט שאַ־נאָווסקי ארויסגעזאָגט אַף יידיש, ווײַל אַף יידיש פרעגט זיך בעסער.

— דאָס לעצטע מאָל אַף דעם קאָמיוגישן אקטיוו. איר האָט גערעדט וועגן די פּערספּעקטיוון פון דער לאַנדווירטשאַפט אין אונדזער ראַיאָן...

— און וואָס האָב איך אזוינס געזאָגט אציינדער, וואָס איר האָט זיך אזוי צעלאַכט?

— איר האָט געמיינט אָקאָרשט צו זאָגן, אז מענטשן זײַנען אויך פאַראַן אזעלכע... איבערגעניצעוועטע...

דער באָכער האָט זיך פאַרטרוילעך צוגערוקט נעענטער צו שאַנאָווסקין:

— אין דרויסן שיינע ריידעלעך, און אין שטוב איז בלאָטע...— און אויסגעשאָסן מיט אַ שטארקערן געלעכטער.— איר זײַנט טויזנט מאָל גע־רעכט! טויזנט מאָל, כאווער שאַנאָווסקי...

יאַקאָוו גאָורילאָוויטש האָט אָפּגעקערעוועט דאָס פּאָנעם און אַ הוסט געטאָן. ס'האָט זיך באַ אים באַקומען אַזוי, גלײַך ער וואָלט אַפּגעמעסן זיך אויסגעקערעוועט בלויז צוליב אַ הוסט טאָן. ווען ער פלעגט, כאָפּנדיק פון עמעצן אַזאַ מין אומגעריכטן קלאַפּ, בײַקומען די ערשטע פּארלאָרנ־קײַט, פלעגט ער געווײנלעך אין געציילטע מינוטן שוין ווערן שטארקער פון זײַן קעגנער. יעדנפאַלס, אַזוי האָט זיך אים געדאַכט. ער איז אין אַזאַ מאָמענט געווען פײַיִק אָף אַלץ: בײז אויסלאַכן, באַליידיקן, אינגאַנצן איג־נאָרירן. אויך איצט האָט ער קימאַט מאַשינעל אַ מעסט געטאָן פון אונטן אַרויף דעם אַטלעט, ווי ער וואָלט וועלן פינקטלעך פעסטשטעלן, צי באַ אַזאַ און אַזאַ לענג פון אַ באַכערעץ איז טאַקע דאָ גענוג אָרט אָף אַזויפיל און אַזויפיל כוצפּע. אָפּגעטאָן מיט גרויס ווירדע דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט, איז ער דער ערשטער אַרויס אין גאַס.

דער באָכער האָט אויך געאײַלט צום עשעלאָן. ער האָט רויִק אונטערגע־פײַפט אַ לידל, ניט אָנשטויסנדיק זיך, ווי שטארק עס איז אין קאָס אָף אים דער אינסטרוקטאָר פונעם ערד־אָפּטייל. דאָרט, ווו דער טראָקטאָר האָט זיך געענדיקט מיט איין ברעט, האָט ער זי אונטערגעהאַלטן מיט דעם פוס באַם ראַנד, קעדיי דער צווייטער עק זאָל זיך ניט אַ הייב טאָן, ווען יאַקאָוו גאָורילאָוויטש שאַנאָווסקי וועט פון אים אַראָפּגײן. באַ דער רעדאַקציע פון דער ראַיאָנער צײַטונג האָט זיי פארשטעלט דעם וועג אַ האַלב־אומ־געוואַלגערטער צעדערבוים מיט הוילע וואָרצלען. זיי זײַנען אים אַרומגע־גאַנגען מיט אַ סטעזשקעלע, אָף וועלכער עס זײַנען אין די טיפערע ער־טער געלעגן עטלעכע ציגל. ווײַטער איז דער טראָטואַר געווען פעסט צו־געקלאַפּט צו קורצע, קײַלעכדיקע קלעצלעך.

דער באָכער האָט אָנגעיאָגט שאַנאָווסקין.

— מײַן פאַמיליע איז בומאַגין, יויסעף רופט מען מיך. איך שטאַם פון האַראָדאָק...

— זייער שיין פון אײַער זײַט...

— אין האַראָדאָק פעלט אויך ניט קיין בלאָטע...

יאַקאָוו גאָורילאָוויטש האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין כיישעק צו פאָר־זעצן דעם שמועס. בומאַגין האָט פאַרדרייט אַ ציגאַר.

— אָבער זעט, סאַראַ שיינער אָוונט, די נעשאָמע צו אָטכײַען!— האָט בומאַגין פאָרגעזעצט, אַרויסשפּײַענדיק די שטיקלעך מאַכאָרקע, וואָס זײַנען אים געבליבן אָף דער צונג באַם פּאַרקלעפּן דעם ציגײַער.— אין אַזאַ אָוונט ווילט זיך פאַשעט שפּאַצירן און ניט ריידן וועגן איניאָנים. נאָר איך בין געקומען קיין טיכאָנקע צוליב אָן איניען... צו אײַך טאַקע, כאָווער שאַ־נאָווסקי...

שאַנאָווסקי האָט געשוויגן. בומאַגין האָט אים אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט:

— כאָווער שאַנאָווסקי, איך ווייס פון פריִער, וואָס איר וועט מיר זאָגן. אָף דער גאַס רעדט מען ניט, וועט איר זאָגן, קומט אַרײַן צו מיר אין ערד־

אָפּטייל, און אַנדערע אַזעלכע זאַכענישן. איך בעט אײַך, כאָווער שאַ־נאָווסקי, זאָגט עס מיר ניט...

יאַקאָוו גאָורילאָוויטש האָט זיך שטרענג אויסגעדרייט צום באָכער. ער האָט געוואָלט אים מאַכן אַן אויסרייד פאַר דער פריִער אופירונג. פאַר אים איז אָבער געשטאַנען ניט יענער לאַכנדיקער כעוורעמאַן מיט די לעבעדיקע גרווילעכע אויגן, נאָר אַן אַנדערער, אַ שטאַרק אופגערעגטער און אַן ערנ־סטער. די מוסקולן אויף זײַן פּאָנעם זײַנען געווען אָנגעצויגן, און דאָס האָט אים געמאַכט מאָגערער.

— וואָס ווילט איר פון מיר? — האָט שאַנאָווסקי, נאָך אַלץ אַן אומצו־פרידענער, געפרעגט.

— איך אַרבעט אויף דער סטאַנציע אין. די אַרבעטער פון דעפּאָ האָבן מיך געשיקט באַגעגענען דעם עשעלאָן קאָמסאָמאָלצעס....

— נו, וואָס איז דערפון געדרונגען?

— די אַרבעטער פון דעפּאָ האָבן מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל אײַך געפי־נען און פּויעלן אַן ענטפער...

— אויף וואָס אַן ענטפער?

בומאַגין האָט געקוקט אויף שאַנאָווסקין פּײַנטלעך:

— פאַרוואָס האָט איר אָנגעגעבן אין ראַיויספּירקאָם אַ פּאַפּיר, מע זאָל אונדז פאַרבאָטן פאַרזייען די ריאָלקעס?[1]

— וועלכע ריאָלקעס?

— די צוויי ריאָלקעס אַרום דער אײַזנבאַן... מיר האָבן זיי געוואָלט פאַרזייען מיט גערטנער...

— און איך לאָז ניט?

— וואָדען, איר לאָזט? די לינקע האַנט ווייסט ניט, וואָס די רעכטע טוט... עס איז אָנגעקומען אַ צירקוליאַר מיט אַ שטרענגער וואָרענונג, און מע פאַרופט זיך דאָרט אויף אײַך...

שאַנאָווסקי האָט אויף אַ רעגע זיך פאַרטראַכט. ער זאָל אַזוי וויסן פון צאָרעס, צי ער געדענקט, וואָס דאָס איז פאַר אַ געשיכטע מיט די ריאָל־קעס. נאָר אויב דער באָכער זאָגט, ווייסט ער דאָך, און אויב אַזאַ צירקו־ליאַר איז געשיקט געוואָרן, איז עס ניט גלאַט אין דער וועלט אַרײַן. יאַקאָוו גאָורילאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט:

— יונגערמאַן... כאָווער בום־מאַגין...

נאָר גלײַך זיך צעשמייכלט און אָנגענומען דעם באָכער פאַר אַ קנעפּל פון דער געסטריגעוועטער פופּײַקע:

— איר זײַנט אַ קאָמסאָמאָלעץ, מעג מען אײַך זאָגן גאַנץ אָפן... מיר דאָ, אין צענטער, קוקן פון אַ מעלוכישן שטאַנדפּונקט. אײַך ליגן אין קאָפּ אינדיווידועלע גערטנער... און מיר פאַרהיטן די ריאָלקעס פאַר עפּעס אַנ־דערש, פאַרשטייט איר מיך...

— ניין, איך פאַרשטיי אײַך ניט.

שאַנאָווסקי האָט פאַרוקט די הענט טיפער אין די קעשענעס, אַ הייב

---

[1] ריאָלקעס — הויכע ערטער אין אַ פאַרזומפּיקט פלאַכלאַנד, וועלכע טויגן פאַר לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן.

געטאָן אין דער הייך דעם קאָפּ, פֿארשנורעוועט די ליפּן, זוכנדיק מיט די אויגן עפּעס אזוינס, וואָס זאָל אים העלפן פּאָטער ווערן פון דעם אקשן.

— האָ!..— האָט ער אויסגעשריגן צופרידן.

עטלעכע טריט פון זיי איז געשטאנען זײַן עסטערקע, אָן אויסגעוואל־גערטע אין ערד און א פארשפּריצטע מיט בלאָטע. צוגעגאנגען צום טאטן, האָט זי זיך א כיינדל געטאָן:

— אלע גייען צו דער באַן... איר האָט עס באמערקט, כאוועד שאנאָוו־סקי?

— געהערט א לאָשן? אזוי רעדט מען מיט א טאטן...— האָט זיך שאַ־נאָווסקי אָפּגערוקט פון בומאגינען און מיט אונטערגעשטראָכענער נײַגערי־קײַט גענומען באקוקן פון אלע זײַטן עסטערקען.

— טאטע, שפּיל מיר אָפּ א סצענע...

יאַקאָוו גאוורילאָוויטש האָט קאפּיטולירט:

— טאָכטערקע... מיר גייען...

בא דער אײַזנבאַן איז שוין געווען טומלדיק.

4

די אכט און צוואנציק צונויפגעקייטלטע טעפּלושקעס[1], וועלכע קײַקלען זיך שוין קימאט פולע צוויי וואָכן אָן אופהער איבערן גרויסן סיבירער וועג, זײַנען נעכטן ארויסגעשפּרונגען פון די לעצטע טונעלן לעבן דער סטאנ־ציע ארכארא און הײַנט, ניט פארהאלטנדיק זיך אף לאנג אין סוואָבאָד־נאָיע און אין אָבלוטשיע, איבערגעכאפּט דעם אָטעם אף דער סטאנציע ביראַ און מיט א פריידיקן גערודער זיך אוועקגעטראָגן ווײַטער.

דער טאָל צווישן די כינגאנער בערג איז געוואָרן ברייטער. ס'האָט שוין מער ניט צוגעשלאָגן דעם רויך פונעם לאָקאָמאָטיוו צו די טעפּלוש־קעס, און די פּאסאזשירן האָבן אָפּגערוקט די וואגאָן־טירן, אופגעעפנט די אייבערשטע פענצטערלעך, און די, וועמען ס'האָט אָפּגעגליקט און זיי האָבן פארכאפּט בא דער טיר אן אָרט, האָבן זיך צוגעזעצט באם סאמע ראַכוועס, אראָפּגעהאנגען די פיס צו די שווינדלענדיקע רעלסן און גענומען זיך אײַנ־קוקן אין דער ווײַט: צי ס'וועט נאָך לאנג נעמען, ביזוואנען עס וועט א ווײַז טאָן זיך דער נײַער יידישער יישעוו ביראָבידזשאן, וואָס האָט ערשט אין דער לעצטער צײַט געלאָזט וועגן זיך צו וויסן — א יידישער יישעוו דאָרט, וווּ עס האָט זיך שוין פארענדיקט סיביר...

— היי, כלאָפּצעס! וויפל יידן בא|אונדז אין טעפּלושקע?

ווען עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ניט נאָר קאָסטיע פּערפּילאָוו, וואָס האָט פארגעבן די פראגע, נאָר אויך די איבעריקע יאַטן ווייסן ניט, וויפל יידן עס זײַנען דאָ פאַראַן, האָט מען זיך געכאפּט, אז איידער דער עשע־לאָן איז ארויסגעפאָרן פון מאָסקווע, האָט מען בא יעדערן אראָפּגעשריבן די פאמיליע מיטן נאָמען און דאָס אָרט, פונוואנען ער קומט, אָבער צי ער איז א רוס, אָדער א ייד — דאָס האָט מען פארגעסן צו פרעגן.

אין א ווינקל פונעם וואגאָן, הינטער דעם בורזשויקעלע[2], וואָס איז

[1] טעפּלושקעס — פראכט־וואגאָנען.

[2] אזוי האָט מען גערופן אן אײַזערן אייוועלע.

איצט געווען צוגעלאָשן, צווישן אַן אַנגעוואַלגער פון טרוקענע שפּענער, באַגאַזש־רענצלעך, ברעטער פון צעבומענע נאַרעס (מע האָט געהאַפּט שוין קומען היינט קיין כאַבאַראָווסק, און קעדיי מאַכן מערער אָרט אין טעפּ־לושקע, האָט מען די נאַרעס, ניט דערוואַרטנדיק זיך אַף אַ קאָמאַנדע, צעבראָכן), — זיינען אַף אַ שאָפּענעם פּעלצל געשלאָפן אַרומגענומען די צוויי פאַרליבטע, ווי מע האָט זיי דאָ גערופן, וואַניע לאָסיעוו און יודאַלעף טשאַרניצער. ביידע — גרויסקערפּערדיקע, מיט ווינקלדיקע פּלייצעס און פּנעמער, מיט אופגעשויבערטע שוואַרצע קעפּ האָר, מיט אומגעלומפּערט־סטאַרטשענדיקע אויערן און גראָבע ליפּן, — מאַמעש ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט, כאָטש איינער איז געווען אַ באָכער פון טיף ראַסיי און דער צווייטער פון עם טכום.

קאָסטיע פּערפּילאָוו איז שפּילעוודיק צוגעקראָכן צו די צוויי פאַרליב־טע און מיט ייִנגלשער לייצאָנעס און פאַרבאָרגענעם קאַס, שמייכלענדיק ניט פריילעך, אָנגעהויבן שלעפּן לאָסיעוון פאַרן העמדל:

— וואַניע, ביסט אַ ייִד, וואַניע?

— טשעפּע זיך אָפּ...

— זאָג, וואַניע, זאָג!

לאָסיעוו און טשאַרניצער האָבן זיך געדרייט פון איין זייט אַף דער אַנדערער. אַרום זיי איז שוין געשטאַנען אַן ענגער קרייז נייגעריקע, און פּערפּילאָוו האָט זיך געסטאַרעט אוועקזעצן אַפן פּעלץ וואַניען:

— אידע טשאַרניצער, ווייס איך, איז אַ ייִד... און דו, וואַניע, אויך?

טשאַרניצער האָט זיך אופגעשטעלט און, קוקנדיק אַף פּערפּילאָוון, גע־זאָגט מיט אַ קאָל, וואָס דראָעט:

—אידושקע — דאָס ביסטו. און איך הייס יודאַלעף...

קאָסטיע האָט נאָך אַלץ זיך געווענדט בלויז צו לאָסיעוון, וועלכער האָט, ווייזט אויס, אויך זיך שוין אויסגעטשוכעט פונעם שלאָף.

— וואַניע, עס קומט אויס, אַז מע טאָר שוין ניט פאַרקירצן אַ נאָמען... באַ דזשעק לאָנדאָנען אין די ביכער טוט מען דאָס אַף טריט און שריט... נו, זאָג אַליין, וואַניע, יודאַלעף איז ניט דאָס זעלבע וואָס אידע?

וואַניע האָט אַ בורטשע געטאָן:

— פּאַדלע, עס רעדט אין דיר דער קולאַק...

— און זיין טאַטע איז געווען אַ הענדלער מיט פערד! געדענקסט, וואָס מע האָט גערעדט וועגן דעם אַף דער קאָמיוגישער פאַרזאַמלונג? — האָט זיך צעהיצט פּערפּילאָוו.

— דיין טאַטע איז פאַרשיקט ווי אַ פּיינטלעכער עלעמענט, און זיינער אַרבעט דאָ, אין ביראָבידזשאַן... וועסט עס באַלד זען, פּאַדלע.

פּערפּילאָוו האָט שמייכלענדיק אַ וואָרן געטאָן מיטן פינגער:

— קינדער טראָגן ניט קיין שולד פאַר די עלטערן...

לויט דעם, ווי ס'איז שטיל געוואָרן אין טעפּלושקע, האָט וואַניע דער־שפּירט, אַז יודאַלעף איז שוין היפּש אופגעשרויפט, און ער האָט זיך אויך אופגעהויבן פונעם פּעלץ. פּערפּילאָוו, ווי זיין שטייגער איז אין אַזעלכע פאַלן, האָט זיך פאַרזשמורעט אַזוי, אַז די ווייסע ווינעס זיינען, ווי מערעזש־

קעלעך, געבליבן ליגן אפן אָרט פון די אויגן. עס האָבן זיך בא אים אראָפּגעלאָזט די ווינקלען פונעם מויל, און ס'איז געווען קענטלעך, ווי ער פאַרבײַסט הינטער די פאַרפרעסטע ליפּן דעם צונג. דאָס האָט באַטײַט, אז איצט איז ער געצווונגען אָפּצוטרעטן, נאָר דאָס, וואָס עס קומט איצט פאַר, וועט האָבן א טיקן וועגן־ניט־איז שפּעטער... ער איז אָפּגעגאנגען צו דער טיר און אראָפּגעלאָזט די פּיס צו די רעלסן.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט אָן אופהער געפּײַפט. די נאכט איז שוין געשטאַנען הינטער די ביימער, וועלכע האָבן ווי געטאנצט ארום דער אײַזנבאַן א קאַראַהאָד: אָט זײַנען זיי צוגעלאָפן גאָר נאָענט צו איר, און אָט זיך צעלאָפן. דערווײַל זײַנען נאָך קיין הײַזער ארום די רעלסן ניט געווען, אָבער אף רעכטס פונעם עשעלאָן, גאנץ ווײַטלעך און האלב פאַרשטעלט מיט וואלד, זײַנען שוין מיטגעשוווּמען מיטן צוג די צוויי טיכאָנקער סאָפּקעס — א גרויסע און א קליינטשינקע, — און יודאלעף, וואָס האָט זיך פּונקט איצט דערמאָנט, וואָס די מאמע האָט אים געשריבן אפן דניעפּערבוי, איז אויך געשטאַנען בא דער טיר פון דער טעפּלושקע און ביסלעכווײַז דערקענט ביראָבידזשאַן.

ס'האָט קיין סאך צײַט ניט געדויערט, און די רעלסן אונטער די רעדער האָבן גענומען זיך דאָפּלען און פאַנאַנדערגיין און ווידער זיך צונויפגיין. בא די זײַטן פונעם וועג און צווישן די שפּאַלעס זײַנען דאָ און דאָרט ארויסגעשווּמען קלוג צעשטעלטע עלעקטרישע פײַערן, וועלכע האָבן אזוי ווי באַלויכטן פאַר דעם שווער־עטעמענדיקן לאָקאָמאָטיוו א פּרײַ פּאַסיקל היימישע ערד. ווען דער צוג איז דורכגעפאָרן דעם סעמאַפאָר, האָבן די זיצנדיקע בא די אָפּגערוקטע טירן פון די טעפּלושקעס דערזען פּונקט אזעלכע טעפּלושקעס, נאָר מיט צוגעבויטע צו די ארײַנגאַנגען טרעפּ. זיי זײַנען געשטאַנען אף א זײַטיקן טופּיק־אָנשיט, באהאנגענע מיט גרעט, מיט זאַסטעפּעס, לאָמען און העק, און כאָטש דער דאָזיקער מאָקעם אף רעדער האָט נאָך הײַנט, ביז איבער נאכט, געקאָנט פאַרשווינדן פונעם טופּיק און צוריק זיך אײַנקייטלען אין פּונקט אזא אײַזנבאַן־עשעלאָן, — דאָך האָבן די פּאַסאַזשירן פון די דורכפאָרנדיקע טעפּלושקעס דערפילט, אז דאָ הייבט זיך שוין אָן דער באַווינטער יִישעוו, וועלכער איז אף דער מאַפּע, צווישן אנדערע סטאנציעס און פּאָלוסטאנקעס פון דעם וועג, פאַרצייכנט מיטן אלטן נאָמען טיכאָנקע, אָבער רופן רופט מען אים שוין אומעטום — שטאָט ביראָבידזשאַן. וועגן דעם האָט מען הײַנט באַטאָג דערציילט אין אלע טעפּלושקעס, בייס די אויסגעווײלטע נאָך אפן מאָסקווער וואָקזאַל קאָמיוגישע פּאָליט־אינפאָרמאַטאָרס האָבן אין פּאָשעטע ווערטער אָנגעמאָלט, וואָס דאָס איז אזוינס — דער יִדישער נאַציאָנאַלער ראַיאָן, וועלכן מע וועט דורכפאָרן שוין באַם סאַמע סאָף פונעם וועג.

דערווײַל האָט דער צוג זיך ווידער צעיאָגט אזוי שטאַרק, גלײַך ער וואָלט שוין געהאט פאַרבײַגעפאָרן די סטאנציע, נאָר דאָס איז געווען, ווײַזט אויס, א פאָרויסגעזעענער מאַנעווער, קעדיי גיכער זיך אָפּצושטעלן. ס'איז ניט דורכגעגאַן קיין מינוט, און די טעפּלושקעס, וועלכע זײַנען נעענטער צום לאָקאָמאָטיוו, זײַנען ארײַן אין א וואָלקן פון געדיכט־ארויסגעלאָזטן ווײַסן דאַמף, און איבערן גאנצן עשעלאָן האָט זיך דורכגעטראָגן

אַן אומרויִקע שיפּעניש, וואָס האָט באַטײַט, אַז פֿון די רעדער טוט זיך אָפּ דער לעבעדיקער האַסט, און זיי שטעלן זיך אָפּ.

די טירן פֿון די טעפּלושקעס זײַנען אויסגעקומען אין דער זײַט פֿון דעם שוואַך־באַלויכטענעם יִשעוו. ווען דער עשעלאָן איז געבליבן שטיין, האָבן די מענטשן אויפֿן פּעראָן, אין דער קעגנִיבערדיקער זײַט, דערזען, ווי פֿון אונטער די טעפּלושקעס און אַריבער זייערע דעכער האָט זיך באַוויזן, ווי בײַס אַ מיליטערישן שטורעם, אַ טויזנטקעפּיקע מאַסע אָנגעצילטע צו איין ציל יונגע מענטשן, וועלכע האָבן זיך, אַלע ווי איינער, אַ לאָז געטאָן צו דער אַלטער הילצערנער סטאַנציע־געבײַדע, ליאַזגענדיק מיט פּאַריי־כערטע קעסעלעך, טשײַניקעס, עמערס און ריידנדיק צווישן זיך אויף קאָר־לערליי לעשוינעס, מערסטנס אויף רוסיש. די מענטשן אויפֿן פּעראָן, אָנגעע־רייצט פֿון אַט דעם שטאַרקן דראַנג פֿון די אָנגעפֿאַרענע, האָבן זיך אַ צי געטאָן אַנטקעגן די טעפּלושקעס, און די ברעטער פֿונעם פּעראָן וואָלטן, קאָן זײַן, ניט אויסגעהאַלטן, ווען עס גיט ניט ראַפּטום אַ קנאַל אַ מעשע־נער דונער — דער אָרקעסטער. דאָס פּלוצעמדיקע דערשײַנען פֿון די רופֿנ־דיקע טרובע־קלאַנגען האָט אָפּגעשטעלט דעם געדראַנג פֿון די מענטשן, אויפֿן דאַך פֿון דער איינציקער אין גאַנצן עשעלאָן דעקאָרירטער מיט רויטן צײַג טעפּלושקע, אין סאַמע מיטן פֿון דער וואַגאָנען־ריי, האָט זיך באַוויזן אַ יאַט אין אַ לעדערנעם רעקל, דער עלטסטער פֿון דעם עשעלאָן קאָמיר־גיסטן, און אַרײַנגעשריִען אין אַ בלעכענעם רופֿאָר, אַז דער קאָמסאָמאָל וועט אײַנגיכן צוטרעטן צו בויען פֿאַרן ראַטנלאַנד אַ נײַע שטאָט אויפֿן אַמור, פּונקט ניט ווײַט פֿונעם אָרט, וווּ די ייִדישע אַרבעטס־מענטשן קאָרטשעוועון איצט די טײַגע און שטעלן אויף פֿאַר זיך אַ היים.

איבער די טעפּלושקעס און איבער דעם הילצערנעם פּאַלוסטאַנעק האָט אָנגעהויבן ניט זיכער צו קלאַפּן אַ מאַראַקענדיק רעגנדל, און ביזוואַנען די כמאַרעס אין דער הייך האָבן זיך צונויפֿגעקליבן פֿון אַלע זײַטן אויף צו אויסגיסן זיך בעשעפֿע, איז אויפֿן דאַך פֿון דער טעפּלושקע אַרופֿגעקראָכן אַ צווייטער באָכער — אין אַ בלויער געסטריגעוועטער פּופּײַקע און אין ברייי־טע שוואַרצע הויזן, אַרײַנגעלאָזטע אין קירזאָווע שטיוול. אויפֿן פּעראָן האָט מען דערקענט דעם דעפּאָ־אַרבעטער פֿון דער סטאַנציע אין, בומאַגינען. ער האָט איבערגענומען באַם עלטסטן פֿון די קאָמיוגיסטן דעם בלעכענעם רו־פֿאָר און אַרײַנגעשריגן אין אים:

— רעביאַ! הא, רעביאַ!

דאָס אַליין, וואָס דער אַטלעטיש־געבויטער יונגערמאַן מיטן קורצן אָדערדיקן האַלדז און מיט די לעבעדיקע גרוילעכע אויגן האָט אַזוי היימיש אָפּגעקירצט דאָס וואָרט „רעביאַטאַ“, — שוין דאָס אַליין האָט אים געמאַכט אין די אויגן פֿון די אָנגעפֿאָרענע פֿאַר אַן אייגענעם, אַ סוואָיאַק. איידער ער האָט נאָך עפּעס באַוויזן צו זאָגן, זײַנען באַ די סאַמע רעדער פֿון דער דעקאָרירטער טעפּלושקע שטיין געבליבן עטלעכע נײַגעריקע, און אַ מיידל מיט צוויי מעשן־קאָליריקע צעפּ, אַריבערגעוואָרפֿענע פֿון דער פּלייצע איבער די בריסט, האָט זיך אָנגעפֿרעגט:

— היי, פּאַריאַ, אַ היגער ביסטו, האַ?

בומאַגין האָט ארונטערגעלייגט דעם רופאָר אונטער דער פאכווע, ארויסגענומען פון קעשענע א נאָזטיכעלע און אויסגעווישט מיט דעם דאָס נאסע פונעם רעגן פאָנעם. פון אלע זײַטן — פון דעם פאָלוסטאנעק און פון עשעלאָן — האָט דער אוילעם זיך צוגערוקט נעענטער צו דער דעקאָרירטער טעפלושקע. בומאַגין האָט, אײַלנדיק, זיך אָנגעפרעגט באַם באָכער אינעם לעדערנעם רעקל:

— דו הייסט סעריאָזשע, יאָ? ס׳וועט דיך ניט ארן, אויב איך וועל קיין רעדע ניט האלטן, נאָר זיך דורכשמועסן אזוי־אָ?

דער באָכער אינעם לעדערנעם רעקל האָט זיך אזוי ברייט צעשמייכלט, אז פון זײַן פאָנעם איז אזש פארשוווּנדן די פארפלאטשיקטע נאָז און אפילע די אויגן:

— נו, שפאר, שפאר, בראטישקא...

בומאַגין האָט זיך אוועקגעזעצט אפן ראַנד פונעם טעפלושקע־דעכל און א זאָג געטאָן צו דעם מיידל מיט די מעשן־קאָלירקע צעפ:

— דו זעסט דען אליין ניט, קראסאוויצע, אז איך בין א היגער, א בּיראָבּידזשאנער? דאָס הייסט, ארבעטן ארבעט איך אין דעפאָ פון דער סטאנציע אין, וועלכע איז קימאט דאָס זעלבע, וואָס וואָלאָטשײַעווקע...

— וואָלאָטשײַעווקע! וואָ־טשײַעווקע! — האָט זיך א טראָג געטאָן איבער די רעלסן.

דאָס מיידל מיט די מעשן־קאָלירקע צעפ האָט זיך צעזונגען:

Огне-вые ночи Спас-ска,
Воло-чаевские дни. . .

הינטער בומאַגינס פלייצע האָט זיך א שטעל געטאָן דער באָכער אינעם לעדערנעם רעקל, אויסשטרעקנדיק צום אוילעם די הענט, ווי א דירידזשאָר, און פון הונדערטער גאָרגלען האָט זיך ארויסגעריסן און געדיכט זיך אופגעהויבן אנטקעגן דעם נידעריק־באוואָלקנטן הימל:

Этих дней не смолк-нет сла-ва,
Не померк-нет ни-ког-да. . .

בומאַגין האָט פונעם דאך געקוקט אפן כמאריק־טונקעלן פאָלוסטאנעק און אפן גרויסן אוילעם, וואָס האָט דאָ אויסגעזען ווי איין דורכויסיקע מאסע, א צונויפגעשטעלטע פון נאסע קעפ און פלייצעס, און ער האָט שוין ניט געקאָנט אונטערשיידן און אָפטיילן איינע פון די אנדערע די אָרטיקע איבערוואנדערער און די אָנגעפאָרענע קאָמיוגיסטן. ווען אין דער ליד וועגן וואָלאָטשײַעווקע האָבן זיך ארײַנגעמישט טענער פון אן אנדער ליד, וועלכע ס׳האָט געזונגען א טייל פונעם אוילעם, און פון איינער א טעפלושקע האָט זיך דערטראָגן נאָך א דריטע ליד, און גלײַך נאָך דעם א פערטע, א פינפטע — דאַן האָט דאָס געזאנג באקומען א ריטם, אין וועלכן ס׳האָבן זיך רעגלמעסיק געביטן ארויסעטעמענדיקע און ארײַנעטעמענדיקע קלאַנגען, און בומאַגינען האָט זיך אויסגעדוכט, אז די מענטשן באַ די טעפלושקעס זײַנען גאָר בורלאקעס, וועלכע האָבן זיך א נעם געטאָן, אונטערמונ־

טערנדיק זיך מיט „היי, אוכניעם!‟, צו איבערשלעפן אף אן אנדער אָרט די טײַגע, וואָס ארום דעם פּאַלוסטאַנעק.

דער רעגן איז געוואָרן שטאַרקער, די ליד — שטילער. דער באָכער אײ־נעם לעדערנעם רעקל האָט געמאָלדן, אז דער מיטינג איז פאַרענדיקט, און מע בעט אַלעמען, וועד עס האָט נאָך ניט באוויזן עס אָפּטאָן, זיך גיכער באזאָרגן מיט אָקרעפּ. ער האָט אָפּגענומען בא בומאַגינען דעם בלעכענעם רופאָר און, געבנדיק, אויס דאַנקבאַרקײַט, א שטאַרקן קלאַפּ אים אין פּלײ־צע, אראָפּגעשפּרונגען פונעם דאַך. בומאַגין האָט זיך פאַרהאַלטן, באַמערקנ־דיק, אז נאָענט לעבן דער דעקאָרירטער טעפּלושקע, שטאַרק אָנזעעוודיק אין שיטער געוואָרענעם אוילעם, האָט זיך צונויפגעשלאָגן א רעדל אופגע־רודערטע, שרײַענדיקע באָכערים און מיידלעך, צווישן וועלכע ער האָט דערקענט די שײַנינקע סאַלקע טשאַרניצער מיט איר ייִנגער ברודערל, וועלכן ס'האָט געהאַלטן ארומגענומען, ניט אָפּלאָזנדיק אים פון זיך, א הליבעאַרטיקער יאַט, נאָך א העכערער און געזונטערער, איידער ער, בו־מאַגין. ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער אויסגעדראָצלטער קולטור־ניק פונעם ביראָבידזשאַנער מוזיי. ער האָט, קענטלעך, גערעדט שטרענגע רייד צו עמעצן פונעם רעדל, און אים האָט אונטערגעהאַלטן אן אומבאַ־קאַנט, רירעוודיק בּאָכערל פון די אָנגעפאַרענע. א צווייטער אָנגעפאָרענער, שטאַרק אָן ענלעכער אף דעם הליבעאַרטיקן, האָט דערווידערט דעם אויס־געדראָצלטן און איז געווען היפּש אופגעבראַכט.

ס'האָבן זיך דערהערט קולעס:

— דערעסן! נאַדאָיעלאָ!..

— האַלט אײַן דעם צונג!..

— פאַרטשעפּע זיך ניט מיט אים, יודאַלעף! (דאָס האָט געשריִען סאַלקע טשאַרניצער).

— זאָל ער נאָר א פּרווו טאָן!

דאָס רירעוודיקע באָכערל מיט די ווײַסע ווי־עס אף דעם אָפּגעברענטן נאָך פון דער פּאַראַיאַריקער זון פּאָנעם האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו בומאַגינען, וואָס איז געבליבן זיצן אפן דאַך:

— נאַטשאַלניק, זאָג אליין... דער־אָ ייִדישער כאַוער איז גערעכט, צי ניט?

בומאַגין האָט צעפּירט מיט די הענט:

— איך ווייס ניט, וועגן וואָס איר האָט זיך דאָ צעקאַניוטשעט...

כילוש מאזאָר איז מיט איין שפּרונג אַרײַן אין דער אָפענער טיר פון דער טעפּלושקע און אָנגעהויבן אויסשרײַען פאַרקײַלעכיקטע ווערטער אף רוסיש:

— יעוורעי! ררוסקיִע! זאַטשעם סמעשיוואַט?

דאָס רעדל האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו דער טעפּלושקע. דער אוי־לעם, שוין פּיטש־נאַס, האָט דאָך זיך ווידער געגומען צונויפזאַמלען. בו־מאַגין האָט פונעם דאַך זיך אראָפּגעלאָזט אין דער טעפּלושקע און, שטיי־ענדיק שוין לעם מאזאָרן, א פרעג געטאָן מיט נײַגער:

— וואָס ווילט איר, כאַווער?

— זיי ווילן מאַכן א נײַעם מיטינג! — האָט זיך דערהערט א קאָל.

— זייערן א מיטינג!

— אראָפּשלעפּן אים פון דאָרטן!

— און אין מאָרדע ווילסטו ניט?

דער רירעוודיקער באָכער מיט די ווײַסע וויעס איז אויך ארײַן אין טעפּלושקע.

עמעצער האָט א לאַך געטאָן:

— כאַ! אנטלויפסט פונעם רעגן?..

א צווייטער האָט פאַרגעלייגט:

— לאָמיר אויסהערן. קאָסטיע, רעד!

קאָסטיע פּערפּילאָוו האָט א ווײַז געטאָן מיט דער האנט אף כילוש מאָזאָרן:

— דער יידישער כאוועր איז גערעכט. צוליב וואָס דארף א ייד פאָרן ווײַטער פון ביראָבידזשאַן? געקומען אין יידישן ראַיאָן, און באַסטא, גענוג! קריך ארויס פון טעפּלושקע...

— פארוואָס זאָל ער ניט פאָרן ווײַטער?

— מע האָט געגעבן די יידן א ראַיאָן. וואָס נאָך דארפן זיי?

וואַניע לאָסיעוו איז צוגעגאַן הארט צו דער דעקאָרירטער טעפּלושקע און פאַריסן דעם קאָפּ צו פּערפּילאָוון:

— די יידן האָבן שוין געהאַט א געטאָ. ווילסט, זיי זאָלן איבערכאַזערן?

— שרעק ניט מיט געטאָ! — האָט געענטפערט קאָסטיע פּערפּילאָוו. — אַלע יידן, זאָג איך דיר, דארפן זײַן דאָ, אין ביראָבידזשאַן, און מער אין ערגעץ ניט!..

כילוש מאָזאָר האָט אײַנגעשטימט:

— יידן פאָרן ניט ווײַטער. זיי בלײַבן נאָר אין ביראָבידזשאַן!

פון דער פּלאַטפאָרמע האָט עמעצער א פרעג געטאָן:

— און אוקראַינער בלײַבן, הייסט עס, נאָר אין קיעוו? און ווײַסרוסן — נאָר אין מינסק?

קאָסטיע פּערפּילאָוו האָט שטרענג גענומען דראָען מיט א פינגער:

— מישט ניט צונויף איינס מיטן אנדערן! אוקראַינער, ווײַסרוסן — זײַנען סלאַוון...

— און יידן זײַנען וואָס? — האָט ניט אויסגעהאַלטן בומאַגין.

פּערפּילאָוו האָט א פּײַף געטאָן דורך די ציין:

— יידן — זײַנען יידן...

דער אוילעם האָט זיך צעטומלט. מאָזאָרן און פּערפּילאָוון האָט מען אראָפּגעשלעפּט אף די רעלסן. דאָרט איז גלײַך געוואָרן א מישמאַש, אַן אָנגעוואַלגער. עטלעכע שווערע קערפּערס האָבן, אונטערוקנדיק מיט קויעך איינער דעם אנדערן, גענומען אײַנמאָסטען זיך אין א קאַליוזשע פון קיל־בלעכן רעגן־וואַסער, דערבײַ האָט יעדערער געסטאַרעט זיך צו פארבלײַבן דער אייבערשטער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן איבערוואַרפן קולעקעס און שטיוול־אָפּצאַסן. בא עמעצן אין האנט האָט זיך באַוויזן א שרויף־שליסל, בא נאָך עמעצן — א מעסער. ס'האָט זיך דערהערט סאַלקע טשאָרניצערס

געשריי: „טאטע! טאטע! נעם צו יודאלעפן!" — און פון דער פלאטפאָרמע איז אראָפּגעשפּרונגען, ווי אַן אופגעוועקטער בער, נעכעמיע דער טעסלער. דערזען פון דער נאָענט דאָס געשלעג, האָט ער אין איין אויגנבליק פארשפּיליעט די פּאָלעס פונעם ברעזענטענעם רעגן־מאנטל, צעבראָכן אף א קני דאָס פּוזשעלע און, ווי א גרויסער מייַסטער פון דער זאך, געפונען אָן שוועריקייַטן אין דעם טונקעלן קנויל דעם יונג מיטן מעסער, קונציק פארדרייט אים די הענט אף הינטן און גלייַך אים אָפּגעלאָזט פון זיך. ניט איבערכאפּנדיק דעם אָטעם, האָט ער אָפּגעזוכט אין מענטשן־קנויל יודאלעפן און, קרעכצנדיק אזש פון דער שווערקייַט, ארויסגעשטעלט אים פון געשלעג. דאָס האָט יודאלעפן שטארק באליידיקט, און ער האָט זיך שוין געקליבן א שטעל טאָן זיך, ווי א האָן, קעגן נעכעמיען, נאָר יענער האָט ווייַטער באלעבאטיש זיך געפּאָרעט מיט די איבעריקע שלעגער און מער אפן זון שוין אפילע קיין קוק ניט געטאָן.

דערווייַל האָט זיך בא די טעפּלושקעס און אפן פעראָן געלאָזט הערן דאָס פייַפן פון מיליציע. אויך דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך צעפּייַפט, רופנדיק די אָנגעפּאָרענע צו פארנעמען זייערע ערטער. אין מעשעך פון א וועלכע־ניט־איז פערטל שאָ איז אייַנגעשטעלט געוואָרן דער בייטיקער סיידער: די אכט און צוואנציק צונויפגעקייטלטע טעפּלושקעס האָבן זיך אוועקגעקייַקלט ווייַטער קיין כאבאראָווסק, און דאָ, אין טיכאָנקע, אינעם ענגן וואָרט־זאל פונעם אלטן וואָקזאלכל, זייַנען דריַי מיליציאָנערן פונעם ראיאָן־צענטער געוועזן פארטאָן אין די פאָרמאליטעטן, וואָס די היטער פון דער אָרדענונג דארפן אָפּריכטן, ווען די אָרדענונג ווערט געבראָכן. צוליב דעם האָט מען פונעם עשעלאָן אראָפּגענומען די שלעגער — קאָסטיע פּערפּילאָוון, יודאלעף טשאָרניצערן און וואניע לאָסיעוון, — ווען די מיליציישע פּראָטאָקאָלן וועלן זייַן אָנגעשריבן און אונטערגעכאסמעט, וועט מען די דריַי לייַט ארייַנזעצן אין א צווייטן עשעלאָן, זיי זאָלן דעריאָגן די כאווײרים זייערע. צו די שלעגער פונעם עשעלאָן האָט מען אָן צערעמאָניעס פארייניקט די צוויי פון ביראָבידזשאן — יויסעף בומאגינען און כילוש מאָזאָרן.

וואָס שייַעך בומאגינען, האָט מען שוין אין געציילטע מינוטן ארום נאָכן געשלעג איבערגעכאזערט אפן פעראָן, און אפילע אין די הייַזער פונעם יישעוו, א פריילעך ווערטל, וואָס עס האָט געזאָגט וועגן אים דער שארפזיניקער אינסטרוקטאָר פונעם ראיויספּירקאָם כאווער שאנאָווסקי. „דאָס, וואָס עס האָט אָפּגעטאָן דער דאָזיקער יידישער יונגאטש בייסן אָפּשטעל פונעם רוסישן עשעלאָן, — האָט א מאך געטאָן שאנאָווסקי, — דאָס, וואָס ער האָט זיך אזוי קונציק געשלאָגן, וואָלט איך אָנגערופן — א יידישער פּאָגראָם, איבערגעניצעוועט אף דער אנדערער זייַט..." מע האָט אויך שוין געוווסט, אז פאר דעם דאָזיקן זאָג האָט דער אינסטרוקטאָר באקומען א פּסאק, טאקע דאָ גלייַך אפן אָרט, פונעם פאראנטוואָרטלעכן טוער פון ראיויספּירקאָם כאווער ווענגראָווער, און, שטארק אין קאס און אופגערודערט, וואָס נאטשאלסטווע לאָזט ניט אויסריידן א וואָרט, איז שאנאָווסקי, ניט געפינענדיק צווישן אוילעם אף דער הייסער מינוט זייַן טעכטערל, אליין אוועק אהיים.

וואָס עמעס, איז עמעס: ווען די עטלעכע ייִנגלעך האָבן נאָכן מיטינג אפן פּאָלוסטאַנעק אַרײַנגעטײלט אײנער דעם אַנדערן אַ כײַלעק, איז עס פאַרן אוילעם אינעם עשעלאָן און אפן פּעראָן ניט געווען אַזאַ גרויסע פּאַסירונג, ווי פאַר דער מיליציע. פּונקט ווי דער אָפּטער רעגן, צו וועלכן מע איז געווען שוין געוווינט, האָט בלויז אַ ביסעלע דערקוטשעט די מענטשן אינעם טײַגע־ייִשעוו, אַזוי האָט אויסגעזען ניט מער, ווי עטוואָס פאַרדראָסיק, וואָס עטלעכע ייִנגלעך האָבן אין אַ נאָווינע איבער עפּעס זיך צעבוצקעט.

ס׳איז אויך פאַרבליבן אינגאַנצן אומבאַמערקט די שוין ניט יונגע פרוי, וואָס האָט זיך דאַפקע אומגעווייִנלעך שטאַרק געערגערט פונעם געשעענעם, און ווען די ייִנגלעך האָבן זיך געשלאָגן, איז זי צוגעוואַקסן צום וואַסער־פּלומפּ, לעבן וועלכן זי איז געשטאַנען אָפּגעזונדערט פון אַלעמען און, אַ דערשראָקענע אַזש ביז ספּאַזמעס, שיר ניט געפאַלן כאַלאָשעס אויף די רעלסן.

די פרוי איז געווען יודאַלעפּס מאַמע, עסטער־ראָכל. אַ שטילע און בענימעסדיקע, האָט זי פון מיידלווײַז אָן פּונקט ווי געפילט אַ שולד פאַר דער אייגענער שיינקייט און גוטסקייט און איז טאָמיד געשטאַנען אין אַ זײַט פון די געשעענישן אין איר אייגן לעבן, אַזוי ווי איצט שטייט זי בײַ דעם זײַטיקן וואַסער־פּלומפּ, מער אָפּגעווײַטערט, איידער די אַנדערע מענטשן, פון דעם אָרט, ווו עס שלאָגט זיך מיט עמעצן ביז בלוט איר זון.

בעשאַס עס איז נאָך געגאַנגען דער מיטינג און יעדערער באַם עשעלאָן האָט פאַרנומען דאָס אָרט, וואָס ער אַליין האָט פאַר זיך אויסגעקליבן, איז זי געשטאַנען אין איר באַהעלטעניש, אַ צופרידענע, וואָס זי קאָן אָן שטערונגען זען פון דאָרט אירע צוויי זין, די טאָכטער און דעם מאַן און אַפילע נאָך עמעצן, ווען זי וויל זען. זי דאַרף ניט מאַכן קיין אָנשטרענגונגען אויף צו אָפּזוכן זיי אַלעמען אין דער גרויסער מאַסע מענטשן.

איצט האָט זי קימאַט שוין פאַרגעסן די איבערלעבונגען פונעם הײַנטיקן טאָג, די עטלעכע שרעקלעכע רעגעס, ווען נעכעמיע, אָנבייגנדיק זיך איבער דעם דיוואַן, אויף וועלכן זי איז געזעסן, האָט געקוקט איר אין פּאָנעם אַרײַן מיט מעוווּלוול געוואָרענע אויגן, אָנפּרעגנדיק זיך, צי ער האָט זי ריכטיק פאַרשטאַנען, — געשיקט זיך, האָט זי טאַקע אַפּאַנעמעסן אָקאָרשט געזאָגט, אַז זי קלײַבט זיך גיין באַגעגענען דעם עשעלאָן און דאָרט עפּענען, ענדלעך, באַם זון די אויגן אויף דעם, וואָס זי און ער, נעכעמיע, האָבן אויסבאַהאַלטן פון אים אַלע צוויי און צוואַנציק יאָר פון זײַן לעבן.

זי געדענקט ניט, אַז ווען־עס־איז זאָל געווען פאָרקומען צווישן איר און נעכעמיען אַן ענלעכע סצענע, וועלכע איז געווען פאַר איר נאָך מער אומגעריכט דערפאַר, ווײַל דער געדאַנק אויפצודעקן יודאַלעפּן דעם סאָד איז איר געקומען עפּעס ווי פון זיך אַליין, דאַן, ווען זי האָט איבערגעלאָזט נעכעמיען מיט ווענגראָווערן אין שטוב און איז אַוועק אין שטעלכל, קלוימערשט אויף צו איבערקלײַבן אַלטע זאַכן. דאָ האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז מע דאַרף דאָך אַמאָל זאָגן יודאַלעפּן דעם עמעס. אָט וועט ער זיך

הײַנט אַ װײַז טאָן פֿאַר זײערע אױגן און װעט נאָכאַמאָל פֿאַרפֿאַלן װערן. װען װעט זי אים װידער זען?

דורך די שיטערע ברעטער פֿון דער װאַנט אינעם סאַרײַ האָט זי באַ־מערקט, אַז די צװײ מאַנצבלען האָבן זיך שױן אומגעקערט פֿונעם קלײנעם צימערל און נעכעמיע באַגלײט שװײַגנדיק מאַרק װענגראָװערן צו דער הינטערטיר. אַזױ איז פֿון פֿריִער אָפּגערעדט געװען, װײַל װענגראָװער האָט ניט געװאָלט דורכגײן דורכן הױף, װוּ עס האָבן זיך לעבן דער שטוב פֿון די טשאַרניצערס צונױפֿגעקליבן די שכנים.

— דאַנקען גאָט... זיך אָפּגעשױשקעט, די צװײ באַלעבאַטים פֿון מײַן לעבן,— האָט עסטער־ראָכל צו זיך אַלײן אַ זאָג געטאָן מיט די זעלבע װערטער, װי טאָמיד, װען זי רעדט װעגן נעכעמיע טשאַרניצערן און מאַרק װענגראָװערן.

— די צװײ באַלעבאַטים פֿון מײַן לעבן...— האָט זי איבערגעכאַזערט די װערטער און אַ זיפֿץ געטאָן.

אַראָפּכאַפּנדיק פֿון אַ טשװאַק אַן אַלט לײַבל, װאָס זי װעט מיטנעמען מיט זיך, קעדײ באַװײַזן, צוליב װאָס זי איז אַװעקגעגאַנגען אין שטעלכל, האָט זי זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב און, אָפּשטעלנדיק זיך לעבן סאַלקען, װעלכע האָט זיך אָנגעטאָן אױף אַװעקצוגײן, געהײסן איר מיטנע־מען מיט זיך דאָס סעקל, װײַל דער רעגן הערט ניט אױף, און אַלײן האָט זי זיך צוגעזעצט אױף דעם דיװאַן.

— װילסט מיר עפּעס זאָגן?— האָט נעכעמיע, װי שטענדיק, זעענדיק, אַז עס ציטערן באַ איר די ליפּן, זיך אָנגעשטױסן צו אָנפֿרעגן זיך באַ איר.

— גאָרניט...— האָט זי שטיל געענטפֿערט.

— זאָל זײַן גאָרניט, עסטער־ראָכעלע, נאָר זאָג...

— איך װעל גײן זיך זען מיט מײַן קינד... װאָדען? איך װעל ניט גײן זיך זען מיט מײַן קינד?

נעכעמיע האָט דערפֿילט, אַז עס נעמט אים שטאַרק טיאָכקען דאָס האַרץ. אין דער טונקלקײַט פֿונעם פֿאַרנאַכטיקן צימער האָט ער דערזען, אַז אױך עסטער־ראָכלס פּנים איז בלאַס געװאָרן. ער איז צוגעגאַנגען נעענטער צום דיװאַן און אָפּגעשטופּט סאַלקען, װאָס האָט זיך געקליבן אַ קוש טאָן די מאַמע פֿאַרן אַװעקגײן.

— װילסט זיך זען מיט אים, צי...— האָט ער אײַנגעהאַלטן אַ פֿרעג געטאָן באַ עסטער־ראָכלען, דורכלאָזנדיק בעקיװען דעם איקער פֿון דעם, װאָס האָט אים באַאומרויִקט, װײַל ער האָט גוט געװוּסט, אַז זי װעט זיך אַלײן אָנשטױסן.

— נעכעמיע, איך קלײַב זיך אים הײַנט זאָגן...— האָט עסטער־ראָכל אַרױסגערעדט מיט אַזאַ אַנטשלאָסנקײַט, אַז זי אַלײן האָט זיך פֿון דעם דערשראָקן.

נעכעמיע האָט זיך װי אױפֿגעריסן פֿון קאַס און אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין טיש. עס האָבן זיך צעקלונגען די טעלער, װאָס סאַלקע האָט אַרױסגע־שטעלט פֿונעם בופֿעט, װען מאַרק גריגאָריעװיטש װענגראָװער איז אַרײַנ־געקומען. סאַלקע האָט זיך געקליבן אים מעכאַבעד זײַן, נאָר ער, װענגראָ־װער, האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עסן און צו טרינקען און זיך אָפּגעזונדערט

מיטן טאטן אין קלײנעם צימערל, װוּ עס זײַנען געװײנלעך געשלאָפן
סאלקע און דער מיזיניק אנדריושקע.

עפּשער דערפאר, װײַל די דאָזיקע ניט־געװײנלעכע קריגערײַ בא די
טשאַרניצערס אין שטוב איז געשען אזוי שװינדלענדיק־גיך, צי עפּשער
װײַל צו עסטער־ראָכלען איז נאָך ניט דערגאַנגען, װי ערנסט דאָס אַלץ
איז, — אזוי אָדער אַנדערש, נאָר שטײענדיק בײסן מיטינג באַם װאַסער־
פּלומפּ און קוקנדיק פון דער װײַט, דורך דער דריבנער רעגן־נעץ, אױף די
מענטשן פון איר מישפּאָכע, האָט זי שױן לאַכלוטן פאַרגעסן די איבערלע־
בונגען פונעם הײַנטיקן טאָג.

זי האָט געזען די מענטשן פון איר גרױס געזינד — שױן קימאַט צונױפ־
גענומען אין אײן אָרט: סאלקען און פּאלעקלען לעבן יודאַלעפן, און ניט
װײַט פון זײ, צװישן אױלעם — נעכעמיען. ס'איז געװען ניט אינגאַנצן
קלאָר, צי אים, נעכעמיען, האָט זיך שױן אײַנגעגעבן זיך דורכשטופּן צו
יודאַלעפן, צי ער טוט עס ערשט איצט. אַפילע דעם צװײטן באַלעבאָס
פון איר לעבן האָט זי אױך געזען נאָענט פונעם אָרט, װוּ דאָס געזינד
זאַמלט זיך צונױף.

עסטער־ראָכל האָט געקוקט אױף יודאַלעפן און געטראַכט, אַז אָט — זי
װעט אים באַלד פאַרטרױען איר גרעסטן סאָד. ער איז אַ יאַט מיט בײנער,
איר קינד! זי האָט געשעפּטשעט צו זיך אַלײן: „קינד מײַנס״... אזוי האָט
זי יודאַלעפן גערופן, און באַזונדערס דאַן, װען זי האָט גערעדט מיט אים
אַלײן. קינד מײַנס... קײנמאָל ניט גערופן אים באַם נאָמען. זי האָט מיט
כידעש נאָכגעשפּירט, װי ער װאַקסט פון זיך אַלײן, אָן איר, און עס
שפּאַרט פון אים אַרױס אַן אױסערגעװײנלעכער קױעך, װעלכער האָט אים
אױסגעטײלט פון די מענטשן און מיט דעם געמאַכט ניט אינגאַנצן באַקװעם
דאָס אָרט זײַנס צװישן זײ. אין הױף פונעם טײַגע־יִישעװ האָבן די שכײ־
נים באַמערקט, אַז זי, עסטער־ראָכל, לאָזט ניט אױסהאַקן באַם סאַמע פּענצ־
טער פון איר שטוב אַ געדיכטן קראָפּעװע־קוסט, און זײ האָבן ניט געקאָנט
זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס האַלט זי לעבן זיך איר קינד, יודאַלעפן, װײַל
געװאַקסן איז ער דאָך פרײַ און ביטער, װי אַ קוסט קראָפּעװע. צו אַכצן
יאָר איז ער שױן געװען מער װי געװײנלעך צעװאַקסן, מאַמעש אַ שימשן־
האַגיבער, און דאָך איז ער געװען — קראָפּעװע, װײַל אױף אים האָט געפעלט
די האַנט פון דער מאַמען... זי, עסטער־ראָכל, איז געװען יודאַלעפס פּלאָנ־
צערן, האָט זיך געװאָרפן אין די אױגן, װי קלײן און שװאַך זי איז, און
אַפילע ער אַלײן האָט אױך פון אַלע אירע אײגנשאַפטן געפילט אױף זיך
מערער איר שװאַכקײַט. װען ער איז ערשט אַלט געװאָרן אַכצן יאָר, און
בעמײלע שױן אױך שפּעטער, האָט ער גענומען זי רופן, שטאַרק־ליבנדיק,
אזוי װי זי אים — „קינד מײַנס״... דאָס האָט שטאַרק אױסגענומען אין דעם
שטעטל, װוּ די טשאַרניצערס האָבן פריִער געלעבט און װוּ עסטער־ראָכל
איז, פּונקט װי באַ נעכעמיען, איר מאַן, געװען — עסטער־ראָכלע, װײַל
אױך פרעמדע מענטשן האָבן זי ליב געהאַט פאַר איר שטילער נעשאָמע.

ביזװאַנען די דרײַ עלטערע קינדער אירע זײַנען געשטאַנען אײנס לעבן
אַנדערן און זיך צוגעהערט צום מיטינג, האָט זי זיך ניט געאײַלט דורכצו־
שלאָגן זיך צו זײ דורכן געדיכטן אױלעם. יודאַלעפן האָט זי ניט אַרױסגע־

לאָזט פון אויג, — ער זעט, קיין איינהאָרע, אויס געזונט, נו און דורכריידן זיך מיט אים, איידער ער וועט אָפּפאָרן מיטן קאָמיוגישן עשעלאָן, וועט זי נאָך באַוויַזן.

דאָ אָבער האָט זיך אָנגעהויבן דער געשלעג. דאַנקען גאָט, וואָס זי האָט עס שוין איבערגעלעבט. זי האָט זיך אַ צעפּאַלאָשעטן ריס געטאָן פון אָרט, ווען דער מיליציאָנער ראָזענפעלד מיט די ברייטע גאַליפע און מיט די פּאַרליאַפּעטע שטיוול — אַפילו אין אַ טרוקענעם וועטער — האָט גענומען אָפּפירן יודאַלעפן צו דער סטאַנציע־געביַדע. צוערשט האָט זי זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן זיי מיט צעלאָזטע הענט, שיר ניט פאַרלאָרן די וואַרעמע שאַל פון די אַקסלען, נאָר דאָ גליַך, ווי לויט אַן אינווייניקסטן באַפעל, זיך צו־ריק שטיַף אין דער שאַל אייַנגעוויקלט, פאַרוואָרפנדיק איין עק איבער דער פּלייצע.

יודאַלעף האָט זי דערזען און זיך אָפּגעשטעלט, וואַרטנדיק, ביזוואַנען זי וועט צוגיין, פונקט ווי זיי וואָלטן ביז איצט געגאַנגען צוזאַמען און זי איז אָפּגעשטאַנען אַ ביסל. דער מיליציאָנער ראָזענפעלד האָט אים צו־געיַילט:

— גיכער!..

יודאַלעף האָט זיך צעלאַכט, ווי מע וואָלט אים געקיצלט:

— זעסט ניט? — די מאַמע... לאָז מיך זי נעמען מיט זיך, לאָז מיך...

ער האָט זי מיטביידע הענט עטוואָס אונטערגעהויבן אין דער הייך, אויסגעווישט איר די טרערן פון די באַקן און, אָפּפירנדיק פון איין אויער די שאַל, אַריַינגערוימט איר אַ סאָד:

— קינד מיַינס...

ווען יודאַלעף האָט זי אונטערגעהויבן, האָט זי, קוקנדיק אַף צוריק, ווידער איבערגעציילט איר געזינד: סאַלקען און פּאַלעקלען, און די צוויי באַלעבאַטים פון איר לעבן, ווי זיי האַלטן זיך נאָענט צו איר און צו יודאַ־לעפן און וואַגן ניט, אָדער ווילן ניט אַריַינמישן זיך אין זייער באַגעגע־ניש. זי האָט זיך ניט געיַילט אַרויסצובאַפריַיען זיך פון יודאַלעפס הענט, און ווען ער האָט אַליין זי צוריק אַוועקגעשטעלט אַפן פּעראָן, האָט זי אים שווייַגנדיק איבערגעגעבן דאָס קלומעקל, וואָס זי האָט געטראָגן אונטער דער שאַל, עס זאָל זיך ניט איַינעצן פונעם רעגן, און אַוועקגעשפּאַנט צו־זאַמען מיט אים און מיטן מיליציאָנער ראָזענפעלד צו דער געביַידע פונעם איַיזנבאַן־פּאָלוסטאַנעק. באַ דער טיר פונעם וואַרט־זאַל איז געשטאַנען אַ צווייטער מיליציאָנער, יעגאָראָוו, און קיינעם ניט אַריַינגעלאָזט. דער דריַ־טער מיליציאָנער, נעסטערענקאָ, האָט אין וואַרט־זאַל אויסגעפרעגט מאַ־זאָרן, לאָסיעוון און פּערפּילאָוון. ער האָט אָן אופהער געטונקט באַ זיך אין מויל, צווישן די וואָנצעס, אַ שלעכט פאַרשניצטן כימישן בליַיער, און שריַיבנדיק מיט איין האַנט דעם פּראָטאָקאָל, מיט דער צווייטער האַנט גע־טיטשעט, לויט דער ריי, אין יעדן פון די פאַרהאַלטענע:

— קאַזשי טי... (זאָג דו...).

דערזען יודאַלעפן, האָט ער אויך צו אים אויסגעשריגן „קאַזשי טי", נאָר יענער האָט ניט אַרויסגעוויזן קיין מינדסטן כיישעק צו דערציילן, וויאַזוי דער געשלעג איז אַרויסגעקומען, און דער מיליציאָנער ראָזענפעלד,

צעפּירנדיק מיט די הענט, האָט אים אָפּגעלאָזט זיך צוזעצן מיט דער מאַמען אויף אַ באַנק אין דעם וויטערן ווינקל.

אויך סאַלקע האָט זיך איינגעבעטן באַם מיליציאַנער יעגאָראָוו, און ער האָט זי אַריינגעלאָזט אין וואַרט־זאַל. זי האָט זיך צו דער מאַמען און צום ברודער ניט צוגעזעצט, אַרומגעדרייט זיך לעבן זיי און פון מאָל צו מאָל צוגעשטאַנען — דאָס צו אים, דאָס צו איר מיט די מיידלשע לאַסקעס אירע.

— וואָלסט בעסער אויסגעזוכט פּאַלעקלען... עפּעס איז ער פאַרפאַלן געוואָרן... צי שלאָגט ער זיך ניט אויך מיט עמעצן?.. — האָט געזאָגט צו איר עסטער־ראָכל, און זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ניט נאָר דאָס מיינט די מאַמע. די מאַמע וויל זיך דורכריידן מיט יודאַלעפן און דערציילן אים דעם סאָד, וואָס זי, סאַלקע, ווייסט אים פון קינדוויז, נאָר זי האָט קיינמאָל אפילו מיט קיין וואָרט ניט אָנגעדייט וועגן דעם יודאַלעפן, ווייל, ערשטנס, האָט זי זעלטן־ווען אים געזען און, צווייטנס, איז זי, זינט זי געדענקט זיך, געווען עסטער־ראָכלעס ניט נאָר אַ טאָכטער, נאָר אויך אַ כאַווערטע...

כאָטש זי האָט געוווסט, אַז פּאַלעק איז אינמיטנדערינען גאָר געגאַנגען אָפּפירן אַהיים אַ מיידעלע פון זיין קלאַס, וועלכע האָט פאַרלוירן אין דער שטופּעניש איר טאַטן, דאָך איז זי, סאַלקע, אַרויסגעגאַנגען פונעם וואַרט־זאַל אָפּן פּערעאָן, קלוימערשט אָפּצוזוכן דאָס ברודערל.

די אויסגעצויגענע אין דער לענג — אויף זעקס גרויסע פּענצטער — איינ־שטאָקיקע הילצערנע סטאַנציע־געביידע האָט געהאַט פון דער פאַראַדנער זייט צוויי אַריינגענג מיט צוגעבויטע צו זיי פּירשטיבלעך. אין יישעוו האָט מען די פּרישטיבלעך פון דער סטאַנציע גערופן אין אַ שפּאַס — פּידאַשע־קעס. דער פּידאַשעק פון דער רעכטער זייט האָט געפירט צום וואַרט־זאַל, דער צווייטער פּידאַשעק — צו די צימערן פונעם סטאַנציע־שעף און פון דעם דזשורנעם. דאָרט, אויף די טרעפּלעך פונעם צווייטן פּירשטיבל, האָט סאַלקע דערזען שטיין איר טאַטן און מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווערן. זיי האָבן געררייכערט און זיך איבערגעוואָרפן מיט קאַרגע ווערטער. דער טאַטע האָט סאַלקען גלייך צוגערופן און, סטאַרענדיק זיך זיין ווייכער, אַ פרעג געטאָן, צי פון דעם רעגן האָט זי ניט איינגענעצט די פיס, און, צוליב איר טויווע וועגן — זי זאָל קאָנען זיך איבערטאָן און אָנוואַרעמען די אייוור־רים, — אָפּגעשיקט זי אַהיים מיט אַן אָנזאָג, ס׳זאָל זיין געגרייט דער טיש.

— איך וועל באַלד אַ רוף טאָן יודאַלעפן מיט דער מאַמען, און לאָמיר גלייבן, אַז אויך מאַרק גריגאָריעוויטש, ווי אַ לאַנדסמאַן, וועט צו אונדז אַריינגיין... האָסט דאָך היינט געוואָלט מעכאַבעד זיין מאַרק גריגאָריע־וויטשן, וועסטו עס קאָנען טאָן איצטער...

סאַלקע האָט ניט דרייסט דערווידערט:

— טאַטע, מע רעדט דאָך אויף דער סטאַנציע, אַז יודאַלעף מיט די איבעריקע, וואָס מע האָט זיי פאַרהאַלטן, וועלן אַוועקפאָרן נאָך היינט באַנאַכט מיט אַ צווייטן עשעלאָן...

— מע רעדט... מע רעדט! — האָט ניט אויסגעהאַלטן דער טאַטע. ווענגראָווער האָט געזאָגט מיט אַ באַרויִקנדיקער שטים:

— נו, דאָס וועל איך שוין אײַנאָרדענען. סע וועט קיין אומגליק ניט געשען, אויב יודאַלעף וועט איין נאַכט אָפּזײַן אין דער היים...

— סאַלקע, האָסט געהערט? — איז ווידער ווייך געוואָרן דער טאַטע. — מאַרק גריגאָריעוויטש וועט דעם איניען אַליין אײַנאָרדענען... גיי, סאַלקע, אַהיים. פאַרגעס ניט אוועקשטעלן אַ פּאָר פלעשלעך מאַשקע אויפן טיש...

ווען סאַלקע איז פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש, האָט טשאָרניצער גענומען אונטערשטופּן ווענגראָווערן:

— גיכער, מאַרק, גיכער... אויב מיר וועלן זיך פאַרהאַלטן, וועט עס־טער־ראָכעלע... אַף איר אויפן... לאָמיר זיך אַרײַנמישן, מאַרק... צוליב דיר טו איך עס...

ווי פיל מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, האָט ווענגראָווער געהאַט איינע אַ שוואַכקײַט, וואָס בײַקומען זי האָט זיך אים, אויסער אַלעס, אויסגעדוכט פאַר איבעריק. פון דער יוגנט אָן איז ער געוווינט געווען נאָכצוגעבן טשאָרניצערן, און רעדנדיק מיט אים, פלעגט ער, געוויינלעך, מיט קיין וואָרט ניט קאָנען דערווידערן. אַ זײַטיקער מענטש האָט לײַכט אין דעם אײַנגעזען עפּעס מערערס, איידער ווענגראָווערס באַציִונג צו נעכעמיע טשאָרניצערן, אָבער ווענגראָווער האָט זיך אײַנגערעדט, אַז דאָס געהער זיך אָן בלויז צו זיי ביידן. אויך איצט האָט ער געזוכט צו שטעלן זיך הינטער דער פּלייצע פון זײַן יוגנט־כאַווער, און ער האָט שוואַך, ניט מיט זײַן געוויינלעך קאָל, אים אַ בעט געטאָן:

— גיי דו דער ערשטער... נו, גיי...

זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען צו דעם פּירשטיבל, וואָס באַם וואַרט־זאַל. דער מיליציאָנער יעגאָראָוו האָט צוגעלייגט די האַנט צום דאַשעק. ווענגראָווער האָט העפלעך דורכגעלאָזט פאַר זיך טשאָרניצערן.

6

ווען אינעם וואַרט־זאַל האָט זיך באַוויזן דער פאַראַנטוואָרטלעכער טוער פון ראַיִיספּירקאָם, איז מיטאַמאָל אַלץ געוואָרן קלאָר און פאַרשטענדלעך. מע האָט אַ רוף געטאָן דעם דעזשורנעם פון דער סטאַנציע, און עס איז דאָ אויפן אָרט באַשלאָסן געוואָרן, אַז די דרײַ קאָמיוגיסטן פונעם עשעלאָן וועלן אָפּפאָרן קיין כאַבאַראָווסק פינף אַזייגער פאַרטאָג מיטן געמישטן פּאַסאַזשיר־ און פראַכט־צוג „מאַקסימקע״. דערווײַל איז מען זיך צעגאַנגען אויף נאַכטלעגער: בומאַגין און לאָסיעוו — אין דער ראַיאָנער מיליציע, קעדיי אַראָפּנעמען דאָרט אַ קאָפּיע פונעם פּראָטאָקאָל, ווי עס האָט באַם אָפּפאָרן פון טיכאָנקע אָנגעזאָגט דער עלטסטער פונעם עשעלאָן: די דרײַ מיליציאָנערן — ראָזענפעלד, יעגאָראָוו און נעסטערענקאָ — האָבן פאַרזיכערט דעם כאַווער ווענגראָווער, אַז זיי וועלן לאָסיעוון און בומאַגינען אָנפּויען מיט טיי. אויך פּערפּילאָוו וועט הײַנטיקע נאַכט אין ביראָבידזשאַן ניט פאַרפאַלן ווערן. ער האָט שוין באַוויזן זיך נאָענט צונויפגיין מיטן ייִדישן כאַווער מאַזאָר, און קאָלזמאַן די איבעריקע מענטשן אין וואַרט־זאַל האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן זייערע איניאָנים, זײַנען שוין די צוויי כעוורעלײַט אַרויס אין דרויסן און זיך אוועקגעלאָזט מיט גיכע טריט צום הויז פונעם קאַנט־

קענטעניש־מוזיי. פערפּילאָוו האָט פון פריִער געפּויעלט בא מאזאָרן, אז יענער וועט אים געבן א קאַפּל בראָנפן אף דורכצושווענקען דעם גאָרגל, און מאַזאָר, פון זײַן זײַט, האָט פערפּילאָוון געוואָרנט, אז גייענדיק אין אונז״, וועלן זיי אָנלייגן וועג, ווײַל ער, מאזאָר, מוז זאָגן א פּאָר ווערטער יענעם מיידל, דער פעלדשערן פונעם היגן שפּיטאָל, וואָס איז פונעם וואַרט־זאַל אוועק פריִער פון זיי און האָט ביכלאל געמאכט אן אָנשטעל, אז מיט מאַזאָרן איז זי ניט באַקאַנט. ער שפּאַצירט מיט איר שוין עטלעכע וואָכן, און זי געפעלט אים.

עמעס, ווען די צוויי יונגעלײַט זײַנען געקומען צום הויף, ווו ס׳איז געשטאַנען די שטוב פון די טשאַרניצערס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז כילוש מאזאָר האָט ניט וואָס צו זאָגן סאַלקען, אָבער זען זי האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט, און נאָכשפּירנדיק אינעם באַלויכטענעם פענצטער, וויאַזוי זי האָט אַרום איינע אליין איבערן צימער און גרייט צום טיש, האָט ער אפילע אָנגעקלאַפּט צו איר. סאַלקע האָט אן עפן געטאָן דעם פענצטער און, זשמורעדיק די אויגן אף צו זען עפּעס אין דער פינצטערניש, אַרויסגעשטעלט דעם קאָפּ אין דער ווײַכער פרילינגדיקער נאַכט. דערזען מאַזאָרן מיט פערפּילאָוון, האָט זי זיך דערשראָקן:

— ס׳איז עפּעס געשען?

קאָסטיע פערפּילאָוו איז צוגעגאַנגען האַרט צום פענצטער. דאָס דער־שײַנען פונעם שטאַלטנעם מיידל אין דער רייצנדיקער שײַן פונעם צוגע־פּוצטן צימער האָט אף א רעגע אָפּגענומען בא אים דאָס לאָשן. ווען ער האָט זיך באַהערשט, האָט ער נאָך אלץ ניט געוווּסט, וויאַזוי ס׳איז בעסער מיט איר אָנצוהייבן ריידן, און אויסגעקליבן אזא טאָן, וואָס וואָלט עפשער פּאַר אן אנדער מיידל און אין אן אנדער צײַט געטויגט, נאָר סאַלקען איז ער גלײַך ניט געפעלן געוואָרן, ביפראַט אז זי האָט דערקענט אינעם באָכער דעם רעדנער פון דער טעפּלושקע.

פערפּילאָוו האָט אַראָפּגענומען פונעם קאָפּ דאָס היטל מיטן קורצן דאַ־שעק און אויסגעדרייט עס, ווי א שטיקל נאס גרעט. שטייענדיק אין שטוב, איז סאַלקע געווען עטוואָס העכער פון אים, און זי האָט א רעגע באַטראַכט דעם פריִען פליך אפן סאַמע מיטן פון זײַן קאָפּ, די שיטערע האָר, וואָס ער האָט, ווײַזט אויס, בעקיוון אויסגעלייגט אזוי, אז זיי זאָלן פאַרדעקן דעם שטערן ביז די ווינקלען בא די אויערן. אף זײַן פּאָנעם האָבן זיך אויסגעטיילט אומנאַטירלעך־ווײַסע וויִעס, וועלכע האָבן אין דער פינצטער־ניש אויסגעזען ווי לויכטנדיקע פויל־העלצלעך. כילוש מאזאָר איז געבליבן שטיין אין שאָטן.

עפּעס אָפּשטויסנדיקס האָט סאַלקע דערפילט אין אָט דער סצענע. ס׳איז אויסגעקומען, ווי מאזאָר וואָלט געבראַכט צו איר שטוב דעם פרעמדן אף צו דערווײַזן אים דאָס, מיט וואָס ער האָט זיך פאַר אים באַרימט. סאַלקע האָט נאָכאַמאָל מיט אומרו געפרעגט:

— וואָס איז געשען, כאַווער מאזאָר?

— קיינע זאַך נישט.— האָט געענטפערט מאזאָר, בלײַבנדיק שטיין אָפּגעווײַטערט פונעם פענצטער.— כ׳בין עמפּפינדלעך צו אײַער אָפּוועזנ־הײַט, מערר גאָרנישט...

פערפילאָוו האָט אַ צמאָקע געטאָן:

— יעווריישקי יאַזיק...

אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די עלנבויגנס אינעם אָפענעם פענצטער, האָט ער ווידער גענומען ריידן שפּילעוודיק מיט אָנדײַטונגען:

— ווער מען גלוסט זיך שטיין אונטערן קאַלטן רעגן, שוועסטערקע? קום צו פאָרן צו אונדז אין אַ רוסיש דאָרף, וועט מען אין יעדער כאַטע דיך אַרײַנלאָזן...

מאַזאָר האָט אים אַ רוף געטאָן:

— קום, קאָסטיע...

— וווהין גיין, טײַערער יידישער כאַווער, אַז דאָ איז געגרייט אַ טיש, און די קראַסאָטקע, אויב זי וועט וועלן, קאָן דערוואַרעמען אונדז ביידן...

סאַלקע האָט אַראָפּגעשאַרט פונעם פענצטער פערפילאָווס עלנבויגנס און דאָס היטל, וואָס ער האָט אוועקגעלייגט אָפן פענצטער־ברעטל. אופהייבנדיק פון דער נאַסער ערד דאָס היטל, האָט פערפילאָוו מיט יונגלשער לייצאָנעס און פאַרבאָרגענעם קאַס גענומען אומגעריכט קריכן דורכן פענצטער אין שטוב אַרײַן. ווען ער איז געווען שוין אָף האַלב אין צימער, האָט סאַלקע מיט קויעך אַ פאַרמאַך געטאָן דאָס פענצטער, און אַן אײַזנדל האָט אים געטראָפן אין שטערן, לעם סאַמע אויג. דערפילנדיק, אַז עס האָט אַ שפּריץ געטאָן בלוט, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען צוריק אָף דער ערד און, ווי זײַן שטייגער איז, זיך פאַרזשמורעט אַזוי, אַז די ווײַסע ווײַס זײַנען, ווי מע־רעזשקעלעך, געבליבן ליגן אָפן אָרט פון די אויגן. עס האָבן זיך בא אים אַראָפּגעלאָזט די ווינקלען פונעם מויל, און ס׳איז געווען קענטלעך, ווי ער פאַרבײַסט הינטער די פאַרפרעסטע ליפּן דעם צונג. דאָס האָט באַטײַט, אַז איצט איז ער געצווונגען אָפּצוטרעטן, נאָר דאָס, וואָס איצט קומט פאָר, וועט שפּעטער האָבן אַ טיקן...

ניט ווײַט פונעם הויף האָבן זיך דערהערט טריט. סאַלקע האָט אָן שום מוירע ווידער אָן עפן געטאָן דאָס פענצטער און, לאַכנדיק, אויסגעשריִען:

— געראָי! נעם דיר דײַן יידישן כאַווער און שטעל פּיס...

פערפילאָוו איז ניט גלײַך אוועק פונעם פענצטער. ער האָט אַ פּאָר רעגעס באַקוקט אָנגעשטערנגט סאַלקען און אין איר ניט געפונען גאָר־נישט פון דעם, וואָס מע לויבט געוויינלעך בא אַ מיידל: קיין כיין־גריבע־לעך און כיין־פּינטעלעך, קיין פּאַריסן נעזל, טיפע אויגן, לאַנגע צעפּ... סאַל־קע איז געווען שטאַלטנע מיט איר גאַנצן שטעל, און ניט מיט עפּעס באַזונ־דערס. ס׳איז געווען אַרויסרופעריש איר שטרענגע אָפּגעהיטקײַט, אַז ניט די בריסט, ניט די קני, ניט די הענט זאָלן ניט זײַן אַרויסגעשטעלט. אַלע קנעפּלעך — צוגעשפּיליעט, די פּרוויזשקײַט אַזוי גוט צוגעדעקט, אַז פון דער זײַט איז ניט מעגלעך געווען זי ניט צו דערשפּירן. בלויז דער האַלדז בא סאַלקען, אַ הויכער און אַ זויבער־ווײַסער, ווי בא אַ שוואַן, האָט זיך ניט אַרײַנגעפּאַסט אינעם אָנטאָן. ס׳האָט זיך אָנגעזען דאָס טיפע גריבעלע, ני־דעריקער פונעם האַלדז, די צוויי פּלאַטשיקע ביינער־לאָפּעטקעלעך צווישן דעם האַלדז און די אַקסלען. אין סאַלקעס פּאָנעם איז אַלץ געווען אָפן אָרט: רויִקע, באַדאַכטע אויגן, קליינע אויערן מיט צוגעקנעפּלטע צו זיי פּערל,

וועלכע פערפילאָוו האָט באמערקט ווי נאָר זי האָט זיך באוויזן אין פענצטער, עטוואָס אָנגעשוואָלענע, לאכלוטן ניט קיין געפארבטע ליפן.

די טריט אף יענער זײַט פלויט האָבן זיך געלאָזט הערן שטארקער. פערפילאָוו איז אָפּגעגאַן אין דער טיף פונעם הויף און, ניט געפינענדיק מאזאָרן, שטיל אים א רוף געטאָן. כילוש מאזאָר האָט זיך פאר די טריט דערשראָקן. כוץ דעם, האָט ער זיך געפילט באליידיקט, וואָס סאלקע איז געווען קאלט און שטרענג צו זײַן כאווער און צו אים אליין. געפונען אים האָט פערפילאָוו שוין באם ברעג פון דער בירע, און זיי האָבן זיך שטילערהייט פארנומען מיט דער סטעזשקע אזוי, אז די מענטשן, וועלכע זײַנען צוגעקומען צו דער שטוב, זאָלן זיי ניט זען.

ארײַנקומענדיק צו כילוש מאזאָרן אינעם פארוואלגערטן מיט מוזייעקספּאָנאטן צימער, האָט קאָסטיע פערפילאָוו גלײַך אויסגעוואשן דאָס פּאָנעם, וואָס איז שוין אינגאנצן געווען פארגאָסן מיט בלוט, און שטײַף איבערגעבונדן מיטן האנטעך דאָס אויג און דעם שטערן. מיטן אנדערן אויג האָט ער אפגיך אָפּגעזוכט דאָס אײַזערנע בעטל, אויך אן ארומגעשטעלטס מיט עקספּאָנאטן, און געמאכט פאר זיך אן אָרט אף צולייגן זיך.

— דו, בראטאָק, שטעל דערווײַל ארויס, וואָס דו האָסט, און איך וועל רעדן. קיינער הערט ניט אונטער? נו, וועל איך רעדן. איך האָב א פלאן פאר אונדז ביידן... א פלאן אפן גאנצן לעבן, בראטאָק...

מאזאָר האָט דערלאנגט פערפילאָוון א פליאגע און א בלעכן קווערטל. פערפילאָוו האָט אָנגעגאָסן און, זופנדיק צוביסלעך, פארביסן מיט רויטער קעטא. איידער דערציילן וועגן דעם פלאן אפן גאנצן לעבן, האָט ער זיך אָנגעפרעגט בא מאזאָרן:

— זאָג דעם עמעס, מײַן יידישער כאווער, צי פארשטייסטו, אזוי ווי איך, אז מיר ביידע, אונדזער ביידנס גוירל, זײַנען ווי צוויי שטיוול — א פּאָר... דו פארשטייסט עס, צי ניט? ניין, איך פרעג, צי דו פארשטייסט עס...

— אוואדע! — האָט געענטפערט מאזאָר. אף רוסיש איז זײַן לאָשן געווען צוגענגלעכער, איידער אף יידיש. פערפילאָוו האָט גענומען אויסדערציילן זײַן פלאן.

יאָ, ביידע האָבן זיי איין גוירל. זייערע טאטעס געפינען זיך אין א לאגער אין דער טײַגע. אָבער זיי, כילוש און קאָסטיע, זײַנען דאָך שוין אויך ניט קיין קלייניע קינדער... ס'האָט א ווערט זיך דערקלײַבן צום לאגער און דאָרטן אָפּשאטעווען די קאָלאָנע — אף דער ארבעט, צי ערגעץ אנדערש — און זיך זען מיט די טאטעס?

— און שפעטער? וואָס וועט שפעטער זײַן דער טאכלעס? — האָט זיך אָנגעפרעגט מאזאָר.

— עך, קע־פע־לע... — האָט פערפילאָוו ארויסגערעדט אף יידיש מיט ווייכע אײַענס — קיע־פיע־ליע...

ער האָט מיטן בלעכענעם קווערטל א קלאפ געטאָן כילוש מאזאָרן איבערן קאָפּ. מאזאָר האָט נאָך מערער ארויסגערוקט פון זייערע ערטער די ניט געצוג פארשרויפטע גרויע אויגן זײַנע און געוואַרט, ביזוואנען פערפילאָוו וועט ענטפערן אף דער פראגע.

— דאָ גייט דורך די גרענעץ, דער אמור... — האָט פּערפּילאָוו הייזעריק געשעפּטשעט. — קיינער הערט ניט אונטער?
און שיקערלעך זיך צעזונגען:

В дебрях не тронул прожорливый зверь,
Пуля стрелка не догнала...

— הא! איך פאַרשטיי...
ער האָט אָפּגענומען בא פּערפּילאָוון דאָס קווערטל און מיט איין שלונג אויסגעטרונקען דאָס רעשט בראָנפן:
— פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען... דאָס איז א געדאַנק, יעי באָגו...
— האָסט א גרויסן באַגאַזש, בראַטאָק? — האָט זיך אָנגעפּרעגט פּערפּילאָוו.
— א רענצל מיט דעם טאַטנס זאַכן.
— נעם עס מיט... אין טײַגא וועלן מיר די זאַכן אויסבײַטן.
— וואָס זשע, גלײַך גייען מיר שוין?
— ניין, מירן פרי׳ער אויסבויען די צוויי שטעט: דו אף דער בירע, און איך אפן אמור...
מאַזאַר האָט אויך אָנגעהויבן שעפּטשען:
— איז ווען זשע?
— באַלד! נאָך ביז די „מאַקסימקע״ וועט קומען. אַנדערש וועט מען מיך געפינען און אוועקטרײַבן קיין כאַבאַראָווסק.
— אַזוי גאָר...
כילוש מאַזאַר האָט ארויסגעשלעפּט פון אונטערן בעטל דאָס פּאַניעַרענע רענצל מיטן טאַטנס זאַכן...

7

ווען פאַלעק איז אוועק אונטערפירן אהיים עסטערקען, איז דער רעגן געוואָרן שטאַרקער, עס האָט א בלאָז געטאָן א ווינט, און עסטערקע, זײַענדיק דערצו נאָך פאַרזאָרגט פון איר טאַטנס פאַרשווינדן, האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דעם מוט. זי איז אין דער פינצטערניש אראָפּ פונעם טראָטואַר, געבליבן שטיין אין א טיפער קאַליוזשע און זיך צעוויינט. ווען ער איז געקומען צוהילף, איז פאַלעק, אָנשטאָט געבן איר די האַנט און א שלעפּ טאָן צום טראָטואַר, אליין אויך ארײַן אין דער קאַליוזשע. ער האָט זיך צעלאַכט, און זי, עסטערקע, פאַרגיסנדיק זיך מיט טרערן, האָט מיט אים אינאיינעם געלאַכט.
עסטערקע איז געווען א נערוועזע נאַטור, מיט פּלוצעמדיקע איבערגאַנגען פון איין געמיט-צושטאַנד אין א צווייטן. באַם לעבן פון דער מאַמען פלעגט צו די שאַנאָווסקיס אָפט ארײַנקומען א היימישער דאָקטער, וועלכער האָט געהאַלטן אין איין ארויסזאָגן א האַשאַרע, אז דאָס פאַרגיין זיך באַם וויינען און באַם לאַכן און דאָס איבערמישן איינס מיטן אַנדערן, איז א רעצידיוו פון דער קינדהײַט, און דאָס, וואָס די קינדהײַט האָט זיך אַזוי

פאַרהאַלטן, איז אַן און פאַר זיך אַ פּויעל־יויצע פון צו שטאַרק באַלעווען די באַסיעכידע. „די קראַנקייט וועט אָן מעניעס פאַרשווינדן פּונקט אין יענער מינוט, ווען עסטערקע וועט אַליין זיך שטעלן קאָכן אַ קאַשקעלע״,— פּלעגט טײַנען דער היימישער דאָקטער. די מאַמע איז געשטאָרבן, די באַסיעכידע איז אונטערגעוואַקסן, נאָר ביז הײַנט קאָכט דאָס קאַשקעלע דער טאַטע, און עסטערקע איז נאָך אַלץ קראַנק אַף אָט דער מאָדנער קרענק — זי לאַכט און וויינט אָן שום איבערגאַנגען, און עס קומט איר אָן שווער צו אופהערן...

אין אַלע איבעריקע זאַכן איז עסטערקע געווען גאָר אַ פײַן מיידעלע, אַ פּולס מיט אַן אויג, ווי עס פּלעגט וועגן איר זאָגן פּאַלעקס מאַמע, עסטער־ראָכל. ווען די צוויי קינדער פּלעגן קומען צו די טשאָרניצערס אינעם הויף, איז עסטער־ראָכל ניט אָפּגעשטאַנען פון עסטערקען. „מיר פאַר דײַן קוטשעראַווע קעפּעלע״... „מיר פּאַר דײַן שיין קעלעכל״... „מיר פאַר דײַן זשוואַוו צינגעלע״...— פּלעגט זי אונטערזינגען, קוקנדיק מיט גרויס פאַרגעניגן אַף דעם פּולקערפּערדיק, ווײַסלײַביק מיידעלע, און זי, עסטערקע, פּלעגט לאַכן אָדער וויינען פון אָט די צערטלעכע רייד, אַרויסרופנדיק באַ פּאַלעקן אופריכטיקן מיטגעפיל. „מאַמע, וואָס דאַרפסטו זי רייצן?״— פּלעגט ער נאָך עסטערקעס אַוועקגיין זיך אָנפּרעגן. עסטער־ראָכל פּלעגט זיך פאַרענטפערן: „וואָס רעדסטו, פּאַלעקל, איך מיין דען עפּעס?״...

מע קען ניט זאָגן, אַז עסטערקע האָט איצט, שטייענדיק אינעם רעגן־וואַסער באַם טראָטואַר, זיך שוין אַליין אַן אייצע געגעבן מיטן וויינען און מיטן לאַכן. ווען זי זאָל געווען דערגיין מיטן אייגענעם סייכל די סיבע, פאַרוואָס ביטערע טרערן זײַנען מיטאַמאָל געוואָרן זיס — דאַן וואָלט עס באַטײַט, אַז אין אָט דעם לאַנגן בירָאָבידזשאַנער אָפּדערנאַכט, אינמיטן וועג אַהיים, אונטערן עסעריקן רעגן, האָט זי, ענדלעך, אָפּגעקאָכט אַליין איר קאַשקעלע. אַזוי טאַקע וואָלט עס געקאָנט אָפּגעשאַצט ווערן, נאָר אין דער זעלבער רעגן־וואַסער האָט זיך דאָך געטאָפּטשעט פּאַלעק, און ער האָט אויך געלאַכט, פאַרהיקענדיק זיך און שמאָרענדיק מיט דער נאָז, ווײַל סע האָבן אים, ווי עסטערקען, געשטיקט טרערן. ניט אַנדערש — די גרויפּן פאַרן קאַשקעלע האָבן זיי אָנגעהויבן צו פאַרשיטן צוזאַמען...

אין דער זעלבער רעגע איז ווי פון אונטער דער ערד דערשינען עסטערקעס טאַטע — מיט אַ גאַז־לאַמטערן אין איין האַנט און מיט אַ שירעם אין דער צווייטער. ער איז געווען בלאַס. איין עק פונעם וואָלענעם שאַרף האָט זיך באַ אים אַרויסגעשלאָגן פון דעם מאַנטל און געבאָמבלט זיך אַף דער פּלייצע. דערזעענדיק די קינדער, האָט ער מיטן שירעם אָפּגעשטופּט פּאַלעקן נאָך ווײַטער פונעם טראָטואַר, אַוועקגעשטעלט דעם לאַמטערן אויז אַ כאַפּ געטאָן עסטערקען פאַר דער האַנט:

— קום!

עסטערקע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט:

— טאַטע, שלעפּ מיך ניט...

אַ געדיכטע כוואַליע האָט פון אינווייניק, פון דער ברוסט, זיך אופגעהויבן באַ שאַנאָווסקין אַזש ביז צום גאָרגל. עס האָט זיך אים פאַרדרייט

דער קאָפּ מאמעש ביז צו מעשוגאַס, און ער האָט אָנגעהויבן שלאָגן מיטן שירעם פּאלעקן:

— איך זאָל דיך מער ניט זען! — האָט ער געשריגן. — וואָס ווילסטו האָבן פון מײַן עסטערקען! באנדיט! באנדיט! אלע זײַנט איר דאָ באנדיטן!

פּאלעק איז אָפּגעלאָפן אין א זײַט, און עסטערקע, ניט קאָנענדיק זיך ארויסרײַסן פונעם טאטנס הענט, איז זיך פארגאנגען אין א קוויטש:

— א־א־א־א! א־א־א־א!

פּאלעק האָט זיך א וואָרף געטאָן אפן טראָטואר ארויסצוהעלפן עסטערקען, נאָר ביזוואנען ער האָט דורכגעמאכט די עטלעכע טריט, האָט זיך דאָס בילד אינגאנצן איבערגעאנדערשט. שאנאָווסקי האָט שוין אופגעהערט שלעפּן עסטערקען, און ער האָט זי נערוועז צוגעדריקט צו זיך. בא פּאַר לעקן האָט ער זיך געבעטן מיט א ציטעריק קאָל:

— יונגערמאן, העלפט מיר זי אײַנשטילן... נו, ייִנגעלע! זײַ זיך מאט־ריִעך...

דערלאנגענדיק אים דעם שירעם, וואָס איז ארײַנגעפאלן אין דער קאַליוזשע, האָט פּאלעק געפּרוווט געבן אן אײצע:

— שטייט ניט אף קיין אָרט, גייט... אז איר וועט גיין, וועט עסטערקע אויך גיין... עפּשער אײַך אונטערלײַכטן מיטן לאמטערן?

— ניין, הארציקער מײַנער. בעסער גיי אוועק דו... עסטערקע, הער, וואָס איך וועל דיר זאָגן. מאָרגן פאָרן מיר אוועק פון ביראָבידזשאן. דו הערסט, טאָכטערקע?

עסטערקע האָט אף אים א קוק געטאָן מיט טרוקן־געוואָרענע פון אומרו אויגן:

— טאטע, ביסט פון זינען אראָפּ, טאטע...

זי האָט אופגעהויבן פונעם טראָטואר דעם לאמטערן און געזאָגט צו פּאלעקן:

— א גוטע נאכט, פּאלעק. מאָרגן אין שול, יאָ?

— יאָ. — האָט פּאלעק געענטפערט און איז, אָפּקערנדיק זיך פון דער לאמטערן־שײַן, אוועק אין דער אנטקעגנדיקער ריכטונג. ער איז גלײַך ארײַנגעפאלן אין דער פינצטערניש, ווי אין א גרוב. צוביסלעכווײַז האָבן זײַנע אויגן זיך צוגעוווינט צו זען די הײַזער און די ערד אונטער די פיס. איצט וואָלט ער שוין אזוי געגאנגען אָן שטערונגען אהיים, נאָר א מעטער פופציק פון אים האָט זיך ווידער באוויזן שײַן, דאָס מאָל — א העזעלע פון א קעשענע־לאמטערנדל. ער איז אָפּגעטראָטן פונעם טראָטואר און פארהאלטן דעם אָטעם. פארבײַ אים זײַנען דורכגעגאנגען דער דראָנג מאזאָר און איינער פון די אָנגעפאָרענע מיטן עשעלאָן, אָט יענער, וואָס בייסן מי־טינג האָט ער געהאלטן איין צאד מיטן דראָנג. זיי האָבן געטראָגן עפּעס זאכן אין די הענט און זיך דורכגעשמועסט, גייענדיק איינער הינטער דעם אנדערן.

— קאָסטיע, הא קאָסטיע! — האָט זיך אָנגערופן דער דראָנג. — און דו האָסט דײַן רענצל געלאָזט אין וואגאָן? ס׳וועט פארפאלן ווערן...

דאָס צווייטע קאָל האָט געקלונגען פריילעכער, איידער מאזאָרס:

— וואָס פאר א רענצל, כא־כא, בראטאָק! אָט ווי דו זעסט מיך, טראָג איך אלץ מיט זיך...

— ס'איז קילבלעך, הא?

— אין טײַגא, אין א באלקע, וועלן מיר צעפירן א שײַטער. ביזוואנען ס'איז פינצטער — לאָמיר אָפּגיין א פּאָר וויאָרסט פון טיכאָנקע, און באסטא...

— באסטא, באסטא... — האָט איבערגעכאזערט דער דראָנג. — קאָסטיע, דו ווייסט, ווי־אזוי ארויסקומען צו דעם דאל־לאג?

— איך ווייס גאָרניט. דו ווייסט גאָרניט. מיר גייען אוועק אין דער טײַגא. דאָרט וועלן מיר אָנטרעפן אף דעם ערשטן יעגער און זיך וועגן אלץ דערוויסן. נו, ניע טוזשי, מײַן יִידישער כאוור!..

נאָך א רעגע שטילשווײַגן האָט ווידער געפרעגט דער דראָנג:

— קאָסטיע, און נאָכלויפן קאָן מען אונדז ניט?..

קאָסטיע האָט אָנגערופן דעם דראָנג מיט א מיִעס וואָרט און דערנאָך פרײַנטלעך אים באַרו־יקט:

— נארעלע! ווער וועט גיין דאָ נאָכיאָגן א מענטשן? געוועז, און ניטאָ... האָסט דאָך קיינעם ניט באגאנוועט...

— און אפילע אויב יאָ...

— אפילע אויב יאָ, איז זאָל מען פרווון אין טײַגא געפינען...

די פינצטערניש האָט פארשלונגען דאָס העזעלע שײַן צוזאמען מיט די צוויי פלייצעס הינטער דעם. ניט לייגנדיק קיין אכט אף דער בלאָטע און אפן כליושטשענדיקן רעגן, האָט פאלעק אוועקגעאײַלט אהיים. ער איז קימאט געלאָפן, זײַענדיק אזוי פארליאפּעט מיט בלאָטע און אף דורך און דורך דורכגעווייקט, אז גאָרנישט האָט אים שוין ניט געשטערט; אויך די פינצטערניש איז ער גרינג בײַגעקומען, ווײַל ער האָט געוווסט יעדעס בערגעלע און גריבעלע אפן וועג.

אין הויף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט א פארכידעשטער. ארײַנקוקנדיק דורך די ניט־פארהאנגענע פענצטער אין שטוב ארײַן, האָט ער גלײַך באַמערקט, אז עפּעס טוט זיך דאָרט ניט קיין געוויינלעכס. אנדריושעס וויגעלע האָט מען אריבערגעטראָגן פונעם קליינעם צימערל אין גרויסן, ווו דער טיש איז געווען ארומגעשטעלט מיט פלעשער ווײַן און מיט פארבײַסעכץ. קיינער איז אָבער באם טיש ניט געזעסן. די מאמע מיט סאלקען האָבן זיך געטוליעט לעבן דעם וויגעלע. אין דער זעלבער צײַט איז אין קליינעם צימערל פאָרגעקומען, ווײַזט אויס, עפּעס גאָר וויכטיקס. אפילע פונדערווײַטנס האָט מען געזען, אז דאָס צימערל איז פול מיט רויך. די דרײַ מאנצבילען — דער טאטע, יודאלעף און דער פאראנטוואָרטלעכער טוער פון ראיויספירקאָם וועגגראָוועד — האָבן זיך ארומגעדרייט ארום ארײַנגעבראכטע בענקלעך, ניט צוזעצנדיק זיך אף זיי. זיי האָבן אָן אופהער גערייכערט, און בלויז יודאלעף האָט פון מאָל צו מאָל געטרונקען פון א פינגער־גלאָז. די פלעשער מיט די גלעזער און אויך צוויי טעלער — איינער מיט אָנגעשניטענעם ברויט און דער צווייטער מיט געזײַערטע אוגערקעס און קרויט — זײַנען געשטאנען אף א טאבורעטקע צווישן די בענקלעך. עס האָט אויסגעזען, ווי די מאנצבלען וואָלטן זיך ארומגעדרייט אין צימערל שווײַגנדיק. ווען פאלעק איז אָבער ארײַן אין קאָרידאָרל, וואָס

פאַרייניקט דאָס קליינע צימערל מיטן גרויסן, האָט ער דערהערט, ווי עס הודיעט טויב און צוגעשטילט ווענגראָווערס קאָל.

די מאַמע מיט סאַלקען האָבן, ווי עס איז צו זען, שטאַרק אַרויסגעקוקט אַף פאַלעקן, און דערזעענדיק אים, האָט זיך די מאַמע איבערגעשראָקן פאַר זײַן אויסזען:

— פאַלעקל... טאַטע אין הימל... ווײ איז צו מיר...

פאַלעק האָט אויסגעשאָסן אַף דער גאַנצער שטוב:

— ערשט אַליין געהערט מיט מײַנע אויערן! עסטערקע שאַנאָווסקיס טאַטע האָט געזאָגט... זיי פאָרן מאָרגן אַוועק פון בירָאָבידזשאַן... און דערנאָך האָב איך באַגעגנט... זיי אַנטלויפן אין דער טײַגע! צו דעם דאַל־לאַג לויפן זיי!

— אוי, ער רעדט פון היץ... סאַלקע, טו אים אויס! גיכער!

פונעם קליינעם צימערל האָט זיך דערהערט נעכעמיעס קאָל:

— פאַלעק! וואָס דערציילסטו דאָרט, פאַלעק? קום אַרײַן!

— פאַלעקל, טו אויס די שטיוול... טו זיך איבער...

— ניין, פאַלעק, קום פריער אַרײַן אַהער...

אין קליינעם צימערל זײַנען די דרײַ מאַנצבלען געשטאַנען אַזוי, ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעקערעוועט איינער פונעם אַנדערן, און דאָך האָבן זיי געפירט צווישן זיך אַ היציקן שמועס. יודאַלעף האָט גלײַך גענומען אַראָפּשלעפּן פון פאַלעקן דאָס פּיטש־נאַסע אָנטאָן, און יענער האָט, אָפּגעבנדיק דאָס רעגן־מאַנטעלע מיטן געשטריקטן לײַבל, מיט דעם דורכגעווייקטן — פון שווייס — בײַקענעם העמדל, דערציילט, וואָס ער האָט אָקאָרשט איבערגעלעבט.

נעכעמיע טשאַרניצער האָט אַ קוק געטאָן אין ווענגראָווערס זײַט:

— וואָס זאָגסטו דערוף, מאַרק?

ווענגראָווער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן טשאַרניצערן, געוואָרן טרוקענער און אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט. ער האָט זײַטיק געקוקט אַף עסטער־ראָכלען און אַף סאַלקען, וועלכע זײַנען שוין געשטאַנען בײַ דער טיר פונעם צימערל און, פאַרדײַגעטע, זיך צוגעהערט צו די רייד. דערמאָנענדיק זיך, ווײַזט אויס, אין זײַן שמועס מיט סאַלקען וועגן כילוש מאַזאָרן, האָט ער ניט אויפגעהערט צו קוקן אַהין, ווו זי איז מיט דער מאַמען געשטאַנען, און האָט אַרויסגערעדט מיט אונטערגעשטראָכענער רויִקײַט, ווי בײַם אונטערפירן אַ סאַכאַקל:

— וואָס שײַעך דעם געקומענעם צו אונדז פונעם נעפּ, איז קיין כידעש ניט... און גאָט אַליין האָט אַראָפּגעשיקט צו אים דעם צווייטן, דעם אָראַטאָר אָפן מיטינג...

— וועגן אָט דעם פּערפּילאָוון האָב איך אײַך דאָך דערציילט... — האָט זיך אָפּגערופן יודאַלעף. ער האָט שוין בײַ פאַלעקן אַראָפּגעצויגןביידע שטיוול, און איצט האָט ער געהאַלטן אין רײַבן אים מיט די ברייטע דלאָניעס די פאַרקאָליִעטע פיס. פאַלעק איז געזעסן צוגעטוליעט צו יודאַלעפן מיט דער פּלייצע און פון הינטנאַרום פאַרוואָרפן איבער זײַן האַלדז די הענט. ער האָט אים אויך בעכיפּאָזנדיק אויסגעשטרעקט די פיס אַף צו אָנוואַרעמעז זיי — ניט אַזוי, עס זאָל זײַן באַקוועם צו טאָן עס, און ווען

יודאלעף האָט פונדעסטוועגן דערלאנגט צו די פיס און אָנגעהויבן אָן צערעמאָניעס אײַנמאָסטען דעם גאנצן קערפּער פונעם ייִנגערן ברודערל אין די אָרעמס, ווי מע טוט מיט א קליין קינד, האָט ער, פאלעק, זיך אונטערגעגעבן און גענומען אינמיטנדערינען אײַנדרעמלען. עסטער־ראָכל האָט א מוטערשן וווּנק געטאָן צו סאלקען, און יענע האָט אפגיך געמאכט א געלעגער, צעשטעלנדיק אפן דיל אין דער גאנצער לענג דאָס גרינגע בעטל פון אַליומיני און ברעזענט, וואָס איז געווען צוגעשפּארט אין קאָרידאָר צו דער וואנט, א צונויפגעלייגטס און א פארשפּיליעטס מיט קייטעלעך. אלע האָבן גענומען שיפּען מיט די ליפּן, ווי בייזע שלענג: „ש־ש־ש־ש!..“— און פאלעק, וואָס איז ניט אײַנגעשלאָפן, נאָר האָט פּאָשעט זיך געלאָזט דערוואַרעמען פון די צוויי קאָלדרעס, האָט שוין די אנדערע געשעענישן אין דער שטוב געקאָנט נאָכשפּירן פונדערווײַטנס, ליגנדיק אפן בעטל אינעם קליינעם צימערל, וווּהין יודאלעף האָט, ווי א קעסטעלע מיט יערושע־צ״ירונג, צודריקנדיק עס צו דער ברוסט, אריבערגעטראָגן פונעם גרויסן צימער אויך דאָס וויגעלע מיט אנדריושקען. ווען אלע זײַנען ארויס פונעם צימערל, האָט זיך אומגעקערט אהין עסטער־ראָכל. זי האָט אופגעעפנט דאָס פּאָרטקעלע, גענומען אײַנדעקן אנדריושקען, נאָר דערפילנדיק, אז ער דרייט זיך אונטער דער קאָלדרע, האָט זי ווידער צוגעמאכט די פּאָרטקע און אוועקגעזעצט אנדריושקען אפן נאכט־טעפּל, רעדנדיק צו אים שטיל־שטיל, ווי זי וואָלט אים דערציילט א מײַסעלע. אנדריושקע האָט פארלאָרן דאָס קעפּעלע אין איר שויס, און אונטערסאָפּענדיק אין שלאָף, פארקלאפּנדיק דעם רעגן, וואָס אף יענער זײַט פענצטער, מעכײַעדיק און הילכיק געלאָזט פון זיך אינעם טעפּל א לעבעדיק ריטשקעלע.

פאלעק האָט זיך געמאכט שלאָפנדיק. די מאמע האָט זיך נאָך געפּאָרעט באַם וויגעלע, דערנאָך געעפנט די פּאָרטקע, צוגעלייגט די ליפּן צו פּאַלעקס שטערן און איז ארויס פונעם צימערל. נו, אָן עק, א סאָף. איצט קאָן מען שוין עפּעס הערן, וואָס עס טוט זיך דאָרט, בא די דערוואַקסענע.

לויט די קלאנגען, וואָס זײַנען דערגאנגען פונעם גרויסן צימער, האָט זיך געפילט, אז דאָרט עסט מען און מע טרינקט. עס האָט ווידער געהורדיעט ווענגראָווערס קאָל:

— ווענגן שאַנאָווסקין איז די זאַך קלאָר. ער וואָלט אין ביראָבידזשאַן געקאָנט, ווי אנדערע, עפּעס טאָן, נאָר מיטן טנײַ, אז אליין ביראָבידזשאַן זאָל שטיין ניט דאָ, אין דער טײַגע, נאָר, לעמאָשל, צופוסנס בא די בארימטע טרעפּ אין דער ליבער שטאָט אָדעס, אָדער אף דער טעריטאָריע פון דער אומאַנער סאָפּיעווקע, אָדער אין בערדיטשעוו אף די פּיסקעס...

— וואָס זשע איז ער געפּאָרן אהער? — האָט זיך אָפּגערופן סאלקע.

— יעדער מענטש, מײַן טײַערינקע, ווערט פריִער צי שפּעטער גערופן צו זײַן לעצטן אויספּרווו...

ס'האָט זיך דערהערט דעם טאטנס שטים:

— מארק, ביסט איצט ניט אף א זיצונג. וואָס וועט זײַן מיט ביראָבידזשאַן?

— וואָס דארף זײַן מיט ביראָבידזשאַן?

— איך פרעג דיך.

— און איך פרעג דיך. — ווענגראָווער האָט נאָך קיינמאָל ניט גערעדט אזוי שטײַף מיט נעכעמיע טשאָרניצערן.

אין א רעגע ארום:

— מארק...

— נו, נעכעמיע. וואָס פארשטייסטו ניט...

— דו האָסט א גרעסערן קאָפּ פון מיר, קלער זשע מיר אוף...

— אלץ איז אָפּהענגיק פון דעם, ווי־אזוי מע קוקט אף ביראָבידזשאַן...

— אדעראבע...

— אָט דו האָסט אמאָל געהאנדלט מיט פערד...

— טפרו! דערמאָן ניט אין דעם...

— פארוואָס ניט דערמאָנען? דו ביסט געקומען קיין ביראָבידזשאַן, קע־דיי צו ווערן אַן אנדער מענטש, יאָ?

— יאָ.

— אָבער צוליב דעם, אז ביראָבידזשאַן זאָל דיר ארויסהעלפן אין לעבן, דארפסטו פרי־ער פאר אלץ אויסבויען ביראָבידזשאַן...

— ווער פארשטייט עס ניט?

— ווארט צו א רעגע. ניט אלע פארשטייען עס. אנדערע ווילן, עס זאָל זײַן א גרייטער ביראָבידזשאַן, און ערשט דעמלט וועט מען קומען אהער צו נאשן פון אַן אנדער לעבן...

— אײַ, וואָס איז דער כידעש... ווען איך האָב מיט די אייגענע הענט געטריבן פערד פון איין יאריד אף א צווייטן און אליין פארשאָטן יעדן סוס דאָס ביסל האָבער, און אליין געפּענטעט אים די פיס און צעקעמט די הריווע, — דעמלט האָבן אף די זעלבע מערק ארומגעפּאדיעט פערד־גאנאָווים אויך...

סאלקעס קאָל:

— טאטע, ניט וועגן דעם גייט דאָ די רייד. בא דיר באקומט זיך, אז האנדלען מיט פערד איז שיר ניט א פראָלעטארישע פראָפעסיע... און דער כאווער ווענגראָווער רעדט עפּעס אנדערש. ער זאָגט, אז פון זיך אליין וועט ביראָבידזשאַן זיך ניט אופבויען...

— איך האָב אויסגעבויט אין טײַגע א שטוב. הייסט עס שוין, אז סע וועט זײַן ביראָבידזשאַן?

— ניין! — האָט זיך אָפּגערופן ווענגראָווער. — די שטוב האָסטו אויס־געבויט פאר זיך. איצט בוי ביראָבידזשאַן.

— בין איך א טעסלער אין דעם מעבל־ווארשטאט...

— גוט, גוט... אזוי דארף טאָן יעדערער. און עס וועט וואקסן ביראָ־בידזשאַן...

— עפּעס זייער פּאמעלעך וואקסט ביראָבידזשאַן...

— דער ראיאָן איז ערשט אלט פיר יאָר. און נאָך וויל איך דיר זאָגן, נעכעמיע...

— וואָס נאָך?

— ווידעראמאָל וויל איך זאָגן: עס גייט אין דעם, ווי־אזוי דער אָדער יענער ייִד קוקט אף ביראָבידזשאַן... פון וועלכן ווינקל...

— זאָג עס מיר מיט פּאָשעטע ווערטער...

— אַט פאָרט יודאלעף בויען אַ שטאָט אפן אמור. פאַר וועמען וועסטו, יודאלעף, די שטאָט בויען?

ס׳איז געוואָרן שטיל. פאלעק האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז פאַר דער גאַנ־צער צײַט האָט ער ניט געהערט, יודאלעף זאָל עפּעס ריידן. אויך איצט האָט יודאלעף, ווײַזט אויס, ניט געענטפערט אָף דער פראגע, ווײַל ס׳האָט ווידער זיך דערהערט ווענגראָוועס קאָל. יודאלעף איז פונקט ווי ניט גע־ווען אינעם גרויסן צימער...

ווענגראָווער האָט פאָרגעזעצט:

— יודאלעף וועט בויען אַ נײַע שטאָט פאַרן לאַנד. איז אָט. איך קוק פונקט אזוי אָף ביראָבידזשאַן. מיר, ייִדן, זײַנען אהער געקומען אופצו־שטעלן אַ ראַיאָן. פאַר וועמען? לעכאָלהאפּאָכעס פאַרן לאַנד.

— און פאַר אונדז, פאַר די ייִדן — ניט?

— פאַר אונדז, פאַר די ייִדן — אוואדע! פונקט ווי די שטאָט אפן אמור וועט אָף אייביק פאַרעכנט ווערן פאַר די קאָמסאָמאָלצעס. אָבער ביידע שטעט וועלן זײַן שטעט פונעם לאַנד... און ביראָבידזשאַן בויען דען נאָר ייִדן? ניין, נעכעמיע, די ייִדן אָן דעם לאַנד וואָלטן זיך, זײַ מוילכל, אונ־טערגעריסן באַם אופהייבן די טײַגע...

טשאָרניצער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— איך דערמאָן זיך דײַנע אמאָליקע קריגערײַען מיט די ציִעניסטלעך. עסטער־ראָכעלע, דו געדענקסט? אָבער איך בין מיט די ציִעניסטלעך ניט געגאַנגען, איך — דער פערד־הענדלער... ניט געגאַנגען! עסטער־ראָכעלע, וועסט מיך ניט לאָזן זאָגן אַ ליגן...

ס׳איז ווידער שטיל געוואָרן. פאלעק האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז אויך די מאַמע, זינט זי איז אַרויסגעגאַנגען פונעם קליינעם צימערל, רעדט ניט אויס קיין וואָרט, פונקט ווי זי וואָלט ביכלאל ניט געזעסן דאָרט באַם טיש. אויך איצט האָט די מאַמע ניט געענטפערט אָף דער פראגע, און ס׳האָט ניט אופגעהערט צו הודיען ווענגראָווערס קאָל. זײַנע רייד זײַנען געווען אזוי נײַ און טשיקאווע, אַז צוהערנדיק זיך צו זיי, האָט פאלעק אויסגע־צויגן דעם האַלדז און, וועלנדיק זײַן נעענטער צו דער טיר, איז ער שיר ניט אַראָפּגעפאַלן פון דעם בעטל.

— גוט, וואָס דו האָסט דערמאָנט וועגן די ציִעניסטן, נעכעמיע... זיי וועלן ביראָבידזשאַן קיינמאָל ניט פאַרשטיין, ווײַל דאָס, וואָס זיי ווילן שאפן, איז — בלויז מיט ייִדישע הענט, און נאָר פאַר ייִדן...

— פאַר זיי איז דאָס פונקט צוגעפּאַסט...

— און פאַר אונדז ניט. שאַנאָווסקי, זאָג איך דיר, בלאָנדזשעט ערגעץ אַרום צווישן זיי און אונדז...

— נו, איך קאָן אים ניט, דײַן שאַנאָווסקין, נאָר דיר גלייב איך, מי־סטאַמע איז עס אזוי...

— כאַווער ווענגראָווער... מאַרק גריגאָריעוויטש! — האָט זיך אַרײַנגעמישט סאַלקע.

— נו?

— מאַרק גריגאָריעוויטש, איך זאָג דאָך אויך דאָס זעלבע...

— וואָס, כאַווערטע סאַלקע, זאָגסטו?

— אָן עשעלאָן קאָמיוגיסטן אהער!

— איך בין ניט קעגן. האַלעווײַ פון דײַן מויל אין גאָטס אויערן. אָבער דו, כאַווערטע, מיינסט דאָך יודאלעפן, מײַנסטו. ער זאָל זײַן דאָ, און נאָר דאָ, אין ביראָבידזשאַן, צווישן ייִדן. אַזוי ווי עס האָט געפּריידיקט דעם קולאקס בענאָק...

— כאַווער ווענגראָווער, יודאלעף איז מיר אַ ברודער.

— מיר איז ער אויך עפּעס...

אין גרויסן צימער איז אַ טעלער אָדער אַ גלאָז אראָפּגעפאַלן פונעם טיש און זיך צעבראָכן. עמעצער האָט אַ כליפּע געטאָן. די מאַמע... פאַלעק האָט זיך באַמיט אראָפּצוגיין פונעם בעטל, נאָר דער דרעמל האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזט, כאָטש הערן און פאַרשטיין האָט ער נאָך אַלץ געקאָנט. ס'האָט אים אפילו געכידעשט, וואָס איין קאָל פונעם צווייטן שיידט ער אונטער אַזוי בליץ־שנעל, אַז ליגנדיק אין צווייטן צימערל, שטעלט ער זיך פאָר אפילו, וויאַזוי עס זעען אויס די פּענעמער בײַ די, וואָס רעדן אַרום דעם טיש. עמעס, אַ ביסל מאָדנע זעט אויס די אומגעריכטע באַריי־דעוודיקײַט פונעם פאַראַנטוואָרטלעכן טוער פון ראַיאָן כאַווער ווענגראָ־ווער, וועלכער איז אין יִישעוו, און באַזונדערס בײַ די טשאַרניצערס אין שטוב, באַקאַנט ווי אַ שווײַגער. אָבער הערנדיק, וועגן וואָס מע שמועסט, פאַרשטייט פאַלעק, אַז אפילו שוין אײַנגאַנצן אַ שטומער קאָן דאָ באַקומען לאָשן...

עסטער־ראָכלס כליפּען האָט איבערגעריסן די רייד אַרום טיש. ס'האָט זיך דערהערט, ווי מע רוקט אָפּ אין אַ זײַט די טעלער און די בענקלעך. ווײַזט אויס, אַז די מאַמע מיט יודאלעפן זײַנען ארויסגעגאַנגען אין קאָרי־דאָר, און אָט זײַנען זיי שוין דאָ, אין צימערל. זיי מיינען, אַז ער, פאַלעק, שלאָפט שוין. פון הינטער דעם נעפּל פונעם שלאָף דערגרייכן צו אים זיי־ערע שטילע רייד.

— קינד מײַנס, ווײן ניט... דו ווייסט — איך האָב זיך פון לאַנג שוין אליין אָנגעשטויסן...

דאָס האָט גערעדט צו דער מאַמען דער ברודער יודאלעף... ער באַגייט זיך מיט איר, פון טאָמיד, ווי מיט אַ קינד. אײַנשטילנדיק זי, האָט ער זי געגלעט איבער די גלאַט־פאַרקעמטע האָר, אָנשטויסנדיק זיך מיט די צו גרויסע דלאָניעס אין דעם סטאַרטשענדיקן קובליק.

— איך זע דען ניט, — האָט ער געשעפּטשעט, — אַז דאָס גאַנצע לעבן דרייט זיך אַרום אַ מענטש אונדזער מישפּאָכע, און ער שטייט ניט אָפּ פון אונדז... ער איז דאָך ניט קיין שלעכטער מענטש, עמעס?

די מאַמע האָט געוויינט.

— קינד מײַנס, — האָט נאָך שטילער ארויסגערעדט יודאלעף, — קינד מײַנס, וועמען האָסטו ליב?

די מאַמע האָט ווי ארויסגעטעמט די עטלעכע ווערטער:

— דיך, קינד מײַנס, האָב איך ליב... אַז מירן לעבן און דערלעבן, וועלן מיר נאָכאַמאָל זיך זען אין עלף יאָר אַרום...

— פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ צאָל יאָרן? דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר

זיך געזעגט... אלע איינעם... מיט ביידע טאַטעס... אין איין־און־צוואַנ־ציקסטן, מיט עלף יאָר צוריק...

— וויפל דו ביסט דעמלט אלט געווען — געדענקסטו?

— עלף יאָר...

— און וואָס עס באַטײַט דײַן נאָמען — ווייסטו?

— מײַן נאָמען?

— יוד און אלעף... דער יוד איז צען, דער אלעף — איינס...

— צען און איינס — עלף...

— קינד מײַנס, מיר זײַנען אויך אמאָל געווען יונג, און מיר האָבן גע־האט אונדזער ראָמאַנטיק... אין נײַנטן יאָר איז אין שטעטל אראָפּגעקומען צו זײַן מומען א סטודענט... ער איז שפּעטער פאַרפאַלן געוואָרן אין די קרײַזלעך און אין פאַרשיקונג... דו ביסט געקומען אף דער וועלט אינעם צענטן יאָר. ווען דער סטודענט האָט זיך אָפּגעזוכט, איז שוין געווען שפּעט, די כאַסענע האָט מען אָפּגעשפּילט מיט א צווייטן...

— קינד מײַנס, וואָס איז געשען ווײַטער?

— מע האָט צוערשט געמיינט, אז פון צאָרעס וועלן מיר אלע ניט אויסלעבן. נאָר דו זעסט — מיר לעבן אלע...

— פאַרוואָס די ציפער עלף?

— די יונגע פאַנטאַזיע האָט אונטערגעזאָגט אזא שפּיצל: באַם קינד וועט מען שטילערהייט בײַטן דעם נאָמען אף יודאלעף — עלף. פריִער, זאָלסטו וויסן, האָסטו געהייסן פאַלעק, ווען ס׳איז געבוירן געוואָרן דײַן ייִנגער ברודערל, אָט ליגט ער דאָ אין בעטל, געזונט זאָל ער אונדז זײַן, ווען ער איז געבוירן געוואָרן, האָבן מיר דעם נאָמען פאַלעק איבערגעגעבן צו אים. דײַן ערשטער נאָמען זאָל פאַרהיט ווערן... און יודאלעף — עלף — זאָל דער־מאָנען אין דעם, וועגן וואָס די דרײַ לײַדנדיקע נעשאָמעס האָבן אָפּגעמאכט צווישן זיך: ניט אָפּהענגיק פון דעם, וואָס עס קען אין לעבן געשען, וועט מען איין מאָל אין עלף יאָר זיך צונויפנעמען — אלע! אלע פיר! — איני־נעם... די צוויי מאַנצבלען, דו און איך... פאַרוואָס גראָד די ציפער עלף? אײַ, מיר זײַנען געווען יונג... אזוי איז אונדז אײַנגעפאַלן...

— קומט אויס, אז די קאָמיוגישע פּוטיאָווקע צום אמור האָט מען אפן דניעפּראָהעס מיר געגעבן ניט צופעליק... איצט, ווען ס׳איז געקומען די צײַט זיך זען, אין עלף יאָר ארום...

— געבענטשט זאָלסטו זײַן אין דײַן קומען... — האָט די מאַמע געפּרוווט אָפּהאלטן דעם ענטפער. יודאלעף האָט ווידער געפרעגט:

— וועגן דער פּוטיאָווקע אפן אמור האָט מען געבעטן די אוקראַיִנישע כאַווײרים פונדאַנען?

— יאָ, קינד מײַנס. דײַן טאַטע האָט זיך צונויפגעשריבן מיטן אוקראַיִנישן קאָמיוג. ער האָט דאָרט פרײַנט — יונגע כאַווײרים זײַנע, זאָגט ער... ער האָט זיי געבעטן, עס זאָל געטאָן ווערן אומבאַמערקט פאַר דיר... נע־כעמיע איז צוערשט געווען אין קאַס, און אין דער לעצטער מינוט איז באַשטימט געוואָרן דיר זאָגן דעם עמעס...

פאַלעק האָט זיך אָנגעהויבן פון נײַגעריקײַט דרייען אפן געלעגער. יודא־לעף האָט אים בעסער אײַנגעדעקט מיט די צוויי קאָלדרעס, געזאָגט:

„שלאָף“... און אין דער זעלבער רעגע האָבן זיך הינטער דעם פענצטער דערהערט שטימען. יודאלעף האָט ארויסגעקוקט אין דרויסן און געפרעגט: „וואניע, דו?“ „יאָ, איך, לאָסיעוו, בין דאָס“... — האָט געענטפערט אַ קאָל פון דער גאַס. — „בומאגין האָט מיר צוגעהאָלפן דיך געפינען“... יודאלעף האָט פאָרגעלייגט: „קומט אריַין, כעוורע, פאראַן מיט וואָס זיך צו דער־ווארעמען“. „שוין זיך דערווארעמט“, — האָט פון דרויסן זיך אָפּגערופן אַ צווייט קאָל, ווייַזט אויס, בומאגינס. „אויב אַזוי, וואַרט צו אַ רעגע“. יודא־לעף האָט צוגעמאכט דאָס פענצטער און איז צוזאמען מיט דער מאמען ארויס פון צימערל. אין אַ פּאָר מינוט ארום האָט מען אויך אין גרויסן צימער אויסגעלאָשן די שיַין, און אלע זיַינען ארויסגעגאנגען אין דרויסן. דאָרט האָט זיך שוין אופגעכאפּט פון שלאָף דער הויף. מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן באוויַיזן לעם די שטיבער, אָפּשטעקנדיק אַ גוטמאָרגן די טשאַר־ניצערס מיט זייערע געסט. נעכעמיע איז אָף עטלעכע טריט אָפּגעשטאנען פון די איבעריקע, און ווען פאלעק האָט, אָפּטרייסלענדיק פון זיך דעם דרעמל, זיך אראָפּגעכאפּט פונעם בעטל און שטילערהייט אָן עפן געטאָן דאָס פענצטער, האָט זיך צו אים דערטראָגן דעם טאטנס מונטער געוואָרן קאָל:

— ניין, — האָט נעכעמיע זיך געווענדט פאר איין מאָל צו עטלעכע שכיינים. — ניין, זאָג איך איַיך, מע דארף שוין מער ניט אָפּלייגן. אָט וועלן מיר זיך באלד אומקערן פון דער סטאנציע... ס'וועט שוין ווערן טאָג... וועל איך איַיך באוויַיזן די קנאָספּן אָף די בערוועס... איך זאָג איַיך אָף נעמאָנעס: זי קוקט צוריק אין וואלד אריַין, די שטוב מיַינע...

פאלעק האָט צוגעמאכט דאָס פענצטער און איז אריַין צוריק אין וואַ־רעמען בעטגעוואנט. ווען ער האָט געהאלטן אין איַינשלאָפן, איז פאר די אויגן אים געשטאנען עסטערקע מיט אַן אָנגעצונדענעם לאמטערן אין האנט.

צווייטע נאָוועלע

א מילכאָמע־דעטעקטיוו

1

דעם איין־און־דרײַסיקסטן דעקאַבער 1943 האָט די קאָנטער־אויסשפּירונג פון דער N־ער אַרמיי פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט פאַרענדיקט די אָפּעראַציע אונטערן קאָד „טונגוסקאַ". די אָפּעראַציע האָט געדויערט צוויי טעג, און זי האָט ניט געבראַכט צו קיין פאַרלוסטן, אויב ניט רעכענען דעם טראַגישן צופאַל מיטן קאָמיסאַר פון איינעם פון די פּאָלקן פון דער 322־טער דיוויזיע פּאָדפּאָלקאָווניק וועגנראָווער, אין וועמען עס האָט אויסגעשאָסן, שוין נאָך דער אָפּעראַציע, א וולאַסאָוועץ, און די ווונד האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר א געפערלעכער.

ס'האָט זיך שוין פאַרענדיקט די ערשטע וואָך פונעם אָנגריף, וואָס דער ערשטער אוקראַיִנישער פראָנט האָט געפירט אויף דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע, און די אָפּעראַציע „טונגוסקאַ" איז געווען אַן אָפּעראַטיווע אימפּראָוויזאַציע, וועלכע עס האָט ניט פאָרויסגעזען דער פּלאַן פונעם אָנגריף. האַגאַם זי האָט ניט געהאַט קיין שײַכעס צו די שלאַכטן אויפן פּלאַצדאַרם זשיטאָמיר — בערדיטשעוו, ווי ביכלאַל צו דער מילכאָמע, איז זי דאָך געפירט געוואָרן אונטערן אויפזיכט פונעם אָפיצער פון העכסטן ראַנג אויף אָט דעם פראָנט־באַצירק, דעם קאָמאַנדיר פון דער N־ער אַרמיי גענעראַל־לייטענאַנט וואַסיליעוו, וועלכער האָט דערויף באַקומען די געהעריקע אָנווײַזונגען.

אָנגעהויבן האָט זיך די קאָנטער־אויסשפּירערישע אימפּראָוויזאַציע פון א שריפטלעכער יעדיִע, וועלכע עס האָט געבראַכט אין וואַסיליעווס שטאַב א פאַרבינדלער פונעם פּאַרטיזאַנישן וואַלד, וואָס געפינט זיך נאָענט פון דעם שטעטל ליובאַר. דאָס אַליין, וואָס די פּאַרטיזאַנישע עסטאַפעטע האָט דעם פאַרבינדלער דורכגעפירט קיין קאַזאַטין און פון דאָרט אויף יענער זײַט פראָנט צו וואַסיליעוון, — האָט באַוויזן די וויכטיקײַט פון דער געבראַכטער יעדיִע. אויפגעעפנט דעם פּאַקעט, האָט איוואַן דאַנילאָוויטש וואַסיליעוו זיך פאַרבונדן מיטן קאָמאַנדיר פונעם פראָנט, דעם אַרמיי־גענעראַל וואַטוטין, און געבעטן די האַסקאָמע איבערצוגעבן דעם איניען אינעם אָפּטייל פאַר קאָנטער־אויסשפּירונג פון דער N־ער אַרמיי, אויף וויפל די אומשטענדן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך אין דער שריפטלעכער יעדיִע, פאָדערן עס. גלײַך נאָך דעם האָט ער געהייסן ברענגען צו אים צו פירן דעם פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער און דרינגענדיק אַרויסרופן פון דער 322־טער דיוויזיע דעם פּאָדפּאָלקאָווניק וועגנראָווער.

אין דער N־ער אַרמיי איז דאָס לעבן אין יענע טעג געווען פול מיט ניט־פאַרענטפערטע פראַגן און דײַגעס. א סאַך מערער סוידעס, פּלענער, וואַריִאַנטן, איידער בײַס די פאַרטיידיקונגס־שלאַכטן, זײַנען אויפגעקומען און אָפּטמאָל גלײַך פאַרביטן געוואָרן מיט אַנדערע סוידעס, פּלענער,

וואַריִאַנטן. דער געווײַנלעכער טאָגטעגלעכער שטייגער האָט אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר וויכטיקערע זאַכן. צום שטאַב פון דער אַרמיי, און פון דאָרט צו די דיוויזיעס און פּאָלקן, האָט אומופהערלעך געשטראָמט א שלאַל מיט אינפאָרמאַציע, און דעם קאָמאַנדאַרמס אַדיוטאַנט האָט זיך מיט גרויס מי קוים אײַנגעגעבן אָפּצושליסן פון דער פײַער־ליניע, אַף א פערטל שאָ, דעם צימער, ווו וואַסיליעוו האָט געשמועסט צוערשט מיטן פּאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער און דערנאָך מיטן פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער.

ווען דער אַדיוטאַנט איז מיטן ייִנגל אַרײַן אין צימער, האָט דער קאָמאַנדאַרם צום אַלעם ערשטן א פרעג געטאָן, צי ס'האָט געגעבן וועגן זיך צו וויסן דער שעף פונעם אָפּטייל פאַר קאָנטער־אויסשפּירונג, וועלכער איז מיט עטלעכע שאָ צוריק, ניט וויסנדיק נאָך וועגן דער פּאַרטיזאַנישער עסטאַפעטע, אַרויסגעפאָרן אין דער 322־טער דיוויזיע, קעדיי אויספרעגן דאָרט א סאָלדאַט, וואָס איז הײַנט באַנאַכט אַריבערגעלאָפן פון דער דײַטשישער זײַט און געמאָלדן, אַז ער איז א רוס, די דײַטשן האָבן אים געצוווּנגען גיין אין דער אַרמיי, און ער האָט צו דערציילן וויכטיקס. דאָס טאַקע איז איינע פון די סיבעס, פאַרוואָס דער קאָמאַנדאַרם וואַסיליעוו האָט זיך אַזוי פאַרינטערעסירט מיט דער פּאַרטיזאַנישער עסטאַפעטע...

דער אַדיוטאַנט האָט געענטפערט וואַסיליעוון, אַז דער שעף פון דער קאָנטער־אויסשפּירונג האָט געקלונגען אין טעלעפאָן און געבעטן ניט פאַררייניקן אים איצט מיטן קאָמאַנדאַרם, ווײַל ער האָפט גאָר אינגיכן זיך אומקערן אין שטאַב און פערזענלעך איבערגעבן די פּראָטים פונעם פאַרהער. דער אַדיוטאַנט האָט אים דערציילט וועגן דער שריפטלעכער ידיעה, וואָס עס האָט געבראַכט דאָס פּאַרטיזאַנישע ייִנגל, און ער, פון זײַן זײַט, האָט באַשטעטיקט, אַז ביידע געשעענישן — די עסטאַפעטע פונעם ליובאַרער וואַלד און דער באַנאַכטיקער גאַסט — זײַנען „פון איין פּראָפיל".

אין שכייניש צימער פון דער דאָרפישער כאַטע, וואָס איז שוין אין מעשעך פון עטלעכע טעג צופעליק געשטאַנען אין סאַמע אויבנאָן פון א היפּשן סעקטאָר אַף דעם סאָוועטיש־דײַטשישן מילכאָמע־פראָנט, האָבן זיך צעקלונגען צוויי צי דרײַ טעלעפאָנען מיטאַמאָל. דער אַדיוטאַנט, בעטנדיק א דערלויבעניש, איז אַרויסגעגאַנגען. וואַסיליעוו האָט אַרומגעשפּאַנט פון איין ווינקל צום צווייטן, פאַריכט און איבערגעשטעלט די זאַכן אַפן צוגערוקטן צו דער וואַנט פּראָסטן טאָפּטשאַן — די צוויי גלעזער און דעם גראַפין, דעם פּאַנאַנדערגעשפּיליעטן פּלאַנשעט, די פּאַפּקעס מיט פּאַפּירן, — א פאָר מאָל זיך אָפּגעשטעלט בא דער איקאָנע אַף דער וואַנט, אופמערקזאַם זי באַקוקט און בעשאַסמײַסע זיך אָנגעפרעגט באַם פּאַרטיזאַנישן ייִנגל, וויאַזוי ער הייסט און צי מע האָט אים שוין אָנגעהאָדעוועט, און וועגן טאָך־זאַכן, נאַטירלעך. איינע א פראַגע איז פאַרן ייִנגל געווען אינגאַנצן אומגעריכט:

— לערנסט זיך? לייענסט א ביכל?

— ווען זאָל איך זיך לערנען און ווו? ס'איז דאָך מילכאָמע, כאַווער גענעראַל...

דער גענעראַל האָט זיך אָפּגעשטעלט און א קוק געגעבן אַפן ייִנגל מיט שולדיקע אויגן, גלײַך ווי ער וואָלט באַקומען פון אים א פאַרדינטן אויס־

רייד. ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט, ביז ער האָט ווי ס׳געהער צו זײַן צעקײַט דעם פאַרבינדלערס רייד, און געזאָגט:

— איך האָב אַ ייִנגעלע אַליק. אָט אַזוי־אָ די גרייס. דיר וועט ער, מײַ־סטאַמע, ביז אונטער די פּאַכוועס דערגרייכן. איז ער איצט מיט זײַן מאַמען און מיט זײַן שוועסטערקע אין מאָסקווע... זיי וווינען אַף דיעוויטשיע פּאָ־ליע... דו ביסט געווען אַמאָל אין מאָסקווע?

דאָס ייִנגל האָט גלײַכגילטיק געענטפערט:

— ניין, ניט געווען...

וואַסיליעוו האָט ווידער זיך גוט אײַנגעקוקט אין דער איקאָנע און, ווײַזט אויס, צוליב אַ פאַרגלײַך, אַריבערגעפירט די אויגן אַפן ייִנגל. דער פאַרגלײַך האָט אַרויסגערופן בא אים אַ שמייכל. פון דער איקאָנע האָט אַראָפּגעקוקט אַן אויסגעצערטער ניט־דאַזיקער, שטאַרק פאַרומערטער פּאַר־שוין, און דאָס אליין וואָלט, אין טאָג, געקאָנט בא אַזאַ לעבנסלוסטיקן, גע־זונטן און דערצו נאָך ניט־גלייביקן מענטשן, ווי וואַסיליעוו, אויסזען ניט נאַטירלעך, ווײַל אליין די אוקראַיִנישע כאַטע, וווּ די איקאָנע איז געהאַנ־גען, האָט איר שוין געדאַרפט צוגעבן ערדישקײַט, פרידן און זאַטע רו. וואַסיליעוו האָט זיך אַזש צעשמייכלט, ווען ער האָט אַריבערגעפירט די אויגן פונעם פאַרומערטן, אויסגעצערטן פּאַרשוין — דעם אָנגעמאָלטן — אַפן לעבעדיקן וועזן, וואָס איז דאָ דערבײַ געשטאַנען. לויט די אָנגעגנומענע נאָרמעס וואָלט דער פאַרטיזאַנישער פאַרבינדלער באַדאַרפט זײַן אַן אומ־גליקלעך מילכאָמע־קינד — אינגאַנצן דרײַצן־פערצן יאָר אַלט, און שוין אָן דער מאַמעס לאַסקע, ניט ער לערנט זיך, ניט ער שפּילט זיך מיט אַנדערע קינדער, — אַזוי האָט מען געקאָנט וועגן אים טראַכטן, ביז מע האָט אַ קוק געטאָן אַף אים.

פאַרן קאָמאַנדאַרם איז געשטאַנען אַ געזונטער יאַט מיט אַן אָפענער ברוסט אונטער דעם ברייטלעכן לײַנענעם העמדל, אַ געל־האָריקער, אַ באַ־שאָטענער מיט קלײַען. לויטן אויסזען עלטער און סטאַטנער, ווי ס׳איז גע־מאָלדן וועגן אים, האָט ער דאָך געהאַט אין זיך אַזוינס, וואָס גיט אַרויס דאָס קינדערישע: אַ קײַלעכיק־ווייכן אויסבייג פונעם פּאָנעם, פאַרבליבענע פון געבוירן פּוכקע, ווײַסע הערעלעך אונטער די אויערן, רויט־צעגאָסענע איבער די באַקן שעמעוודיקײַט. דאָס אַלץ אינײנעם האָט זיך אַזוי ניט גע־בונדן מיט דעם, וואָס מע האָט געקאָנט פונעם ייִנגל דערוואַרטן, און דערצו נאָך איז אַזוי שרײַענדיק געווען דער קאָנטראַסט מיט דער איקאָנע, אַז דער קאָמאַנדאַרם וואַסיליעוו האָט זיך אַזש צעשמייכלט. ער האָט אַ רוף געטאָן דעם אַדיוטאַנט און געהייסן אַרײַנטראָגן דאָס ביכל, וואָס זיי האָבן געפונען אין דער כאַטע, ווען זיי האָבן זיך אין איר אַרײַנגעקליבן. נעמענ־דיק אין האַנט די פּען, קעדיי אָנשרײַבן עפּעס אַף דעם שאַרבלאַט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— דעם נאָמען אַנדריי האָבן דיר געגעבן די פּאַרטיזאַנער?

דאָס ייִנגל האָט געענטפערט:

— דעם נאָמען האָבן מיר געגעבן די מאַמע מיטן טאַטן...

דאָס מאָל האָבן דעם ייִנגלס טרעפלעכע רייד שוין אַרויסגערופן באַם

קאָמאַנדאַרם ניט קיין שמייכל, נאָר אַ פריילעך געלעכטער, אַזאַ הילכיקן, אַז אין צימער איז מיט פּרעגנאַנדיקע אויגן אַרײַן דער אַדיוטאַנט.

— גיט איבער אין שטאַב אַ באַפעל, — האָט געזאָגט וואַסיליעוו דעם אַדיוטאַנט, ניט אָפּפירנדיק די אויגן פון די עטלעכע שורעס, וועלכע ער האָט אינדערקרום אָנגעשריבן אָפן בוך, — דעם יאַט באַלוינען מיט אַ מעדאַל. פאַר געוואַגטקייט באַם אַריבערגיין די פראָנט־ליניע. פאַר ברענגען אונדז אַ וויכטיקע ידיעה.

דער מאַיאָר האָט אַ קלאַפּ געטאָן אָפּצאַס אין אָפּצאַס.

איבערגעבנדיק דעם יינגל דאָס ביכל, האָט וואַסיליעוו אויסגערופן פײַער־לעך:

— איוואַן סערגייעוויטש טורגעניעוו! ווען ס'וועט זיך דיר מאַכן אַ פרײַע שאָ, אַנדריושע, זאָלסטו לייענען, ניט פאַטערן אומזיסט קיין צײַט. לערן זיך... איך האָב דיך געפרעגט וועגן דײַן נאָמען, ווײַל צווישן די ייִדן, וואָס איך קען, איז ניטאָ קיין איין אַנדריי...

אין פאָדערצימער האָט עמעצער געשמועסט מיט דער וואַך און באַם אַרײַנגאַנג געשורשעט מיט די שטיוול איבער דער רעדנע. דער אַדיוטאַנט (לויטן אויסזען ענלעך אָפן קאָמאַנדאַרם: פונקט ווי ער, אַ מאַנצבלש־שטאַלטנער, די גימנאַסטיאָרקע און גאַליפע־שאַראָווארן — ווי אויסגעגאָסן אָפן לײַב) האָט מיטגעטיילט דעם קאָמאַנדאַרם, אַז דאָס איז אָנגעקומען דער פּאָדפּאָלקאָווניק. דער קאָמאַנדאַרם האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַזוי אויסדריקלעך, אַז דער צוגעוווינטער צו אים אַדיוטאַנט האָט אַלץ פאַרשטאַנען: דעם קאָמיסאַר אַרײַנרופן, דעם פאַרבינדלער פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד דערווײַל דאָ איבערלאָזן, און אַליין זיך פאַרנעמען מיט צוגרייטן דעם באַלוינונגס־פּאַפּיר.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער האָט אויסגעטאָן די שינעל, זיך הייזעריק אויסגעהוסט און איז אַרײַן צום קאָמאַנדאַרם, אָפּהיטנדיק דעם קאָפּ, ער זאָל זיך ניט קיין קלאַפּ טאָן אין דער נידעריקער טיר־ראַם. אָנשטאָט אויסוואַרטן, ביז ער וועט, ווי עס פירט זיך, אָפּראַפּאָרטירן, אַז ער, דער געקומענער, איז עס דער מיליטערמאַן פון אַזאַ און אַזאַ ראַנג, מיט אַזאַ און אַזאַ פאַמיליע־נאָמען און אַז ער האָט זיך געיאָוועט לויטן געהעריקן באַפעל, — האָט וואַסיליעוו אים היימיש אַ רוף געטאָן:

— קומט אַרײַן, מאַרק גריגאָריעוויטש. עפּעס זעט איר אויס פאַרדײַגעט...

ווענגראָווער האָט ניט באַוויזן צו ענטפערן — ס'האָט אים אָפּגעהאַלטן דעם אַדיוטאַנטס קאָל, וועלכער האָט מיט עמעצן אײַנגעטײַנעט אין טעלעפאָן, אַז דער נומער איינס וועט קאָנען נעמען דאָס טרײַבל אין אַ מינוט צען אַרום, אָבער יענער איז באַשטאַנען אויף זײַנס, און דער אַדיוטאַנט, צעפּירנדיק שולדיק מיט די הענט, האָט זיך ווידער באַוויזן אין צימער, לעבן דעם צווייטן טיש, לויט אַלע סימאָנים אַן אַמאָליקן עס־טיש, אויף וועלכן עס זײַנען געשטאַנען עטלעכע טעלעפאָן־אַפּאַראַטן און אָנשטאָט אַ טישטעך איז צעשפּרייט געווען אַ לאַנד־מאַפּע. ער האָט אין איינעם פון די טרײַבלעך אַ זאָג געטאָן: „וואָלאָגדע... וואָלאָגדע... דער נומער איינס וועט צוגיין צום אַפּאַראַט“, און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַרן קאָמאַנדאַרם.

„וואָלאָגדע״ איז געווען דער ארויסרוף־נאָמען באַם דעזשורנעם טעלע־פאָניסט אין שטאַב פונעם באַטשדיוו 322. ווען ווענגראָווער איז מיט א האלב שאָ צוריק ארויסגעפאָרן פון דער דיוויזיע, איז דאָרט געווען רויִק. די פּאָלקן האָבן זיך פּארפעסטיקט אַף די אָקאָרשט פּארנומענע פּאָזיציעס. ס'איז שוין צוגעפאַלן דער פריִער סאָף־דעקאַבערדיקער פארנאַכט. צו די פוסטע, פּארלאָזטע יישובים, צו די פעלדער און וועלדער פונעם אוקראַי־נישן קאַנט האָט זיך צוגעדריקט אַ געדיכטע פינצטערניש. דאָס איז געווען א שאָ, ווען קיין נייַע אַטאַקעס הייבט מען געוויינלעך ניט אָן. ווענגראָ־ווער האָט מיט אומרו זיך צוגעהערט צו די ווערטער, וועלכע האָבן דיַיט־לעך, איבערן גאַנצן צימער, זיך געטראָגן פונעם טעלעפאָן־טרייַבל. דער קאָמאַנדיר פון דער 322־טער דיוויזיע האָט איבערגעגעבן, אז דער קעגנער האָט אומדערוואַרט צונויפגענומען אַ שטאַרקע גרופּע טאַנקען, וועלכע האָבן דורכגעבראָכן די שוץ־ליניע, צעקוועטשט מיט די רויפן עטלעכע האַרמאַטן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט א רוק געטאָן צו זיך די לאַנד־מאַפּע און גע־פרעגט:

— ווו קומט עס פאָר? פּינקטלעכער!

— דאָרט, ווו ס'גייען זיך צונויף די פלאַנגען פון דעם טויזנט־נייַן־און־אַכציקסטן און דעם טויזנט־זיבן־און־אַכציקסטן.

— וויאַזוי פירט זיך אויף די פעכאָטע?

— די שיסער־באַטאַליאָנען האַלטן אייַן זייערע פּאָזיציעס.

— די פאַרבינדונג?

— די פאַרבינדונג דורכן טעלעפאָן און דורך ראַדיאָ איז א שטאַנד־האַפטיקע. אין איין אָרט איז פארלאָרן געגאַנגען די עלנבויגן־פאַרבינדונג. מיר שטעלן זי אויף...

וואסיליעוו האָט זיך אייַנגעקוקט אין דער מאַפּע, בויערנדיק מיטן שפּיץ פונעם דין־פאַרשאַרפטן בלייַשטיפט דעם פונקט צווישן די פלאַנגען פונעם 1089־טן פּאָלק און דעם 1087־טן. ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט ווענג־ראָווערן, און פונקט ווי יענער וואָלט שוין אייַנגעשטימט מיט זייַן נאָך ניט ארויסגעזאָגטן באַשלוס, האָט ער זיכער אַרייַנגערעדט אין טעלעפאָן־טרייַבל:

— איך דערלויב אייַך זעלבשטענדיק מאַנעווורירן אַזוי, ווי איר געפינט פאַר נייטיק. פּאַרגעסט ניט אָפּגעבן אַ באַפעל צו די רויפן־באַטארייעס פונעם צווייטן עשעלאָן, זיי זאָלן צולאָזן די טאַנקען נאָענט און ערשט דעמלט שיסן. איך בלייַב באַם אַפּאַראַט און וואַרט אַף אייַערע ווייַטערדיקע מיטיילונגען.

און נאָכאַמאָל אַרייַנגעשריגן אין טרייַבל:

— רוקט ארויס א באַוועגלעכן אָפּצאַמונגס־אָטריאַד! אַף לינקס און אַף רעכטס פון דעם אָרט, ווו די טיגרען האָבן זיך דורכגעריסן, קערעוועט אויס מיטן פּאָנעם צו זיי די שיסער־באַטאַליאָנען, זיי זאָלן בלאָקירן דעם דורכגאַנג!

ער האָט אוועקגעלייגט דאָס טרייַבל אַפּן הילצערנעם ניט געפאַרבטן קעסטל און, אַרייַנדרייענדיק דעם קנויט פונעם קעראָסין־לאָמפּ, אָפּגעדעקט דאָס פענצטער, קעדיי אַ קוק געבן, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. דאָרט

איז פאַמעלעך געפאַלן אין אָנגעקוואָלענער, שווערער שניי. ס'איז געווען שטיל. דער סאָלדאַט, וואָס איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט זיך באַוויזן אויף יענער זײַט פענצטער און איז צוריק אָפּגעטראָטן אין דער פינצטערניש. לויט ווי ער האָט געכליופּעט אין דער בלאָטע, האָט זיך געפילט, אַז כּוץ דעם שניי גייט אויך אַ רעגן. אין צימער איז געווען דושנע. די פיר מענטשן — דער גענעראַל, דאָס ייִנגל, דער פּאָדפּאָלקאָווניק און דער אַדיוטאַנט — האָבן זיך ווי געפונען יעדערער אין אַ באַזונדער קעמערל, אָפּגעטיילט פון די איבעריקע, זיי האָבן געשוויגן, טראַכטנדיק ניט וועגן איינס און דאָס זעלבע, און יעדן פון זיי האָט, דוכט זיך, אײַנגעוויקלט אין אייגענע טונקלקײַט.

דער אַדיוטאַנט האָט ווידער פאַרמאַסקירט דאָס פענצטער און אַרויסגעדרייט דעם קנויט. וואַסיליעוו האָט זיך דערמאָנט אין ווענגראָווערן און אין אַנדרייקען, וועלכע זײַנען געקומען צו אים פון דעם געהיים־שווײַגנדיקן דרויסן, ווּהין ער האָט ערשט אַרײַנגעקוקט, און ער איז געבליבן שטיין אַנטקעגן זיי אַ פאַרכידעשטער:

— איר דערקענט גאָרניט איינער דעם אַנדערן? אפילו ניט געגעבן זיך די הענט?

אַנדרייקע האָט דאָפּקע יאָ דערקענט ווענגראָווערן. אין קינדערשן זיקאָרן איז דאָס געווען אַן אָנגעכמורעטער, ניט קיין פרײַנטלעכער מענטש. אָפּשטעלנדיק זיך ריידן מיט אַנדרייקעס טאַטן אין גאַס, בייס אַ שפּאַציר, פלעגט ער לאַכלוטן ניט לייגן קיין אַכט אויפן קינד, וואָס שטייט דערבײַ. ווען אַנדרייקע איז קוים אַלט געווען נײַן יאָר, איז ווענגראָווער פאַרשוווּנדן, מע האָט אויפגעהערט צו דערמאָנען זײַן נאָמען. איצט, אין פינף יאָר אַרום, שוין גאָר אין אַן אַנדער אָרט און בײַ אומגלייבלעך־געענדערטע אומשטענדן, האָט אַנדרייקע ווידער אים געטראָפן, און ס'איז פאַרן פאַרטיזאַנישן פאַרבינדלער ניט דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט, וואָס דער שמייכלענדיקער גענעראַל, באַגעגענענדיק דעם אָפיצער פון אַ נידעריקערן ראַנג, האָט צום אַלעם ערשטן געפרעגט וועגן זײַן פאַרדײַגעטקײַט. אַזוי ווי דער מענטש איז געווען טאָמיד אָנגעכמורעט און פאַרדײַגעט, אַזוי איז ער פאַרבליבן...

אינדערעמעסן אָבער איז געווען אַ גאַנץ וויכטיקע סיבּע פון אָט דעם היימישן באַגיין זיך פונעם קאָמאַנדאַרם מיטן קאָמיסאַר פון אַ פּאָלק. אין אָנהייב יאָר, ווען די N־ער אַרמיי איז געגאַנגען אויף קורסק, האָט וואַסיליעוו, בעשאַס אַ באַזוך אין אַ פעלד־שפּיטאָל, דערקענט אין איינעם אַ פאַרווונדעטן אָפיצער דעם פאַרוואַלטער פונעם קינדערהיים, ווּהין ער, אַ פערצניאָריק פאַריאָסעמט געוואָרן ייִנגל, איז אין טויזנט נײַן הונדערט איין־און־צוואַנציקסטן יאָר אָנגעקומען מיט אַ קוויטל פונעם וואָפּניאַרקער נאַראָבראַז. דער פאַרוואַלטער פונעם קינדערהיים, מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער, איז געווען פאַר די קינדער קימאַט ווי אַ טאַטע — סײַ מיט זײַן זאָרג, עס זאָל בײַ יעדן פון זיי באַפרידיקט ווערן די מינדסטע באַדערפעניש, סײַ מיט זײַן אומקאָמפּראָמיסלעכער פּאָטערשער שטרענגקײַט, וועלכע האָט ניט אויסגעמיטן קיינעם. איינמאָל, ערעוו אַ גרויסן יאָמטעוו, ווען די קינדער האָבן גערייניקט און געפּוצט זייער היים, איז מען אויך

אַרײַן אין דעם פּאַרוואַלטערס אָרעם־אויסגעשטאַט ווײַן־צימערל, און וואַניע
וואַסיליעוו האָט אין אופגעעפנטן קליידער־שראנק דערזען א בודיאָנישן
שלעם און א פרענטש מיט אן אָרדען פון דער רויטער שלאַכט־פאָן אפן
לאַץ. קיינמאָל האָט דער פאַרוואַלטער ניט אָפּגעשפּיליעט דעם אָרדען
פונעם פרענטש און קיין איין מאָל דעם פרענטש ניט אָנגעטאָן. געוווּסט
האָט מען, אז מאַרק גריגאָריעוויטש האָט דורכגעשאָסן א מאַכנאָווישע קויל,
דעריבער כריפּעט ער באַם ריידן, און אז ער איז שוין עטלעכע כאַדאָשים
דעמאָביליזירט פון דער רײַטער־אַרמיי. אין די לאַנגע אוקראַיִנישע פאַר־
נאַכטן פלעגן די קינדער פאַנטאַזירן מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם וועגן די
אופטועכן פון א לעגענדאַרן העלד פון דער רויטער אַרמיי, ווען אליין
בודיאָני האָט נאָכן צעקלאַפּן די ווײַסע געהייסן צונויפנעמען אונ־
טער איין דאַך א סאַך יעסוימים און מאַכן פון זיי אַזעלכע העלדן,
ווי ער.

ווען איוואַן דאַנילאָוויטש וואַסיליעוו האָט אין פעלד־שפּיטאָל זיך אָנ־
געשטויסן אף וועגנראָווערן, זײַנען דורכגעגאַנגען גוטע עטלעכע מינוט,
ביז וואַנען ער האָט זיך באַרויִקט. דאָס האָט דאָך טאַקע דער פאַרוואַלטער
פונעם וואַפּניאַרקער קינדערהיים זיך אַראָפּגעיאַוועט אין איינעם א קאַלטן
האַרבסט־טאָג פונעם טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־צוואַנציקסטן קיין נאָ־
וואָראָסיִיסק, ווו עס האָט דעמלט שוין געאַרבעט אף א צעמענט־זאַוואָד
וואַניע וואַסיליעוו, און אָפּגעפירט אים קיין אָדעס, אין דער דאָרטיקער
פעכאָטע־שול, זיך לערנען. אפן וועג האָט דער שטרענגער פאַרוואַלטער
מיט אים אײַנגעטײַנעט, אז אויב ער וועט זיך פלײַסיק אָפּגעבן
דער מיליטערישער קונסט, וועט פון אים אַרויס דאָס, וואָס מע
באַדאַרף.

דער פעלד־שפּיטאָל איז געווען א בעשוטפעסדיקער — צווישן א פאָלק
פון דער 322־טער דיוויזיע פון דער N־ער אַרמיי, וועלכע איז געווען
אונטערגעוואָרפן דעם וואָראָניעזשער פראָנט, און איינעם פון די פאָלקן פר־
נעם בריאַנסקער פראָנט. פאַרבונדענע צווישן זיך מיט די פלאַנגען, האָבן
ביידע פראָנטן אף אָט דעם אָרט פאַרנומען איין שלאַכטפעלד, און די פאַר־
וווּנדעטע בײַס די אָפטע אַטאַקעס זײַנען געווען, אַזוי צו זאָגן, שוטפעס־
דיקע. דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס דער קאָמיסאַר פונעם בריאַנסקער פאָלק
מאַיאָר וועגנראָווער איז אָפּגעפירט געוואָרן אף מעדיציניִשער באַהאַנדלונג
צו די וואָראָניעזשער. ווען דער קאָמאַנדאַרם וואַסיליעוו האָט אים דערזען,
האָבן די שטאַב־אָפיצערן און די דאָקטוירים געהאַט פון וואָס צו זײַן פאַר־
כידעשט. דער באַרימטער גענעראַל איז געשטאַנען אָנגעבויגן צו א מאַיאָר
מיט א פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, און ווען דער פאַרוווּנדעטער, וואָס איז
האַלב געזעסן, האַלב געלעגן, האָט געוואָלט זיך אופשטעלן, האָט דער גע־
נעראַל אים אַרומגעכאַפּט פאַר די אַקסלען און זיך געבעטן מיט א ציטעריק
קאָל:

— מאַרק גריגאָריעוויטש, ליבינקער, באַומרויִקט אײַך ניט...

דער באַיאָרטער מאַיאָר האָט זיך אופגעפירט ווי א מענטש, פאַר וועמען
דאָס געשעענע איז ניט קיין נײַס. ער האָט געוווּסט, ווער וואַסיליעוו איז
איצט, און אויב זיי האָבן זיך ביידע ווידער געטראָפן, איז עס אים, פאַר־

שטייט זיך, אָנגענעם, אָבער מילכאָמע איז מילכאָמע, און סובאָרדינאַציע איז סובאָרדינאַציע.

די דאָקטוירים האָבן געפֿונען פֿאַר מעגלעך ניט צו עוואַקויִרן דעם מאַיאָר װענגראָווער, אָבער צוריק אין זײַן פּאָלק האָט ער, ניט געקוקט אַף אַלע זײַנע באַמיִונגען, זיך שוין ניט אומגעקערט. אין דער 322־טער דיוויזיע האָט זיך געפּאָדערט אַ קאָמיסאַר פֿון אַ פּאָלק, און װאַסיליעוו האָט געקלונגען אַזש קיין מאָסקווע, אין דער פּאָליטישער פֿאַרוואַלטונג, געבעטן און געפּאָדערט, און סאָפּקאָלסאָף זיך דערשלאָגן, אַז װענגראָווער זאָל אַריבערגעפֿירט ווערן אין זײַן אַרמיי. מאַרק גריגאָריעוויטש האָט מיט דעם אײַנגעשטימט, ער האָט אָבער אַרויסגעשטעלט אַ קאַטעגאָרישן טנאַי: קיין שום פּערזענלעכע באַציִונגען, קיין מינדסטע פֿאַרלײַכטערונג אין דער דינסט און אינעם שטייגער. װאַסיליעוו האָט אַף זיך גענומען די דאָזיקע אומדערטרעגלעך שווערע היסכײַוועס. עמעס, ער האָט װענגראָווערן, וואָס האָט דעם צווייטן שטערן אַף די פּאָגאָנעס באַקומען ערעוו דער שלאַכט, אין וועלכער מע האָט אים פֿאַרווונדעט, און ער האָט אײנפֿאַך ניט באַוויזן די פּאָגאָנעס צו בײַטן, — דעם פּאָדפּאָלקאָווניק װענגראָווערן האָט וואַסיליעוו גערופֿן היימיש באַם נאָמען און פּאָטערנאָמען, ער פֿלעגט אויך אַמאָל פֿאַרהאַלטן אים בײַ זיך אין שטאַב נאָך אַ באַראַטונג און זיך אײנקורצן דורכשמועסן מיט אים, אָבער מערער פֿון דעם האָט ער זיך קיינמאָל גאָרנישט ניט דערלויבט.

פֿון די זעלטענע שמועסן מיט מאַרק גריגאָריעוויטשן, וועלכער האָט צו יענער צײַט זיך שוין דערנעענטערט צום זעקסטן צענדליק, האָט איוואַן דאַנילאָוויטש בעהאַדראָגעדיק אופֿגעשטעלט פֿאַר זיך זײַן ווײַטערדיקן לעבנס־גאַנג נאָך זייער צעשיידונג. די אַכט יאָר, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אַפֿן ווײַטן מיזרעך, אין ביראָבידזשאַן, זײַנען זיכער געווען פֿאַר אים גליקלעכע, אָבער אומגעריכט, ווי אַ קלאַפּ מיט אַ מעסער אין רוקן, האָט אין אַכט־און־דרײַסיקסטן געטראָפֿן אים אַ העסלעכער בילבל פֿון זײַנעם אַן אַמאָליקן באַקאַנטן — שאַנאָווסקין — אַפֿילע אַ שטיקל פֿרײַנט, וואָס איז פֿון ביראָבידזשאַן שוין פֿון לאַנג אַרויסגעפֿאָרן און געלעבט אַף דער אוקראַיִנע אין זײַן היימשטאָט. װענגראָווער האָט קורץ פֿאַרן קריג זיך אומגעקערט, ווי מען דריקט זיך אויס, פֿון ניט אַזוי שטאַרק אָפּגעווײַטערטע קאַנטן, זיך אומגעקערט אין דער זעלבער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, פֿונוואַנען ער איז אַמאָל, אין איין צײַט מיט שאַנאָווסקין, אַריבערגעפֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן. ווען היטלער איז באַפֿאַלן דאָס לאַנד, האָט ער אָנגעטאָן זײַן בודיאָנישן פֿרענטש מיטן אָרדען פֿון דער שלאַכט־פּאָן אַפֿן לאַץ און איז אַוועק אין שטאָטקאָם פֿון דער פּאַרטיי. דער גענעראַל װאַסיליעוו האָט אין פֿעלד־שפּיטאָל דערקענט אין דעם פֿאַרבאַנדאַזשירטן מאַיאָר דעם אַמאָליקן פֿאַרוואַלטער פֿונעם וואָפּניאַרקער קינדערהיים טאַקע לויט דעם אַלטן אָרדען, הינטער וועלכן ס'איז געווען אונטערגעלייגט אַ שטיקל רויט צײַג. אַ צווייטער אָרדען, אַ נײַיִנקער, אויך מיט אַ פּאָן פֿון רויטן עמאַל אינדערמיט, איז בײַ װענגראָווערן אַף דער ברוסט געווען צוגעשפּיליעט עטוואָס לינקס פֿונעם אַלטן און גלײַך צו דעם כאַקי־העמדל.

ווען מע זאָל די דאָזיקע גאַנצע געשיכטע דערציילן אַנדרייקען, וואָלט

ער זיכער געטראַכט וועגן ווענגראָווערן בעסער, נאָר דער גענעראַל וואַסי־ליעוו האָט דערווײַל, פֿונעם ערשטן שמועס מיטן ייִנגל, בלויז געוווסט, אַז מאַרק גריגאָריעוויטש איז מיט זײַן טאַטן אַ נאָענטער פֿרײַנט, און דעריבער האָט ער, דער גענעראַל, ניט גענומען אויסדערציילן וועגן באַזונדערע איינצלהײַטן, איבערלאָזנדיק זיי פֿאַר ווענגראָווערן אַליין; און, זעענדיק, ווי דער פּאָדפּאָלקאָווניק און דאָס ייִנגל זיצן ווי פֿרעמדע, האָט ער אויס־געשריגן פֿאַרכידעשט:

— איר דערקענט גאָרניט איינער דעם אַנדערן?

ווענגראָווער האָט באַקוקט דאָס ייִנגל, וועמענס פּנים האָט אים אויס־געזען פֿרעמד. דאָס ייִנגל האָט זיך אָנגערופֿן:

— איך בין אַנדריי... אַנדריי טשאָרניצער בין איך... נעכעמיע טשאָר־ניצערס זון...

די דאָזיקע ווערטער האָבן ווי אויפֿגעוועקט ווענגראָווערן פֿון שלאָף — פֿון יענעם מין שלאָף, בייס וועלכן דער מענטש, וואָס האָט שוין לאַנג מיט קיין אויג ניט צוגעמאַכט, גייט, עסט, אַרום, טוט עפּעס, רעדט זיך דורך מיט אַנדערע מענטשן, אָבער אינווייניק אין זיך שלאָפֿט ער. ווענגראָווער האָט אַזש אַ צאַפּל געטאָן:

— אַנדרייקע! ווי קומסטו אַהער?

— אין איין־און־פֿערציקסטן איז יודאַלעף געווען אין אַ זומער־לאַגער פֿונעם אָסאָאַוויאַכים אויף דער אוקראַיִנע. די מאַמע האָט גענומען מיט זיך סאַלקען און מיך, און מיר זײַנען, אויף זומער טאַקע, צוגעפֿאָרן אין שטעטל. פֿאָרט נעענטער צו יודאַלעפֿס דינסט, האָט געזאָגט די מאַמע...

דער אַדיוטאַנט איז אַרײַן אין צימער, אַראָפּגעכאַפּט פֿונעם הילצערנעם קעסטעלע דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל און אַרײַנגערעדט אין דעם: „וואָלאָגדע... דער נומער איינס איז באַם אַפּאַראַט". איידער צוגיין צום טעלעפֿאָן, האָט דער קאָמאַנדאַרם געגעבן אַן אײַצע ווענגראָווערן מיטן ייִנגל, זיי זאָלן זיך דערווײַל צוזעצן צום טיש, אויף וועלכן עס שטייט דער גראַפֿין מיט די גלעז־זער און עס ליגן די פּאַפּקעס און דער פֿאַנאַנדערגעשפּיליעטער פּלאַנשעט, און זיי זאָלן זיך דאָרט דורכשמועסן. פֿאָלגנדיק וואַסיליעוון, האָט ווענגראָ־ווער צוערשט זיך צוגעהערט, וואָס עס וועט זאָגן „וואָלאָגדע", און ערשט נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך צו אים דערטראָגן די ווערטער: „כאַווער ערש־טער, כאַווער ערשטער! דערלויבט ראַפּאָרטירן. פֿון עלף טיגרען ברענען פֿיר, די איבעריקע האָבן פֿאַרקערעוועט אויף צוריק!" — האָט ער זיך גענו־מען אײַנהערן אין דעם, וואָס עס האָט גערעדט אַנדרייקע.

וואַסיליעוו האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט זיך אינטערעסירן מיט דעם פּאָד־פּאָלקאָווניק און מיטן פּאַרטיזאַנישן פֿאַרבינדלער. עס האָט זיך געקאָנט אויסדוכטן, אַז ער איז ביכלאַל אַרויס אין אַן אַנדער צימער און דאָרט זיך אַרײַנגעטאָן אין דעם, וויאַזוי עס ווערט געפֿירט איינע אַ שלאַכט אויף דער פֿראָנט־ליניע פֿון זײַן אַרמיי.

— איצט הייבט אָן גרייטן דאָס פֿאָרסירן דעם טײַך! — האָט ער מיט עמעצן אײַנגעטײַנעט. — גאַנצפֿרי דאַרפֿט איר אים אַריבערגיין אין דרײַ ערטער: מײַרעווודיקער פֿון ווערכניע זשאַרי, בא דעם צייכן הונדערט איינס מיט פֿינף צענטל. דאָ לאָזט אַרויס די פֿישער־שיפֿלעך, דערנאָך וועלן

צוקומען די פּאַראַמען. איר הערט? לאַדנאַ. מערקט אַפּ באַ זיך דאָס צווייטע אָרט, ווו איר דאַרפט אַריבערגיין דעם טײַך. אַנדערהאַלבן קילאָמעטער דאָ־רעמדיקער פון ניזשנײַע זשאַרי, באַם קוואַל סטאַריק. שטעלט דאָ אויף אַ פּאָנטאָן־בריק. די דריטע פּאָרסירונג — באַ טערעמצי. צונויפבינדן פון קלע־צער פליטן...

דאָס קאָל, וואָס האָט זיך געטראָגן פונעם טרײַבל, האָט געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן: „איך הער... איך הער... איך הער...“ מיטאַמאָל האָט עס זיך איבערגעשלאָסן אַף עפּעס אַנדערס:

— כאַוועך ערשטער, איין רעגעלע... — (און צו עמעצן, וואָס האָט, ווײַזט אויס, גערעדט דורך אַ צווייטן טעלעפאָן־אַפּאַראַט: „וואַרט צו, לייגט ניט אוועק דאָס טרײַבל. כ׳וועל איבערגעבן דעם נומער איינס...“) — אַל־לאָ, כאַוועך ערשטער, פינף קילאָמעטער פון מײַן קאָמאַנדע־פּונקט, אין הינטערלאַנד, האָט דער קעגנער, בעשאַס דער שלאַכט מיט די טאַנקען, אַרויסגעוואָרפן זעקס פּאַראַשוטיסטן. זיי זײַנען גלײַך פאַרשוואונדן אין וואַלד... אַנגעטאָן זײַנען זיי ווי רויטאַרמייער...

— אַלץ גייט אַזוי, ווי ס׳איז פּאָרויסגעזען, — האָט זיך דערפרייט וואַ־סיליעוו. — זײַט וויסן, אַז דאָס זײַנען ניט קיין פּאַשטעטע געסט. זיי זײַ־נען געשיקט אָפּצוטאָן אַ דעליקאַט שטיקל אַרבעט. וואַרשײַנלעך, באַלד וועלן זיי זיך פּאַרטײַען און מער גאָרנישט ניט טאָן. אונדזער אויפגאַבע איז — נעמען זיי ווי ווײַט מעגלעך וואַרעמינקע און ברענגען אַהער. אָבער דערווײַל טוט עס ניט. האַלט זיי אין אויג און וואַרט אַף אַ פּאַראָרדענונג. פאַרשטאַנען?

ער האָט פּאַרייכערט אַ פּאַפּיראָס און אַ זוך געטאָן מיט די אויגן וועגן גראָוועדן. יענער איז געזעסן אין טונקעלן ווינקל, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, ווי ער וואָלט געלייענט פון אַ פּאַפּיר, אָפּקערעווענדיק זיך, ס׳זאָל קיינער ניט זען, וואָס ער לייענט. אַנדרייקע איז בייסן טעלעפאָן־שמועס אַרויס אין צווייטן צימער, צום אַדיוטאַנט.

— מאַרק גריגאָריעוויטש, עס איז צו באַוווּנדערן אײַער אויסגעהאַלטנ־קײַט, כ׳וואָלט געזאָגט קאַלטבלוטיקײַט... — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדאַרם, צוגייענדיק נעענטער צו ווענגראָווערן. — איר פרעגט אַפילע ניט, פאַרוואָס כ׳האָב אײַך געבעטן קומען אַהער...

די לעצטע ווערטער האָט דער קאָמאַנדאַרם אַרויסגערעדט, פילנדיק שוין, אַז זיי זײַנען איבעריק, אָבער גלײַך איבערײַסן די רייד האָט ער ניט גע־קאָנט. ווען ער איז שטיין געבליבן לעבן ווענגראָווערן, האָט יענער זיך אויפגעהויבן פון אָרט און זיך אויסגעדרייט צו אים מיטן פּאָנעם. דאָס פּאָ־נעם באַ ווענגראָווערן איז געווען נאָס פון טרערן. ער האָט געזאָגט מיט אַ שטײַף קאָל, פונקט ווי זיך אין עפּעס מוידע געווען נאָך גרויסע וואַקלונ־גען:

— איוואַן דאַנילאָוויטש, זיי האָבן דערשאָסן די פרוי, וועלכע איז גע־ווען די איינציקע ליבע אין מײַן גאַנץ לעבן...

ס׳איז געווען איבעריק צו פרעגן, ווער עס זײַנען די „זיי“. פונעם צווייטן צימער האָט זיך דערטראָגן אַנדרייקעס פאַרשטיקט געוויין און די באַרויִקנדיקע שעפּטשערײַ פונעם אַדיוטאַנט. די טיר האָט אַ סקריפּע גע־

טאָן — דער אַדיוטאַנט האָט אוועקגעפירט פון שטוב דאָס ייִנגל. אין דרויסן האָבן איינטאָניק געהודעט פאַרביַיפליִענדיקע נאַכט־באָמבאַרדירער, וועלכע האָבן אַרויסגערופן אַ טאַראַראַמעדיקן איבערוף פון שנעלשיסנדיקע זעניט־קעס. וואַסיליעוו איז אַ שוויַיגנדיקער אָפּגעגאַנגען ווידער צום טיש מיט די טעלעפאָנען, ניט געפינענדיק וואָס צו זאָגן ווענגראָווערן אין אָט דער מינוט.

ווענגראָווער איז אַליין צוגעגאַנגען צום קאָמאַנדאַרם. זיַין פּאָנעם איז איצט געווען שטרענג און טרוקן. וואַסיליעוו האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, און ער האָט געלאָזט זיך אַרומנעמען. זיי האָבן זיך צוגעזעצט צום טיש. וואַסיליעוו האָט מיט אָן אָנשטרענגונג אַרויסגערעדט:

— מאַרק גריגאָריעוויטש, איר זיַינט אימשטאַנד מיך אויסהערן?

— איך הער איַיך, — האָט געענטפערט ווענגראָווער.

— אַנדרייקע... דאָס האָט ער איַיך געבראַכט די ידיִעה?

— די פרוי איז אַנדרייקעס מאַמע...

— און איר...

— איך בין ניט איר מאַן. כ׳האָב זי ליב געהאַט דאָס גאַנצע לעבן...

— און אַנדרייקעס טאַטע...

— זיַין טאַטע וווינט, ווי פריִער, אין ביראָבידזשאַן. זי... זי האָט גע־קאָנט איצט לעבן... איר האָט דאָך געהערט, וואָס אַנדרייקע האָט דער־ציילט... ס׳האָט זי אַ צי געטאָן אויף מיַירעוו צו אונדזער זון... נעענטער צו אים... זי איז געווען אַ גרויס קינד, איוואַן דאַנילאָוויטש... געמיינט, אַז אויב דער זון איז אַוועק אין אַ לאַגער פון אָסאָאוויִאַכים, אויף מיַירעוו, געפינט ער זיך איצט אַוודאי לעם אונדזער שטעטל ליובאַר... צוויי וואָכן פאַרן קריג איז זי אַראָפּגעקומען אַהין צוגאַסט... מיטגענומען מיט זיך די טאָכטער סאָלקען און אַנדרייקען... מיטן אייגענעם ווילן אַוועק צום טויט...

— איר רעדט וועגן איַיער זון... דאָס איז דער זעלבער, וואָס איר האָט געבעטן אים אַראָפּברענגען צו איַיך ניט שפּעטער פון איבערמאָרגן?

— יאָ, דער זעלבער. איוואַן דאַנילאָוויטש, דאָס איז די איינציקע פער־זענלעכע באַקאָשע, וואָס כ׳האָב זיך דערלויבט מיט איר צו ווענדן זיך. פּאַ־שעט — קיין אַנדער אויסוועג האָב איך ניט. איך מוז אים זען, קאָלזמאַן ס׳האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט דאָס יאָר...

— אַ ספּעציִעלע סיבע?

— אַ שוועע. זיַין מאַמע מיט איר מאַן און איך — מיר האָבן זיך געגעבן אַ שוועע. יעדע עלף יאָר, — אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט, ווען דער זון איז געבוירן געוואָרן, — יעדע עלף יאָר זעען מיר זיך, אפילו ס׳זאָל ברענען... די מילכאָמע האָט אָבער דאָס מאָל געפּאַסקנט אַנדערש. די מאַמע איז ניטאָ, פאַרפאַלן געוואָרן, און איצט ווייסן מיר שוין, אַז זי איז ניטאָ. איינער פון דער מאַמעס צוויי מאַנצבלען געפינט זיך צען טויזנט קילאָמעטער פון־דאַנען, און איך, דער צווייטער, בין אויף דער מילכאָמע. דאָס היַינטיקע יאָר, איינס פון די „עלפטע״, איז שוין קימאַט דורכגעגאַנגען. און דאָ דער־וויס איך זיך, אַז דער זון דינט ניט וויַיט פונדאַנען, אויפן זעלבן פראָנט, וואָס איך...

— ער וועט זײַן בא אײַך איבערמאָרגן, דעם איין־און־דרײַסיקסטן. כ'האָב וועגן דעם געבעטן זײַן קאָמאַנדאַרם.

— א דאַנק.

— מאַרק גריגאָריעוויטש, דערציילט מיר וועגן סאַלקען...

— איר ווייסט עפּעס וועגן איר גורל?

— איך האָב אײַך פאַרבעטן אהער, ווײַל אַנדרייקע האָט אונדז געבראַכט א ידיעה פונעם ליובאַרער וואַלד...

— איך הער אײַך.

— אין בערדיטשעוו איז בא די פּאַרטיזאַנער פאַראַן א מענטש אינעם אַבוער. ס'איז באַוווּסט געוואָרן, אַז מיט אייניקע וואָכן צוריק איז קיין בערדיטשעוו אָנגעקומען א הויכער טשין פון א שפּאָגל־נײַער אויסשפּיר־דינסט... טרעפט וועמענס... עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די ציוניסטן, יאָ־יאָ, די ציוניסטן האָבן פאַרפירט בא זיך אן אייגענע אויסשפּיר־דינסט... בא א וועלט־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט אַריבערפירן ייִדן קיין פּאַלעסטינע...

— בא דער ייִדישער אַגענץ?

— יאָ, ריכטיק.

— איר אויסשפּיר־דינסט הייסט שערוט איזראַעל.

— מאַרק גריגאָריעוויטש, איך זע, אַז אײַך איז דאָס בילד אין אַלגעמיין באַקאַנט א סאַך בעסער, איידער מיר...

— איך בין לויטן פאַך א היסטאָריקער, און כ'האָב דערצו זיך פאַרנו־מען ניט ווייניק מיט ייִדישע איניאָנים.

— און דאָך וועט עפּשער זײַן אפילו פאַר אײַך א סורפּריז, וואָס דער הויכער טשין פון שערוט איזראַעל, ווי עס טיילן אונדז מיט די פּאַרטיזאַ־נער, איז געקומען קיין בערדיטשעוו אין דער באַגלייטונג פון איינעם פון די לײַט, וועלכע וואַרפן זיך אונטער דעם אָבערשטורמבאַנפיורער פון עס־עס אָטאָ סקאָרצעני... דעם זעלבן, וואָס האָט זיך ספּעציאַליזירט אויף אַרויסגאַנווענען מענטשן מיט דער הילף פון אָפּגעקליבענע גאָרגלשנײַדער.

— וועמען קלײַבן זיי זיך אַרויסגאַנווענען בא אונדז?

— אײַך, מאַרק גריגאָריעוויטש. דעם פּאָליט־קאָמיסאַר װענגראָווערן. ווענגראָווער האָט אָנגעטאָפּט אין א קעשענע פון דער גימנאַסטיאָרקע די ברילן, וועלכע ער האָט גענוצט בלויז באַם לייענען, און, פאַרשטעקנדיק די האָלאָבליעס פון די ברילן אונטער די גראָווע האָר, נעענטער צום שטערן, האָט ער זיך אופמערקזאַם אײַנגעקוקט אין וואַסיליעווס פּאָנעם, פּונקט ווי ער וואָלט באַדאַרפט דאָרט עפּעס אויסלייענען. וואַסיליעוו האָט צוגעוואַרט א רעגע, געלאָזט ווענגראָווערן, ער זאָל אויספאָרשן ווי געהער־ריק זײַן פּאָנעם, און, אַרויסנעמענדיק דערנאָך פון איינער פון די פּאַפּקעס עטלעכע זײַטלעך פּאַפּיר, האָט ער זיי אים דערלאַנגט.

ווען ווענגראָווער האָט שוין געלייענט דאָס לעצטע זײַטל פונעם פּאַר־טיזאַנישן בריוו, איז אין דער כאַטע אַרײַנגעקומען א יונגער פּאָלקאָווניק מיט א שפּיצעכיקן גלאַט אויסגעגאָלטן קאָפּ. אַראָפּגענומען פון זיך די שי־נעל נאָך אין פירהויז, האָט ער זי אָפּגעגעבן דעם אַדיוטאַנט און, באַגריסנ־

דיק זיך בא דער האַנט מיטן קאָמאַנדאַרם און מיט ווענגראָווערן, גענומען באַם לעצטן, אָן שום ווערטער, די איבערגעלייענטע זײַטלעך.

— צוליב וואָס דאַרפן זיי אַרויסגאַנווענען אַן אַלטן ייִדן? — האָט ווענגראָווער ניט פֿריילעך אָנגערופֿן זיך צום קאָמאַנדאַרם, דערלאַנגענדיק דעם אַרײַנגעקומענעם פּאָלקאָווניק דאָס לעצטע זײַטל פּאַפּיר. — און אַ רויטן קאָמיסאַר צוליב וואָס דאַרפן זיי?

וואַסיליעוו האָט אַ ווײַז געטאָן מיט די אויגן אויף דעם פּאָלקאָווניק:

— איר וועט נאָך האָבן צײַט זיך דורכריידן מיט דער קאָנטר־ראַזוועדקע. דערווײַל וויל איך אײַך מאַכן אויפֿמערקזאַם אויף דעם אָרט אינעם בריוו, ווו עס טרעפֿט זיך דער נאָמען סאַלקע טשאָרניצער... די פּאַרטיזאַנער שרײַבן, אַז דער וואָלאָסאָוועץ, וואָס איז הײַנט באַנאַכט אַריבערגעלאָפֿן אין אײַער דיוויזיע, וועט ברענגען אַ פֿאָטאָגראַפֿיע, מיט וועלכער איר פּערזענלעך וועט זיך פֿאַרינטערעסירן, און דאָס וועט אים גלײַך אַרופֿירן אויף אײַער שפּור. אין אַ טאָג אַרום, דאָס הייסט הײַנט, וואַרפֿט זיך אַרויס די גרופּע פּאַראַשוטיסטן, און ער ווייסט שוין, וווהין זיי צו ברענגען, קעדיי אײַך נעמען אַ לעבעדיקן און אַריבערשלעפּן איבערן פֿראָנט...

דער יונגער פּאָלקאָווניק האָט אָפּגעלייגט אין אַ זײַט דעם בריוו פֿון די פּאַרטיזאַנער און גענומען דערציילן, אַרײַנקוקנדיק אין אַ נאָטיץ־ביכל:

— אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע איז צו זען אַן אַרומגעצוימטן פּוסטלעכן לאַגער פֿון צען באַראַקן אין אַ וואַלדיק אָרט, אויפֿשריפֿטן אויף רוסיש און אויף ייִדיש: קאָרפּוס איינס, קאָרפּוס צוויי... קאָמענדאַטור... רעגיסטראַטור... באָד... באַם אַרײַנגאַנג אין איינעם פֿון די באַראַקן זײַנען צוגעקלאַפּט טראַנספּאַראַנטן. דער טעקסט אויף רוסיש: „סאָוועטישע ייִדן! דאָ אין ביראָבידזשאַן וועט איר בויען דעם סאָציאַליזם אין דער אַטמאָספֿער פֿון פֿעלקער־פֿרײַנטשאַפֿט". און מיט קלענערע אותיות: „פֿאַר שטערן די אײַנגעשטעלטע אָרדענונג ווערט מען דערשאָסן אויפֿן אָרט". עטלעכע אַלצייִנס אָנגעטאָנענע מענטשן, אין ווינטערדיקע היטלען, שטיוול, פּעלצלעך, רינגלען אַרום אַ יונגע פֿרוי. אויף דער ברייטער לענטע אַרום איר רעכטער האַנט איז אָנגעשריבן „דעפּוטאַט". דער אויפֿשריפֿט אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע: „די ייִדישע פֿרוי סאַלקע טשאָרניצער, וועלכע האָט זיך פֿאַרקויפֿט צו די רוסישע קאָמוניסטן און איז געוואָרן אַ דעפּוטאַט אין זייער סאָוועט, נעמט איבער באַ ענקאַוועדע־לײַט אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פֿאַר די סאָוועטישע ייִדן אין דער ביראָבידזשאַנער טײַגע"...

— ווו איז די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿאַבריצירט געוואָרן? — האָט געפֿרעגט וואַסיליעוו.

— די באַראַקן מיט דער גאַנצער לאַנדשאַפֿט — דאָס איז אַ פֿיליאַל פֿונעם זאַקסענהאַוזענער טויט־לאַגער. אַ ספּעציעלע קאָמאַנדע האָט אים דעקאָרירט צוליב דער פֿאָטאָגראַפֿיע און אַראָפּגעבראַכט אַהין פֿון ליובאַר סאַלקע טשאָרניצער. איצט האַלט מען זי אויף אין בערדיטשעווער געסטאַפּאָ. אונדזער וואָלאָסאָוועץ איז געווען צווישן די, וואָס האָבן זיך מיט איר געייסעקט... מע זעט אים אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע, און ער שטעלט עס אַרויס ווי אַ באַווײַז פֿון זײַן אָנגעהעריקײַט צום איניען. ער זאָגט, אַז איר, כּאַווער פּאָדפּאָלקאָווניק, דאַרפֿט אים געדענקען, ווײַל ער איז אין צוויי־און־דרײַ־

סיקסטן יאָר דורכגעפאָרן ביראָבידזשאַן מיט אַן עשעלאָן קאָמסאָמאָלצעס און אָנטיילגענומען אין אַן אינצידענט, אין עפּעס אַ מיטינג, וועלכן איר האָט זיכער ניט פאַרגעסן, אויב איר זײַנט אין יענעם טאָג געווען אַף דער סטאַנציע טיכאָנקע...

ווענגראָווער איז נאָך די דאָזיקע ווערטער געבליבן זיצן אַזוי, ווי ער איז געזעסן, אײַנגעאַנצן אַן אָפּוועזנדיקער, אַ פאַרטונקלטער. בלויז לויטן אָטעם זײַנעם — אָט אַ רעגלמעסיקן און אָט אַ כאָרכלענדיק־האַסטיקן — האָט מען פאַרשטאַנען, אַז ער הערט, וואָס מע רעדט צו אים. וואַסיליעוו האָט באַמערקט אַף זײַן פּאָנעם און אַף די הענט אַ קרענקלעכע אָנגעשוואָלנקײַט און ברוינע פלעקן. ער האָט אַ טראַכט געטאָן, ווי אַזוי צו געבן אים כאָטש אַ רעגע רו און שוין געקליבן זיך זאָגן דעם אַדיוטאַנט, מע זאָל אַרײַנטראָגן דעם סאַמאָוואַר, נאָר דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ווייניקער פון אַלץ בײַטיקט זיך ווענגראָווער אין אָפּרו. פאַרקערט, ער איז איצט אין יענעם צושטאַנד, ווען דער קאָפּ אַרבעט אָנגעשטרענגט און עס ברויזט מאַמעש אין די אָדערן דאָס בלוט. ער האָט מיטאַמאָל זיך אײַנגעאַנצן צעעפנט, אויסגעגלײַכט זיך, פאַרשטעקט איין האַנט הינטערן רימענדל, אַף וועלכן ס׳האַלט זיך דער פּיסטאָלעט, און אַרויסגערעדט:

— יאָ, איך געדענק יענעם מיטינג אַף דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן. ווער דער וואָלאָסאָוועץ איז, שטעל איך זיך אויך פאָר. איך מיין, אַז מע דאַרף אים צולאָזן צו מיר און שאַפן פאַר אים די אילוזיע פון פרײַע מעגלעכקײַטן.

דער קאָמאַנדאַרם האָט געפרעגט באַם יונגן פּאָלקאָווניק:

— וועלכע ווערסיע האָט דער וואָלאָסאָוועץ פאַרגרייט פאַר מאַרק גריגאָריעוויטשן?

— פון ערשטן קוק אַ גאַנץ איבערצײַגעוודיקע. ער, דער וואָלאָסאָוועץ, שטאַמט פון באַלעגופים. ער האָט אין צוויי־און־דרײַסיקסטן געגאַנוועט די סאָוועטישע גרענעץ אָפּן ווײַטן מיזרעך און איז אַריבערגעלאָפן קיין מאַנדזשוריע, פון דאָרט געקומען קיין אייראָפּע, שפּעטער — אָפּן דײַטשיש־סאָוועטישן פראָנט, צו וואָלאָסאָוון. אויב דער פּאָדפּאָלקאָווניק ווענגראָווער געדענקט אים, וועט ניט שווער זײַן צו אָפּשטעלן אין זיקאָרן, ווי אַזוי בעשאַסן אינצידענט אַף דער אײַזנבאַן־סטאַנציע טיכאָנקע האָט דער הײַנטיקער וואָלאָסאָוועץ, ווי ער דערציילט איצט, געפּריידיקט, אַז אַלע ייִדן פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד דאַרפן זיך צונויפזאַמלען אין ביראָבידזשאַן, און מער אין ערגעץ ניט — בלויז אין ביראָבידזשאַן. און מיטאַמאָל דערוויסט ער זיך, אַז איצטער איז אויך די סאָוועטישע רעגירונג בײַ דער זעלבער מיינונג! אַ סימען: די באַראַקן פאַר ייִדן, די צוגעגרייטע לאַגערן פאַר זיי אין דער ביראָבידזשאַנער טײַגע! ווען דער וואָלאָסאָוועץ פאַלט אָבער אַליין אַרײַן אין דער אינסצענירונג מיט סאַלקע טשאָרניצער און ער דערוויסט זיך, אַז אַף זייער פראָנט־באַצירק, אַף דער רוסישער זײַט, איז פאַראַן אַ הויכער אָפיצער, וועלכער שטאַמט פון ביראָבידזשאַן, — דאַן פאַלט אים אײַן אַריבערצוגיין דעם פראָנט און דערציילן דעם סאָוועטישן אָפיצער אַלץ, וואָס ער ווייסט וועגן דעם פאַרטראַכט מיט די באַראַקן...

ווענגראָווער האָט, זיצנדיק, אַ לײַכטן קלאַפּ זיך געטאָן מיטביידע

הענט איבער די קני, ווי איינער רעדט: נו, איצט איז שוין אלץ קלאָר. ער האָט גוטמוטיק א לאַך געטאָן:

— די ציַעניסטן האָבן זיך אויסגעלערנט האָכפּאָליטיק...

— זיי קוקן אין דער נאָענט און באַמיַען זיך זען וויַטלעך, האַ? — האָט אין זעלבן טאָן באַמערקט דער גענעראַל.

דער יונגער פּאָלקאָווניק האָט צונויפגענומען די בלעטלעך פונעם פּאַר־טיזאַנישן בריוו און אַוועקגעלייגט זיי אפן טיש לעם די פּאַפּקעס. ער האָט א זאָג געטאָן, גליַיך ווי דערווידערנדיק דעם גענעראַל:

— דערוויַיל זעט מען פון דער נאָענט, אז זיי מיַעסן זיך ניט מיטן אבווער...

— מיטן אבווער, — האָט איבערגעכאַזערט ווענגראָווער. — אין אייראָפּע און אף אונדזערע אָקופּירטע ערדן זיַינען שוין באַלד ניטאָ קיין ייַדן אף צו שיקן זיי קיין פּאַלעסטינע... און דאָ האָבן די ציַעניסטן זיך אויסגעלערנט האָכפּאָליטיק!

ער האָט א וויַילע געשוויגן און, אייסעקנדיק זיך מיט די ברילן, פּאָר־געזעצט:

— יאָ, יאָ... זיי באַמיַען זיך זען וויַטלעך... אויב מע וועט היטלערן באַזיגן, וועלן, פון איין זיַיט, זיך יאָווען מעגלעכקיַיטן אויסצונוצן די טראַ־געדיע פונעם פּאָלק אף צו ארגומענטירן זייער פּראָגראַם, און, פון דער צווייטער זיַיט, וועט מען האָבן דעם פון לאַנג פאַרגרייטן מאַטעריאַל אף צו קאָמפּראָמעטירן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד: איר זעט — די באָלשעוויקעס האָבן אויך געגרייט לאַגערן, געטאָס... א סימען האָט איר: אָן אַלטע פּאָטאָ־גראַפיע, וועלכע ס'האָט זיך איַינגעגעבן צו פאַרכאַפּן, און א בירָאָבידזשאַ־נער קאָמיסאַר, וואָס איז אַנטלאָפן פון די באָלשעוויקעס און געפונען א מאָקעם־מיקלעט בא די ציַעניסטן...

דער גענעראַל וואַסיליעוו האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט, צווינגענדיק מיט דעם זיך אופצושטעלן אויך דעם יונגן פּאָלקאָווניק און ווענגראָווערן, און אריַינגעקוקט אין צווייטן צימער. וויַיזט אויס, ער האָט זיך געוואָלט דערוויסן, צי עס האָט צוזאַמען מיטן אַדיוטאַנט זיך אומגעקערט אין דער כאַטע אַנדרייקע, וויַיל דערזעענדיק, אז יענער זיצט דאָרט און לייענט טורגעניעווס ביכל, האָט ער, א באַרויַקטער, זיך אומגעקערט צום טיש און געזאָגט, ווענדנדיק זיך צום יונגן פּאָלקאָווניק:

— אויב סקאָרצעני האָט ארויסגעוואָרפן זעקס פּאַראַשוטיסטן, זיַינען עס אזעלכע פוקסן, וואָס ניט דער קאָמענדאַנטסקע ווזוואָד וועט זיי קאָנען כאַפּן. שטעלט צונויף א פּלאַן פון דער אָפּעראַציע. פאַרשיפרירט זי. נו, וואָס פאַר א קאָד וועלן מיר איר געבן? מאַרק גריגאָריעוויטש, עפּשער עפּעס פונעם וויַטמיזרעכדיקן פּייזאַזש?

דער יונגער פּאָלקאָווניק האָט געפונען די פּאַסיקע ווערטער פריַער פון ווענגראָווערן:

— בירא... בידזשאַן... כינגאַן... טונגוסקאַ...

— טונגוסקאַ, — האָט דער גענעראַל איבערגעכאַזערט דאָס לעצטע וואָרט. — רופט אָן די אָפּעראַציע „טונגוסקאַ". איר האָט צוויי טעג אף זי דורכצופירן. איַילט זיך ניט. די פּאַראַשוטיסטן וועלן זיך אין ערגעץ ניט

אהינטאָן. דער וואָלאָסאָוועץ אויך ניט, מאָרגן אינדערפרי באפרײַט אים פון אונטער דער וואך. קלוימערשט, נאָכן באגעגענען דאָס נײַ־יאָר וועט מען אים עוואקויִרן אין הינטערלאנד, און דערווײַל קאָן ער, אויב ער וויל, זיך אויסבאָדן אין דאָרף, און, נאטירלעך, כאפּן א שמועס מיטן ייִדישן כאווער, דעם פּאָדפּאָלקאָווניק וועגנעראָווער. פונעם מיליטערישן שטאנדפּונקט, הייסט עס, האָט דער איניען קיין ווערט ניט, און ס׳איז ניטאָ קיין צײַט מיט אים זיך צו פארנעמען. פאר אריבערגיין פרײַוויליק צו אונדז ווערט ער, דער וואָלאָסאָוועץ, אָפּגעשיקט אין הינטערלאנד...

דער יונגער פּאָלקאָווניק האָט פארשריבן די ווערטער פונעם קאָמאנדארם אין זעלבן נאָטיץ־ביכל, פון וועלכן ער האָט מיט א פּאָר מינוט פריִער אויסגעלייענט דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט פונעם וואָלאָסאָוועץ. וואסיליעוו האָט פּאָרגעזעצט:

— ווען דער וואָלאָסאָוועץ וועט קומען אויפן באדינגלעכן אָרט, קעדיי זיך טרעפן מיט די פּאראשוטיסטן, וועט מען זיי אלעמען נעמען. זייער פּאָשעט. מע דארף האָפן, אז צום נײַעם יאָר וועלן מיר ארײַן קיין בערדיטשעוו. דאן איז אונטער אײַער פערזענלעכן קאָנטראָל דאָס באפרײַען פון געסטאפּאָ סאלקע טשאָרניצער, — האָט ער א טײַט געטאָן מיטן פינגער גלײַך אין דער ברוסט דעם יונגן פּאָלקאָווניק.

דער אדיוטאנט האָט ארײַנגעטראָגן דעם סאמאָוואר, ניט ווארטנדיק, מע זאָל אים וועגן דעם דערמאָנען, און אָנגעגאָסן דרײַ גלעזער טיי. וואסיליעוו האָט, ווי פאר זיך, ארויסגערעדט:

— א טשיקאווער יאט אָט דער אנדרייקע... די מילכאָמע פילט זיך גאָר אויף אים ניט...

— א נוס פון דער טײַגע, — האָט געזאָגט וועגנעראָווער. — אן אָרטיקער, א דאָרטיקער... ארומשמײַען איבער די וועלדער אָן א וועג און אָן א שטעג איז בא אים א געוויינלעכע זאך...

— אנדרייקע! — האָט א רוף געטאָן דער קאָמאנדארם, וועלכער האָט צוערשט איבער דער טונקעלער שײַן ניט באמערקט, אז דאָס ייִנגל שטייט שוין, ווילנדיק עפּעס זאָגן, בא דער טיר, — קום ארײַן, אנדרייקע, גיס זיך אָן א גלאָז טיי...

אן אויסגערוטער און ארומגעוואשענער, האָט אנדרייקע אויסגעזען מאָגערער, איידער דאן, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל ארײַן אין אָט דעם צימער. האלטנדיק צוגעדריקט צו דער ברוסט טורגעניעווס ביכל, פארלייגט א פינגער צווישן די טעוועלעך, האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין דער טיף פונעם צימער, ווו עס איז געזעסן דער קאָמאנדארם, און געסטארעט זיך ארויסזאָגן זײַן באקאָשע מיט אן אָפיציִעלן טאָן:

— כאווער גענעראל, דערלויבט אומקערן זיך אין פּארטיזאנישן אָטריאד!

דער אדיוטאנט האָט געמאָלדן, אז עס קלינגט ניקאָלײַעוו — אזא איז געווען דער פּארקאָדירטער נאָמען פונעם קאָמאנדיר פון פראָנט וואטוטין. וואסיליעוו האָט געזאָגט אין טרײַבל: „איך הער, ניקאָלײַ פיאָדאָראָוויטש!" און נאָך דעם, איבערכאזערנדיק פיל מאָל דאָס וואָרט „יאָ", געווונטשן וואטוטינען א גוטע נאכט און אוועקגעלייגט צוריק דאָס טרײַבל.

הינטערן פענצטער האָט זיך געביטן די וואך. א שטרענג קאָל האָט געוואָרנט: „סמאָטרי וו אָבאָ!” („קוק מיט ביידע אויגן!”). נידעריק איבער דער כאַטע האָבן ווידער זיך צעהודעט פארבײַפליִענדיקע באָמבארדירער. ס׳האָט זיך געהערט, ווי עס קאַפּעט פון דער סטריכע. ערגעץ נאָענט, קאָן זײַן אף יענער זײַט קאַזאַטין, האָט גענומען שטעפּן א קוילנוואַרפער, און קימאַט אין דער זעלבער רעגע נאָך איינער — שוין גאָר נאָענט, אף דער אָקאָליצע פונעם דאָרף. וואסיליעוו האָט פילבאַדײַטנדיק א קוק געטאָן אפן יונגן פּאָלקאָווניק, און יענער איז גלײַך ארויס פון שטוב צוזאמען מיטן אדיוטאַנט. ווענגראָווער איז שוין ווידער געזעסן, אײַנגעדעקט און פארשלונגען פון דער טונקלקײַט, אָפּגעדרייט דאָס פּאָנעם אין א זײַט, און וואסיליעוו, ניט וויסנדיק, וויאַזוי אים צו טרייסטן, איז אריבערגעגאנגען אף אן אנדער אָרט און זיך צוגעזעצט נעענטער, אזוי, אז ווענגראָווער זאָל אים זען און זיך ניט פילן איינזאם. אנדרייקע האָט באטראַכט דאָס גאנצע בילד אין צימער, און צו זײַן פרישן קינדערשן מויעך זײַנען, דאַכט זיך, דערגאנגען אלע ניואַנסן פון דעם, וואָס די אויגן האָבן געזען, כאָטש קיינער האָט מיט קיין ווערטער ניט געגעבן אים צו פארשטיין, וואָס דאָס אלץ זאָל באַטײַטן. באַזונדערס האָבן אים אויסגעזען טשיקאַווע די צוויי אזוי באַשײַמפּערלעך־פארשיידענע מאנצבלען, דער ניט אין דער מאָס לאַנגער, סוטול־אײַנגעבויגענער, קרענקלעכער באַיאָרטער פּאַדפּאָלקאָווניק און דער שטאַלטנער גענעראַל, וועלכער איז נאָך ניט אלט געווען קיין פערציק יאָר און האָט בא דעם יינגל אין די אויגן אויסגעזען, ווי גלײַך ס׳וואָלט געווען ניט ער אליין, נאָר אן ארטיסט, וואָס ווײַזט זײַן געשטאַלט אין קינאָ. אנדרייקע האָט געזען די רוקנס פון די צוויי מאנצבלען — אן אײַנגעבויגענעם רוקן און א גלײַכן, — די פּאָגאָנעס, וואָס באַשטעטיקן נאָכאמאָל דעם אונטערשייד צווישן ביידן, און, דײַטלעכער פון אלץ, די נאָענט־צונויפגערוקטע קעפּ זייערע — דעם אינגאנצן שוין גראָוון און דעם פּעכיק־שווארצן. זײַענדיק פון לאַנג צוגעוווינט אין פּארטיזאנישן אָטריאַד, אז מע דאַרף ניט ארײַנדרינגען אין דעם, וואָס עס טוען קאָמאנדירן, האָט ער זיך לאַכלוטן ניט געכידעשט, וואָס עס זײַנען אזוי נאָענט צווישן זיך די צוויי אזוי באַשײַמפּערלעך פארשיידענע מאנצבלען, און בלויז די איקאָנע, וועלכע איז איצט אויסגעקומען פּונקט איבער זייערע קעפּ, האָט ארויסגערופן א שמייכל בא אנדרייקען, ווײַל זי האָט ווי ארײַנגענומען אין איר שטראַלנדיקן אָרעאָל די קעפּ פון די צוויי הויכע מיליטערלײַט — דעם גראָוון קאָפּ און דעם פּעכיק־שווארצן. אנדרייקע האָט נאָכאמאָל זיך אײַנגעקוקט אין דער טיף פונעם צימער און איבערגעכאַזערט מיט אן אָפּיציִעלן טאָן:

— כאַווער גענעראַל, דערלויבט אומקערן זיך אין פּארטיזאנישן אָטריאַד!

דער גענעראַל האָט וועגן עפּעס זיך דורכגעשמועסט שטילערהייט מיט ווענגראָווערן און דערנאָך געענטפערט אנדרייקען:

— אין פּארטיזאנישן וואַלד וועסטו זיך שוין, אלטיטשקער, אומקערן ניט אליין...

אנדרייקע האָט געפרעגט פארכידעשט:

— מיט וועמען זשע?

— מיטן ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט.

אָנגיסנדיק דעם יינגל טיי אין דער גלאָז, פון וועלכער ער אליין האָט אָקאָרשט געטרונקען, און נאָכשפּירנדיק מיט פאַרגעניגן, ווי יענער באַזעצט זיך ברייטלעך באם טיש און נעמט כראָמטשען דעם צוקער, האָט וואסיליעוו פאָרגעזעצט:

— איך מיין, ס׳וועט בא דיר ארויסרופן אן אינטערעס, אויב כ׳וועל דיר מיטיילן, אנדריי... וויאזוי רופט מען דיך לויטן טאטן?

— אנדריי נעכעמיעוויטש, — האָט אונטערגעזאָגט וועגנגראָוועד.

— ...אויב כ׳וועל דיר, אנדריי נעכעמיעוויטש, מיטיילן, אז אין דער רעדאקציע פון אונדזער ארמיי־צייטונג דינט דיין ברודער... וויאזוי איז זיין נאָמען?

— פאלעק, פאלעק... — האָט זיך ווידער דערהערט וועגנגראָווערס קאָל.

אנדרייקע האָט פון איבערראַשונג זיך א ריס געטאָן פון אָרט און איז געווען גרייט שוין פריידיק זיך צעשרייען, נאָר וואסיליעוו האָט אים א כאַפּ געטאָן אין די אָרעמס, ווי מע כאַפּט מיט ביידע הענט א צעפּאַלאָכעטן פאזאן ארום די פליגל, און צוגעדריקט אים צו זיך:

— כאַפּ זיך ניט, אלטיטשקער. ס׳וועט דאָ אויך זיין דיין צווייטער ברודער, דער עלטסטער...

— יודאלעף! — האָט ניט מיט זיין קאָל ארויסגעשריִען אנדרייקע.

דער גענעראַל האָט געגומען אים באַרוּיקן:

— איי־איי־איי, פּארטיזאַן... שטילער א ביסל...

אנדרייקע האָט זיך צעוואָרפן, ווי אין פיבער:

— יודאלעף!.. פאלעק!..

און אליין שוין זיך צוגעדריקט מיט דער באַק צו וואסיליעווס ברוסט:

— ווען?

— וואָס — ווען?

— ווען וועלן זיי קומען, יודאלעף און פאלעק?

— איבערמאָרגן, אין נייעם יאָר...

אנדרייקע האָט זיך באַפרייט פונעם קאָמאנדארמס הענט און איז געבליבן זיצן שטיל און באַרוּיקט, ווי גלייך ער וואָלט זיך איינגעמאָסטעט צו וואַרטן, ביזוואַנען די ברידער זיינע וועלן אַהער קומען...

אין דרויסן, טאַקע, ווייזט אויס, אף דער אָקאַליצע, האָט מען ווידער געשאָסן פון קוילנוואַרפערס. דער וועכטער איז מיט פאַמעלעכע טריט ארומגעגאַנגען לענגאויס דעם פענצטער. אין צווייטן צימערל האָט אָן אופהער געקלונגען דער טעלעפאָן, ביז ס׳האָט א סקריפּע געטאָן די טיר און פון דרויסן איז א פאַרסאָפּעטער אריין דער אדיוטאַנט און אראָפּגעכאַפּט דאָס טרייבל...

2

ווען יודאלעף טשאַרניצער זאָל געוועז וויסן, אז מיט צוויי טעג צוריק האָבן א קאָמאנדיר פון אן ארמיי און א קאָמיסאַר פון א פּאָלק זיך דורכגעשמועסט וועגן אים אין א דאָרפישער כאַטע, גאַנץ וויַיט פון דער

פּאָזיציע, אַף וועלכער ער געפינט זיך, און אַז איינער פון די צוויי הויכע אָפיצערן, דער קאָמיסאַר — דאָס איז זײַן לײַבלעכער טאַטע, ווען ער זאָל קאָנען זיך אַזוינס כאָטש פאָרשטעלן, — דאַן וואָלט ער ניט איבערגעלעבט, וואָס מיטאַמאָל נעמט מען אים אַראָפּ פון דער פּאָזיציע און ער דאַרף, ניט פרעגנדיק צוליב וואָס און פאַרוואָס, זיך אַוועקלאָזן אין שטאַב צו יענעם קאָמאַנדאַרם.

יודאָלעף טשאַרניצער איז געווען ניט מער ווי אַ סטאַרשינאַ פון אַ ראָטע, און אין זײַן פאָרשטעלונג האָט דער פראָנט זיך געדרייט — אָט אָנגרײַפנדיק און אָט אָפּטרעטנדיק — הויפּטזאַכלעך אַרום דעם אָרט, וואָס עס האָט פאַרנומען זײַן ראָטע, און געזען האָט ער פאַר זיך — אַמאָל שיסנ־דיקע, אַמאָל אָפּרוענדיקע און אַמאָל געהאַרגעטע אָדער צעקאַליעטשעטע — בלויז די עטלעכע צענדליק סאָלדאַטן, וועלכע ער, דער סטאַרשינאַ, האָט געדאַרפט איבערציילן עטלעכע מאָל אין מעסלעס, צי אַלע זײַנען נאָך לעבעדיק, און די לעבעדיקע האָט ער געדאַרפט אָנקאָרמען מיט דעם, וואָס דער אינטענדאַנט האָט געגעבן, און דעריקער באַוואָרענען, אַז זיי זאָלן האָבן מיט וואָס צו שיסן.

די אומגעווייגלעכקײַט פונעם באַפעל, וועלכן ער פּילט איצט אויס, איז אים קלאָר געוואָרן שוין אין דער מינוט, אַ שפּראָץ אַף טאָג, ווען ס'האָט אים געגומען וועקן — טאָרקען און טרייסלען, שילטנדיק זיך אין דער מאַ־מען, — דער קאָמבאַט אַליין, און אַז ער האָט זיך אַ שטעל אויף געטאָן דערשראָקן אַף די פיס, האָט אים דער ראָטע־קאָמאַנדיר, וואָס האָט אַראָפּ־געבראַכט אַהער דעם קאָמבאַט, דערלאַנגט אַ פּאַפּירל, לויט וועלכן ער ווערט אָפּגעשיקט אַף אַ מעסלעס אין אַ טייל מיט אַן אַנדער נומער. דער קאָמבאַט האָט אוועקגעלייגט פאַר אים אַן אָפּגעריבענע אַף די פאַרבויגענע ערטער מאַפּע און געגעבן אַ טיטשע מיטן פינגער אין איין אָרט און אין אַ צווייטן:

— דאָ ליגן מיר, און אָט דאָס איז בערדיטשעוו. וועסט אָפּזוכן דעם שטאַב פון דער N־טער אַרמיי און זיך מעלדן צום גענעראַל וואַסיליעוו. אין פּאַפּירל שרײַבן מיר עס ניט, דאַרפסט געדענקען. לויט די לעצטע ידיעס, געפינען זיי זיך שוין אין בערדיטשעוו. וואַסיליעווס שטאַב איז אין ראַיאָן פונעם ליובאַרער שליאַך.

זעענדיק, אַז צו טשאַרניצערן איז דערגאַנגען גאַנץ ווייניק פון דעם, וואָס דער קאָמבאַט רעדט צו אים, האָט דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע אים געגעבן אָפּזופּן פון דער פליאַגע און איבערגעכאַזערט דעם באַפעל מיט אַנדערע ווערטער:

— גיי אַרויס אַפּן וועג. קיין בערדיטשעוו פאָרט איצט דער גאַנצער טראַנספּאָרט. שפּרינג אַרויף אַף אַ לאַסטמאַשין אָדער אַף אַ טאַנק. דאָס פּאַפּירל באַווײַז, אויב אַ פּאַטרול וועט פאָדערן. וואָס קוקסטו מיט קעל־בערנע אויגן? מיינסט, אַז מיר ווייסן, פאַרוואָס מע פאָדערט דיך אַהין אַרויס? אַף יעדן פאַל קאָנסטו נעמען מיט זיך נאָך עמעצן פון דער ראָטע. זאָג וועמען, וועל איך אַרײַנשרײַבן אין פּאַפּירל. נו, לעבעדיקער!

טשאַרניצער האָט זיך דערפרייט און געבעטן אַרײַנשרײַבן די פאַמיליע לאָסיעוו.

— דעם סערזשאַנט לאַסיעוו ווילסטו מיט זיך מיטנעמען? — האָט איבערגעפרעגט דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע. — צי וועט עס ניט זײַן צו פעט, סטאַרשינאַ? אינמיטן אָנגריף, און נאָ דיר גאָר אַ שפּאַציר אינצווייען קיין בערדיטשעוו...

— איך האָב עס ניט געבעטן, — האָט גלײַכגילטיק באַמערקט טשאָרני־צער.

דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע האָט אויסגערופן שטיפעריש:

— אָך, יאָ. אָן דעם סערזשאַנט לאַסיעוו קאָנסטו דאָך ניט מאַכן קיין טראַט...

טשאָרניצער האָט, אָנבייגנדיק זיך אָף אופהייבן דעם אווטאָמאַט פון דער צעשפּרייטער אָף דער ערד שינעל, אַ קלונג געטאָן מיט די צוויי גרויסע, ווי פון בלעך, שטערנס פונעם אָרדען „סלאַוואַ" און מיט די פינף מעדאַלן, וועלכע ער האָט געטראָגן אָף זײַן אייגענעם אויפן, גע־דיכטער, ווי געווײנלעך — און געענטפערט, קאָסיענדיק די אויגן צום קאָמבאַט:

— און ער, דער סערזשאַנט לאַסיעוו, קאָן עס ניט טאָן אָן מיר...

דאָס פּערטל שאָ, וואָס מע האָט געגעבן אָף קלײַבן זיך אין וועג אַרײַן, האָט טשאָרניצער אויסגענוצט צו איבערגעבן זײַנע פליכטן אַ יעפרייטאָר, מיט וועלכן ער האָט אײַנגעטײַנעט וועגן אַזאַ גרויסער צאָל דײַגעס, פּונקט ווי ער וואָלט אוועקגעגאַנגען פון דער ראָטע ניט אָף אַ מעסלעס, נאָר אָף אַ יאָר. ווען אַלע איניאָנים זײַנען שוין געווען דערליידיקט, האָט ער צע־פּירט אַ שטיקל זייף אין שניי־וואַסער, קעדיי זיך אָפּגאָלן, און דאָס האָט אים אַרופגעבראַכט אָפן געדאַנק, אַז אָן אים קאָן נאָך עמעצער פון די סאָלדאַטן פאַרגעסן אײַנרײַבן דאָס לײַב מיט שניי.

— מ'איז שוין צוויי וואָכן אין באָד ניט געווען, האָב עס אין זינען! — האָט ער שטרענג נאָכגעשריִען דעם יעפרייטאָר.

— וואָס זאָל איך טאָן?

— אַרויסגעבן אַלעמען ריין גרעט! דאָס אומריינע צונויפלייגן אין אַ זעקל און אָפּטראָגן אין אָבאָז. פאַרן איבערטאָן זיך זאָל יעדערער אײַנ־רײַבן דאָס לײַב מיט שניי!

— אַ מאָדנער ווינטער, כאַווער סטאַרשינאַ. שניי דאַרף מען זוכן מיט ליכט...

— עפּעס רעדסטו מיר אַ סאַך. ס'זאָל זײַן שניי, און אַלע סאָלדאַטן זאָלן פאַר דער שלאַכט אָנטאָן ריין גרעט! כאַזער איבער.

דער יעפרייטאָר האָט איבערגעכאַזערט וואָרט בא וואָרט די לעצטע פאַראָרדענונג, און טשאָרניצער איז אוועק אָפּזוכן דעם סערזשאַנט לאַ־סיעוו, וועלכער איז באַנאַכט געשטאַנען אין דאָזאָר און איצט, ווי ס'האָט אויסגערעכנט טשאָרניצער, האָט זיך זײַן דעזשורסטווע פאַרענדיקט. אַזוי איז עס טאַקע געווען, און לאַסיעוו האָט לאַנג זיך ניט געדאַרפט קלײַבן אין וועג אַרײַן — אַ טעווע האָט ער געהאַט, אַז נאָך אַ נאַכט וואָך זײַן האָט ער אינדערפרי ניט געקאָנט שלאָפן, און דערצו נאָך האָט ער זיך שוין אײַנגעוואַשן און אָפּגעגאָלט זיך אין טראַנשיי, בייס זײַנע סאָלדאַטן פונעם דאָזאָר האָבן נאָכגעשפּירט נאָך די דײַטשישע פּאָזיציעס.

זיצנדיק שוין אין א פארביי‫פאָרנדיקער לאַסטמאַשין, זײַנען איוואן לאָסיעוו און יודאלעף טשאַרניצער געפאלן אפן סייכל, אז דער ארויסרוף אין שטאב פונעם קאָמאנדארם וואסיליעוו איז, קאָן זײַן, גאָר צו דערקלערן מיט דעם, וואָס יודאלעפס ברודער, פאלעק, איז א זשורנאליסט אין דער דאָרטיקער ארמיי־צײַטונג, און עפשער, גאָט זאָל אָפּהיטן, איז עפעס גע־שען מיט פאלעקן...

די צוויי ברידער האָבן זיך דערוווּסט איינער וועגן צווייטן, ווען א צופאל האָט צונויפגעפירט איינעם פון זיי — פאלעקן מיטן לייטענאנט יויסעף בומאגין, א בירא‌ָבידזשאנער טוישעוו, וועלכער איז אין די לעצטע יאָרן פארן קריג אריבערגעפאָרן פון וואָלאָטשײַעווקע אין דעם געגנט־צענ־טער און דאָרט געארבעט אפן וועגענער־זאוואָד.

דאָס איז געווען אין די ערשטע טעג נאָיאבער, ווען דער פראָנט האָט זיך צוגערוקט הארט צו קיִעוו. איבערלייענענדיק אין דער פראָנט־צײַ־טונג, אז צווישן די דאטשעס פונעם יִשעוו פושטשא וואָדיצא האָט א לייטענאנט, וואָס זײַן פאמיליע איז בומאגין, געפונען בייסן אָנגריף א טאַ־טשאנקע, וועלכע עס האָט נאָך אין איין־און־פערציקסטן אָפּגעשיקט אפן פראָנט די היימשטאָט פונעם לייטענאנט בירא‌ָבידזשאן, — האָט דער קאַ־פּיטאָן פאלעק טשאַרניצער, א זשורנאליסט, וועמענס אָפּעראטיווקײַט איז געווען באַווּסט איבערן גאנצן פראָנט, זיך גלײַך אוועקגעלאָזט אין דער 322־טער דיוויזיע, צום קאָמיסאר ווענגראָוועד, וועלכער האָט שוין א לענ־גערע צײַט זיך געפײַניקט מיטן געדאנק, וויאזוי צונויפנעמען אין איין אָרט, אף א טאָג צײַט, צי זאָל זײַן אפילע אף איין שאָ, עטלעכע נאָענטע מענטשן, צעזייטע און צעשפּרייטע אף דער מילכאָמע. די יעדיִע וועגן דעם, אז אין פושטשא וואָדיצא האָט זיך אָפּגעפונען א בירא‌ָבידזשאנער טאטשאנ־קע און צוזאמען מיט איר א מענטש פון בירא‌ָבידזשאן, האָט שטארק פאריינטערעסירט ווענגראָווערן, און ער איז באשטאנען, אז דער קאפּיטאָן זאָל צופאָרן אהין. ווען פאלעק האָט זיך צוריק אומגעקערט אין רעדאקציע און איז געקומען אין דער דיוויזיע אף צו אָפּגעבן דעם קאָמיסאר זײַן ווילים, איז ער, פארגעסנדיק אין די פאָרמאליטעטן, צוגעלאָפן צום קאַ־פּע, ווו ס'האָט אין דער מינוט זיך געפונען דער קאָמיסאר, און אויסגעשריִען:

— מארק גריגאָריעוויטש! כ'האָב געפונען יודאלעפן!

ווענגראָווער האָט א קוק געטאָן אף אים דערשראָקן:

— דו ווייסט ניט ווען צו שפּאסן, קאפּיטאָן!

פאלעק האָט דערציילט, אז ס'איז געווען ניט פון די גרינגע זאכן צו געפינען בומאגינען, ווײַל א דײַטשישע טייל האָט, אָפּטרעטנדיק, זיך ארײַנ־געריטן צוריק אין פושטשא וואָדיצא, אָבער עס טוט אים ניט באנק, וואָס ער האָט פארלאָרן א טאָג מיט א נאכט, ווײַל אויסער מאטעריאל פאר דער צײַטונג, האָט ער באקומען מער־ווייניקער פּינקטלעכע אָנווײַזונגען, ווו עס געפינט זיך יודאלעף, — אין דער שכיינעסדיקער ארמיי געפינט ער זיך, און ער איז א סטארשינא פון א ראָטע...

פון יענער צײַט זײַנען שוין דורכגעלאָפן קימאט צוויי כאָדאָשים. דער גיכער אומבײַט פון די געשעענישן האָט ניט געלאָזט דעם קאָמיסאר ווענ־גראָווער אָפּזוכן זײַן זון און זיך זען מיט אים: צוערשט איז געווען דער

אָנגריף פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט אױף קיִעוו, דערנאָך די ביטערע שלאַכטן אױפן לינקן פליגל פונעם פראָנט אַרום פאַסטאָװ, בעלאַצערקאָװ, טריפּאָליע, דאָרט, װוּ ס׳איז אױסגעקומען אָפּצושטעלן דעם אָנגריף, און, פון דער צװײטער זײַט, אױפן רעכטן פלאַנג, איז דער אָנגריף אָנגעגאַנגען װײַטער און ס׳איז באַפרײַט געװאָרן זשיטאָמיר, און דאָ גלײַך האָט זיך אָנגעהױבן דער קאָנטער־אָנגריף פון די דײַטשן, בײַס װעלכן זײ האָבן צוריק פאַרנומען זשיטאָמיר, ראַדאָמישל, קאָראָסטישעװ, ברוסילאָװ, איבערשנײַדנדיק דעם שאָסײ זשיטאָמיר—קיִעװ, װײַטער—דער פּרוּװ פון די דײַטשן זיך דורכרײַסן קײן קיִעװ, פאַרכאַפּנדיק מאַלין, װוּ דעם אױסערגעװײנלעך שטאַרקן דרוק האָט גענומען אױף זיך טאַקע די N־ער אַרמײ, אַרײַנגערעכנט די 322־טע שיסער־דיװיזיע, און לעסאָף — די נײַע סטראַטעגיש־אָנגעצײלטע אָנגריף־אָפּעראַציע פונעם ערשטן אוקראַיִנישן פראָנט, אָנהײבנדיק פונעם 24 דעקאַבער, מיטן ציל צו צעגראַמירן מיט אַ שטאַרקן פּאָנעם־על־פּאָנעם־קלאַפּ דעם קעגנערס הױפּט־גרופּירונג אױף דער זשיטאָמיר־בערדיטשעװער ריכטונג, אַזױ, אַז אונדזערע באַװעגלעכע טײלן זאָלן דערגרײכן, אױפן ערשטן עטאַפּ, דעם ראַיאָן פון זשמערינקע, און די הױפּטקױכעס, צװישן זײ די N־ער אַרמײ, זאָלן פאַרנעמען בערדיטשעװ, ליובאַר, כמעלניק, נאָװאָגראַד־װאָלינסק און אַרױסגײן צום טײַך דאָרעמדיקער בוג.

די דאָזיקע אַלע געשעענישן האָבן געהאַלטן אין זײער געשלאָסענעם קרײַז דעם פּאָדפּאָלקאָװניק װענגראָװער, און ערשט װען ער האָט דערפילט, אַז עס װעט זיך אָט־אָט פאַרענדיקן דאָס יאָר טױזנט נײַן הונדערט דרײַ און פערציק, דאָס דריטע „עלפטע יאָר״, זינט עס איז אָפּגערעדט געװאָרן, אַז מיט אַזאַ איבעררײַס װעלן זיך טרעפן ער, װענגראָװער, און די טשאָרניצערס — עסטער־ראָכעלע, נעכעמיע — מיט זײער אַלעמענס זון יודאַלעף, װען ער האָט דערפילט, אַז דאָס יאָר פאַרענדיקט זיך און מע װעט שפּעטער שױן ניט קאָנען די זאַך פאַריכטן, — דאַן איז ער אױװער געװען אױפן שטרענגן קלאַל זיך ניט װענדן מיט קײן פּערזענלעכע באַקאָשעס צום קאָמאַנדאַרם, און ער האָט געבעטן אַראָפּברענגען צו אים אױף אַ טאָג צײַט פון דער שכײנעסדיקער אַרמײ דעם סטאַרשינאַ יודאַלעף טשאָרניצער.

אין אַ פאָרשטאָט פון בערדיטשעװ האָט די לאַסטמאַשין פאַרקערעװעט אין אַ זײַט, און יודאַלעף מיט איװאַנען האָבן זיך געכאַפּט, אַז זײ פאָרן שױן מיטן ליובאַרער שליאַך, דערװײַטערנדיק זיך פון בערדיטשעװ. פון פאָרנט האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ. אָנקלאַפּנדיק אין קאַבינע־דעכל צום שאָפער, זײַנען די צװײ פּאַסאַזשירן פון דער לאַסטמאַשין אַראָפּגעשפּרונגען לעבן אַ װאַלד און זיך פאַרנומען אױף צוריק, צו די שטאָטישע כורװעס. אין הימל, נידעריק איבערן קאָפּ, האָט זיך באַװיזן אַ דײַטשישער עראָפּלאַן. קעדײ ניט באַמערקט װערן, האָבן זײ זיך פאַרטיפט אינעם װאַלד און דאָרט זיך צוגעזעצט אױף אַן אָפּגעזעגטער קלאָץ.

איװאַן האָט אַרױסגענומען דעם קיסעט, און גלײַך נאָך אים האָט יודאַלעף דערלאַנגט פון די ברײטע גאַליפּע זײַן אײגענעם קיסעט. אַזאַ שפּיל איז צװישן זײ אָנגעגאַנגען: טאַבאַטשאָק װראָז — יעדערער רײכערט זײַן טאַבעק. פאַרשטײט זיך, ס׳איז געװען בלױז אַ שפּיל. די צװײ מאַנצבלען האָבן פאַר פיל יאָרן, װאָס זײ צעשײדן זיך ניט, אַזױ צוגעלאַשטשעט זיך

אײנער צום אנדערן, אז בא זײ איז געװען מאמעש א באדערפעניש כאָטש אין עפּעס־װאָס ארױסװײַזן א פארשײדענעם װילן, זאָל זײַן אפילע באם פארדרײען א ציגײַער, און דאָס אױך אין א שפאס. בײדע מעטושטעשדיק לאנגזאמע און שעמעװדיקע, האָבן זײ געפּראװעט קונדײסעס בלױז צװישן זיך, און דאָס כאָכמענען זיך, די שטיפערײַ איז געװען, װי מע זאָגט, אָן פעפער — מעסיק, װי לעבלעכע װאסער, שלאבעריק, װי צעפּירטער ספּירט.

פארדרײענדיק די ציגײַערן, האָבן זײ זיך איצט, װי שטענדיק, געװערטלט ארום גוט באװוסטע און נאטירלעכע זאכן, װעלכע פּאסן ביכלאל ניט, מע זאָל רעדן װעגן זײ אין א שפּאס.

איװאן האָט מיט צװײ געדיכט פארגעלטע פינגער געפורעמט און געגלעט א גרױסארטיקן ציגײַער פון דעם מין, װעלכן סאָלדאטן רופן דאָס ציגן פּיסל — פאר זײַן רונדיק ברײטער פאָרם דאָרט, װו מע שיט ארײַן די מאכאָרקע, און פאר פּונקט אזא רונדיק, שױן אָבער פארשמעלערט פּיסל, װאָס טוט זיך א בײג אין דער קני און זעט דעריבער אױס גענוג עלעגאנט אף צו באשײַנען דאָס פּאָנעם פונעם רײכערער, פארבײַטנדיק א ליולקע. פורעמענדיק דאָס ציגן פּיסל, האָט איװאן געפרעגט:

— יודאלעף, װיפל יאָר ביסטו אלט?

יודאלעף האָט געענטפערט:

— נו, דרײַ און דרײַסיק...

זײ האָבן א פּאָר מינוט געשװיגן, און דאן איז ארױס מיט זײַנע רײד יודאלעף, װעלכער האָט געקלאפּט אײן קרעמען־שטײנדל אין א צװײטן, ארױסבאקומען א פונק, פון װעלכן ס׳האָט זיך גענומען רײכערן דאָס אונטערגעשטעלטע קנײטעלע פון דורכגעזאפּטער מיט א ברענשטאָף קלאָטשע. זױגנדיק זײַן ציגײַער אף צורײכערן בא דעם קלאָטשע־קנײטל, האָט יודאלעף ארױסגעזיפּט צװישן די צײן:

— און דו, װאניע, װיפל ביסטו אלט?

— אױכעט, — איז געװען דער ענטפער.

בײדע האָבן זיך שטיל צעלאכט, יעדערער פאר זיך, און דעם סאכאקל האָט געמאכט איװאן:

— אזױ־אָ, ברודערקע. האָסט שױן א װײַב מיט צװײ קינדער, און ביסט נאָך אלץ א סטארשינא...

— און דו — נאָך װײניקער, א סערזשאנט...

— דיך װעט באלד אָפּשמײַסן דער גענעראל...

— און דיך װעל איך אָפּשמײַסן, דער סטארשינא...

אין װאלד איז געװען אומהײמלעך. די נאָענטע בײמער האָבן װי געערגערט זיך פון דעם, װאָס אזעלכע צװײ שױן גאָר ניט קײן יונגע סאָלדאטן מאכן זיך נאריש. צי פון דעם טאקע, צי עפּשער פונעם שלעכטן װעטער, האָבן די שטאמען און די צװײַגן אױסגעזען פארװאָרלאָזט און ניט פרײלעך, דער הימל איבער זײ — אָנגעכמורעט. אָנשטאָט דער װאלד זאָל רױשן האָבן זיך אין אים און ארום אים געהערט אנדערע קלאנגען: ס׳האָט געגרילצט א שיסערײַ, װאָראָנעס — די אײנציקע לעבעדיקע װעזנס אינעם װאלד — האָבן געשריגן מיט װילדע קוילעס.

אין די אלציינע בושלאַטן און היטלען־אושאַנקעס האָבן יודאַלעף און איוואַן אויסגעזען ווי צוויי צווילינג־ברידער, דערבײַ, אויב אין דער יוגנט האָט זיי געמאַכט ענלעך מערסטנס דאָס אויסערלעכע: די גרויסע קעגר־פּערס, ווינקלדיקע פּלייצעס און פּענעמער, די אומגעלומפּערט סטאַרטשענ־דיקע אויערן און גראָבע ליפּן, — האָט איצט די ענלעכקײַט זיך געפילט אויך אין די באַוועגונגען, אין דעם זיצן און גיין, וואָס עס נעמט זיך פון צופּאַסן זיך אין מעשעך פון פיל יאָרן איינער צום צווייטן. ס׳איז אָבער אויך קיין סאָד ניט, אַז אין רײַפן עלטער באַווײַזן זיך, אַפילו בײַ לײַבלע־כע צווילינג־ברידער און צווילינג־שוועסטער, אייניקע נײַע סימאָנים, וועלכע זײַנען אינדיווידועל. פון דער נאָענט וואָלט מען עס געקאָנט זען אויך בײַ איוואַנען און יודאַלעפן, אשטייגער, די דערוויַל נאָך ווייניקע אָנגעבויגנקײַט פון דער פּלייצע בײַ יודאַלעפן, און אָנדײַט אף יערושעדי־קער סטולעדיקײַט, די פריזע גראָוקײַט בײַ אים אין דער שעוועליורע, וואָס פונקט איצט איז זי געוועזן צו באַמערקן, ווען אַלס ענטפער אף זײַן צוזאָג אָפּצושמײַסן איוואַנען, האָט יענער אַראָפּגעכאַפּט דאָס היטל פון זײַן קאָפּ און אַרופגעוואָרפן עס אף אַ צווײַגל.

געבליבן זיצן אָן אַ היטל, האָט יודאַלעף דערפילט, אַז עס נעמען זיך צונויף איבערנעם און פילן אָן זײַן נעשאָמע די אַלע בענקשאַפטן און דער־מאָנונגען, די אַלע געפילן, מיט וועלכע דער מענטש טראָגט זיך געוויינ־לעך אַרום, ניט פרעגנדיק בײַ זיך, וואָס דאָס איז, און ס׳איז גענוג עפּעס גאָר אַ פיצינקער שטויס, אַז זיי זאָלן זיך אָנהייבן באַוועגן, באַרירנדיק איינס דאָס צווייטע, צונויפגיסנדיק זיך איניינעם און איבערמאַכנדיק דעם מענטשן — פון אַן עלטערן אין אַ קינד, און פאַרקערט, פון אַן ערנסט־באַ־דאַכטן אין אַ שטיפער, און פאַרקערט. שווער צו זאָגן, פאַרוואָס בײַ יודאַ־לעפן איז אַזאַ שטויס געוועזן דאָס בלײַבן זיצן אין וואַלד, אף דער אָפּגע־זעגטער קלאָץ, אָן אַ היטל: עפּשער האָט די דערמאָנונג זיך אָנגעקניפּט אינעם ליובאַרער יינגעלע יודאַלעפל, וועמען עס פלעגט אַרומטראָגן דאָס אַהער, דאָס אַהין, אַבי אַרויס פונעם שטעטל, אַמאָל צו דעם דערפעלע כיזשניק און וויַטער אַזש צום שכיינעסדיקן שטעטל אָסטראָפּאָליע, און אַנ־דערס מאָל צו די פעלדער, דורכן זאַמדיק־געלן פיסטשאַן, צום וואַלד. דאָרט, אין דעם ליובאַרער וואַלד, איז די וועלט געווען אינגאַנצן אַן אַנ־דערע, איידער אין שטעטל: פונעם ליובאַרער וואַלד, וואָס איז אין יודאַ־לעפס קינדער־יאָרן נאָך געווען פול מיט באַנדעס און מיט איינצלנע באַנ־דיטן, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר יודאַלעפן דער וועג צום דניעפּערבוי, צו קאָמסאָמאָלסק: דאָרט, אינעם ליובאַרער וואַלד, איז ער נאָך געווען קליין און נאַריש, קיין שוך, קיין רעקל, קיין היטל, אַליין נאָך אַ רוי געוויקסל. און איצט, שוין אין פערטן צענדליק, לעם דעם זעלבן אָרט, קימאַט שוין אין ליובאַרער וואַלד, זיצנדיק אָן אַ היטל אף אַן אָפּגעזעגטער קלאָץ, האָט דער סטאַרשינאַ יודאַלעף טשאָרניצער אומגעריכט פאַר זײַן כאַווער, דעם סערזשאַנט איוואַן לאָסיעוו, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אויך דעם בושלאַט און, אַראָפּגליטשנדיק זיך, ווי ניט אומיסטן, פון דער קלאָץ, גענומען זיך קוי־לערן און קײַקלען איבער דער אָנגעקוואָלענער מיט אָנהייב־ווינטערדיקע פײַכטקײַטן וואַלדישער ערד. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט גאָר פון

זינען זיך גערירט — קײַקלענדיק זיך איבער דער ערד, ניט אָפּגעהיט דאָס פּאָנעם פון סוקעוואטע צווײַגלעך און שטיינער, וואָס האָבן ארויסגעסטארטשעטע פון אונטער די צוגעפּראָשעטע מיט פראָסט־טוי אראָפּגעפאלענע בלעטער, ניט פארשטעלט פון דער קאלטער אומריינער ערד דאָס מויל, די אויערן, די נאָז. עפּעס האָט ער גערעדט דערבײַ גיך־גיך, אונטערכליפּענדיק. איוואן האָט די ווערטער ניט פארשטאנען, ווײַל זיי זײַנען געווען ייִדישע, נאָר די ווערטער „מאמע" און אויך „קינד מײַנס", וואָס איוואן האָט שוין זיך אויסגעלערנט ארויסברענגען אף ייִדיש, אזוי אָפט האָט ער זיי געהערט פון יודאלעפן, — אָט די ווערטער האָבן איצט בארויִקט איוואן לאָסיעוון, און ער האָט געדולדיק נאָכגעשפּירט, ווי זײַן כאווער רעדט זיך דורך מיט זיך אליין. ווען ס'איז אים נימעס געוואָרן צו קוקן פון דער זײַט אף יודאלעפן אין דער פארכושטקײַט, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער אים און גענומען אים כאפּן מיט ביידע הענט, ווי מע כאפּט אפּן דעק פון א שיפל א פיש, וואָס ווארפט זיך:

— גענוג... רו אָפּ... יו־דא־לעף!

צודריקנדיק יודאלעפן מיט קויעך צו דער ערד, האָט ער, אן אָפּגעשוואכטער פונעם געראנגל, זיך אליין אויך צוגעדריקט צו אים, און ביידע זײַנען געבליבן ליגן, שווער אָטעמענדיק, אונטער דעם קליאָן, אף וועלכן עס איז געהאנגען דאָס היטל. יודאלעף האָט צוגעמאכט די אויגן, פארקוועטשט די ליפּן און אָנגעהויבן שטארק ציטערן פון קעלט. איוואן האָט אים אונטערגעכאפּט אונטער די פּאכוועס און, שעפּטשענדיק „פּסיך, איי פּסיך"..., צוריק אים אוועקגעשלעפּט צו דער קלאָץ. דאָרט האָט ער אָפּגעטרייסלט פון אים די בלעטער און די ערד, ארויסגעשלעפּט בא זיך פון הינטערן הויזן־פּאסיקל דאָס ווײַסע העמד און מיט א פּאָלע אים אויסגעווישט דאָס פּאָנעם, דערנאָך ארופגעוואָרפן אף זײַנע אקסלען דעם בושלאט.

אָנגעשפּיגן אף די הענט, האָט ער זיך ארופגעקאראבקעט אפן קליאָן, זיך אָנגעשפּארט מיט דער פּלייצע צו א גראָבן אָפּצווײַג זײַנעם און אָפּגעבראָכן דאָס קעגנּיבערדיקע דארע צווײַגל, דערלאנגענדיק פון דאָרט דאָס היטל. אין אָט דער רעגע האָט ער דערהערט פּאָרזיכטיקע טריט, און ניט ווײַט פון דעם קליאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט א מענטש. צוערשט האָבן סײַ לאָסיעוו, סײַ דער פרעמדער זיך פארטײַעט, אָבער ניט אף לאנג. ניט דער און ניט יענער איז ניט געווען באוואָפנט — לאָסיעווס אווטאָמאט איז געווען אָנגעשפּארט אין טשאָרניצערן, וועלכער איז נאָך אלץ געזעסן א פארכושטער אף דער קלאָץ, און דער מענטש לעם דעם קליאָן האָט קלאל ניט אויסגעזען ווי א סאָלדאט. אָנגעטאָן אין אן אלטן פארשמאָלצעוועטן וואטניק, אָן א רימען, אין א ווארעם היטל מיט אופגעהויבענע, נאָר אראָפּגעהאנגענע אויערן און מיט א פארבליבענעם סימען דאָרט, ווו ס'איז געווען צוגעשפּיליעט דאָס שטערנדל אָדער אן אנדער עמבלעם, האָט ער געקאָנט זײַן א מילכאָמע־אינוואליד, וועמען מ'האָט אראָפּגעשריבן פון דער דינסט, אָדער א קאָלווירטניק, פון די אָרטיקע, וואָס איז ניט גאָדיען. ער האָט א הונק געטאָן, ווי זיך ספּאָטיקעט אין עפּעס, גענומען קוקן דערשראָקן אף יודאלעפן און, פארוקנדיק דעם קין ביז אריבער דער אייבערשטער ליפּ אין וואטניק, ארויסגעשטאמלט:

— א פּאָגאָדקעלע...

יודאלעף און איוואן, ווי פּאקישעפּטע, אָן לאָשן, איינער פון אויבן, צווישן די צוויַיגן פונעם קליאָן, און דער צווייטער, זיצנדיק אונטן אַף דער קלאָץ, ביידע אָפּהענטיקע, ניט זײַענדיק בעקויעך גלײַך צו פאַרשטיין עפּעס, האָבן זיך אײַנגעקוקט אין דעם פרעמדן, אין די אומנאַטירלעכע ווײַסע וויעס, וועלכע זײַנען געלעגן ווי מערעזשקעלעך אַף זײַן אָפּגעברענט פון דער זומערדיקער זון פּאָנעם, — און זיי האָבן נאָך ניט באוויזן צו באַזיניקן דאָס, וואָס זיי האָבן געזען, ווי דער פרעמדער האָט זיך אויסגעצדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע און איז, ארומגייענדיק מיט אײַליקע טריט דעם קליאָן, פאַרשוווּנדן אין דער געדיכטעניש פונעם וואלד.

לאָסיעוו איז אראָפּגעשפּרונגען פונעם קליאָן און זיך שוין געקליבן פרעגן בא טשאָרניצערן, צי ער האָט געזען דעם זעלבן בייזווונדער, וואָס ער, נאָר אין אָט דעם אויגנבליק זײַנען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואקסן ארום זיי עטלעכע סאָלדאטן — איינער און א צווייטער, און מיט א פּאָר טריט ווײַטער נאָך צוויי, אלע געהיים פּארטײַעטע, מיט פּיסטאָלעטן אין די הענט. צולייגנדיק א פינגער צו די ליפּן — א באַפעל, מע זאָל שווײַגן, — האָט איינער פון די סאָלדאטן אָפּגענומען יודאלעפס און איוואנס אווטאָמאטן און שטיל באפוילן, זיי זאָלן זיך אוועקלייגן אַף דער ערד מיט די פּענעמער אראָפּ. עטוואָס ווײַטער, אַף ביידע זײַטן וואלדראַנד, האָבן זיך באוויזן נאָך עטלעכע סאָלדאטן, און ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, ווי אלע זײַנען מיטאמאָל פּונקט ווי אויסגערונען געוואָרן, כּוץ איינעם, וואָס איז פאַרבליבן בא דער אָפּגעזעגטער קלאָץ אַף צו היטן לאָסיעוון און טשאָרניצערן. דער פאַרבליבענער האָט געגעבן וועגן זיך צו וויסן: א טאָרקע געטאָן איוואַנען מיטן פּיסטאָלעט צווישן די לאָפּאַטקעס, דערנאָך יודאלעפן, און ארויסגעשעפּטשעט:

— ני זוווקא, גאָלובטשיקי... סטרעליאַט בודו... (איר זאָלט קיין פּיפּס ניט טאָן, טײַבעלעך... איך וועל שיסן...).

און אין דער מינוט, ווען ער האָט געוואָרנט, אז ער וועט שיסן, האָט זיך אין וואלד אופגעהויבן א שטאַרקע שיסערײַ. אזוי אומגעריכט און מיט אזא איינמוטיקײַט טוט זיך געוויינלעך א הייב אוף א פייגל־טשאַטע. די שיסערײַ האָט גלײַך אופגעהערט, ס'האָבן זי פאַרביטן פאַרדומפּענע שטימען, פונדערווײַטנס האָט זיך געדוכט, אז מע בינדט דאָרט צונויף בערעמעס האָלץ און די, וואָס טוען עס, צעשפּרייטע איבערן וואלד, רופן זיך איבער, אונטערײַלנדיק איינער דעם אנדערן וואָס גיכער צו פאַרענדיקן די ארבעט.

ווײַזט אויס, אז דאָס געהיימע טועכץ האָט זיך ניט אַף לאַנג פאַרצויגן, ווײַל טשאָרניצער און לאָסיעוו האָבן איגגיכן דערהערט א סאך טריט ארום זיך, און עמעצנס א קאָל, וואָס האָט געקלונגען שוין ניט אזוי שטיל, ווי פריער, האָט באפוילן:

— בא די דאָזיקע צוויי פרעגט אויס, ווער זיי זײַנען און וואָס זיי טוען דאָ, און אויב זיי רופן ניט ארויס קיין פאַרדאכט — פאַרשרײַבט זייערע קאָאָרדינאַטן און לאָזט זיי אָפּ...

ווען לאָסיעוו און טשאָרניצער זײַנען אופגעשטאַנען פון דער ערד, האָבן זיי דערזען אזא בילד:
זעקס מענטשן, אָנגעטאָן ווי רויטארמייער, פארבונדן די הענט אף הינטן און ווי ארופגעצירעוועט ארום די גארטלען אף איין שטריק, זײַנען געשטאַנען שטארק פארומערטע, צעשלאָגענע, מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ, צווישן די אָנגעטאָנענע אין קורצע ווײַסע פּעלצלעך סאָלדאטן. פון דער זײַט, ווו עס זעען זיך ארויס די הײַזער פון בערדיטשעוו, איז צוגעפאָרן א ווילליס און זיך אָפּגעשטעלט לעבן קליאָן. עס איז ארויס פון קאבינע א יונגער אָפיצער מיט פאָגאָנעס פון א פאָלקאָווניק, און איינער אין א ווײַס פעלצל האָט, דורכשמועסנדיק זיך מיט אים וועגן עפּעס, א מאך געטאָן דערנאָך צו די איבעריקע מיט דער האנט. די מאכנע מענטשן האָט מיט א זעלטענער איינמוטיקייט, פונקט ווי מע וואָלט פון פריער אָפּגערעדט וועגן דעם, זיך אוועקגעלאָזט פאזע דעם וואלד־ראנד קיין בערדיטשעוו.
— ווו איז פערפילאָוו? פערפילאָון פארוואָס האָט איר ניט געכאפּט? פערפילאָון! — האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און זיך צעשריִען איוואַן לאָסיעוו. דער סטארשינא טשאָרניצער האָט אראָפּגעוואָרפן פון די אקסלען דעם בושלאט, אויסגעגלעט מיט די פינגער די גימנאסטיאָרקע אונטערן רימען און, ניט לייגנדיק קיין אכט אפן וועכטער, וואָס איז דאָ געבליבן, קעדיי אראָפּשרײַבן די קאָאָרדינאטן פון די צוויי פארהאלטענע בייס דער אָפּעראציע, א שפּאַן געטאָן נעענטער צו דעם ווילליס:
— כאווער פאָלקאָווניק, דערלויבט זיך ווענדן צו אײַך.
דער פאָלקאָווניק האָט צוגעהאלטן דאָס טירל פון דער מאשין, איידער פארמאכן עס אף אוועקצופאָרן.
— ווער זײַנען דאָס? — האָט ער שטרענג געפרעגט באַם וועכטער.
— מיר האָבן זיי פארהאלטן דאָ אפן אָרט, — האָט ראפּאָרטירט דער וועכטער.
— כאווער פאָלקאָווניק, — האָט פאַמעלעך ארויסגערעדט טשאָרניצער, — בעשאס מיר זײַנען דאָ מיטן סערזשאנט לאָסיעוו געזעסן, איז פארבײַגעגאנגען און געוואָרן פארשוווּנדן אין וואלד פערפילאָוו... מיר האָבן איםביידע גלײַך דערקענט... קאָסטיע פערפילאָון, דעם קולאקס זונדל...
— פונוואנען קענט איר אים? — האָט א פרעג געטאָן דער פאָלקאָווניק מיט אזא גלײַכגילטיקן טאָן, פונקט ווי דער ענטפער אף דער פראגע וואָלט אים ווייניק אָנגעגאנגען.
טשאָרניצער האָט זיך צעשמייכלט, ווי איינער רעדט: וויאזוי גאָר אנ־דערש? זיי קענען אים, און שוין...
דער יונגער פאָלקאָווניק האָט איבערגעכאזערט:
— איך פרעג אײַך: פונוואנען קענט איר אים?
לאָסיעוו האָט זיך אוועקגעשטעלט לעבן טשאָרניצערן, אויסציִענדיק זיך ווי א סטרונקע, און האָט ראפּאָרטירט:
— כאווער פאָלקאָווניק, מיר זײַנען אלע דרײַ מיט א סאך יאָרן צוריק געפאָרן אין איין טעפּלושקע צום אמור — בויען קאָמסאָמאָלסק... קאָסטיע פערפילאָוו, דעם קולאקס זונדל, איז אנטלאָפן פון וועג...
דאָס קאָל באַם פאָלקאָווניק איז געוואָרן ווייכער:

— און איר ווער זײַנט? — האָט ער אַ טײַטל געטאָן מיטן פֿינגער אױף טשאָרניצערן.

— סטאַרשינאַ טשאָרניצער! לויט אַן אַרויסרוף פֿונעם קאָמאַנדאַרם פֿון דער N־ער!

— שרײַ ניט אַזוי. דער וואַלד איז ניט קיין טויבער...

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך אײַנגעמאָסטעט אויף זײַן אָרט אין דער קאַבינע און איידער פֿאַרהאַקן דאָס טירל באַפֿוילן:

— איר, סטאַרשינאַ, און איר, סערזשאַנט, זעצט זיך אַרײַן אַהער אין דער מאַשין. און איר, כאָטש סאָלדאַט, זײַנט פֿרײַ. דעריאָגט אײַער קאָמאַנדע.

פֿאָרנדיק שוין אין דעם אַלטינקן ווילים קיין בערדיטשעוו, האָבן לאָסיעוו און טשאָרניצער קונדייסיש אַ קוק געטאָן איינער אויפֿן אַנדערן, און לאָסיעוו האָט געשעפּטשעט טשאָרניצערן אויפֿן אויער:

— פּסיך, אײַ פּסיך... פּסיך... פּסיך...

3

ווײַזט אויס, אַזאַ איז שוין דעם מענטשנס נאַטור, אַז ווען לײַבלעך־אייגענע קערן זיך אום, נאָך אַ שווערן און לאַנגן אָפּשייד, צו זייער היים, און עס טרעפֿט אַזוי, אַז זיי קומען צו איר אָן פֿון פֿאַרשיידענע זײַטן, אָדער אָפּגעטיילטע צווישן זיך מיט אַ מעהאַלעך, — דאַן איז די אָפּירונג זייערע באַם אַרופּטרעטן אויף דער היימישער שוועל דאָך אַן אַלציינע, די רעאַקציע, אַזוי צו זאָגן, אויפֿן צוריקקער — אַן ענלעכע.

דער מיליטערישער זשורנאַליסט פֿאַלעק טשאָרניצער איז מיטגעגאַנגען מיט איינער פֿון די פֿאָדערשטע טיילן, ווען אָט די טייל האָט, נאָכן אײַנעמען בערדיטשעוו, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, גענומען דורכקלאַפּן אַ וועג צו ליובאַר. ס׳איז געגאַן אין לעבן דעם קאַפּיטאַן אָנצושרײַבן פֿאַר דער צײַטונג אַ מאַטעריאַל, וואָזוי זײַן געבורט־שטעטל איז באַפֿרײַט געוואָרן. פּונקט ווי זײַן עלטערער ברודער יודאַלעך, האָט ער וועגן דער מאַמען זייערער געוווּסט בלויז דאָס, וואָס נעכעמיע, דער טאַטע, האָט אָנגעשריבן יעדן זון באַזונדער אין אָנהייב פֿונעם קריג, ווי נאָר ער האָט אין בירא־בידזשאַן באַקומען פֿון זיי די ערשטע דרײַעקיקע קאָנווערטלעך מיט די נומערן פֿון די פֿעלד־פּאָטשטן. ביידע ברידער האָבן געוווּסט, אַז די מאַמע, עסטער־ראָכעלע, איז פֿאַרבליבן צוזאַמען מיט סאַלקען און מיטן ייִנגערן ברודערל אַנדרייקען אונטער דער אָקופּאַציע, אין ליובאַר, וווּהין זיי זײַנען אַרויסגעפֿאָרן נאָך פֿרידנס־צײַט, ווײַל די מאַמע האָט געהאָפֿט זיך טרעפֿן דאָרט מיט יודאַלעפֿן. וועגן ווײַטערדיקן גורל פֿון די אומגליקלעכע האָט בלויז אונטערגעזאָגט אַ פֿאַרבאָרגענער אײמעדיקער פֿאַרגעפֿיל. אָבער באַ דעם אַלעם איז פֿאַרבליבן די האָפֿענונג, אַז עס וועט געשען אַ נעס, און ווען פֿאַלעק איז מיט דער פֿאָדערשטער טייל אַרויס צום באַרגיקן ברעג פֿונעם סלוטש און פֿון דאָרט דערזען די ליובאַרער בײַשטאָט, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אַ בערגל, לאַנג ניט געקאָנט קומען צו־זיך, שעפּטשענדיק „מאַמע״, און אַזוי ווי יודאַלעך באַ דעם ראַנד פֿונעם אומהיימלעכן

וואלד, פונקט אזוי האָט ער, פאַרלירנדיק דעם געפיל פון פיזישן ווייטעק, געריבן דאָס פּנים אין דער קאַלטער אומריינער ערד און געכליפּעט דערבײַ אָן בושע פאַר די ארומיקע.

ווען עמעצער זאָל אָבער אין אָט דעם לעצטן דעקאַבער־טאָג זיך געוועזן גוט אײַנקוקן אין די ביידע ברידער, וואָלט ער, אָן ספק, דערזען, פונדעסטוועגן, אויך דעם אונטערשייד אין זייער אויפירונג און אין גאנצן געמיט זייערן. יודאלעף האָט, וואָס שײַעך דעם פּערזענלעכן וויי־און־ווינד־געפיל, געבראַכט צו טראָגן אלע זײַנע לאַסטן צו דעם געבורט־שטעטל ליובאַר. אין מעשעך פון די שוין דורכגעמאַכטע ביז איצט קימאַט צוויי מיט א האלבן יאָר מילכאָמע האָט ער ניט אויפגעהערט צו טרייסטן זיך מיטן געדאַנק, אז נאָכן באפרײַען ליובאַר וועלן אין זײַן פּערזענלעכן כעזשבן זיך פאַרפולן די פוסטע ערטער. ער איז געווען פון די זעלטן גליקלעכע פראָנטאָוויקעס, וואָס אין די באַדינגונגען, ווען דער מענטש קלײַבט זיך ניט אויס אליין קיין וועג, האָט דער גוירל זיי ארויסגעפירט, ווי מיט א קישעף, צום אָרט, וווּ זיי זײַנען געקומען אף דער וועלט און וווּ עס האָט זיך אראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג איבער זייערע נאָענטע און אייגענע. איצט וועט דער פאָרהאַנג זיך אויפהייבן, און דאָס אומבאַוווּסטע וועט ווערן באַוווּסט. דאָס גאַנצע וועזן יודאלעפס איז שוין געווען גרייט צו דער באַגעגעניש מיטן הארבן עמעס, כאָטש אויך אָפּנאַרן זיך מיט האָפענונג איז ער אפילע איצט געווען גרייט... אזוי אָדער אַנדערש, נאָר זײַן שווערסטן אָל האָט ער דערטראָגן ביז צום שטעטל, וווּ ער וועט זיך קאָנען צוזעצן אף א רעגע און איבערלייגן אָט דעם שווערן אָל — אף אייביק — פונעם סאָלדאַטישן זעקל אין דער סאַמע טיף פון דער נעשאָמע.

אַן אַנדערער איז געווען דער כעזשבן בא פאלעקן. אף יענער זײַט פראָנט האָט ער געהאַט, אויסער דער מאַמען, דער שוועסטער און דעם ברודערל, נאָך איין לײַבלעך־נאָענטן מענטשן — זײַן פרוי עסטער, און אויב ס'איז עמעס, אז בא יעדן אין הארצן מוז ליגן פאַרבאָרגן דאָס געשטאַלט פון זײַן שמערץ, איז בא פאלעקן אזא געשטאַלט געווען עסטער.

דאָס אליין, וואָס זיי האָבן זיך צום ערשטן מאָל, מיט עלף יאָר צוריק, צעשיידט אזוי אומגעריכט אין טיכאָנקע, באַנאַכט אונטערן רעגן, בא דער שײַן פון א גאַז־לאַמטערן, וועלכן עסטערקעס טאַטע האָט אין אײַלעניש אוועקגעשטעלט אף דער הילצערנער ברעט פונעם טראָטואַר, בייס זי, עסטערקע, האָט, פאַרגייענדיק זיך אין א קוויטש, געשריגן: „טאַטע, שלעפּ מיך ניט!..” — אליין דאָס האָט אין דער צעשיידונג געמאַכט שטאַרקער דעם נאָגנדיקן געפיל. אין מעשעך פון פיר יאָר צײַט נאָך יענער נאַכט האָט בא פאלעקן געצאַפּלט דאָס הארץ מיט א בענקשאַפט, וועלכע איז נאָך דאַן ניט געווען ביזן סאָף באַזיניקט, ווײַל די ייִנגלשע ניט־דערפאַרנקײַט האָט אים געשטערט ארויסברענגען דאָס וואָרט ליבע. געהיים, פאַר זיך, פלעגט ער, עמעס, שעפּטשען: „איך האָב זי ליב?”, „איך האָב זי ליב!” — אָבער ערשט אין פיר יאָר ארום נאָך זייער צעשיידונג, דאַן, ווען ער איז מיט אַן אטעסטאַט פון דער ביראָבידזשאַנער שול אראָפּגעקומען אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, בעקיוון טאַקע אין יענער שטאָט, וווּ די שאַנאָווסקיס האָבן געלעבט, קעדיי אָנקומען דאָרט אין אינסטיטוט, און

עסטער שאַנאָווסקע, אויך אַן אַביטוריענטקע אין אָט דעם אינסטיטוט, איז, באַגעגענענדיק אים, נאָך אַנטשיידענער, איידער ער, ארויס פון דער געהיימניס, אַנטפּלעקנדיק דעם זעלבן אָפּגעהיטענעם געפיל, — ערשט דעמלט איז ער אימשטאַנד געווען ארויסצוברענגען פאַר די ליפּן:

— איך האָב דיך ליב, עסטער. ניטאָ קיין אויסוועג פון דעם...

פאַלעק און עסטער, ביידע אַכצניאָריקע, הייסע און פאַרבלענדטע, האָבן געפילט, אַז זיי זײַנען ווי אַן אָנגעצונדן שוועבעלע און אַ קיילע מיט קאַלטן נאַפט, וואָס האַלטן אין דערנעענטערן זיך איינס צום אַנדערן. באַזונדערס האָט זיך געשראָקן פאַר דער דערנעענטערונג עסטער. אין דער צײַט, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען, איז זי שטאַרק אויסגעוואַקסן, אַרופּגעצויגן אויפן לײַב אַלע פרויִשע שוואַכקײַטן און שטאַרקײַטן, וועלכע קומען אַמאָל פריִער, אַמאָל שפּעטער, און וואָס מער איר גאַנץ וועזן האָט געוואַרט אויף עפּעס און געגאַרט, ס'זאָל גיכער געשען, אַלץ פעסטער האָט זי בײַ זיך געפּרוּווט, אַז ניין, ניט איצט — שפּעטער...

די סיבע דערפון איז געווען עסטערס טאַטע. זינט ער האָט מיט דער טאָכטער זיך אומגעקערט פון ביראָבידזשאַן צוריק אין זייער אַלטער היים, איז יאַנקעוו שאַנאָווסקי ווי אינגאַנצן איבערגעבוירן געוואָרן. אַפילו אויסערלעך איז ער געוואָרן אַן אַנדערער. ער האָט זיך פאַרלאָזט אַ באָרד, און פון דעם האָט די נאָז זיך אָנגעהויבן מערער ארויסזען, די אויגן הינטער די ברילן האָבן געפינקלט מיט אַ קרענקלעך פלעמל. אַ קליינוווקסיקער, האָט ער איצט זיך צעשפּאַרט אין דער ברייט און באַקומען אַ בײַכל. ערגערנדיק זיך פון דעם, וואָס פון קאָפּ האָבן ניט אופגעהערט אים אויספאַלן די האָר, האָט ער די פאַרפליכטעטע ערטער געשמירט מיט עפּעס אַן אייל, און דאָס האָט אים, צו זײַן אַלטער געווינשאַפט ווישן אָן אופהער די ברילן, צוגעגעבן נאָך איינע: אײַנרײַבן מיט צוויי צונויפגעלייגטע פינגער די פעטקײַט אויף די אַזוי אויך בלישטשענדיקע ערטער פונעם קאָפּ.

אָבער מער פון אַלץ האָט זיך געענדערט די אופירונג שאַנאָווסקיס. ער איז געוואָרן אײַנגעשלאָסן אין זיך, אופגעהערט זיך באַווײַזן אין פאַרטייקעמערל, און צו דער צײַט, ווען פאַלעק טשאָרניצער איז געקומען אין שטאָט, האָט ער שוין אַ יאָר צי מער זיך גערעכנט צווישן די, וואָס זײַנען מעכאַניש ארויס פון דער פאַרטיי.

בלויז פון דער טאָכטער האָט שאַנאָווסקי זיך דערוויל ניט דערווײַטערט. פונקט ווי אַמאָל, פלעגט ער איר נאָכגיין פוסטריט, און זי, דעם עמעס גערעדט, זעענדיק, ווי ער פירט זיך אַרום אין זייער הויף מיט די אַמאָליקע קלייקוידעש און קרעמער, און ווי ער שרײַבט די גאַנצע צײַט עפּעס, פאַרשליסנדיק פון איר דעם קסאַוויאַד, — זי האָט געטראַכט, אַז ער איז, פאַר קיינעם געדאַכט, עטוואָס גערירט פון זינען, און דאָס, ווי אויך דער דאַלעס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ארויסזען אין שטוב, האָט זי, די שטאַרק אויסגעוואַקסענע און ערנסט־געוואָרענע, אַרופגעפירט אויפן געדאַנק, אַז איצט טויג איר ניט פאַרפירן אַן אייגן געזינד און דעריבער איז פאַר איר מאַמעש געפערלעך זיך אַרײַנצוציִען אין איר ליבע צו פאַלעקן. פריִער דאַרף זי אָנקומען אין אינסטיטוט און אים פאַרענדיקן, און דערנאָך וועט מען זען.

ווידער זײַנען פיר יאָר, נאָך די איבערגעלעבטע אין צעשיידונג, דורכ־געגאַנגען אין שווערע ווייען. „איך האָב דיך ליב, עסטער... ניטאָ קיין אויסוועג פון דעם...״ — האָט ניט אופגעהערט צו טײַנען פאַלעק. עסטער האָט זיך אויך געשווירן אין ליבע, אָבער קיינמאָל פלעגט זי אים ניט אַרײַנלאָזן צו זיך אין שטוב און ניט דערלויבן אים מער פון א קוש טאָן זי באַם געזעגענען זיך.

ביז איינמאָל איז עס געשען... איצט, אין לעצטן דעקאַבער־טאָג פונעם דרײַ־און־פערציקסטן, ליגנדיק אף א בערגל לעבן זײַן געבורט־שטעטל ליובאַר, אפן באַרגיקן ברעג, באַ דער באַקאַנטער פון דער קינדהײַט ווינט־מיל, פונוואַנען מע זעט די בײַשטאָט, האָט פאַלעק טשאַרניצער, דער קאַ־פיטאַן טשאַרניצער, זיך פאַרגראָבן מיטן פּאַנעם אין דער קאַלטער אומריי־נער ערד און זיך צעכליפּעט אָן בושע פאַר די אַרומיקע — ניט נאָר ווײַל די נעשאָמע האָט פון אים אַרויסגעשעפּטשעט „מאַמע״, נאָר אויך ווײַל אַכוץ דער מאַמען, דער שוועסטער און דעם ברודערל, האָט דאָ באַם גע־בורט־שטעטל, פון יענער זײַט פראָנט־ליניע, געקוקט צו אים מיט פאַרוויינ־טע אויגן די איינציקע יענע, די געליבטע, וואָס איז צוערשט פיר יאָר געווען אָפּגעשיידט פון אים און שפּעטער האָט זי פיר יאָר זיך געווערט, קעגנשטעלנדיק זיך זײַן ווילן, ביז איינמאָל איז עס געשען...

כאָטש דאָס איז ניט אזוי וויכטיק, דאָך געדענקט פאַלעק פּינקטלעך דעם טאָג — דעם איין־און־צוואַנציקסטן סענטיאַבער פונעם טויזנט נײַן הונדערט פערציקסטן יאָר. ער געדענקט, וואָס און ווען עס איז געשען — שאָ נאָך שאָ, מינוט נאָך מינוט. ס׳איז געשטאַנען א טרוקענער, זוניקער אָסיען, וואָס אף רוסיש רופט מען אים באַביע ליעטאָ — ווײַבערשער זו־מער — פאַר דער געפּרוכפּערטער רײַפקײַט, פאַר דער זעט און זאַפטיקײַט, פאַר די צוגעדעמפטע, ווי שווייסיק פרויען־לײַב, רייכעס און רייצנדיקע, צוגעלאָשענע קאָלירן אין דער נאַטור. איבערקלײַבנדיק אין זיכּאָרן יעדע מינוט און יעדע שאָ פון אָט דעם שפּעט־אָסיענדיקן זוניקן טאָג, דערזעט פאַלעק זיך אליין, ווי ער שטייט אין הויף פונעם פינפשטאָקיקן מויער, אין וועלכן עסטער וווינט, שטייט און לאָזט ניט אַרויס פון אויג איר פענצ־טער, דאָס דריטע פון לינקס אפן פערטן שטאָק. ער וואַרט אף עסטערקען, זיי האָבן אָפּגערעדט, אז ער וועט וואַרטן, און אָט קומט זי טאַקע אָן, עסטערקע... זי איז אָנגעטאָן אין א ווײַס קליידל, אין טונקעלע זאָקן און אין א טונקל קאָפּטעלע. דאָס ווײַסע קליידל מאַכט זי נאָך פולער, ווי זי איז. ווען זי גייט צו נעענטער, דערזעט פאַלעק, אז זי איז שטאַרק צע־רודערט.

— עפּעס איז געשען, עסטער?

— דער טאַטע מײַנער...

— ער איז ניט געזונט?

— ניין, געזונט. קום, לאָמיר אַרויסגיין פונעם הויף, ער קוקט אין פענצטער...

דאָס הויז, ווו ס׳האָבן געלעבט די שאַנאָווסקיס, איז געשטאַנען אין סאַמע עק שטאָט, דאָרט, ווו א שטיק שאָסיי־וועג איז אַרומגעבויט מיט מויערן און עס איז שוין אויך א גאַס. אף לינקס פונעם וועג, הינטער די

הײַזער, האָט זיך געשפּרייט א שיטער װעלדל מיט קוסטעס און פּניאָקעס און עטװאָס װײַטער — א ניט גרױסע סאָזשלקע אױפֿן ראַנד פֿון א לאָנקע, װוּ ס׳האָבן זיך אַרױסגעזען עטלעכע סטערטעלעך היי. אַהין זײַנען אַוועקגעגאַנגען, שמועסנדיק, עסטער און פאַלעק.

עסטער האָט געװײנט, נאָר זי האָט ניט אױפֿגעהערט אױך צו רײדן. און דאָס האָט זי אין פאַלעקס אױגן געמאַכט שענער און צוציִענדיקער, װײַל ס׳האָט אים דערמאָנט אין דער קינדהײט, װען זי, עסטערקע, פֿלעגט זיך ניט קאָנען קײן אײצע געבן מיטן װײנען און מיטן לאַכן און זי פֿלעגט זיך אַף לאַנג פֿאַרגײן — דאָס אין א געלעכטער, דאָס אין א געװײן — און איבערמישן אײנס מיטן אַנדערן. איצט איז זי נאָך אַלץ געװען א נערװעזע נאַטור, מיט פּלוצעמדיקע איבערגאַנגען פֿון אײן געמיט־צושטאַנד אין א צװײטן. פאַלעק האָט געװוּסט, אַז דאָס אײנציקע, אין װאָס זי נײטיקט זיך אין אַזא צושטאַנד, איז — מע זאָל זי אױסהערן. האָט ער זי אָנגענומען פֿאַר א האַנט און, ניט מאַכנדיק קײן פּרוּװ זי צו באַרויִקן און אײַנשטילן, זיך אַוועקגעזעצט מיט איר בײַ א סטערטעלע היי און אױסגעהערט איר ביטערע דערציילונג.

— מײַן טאַטע איז קראַנק, נעבעך, קראַנק... איך װײס ניט, װיִאַזוי עס דיר אױסמאָלן. פאַלעק, נאָר דו קענסט דאָך אים א ביסל... פֿריִער פֿלעג איך כאָטש װיסן, מיט װאָס ער פֿאַרנעמט זיך...

פאַלעק האָט געהערט און געשװיגן. די טרערן אַף עסטערס באַקן און אױפֿן האַלדז, די פֿײַכטקײט אין אירע אױגן, די פֿעדעמלעך שפּײַעכץ, װאָס האָבן זיך געצױגן פֿון די אײבערשטע צײן צו די אונטערשטע, װען זי האָט גערעדט, — דאָס אַלץ האָט איר צוגעגעבן רױקײט און קרענקלעכקײט, און אין פאַלעקס גאַנצן װעזן װאָס האָט גענומען הודען א באַדערפֿעניש, װעלכע האָט אין אָנהײב ניט געשראָקן ניט אים, ניט אַפֿילע זי — ער האָט מיט די דלאָניעס גענומען איר אױסװישן די טרערן, אָבער דאָס, װאָס זי, עסטערקע, האָט אָנגעהױבן עטעמען אָפּטער און זיך געסטאַרעט אָפּקערן איר מױל פֿון זײַן אָטעם, בײס ער האָט געװישט מיט די דלאָניעס די טרערן, װעלכע זײַנען שױן גערונען נידעריקער פֿונעם האַלדז, אונטערן קאָפּטל צו די בריסט, — דאָס האָט בײַ זײ בײדן אָפּגענומען די רו און דעם פֿאַרשטאַנד, און װײַל זײ — פֿריִער עסטער, דערנאָך פאַלעק — האָבן געמוזט זיך ערגעץ אַהינטאָן, איז געבליבן נאָר זיך אײַנגראָבן אין סטערטעלע, און דערצו נאָך האָט דאָס היי פֿון אױבן א פֿאַל געטאָן איבער זײערע קעפּ און אײַנגעדעקט זײ... אַזױ זײַנען זײ געבליבן ליגן הײס און האַרט צוגעדריקט לײַב צו לײַב אױפֿן װײכן, טונקל־געװאָרענעם געלעגער.

אַף מאָרגן זײַנען זײ אַוועק אין זאַגס, און מע איז געװאָרן מאַן און װײַב. עסטער איז געבליבן װױנען מיטן טאַטן, פאַלעק — אין צוזאַמענװױנונג. אײנמאָל, װען זײ זײַנען געקומען צו די שאַנאָװסקיס אַהײם זיך דורכצורײדן מיטן טאַטן, האָבן זײ דאָרט געטראָפֿן עטלעכע פֿרעמדע ייִדן, פּלײטים פֿון גאַליציע. יאַנקעװ שאַנאָװסקי האָט זיך גלײַך א נעם געטאָן מעשאַלײעך זײַן עסטערקען מיט פאַלעקן, נאָר אײנער פֿון די אָרכים, דערװיסנדיק זיך, אַז דאָס זײַנען די טאָכטער מיטן אײדעם פֿונעם באַלעבאָס, האָט זיך אַרײַנגעמישט אין די רײד, און װי נאָר ער האָט אַרױסגעבראַכט

די ערשטע ווערטער, האָט פאַלעק זיך געכאַפּט, אַז פונקט אזא לאָשן האָט ער שוין געהערט, אמאָל אין דער קינדהײַט, באַם שעפּעליאַוון דראָנג כי־לוש מאַזאָר, דעם אָנגעשטעלטן אין בירָאָבידזשאַנער מוזיי, ווערלכער פלעגט זיך אַרומדרייען פוסט־און־פּאַס און פאַרדרייען דעם קאָפּ סאַלקען. דער פרעמדער ייִד האָט געטראָגן אָנשטאָט אַ פּידזשאַק אַ מאַרינאַרקע, און אין איבעריקן איז ער געווען אָנגעטאָן אַזוי, ווי מאַזאָר אין בירָאָבידזשאַן — אין גרויע הויזן גאָלף, וואָס האָבן זיך נידעריקער פון די קני פאַרשפּי־ליעט אויף ספּראָנטשיקלעך, די געטרעס — גרויע וואָלענע זאָקן — זײַנען געווען אַרײַנגעטאָן אין שווערע טעמפּנעזיקע שיך. ס'האָט ניט אַרויסגע־רופן קיין כידעש, וואָס דער אויסזען פונעם פאַליט איז געווען ווי אַרי־בערגעטראָגן פון עפּעס אַן אַנדער שייוועט — דאָס, וואָס פלעגט אין בי־ראָבידזשאַן מאַמעש רײַסן די אויגן, ווען עס האָט זיך דאָרט באַוויזן כילוש מאַזאָר, — ווײַל פּליטים זײַנען פּלייטים, לאַכלוטן אַנדערע מענטשן, גע־קומענע פון אַן אַנדער לאַנד, און זיי האָבן טאַקע אויסגעזען אַנדערש. פאַלעקן איז געווען בלויז טשיקאַווע, וואָס אויף דער וועלט זײַנען פאַראַן מענטשן, קאָן זײַן אַ גאַנצע איידע, מיט פונקט אַזאַ לאָשן, ווי באַם דראָנג כילוש מאַזאָר. עמעס, דער גאַליציאַנער פאַליט האָט אַרויסגעבראַכט די ווערטער ניט אַזוי ווי דער דראָנג — ניט געהאַלטן אין איין בלאָזן פון זיך וואַוון און פייען און קאַשערן מיטן צונג ריישן, — אָבער דאָס לאָשן איז פונדעסטוועגן געווען דאָס זעלבע.

דעם פאַליט האָט באַזונדערס געאַרט, וואָס פאַלעק לעבט אין דער אוק־ראַינישער שטאָט, ניט אין בירָאָבידזשאַן, און דאָס האָט פאַלעקן דערמאָנט אין איינעם אַ פרילינגדיקן פאַרנאַכט, מיט פיל יאָרן צוריק, ווען כילוש מאַזאָר האָט געשמועסט באַ דער בירע מיט סאַלקען וועגן יודאַלעפן. פאַ־לעק האָט זיך דערזען, ווי ער שטייט באַ דער קלאַדקע, וואָס פירט צום ברעג־אינדזל אויף דער בירע, ער שטייט פאַרטײַעט אונטער דער קרוין פון אַן אומגעוואָלגערטן בוים און הערט אונטער, ווי זײַן עלטערע שוועסטער קריגט זיך מיט כילוש מאַזאָרן: „איר זײַט אַליין אַ דומפּער קאָפּ, כאַוועד מאַזאָר... דאָס, וואָס מײַן ברודער וויל ניט קומען קיין בירָאָבידזשאַן און ער פאָרט מיטן עשעלאָן אַהין, ווײַזן ער וויל פאָרן, הייסט נאָך ניט, אַז איר מעגט אַזוי רעדן וועגן אים!"

— האַ! — גיט זיך פאַלעק אַ כאַפּ, אַז מע דאַרף עפּעס ענטפערן דעם גאַליציאַנער פאַליט. — איר פרעגט, פאַרוואָס איך לעב איצט דאָ, און ניט אין בירָאָבידזשאַן... וועל איך אײַך ענטפערן אַן דריידלעך... איך לעב אין אַ גרויס לאַנד און בין ניט צוגעשמידט צו איין אָרט. מײַן וווין־אָרט איז בירָאָבידזשאַן. און אויב איך שטודיר וויסנשאַפטן אין אַן אַנדער שטאָט, ווײַל אין בירָאָבידזשאַן איז נאָך ניטאָ קיין אינסטיטוט, — פאַרוואָס דאַרף איך אָפּגעבן פאַר דעם אַ כעזשבן? אויסער אַלע זאַכן, לעבט אין אָט דער שטאָט מײַן פרוי. גלייבט מיר — דאָס איז פאַר מיר זייער וויכטיק...

שמועסנדיק מיטן פאַליט אין קאָרידאָרל, האָט פאַלעק געזען, ווי אין צימער האָבן די איבעריקע פּלייטים אַרומגערינגלט יאַנקעוו שאַנאָווסקין. ער איז געזעסן אויף דער ווייכער קאַנאַפּע, צוגעדריקט די פּלייצע צו די קישעלעך, קוים דערגרייכנדיק דעם דיל מיט די נעז פון די שיך, און זיי —

אף בענקלעך אין א האלבן קרײַז, געווענדט מיט די פּענעמער צו אים. זיי האָבן געוואַרט, אַז פאַלעקס און עסטערס מיטשפּרעכער זאָלן זיך אומקערן צו זיי, און דערווײַל האָט איינער אין אַ יאַרמלקע — די הויט פונעם פּאַ־נעם אַ טרוקענע און צעקאַרבטע, ווי ערד, אַף די ליפּן סימאָנים פון פאַר־טריקנט בלוט — געזונגען, האַלטנדיק אַרײַנגענומען אין דער דלאָניע דעם רעכטן אויער, פּונקט ווי זײַן זינגען וואָלט געווען מעגלעך בלויז מיט אַ טנײַ, אַז ער אַליין זאָל עס פּריער אויסהערן. אַ קאָל האָט ער געהאַט אַן אָנגענעמס, און די ליד האָט זיך באַקומען אַ נאָגנדיק־טרויעריקע: ....

יעצט זעיט מען די פעיגעלעך ערימפּליִען,
געפינען קענען זיי זיך קאַן אָרט,
און ווי זיי ווילן זיך ע ביסעלע אויז־ריִען,
פאַרטרײַבן זיי די רויב־פעיגל פאָרט...

די פּלייטים האָבן אונטערגעכאַפּט:

אַלע פעיגעלעך פערטריבן,
נאָר דער בוים איז פערבליבן...

עסטערקע האָט גענומען ציטערן מיט אַלע איווורים, און פאַלעק האָט שוין געוווּסט, אַז זי וועט זיך אָט־אָט פאַרגיין אין אַ געוויין, האָט ער זי אָנגענומען פאַר די אַקסלען און מיט קויעך זי צוגעפירט צו דער טיר. דער טאַטע, זעענדיק פונדערווײַטנס, אַז זיי גייען אַוועק, האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערס, און בלויז דער גאַ־ליציאַנער פּאָליט האָט זיי אַרויסבאַגלייט. אַף די טרעפּ האָט ער געזאָגט פאַלעקן:

— עס איז אַ מערקווירדיקע טהאַטזאַכע... איר וועט זאָגאַר הערן מאַנ־כע ייִדן זיך בעקלאָגן, אַז עס פעלט אין סאָוויעט־רוסלאַנד אַן אייגענע אויטאָנאָמיע. און יעצט זעען מיר, ווי אַ יונגער ייִד וויל ניט גיין נאָך ביי־ראָבידזשאַן...

ווען דער פּאָליט האָט זיך אומגעקערט צוריק אין שטוב, האָט עסטער ניט־מיידלש זיך אַ זידל געטאָן:

— אין דער מאַמען אַרײַן! וויפל איך האָב געטראָפן מענטשן פון דאָרטן, איז בא זיי ביראָבידזשאַן דאָס זעלבע, וואָס בא אַ כולע די טעמ־פּעראַטור. טאָמיד העכער פון נאָרמאַל, טאָמיד קרענקלעך!.. אַליין ווילן זיי אָבער קיין ביראָבידזשאַן ניט פאָרן...

— ביסט ניט גערעכט, עסטער, — האָט זיך אָנגערופן פאַלעק, — פאַר־געס ניט, אַז פון דאָרטן, ווי דו דריקסט זיך אויס, זײַנען מיט אַ יאָר צען־צוועלף צוריק געקומען קיין ביראָבידזשאַן הונדערטער איבערוואַנדערער. די קאָמונע „איקאָר", לעמאָשל, איז געשאַפן פון אויסלענדער...

— אָבער נעם אַזאַ, ווי כילוש מאַזאָר... איז ער דאָך פון ביראָבידזשאַן אַנטלאָפן.

— מאַזאָר איז געווען ניט פון דאָרטן. ער האָט נאָר געהאַט אַן אויס־זען, ווי זיי...

— און די זעלבע נעשאַמע...

— עסטער, דאָס זײַנען פּליטים... עס לויפן איצט צו אונדז פונעם פאַשיזם ניט נאָר רעוואָליוציאָנערן... אגעוו, די עטלעכע פּליטים בא אײַך אין שטוב זײַנען טאַקע בעעמעס מאָדנע פאַרשוינען...

און דאָ האָט פאַלעק זיך דערוווּסט די סיבע, פאַרוואָס אין יענעם שפּעטאָסיענדיקן טאָג, ווען ער האָט אָפּגעוואַרט עסטערקען און זי איז אַרויס צו אים אַ פאַרזאָרגטע, — פאַרוואָס זי האָט אויף זײַן פראַגע, צי ס׳איז, כאַלילע, עפּעס געשען מיט איר שלעכטס, געענטפערט צעשטרייט: „דער טאַטע מײַנער"... און גלײַך זיך אַ כאַפּ געטאָן: „קום, לאָמיר אַרויסגיין פונעם הויף, ער קוקט אין פענצטער"...

די סיבע דערפון זײַנען טאַקע אָט די גאַליציאַנער פּליטים, וועלכע זײַנען בא זיך אין דער היים געווען הייסע טעריטאָריאַליסטן, און, אַנטלויפנדיק פונעם דײַטש, ווען היטלער האָט אַרײַנגעמאַרשירט אין זייער לאַנד, האָבן זיי ניט פאַרגעסן צו פאַרכאַפּן מיט זיך אייניקע אַדרעסן פון אַמאָליקע פּאַרטיי־גענאָסן אינעם לאַנד, וואָס וועט די פּליטים אופנעמען. דער ייִד אין דער מאַרינאַרקע איז, ווײַזט אויס, געווען בא זיי ניט קיין קליינער מאַנהיג, און, טרעפנדיק יאַנקעוו שאַנאָווסקין קימאַט אַזאַ, ווי מיט פיל יאָרן צוריק, ווען זיי זײַנען, נאָך יונגע, געווען צווישן זיך באַקאַנט און זיך אָפט באַגעגנט, — האָט ער זיך געסטאַרעט די נײַע באַגעגעניש פאַרצושטעלן אַזוי, פּונקט ווי ער, אַ שאָליעך־ציבער, וואָלט זיך באַנוצט מיט אַ צופעליקער געלעגנהײַט, מיט דער מילכאָמע, אויף צו אָנקומען אַהער, ביכדיי אופשטעלן די פאַרלאָרענע קאָנטאַקטן. אין דעם טאָג, ווען פאַלעק האָט אָפּגעוואַרט עסטערן אין הויף אונטער איר פענצטער, איז דער גאַליציאַנער געקומען צו שאַנאָווסקין איינער אַליין, און ווען זיי האָבן געשמועסט אונטער פיר אויגן, האָט עסטער, זיצנדיק אין קיך אַ פאַרגעסענע פונעם טאַטן, דאָס ערשטע מאָל געהערט, וועגן וואָס ער רעדט מיטן גאַסט. זי האָט נײַגעריק נאָכגעשפּירט, ווי דער גאַסט מישט איבער גאַליציאַנער ייִדיש מיט וואַרשעווער:

— יעך זאָג ענק, רעב יאַנקעוו... זײַט וויליק צו פאַרשטהיין, דאָס בירָאָבידזשאַן איז עך אַ טעריטאָריע...

שאַנאָווסקי האָט דערווידערט, אַרויסזאָגנדיק, ווי זײַן טעווע איז געווען, צוערשט דאָס סאַמע איבעראַשנדיקע און דערנאָך פאַרזעצנדיק מיט אַ טרעפלעכן אַפאָריזם, וואָס עס האָט באַטײַט, אַז ער, שאַנאָווסקי, האָט אַלץ פאַרויסגעזעען און ער איז אַ מייוון אויף דעם, וואָס קומט פאָר:

— בירָאָבידזשאַן איז טויט. איך האָב עס אַליין געזען. און געדענקט מײַנע ווערטער: אויב זיך יאָגן נאָך קיבוש האָאָרעץ, דאַרף מען זײַן אַ טעריטאָריאַליסט אין אַן אַנדער לאַנד, ניט אין רוסלאַנד, און אויב מע וויל עפּעס אופטאָן אין רוסלאַנד, דאַרף מען זוכן קיבוש האַאַווידע...

און געענדיקט מיט אַ וויץ:

— בירָאָבידזשאַן איז אַ פאָדעשווע אָן דעם שוך...

דער פּאָליט האָט געפּרוווט אָפּשלאָגן שאַנאָווסקיס וויץ מיט אַ גלײַכווערטל:

— א פּאָדעשווע אין האָניק געפּרעגלט איז אויך זיס...

ווען דער פאַליט איז אוועקגעגאַנגען, האָט עסטער זיך באַוויזן אין צי־מער מיט אַ גרייטער פּראַגע:

— טאַטע, וואָס באַטײַטן די צוויי לאָשנקוידעשדיקע ווערטער, וועלכע דו האָסט באַנוצט אינעם שמועס מיטן פּוילישן כאַוער?

שאַנאָווסקי האָט, ווישנדיק די ברילן, זי אָנגעקוקט מיט שמעלער־געַ־וואָרענע אויגן:

— וואָסערע ווערטער... לאָשנקוידעשדיקע?

— נו, מיט קידוש הייבן זיי זיך אָן...

— ניט מיט קידוש, נאָר מיט קיבוש. קיבוש האָאַרעץ — דעראָבערן ערד, טעריטאָריע, הייסט עס... פאַר יידן, נאַטירלעך. אָבער ווען דאָס לאָזט זיך ניט, איז דער אויסוועג קיבוש האַאַווידע — דעראָבערן פּאָזיציעס. דע־ראָבערן דאָס אָרט אויף דער ערד...

מיטאַמאָל איז מיט עסטערקען געשען אַזוינס, וואָס איר טאַטע האָט ניט געוואַרט אויף דעם. וויַזט אויס, זי האָט אין אָט דער רעגע באַזיניקט דאָס אַלץ, וואָס האָט בעהאַדראָגעדיק זיך אָנגעזאַמלט אין איר מויעך און זיך צונויפגעקײַקלט אין איין שווערן קנויל. זי האָט אויסגעשריגן ניט מיט איר קאָל:

— ערד! ערד! טעריטאָריע! עפּשער נאָך — לעבנס־רוים? מיר האָבן ווײ־ניק טעריטאָריע! עמעצער דאַרף אָבער, זי זאָל זײַן דורכגעווייקט מיט אַ יידישער טרער!

פאַלעק איז געשטאַנען אונטן, אין הויף, און ניט געהערט די אומדער־טרעגלעכע ווערטער, וואָס שאַנאָווסקי האָט אין צערייצטקײַט געוואָרפן דער טאָכטער אין פּאָנעם אַרײַן. ווען עסטער איז אַרויס פון שטוב, האָט ער, עמעס, באַמערקט, אַז זי איז שטאַרק צערודערט, נאָר זי האָט אים אוועקגעפירט פון הויז, און ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דער שליכעס פון די גאַליציאַנער פּלייטים — דאַן, ווען די קריגערײַ צווישן עסטערן מיט איר טאַטן האָט זיך שוין אײַנגעשטילט, די יונגע פּאָר איז געקומען צו די שאַנאָווסקיס אַהיים זיך דורכצוריידן מיטן טאַטן און גע־טראָפן דאָרט די פּלייטים.

אין אַ צײַט אַרום, ווען עסטער איז געווען שוין אין די הויכע כאַדאָ־שים, און מיט דײַגעס איז פול געווען די שטוב, זײַנען איינמאָל יאַנקעוו שאַנאָווסקי און פאַלעק אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען אויף דער גאַס אין אַ שלי־כעס פון דער קימפּעטאָרן, און אויפן ראָג האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ מענטשן, זייער אַן אויסגעצערטן, וואָס, ניט געקוקט אויף זײַן געענדערטן אויסזען און אויף די ווארעמע — אין יולי כוידעש! — שטאַרק אָפּגעטראָגענע מאַלבושים, האָבן ביידע — שאַנאָווסקי און פאַלעק — גלײַך דערקענט אין אים דעם אַמאָליקן פאַראַנטוואָרטלעכן טוער פונעם בירעבידזשאַנער ראַיויס־פּירקאָם וועגנעראָווערן. דערזעענדיק, אַז וועגנעראָווער האָט זיך אָפּגע־שטעלט און ער באַקוקט זיי, איז שאַנאָווסקי בלייך געוואָרן, און, איידער נאָך יענער האָט אַרויסגערעדט אַ וואָרט, זיך צעשריִען אויף דער גאַנצער גאַס:

— טשטאָ וואם נאדאָ! פּאָשאָל פּראָטש! (וואָס ווילט איר! אוועק פונדאַנען!).

ווענגראָווער האָט, ווײַזט אויס, אפּילע ניט געטראַכט מיט עפּעס אָנרירן שאַנאָווסקין, ווײַל אפּילע איצט האָט ער זיך ניט פאַרטשעפּעט מיט אים און בלויז, גייענדיק שוין ווײַטער זײַן וועג, א זאָג געטאָן טרוקן, קיימאַט רויק:

— פּאָדליעץ, ס׳וועט קומען די צײַט, וועסטו באַצאָלן...

שווער צו זאָגן פּאַרוואָס, נאָר גראָד אָט די ווערטער ווענגראָווערס האָבן זיך אלע מאָל געבאָמבלט בא פאַלעק טשאַרניצערן אין קאָפּ, ווען, דינענדיק שוין מיטן פּאָדפּאָלקאָווניק אין איין אַרמיי, פלעגט ער בא פאַרשיידענע געלעגנהײַטן זיך טרעפן מיט אים. וועגן דעם שײַכעס, וואָס ווענגראָווער האָט צו זײַן מישפּאָכע, צו די טשאַרניצערס, האָט פאַלעק געוווּסט נאָך פון קינדווײַז, אָבער ניט אין יענע יאָרן, אין בירראָבידזשאַן, ווען ער, פאַלעק, איז געווען נאָך א קליין יינגל, און ניט איצט, אף דער מילכאָמע, האָבן זיי קיין איין מאָל וועגן דעם זיך ניט דורכגעוואָרפן מיט קיין וואָרט. אפּילע ווען זיי פלעגן רעדן באַזונדער וועגן יודאלעפן, איז ער פאַר זיי געווען פונקט וויביידנס א באַקאַנטער.

ליגנדיק איצט אפן באַרגיקן בערג פונעם סלוטש, ניט ווײַט פון נײַליובאר, האָט פאַלעק טשאַרניצער פאַנאַנדערגעוויקלט פאַר זיך דאָס בילד פון אָט די אלע געשעענישן פון דער ערעוו־מילכאָמע־צײַט, ווי מע שפּרייט אויס פאַר די אויגן א לענטע מיט פאָטאָגראַפישע בילדער, אף וועלכער איינע און די זעלבע מענטשן זײַנען באַוויזן אף עטלעכע קאַדרען. דער לעצטער קאַדער — עסטער מיטן קינד — מיט זײַן קינד! — האָט געפעלט, ווײַל געבוירן האָט עסטער דאָס קינד אין דער נאַכט אפן צוויי־און־צוואַנציקסטן יון, און אין געציילטע שאָען אַרום האָבן די אַעראָפּלאַנען שוין געוואָרפן באָמבעס אף דער שטאָט; פאַלעק איז געקומען צו לויפן צום פענצטער פון דער פּאַלאַטע, וווּ עסטער איז געלעגן, אָבער מע האָט אים ניט אַרײַנגעלאָזט, און אוועקגייענדיק דערווײַל אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט, קעדיי דאָרט זיך צו מעלדן, האָט ער דורכגעלאָזט די איינציקע פּאָר מינוט, ווען צווישן צוויי באָמבאַרדירונגען האָט מען אַרויסגעטראָגן די געווירנערנס מיט די קינדער און דערווײַל זיי עוואַקוירט אין א נאָענט דאָרף. אזוי האָט מען אים געזאָגט, נאָר ווען ער האָט שוין אין מיליטער־קאָמיסאַריאַט באַקומען דעם נומער פון דער טייל, וווּהין ער דאַרף זיך יאַווען, און ער האָט פאַרקערעוועט אין יענעם דאָרף, זיך צו זען מיט זײַן פרוי און מיטן קינד, האָט ער זיך דערוווּסט, אז אויך דאָס דאָרף האָבן שוין באָמבאַרדירט די דײַטשן און אז די געווינערנס מיט די אייפּעלעך האָט מען אוועקגעפירט — ניט באַוווּסט, אין וועלכער ריכטונג.

אָט פאַרוואָס, ווען דער קאַפּיטאַן פאַלעק טשאַרניצער האָט זיך א וואָרף געטאָן אף א בערגל, שוין ניט ווײַט פון דער ליובארער נײַשטאָט, און, פאַרלירנדיק דעם געפיל פון פיזישן ווייטעק, געריבן דאָס פּאָנעם אין דער קאַלטער אומריינער ערד און געכליפּעט, איז זײַן כעזשבן מיט דער מילכאָמע געווען אַן אַנדערער, איידער בא זײַן ברודער יודאלעף. אף יענער זײַט פראָנט־ליניע האָט ער געהאַט אויך זײַן פרוי עסטער און עפּשער

דאָס קינד — דאָס געקומענע אַף דער וועלט מיטן ערשטן אויסברוך פון דער מילכאָמע, ווי אַ ריין־ווײַס מאַלעכל, וואָס האָט זיך באַוויזן רײַטנדיק אַף אַ שוואַרצער כמאַרע.

ווען פאַלעקן האָט אַ צופאַל צונויפגעפירט אין פושטשאַ וואָדיצאַ, הינ־טער קיִעוו, מיטן לייטענאַנט יויסעף בומאַגין, דעם געוועזענעם אַרבעטער אַפן בירעבידזשאַנער וועגענער־זאַוואָד, און ער האָט אים פאַרטרויליך דערציילט, וויאַזוי ער שטעלט זיך פאָר סימבאָליש דעם געבורט פון זײַן קינד (ער האָט ניט געוווּסט, צי ס'איז אַ ייִנגעלע, צי אַ מיידעלע), האָט בומאַגין אים אָפּגעענטפערט צו נוצן זיך מיט אַזאַ פאַרגלײַך:

— וואָס דאַרפסטו, קאַפּיטאַן, כמאַרעס? באַ אונדז אין האַראַדאַק זײַנען געווען מאָלער, וואָס האָבן געמאָלט מאַלאָכים, ווי זיי פאָרן אַרום אַף רײַט־וואָגנס...

— באַ אײַך אין האָ־ראָ־דאָק... — האָט געלאַכט פאַלעק. — די הימלשע קאַוואַלעריע האָט מען נאָך געמאָלט באַ די פאַרעס אין מיצראַיִם... אָבער צוליב וואָס זאָגסטו עס מיר, דיאַדיע יויסעף?

כאָטש יויסעף בומאַגין איז געווען עלטער פון פאַלעקן אינגאַנצן אַף טשלעכע יאָר, האָט אים יענער פון שטענדיק אָן גערופן דיאַדיע, — אפילע איצט, ווען אינעם מיליטערישן ראַנג האָבן זיי ווי געביטן זיך מיט דער בכוירע.

— באַלד וועלן מיר קומען קיין פושטשאַ וואָדיצאַ אַף דער דאַטשע, וועסטו זען, צוליב וואָס איך זאָג עס דיר... — האָט בומאַגין שמייכלענדיק אָפּגעמאָסטן פאַלעקן מיט זײַנע גרוילעכע אויגן.

דער פראָנט האָט זיך שוין אין יענע טעג ערטערווײַז צוגערוקט צו די פאַרשטעט פון קיִעוו, און דעם באַטאַליאָן, וווּ דער לייטענאַנט בומאַגין איז געווען קאָמאַנדיר פון אַ וווזוואָד, האָט די קאָמאַנדשאַפט איבערגעלאָזט אַף אַ פאָר מעסלעס הינטער פושטשאַ וואָדיצאַ, זיי זאָלן, ניט לייגנדיק קיין אכט אַף דעם, וואָס אַן אָפּטרעטנדיקע דײַטשישע טייל האָט זיך צוריק אַרײַנגעריסן אינעם ייִשעוו, אונטערציִען די אינטענדאַנטישע דינסט צו דער פאָדערשטער ליניע. ס'איז געווען אַ קוואַל־קילבלעכער, שטילער פאַרטאָג, ערעוו די ערשטע פרעסטלעך. די ערד אין אָט די ערטער איז ענלעך געווען אַף אַ גרויסער הוידלקע, ווי זי וואָלט נאָך די זומער־ און אָסיען־כאַדאָשים, אַ צעראַיעטע און צעגראָבענע, ניט באַוויזן זיך אײַנטאָפּטשען. בומאַגין און פאַלעק זײַנען מיט אַ שמאָלן שטעג אַרויס פון די פושטשעוואָ־דיצער דאַטשעס אין פעלד. דער ערשטער איז געגאַנגען בומאַגין. אין מילי־טערישן אָנטאָן האָט ער אויסגעזען נאָך העכער און געזינטער, איידער דאַן אין בירעבידזשאַן, ווו מע פלעגט אים אַזוי אויך רופן דער אַטלעט. די שינעל האָט אים געפּאַסט, אָבער ס'האָט זיך געפילט, אַז ער האָט זי אַף זיך אַרופגעצויגן ניט אַף לאַנג. לויט דעם, ווי ער האָט מיט אַ פריילעך געמיט און איינצײַטיק אַזוי זאַכלעך און וואַכעדיק געפירט פאַלעקן איבערן פעלד, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די מילכאָמע איז ניט דאָס, וואָס זי איז, נאָר אַ גרויסע ווירטשאַפט, ווו ער, בומאַגין, אַרבעט. אַף פאַלעקן האָט ער, גייענדיק, פון מאָל צו מאָל געוואָרפן אַזאַ מין סוידעספולן קוק, פונקט ווי אַף דער דאַטשע וואָלט זיך געפונען פאַלעקס אַן אַלטער באַקאַנטער,

מיט וועלכן ער האָט זיך לאנג ניט געזען, און בומאגין וויל אים אומ־דערוואַרט מיטן באַקאַנטן צונויפירן.

ווען דאָס פעלד האָט זיך געענדיקט און דער שטעג — זיך אַרײַנגע־שפּיגט אין אַ וועלדל, האָט בומאגין אויסגערופן:

— פּריוואַל!

ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ קוסט און אַרויסגענומען פונעם ברייטן לעדערנעם בײַטל צוויי שטיקלעך ברויט מיט פּוטער, אײַנגעוויקלטע אין אַ צײַטונג, און אַ פליאַגע. די פּוטער האָט ער באַנײַס צעשמירט איבערן ברויט און געגעבן פּאַלעקן אַפּטרינקען פון דער פליאַגע. בייס פּאַלעק האָט זיך געקרימט פונעם בראָנפן און געשמעקט דאָס ברויט, האָט ער אַ שטאַרקן זופּ געטאָן, אַרומטרײַבנדיק דעם סטאַרטשענדיקן קנאָפּ אַפן ברייטן אָדערדיקן האַלדז פון אויבן אַראָפּ און פון אונטן אַרויף, און נאָכדעם גע־שמאַק אופגעגעסן דאָס ברויט מיט פּוטער.

— זאָג מיר, זשורנאַליסט, — האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן פּאַלעקן איבער אַן אַקסל, — וויאַזוי רעכנט זיך: בירָאָבידזשאַן האָבן אַנטדעקט די אומאַ־ניער, צי מיר, די האָראַדאָקער און די סמאָלענסקער, וועלכע זײַנען דאָך געווען די ערשטע מעראַגלים!

— וואָס איז דיר די נאַפקעמינע?

— וואָס הייסט! — איז ער געוואָרן אויסער־זיך, — ס'איז אַ קליינער פאַרדינסט פאַרן ייִדישן פאָלק?

און ער האָט דערציילט פּאַלעקן, אַז ער האָט אַ פרײַנט, אויך אַ לייטע־נאַנט, וואָס שטאַמט פון אומאַן. שפּאַרן זיי זיך, אָנהייבנדיק אַזש פון סטאַ־לינגראַד און ביז איצט — מע נעמט שוין, באַרעכהאַשעם, קיִעוו, — שפּאַרן זיי זיך, ווער עס האָט געעפנט בירָאָבידזשאַן... קעדיי פּאַלעק זאָל זײַן אַף זײַן זײַט, האָט ער אויסגערעכנט אַף די פינגער אַלע האָראַדאָקער און סמאָלענסקער, וועלכע זײַנען אין אַכט־און־צוואַנציקסטן יאָר געפאָרן אויס־קוקן דעם קאַנט באַ דער בירע און שוין אַף שטענדיק זיך דאָרט באַזעצט.

נאָכן פּריוואַל האָבן זיי פאַרקערעוועט אין אַ זײַט פונעם שטעגל, אַרומ־געגאַנגען אַ היפּשן צוגעדאַרטן זומפּ און אַרויס צו אַ זוניקער וואַלד־לאָנקע. די לאָנקע איז געווען ריין אופגעראַמט, די צווײַגן צונויפגעלייגט אין קופּעס, דאָס גראָז אויסגעוואַשן פון האַרבסטיקע רעגנס.

— די פּאַרטיזאַנער האָבן מיך אַהער געבראַכט צו פירן, — האָט געזאָגט בומאגין, — דאָ האָבן מיר נעכטן אינוועטאַריזירט זייער טעכניקע...

פּאַלעק האָט אַ זוך געטאָן מיט די אויגן:

— און ווו איז דײַן דאַטשע?

— אין שאָטן, צווישן די קוסטעס... אַ דאַטשע שטעלט מען דען אַף דער זון?

הינטער די קוסטעס איז דער וואַלד געוואָרן געדיכטער. דאָרט האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אַף אַ סאָלדאַטישן סעקרעט. דער לייטענאַנט בומאַ־גין האָט געזאָגט דעם פּאַראָל, און מע האָט זיי דורכגעלאָזט ווײַטער. ס'האָט זיך באַוויזן אַ צווייטע וואַלד־לאָנקע און אַף איר עטלעכע הויך־אָנגעשאָטענע, פעסט־געבויטע ערד־שטיבלעך. לעבן איינעם פון זיי, ווו

עס איז געשטאַנען אַ וועכטער, האָט פאַלעק דערזען אַ וועגעלע פון מיליטערישן טיפּ. בומאַגין האָט זיך באַגריסט מיטן וועכטער, געפרעגט, צי ס'איז עפּעס געשען פאַר דער נאַכט, דערנאָך צעשפּיליעט באַ זיך די שינעל, פאַרשטעקט די הענט אין די הויזן־קעשענעס און אַרײַנגעקוקט פאַרלעקן אין די אויגן אַרײַן:

— וואָס זשע, דו מיינסט, אַז גלאַט אַזוי האָב איך דיך געשלעפּט אַהער? ביסט דאָך אַ גאַזעטשיק, וועט עס דיר צוניץ קומען...

בומאַגין האָט דערציילט מיט אַ שטיל קאָל — אין באַוואַכטן ערדשטיבל איז געשלאָפן זײַן וזוואָד, — ווי אַזוי די פּאַרטיזאַנער פונעם אָטריאַד, וועמענס באַזע עס איז דאָ געווען, האָבן אים אָפּגעפירט צום זומפּ און דאָרט אים באַוויזן אַ צעבראָכענע טאַטשאַנקע, וואָס אַ פאַרבײַגייענדיקע רויטאַרמייִשע טייל האָט, ווײַזט אויס, בעשאַס זי איז אָפּגעטראָטן, דאָ איבערגעלאָזט. אויף דער טאַטשאַנקע איז צוגעקלאַפּט אַ שילדל מיט אַ רוסישן און מיט אַ ייִדישן אויפשריפט... ווען בומאַגין האָט געבראַכט אַהער צו פירן זײַן וזוואָד, האָט ער די טאַטשאַנקע אַרויסגעשלעפּט פון זומפּ און מיט גרויס האַרצקלאַפּעניש איבערגעלייענט: „די העלדישע קריגער פון דער רויטער אַרמיי — אַ מאַטאָנע פון די אַרבעטנדיקע פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט (בירָאָבידזשאַן). אַ טויט דעם פאַשיזם!” די טאַטשאַנקע, וואָס עס האָבן זי געמאַכט זײַנע, בומאַגינס, כאַווײרים פונעם צעך, איז שוין, זעט אויס, דורכגעגאַנגען ניט איין הונדערט קילאָמעטער און ניט אין איין צענדליק שלאַכט האָט זי אָנטיילגענומען. דאָס איז געווען קענטלעך פון דער אָפּגעוועלקטער טונקל־ברוינער פאַרב, מיט וועלכער זי איז געווען באַדעקט, פון די צעקלאַפּטע רעדער און אויסגעריבענער קעלניע. בומאַגין מיט זײַנע סאָלדאַטן האָבן די טאַטשאַנקע ווידער געמאַכט ווי נײַ און אַרײַנגעשריבן זי אין אינווענטאַר־אַקט צווישן דעם שלאַכט־פאַרמעגן, וואָס די פּאַרטיזאַנער גיבן איבער דער אַרמיי.

— קאַפּיטאַן! האַ, קאַפּיטאַן... פאַלעקל... צי ווייסטו, ווי אַזוי ייִדן פלעגן אין בירגערקריג רופן אַ טאַטשאַנקע?

פאַלעק האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען. בומאַגין האָט געפרעגט באַם וועכטער:

— גנאַטיוק איז נאָך ניט אַרויסגעגאַנגען פון דער זעמליאַנקע?

— כאַוועער לייטענאַנט, — האָט געענטפערט דער וועכטער, — איר ווייסט דאָך, אַז גנאַטיוק שטייט אויף אַ שאָ צוויי פאַר אַלעמען: ער איז שוין באַם קוואַל, שעפּט אָן וואַסער פאַרן וזוואָד...

— טו אים אַ רוף. דערנאָך וועסטו אויפהייבן דעם וזוואָד, ס'איז שוין צײַט...

און צו פאַלעקן:

— גנאַטיוק איז אַן אַלטער סאָלדאַט. געווען אַ בודיאָנאָוועץ. ייִדיש קען ער בעסער פון דיר.

עס איז צוגעקומען גנאַטיוק מיט אַן אומגלייבלעך גרויסן פּאַק כוואָיע אין די הענט. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַ וואָגן מיט כוואָיע האָט אָנשטאָט רעדער באַקומען פיס. דער וועכטער איז נאָכגעגאַנגען נאָך גנאַטיוקן, דעם

אווטאָמאַט אָנגעטאָן אויף דער ברוסט, און אין די הענט געטראָגן צוויי עמער וואסער.

— יעפרייטאָר גנאַטיוק, — האָט שטרענג באַפוילן בומאַגין, — באַווייַז זיך.

דער פּאַק כוואָיע איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און פאַלעק האָט דער־זען צוערשט אַ ווייַסן, ווי די פעדערן באַ אַ גאַנדז, קאָפּ האָר און אַ שמאָל געקאַרבט פּאָנעם מיט טונקעלע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס, און דערנאָך — גנאַטיוקס דאַרינקע פיגור, מאַמעש ווי באַ אַ יינגל. אָנגעטאָן איז געווען דער יעפרייטאָר אין ברייטע קירזאָווע שטיוול, אין הויזן אויף וואַטע און אין אַן אונטערגעשלאָגענעם מיט ווייַסן פוטער געוואַטעוועם קאַמזויל, פון וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזען די אַרבל פון דער כאַקי־גימנאַסטיאָרקע. דער קאַמזויל איז געווען איבערגעכאַפּט מיט אַ פּאַסיקל, אויף וועלכן ס'איז געהאַנגען אַ סאַפּיאָריש העקל, פאַרבאַהאַלטן אין אַ טשעכאָל.

גנאַטיוק האָט זיך אויסגעגלייַכט, אַראָפּוואַרפנדיק די מאַסע, אויסגע־צויגן די הענט לענגויסביידע זייַטן קערפּער און אַ הילך געטאָן מיט אַ שטים, וועלכע פּאַסט פּאַר אַ ריז:

— כאַווער קאַפּיטאַן, דערלויבט זיך ווענדן צום לייטענאַנט. כאַווער לייטענאַנט, לויט אייַער באַפעל...

בומאַגין האָט צוגעלייגט גרויזאַם אַ פינגער צו די ליפּן, און דער וועכ־טער האָט מאָמענטאַל, פון הינטן, פאַרשטאָפּט גנאַטיוקן מיט ביידע הענט דאָס מויל:

— לאָז דערשלאָפן די פאָר מינוט, באַטיאַ...

איינגאַנצן אָפּהענטיק, האָט גנאַטיוק ניט געוווּסט, וווּהין זיך אַהינטאָן. בומאַגין האָט אים אונטערגעמונטערט:

— מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש, באַווייַז דעם קאַפּיטאַן, וואָס אונטערן פּו־טערל טוט זיך...

— סלושאיוס! — האָט געענטפערט גנאַטיוק מיט אַן איינגעהאַלטן קאָל און באַוויזן אַ ברוסט מיט מעדאַלן: צוויי ציילעמלעך — געאָרגיעווער — פון איין זייַט קעשענע, און פון דער אַנדערער זייַט מיסטאָמע אַלע מעדאַלן, וואָס מע האָט געמאַכט פאַר סאָלדאַטן, זינט די רויטע אַרמיי איז אַן אַרמיי.

ס'איז געקומען די צייַט אָפּצוּוועקן דעם וועזוואָד, און בומאַגין האָט אייַ־ליק אַ זאָג געטאָן צו גנאַטיוקן:

— דער קאַפּיטאַן וויל וויסן, וויאַזוי אויף יידיש רופט זיך אַן אַ טאַטשאַנ־קע... עפּשער ווייסטו, מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש?..

— טאַק טאָטשנאָ! — האָט געענטפערט גנאַטיוק. — די יידן, כאַווער קאַפּי־טאַן, האָבן ניט צוגעטראַכט וועגן דער רעוואָליוציע און וועגן דער רויטער אַרמיי קיין אייגענע ווערטער. זיי זייַנען, זנאַטשיטסיאַ, ניט געווען באַ־זונדער, נאָר איינעם מיט אַלעמען...

— קומט אויס, אַז טאַטשאַנקע איז באַ די יידן — טאַטשאַנקע?

— אויב עמעצער האָט געוואָלט זאָגן ריין אויף יידיש, איז געווען אויך אַזאַ מין וואָרט...

— וועלכס?

— דאָס זעלבע, נאָר אַ ביסל אַנדערש...

— צי ניט די נעשאָמע, יעפרייטאָר גנאַטיוק...

— געווען באַ אונדז אין פּאָלק אַ פּולעמיאָטשיק... אַ ייִדישער באָכער... ווענגראָווער האָט מען אים גערופן...

בומאַגין און פּאַלעק האָבן זיך איבערגעקוקט, נאָר ניט געשטערט מיט־ראָפּאַן אָוסטינאָוויטשן צו דערעדן ביזן סאָף.

— מאַרקושע איז געווען זײַן נאָמען. ווענגראָווער... ביז הײַנט געדענק איך...

— נו?

— האָט ער זײַן טאַטשאַנקע גערופן אַזוי, ווי אַלע — טאַטשאַנקע... אָבער אַמאָל — אויך אַף ייִדיש...

— וויאַזוי? וויאַזוי?

— מיטן זעלבן נאָמען, נאָר אַ ביסל איבערגעאַנדערשט...

דער וועכטער איז צוגעגאַנגען און אַ שטורכע געטאָן גנאַטיוקן אין פּלייצע:

— זאָג שוין, באַטיאַ. מיט גוטן בעט מען דיך...

— ער פּלעגט רופן די טאַטשאַנקע — נאַטאַטשאַנקע, איז עס אויסגעקומען אַף ייִדיש...

בומאַגין האָט זיך דערפרייט:

— באַ אונדז אין ביראָבידזשאַן, אַפּן ווענענער־זאַוואָד, פּלעגט מען אויך זאָגן נאַטאַטשאַנקע... פאַר די ווענענער האָבן קיין ווערטער ניט געפעלט.

פּאַלעק האָט זיך אַ דערמאָן געטאָן:

— בינדיוגע.. קאַרעטע... עקיפּאַזש...

צוגעוואַרט אַ רעגע, — טאָמער וועט דער קאַפּיטאַן זיך נאָך דערמאָנען עפּעס, — האָט גנאַטיוק צוגעגעבן אַף ייִדיש:

— באַ אונדז זוגט מען: אַ בויד, אַ וואגן, אַ פיר, אַ בריטשקעלע...

דער לייטענאַנט בומאַגין, איבערלאָזנדיק דעם וועכטער, ער זאָל אַליין אָפּוועקן דעם ווזוואָד, איז אָפּגעגאַנגען מיט פּאַלעקן צו דער טאַטשאַנקע. ער האָט אויך אַ רוף געטאָן דעם יעפרייטאָר גנאַטיוק און אים דערציילט עפּעס אַזוינס, אַז יענער איז פון פאַרכידעשטקײַט געבליבן שטיין פאַרגליווערט, און בלויז צוויי ווערטער האָבן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד אַרויסגערעדט זײַנע ליפּן:

— מאַרקושע... ווענגראָווער...

צום סאָף האָט ער ווי אונטערגעפירט אַ סאַכאַקל אונטער אַלע זײַנע עמאָציעס:

— סקאַזשי פּאָזשאַלויסטאַ...

און, ניט מוירע האָבנדיק שוין, אַז ער וועט אָפּוועקן דעם ווזוואָד, האָט ער אַ הילך געטאָן מיט אַ שטים, וועלכע פּאַסט פאַר אַ ריז:

— כאַווער לייטענאַנט, דערלויבט זאָגן...

בומאַגין האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— כאַווער לייטענאַנט, — האָט פאָרגעזעצט גנאַטיוק, — זנאַטשיטסיאַ, אויב מאַרקושע ווענגראָווער האָט זיך דאָ באַוויזן, איז עס ניט גלאַט אַזוי. עפּעס שטעקט אין דעם... דער סוינע וועט עס דערפילן... ס'איז געקומען שוין די צײַט, אַז דער פּאָדליעץ זאָל באַצאָלן...

פאלעק טשאַרניצער איז אזש בלאס געוואָרן: וועגגראָוועס ווערטער! מארק גריגאָריעוויטש, זייער אַן אויסגעצערטער, אָנגעטאָן — אין יוך כוי־דעש! — אין ווארעמע, שטאַרק אָפּגעטראָגענע מאלבושים, האָט, געדענקט זיך, באַגעגענענדיק אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, עטלעכע טעג פאַר דער מילכאָמע, שאַנאָווסקין, אַ זאָג געטאָן טרוקן, קימאַט רויִק:

— פּאַדליעץ, ס'וועט קומען די צײַט, וועסטו באַצאָלן...

און כאָטש ס'איז פּאַרשטענדלעך, אַז דער פּאַל מיט אַ רעכילעסניק, וועלכער האָט געמאַכט אַ בילבל אָף זײַנעם אַן אַמאָליקן פרײַנט און אים אײַנגעזעצט אין טפּיסע, — ווי שווער די שולד זאָל ניט זײַן, איז אַזאַ פּאַל ניט צו פאַרגלײַכן מיט די מערדערײַען פון די פאַשיסטן, און דאָך זײַנען וועגגראָוועס ווערטער וועגן דעם, אַז ס'איז געקומען די צײַט צו באַצאָלן פאַר פאַרברעכנס, נאָכגעגאַנגען פאַלעקן אין מעשעך פונעם גאַנצן קריג. אין אָט די ווערטער האָט ער זיך דערמאָנט, ווען דער אַלטער יעפרייטאָר גנאַטיוק האָט גערעדט וועגן דעם סאָף פון די פאַשיסטן, און אויך איצט, ליגנדיק אָפן הויכן ברעג פון דעם סלוטש, בײַ דער סאַמע שוועל פונעם שטעטל, ווו ער איז געבוירן געוואָרן, האָט ער געשעפּטשעט:

— געקומען די צײַט... צו באַצאָלן...

ער האָט געטראַכט וועגן דער מאַמען, וועגן דער שוועסטער און דעם ברודערל. באַלד וועט ער איבערשפּאַנען די שוועל און אַרײַנקומען אַהין, ווו זיי זײַנען דאָ, אָדער ווו זיי זײַנען געווען. און עסטער... עסטער מיט זײַן קינד... עסטער איז — אומעטום, ווײַל ער ווייסט ניט, וווּהין זי איז אַהינגעקומען. קאָן זײַן, אַז עסטער געפינט זיך אויך אין ליובאַר, ווו עס זײַנען דאָ אָדער עס זײַנען געווען די מאַמע מיט דער שוועסטער מיטן ברודערל...

נאָך דער באַגעגעניש מיט בומאַגינען האָט פאַלעק שוין געוווּסט, אַז ניט ווײַט פונדאַנען פירט מילכאָמע יודאַלעף, האָט ער זיך גענומען אויסמאָלן, וויאַזוי יודאַלעף זעט איצט אויס נאָך אַזויפיל יאָרן פון צעשיידונג, און אָוועקגעשטעלט אים לעבן זיך, דאָ אָפן הויכן ברעג פונעם סלוטש. איבער אַלעמען — איבער פאַלעקן, איבער יודאַלעפן, איבערן סלוטש מיט דער ליוּ־באַרער נײַשטאָט — האָט זיך געהערט, ווי דער קאָמיסאַר וועגגראָוועס טוט אַ זאָג טרוקן, קימאַט רויִק:

— געקומען די צײַט צו באַצאָלן...

4

ווען ס'איז צוגעפאַלן די נאַכט, און איידער נאָך אין די שמאָלע געסלעך פון דער פאָרשטאָט האָבן זיך באַוויזן פאַטרולן, האָט אין הויף, ווו ס'איז אײַנגעשטאַנען דער קאָמיסאַר וועגגראָוועס, זיך אומבאַמערקט אַרײַנגע־שמוגלט פּערפּילאָוו. נאָך דעם, ווי ער איז אַ גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אין אַ גרוב אין וואַלד, פאַרשאָטן מיט נאַסער כוואָיע, האָט ער איצט געהאַט אַזאַ אויסזען, אַז יעדער רויטאַרמייער, וואָס וואָלט אים באַגעגנט, האָט געקאָנט אים פאַרהאַלטן, אַפילע צוליב מיטלײַד. דאָס לעצטע שטיקל אַרבעט, וואָס

ער האָט אָפּגעטאָן מיט אַ האַלבער שאָ צוריק, האָט דערצו נאָך איבערגע־לאָזט אַף זײַן פּאָנעם אַן אויסדרוק פון פארצווייפלטער אנטשיידנקײַט, און דאָס האָט נאָך שטאַרקער געטריבן אים צו באַהאַלטן זיך ווידער פון מענטשן.

דער מעשוגענער אײַנפאַל אוועקצולאָזן זיך פונעם פאַרוואָרפענעם ער־טעלע אין וואַלד צוריק קיין בערדיטשעוו, אין ווענגראָווערס הויף, איז גע־קומען צו אים, ווען ער איז נאָך געלעגן אין גרוב. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מע זוכט אים און — אָן שום סאָפּעק — מע איז זיכער, אַז ער וועט פּרוּוון דורכגיין די פראָנט־ליניע. ווי עס זאָל ניט זײַן, נאָר קיינעם וועט ניט אײַנפאַלן אין קאָפּ צו זוכן אים באַם קאָמיסאַר אין הויף. ווען ער האָט מיט אַ האַלבער שאָ צוריק, אַרײַנקומענדיק שוין אין דער פאָרשטאָט און פאַרטײַענדיק זיך באַ אַ פּלויט, דערזען, ווי צו אַ גאַנץ געבליבענער הײַז־קע, אין דער טיף פון אַ געסל, איז צוגעקומען עפּעס אַן אינטענדאַנטישער אָפיצער און אַרײַנגעקראָכן דורכן פענצטער אין שטוב אַרײַן, — ווײַזט אויס, באַקוקט דאָס הויז פון אינווייניק — דאַן האָט דער מעשוגענער אײַנ־פאַל גענומען אַרבעטן אַן און פאַר זיך, און פּערפּילאָוו איז ווי אַ כּײַע נאָכגעקראָכן נאָכן אינטענדאַנטישן אָפיצער און באַ דער שײַן פונעם שווע־בעלע, וואָס יענער האָט אָנגעצונדן, אָנגעטאַפּט מיט אַ ציטעריקער האַנט אַן אײַזערנע זאַך — ס'איז געווען אַ פּרעסל — און מיט דעם אַ קלאַפּ גע־טאָן דעם אָפיצער איבערן קאָפּ. אַראָפּגענומען פונעם געהאַרגעטן דעם פּיסטאָלעט, האָט ער איבערגעציילט אין אים די פּאַטראָנען, און, זעענדיק, אַז דער פּיסטאָלעט איז שוין קימאַט אויסגעלאָדן, האָט ער מיט פאַרדראָס זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, ווי ער וואָלט געזוכט, וועמען נאָך צו דערהאַרגענען, קעדיי אַרויסבאַקומען פּאַטראָנען.

אין הויף באַ ווענגראָווערן האָט פּערפּילאָוו ניט געפונען קיין איין לע־בעדיקן נעפעש. די פענצטער אין שטוב זײַנען געווען באַלויכטן און שלעכט פאַרמאַסקירט. ווײַזט אויס, דעם באַלעבאָס איז ניט געלעגן אין קאָפּ זיך אָפּצוהיטן פון אַן אַוויִאַציע־אָנפאַל.

פּערפּילאָוו האָט געהאַט שוין אין הויף אַן ערטעלע, דאָס פאַרלאָזטע צוריק מיט יאָרן קלאָזעטל, וווּ דער געזעס איז געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך און ס'האָט פון ערגעץ ניט געבלאָזן. פון אָט דעם אָרט האָט זיך גוט אַרויסגעזען די טיר, וואָס פירט אין שטוב אַרײַן, און ס'איז ניט געווען קיין געפאַר, אַז עמעצער זאָל אַהער אַרײַנקוקן. פּערפּילאָוו האָט נאָך נעכטן געפונען דעם הויף און דאָס קלאָזעטל, און ס'האָט זיך אים שוין געדוכט, אַז די זאַך איז דערליידיקט: ער וועט אַראָפּברענגען אַהער די פאַראַשור־טיסטן, און זיי וועלן נעמען דעם קאָמיסאַר ווענגראָווערן. איצט איז ער ווידער אַהער געקומען. ער דאַרף נאָך איין־איינציק מאָל זען דעם קאָמי־סאַר...

פון דער פינצטער האָט פּערפּילאָוו געקאָנט נאָכשפּירן נאָך אַלץ, וואָס עס טוט זיך באַ דער שטוב. דערווײַל איז קיינער אין דעם הויף ניט אַרויס־געגאַנגען. לויט דער שײַן אין די פענצטער האָט ער געקאָנט אורטיילן, אַז דער באַלעבאָס איז אין דער היים.

אין קלאָזעטל איז געווען קאַלט. דאָס נאַסע אָנטאָן אַף פּערפּילאָוון האָט

ניט געהאט פון וואָס זיך אויסצוטריקענען, און דאָס לײַב אונטער דעם האָט געגאָיעט.

די הײַזער אַרום־און־אַרום זײַנען געווען אָדער אינגאַנצן צעוואַלגערט און פֿאַרברענט, אָדער זיי האָבן געפֿינצטערט אף דער פֿאַרפֿאַראַשעטער ערד, אַרויסרופֿנדיק אַ געפֿיל פֿון דערדריקטקײַט. אפֿן האָריזאָנט, אין אַלע פֿיר זײַטן, האָבן פֿון מאָל צו מאָל זיך באַוויזן רויטלעכע אופֿלויכטן, ווי פֿאַרשפּעטיקטע, אויסגעלייידיקטע בליצן אין די טאַמעזדיקע פֿאַרנאַכטן. זײַענדיק צווישן די ווענט פֿונעם קלאָזעטל פֿאַרשטעלט פֿון דעם, וואָס עס טוט זיך אף רעכטס, אף לינקס און פֿון הינטן, און זעענדיק בלויז פֿון פֿאָרנט די שטוב און דאָס פּאַסיקל פֿונעם האָריזאָנט צווישן דער שטוב און דעם פּלויט, האָט פּערפּילאָוו זיך אײַנגעקוקט אין די רויטלעכע אופֿלויכטן און געטראַכט, אַז דאָס דאַרף זײַן די פֿראָנט־ליניע, און אַהין וועט ער אײַנגיכן אַוועקגיין. ס׳האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַ שיסערײַ פּונקט הינטער זײַן פּלייצע, און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז — נו, יאָ, דאָרט הינטן הייבט זיך דאָך אָן דער ליובאַרער שליאַך, און ער איז געקומען טאַקע פֿון דאָרטן, דאָס הייסט, אַז אַהין דאַרף מען גיין, — אין דער זעלבער מינוט האָבן אופֿרײַסן זיך דערהערט פֿון פֿאָרנט און אף רעכטס, און ער האָט, אַן אָפּגעשוואַכטער, זיך צוגעשפּאַרט צו אַ ווענטל און אַרויסגעשטאַמלט:

— פֿאַרפֿאַלן... דער פֿראָנט איז אַרום־און־אַרום...

ס׳האָט זיך דערהערט דער גערויש פֿון אַ מאָטאָר. לעבן הויף האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אַוטאָמאָביל מיט פֿאַרלאָשענע פֿאַרעס. ס׳האָט אַ סקריפּע געטאָן דער טויער, און פּערפּילאָוו האָט דערזען אַן אָפֿיצער, וועלכער האָט שוין געקליבן זיך אָנקלאַפּן אין פֿענצטער, נאָר פֿון גאַס האָט מען אים אַ רוף געטאָן:

— כאָוועער קאַפּיטאַן!

— איך הער אײַך, כאָוועער פּאָלקאָווניק.

— באַ מאַרק גריגאָריעוויטשן געפֿינט זיך איצט מיסטאַמע אויך אַנדריי־קע... זאָלט איר אים מיטנעמען מיט זיך... דער קאָמאַנדאַרם האָט באַפֿוילן... מע וועט באַם נײַיאָר־טיש אים איבערגעבן אַ מעדאַל...

דער קאַפּיטאַן האָט, ווײַזט אויס, זיך אין עפּעס דערמאָנט. ער איז ווי־דער צוגעגאַנגען צו דער מאַשין, און פּערפּילאָוו האָט געמוזט זיך אָנ־שטרענגען, קעדיי פֿאַנאַנדערקלײַבן זײַנע ווערטער:

— כאָוועער פּאָלקאָווניק, מײַנע ברידער ווייסן שוין, אַז דער אַבוועער האָט אַרויסגעפֿירט סאַלקען פֿון בערדיטשעוו?

— ניין. ווען איך האָב אײַער עלטערן ברודער און דעם סערזשאַנט לאָסיעוון געבראַכט פֿונעם וואַלד אין שטאַב אַרײַן, האָבן מיר אַליין נאָך ניט געוווּסט...

— צי דאַרף איך עס איצט דערציילן?

— זאָגט מיר, כאָוועער טשאָרניצער: נו, און איך האָב הײַנט אויסבאַ־האַלטן פֿון אײַך די ידיעה וועגן טויט פֿון אײַער מאַמען?

— ניין.

— אף דער מילכאָמע פֿאַרטײַעט מען גאָרנישט ניט... אין אַ פֿערטל שאָ

ארום וועט די מאשין זיך אומקערן נאָך אײַך. בא מיר אפן זייגער איז איצט דרײַ פערטל עלף...

— בא מיר אויך.

די מאשין איז אַפּגעפאָרן. דער קאַפּיטאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין פענצ־טער און געזאָגט, ווער ער איז. מע האָט געעפנט די טיר, און ער איז ארײַן אין שטוב. פּערפּילאָוו האָט איבערגעציילט אין פּיסטאָלעט די קוילן. ער האָט דערפילט, אז ער איז שטארק הונגעריק. פון קעלט און פון הונ־גער האָט זיך אים פאַרוואָלט שלאָפן. ער איז ארויס פונעם קלאָזעטל, גע־וואָלט זיך דורכגיין איבערן פינצטערן הויף און זיך דערוואַרעמען א ביסל, נאָר ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז אין שטוב צינדט מען אָן די שײַן, און ער איז אין גרויס אײַלעניש, ציטערנדיק מיטן גאַנצן לײַב, צוריק ארײַן אין קלאָזעט.

די איינציקע טרייסט איז איצט פאַר פּערפּילאָוון געווען — דער שמועס וועגן סאַלקען, וועלכן ער האָט ערשט אונטערגעהערט. יאָ, זיי ווייסן, וואָס מיט סאַלקען איז געשען! ווען זיי זאָלן נאָך וויסן, אז דער מענטש, וואָס האָט זי ארויסגעפירט פון דער בערדיטשעווער געסטאַפּאָ קיין בירקענאו, געפינט זיך איצט דאָ, הינטער ווענגראָוועס פענצטער, און ער האַלט גרייט א פּיסטאָלעט...

געשען איז דאָס מיט פינף טעג פאַר דעם, ווי ער איז אריבערגעגאַנגען דעם פראָנט. עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון בערדיטשעוו, און כילוש מאַזאָר, דער הויכער טשין פון דער אויסשפּיר־דינסט בא דער יידישער אַגענץ, וועלכער איז ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען קיין בערדי־טשעוו מיט א שליכעס צו אָרגאַניזירן דאָס ארויסגאַנווענען דעם קאָמיסאַר ווענגראָוועד, — כילוש מאַזאָר האָט געפּויעלט בא דעם אַבווער, אז סאַלקע טשאָרניצער זאָל מען אָפּשיקן דערווײַל קיין בירקענאו און דאָרט, אינעם לאַגער, זאָל מען זי אופהאַלטן, ביז וואַנען מע וועט ברענגען ווענגראָווערן. באַקומענדיק די געהעריקע דערלויבעניש, האָט מאַזאָר צוגעשטעלט צו סאַלקען איינעם פון די אויספּילער פון דער אָפּעראַציע, קאָנסטאַנטין פּער־פּילאָוון, זײַן אַלטן כאַווער, מיט וועלכן ער איז צוזאַמען אַנטלאָפן פון רוסלאַנד און דערנאָך ארומגעוואָגלט מיט אים אין מאַנדזשאָר־גאָ, סינגאַ־פּור, ענגלאַנד, פּוילן. אליין האָט ער אפילע געמאַכט א פּרוּוו צו געזעגע־נען זיך מיט סאַלקען, נאָר ווען ער האָט זיך באַוויזן צוזאַמען מיט דער דײַטשישער אופזעערן בא איר אין קאַמער, האָט זי, ווי אלע מאָל, אויסגע־האַלטן די קלעפּ פון דער אופזעערן און מיט קיין איין וואָרט ניט געענט־פערט אף די איינפאַכע פראַגן, וועלכע ער האָט איר געשטעלט: ווי פילט זי זיך, צי פעלט איר ניט קיין עסן, צי דערקענט זי, ווער ער איז... פּער־פּילאָוו האָט געוווּסט וועגן די באַזוכן מאַזאָרס בא דער ארעסטאַנטקע, און נאָכן פאַל מיט דעם געזעגענען זיך האָט ער אים א זאָג געטאָן אָן שום קאַס:

— וויאזוי דו זאָלסט זיך ניט דרייען, ביסטו פאָרט א ייד...

לעבנדיק אין דער לעצטער צײַט צווישן הויכגעשטעלטע דײַטשישע אָפּיצערן און פאַרטרעטנדיק א רײַכע, זאָל זײַן א ייִדישע, וועלט־אָרגאַני־זאַציע, האָט מאַזאָר זיך צוגעוווינט צו באַגיין זיך צײַטנווײַז מיט פּערפּי־

לאָוון פיל שטײַפער, איידער אמאָל, ווען יענער האָט אים, ווי א יאָלד, ארומגעפירט איבער דער וועלט.

— איך פארשטיי אײַך ניט, — האָט ער פערפילאָוון אָן אירע געטאָן.

— איך זאָג: באַ דיר, ווי באַ אלע יידן, איז ניטאָ קיין שטײַפקײַט. די שיינע הירשנטע, מיט וועלכער דו האָסט זיך אמאָל געליובעט, איז איצטער שוין א שטינקענדיקער פייגער. ס'איז געבליבן א נעם טאָן זי פאר דער פעל און — אף דער סוואלקע. און דו פראוועסט איי־דעלע שטיק...

מאזאָר האָט ארויסגעלאָזט די נעגל:

— הער פערפילאָוו! כ'וועל מאכן פון אײַך א פראָשעק!

די גאנצע קריגערײַ איז ניט ווערט געווען קיין שמעק טאבעק. אָבער מאזאָר האָט נאָך געקאָנט אף דער הייסער מינוט נעמען צוריק זײַן באַ־שלוס אָפּצושיקן מיט סאלקען פערפילאָוון, און דאָס האָט יענעם געשראָקן, ווײַל ער האָט געהאט א ציל אָנצוקלײַבן אף זײַן כעזשבן אין אָט דער שוטפעסדיקער אָפּעראציע געגוג פערזענלעכע אופּטועך אף צו באקומען אָן אײַזערנעם ציילעם. אין דער אָפּעראציע האָט ער שוין א סאך ארײַנ־געלייגט: געווען צווישן די רעפּעטיטאָרן פון דער פאָטאָגראַפירונג אין זאקסענהאוזען, גאנצע צוויי וואָכן זיך טרענירט מיט די פאראשוטיסטן, וויאזוי ארויסצוגאנגווענען דעם קאָמיסאר ווענגראָווערן; איצט שטייט פאָר דאָס ארויספירן סאלקען פון דער בערדיטשעווער געסטאפּאָ; נאָכן אומקערן זיך וועט ער איבערגיין די פראָנט־ליניע און אָפּשפּילן די נייטיקע ראָל באם אראָפּברענגען די פאראשוטיסטן אף ווענגראָווערס שפּור... דאָס אלץ וועט אים געבן אָן אײַזערנעם ציילעם, מע האָט עס אים צוגעזאָגט: מיטן אײַזערנעם ציילעם אף דער ברוסט וועט ער ווײַטער שוין גיין, ווי אף אן אײַזערנער בריק...

פערפילאָוו האָט זיך געמאכט, אז ער הערט ניט, ווען מאזאָר האָט צע־לאָזט די צונג — אלציינס וועט אָט דער ייד אויך ענדיקן, ווי אלע זייערי־קע, אין א דושעגובקע.

אפן וועג קיין בירקענאו, שוין לעבן קראָקע, האָט א דײַטשישער קאָ־מענדאנט פון א קליינער סטאנציע אראָפּגענומען פערפילאָוון מיט סאלקען פונעם צוג, קעדיי אויסקלאָרן, וואָס דאָס איז פאר אזא מאָדנע טראנספּאָר־טירונג פון איין־איינציקער יידישקע, אין דער צײַט, ווען מע פירט זיי אין די טויזנטער, ווי פּי, אין עשעלאָנען. פערפילאָוו איז געבליבן מיט סאלקען פארשפּארט ביז אינדערפרי אין א ווינקל פונעם פּאקהאוז, און ער האָט זי, אינגאנצן שוין אָן אויסגעשעפּטע, פארגוואלדיקט. צוליב דעם האָט ער ניט באדארפט פּאטערן קיין סאך מי, ווײַל סאלקע האָט שוין לאכלוטן ניט געהאט קיין קויכעס אנטקעגנצושטעלן זיך, און זי איז דורכגעגאן די ביטערע שאנד אין פארגעסנהײַט. שפּעטער, ווען פערפילאָוו האָט געמוזט טאָן עפּעס, קעדיי צו דערפירן זי קיין בירקענאו א לעבעדיקע, און ער האָט גענומען אײַנרײַבן איר דעם שטערן מיט בראָנפן און פאָכען איבער איר פּאָנעם מיט א ברעטל פּאניר, וואָס ער האָט דאָ דערבײַ געפונען, — האָט זי מיטאמאָל זיך שטארק צעיאָמערט, אזוי הויך, ווי גלײַך די שאנד וואָלט איר צוגעגעבן קויכעס.

פערפּילאָוו האָט גענומען זי איינשטילן. דאָס, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, איז אַ נאַטירלעכע זאַך און דערצו נאָך אַ מין העמשעך פון זייער צופעליקער באַקאַנטשאַפט אין יענער רעגנדיקער נאַכט, אין ביראָבידזשאַן, ווען זי איז געשטאַנען אין שטוב, באַלויכטן מיט היימישקייט, און ער — אין דרויסן, אונטערן רעגן. ער האָט אָנגעטאַפּט מיט איר האַנט אַף זײַן פּאַנעם אַן אַלט שראַמעלע:

— דאָס האָסטו דאָך מיך אַ נעריק געטאָן, פאַרהאַקנדיק פאַר מײַן נאָז דאָס פענצטער. געדענקסט? אַ שראַם געמאַכט אַפן גאַנצן לעבן. און איך דיר — וואָס? גייסט אַלצײַנס אוועק אין לאַגער...

פון סאַלקעס געיאָמער זײַנען זיך צעלאָפן די שטשורעס, וואָס האָבן הונגעריקע געגישטערט אין דעם פוסטן פּאַקהאַוז. פּערפּילאָוו האָט אוועקגעלייגט אין אַ זײַט די שמאַטע, מיט וועלכער ער האָט זיך שוין געפּרוווט איר פאַרשטאָפּן דאָס מויל, דער טומל זאָל ניט צוציען די פאַרבײַגייענדיקע דײַטשן. פאַר די דײַטשן האָט ער איצט ניט געפילט אַזאַ פּאַכעד, ווי פאַר די מאַכנעס מעוולוועלע שטשורעס און פאַר סאַלקעס אָפּגעשטעלטע, גאָרניט זאָגנדיקע אויגן, פאַר די אָפּגעשוואַכטע ציטעריקע קלאַנגען, וואָס האָבן געכאָרכלט אין איר האַלדז, ווען ער האָט איר געשטופּט די שמאַטע צווישן די צונויפגעפּרעסטע ציין. איצט האָט סאַלקע געיאָמערט אומגעשטערט, און פּערפּילאָוו האָט איר אַפילע שטילערהייט אונטערגעהאָלפן.

ווען די מאַסיווע טויער־טיר פונעם פּאַקהאַוז האָט אײַנמיטן דער נאַכט פּלוצעם זיך צעעפנט און עס איז אַרײַן אַ געסטאַפּאָוועץ אין דער באַגלייטונג פון אַן איבערזעצער, האָט פּערפּילאָוו, אָפּפירנדיק דאָס פּאָנעם אַף לינקס און אַף רעכטס פונעם שמאָלן, שאַרפן סנאָפּ שײַן, וואָס דער געסטאַפּאָוועץ האָט אַף אים אָנגעשטעלט, גענומען אויסגיסן זײַן האַרץ דעם איבערזעצער:

— זאָג אים, אַז איך בין ניט קיין פּראָסטער מענטש... וועגן דער זשידאָוואָטשקע, וואָס איך פיר, ווייסט מען אין בערלין... איך בין געשיקט פונעם אַבווער... זאָג אים, אַז מע האָט אין בערדיטשעוו די זשידאָוואָטשקע געהאַלטן אין געסטאַפּאָ, ווײַל דער אַבווער האָט דאָרט ניט געהאַט קיין פּאַסיק אָרט... אַזוי האָט מען זיך צונויפגערעדט. זאָג אים...

— אַאוסווײַז!.. — האָט מיט אַ קוויטש אויסגעשריגן דער געסטאַפּאָוועץ, פּונקט ווי עס וואָלט אים אַ ביס געטאָן אַ שלאַנג.

—אַאוסווײַז... אַאוסווײַז... — האָט שטיל איבערגעכאַזערט פּערפּילאָוו און גענומען מיט ציטעריקע הענט אָנטאַפּן אין דער בוזעם־קעשענע דאָס נײַטיקע פּאַפּירל, אָנשטעכנדיק ביז בלוט די פינגער אין דער שוין צעעפנטער שפּילקע, מיט וועלכער די בוזעם־קעשענע איז געווען פאַרשפּיליעט.

דער געסטאַפּאָוועץ האָט דעם סנאָפּ שײַן אַריבערגעפירט אַפן פּאַפּירל און, אויסשטרעקנדיק צום איבערזעצער דרײַ פינגער פון דער לינקער האַנט, צו וועלכע דער איבערזעצער האָט אויגנבליקלעך צוגעגעבן אַ גראָבן בלײַפעדער, האָט ער אָנגעשריבן אַפן פּאַפּירל, אין אייבערשטן לינקן ווינקל, אַ פּאָר ווערטער און מיט עקל אַ טיטשע געטאָן עס פּערפּילאָוון אין פּאָנעם אַרײַן. פּערפּילאָוו האָט דאָס פּאַפּירל אַראָפּגענומען פונעם פּאַ־

נעם, וואָס איז געווען אויסגעוויקט אין טרערן, ווי מע נעמט אראָפּ א וואַרעמען קאָמפּרעס נאָכן אָפּגאָלן זיך.

...צי קאָן מען זאָגן, אז איצט, ווען ער האָט אופגעשטעלט דאָס אלץ אין זיקאָרן, וואַרטנדיק מיט אן אָנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט אין האנט אַף דעם קאָמיסאר וועגנגראָווער, געזעגנט ער זיך אויך מיט זײַן אייגענעם לעבן, ווײַל פונעם קלאָזעטל, ווו ער געפינט זיך איצט, זעען זיך ארויס, בוילעטער איידער ווען־עס־איז פריִער, בלויז צוויי פון די וועגן, וואָס ער האָט געקאָנט זיך אויסמאָלן: דער וועג צו דער פראָנט־ליניע און ווײַטער אהין, פונוואנען ער איז געקומען, קיין נעמעטשינע, אָדער דאָ גלײַך אַפן אָרט — דער קורצער וועג צום טויט? צי קאָן מען זאָגן, אז איצט האָט אים עפּעס געקימערט פון דעם, וועגן וואָס ער האָט זיך דאָ דערמאָנט? ניין, גאָרנישט האָט אים ניט געקימערט, קיין געפיל פון כאראָטע האָט ער קיינ־מאָל ניט געהאט. אין זײַן נעשאָמע האָבן זיך ניט צוזאמענגעלעבט, ווי בא סראָוו מענטשן, יענע אומאָפּהענגיקע איינער פונעם צווייטן אימפּולסן, וואָס איינער הייסט עפּעס טאָן און דער אנדערער שאצט אָפּ דאָס אָפּגעטאָנענע, צי ס'איז גוט, צי שלעכט. קאָן זײַן, אז ווען דעמלט, אינעם ווײַטן צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר, וואָלט קאָסטיע פּערפּילאָוו ניט אוועק פונעם עשעלאָן קאָמסאָמאָלצעס און ער וואָלט דערפאָרן ביזן דערפעלע באם אמור און דאָרט זיך א נעם געטאָן איינײַנעם מיט אלע אופגערודערטע, צעשויבערטע, האלב־הונגעריקע יאטן צום אופשטעלן די נײַע שטאָט אין דער טײַגע, — עפשער וואָלטן הײַנט סײַ ער, סײַ זײַן וועג געווען אנדערע. קאָן זײַן...

איצט האָבן אלע קנופּן זיך צעקניפּט אין מעשעך פון איין־איינציקער מינוט. ס'האָט א סקריפּע געטאָן די אלטע טיר אין דער שטוב, וואָס אנט־קעגן דעם קלאָזעטל, און עס זײַנען ארויסגעגאנגען אין הויף דער קאָמי־סאר וועגנגראָוועך, יודאלעף טשאָרניצער מיט איוואן לאָסיעוון —ביידע מיט אווטאָמאטן אַף דער ברוסט, — א באָכערל, ציוויל אָנגעטאָן, און דער קאפּי־טאן, וואָס איז מיט א פּערטל שאָ צוריק ארײַנגעקומען אין שטוב.

ווײַזט אויס, אז זיי האָבן פארלאָזט די שטוב אין סאמע מיטן פון א שמועס, וועלכן זיי האָבן געפירט צווישן זיך. צו פּערפּילאָוון האָט נאָך פון פירהויז זיך דערטראָגן דעם קאָמיסאר וועגנגראָווערס קאָל — א געדיכטס און א גראָבלעכס, ניט קיין צוגעפּראוועטס מיט איידעלע אינטאָנאציעס. אַף יענער זײַט טויער האָט זיך געהערט דאָס גערויש פון א צוגעפאָרענעם אווטאָמאָביל, וועלכער האָט מאנעווּרירט, אויסקערעווענדיק זיך אהין, פונ־וואנען ער איז געקומען צו פאָרן. דער קאפּיטאן האָט צוגעמאכט אַף א הענגענדיקן שלאָס די טיר פון דער שטוב. וועגנגראָווער האָט, גייענדיק צום טויער, ארומגענומען בא די אקסלען יודאלעפן און געזאָגט:

— יאָ, מיר שטייען באם סאמע ראנד פונעם דורכגעלעבטן יאָר... אוואדע ביסטו געדעכט, טײַערער־טײַערער זון מײַנער! די צײַט איז איצט א שרעקלעכע. וויפל מענטשן וועלן באם אָנקומען פונעם נײַעם יאָר א שפּאן געבן צום אָפּגרונט, און וויפל וועלן פונעם איין־און־דרײַסיקסטן דעקאבער טויזנט נײַן הונדערט דרײַ־און־פערציקסטן יאָר באוויַזן ארײַנגיין אין דעם ערשטן יאנוואר פונעם פיר־און־פערציקסטן... שווער צו זאָגן... די צײַט ווייסט בעסער פון אונדז. אײַך וויל, יודאלעף, אז דו זאָלסט עס געדענקען,

ווען דו טראכסט וועגן דײַן מאמען, וועגן עסטער־ראָכעלען... יודאלעף, היט זיך אָפּ, ביסט אלט דרײַ און דרײַסיק יאָר, און דאָס איז, ווי מע זאָגט, דער עלטער פון יעזוסן, דער סאמע פאסיקער אף צו אופטאָן ווונדער...

פערפילאָוו האָט אָנגעצילט דעם פיסטאָלעט אין וועגראָווערן און אויסגעשאָסן. וועגראָוועֶר איז געבליבן שטיין, אזוי ווי פריִער, נאָר שוין אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע, ווײַל זיי האָבן קימאט אײַנעם מיטן שאָס, וואָס זיי האָבן דערהערט, זיך א לאָז געטאָן לויפן, איבערנעמענדיק אין די הענט ארײַן דאָס געווער. אין א רעגע ארום האָט וועגראָווער זיך צוגעטוליעט צו דעם פלויט און אראָפּגעגליטשט זיך אף דער ערד. אנדרייקע — דער איינציקער, וואָס איז לעבן אים פארבליבן, — האָט אים ארומגעכאפּט ארום דעם קאָפּ און, מיִענדיק זיך עטוואָס אים אונטערצוהייבן, ארויסגעלאָזט א שרעקלעכן געשריי. יודאלעף, לאָסיעוו, פאלעק און דער שאָפער פון דער מאשין זײַנען אוועקגעלאָפן אין פארשיידענע זײַטן, זוכנדיק, ווער עס האָט געשאָסן, און שיסנדיק אליין אין דער פינצטערניש ארײַן.

פערפילאָוו האָט זיך באטראכט, אז איצט אנטלויפן טאָר ער ניט, און ער האָט זיך פארטײַעט אין קלאָזעטל. מיטאמאָל האָט ער דערפילט, אז פונעם הויף קוקט מען אף אים. ער האָט אהין דרײַ מאָל אויסגעשאָסן, און ווען אין פיסטאָלעט זײַנען ניט פארבליבן קיין קוילן, האָט ער אָנגעהויבן זיך רוקן אף צוריק און איז הינטנארום ארוף מיט די פיס אפן פארקלאפּטן מיט ברעטלעך געזעס פונעם קלאָזעטל.

אנטקעגן אים, בא דעם געעפנטן טירל, איז געשטאנען איוואן לאָסיעוו מיט אן אוטאָמאט אין די הענט.

פערפילאָוו האָט אוועקגעוואָרפן דעם פיסטאָלעט און זיך צעוויינט אף א קאָל:

— וואניא, ניע גובי! פּראָסטי! (וואניא, ברענג ניט אום! זײַ מויכל!).

לאָסיעוו האָט, ארײַנקוקנדיק אין קלאָזעטל, ניט גלײַך פארשטאנען, וואָס עס איז פאָרגעקומען: פערפילאָוו איז אף זײַן אָרט ניט געווען, זײַן געשריי האָט זיך געטראָגן, ווי פון אונטער דער ערד. אָנרײַבנדיק א שוועבעלע, האָט לאָסיעוו דערזען: דער געזעס אין קלאָזעטל האָט זיך דורכגעבראָכן, און פערפילאָוו איז ארײַנגעפאלן אין גרוב.

— וואניא, ניע גובי! פּראָסטי! — האָט ניט אופגעהערט צו שרײַען פערפילאָוו.

איוואן לאָסיעוו האָט אָנגעטראָטן מיטן רעכטן פוס אף א סטארטשענדיק ברעטל פונעם געזעס און, אָפּקערעווענדיק די נאָז פונעם געשטאנק, ארײַנגעשאָסן א לאנגע ריי קוילן אין דער גרוב ארײַן.

ארויסגייענדיק פונעם קלאָזעטל, האָט לאָסיעוו אויסגעווישט די שטיוול אינעם פארפּראָסטיקטן גראָז. דער פּאָדפּאָלקאָווניק וועגראָוועֶר איז האלב געלעגן אין דער מאשין, אָנגעשפּארט אין יודאלעפן. די שינעלן בא אים און בא יודאלעפן זײַנען געווען פארגאָסן מיט בלוט. דער קאפּיטאן טשאָרניצער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן שאָפער, און די מאשין איז אָפּגעפאָרן. דערזעענדיק לעבן זיך אנדרייקען, האָט לאָסיעוו אים ארומגענומען און איז מיט אים אוועקגעגאנגען לענגאויס דער באנאכטיקער גאס, וואָס האָט געפירט צום שטאב פון דער N־ער ארמיי.

דריטע נאָוועלע

די אַלטע און די יונגע

1

דער אַעראָפּלאַן האָט זיך דערנעענטערט צו כאַבאַראָווסק. אַנדריי האָט אַ לײַכטן טאָרקע געטאָן ווענגראָווערן, יענער האָט אופגעעפנט די אויגן, באַוויזנדיק מיט דעם, אַז ער שלאָפט ניט.

מיט דרײַצן יאָר צוריק, אין איין־און־פערציקסטן, ווען ער, אַנדריי, האָט מיט דער מאַמען און סאַלקען אַוועקגעלאָזט זיך מיט דער באַן פון ביראָבידזשאַן קיין ליובאַר, זײַנען זיי ביז מאָסקווע געפאָרן אַכט מעסלעס. איצט פליט ער קיין ביראָבידזשאַן, און ס׳איז מאַמעש אַ ווונדער: פון מאָסקווע איז מען אַרויסגעפלויגן נעכטן, און ווען מע וואָלט זיך ניט אָפּגעשטעלט אין אירקוטסק, ווו די פּאַסאַזשירן האָבן איבערגענעכטיקט אין דער אַעראָדראָם־אַכסאַניע, וואָלט מען אָנגעקומען קיין כאַבאַראָווסק אין זעלבן טאָג. וועגן דעם רעדט זיך אַנדריי דורך אַף שטומלאָשן מיט קאַטיען, זײַן ווײַב, מיט וועלכער ער האָט כאַסענע געהאַט, ווען זיי ביידע זײַנען נאָך געווען אַפן ערשטן קורס פונעם אינסטיטוט, נאָר ס׳האָט אַלץ קיין צײַט ניט געקלעקט זי אָפּצופירן קיין ביראָבידזשאַן און באַווײַזן זי דעם טאַטן. קאַטיע זיצט בײַ ווענגראָווערס לינקער זײַט, אַנדריי — בײַ דער רעכטער. און כאָטש בײַ קאַטיען אַף די הענט שלאָפט זייער טעכטערל נאַטאַשע, שטערט עס איר ניט צו טאָן אַ ווײַז אַנדרייען מיטן פינגער אַף די ווײַזערס פונעם האַנט־זייגערל, וואָס איז שוין איבערגעפירט אַף דער כאַבאַראָווסקער צײַט, און דערבײַ אָפּשפּילן מיטן מויל און מיט די הענט אַזאַ סצענע, אַז אַנדריי פאַרשטייט: לויטן זייגער, ווערט באַלד זיך באַווײַזן דער אַמור...

פאַרן אַראָפּנידערן בינדט מען זיך צו מיט רימענס צו די זיץ־ערטער. ווענגראָווער טוט עס, ניט אופהייבנדיק די אויגן, אַנדריי מיט קאַטיען הערן אוף בעשאַסמײַסע זיך דורכצוריידן אַף שטומלאָשן.

אַנדריי דערמאָנט זיך, ווי אַזוי ער האָט אָנגעקלונגען אין דער גרויסער אוקראַאינישער שטאָט ווענגראָווערן, און נאָך די ערשטע ווערטער זײַנע, אַז ער האָט באַשטימט צופאָרן מיט די צוויי מיידלעך, ווי ער פלעגט רופן קאַטיען און נאַטאַשען, קיין ביראָבידזשאַן, האָט ווענגראָווער געזאָגט, אַפּילע ניט פאַרטראַכטנדיק זיך:

— באַשטעל אַ בילעט אויך פאַר מיר...

ווענגראָווער איז גלײַך אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע און אַליין אויסגעקויפט די אוויאַ־בילעטן — דרײַ גאַנצע און איין קינדערשן. אַנדרייען האָט ער ניט געלאָזט צאָלן קיין געלט, און ווען יענער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, איז ער מאַסקים געווען אָפּנעמען מיט דער צײַט דעם כויוו — דאַן, ווען די יונגע מישפּאָכע וועט אָנהייבן לעבן פון אַרבעט, ניט פון סטיפּענדיע.

פון דער זײַט האָט זיך געקאַנט אויסדוכטן, אַז װענגראָװערס אומדער־װאַרטער באַשלוס זיך אָװעקלאָזן אין אַ רײַזע קיין ביראָבידזשאַן איז גע־װען אַ קאַפּריז. אינדערעמעסן אָבער זײַנען הינטער דעם באַשלוס געשטאַ־נען ערנסטע געשעענישן.

ס׳איז געװען דאָס טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־פופציקסטע יאָר. װענגראָװער האָט געװױנט אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט, אין זײַן אַלטער באַכערישער דירע — אַ קאַבינעט־צימער און אַ קליין קיכל באַם אַרײַנגאַנג. די מילכאָמע האָט ער פאַרענדיקט מיט קימאַט אַנדער־האַלבן יאָר פאַר איר סאָף, נאָר פון די שפּיטאָלן איז ער אַרויס שוין נאָכן זיג, און פון דעמלט אָן, אַן אינװאַליד פון דער ערשטער גרופּע, פלעגט ער טאָג און נאַכט אָפּזיצן באַם שרײַבטיש, און װען ס׳זײַנען דערשינען עט־לעכע זײַנע ביכלעך, איז ער באַקאַנט געװאָרן אין דער װיסנשאַפטלעכער װעלט װי אַ געלערנטער אין ייִדישער געשיכטע.

דאָס שװאַכע געזונט, דער טאָגטעגלעכער שטײַגער מיט די קאָלערליי קלייניקײַטן פלעגן אים שטאַרק דערקוטשען. ניט געקוקט אויף דעם, װאָס ער איז נאָך קיין זיבעציק יאָר ניט אַלט געװען, האָט מען אים מויער אויף דער שטילער פאַרשטאָטישער גאַס אים פאַרעכנט צװישן די, װאָס לעבן אַלפּי־נעס, און װען צו די שכײנעסדיקע דירעס האָט זיך אין מעשעך פון אַ טאָג אָדער צװיי ניט דערטראָגן זײַן הײזעריקער הוסט, פלעגט שוין אַ מאַמע אָפּשיקן איר קינד צו דער טיר זײַנער:

— גיי, טו אַ קלונג... צי לעבט ער נאָך, מאַרק גריגאָריעװיטש...

מאַרק גריגאָריעװיטש פלעגט אָפּט איבערכאַזערן פאַר באַקאַנטע, אַז אויף דעם טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־פופציקסטן יאָר האָט ער פון לאַנג אַרויסגעקוקט, ניט דערפאַר, װײַל נאָך אַ מילכאָמע קומען זיך מענטשן צונויף אויף אַ מין איבערוף, װער עס איז געבליבן לעבן, צי מע איז גאַנץ, צי ניט, — צוליב דעם האָט געטויגט אויך אַן אַנדער יאָר, אַ נעענטערס צום פינף־און־פופציקסטן, — נאָר װײַל עס איז אונטערגעקומען די צײַט, װען ס׳דאַרפן זיך, אין העסקעם מיט דער שװוּע, צונויפנעמען אין איין אָרט נעכעמיע טשאַרניצער, יודאַלעף און ער, װענגראָװער, שוין דאָס צװייטע מאָל אָן עסטער־ראָכעלען... איצט איז געװען ניט שװער אָפּצורעדן װעגן דער באַגעגעניש, װײַל אַלע האָבן געלעבט אויף אָן אָרט: נעכעמיע, װי פריִער, אין ביראָבידזשאַן, און מיט אים סאַלקע, די דערשלאָגענע נעשאָ־מע, װאָס איז פונעם אַכזאָריעסדיקן קריג אַרויס לאַכלוטן אַ האָפּענונגסלאָ־זע; יודאַלעף האָט זיך פון די פראָנטן אומגעקערט צוריק קיין קאָמסאָ־מאָלסק, צו זײַן מישפּאָכע, און אויך דער ייִנגערער טשאַרניצער, פאַלעק, איז געבליבן אויף שטענדיק, װײַזט אויס, אָפּן װײַטן מיזרעך, געאַרבעט אין אַ כאַבאַראָװסקער רעדאַקציע. בלויז אַנדריי, דער מיזיניק, האָט זיך פונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אַריבערגעקליבן קיין מאָסקװע. דאָס, װאָס ער איז אָנגעקומען, אָן עקזאַמענעס, װי אַ דעמאָביליזירטער, אָפּן מאַשינבוי־פּאַ־קולטעט, האָט ער צו פאַרדאַנקען אָן אָפּגעהיטענעם נאָך פון דער מילכאָ־מע רעקאָמענדאַציע־בריװ פונעם גענעראַל װאַסיליעװ, גאַנץ מעגלעך — אַ לעצטן בריװ, װעלכן װאַסיליעװ האָט אָנגעשריבן קורץ פאַר דעם, װי אַ דײַטשישע קויל האָט אים געטראָפן.

ווען אנדריי מיט זײַן געזינדל איז ווענגראָוווער האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין אַעראָפּלאַן צו פליִען קיין כאַבאַראָווסק, קעדיי פון דאָרט אַריבערפאָרן מיט דער באַן קיין בירָאָבידזשאַן, האָט עס ניט אַרויסגערופן קיין כידעש בא די, וואָס האָבן געוווּסט דעם סאָד פון די באַגעגענישן, וועלכע קומען פאָר אַלע עלף יאָר, אָבער ניט יעדן איז געווען באַוווּסט, אַז עס איז פאַראַן נאָך איין סיבע, פאַרוואָס ווענגראָוווער איז אָן שום וואַקלענישן אײַנגעגאַנגען אױף דער נעסיִע פּונקט איצט.

די סיבע איז — פאַלעק...

פאַראַיאָרן ווינטער, נאָך ערעוו סטאַלינס טויט, האָט ווענגראָוווער אָנגעשריבן אין צענטראַל־קאָמיטעט א בריוו וועגן אָן איניען, מיט וועלכן ער, ווענגראָוווער, איז געווען באַקאַנט. אין א פּאָפּולערן הומאָריסטישן זשורנאַל האָט דורכגעשווינדלט א פעליעטאָן וועגן דעם זשורנאַליסט פאַלעק טשאָרניצער, וואָס האָט אין סאַמע ברען פון דער מילכאָמע, ווען דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, איבערברעכנדיק דעם רוקן בא דער פאַשיסטישער כײַע, זיך דערעדט צו דעם, אַז, קלוימערשט, אין דער סאָוועטישער אַרמיי קעמפן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע פעלקער אױף אוטאָנאָמע יעסוידעס, אָפּגעטײַלט לויטן נאַציאָנאַלן סימען. די דאָזיקע שעדלעכע קאָנצעפּציע האָט זיך אַרויסגעזען פון דעם, וואָס פאַלעק נעכעמיעוויטש, זײַענדיק א מיטאַרבעטער אין א פראָנט־צײַטונג, האָט ערגעץ אָפּגעגראָבן אָן אַלטע באַלעגאָלישע בויד (אוואַדע די זעלבע, פון וועלכער דעם זשורנאַליסטס טאַטע, אין דער פאַרגאַנגענהײַט א פערדהענדלער, האָט אין סאָף פון די צוואַנציקער יאָרן, שוין בײַסן ערשטן פינפיאָר, אויסגעשפּאַנט צום לעצטן מאָל די פערד — אָפּגעקויפט זיי שפּאָט ביליק בא א פאַרפּראַלעטאַריזירטן באַלעגאָלע און דערנאָך זיי פאַרקויפט אָן ערשט אופגעקומענעם קאָלווירט פאַר א ספּעקוליאַטיווער פּרײַז), — אָפּגראָבנדיק ערגעץ אָט אַזאַ אַלטע באַלעגאָלישע בויד, האָט דער פלינקער זשורנאַליסט זי איבערגעמאַכט מיט איין שמיר מיט דער פען אין א „יידישער טאַטשאַנקע״... לויט פאַלעק נעכעמיעוויטש טשאָרניצערס שרײַבעכצן אין דער פראָנט־פּרעסע האָט זיך באַקומען, אַז יידישע סאָלדאַטן פון דער סאָוועטישער אַרמיי האָבן מילכאָמע געהאַלטן אויסשליסלעך אױף יידישע טאַטשאַנקעס, וועלכע מע האָט פּראָדוצירט בלויז אין דער יידישער אוטאָנאָמער געגנט בירָאָבידזשאַן! קעדיי זיך באַוואָרענען פון א פאָרוווּרף, האָט פאַלעק נעכעמיעוויטש געגומען אין שוטפעס דעם שפּעטער אומגעקומענעם לייטענאַנט יויסעף בומאַגין, א העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט, ווי מאַטראָסאָוו, פאַרשטעלט מיט דער ברוסט די אַמבראַזור פון א דײַטשישן דאָט. בומאַגין האָט, הייסט עס, אָפּגעזוכט די טאַטשטאַנקע אין א פאַרזומפּיקטן וואַלד און צוריק זי אָפּגעגעבן די יידישע סאָלדאַטן פון דער סאָוועטישער אַרמיי...

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן א פאַרטייִישע אויספאָרשונג אַרום דעם פעליעטאָן, איז אין פאַרטיי־קאָמיטעט פון דער כאַבאַראָווסקער רעדאַקציע אָנגעקומען א בריוו פונעם אוטאָר, וועלכער איז אין הומאָריסטישן זשורנאַל געווען פאַרבאַהאַלטן אונטער א פסעוודאָנים, און איצט האָט ער אופגעדעקט זײַן עמעסן נאָמען, אַרויסשטעלנדיק א באַדינג, אַז פון דער רע־

דאקציע זאָל מען דעם נאָמען ניט ארויסגעבן, קעדיי אויסמײַדן נעקאָמע. אָבער ווען מע האָט אָף איינער פון די זיצונגען פונעם פארטיי־קאָמיטעט געבעטן פאלעק טשאָרניצערן, ער זאָל ענטפערן אָף דער נײַער באשולדי־קונג, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אינעם בריוו, און פאלעק האָט זיך דער־וווּסט, וועגן וואָס עס גייט א רייד, — האָט ער אומגעריכט פאר אלעמען זיך דערפרייט און אָנשטאָט ענטפערן לויטן טאָן, אויסגעשרײַען מיט אזא קאָל, ווי גלײַך ער וואָלט געווען א מאטראָס, וועלכער האָט דערזען די געגארטע ערד:

— דעם פעליעטאָן און דעם בריוו האָט געשריבן שאנאָווסקי, יאקאָוו גאָווּרילאָוויטש! מײַן שווער יאקאָוו גאָווּרילאָוויטש שאנאָווסקי...

ער האָט א מאָדנע שלוקערץ געטאָן און, שטארק בלאס און אָפּהעגטיק, ארויסגעשטאמלט:

— אך, מאכט זיך ניט דערפון קיין ווּנדער... אָן אומגליקלעכער איז ער... געהאט א טאָכטער... עסטערקען... איצט ווייסט ער אליין ניט, וואָס ער טוט...

אינעם בריוו איז געבראכט געוואָרן נאָך איין אָנשוילדעכער באווײַז, אז דער זשורנאליסט טשאָרניצער פארדינט ניט קיין צוטרוי. אָן ערעך מיט א האלב יאָר פאר דער פאָטערלענדישער מילכאָמע האָט ער אין דער גרויסער אוקראַינישער שטאָט זיך געטראָפן געהיים מיט פליטים פון גאליציע, לויט אלע סימאָנים ציוניסטן, און ס׳קאָן זײַן, אז די דאָזיקע טרעפונג האָט א שײַכעס צו דעם, וואָס טשאָרניצערס עלטערע שוועסטער, סאלקע נע־כעמיעוונע, האָט שפּעטער, בייסן קריג, איבערבלײַבנדיק אָף דער אָקופּיר־טער טעריטאָריע, זיך פארנומען, צוזאמען מיט די זעלבע ציוניסטן, מיט פראָדוצירן פאלשע מאטעריאלן וועגן בירָאָבידזשאן...

— יאָ, דאָס האָט געשריבן יאקאָוו גאָווּרילאָוויטש שאנאָווסקי! — האָט איבערגעכאזערט פאלעק. — בלויז ער האָט געוווּסט וועגן די פליטים... איך וועל אײַך באלד דערציילן...

איצט איז דער איניען געוואָרן גאנץ איינפאך. ס׳איז געבליבן צונויפ־פירן אָף אָן אָפענעם שמועס ביידע צדאָדים. א היפּשע צײַט האָט אָפּגענו־מען, ביז מע האָט זיך דערוווּסט, אז שאנאָווסקי איז שוין ניטאָ אין לאנד: ער האָט כאסענע געהאט מיט א פרוי, וועלכע שטאמט פון דער פּוילישער גאליציע, און איז מיט איר אהין ארויסגעפאָרן. ווײַזט אויס, אז דעם בריוו קיין כאבאראָווסק האָט ער אָפּגעשיקט, האָבנדיק שוין אָף די הענט די וויזעס. ווען די אָרטיקע פארטיי־אינסטאנצן האָבן באקומען פון מאָסקווע א קאָפּיע פונעם צווייטן בריוו — פון וועגגראָווערס, — איז שוין געווען נאָך סטאלינס טויט, און די באהאנדלונג פון פאלעק טשאָרניצערס איניען איז אָפּגעלייגט געוואָרן. פאלעק האָט אָבער ניט גערוט, ער האָט געפאָדערט, מע זאָל גיכער אראָפּנעמען פון אים דעם פלעק, און ס׳איז ארויסגעזאָגט געוואָרן א ווּנטש, אז דער געוועזענער פאָליט־קאָמיסאר, פּאָלקאָווניק אין רעזערוו וועגגראָווער זאָל פערזענלעך אופקלערן דעם איניען פארן פארטיי־קאָמיטעט פון דער כאבאראָווסקער רעדאקציע. צוליב דעם האָט מען גע־זאָלט קאָמאנדירן א מענטשן אין דער גרויסער אוקראַינישער שטאָט, נאָר

װענגראָװער האָט איבערגעגעבן, מע זאָל עס ניט טאָן, װײַל אין דער נאָענטסטער צײַט קלײַבט ער זיך אַלצײנס קומען קײן כאַבאַראָװסק.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען עטװאָס מער פון אַ יאָר, זינט װענגראָװער האָט זיך דערװוסט װעגן דעם בילבל אויף פאַלעקן און אָנגעשריבן זײַן בריװ אין צענטראַל־קאָמיטעט, דעם כאַװער סטאַלין. אין לאַנד זײַנען פאַר דער צײַט פאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען. ס'האָט אויסגעזען, װי אַלײן די געשיכטע װאָלט אויסגעטײלט דעם ערשטן יאָרצענדליק נאָך דער מילכאָמע צוליב דעם, אַז די מענטשן זאָלן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט די דײַגעס, װאָס אַ גרויסע קאַטאַסטראָפע ברענגט געװײנלעך מיט זיך, — זײ זאָלן ניט בלויז אופשטעלן דאָס כאָרעװ געװאָרענע אין דער װירטשאַפט, נאָר אײַנשטעלן אַ גרינגערן אָטעם אינעם לעבן, אָפּקילן די געמיטער. באַזונדערס פול מיט דראַמאַטישע ענדערונגען איז געװען דאָס לעצטע יאָר, און װאָס מער װענגראָװער האָט געטראַכט װעגן אָט די ענדערונגען, אַלץ קלאָרער איז אים געװאָרן, אַז אײן זאַך איז אַ קורצער צײַט־מעהאַלעך, — דאַן קאָן זיך אויסדוכטן, אַז עס איז טאַקע אַפּאַנעמעסן פאַראַן אַ העכערער קויעך, װאָס איז אַפּילע מעסוגל צו פאַרבײַטן מיט זיך די נאַטירלעכע געזעצמעסיקײַטן, — און גאָר עפּעס אַנדערש איז דער היסטאָרישער פּראָצעס, װוּ אין אָנזיכט פון די עמעסע געזעצמעסיקײַטן איז דער אָנגעמאָסטענער װילן געגליכן צום װאַסער אין אַ טעפּל, װאָס שטײט אויף אַ פײַער: עס װעט, זידנדיק, אַזוי לאַנג בולקען, ביז עס װעט זיך אויסװעפּן און װערן דאַמף...

אין כאַבאַראָװסקער אַעראָפּאָרט האָט קײנער די געסט ניט באַגעגנט. אַנדרײ איז מיטן ערשטן רעיסאָװע אױטאָבוס אװעקגעפאָרן אין שטאָט און אין אַ פּאָר שאָ אַרום זיך אומגעקערט אינעם פּוסטלעכן װאַרט־זאַל און דערלאַנגט װענגראָװערן אַ צעטעלע, װאָס פאַלעק האָט איבערגעלאָזט באַ אַ שאָכן. אינעם צעטעלע איז געװען מיט שפּרינגענדיקע אײַלנדיקע אויסיעס געשריבן, אַז פּונקט איצט, װען ער, פאַלעק, קלײַבט זיך פאָרן אין אַעראָפּאָרט, האָט מען אים אַרויסגערופן אין דער פּאַרטײ־קאָמיסיע צוזאַמען מיט אַ װיכטיקן אײדעס, װעמען ער האָט אַ סאַך צו פאַרדאַנקען. הײַנט פאַרנאַכט, אויב די זאַך װעט זײַן פאַרענדיקט, װעט מען זיך זען...

דער װעג פון כאַבאַראָװסק קײן בירעָבידזשאַן איז געװען עפּעס אַ באַזונדערס ליכטיקער. פון בײדע זײַטן באַן־ליניע האָט צװישן די אַראָפּהענגענדיקע קרוינען פון די בײמער זיך אַרויסגעשלאָגן אַ שיטערער נעפּל, אין װעלכן עס האָבן פרײלעך געמינעט זיך זון־פלעקן, װי באַלויכטענע פון אינװײניק שטיקער שפּינװעבס. װענגראָװערן האָט זיך געדאַכט, אַז דער צוג און די בלישטשענדיקע רעלסן זײַנען אַרײַן אינעם װאַלד אינײנעם מיט דעם פרילינג, און דאָס שװינדלען זײערס צװישן די בײמער און קוסטעס איז אַ טײל פון דער אָדליגע, װאָס האָט לויט די געזעצן פון דער נאַטור פאַרכאַפּט דעם קאַנט.

דער נײַנקער װאַגאָן, ערשט פון אַ פּראָגער זאַװאָד, האָט געגלאַנצט מיט פרישער עמאַל־פאַרב, רויטע טאָרמאָז־הענטלעך און װײַסע פאָרהענגלעך. די קלײנינקע גאָלדנלאָקיקע נאַטאַשע, אַן אָנגעהאָדעװעטע און צוגעקעמטע, איז אומגעלאָפן פון טיר צו טיר, צװישן די פּאַסאַזשירן, און,

פאָלגנדיק דעם ניט גלײַכן גאַנג פונעם צוג, שוין דאָס ווויפלטע מאָל זיך ניט־ווילנדיק צעיאָגט איבערן שמאָלן קאָרידאָר, פאַלנדיק אפן דיל מיט אַזאַ טראַסק, אַז דאָס האָט געשראָקן די פּאַסאַזשירן. רויק זײַנען געווען בלויז נאַטאַשעס טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבן פון פאָרויס געוווּסט, מיט וואָס דאָס אַלץ וועט זיך ענדיקן, און, לויט ווי זיי זײַנען אין די סאַמע געפערלעכע מאָמענטן געבליבן זיצן אַף זייערע ערטער, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז זיי זײַנען נאָרוואָס אַליין אַזוי אַרומגעלאָפן.

שטייענדיק באַם פענצטער פון וואַגאָן, האָט ווענגראָוווער זיך געכאַפּט, אַז אַף דעם אײַזנבאַן־וועג איז אים גאָרנישט ניט באַקאַנט. דאָס, וואָס מע שרײַבט אין די ביכלעך, אַז אַ מענטש, וועלכער קערט זיך אום אַף אַן אַלט אָרט, דערקענט יעדן שטיין, יעדן קוסט, איז ניט מער ווי מעליצע. פאַרגעדענקען אַ לענגערע צײַט קאָן מען אַ שטוב, אַ קרענעצע, ביכלאַל אַלץ, וואָס איז אייגנציק מיטן אויסזען, מיט דער פאַרב, מיטן סקריפּ. דער אײַזנבאַן־וועג פון כאַבאַראָווסק קיין ביראָבידזשאַן איז דער זעלבער, ווי, לעמאָשל, פון ביראָבידזשאַן קיין אָבלוטשיע, אַזוי האָט זיך, אַלנפאַלס, געדאַכט ווענגראָווערן, און דאָס האָט אים אַרופגעפירט אַפן געדאַנק, אַז אָט אין טיכאָנקע, אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן — דאָרט וועט ער זיך שוין האַלטן אין איין הוידען אַהין און צוריק — פון דעם, וואָס ער וועט זען, צו דעם, אין וואָס ער וועט זיך דערמאָנען, און פאַרקערט. כאָטש ער האָט זיך אַליין אַ זידל געטאָן פאַר דעם טרוקענעם אונטערעכענען און אַרומטראַכטן, וויאַזוי און וואָס עס דאַרף פילן דאָס האַרץ פון אַ מענטשן, ווען ער לעבט נאָכאַמאָל איבער זײַן פאַרגאַנגענהײַט, — דאָך האָט ער זיך גלײַכגילטיק פונעם פענצטער אָפּגעקערט, ניט וועלנדיק מער קוקן גלאַט אַף ביימער און אַף שפּאַלעס.

נאַטאַשע האָט זיך אײַנגעמאָסטעט צווישן דער מאַמען און דעם טאַטן אַף דער אונטערשטער פּאָלקע. ווענגראָוווער האָט פון קאָרידאָר באַקוקט דאָס דרײַלינג דורך דער אָפענער טיר אין קופּע און, שווער הוסטנדיק, געטראַכט, אַז ווען ער זאָל קומען איצט קיין ביראָבידזשאַן אָן זיי, אייגער אַליין, וואָלט עס געווען גאָר אַן אַנדער קומען, און ס׳איז אַ גליק, וואָס ער איז איצט ניט אייגזאַם. ער וואָלט געמעגט שווערן, אַז אויך דאָס יונגע געזינדל, פונקט ווי אָט דער העל־באַלויכטענער צוג מיט די בלישטשענדיקע רעלסן, האָט זיך געיאָוועט אהער איביינעם מיטן פרילינג, ווי אַ טייל פון דער אָדליגע, וואָס האָט פאַרכאַפּט דעם קאַנט. קוקנדיק פון אויבן אַראָפּ, האָט ער געזען דרײַ ווייך־בלאָנדע קעפּ. איבער אַנדרייס קײַלעכיקאונטערגעשוירענעם געלן, מיט אַ מעשענעם אָפּגלאַנץ, קאָפּ האָט פון דעם פענצטער זיך געזיפּט אַ ווײַסלעכע שײַן, אין דער צײַט, ווען די זעלבע זון־שײַן האָט זיך איבער קאַטיעס בערעזע־צאָפּ פונקט ווי צעשאָטן, ווערנדיק פאַרוואַנדלט אין אַ בינטל פילפאַרביקע שפּילקעלעך, וואָס האָבן אָדער זיך פאַרשטאָכן אין די האָר, אָדער געפינקלט אַרום זיי. בלויז נאַטאַשעס קעפּעלע מיט די פרײַ העגנענדיקע גאָלדענע לאָקן איז געווען אין שאָטן, ווײַל עס האָט געגרייכט ניט העכער פון דער מאַמעס ברוסט און פונעם טאַטנס עלנבויגן.

און אויב שוין יאָ ריידן וועגן דעם, וואָס דער זיקאָרן האָט געקאָנט

פֿאַרהיטן אין מעשעך פֿון אַ לאַנגער צײַט, איז עס איצט פֿאַר װענגראָװערן געװען אָט דאָס דאָזיקע יונגע דרײַלינג. נאָטאַשקע איז אַלט פּונקט אַזױ־פֿיל, װיפֿל ס׳איז אַלט געװען איר טאַטע אַנדריי, װען װענגראָװער האָט אים געזען אין צװײ־און־דרײַסיקסטן יאָר אינעם װיגעלע בײַ די טשאַרני־צערס אין שטוב. קאַטיע, אַ שטאַלטנע, אַ שטרענג אָפּגעהיטע — אַלע קנעפּ־לעך צוגעשפּיליעט, די פּרוװישקײַט גוט צוגעדעקט, — קאַטיע האָט מיט אָט דער אײַנגעהאַלטנקײַט דערמאָנט אין סאַלקען, אױך פֿון יענעם יאָר, װען װענגראָװער האָט זי דאָס לעצטע מאָל געזען בײַ די טשאַרניצערס אין שטוב. און צולעצט, קוקנדיק אױף אַנדרײיען, האָט װענגראָװער געפֿילט, אַז דאָס האַרץ הײבט אים אָן צו קלאַפּן ביז װײטעק, װי ער װאָלט װידער דערזען פֿאַר זיך דעם פּאַרטיזאַנישן פֿאַרבינדלער — אָט דעם געזונטן יאַט מיט דער אָפֿענער ברוסט אונטערן ברײטלעכן לײַנענעם העמדל, — דערזען אים אין װאַסיליעװס כאַטע, בײַ אַ טיש, אױף װעלכן עס שטײט אַ גראַפֿין מיט גלעזער און עס ליגן פּאַפּקעס און אַ פֿאַנאַנדערגעשפּיליעטער פּלאַנ־שעט, און דאָס ייִנגל דערציילט, װיאַזױ די דײַטשן האָבן דערשאָסן זײַן מאַמען, עסטער־ראָכעלען, און דערבײַ װײנען זײ בײדע, דער קאָמיסאַר װענגראָװער און דאָס ייִנגל אַנדרײקע...

װענגראָװער האָט אַ קרעכץ געטאָן און זיך װידער אױסגעקערעװעט מיטן פּאָנעם צום פֿענצטער פֿונעם װאַגאָן. אַנדריי און קאַטיע, איבערגע־שראָקענע, זײַנען צוגעלאָפֿן צו אים:

— מאַרק גריגאָריעװיטש, װאָס איז מיט אײַך?

— ס׳איז אײַך ניט גוט?

ער האָט שטרענג אַ קוק געטאָן אין זײער זײַט און, אָנשטאָט צו ענט־פֿערן, באַװיזן מיט דער האַנט אױף די עטלעכע שטײנערנע געבײַדעס, װאָס האָבן זיך דורכגעטראָגן פֿאַרבײַ דעם פֿענצטער.

— דאָס איז די סטאַנציע אין, — האָט ער טרוקן אַ זאָג געטאָן און, אױסהוסטנדיק זיך, צוגעגעבן: — פֿונדאַנען האָט מען ניט לאַנג צוריק דורכ־געלײגט אַ נײַע אײַזנבאַן־ליניע צו קאָמסאָמאָלסק. מע קאָן אַרײַנפֿאָרן נאָך יודאַלעפֿן...

אַנדריי האָט דערװידערט:

— יודאַלעף װאַרט שױן אװאַדע אױף אונדז אין ביראָבידזשאַן...

װענגראָװער איז אַװעק צו זײַן געלעגער און, ניט אַראָפּנעמענדיק פֿון זיך גאָרניט פֿונעם אָנטאָן, זיך צוגעלײגט אָפּרוען מיטן פּאָנעם צו דער װאַנט. מע האָט געקאָנט מײנען, אַז ס׳איז אים לאַנגװײַליק און ער האָט באַשטימט כאַפּן אַ דרעמל. אַנדריי אָבער האָט געטראַכט, קוקנדיק אױף זײַן אַקשאָנעסדיק אײַנגעבױגענער פּלײצע, אַז װײניקער פֿון אַלץ ציט אים איצט צו רו. פּונקט װי מע זעצט זיך געװײנלעך צו אײדער מע לאָזט זיך אין װעג אַרײַן, אַזױ האָט װענגראָװער באַם סאָף פֿונעם װעג קײן ביראָ־בידזשאַן זיך צוגעלײגט. און כאָטש אַנדריי האָט געװוּסט, אַז װענגראָװער שלאָפֿט ניט, פֿאַרקערט — ער שפּירט פֿילבאַר נאָך דאָס קלאַפּן פֿון די רע־דער, אַזױ פֿילבאַר, אַז די ליפּן זײַנע צײלן אָפּ יעדן ריטמיש איבערגע־כאַזערטן קלאַפּ, — כאָטש אַנדריי האָט געװוּסט, אַז װענגראָװער איז װאַך,

דאָך האָט ער אים אַ לײַכטן טאָרקע געטאָן, ווען דער צוג איז צוגעקומען צו דער סטאַנציע ביראָבידזשאַן.

ארויסקוקנדיק דורך דער אָפענער טיר פונעם וואַגאָן, איידער דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט ווענגראָווער דערזען אפֿן פּעראָן יודאלעפן און לעבן אים אַ קליינינקן זאַק, אינגאַנצן אַ סיוון. אין מויעך בא ווענגראָווערן האָט דורכגעבליצט אַ געדאַנק, אַז ווען אָט דער אײַנגעדאַרטער אַלטיטשקער זאָל ניט שטיין דאָ לעבן יודאלעפן, וואָלט אומעגלעך געווען צו דערקענען אין אים נעכעמיע טשאָרניצערן. איצט האָט זיך אַלץ אוועקגעשטעלט אפֿן געהעריקן אָרט: מע איז, באָרעכהאשעם, שוין אין ביראָבידזשאַן; נעכעמיע מיט יודאלעפן באַגעגענען הײַנט, מעגלעך, דעם צווייטן אָדער דעם דריטן צוג פֿון כאַבאַראָווסק, ווײַל אין דער טעלעגראַמע, וועלכע ווענגראָווער האָט פֿון מאָסקווע אָפּגעשיקט קיין ביראָבידזשאַן, איז געווען אָנגעוויזן בלויז דער טאָג, ווען זיי וועלן קומען צו פֿאָרן.

2

די גאַס, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פֿונעם מאַסיוון גרויסשטאָטישן וואָקזאַל, האָט קימאַט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער בירע, באַוויזנדיק עטוואָס פֿריִער צו פֿאַרקערעווען אָף לינקס און אריבערגיין אין אַ צווייטער גאַס, וועלכע האָט זיך פֿרײַ געצויגן לענגויס דעם פּאַרק פֿאַר קולטור און אָפּרו און איז ווײַטער אומבאַמערקט ארויס פֿון שטאָט — אָף דער פֿרײַ, אינעם פֿעלד, ווו ס'האָט זיך געשלענגלט דער וועג צום קאָלווירטישן יישעוו וואַלדהיים. פֿאַר די יאָרן, וואָס ווענגראָווער און אַנדריי זײַנען אין ביראָבידזשאַן ניט געווען, האָט די וואָקזאַל־גאַס זיך שטאַרק געענדערט, כאָטש מע קאָן ניט זאָגן, אַז זי איז געוואָרן אינגאַנצן אַן אַנדערע. צו די צווייִ־שטאָקיקע הילצערנע הײַזער פֿון אַמאָל — דער פּאָטשט און די פּאָר אויסגעצויגענע לענגויס דער גאַס וווינונגס־בלאָקן — האָט מען צוגעבויט נײַע צווייִשטאָקיקע, אויך הילצערנע הײַזער, און זיי האָבן, פֿאַרפֿולנדיק די פּוסטע ערטער און צונויפֿשליסנדיק זיך פּאַזע דעם אַספֿאַלטירטן טראָטואַר מיט די אַלטע געבײַדעס, געשאַפֿן דאָס בילד פֿון אַן אײַנגעפֿונדעוועטער גאַס, וואָס פֿירט פֿון וואָקזאַל אין אַ היפּשער שטאָט אַרײַן.

פֿאַרבײַגייער האָבן אויסגעקערעוועט די קעפּ צו די עטלעכע מענטשן, וועלכע זײַנען געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט פֿײַערלעכקײַט, איבערוואַרפֿנדיק זיך זעלטן מיט קאַרגע ווערטער, געגאַנגען אַזוי פֿאַרכושט, אַז זיי האָבן פֿונדערווײַטנס אויסגעזען אָפּגעזונדערט צווישן זיך. ארויסקומענדיק צום אָרט, ווו צווישן דער וואָקזאַל־גאַס און אַ צווייטער, וואָס שנײַדט זי איבער, איז פֿאַרפּלאַנצט אַ סקווערל, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און באַקוקט די יונגע ביימלעך און די פֿריש געפֿאַרבטע בענק. ווענגראָווער האָט אַ פּרווו געטאָן צו צעשאָקלען איין ביימל, און דערפֿילנדיק אַ ווידערשטאַנד אין וואָרצל, האָט ער געזאָגט נעכעמיע טשאָרניצערן:

— אין אָנהייב האָבן מיר אַלע געמיינט, אַז דער גאַנצער קונץ איז —

ארויסטרײַבן די טײַגע, אויסקאָרטשען זי... איצט האָט מען זיך געכאַפּט, אַז פון דער טײַגע קאָן מען עפּעס אויך אַרײַנברענגען...

— דו מיינסט דאָס סקווערל? — האָט דער אַלטער געפרעגט, קײַענדיק די אייגענע אָנצײַנערדיקע יאַסליעס.

— דאָס סקווערל האָט מיך אָנגעשטויסן אויפן געדאַנק. ווײַטער וועלן מיר זען, וואָס ביראָבידזשאַן וועט אונדז נאָך זאָגן...

נעכעמיע איז אונטערגעשפּרונגען אויף אַן אָרט, פּונקט ווי ווענגראָווערס ווערטער וואָלטן אים אַ שמיץ געטאָן:

— ביראָבידזשאַן האָט אונדז געזאָגט אַלץ. מער וועט ביראָבידזשאַן שוין גאָרניט זאָגן...

און אָנשפּאַרנדיק זיך אין שטאַם פונעםביימל, וואָס ווענגראָווער האָט עס געפרווט צעשאָקלען, האָט ער מיט האַרבקײַט אין קאָל אַ פרעג געטאָן:

— די פראַגע איז, צי מיר וועלן שוין אַמאָל עפּעס זאָגן ביראָבידזשאַן.

ווענגראָווער האָט זיך פאַרכידעשט:

— נעכעמיע, דו מיינסט טאַקע אָפּאַנעמעסן, אַז מיר האָבן נאָך ביראָבידזשאַן ניט געזאָגט גאָרניט?

— דאָס איז ניט גרינג צו וויסן...

— אויב אַזוי, ווייסטו עפּשער, וואָס מיר דאַרפן נאָך זאָגן ביראָבידזשאַן?

— אָט ביסטו געקומען, וועסטו אונדז אונטערזאָגן...

אַנדריי האָט אַ ווונק געטאָן צו יודאַלעפן:

— אַ פײַנער קאַבאַלעס־פּאָנעם, האַ?

יודאַלעף, וועלכער האָט געטראָגן אויף איין אַקסל נאַטאַשען, האָט מיט איר פיסל אַ שטיפערישן קלאַפּ געטאָן נעכעמיען אין ברוסט און אַרויסגערעדט מיט אַ געמאַכט קעלעכל:

— דיעדושקאַ, פיר אונדז אָפּ פריִער אַהיים, און דערנאָך עס אונדז אויף...

— עס אונדז אויף, האַם־האַם! — האָט זיך צעשריגן נאַטאַשקע. — מאַמע! ווער איז מײַן דיעדושקאַ? דיאַדיע מאַרק, צי אָט דער סטאַריטשאָק?

ס'איז געוואָרן פרייַלעך און ראַשיק. נעכעמיע האָט איבערגענומען נאַטאַשען צו זיך אויף די הענט און, אַרויספינטלענדיק פון די קראַנקע אויגן אַ טרער און נאָך אַ טרער, וואָס דאָס האָט ניט באַטײַט, אַז ער וויינט, נאָר אַז די אויגן זײַנען בײַ אים קראַנקע, האָט ער זיך צערעדט מיט אַ ניגן:

— דער סטאַ־רי־טשאָק איז עס טאַקע דײַן דיע־דוש־קאַ־אַ... קיטס־קיץ־קיץ...

דאָס קיצלען איז נאַטאַשען שטאַרק געפעלן געוואָרן, און זי האָט מיט ביידע הענט אַרומגעכאַפּט נעכעמיען אַרום האַלדז. קאַטיע האָט איר געהייסן אָפּלאָזן אַ ביסל, ווײַל זי קאָן נאָך דעם זיידן דערשטיקן. צוביסלעך איז די שיר ניט אויסגעבראָכענע קריגערײַ צווישן ווענגראָווערן און נעכעמיען פאַרגעסן געוואָרן, און יודאַלעף, איבערנעמענדיק צוריק צו זיך נאַטאַשען, האָט אָוועקגעשפּאַנט, עטוואָס פאָרויס פון די איבעריקע, איבער

דער גאַס, אַהין, ווו זי פּאַרקערעוועט צום פּאַרק און ווײַטער — צו דעם הויף באַ דער בירע.

דער הויף האָט אויסגעזען אַזוי, ווי אַנדריי און װענגראָווער האָבן אים פאַרגעדענקט, מער ניט — פון די הײַזער איז אַראָפּ די נײַקײַט. מיט נע־כעמיע טשאַרניצערס שטוב איז געשען דאָס זעלבע, וואָס מיט אַ מענטשן, אין וועמענס לעבן ס׳האָט געטראָפן אַן אומדערוואַרטער איבערבראָך צום שלעכטן: עס זײַנען באַ אים אײַנגעפאַלן די אַקסלען, דער גלאַנץ אין די אויגן איז צוגעלאָשן געוואָרן און די האָר אַפן קאָפּ זײַנען געוואָרן ענלעך אַף די פעדערן באַ אַ קראַנקער טויב... באַזונדערס האָט דער פאַרענדער־טער אויסזען פון דער שטוב זיך געוואָרפן אין די אויגן אַנדרייען. אָט ערשט ניט לאַנג, דאַכט זיך, איז ער אַרויס פונדאַנען. ער האָט געהאַט אַ געפיל, ווי גלײַך ער וואָלט זיך אופגעהויבן פונעם פרישן, שמעקעוודיקן גראָז, און וועלנדיק זיך צוריק אַוועקלייגן, האָט ער מיטאַמאָל דערזען, אַז דאָס גראָז איז פון עפּעס פאַרוועלקט געוואָרן. פון וואָס? פון וואָס האָבן אופגעהערט שמעקן מיט לעבעדיקע זאַפטן די בערווענעס אין די ווענט פון נעכעמיעס שטוב? פון דעם, וואָס די שטוב שטייט שוין דאָ, אַפן בערגל לעם דער בירע, אַ סאַך יאָרן? ניין, ניט נאָר פון דעם, אַף אָט דער שטוב און אַף נעכעמיע טשאַרניצערן וואָלט די צײַט אַזוי גיך קיין שליטע ניט געהאַט, ווען עס זאָל ניט געווען אַוועקגיין פון זיי עסטער־ראָ־כעלע...

פונקט ווי פילנדיק, אַז וועגן דעם קאָן איצט אַלעמען אײַנפאַלן צו טראַכטן, האָט נעכעמיע זיך אָנגערופן, גייענדיק מיט זײַנע געסט איבער דער סטעזשקע אין הויף:

— און באַ אונדז איז די שטוב הײַנט פול מיט קינדער און מיט ווײַ־בער, דאַנקען גאָט... יודאַלעף האָט זיי אונדז אַראָפּגעבראַכט...

— עס וועט פעלן בלויז וואַניע לאָסיעוו, — האָט צוגעגעבן יודאַלעף, — ער באַקומט הײַנט אין כאַבאַראָווסק אַן אָרדען. מײַן אַנטאָנינע האָט פאַר־כאַפּט מיט זיך וואַניעס ווײַב בראָניע. די קינדער אויכעט...

צוקומענדיק שוין צו דער שטוב, האָט יודאַלעף זיך אָנגעבויגן צו אַנד־רייען און אַרײַנגעשושקעט אים אין אויער אַרײַן:

— זאָלסט ניט זוכן סאַלקען. זי וועט זיך אַליין יאַווען. פאַרשטייסט?

— איך פאַרשטיי, ברודער... — האָט טרויעריק געענטפערט אַנדריי. דאָס פּאָנעם זײַנס איז געווען בלאַס. ער האָט געהאַלטן קאַטיען באַ דער האַנט, אַזוי פעסט געהאַלטן, אַז זי האָט זיך אַזש אַ קאָרטשע געטאָן:

— ס׳טוט וויי, אַנדריושע... קוועטש ניט אַזוי.

אַנדריי האָט געפילט, ווי דאָס בלוט רינט אים אָפּ פון אַלע אייוורים. פאַר זײַן לעבן איז אים שוין אויסגעקומען אַרײַנצוגיין אין הײַזער, וואָס האָבן געברענט, און אין אַזעלכע, ווו ער האָט באַדאַרפט אַריבערשפּאַנען איבער ריטשקעס בלוט, אָנשטויסנדיק זיך אַף געשאָכטענע און געהאַנגע־נע. דאָ אָבער, שטייענדיק באַ דער שוועל פון דער שטוב, פונוואַנען ער איז אַרויסגעקומען אַף דער לעבעדיקער וועלט, — שטייענדיק ווידער דאָ נאָך אַזאַ טראַגישן איבערײַס, האָט ער ניט געוווסט אַף זיכער, אין וואָ־סער געשטאַלט עס וועט פאַר אים זיך באַווײַזן דער אומגליק, וועלכער

איז פאר דער פארגאנגענער צײַט פארלאָפן מיט דער שטוב. אויב אורטיילן לויטן אויסזען פונעם טאטן, האָט די מילכאָמע, צילנדיק אין דער מישפּאָכע טשאַרניצערס, געטראָפן, ווי מע זאָגט, „אין עפּעלע“...

די טיר האָט זיך צעעפנט, און אף דער שוועל זײַנען ארויס טאָניע און בראָניע,ביידע באָרוועסע, מיט פארשטעקטע קליידלעך. אויסווישנדיק אין די פארטעכער די נאסע ביז די עלנבויגנס הענט, האָט איינע די אנדערע געשטופּט נעענטער צו די געסט.

נעכעמיע האָט א וואָרטשע געטאָן:

— לאָזט דורכגיין, אינדיטשקעס...

פון שטוב זײַנען מיטאמאָל ארויסגעלאָפן עטלעכע קינדער: צוויי מיידעלעך, דרײַ יינגעלעך, און שפּעטער נאָך איין יינגעלע, דאָס קלענסטע. מע האָט גלײַך געקאָנט זען, אז זיי זײַנען נאָכמילכאָמע־קינדער, דער אונטערשייד צווישן זיי אין יאָרן איז געווען ניט קיין גרויסער. ניט אלע אָבגעקומענע האָבן דאָס קליינוואַרג געוווּסט. די מאמעס האָט אנדריי, און אויך וועגנגראָוער, געקענט נאָך פאר דעם קריג, יודאַלעף און לאָסיעוו האָבן זיי אנומלטן אראָפּגעבראכט פון קאָמסאָמאָלסק, און זיי האָבן אָפּגעלעבט אין בירָאָבידזשאַן עטלעכע טעג.

נאטאשע האָט גענומען זיך נאָכפרעגן בא קאטיען:

— מאמע, דאָס זײַנען מײַנע ברידערלעך און שוועסטערלעך?

— איך ווייס ניט, — האָט געענטפערט קאטיע. — באלד וועלן מיר זיך באקאנען.

יודאַלעף האָט זיך דורכגעשטופּט צו דער טיר און גענומען ארײַנטרײַבן אין שטוב ארײַן די קינדער.

— זע, קאטיושע, — האָט ער אויסגעשריגן, — אָט די דרײַ, פון יענער זײַט שוועל, זײַנען וואניעס, און די דרײַ אף דער זײַט שוועל — מײַנע. צוזאמען מיט די צוויי עלטערע האָב איך פינף שטיק... און אָט דאָס איז מײַן טאָניע, און בראָניע איז וואניעס...

אין שטוב זײַנען די דילן געווען פריש אויסגעוואשן, די בענקלעך זײַנען נאָך געלעגן אף די טישן און דאָס איבעריקע מעבל איז געווען צונויפגערוקט. אין איין אויגנבליק האָבן אלע זיך גענומען פאר דער ארבעט. מע האָט די זאכן צעשטעלט אף אָן אָרט, די קינדער האָט מען אוועקגעפירט אין קליינעם צימערל, און אין גרויסן האָבן די דרײַ פרויען גענומען גרייטן צום טיש. מע האָט ניט באוויזן אויסשפּרייטן דעם טישטעך, ווי עס איז ארײַנגעלאָפן נאטאשע און גענומען שלעפן צום פענצטער אָנדרייען:

— פּאפּא, נאָך איין ברודערל... אין הויף... רוף אים ארײַן!

אנדריי האָט א קוק געטאָן אין פענצטער און שנעל פארמאכט די אויגן. ס'האָט זיך אים פארדרייט דער קאָפּ, און ער האָט זיך צוגעשפּארט צו דער וואנט. יודאַלעף האָט אים אונטערגעכאַפּט אונטער די אָרעמס און אוועקגעזעצט צום טיש. קאטיע האָט זיך אויך א וואָרף געטאָן צום פענצטער און אָנגעהויבן ציטערן מיטן גאנצן לײַב. בראָניע און טאָניע האָבן אוועקגעפירט פאר די הענטלעך נאטאשען צוריק אין קליינעם צימערל און זיך

פאַרנומען דאָרט מיטן קליינוואַרג. נעכעמיע איז אַרויסגעלאָפן אין הויף. בלויז איין וועגנראָוועך איז פאַרבליבן זיצן אַזוי ווי ער איז געזעסן, אויפן דיוואַן, ניט רירנדיק מיט אַן אייווער, איינגאַנצן פאַרגליווערט. אַנטקעגן אים איז אויף דער וואַנט געהאַנגען עסטער־ראָכעלעס פאַרגרעסערטע פאָ־טאָגראַפיע, און ס׳קאָן זײַן, אַז דאָס איז געווען די סיבה, פאַרוואָס אין אָט דער מינוט האָט דער גאַנצער וועזן זײַנער זיך אײַנווייניק פונקט ווי אַרומ־געוויקלט מיט פיבערנדיקע נערוון, און דאָס אַלץ, וואָס בײַ אַנדערע מענטשן איז געטאָן געוואָרן מיט די מוסקולן אויפן פּנים, מיט די אויגן און מיט די הענט, איז בײַ אים געווען פאַרבאָרגן הינטער דער הויט, ווי די אַרבעט פונעם האַרצן, פון די לונגען, פון דעם בלוט. פאַרשטייט זיך, אַז פילנדיק אויף זיך דעם קישעף פון עסטער־ראָכעלעס פּאָרטרעט, זיצנדיק בײַ איר אין שטוב, אויף איר דיוואַן, איז ער געווען היפּש אָפּגעווײַטערט פון דעם אַלץ, וואָס עס קומט געוויינלעך פאָר, ווען אייגענע מענטשן באַגע־גענען זיך נאָך אַ לענגערער און ווייטעקלעכער צעשיידונג. נאָר איינצײַ־טיק מיט דעם איז אים פון דעם דאָזיקן אָרט געווען לײַכטער צו אויפכאַפּן און פאַרבינדן מיט איין קנופּ אַלע איצטיקע איבערלעבונגען בײַ די טשאָר־ניצערס, און זיי, די איבערלעבונגען, האָבן אים געקאָסט, קאָן זײַן, מערער געזונט, איידער יעדן איינעם פון די לײַדנדיקע. ער האָט, ניט אויפהייבנדיק זיך פון אָרט, גלײַך זיך אָנגעשטויסן, אַז אין הויף האָט זיך באַוויזן סאַל־קע, פון וועמענס אויסזען עס איז געפאַלן כאַלאָשעס אַנדריי, אָט דאָס שרעקלאָזע טײַגע־יינגל, וואָס איז איצט אָן שום ספק שוין אויסגעיידלט אין דער נאָכמילכאָמע־שטילקײַט.

ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, זײַנען צו וועגנראָ־ווערן דערגאַנגען יודאַלעפס אָפּגעהאַקטע ווערטער:

— נו, ברודער... ברודערל... נעם אָן די שוועסטער אַזאַ, ווי זי איז... שטאַרק זיך, אַנדריושע...

יאָ, עסטער־ראָכעלעס פּאָרטרעט אויף דער קעגנּיבערדיקער וואַנט איז פאַר וועגנראָווערן געווען דאָס פענצטערל, דורך וועלכן ער האָט עטוואָס פריִער, איידער די איבעריקע געסט, געזען סאַלקען סײַ דאַן, ווען זי האָט זיך באַוויזן אין הויף, סײַ איצט, בײַס עס הערן זיך שוין שווערע טריט אין קאָרידאָרל.

אין צימער איז אַרײַן נעכעמיע מיט סאַלקען אויף די הענט. די הענט בײַ נעכעמיען זײַנען געווען האַלב אויסגעצויגן פאָרויס פאַרן קערפּער, ווי דאַן, ווען מע רופט צו זיך אַ קינד, און סאַלקע איז אויף זיי פרײַ געלעגן, אַרונטערגענומען אונטער זיך די קני, מיטן פּנים צום טאַטנס ברוסט. אַנדריי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ בלאַסער און אויסערלעך אַ באַרויִקטער. אַלע איבעריקע אין צימער זײַנען פאַרבליבן אויף זייערע ערטער. נעכעמיע האָט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ נעענטער צו סאַלקען, געזאָגט מיט אַ מונטער קאָל:

— וואָס האָסטו געדאַרפט זיך באַהאַלטן אין שטעלעכל, נאַרישע? דײַנע ברידער זײַנען דאָס, זע...

סאַלקע האָט זיך אַראָפּגעגליטשט אויפן דיל און, ניט קוקנדיק אין קיי־נעמס זײַט, גלײַך ווי דער צימער וואָלט געווען פּוסט, זיך אַ שאַר געטאָן

צום קליידער־שראַנק, אַרויסגענומען פֿונעם אונטערשטן שופֿלאָד עטלעכע פֿאַרביקע שמאַטקעלעך און, פֿאַנאַנדערוויקלענדיק זיי, אַרויס־געריעדט:

— עסטער־ראָכעלע, די פּוליע וועט נאָר אַ פּיק טאָן...

ווענגראָוועו איז געזעסן אַרײַנגערוקט אין די קישעלעך פֿונעם דיוואַן. קאַטיע האָט ביידע הענט געהאַלטן צוגעדריקט צו די שלייפֿן, שעפּטשענ־דיק: „גאָספּאָדי... גאָט מײַנער...". פֿאַרגליווערט איז געשטאַנען אַנדריי, אײַנזויגנדיק זיך מיט די אָפּגעשטעלטע אויגן אין סאַלקען. ער האָט געזען איר פּאָנעם, אַ צעקנייטשטס, ווי אַ געבאַקטער עפּל. אין מויל, פֿון פֿאָרנט, אונטער דעם לינקן אויג, איז איר פֿאַרבליבן איין־אייציקער צאָן, וואָס האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון די אײַנגעפֿאַלענע ליפּן, און דאָס האָט זי נאָך מער פֿאַרענדערט, אַזוי, אַז ס׳איז געווען גאָר אַן אַנדער פּאָנעם, ניט סאַל־קעס. די האָר אויפֿן קאָפּ זײַנען בײַ איר געווען נידעריק אָפּגעשוירן, מיט טרעפּ. מע וואָלט איר געקאָנט געבן זעכציק, אַפֿילע זיבעציק יאָר, ווען ניט די פֿיגור, אַן אײַנגעטריקנטע ביז די סאַמע ביינער, אַ פֿיגור פֿון אַ ייִנגעלע, טאַקע ווי עס האָט זיך פֿונוויטנס אויסגעדוכט נאַטאַשקען. אָנגע־טאָן איז זי געווען אין אַנדרייס אַלטע בגאָדימלעך — אין די שעוויאָטענע, איצט שוין שטאַרק אויסגעריבענע אַפֿן געזעסל הייזעלעך, וועלכע ער האָט געטראָגן אין זעקסטן צי אין זיבעטן קלאַס, אין זײַנס אַ וואַרעם לײַבל פֿון גרויען וואָל, וואָס זי אַליין האָט אַמאָל אויסגעשטריקט מיט עסטער־ראָכע־לעס הילף, און אין די אונטערגעשניטענע וואַליקעס, מע פֿלעגט זיי רופֿן באָטן, ווײַל אַנדריי האָט (ער געדענקט שוין ניט פֿאַרוואָס) אַראָפּגענומען בײַ זיי שטיקער וואַילעק פֿון די כאַליעוועס. די פֿאַרענדערונג אין איר אויסזען איז געווען אַן אומגלייבלעכע. אָבער אַנדריי — דער לײַבלעכער ברודער — איז דאָך געווען בעקוויעם צו דערקענען אין אָט דעם אומגליק־לעכן געשטאַלט סאַלקען, באַזונדערס ווען זי האָט גענומען צונויפֿלייגן די פֿאַרביקע שמאַטקעלעך, טוענדיק עס אַזוי, ווי אין די יונגע יאָרן. דאַן פֿלעגט זי, אַ שיינע און אײַנגעהאַלטענע אין די באַוועגונגען, אַזוי־אָ זיך צוזעצן צו דעם זעלבן אונטערשטן שופֿלאָד (אויך דעמלט איז דער קליי־דער־שראַנק געשטאַנען אין קאָרידאָרל, אין אים פֿלעגט מען האַלטן די טונקעלע האַלבאָשע) און, איבערנעמענדיק פֿון עסטער־ראָכעלעס הענט די אויסגעפּרעסטע האַנטעכער, נאָזטיכלעך, טישטעכלעך, צונויפֿלייגן זיי אין שופֿלאָד.

ווען סאַלקע האָט גענומען זיך אַרויסשאַרן פֿונעם צימער, האָט מען זי ניט אָפּגעשטעלט, און זי האָט לעבן קיינעם זיך ניט פֿאַרהאַלטן. אָפּגעגאַנ־גען אַ פּאָר טריט צו דער טיר, האָט זי אַוועקגעלייגט די שמאַטקעלעך אויפֿן דיל און מיט גרויס ערנסט זיך אַ דריי געטאָן אויף איין אָרט, דערנאָך צו־נויפֿגעשלאָסן ביידע הענט אויפֿן בויך און אויסגעזונגען מיט אַ דין קינדערש קעלעכל:

קאַלעשי, קאַלעשי, וויין ניט אַזוי,
דער כאָסן וועט דיר שיקן אַ טעלערל כריין,
וועסט זיך באַסמאַרקען ביזקל די ציין...

נעכעמיע האָט אַ כליפּענדיקן לאַך געטאָן:

— גיי, קינד מײַנס, גיי... שפּיל זיך אַ ביסל...

אונטערגעקליבן צוריק די שמאַטקעלעך פֿון דיל, איז סאַלקע אַרויסגע־גאַן פֿון צימער.

— זי געדענקט אַלע לידעלעך און די שפּילערײַען, וואָס אַמאָל אין דעם שטעטל... — האָט נעכעמיע איבערגעריסן די הענגענדיקע שטילקייט. — מיט דעם לעבט זי... מיר פּאַר איר קאָפּ.

דורכן פֿענצטער האָט זיך געזען, ווי סאַלקע איז אַרופֿגעקראָכן אויף אַ קלאָץ לעבן שטוב און זיך געזעצט רײַטנדיק. זי האָט געדריגעט מיט די פֿיס, ווי מע קיצלט אַ רײַטפֿערד באַם בויך, געפּאַטשט מיט די הענט איבער דער קלאָץ און געשריגן „וויאָ!״, הוידענדיק זיך צום טאַקט פֿון דעם פֿערד. די קינדער אינעם קליינעם צימערל האָבן עס דערזען, און זיי זײַנען מיט אַ פֿריילעכן געפּילדער אַרויס אין הויף, האַלטנדיק זיך פֿריִער אַרום בראָ־ניען און טאָניען און דערנאָך שוין אַרײַנצײַענדיק זיך אויך צוביסלעך אין דער שפּיל.

יודאַלעף האָט צעפּראַלט דאָס פֿענצטער:

— ווײַבלעך! קומט שוין אַרײַן! איר האָט אונדז אײַנגאַנצן פֿאַרמאַרעט...

ס'איז געווען היפּש נאָך האַלבן טאָג. די זון איז געשטאַנען אַ ביסל העכער פֿונעם פֿענצטער. פֿון דער בירע האָט אַ בלאָז געטאָן אַ ווינטל. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיקער און פֿרישער.

3

ווענגראָווער, אַנדריי און קאַטיע האָבן ביסלעכווײַז באַפֿרײַט זיך פֿון דער דערשיטערטקייט. אַרום טיש אין נעכעמיעס שטוב האָט יעדער איינער געהאַט וועגן וואָס צו טראַכטן און אין וואָס זיך צו דערמאָנען. אַפֿילו קאַ־טיע, וועלכע איז אין דער מישפּאָכע אַן ערשט ניט לאַנג צוגעקומענע, האָט איצט דערפֿילט קימאַט פֿיזיש איר פֿערזענלעכע שײַכעס צו די אומגליקן. זי האָט זיך געסטאַרעט אויפֿצושטעלן אין זיקאָרן דאָס, וואָס אַנדריי פֿלעגט איר דערציילן וועגן דעם טויט פֿון זײַן מאַמען און וועגן די יעסורים און לײַדן, וועלכע ס'האָט געצומען אויף זיך סאַלקע. אַנדריי איז טאָמיד באַשטאַ־נען אויף דעם, אַז קיינער, אייגנטלעך, ווייסט ניט אויף זיכער, וואָס עס איז פֿאַרלאָפֿן מיט עסטער־ראַכעלען און מיט איר טאָכטער. קיין לעבנגעבלי־בענע איידעס פֿון דער שכיטע איבער די ליובאַרער ייִדן זײַנען ניטאָ, און וואָס שײַעך סאַלקען, האָט זי פֿאַר די צען יאָר, זינט פֿאַלעק האָט זי אָפּ־געזוכט צווישן די אַסירים פֿון בירקענאַו און צוריקגעבראַכט זי אַהיים, קיין איין באַדאַכט וואָרט ניט אַויסגערעדט. די ווערסיִע, אַז עסטער־ראַ־כעלע איז אין ליובאַר דערשאָסן געוואָרן, האָט געשטאַמט פֿונעם פֿאַרטיי־זאַנישן וואַלד, וווּ מע האָט געוווּסט דאָס אַלגעמיינע בילד פֿון דער ליובאַ־רער טראַגעדיע, פּונקט ווי פֿון ענלעכע אין אַלע אַנדערע אַרומיקע ייִדישע שטעטלעך, און עסטער־ראַכעלע טשאַרניצערס נאָמען איז דאָרט אויפֿגע־

שוומען באזונדער בלויז דערפאר, ווײַל אין אָטריאַד האָט זיך געפונען איר יינגל אנדריי. אויך ווען ליובאר איז באפרײַט געוואָרן, האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערוויסן זיך גאָר ווייניק, ווײַל די עטלעכע זײַטיקע איידעס, וועלכע האָבן געהאט עפּעס־וואָס צו דערציילן, האָבן די געשעענישן אין טאָג פון דער צעשיסונג געשילדערט אזוי, ווי מע האָט זיי געקאָנט זען דורך א שפּעלטל אינעם פארהאנגענעם פענצטער פון דער שטוב, אָדער פון א באהעלטעניש, נאָענט צום לעצטן וועג פון די יידן.

אין א ווייכן יאַנוואר־טאָג, אין פיר־און־פערציקסטן, נאָך דעם, ווי מע האָט אָפּגעפּירט אין הינטערלאנד דעם שווער פאַרוואונדעטן קאָמיסאר וועגראַוועער און וואסיליעווס טיילן האָבן זיך פון די הויכקײַטן פון נײַ־ליובאר א וואָרף געטאָן אין דער נידער, איבערן סלוטש, און אײַנגענומען דאָס פאַרברענטע אלט־ליובאר, — האָבן יודאלעף, פאלעק און אנדריי זיך ארייַבערגעקליבן איבער די סטאַרטשענדיקע פונעם טײַך קלעצער און ברעטער פון די צוויי אופגעריסענע בריקן, וואָס צווישן דער גרויסער און קליינער ליובארער מילן, און, האַלטנדיק גרייט די אווטאָמאטן צום שיסן, אוועקגעלאָזט זיך אויסצוזוכן צווישן די טליענדיקע רויִנען א לעבעדיק באשעפעניש.

אף דער ברוקירטער גאס, וועלכע מע האָט אמאָל אין שטעטל גערופן דער שליאך, עטוואָס ווײַטער פונעם ראָג, פונוואַנען א קליין געסעלע פלעגט פירן צו דער שטעטלדיקער קינדער־שול, איז אלפי־נעס פארבליבן ניט פאַרברענט א שטיבל, און דאָרט האָט זיך אָפּגעפונען אן אלטע פויערטע, אינגאנצן א פארהלושעטע פון דער ארטילערישער שיסערײַ. אויסהערנדיק, ווער די סאָלדאטיש געקליידטע דרײַ ברידער זײַנען און וואָס זיי ווילן, האָט די אלטע פויערטע אָנגעהויבן הויך אף א קאָל צו קלאָגן.

— מאמע, ענטפער אונדז! — האָט אויסגעשריגן פאלעק.

די אלטע האָט זיך איבערגעציילעמט און זיך פארנייגט ביז צו דער ערד, דערנאָך האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט אין דער וואַנט, לעבן וועלכער זי איז געשטאנען, און גענומען זיך אײַנהערן, פונוואַנען עס דערטראָגט זיך די שיסערײַ. ס׳זײַנען דורכגעגאנגען נאָך עטלעכע מינוט, און זי האָט נאָך אלץ גאָרנישט ניט געזאָגט.

— מאמע, ווו זײַנען די יידן פונעם שטעטל? מאמע, ענטפער! — האָט פאלעק זי געטרייסלט בא די אקסלען.

— גיי, סינאָק, אהין! גיי! — האָט די פויערטע אָנגעוויזן מיט דער האנט אין דער ריכטונג פון דער שיסערײַ. — אויב דו האָסט געהאט אין ליובאר א מאמע, ליגט זי דאָרט...

— ווו דאָרט?

— אפן פישטשאן, סינאָק... אין פעלד הינטערן קוסטארניק... דאָרט ליגן אלע יידישקעס מיט זייערע קינדער... אין דרײַ גריבער ליגן זיי...

זי האָט נאָכאמאָל א ווײַז געטאָן מיט דער האנט:

— אונדזערע זײַנען שוין ארויס אין פעלד! גייט, סינאָטשקעס, גייט אהין גיכער און שלאָגט זיך, טרײַבט די דײַטשן פונעם פישטשאן! זיי זאָלן ניט טאָפּטשען מיט די שטיוול די גריבער!

זי האָט אַראָפּגעצויגן פונעם קאָפּ די פּאַטשיילע און גענומען זיך רײַסן די האָר:

— גייט!.. לאָזט ניט טאָפּטשען!.. טרײַבט זיי פון די גריבער!

יודאלעף, פּאלעק און אנדריי זײַנען אוועק צו דער ראַנד־גאַס, ווו עטלעכע טאַנקען T-34 מיט פּעכאָטע האָבן זיך געגרייט אַטאַקירן די דײַטשן. פּאלעק האָט אפּגיך זיך דורכגעשמועסט מיט דעם לייטענאַנט פון דער פּעכאָטע־טייל. יענער האָט צוערשט זיך געגומען זידלען און אפילו דראָען מיטן פּיסטאָלעט, נאָר מיטאַמאָל איז ער ווייך געוואָרן:

— נו, קאַראַבקע זיך אַרויף, קאַפּיטאַן, מיט דײַנע ברידער. בייזער זיך ניט אף מיר... מע קאָן מיך פאַר דעם אָפּגעבן צום טריבונאַל, דו ווייסט עס אליין...

ווען דער שווערער טאַנק איז אַרויסגעשפּרונגען צו דער באַזוימטער מיט קוסטעס לאָנקע, אף לינקס פונעם וועג, האָט דער לייטענאַנט אויסגעשריגן:

— דאָ דאַרף עס זײַן! שפּרינגט!

די דרײַ ברידער האָבן זיך אַראָפּגעוואָרפן פונעם רעווענדיקן טאַנק אין שנײַ אַרײַן און גלײַך גענומען שיסן. עטלעכע דײַטשן זײַנען אַרײַן אין די קוסטעס און פאַרשווונדן געוואָרן, איינער איז געבליבן ליגן, צוקוועטשנדיק מיטן גוף צו דער ערד אַ נידעריקביימל. לויפנדיק צווישן די הויך אָנגעשאָטענע, פאַרפּאַראַשעטע מיט שניי בערגלעך, האָט אנדריי געציילט: „איינס... צוויי... דריי...“

— דרײַ בערגלעך! — האָט ער אויסגעשריגן צו די ברידער, וועלכע האָבן דורכגעשטעפּט מיט פײַער די קוסטעס.

די שיסערײַ אפן פּישטשאַן האָט זיך גענומען דערווײַטערן. ס'האָבן זיך דורכגעטראָגן נאָך עטלעכע טאַנקען. ווען ניט דער פאַרשפּעטיקטער דײַטשישער סאָלדאַט, וואָס האָט אין פאַרצווייפלונג זיך אַ לאָז געטאָן אַנצויאָגן די אָפּטרעטנדיקע און מיט דעם ווי אומגעקערט די מילכאָמע צוריק צו די הויך־פאַרשאָטענע גריבער, ווען ניט אָט דער שלימאַזלדיקער דײַטש, וואָלטן די טשאַרניצערס שוין געבליבן זיצן צווישן די בערגלעך, פּונקט ווי זייער ביז איצטיק גיין איבער די פראָנט־וועגן וואָלט געהאַט, אכוץ דעם מיין, וועלכן עס האָט אַלץ אף אַ מילכאָמע, אויך אַ ספּעציעלן מיין — זיך צונויפקומען אפן ליובארער פּישטשאַן, אף קייווער־אָוועס צו דער מאַמען.

ווען דער דײַטשישער סאָלדאַט האָט דערזען פאַר זיך דרײַ רוסישע אווטאָמאַטשיקעס, איז ער אַ פאַל געטאָן מיטן פּאָנעם אין רײנעם שניי, און קעדיי די רוסן זאָלן ניט מיינען, אז ער זוכט אָן אָרט אין דער נידער אף צו אויסבאַהאַלטן זיך פון זיי, האָט ער גענומען אַרופּויזן אף איינעם פון די נאָענטע בערגלעך, און דערבײַ האָט ער זיך קינדעריש צעכליפּעט. ער האָט ניט געוווּסט, אז גראָד דער ווילן ווי ווײַט מעגלעך צופרידנשטעלן די זיגער וועט אים באַלד אומברענגען. אַרופגעקראָכן אפן בערגל, האָט ער אָפּגערוקט פון זיך דעם אווטאָמאַט און געבליבן ליגן, אויסציִענדיק איבערן קאָפּ די אָנגעבראַקנעטע רויטע הענט אזוי, עס זאָל זיך באַקומען, אז אויך ליגנדיק האַלט ער הענדע האָך.

ווי א דערצאָרנטער בער האָט זיך אפּן דײַטש א וואָרף געטאָן יודא־לעף, מיִעגדיק זיך מיט אלע קויכעס אים אראָפּצושלײַדערן פונעם בערגל. דער פּאכעד האָט אָבער צוגעגעבן דעם דײַטש קויכעס, ער האָט זיך אָנגע־כאפּט פארן סטויפּיקל, וואָס עמעצער האָט ארײַנגעגראָבן ווי א צייכן אף דעם נאָמענלאָזן קייווער.

יודאלעפס געשריי האָט זיך געטראָגן איבערן גאנצן פעלד:

— אראָפּ! הונט!

דערהערנדיק די יִדישע ווערטער, האָט דער דײַטש אויסגעקרעכצט:

— אָ, יודע...

איצט האָט ער נאָך שטארקער זיך אײַנגעקלאמערט אינעם בערגל. אנדריי איז צוגעגאנגען נעענטער און געזאָגט מיט א בארויִקטער שטים:

— יודאלעף, טרעט אָפּ אף א ווײַלע.

זעענדיק, אז יודאלעף פארשטייט ניט, וואָס ער וויל פון אים, איז ער צוגעגאנגען פון דער צווייטער זײַט און אויסגעשאָסן אין דעם דײַטש. יודאלעף, אן אָפּגעשוואכטער, האָט זיך צוגעזעצט אין שניי. פּאלעק, וועל־כער האָט פונדערווײַטנס נאָכגעשפּירט, וואָס עס טוען זײַנע ברידער, האָט אָנגענומען דעם קערפּער פונעם דײַטש פאר די פיס און אראָפּגעשלעפּט אים פונעם בערגל...

דערציילנדיק וועגן דעם קאטיען, פלעגט אנדריי פילן, ווי די הענט אירע, וועלכע זי האָט געהאט א טעווע צו האלטן בייסן ריידן אין זײַנע הענט, ווערן קאלט, און זיי ציטערן. קאטיע האָט געהאט א ווייך הארץ, און זי האָט שטארק געזשאלעוועט אלעמען, אויך דעם דערשאָסענעם דײַטש, וואָס עפּשער איז ער גאָר קיין שלעכטער מענטש ניט געווען.

— אנדריי,— האָט זי געזאָגט שטיל־שטיל, פּונקט ווי זי וואָלט געבעטן מעכילע פאר א מענטשן.— אנדריי, דער דײַטשישער סאָלדאט האָט שוין געהאט אוועקגעלייגט דאָס געווער... נאָך דעם אים הארגענען, קעדיי ס'זאָל גרינגער זײַן אים אראָפּשלעפּן פונעם בערגל...

— יאָ, טײַערע, ביסט גערעכט,— האָט געענטפערט אנדריי.— אז מע טראכט זיך ארײַן, איז עס בעפּיירעש אזוי... אָבער אונטער די בערגלעך... צוויי טויזנט מאמעס, קינדערלעך...

קאטיעס ליפּן האָבן געפליסטערט:

— יאָ, טײַערע, יאָ...

זי האָט זיך אָנגעפרעגט בא אנדרייען:

— אויב איר האָט די גריבער געזען מיט די אייגענע אויגן, פארוואָס זשע זאָגסטו, אז מע ווייסט ניט אף זיכער, וואָס עס איז מיט דער מאמען פארלאָפן?

אין דעם, אז עסטער־ראָכעלען האָט מען דערשאָסן, האָט קיינער ניט געצווייפלט. ניט געוווּסט האָט מען אן אנדער זאך — ווו איר געביין ליגט. און אָט פארוואָס:

אין ליובאר האָבן די דײַטשן אומגעבראכט די מאנצבלען באזונדער פון די פרויען און קינדער, מיט א וואָך פריִער און אין אן אנדער אָרט. ווען מע האָט די מאנצבלען געטריבן דורך נײַ־ליובאר, פארבײַ דעם הויכן ברעג

פונעם סלוטש, האָט זיך אַרויסגעשלײַכט פון דעם סאוועך אַ פרוי און, צושטייענדיק אומבאַמערקט פאַר די וועכטער צו דער קאָלאָנע, האָט זי גענומען נישטערן אין די רייען, אויסבאַהאַלטנדיק זיך הינטער די מאַנצבלשע פּלייצעס. די קאָלאָנע איז פונקט אַרויס צו דעם אָרט באַם אַרויסגאַנג פון ניי־ליובאַר, וואָס רופט זיך יוראָווקע און ווו עס שטייט אַן אַלטע ווינטמיל. טאַקע ניט ווײַט פון דאָרט זײַנען געווען פאַרגרייט גריבער. די אָרטיקע פּויערים, וועלכע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער ווינטמיל, האָבן שפּעטער דערציילט, אַז די פרוי איז געקומען פונעם ניט באַוואַכטן לאַגער אין דער אַלטער שטאָט. זי האָט אַרײַנגעקוקט אין דער באַהעלטעניש. ווען מע האָט זי געפרעגט, וואָס זי וויל, האָט זי געענטפערט, אַז זי זוכט איר זונעלע. ער איז אײנײנעם מיט אַנדערע קינדער אַריבערגעקראָכן באַנאַכט אַף יענער זײַט פלויט, קעדיי אויסבעטן אין די דערבײַיקע דערפער עפּעס צום עסן און ברענגען עס גאַנצפרי אין לאַגער, נאָר צוריק האָט ער זיך ניט אומגעקערט. די טאָכטער אירע האָבן אין די ערשטע וואָכן פון דער אָקופּאַציע צוגענומען די געסטאַפּאָווצעס. איצט האָט זי ניט וואָס צו פאַרלירן. ווען ס'איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז מע גרייט זיך אוועקפירן די מאַנצבלען אַף דער יוראָווקע, האָט זי באַשטימט אָפּוואַרטן די קאָלאָנע, — טאָמער איז איר זונעלע צווישן די מאַנצבלען...

אויסגעהערט די דאָזיקע געשיכטע, האָט קאַטיע אָנגעשטעלט אַף אַנדרייען אירע גרויסע, אויסגעקײַלעכיקטע אויגן:

— און דאָס זאָל באַטײַטן, אַז די מאַמע איז, מעגלעך, דערשאָסן געוואָרן צוזאַמען מיט די מאַנצבלען... יאָ, אַנדריי?

— טײַערע, יאָ...

— און אַז ניט אַפן פּישטשאַן ליגט איר געביין, נאָר באַ דער ווינטמיל...

— די רעטעניש איז פאַרבליבן אַ רעטעניש. בייס דער ליובאַרער אָפּעראַציע האָבן די אומשטענדן ניט דערלויבט, מיר זאָלן צוגיין אַפן הויכן ברעג פונעם סלוטש. דער אָנגריף איז פאַרגעזעצט געוואָרן, און מיר האָבן געמוזט פאַרלאָזן ליובאַר און זיך צעשיידן: יודאַלעף איז אַוועק צוריק אין זײַן טייל, פּאַלעקן האָט אָפּגערופן די רעדאַקציע, און איך בין נאָך דער שלאַכט אַפן פּישטשאַן אַריבערגעגאַנגען אין וואַלד, ווו מײַן אָטריאַד האָט זיך געגרייט צו אַ נײַער דיסלאָקאַציע... פּאַלעק — ער איז דער איינציקער, וואָס האָט בייסן אָנגריף אַפן שטעטל זיך אָפּגעשטעלט אַף דער יוראָווקע, אָבער דאָס איז געווען עטוואָס פריִער, פאַרן אײַנעמען ליובאַר, און פּאַלעק האָט דאַן פּאַשעט ניט געוווּסט, אַז דאָרט, פונוואַנען ער קוקט צו דעם שטעטל, דאָרט האָט מען דערשאָסן, קאָן זײַן, די מאַמע...

— דו גלייבסט אין דעם... דאָס זונעלע פון דער אומגליקלעכער פרוי דאָס ביסטו...

— באַנאַכט בין איך אַריבערגעקראָכן איבערן פלויט פונעם לאַגער, און ווען כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער פּויערשער שטוב, האָט מיר געעפנט אַ באַוואָפנטער מענטש. אין שטוב זײַנען געזעסן פּאַרטיזאַנער... שפּעטער האָב איך געפּרוּווט זיך אומקערן אין לאַגער, קעדיי אַרויסראַטעווען אויך די מאַמע, נאָר דער פלויט און דער הויף זײַנען שוין געווען גוט

באוואכט. אזויארום בין איך פארבליבן אין אָטריאַד, סאַלקע — אין געסטאַפּאָ און די מאַמע... די מאַמע איז אָדער אוועק אַף דער יוראָווקע, אָדער אַפּן פּישטשאַן...

— גאָט מײַנער... — האָט געשעפּטשעט קאַטיע. — גאָספּאָדי...

אויך הײַנט, אין דער שטוב בא איר שווער נעכעמיע טשאַרניצער, האָט קאַטיע, האַלטנדיק צוגעדריקט בײדע הענט צו די שלײפן, געשעפּטשעט „גאָספּאָדי... גאָט מײַנער...״ — סײַ פון דערשטוינטקײַט, ווען נאַטאַשקע האָט זיך טויע געוווען אין סאַלקען, מײנענדיק, אַז דאָס איז אירס אַ ברודערל, און ווען אַנדריי איז פון סאַלקעס אויסזען געפאַלן כאַלאָשעס, סײַ איצט־אָ, פון גרויס כידעש, וואָס די מענטשן ארום טיש האָבן זיך אָנגעטאָן אזא גרויסן קויעך און, מאַכנדיק אָן אָנשטעל, אַז זיי האָבן פאַרגעסן וועגן דעם, וואָס אָקאָרשט איז געשען, זיך געצווונגען צו ריידן וועגן עפּעס אַנדערס.

נעכעמיען האָט געצויגן פאַרצווזעצן דעם שמועס, וועלכן ער האָט פאַרפירט מיט ווענגראָווערן אינעם סקווערל אַפּן ראָג פון דער וואָקזאַל־גאַס:

— מאַרק! מײן ניט, אַז איך וויל זיך מיט דיר קריגן. נאָר רעדן אָפּענע רייד וויל איך! אָט ביסטו... ניין, ניט מיט דעם אייגענעם ווילן... פון בירָאָבידזשאַן ביסטו אוועק. און איך לעב שוין דאָ, מיט מײַן אייגענעם ווילן, אַ קײַמעלאָן פון... פון...

— אַ סאַך יאָרן לעבסטו שוין דאָ, נעכעמיע. נו, איז וואָס?

— וואָס הייסט, נו איז וואָס? אַ פערד־הענדלער בין איך געווען, ווייסט דאָך, אַ סאַך מיט אַ ביסעלע, גאַנצע פיר־פינף יערעלעך! און מע וואַרפט עס מיר אויס אדהײַעם. אין בירָאָבידזשאַן, גאָט צו פאַרדאַנקען, טעסע איך ברעטער און בערוועגעס אין מעשעך פון צוויי מיט אַ האַלבן צענדליק יאָר. הע? עפּעס אַ שוטקעלע?

— ניט קיין שפּאַס. ווײַט ניט קיין שפּאַס.

— וואָס זשע זאָל דאָס באַטײַטן, מאַרק גריגאָריעוויטש?

— עס באַטײַט, אַז בירָאָבידזשאַן פאַרמאָגט אַ שטאַרקן קויעך אין זיך... ניט געקוקט אַף אַלץ, איז עס אַ לעבעדיקער איניען!

— און איך בין ניט צופרידן...

— רעדסט צופיל וועגן זיך, נעכעמיע. טו אַ טראַכט, וואָס פאַר אַ וועג עס האָבן דורכגעמאַכט די מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעבויט די שטאָט.

— אָבער די איבעריקע דריטהאַלבן מיליאָן רוסישע ייִדן האָבן דאָך דאָס זעלבע דורכגעמאַכט ניט אין בירָאָבידזשאַן!

— ווײַל אין רוסלאַנד איז אומעטום סאָוועטסקע וולאַסט...

— אויב אַזוי, צוליב וואָס דאַרף מען נאָך האָבן בירָאָבידזשאַן אויך?

ווענגראָווער האָט אָפּגעמאָסטן נעכעמיען מיט אַ קאַלטן בליק:

— ווילסט ניט, עס זאָל זײַן בירָאָבידזשאַן, דאַרף מען ניט... ניין, שווײַג אַ רעגע. שטעל זיך פאָר, אַז דו ביסט דער קלאַל ייִדן אינעם לאַנד און איך בין דאָס לאַנד. אַזוי שטעל זיך פאָר. איך זאָג דיר: ווילסט האָבן בירָאָבידזשאַן? בירָאָבידזשאַן איז דיר נייטיק? נאָ! נאַ דיר מיט דער פולער

האנט. ביראָבידזשאַן איז פאַרשריבן אין דער קאָנסטיטוציע... באקום ארויס פון דעם נוצן, פונקט ווי עס טוען אנדערע פעלקער. טאָמער אָבער דו דאַרפסט ניט, עס געפעלט דיר צו לעבן אַף אַלע ברייטקייטן, איז לעב, ווער לאָזט דיך ניט? און נאָך מער: דו ווילסט סיי ביראָבידזשאַן, סיי די ברייטקייטן? מאַכעטייסע. טו אַזוי, ווי דו פאַרשטייסט. פון דער קאָנסטיטו־ציע וועט דיין ביראָבידזשאַן ניט אויסגעמעקט ווערן.

ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע אַ פּעקל סיגאַרעטן און, אָפּרוקנ־דיק ראַשיק די טעלער פון זיך, צוגעגעבן:

— אבי דו זאָלסט ניט וואַרטשען און ניט מוטשען ווענגראָווערן...

יודאַלעף האָט זיך צעשמייכלט:

— מיינע צוויי טאַטעס לאַדיען ניט באַם פּלאַנירן דעם יידישן גורל...

— דיינע צוויי טאַטעס, — האָט אונטערגעכאַפּט נעכעמיע, — זיינען גאַנץ פאַרשיידענע מענטשן... איינער האָט זיך גענומען צו באַטראַכטן דעם יידישן גורל, זיצנדיק אין אַ פרעמדער אוקראַאינישער שטאָט...

— פאַרוואָס איז די שטאָט אַ פרעמדע? איך לעב דאָרט אין אלגעמיין אַזויפיל יאָרן, וויפל דו לעבסט אין ביראָבידזשאַן...

— קענסטו דאָך אויך אין ביראָבידזשאַן לעבן...

— אַזוי זאָג טאַקע. איך דערמאָן זיך, וויאַזוי דו האָסט איינגעלייגט וועלטן, אַז יודאַלעף זאָל ניט פאָרן קיין קאָמסאָמאָלסק. נעכעמיע, הער אוף דולן אַ קאָפּ...

ארום טיש האָבן אַלע זיך צוגעהערט צום שמועס. קאַטיע און טאָניע זיינען געזעסן לעם אַנדרייען, פון ביידע זייטן, און ער האָט איבערגעזעצט פאַר זיי די רייד אַף רוסיש. בראָניע האָט פון מאָל צו מאָל זיך אָנגעפרעגט, וואָס עס באַטייט אַ וואָרט. נעענטער צו די צוויי טאַטעס איז געזעסן יודאַלעף. צוערשט האָט ער, דאַכט זיך, געטראַכט ניט אַזוי וועגן עצעם סיכ־סעך, ווי וועגן דעם, אַז סאָפאָקלאָסאָף זיינען זיי ביידע אלציינס אופּריכטיק אין זייער לעבן. אַזעלכע פאַרשיידענע, האָבן זיי דורכגעמאַכט דעם לאַנגן וועג ניט בלויז צוליב זיך. יעדערער באַזונדער איז געווען און איז פאַר־בליבן אַף זיין אָרט. דער טאַטע מאַרק לעבט אַף אַ ברייטערן שטעטך און איז פאַרנומען אין גרעסערע ספערעס, איידער דער טאַטע נעכעמיע. און אָן איינעם פון זיי וואָלט געווען פאַלש דאָס גאַנצע בילד פונעם עלטערן דאָר....

ווען יודאַלעף האָט אָבער גענומען זיך צוהערן צום סיכסעך, זיינען די געדאַנקען בא אים אַוועק ווייטער פון צו פאַרגלייכן די צוויי טאַטעס. דאָס וויכטיקסטע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער, יודאַלעף, דער עלטערער מייסטער אַפן מעטאַלורגישן זאַוואָד אין קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור, און אַוואַדע אויך זיינע צוויי ברידער — דער זשורנאַליסט פאַלעק און דער יינגסטער אַנדריי, וועלכער וועט אינגיכן שוין זיין אַן אינזשעניער, — זיי, די יונגע אין דער מישפּאָכע פון די טשאַרניצערס, וואָלטן גאָר, ווייזט זיך ארויס, קיינמאָל ניט געשטעלט זיך צו פירן אַ וויקועך ארום אָט די פראַגן. פאַר זיי איז די זאַך קלאָר, און ניט דערפאַר, ווייל די מויכעס זייערע זיינען בעסער געשליפן, נאָר ווייל ס'האָט געפעלט אין זייער לעבן יענע פאָרגע־שיכטע, פונוואַנען עס נעמען זיך די פראַגן בא די עלטערע.

אין דער קינדהייט האָט יודאלעף נאָך אריינגעכאפּט א ביסל יידיש וויסן, און אלע מאָל, זיצנדיק בא אזא טיש, האָט ער בא זיך אין זיקאָרן ארויסגערופן דאָס, וואָס ער האָט אמאָל געלייענט און געהערט וועגן דעם גאנג פונעם יידישן פאָלק איבער די צייטן. ווייזט אויס, האָט ער געטראכט, אז עס קומט איצט פאָר, ווי בעשאס די פריערדיקע היסטאָרישע וואנדו־גען, דער לאנגזאמער בייט פונעם לאָשן, פון די באשעפטיקונגען, פונעם אויפן פון צוזאמענלעבן בא דעם יידישן פאָלק. די טאטעס כקירען, ווייל זיי זיינען אליין אריינגעפאלן אינעם אומבייט...

נאָך די לעצטע ווערטער, וואָס וואנגראָווער האָט מיט הארץ א וואָרף געטאָן נעכעמיען, איז געוואָרן שטיל אין צימער. וואנגראָווער האָט אָבער גלייך זיך פארהוסט, און אזוי שטארק, אז בראָניע האָט אים געבראכט א גלאָז וואסער. בעשאס אָט דעם איבערייס אינעם שמועס צווישן די צוויי טאטעס האָט יודאלעף געפרעגט נעכעמיען:

— מיט וואָס ביסטו עס ניט צופרידן, באטיא? מיט ביראָבידזשאן ביסטו ניט צופרידן?

קייענדיק א פאסמע פון דער באָרד, וועלכע ער האָט מיט א פינגער אונטערגעשטופּט צו די ליפּן, האָט נעכעמיע געענטפערט:

— ניט צופרידן, זוניו, ניט צופרידן...

— זאָג אונדז אויך, מיר זאָלן וויסן.

נעכעמיע איז אופגעשטאנען פונעם אָרט. ער האָט אָפּגענומען בא וואנ־גראָווערן דאָס פּעקל סיגארעטן, וואָס יענער האָט, הוסטנדיק, אָנגעהויבן צו עפענען, און עס אָפּגעטראָגן צום בופעט. דורכגעשפּאנט זיך א פּאָר מאָל איבערן ענג־געוואָרענעם צימער און ארויסקוקנדיק דורכן פענצטער צו די קינדער, איז ער צוגעגאנגען פון הינטנאָרום צו אנדרייען און אוועקגעלייגט ביידע הענט אף קאטיעס און בראָניעס ווארעמע, אנטבלויזטע העל־דזער.

— איך באהאלט גאָרנישט ניט אויס, קינדער מיינע, — האָט ער געזאָגט אף רוסיש. — פּאָשעט, מיר זעען זיך זעלטן, דעריבער ווייסט איר ניט, וואָס עס עגבערט דעם טאטן...

— טאטע, — האָט זיך אָפּגערופן אנדריי, — מיר זיינען אלע דערוואַק־סענע מענטשן. דאָרט, ווו מע קאָן שוין ניט מאכן גרינגער, קאָן מען ניט. אָבער זאָג, וואָס עגבערט דיך?

אנדריי האָט זיך איבערגעזעצט צו קאטיען, אף א העלפט פון איר בענקל. טאָניע האָט זיך אויך אָפּגערוקט. דערזען עס, האָט נעכעמיע פאר־נומען דאָס באפרייטע אָרט.

— איך וויל ניט פארשטערן דעם יאָמטעוו, — האָט ער זיך פארענט־פערט. — עס רעדט פון מיר ארויס...

ער האָט ווידער זיך איינגעקוקט אין פענצטער. אין הויף איז געשטאנען א פריידיקער טומל. מע האָט געהערט, ווי סאלקע וואָרפט גוירל מיטן קליינוואָרג, ווער עס זאָל אָנהייבן די שפּיל:

— איינס, צוויי, דריי, לאָזער, ליי, אָקן, באָקן, ביינער־שטאָקן, אָנק, באָנק, שטאָנק...

די קינדער האָבן געלאַכט פון די אַרויסגעבראַכטע קלאַנגען, וועלכע זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען. אין זייער קלינגענדיק געלעכטער האָט זיך נידעריק געשפּרייט סאָלקעס גלײַכגילטיק אונטערברומען:

— איינס, צוויי, דרײַ, לאָזער, ליי, אָקן...

נעכעמיע האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ:

— אָט, איר הערט? אַזוי ווי די אייניקלעך מײַנע לאַכן, ווען עס רעדט מײַן טאָכטער, אַזוי, ווען איך טײַנע צו אײַך, זע איך אויס ניט באַ די גע־דאַנקען... נו, איז וואָס? זאָל זײַן, אַז איך לעב בלויז מיט מײַן זיקאָרן... ווי מײַן טאָכטער לעבט מיט איר זיקאָרן... איר מעגט אײַך טראַכטן, וואָס איר ווילט, נאָר עס בענקט זיך מיר נאָך יענער צײַט אין ביראָבידזשאַן, ווען ס'האָט געטומלט מיט עשעלאָנען... ס'איז געווען אַן אָזעט און אַ קאָמ־זעט... און ווענגראָווער, מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער, איז אַרומגע־גאַנגען ווי דער שטאָט־באַלעבאָס... וואָס — שלעכטס? איר זײַנט ניט מאָס־קים? צי איר פאַרשטייט ניט, וואָס איך זאָג? לאָזער, ליי, אָקן, באָקן?

און ער האָט פאַרגעזעצט, ניט איבערכאַפּנדיק דעם אָטעם:

— דערפאַר מוטשע איך דיך, מאַרק. דו האָסט דאָך טאָמיד מיר געגעבן אַן ענטפער אויף מײַנע פראַגן.

ווענגראָווערס קאָל איז פונעם טרוקענעם הוסט געוואָרן הייזעריקער און דומפּער.

— נעכעמיע, — האָט ער מיט מיטגעפיל אַ קוק געטאָן אויף זײַן כאַ־ווער. — נעכעמיע, איך פאַרשטיי דיך זייער גוט... און גלייב מיר, אַז איך האָב ניט קיין מינדסטן אינטערעס צו פאַרשווײַגן עפּעס. נאָר, נעכעמיע, וועגן איין זאַך דאַרפן מיר זיך יאָ פאַרשטענדיקן, אַנדערש איז ניטאָ וואָס זיך אַרײַנלאָזן אין פּילפּולים און אין פּשעטלעך...

— זאָג, אַדרעבע...

— מע מוז אָפּמאַכן, אַז מירן זיך אַראָפּלאָזן פון הימל אויף דער ערד...

— וואָס זשע וועלן מיר דאָרט געפינען, אויף דער ערד?..

— מירן געפינען, אַז אויב ריידן וועגן איבערוואַנדערער, וועגן עשע־לאָנען, איז נאָכן קריג, אין די ערשטע יאָרן, געווען די צײַט, ווען ס'האָט זיך געקאָנט, ווי דו זאָגסט, מיט זיי טומלען. יידן האָבן זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע. וויבאַלד מע איז שוין געווען אין וועג, האָט מען געקאָנט זיך אַוועקלאָזן אינעם נײַעם קאַנט...

— פאַרוואָס זשע איז עס ניט געשען?

— אָך, נעכעמיע... פאַרוואָס האָט עסטער־ראָכעלע אין איין־און־פער־ציקסטן מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן פון אָרט און איז אַוועקגעפאָרן אין שטעטל? מיר פאַרגעסן צומאָל אין דער פּסיכיק פונעם מענטשן...

— נאָך דער מילכאָמע האָט געצויגן די עוואַקויִרטע צוריק צו די אַלטע ערטער?

— נעענטער צו די וואָרצלען, וואָס די מילכאָמע האָט אויסגעריסן... נעענטער צו די קוואָרים... ס'איז אָבער געווען איבער די קויכעס צו בלײַבן דאָרט אויף שטענדיק. די שטעטלעך האָט מען נאָך פאַרן קריג קימאַט פאַר־לאָזט. איצט האָט מען זיך באַזעצט אין די גרויסע שטעט...

— ווילסט מיט דעם זאָגן, אז פאר אן איבערוואנדערונג קיין ביראָביד־זשאן איז דורכגעלאָזט דער מאָמענט...

— איך וויל זאָגן, אז עס זײַנען געווען צוויי צײַטן, ווען א סאך ייִדן האָבן געקאָנט זיך א לאָז טאָן קיין ביראָבידזשאן: ווען מע איז ארויס פונעם שטעטל — דעמלט האָט טאַקע זיך באוויזן אף דער וועלט דער ראיאָן באם אמור — און ווען מע האָט זיך אומגעקערט פון עוואקואציע. אין אנ־דערע צײַטן ווײַזט זיך ארויס, אז דער ייִד איז אײַנגעפונדעוועט, לעמאָשל, אף א לענינגראדער אָדער מינסקער זאוואָד, אָדער אין א קאָלווירט היב־טער כערסאָן, און כידעשן זיך איז ניטאָ וואָס...

— און ס׳איז ניטאָ וואָס צו טראכטן וועגן דעם?

— איך ווייס ניט...

יודאלעף האָט איבערגעפרעגט, ווענדנדיק זיך צו ווענגראָווער:

— טאטע, דו ווייסט טאַקע ניט?

— איך ווייס ניט.

ס׳האָט זיך אויסגעדאכט, אז אָט באלד וועט א מיספארשטייעניש אומ־קערן יודאלעפן און זײַנע צוויי טאטעס צו יענער אָפּגעפרעמדטקײַט, וואָס די סיבע פון איר האָט געקאָנט פארשטיין בלויז א נאָענטער מענטש. נע־כעמיע און זײַן בכאָר זײַנען אמאָל ווי געשטאנען אין ווארטעניש איינער קעגן אנדערן, יעדערער האָט געוואַרט, וואָס דער צווייטער וועט טאָן. נו, און מארק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער, ער און זײַן זון האָבן ביכלאל קיין אָפענע רייד לאנגע יאָרן צווישן זיך ניט גערעדט. אלע דרײַ זײַנען זיי אָבער איצט געווען שוין אנדערע מענטשן...

באזונדערס האָט זיך געביטן יודאלעף. די גרויסקערפּערדיקײַט, די ווינקלדיקײַט זײַנע איז געווען שוין ניט שטארק צו באמערקן, דער קאָפּ האָט אין גאנג פון די יאָרן פונקט ווי בעסער זיך צוגעפּאסט צום גאנצן קערפּער. איצט איז דאָס געווען א רויק־אוועקגעשטעלטער, שוין צוגעכאפּ־טער מיט גראָוקײַט קאָפּ. אין יודאלעפס אָנבליק האָט זיך געפילט די געמאָסטנקײַט פון א מענטשן, וואָס האָט זיך שוין אויסגעפורעמט, און טאַ־קע אזוי, ווי ס׳האָט אונטערגעזאָגט זײַן נאַטור. באם ערשטן קוק אף אים איז ניט שווער געווען צו אָנשטויסן זיך, אז זײַן פאך איז מײַסטרעווען, און אז ער איז א רויִקער, אײַנגעשטעלטער מענטש, ניט נאָר ווײַל זײַן טעווע איז אזא, נאָר אויך, און באזונדערס, ווײַל אזא איז דער אויפן, וויאזוי ער לעבט.

ער האָט איצט בעעמעס געהאַט וואָס צו אייצען די צוויי טאטעס זײַנע, וועלכע האָבן בא אָט דער אויסגעטרוימטער און אויסגעמוטשעטער באגעגע־ניש, נאָך אזויפיל ליידן, זיך אומגעריכט צעוועגטלט. די געמאָסטנקײַט און געזעצטקײַט האָבן אים אָבער געשטערט זיך אוועקשטעלן ייִנגלש קעגן די אלטע לײַט און זיי ארײַנזאָגן, ווי א זון קאָן.

ער האָט זיך שטארק דערפרייט, דערזעענדיק אין פענצטער, ווי צו די קינדער זײַנען אין הויף צוגעקומען דרײַ מאנצבלען — פאלעק, וואניע לאַ־סיעוו און איינער אן אומבאקאנטער. לאַסיעוו האָט צעגעבן דעם קליינוואַרג צוקערקעס, און ווײַל סאלקען האָט שוין געהאלטן אין זײַנע אָרעמס פאלעק און זי איז געווען אײַנגעניורעט מיטן פּאָנעם אין זײַן ברוסט, האָט לאַסיעוו

איבערגעגעבן איר כיילעק פאַלעקן, און יענער האָט יעדע צוקערקע באַזונ־דער אַרײַנגעלייגט סאַלקען אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט.

אין שטוב זײַנען אַלע אופגעשפרונגען פון די ערטער און זיך אוועקגע־לאָזט באַגעגענען די דרײַ אָנגעקומענע מאַנצבלען.

4

דער הויף בא דער בירע האָט שוין לאַנג ניט געזען לעם נעכעמיע טשאַרניצערס שטוב אַזויפיל מענטשן. אין וואַרעמע אַפדערנאַכטן פירט נעכעמיע געוויינלעך אַרויס אין הויף סאַלקען, זי זאָל זיך שפּילן בא די קלעצער, און אַליין זעצט ער זיך שאַפּלדיק שטיל אַוועק אַף די טרעפּלעך פונעם גאַנעקל און טוט זיך שאָענווײַז קיין ריר ניט. די שכיינים אינעם הויף מײַדן אויס צו אים זיך צו דערנעענטערן. אויב עמעצער גייט יאָ צו צום גאַנעק און פרעגט זיך אָן וועגן זײַן געזונט, טוט ער אַ בורטשע: „גע־זונט־שמונט... לאָזט צורו...״ דאַן מאַכן שוין אַלע אין הויף אָן אָנשטעל, אַז זיי באַמערקן אים מער ניט, און ער מיט סאַלקען בלײַבן אַף זייערע ער־טער, פאַרוועבטע מיט שטילקײַט, ביזוואַנען די פינצטערניש שלינגט אײַן אין זיך דאָס בערגל מיט דער שטוב.

איצט האָט דאָס בערגל מיטאַמאָל אופגעלעבט.

ס'האָט אויסגעזען, ווי גלײַך דער אוילעם אַרום נעכעמיע טשאַרניצערס שטוב וואָלט אין מעשעך פון יאָרן געשפּילט אין באַהעלטעניש, און הײַנט האָט ער זיך אַ באַווײַז געטאָן פון אַלע זײַטן מיט אַ לעבעדיקן געפּילדער.

די קינדער און סאַלקע האָבן זיך פאַרווײַלט אין יונגן גראָז אַרום די קלעצער, און זייערע קוילעס, כאָטש זיי זײַנען אַף קיין רעגע ניט שטילער געוואָרן, האָבן ניט געשטערט די עלטערע מענטשן צו טאָן די ערנסטע זאַך, וואָס איז אויסגעפאַלן אַף אָט דעם טאָג.

באַזונדערס האָט אין הויף זיך געגומען טומלען, ווען פון דער גאַס האָבן זיך באַוויזן די דרײַ מאַנצבלען און עס זײַנען אַרויס זיי באַגעגענען נעכע־מיע מיט די זין און מיט די שניר און אויך דער קרענקלעך־סוטולעוואַטער, הויכער מאַן, אין וועלכן דער הויף האָט שוין באַוויזן צו דערקענען דעם אַמאָליקן פאַראַנטוואָרטלעכן טוער פון געגנט־אויספּירקאָם, וועגגראָוערן, וואָס איז אַוועקגעפירט געוואָרן פון ביראָבידזשאַן אין אַכט־און־דרײַסיקסטן יאָר און מער שוין אַהער זיך ניט אומגעקערט. פון די דרײַ אָנגעקומענע האָט דער הויף געוואוסט אין פאָנעם פאַלעקן — ער איז דאָ אויסגעוואַקסן, און נאָך דער מילכאָמע, זײַענדיק שוין אַ שרײַבער אין די בלעטער, פלעגט ער קימאַט יעדן כוידעש אַרײַנפאָרן צום טאַטן, — און איוואַן לאָסיעוון, וואָס זעט אויס ווי יודאַלעפּס אַ צווילינג־ברודער. אויך ער, איוואַן, קומט אָפּט אַראָפּ צו נעכעמיע טשאַרניצערן, און ער פירט זיך דערבײַ אויף אַזוי וואָכעדיק און זאַכלעך, פונקט ווי ער וואָלט טאַקע אַפּאַנעמעסן געווען נע־כעמיעס אַ לײַבלעכער זון.

דער דריטער פון די אָנגעקומענע איז אַ קליינוווקסיקער, דאַרער מאַנצבל, מיט אַ ווײַסן, ווי די פעדערן בא אַ גאַנדז, קאָפּ האָר און מיט אַ

שמאָל, געקאַרבט פּאָנעם. די אַראָפּהענגענדיקע וואָנצעס זײַנען בײַ אים שוין אויך גראָוו, עמעס — וווּ־ניט־וווּ שלאָגט זיך אין זיי דורך אַן אַשיק־טונקעלער אָפּשײַן. דער לינקער אַרבל פון זײַן כאַקי־גימנאַסטיאָרקע איז ליידיק און פאַרוקט הינטערן רימען, און מיט די פינגער פון דער רעכטער, דער איינציקער האַנט האָט ער, צוגייענדיק צו ווענגראָווערן, זיך אַ לײַכטן וויליונגערישן קלאַפּ געטאָן אין שלייף, ווי עס טוען מיליטערלײַט בײַם ראַפּאָרטירן, און אַ הילך געטאָן מיט אַ שטים, וועלכע פּאַסט פאַר אַ ריז:

— זדראַוויאַ זשעלאַיו, מאַרקושאַ ווענגראָווער!

ווענגראָווער איז געבליבן שטיין, ווי מע וואָלט מיט אים געשפּאַסט. ער האָט אַ שוואַכן שמייכל געטאָן: „נו, יאָ, איך פאַרשטיי..." צוביסלעך אָבער האָט ער גענומען זיך אײַנקוקן אין דעם באַיאָרטן פאַרשוין, און וואָס מער ער האָט געקוקט, אַלץ מער האָט ער איבערגעאַנדערשט מיטן קויעך פונעם זיקאָרן דאָס פּאָנעם, וואָס האָט זיך אָנגעשטעלט אין אים. עס האָט זיך באַקומען אַן אַנדער פּאָנעם — פון אַ מענטשן, וועלכן ער האָט געקענט אין דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט.

— זדראַוויאַ זשעלאַיו, מאַרקושאַ ווענגראָווער! — האָט זיך געטראָגן איבערן הויף דאָס הויכע קאָל.

ווענגראָווער האָט דעם דאַרינקן פאַרשוין דערזען אין זיקאָרן אָן וואָנצעס און מיט אַ גלאַטן, מאָגער פּאָנעם. אויך די האָר אויף זײַן קאָפּ זײַנען פון רעגע צו רעגע געוואָרן טונקעלער און אַנדערש צוגעקעמט. איצט איז שוין געווען לײַכט אים איבערצוטאָן אין אַ לאַנגער שינעל מיט רויטע פּאַסן אויף דער ברוסט איבערביידע פּאָלעס, אין ברייטנעזיקע, צעריסענע שיך און אין אָבמאָטקעס, אין אַ שפּיצעכיקער בודיאָנאָווקע. און ווען ווענגראָווער האָט דערצו נאָך אוועקגעזעצט דעם דאַרינקן פאַרשוין אויף אַ פערד און געגעבן אים אין דער האַנט אַרײַן אַ שמאָלע שווערד פון קאַלטן שטאָל, — דאַן האָט ער זיך אויך דערמאָנט, אַז דער קאַפּיטאַן פּאַלעק טשאָרניצער האָט אים אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט הינטער קיִעוו, אין פּושטשאַ וואָדיצאַ, געטראָפן בײַ יויסעף בומאַגינען אין ווזוואָד אַ באַיאָרטן יעפרייטאָר, וועלכער האָט געדענקט אים, ווענגראָווערן, נאָך פון בודיאָנישע צײַטן.

— מיטראָכאַ! — האָט ווענגראָווער אויסגעשריגן, — מיטראָכאַ די פליג...

מיטראָפאַן גנאַטיוק איז אין דער רײַטער־אַרמיי געקומען שוין מיט צוויי געאָרגיִער אויף דער ברוסט. ער איז געווען טײַוואָליש דרייסט, און דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך רירעוודיקן קערפּער, און דורכשמוגלענדיק זיך אין אַ דאַרף צו די ווײַסע, פלעגט ער אַזוי שנעל און קונציק זיך אַרײַנטאָן אין דעם דאָרטיקן פּויערשן שטייגער, אַז עס איז אַפילו ניט אײַנגעפאַלן דער קאָנטער־אויסשפּיאָנאַזש צו כוישעד זײַן אין עפּעס אַט דעם היימישן כלאָפּעץ. אין עסקאַדראָן פלעגט מען אים רופן די פליג — פאַר זײַן קענען זיך פאַרקלײַבן אַהין, וווּהין קיין אַנדערער האָט דורכגיין ניט געקאָנט. ווען עס פלעגט זיך מאַכן אַ רויִקע נאַכט, האָט מיטראָכאַ די פליג ליב געהאַט צו שלאָפן אין דער אויסגעבעטער מיט פרישן היי טאַטשאַנקע, שלאָפן מיטן פּאָנעם צו דער פולער לעוואָנע, אַרומגענומען מיטן פּולעמיאָטשיק מאַרקושע ווענגראָווער.

דאָס באוויַזן זיך פון מיטראָפאַן גנאטיוקן אינעם הויף בא דער בירע, אין אזויפיל יאָרן ארום נאָך די בודיאָנישע מארשן, האָט אויסגעזען ווענגראָווערן ווי עפּעס א ווונדער שעבעוווּנדער.

— מיטראָכא, ווי קומסטו אהער?

— זנאטשיטסא, איך האָב זיך געכאפּט אף דער עלטער, אז ס׳וועט ניט שטערן א ביסל זיך אונטערלערנען ייִדיש...— האָט ער געענטפערט מיט א שמייכל.

— און צוליב דעם, הייסט עס, ביסטו פארפאָרן קיין בירָאבידזשאַן...

— הע־הע...

— נאָר אין בירָאבידזשאַן זיַינען דערוויַיל פאראַן ווייניק ייִדן. אָט זעסטו פאר זיך דאָס גאנצע בילד: פינף ייִדן זיַינען מיר דאָ, ווינט איינער אף דער אוקראַינע, דער צווייטער אין מאָסקווע, דער דריטער אין קאָמסאָמאָלסק, דער פערטער אין כאבאראָווסק, און בלויז איינער פון די פינף לעבט אין בירָאבידזשאַן... וואָס ווּעסטו אף דעם זאָגן, מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש?.. איך האָב ריכטיק פארגעדענקט? אוסטינאָוויטש ביסטו לויטן טאַטן?

— יאָ, מארקושע, דו האָסט א גוטן זיקאָרן.

— וואָס ווּעסטו זאָגן אף אונדזער ייִדיש פאָלק? הא, מיטראָכא?

— זאָל עס, זנאטשיטסא, לעבן ווו עס וויל...

אופכאפּנדיק אף זיך ווענגראָווערס שטרענגן בליק, האָט נעכעמיע זיך גענומען אָנפרעגן בא גנאטיוקן:

— איר זיַינט א רוס, כאווער?

— אַן אוקראַינער בין איך.

נעכעמיע האָט פונקט ווי געענטפערט זיך אליין אף א ניט ארויסגעזאָגטן געדאנק און ארויסגעשטאמלט:

— רוסן... אוקראַינער... ייִדן...

יודאלעף, וואָס איז געשטאַנען אינעם רעדל צווישן לאָסיעוון און גנאטיוקן, האָט אריבערגעוואָרפן זיַינע הענט זיי ביידן איבער די נאקנס און איבערגעכאזערט נעכעמיעס ווערטער, נאָר שוין זיכער און הויך אף א קאָל:

— רוסן, אוקראַינער, ייִדן!

— אוך, קלאפּ ניט אזוי, מעדוועד!— האָט זיך א קרים געטאָן מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש. ער האָט גוטברודעריש גענומען דוצן נעכעמיען:

— איַי־איַי־איַי, ווייניק דיר די ייִדן, האָסטו, זע איך, אריַינגעכאפּט אין דיַין מישפּאָכע א פּאָר פּראַוואָסלאַוונע בארישניעס...

דאָס רעדל האָט זיך שנעל אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דעם גאנעקל, ווו סוידעסדיק נאָענט איינע צו דער אנדערער זיַינען געזעסן טאָניע און בראָניע, און מיט זיי קאטיע, און, שמועסנדיק וועגן עפּעס, האָבן זיי ניט אראָפּגענומען די אויגן פון די מאנצבלען, וועלכע האָבן איצט גערעדט וועגן זיי.

— בירגער איוואַן לאָסיעוו,— האָט זיך אָנגערופן יודאלעף,— און איַיער וויַיב בראָניע איז פון וועלכער נאציע?

— פון דער ייִדישער, — האָט געענטפערט לאָסיעוו.
אנדריי האָט צעפירט אין א שפּאס מיט די הענט:
— הײַנט גיי ווייס, וואָסער פאָלק האָט דאָס אנדערע ארײַנגעבראכט אין העזעק... רוסישע ווײַבער בא ייִדן... ייִדישע ווײַבער בא רוסן... און אָט רעד איך איצט אף רוסיש, און דער כאוועך גנאַטיוק רעדט אף ייִדיש... טשאָרט זנאיעט, וואָס עס קומט פאַר...
פונעם גאנעקל האָט זיך דערהערט קאַטיעס שטים:
— טײַערער, ווען דו זאָלסט געבוירן ווערן אין אמאָליקן שטעטל, וואָלט דײַן נאָמען געווען ניט אנדריי...
— נאָר אווראָם... — האָט אונטערגעכאפּט פאלעק. — און שווער צו זאָגן, וואָס עס איז געווונטשענער... די צײַט האָט געפּאסקנט...
גנאַטיוק האָט זיך א כאפּ געטאָן:
— גע־פּאס־קנט... אָט דאָס וואָרט געדענק איך ניט...
— נו, געדענקט, — האָט פארטײַטשט פאלעק. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און צוגעגעבן: — די צײַט האָט באשלאָסן... אײַנגעפונען...
— געקומען צו דער דייע, — האָט צוגעגעבן ווענגראָווער.
נעכעמיע האָט געייצעט:
— מע קאָן זאָגן גוימער געווען...
עס האָבן זיך איין אָטעם צעלאכט פאלעק און גנאַטיוק.
— דו געדענקסט, מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש?..
— אף דער פאָליאנע, קאפּיטאַן, לעם פּושטשא וואָדיצא...
פאלעק האָט דערציילט, ווי‌אזוי אף יענער לאָנקע האָבן זיי, צוזאמען מיט יויסעף בומאגינען, געזוכט ייִדישע ווערטער אף צו באצייכענען די טאטשאנקע, וועלכע בומאגינס ווזוואָד האָט ארויסגעשלעפּט פונעם זומפּ.
— די זעלבע טאטשאנקע, וואָס איבער איר האָט מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש געדאַרפט איצט פאַרן צען טויזנט וויאָרסט און זאָגן איידעס, אז דאָס איז ניט געווען קיין באלעגאָלישע בויד, נאָר א מאטאָנע, וועלכע די ביראָבידזשאנצעס האָבן געשיקט דעם פראָנט, און אז איך האָב ניט געמאכט פון דער ביראָבידזשאנער טאטשאנקע קיין נאציאָנאל וואָפן פאר די ייִדן...
ווענגראָווער האָט מיט א פאַרוווּרף זיך אָנגערופן צו גנאַטיוקן:
— קומט אויס, מיטראָפאַן, אז ניט אף צו אונטערלערנען זיך א ביסל ייִדיש ביסטו אהער אראָפּגעקומען, האָ?
— האָ? — האָט איבערגעפרעגט גנאַטיוק, געבנדיק מיט דעם צו פאַרשטיין, אז מער האָט ער ניט וואָס צו זאָגן. ער איז אָפּגעגאנגען צו די פרויען, וועלכע האָבן פארנומען צוויי טרעפּלעך פונעם גאנעקל, און זיך צוגעזעצט אפן דריטן, דעם אונטערשטן.
זעענדיק, אז פאלעק גייט אויך אוועק צום גאנעקל, האָט ווענגראָווער אים נאָכגעשריגן:
— קאפּיטאַן טשאַרניצער!
— איך הער אײַך, כאוועך קאָמיסאר...
— צי באטײַט עס, קאפּיטאַן, אז דעם קאָמיסארס הילף איז דיר שוין ניט בייטיק?

— איך גלייב, אז דאָס וועט אײַך דערפרייען... און ס'איז באַזונדערס אָנגענעם, וואָס גראָד דער אַלטער סאָלדאַט גנאַטיוק האָט אויף דער הײַנטי־קער זיצונג פון דער פּאַרטיי־קאָמיסיע אַוועקגעשטעלט דעם לעצטן פּונקט...

— ווי־אַזוי האָט ער זיך דערוווּסט וועגן דײַנע צאָרעס?

— געפאָרן צוגאַסט צו בומאַגינס אַלמאַנע און אַפּן וועג, אין כאַבאַ־ראָווסק, פאַרקערעוועט צו מיר... ווען איך האָב אים דערציילט, וואָס מײַן שווער האָט אָנגעשריבן וועגן דער ביראָבידזשאַנער טאַטשאַנקע, איז ער גלײַך אַוועק אין פּאַרטיי־קאָמיטעט... מאַרק גריגאָריעוויטש, איר שטעלט זיך גאָר ניט פאָר, ווי דאַנקבאַר איך בין אײַך, וואָס איר זײַנט איצט גע־קומען צו פאָרן... פאַר אַלץ, פאַר אַלץ, מאַרק גריגאָריעוויטש, בין איך אײַך דאַנקבאַר...

— ע, קלייניקײַטן... — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווענגראָווער.

ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זײַט און גענומען קוקן אויף סאַלקען, ווי זי שפּילט זיך מיט די קינדער, ניט באַמערקנדיק, אַז אין הויף זײַנען פאַר־ראַן נאָך מענטשן. פון איר מויל האָבן זיך אַרויסגעריסן זינלאָזע, טויבע אויסגעשרייען: „קיזעלע! מיזעלע! קאָטאַ נאַשו!" און „ראָדע! מאַראַנע! גע־שלאָסענע פּאַנע!" זי האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דעם פאָדעם, וואָס פאַר־בינדט זי מיטן קליינוואַרג, און עס איז געוואָרן אַ מאָמענט, ווען ווענגראָ־ווערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די גאַנצע שפּיל און דאָס, וואָס זי רעדט און זינגט און טאַנצט, — דאָס אַלץ איז בלויז אַן אָנשטעל... ער האָט אונ־טערגעשטופּט נעענטער צו די קלעצער די מאַנצבלען, וועלכע זײַנען פאַר־בליבן אינעם רעדל, און פון דאָרט, פאַרזעצנדיק דעם שמועס, ווײַטער נאָכגעשפּירט מיט אַ שווער געמיט, ווי־אַזוי עס פירט זיך אויף סאַלקע. אינ־מיטן די רייד האָט ער באַמערקט, אַז דאָס זעלבע טוט נעכעמיע. אַפילע פאַלעק, וואָס האָט באַם גאַנעק געמיטלעך געשמועסט מיט זײַנע דרײַ שווע־גערנס, — אַפילע ער האָט איצט, ווי פאַרשטעלטערהייט, פונדערווײַטנס, נאָכגעקוקט נאָך סאַלקען.

פאַלעק האָט זיך נאָכאַמאָל באַקאַנט מיט קאַטיען:

— לאָמיך אויף דיר אַ גוטן קוק טאָן, יעקאַטערינע. פאַרוואָס אַנדריושע האָט גענומען דיך, פאַרשטיי איך. נאָר זאָג, איך בעט דיך: וואָס אַזוינס האָסטו געפונען אין אַנדריושען? אַ געלער מאַמזער, און שוין...

ערשט איצט האָט קאַטיע באַמערקט, אַז איר מאַנס ברודער פאַלעק האָט איין אויג, דאָס צווייטע, אַן אָפּנס, זעט ניט. אַנדריי האָט איר אַנומלטן דערציילט, ווי־אַזוי פאַלעק האָט, אַרײַנרײַסנדיק זיך מיט אַ שטורעם־אָט־ריאַד קיין בירקענאַו, געפונען אין איינעם אַ באַראַק סאַלקען, וועלכע איז שוין געווען ניט בײַ די געדאַנקען און האָט גאָרנישט ניט געדענקט וועגן איר לעבן אין לאַגער, אָבער בײַ אַן אַנדער פרוי, סאַלקעס אַ שכיינע, האָט פאַלעק זיך דערוווּסט, אַז צווישן די פאַרשפּאַרטע אין לאַגער איז אויך געווען סאַלקעס אַ קרויווע, קאָן זײַן אַ ייִנגערע שוועסטער, וועלכע מע האָט גערופן עסטער. זיי פלעגן שלאָפן אויף איין נאַרע. ביז עס האָט גע־טראָפן, אַז אין באַראַק איז אַמאָל אַרײַן, אין דער באַגלייטונג פון דער וואַך, אַ געוויסער מענטש — פון דער פרײַ, — וועלכער האָט באַקוקט סאַל־קען און געפרוווט מיט איר פאַרפירן אַ געשפּרעך, נאָר דאָס האָט זיך אים

ניט איינגעגעבן, און דורכשמועסנדיק זיך וועגן עפּעס מיט עסטערן, איז ער אוועק. אין א צייט ארום האָט ער ווידער זיך באוויזן אין באראק און געזאָגט עסטערן, אז עס האָט זיך אָפּגעפונען איר קינד, א יינגעלע, דאכט זיך, און עסטער איז מיט אים פארשוואונדן. אויסגעהערט די געשיכטע, האָט פאלעק איבערגעפירט סאלקען אין זיין דיוויזיע, אין לאזארעט, און דער־נאָך זיך אומגעקערט צוריק קיין בירקענאו — עפּשער וועט זיך אין אן אנדער באראק אָפּזוכן עסטערקע. און דאָ האָט אים אונטערגעוואַרט דער אומגליק. בא דער גאז־קאמער האָט א פארבליבענער עסעסאָוועץ זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן און געוואָרפן אין די רויטארמייער, וואָס האָבן אים ארומגערינגלט, א גראנאטע. א שפליטער האָט געטראָפן פאלעקן אין אויג. ער האָט זיך שפּעטער דערשלאָגן א דערלויבעניש, מע זאָל צוזאמען מיט אים עוואקויִרן סאלקען, און, ארויסרופנדיק פון ביראָבידזשאן דעם טאטן, האָט ער אין שפיטאָל זי אים איבערגעגעבן פון האנט צו האנט.

דאָס אלץ האָט קאטיען אנומלטן דערציילט אנדריי. זי האָט אָבער ביז איצט ניט געוווּסט, מיט וואָס ס'האָט זיך געענדיקט די געשיכטע: פאלעק איז בלינד אף איין אויג. לויט איר איז דאָס לעבן זיך באגאנגען מיט פּא־לעקן נאָך אכזאָריעסדיקער, איידער מיט סאלקען, ווייל בא סאלקען האָט עס איינמאָל פאר אלעמאָל אָפּגענומען דעם פארשטאנד, און זי האָט מער ניט געקאָנט אָפּשאצן איר גרויל־גורל. פאלעק אָבער האָט טאָג נאָך טאָג, נאכט נאָך נאכט, אין מעשעך פון יאָרן, געפילט אף זיך, באדאכטערהייט, די לאַסט פון אלץ, וואָס איז אים איז אויסגעפאלן אומזיסט־אומנישט נאָך דער מילכאָמע.

זי האָט זיך אנטשלאָסן צו פארגעבן אים די סאמע שווערסטע פראגע.

— פאלעק נעכעמיעוויטש...

— רוף מיך באם נאָמען, שוועסטערקע.

— פאלעק, איר...

— זאָג מיר דו.

— דו גלייבסט נאָך צו געפינען דיין ווייב מיטן קינד?

אין שמועס האָט זיך ארייַנגעמישט טאָניע:

— יאָ, פאלעק, דו ווייסט, די דעלעגאציע פון קאָמסאָמאָלסק פּאָרט טאקע קיין גע־דע־ער, און וואניען מיט יודאלעפן האָט מען געהייסן גרייטן זיך אין וועג...

— דאָס איז, קאטיע, אן ענטפער אף דיין פראגע, — האָט פארטייטשט פאלעק. — אָט וועלן וואניע מיט יודאלעפן זיין אין בערלין און נאָכאמאָל פּרווון דאָס מאזל... מע זאָגט, אז דאָרט איז פאראן א ביוראָ, וואָס זוכט אָפּ פארפאלנגעוואָרענע מענטשן... ביז איצט האָב איך בלויז געשריבן בריוו, וויפל בריוו איך האָב אָנגעשריבן, געדענק איך שוין ניט...

טאָניע האָט א שטויס געטאָן בראָניען מיטן עלנבויגן:

— טו א קוק, ווי זיי האָבן זיך עס אוועקגעשטעלט, אונדזערע צוויי רייזנדע'ר... טו א קוק...

— איי, טאָניע, — האָט געענטפערט בראָניע, — בא דיר איז עס גאָר א

נײַס — רײַזנדער... דו ווייסט דען ניט, אז איין מאָל האָבן יודאלעף און וואניע שוין דורכגעמאכט דעם וועג קיין בערלין צופוס?..

— אָט אַן עמעס! — האָט אויסגעשריגן גנאטיוק. — סושטשאיא פּראווּדאַ!

טאָניע האָט נאָכגעגעבן:

— אַן עמעס... אַן עמעס...

זי האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו בראָניען, און יענע האָט איר אָפּגעגעבן אַן עק פונעם וואַרעמען שאלעכל, וואָס איז געלעגן אַף די אקסלען. ניורענדיק זיך איינע אין דער צווייטער אונטער דעם בעשוטפּעסדיקן שאלעכל, האָבן זיי מיט פאַרגעניגן געקוקט אַף זייערע מענער. ווײַזט אויס, ס'איז זיי געווען שטארק צום הארצן, וואָס די פּלייצעס בא איוואַנען און בא יודאלעפן זײַנען אַזעלכע ברייטע, אַז קעדיי א קוק צו טאָן, וואָס עס טוען הינטער זיי די קינדער, דארף מען זיך אונטערהייבן פון די טרעפּ און היפּש אָפּפירן דעם קאָפּ אַף לינקס אָדער אַף רעכטס.

בראָניע האָט א רוף געטאָן וואַניען:

— קום אהער, באַוויז, וואָס פאַר אַן אָרדען מע האָט דיר הײַנט געגעבן...

איידער די אָפּגעגאַנגענע אין א זײַט מאנצבלען האָבן זיך איבערגעקליבן פון די קלעצער צום גאנעקל, האָט לעבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אַף א רעגע סאלקע און, טוענדיק זיך א דריי מיט גרויס ערנסט אַף איין אָרט, ארויסגערעדט:

— עסטער־ראָכעלע, די פּוליע וועט נאָר א פּיק טאָן...

פאַר קיינעם איז סאלקעס זאָג שוין ניט געווען קיין נײַס, דער איינציקער מענטש, וואָס האָט אים נאָך ניט געהערט — גנאטיוק, — האָט שטיל זיך דורכגערעדט מיט פאלעקן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

איצט האָבן אלע זיך צונויפגענומען אין איין אָרט. די ווײַבער האָבן אָפּגעטראָטן א טרעפּל נעכעמיען און וועגנגראָווערן, קאטיע איז איבערגעגאנגען צו די מאנצבלען, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט די פּענעמער צו דער שטוב.

די זון איז שוין געשטאנען נידעריק איבער דער בירע, אַף רעכטס פונעם הויף. פילנדיק, ווײַזט אויס, אז עס דערנעענטערט זיך דער אָפּדערנאכט, זײַנען פון די ברעג־קוסטעס אָנגעפלויגן שיטערע וואָלקנדלעך גנוס — אַן איבערבלײַבעכץ פון די אמאָל אלמעכטיקע אין אָט דעם קאנט, זשומענדיקע און בײַסנדיקע קאָמארן־מאכנעס.

מע האָט באקוקט דעם אָרדען אַף איוואַנס ברוסט — די אָפּצייכענונג פאַר אײַנשפּאָרן מעטאל אינעם צעך, מיט וועלכן ער האָט אָנגעפירט. בראָניע און טאָניע האָבן אָנגעהויבן פארופן דעם אוילעם צום טיש, נאָר גנאטיוק האָט זיך אײַנגעשפּארט: פריער זאָל מען זיך דורכגיין צו בומאגינס אלמאָנע, אָפּגעבן דאָס רעכט דעם העלד. און ווײַל די מיינונגען זײַנען זיך פאנאנדערגעגאנגען, איז מען דערווײַל געבליבן אַף אַן אָרט.

פאלעק האָט דערציילט, אז ער שרײַבט פאַר זײַן צײַטונג א פאַרצייכענונג וועגן דער גוורדע, וואָס יויסעף בומאגין האָט באוויזן, ווען אונדזער ארמיי האָט געשטורעמט איינע פון די לעצטע, פאַרפעסטיקטע מיצאד די דײַטשן, שטעט — ברעסלאו. ער וואָלט די פאַרצייכענונג פאַרענדיקט נאָך

ביז סאָף וואָך, נאָך הײַנט אינדערפרי. ווען ער האָט זיך געקליבן אַף דער זיצונג פון דער פּאַרטיי־קאָמיסיע, האָט דער רעדאַקטאָר אים געגעבן א ייִסראָעלדיקע צײַטונג, און ער מוז אָפּלייגן די פאַרצייכענונג און אָנשרײַבן פריִער אַן ארטיקל, א מין ענטפער אײנעם אַן אווטאָר אין דער דאָזיקער צײַטונג, וואָס ער איז, אגעוו, אמאָל געווען א היגער, א בירָאָבידזשאַנער, און אין צוויי־און־דרײַסיקסטן יאָר איז ער פון בירָאָבידזשאַן אנטלאָפן.

— דו האָסט אין זינען מאַזאָרן? — האָט געפרעגט ווענגראָווער.

— פונוואַנען ווייסט איר?

— איך האָב אין מאָסקווע געלייענט דאָס שמירעכץ זײַנס. ער איז איצט בא די ציִעניסטן א יאָר־איידעס...

אַנדריי האָט זיך דערמאָנט:

— בעשאַס דער אָפּעראַציע „טונגוסקאַ” האָט זיך אונדז ניט אײַנגעגעבן אים צו כאַפּן, ווײַל ער האָט אָפּגעשיקט מיט די וולאַסאָווצעס אַף אונדזער זײַט פערפילאָוון, און אליין איז ער פארבליבן דאָרטן...

— יאָ, יאָ. דער זעלבער מאַזאָר. דער שעפּעליאַוווער דראָנג, וואָס האָט זיך אמאָל געוואָזגעט אינעם בירָאָבידזשאַנער מוזיי... געדרייט א קאָפּ סאַלקען...

— ש־ש־ש...

דער סיגנאַל זיך אָפּצוהיטן, אַז סאַלקע זאָל ניט הערן די רייד בא דעם גאַנעק, האָט געצווונגען אלעמען א זוך צו טאָן זי מיט די אויגן. סאַלקע איז צווישן די קינדער ניט געווען. ארײַנקוקנדיק אין שטוב דורכן אָפּעגעם פענצטער, האָט בראָניע געזאָגט:

— סאַלקע איז אין שטוב. מיר זײַנען אזוי געווען פארנומען מיט איוואַנס אָרדען, אַז זי איז אומבאַמערקט דורכגעגאַנגען הינטער אונדזערע פּלייצעס...

גנאַטיוק האָט אָנגעשאָטן אַף פּאַפּיראָס־פּאַפּיר א בערגעלע מאַכאָרקע און אויך געגעבן א ביסל ווענגראָווערן אַף דער דלאָניע. בעשאַס גנאַטיוק האָט געדרייט זײַן ציגאַר, האָט ווענגראָווער אוועקגעלייגט די מאַכאָרקע צווישן דעם גראָבן פינגער און דעם ווײַז־פינגער פון דער לינקער האַנט און גענומען מעכײַעדיק שמעקן, ווי מע טוט עס געוויינלעך מיט שמעקטאַבעק. ער האָט זיך הייזעריק פארהוסט, און ווען ס׳איז אים געוואָרן גרינגער, האָט ער אראָפּגעבלאָזן פון דער האַנט די פארבליבענע קערנדלעך מאַכאָרקע און א פרעג געטאָן בא פאַלעקן:

— וועסט שרײַבן אין א וועלכן פלאַן? אין א ברייטן, גלייב איך... וועגן ציִעניזם וועסטו שרײַבן?

— מיט מאַזאָרן וועל איך זיך ניט באַנוגענען...

נעכעמיע האָט נײַגעריק א קוק געטאָן אַפן זון:

— איז וואָס וועסטו שרײַבן, פאַלעקל?

— טאַטע, איך קאָן זיך ניט באַרימען, אַז וועגן די ציִעניסטן ווייס איך א סאַך. ווען איך בין געבוירן געוואָרן, האָבן די ייִדן בא אונדז שוין געהאַלטן אין אויסשפײַען זיי, און מע האָט זיי פּאַשעט ארויסגעשטעלט אַף יענער זײַט טיר...

— נו, איז וואָס נעמסטו זיך שרײַבן, אויב דו ווייסט ניט?

— איך וועל שרײַבן דאָס, וואָס איך ווייס.

נעכעמיעס און פּאַלעקס רייד האָבן דערמאָנט וועגנגראָוועדן אין ענלעכע וויקוכים, וועלכע ער האָט אין דער לעצטער צײַט געפירט אין דער היים מיט קאָלעגן היסטאָריקער. ארופלייגנדיק פּאַלעקן די האַנט אפן אקסל, האָט ער געזאָגט:

— זינט עס איז אופגעקומען די מעדינע יִיסראָעל, איז אוממעגלעך זי אויסמײַדן, ווען מע רעדט וועגן ציִעניזם...

בא נעכעמיען אין די אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן פײַערלעך:

— פאַרוואָס זשע, ווען מע רעדט וועגן קאָמוניזם, קאָן מען אויסמײַדן בירָאָבידזשאַן?

— האָסט זיך שוין ווידער ארופגעזעצט אף דײַן פערדל, נעכעמיע! — איז אין קאָס געוואָרן וועגנגראָוועד.

— און אָנדײַט אף מײַן סאָציִאַלער אָפּשטאַמונג?

— ניין, סע רעדט זיך אזוי. ווען אַ מענטש האַלט זיך אין איין אומ־קערן צו זײַנעם אַן אײַנגעגעסענעם געדאַנק, זאָגט מען, אַז ער זעצט זיך ארוף אף זײַן פערדל...

— דו באַווײַזט מיר, אַז מײַן געדאַנק איז פאַסל!

— דײַן געדאַנק איז אינגאַנצן קיין געדאַנק ניט.

— פאַרוואָס?

— דער קאָמוניזם בויט אַ נײַעם ביניען. אַ הונדערטשטאָקיקן, אַ טויזנטשטאָקיקן... און אין אָט דעם ביניען, אין איינעם אַ צימער, לײַכט אַ פענצטערל — בירָאָבידזשאַן. דאָס פענצטערל גייט ארויס אין דער גרויסער וועלט, און אין דעם פענצטערל קוקט די גרויסע וועלט ארײַן...

אַנדריי האָט איבערגעזעצט וועגנגראָוועדס ווערטער פאַר לאָסיעוון, גנאַ־טיוקן און פאַר די צוויי רוסישע שניר. איוואַן לאָסיעוו האָט אויסגעשריגן:

— גאָלדענע ווערטער, מאַרק גריגאָריעוויטש!

ס׳איז אף אַ רעגע שטיל געוואָרן.

— זעץ פאָר, וואַניע. זאָג ארויס דײַן געדאַנק... — האָט אונטערגעמונ־טערט לאָסיעוון יודאַלעף.

— וואָס נאָך זאָגן, אויב ס׳איז אזוי אויך קלאָר... עפּשער פאַרגלײַכן די אַלטע וועלט מיט אַן אַלט הויז, און דאַן איז איזראַיִל דאָרט אַן אײַנ־געמויערטע נישע... די ציִעניסטן — פונקט ווי זיי וואָלטן די נישע אָפּגעּ־דונגען בא אַ רײַכן פעטער, אזעלכע פאַראַנדקעס האָבן זיי דאָרט אײַנגע־פירט...

— אָט וועגן דעם טאַקע וויל איך שרײַבן, — האָט אונטערגעכאַפּט פּאַ־לעק. — אין דער מילכאָמע האָט דער ציִעניזם זיך אזוי מיִעס באַוויזן, אַז ווען ניט יִיסראָעל, וואָלט ער שוין געלעגן ווײַט אין דער אַדאָמע. דאָס פאָלק איז ניט מויכל אזעלכע זינד...

אין נעכעמיעס קאָל האָט זיך געפילט ווייניקער שטײַפקײַט, איידער פריִער:

— וואָס זשע, עס באַקומט זיך, אַז ביט דער ציִעניזם האָט זיך דער־שלאָגן, מע זאָל אָפּגעבן די יידן ערעץ־יִיסראָעל, נאָר אַז מיט יִיסראָעל האָט זיך געראַטעוועט דער ציִעניזם...

— די פעלקער פון דער וועלט, זיי האָבן דערלויבט צו שאַפן די ייִדישע מעדינע אין פּאַלעסטינע! — האָט אויסגערופן ווענגראָווער. — דו פאַרשטייסט, נעכעמיע? ס׳איז ניט דאָס זעלבע, ווי דאָס, וואָס דו מיינסט. די זעקס מיליאָן זײַנען געשטאָנען פאַר די אויגן... די, וואָס זײַנען אײַנגעגאַנגען אַף צו שאַפן ייִסראָעל, האָבן וועגן דער קומענדיקער מעדינע געטראַכט פאַרשיידן. איינע האָבן געהאָפט צו זען נאָך אַ פענצטערל אינעם נײַעם בינייען פון דער וועלט, אַנדערע האָבן אָפגיך אַ רוף געטאָן דעם ציִעניזם... און ער, טײַערינקער מײַנער, האָט דאָ אָפגעשפּילט אַ קונציקע שפּיל. קלוימערשט, אין דער מילכאָמע איז ער געווען אַ צאַדיק... קעדיי צו שאַפן, לויט זײַן פּראָגראַם, דעם „יודן־שטאַדט", האָט ער אָפּגעגעבן זיך בעלייוו וואָנעפּעש דעם קאַמף קעגן פאַשיזם, און איצט איז ער, הייסט עס, מיט רעכט געקומען אויסצופורעמען ייִסראָעל לויט זײַן פאַרשטאַנד... ער שלעפּט אויך אַרויס פון זײַנע אומרײַנע אַרכיוון איינע נאָך דער אַנדערער פעלשונגען, וועלכע ער האָט צוגעגרייט פון פריִער. לעמאָשל, די פעלשונג וועגן די באַראַקן פאַר ייִדן אין בירָאָבידזשאַן... אַגעוו, באַוויִיז אונדז, פּאַלעק, די ייִסראָעלדיקע בלאַט, וואָס דײַן רעדאַקטאָר האָט דיר געגעבן. די פאָטאָגראַפיע מיט סאַלקען אינעם זאַקסענהאַוזענער לאַגער איז דאָרט פאַראַן?

— פאַרשטייט זיך, פאַראַן, — האָט געענטפערט פּאַלעק, דערלאַנגענדיק מאַרק גריגאָריעוויטשן אין דער האַנט אַרײַן אַ צײַטונג. — אַנדערש וואָלטן זיי ניט אָפּגעדרוקט מאַזאַרס אַרטיקל...

אין דער זעלבער רעגע האָט אַן אַנדער האַנט זיך באַוויזן פון הינטער ווענגראָווערס פּלייצע און אַרויסגעריסן בא אים די צײַטונג.

דאָס איז געווען סאַלקעס האַנט.

די, וואָס זײַנען געשטאַנען מיטן פּאָנעם צום גאַנעקל, האָבן געזען, ווי סאַלקע איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב — אײַנגאַנצן אַ פאַרענדערטע — און זיך פאַרהאַלטן הינטער ווענגראָווערן. זיי זײַנען פון אומגעריכטקײַט פאַרבליבן שטיין געפּלעפּט, בייס זי האָט באַקוקט דעם הויף און די מענטשן, פּונקט ווי זי וואָלט זיי אַ לאַנגע צײַט ניט געזען, פון אירע אויגן האָט זיך אָפּגעטאָן די שלעפעריקײַט, און דאָס האָט איבערגעאַנדערשט דאָס פּאָנעם, ווי דאַן, ווען מע נעמט אַרויס בא אַ מענטשן די אַרײַנגעשטעלטע ציין און ס׳ווערט פון דעם אײַנגעפאַלן בא אים דאָס מויל. סאַלקעס פּאָנעם האָט נאָך גאָרנישט ניט געוואָלט, נאָר ס׳האָט, דאַכט זיך, באַקומען די פײַיִקײַט אופצונעמען עפּעס. פון דעם האָט עס זיך נאָך מער געעלטערט. ווען איר בליק האָט זיך אָנגעשטויסן אין פּאַלעקן, האָט זי אַ פיבערדיקן שלונג געטאָן די ליפּט און מיט די הענט גענומען טאַפּן אַף זיך דאָס אָנטאָן. מיטאָמאָל האָט זי דערזען בא ווענגראָווערן די צעעפנטע צײַטונג און אַף איינער פון אירע זײַטן אַ פאָטאָגראַפיע, אַף וועלכער עטלעכע אַלציינס אָנגעטאָנענע מענטשן, אין ווינטערדיקע היטלען, שטיוול, פּעלצלעך, האָבן אַרומגערינגלט לעם אַ באַראַק אַ יונגע פרוי. זי — סאַלקע! זי האָט אַרויסגעריסן בא ווענגראָווערן די צײַטונג און איז אַנטלאָפן — ניט צו די קלעצער, ווו ס׳האָבן, ווי פריִער, זיך געשפּילט די קינדער, נאָר אין דער אַנטקעגנדיקער זײַט, צו דער בירע.

אין הויף האָבן אַלע אין איין אויגנבליק זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און זיך געלאָזט לויפן נאָך סאַלקען. פון די שכיינישע שטיבער זײַנען אַרויס דערשראָקענע מענטשן, קינד־און־קייט.

אין דער בירע האָט זיך שטיל געפּליעסקעט דער אָפּדערנאַכט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אויפן ווײַטערן ברעג טיילט זיך אָפּ עפּעס אייביקס פונעם רוים און טרעט אַרײַן אין טײַך, ווי אַ באָרוועס קינד אין אַ ריטשקעלע. און ווען אויפן ברעג, וועלכער ציט זיך לענגאויס דעם הויף, האָט זיך באַוויזן, צוערשט איינע אַליין, סאַלקע, און זי איז אויך אַרײַן אין טײַך, ווי אַ קינד אין אַ ריטשקעלע, — דאַן האָט זיך געדאַכט, אַז זי און דאָס אייביקע גייען איינס דעם אַנדערן אַנטקעגן.

די בירע האָט שוין דערלאַנגט סאַלקען ביזן האַלדז, ווען אַנדריי איז דער ערשטער פון די לויפנדיקע אַרײַן אין וואַסער און גענומען זי אַרויסשלעפּן אויפן ברעג. זי האָט נאָכגיביק זיך געלאָזט האַלטן אונטער די פּאַכוועס און אַליין ניט געמאַכט די מינדסטע אָנשטרענגונג — ניט אַהין, ניט צוריק. זי האָט געהאַלטן צוגעשלאָסן די אויגן, און די פּיס אירע, אין וואָליקעס מיט אָפּגעשניטענע כאַליעוועס, האָבן זיך נאָכגעשלעפּט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ נאַסן שפּור אויף דעם צוגעטריקנטן ברעג־זאַמד. אין טײַך, אויף דעם עטוואָס ראָזלעכן פונעם זון־פאַרגאַנג וואַסער־פלאַך, איז פאַרבליבן, ווי אַ ברודנער פלעק, די צעווייקטע צײַטונג, אַרום וועלכער ס׳האָבן זיך צונויפגעקליבן פאַרבליבענע נאָך פונעם קריע־גאַנג פוילע העלצלעך, שטיקלעך אַלט בלעך, געלע בלעטער, צעשווענקטע לאַטקעס פון פערדישן נאַוואָז און אַנדערע אָפּפאַלעכצן.

אויפן ברעג האָט נעכעמיע איבערגענומען סאַלקען אויף זײַנע הענט. דאָס וואַסער איז אַראָפּגערונען פון אירע קליידער, און פון דעם איז אויך נעכעמיעס אָנטאָן נאַס געוואָרן.

פונקט ווי סאַלקע, האָט אויך נעכעמיע געציטערט מיטן גאַנצן לײַב. ווען ער האָט געשטעלט דעם ערשטן טראָט צום הויף, האָט זי אַ פּרוּוו געטאָן זיך אַראָפּגליטשן צוריק אין טײַך אַרײַן, נאָר ער האָט זי געהאַלטן פעסט צוגעדריקט צו זיך. דאַן האָט זי גענומען צאַפּלען און אָפּשלאָגן זיך פונעם טאַטן, ביז ער האָט זיך אײַנגאַנצן אַרויסגעשלאָגן פון די קויכעס און, זעענדיק, אַז אַרום זיי איז פאַרשלאָסן דער מענטשן־קרײַז, האָט ער זי אַוועקגעשטעלט מיט די פּיס אויף דער ערד.

סאַלקע האָט זיך אָנמעכטיק אַרומגעקוקט, ווי אַ פאַרמוטשעט און פאַרטריבן כײַעלע. ס׳האָט זי ווידער באַהערשט דער גלײַכגילט, און עס האָט זיך געדוכט, אַז די קינדערשע זאָרגלאָזיקײַט קערט זיך אום צו איר. אָט וועט זי זיך אַ דריי טאָן מיט גרויס ערנסט אויף איין אָרט און אַרויסרעדן: „עסטער־ראָכעלע, די פוליע וועט נאָר אַ פּיק טאָן״... ווען זי האָט אָבער אויפגעהויבן דעם קאָפּ צו די שטייענדיקע אַרום איר און גענומען אויסוּוישן מיט די נאַסע דלאָניעס דאָס אָנגעווייקטע אַלטע פּאָנעם, איז אַלעמען קלאָר געוואָרן, אַז זאָגן וועט זי איצט עפּעס אַנדערש.

— פאַלעק, — האָט זי שוואַך, אָבער מיט אַ שטײַפער אַנטשלאָסנקײַט אַרויסגעשטאַמלט, — נעם מיך און טראָג מיך אַוועק... אַזוי ווי דאָרטן...

פאלעק האָט זיך צעוויינט און גענומען אף זיך סאלקען. קאטיע, וועלכע איז געשטאנען דערנעבן, האלטנדיק ביידע הענט צוגעדריקט צו די שלייפן, האָט באמערקט, אז די טרערן בא פאלעקן רינען פון ביידע אויגן — פונעם לעבעדיקן און פונעם טויטן. סאלקע האָט ארומגעכאפט פאלעקן ארום האלדז און זיך צוגעטוליעט צו זײַן ברוסט. די מענטשן ארום זיי זײַנען געשטאנען דערשיטערטע. איינע האָבן געיאָמערט אף א קאָל, אנדערע, אפילע וועגגראָווער און גנאטיוק, האָבן, אָפקערעווענדיק זיך, געווישט די נאס געוואָרענע אויגן.

די לעצטע זײַנען פון דער בירע אוועק צום הויף יודאלעף, אנדריי און איוואן. זיי האָבן ווי נאָכגעטראָגן סאלקען עפּעס פונעם טײַך — אזוי זײַנען זיי געגאנגען, צוזאמענגעשלאָסן די אקסלען.

אין שטוב האָבן די ווײַבער איבערגעטאָן סאלקען אין טרוקענע קליי־דער און אויסגעבעט איר אף עסטער־ראָכעלעס דיוואן. לעם איר האָט זיך צוגעזעצט בלויז איינער פון דער גאנצער מישפּאָכע — דער טאטע.

ווען זי האָט זיך אײַנגעווארעמט אינעם בעטגעוואנט, האָבן אלע גע־מיינט, אז זי שלאָפט שוין. נאָר מיטאמאָל האָט זי זיך אופגעזעצט, און פו־נעם מויל האָט איר א שפּאר געטאָן א קנויל פארבאקן בלוט.

אין א פערטל שאָ ארום איז זי געשטאָרבן.

פערטש נאָוועלע

יעדערער בלײַבט אף זײַן אָרט

1

— געוויס וועט עס אויסזען מאָדנע, נאָר איידער איך וועל אײַך זאָגן, צוליב וואָס איך בין אהער געקומען, מוז איך א ביסל אָפּעטעמען. ברענ־גען אין אָרדענונג די נערוון. ניין, קיין גלאָז וואסער דארף מען ניט, עס וועט ניט העלפן...

— עפשער עפענען דאָס פענצטער?

— באומרויקט זיך ניט. כ׳וועל בלויז עטוואָס איבערכאפּן דעם אָטעם... גאָט מײַנער! צי האָב איך אפילע אין כאָלעם געקאָנט זיך אויסמאָלן, אז איך וועל ווען־עס־איז טרעפן — ווו? אין א ווינער האָטעל! — פאלעקס ברו־דער...

— מאדאם, דעם עמעס גערעדט, האָט אויך מיך פארכידעשט, וואָס גלײַך נאָך אונדזער קומען קיין ווין האָט פלוצלינג זיך באוויזן פאלעקס געוועזענע פרוי מיט זײַן זון...

— מע רופט מיך עספיר שאנאָווסקאַ.

— דאָס האָט איר מיר שוין געזאָגט אין טעלעפאָן. און איך ווייס אזוי אויך, ווער איר זײַט. בא אונדז אין דער מישפּאָכע פלעגט מען וועגן אײַך אָפּט ריידן...

— מע האָט ניט אויסגעמיטן צו ריידן וועגן מיר?

— ניין, אפילע דאן, ווען אונדזער עלטערער ברודער יודאלעף האָט אין בערלין געפונען אײַער אדרעס און איר האָט געענטפערט אף פאלעקס א בריוו, אז אלץ איז פארענדיקט...

— מײַן רוסישע שפראך איז נאָך פארשטענדלעך?

— יאָ, איך פארשטיי יעדעס וואָרט.

— כ׳האָב געבראכט צו אײַך צו פירן פאלעקס זון. א נאָמען האָב איך אים געגעבן — פעליקס... נאָך פאלעקן. זײַן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אין ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע, אָן דעם טאטן. איר זעט, א מין באָכער דאָס איז! עטלעכע כאדאָשים אָפּגעלעבט מיט אים אין א פּויליש דאָרף, ביז מע האָט מיך געכאפּט און פארשיקט קיין בירקענאו. פעליקסן האָט די אלטע פּאָליאטשקע איבערגעלאָזט בא זיך — קלוימערשט אירס אָן אייניקל...

— איר ווייסט אוודע ניט, אז קיין בירקענאו איז מיט די ערשטע רויטארמייער ארײַן פאלעק.

— פאלעק? אין בירקענאו! ער האָט דאָרט געפונען סאלקען? זי לעבט?

— סאלקע איז געשטאָרבן אין דער היים.

— אין בירָאָבידזשאן!

— ס׳וועט מיר שווער צו ריידן, ווען איר וויינט...

— איך בין אזוי אומגליקלעך, אזוי אומגליקלעך. סאלקע, זײַ מיר מויכל...

— פאַרוואָס פרעגט איר מער גאָרנישט וועגן פאַלעקן?
— איך האָב מוירע צו פרעגן...
— פאַלעק איז בלינד.
— בלינד!
— אויף ביידע אויגן בלינד... ער איז נאָך דער מילכאָמע געוואָרן א ליטעראַטאָר, שרײַבט ביכער. אין זײַן לעצטן בוך איז באַשריבן אַלץ, וואָס מיט אונדזער מישפּאָכע איז פּאַרלאָפן...
— אַנטשולדיקט, איך וועל זיך אָפּוועגדן אויף א רעגע. פעליקס פאַרשטייט ניט וועגן וואָס מיר ריידן, נאָר אַלציינס וויל איך ניט, ער זאָל זײַן דערבײַ. ווו איז אײַער טאָכטער? איר זײַנט דאָך געקומען קיין ווין מיט א טאָכטער...
— זי איז אַרויסגעגאַנגען אויף א מינוט צום פּאָרטיע. שאַט, אָט גייט זי צוריק. נאַטאַשע, דאָס איז דײַנס א שוועסטערקינד. איך האָב דיר דערציילט... מע רופט אים פעליקס.
— און די כאַווערטע איז זײַן מאַמע?
— איך בין געווען דײַן פעטערס ווײַב. לאָז, וועל איך דיך א קוש טאָן...
— הער אויס, שוועסטערקינד פעליקס! דו קאָנסט בלויז קוקן? צי עפּשער קאָנסטו ריידן אויך?
— איך פאַרשטעע ניכט, קוזינאַ...
— דו רעדסט ניט אויף רוסיש? א ביסל ווייס איך יידיש...
— איווריט?
— אין אונדזער מישפּאָכע רעדט מען ניט אויף איווריט. דו יו ספּיק אינגליש?
— אָאו, יעס.
— איר זעט, עספּיר, זיי וועלן זיך ווי־ניט־איז צונויפריידן. נאַטאַשע האָט אָקאָרשט פאַרענדיקט אין מאָסקווע אַן ענגלישע שול, זי וואָלט אָנגעקומען אין אינסטיטוט פון אויסלענדישע שפּראַכן, נאָר עס האָט זי א צי געטאָן צו סקולפּטור...
— און מײַנער... אַנטשולדיקט, איר הייסט, דוכט זיך...
— אַנדריי.
— זײַנט איר עס יענער קאַראַפּוז, וואָס האָט זיך טאָמיד געהאַלטן בא דער מאַמע עסטער־ראָכעלעס קליידל?..
— ווײַזט אויס, אַז דאָס בין איך...
— איצט — אַזאַ גוואַר, א קראַסאַוועץ... טײַערער אַנדריי! מײַן זון, זאָלט איר וויסן, רעדט אויף די אַלע שפּראַכן, ווײַל דאָס לעבן האָט אים געלערנט. פּויליש — די צווייטע מאַמע בייסן קריג. דײַטש, איווריט און ענגליש קען ער, ווײַל דער שטיפטאַטע פירט אונדז אַרום אין אָט די לענדער...
— דערלויבט אײַך פרעגן: ווער איז אײַער מאַן?
— באַלד, באַלד... די קינדער... איר האָט דאָ א צווייטן צימער?
— נאַטאַשענקע, קאָנסט גיין מיט דײַן שוועסטערקינד אין צווייטן צימער. דאָרט איז אין שאַפּקעלע פאַראַן שוואַרצער רויג און דאָס געבעקס,

וואָס די מאַמע האָט אונדז מיטגעגעבן... די פּלעשער זײַנען ניט פּאַר אײַך... אועל, גאָו טו דע נעקסט רום... (נו, גייט אין צווייטן צימער...).

— פּאַפּאַ, דעם פּאָרטיע האָב איך איבערגעגעבן אין דײַן נאָמען, אַז ווען דיעדושקאַ מאַרק וועט זיך באַווײַזן אין האָל פון האָטעל, זאָל ער ניט אַרופגיין אינעם נומער, בעסער צוּוואַרטן אונטן, ביזוואַנען מיר וועלן צו אים אַראָפּגיין.

— אַ דאַנק. נו, און איצט גייט, קינדער.

— קאָם אָן... (קום).

— אָ קעי. העוו ע ליטל טאָק (גוט. לאָמיר אַ ביסל זיך דורכריידן).

— וועגן וועלכן דיעדושקאַ מאַרק רעדט זי?

— וועגן מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווערן. איר דאַרפט אים געדענ־גען פון ביראָבידזשאַן...

— ער איז געווען עפּעס אַ נאַטשאַלניק אין ראיאָן...

— יאָ, געווען.

— לעבט ער נאָך?

— ער אַליין ענטפערט געוויינלעך אויף דער פראַגע, אַז בײַ אַ קראַנקן פרעגט מען ניט וועגן געזונט, און אַז כראָניש־קראַנקע לעבן איבער כראָ־ניש־געזונטע... יאָ, מאַרק גריגאָריעוויטש האָט שוין צעביטן דעם נײַנטן צענדליק...

— און וואָס טוט ער דאָ אין עסטרײַך?

— געקומען אויף אַ קאָנגרעס פון היסטאָריקער. דאָס האָט ער טאַקע אונדז אײַנגערעדט, מיר זאָלן נעמען טוריסטישע פּוטיאָווקעס און מיט אים צוזאַמען צופאָרן קיין ווין, קעדיי דאָ באַגעגענען מײַן טאַטן. אַגעוו, איר ווייסט ניט, ווען עס קומט אָן דער אַעראָפּלאַן פון טעל־אוויוו?

— איך בין שוין לאַנג ניט געפלויגן פון ישׂראל.

— אײַער מאַן איז פון דאָרטן?

— ער איז אָנגעשטעלט דאָ, אינעם ווינער סאָכנוט. בײַ אײַך אין דער מישפּאָכע מוז מען ווייסן וועגן אים. מאַזאָר איז זײַן פאַמיליע. כילוש מאַ־זאָר... די פאַמיליע פון מײַן מאַן, זאָג איך, איז מאַזאָר. ער האָט געלעבט אַ קורצע צײַט אין ביראָבידזשאַן... וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר?

— מאַזאָר האָט דערהאַרגעט סאַלקען!

— איר האָט דאָך ערשט געזאָגט, אַז זי איז געשטאָרבן אין דער היים...

— מאַדאַם, אין בירקענאַו זײַנט איר געזעסן אין איין באַראַק מיט סאַל־קען, און עס קאָן ניט זײַן, איר זאָלט ניט ווייסן, וואָס עס איז מיט איר פאַרלאָפן. אײַער קומענדיקער מאַן האָט איבערגעגעבן סאַלקען אין די הענט פון פערפּילאָוון, וועלכער האָט זי פאַרגוואַלדיקט, און פון דעם איז זי אַראָפּ פון זינען... סאַלקע האָט זיך מאַזאָרן ניט אונטערגעגעבן, און איר זײַנט געווען, ווי איך פאַרשטיי שוין איצט, יענע צווייטע פרוי, וועלכע איז אוועק מיט אים, ווען ער האָט איר צוגעזאָגט די פרײַהייט.

— ער האָט מיר געראַטעוועט מײַן זון! אײַער ברודערס זון!

— נו, און ווײַטער?

— ווײַטער איז ער אים געוואָרן אַ טאַטע. בײַ אײַך אין די אויגן בין איך שיר ניט אַ גאַסן־פרוי. נאָר איך בין געבליבן בײַ די דײַטשן מיט אַ

זויג־קינד אף די הענט. אַט איז אַף מײַן לײַב דער לאַגער־נומער. סאָלקען וואָלט דען גרינגער געווען צו שטאַרבן, ווען איך און מײַן קינד וואָלטן אויך ניט געלעבט?

— מיר האָבן דאָ גערעדט וועגן מאַזאָרן...

— מאַזאָר איז פעליקסן א טאַטע. ער האָט אים אופגעצויגן און זאָרגט זיך וועגן אים...

— הער אויס, פעליקס, אז מע וויל אזוי האָבן א טאַטן, זעצט מען זיך אוועק און מע שרײַבט אים אָן א בריוו...

— גלייב מיר, איך האָב אפילע ניט געוווּסט, אז איך האָב א טאַטן. די מאַמע מיט מאַזאָרן פלעגן זאָגן, אז מײַן טאַטע איז אומגעקומען אף דער מילכאָמע און איך דאַרף אים ניט דערמאָנען צום גוטן, ווײַל ער האָט אונדז אוועקגעוואָרפן, ווען איך בין געבוירן געוואָרן... ערשט איצט, בייס איר זײַנט אהער געקומען און כילוש האָט אונדז באַפוילן גיין צו אײַך, האָט מען מיר געזאָגט, אז דער טאַטע האָט זיך אָפּגעפונען, ער לעבט...

— פאַרוואָס האָט אײַך כילוש באַפוילן גיין צו אונדז?

— עפּעס שושקעט מען זיך וועגן דעם זיידן. מאַזאָר וויל זיך דערוויסן, וואָס דײַן טאַטע קלײַבט זיך טאָן אין דעם איניעַן... עמעס, קיין איינצל־הײַטן וויס איך ניט. די מאַמע מיט כילושן ריידן צווישן זיך אף רוסיש.

— דו האָסט אים ניט ליב, מאַזאָרן?

— איך האָב מוירע פאַר אים, איך האָב אים פײַנט!

— איך גלייב אײַך, מאַדאַם, אז כילוש מאַזאָר האָט פאַרביטן פעליקסן דעם טאַטן. אויב איר זאָגט עס, גלייב איך אײַך. אָבער דאָס קויפט דען אויס זײַן פאַרברעכן? לויט מיר, איז ער א נאַצי, מאַזאָר! אין סאָוועטנפאַר־באַנד פאַרמישפּעט מען אזעלכע צום טויט.

— מאַזאָר איז א פּאָליטישער קעגנער פון די סאָוועטן. ער איז אנט־לאָפן פון זיי און האָט קעגן זיי געקעמפט...

— און אויך איצט קעמפט ער?

— ניין, איצט איז ער אַן אָנגעשטעלטער אין סאָכנוט, פאַרנעמט זיך מיט אַרײַנפירן יידן קיין יִסראָעל, טאַקע פון רוסלאַנד... ער קעמפט איצט ניט, ניין... און וועגן דעם, אז ער איז א נאַצי, זאָלט איר אזוי ניט זאָגן. די נאַציס האָבן מיך אַרײַנגעוואָרפן אין בירקענאַו, און ער האָט מיך פון דאָרט אַרויסגעפירט...

— ער האָט געבראַכט צו פירן אהין מײַן שוועסטער. די געסטאַפּאָ האָט עס אים פאַרטרויט אָפּצוטאָן. ווער זשע איז ער, אויב אזוי?

— אַנדריי, איר זײַנט יונג, איר ווייסט בלויז בירָאָבידזשאַן און, קאָן זײַן, מאָסקווע... לעבט אָפּ עטלעכע יאָר אפּן מײַרעוו, וועט איר זען, אז אין קאַמף טויג אַלץ און אז אַלץ אין לעבן איז ניט אזוי פּאָשעט. מאַזאָר איז טאַקע א קעגנער פון די סאָוועטן, און ער האָט, עמעס, געהאַט צו טאָן מיט דער געסטאַפּאָ, אָבער צילן זײַנען בא אים געווען אייגענע. איר פאַר־

שטייט? ס׳איז געווען א קאמף מיט א סאך קאָלירן. מאזאָרס קאָליר איז געווען בלוי־ווײַס, ער האָט געראַטעוועט ייִדן... דורך דער געסטאַפּאָ גע־ראַטעוועט... יאָ, יאָ...

— סאלקען, און מיסטאמע נאָך פיל אנדערע, האָט ער דערמאָרדעט אויך ווי ייִדן. מײַן מאמע, מיליאָנען ייִדן זײַנען געטייט געוואָרן אין די גריבער און דושעגובקעס. און מאזאָר האָט אין דער זעלבער צײַט ארויסבאפרײַט פאר זיך איינע א ייִדישקע, אײַך! איך גלייב, אז אויך דעם טאטן אײַערן וואָלט ער אָפּגעראַטעוועט... קרוווישע נעשאָמעס!

— מײַן טאטע איז מיט מאזאָרס הילף אוועק קיין ייִסראָעל!

— און ווו איז ער איצט?

— פארוואָס דארפט איר עס וויסן?

— גלאט טשיקאווע...

— מײַן טאטע געפינט זיך איצט דאָרט, אין ייִסראָעל, ניט אין ווין...

— איר ווייסט דען ניט, אז אײַער טאטע האָט שיר־שיר אומגעבראכט פאלעקן?

— וויאזוי האָט ער זיך געקליבן אים אומברענגען?

— מיט רעכילעס... געשריבן בריוו אין די פארטיי־אָרגאנען. אוועק־פאָרנדיק פונעם לאנד, געלאָזט נאָך זיך א מעסירע אפן איידעם...

— אוי, גאָטעניו, פאָטער אין הימל...

— וויינט ניט, הערט אויס דעם עמעס...

— איך נייטיק זיך ניט אין אײַער עמעס! בא די קאָמוניסטן איז שטענ־דיק פאראן איין עמעס — זייערער! און איר... איר זײַנט דערצו נאָך א כוצ־פּעניק! פעליקס, פעליקס! לאָמיר גיין פונדאנען.

— פעליקס, די מאמע רופט דיך!

— שאַ! קלוימערשט איך הער ניט. זי האָט ליב מאכן סצענעס. ווען זי לאכט, לאכט זי אזוי לאנג, ביזוואנען זי צעוויינט זיך...

— אזוי גאָר?

— און פארקערט: וויינט, וויינט און פארגייט זיך מיטאמאָל אין א גע־לעכטער... ס׳איז מיר שוין דערעסן...

— רייד ניט אזוי וועגן דײַן מאמען...

— איך פארשטיי ביכלאל ניט, וואָס עס האָט זיך דאָ פארקאָכט פאר א קאשע...

— עס קומט אויס, פונקט ווי דו וואָלסט געווען אין אײַער מישפּאָכע א פרעמדער...

— וואָס דען בין איך, אן אייגענער? בא אונדז אין דער מישפּאָכע רעדט מען נאָר אין די ווינקעלעך. מע סוידעט זיך, ריידן הויך האָט מען גאָר מוירע. און הײַנט, אז עס זײַנען געקומען פון רוסלאנד קרוווים, איז מען שוין גאָר פריטשמעליעט געוואָרן. דער זיידע מיט מאזאָרן האָבן אונדז צוגעפירט צום האָטעל דורך א געסל, און אליין זײַנען זיי געבליבן זיצן אין דער מאשין, ווי גלײַך זיי וואָלטן זיך אויסבאהאלטן...

— דײַן צווייטער זיידע, דער מאמעס טאטע?

— יאָ, דער זיידע יאַנקעוו... און דער זיידע נעכעמיע איז אונדזער ביידנס זיידע, דײַנער און מײַנער... איך האָב אים געזען אין טעל־אוויוו, ווען ער איז אַהין געקומען. מיר האָבן אים באַגעגנט אין אעראָפּאָרט לאָד. ביידע זיידעס געפעלן מיר ניט...

— אוי, וואָס רעדסטו? דער זיידע נעכעמיע, איך האָב אים אַזוי ליב!

— דער זיידע נעכעמיע האָט גערעדט מיט אונדז ווי אַ מענטש בלויז אין סאַמע אָנהייב, באַם אָנקומען אין לאָד. שפּעטער האָב איך אים גע־הערט בלויז זיך זידלען. די מאַמע מיט מאַזאָרן און דער זיידע יאַנקעוו האָבן הינטער די אויגן אים גערופן באַלעגאָלע. איך האָב עטלעכע מאָל געפּרוּווט זיך מיט אים דורכריידן, נאָר דעמלט איז ער שוין געווען, ווי מע זאָגט, אויוועראַבאָטל. געשוויגן און געווײנט. געוויינט און געשוויגן...

— מײַן זיידע נעכעמיע... מײַן אָרעמער זיידע... הער מיך אויס, פּע־ליקס! קום מיט אונדז אים הײַנט באַגעגענען! וועסט זען, וואָס פאַר אַ זיידן מיר האָבן...

— נאַרישע קוזינאַ... איך האָב דאָך דיר ניט געזאָגט, פאַרוואָס איך האָב פײַנט דעם צווייטן זיידן, יאַנקעוון...

— זאָג.

— ער און מאַזאָר זײַנען איין קאָמפּאַניע. איך האָב נעכטן אונטערגע־הערט, ווי די מאַמע האָט צו זיי געשריגן: באַנדיטן! ס'איז אײַך ווייניק, וואָס איר האָט דעם אַלטן נעכעמיע פאַרנאַרט קיין ייִסראָעל!..

— פאַרנאַרט קיין ייִסראָעל?

— נו, יאָ.

— אַזוי האָט זי געזאָגט?

— אַזוי געזאָגט. מאַזאָר האָט זי אַרויסגעשטופּט פונעם צימער. דער־נאָך האָט דער זיידע יאַנקעוו אַ רוף געטאָן אַן אָנגעשטעלטן פונעם לאַ־גער...

— פון וועלכן לאַגער?

— פון שענאַו. דאָ הינטער ווין איז פאַראַן אַן אַמאָליקער פּאַלאַץ... שענאַו... עס שטעלן זיך דאָרט אָפּ די ייִדן פון רוסלאַנד, וועלכע פאָרן קיין ייִסראָעל... מײַן זיידע יאַנקעוו שאַנאָווסקי איז דאָרט באַלעבאָס... ער און מאַזאָר, ביידע טוען זיי איין זאַך.

— זיי זײַנען אין איין קאָמפּאַניע...

— יאָ.

— וואָס זשע האָט דײַן זיידע יאַנקעוו געזאָגט דעם אָנגעשטעלטן פונעם לאַגער?

— ער האָט אים באַפוילן ניט צולאָזן קיינעם צום אַלטן נעכעמיע טשאָרניצער...

— איך פאַרשטיי ניט...

— נאַרישע קוזינאַ...

— נאַרישע קוזינאַ, נאַרישע קוזינאַ... דו זאָג מיר בעסער, ווו עס גע־פינט זיך איצט דער זיידע נעכעמיע.

— פּינקטלעך ווייס איך ניט, נאָר נעכטן האָב איך אונטערגעהערט, אַז דער זיידע נעכעמיע איז שוין דאָ, אין ווין, און אַז מע האָט אים אַריבער־

געפירט קיין שענאו... שטיי, שטיי, וווהין לויפסטו? ביסט פון זינען אראָפּ, קוזינא! אויב זי וועט זיך דערוויסן, די מאַמע, אַז איך האָב דאָס דיר געזאָגט, וועט מען מיך פּאַשעט דערהארגענען!

— איך מוז וואַרענען דעם טאַטן.

— דאָס וועסטו טאָן, ווען מיר וועלן אוועקגיין פונדאַנען...

— נו, מיילע. איך בין געקומען צו אײַך מיט גוטן. זיך דערוווּסט בא א רוסישן כאווער, אַז צווישן די טוריסטן איז פאַראַן פּאַלעקס ברודער, בין איך געקומען צו אײַך. און איר האָט זיך צערעדט ווי א פּראָקוראָר. איז רעדט, רעדט...

— מיט אײַך איז איבעריק צו ריידן. מע קאָן מיטפּילן אײַער גורל...

— מײַן גורל... מײַן גורל איז ניט אין מײַנע הענט.

— אין מײַנע געוויס ניט.

— סײַדן איר וועט מיך צוריק אַראָפּברענגען קיין בירא̄בידזשאַן.

— אָ, מאַדאַם, איר זײַנט א מייוון אף הומאָר...

— פאַרן קאָמפּלימענט א דאַנק. איך מוז זיך מודיע זײַן, אַז וועגן בירא̄בידזשאַן טראַכט איך אָפּט. עס ווילט זיך וויסן, וויאַזוי די שטאָט זעט הײַנט אויס...

— איך ווין אין מאָסקווע. דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען אין בירא̄בידזשאַן מיט זעכצן יאָר צוריק, אין פיר־און־פופציקסטן. די גאַנצע מישפּאָכע אונדזערע איז זיך צונויפגעפאָרן. געקומען איז אויך וועגנראָווער. אַזאַ טראַדיציע איז בא אונדז געווען: אין יודאַלעפּס טאָג, אַלע עלף יאָר, פלעגט מען זיך צונויפקלײַבן. דאָס לעצטע מאָל איז געווען א גרויל... סאַלקע איז אין דעם טאָג געשטאָרבן... נו, און די מאַמע איז, פאַרשטייט זיך, אויך שוין ניט געווען...

— פיר און פופציק פּליוס עלף איז פינף און זעכציק... און אין פינף־און־זעכציקסטן איז אויך געווען בא אײַך יודאַלעפּס טאָג? מ'איז זיך צונויפגעפאָרן?

— ניין, מע האָט באַשטימט מער צוליב דעם ניט רופן די גאַנצע מישפּאָכע. אין יענער צײַט האָט דער טאַטע שוין אָנגעהויבן באַקומען פון ייִסראָעל בריוו, אַז עס לעבט די מאַמע. דעמאָלט האָט ער געוווינט בא אונדז אין מאָסקווע. פון דער אוקראַיִנע פלעגט קומען צו פאָרן וועגנראָווער, און ס'איז געווען הימל עפן זיך! וועגנראָווער פלעגט שרײַען, אַז דער מאַמעס בריוו זײַנען א שפּיצל פון די ציִעניסטן, און דער טאַטע, ער האָט געגלייבט...

— פאַרוואָס טאַקע ניט גלייבן?

— די בריוו זײַנען געווען געשריבן ניט מיט דער מאַמעס האַנט...

— אָבער זי האָט דאָך אויך פריִער קיינמאָל אירע בריוו אַליין ניט געשריבן. שוואַך געווען אין דער איוורע.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס? ווער האָט עס אײַך דערציילט?

— איך בין געווען אײַער ברודערס ווײַב. שרײַט ניט אַזוי!

— הער מיך אויס, קוזינאַ! גיס מיר אָן נאָך אַ ביסל. איך בין אַלט נײַן און צוואַנציק יאָר, קוראָוואַ טוואָיאַ מאַטקאַ! און איך האַלט זיך נאָך אַלץ בײַ דער מאַמעס קליידל. פאַרוואָס?

— ווײַל דו אַרבעטסט ניט אין ערגעץ. מיסטאַמע דערפאַר. בײַ אונדז ביסטו שוין לאַנג אַרויס פֿונעם קאָמיוגישן עלטער...

— וואָסער עלטער, וועלכער עלטער, דאָנערוועטער! איבעראַיאָר, נאָך דרײַסיק, וועל איך שוין זײַן אַן אַלטער, קיינער וועט מיך ניט נעמען אויף אַרבעט. קיין געלט האָב איך ניט! אַלץ איז בײַ מאַזאָרן אין טײַסטער. און איך האַלט זיך בײַ דער מאַמעס קליידל... גיב נאָך אַ קאַפּל!

— דער טאַטע האָט ניט דערלויבט. נו, איין קליין ביסעלע, און גענוג. זע, האַלט זיך אין די הענט, מע זאָל ניט שטאַרק באַמערקן. דו זאָגסט, אַז בײַ אײַך אין שטוב פֿלעגט מען שרײַבן בריוו צום זיידן קיין רוסלאַנד...

— נו, יאָ. געוווּן אויף דער וועלט אַ באָבע עספּיר־ראַכעל... מע האָט זי גערופֿן אַזוי ווי מײַן מאַמען, נאָר מיט אַ צוגאָב... ראַכעל... איז כאָטש מע האָט זי אין רוסלאַנד דערהאַרגעט, האָט עס קיינער מיט די אייגענע אויגן ניט געזען. פאַרקערט, מע האָט געזען זי אַרומגיין אַ לעבעדיקע, און צי מע האָט זי דערשאָסן, צי ניט, איז נאַ — אַ פּײַג... אָבער מאַזאָר, ער האָט עס גוט געוווּסט. יאָ. די באָבע עספּיר האָט מען דערהאַרגעט!

— רעד שטילער... וואָס זשע איז פֿון דעם געדרונגען?

— פֿון דעם איז געדרונגען, אַז די מאַמע עספּיר האָט געשריבן בריוועלעך פֿאַר דער באָבע עספּיר... געשריבן: קום, זיידע נעכעמיע, קום צו אונדז צו פֿאָרן. כײַ־כײַ־כײַ!.. קום, באָלשעוויקעלע! קום צו דײַן ווײַבעלע! מירן דיר העלפֿן זיך טרעפֿן מיט איר... אויף יענער־וועלט. כײַ־כײַ־כײַ!.. קו־זינאַ, גיב נאָך אַ ביסל...

— זאָג, מע האָט געוואָלט דעם זיידן דערהאַרגענען?

— ניין, קיינער האָט אים ניט געטשעפּעט. בלויז אים אַרויסנאַרן האָט מען געוואָלט... אַרויסנאַרן אים פֿון דאָרטן... אַרײַנאַרן אים אַהין... אַהער... פֿון דאָרטן...

— צוליב וואָס? צוליב וואָס?

— גיב נאָך אַ ביסל... דער זיידע נעכעמיע האָט געשוויגן און געוויינט... דער זיידע יאַנקעוו האָט וועגן דעם זיידן נעכעמיע גערעדט מיט מאַזאָרן בלויז אויף רוסיש... די מאַמע האָט געשריגן... באַנדיטן! קוזינאַ, גיב נאָך אַ קאַפּל...

— מאַדאַם, איך האָב אײַך שוין געזאָגט, אַז געקומען בין איך קיין ווין צו באַגעגענען מײַן טאַטן, וועלכער קערט זיך אום אַהיים פֿון ייִסראָ־על. זאָגט, איר קענט מיר מיט עפּעס העלפֿן? עפּשער איז אײַך אין סאָכנוט באַוווּסט, מיט וועלכן רעיס ער פֿליט? ווען קומט דער לײַנער אין אַעראָ־פּאָרט שוועכאַט? איר ווייסט ניט? איז זײַט מיר מויכל, מער האָב איך ניט קיין צײַט...

— אַנדריי, טרײַבט מיך ניט אַרויס, איר וועט נאָך דאַרפֿן אָנקומען צו מיר...

— צו איַך אָנקומען? איר ווייסט עפּעס אַזוינס, וואָס מיר איז עס ניט באַוווּסט?

— אַנדריי, איך האָב ניט געוואָלט זיך מיט איַך קריגן... איר זייַנט געווען אין דער מילכאָמע אַ פּאַרטיזאַנער...

— יאָ, געווען אַ פּאַרטיזאַנער. פאַרוואָס פרעגט איר עס?

— איך פרעג ניט, איך זאָג. מייַן מאַן האָט מיר דערציילט, אַז איבער אַ צופאַל האָט ער זיך אָפּן פראַגנט ניט געטראָפן מיט איַך און מיט וועני־גראַווערן, און דאָס האָט אים געראַטעוועט דאָס לעבן...

— דאָס, וואָס ער האָט זיך ניט געטראָפן מיט מיר, איז גאָרניט אַזוי וויכטיק. איך בין דאַן געווען אַ קליין יינגל, אַ פאַרבינדלער בײַ די פּאַר־טיזאַנער. אָט מיט מארק גריגאָריעוויטש ווענגראָווערן, ווען מיט אים וואָלט זיך דעמלט געטראָפן מאַזאָר... צי ווייסט איר, אַז מאַזאָרס אַ פרייַנטל, פּערפּילאָוון, האָבן מיר אין אַ קלאָזעט דערשאָסן?

— דאָס קאָנט איר.

— דער פּאַשיזם, מאַדאַם, איז אָף אונדז געגאַנגען ניט אַליין, מיט אים איך איין וואָגן איז געזעסן וואָס אין דער קאָרט. די רויטע אַרמיי האָט איבערגעקערט אָט דעם וואָגן מיט די רעדער אַרויף און פון דאָרט אויסגע־טרייסלט די גאַנצע אומריינקייַט. מאַדאַם, עפּנט מיר דעם סאָד פאַרן אָפּ־געזעגענען זיך: וואָס האָט איר געהאַט אין זינען מיר צו זאָגן, קומענדיק אַהער אין האָטעל?

— איינער אַ מענטש האָט געוואָלט איַך פאָרלייגן צו טרעפן זיך מיט אים...

— מאַזאָר?

— קאָן זייַן. פאַר מיר איז איצט אָבער קלאָר, אַז איר וועט ניט וועלן זיך זען מיט מאַזאָרן... אָבער וואָס טומלען זיי דאָרט אַזוי, די קינדער? פעליקס! פעליקס!

— היי, מאָם! שטעל אונטער דאָס מויל, אָט איז וואַדקאַ!

— ער איז שיקער! נאַ! נאַ דיר אין דער מאָרדע! שווייַן...

— מאָם, כאַפּסט מיט דער פלאַש אין קאָפּ אַרייַן!

— זי האָט אים אָנגעפּויעט! כאַוועראַנדריי!

— מאַדאַם, באַרויקט זיך. כ׳וועל זיך באַלד אַליין דערוויסן, וואָס דאָרט איז געשען. נאַטאַשע! קום אַהער נעענטער!

— שיק זיי אָפּ, פּאַפּאַ. מירן רעדן שפּעטער.

— נאַטאַליאַ!

— פּאַפּאַ.

— נו, מאַדאַם, שוין צייַט. שוין צייַט... איך גלייב, אַז אונטן וואַרט מען אָף איַך... נאַטאַשע, עס קלינגט דער טעלעפאָן. נעם אין צווייטן צי־מער דאָס טרייַבל...

— קום, בענאָק. שטעל אוועק דאָס פלעשל און פשאָל וואָן, מיט דייַן מאַמען אייניינעם...

— העלאָ! קוזינאַ! שאַלאָם!

— נו, דאַנקען גאָט, אוועקגעגאַנגען... ווער האָט געקלונגען אין טע־לעפאָן?

— דיעדושקאַ מאַרק.
— ס'איז עפּעס געשען?
— ער האָט זיך אין דער פינלענדישער געזאַנדשאַפט פאַרהאַלטן, וואָרנט ער. אין היינטיקן אַעראָפּלאַן פון דער קאָמפּאַניע „על־אל" איז ניט פאַראַן אין די צעטלען קיין פּאַסאַזשיר מיט דער פאַמיליע טשאַרניצער. מע האָט געקלונגען אין דער יִשׂראלדיקער געזאַנדשאַפט און געבעטן אַ זוך טאָן אין די צעטלען פונעם נעכטיקן רעיס, נאָר נעכטן איז אין „על־אל" אַיין פּאַסאַזשיר געשטאָרבן אין וועג, האַלט מען דערווייל דעם גאַנצן איניען אין געהיים. ס'איז שווער צו דערגיין אַ טאָלק...
— ווער איז געשטאָרבן אין וועג?
— ווייזט אויס, אַ דאָרטיקער טוּישעוו. זיין פאַמיליע איז אַ העברעיִשע... פּאַפּאַ, און באַגיין זיך אָן פאַרמיטלער קאָן מען ניט? נו, זיך ווענדן גלייך אין דער געזאַנדשאַפט פון יִשׂראל...
— ניין, טאָכטער. זינט דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע זיינען די דיפּלאָמאַטישע באַציִונגען מיט יִשׂראל איבערגעריסן. מיר קאָנען עפּעס טאָן בלויז מיט דער הילף פון דער פינלענדישער געזאַנדשאַפט.
— מוזן מיר וואַרטן אָפן דיעדושקאַ ווענגראָווערס אַ נייעם קלונג...
— און דערווייל דערציל, וואָס עס איז דאָרט בא אייך געשען.
— זייער וויכטיקס, פּאַפּאַ! די זאַך באַקומט גאָר אַ נייעם קער...

2

פּונקט אין דער זעלבער מינוט, ווען בא דער זייט פונעם האָטעל „סטעפּאַני", אין הינטערגעסל, האָט די צעיאַכמערטע, שטאַרק פאַרשוויצטע עספּיר שאַנאָווסקע, מיט דער הילף פון אַ באַיאָרטן, שוואַרץ־באַברילטן מאַנצבל, געהאַלטן באַם אריינשטופּן פּעליקסן אין אַ צעפּראַלטן אָף ביידע זייטן פּאָלקסוואַגען, — האָט לעם דער אריינגאַנגס־טיר פון האָטעל, וועלכער קומט אויס דאָס פּערטע הויז פון דער קירכע „סטעפּאַני", זיך אָפּגעשטעלט אַ „וואָלגע" מיט אַ דיפּלאָמאַטישן נומער. מאַרק גריגאָריעוויטש ווענגראָווער האָט אָפּגעדאַנקט דעם צווייטן סעקרעטאַר פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט גנאַטיוקן פאַר דעם, וואָס ער האָט אים געהאָלפן אַזוי שנעל זיך דערקלייבן צו דער פינלענדישער געזאַנדשאַפט און דאָרט געוואַרט אָף אים, ביז ער האָט דערליידיקט זיין איניען. די מאַשין איז אָפּגעפאָרן, און ווענגראָווער האָט, אריינגייענדיק אין האָל פון האָטעל, געבעטן דעם פּאָרטיע, ער זאָל ארויסרופן אַ טאַקסי און וואָרענען דעם שאָפער, אַז עס שטייט פאַר אַ רייזע אין אַ פאָרשטאָט, און מע וועט זיך דאָרט פאַרהאַלטן אַ שאָ צייט, אויב ניט מער. דער פּאָרטיע האָט ארויסגעברומקעט זיין געוויינלעכן „יאַוואָל" און דערביי דערציילט דעם הער פּראָפעסאָר, אַז די יונגע פּרויליין פונעם נומער דריי הונדערט ניין און זעכציק האָט מיט אַ האַלבער שטונדע צוריק געבעטן פאַרהאַלטן אים, דעם הער פּראָפעסאָר, אין האָל, ווייל אינעם נומער זיינען געווען געסט, און איצט האָט זי זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אַהער מיט דער ווינדע, כאָטש מע האָט געקאָנט אַלץ איבערגעבן דורכן טעלעפאָן, וואָס דאָס איז פיל באַקוועמער,

און זי האָט אויכעט, פון איר זײַט, געבעטן ארויסרופן א טאַקסי. וועגראָווער האָט געענטפערט דעם פּאַרטיע, אז אויב אזוי, שאַפט ער אָפּ זײַן פּאַראַרדענונג. ער האָט זיך אופגעהויבן אפן דריטן שטאָק. ס'האָט לאנג ניט געדויערט, און ער האָט זיך אומגעקערט צוריק אין האָל אין דער באַגלייטונג פון אנדרייען און נאַטאַשען. דער שאָפער פון דער טאַקסי האָט שוין געוואַרט אף זיי.

ס'איז געווען אן ערעוור־אָסיענדיקער ווארעמער טאָג. ווין איז געלעגן וואָכעדיק־גרוי, ניט צוגעקליבן, ענלעך צו א גאָרטן, אין וועלכן מע האָט ערשט אראָפּגענומען די גערעטעניש. אפילע אף קערטנערשטראַסע, וווּהין די מאַשין האָט זיך גלײַך פאַרנומען, דורכפאָרנדיק און אָפּגעריבן בריקל איבערן דונײַ־קאַנאַל, אפילע אף אָט דער אריסטאָקראַטישער גאַס האָט גאָרנישט ניט געקאָנט קאָמפּענסירן די אָפּוועזנהײַט פון דער שײַן־רעקלאַמע, וואָס אין אָוונט טוט זי געוויינלעך אָפּ מיט די אַלטע מויערן דעם זעלבן קישעף, וואָס עס טוט אָפּ דאָס זומערדיקע גרינוואַרג מיט אן איינפּאַכן ברעטלדיקן פּלויט ארום א גאָרטן.

דאָרט, ווו קערטנערשטראַסע גייט ארויס אף רינגשטראַסע, האָט די מאַשין פאַרקערעוועט צום שוואַרצענבערג־פּלאַץ און, דורכפאָרנדיק לאַנגזאַמער פאַרבײַ דעם דענקמאָל די געפאַלענע סאָוועטישע סאָלדאַטן, ווידער זיך פאַרנומען אף לינקס, צום הויז פון דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, ווו וועגראָווער, ארויסשטעלנדיק זײַן זקייניש קערפּער אפן טראָטואַר, האָט בייסמײַסע אײַנגעטײַנעט דאָס מיט אנדרייען, דאָס מיט נאַטאַשען:

— קיין שום פּאַרטיזאַנישע געננג! הערסט, אנדריי? דו געפינסט זיך אין א פרעמד לאַנד, געדענק עס. און דו, נאַטאַשע, זיץ אין אווטאָמאָביל, ביז דער טאַטע וועט זיך אומקערן. אויב ס'וועט געדויערן מער פון א שאָצײַט, געפינסטו א טעלעפאָן־אווטאָמאַט און קלינגסט אָן וולאַדלען איוואַנאָוויטש גנאַטיוקן, איך וועל זײַן בא אים...

אָנשפּאַרנדיק זיך אף א מאַסיוון שטעקן, איז וועגראָווער ארײַן אין דער געזאַנדשאַפט. אנדריי האָט אומגעדולדיק א זאָג געטאָן צום שאָפער:

— אַלזאָ, צום שלאָס שענבו...

די מאַשין האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט, צוריק צו רינגשטראַסע און ווײַטער — איבער גאַסן און פּלעצער, פאַרבײַ בולווארן, וואָס ביידע פּאַסאַזשירן, וועלכע זײַנען געזעסן שווײַגנדיק הינטער דעם שאָפערס פּלייצע, האָבן ניט געוווּסט, ווי־אזוי מע רופט זיי און וואָס פאַר א באַרימטע ווינער מויערן עס שטייען אף זיי.

אנדריי האָט געטראַכט, צי ער האָט ווי עס דאַרף צו זײַן געהאַנדלט בייסן שמועס מיט דער מאַדאַם שאַנאָווסקע. בלויז אין איין מאָמענט האָט ער, זעט אויס, זיך געקאָנט נויהעג זײַן אנדערש — ווען די מאַדאַם האָט א זאָג געטאָן, אז מאַזאָר וויל זיך מיט אים, מיט אנדרייען, באַגעגענען. ס'וואָלט אוודע ניט געשאַט, ווען ער זאָל געווען אף דעם אײַנגיין, באַזונדערס איז דאָס קלאָר איצט, ווען ס'איז באַוווּסט געוואָרן, וואָס פאַר א טײַוולאָנישע שפּיל עס ווערט געפירט ארום דעם אַלטן טאַטן, אָנהייבנדיק פונעם ארײַנאַרן אים קיין ייִסראָעל און ענדיקנדיק מיט דער געהיימניס ארום זײַן קומען קיין ווין. ס'האָט זיך אפילע באַקומען אזוי, אז די באַגע־

גענויש מיט מאַזאָרן מוז פאַרקומען, ווײַל מאַזאָר און זײַן שוועד שאַנאָווסקי זײַנען דאָך זיכער די, וועלכע האָבן פאַרקאָכט די גאַנצע קאַשע. אָבער אין דער זעלבער צײַט זײַנען אין אַזעלכע פאַלן דערלאָזבאַר בלויז באַגעגע־נישן, וועלכע גייען דורך, ווי מע זאָגט, לויטן פּראָטאָקאָל, און דאָס איז די סיבה דערפון, וואָס אַנדריי פאַרט איצט אינעם סאָכנוט־צענטער שׂנאָו.

דאָס וויכטיקסטע איז — דערוויסן זיך, וואָס עס האָט פאַרטראַכט מאַ־זאָר, צי איז עס קליינלעכע נעקאָמע פון אַ מעטורעף, צי עפּעס אַ טייל פון עפּעס אַ פּלאַן? ווער שטייט הינטער מאַזאָרן און שאַנאָווסקין? ווען אַנדריי האָט וועגן די דאָזיקע פראַגן געפּרוּווט אָקאָרשט זיך דורכשמועסן מיט ווענגראָווערן, האָט ער דערהערט אַ קורצן ענטפער:

— אויב עס זײַנען דאָ פאַראַן סוידעס, פירט זיי מיט זיך אין „על־אל" דײַן טאַטע...

פאַרשטענדלעך, אַז דער ניַינציקיאַריקער נעכעמיע טשאַרניצער האָט ניט געקאָנט אַצינדער אַרויסרופן אַן אינטערעס צו זיך באַ די, וואָס שטייען הינטער מאַזאָרן און שאַנאָווסקין. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים עטוואָס אויסגעטיילט פון די טויזנטער מענטשן, וועמען זיי האָבן געשלעפּט מיט אַלע קויכעס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִסראָעל, ניט ווייסנדיק אליין, וואָס מיט זיי דאָרט צו טאָן, איז געווען זײַן שײַכעס צו בירָאָבידזשאַן און צו סאַלקען, אין פאַל, אויב די ייִדישע געגנט וועט אויך איצט זיך אוועק־שטעלן ווי אַ ביין אין האַלדז די ציִעניסטן און ס'וועט אויסקומען נאָכאַ־מאָל צו דערמאָנען דורך דער פּרעסע, אַז זיי, די ציִעניסטן, ווייסן, וויאַזוי בירָאָבידזשאַן איז געגרייט געוואָרן אָף צו ווערן דאָס פאַרשיקונגס־אָרט פאַר די ייִדן אין רוסלאַנד, אַן איידעס דערפון איז די פאָטאָגראַפיע, אָף וועלכער מע זעט באַשײַמפּערלעך, וויאַזוי אַ דעפּוטאַטקע פונעם בירָאָביד־זשאַנער שטאָט־סאָוועט — סאַלקע טשאַרניצער, דעם אוילע נעכעמיע טשאַר־ניצערס טאָכטער — האָט איבערגענומען איינעם פון די קומענדיקע צוואַנגס־לאַגערן באַ די ענקאַוועדע־לײַט. די ייִדישע געגנט אין סאָוועטן־רוסלאַנד האָט אָבער נאָך אַלץ, ווי ביז איצט אין די לעצטע דרײַ צענדליק יאָר, ניט געדריקט אָף די לײַדנשאַפטן אין דער גלאָבאַלער ייִדן־פּאָליטיק. מע איז שוין צוגעוווינט צו זען אין איר אַ געגנט, ווי אַלע אַנדערע אינעם לאַנד, אויב ניט רעכענען די אויסגעשפּראָכן־נאַטירלעכע ספּעציפישקײַטן, און אַפילע די ציִעניסטן פאַרשטייען, אַז קעדיי אַרויסרײַסן אַ ייִדן פונעם רוסישן באָדן און אים איבערפלאַנצן אין ייִסראָעל, איז ניט גענוג צו פאַר־שוואַרצן אין זײַנע אויגן בירָאָבידזשאַן, וויכטיקער איז פאַרשלעפּערן אין זײַן האַרצן, כאָטש אָף אַ קורצינקער צײַט, דאָס געפיל פון צוגעבונדנקײַט צום גאַנצן לאַנד־סיידער.

רוסלאַנד איז פאַר אַן אָרטיקן געבוירענעם ניט בלויז באָדן, קלימאַט, לאָשן, ניט נאָר דערציִונג, אופהאַלט אין דער מישפּאָכע, טאַקאָנעס פון אַרבעט און פון אופירונג. ווער עס זאָגט, אַז רוסלאַנד איז — בערעזעס, ווייסט ניט, וואָס רוסלאַנד איז. בערעזעס טרעפן זיך אויך אין פינלאַנד, לעמאָשל, אין פּוילן. די בערעזע איז אין אַ גרויסן טייל פון רוסלאַנד ניט דער סאַמע אָפטער בוים, און אין היפּשע געגנטן זעט מען זי זעלטן. ס'איז אויך ניט גענוג צו זאָגן, אַז באַ אַן אָרטיקן געבוירענעם ליגט אין בלוט

רוסלאַנד בלויז נאָכן זיבעצנטן יאָר. מע קאָן זיך פאַרופן אויף אַן אַ צאָל ביישפּילן פון אַלע יאָרהונדערטער. אָך, ווי פּרימיטיוו איז בא אייניקע די פאַרשטעלונג וועגן רוסלאַנד ווי וועגן אַ גוטמוטיקן, פּראָסטן קיילעכיק־פּנעמדיקן, קליינענדיקן, ברייטנאָזיקן רובאַכע־באַכער. רוסלאַנד איז אַ סיידער פּונעם לעבן, אַ וועלט אַ גאַנצע. אין פּראַט פון מענטשלעכער פּסי־כיק איז אָט דער סיידער צום גוטן קאָנסערוואַטיוו — ער וויל ניט ווערן אַן אַנדערער. ס׳איז ניט מעגלעך, אַז אַ געבוירענער און אויפגעוואַקסענער אין רוסלאַנד, זאָל, אַרויספאָרנדיק פון דאָרט, ניט מוטשען זיך מיט אַן איינגעבוירענער בענקשאַפט.

טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט אַנדריי ניט באַמערקט, ווי פאַרביי דעם פענצטער פון דער מאַשין טראָגן זיך דורך שוין ניט קיין מאָסיווע מויערן, נאָר פרייליכע, געמיטלעכע שטיבלעך, יעדעס שטיבל — אַ באַזונדערער פּאַלוואַרק מיט געשניצטע ווערענדעס און גאַנעקעס, מיט בלומען־בייטן און אַספּאַלטירטע שטעגעלעך. אויף אַ רגע האָט דער דאַטשע־יישעוו אָפּגע־טראָטן דאָס אָרט פאַר אַ פריילעך וועלדל, און, אַרויסקוקנדיק פון דער מאַשין, האָט אַנדריי מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט נאַטאַשען פאַר דער האַנט און מיט גרויס כידעש אויסגעשריגן:

— זע, נאַטאַשענקע, אַ בעריאָזקע!

נאַטאַשע האָט ניט געוווּסט, וועגן וואָס עס האָט אין דער רגע גע־טראַכט איר טאַטע, און דעריבער האָט זי זיך אויך פאַרכידעשט, נאָר ניט פון דער בערעזע, ס׳האָט איר אויסגעזען מאָדנע, וואָס דאָס באַווייזן זיך פון אָט דעם בוים אין אַ וואַלדיק אָרט האָט געקאָנט אַרויסרופן אַזאַ כי־דעש.

עס האָבן זיך געדאַרפט צוזאַמענטרעפן און זיך איבערמישן די צוויי אין טאָך אַזעלכע פאַרשיידענע בלוט־ריטמען — דער סלאַווישער און ייִדי־שער, — קעדיי עס זאָל זיך פון דעם באַקומען אַזאַ באַדאַכטקייט אין נאַ־טאַשעס נאַטור, אַזאַ געמאָסטנקייט פון די צופלוסן און אָפּפלוסן אין אירע געפילן, וואָס עס האָט אויסגעזען אַזוי, ווי אין אָנהייב פון יעדער טועכץ אירער וואָלט געשטאַנען אַ זיפּעלע, אין וועלכן עס פאַרהאַלט זיך דאָס איבעריקע אינעם בלוט־געזאָד.

אַ געבוירענע אין מאָסקווע, אין אַ פּולן פינפיאָר אַרום נאָך דער וועלט־מילכאָמע, אַן אויפגעקומענע צום לעבן קימאַט שוין נאָך די פאַרדריסלעכע מאַנגלען אינעם שטייגער, איז נאַטאַשע, ווי דער גאַנצער דאָר אירער, גע־וואַקסן פרייער און אויסגעזען געזינטער, איידער די עלטערע אין דער מישפּאָכע. מע קאָן ניט זאָגן, אַז זי איז אין דער פאַרפונדעוועטער יוגנט געווען פריי פון זאָרגן פאַרן קאָלעקטיוו. די צוויי זומערס, וואָס זי האָט שוין באַוויזן דורכמאַכן אין קאָמיוגישע בוי־אַטריאַדן, און דער סעזאָן־אַרויספאָר אויף דער צעלינאַ, וווּ זי האָט אונטער ראָמאַנטישע לאָזונגען געהאָרעוועט, אָנהייבנדיק שיר ניט פונעם אַרויסלאָז־אַוונט אין שול און ביזן אָפּפאָרן, צוזאַמען מיטן טאַטן, אַהער קיין ווין, איצט, אַ וואָך פאַר די ערשטע לעקציעס אין אינסטיטוט, — די דאָזיקע לעבנס־עפּיזאָדן האָבן, אומ־באַמערקט פאַר די דערוואַקסענע, אַרופגעלייגט אויף נאַטאַשעס שוין פאַר־שווערטקטער מיט טאָגטעגלעכע פליכטן באַדאַכטקייט אָט די נוצלעכע לאַסט

פון דײַגעס פארן קאָלעקטיוו. אויך איצט האָט זי, פאָרנדיק איבער אַן אומ־באקאנטער לאנדשאפט, קלאָר זיך פאָרגעשטעלט דעם ברייטן באַטײַט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר: די מישפּאָכע טשאָרניצערס, וואָס נאטאשע איז אירער א נײַער גליד, מאכט איצט דורך אף איר וועג א ווייטעקפולן, נאָר אומבאַדינגטן אומבײַט, אזא, ווי סע איז אין דער באלעכאַזים־וועלט דער אומבײַט פון דעם פעל־פּוטער אָדער פון די הערנער. דאָס איז אָבער בלויז א פּראט. שוין מער־ווייניקער א האלבער יאָרהונדערט, ווי די מישפּאָכע טשאָרניצערס גייט דורך, טראָט נאָך טראָט, אלע ענדערונגען און אומ־וואנדלונגען, וועלכע פאלן אויס אף דער אָנגעשטרענגטער צײַט.

אויב צו דעם צוגעבן, אז איבער איין וועזנטלעכער סיבע שטייט זי, נאטאשע, גאנץ באזונדער אין דער מישפּאָכע,— זי איז, פּונקט ווי אירע שוועסטערקינדער פון יודאלעפס צאד, אף העלפט א ייִדישע, אף העלפט א רוסישע,— דאן קאָן מען פארשטיין, פארוואָס זי לעבט איבער אף איר אייגענעם אויפן דעם זיידנס אוועקפאָרן קיין ייִסראָעל.

זי דערמאָנט זיך, וויאזוי דאָס אלץ איז פאָרגעקומען. אין די לעצטע טעג האָט זיך פון סאראטאָוו אראָפּגעיאוועט קיין מאָסקווע נאטאשעס צווייטער זיידע, דער ייִנגערער, צוזאמען מיט דער באָבען און מיט עטלעכע פּעטערס און מומעס, און אויך אין די שאָען, ווען דער זיידע נעכעמיע פלעגט אוועקגיין פון שטוב — ער האָט שוין געהאלטן באם באקומען די פּאפּירן,— פלעגט מעןריידן צווישן זיך שטיל־שטיל, ווי אין א שטוב פון א טויטן. און בלויז ווען פון דער אוקראינע איז געקומען מארק גריגאָ־ריעוויטש ווענגראָווער, האָט מען דערהערט א הויך קאָל אין שטוב.

ווענגראָווער האָט, שווער אָפּעטעמענדיק, ווי ער וואָלט אהער, אפן צענטן שטאָק, זיך אופגעהויבן צופוס מיט די טרעפּ, אוועקגעשטעלט דאָס קליינע טשעמאָדאנדל לעבן ארײַנגאנג, אָפּגערוקט עס מיטן שטעקן צו דער וואנט און אליין זיך גוט אויסגעהוסט אין טיכל ארײַן, באקוקנדיק דערבײַ די פארזאָרגטע מענטשן אינעם ניט צוגעקליבענעם צימער. ווען קאטיע און נאטאשע זײַנען צוגעגאנגען, ער זאָל יעדע פון זיי א קוש טאָן, האָט ער דער מאמען, קאטיען, אונטערגעטראָגן זײַן שטעקן צו דער סאמע נאָז:

— וואָס ביסטו פאר א באלעבאָסטע! אלע זיצן הונגעריקע, איך זע ניט קיין איין פלעשל אפן טיש!

— מארק גריגאָריעוויטש, איר ווייסט דאָך...

— איך ווייס, איך ווייס... אָבער א קוש טאָן וועל איך דיך, ווען דו וועסט אָנטאָן דעם פארטעך און אויסשפּרייטן אפן טיש א טישטעך.

אנדריי האָט אים צוגערוקט א שטול, נאָר ער איז פריִער צוגעגאנגען צו יעדן אין צימער און באגריסט זיך בא דער האנט, דערנאָך זיך צוגע־זעצט צום טיש, ארומגענומען נאטאשען בא דער טאליע און אָנגעהויבן צו איר ריידן, האָבנדיק דערבײַ אין זינען, אז עס הערן אלע איבעריקע:

— דו, שיין בלאָנד מיידל! ווען איין זיידע דײַנער וועט, ווי געוויינ־לעך, זיך אומקערן צוריק קיין סאראטאָוו און דער צווייטער וועט מעשו־געהייט אָנשפּארן אזש קיין טעל־אוויוו, דאן וועט באקוועם זײַן אוועק־צושטעלן אף דײַן גורל די וויכטיקע פראגע: ווער זײַנען מיר, און וואָס קומט מיט אונדז פאָר אין סאָף פון די זעכציקער יאָרן? און ווען אין א

צײַט ארום וועט איין זיידע ווידער, ווי געוויינלעך, געבן וועגן זיך צו וויסן פון סאראטאָוו און דער צווייטער זיידע, דער מעשוגע־געוואָרענער, וועט, גאָט צו דאנקען, זיך אומקערן פון טעל־אוויוו צוריק אהיים, דאן וועט יעדערער זאָגן זײַן וואָרט און ס'וועט גרינג זײַן צו געבן אן ענטפער אף יענער וויכטיקער פראגע...

נאטאשע האָט ארויסגעוויזן איר נײַגעריקײַט:

— דיעדא מארק, ווער בין איך, זאָג מיר טאקע...

— דו, שיין בלאָנד מיידל, ביסט געבוירן געוואָרן בא טאטע־מאמע, בא וועלכע ס'איז קיינמאָל ניט געווען קיין פראגע ייִד — ניט־ייִד, ביזוואנען דײַן מעשוגע־געוואָרענער זיידע האָט עס צוגעטראכט...

ניט נאָר וועגנראָווערס באריידעוודיקײַט האָט דעמלט פארכידעשט נאָ־טאשען, ס'האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דער אויסזען זײַנער: ווי בייס א פײַערלעכקײַט — א פולע ברוסט מיט אָרדענס און מעדאלן און מיט גע־לע סטענגלעך, וועלכע באצייכענען, אז דער מענטש איז אין שלאכט גע־ווען פארוווּנדעט.

— צוליב וואָס די רעגאליעס? — האָט זיך נאָכגעפרעגט נאטאשע.

וועגנראָווער האָט געפרוווט אָפּקומען מיט א שפּאס:

— מע זאָגט, אז אין מאָסקווע קלײַבט זיך צונויף א פּאראד פון בא־רימער, בין איך שוין באצײַטנס אָנגעקומען אפן פּאראד...

— און אויב ריידן ערנסט, דיעדא מארק?

— אויב ריידן ערנסט, דו, שיין בלאָנד מיידל, וויל איך מיט דעם געבן צו פארשטיין דײַן זיידן, דעם אלטן אייזל, אז מע האָט ניט וויי ניק ארײַנ־געלייגט אין דער רוסישער ערד, מע זאָל מיטאמאָל נעמען און זי פאר־לאָזן!

פונקט ווי אלעמען אין דער מישפּאָכע, האָבן נאטאשען געאַרט מארק גריגאָריעוויטשעס צו שארפע רייד. פארנאכט, דעם זעלבן טאָג, האָט זי אים אפילע פײַנט געקראָגן, ווען ער האָט, קריגנדיק זיך מיטן זיידן נע־כעמיע, אים א שלײַדער געטאָן אין פּאָנעם ארײַן גראָבע ווערטער:

— יאָ, יאָ! ביז איצט, ווען מע פלעגט שמועסן וועגן פאָרן, אריבער־פאָרן אף א צווייט אָרט און דעסגלײַכן, פלעגסטו נעמען ריידן וועגן פערד, און האָסט זיך בעעמעס באוויזן ווי א מייוון, פאָרט אמאָל געהאנדלט מיט זיי. איצט אָבער, נעכעמיע, זע איך, אז דו אליין ביסט א פערד, און דו טופּעסט אהין, וווּהין סע טרײַבן דיך פרעמדע אָנטרײַבער...

נעכעמיע האָט ווי ניט געהערט די גראָבע רייד. ער האָט נאָך טיפער ארײַנגענומען דעם קאָפּ אין די אקסלען און געענטפערט מיט א טויב קאָל:

— מארק, דו ווייסט דאָך גוט מײַנע צוויי גלאָוונע פערד: דעם גלויבן, אז איך וועל קיינמאָל ניט פארלירן עסטער־ראָכעלען, און דעם גלויבן אין ביראָבידזשאַן... אָט, ביזוואנען איך בין ניט ארָאָפּגעפאלן פון די צוויי גלאָוונע פערד מײַנע, האָב איך ניט אויסגעזען אין דײַנע אויגן, ווי א פערד...

וועגנראָווער האָט א קלאַפּ געטאָן מיטן פויסט אין טיש:

— ביראָבידזשאַן לאָז אָפּ! איצט, אז דו לויפסט קיין ערעץ־ייִסראָעל, זאָלסטו, טשאָרניצער, ניט דערמאָנען כאָטש ביראָבידזשאַן! דאקעגן, ווען

דו ווּעסט א שמעק טאָן מיט דער אייגענער נאָז יי‎ִסראָעל, דאַן קום צו מיר און מירן אונטערסאכאקלען אונדזער ביידנס וויסן וועגן ביראָבידזשאַן... און וואָס איז שײַעך עסטער־ראָכעלען, זאָלסטו געדענקען וואָס איך זאָג דיר: איר קיוועור איז דאָ! איר געביין איז דאָ! איר נעשאָמע איז דאָ!

— לײַגסט, זי לעבט! — האָט זיך צעשרי‎ִען ניט מיט זײַן קאָל נעכע־מיע. די הענט האָבן אים געציטערט. ער האָט אויסגעזען ווי צעמישט. די עטלעכע גראָווע הערעלעך, וועלכע זײַנען אים פארבליבן עטוואָס העכער פונעם שטערן, זײַנען געווען נאָס פון קאַלטן שווייס. די אויגן, פארצויגענע מיט זעקעלעך, האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און פונעם אָנציינערדיקן מויל איז ארויס א קרעכץ:

— אָך, מארק... איך וויל פון קיינעם גאָרנישט... און אַף ביראָבידזשאַן ווארף איך דען, כאָלילע, א שאָטן? איך פאָר דאָך אוועק קיין יי‎ִסראָעל ניט פון ביראָבידזשאַן, נאָר פון מאָסקווע... מארק, שרײַ ניט אזוי... איך פאָר דען קיין יי‎ִסראָעל? איך פאָר צו עסטער־ראָכעלען, פאָר איך, מענטש איי־נער וואָס דו ביסט...

און שוין אינגאנצן מיט א ווייך קאָל, אונטערשמייכלענדיק, האָט ער דערציילט אַף טשיקאַוועס:

— איינער א יי‎ִד האָט מיר געזאָגט, אז איך זע אים אויס צו זײַן א באלעגאָלע, בא וועמען ס'איז געפאלן דאָס פערד... ניט איך, הייסט עס, בין פונעם פערד אראָפּגעפאלן, נאָר דאָס פערד אליין... כא־כא!

ווענגראָווער האָט ניט דערלאָזט, אז דער טאָן זאָל געלינדערט ווערן, און פאר נאטאשען איז עס געווען א באווײַז, אז ער האָט סטאַם קיין הארץ ניט. ער האָט אָפּגעמאָסטן דעם זיידן נעכעמיען פון קאָפּ ביז די פיס און געזאָגט, אופהייבנדיק זיך שווער פון דעם אָרט:

— עכע־כע... ניט אומזיסט זאָגט מען, אז ווען בא א באלעגאָלע פאלט דאָס פערד, ווערט ער א מעלאמעד...

און דאָך האָט נאטאשע ניט געקאָנט זיך באפרײַען פונעם קישעף, וואָס עס האָט, ווי שטענדיק, פארשפרייט ארום זיך אין אָט דעם שווערסטן טאָג פון איר לעבן דער דיעדא מארק, א פארגלייבטער אין קלאָרע עמעסן, אַן אָפּנהארציקער ביז גראָבקײַט, אליין צו זיך א שטרענגער און קארגער. דעם זיידן נעכעמיעס אוועקפאָרן האָט ארויסגערופן אין איר הארצן און אַף שטענדיק דאָרט איבערגעלאָזט א קנויל מיט פראגן, פאָרגעפילן און ספייקעס. און אכוץ דעם, האָט דאָס עמיגרירן פונעם זיידן קיין יי‎ִסראָעל א שפּאר געטאָן אַף איר אויך פון אַן אנדער זײַט, און זי האָט אפילע איצט, זיצנדיק אין דער מאשין, וועלכע האָט זיך געטראָגן איבער א פרעמד לאנד, אין אַן אומבאקאנטער ריכטונג, איבערגעכאזערט פון אלץ, וואָס עס איז אין יענעם טאָג געזאָגט געוואָרן, בלויז אָט די פראזע:

— דיעדא מארק, ווער בין איך, זאָג מיר טאַקע...

דער וועג איז ווידער אריבערגעגאנגען אין א גאס מיט שטיבער־פּאָל־ווארקן. די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַן אלטן פּלויט, א צונויפּ־געלייגטן פון ציגל און א געדיכט־ארומגעוואקסענעם מיט קראָפּעווע. די לעכער אינעם פלויט זײַנען געווען ערטערווײַז פארצויגן מיט שטעכלדראָט, אָדער פארלאטעט מיט ברעטער. ווען אנדריי איז ארויס פון דער מאשין,

קעדיי אַ קוק טאָן, וויאַזוי דורכצופּאָרן אַף יענער זײַט וואַנט, פּונוואַנעץ עס האָט זיך אַרויסגעזען דער אָפּגעבליאַקעוועטער בלעכענער דאַך און דער אייבערשטער טייל פֿון אַן אַלט־גרוי געבײַ, האָבן זיך מיטאַמאָל באַוויזן לעבן אים צוויי וואַכמענער מיט קאַבורעס פֿון פּיסטאָלעטן הינטער די ציווילע פּידזשאַקלעך, און איינער האָט קורץ אַ פֿרעג געטאָן:

— וואָהין?

אַנדריי האָט זיך אָנגעפֿרעגט, צי זיי רעדן רוסיש, און ביידע האָבן זיך צוערשט דערפֿרייט — וואָדען, זיי רעדן קיין רוסיש ניט? — נאָר גלײַך נאָך דעם האָט דער ערשטער, וועלכער האָט געפֿרעגט דעם דײַטשיש־יידישן „וואָהין", אַ שטאַרקן צי געטאָן אַנדרייען פֿאַרן אַרבל און סוידעספּול באַפֿוילן:

— סאָקאָליק, זאָג בעסער גלײַך, ווער דו ביסט און וואָס דו ווילסט. אויב ניט...

אַנדריי האָט אָפּגעשטויסן דעם וואַכמאַנס האַנט:

— האַלט זיך בײַ דײַן אייגענעם אַרבל, מײַנעם טשעפּע ניט.

— וואָס ווילסטו דאָ זען?

— איך זוך אַ טויער.

— אָט שטייסטו באַם טויער. ער איז הינטער די קוסטעס.

— הער אויס, בראַטאַק, וויאַזוי קומט מען דאָ צו עפּעס אַ נאַטשאַלניק?

— ביסט פֿון רוסלאַנד?

— ניט דײַן דײַגע. איך דאַרף אַ נאַטשאַלניק. אָט איז מײַן וויזיט־קאַרטל.

— ווײַז אַהער און וואַרט אַף אַן ענטפֿער.

אין אַ פֿערטל שאָ אַרום האָבן זיך ביידע וואַכמענער ווידער באַוויזן, און דער ערשטער, וועלכער האָט געפֿרעגט „וואָהין", האָט אַרויסגערעדט מיט אָפּשײַ:

— אַליין גאָספּאָדין מאַזאָר וויל אײַך זען...

3

כילוש מאַזאָר, אַ באַיאָרטער שוואַרץ־באַברילטער מאַנצבל, וועמען אַנדריי האָט קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען, נאָר ער האָט געהערט וועגן אים אַ סאַך, איז אופֿגעשטאַנען פֿון זײַן שטול, ווען אַנדריי איז אַרײַנגעקומען אין צימער, און, באַגריסנדיק אים מיט אַ נייג פֿונעם קאָפּ, ווי אַן עכטער דזשענטלמען, האָט ער, כילוש מאַזאָר, גענומען אַרויסבלאָזן פֿון זיך פֿאַרקײַלעכיקטע ווערטער. זײַן רירעוודיקע צונג, וועלכע פֿלעגט אַמאָל אין דער יוגנט קאַשערן דאָס וואָרט איידער די שטאַרקע ליפּן פֿלעגן עס אַרויסוואַרפֿן, האָט איצט ניט געהאַט קיין מעכיצע — די אייבערשטע ריי ציין איז אַף דער עלטער שיטער געוואָרן, און ס'האָט זיך באַקומען, אַז די צונג און די ליפּן באַגעגענען זיך באַם ריידן און זייערע טועכצן מישן זיך צונויף: די רייד קומען אַרויס סײַ פֿאַרקײַלעכיקטע, סײַ שפּעפּליאַווע.

אויסהערנדיק אַנדרייען, ווער ער איז און צוליב וואָס ער איז אַהער געקומען, האָט מאַזאָר געפּרוווט צוגעבן דעם שמועס געמיטלעכקײַט, און

צוליב דעם האָט ער פאַרגעלייגט זיך צוזעצן, נאָר אַנדריי איז געבליבן שטיין פֿײַנטלעך אין צווייטן ווינקל פונעם ענגן צימערל, לעבן דעם קײַ־לעכיקן, ווי אין אַ שיף־קאַיוטע, פענצטערל, און מאַזאָר האָט דאַן גאַנץ קאָרעקט אים מיטגעטיילט, אַז דער כאַשעווער זאָקן, וועמען מע האָט אין רוסלאַנד גערופן נעכעמיע טשאַרניצער, איז נעכטן, בײַסן איבערפֿלי פונעם לײַנער קיין ווין, ניפֿטער געוואָרן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, וועגן וואָס עס איז פאַראַן אַ פאָרמעלער מעדיצינישער פּראָטאָקאָל. אַנדריי האָט, הערנדיק עס, זיך געזשמורעט, ווי פון דער זון, קעדיי ניט צעוויינען זיך, און קוים מערק־באַר זיך געשאָקלט מיטן גאַנצן קערפּער, ווײַל אַנדערש וואָלט ער, ווי אים האָט זיך געדוכט, געפאַלן אין כאַלאַשעס. ס'איז שוין איינמאָל געשען מיט אים אַזוינס, דאַן, ווען די מישפּאָכע האָט זיך דאָס לעצטע מאָל צו־נויפגעזאַמלט אין בירעבידזשאַן, אפן האַלבן אינדזל, און נאַטאַשע, אָן איי־פעלע נאָך, איז אַרײַנגעלאָפן אין צימער און, שלעפנדיק אים צום פענצ־טער, אויסגעשריגן: „פּאַפּאַ, נאָך איין ברודערל... אין הויף"...— און ער האָט דערזען אין פענצטער סאַלקען... ס'האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, נאָר דערנעבן איז געשטאַנען יודאַלעף, וועלכער האָט אים אונטערגעכאַפּט אונטער די אָרעמס... דער טאַטע, טאַטע ער, דער טאַטע, איז דעמלט אַרויס־געלאָפן אין הויף און גלײַך זיך אומגעקערט צוריק, טראָגנדיק פרײַ אף די האַלב־אויסגעצויגענע הענט סאַלקען. אַלע אין צימער זײַנען פאַרבליבן אף זייערע ערטער, בלויז אַנדריי, וועלכער האָט מיט יודאַלעפס הילף שוין געהאַט צוגעזעצט זיך צום טיש, האָט זיך אופגעשטעלט פאַר סאַלקעס לײַדן, אַ בלאַסער און אויסערלעך אַ באַרויִקטער. יאָ, דאַן איז ער געשטאַ־נען פאַר סאַלקען, פאַר אירע אומענטשלעכע לײַדן. איצט אָבער שטייט פאַר אים דער אומענטש מאַזאָר, דער מערדער אויך פון זײַן טאַטן. ער וואָלט עפּשער געדאַרפט אים דערהאַרגענען, אָפּצאָלן אים דאָ אפן אָרט, נאָר אין קאָפּ האָט אַ קלאַפּ געטאָן, ווי מיט אַ האַמער: „קיין שום פּאַרטי־זאַנישע גענג. הערסט, אַנדריי? דו געפינסט זיך אין אַ פרעמד לאַנד. גע־דענק עס..."

אַנדריי האָט מיט גרויסע אָנשטרענגונגען אַרויסגעשטאַמלט:

— וווּ ליגט ער?

— מיר האָבן נאָך ניט געמאָלדן דער עסטרײַכישער מאַכט וועגן דעם צופאַל, דעריבער האָבן מיר דעם קערפּער אַריבערגעפירט אַהער, קעדיי באַשליסן, וווּ אים בערגענען צו קווורע, דאָ, אין ווין, אָדער אין דער הייליקער ערד אונדזערער...

— אײַער הייליקע ערד האָט ער פאַרלאָזן, און ער האָט געוואָלט זיך אומקערן אַהיים, קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. און באַשליסן, וואָס ווײַטער צו טאָן מיטן קערפּער פון מײַן טאַטן, וועלן מיר, זײַנע קינדער.

זאָגנדיק עס, האָט אַנדריי ניט געקוקט אף מאַזאָרן, און דעריבער האָט ער ניט געזען, אַז יענער האָט זיך צעשמייכלט, ווי אייגער זאָגט: דאָס וועלן מיר נאָך אַ קוק טאָן... אַנדריי האָט איבערגעכאַזערט די פראַגע:

— וווּ ליגט ער?

— איך האָב אײַך שוין געזאָגט: אין שענאַו.

— באַווײַזט מיר אים.

— אָ, דאָס איז אײַער רעכט.

זיי זײַנען ארויס אין א שמאָלן דורכגאנג, איבער וועלכן ס'האָבן זיך לענגויס די ניט־געטינקעוועטע ווענט געצויגן לײַכט־צוגעפעסטיקטע, צוליב צײַטווײַליקן באנוץ, עלעקטרישע דראָטן און גאז־רערן. לויט דעם און לויט די צוויי גראטע־פענצטערלעך, דורך וועלכע ס'האָבן זיך ארויסגעזען קופּעס בלעך, און שפּעטער אינעם הויף, האָט אנדריי ערשט איצט פארשטאנען, אז מאזאָר האָט אים אופגענומען אינעם קעלער־שטאָק פון דער געבײַדע, וועלכע איז אמאָל געווען א מיטלאלטערלעכער שלאָס, און איצט האלט מען דאָ ארויסגעוואנדערטע פונעם סאָוועטנפארבאנד יידן אף זייער וועג קיין יִשׂראָעל. טאקע דערפאר, וואָס ער איז גלײַך פון דער גאס ארײַן אין קעלער־שטאָק, האָט ער דאָ קיין לעבעדיקן נעפעש ניט געזען. אין עק פונעם דורכגאנג, לעבן דעם אײַזערנעם ספּיראלארטיקן לייטער, וואָס פירט אף ארויף, האָט מאזאָר אופגעשלאָסן א פאנירענע טיר, און זיי זײַנען ארײַן אין א פינצטער קעמערל. מאזאָר האָט א שאר געטאָן מיט דער האנט איבער א פּאָליצע בא דער טיר און, אָנטאפּנדיק דאָרט אן עלעקטריש פּאָנארל, געמאכט אין קעמערל ליכטיק. אף צוויי בענק, צונויפגערוקטע אין דער ברייט, איז געלעגן, פארוויקלט אין א גרויער קאָלדרע און איבערגעדעקט איבערן קאָפּ מיט א לײַלעך, א קליין גופל. אנדריי האָט פארשטעלט דעם וועג מאזאָרן, ווען יענער האָט געוואָלט אופדעקן דעם קאָפּ פונעם מעס. ער האָט אליין אונטערגעהויבן דעם לײַלעך און זיך אײַנגעקוקט אין דעם טאטנס אויסגעטריקנט פּאָנעם. שטייענדיק מיט דער פּלייצע צו דער טיר, האָט ער ניט מוירע געהאט, אז מאזאָר וועט זען זײַנע טרערן.

ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט אין דעם צימערל מיטן קײַלעכיקן, ווי א שיף־קאיוטע, פענצטערל, האָט אנדריי מיט אן אקסל זיך צוגעשפּארט צו דער וואנט און געווארט, וואָס מאזאָר וועט זאָגן. יענער האָט גערעדט לאנג, ניט אויסרעכענענדיק אף אן ענטפער.

דער ניפטער ליגט שוין דאָ דעם אנדערן מעסלעס, און ווען הײַנט האָט ער, כילוש מאזאָר, צוגעשיקט צו אנדרייען אין האָטעל זײַן פרוי, קעדיי אָפּרעדן וועגן א זאכלעכער באגעגעניש אף צו באשליסן וואָס טאָן מיטן ניפטער — ברענגען אים צו קווורע דאָ, ווו ער ליגט שוין דעם צווייטן מעסלעס, אָדער דרינגענדיק אָפּפירן אים צוריק קיין יִשׂראָעל און דאָרט אים ברענגען צו קווורע, — האָט אנדריי זיך פון דער טרעפונג אָפּגעזאָגט, און איצט איז שוין ניטאָ קיין אנדער ברײרע: דער כאָשעווער זאָקן, וואָס אין רוסלאנד האָט ער געהאט א פאמיליע־נאָמען טשאָרניצער, איז א בירגער פון מעדינאס יִשׂראָעל, מע רופט אים, אגעוו, שוין א היפּשע צײַט נעכעמיע בען שאכאָר, און דאָס איז פארצייכנט אין די אידענטיטעט־פּאַפּירן, אָט דער פּלוצעם־געשטאָרבענער אין וועג יִשׂראָעל־בירגער וועט מאָרגן דערגרייכן דעם ברעג פון דער אייביקײַט אין זײַן היסטאָרישן היימלאנד... אָן שום צווייפל, אנדריי טשאָרניצער וואָלט געקאָנט פארהאלטן ווערן מיט קויעך אין אָט דעם עסטרײַכישן שלאָס, וואָס איז איצט א מעלוכישע טעריטאָריע פון יִשׂראָעל, די מעדינע האָט אים אָפּגעקויפט און אוועקגעשטעלט אונטער איר וואך. דאָס זאָגט ער, מאזאָר, ניט אף צו שרעקן אנדרייען. ס'איז קלאָר, אז פארהאלטן אים קאָן ער, און ער האָט

אף דעם די פולע יורידישע רעכט, נאָר ער וועט עס ניט טאָן, מאזאָר, ווײַל ער איז ניט קיין סוינע דער ביראָבידזשאַנער מישפּאָכע, און דאָס, וואָס מע רעדט וועגן אים, איז א ליגן. ס'איז בלויז עמעס, אז ער איז אמאָל געווען אין ביראָבידזשאַן, און, ווי דאָס לעבן באַווײַזט, איז ניט בלויז ער פון דאָרט אַוועק. אפילע אַנדריי טשאָרניצער אליין, וואָס איז אין ביראָ־בידזשאַן געבוירן געוואָרן, אפילע ער וווינט איצט אין מאָסקווע, ניט עמעס?

מע קאָן בעפּייִרעש אָנעמען אף א מינוט אזא וואַריִאַנט. נו, לאָמיר זאָגן, אז ער, מאזאָר, פון סענטימענטאַלקײַט וועגן, ברעכט די געזעצן פון יִיס־ראָעל און גיט ארויס אַנדרייען דעם קערפּער פון זײַן טאַטן. אָבער דאָס איבערפירן קיין רוסלאַנד אזא סאָרט באַגאַזש קאָסט א מאַסע געלט. ס'איז נאָך א פּראַגע, צי די סאָוועטישע געזאַנדשאַפט וועט געבן א דערלויבע־ניש אַרײַנצופירן צוריק אין לאַנד דעם עמיגראַנט... יאָ, אפילע נאָכן טויט איז אַן עמיגראַנט — אַן עמיגראַנט... מע קערט ניט אום די בירגערשאַפט פון דער ראָדינע... איז טאַקע א פּראַגע, צי די געזאַנדשאַפט וועט געבן א וויזע... אָבער געלט אף הויצאָעס דעם עמיגראַנט... דעם ניפטער, הייסט עס, — דאָס זיכער ניט. די געזאַנדשאַפט וועט קיין געלט ניט געבן. קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אז ער, מאזאָר, וואָלט געגעבן אַנדרייען די גייטיקע סומע... ווי א געוועזענער ביראָבידזשאַנער א געוועזענעם ביראָבידזשא־נער... און אַנדריי וואָלט דאַן געדאַרפט, פון זײַן זײַט, אָפּדאַנקען יִיסראָעל... דאָס הייסט, טאָן עפּעס־וואָס, ווי א יִיִד פאַרן יִידישן לאַנד...

ווען אַנדריי האָט נאָך די דאָזיקע רייד מאזאָרס זיך א וואָרף געטאָן אף אים מיט די פויסטן, האָט ניט געדויערט קיין סעקונדע אפילע, ווי יענער האָט אים אַוועקגעלייגט מיט א קונציקן קלאַפּ אונטערן דיך. און דאַן האָט זיך געעפנט די טיר און אין צימערל איז אַרײַן א מאָדנע באַשעפעניש: גאָר־גאָר קליין אין וווּקס, דער גוף אינגאַנצן אײַנגעשרומפּן, דאָס פּאָנעם פאַרוואַקסן מיט סיווע באָרד־און־פּייעס, אפן קאָפּ קיין סימען ניט פון האָר, בלויז נאָענט לעבן נאַקן א שמאָל גראָוו פּאַסיקל, דורכגע־צויגן פון אויער צו אויער און ענלעך אף א פּעלעכל, וואָס שטאַרצט ארויס פון אונטער דער פּיצינקער יאַרמלקע. די קורצע פּיסלעך אונטער דעם היפּשן בײַכל האָבן בא יעדן, ווער עס האָט דעם דאָזיקן מענטשן געזען, דערוועקט א ווילן צו זוכן בא אים נאָך צוויי, אָדער נאָך פיר פּיסלעך. און אין דער זעלבער צײַט האָט די סאַמעטענע יאַרמלקע אפן שפּיץ קאָפּ בא אים, און טאַקע אויך די גרײַז־גראָווע באָרד־און־פּייעס און דאָס גראָווע פּאַסיקל האָר אפן נאַקן, אָנגעדײַט אפן כאַשעוון עלטער און נאָך אף עפּעס אַזוינס, וואָס ווער עס האָט אליין ניט אזא אויסזען, גלייבט אין דעם און האָט פאַר דעם אָפּשײַ.

דער אַרײַנגעקומענער האָט אויסגעשריגן ניט מיט זײַן קאָל:

— גאָט איז מיט אײַך, הער מאזאָר!

ער האָט זיך אָנגעבויגן אף צו העלפן אַנדרייען אופשטיין, נאָר דערבײַ פאַרלאָרן פון דער נאָז די ברילן, און בעשאַס ער האָט ווײַטער זיך מיט די ברילן געייסעקט, האָט אַנדריי אליין זיך געשטעלט אף די פיס און, צו־גייענדיק האַרט צו מאזאָרן, געזאָגט מיט קאַלטער אַנטשלאָסנקײַט:

— אף צו דורכשמועסן זיך מיט דיר, ווי דו האָסט עס פּאַרדינט, סקאָ־טינע דו איינער, דאַרף איך דיך האָבן ניט דאָ, נאָר אין אַן אַנדער אָרט. אויב אזא געלעגנהייט וועט זיך אמאָל מאכן, וועל איך מיין כויוו אויספּילן.

ער האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דער טיר אף אוועקצו־גיין, נאָר עס האָט אים אָפּגעשטעלט דער אַריינגעקומענער זאָקן:

— זייט זיך מאַטריעך און וואַרט צו אַ ווײַלע. מיין פאמיליע איז שאַ־נאַווסקי, איך וויל אפּעלירן צו אייער סייכל־האיאָשער. געשיקט זיך, פּאַר־שטייט איר ניט, אז דאָ וועט קיינער מיט אייך ניט שפּילן אין איידלקייט. איך וועל אייך זאָגן גאַנץ אָפן, אז אונדזער מיין איז לאכלוטן אַן אַנדערער, איידער אייערער. איר, טייערינקער מיינער, ווילט, מיר זאָלן אייך אָפּגעבן דעם קערפּער פון אייער טאַטן. אזוי, צי ניט? און מיר האָבן דערבײַ אונד־זער אייגענעם מיין. שרעקט זיך ניט, מע וויל אייך ניט ווערבירן אין דער שפּיאָנישער נעסט פון יִיסראָעל. די זאַך איז אַ סאַך פּאָשעטער. אָבער דורכשמועסן זיך דאַרף מען, און, נאַטירלעך, אין אַ מער פּאַסיקער מינוט. און נאָך איין סאָד וויל איך אייך פאַרטרויען. עס לאָזט מיך ניט צורו דאָס, וואָס אין ווין געפינט זיך איצט מיין אמאָליקער כאַווער וועגנראָווער. אוי, וויל איך זיך מיט אים טרעפן, דאָס כ׳עס גייט מיר אויס. זיך טרעפן אָן אַ סיבע וועט ער ניט וועלן. איצט איז די סיבע פאַראַן. וואָס זשע לייג איך פאָר? איך לייג פאָר זיך צונויפקומען אין אַ נייטראַל אָרט, אפילע אין האָטעל־נומער בא אייך. הער מאַזאָר, איר וועט דאָרט ניט זיין, ווײַל מיט אייך האָט מען זיך שוין געזען... איז אָט, כאָשעווער אַנדריי, קלינגט אָן פּונדאַנען מאַרק גריגאָריעוויטשן און רעדט זיך צונויף. איר ווילט ניט, איז נאַט אייך מיין קאַרטל, און איך וועל וואַרטן אף אייער קלונג. גע־דענקט, אז קיין שאָדן וועט אייך די טרעפונג ניט אָנטאָן, און אייער באַ־קאָשע קאָן באַפרידיקט ווערן...

אַנדריי האָט צונויפגעלייגט איינצווייען דאָס האַרטע שטיקל פּאַפּיר, וואָס שאַנאָווסקי האָט אים געגעבן, און דורכגעפירט מיטן נאָגל איבערן ראַנד דאָרט, ווו ס׳האָט זיך איבערגעבראָכן.

— גוט, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל וועגן אַלץ איבערגעבן מאַרק גריגאָריעוויטשן.

— וועגן אונדזער אינצידענט? — האָט זיך פון דער זייט אָנגערופן מאַ־זאָר.

אַנדריי האָט געענטפערט, ניט קוקנדיק אויך איצט אהין, ווו מאַזאָר איז געשטאַנען:

— דאָס איז דען אַן אינצידענט? ווען איך בין געווען אַ יינגל, אין פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, איז מיר איינמאָל אויסגעקומען אופצופּענען אַ קעלער, אין וועלכן די דײַטשן האָבן געפּייניקט מיט מײַז אונדזערן אַ מענטשן. איך האָב געעפנט דאָס טירל און אַרײַנגעשפּרונגען אין קעלער, און דאַן האָט איין שטשור פון גרויס דערשרעק אַ שפּרונג געטאָן מיר אין פּאָנעם. איז עס דען געווען אַן אינצידענט?

— דו, סמאַרקאַטש! — איז צוגעגאַנגען נעענטער מאַזאָר. אַנדריי האָט אף דעם קיין אכט ניט געלייגט און זיך געווענדט צו שאַנאָווסקין:

— איך האָב, פאפאשא, אָן אינסטרוקציע זיך אופצופירן אזוי, ווי ס׳פאָדערט זיך, ווען מע לעבט אין א פרעמד לאנד. דעריבער: זאָל ער שפרינגען אין פאָנעם ארײַן...

און דאָך האָט דאָס פארטיזאנישע אָדערל אין אנדרייען געגעבן וועגן זיך צו וויסן. ארויסגייענדיק פונעם צימערל, האָט ער א שטויס געטאָן די טיר מיטן פוס און זיך געמיִעסט אפילע צולייגן א האנט אף צו פארמאכן זי.

אין דער מאשין האָט ער, ניט ארויסברענגענדיק נאָך קיין וואָרט, פארדעקט מיט ביידע הענט דאָס פאָנעם, און נאטאשע, וועלכע האָט פון פריִער דערפילט מיט איר פרויִישער אינטויִציע דעם אומגליק, נאָר ניט געוואגט אין דעם זיך מודע זײַן ניט דעם טאטן, ניט זיך אליין, — האָט שטיל זיך צעיאָמערט, כאָטש זי האָט דערווײַל נאָך ניט געקאָנט פינקטלעך זאָגן, איבער וואָס, אייגנטלעך, עס גיסן זיך די טרערן.

אנדריי האָט אויך געוויינט, ניט אָפּרײַסנדיק די הענט פונעם פאָנעם. ער ווייסט ניט פון וואָס, פון אויסגעשעפּטקײַט אָדער פון דערנידעריקטקײַט, נאָר סע האָט זיך אים מיטאמאָל פארוואָלט שלאָפן, און ווען דער שאָפער האָט א טרײַב געטאָן די מאשין צו דער שטאָט, איז ער געבליבן אין דער זעלבער פאָזע, ווי געווען, בלויז נעענטער זיך צוגערוקט צו נאטאשען.

— ווען איז עס געשען? — האָט נאטאשע שטיל געפרעגט.

ערשט אין א מינוט פינף ארום איז צו אנדרייען דערגאנגען, אז נאטאשע האָט געפרעגט עפעס. זײַן מידער מויעך האָט זיך אופגעכאפט, ווי פון שלאָף. ער האָט אראָפּגענומען די הענט פונעם פאָנעם, און אָנשטאָט צו ענטפערן אף דער פראגע, וועלכע ער האָט ניט געהערט, האָט ער געזאָגט צו נאטאשען:

— מענטשן וועלן מיינען: ער איז אוועק פון איין ערד מיט דער האָפענונג צו לעבן אף א צווייטער ערד, איז ער געשטאָרבן אינדערלופטן, אָן ערד ביכלאל... אָבער מיר מיט דיר ווייסן דאָך, אז וועגן דײַן זיידן דארף מען אזוי ניט טראכטן...

— אוואדע, טאטע... — האָט געשעפּטשעט נאטאשע. — אוואדע... דער זיידע איז ניט אוועק צו זיי אין לאנד. ער האָט געזוכט א זייכער פון דער, וועמען מע האָט גערופן אין אונדזער מישפּאָכע עסטער־ראָכעלע... איך זאָג ריכטיק ארויס דעם נאָמען אף יידיש?

— יאָ, טאָכטער, מע פלעגט אָן אנדערש מאָל ביידע ווערטער ארויסזאָגן אינייִנעם, און ס׳האָט זיך באקומען — עסטערוכעלע... דײַן זיידע האָט ארומגעזוכט איבער דער וועלט זײַן עסטערוכעלען. איז געקומען מאזאָר מיט זײַנע פרײַנטלעך און אויסגענוצט די ליבע און די ליידן פון דעם אלטן מענטשן אף צו פארנארן אים און דערנאָך אים דערהארגענען...

א רעגע איז געווען שטיל, און זי, די רעגע, ווען ס׳איז שטיל געוואָרן, האָט פון נאטאשען געפאָדערט א סאך מער אָנשטרענגונגען, איידער דאָס הערן דעם טאטנס אומדערטרעגלעך־ביטערע רייד. אין אָט דער רעגע האָט נאטאשע דערפילט א באדערפעניש צו פאנאנדערקלײַבן זיך — באלד דאָ, זיצנדיק לעבן דעם טאטן, זיך פאנאנדערקלײַבן, ווער עס זײַנען די יעניקע,

וועלכע האָבן פון דעם גאַנצן בוים אין אונדזער לאַנד אויסגעקליבן די ייִדישע צווײַג אָף פרוּוון זי אָפּברעכן און אונטערהאַלטן מיט איר דאָס פײַער אין אַ פרעמדן אויוון. צי באַטײַט דער אומגליקלעכער סאָף פונעם זיידן נעכעמיע, אַז אויך אין איר, אין נאַטאַשען, זײַנען די צוויי צווײַגן ניט גענוג פעסט צונויפגעוואַקסן, און אַ האַנט קאָן פונדערווײַטן אַ נעם טאָן איינע, די ייִדישע צווײַג, און, אוועקלייגנדיק זי צו דער קני, צעברעכן זי אָף העלצלעך? ניין, ניין! נאַטאַשע האָט אַרומגעכאַפּט דעם טאַטן פאַרן האַלדז און זיך שטאַרק צוגעדריקט צו אים. זי האָט דאָך דאָס גאַנצע לעבן געזען און געהערט אַלץ, וואָס איז שײַעך סײַ צו איר טאַטן, דעם ייִדן, און סײַ צו איר מאַמען, דער רוסישער, און זי האָט שטענדיק געוווּסט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז נעגייע זיי, די עלטערן אירע, איז פרײַ פון איבעריקע לאַסטן, און גאָרנישט דראָעט זיי ניט.

אירע געדאַנקען זײַנען איבערגעריסן געוואָרן פון אַ לײַכטן שטויס. די מאַשין האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, און זי האָט דערזען דורכן פאָדערשטן גלאָז פעליקסן, ווי ער דרייט זיך אַרום באַם אַרײַנגאַנג. זי האָט ניט געוואָלט איצט זען קיינעם, און ס'וואָלט איר אָנגעטאָן אַנגסט צו ריידן מיט עמעצן. נאָר אויסמײַדן פעליקסן איז געווען אוממעגלעך. ער האָט זי אָנגעכאַפּט באַ דער האַנט, און, אַרײַנמישנדיק אין ענגלישן לאָשן דײַטשישע ווערטער, וואָס עס איז אַלציינס געווען פאַרשטענדלעך, האָט ער איר דערציילט, אַז ווען ער און זײַן מאַמע זײַנען אָפּגעפאָרן אַ קוואַרטאַל פונעם האָטעל, האָט מאַזאָר זיי אַרויסגעזעצט מיט זידלערײַען פון דער מאַשין. אויך מיט דער מאַמען האָט ער, פעליקס, זיך צעקריגט. און ניט ווײַל ער איז שיקער, ער איז איצט אינגאַנצן שוין ניכטער, זאָגט ער איר, דער קוזינאַ נאַטאַשע, אַז מער צו מאַזאָרן וועט ער זיך ניט אומקערן, ער בעט, מע זאָל אים העלפן אַוועקפאָרן קיין רוסלאַנד, צום טאַטן. נאַטאַשע האָט אים געענטפערט, אַז זי קאָן מיט אים איצט ניט ריידן, ווײַל זיי האָבן זיך ערשט דערוווּסט, אַז דער זיידע נעכעמיע איז נעכטן אין אַעראָפּלאַן געשטאָרבן און זײַן קערפּער האַלט מאַזאָר פאַרשלאָסן אין שענאַו.

פעליקס האָט זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ און אָנגעהויבן זיך וויגן אַהער און צוריק. אַנדריי האָט געעפנט די טיר פון דער געזאַנדשאַפט און דורכגעלאָזט אַהין נאַטאַשען.

ווענגראָווער האָט אויסגעהערט אַנדרייען שווײַגנדיק. און ווען אַנדריי האָט שוין פאַרענדיקט ריידן, האָט ער, ווענגראָווער, נאָך לאַנג געשוויגן, זיצנדיק אין ווינקל פונעם צימער אָן באַוועגונג, ווי ער וואָלט אײַנגעדרעמלט. דער צווייטער סעקרעטאַר פון דער געזאַנדשאַפט גנאַטיוק, אַ הויכער, שטאַלטנער יונגערמאַן, אונטערגעשוירן לויט דער מאָדע — די האָר קימאַט ביז די אַקסלען, איז אופגעשטאַנען פון זײַן שטול און געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אַלעמען אין צימער:

— כ'וועל בעטן דעם דעזשורנע, ער זאָל אונדז דורך מאָסקווע פאַרבינדן מיט כאַבאַראָווסק און מיט קאָמסאָמאָלסק.

ער האָט אַ קוק געטאָן אָפן האַנט־זייגערל:

— דאָרט איז איצט פיר באַנאַכט. מירן מוזן אופוועקן יודאַלעפן און פאַלעקן פון שלאָף...

קיינער האָט אָף דעם גאָרנישט ניט געזאָגט, און ווען ער איז ארויסגעגאַן פון צימער, האָט די שטילקייַט נאָך געדויערט עטלעכע מינוט. ערשט שפּעטער האָט ווענגראָווער פּונקט ווי אופגעכאַפּט זיך פון דרעמל, אָף לאַנג זיך פאַרהוסט און אָן אָן איבעררייַס, ניט אָפּעטעמענדיק, גענומען ריידן — דאָס מאָל אָף יִדיש, ניט ווייסנדיק אליין צו וועמען די רייד זייַנען געווענדט:

— דאָס טרויעריקסטע... דאָס סאַמע טרויעריקסטע... ער איז געשטאָרבן בא זיי, אין זייער אעראָפּלאַן... און ער ליגט איצט בא זיי, אינעם ביקעריכוילים פונעם יִדישן לעבן, אין שענאַו, וווּ מע באַזאָרגט מיט אַן אכסאַניע די אויסגענאַרטע יִדן...

עס האָט זיך אומגעקערט גנאַטיוק. דער דעזשורנע זאָגט צו, אַז אין מעשעך פון דער נאָענטער שאָ וועט מען געבן כאַבאַראָווסק און קאָמסאָמאָלסק.

— קום אהער, וואָלאַדלען, — האָט זיך אָנגערופן ווענגראָווער. — זעץ זיך צו לעבן מיר, וואָלאַדלען איוואַנאָוויטש.

גנאַטיוק איז געווען אַן אייניקל פונעם אלטן סאָלדאַט מיטראָפאַן גנאַטיוק. א כאַדאָשים צוויי פאַרן טויט האָט מיטראָפאַן אוסטינאָוויטש אראָפּגעבראַכט צו ווענגראָווערן אין דער גרויסער אוקראַיִנישער שטאָט וואָלאַדלענען — מע האָט דעמלט אינעם גאַנצן לאַנד געפייַערט דעם פופציקסטן יובילײ פון דער רויטער ארמײ, — קעדייִ באַקאַנען דעם אָקאָרשט פאַרענדיקטן יונגן דיפּלאָמאַט מיט א לעבעדיקן בודיאָנאָוועץ. פון דעמלט אָן שרייַבט וואָלאַדלען בריוו צו ווענגראָווערן, און איצט, אַז דער אלטער פּראָפעסאָר איז געקומען קיין ווין אָפן קאָנגרעס פון היסטאָריקער, איז וואָלאַדלען באַשטאַנען, ער זאָל וווינען בא אים אין דער דירע, קעדייִ אויסמייַדן די אומבאַקוועמלעכקייַטן פון א האָטעל.

— איך וויל בא דיר פרעגן אַן אייצע, וואָלאַדלען, — האָט פאָרגעזעצט ווענגראָווער, — זאָלסט מיר זאָגן, וויִאַזוי מייַנע א געוויסע באַגעגעניש דאָ אין ווין וועט אויסזען אין די אויגן פון אונדזער מאַכט. אין אויסלאַנד, רעכן איך, איז א דיפּלאָמאַט — די מאַכט...

— מאַרק גריגאָריעוויטש, איך ווייס ניט, וואָס איר האָט אין זינען...

— פאַראַן דאָ אין ווין א מענטש... א מענטש אין מייַן עלטער... אמאָל געווען בא אונדז אין לאַנד א קאָמוניסט... איך טאָר אָבער קאָן מען וועגן אים זאָגן, אַז ער איז א שמאַטע, א טריאַפּקע, אַזאַ טריאַפּקע, וואָס מע קאָן זי לייַכט נעמען און וואַשן מיט איר אומריינע פּאָדלאָגעס, און איבער דעם שמעקט זי טאָמיד מיט אומריינקייַט, אפילע ווען זי איז אויסגעדרייט און טריקנט זיך. נו, א שמאַטאָווע מענטשל איז דאָס. ער איז ארויסגעפאָרן פון אונדזער לאַנד, און איצט איז ער א פאַרדונגענער בא די ציִעניסטן. פאַרשטייסט, וואָלאַדלען איוואַנאָוויטש?

— איר מיינט שאַנאָווסקין, יאַקאָוו גאַווריִלאָוויטשן, דעם באַפּולמעכטיקטן פונעם סאָכנוט?

— אים מיין איך. ער איז באַקאַנט דער געזאַנדשאַפט?

— ניט באַזונדערס שטאַרק. צוריק מיט אַ פּאָר וואָכן איז ער געקומען צו אונדז זיך דורכצושמועסן.

— וואָס זשע האָט ער געוואָלט, אויב סע איז קיין סאָד ניט?

— ער איז גרייט פֿאַלן צו די פֿיס...

— אָט דאָס איז טשיקאַווע! דו הערסט, אַנדריי?

אַנדריי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אַף יאָ. ווענגראָווער האָט ווידער זיך געווענדט צו גנאַטיוקן:

— דער דאָזיקער שאַנאָווסקי שטעלט איצט אַרויס אַזאַ באַדינג: ער וויל זיך מיט מיר טרעפֿן און דורכשמועסן זיך מיט מיר. און דאַן וועט גרינגער זײַן זיך צונויפֿרײדן וועגן איבערגעבן אונדז דעם קערפּער פֿונעם געשטאָרבענעם...

— מאַרק גריגאָריעוויטש, איך מיין, אַז ווען די ייִסראָעלדיקע מאַכטאָרגאַנען וועלן דורך דער פֿינלענדישער געזאַנדשאַפֿט זיך דערוויסן, אַז צו אונדז איז דערגאַן די געשיכטע מיט נעכעמיע טשאַרניצערן, וועלן זיי, קעדיי אויסמײַדן אַ סקאַנדאַל, אַזוי אויך באַפֿוילן, מע זאָל אַרויסגעבן דעם קערפּער... און מיט שאַנאָווסקין זיך טרעפֿן — איז אײַער זאַך. אויב איר האָט צײַט און געדולד מיט אים זיך דורכצושמועסן, איז פֿאַרוואָס ניט?

ווײַזט אויס, אַז ס׳איז געווען ניט פֿון די גרינגע זאַכן צו דערקלינגען זיך פֿון ווין קיין קאָמסאָמאָלסק און קיין כאַבאַראָווסק, — אין אייראָפּע איז נאָך געווען אַזאַ שאָ, ווען די טעלעפֿאָן־נעץ איז איבערגעלאָדן, און פֿונדעסטוועגן האָבן ווענגראָווער, אַנדריי און נאַטאַשע, יעדערער באַזונדער, באַוויזן צו זאָגן אין טרײַבל עטלעכע טרייסט־ווערטער יודאַלעפֿן און דערנאָך פֿאַלעקן. ביידע זײַנען געווען אין דער מינוט פֿאַרשלאָפֿן און שטאַרק דערשראָקן, און דאָך האָט מען אויסגעקלאָרט, וואָס זיי וואָלטן געענטפֿערט, ווען מע פֿרעגט זיי, צי ס׳איז מעגלעך גאָר אַזאַ זאַך, אַז נעכעמיען זאָל מען מעקאַבער זײַן אין ווין, אויב, פֿאַרשטייט זיך, די טאַקאָנעס פֿאַר עמיגראַנטן וואָלטן געשטעלט אַ מעכיצע דעם ווילן פֿון דער מישפּאָכע. יודאַלעף איז אין די לעצטע יאָרן, אין זײַן ראַיעלן אופֿשטײַג פֿון אַן אַרבעטער־מענטש, געוואָרן אַ דעפּוטאַט פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון דער רעפּובליק, און ער האָט, וואַרשײַנלעך, דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן געזאָגט אַזוינס, וואָס קאָן אויסגעטײַטשט ווערן ווי צופֿיל אײַנגעגלייבטקײַט אין די אייגענע קויכעס:

— איך וועל עס ניט דערלאָזן. דער טאַטע נעכעמיע האָט אַפֿילע מיט זײַן ניט־גערעכטער האַנדלונג ניט פֿאַרדינט, ער זאָל ליגן אין פֿרעמדער ערד. איך וועל עס ניט דערלאָזן...

פֿאַלעק האָט מיט אַ געפֿאַלענער שטים געזאָגט, אַז אויב אַזוינס וועט זײַן אומפֿאַרמײַדלעך, בעט ער, מע זאָל אים מיטיילן וועגן דעם מיט אַ פֿאָרמעלער טעלעגראַמע, אַ באַשטעטיקטער אין דער געזאַנדשאַפֿט, קעדיי ער זאָל קענען דרינגענדיק אַרויספֿליִען קיין ווין. ווען אַנדריי האָט אים דערציילט וועגן דער באַגעגעניש מיט פֿעליקסן און מיט עספּיר שאַנאָווסקע, האָט ער איבערגעפֿרעגט, צי פֿעליקס מיינט טאַקע ערנסט אַריבערצופֿאָרן קיין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, און דערבײַ באַמערקט, אַז אויך צוליב דעם איז נייטיק, אַז ער, פֿאַלעק, זאָל קומען קיין ווין. וואָס איז שײַעך אַ

באגלייטער, וועט ער קוידעמקאָל זיך דורכשמועסן מיט יודאלעפן, נאָר אויב יודאלעף וועט זײַן אזוי פּארנומען אפּן זאוואָד, אז ער וועט ניט האָבן קיין מעגלעכקײַט גלײַך ארויספּליִען, — דאן וועט מען דורך דער געזאנד־שאפט מוזן שיקן דעם ארויסרוף פאר אים, פּאלעקן, און פאר זײַן פרוי.

ווען די ווינער טעלעפאָן־צענטראלע האָט מיטגעטיילט דעם אבאָנענט — דער געזאנדשאפט פון פּססר, אז ס'איז שוין פארענדיקט דער שמועס מיט די שטעט כאבאראָווסק און קאָמסאָמאָלסק, און אין צימער פון דער געזאנד־שאפט, אין וועלכן ס'ארבעט דער צווייטער סעקרעטאר גנאטיוק, איז גע־וואָרן אומהיימלעך־שטיל, ווײַל אָט ערשט זײַנען פונקט ווי אהין ארײַנגע־קומען נעכעמיע טשאָרניצערס צוויי זין, יודאלעף און פאלעק, און זיי זײַ־נען מיטאמאָל פארשוווּנדן, — דאן האָט אין דער שטילקײַט זיך דערהערט דאָס קאָל פונעם דריטן זון, אנדרייס קאָל:

— עס איז מיר ארײַן א סומבורנע געדאנק אין קאָפּ, מארק גריגאָריע־וויטש... איצט, ווען ס'זײַנען שוין ניטאָ ניט די מאמע, ניט דער טאטע, און ווען יודאלעפס לעבן טיילט זיך מער ניט אף אָפּשניטן, די גרייס פון עלף יאָר, איז עפּשער שוין צײַט צו דערמאָנען יודאלעפן, אז ער האָט באם געבוירן, ווי זײַן יינגערער ברודער, געהייסן פאלעק, און זאָלן זײַן אין אונדזער מישפּאָכע צוויי פאלעקס! האַ?

ווענגראָווער האָט געענטפערט:

— א שאָד, אנדריי נעכעמיעוויטש, וואָס דו האָסט ניט קיין פארשטאנד אין די קלײנע אויסיִעלעך, אנדערש וואָלט דיך ניט אויסגעמיטן א געוויסער ניואנס פונעם וואָרט יודאלעף. די יוד, טײַערינקער, באצייכנט אין יידישן אלעפבייס דעם קרײַז פון דער ציפער 10, און דער אלעף איז 1, ער הייבט אָן א נײַעם קרײַז. איז צוליב וואָס איצטער בײַטן דעם נאָמען? זאָל זײַן יודאלעף. זאָל אזוי בלײַבן.

עפּילאָג

מאָסקווע, 7 אָקטיאַבער 1975.

טײַערער פאַלעק טשאַרניצער!

אַט האָב איך הײַנט שוין אָפּגעגעבן אין זאַץ די פערטע נאָוועלע פון דײַן ראָמאַן „די צײַט”. ווי די פריערדיקע דרײַ נאָוועלן, האָב איך אויך זי אונטערגעשריבן מיט מײַן נאָמען — קלוימערשט, כ׳בין דער מעכאַבער. וועגן דעם וואָלט איך דיר איצטער ניט געשריבן, ווען עס זאָל גיין בלויז אין אונדזער סיכסעך, צי ס׳איז הײַנטיקע צײַטן בענימצע אַ מיסטיפיקאַציע אין דער ליטעראַטור. דו ווייסט מײַן מיינונג, נאָר העיויס אַזאַ איז דײַן ווילן און דו האָסט מיך געבעטן עס צו טאָן, האָב איך אויסגעגעבן דעם ראָמאַן פאַר מײַנער אַ שאַפונג, און איך פרעג שוין מער ניט, צוליב וואָס דיר איז עס אַזוי נייטיק.

די סיבע, וואָס איך שרײַב דיר איצט, איז דער וואָצאַקו, וואָס אייניקע ייִדישע בלעטער האָבן אופגעהויבן בייסן דרוקן בעהאַדראָגעדיק די ערשטע, דערנאָך די צווייטע, דערנאָך די דריטע נאָוועלע, איידער זיי ווערן צונויפגענומען אין אַ בוך. ריבוינעשעלוילעם, ווי פלאַטשיק און ווי שטומפיק עס זײַנען די לײַט פונעם צאַד־שעקענעגעד! קיין קינסטלערישע שאַפונג פאַרשטייען זיי ביכלאַל ניט. ווען ס׳איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, לעמאָשל, די צווייטע נאָוועלע, האָבן אין יענע ייִדישע בלעטער זיך דערהערט קוילעס, אַז דער אווטאָר האָט צוגעטראַכט די געשיכטעס מיט אונטערמאַכן אַ פאָטאָגראַפיע וועגן אַ ביראָבידזשאַנער צוואַנגס־לאַגער און מיט ארויסזעצן אַ דעסאַנט אַף צו פאַרכאַפּן דעם קאָמיסאַר וועגנראָווערן. און נאָך: זאָל דער אווטאָר, אַדעראַבע, באַשטעטיקן מיט דאָקומענטן, אַז דער גענעראַל וואַסיליעוו האָט אין זײַן שטאַב בעעמעס זיך פאַרנומען מיט אַ ייִדישן אייסעק. נאָך דעם וואָלט איך, בענעמאָנעס, זיך ניט געכידעשט, ווען עמעצער זאָל פאַרלאַנגען פון פושקינען דאָקומענטירטע באַווײַזן, אַז די באַגעגעניש צווישן גריניאָוון און פוגאַטשאָוון איז ניט צוגעטראַכט; און ס׳וואָלט מיך ניט געכידעשט, ווען נאָכן פאַרעפנטלעכן „מאָצאַרט און סאַליערי” וואָלט אַן אמהאָרעץ אָנגעגעבן אין געריכט אַף פושקינען, לעמײַ ער באַשרײַבט מיט אַלע פּראָטים, ווי ער וואָלט אַליין דערבײַ געווען, אַז סאַליערי איז באַגאַנגען דעם שרעקלעכן פאַרברעכן.

די ליטעראַטור־קריטיקער קאָנען דערוף זאָגן, אַז דאָס, וואָס אָפּאָנענטן רופן זיך אָפּ מיט אופגעבראַכטקײַט אַף דער סיפּער־האַמײַסע פון אַ ראָמאַן און זיי פאָדערן, דער אווטאָר זאָל מיט דאָקומענטן דערווײַזן, אַז די געשעענישן אינעם ווערק זײַנען טאַקע געווען אינדערעמעסן, — איז אַ לויב פאַרן אווטאָר, ווײַל אַ קינסטלעריש ווערק טראָגט מיט זיך אַלפּי־קלאַל אַ געוויסע דאָזע גלייקלעכן „נאַרקאָטיק” — אַמאָל אַ גרעסערע דאָזע, אַמאָל אַ קלענערע, אָפּהענגיק פונעם אווטאָרס פּראָפּעסיאָנעלן קויעך — אַזאַ „נאַרקאָטיק”, וואָס איז באַם אײַנעמען אים, דאָס הייסט באַם לייענען דאָס ווערק, מעסוגל צו איבעראַנדערשן, פאַרקישעפן די פּסיכיק פונעם לייענער

אזוי, אז יענער זאָל זיך לאכלוטן אויסשליסן פון דער עמעסער רעאלקייַט און אָנעמען די סיפער־האמייַסע פונעם ווערק פאר א רעאלן פאקט (וואָס אין דעם, אייגנטלעך, באשטייט דער טאָך פון קינסטלערישער ליטעראטור).

א יאשער־קויעך דיר, טייַערער, און א דאנק פון פולן הארצן, וואָס בא דייַן טראגישער לאגע, בלינדערהייט, האָסטו דאָך אָפדיקטירט דעם ראָמאן. איך וויל דיר אויך זאָגן, ניט אין אייַנקלאנג מיט די קריטיקער, אז גראָד דייַן ניט־אויסגעשפראָכענע פראָפעסיאָנעלקייַט, דאָס ניט קענען שרייַבן שיין און, איבערהויפט, דאָס, וואָס דו באשרייַבסט דייַן אייגענע מישפאָכע, זיך אליין, און טוסט עס אָן אויסטראכטעניש, ניט רופנדיק צו־הילף די פאנטאזיע, הייבט אוף די ווערט פון דייַן ראָמאן. און ווען אין די פראָטים טרעפט דער לייענער זיך צונויף מיט אויסשליסלעכע אומשטענדן, איז עס דערפאר, ווייַל יעדע מישפאָכע, איבערהויפט א טיף־פארוואָרצלטע, פארמאָגט איר מיקראָ־וועלט. אין אזעלכע פאלן זייַנען ניט אויסגעשלאָסן פאסירונגען און מינהאָגים, וועגן וועלכע מע זאָגט: „ווילט איר — גלייבט, ווילט איר — גלייבט ניט, נאָר אזוי איז געשען”. די אומגלייבלעכקייַט, וועלכע וויקלט זיך ארום דעם נאָמען יודאלעף, ארום יודאלעפס צוויי טאטעס, פונקט ווי ארום דעם מאָדנעם מינהעג באם פירלינג — בא נעכעמיען, וועגראָווערן, עסטער־ראָכעלען און יודאלעפן — צונויפצוקלייַבן זיך אלע עלף יאָר, — דאָס אלץ, און ניט ווייניק אנדערע אומגלייבלעכקייַטן אין אייַער מישפאָכע, וואָלט געמוזט באשטעטיקט ווערן מיט דאָקומענטן, ווען... ווען די פונקציעס פון עקספערטן איבערן שטייגער־לעבן זאָלן אויספילן אידיאָטן. די רעאלקייַט פון די באשריבענע פאקטן איז באשטעטיקט מיט דעם, וואָס יעדע מישפאָכע האָט איר אָריגינעל לעבן.

זאָלסט אָבער, טייַערער פאלעק, ניט מיינען, אז דער וואצאקו ארום דייַן ראָמאן איז, ווי עס זאָגט זיך, ניט מערער פון א שטורעם אין א גלאָז וואסער. די סקעפטיקער האָבן, פארשטייט זיך, אין זינען מער ערנסטע זאכן, איידער אן אייגן־נאָמען פון א פערסאָנאזש. זיי האָבן דערזען, אז אינעם ראָמאן איז באשריבן די ניט געקינצלטע געשיכטע פון א טיפישער יידישער מישפאָכע אין א צייַט־אָפשניט, וואָס שפרייט זיך אויס אזש פון די בודיאָנישע יאָרן און ביז איצטער־אָ. א ווערטעלע צו זאָגן! און ווייַל איר, די טשאָרניצערס, און אייַערע פרייַנט האָבן ניט אויסגעמיטן ניט דאָס שטעטעלע, ניט ביראָבידזשאן, ניט דניעפראָהעס מיט קאָמסאָמאָלסק, ניט דעם קריג קעגן היטלערן — די אָקאָפעס און די אָשווענטשימס, ניט אויסגעמיטן יִסראָעל, — איז, טייַערער מייַנער פאלעק, זאָג: וואָס איז עס? צי ניט דאָס לעבן פון אונדזער פאָלק אין דעם האלבן יאָרהונדערט איז דאָס?

און אויב דאָס איז א באשרייַבונג פון א מישפאָכע יִדן, וועלכע איז אייַנגעטונקט אינעם פאָלקס־גוירל אין א צייַט פון היסטאָרישע ווידער־אנאנדן, איז דאָך פונעם אוטאָר אָפהענגיק, אין וועלכע הענט ער וועט אף ווייַטער איבערגעבן דעם גוירל פונעם פאָלק. אָט דאָס איז דער איקער, פאלעק! אין וויץ, אין דער פערטער נאָוועלע פון דייַן ראָמאן, שטייען שוין איינער אנטקעגן אנדערן ניט נאָר און ניט אזוי וועגראָווער און שאנאָווסקי, ווי מאזאָר און — אָ, וווּנדער שעבעוווּנדער! — אנטקעגן דעם שוין

געעלטערטן מאַזאָרן איז אַרויס דער שוין אונטערגעוואַקסענער אַנדריי, דײַן ייִנגערער ברודער. אינעם וואַיצאַקו הער איך קוילעס: „אַנדריי? וואָס איז עס פאַר אַ ייִדישער נאָמען אַזאַ — אַנדריי? אין וועלכער יעשיווע האָט אַנדריי געקנעלט טוירע? און צי טראַכט ער ניט איבערגעבן דעם ייִדישן העמשעך אין די הענט פון דער האַלבער גויקע נאַטאַשע?". און איבער די אַלע קוילעס — דײַן קאָל, וואָס עס דרינגט אַרויס פונעם ראָמאַן „די צײַט": „ראַבויסײַ, געדענקט, אין וועלכער צײַט מיר לעבן איצט. דאָס, וואָס אײַך כאַלעמט זיך, האָט געשווינדלט פאַר די אויגן מיט פופציק יאָר צוריק, און דעמלט — אַפן ראַנד פון פאַרגעסן ווערן. איצט האַלטן מיר באַם צווייטן עק פונעם שטעגעלע — באַם הײַנטיקן, ראַבויסײַ".

דאָס רעדל פון דער וועלט דרייט זיך אָבער ניט אַזוי פּאַשעט, ווי וועגן דעם שרײַבט זיך. זייער גוט, וואָס דו האָסט באַוויזן דאָס נײַע מיטן אַלטן, צונויפגענומען אין איין קנויל, אינעם קנויל פון גערא־נגל. אין לעבן טרעפט, אַז דאָס ניט נייטיקע, דאָס איבעריקע, דאָס אומריינע טוט מיטאַמאָל אַ דראָע, און טאַקע ניט אַף קאַטאַוועס, צו פאַרכליופּען דאָס לעבנס־נייטיקע.

איך וועל עס דיר באַווײַזן אַף אַ גאַר־גאַר טשיקאַוון בײַשפּיל, און ווי־דער דאָס זעלבע: „ווילסטו — גלייב, ווילסטו — ניט..."

בייס מײַנער אַ רײַזע איבער אַמעריקע דאַרף אַזוי טרעפן, אַז אין ניו־יאָרק באַגעגן איך דעם אַלטן שאַנאַווסקין! ווי די רוסן זאָגן:

— די וועלט איז ענג.

ס'איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי פעליקס האָט אין ווין, פון פאַרצווייפּלונג, געוואָרפן מאַזאָרן די פלאַש אין קאָפּ און אים אַוועקגעלייגט אַפן אָרט. אין אַ ניו־יאָרקער ייִדישער צײַטונג האָב איך וועגן דער פּאַסירונג דורכגעלייענט אַזאַ מיטיילונג: פעליקס שאַנאַווסקי, דער מערדער, האָט אין עסטרײַכישן פּאָליציי־צירקל זיך מודיע געווען, אַז צוויי מאָסקווער אַגענטן — פעליקסעס פעטער אַנדריי, אַ טעראָריסט, וואָס איז אויסגעשולט געוואָרן אין דער סאָוועטישער מיליטערישער אויסשפּירונג, און דער גע־וועזענער באַלשעוויסטישער קאָמיסאַר ווענגראַווער, וועמען מאַזאָר האָט אַמאָל, אין קריג, געפּרוווט אַריבערפירן מיט גוואַלד איבער דער פראָנט־ליניע אַף צו ברענגען אים צו אַ גערעכטן מישפּעט פאַר בויען אַ צוואַנגס־לאַגער אין ביראָבידזשאַן, — ביידע מאָסקווער אַגענטן זײַנען געקומען, קלוימערשט, צוליב זייערע היימישע איניאָנים, קיין ווין, פאַקטיש אָבער קעדיי צוגרייטן דעם אַקט פון נעקאָמע איבער כילוש מאַזאָרן. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַנדרייס טאָכטער, די בילד־שיינע נאַטאַשע, אַ קוזינע פון דעם מערדער, וואָס טאַקע זי האָט אים אײַנגערעדט צו באַגיין דעם פאַרברעכן.

איבערגעלייענט די דאָזיקע נאָטיץ, טראַכט איך זיך: לאָמיך אָנקלינגען די רעדאַקטאָרן פון דער צײַטונג און זיך אָנפרעגן, ווער עס האָט אַראָפּגע־בראַכט דעם דאָזיקן טשאַד. און שטעל זיך פאָר, ווי פאַרכידעשט איך בין געווען, באַקומענדיק אַן ענטפער, אַז דער קוואַל פון דער אינפאָרמאַציע איז אַ ראַיעלער, — ניט קיין אַנדערער, ווי דער לײַבלעכער זיידע פונעם מערדער, וועלכער וווינט שוין עטלעכע כאַדאָשים אין ניו־יאָרק, האָט עס

דערציילט. פון די רייד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז יאַנקעוו שאַנאָווסקי האָט זיך אריבערגעקליבן פון ווין קיין ניו־יאָרק.

האקלאל, כ'האָב אָפּגעזוכט שאַנאָווסקין. געפונען אים אין אַ פינצטערן, שטאַרק פאַרלאָזטן בעסמעדרעש, אין וויליאַמסבורג, אַף דער סאַטמאַרער זייט פון דער ברוקלינער בריק. דאָס לעבן האָט אים שוין אינגאַנצן אַרויס־געשפּיגן פון זיך. ער האָט אויסגעזען אַזוי, ווי גלייך פונעם אָרט, ווו ער זיצט, הייבט ער זיך ניט אוף לאַנגע וואָכן, און ס'עסן אים שוין ווערעם. ער איז געזעסן אין אַ פאַרשאַרטן ווינקל און עפּעס געמורמלט, גלאַט אין דער וועלט אַריין, האַלטנדיק פאַר זיך אַ צוגעמאַכטן סייפער. ווייזט אויס, אַז די סאָכנוט־פאַרוואַלטונג איז זיך באַגאַנגען מיט אים אומענטשלעך. ווען די עסטרייכישע רעגירונג האָט צוגעשלאָסן דעם אימיגראַנטן־לאַגער אין שענאַו, און נאָכן טויט פונעם ענערגישן כילוש מאַזאָר, האָט מען דעם זאָקן אַרויסגעטריבן אַף דער גאַס. מיט עמעצנס הילף איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק, אין וויליאַמסבורגער געטאָ, און דאָרט געהאַלטן אין דער־לעבן זיינע טעג.

ווען איך האָב אים דערציילט, ווער איך בין, איז מיט אים געשען אַ וואונדער. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיין קערפּער וואָלט געהאַט אָפּגעלייגט אַ ביסל לעבנס־ענערגיע אַף צו פאַרטיילן עס אַזוי, ס'זאָל סטייען ביזקל דעם לעצטן אָטעם, און איצט וועט ער אָט די קנאַפּע ענערגיע פאַר־שווענדן אָן אויסרעכענונג, מיט אַ שיטערן אופּבליץ פון זיין פיזישן כּיעס און פונעם אינטעלעקט. ער האָט גערעדט צו מיר ווערטער, פול מיט פשעטלעך, מיטאַמאָל זיך אַראָפּגעכאַפּט פון דער באַנק און געגומען פאַר־שמייעט אַרומלויפן צווישן די שאָטנדיקע פיר ווענט, ווי אַפן אוילעם־האַ־טויע. ס'איז געווען אַ ראַכמאָנעס אַף אים צו קוקן. וויסנדיק, וואָס פאַר אַ נישטיקייט ער איז געווען דאָס גאַנצע לעבן, האָב איך פונדעסטוועגן גע־טראַכט: און דאָך... אַ מענטשלעך וועזן...

ווען איך האָב געפּרוווט אים אַרופירן אַפן געדאַנק, אַז אָט, ער איז אויסגעוואַקסן אַ וועלט, געהאַט געגוג פאַרגעניגן אין לעבן, האָט ער אַ כי־כיקע געטאָן און ווי אַרייַנגעשפּיגן אין דער אייגענער באַרד אַזעלכע זויערלעכע ווערטער:

— אַ פּאַטשיק ספּיטשיק אָנגעוואָרן, דעם טאָכעס אָפּגעפּראָרן און גאָר־ניט אויסגעפּאָרן...

— רעב יאַנקעוו, — האָב איך צו אים געזאָגט, — איר האָט אַליין אויס־געקליבן פאַר זיך, וויאַזוי צו לעבן... איצט קאָנט איר דאָך זיין אופריכ־טיק...

ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— ע, איך לאָז מיך גענאַרן, און דו לאָז דיך גענאַרן...

און ער האָט פאַריכט די אייגענע רייד:

— האַשעם־ייִסבאָרעך, אויב ניט איך צו דער דייע, איז די דייע צו מיר געקומען... האַשעם־ייִסבאָרעך...

ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין געקומען צו אים אין בעסמעדרעש מיט אַן אויטאָמאָביל, און געבעטן, מאַמעש געוויינט, קריכנדיק אַף די קני, איך זאָל אים טאָן די טויווע און אָפּפירן אים אַהין, וווּהין ער מוז

הײנט קומען, און דאָרט אים איבערלאָזן. ער האָט עטלעכע מאָל איבער־געכאַזערט דעם נאָמען פונעם אָרט: ראָקוועי פּאָינט.

איך האָב זיך אַרײַנגעזעצט מיט אים אין דער מאַשין, און ווען דער שאָפער האָט מיר פאַרטײַטשט, וואָס דאָס איז אַזוינס ראָקוועי פּאָינט — דאָס אָרט, וווהין מע פירט אַרויס דאָס מיסט פון ניו־יאָרק, האָב איך זיך פאַרכידעשט:

— רעב יאַנקעוו, וואָס עפּעס פאָרן מיר צו דער סוואַלקע?

— אײַ, רעדט ניט קיין נאַרישקײַטן... — האָט ער געענטפערט.

דעם גאַנצן וועג איז ער געזעסן שווײַגנדיק, געקראַצט זיך אונטערן קאָלנער, פון מאָל צו מאָל זיך אַראָפּגעגליטשט פונעם דיוואַן, און אָנ־כאַפּנדיק זיך פאַר עפּעס, געבליבן אין דער ניט באַקוועמער פּאָזע, פּונקט ווי הענגענדיק. אײנמאָל האָט ער זיך צוגערוקט צו מיר נעענטער, אַזוי, אַז עס האָט מיר אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם פונעם אָווער, וואָס האָט זיך פון אים געטראָגן, און קוקנדיק גלײַך אין מײַנע אויגן, האָט ער געזאָגט אין איין אָטעם, ווי ער וואָלט די גאַנצע פראַזע אויסגעלערנט אויף אויס־ווייניק און זי פאַרגעדענקט:

— איר ווייסט, איך דערמאָן זיך די געשעענישן פון מײַן לעבן... זיי דערוווײַטערן זיך אײנע נאָך דער אַנדערער אין זיקאָרן און זעען אויס קלענער און נאָך קלענער און לאַכלוטן ניט קלאָר, ווי גלײַך איך וואָלט געקוקט אויף זיי דורך דער איבערגעקערטער זײַט פון אַ בינאָקל...

איך וועל דיר דאָ ניט באַשרײַבן, טײַערער פּאַלעק, וויאַזוי עס זעט אויס דער מיסטקאַסטן ראָקוועי פּאָינט. דאָס איז די קלאָאַקע פון ניו־יאָרק. אַלץ, וואָס אין די שטיבער, אין די הויפן, אין די גאַסן צעברעכט מען, אָדער מע עסט ניט אויף, אָדער עס ווערט קאַליע, דאָס גאַנצע מיסט און דאָס אַלטוואַרג — שיקט מען אָפּ אין ראָקוועי פּאָינט. פונדאַנען איז אַ קילאָמעטער צוואַנציק ביזן אָקעאַן. און הער אַ מײַסע — אין ניו־יאָרק ווייסט מען, אַז אָט דער דאָזיקער גיגאַנטישער מיסטקאַסטן, מע רופט אים טויטער יאַם, רוקט זיך צוריק צו די מענטשן. אויף פיל מײַלן פונעם אָרט פון די אָפּפאַלן איז דער דעק פונעם אָקעאַן פאַרצויגן מיט אַ מין שליים, וואָס די געלערנטע רופן אים שוואַרצער מאַיאָנעז — אַ גיפטיקע מאַסע, וועלכע שמעקט מיט טוכלע אייער. ניט לאַנג צוריק האָט דער שוואַרצער מאַיאָנעז זיך גענומען רוקן צו ניו־יאָרק, צו די ברעגן פון לאָנג־אײַלענד. פאַר אַ יאָר, זאָגט מען, מאַכט ער דורך אַ מעהאַלעך פון אָנדערהאַלבן קי־לאָמעטער. וויי־וויי, דו שטעלסט זיך פאָר, וואָס עס וואָלט געשען מיט ניו־יאָרק, ווען עס טוט אויף אים אַ פלייץ אַרויף אָט די אומרײנקײַט!..

און דאָס איז ער טאַקע, דער טשיקאַוועַר בײַשפּיל, מיט וועלכן איך האָב דיר צוגעזאָגט צו אילוסטרירן דעם געדאַנק, אַז צומאָל טוט דאָס אומרײנע, דאָס ניט נייטיקע אַ דראַנג צו פאַרכליופּען דאָס לעבעדיקע. טראַכטנדיק וועגן דײַן ראָמאַן, קום איך צום געדאַנק, אַז גראָד וועגן דעם וואָרנט ער אונדז, יידן, און עס ווערט מיר גרינג אויפן האַרצן, ווען איך זע, אַז דו האָסט, אַזוי ווי איך דעמלט אין ניו־יאָרק, אָפּגעפירט אויף דער סוואַלקע יאַנקעוו שאַנאָווסקין, פּונקט אַזוי, ווי דו האָסט עס פריִער אָפּ־געטאָן מיט קאָסטיע פערפּילאָוון און מיט כילוש מאַזאָרן.

טײַערער פֿאלעק! אנדריי האָט מיר אָקאָרשט געזאָגט — כ׳האָב אים געקלונגען אפֿן זאוואָד, — אז דו קלײַבסט זיך קיין מאָסקווע, צום פּראָפֿעסאָר קליויעוו. קום זשע וואָס גיכער! בא נאטאשען אין אטעליע האָב איך געזען, שוין קימאט א פארטיקן, וועגנראָוועס סקולפּטור־פּאָרטרעט. ס׳ווערט באלד א יאָר צײַט, זינט דער „דיעדא מארק״ איז אוועק פֿון דער וועלט. איז אײַל זיך צו, פֿאלעק, ווײַל ניט בלויז עס ווארט אף דיר דער אָפּעראציע־טיש פֿונעם אויגן־מעכאשעף קליויעוו. אין די נאָענטע טעג וועלן מיר אוועקשטעלן א מאציייווע אפֿן קייווער פֿון אונדזער אומפּאר־געסלעכן קאָמיסאר.

דײַן —

ארן ווערגעליס

אין פופצן יאר ארום

רייזעס

1. איך טײַנע זיך אויס מיט אָנקל סעם

ריבוינעשעלוילעם, ווי שנעל די צײַט לויפט...

ווען איך האָב זיך אופגעהויבן איבערן טראַפּ צום אעראָפּלאַן, איז מיר אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק אונטערצורעכענען, וויפל יאָר עס זײַנען שוין אוועק נאָך מײַן ערשטער רײַזע קיין אמעריקע. פּונקט פופצן יאָר! מיט אַזעלכע טעמפּן וועל איך, הייסט עס, באַווײַזן ביז די הונדערט און צוואַנציק צו זײַן דאָרט נאָך אַ מאָל פיר, ניט מער. איז דאָס ווייניק, אָדער אַ סאַך? פאַרשטייט זיך, ס׳וואָלט געווען גאַנץ גענוג, אָבער בא דעם באַדינג, אַז כאָטשבי איינע פון מײַנע נעסיִעס זאָל זײַן אַ זאָרגלאָזע און רויִקע, אַ שיינע־ריינע לוסטרײַזע. ס׳זאָל שטיין אַ קילער זומער־כוידעש, אָדער אַ וואַרעמער ווערסנע־כוידעש, ווען עס רעגנט ניט און שנייט ניט און עס סאַרפּעט ניט די היץ. און ס׳זאָל קיין שטאַרקער ווינט ניט בלאָזן. און אַרום־און־אַרום אין דער אמעריקאַנער אטמאָספער זאָל זײַן שאַ־שטיל, געמיטלעך: קיינער פינעט ניט מיטן מויל און דראָעט ניט מיט די קולעקעס. ס׳שטייען דאָרט אויסגעוואַשענע מירמלנע וואָלקנקראַצערס, און אויף אַ מעהאַלעך פון זיי זעען זיך אַרויס ווײַסע שטיבעלעך אויף גרינע לאָנקעס. און עס דרייען זיך אַרום גוטמוטיקע פּראָסאָוועטישע אמעריקאַנער. יאָ, אַלע זאָלן זיי זײַן פרײַנטלעך צו אונדז. אַ פּראָסטער מענטש זייערער זאָל צו מיר צוגיין בייס איך לאָז זיך אַראָפּ פונעם טראַפּ, און ער זאָל זאָגן ליבלעך: טײַערער כאַווער, פאַר דײַנע אויגן שפּרייטן זיך די בעעמעס פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע. אַדעראַבע, פאָר זיך דורך, קוק און זע און האָב האַנאָע...

— אַ דאַנק דיר, ברודער יאָנאַטאַן־יאַנקי. זאָג, ס׳איז טאַקע עמעס, אַז אָט דעם צונאָמען האָט דיר געגעבן דײַן גרויסער פּרעזידענט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן?

— מע רופט מיך אין דער וועלט אויך אָנקל סעם... אַ ביסל כויזעק איבער די ראָשעטייוועס פון יונײַטעד סטייטס...

— נעם זיך ניט צום האַרצן. אָט דערמאָן איך זיך, וויִאַזוי עס האָבן זיך געבעטן, לעמאָשל, די וויעטנאַמער: „אָנקל סעם, גיי ניט אוועק, דאָנט גאָו האָם! ווײַל ווי וועל איך אָן דיר לעבן?״ און יונג און אַלט אין פאַרנאַמע, דאָ ניט ווײַט פון דיר, האָבן זיך דאָך מאַמעש געבעטן ראַכמים: „נאַ דיר מײַן קאַנאַל, אָנקעלע סעם, קער מיר אים קיינמאָל ניט אום און טראָג

זיך ניט אָפּ פונדאַנען"... און וואָס דאַרפסטו מער? דעם גאַנצן וועג אין אַעראָפּלאַן, בייס איך בין איצט געפלויגן צו דיר, האָט מײַנער אַ שאָכן געהאַלטן אײַנגעשלאָסן דעם טראַנזיסטאָר, און פון דאָרט האָט אַן אַן אופּ־הער זיך געטראָגן אַף פּערסיש: „אַנקל סעם! דו און מײַן הייס־געליבטער שאַך! טוט מירביידע אַ טויווע — זיצט אײַך אין מײַן לאַנד, און איך, דער פּערס, וועל אײַך זײַן אַ פּוס־בענקעלע"...

— אָ, לאָז מיך אויסווישן אַן אַנגעלאָפענע טרער...

— און איצט זאָג, פּעטערל: פאַראַן עפּעס נײַס בא דיר? פונדעסטוועגן, פּופצן יערעלעך דורכגעלאָפן, קיין אײַנהאָרע ניט...

— וואָס זשע, דו ווייסט ניט דאָס פראַנצויזישע ווערטל, אַז וואָס מער עס ענדערט זיך, אַלץ מער בלײַבט ווי געווען?

— אָבער פּרעזידענטן האָבן זיך כאָטש אין דײַן מדינה געביטן?

— דזשאָנסאָן האָט זיך געביטן... ניקסאָנען האָט מען געביטן, און פאָרד, ער האָט זיך געבעטן אַפן צווייטן טערמין, נאָר ס'האָט אים ניט געהאָלפן, מע האָט אים אויך פאַרביטן אַף אַן אַנדערן...

— נו, און אַף וואָס פאַר אַן אויפן מע האָט פאַרביטן קענעדין, געדענק איך אַליין... דאָס איז געשען פונקט מיט פופצן יאָר צוריק.

— הער אויס, גראַדע אין דער דאָזיקער פּאַסירונג האָט זיך איצט דאָס גאַנצע בילד געביטן...

— אַ טאָעס? דזשאָן קענעדי איז געבליבן לעבן?

— ווען עס טרעפן אין אַ מענטשן פיר קוילן, טראָגט ער עס ניט איי־בער...

— דרײַ קוילן, ניט קיין פיר. האָסט דען פאַרגעסן, צו וועלכן אויספיר ס'איז געקומען די אָרענס־קאָמיסיע? אין קענעדין האָט מען דעם 22 נאָיאַבער 1963 אויסגעשאָסן דרײַ מאָל. דאָס שטיקל אַרבעט האָט איינער אַליין אָפּגעטאָן לי כאַרווי אָסוואַלד...

— האָסטו, זײַ מויכל, אַ טאָעס. דאָס הייסט, אַ טאָעס האָט דערלאָזט אָוואָרען מיט זײַן געהויבענער קאָמיסיע. פאַשעטער גערעדט, דער דאָזי־קער אָוואָרען האָט שיר ניט אַרײַנגעבראַכט גאַנץ אַמעריקע אין אַ טאָעס. נאָר ס'איז אַדורך אַזוי ווייניק, ווי פופצן יאָר, און אַנקל סעם האָט זיך, גאָט צו דאַנקען, אויסגעלערנט ציילן ביז פיר...

— אַ יאַשער־קויעך. ס'איז טאַקע אַ גרויסער דערפאָלג.

— געהאָלפן האָט אַ מאַגניטאָפאָן־לענטע, וועלכע מע האָט ערשט איצט אָפּגעזוכט אין דער דאַלאַסער פּאָליציי.

— אַז מע דאַרף, געפינט מען...

— יאָ, און אַף דער לענטע איז פאַרשריבן די גאַנצע שיסערײַ. איינס, צוויי, דרײַ, פיר. פיר שאָסן! דרײַ פונעם ביכער־סקלאַד אַף דילי־פּלאַז, און דער פערטער גאָר פון אַן אַנדער זײַט — פון דעם גרינעם בערגל קעגנאיבער דעם פּרעזידענטס קאָרטעזש...

— זע נאָר, סאַראַ כידעש! ס'הייסט, אַז געווען איז נאָך איין אָסוואַלד...

— אַמוויינקסטנס.

— אַ פאַרשווערונג?

— וואָדען?

— און דו האָסט אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און שווײַגסט! אײַ־אײַ־אײַ, אָנקל סעם...

— נעם דײַנע זאַכן, רוסישער ייִד, און גיי ארויס אין וואַשינגטאָן... דאָ וועסטו געפינען, צו וועמען צושטיין מיט טײַנעס, לעמײַ מע מאַכט אַן אָנשטעל, אַז מע ווייסט ניט, ווער עס איז באַגאַנגען דעם מאָרד...

2. לאָמיר זיך ניט כאַפּן צו באַשרײַבן וואַשינגטאָן

ווען מײַן איצטיקער רײַזע האָט מען אין מאָסקווע, בייס איך האָב זיך געקליבן אין וועג, געדערדט אַזוי, ווי גלײַך עס שטייט מיר פאָר אַ יאַזדע מיט דער עלעקטרישער באַן קיין מאַלאַכאָווקע, אָדער אין אַן אַנדער שכייניש שטעטל, און מאָרגן וועל איך זײַן צוריק אויף דער אַרבעט (מײַן אָפּיציעלע שליכעס אין די פאַרייניקטע שטאַטן איז — צופליִען קיין ניו־יאָרק און דאָרט זײַן אַ גאַסט אויפן טראַדיציאָנעלן יאָר־באַנקעט לעקאָוועד דער קאָמוניסטישער כוידעש־אויסגאַבע „דזשוויש אַפּערס" — „ייִדישע איניאָנים". באַ די הײַנטיקע קאָמוניקאַציעס פאַרנעמט עס ניט אַ סאַך מערער צײַט, איידער די אויבנדערמאָנטע רײַזע קיין מאַלאַכאָווקע, אויב, פאַרשטייט זיך, ניט צושטיקעווען צום ניו־יאָרקער באַנקעט אַ פּאָר צענדליק מאָלצײַטן אין אַנדערע שטעט פונעם לאַנד. ס'איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן, אַז אַזוי טאַקע איז געשען. דאָס רופט אָבער באַ קיינעם ניט ארויס קיין כידעש. ווען איך בין געקומען צו פליִען קיין אַמעריקע מיט עטלעכע טעג פריִער פאַרן באַנקעט, און דערצו ניט קיין ניו־יאָרק, נאָר קיין וואַשינגטאָן, האָבן אַלע אויף דערויף געקוקט, ווי אויף אַ פאַרשטענדלעכער זאַך).

איך דערמאָן זיך, וויִאַזוי שלוימע מיכאָעלס האָט אין זײַן צײַט באַשריבן די רײַזע קיין אַמעריקע, וועלכע ער און איציק פעפער האָבן דורכגעמאַכט אין 1943 יאָר. זײַנע רײַזע־נאָטיצן הייבט מיכאָעלס אָן מיט אַזוינע ווערטער: „מיר זײַנען געפאָרן פון מאָסקווע ביז ניו־יאָרק פערציק טעג. אַזאַ מין אייגנאַרטיקן רעקאָרד האָבן מיר געשלאָגן, פאָרנדיק ניט אויף אָקסן, ניט אויף אויטאָמאָבילן, ניט אויף קעמלען און ניט אויף שיפן. מיר זײַנען געפלויגן אויף עכטע אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען"...

קורץ, אָפּגעזעסן גוטע עטלעכע שאָ אין אַ ליכטיקן, אויסגעלופטערטן, ווייך־פליִענדיקן סאָוועטישן עראָפּלאַן, בין איך צום מיטיק פונעם זעלבן הײַנטיקן טאָג אָנגעקומען קיין וואַשינגטאָן. דאָ גייט אַ רעגן, ס'איז אַן עסעריקע קעלט. דער ווינטער איז, זעט מען, אַ ווינטער, נאָר אָן שניי און אָן געוויינלעכער פראָסטיקײַט, די קעלט קריכט אין די ביינער, צופּט באַ דער נעשאָמע, נעמט דורך אויף דורך־און־דורך, און אין דער זעלבער צײַט איז עס, אויב איר ווילט, אַ מין וועטער־בײַט, ווען מענטשן אין גאַס פירן זיך ניט ווי אום ווינטער, און טאַקע דערפאַר כאַפּן זיי אַ ציטער, זײַנען ברוין און בלוי.

איז טאַקע איצטער גאָר אַן אַנדערער דער אויסזען פון וואַשינגטאָן,

איידער ס׳האָט זיך מיר פארגעדענקט פון מײַן ערשטער רײַזע. דעמלט — אן אויסגעפוצטע שטאָט, א רײַכע און אויסגערוטע, א געפעסטעטע נעגידעסטע. און איצט... ניין, איך קאָן נאָך ניט באשרײַבן מײַן אײַנדרוק. מע דארף גוט א שורעווע טאָן מיט די פאָדעשוועס איבער דער ערד פון אמעריקע. דערווײַל זע איך: אין דער קעלט גייען ארום איבער די גאסן פון וואשינגטאָן מענטשן, וועלכע האָבן ניט באוויזן, אָדער זײַנען ניט אימשטאנד געווען צופאסן זייערע מאלבושים צו אזא סאָרט ווינטער. מע איז אָנגעטאָן אין רעגן־מאנטלען און אין קאָלדרעס־פלעדן. אנדערע שטעלן אויף די שמאָלע קעלנער פון די פידזשאקן און האלטן אין איין בלאָזן פון דאָרט, ווי אף הייסער יויך... נאָר אָט קומען ארויס פון אן אויטאָמאָביל א פרוי מיט א מאנצבל — אין פרעכטיקע פוטערן. אינעם שטאָט־צענטער ווארפט זיך אין די אויגן די ווארעם־אָנגעטאָנענע, עלעגאנט־געקליידטע אמעריקע.

וועלן מיר זיך ניט כאפן צו באשרײַבן וואשינגטאָן אין אזא וועטער. וויפל צײַט בין איך שוין אין וואשינגטאָן? הא, איך בין שוין דאָ א גאנץ פערטל שאָ... צוזאמען מיטן ראטגעבער פון דער סאָוועטישער אמבאסאדע וואלענטין קאמענעוו קום איך ארײַן צו אונדזער געזאנדטן דאָברינינען, וועלכער דערציילט מיר, אגעוו אורכע, אז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אים אָפגעשטאט א וויזיט נאָכעם גאָלדמאן, איצט שוין — ניט פרעזידענט, נאָר ערן־פאָרזיצער פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. א שטענדיקע טעמע פון די שמועסן, וואָס יענער פירט, איז זײַן ווילן צו באזוכן מאָסקווע.

צי איז אזוי שווער מעקאיעם זײַן אזא פארטראכט? ניין. נאָר נאָכעם גאָלדמאן וויל, און וויל, און וויל, און וויל... וואָס וויל דער אלטער מאן? איך, פון מײַן זײַט, דערמאָן זיך אין אונדזערער א באגעגעניש אין פאריזש מיט עלף יאָר צוריק. דער שמועס איז פאָרגעקומען אין גאָלדמאנס שטוב, ניט אונטער פיר אויגן — געווען דערבײַ דער „אויסערן־מיניסטער” פונעם וועלט־קאָנגרעס ארמאנד קאפלאן.

נאָכעם גאָלדמאן היט אָפ פאר זיך און פאר דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס די פאָזיציע פון פאָרזיכטיקער ניט אײַנשטימיקײַט מיט די פירעכצן אין מעדינאס־ייִסראָעל און אין איינוועגס — מיט די גראָבקײַטן פונעם וועלט־ציִעניזם, דערבײַ אָבער סטארעט ער זיך צו שאפן א „טכום”־אויסגעברייטערטע סוויווע פאר דעם זעלבן וועלט־ציִעניזם.

מיר האָבן זיך, דארף איך אָפמערקן, באגעגנט אין א צײַט, ווען אף גאָלדמאנס האָריזאָנט האָט שוין געברענט די שקיִע. ס׳האָט זיך געפילט, אז ער אײַלט זיך אונטער צו דערגרייכן אין זײַן לעבנס־שליכעס עפעס נײַס...

איך האָב אים געייצעט:

שוין צײַט זיך אָפזאָגן פונעם אלטן פלאן אײַנצושליסן די סאָוועטישע יידן אין דער ספערע פונעם וועלט־קאָנגרעס. דאָס איז, רעב נאָכעם, פונקט ווי ארומטראָגן זיך מיט אן אידייע־פיקס אָפצושאפן די אָקטיאבער־רעוואָליוציע...

3. צוויי קובינער קאָנטררעוואָליוציאָנערן, מיסטער שטיינבערג און אנדערע

די אמעריקאנער קרוין־שטאָט האָט צוגעגרייט שוין אין די ערשטע שאָען פון מײַן באזוך עפעקטפולע געשעענישן: א דיפלאָמאטישע אופנאמע אין דער וואשינגטאָנער פאַרשטייערשאפט פון קובע, דעם פּרעזידענט קאַרטערס מעסאזש אין קאָנגרעס וועגן דער לאגע פונעם לאנד...

די רעוואָליוציאָנערע קובע (א קנויל אין גאַרגל בא אָנקל סעם) פּיי־ערט הײַנט איר נאציאָנאלן יאָמטעוו. די אָקאַרשט אויסגעשטאַטע געבײַדע פון דער פאַרשטייערשאפט שטייט בישכיינעס מיט דער סאָוועטישער אמ־באסאדע, אף דער קעגנגיבערדיקער זײַט גאַס, און עס נעמט ניט קיין סאך צײַט, ווי איך גיי שוין ארום איבער די גרויסאַרטיקע זאלן און זע מיט די אייגענע אויגן, אז, טאקע עמעס, אמעריטשקע מוז שוין ריידן גלײַך אף גלײַך מיט די „כוצפּעדיקע יינגלעך" פון האוואנע.

ניטאָ קיין בעסערער קוואַל פאַר אינפאָרמאציע, ווי אן עפנטלעכע די־פלאָמאטישע אופנאמע, ווו קיינער זיצט ניט אף אן אָרט, אלע דרייען זיך ארום און שלײַפן די צינגער: די דיפלאָמאטן פארנעמען זיך מיט שיין־ריי־דערײַ, די פרויען האָבן א נעטיע צו באווײַזן, אז אלץ ווייסן זיי, און די זשורנאליסטן ווייסן טאקע אלץ, ארײַנגערעכנט דאָס, וואָס וועט זײַן מאָרגן, און דאָס, וואָס וועט קיינמאָל ניט זײַן.

מערסטנס טאָפּטשעט זיך דער אוילעם ארום די טישן מיט קיבעד. ס׳איז מאמעש א וווּנדער, וואָס קיין איין טיש האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן דרייען און זיך ניט איבערגעקערט פון דעם געווימל פון רייד ארום אים:

— ...שטעלט אײַך פאָר, אין פילאדעלפיע מאכט מען שוין די נײַע דאָלער־מאטבייע...

— ...דאָס ערשטע מאָל באקומען מיר א דאָלער מיטן פאָרטרעט פון א דאמע...

— ...איך האָב זי שוין אין קעשענע, אָט זעט...

— ...אמעריקע ווייסט ניט, קעגן וואָס זיך מאכן אײַנשפּריצונגען: קעגן כינעזישער גריפּע, סאָוועטישער פּליו, דײַטשישע פּאָקן, יאפּאָנישער איב־פלוענציע...

— ...זײַט זיך מאטריעך און שליסט אויס פון די עפּידעמיעס די כינע־זישע! אָט וועט קומען צו אונדז דען סיאַאָפּין וועט מען דעם כינעזישן פלאסטער אָנהייבן צולייגן צו אלע מאקעס...

— ...זאָגט, איר האָט זיך שוין אײַנגעשאפּן ראָליקעס? די גאנצע שטאָט פאָרט אף זיי ארום...

— ...א סאך בעסער, איידער לויפן אלע אינדערפרי איבערן סקווער...

— ...זיכער ליבעראליזירט מאָסקווע איר פּאָליטיק ארום יידישער עמי־גראציע... מע דאַרף באלוינען די סאָוועטן מיט קאָמערציעלע קאָנצעסיעס, געבן זיי דעם סטאטוט פון א פּאוואָריזירטער נאציע...

— ...איר זײַנט פון זינען אראָפּ!

— ...דזשעקסאָנס אמענדמענט איז די בעסטע קאָרט אין דער שפּיל...

— ...וועד פון די פרויען איז אויסגעקריצט אף דעם נײַעם דאָלער? עלעאָנאָרע רוזוועלט?

— ...געווען א געדאנק אויסצוקריצן זשאקלין קענעדי... דאָס וועט קיצלען...

— ...ניין, עליזאבעט טיילאָר... כי־כי־כי, איך געדענקט, ווי זי טוט זיך אויס נאקעט אינעם פילם?..

— ...נעמט דעם דאָלער, נאָר קערט אים מיר אום צוריק...

— ...וואָס וועט איר זאָגן אף סאדאטן? ווער האָט געהאט א גרעסערע רעקלאמע: ער, צי עליזאבעט טיילאָר?

— ...פּראָפעסאָר גודמאן פון האַרוואַרד האלט, אז די ייִדישע אקטיוויסטן אין רוסלאנד דארפן זײַן געבונדן מיט די רוסישע דיסידענטן, ווײַל די דיסידענטן קאָנען נאָך אמאָל ווערן די רעגירונג אין רוסלאנד...

— ...דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט פריִער פאר אלעמען אָנגעטאָן אף זיך דזשינסן, איז געווען א יונגערמאן פון בײַערן לעווי שטראוס. ער האָט עמיגרירט פון זײַן לאנד קיין סאן־פראנציסקאָ...

— ...ווען איז דאָס געשען?

— ...בעשאס אין אייראָפּע איז פאָרגעקומען די רעוואָליוציע... אין טויזנט אכט הונדערט אכט־און־פערציקסטן...

— ...די רעוואָליוציע פון דזשינסן?

— ...ניין, די רעוואָליוציע פון דער בורזשואזיע...

— ...וואָס, איר זעט ניט, אז אפן דאָלער איז אויסגעקריצט סיוזאן ענטאָני?

— ...זי האָט זיך אויך אויסגעטאָן נאקעט?

— ...מעשוגעע! סיוז איז געווען א קעמפערן פאר פרויען־רעכט...

— ...דארף זי שוין איצט ניט קעמפן, ווײַל זיי האָבן הײַנט מערער רעכט, ווי מע דארף... פּראָפעסאָר לענגלי שרײַבט, אז צוועלף מיליאָן אמעריקאנער פרויען שלאָגן זייערע מענער...

איך כאפ אראָפ פון דעם טיש עפּעס פונעם עסנווארג און גיי אָפּ צו א פענצטער, קעדיי ניט הערן דאָס פּלאפּלען. לעם פענצטער ריידן צוויי מאנצבלען אף ייִדיש. אליין דער אויסזען פון אָט דעם פּאָרל איז וווּנדערבאר. איינער שווײַגט, הערט און מרוקעט אונטער, עסנדיק אָן אופהער א פערטל אָף. ער איז אזוי ראכוועסדיק, פורעם־קוילעטשדיק! זײַן פּעמפּיק, א קײַלעכדיקער, ווי א צוגעשארטער קעסל־פּויק, גרייכט אזוי ווײַט פון אים אליין, אז דער צווייטער, א נאָגעלע, א קוצעפּינדריק, דריבנע ווי א הנאָם, קורצפּיסיק און קורצהענטיק, מאמעש א מאפּל־קינד, זעט אויס פונדערווײַטנס, צוזאמען מיט אים, דעם מעגושעמדיק־גראָבן, ווי א סאָראָקע אף א כאזער.

דאָס, וואָס איך דערהער, צוקומענדיק צום פענצטער, דארף מען אף פּאפּיר ארופשרײַבן אָן פונקטן און קאָמעס, ניט צעשיידן די שײַכעסדיקע צווישן זיך טיילן פון די רייד. דאָס קליינע מענטשל רעדט, ווי ער וואָלט נאָכאנאנד עפּעס געפּיקט:

— טראכט איך זיך אמעריקע איז ניט קובע מע דארף זיי אונטערטראָגן אזוינס זיי זאָלן זיך אזש דערשרעקן האָב איך דאָס געלט וואָס

איך האָב פארכאפּט מיט זיך פון האוואנע אריַינגעלייגט אין בויען א וואָלקנקראַצער ניט פאר לעבעדיקע נאָר פאר מייסים דאָס הייסט איר זאָלט מיר מויכל זײַן א פילשטאָקיקן בעסוילעם ווײַל ערד איז דאָ א מעציִע פאר הונדערט טויזנט מייסים אשטייגער דארף מען האָבן א הייליק אָרט פון זיבן און זיבעציק העקטאר אזוי האָבן ספעציאַליסטן אונטערגערעכנט איז ווו נעמט מען זיבן און זיבעציק העקטאר מע קען בעדיל הארדאל ווערן האָב איך זיך אוועקגעשטעלט בויען א בעסוילעם פון צוואנציק שטאָק פאר הונדערט טויזנט קוואָרים דאָס איז בלויז אין איין שטאָט זי הייסט נאשוויל און געפינט זיך אין טענעסי אויב איר ווילט קאָן איך איַיך נאראיען אן אנדער שטעטל מע זאָגט אמעריקאנער אָט ווער איך איַיך דערציילן אזא זאך איך בין ניט לאנג צוריק געווען אין א לאָנג איילענדער שטעטל איזליפּ הייסט עס אין פיר יאָר ארום וועט עס אלט ווערן דרײַ הונדערט יאָר האָט דער מער פונעם שטעטל שוין פון פריִער אוועקגעשיקט אן איַינלאדונג דער קיניגן עליזאבעט פון בריטאַניע זי זאָל קומען אפן יאָמטעוו ווײַל די אמעריקאנער שטאָט איזליפּ איז נאָך טרײַ דער בריטישער קרוין זינט מע האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געשווירן דזשאָרדזש דעם דריטן פרעג איך איַיך פארוואָס עס קאָכט די וועלט ארום איזליפּ סע דרייען זיך ארום אָן א קאָפּ סאדאט און בעגין און דער כינעזער מיטן קאמבאָדזשער און קובע איז אויך ניט אזוי זיך אן אינדזעלע איר וועט זען וואָס קאסטראָ וועט נאָך אָפּטאָן קארטערן און דאָ אין דער סאמע קאָכעניש גיי דערצייל די איזליפּער אז דער סועצער קאנאל פארבינדט דעם מיטללענדישן יאם מיטן רויטן יאם ווען די רויטע רוסן האלטן איַין דעם שווארצן יאם און דער שווארצער קאָנטינענט ליגט באם רויטן יאם און קעדיי אָנגרײַפן די געלע כינעזער און די קליינע לענדער באם מיטללענדישן יאם מוזן די רויטע האָבן דעם רויטן יאם איר פארשטייט וואָס איך רעד צו איַיך צי ניין...

דער מעגושעמדיקער האָט געקוועלט, ווי א בולקע אין מילך, זיך געגוידערט, צעגאָפּלט און צעלאָזט זיך, דיק און שטיק, ניט אנדערש — א געשטאָפּטע גאנדז. די רייד פונעם קלייניקן זײַנען געפלויגן פארבײַ אים, א סוואָרע, אז ער איז גאָר קיין ייִד ניט און פארשטייט ניט קיין וואָרט פון דעם, וואָס דער קלייניקער רעדט צו אים. איך האָב בא זיך גויווער געווען דעם ווילן ארײַנצווארפן א וואָרט, און אזוי פון א ווינקל האָב איך זיך געליובעט מיט דעם מעגושעמדיקן, וואָס איז אופגעלאָפן ווי טייג אין א דייזשע, און מיט זײַן פיטשעמאָנטשינקן מיטשפרעכער.

מיטאמאָל דערהער איך נאָך א קאָל אף ייִדיש, לעם סאמע אויער מײַנעם:

— איר האָט פאר זיך, פראָסט גערעדט, צוויי קובינער קאָנטררעוואָליוציִאָנערן. איצט רײַבן זיי זיך ארום קאסטראָס פאָרשטייערשאפט, טאָמער וועט קיין אנדער ברייִרע ניט זײַן און מע וועט מוזן זיך איבערבעטן... ווילט איר מיסטאמע וויסן, ווער עס זײַנען די צוויי לײַט... דעם גראָבן קען איך ניט, אָבער אָט דער, וואָס מאכט אים טראָגעדיק, איז פרעזידענט פון א כעוורע, וואָס הייסט „קובינער עמיגראנטישער קאָמיטעט פאר די סאָוועטישע ייִדן”. אליין שטאמט דער קובינעץ פון רוסלאנד. אין קובע

איז ער ארויס פון עפּעס א מיסכער מיט א מילי־אָנערקעמ טײַסטער, דער־נאָך אנטלאָפן קיין מאיאמי...

— ווער זײַנט איר? איר רעדט צו מיר אזוי, פּונקט ווי מיר וואָלטן שוין געווען באקאנט...

— מיסטער קאמענעוו האָט מיר אָקאָרשט אָנגעוויזן אף אײַך און גע־בעטן, כ׳זאָל זײַן אײַער דאָלמעטשער. איך בין דאָ אויך א גאסט, פונעם אמעריקאנער צאד...

— איר דינט אין סטייטס־דעפּארטאמענט?

— וואָס רעדט איר! איך בין א פּאָשעטער ייִד, א ביסל א זשורנאליסט, און דאָס איבעריקע — א קאָמפּאניאָן אין א טוריסטן־ביוראָ. איך האָב פײַנט קאָנטררעוואָליוציאָנערן, כאָטש די געווינשאפט צו זײַן דאָרט, ווו מענטשן קומען זיך צונויף, האָט מיך געבראכט אויך אין א קאָמיטעט וועגן סאָוועטישע ייִדן, אין דעם אמעריקאנער קאָמיטעט...

— אײַער „כאָטש" דארף מען פארשטיין אזוי, אז אזעלכע קאָמיטעטן און קאָנטררעוואָליוציע זײַנען איינס און דאָס זעלבע...

— וואָס דען זײַנען די קאָמיטעטן?

— און דאָך גייט איר אהין?

— דאָס איז אַן אנדער איניען. איך ווינטש ניט קיין שלעכטס די סאָ־וועטישע ייִדן. אָבער א קאָמיטעט איז א קאָמיטעט... מע באגעגנט זיך מיט מענטשן, אמאָל פאלט צו א שטיקל ביזנעס... איר געדענקט מיסטאמע, וויאזוי מע פלעגט אמאָל זאָגן אין סאָוועטן־רוסלאנד: דער, וואָס איז ניט מיט אונדז, איז קעגן אונדז... אָ, נאָו, נאָו. הײַנט איז דאָס שוין ווײַט ניט אזוי...

ער האָט מיר דערלאנגט זײַן וויזיט־קארטל. א פּאָפּולערער נאָמען: שטיינבערג.

— אין ניו־יאָרק דארף איך זיך באגעגענען מיט יאקאָב שטיינבערגן, דעם פּרעזידענט פון א פארלעגערישער אסאָציאציע. איר זײַנט צופעליק ניט זײַנער א קאָרעוו?

— איך בין איינער פון די מיליאָנען שטיינבערגס אין דער וועלט. איר וועט לאכן, נאָר איך קום איצט פון אַן אינטערנאציאָנאלער קאָנפערענץ פון די שטיינבערגס. צוויי הונדערט אזעלכע טשודאקעס פון אמעריקע, קאנאדע, ענגלאנד, פראנקרײַך, ייִסראעל, קאָלומביע, ארגענטינע האָבן געגעסן א מאָלצײַט און פארבראכט א טאָג מיט נאָסטאלגישע זיכרוי־נעס...

איך ווייס ניט, ווי אנדערע שטיינבערגס, נאָר דער דאָזיקער איז מיר געפעלן געוואָרן מיט זײַן אָפנהארציקײַט.

די אופנאמע אין דער פאָרשטייערשאפט פון קובע האָט זיך ניט פאר־צויגן אף לאנג. א כאווער פונעם פרײַהײַט־אינדזל האָט מיר דערציילט אייניקע פראָטים וועגן דעם לעבן פון די דאָרטיקע ייִדן. איך האָב זיך באקאנט מיטן אמעריקאנער סענאטאָר סטיווענסאָן און אופגערעדט זיך מיט אים, אז אויב עס וועט דערלויבן די פּראָגראם, וועל איך פארן אָפּ־פאָרן אהיים זיך טרעפן מיט אים און מיט עטלעכע זײַנע קאָלעגן פונעם סענאט. וואלענטין קאמענעוו האָט גענומען אף זיך די מי אונדז צונויפירן.

כ'האָב פאַרשריבן מײַן נאָמען אינעם גאַסט־בוך און בין אַוועק זיך דורכ־שפּאַצירן איבער די וואַשינגטאָנער גאַסן מיט מײַן נײַעם באַקאַנטן מיס־טער שטיינבערג — ביז דער שאָ, ווען עס וועט זיך אָנהייבן די צערעמאָ־ניע פון דער אַרויסטרעטונג פונעם פּרעזידענט קאַרטער אין קאָנגרעס פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

4. מיסטער שטיינבערג ברענגט מיר דעם ריכטיקן מאָשל

— מיסטער שטיינבערג, איר מיינט טאַקע, אַז קעדיי זיך באַגעגענען מיט מענטשן, דאָס הייסט צוליב צײַט־פאַרטרײַב, און אַוודאי שוין, האָפּנ־דיק אַף אַ שטיקל ביזנעס, איז לײַטיש און מאָראַליש דאָס זײַן אַ שוטעף אין אַ קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט טרײַבן רעכילעס אַף אַ לאַנד?

— מיסטער ווערגעליס, איך האָב אין דער היים אַ בוך אײַערן, ווו איר באַשרײַבט די רײַזעס, וועלכע איר האָט דורכגעמאַכט. און דאָרט איז מיר געווען באַזונדערס טשיקאַווע צו לייענען יענע ערטער, ווו איר לאָזט ריידן אײַערע קעגנער. קיין איינער פון זיי האָט קיינמאָל אײַך ניט גע־זאָגט, אַז זײַן האַנדלונג איז ניט קיין לײַטישע. איר גלייבט אין אײַער עמעס און דער צווייטער צאַד גלייבט אין זײַן עמעס. איר זײַנט מאַסקים?

— וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן?

— די באַשולדיקונגען, וואָס די קאָמיטעטן אַרום די סאָוועטישע ייִדן וואַרפן אַף רוסלאַנד, זײַנען זיכער שעקער און רעכילעס. אָבער די מענטשן אין די קאָמיטעטן גלייבן, אַז דאָס איז רעכילעס צוליב אַ טויווע... שאַט, איך שלאָג זיך אַליין איבער די רייד, קעדיי צו באַמערקן, אַז פון אונדזער איצטיקער באַגעגעניש און פון אָט דעם שמועס וועלן די לייענער פון אײַערע וועג־באַשרײַבונגען אַ סאַך געווינען. מיטאַמאָל האָט זיך אָנגע־טראָפן אַ מענטש, וועלכער באַווײַזט אָפן, וויאַזוי שלעכטס גייט אָן פאַר גוטס...

— דאָס שלעכטס ווייסט מען שוין. וואָס טוט איר גוטס?

— פאַרן אַנטיסאָוועטישן קאָמיטעט איז אַלץ, וואָס ער טוט, גוט. ער צווייפלט ניט, אַז דאָס איז גוט פאַר ייִדן...

— איר מיינט אויך אַזוי?

— ניין, איך גראָד צווייפל...

— און דאָך האַלט איר זיך באַם קאָמיטעט...

— איר ווייסט, גאַנאָווים האָבן אַמאָל געהאַט אין אַ שטעטל אַן אייגע־נעם ראָוו. פרעגט מען באַ אים: „ווי פירן זיך אײַערע שעפּעלעך, ווען עס מאַכט זיך באַ זיי אַ שטיקל אַרבעט אום שאַבעס?" ענטפערט ער: זיי גאַנ־ווענען. „און אויב מע דאַרף דערבײַ אָנצינדן אַ ליכט?" צינדט מען אָן. מע ברענגט אויך אויס דעם שלאָס. „נו, און אויב די שטוב, וואָס מע באַ־גאַנוועט, איז ניט קיין ייִדישע, און דאָרט ליגט טרייף פלייש, צי כאַזער?" גאַנוועט מען עס צו און מע פאַרקויפט עס צו ניט־ייִדן. „איר האָט ניט

מוירע פאַר דער אווירע לוי סיגנויוו, פאַר אָנצינדן ליכט און ברעכן אַ שלאָס אום שאַבעס, און בלויז פון עסן טרייף פלייש האַלט איר זיך אַליין אָפּ... ווי־אַזוי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?" דער ראָוו פון די גאַנאָווים ענט־פערט: „גנייווע — דאָס איז אונדזער פּאַרנאָסע. מיר זײַנען מעכאַלעל שאַ־בעס, ווען מע דאַרף עס צוליב פּאַרנאָסע. אָבער עסן טרייפס? מיר זײַנען דען, כאָלילע, קיין ייִדן ניט?"...

5. ווי־אַזוי זעט אויס דזשימי קאַרטער

דער פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע טרעט אַרויס אויפן קאַפּיטאָליער בערגל מיט אַ רעדע וועגן דער לאַגע אין לאַנד. ער שטייט בײַ אַ סטענדער, הינטער זײַן פּלייצע — דער וויצע־פּרעזידענט פון אַמעריקע און דער ספּיקער פון דער דעפּוטאַטן־פּאַלאַטע.

קאַרטער איז אַ מענטש אַ גאַנץ געוויינלעכער. אויפן פּנים זעט ער אויס געזעלטערט איבער די אָדערן לענגויס דעם האַלדז און די אָנגעקוואָ־לענע רינוועלעך, אויך ווי אָדערן, אין די מויל־ווינקלען און איבערן קין. מע רופט אים „דער פּערמער", ווײַל צוזאַמען מיטן ייִנגערן ברודער בילי איז ער באַלעבאָס פון העכער דרײַ טויזנט אַקער־לאַנד לעם זײַן היימ־שטאָט פּלעינס. פאַרשטייט זיך, די פאַרמערײַ פירט דאָרט אַ פּאַרוואַלטער, אָבער דאָס שטערט ניט צו פאַררעכענען אַלס פּערמער דעם פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן, וועלכער לאָזט זיך פון מאָל צו מאָל אָפּפאָטאָגראַ־פירן מיט אַ זאַסטעפּ אין האַנט...

זעענדיק אים שטיין לענגערע מינוטן פאַר די פּני פון זײַן לאַנד, בייס ער לייענט אַרויס פון אַ פּאַפּיר די וויכטיקע יאָר־רעדע, לייג איך דער־ווײַל צונויף זײַנע מענטשלעכע שטריכן אין אַ פּאָרטרעט. די אויגן זײַנע לויפן אַלע מאָל אַרײַן אין שפּעלטעלעך פונעם אָנגעפּראָפּטן פּאָנעם און באַהאַלטן זיך דאָרט. ווען די שפּעלטעלעך ווערן ברייטער, באַווײַזן זיך די אויגן — בלוי־וואַסעריקע, פּלינקערע ווי געוויינלעך. אויפן קאָפּ, דאָרט, ווו עס גייט דורך דער שרונט, איז דאָס „פּעלעכל" בײַ די זײַטן פונעם שרונט עטוואָס אויסגעקראָכן. דער פּרעזידענט רעדט מיט אַ ניט שטײַף קאָל. דער אויפן, ווי־אַזוי ער ברענגט אַרויס ווערטער, אַנטשפּרעכט ניט דער פאָר־שטעלונג וועגן אים, וואָס איז געשאַפן פון די זאַרגלאָז־לאַכנדיקע רעקלאַ־מע־פּאָרטרעטן. זײַן קאָל איז באַלעסטיקט פון עפּעס. דאָס פּאָנעם — אָט פּאַרזאָרגט, אָט קאַטעגאָריש. אינמיטן די רייד צעשמייכלט ער זיך אומ־דערוואַרט — שווער צו זאָגן פאַרוואָס און איבער וואָס. ער שמייכלט מיט צוויי מינים שמייכלען: איינער — פּונקט ווי דער מענטש וואָלט געקוקט אויף אַ שטאַרקער שײַן, און ער מינעט זיך, זשמורעט די אויגן ביז צום שמייכלען, און דער צווייטער שמייכל — זעלטענער, איידער דער ערש־טער — אַ געוויינלעכער, מיט אַ פול מויל ציין.

קאַרטערס רעדע אַנטוישט. זי איז צונויפגעשטעלט פון באַקאַנטע אויס־דרוקן, אַפילו די סאַמע ריטאָרישע פון זיי זײַנען ניט נײַ. „דער אַרויס־רוף, וואָס ווערט אונדז געוואָרפן, באַשטייט אין דער נויטווענדיקייט צו

פארלייגן נײַע און מער שטאנדהאפטיקע יעסוידעס פאר דער צוקונפט — א געזונטע עקאָנאָמיק, אן עפעקטיווע רעגירונג, א זיכערן שאָלעם"... „מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן צו פאטערן אפן לעבן מער, ווי דער בײַטל דערלויבט עס — מיר קאָנען ניט ארויסרוקן קיין פראָגראמען, וועלכע ס'איז ניט מעגלעך פארווירקלעכן אָדער פינאנסירן, מיר קאָנען ניט דערלויבן זיך א פארשווענדערישע באצי:ונג צו אונדזערע נאטור־רעסורסן"... דאָס, איבער וואָס עס דארט דער קאָפּ באם גאנצן לאנד, האָט זיך ניט געביטן, און דעם פרעזידענטס ווענדונג צו דער נאציע איז ווידער צעקוויטלט מיט אזעלכע קלאָג־רייד, ווי „די אײַנגעשפארטע אינפליאציע מוטשעט שוין מער פון צען יאָר דאָס לאנד", „דער דעפיציט אין פעדעראלן בודזשעט דערגרייכט פערציק מיליארד דאָלער", עס וואקסן די פרײַזן, ס'האָט זיך אײַנגעשטעלט א נעגאטיווער באלאנס אינעם אויסערן האנדל אאוו. אדג. „ניו־יאָרק טײַמס" שרײַבט אינעם הײַנטיקן נומער: „די אלטע דילעמע הארמאטן אָדער פוטער פלעגט געוויינלעך געלייזט ווערן דורך אופזוכן מיטלען סײַ פאר דאָס, סײַ פאר יענץ. די נויטווענדיקײַט צוימען די אינפליאציע צווינגט הײַנטיקס יאָר אויסצוקלײַבן איינס פון די צוויי. אויב אורטיילן לויט די מיליטערישע אסיגנירונגען, האָט דאָס ווײַסע הויז אויסגעקליבן הארמאטן"...

פון אזא פעסטשטעלונג ווערט שווער אפן הארצן. קארטער האָט אין פיל הינזיכטן אָנגעהויבן ווי א דילעטאנט. בייס די וואלן האָט דאָס אים אפילע ארויסגעהאָלפן. דער קאנדידאט פאר א פרעזידענט איז א נײַנקער אין פּאָליטיק, ער געהערט ניט צום וואשינגטאָנער עסטאבלישמענט, ער שטעלט זיך ארויס פארן לאנד אלס א פּאָטענצי:עלער רוזוועלט: דאָס וועט ער אָפּשאפן, און דאָס וועט ער אײַנפירן, און ביידע זאכן וועט ער אָפּטאָן, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינעם און מיט גאָרניט... ער האָט געשמייכלט מיט ביידע זײַנע שמייכלען און איז געשווומען איבער די קעפּ פון מענטשן און מאסן. אין ברייטן פּאָליטישן פלאן האָט ער געהאט, און עפשער האָט ער אויך איצט, געוויסע איליוזיעס אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס עס זײַנען שוין, זעט אויס, אין אמעריקע אוועק אין דער פארגאנגענהײַט די צײַטן פון מעכטיקע אקציעס מיצאד א פארייניקטן פראָנט — לעמאָשל, קעגן דעם וויעטנאמער קריג, אָדער פאר נעגער־רעכט. אָרעמער פערמער אינעם ווײַסן הויז... דוכט זיך, אז ער זעט ניט דעם איקער — דאָס, וואָס רײַסט זיך שוין פון די טיפעניש פון דער אמעריקאנער ווירקלעכקײַט. די הײַנטיקע קאמפּס־קויכעס פונעם פאָלק אין אָט דעם לאנד פאָרמירן זיך גאנץ ערנסט און דראָענדיק צווישן די ארבעטער, אין די אוני:אָנען, צווישן די ארבעטסלאָזע און צווישן די פאראָרעמטע פערמערס. עס באקומט אלץ מער א פּאָליטישן טיקן דער קאמף פון די נעגרען, אינדי:אנער און פון די אנדערע נאצי:אָנאלע מינדערהײַטן. עס פאראייניקן זיך ארום ספּעציפישע פאָדערונגען פארשיידענע שיכטן פון דער באפעלקערונג: פרויען, שטודירנדיקע יוגנט, אלטע מענטשן. דער ערשטער אײַנדרוק, וועלכן אן אָקאָרשט־געקומענער כאפּט אויף אין אמעריקע, איז — עס יוירט אין איר עפּעס אזוינס, וואָס קאָן מיט דער צײַט ענדערן דעם געמיט־צושטאנד אירן...

6. איצט מעג איך שוין אויסזאָגן דעם סאָד

איך דארף שוין מער ניט פארהאלטן זיך אין וואשינגטאָן. אָפּגעשטעקט דעם וויזיט, און — אין וועג אריין! עס האָבן אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן די ניו־יאָרקער כאווירים. זיי פארמאָגן, ווײַזט זיך ארויס, אין זייער לאָשן ניט וויניקער שטארקע ווערטער, איידער מיר אין רוסיש. וואָס איז דאָס פאר מאנירן? — פרעגן זיי. מיר פאָרן שוין דאָס ויפלטע מאָל דיך באַגעגענען אין קענעדי־ערפּאָרט, אין ניו־יאָרק, און דו האָסט זיך אונטערגעטוקט אין מאָסקווע און ביסט ארויסגעשווומען גאָר אין וואשינגטאָן. Damn! — צום טײַוול!

איצט מעג איך שוין אויסזאָגן דעם סאָד. די אמעריקאנער קאָנסולן אין מאָסקווע זײַנען לעצטנס ניט איבעריקס פרײַנטלעך באַם ארויסגעבן וויזעס. ווען מע ווײַזט אָן אין דער נאָטע צו זיי, אז דער וויזיטיאָר דארף זײַן אין די פארייניקטע שטאַטן צוליב אַזאַ און אַזאַ צוועק ניט אנדערש, ווי אין אַזאַ און אַזאַ טאָג, שיקן זיי צו די וויזע מיט דער אויסרעכענונג, אַז ער זאָל קאָנען אָנקומען אהין מיט אַ פארשפּעטיקונג, און דאָס מאכט שוין די רײַזע פאַר איבעריק... איצט ווייסט מען בא אונדז וועגן דעם דאָזיקן גאנג, און אין דעם פאל מיט מײַן רײַזע האָבן מיר באַשטימט זיי איבערקליגן. ווי מע האָט געקאָנט דערווארטן, איז די וויזע אף מײַן פּאַס געגעבן געוואָרן סאָף טאָג ערעוו דעם אָפּפלי פון יענעם סאָוועטישן עראָפּלאַן, וועלכער וואָלט מיך געקאָנט ברענגען קיין ניו־יאָרק דאן, ווען איך דארף. אָבער קויפן אַ בילעט איז שוין געווען שפּעט. אזוי האָבן זיי געטראַכט... דער קומענדיקער עראָפּלאַן פליט קיין ניו־יאָרק אין אַ וואָך ארום. הייסט עס, אז דער וויזיט פאַלט אָפּ! מײַנע טײַערע הערן. אַ דאנק אײַך פאַר דער וויזע, צווישן צוויי ניו־יאָרקער רעיסן איז פאראַן נאָך איינער — אַ וואשינגטאָנער. וועל איך פליען צום טײַך פּאָטאָמאַק, און אזויווי כ'האָב איבערגערוקט אף עטלעכע טעג פריער די געוווּנטשענע צײַט פונעם אָפּפלי, וועט מיר סטײַען אויך צײַט צו אריבערשווימען פון דעם פּאָטאָמאַק ביזקל דעם הודזאָן, און כ'וועל פּונקט באוויײַזן אָנקומען אפן יאָר־באַנקעט פון דער קאָמוניסטישער כוידעש־אויסגאַבע „דזשויִש אפּערס".

7. פון טאשקענט קיין טשימקענט

האָב איך שוין אָפּגעפרישט אין זיקאָרן, וויאזוי עס זעט אויס די פעדעראַלע הויפּטשטאָט פון אמעריקע. אַ גרויסע מאַסע געבײַען פון מיניסטעריומס, קאָמיטעטן, ביוראָען, אגענטורן, נאַכט־קלובן, בורלעסקן, האָטעלן, אַלטמאָדישע קאַפעען, פענסילוואַניע־אַוועניו, קאָלאָראַדאָ־אַוועניו, פּאַרק־ראָוד, 14־טע גאַס (מע רופט זי „דער שווארצער קאָרידאָר פון וואשינגטאָן", — ווײַל די באַפעלקערונג איז דאָ דורכויס אַ נעגערשע). כ'האָב ארײַנגעקוקט אין דעם ניט גרויסן אײַזנבאַן־וואָקזאַל „יוניאָן סטיישן". אין דער פינפשטאָקיקער, פינפווינקלדיק־געשלאָסענער געבײַדע פונעם פּענטאַגאָן באַם פּאָטאָמאַק, ווהין מע לאָזט ארײַן טוריסטן — פארשטייט זיך, בלויז אף דער אויסערלעכער טעראַסע; אָפּגעשטעקט דערבײַ אַ וויזיט דעם

פּאָטאָמאַק אַליין, אין וועלכן, ווי מע האָט ליב אין וואַשינגטאָן צו דערציילן, עס האָבן זיך געבאָדן די פּרעזידענטן דזשאָן אַדאַמס און טעאָדאָר רוזוועלט; אָפּגעזוכט אַ מעשונע־דרייסטן „טעקסי־דרייווער״ (ער האָט ניט לאַנג צוריק געדינט אין דער פּאָליציי און געפירט אַ „קראַיצער־124״), וועלכער איז מאסקים געווען איינשטעלן דאָס לעבן און אַריבערפאָרן נאָך זיבן אָוונט דעם בריק איבערן ביי־טייכל אַנאַקאָסטיע צום ראיאָן פון נעגערשטע טרושטשאָבעס.

איצט פלי איך שוין קיין ניו־יאָרק. דער אעראָפּלאַן — אַ מין לופט־אווטאָבוס. ער גייט אָפּ אַלע 30 מינוט, בילעטן פאַרקויפט די סטיואַרדעסע, דער וועג דויערט עטוואָס ווייניקער פון אַ שאָ צייט. דער סאַלאָן איז ניט צעטיילט אויף „קלאַסן״ און איז ברייטער, ווי געוויינלעך — מערער מיט אַ פּאָר רייען זיץ־ערטער, איידער אין די ווייט־פליענדיקע ליינערס. אין סאַמע מיטן הענגט אַן עקראַן, אויף וועלכן ס׳ווערט באַוויזן אַ טעלעוויזיע־שאָו, וויאַזוי די באַלעבאָסטע פון אַ רעסטאָראַן רופט אַריין אַן ארבעטסלאָזן, שרייענדיק ניט מיט איר קאָל: „פרי דינער אין ע פרי קאַנטרי״ — אַ אומזיסטער מיטיק אין אַ פרייע לאַנד...

צווישן די פּאַסאַזשירן — עטלעכע אין יאַרמלקעס, פאַראַן פרויען און קינדער. די מערהייט אָבער זיינען געשעפטס־לייט, וועלכע זיינען אָנגעטאָן אין אַלציינע ווייסע העמדלעך און שטיבלעטן. דער „מיטעלער קלאַס״, די מעלוכע־באַאַמטע, די פירמע־אָנגעשטעלטע געפינען זיך, זעט אויס, אין שטענדיקער באַוועגונג. מערסטנטייל צווישן וואַשינגטאָן און ניו־יאָרק. איך נעם זיך ניט אונטער צו זאָגן, וווּ, נעמלעך, זיי ווינען סטאַביל: באַם פּאָטאָמאַק, באַם הודזאָן, אָדער צווישן די מאַלאָכים אין הימל. גרינגער שוין אָנוויזן, ווער עס ווינט ניט אין וואַשינגטאָן. לויט ווי עס ווערט געשריבן אינעם וועגווייזער „די נאַציאָנאַלע הויפּטשטאָט״, וועלכע ס׳האָט צונויפגעשטעלט די צייטונג „ניו־יאָרק טיימס״, ווינען ניט אין אָט דער שטאָט „קינסטלער, שרייבער, דראַמאַטורגן, פּאָעטן, קאָנסטרוקטאָרן, אינזשעניערן, אינדוסטריעלער, באַנקירן, פילאַנטראָפּן, אַרטיסטן״.

אין סאַלאָן פונעם לופט־אווטאָבוס זיצט מען, ווי אין דעם אופנאַם־צימער בא אַ צייןָ־דאָקטער: ס׳איז טאַקע קיין אַנדער ברירע ניטאָ, ווי דאָ צו זיצן, אָבער קנאַפּ דער פאַרגעניגן... צום אַלעם ערשטן פאַרבינדט זיך באַ מיר אַ שמועס מיט די יאַרמלקעס. איך הער, וועגן וואָס זיי רעדן צווישן זיך, און ווען איך מיש צו אַ וואָרט, נעמען זיי מיך אַריין אין קאָן. פאַקטיש וואָלט איך געדאַרפט זאָגן אָנשטאָט „זיי רעדן צווישן זיך״ — „זיי קרעכצן צווישן זיך״, ווייל די צוויי ייִדן — איינער צוזאַמען מיט זיין ווייב, — וואָס זיצן הינטער מיר, האָבן אין אָנהייב געגעבן וועגן זיך צו וויסן מיט אַן איבערוף פון ייִדישע קרעכצן, און איך, דערפילנדיק די היימישקייט, האָב גענומען זיך דרייען אויף מיין אָרט. „וואָס דרייט ער זיך, ע־ע־ע?״ — האָט זיך אָנגעפרעגט איין ייִד באַם צווייטן. „ס׳קאָן זיין, אַז סע בורעט אים אין בויך, דרייט ער זיך, ע־ע־ע״... — האָט געענטפערט דער צווייטער. איך האָב זיך אָפּגערופן אויף ייִדיש, און ס׳איז אוועק אַן „איי־איי־איי״... אַ טשמאָקעניש מיטן צונג, אַ קייכעניש פון געלעכטער, אַ ריידעניש אַלע איינעם.

וועגן וואָס מײַנע שכיינים זאָלן ניט ריידן, מאכן זיי א פאַרגלײַך מיט „באַ אונדז אין טאַשקענט"... „איר זײַנט שוין לאַנג פון טאַשקענט?" — בין איך נײַגעריק צו וויסן. איינער שרײַט אויס: „איר ווייסט דען, וואָס דאָס איז פאַר א שטאָט? טאַשקענט, גאָראָד כלעבני[1]"... דער צווייטער נייגט זיך אָפּ פון דער טעמע און צערעדט זיך וועגן דעם, וואָס עס האָט אים, קאָן זײַן, אמאָל ווי געטאָן: „לעמײַ זאָל איך זאָגן, מע פלעגט הערן פון א טיפּעש, אז ייִדן זײַנען מילכאָמע־צײַט געזעסן אין טאַשקענט... איר פאַרשטייט, קוניקאָוו און פיסאַנאָוויטש זײַנען געזעסן אין טיל! עפּשער קוניקאָווס מאַמע, אָדער פיסאַנאָוויטשעס מומע, דאָפּוסטים... אָבער ניט דאָס בין איך אויסן. אויב איר ווילט, עס זאָל אײַך ענטפערן סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש, וועט ער עס טאָן אליין"...

סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש טוט א ווונק אין מײַן זײַט און זאָגט ארויס א האַשאָרע, אז „דער מיסטער ווייסט אוואַדע ניט, ווער עס איז קוניקאָוו און וואָס עס איז טאַשקענט", ווײַל „אין אמעריקע זײַנען פאַראַן אייגענע געראָיען און אייגענע שטעט"... ווײַטער דערוויס איך זיך, אז אין אָנהייב פון דער מילכאָמע זײַנען די צוויי ייִדן מיט זייערע מישפּאָכעס ארויסגעפאָרן פון טאַשקענט. זיי זײַנען דאַן געווען ניט שטאַרק יונג, אָבער אויך ניט שטאַרק אלט — אין די ערשטע פערציקער, און זײַענדיק מאָביליזירט אין דער אַרמיי, האָבן זיי, אלס איפּאָדראָם־ספּעציאַליסטן, באַקומען א באַפעל אויסצושטאַטן א פערד־זאַוואָד (קאָני־זאַוואָד) ניט ווײַט פון דער פראָנט־ליניע, אין די רעזערוו־טיילן פון א קאַוואַלערישן קאָרפּוס. די קאָמאַנדשאַפט האָט זיי דערלויבט אראָפּברענגען פון טאַשקענט זייערע פרויען, און אזוי האָט זיך באַקומען, אז מע איז ארויסגעפאָרן פון טאַשקענט. נאָכן זיג האָבן זיי זיך באַזעצט אין קאַליגינגראַד, און פון דאָרט, שוין אין טיפן עלטער, עמיגרירט צו קרויווים קיין ייִסראָעל; אינגיכן זיך אנטוישט און אריבערגעפּעקלט זיך צו אנדערע קרויווים קיין ניו־יאָרק; די אנדערע קרויווים זײַנען וויליאַמסבורגער כסידים, „אזוי אז זאָלן אײַך ניט כידעשן די יאַרמלקעס, קאַפּאָטעס און ווײַסע זאָקן אינעם הוילעך פון אמאָליקע טאַשקענטער איפּאָדראָם־ספּעציאַליסטן", — מיט אזעלכע ווערטער האָט סאָלאָמאָן אבראַמאָוויטש פאַרענדיקט זײַן דערציילונג, באַמערקנדיק צום סאָף, אז „קאָניעטשנאָ, דער מיסטער ווייסט אוואַדע ניט, וואָס עס איז מילכאָמע און מיט וואָס מע עסט א פערד־זאַוואָד, איז דאָס זײַן זאַך"... די פרוי, וועלכע איז ביז איצט געזעסן און געשוויגן, האָט אונטערגעטראָגן אָף רוסיש, איך זאָל ניט פאַרשטיין: „ניע גאָוואָריטיע יעמו, טשטאָ מי יעזדילי וו סאָוויעטסקאָיע פּאָסאָלסטוואָ, טשטאָבי וויערנוטסיא נא ראָדינו"...[2] פונקט, ווי כ'וואָלט דאָס טאַקע ניט געהערט און ניט פאַרשטאַנען, פרעג איך זיך ווײַטער אָן, צוליב וואָס זיי זײַנען געפאָרן קיין

---

[1] „טאַשקענט, די שטאָט פון ברויט" — לויטן נאָמען פון א באַוווּסטן בוך, וועמענס אווטאָר עס איז דער רוסישער סאָוועטישער שרײַבער אלעקסאַנדער ניעוועראָוו.

[2] „זאָגט אים ניט, אז מיר זײַנען געפאָרן אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט, קעדיי אומקערן זיך אהיים"... (רוס.).

וואשינגטאָן. — „צוליב אַ ביסל זיך פאַרווײַלן, ע־ע־ע. באַ אונדז אין טאַש־קענט, אַז מע ווערט מיד, פאָרט מען זיך דורך קיין טשימקענט"...

צום שמועס שליסט זיך אָן אַ פּיפּיקער יונגערמאַן מיט פאַרדרייטע פייעס, וועלכער שיט אויס אין איין אָטעם:

— וואָס דו יו מין, צי איך רעד ייִדיש? אָף קאָוס, איך בין דאָך אַ ייִד!..

ער דערציילט אונדז אַלע לעצטע נײַעס:

ס׳איז געוואָרן ביליקער צו פליִען מיט אַן „על־אל"־אעראָפּלאַן, דער בילעט פון ניו־יאָרק קיין תל־אביב און צוריק קאָסט זעקס הונדערט פינף און פופציק דאָלער. מאַזלטאָוו, מיט מאַזל זאָלט איר פליִען. דער זשורנאַל פון די קיצורים „רידערס דײַדזשעסט" לאָזט אַרויס אַ בעסטסעלעריש טאַ־נאַכל, וווּ דער טעקסט איז געקירצט אָף פערציק פּראָצענט. דאָס זעלבע האָט מען שוין אָפּגעטאָן מיט אַ „פּאָעם" פון איינעם אַ האָמער, וועלכע הייסט „אָדי־זייע". אָבער דעם גרעסטן קונץ האָט באַוויזן אַ ייִדישער גע־לערנטער פונעם ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט. ער האָט געפונען אַ מיטל צו אָפּהיטן מאַציִיוועס. זיי זאָלן ניט צעקרישלט ווערן. דאָס איז אַוואַדע גוט, כאָטש ניט אַזוי סענסעטיוו, ווי דער לעצטער אָופּטו פון די אַמערי־קאַנער סטאַטיסטיקער, וועלכע האָבן אויסגערעכנט, אַז אַ מענטשנס קער־פּער אַנטהאַלט גענוג וואַסער אָף אויסצוואַשן צוויי העמדער און גענוג אײַזן אָף צו מאַכן אַ טשוואָק. אויב רעכענען לויט די הורט־פּרײַזן, באַ־קומט זיך — צוזאַמען מיט אַנדערע שטאָפן פונעם קערפּער, אַז זײַן ווערט איז קוים איין דאָלער... (אָף דעם ענטפערט סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש און דער צווייטער ייִד — מיט אַ פאַרשטאַרקטן, לענגערן קאָלעקטיוון קרעכץ).

אָפן עקראַן, אין צענטער פונעם סאַלאָן, קלינגט שוין איצט אַ נעגער־מעלאָדיע — דער נעשאָמע־רירנדיקער בליוז, אָט אַ ליריש־אײַנגעהאַלטע־נער און אָט אַן אָנגעזעטיקטער מיט שטורמישע קאַסקאַדן, די גיטאַרע־מוזיק — ניט קיין אָפּגעשליפענע, די ווערטער — ניט קיין ראַפינירטע. דאָ איז אַלץ קעגנגעשטעלט דער פּוסטער, צעטרענצלענדיקער פרייִלעכקײַט. אַ ווירטואָז פונעם נײַעם, לויטן סטיל, בליוז וועבט זײַן מוזיקאַלן האַפט מיט אַזעלכע דינע שלייפעלעך, שוועבנדיק מיט די פינגער איבער די סטרונעס, אַז די גאַנצע גיטאַרע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ מין ווירבלדיק וואַסערל, און ס׳איז שווער צו פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַ שטימונג די שפּיל איז דורכגעדרונגען. מיטאַמאָל גייט אַוועק אַן אַנדער טעמפּ, די פינ־גער ווערן ווי געליימט, און קוים־קוים פליקן זיי אַרויס איין קלאַנג נאָכן אַנדערן...

ווען די עלעקטרישע טאַבלאָ זאָגט אָן, מע זאָל מיט די רימענס זיך צו־בינדן צו די קרעסלעס און ניט רייכערן, ווײַל דער אעראָפּלאַן נידערט שוין אַראָפּ אין ניו־יאָרק, טו איך מײַנע לעמײַנע אַ מאַך צום שאָכן:

— סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש, איר האָט אין דער סאָוועטישער געזאַנד־שאַפט עפּעס געפּועלט?

פאַרגעסנדיק, אַז ער מיטן ווײַב מיט זייער בען־איר זײַנען געפאָרן קיין וואַשינגטאָן צוליב אַ ביסל זיך פאַרווײַלן, ווי אוזבעקן פאָרן פון טאַשקענט קיין טשימקענט, האָט סאָלאָמאָן אַבראַמאָוויטש אַ קרעכץ גע־טאָן:

— ע־ע־ע... אַלץ פאַרפאַלן. כאָטש איר וועט עס ניט פאַרשטיין, זאָג איך אײַך, אַז מיט אַ ראַדיִנע שוטיעט מען ניט. אוי־אוי, ניט פאַר אײַך געדאַכט...

8. דאָס, וואָס מיר איז מערער צום האַרצן

אין אַ פרעמדן וועלט־קראַך, וועגן וועלכן מע האָט זיך אַ סאַך אָנגעהערט, דאַרף מען זײַן צוויי מאָל, אַמווייניקסטנס. בעשאַס דעם ערשטן וויזיט איז מען נאָך אַרומגעכאַפּט מיטן קישעף פון טרוים, מע קוקט אויף יעדן עלעקטרישן סטויפּ, אויף יעדער שטוב, דורך אַ בריל, וואָס גיט צו קאָליר, טאַם און בײַטאַם, פאַרגרעסערט און פאַרשענערט. עס איז גילטיק דער זעלביקער קלאַל, ווי בײַ דער באַקאַנטשאַפט מיט אַ מיידל: קאָלזמאַן זי האַלט זיך אויף אַ מעהאַלעך און איז פריש פאַרן אויג, אַנדערשדיק, איידער די מיידלעך, וועלכע מע באַגעגנט יעדן טאָג, — דוכט זיך, אַז זי איז אָן שום פאַרגלײַך שענער און רייצנדיקער פון זיי...

בײַ דער צווייטער באַגעגעניש איז ניו־יאָרק פאַרשטייגערישט. דאָס, וואָס האָט אויסגעזען ס׳ערשטע מאָל „שרײַענדיק”, „קלינגענדיק”, איז איצט „זאָגנדיק”, פריִער — „הימלדיק”, איצט — „ערדיש”; פריִער — „דערווײַטערט”, איצט — „אונטערן פוס”; פריִער — „ראָמאַנטיש”, איצט — „פּראָסט און פּאָשעט”, פריִער — „ניט דערגרייכבאַר”, איצט — „לאָמיר פאַרגלײַכן”...

לאָמיר דערווײַל אָפּגעבן אַ גוטמאָרגן ניו־יאָרק און זיך אופריידן וועגן די סאַמע נייטיקע זאַכן. די ערשטע פראַגע: וואָס איז מערער צום האַרצן — אַ האָטעל, צי אַ היימישע שטוב? אַ היימישע שטוב איז מיר מערער צום האַרצן. סימאָר שוואַרץ, אַ יונגער שטאַלטנער מענטש, פירט מיך אָפּ אין זײַן אויטאָמאָביל צו זיך אַהיים. עס באַגעגנט אונדז זײַן פרוי זאַריאַ. איר מיידלשע פאַמיליע — זאַלצמאַן. אויף דער וואַנט — אַ פּאָרטרעט פונעם אַמאָליקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון דעם אַמעריקאַנער ייִדישן פאָלקס־אָרדען רווון זאַלצמאַן. דאָ וועל איך אײַנשטיין... גוטמאָרגן אײַך, כאַווער רווון זאַלצמאַן, איינער פון דער שטאָלצער קאָהאָרטע פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציאָנערן אין דער ייִדישער אַמעריקע.

און נאָך איין פראַגע שטעלט מיר דער פּאָרזיצער פון דער ייִדישער קאָמיסיע באַם נאַציאָנאַל־קאָמיטעט פון דער אַמעריקאַנער קאָמפּאַרטיי אַלעקס קאָלקין: וואָס איז מיר מערער צום האַרצן — אַ לאַנטש דאָ אין שטוב, אָדער מיט דעם וויצע־פּרעזידענט פונעם אַלוועלטלעכן שאָלעם־ראַט אייב פײַנגלעס? אָ, ס׳איז ניט שווער זיך אָנצושטויסן, וועלכן לאַנטש איך קלײַב אויס. זיצן מיר שוין אַרום אַ טיש און שמועסן: קאָלקין, פײַנגלעס, איך און מאַקס שאַפּיראָ — דער פּרעזידענט פונעם אוניאָן פון די „פּאָריערס” (פוטער־אַרבעטער). אייב פײַנגלעס איז אין אָט דעם אוניאָן (וועלכער האָט צו טאָן אויך מיט דער לעדער־ און פלייש־פּראָדוקציע) פּאַרוואַלטער.

די באַגעגעניש איז ניט געווען פאָרויסגעזען אין דער פּראָגראַם. פײַנגלעס פאָרט הײַנט אויף קיין טשיקאַגאָ, וויל ער זיך זען. אַ געוויינלעכער

לאנטש, דערבײַ וועט מען זיך דורכוואַרפן מיט עטלעכע ווערטער. וואָס, נעמלעך, האָט אין זיינען פײַנגלעס? ער האָט אין זינען אויסקלאָרן, צי מיר האָבן זיך געטראָפן אין מאָסקווע בײַ דעם אָדער יענעם וועלט־צוזאַמענקומפט לעטיוויעס שאָלעם. יאָ, דאַכט זיך, אַז דאָ און דאָרט האָט מען זיך באַגעגנט אין באַשטאַנד פון די גרופּעס. זײַן פרײַנט, דער פּרעזי־דענט פונעם אוניאָן מאַקס שאַפּיראָ, האָט זיך אַרויסגערופן צו באַקאַנען זיך מיטן גאַסט. וואָס נאָך האָט פײַנגלעס אין זינען? זעט איר, מע רופט אים אייב, נאָר, ווי באַוווּסט, איז אייב — אוורהם, אברהם מאָיסייעוויטש פײַנגלאַז — מיט אַ זאַיען. אַמעריקע מאַכט אַלץ איבער. ער איז אַ בעסאַ־ראַבער ייִד, סימפּאַטיזירט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. דער רועד ווייסט, וואָס עס קומט פאָר. אָט זײַנען צו אים געקומען צוויי טוער, וואָס עס האָבן אַלע זיי פריִער געהאַלטן פאַר פּראָגרעסיווע — דער רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" נאָוויק און דער רעדאַקטאָר פון „דזשויִש קאָרענטס" שאַפּעס — און געמאַכט אַ פּרווו אַרײַנצושלעפּן אים אין אַ שמוציקן גע־שעפט. אַלזאָ, ס'איז געגאַנגען אַ רייד וועגן שאַפן אַ קאָמיטעט פון ייִדישע אוניאָן־פירער אָף צו אַטאַקירן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. ווייל ער דאָ זאָגן דעם גאַסט, אַז אַ פײַג זיי אונטער דער נאָז, כאָטש ער און זיי זײַנען אַלטע פרײַנט...

(פאַרלויפנדיק אָף פאָרויס, דאַרף איך אָפּמערקן, אַז די דאָזיקע רעדאַק־טאָרן וועלן אין די טעג פון מײַן רײַזע איבער אַמעריקע נאָך געבן וועגן זיך צו וויסן ניט איין מאָל, און איצט ווילט זיך מיר ניט, אַז זייער סליאַד זאָל דורכגיין נאָענט לעם די שורעס אין מײַנע נאָטיצן, ווו ס'וועט דער־ציילט ווערן וועגן די ערשטע באַגעגענישן, וואָס כ'האָב געהאַט מיט די בעסטע און ערלעכסטע זין און טעכטער פונעם אַמעריקאַנער פאָלק — די קאָמוניסטן).

ווען מיר קומען צו דעם הויז פונעם נאַציאָנאַל־קאָמיטעט פון דער קאָמ־פּאַרטיי אָף וועסט 23־טער סטריט, צווישן דער 7־ער און 8־ער אַוועניו, באַהערשט סימאָר שוואַרצן אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקער סענטימענ־טאַלער געפיל, און באַם ריידן צערטלט ער מאַמעש יעדעס וואָרט און שטעלט זיך אָפּט אָפּ, קעדיי אָף אַלץ אָנווײַזן מיט דער האַנט:

— אַדעראַבע, ציילט איבער: נײַן שטאָק... די פּאַרטיי האָט געקויפט דאָס הויז מיט צוויי יאָר צוריק. ווער עס האָט געצאָלט? דאָס פאָלק האָט געצאָלט. דאָ, אין ערשטן שטאָק, געפינט זיך אונדזער ביכער־קראָם... אָט די טיר פירט צו דער ווינדע. לאָמיר זיך אָפּשטעלן אָפן צווייטן שטאָק. אַ צושויער־זאַל אָף פיר הונדערט פּופציק ערטער... דאָס האָב איך, מיט די אייגענע הענט, ראַדיאָפיצירט דעם זאַל. כ'בין אַ ליבהאָבער. באַלד וועט איר הערן...

ער פאַרשווינדט אין „ראַדיאָ־בײַדל" באַם אַרויסגאַנג, און אין אַ רעגע אַרום ווערט מײַן האַרץ פאַרציטערט פון די טײַערע קלאַנגען, וואָס טוען אומדערוואַרט אַ פאַרפלייץ דעם זאַל. עס קלינגט דער „אינטערנאַציאָ־נאַל"...

אין די ליכטיקע קאָרידאָרן עפנט סימאָר אַ צימער נאָך אַ צימער. די רעדאַקציע פון „דיילי וואָרלד". פון „דזשויִש אַפערס". פון „פּאָליטיקל

אפּעראַס״. די ביוראָען פון די נאַציאָנאַלע קאָמיסיעס. פון דער יונגער אַר־בעטער־ליבעריישן ליגע, „דאָס הייסט — פון אונדזער קאָמסאָמאָל״. דער צענטראַל־קאָמיטעט, דאָס האַרץ פון דער פּאַרטיי. דער קאָמיטעט פונעם ניו־יאָרקער שטאַט (דאָ זיצט באַ איינעם פון די טישלעך די שײַנענדיקע און זייער ערנסטע זאַריאַ, סימאָרס פּרוי, די טאָכטער פון דעם פאַרשטאָר־בענעם ייִדישן רעוואָליוציאָנער־קאָמוניסט, דעם אומפאַרגעסלעכן רוווען זאַלצמאַן)...

אפֿן אכטן שטאָק קומט פאַר די ערשטע באַגעגעניש. זי איז סײַ אַ זאַכ־לעכע — וועגן דער אַרבעט, וואָס שטייט פאַר, סײַ אַ ברידערלעך־האַרציקע. געס האָל! דער אַנערקענטער לידער פון דער פּאַרטיי. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן 400.000 אַמעריקאַנער אָפּגעגעבן זייערע שטימען פאַר דעם, ער זאָל זיך באַלאָטירן אַלס קאַנדידאַט פאַרן פּרעזידענט פונעם לאַנד. איך קוק אויף געס האָלן און דערמאָן זיך אייניקע זײַנע פאַרעפנטלעכטע אַרויסזאָגונגען אין שײַכעס מיט ייִדישע איניאָנים. זיי זײַנען אַזוי וויכטיק און באַשטענדיק פאַר דעם פּאָליטישן לעבן פון אונדזער דאָר ייִדן, אַז איך קאָן ניט און וועל ניט קאַרגן פאַר זיי אָרט אין מײַנע נאָטיצן. אין 1968 שרײַבט געס האָל זײַן „אָפענעם בריוו דער ייִסראָעלדיקער באַוועגונג פאַר שאָלעם״. דאָס דאָזיקע ווערק האָט ער אַרײַנגעשלאָסן אין דער זאַמלונג פון זײַנע טעאָרעטישע אַרבעטן, וועלכע ס׳האָט אַרויסגעלאָזט אין רוסיש (1974) דער מאָסקווער פאַרלאַג „מיסל״. מיר לייענען דאָרט: „עס איז מאַמאָשעסדיק דער גוואַלדיקער אונטערשייד צווישן דער פּאַרטיידיקונג פון דער רײַכער קולטור פונעם ייִדישן פאָלק, דעם געפיל פון טיפן נאַציאָנאַלן שטאָלץ פאַרן בײַטראָג פונעם ייִדישן פאָלק צו דער אַנט־וויקלונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, פון איין זײַט, און דער פאַר־טיידיקונג פונעם רעאַקציאָנערן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, וועלכער האַלט אונטער די פּאָליטיק פון אימפּעריאַליסטישער אַגרעסיע, — פון דער צוויי־טער זײַט״.

ס׳וואָלט ניט געשאַט, אַז יעדערער, ווער עס זוכט הײַנט אין די צײַ־טונגען אַן אָפּקלאַנג אויף געשעענישן אינעם נאָענטן מיזרעך, אָדער אַרום ייִדן בכּלל, זאָל וויסן אויף אויסווייניק געס האָלס טיפּזיניקע ווערטער: „ריידן וועגן ציוניזם, אַז ער איז קלוימערשט דאָס זעלבע, וואָס דאָס ייִס־ראָעלדיקע פאָלק, — איז איינע פון די פאָרמען פון אַנטיסעמיטיזם. ריידן וועגן דעם בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם, אַז ער איז קלוימערשט דאָס זעלבע, וואָס נאַציאָנאַלער שטאָלץ אָדער דאָס זעלבע, וואָס די קולטור פונעם פאָלק, — איז דעמאַגאָגיע״. די דאָזיקע עמעסן האָבן ניט געקאָנט אויפנע־מען און פאַרשטיין די אויבערפלעכלעכע מעליצע־אויסשטראַלער אַרום מאַרקסיזם אויף דער ניו־יאָרקער ייִדיש־עמיגראַנטישער אַרענע, און הײַנט זײַנען זיי באַנאַלע רענעגאַטן, וועגן וועלכע דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי שרײַבט מיט רעכט: „זיי האָבן אָנגעהויבן אַראָפּפויזען פונעם וועג, אָפּטרעטנדיק דאָס אָרט פאַרן בורזשואַזן נאַציאָ־נאַליזם. אַזוי אַרום, זײַנען זיי אַרײַן אין אַ זומפּ, און איצט קומט שוין זיי אויס צו פאַרטיידיקן און פאַרקלאַמירן זייער פּאָזיציע. זיי רופן אָן „ני־היליסטן״ די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו קריכן אין דער בלאָטע. די

אָפּאָרטוניסטן פּאַרטיידיקן דעם בורזשואזן נאַציאָנאַליזם אין נאָמען פונעם קאַמף מיט „ניהיליסטן".

ארום טיש אין נאַציאָנאַלן קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי האָבן זיך פאַרזאַמלט כאַווייריִם, וועגן וועלכע איך האָב געהערט, אָדער מיט וועמען כ'האָב זיך געטראָפן, זייענדיק נאָך אין מאָסקווע: דער פּאַרוואַלטער פונעם צווישנפעלקערלעכן אָפּטייל פון צענטראַל־קאָמיטעט, מיטגליד פון פּאָליטביוראָ עלען אואיזנטער, סעקרעטאַר פון צענטראַל־קאָמיטעט איבער אַרבעטער־אָנגעלעגנהייטן דזשאָרדזש מאַיערס, פּאַרוואַלטער פון פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטייל בעטי סמיט, פּאַרוואַלטער פונעם אָפּטייל פון די נאַציאָנאַליטעטן־קאָמיסיעס טאַמי דעניס, פּאַרוואַלטער פון דער עקאָנאָמישער קאָמיסיע וויקטאָר פּערלאָ, פּאָרזיצער פונעם קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי אינעם שטאַט ניו־יאָרק, געוועזענער קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט פון פּשאַ און פאַר גובערנאַטאָר פונעם שטאַט ניו־יאָרק דזשאַרוויס טיינער, פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר נעגער־איניאָנים טעדן באַסעד, פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר יידישע איניאָנים אַלעקס קאָלקין.

מיינע ערשטע שאָען אין ניו־יאָרק. דער ערשטער טאָג. דער ערשטער מעסלעס.

איך פרעג זיך אָן באַ אַלטע און נייע באַקאַנטע: וואָס הערט זיך עפּעס? מיט וואָס זיינען היינט באַשעפטיקט די צוויי מיט א פערטל מיליאָן יידן פון דער שטאָט? איך פאַרשטיי, נאַטירלעך, אַז עפנטלעכע אַקטן אין אַזעלכע פּילקאָלירקע לויטן פּאָליטישן ספּעקטאָר יישווים זיינען, מערסטנטייל, אָן אָפּשפּיגלונג פון די צילן פון מאַנהיגים, ניט פון דעם ווילן פונעם פאָלק. און דאָך איז טשיקאַווע: מיט וואָס באַשעפטיקט מען איצט דעם ניו־יאָרקער ייִד?

אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט מיט א צייט צוריק זיך געלאָזט הערן אייַנער א יוסעף בעגון, וועלכער איז פונעם געריכט באַשטראָפט געוואָרן פאַר געזעלשאַפטלעכע סקאַנדאַלן, און טאַקע אין אָט דעם זכוס האָט אים אונטערגעקליבן די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע אין אַנדערע לענדער, וואָס זי ווייזט אַרויס, ווי באַוווסט, א באַזונדערן כוש צו אַזעלכע פּאַרשוינען. די קאַמפּאַניע אין די אונטערהעצערישע בלעטלעך איז איינגיכן איינגעשטילט געוואָרן, ווייל מ'האָט זיך געכאַפּט, אַז אַזוינס ווערט שוין דערעסן דעם לייענענדיקן אוילעם. איצט אָבער האָט זיך געיאַוועט, זעט אויס, א סטראַטעג פון די סטראַטעגן און צוגעטראַכט אָן אָפּעראַציע, וועלכע איז די ווערט, מע זאָל זי צורעכענען צו די כעלמער אופטוען. די איינגעטונקטע אין פּרימיטיווע אַנטיסאָוועטישע שווינדלערייען גאָטלעססטערנדיקע ראַבאָנים האָבן פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז יוסעף בעגונס באַכערל — באָרעך, וועלכער איז צייטיק געוואָרן צו פּראַוועט באַרמיצווע, קאָן עס ניט טאָן אין מאָסקווע, ווייל „די זיכערהייט־פּאָליציי פונעם לאַנד" האָט זיך איינגעשפּאַרט: ניין און ניין. דעריבער איז ניטאָ קיין אַנדער

בריירע, ווי צונויפרופן די ניו־יאָרקער ייִדן אין די שולן און טעמפּלען, זיי זאָלן פּראַווען באַרעכלס באַרמיצווע אָן אים.

אין לאָנג אײַלאַנד און קווינס האָט שאַבעס זיך געטאָן אַף טיש און אַף בענק. די ציניקער האָבן געמאַכט פון דעם אוילעם א לעץ. אין דער גרויסער שול פון דעם „לעיק־סוקסעס דזשויִש סענטער" איז פאַר באַרעכלס וועגן אַפילע אָפּגעשטאַט געוואָרן א קידוש. אָפּן כעזשבן פון די מיספּאַלעלים האָט מען דעם סאָוועטישן יונגלינג פון פּיִאָנערישן עלטער געקויפט א מאַטאָנע: טפילן, א סידער און א מאַכזער. מע וועט אָפּשיקן קיין מאָסקווע א ספּעציִעלן שאַליעך (אָפּן כעזשבן פון די מיספּאַלעלים), וועלכער וועט איבערגעבן באַרעכלען די זאַכן.

דערווײַל איז אין דער גרויסער שול פון דעם „לעיק־סוקסעס דזשויִש סענטער" פאָרגעקומען אָט וואָס: אַנשטאָט דעם מאָסקווער ייִנגל באַרעך בעגון איז אופגערופן געוואָרן צו דער האַפטוירע א ניו־יאָרקער ייִנגל — טאַנכום, מיט דער קאָלאָריטפולער פאַמיליע ראָטשילד. אָרודעוועט האָט א פלינקער ראָוו, ענלעך אַף א כאַסענע־באַדכן, רעב שימען באַומרינד. ווען ער האָט געגעבן מאַפטיר טאַנכומען אַנשטאָט באַרעכן און אָנגעהויבן זײַן דראָשע, שיקנדיק מאַזלטאָוו־בראָכעס אין אַלע זײַטן, ספּעציִעל צו די פאַרקייטלטע אין קייטן ברידער־ייִדן פון רוסלאַנד, האָבן מיספּאַלעלים געגאָסן טרערן. „גוואַלד, ברידער, — האָט באַומרינד געטרייסלט איבערן קאָפּ מיט אַלע פינגער פון די הענט, — זײַט זיך ניט מעיאַעש! אײַער שאָ פון באַפרײַונג איז נאָענט"... און צו דעם מאָסקווער יונגלינג פון פּיִאָנערישן עלטער האָט ער געשריגן איבערן אָקעאַן און איבער לענדער: „זאָלסט זיך ניט מעצאַער זײַן. אַפילע אויב דו וועסט זאָגן כאָטש איין וואָרט פון דער בראָכע האַמויצי, אָדער איין אָס פון דער טוירע, וועסטו זײַן פאַרעכנט פאַר א גוטן קאָשערן ייִד"...

עס קאָן זיך עמעצן אויסדוכטן, אַז איך בין בײַגעווען אַף אָט דעם שאַנד־ספּעקטאַקל. ניין, ניין. ס'וואָלט געווען איבער מײַנע קויכעס און אונטער מײַן קאָוועד. ווען דעם הינטער־אויגיקן ניו־יאָרקער באַרמיצווע־שאַבעס (אין לעצטן יאָר פונעם זיבעטן צענדליק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט) האָט די היגע ייִדישע פּרעסע געשריבן אַף די זײַטן, וואָס זײַנען געווידמעט פּאָליטישע פראַגן, ניט נאַציִאָנאַל־רעליגיִעזע. דער אָבסקוראַנטישער „אַלגעמיינער זשורנאַל" האָט אויסגעזאָגט פון כיידער: „דער ראָוו באַומרינד האָט זיך באַקאַנט מיט דער בעגון־מישפּאָכע אין מאָסקווע אין 1977, ווען ער האָט אין דער דירע פונעם דיסידענט סלעפּאַק צונויפגעקליבן א מיניען ייִדן און דורכגעפירט א באַרמיצווע פון באַרעכס ברודער באָריס. „די נײַע ייִדן, וועלכע כ'האָב צוזאַמענגעפירט, — דערציילט דער ראָוו, — האָבן ניט געקענט דאַוונען. כ'האָב זיי געבעטן, זיי זאָלן בלויז ענטפערן אָמיין"...

דער לייענער וועט אַליין זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין אָט דעם געמויזעכץ, דערבײַ וועט ער זיכער באַמערקן, אַז ווען דעם ראָוו איז נייטיק געווען, לויט דער אופגאַבע, וואָס ער האָט באַקומען, צונויפשטעלן א מיניען דיסידענטן און פראַווען אין מאָסקווע די באַרמיצווע פון באָריסן, האָט אים קיינער ניט געשטערט, דערפאַר אָבער האָט ער די באַרמיצווע פון

באַרעכן, לויט דער אופגאבע, וואָס ער האָט באקומען, זיך גענומען פראַ־ווען אין „ניו־יאָרק"...

א צווייטע געשעעניש אינעם ייִדישן יִשעוו באם הודזאָן האָט בייס מײַן קומען אהין שוין געהאט, ווי מע זאָגט, א באָרד, אָבער די געמיטער זײַנען נאָך ניט געווען אָפּגעקילט. ערעוו דעם לעצטן קריסטמעס האָט די לינקאָלן סענטראַל־סינאגאָגע זיך געווענדט צו דער שטאָט־מאכט נאָך א דערלויבעניש אוועקצושטעלן בא דער 72־ער גאס פון בראָדוויי א גרויסע כאנעקע־מענוירע. די „טאטעס פון ניו־יאָרק" האָבן געענטפערט, אז „רעליגיעזע סימבאָלן זײַנען ניט צוגעפאסט פאר דער גאס", „א מענוירע וואָלט דאָ געהאט א זין ניט אנדערש, ווי א קרייץ"...

קאָעסט מען זיך און מע כקירעט ביזן הײַנטיקן טאָג. און פונקט ווי די ערשטע, אויבנבאשריבענע געשעעניש, איז עס אָן ענטפער אף מײַן פראַגע, מיט וואָס די ציִעניסטישע מאנהיגים, אָבסקוראנטישע ראבאָנים און זייער גלײַכן באשעפטיקן איצט די צוויי מיט א פערטל מיליאָן ייִדן פון ניו־יאָרק.

אלעקס קאָלקין איז א באלן צו וויסן, וואָס עס איז מיר מערער ניט צום הארצן: די צו שטאנד געקומענע הינטער־אויגיקע בארמיצווע, צי די ניט צו שטאנד געקומענע בראָדוויי־מענוירע. אף דעם ענטפער איך, אז אמערסטן איז מיר ניט צום הארצן דאָס, וואָס אזוינס דולדן ביכלאַל די ייִדן פון ניו־יאָרק.

9. מײַנער אַן ארבעטס־טאָג אין ניו־יאָרק

אין ניו־יאָרק ארבעט איך. דאָס געפעלט מיר, און ניט נאָר ווײַל כ'בין ניט געווינט ארומגיין ליידיק, נאָר אויך דערפאר, וואָס ניט יעדן פאלט דאָ אויס דאָס גליק צו געפינען פאר זיך א באשעפטיקונג, און כ'האָב שוין, אזוי צו זאָגן, זיך אָנגעשטעקט מיט דער מוירע פאר ארבעטסלאָזיקײַט.

הײַנט איז מײַן טועכץ פון אינדערפרי אָן — באקוקן און באטראכטן ניו־יאָרק. ווען מיט דעם איז פארנומען א טוריסט, איז עס — אָפּרו, אָבער ווען א זשורנאליסט באקוקט די שטאָט, ארבעט ער...

דער צענטער פון מאנהעטן איז געגליכן צו א גאָלדענעם צאָן אין א מויל, וווּ אלע אנדערע ציין זײַנען פויל. איר שטעלט עטלעכע צענדליק טריט אף לינקס אָדער אף רעכטס פון דער בלישטשענדיקער, מעכטיקער 5־ער אוועניו, און פאר אײַערע אויגן שפרייט זיך שוין די שמוציקסטע, אָפּגעלאָזנסטע שטאָט אין דער וועלט. אויבן פוץ, אונטן שמוץ...

אָט איז דער „אָלימפּישער טורעם" אפן ראָג פון דער 5־ער אוועניו און דער 51־ער גאס — א ריזיקער גלאנציק־שווארצער קאסטן פון בראָנזירטן גלאָז, בישכיינעס מיט דער ווײַסער קאטעדראלע סאנט פאטריק. און נאָענט, גאָר נאָענט — אָנגעכמורעטע, נידעריקע, פארויכערטע, צעוואַלגערטע הײַזער, סקלאדן, ווארשטאטן, וועלכע שטייען נאָך פונעם סאָף פון פאָריקן יאָרהונדערט, און די בארשט פון א פארבער, דאָס העמערל פון א סטאָליער האָבן זיך צו זיי מער ניט צוגערירט. דאָס מיסט, וואָס מע

וואַרפּט אַרויס פון די הײַזער, רייניקט קיינער ניט אָפּ. אַף די טראָטואַרן —
פּאַפּיר, קאַרטאָנענע פּושקעס און קעסטלעך, קאַרטאָפּל־שאָלעכץ, שמאַ־
טעס, ברוכוואַרג, מענטשישער און הינטישער קאַל. אָן גוזמע — אַ מיסט־
גרוב, פּאָמפּייִנע יאַמע. פּאָמפּייע איז פאַרשאָטן געוואָרן מיט ווולקאַן־אַש,
ניו־יאָרק ווערט לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין מיסט און אומרייניקײַטן.
שוידערלעך זײַנען די פאַרפּעסטעטע סלאָם־געטאָס, די אַלטע סמיטניקעס
איסט־סאַידער טענעמענט־הײַזער אַרום דער 8־טער אַוועניו, אין האַרלעם...
דאָס זעלבע גאַנץ בראָנקס... איך זע דעם העקדעש פון דרויסן. און אינ־
ווייניק? לעאָן קאָברין האָט אַמאָל געשריבן אין זײַן ווערק „טענעמענט־
הויז": „אין די קאָרידאָרן — אַן אייביקע האַלב־פינצטערניש, ווי אַ וואָלקן
וואָלט אַהין פאַרבלאָנדזשעט, זיך צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך און
פאַרבליבן דאָרט אַף אייביק... עס זעט אויס גרוי און אומפרײַנטלעך, ווי
עפּעס אַ טפיסע, ווי אַ שווערער אומעט וואָלט דאָרט פאַרמויערט געוועזן..."
לאָמיר זיך אומקערן צו די וואָלקנקראַצערס. דער קישעף פון ניו־יאָרק
וועקט ווידער אויף אין מיר דעם שטאַנדהאַפטיקן געפיל פון אַנציקונג פאַר
דעם גראַנדיעזן קויעך פון די בויער. ערדישע ראַקעטעס פון ווײַסן בע־
טאָן, גרויען שטאָל און בלענדיקן גלאָז. צי האָבן די וואָלקנקראַצערס שוין
דערגרייכט זייער מאַקסימאַלע הייך? אָ, ניין. ווײַט אין הימל האַקן זיי
זיך אָפּ, ווײַל דעם מענטשן האָט אַזוי זיך פאַרוואָלט. זאָל זיך נאָר אופּ־
הייבן די פּרײַז פאַר אַ מעטער ערד, וועט ער אויך קריכן העכער: הונ־
דערט פופציק עטאַזש, צוויי הונדערט, פינף הונדערט, טויזנט...
מאַנהעטן איז אַ טיפע הייל. דער מענטשן־שייוועט איז פון דער הייל
אַרויס און אַליין פאַר זיך אויסגעבויט אַן אַנדערע. מיט אַלע קויכעס פאַר־
שטעלט ער פון זיך די ליכטיקע שײַן. נאָענט לעם דעם וואָלקנקראַצער
פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע נאַציעס, אַף דער 42־ער גאַס,
האָט זער פאָרד־פאַנד אופגעשטעלט פאַר זײַן שטאַב־קוואַרטיר אַ „צווייענ־
דיק קעסטעלע", לויטן מאַטריאָשקע־פּרינציפּ: איין הויז איז באַהאַלטן אין
אַנדערן, און ביידע זײַנען זיי, ווי אַ גיגאַנטישע פּאַס, אַרומגעצויגן מיט
רייפן — אײַזערנע באַלקעס, ספּעציעל נאָכגעמאַכטע ווי שוין שטאַרק פאַר־
זשאַווערטע. אַפילע באַטאָג קאָן מען אין אָט די הײַזער ניט אַרבעטן אָן
עלעקטרע־שײַן...

צוויי אַזייגער באַטאָג. אין אַ גרויסן צימער, אַרום אַ גרויסן טיש האָבן
זיך פאַרזאַמלט גרויסע, שיינע מענטשן, שוין ניט קיין יונגע. גענוג אַף
זיי אַ קוק צו טאָן, און עס ווערט גלײַך קלאָר, אַז דאָס זײַנען צײַטונגס־
לײַט. די פּראָפעסיע שײַנט אַראָפּ פון זייער אויסזען — פּונקט אַזוי ווי בײַ
כירורגן (ווײַסע כאַלאַטן און היטעלעך, נידעריק פאַרקאַטשעטע אַרבל,
שטאַרקע האָרעפּאַשנע הענט, רויטלעך־אָנגעקוואָלענע, ווי בײַ קאַצאָווים...).
עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַף אַ פּראָפעסיאָנעלן שמועס מיט מיר
די רעדאַקטאָרן פון ניט־ענגלישע פּראָגרעסיווע ניו־יאָרקער צײַטונגען:
פון דער ליטווישער „לאַיזווע", אונגאַרישער „מאַדיאַר זאָאָ", פון „רוסקי
גאָלאָס", „אוקראַינסקי וויסטי", „קאַרפּאַטסקאַ רוס" אאַ. דאָס זײַנען פאָר־

שטייער פון אייניקע נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן, וואָס וווינען אין אַמעריקע, אינעם „שמעלץ־טאָפּ", און רײַסן קיינמאָל ניט איבער די פאַרבינדונג מיט די אָפּשטאַם־ערטער — סאָוועטנפאַרבאַנד, מיזרעך־אייראָפּע.

אַלע אַמעריקאַנער בירגער זײַנען אָפּשטאַמיקע פון אַנדערע סוויווּעס. דער עטנישער, רעליגיעזער און ראַסן־מאָמענט איז דאָ שטאַרקער און פאַרצווײַגטער, איידער אין אַנדערע לענדער. יעדער צווייטער אײַנוווינער פון ניו־יאָרק איז אָדער אַ נעגער, אָדער אַ ייִד. דער עטנישער באַוווסטזײַן, די צוגעבונדנקײַט צום נאַציאָנאַלן ייִכעס — זײַנען גוואַלדיק שטאַרק באַם אַמעריקאַנער בירגער. גיכער וועט אַליין דער „קאָך־קעסל" זיך צעשמעלצן, איידער אין אים אָט די אײַנגעגלידערטע פאָלקס־אייגנשאַפטן. פאַרשטייט זיך, אין דער באַהאַנדלונג פון נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען זײַנען די פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער פילבאַר צום סאָציאַלן יעסאָד. די קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיק באַשטייט אין אופבלאָזן די שרעק פאַר דער אויסמישונג פון פאַרשיידענע עטנישע גרופּעס, אין אונטערהאַלטן די אָריענטאַציע אויף אָפּגעזונדערטע נאַציאָנאַלע קוואַרטאַלן, וועלכע מע רופט אָן „גײַסטיקע צענטרען", „אייגענע טעריטאָריעס", אָבער פאַקטיש זײַנען דאָס — געטאָס. ווען איך בין הײַנט אַרײַנגעפאָרן אין כינעזישן קוואַרטאַל, האָב איך לאַנג ניט געקאָנט אָנהאַלטן אין מײַן דימיען די ליניע, וואָס פאַרבינדט אים מיטן אַמעריקאַנער לאַנד־קאָלאָריט, גיכער איז עס אַ פאָרשטאָט פון פּעקין; דער אַמאָליקער ייִדישער איסט־סײַד איז איצט אַ פּאָרטאָריקאַנער געטאָ, מיט אַ צומיש פון נעגערישער באַפעלקערונג. אינעם בראָנזווילער בעדפאָרד־סטאַיוועסאַנט, פּונקט ווי אין טראַדיציאָנעלן האַרלעם, וואָלט מען געקאָנט אײַנפירן אַ מין „נעגערשע רעפּובליק", ייִדן זײַנען דאָ פאַרבליבן בלויז ווי אייגנטימער פון סלאָם־הײַזער, געשעפטסלײַט, קרעמער. כאַראַקטעריסטיש פאַר אַמעריקע איז דאָס, וואָס אַפילע די נײַע ניו־יאָרקער „ספּוטניק־שטעטלעך" (סאָבורבס) זײַנען אויך אָפּט — עטנישע קאָנצענטראַציעס, נאַציאָנאַלע קוואַרטאַלן.

די סיבע פון אַזאַ קלאַמערן זיך פאַר אַ לעבן בלויז „אײַנײַנעם מיט אייגענע" דאַרף מען זוכן אין סאַמע טאָך פון דער קאַפּיטאַליסטישער דזשונגל־וועלט, וואָס ניו־יאָרק און גאַנץ אַמעריקע זײַנען איר מעטראָפּאָליע. מענטשן זײַנען אײַנזאַם. דער שטאַרקערער וועט דיך אַ שטופּ טאָן, באַליידיקן, פאַרגוואַלטיקן, באַרויבן, אויסטאָן נאַקעט, איבערלאָזן אָן הילף, צעטרעטן, פאַרניכטן. דעריבער — טייל זיך אָפּ פון פרעמדע. זוך זיכערקײַט. זע, מע זאָל דיך כאָטש פאַרשטיין, ווען דו וועסט אַרויסגיין אין גאַס און ס'וועט זיך פאַרוועלן עפּעס זאָגן עמעצן...

די פּראָגרעסיווע אַמעריקע (אײַנגעשלאָסן די פּרעסע, באַ וועלכער כ'בין איצט אַ גאַסט און שמועס זיך דורך מיט אירע רעדאַקטאָרן) האַלט אונטער אין די נאַציאָנאַלע מינדערהײַט־סוויווּעס אַ קעגנזײַטיקע אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. די שוץ־וואַנט קעגן דעם האַרצלאָזן דאָמינירנדיקן אַמעריקאַנער, האַגאַם זי איז דערווײַל נאָך, באַ די הײַנטיקע באַדינגונגען, צונויפגעלייגט פון נאַציאָנאַלע ציגל, איז דאָ אוועקגעשטעלט

אַף אַן אידעאָלאָגישן פונדאַמענט און איז צעמענטירט מיט געמיינזאַמע סאָציאַלע צוועקן. אין די שוועסטער־צייַטונגען וואָרנט מען באַזונדערס קעגן פאַנאַנדערטיילן די פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס אַף אַזעלכע, וואָס לייַדן יאָ עקאָנאָמיש און קולטורעל, און אַף אַזעלכע, וואָס לייַדן ניט און זייַנען שיר ניט שותפים מיט די אונטערדריקער. אונטערדריקטע פון אַלע פעלקער, פאַראייניקט זיך! די אונטערדריקער זייַנען שוין פאַראייניקט לויט זייער קלאַסן־מעהוס!..

ווען כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז הייַנט, דרייַ טעג פאַר דעם יאָר־באַנקעט פון דעם זשורנאַל „דזשויִש אַפּערס״, שטייט מיר פאָר אַ באַגעגעניש מיט זייַן ניו־יאָרקער אַקטיוו, האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט, אַז עס וועט גיין אַ רייד וועגן דער פּראָגראַם פון מייַן באַזוך, קודעם וועגן פּראָצעדור־מאָמענטן, וואָס האָבן אַ שייַכעס צום באַנקעט, און אַז צוליב אַזאַ איניען וועלן זיך צונויפקומען אַ צען־פופצן אַקטיוויסטן. זעקס אַזייגער פאַרנאַכט, גלייַך נאָך דער באַגעגעניש מיט די רעדאַקטאָרן פון די פּראָגרעסיווע ניט־ענגלישע צייַטונגען, האָט מען מיך אַרייַנגעפירט אין אַ זאַל, ווו 200 ייִדישע פאָלקס־מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַף אַ געשפּרעך מיטן גאַסט. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט דערוואַרט, אַז דער יונגער ענגליש־געדרוקטער זשורנאַל (אָנגעהויבן אַרויסגיין אין 1973) זאָל האָבן אַזאַ ברייטן אָפּקלאַנג און אַזויפיל איבערגעגעבענע אָנהענגער אין הייַנטיקן ייִדישן ניו־יאָרק, ווו אין מעשעך פון אַ היפּשער צייַט איז די אַטמאָספער, אָן גוזמעס, אָפּגעסאַמט מיט שאָוויניזם, ווו קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, קעגן אירע אויסגאַבעס אָרודעוועט ניט נאָר דער שטענדיקער פייַנט, — אויך דער נעכטיקער „פרייַנט״.

אַ כאַווערטע איז צוגעגאַנגען צום טיש, ווו כ׳בין געזעסן בייַס דעם שמועס, און איבערגעגעבן מיר אין די הענט אַ נומער פון דער „מאָרגן־פרייַהייַט״, ווו אירע רעדאַקטאָרן האָבן פּונקט צו מייַן אָנקומען קיין אַמעריקע אַרייַנגעוואָרפן אַ „שטינק־באָמבע״ אין געשטאַלט פון זייערס אַ רעדאַקציאָנעל אַרטיקל. אין מייַן זיקאָרן האָט געגעבן אַ בליץ אויף אַן אָנשוילעכע אַנאַלאָגיע. מיט פופצן יאָר צוריק האָט די אַסאָציאַציע פון די אַמעריקאַנער ראַבאָנים „סינאַגאָג־קאַונסיל״ פאַרעפנטלעכט אַ „סטייטמענט״ (קאָמוניקאַט), רופנדיק די אַמעריקאַנער ייִדן, זיי זאָלן איזאָלירן דעם סאָוועטישן ייִדישן שרייַבער, ניט צוהערן זיך צו זייַנע פאַרפירערישע רייד, און די „מאָרגן־פרייַהייַט״ האָט פאַרורטיילט די האַנדלונג פון די פינצטערלינגען און האָט אָפּגעדרוקט אַ רעדאַקציאָנעל אַרטיקל וועגן דעם גאַנג פון די מאַסן־באַגעגענישן פון די אַמעריקאַנער ייִדן מיטן סאָוועטישן שרייַבער. דאָס אַרטיקל האָט געהייסן „די איזאָלירער זייַנען איזאָלירט״. „די, וואָס האָבן געוואָלט אַרן ווערגעליסן איזאָלירן, — האָט זיך געזאָגט אין יענעם אַרטיקל, — זייַנען אַליין געוואָרן איזאָלירט. זיי שטעלן זיך אַרויס פאַר אַ שפּאַלטעריש הייפּעלע אין ייִדישן לעבן אין אַמעריקע״... בעעמעס, דאָס, וואָס איז געווען אַזוי שאָקירנדיק מיט פופצן יאָר צוריק, האָט איצט זיך איבערגעכאַזערט ווי אַ ביזע־ביזאָיענדיקער פאַרס. ווען די

רעדאקטאָרן פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" זאָלן ניט פויל זײַן אַרײַנצוקוקן אין די שוין פאַרגעלטע בלעטער פון יענעם עקזעמפּליאַר פון דער גע־לעסטערטער מיצאַד זיי אַלגין־צײַטונג, וואָלטן זיי, לייענענדיק די שורעס וועגן די „איזאָלירער", מאַמעש אַרײַנגעקוקט אין אַ שפּיגל...

איך האָב געפרעגט בא דער כאַווערטע, וויאַזוי די לייענער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט" רעאַגירן אָף די אַנטיסאָוועטישע און אַנטיקאָמוניסטישע אַרויסטרעטונגען. זי האָט געענטפערט:

— איך גלייב, אַז איר ווייסט עס אַליין. וועגן איינס וויל איך אויפ־מערקזאַם מאַכן. פאַראַן לייענער, וועלכע פאַרורטיילן די רעדאַקטאָרן, נאָר האַלטן אונטער מאַטעריעל די צײַטונג, זי זאָל ניט אונטערגיין. רעדאַק־טאָרן זײַנען ניט אייביק. קעדיי אײַנגאַנצן שוין ניט פאַרלירן די מאַטע־ריעלע הילף, מוזן פייסעד נאָוויק און זײַן קנופּיע פאַרעפנטלעכן פון מאָל צו מאָל אַ בריוו פון אַט אַזאַ קעגנער זייערן. איך האָב דאָ בא זיך אַ נו־מער פון דער „מאָרגן־פרײַהײַט", וועלכער איז נאָך זיכער ניט דערגאַנ־גען קיין מאָסקווע. קאָנט איר דאָ דורכלייענען, וואָס עס שרײַבט אַ לייע־נערן פון לאָס־אַנדזשעלעס...

די לייענערן רופט מען אידיט בעק. זי האָט צוגעשיקט איר באַשטײַע־רונג פאַר דער „מאָרגן־פרײַהײַט" און צוגעלייגט אַ בריוול, וואָס איז אָנ־געשריבן אין אַ גאַנץ זאַפטיקן סטיל: „יאָ, ווידעראַמאָל שטופּן מיר אַרײַן די הענט אין די קעשענעס. אָבער ווייסט, נאָוויק און די אַנדערע, וועלכע פאָלגן אים נאָך, אַז אונדז געפעלט ניט אײַער שטעלונג. ניט ווײַט פונעם „פאָרווערטס" זײַנט איר און די אַנדערע פון אײַער שניט. אײַער קעסיי־דערדיק טשעפּען זיך און קריטיקירן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד האָט אײַך אויסגעגלײַכט מיט די אַלטע סאָנים פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אַפילע נאָך מער — מיט די פאַרביסענע ציוניסטן, וועלכע זײַנען געוואָרן אַ געצײַג פון סי־אײַ־איי. וואָס פאַר אַ שאַנד! ציִ האָט איר פאַרגעסן דאָס בלוט, וואָס עס האָט געקאָסט דעם רוסישן פאָלק די רעוואָליוציע, דער קורבן פון דער מילכאָמע? ציִ ווילט איר בעעמעס, אַז דער סאָוועטנפאַרבאַנד זאָל זײַן ווייך צו מענטשן, וועלכע לאָזן זיך אויסנוצן פון זײַנע סאָנים? היי, איר אַלטע מאַרקסיסטן, ציִ האָט איר פאַרגעסן דעם אונטערגאַנג פון דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע און די טראַגעדיע ניט לאַנג צוריק פון טשי־לי? ציִ זײַנט איר בלינד צו זען די זיגן און פאַרבעסערונגען אין דעם לעבן פונעם רוסישן פאָלק? אָ, צום טײַוול, איך גיי ניט פאַרנעמען זיך מיט געבן אײַך לעקציעס וועגן דעם, וואָס רײַסט אונדז פאַנאַנדער. דאָס האָט איר דאָך אויפגעטאָן. איר האָט די ייִדישע פּראָגרעסיווע באַוועגונג צעריסן, אײַער סאָרט נאַציאָנאַליזם האָט בא אײַך גענומען די אויבער־האַנט. מיר ווייסן עס, מיר האָבן עס אין זינען, מיר זײַנען אופגעבראַכט". די לייענערן וואָרנט, אַז אויב די „מאָרגן־פרײַהײַט" וועט ניט אָפּדרוקן דעם בריוו, וועט ער „געלייענט ווערן אָף צוזאַמענקונפטן און אונטער־נעמונגען"...

קעדיי זיך ניט אומקערן מער צום רעדאַקציאָנעלן אַרטיקל פון די ניו־יאָרקער רענעגאַטן, וועל איך דאָ איבערגעבן נאָך איין קליינינקן עפּי־זאָד. ס'איז געווען אַ קורצער מאָמענט, אין אָנהייב פון מײַן רײַזע, ווען

די צוויי טראַדיציאָנעלע ניו־יאָרקער אַנטיסאָוועטישע ייִדישע צײַטונגען — דער „פאָרווערטס" און דער „אַלגעמיינער זשורנאַל", — שווער צו זאָגן פאַרוואָס, זײַנען אַרויס מיט אַן אָביעקטיווער אינפאָרמאַציע. מאַמעש ניט צו גלייבן: די נאָטיצן גראָד אין אָט די בלעטער זײַנען געווען ניט קיין העצערישע, גאַנץ אָנשטענדיקע, — אַז דער גאַסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק „מיט אַ ווילן פון שאָלעם און פרײַנטשאַפט". מע דאַרף זיך ניט לייגן קיין פייגעלעך אין בוזעם — אַזאַ טאָן איז גאָר אײַנגיכן פאַרשווונדן סײַ פונעם „פאָרווערטס", סײַ פון דעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל", נאָר אפילו אין יענעם קורצן מאָמענט האָט דער רוּקער טאָן מיך פאַרכידעשט, און איך האָב אַ פרעג געטאָן בײַ איינעם פון אַנטיסאָוועטישן קלײַזל: „זאָגט מיר, ווי קומט עס, אַז אין אײַערע בלעטער זאָל מען בײַ דער געלעגנהײט ניט וואַרפן קיין שמוץ?" און אָט וואָס פאַר אַן ענטפער איך האָב באַקומען: „בײַ אונדז האָט מען זיך דערטראַכט צו דעם, אַז די „מאָרגן־פרײַהײַט" ספּראַוועט זיך איצט מיט אייניקע זאַכן בעסער, איידער מיר"...

10. איך נעם אַ אינטערוויו בײַ אַן אָרגאַניזאַטאָר פון אַנטיסאָוועטישע דעמאָנסטראַציעס אין ניו־יאָרק

— וואָס טוט איר אויף אײַערע דעמאָנסטראַציעס?

— מיר מאַרשירן צו די יונײַטעד נישאָנס.

— איר טראָגט טראַנספּאַראַנטן?

— מיר האַלטן אין די הענט מאָגנדאָווידס, אַרומגענומען מיט שטעכיק דראָט.

— וויאַזוי באַציט זיך צו אײַערע מאַרשן דער אַנדערער ניו־יאָרק?

— ווען די דעמאָנסטראַנטן קומען אָן צו דער דאַג האַמערשילד פּלאַץ, וווּ סע שטייט די אָונאָ, האָבן מיר אַ צונויפגערעדטקײַט, עס זאָלן קלינגען, פון סימפּאַטיע־וועגן, די גלאָקן פון דער נאָענטער קירכע, וועלכע רופט זיך „הייליקע קאַטוילישע קירכע".

— מע דערציילט, אַז איר נעמט אַרײַן אין די דעמאָנסטראַציעס גאַלאָכים...

— קאַטוילישע גאַלאָכים מיט זייערע נאָנעס. די פּראַוואָסלאַוונע צערקוועס שטייען אין אַ זײַט... וואָסי, גאַלאָכים זײַנען קיין מענטשן ניט?

— איר האָט עפּשער אַ מאַנגל אין אייגענע מענטשן?

— אָ, איר ווייסט ניט ניו־יאָרק. ווען מיר זאָלן באַדאַרפן צונויפנעמען אַ דעמאָנסטראַציע, לאָמיר זאָגן, פאַר צי קעגן האָמאָסעקסואַליזם, אָדער אַרום דער פּראָבלעם, צי מע זאָל יאָ שערן די נעגל, צי ניט שערן די נעגל, וואָלטן זיך געפונען גענוג באַלאָנים סײַ צווישן די, וואָס קומען ספּעציעל, סײַ צווישן טויזנטער און טויזנטער פאַרבײַגייער, וועלכע זײַנען אַלציינס ניט פאַרנומען מיט אַרבעט און עס סטײַעט בײַ זיי קאַס אויסצולאָזן אים אויף וואָס און וועמען איר ווילט...

— ווער זײַנען פונדעסטוועגן די, וואָס קומען ספּעציעל?

— לאָזט אײַך דינען... פון איינע יעשיווע־באָכערים, וואָס דרייען זיך ארום אין ברוקלין, קאָן מען צונויפנעמען א דעמאָנסטראַציע. צו זיי נאָך צוגעבן די אָנגעשטעלטע אין קאָלערליי אינסטיטוציעס, די ייִדן, וואָס באַווינען שטענדיק די „הויפן" פון די ראַבאָנים, גלאַט ליבהאָבער פון שטופעניש... הײַנט די קאָנטינגענטן, וואָס עס וועלן, לויטן צעטל, אויס־טיילן ציִעניסטישע, ראַבאָנישע און צדאָקע־אָרגאַניזאַציעס... נו, און אוואַ־דע שוין בניי־בריט, דער וועלט־קאָנגרעס אוכעדוימע...

— וואָס קאָנקרעט טוט מען, קעדיי זיי אַלע צונויפנעמען?

— מע קלעפּט אויס אין די סאָבוויי־סטאַנציעס גרויסע אַפישן. אין די צײַטונגען דרוקט מען באַצאָלטע אַנאָנסן. סע קאָסט טײַער, אַבי־ווער קאָן זיך עס ניט דערלויבן...

— ווער, לעמאָשל, פירט אָן מיט אַזאַ דעמאָנסטראַציע?

— דאָס לעצטע מאָל האָט זיך מיטן איניען פאַרנומען יודזשין גאָלד. איר קענט אים ניט? ער איז טשערמאַן פאַר סאָוועטישע ייִדן אין ניו־יאָרק און אין דער אומגעגנט...

— עפּשער געדענקט איר, וואָס ער האָט גערעדט באַם עפענען דעם מיטינג?

— ער האָט געמאָלדן, אַז אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן די סאָוועטן ארויס־געלאָזט מיט פערציק פּראָצענט ווייניקער ייִדן, איידער מיט א יאָר פריִער. אין אָט דעם אָרט פון זײַן רעדע האָט ער זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו די מאַרשירנדיקע ייִדישע היפּי־כעוורע, וועלכע זײַנען דאָס מאָל געווען אָנגעטאָן ניט אין זייערע שמאָכטעס, נאָר אין קעמפּס־קליידער, וואָס עס טראָגן די ייִדן אין סאָוועטישע לאַגערן, — און א ציטער איז דורכגעגאַן איבער די רייען, ווען ער האָט א געשריי געטאָן: „ייִדי־שע קינדער, צעברעכט דעם טורעם!" צוליב אַזאַ האַרצרײַסנדיקן רוף, דאָס הייסט צוליבן אַפּאָגיי פון דער פּאַראַדע, האָט אין דער היפּי־קאָלאָנע זיך געפונען א געמאַכטע באַשניע, דער סימבאָל פון רוסישע צוואַנגס־לאַגערן, און די יונגע דעמאָנסטראַנטן אין קעמפּס־קליידער האָבן טאַקע מאָמענטאַל צענומען באַזונדערע ברעטלעך אָט דעם טורעם...

— יודזשין גאָלד איז א ייִדישער קלאַל־טוער?

— ער איז אַן אויספאָרשער אין ניו־יאָרקער געריכט־קאַמער. א סליע־דאָוואַטעל...

— וויאַזוי האָט בייסן מאַרש זיך אויפגעפירט די פּאָליציי?

— איך פאַרשטיי אײַך ניט.

— געווײנלעך שטערט זי דורכצופירן דעמאָנסטראַציעס...

— וואָס רעדט איר! די ניו־יאָרקער פּאָליציי ווייסט דען ניט, צוליב וואָס און קעגן וועמען אַזאַ ייִדישע דעמאָנסטראַציע קומט פאָר?

— וואָס זשע האָט זי דאָך געטאָן?

— זי האָט געהיט די דעמאָנסטראַנטן.

— קעגן וועמען?

— מיסטאָמע מיינט איר, אַז אויב אין איין קירכע קלינגען די גלאָקן, איז שוין ניטאָ, פונוואַנען ס׳זאָלן פאַלן שטיינער...

— וויפל זשע פּאָליציאַנטן האָבן זיך אוועקגעשטעלט פאַרהיטן די דע־מאָנסטראַציע פון שטיינער?

— דאָס לעצטע מאָל, מיינט איר?

— נו, זאָל זײַן בײַס דער לעצטער דעמאָנסטראַציע.

— זי איז פאָרגעקומען דעם דרײַצנטן אַפּרעל פון טויזנט נײַן הונדערט זיבעציק פינף. געהיט די דעמאָנסטראַציע האָבן זעקס הונדערט פּאָליציאַנטן, כּולל רײַטער־פּאָליציי...

— ווער האָט זיי געשיקט?

— דער שטאָט־מער, אווראַם ביעם. אונדזערער אַ מענטש.

— אַזוי, אַז אין פּאָליציאַנטן איז קיין מאַנגל ניט געווען...

— איר זײַנט אַ נאַיווער מענטש... אין ניו־יאָרק זײַנען פאַראַן אַכט הונדערט ייִדישע פּאָליציאַנטן, פּירט מען אויך זיי אַרויס אין גאַס. שוין ווי ציווילע אָנטיילנעמער פונעם מאַרש. דאַנקען גאָט, די שאָמרים־אָרגאַ־ניזאַציע איז ווי ס׳דאַרף צו זײַן באַזאָרגט מיט ציוניסטישע מאַנהיגים. פאַרשטייט איר שוין?..

11. איך נעם אַ אינטערוויו בײַ אַן אָנגעשטעלטן אין „נאַיאַנאַ”

— עס געפעלט מיר בעפיירעש אָט די שרײַבערישע טעווע: אַלץ זען מיט די אייגענע אויגן... כ׳לעבן, איר וואָלט גאַרנישט ניט פאַרלאָרן, ווען איך זאָל אײַך ניט ברענגען אַהער אַ קוק צו טאָן אויף דעם שילדל פון דער „נאַיאַנאַ”. נאָר אויב שוין יאָ אַזוי, קאָנט איר זיך איבערצײַגן, אַז די גאַס הייסט פּאַרק אַוועניו סאַוט, דער נומער פונעם הויז איז צוויי הונדערט פינף און צוואַנציק. דער אויפשריפט אויפן שילדל מאַכט קלאָר, וואָס „נאַיאַנאַ” מיינט: ניו־יאָרק אַסאָסיאיישאָן פאָר ניו אַמעריקענס — ניו־יאָרקער פאַרבאַנד פאַר נײַע אַמעריקאַנער... איצט לאָמיר זיך ווידער אַרײַנזעצן אין דער קאַר און אָפּפאָרן אַ קוואַרטאַל, ווײַל טאָמער דער־ווּסט זיך וועגן אונדזער וואָיאַזש מײַן דירעקטאָר, פאַרשפּאָר איך שוין מאָרגן אַרויסגיין אויף דער אַרבעט, און אַן אַנדער שטעלע איז פאַר מיר ניט פאַרגרייט...

— נו, אַן עק, דאָ וועט אונדז שוין קיינער ניט כאַפּן. בעסער טאַקע ניט אַרויסקריכן פונעם אויטאָמאָביל. אַזוי, זיצנדיק אין אים, זעט מען די גאַנצע גאַס, ווי אויף דער דלאָניע... יאָ, איז די ערשטע פראַגע: צוליב וואָס דאַרף מען בכלל אָט די „נאַיאַנאַ”, דאָס זעלבע אירע צוויי אַנדערע קיצווע־שוועסטערלעך — „דזשאָינט” און „האַיאַס”, וואָס צווישן זיך רײַסן זיי זיך אַלע דרײַ פאַר די האָר, ווײַל יעדע וויל זײַן די איינציקע צו געבן ייִדן נעדאָוועס? לויט מײַן סאָוועטישן פאַרשטאַנד...

— אײַער סאָוועטישער פאַרשטאַנד איז פאַר אַמעריקע ניט גילטיק. בײַ אײַך אין רוסלאַנד זאָגט מען: דרוזשבאַ נאַראָדאָוו, פרײַנטשאַפט פון פעל־קער אינעם לאַנד. און אין אַמעריקע זאָגט מען אַנדערש: עי נעישאָן אָוו

נעישאָנס. א פאָלק, צונויפגעשטעלט פון פעלקער. רוזוועלט האָט עס פאַר־טײַטשט: אימיגרענטס אָל, אמעריקענס אָל — אלע אימיגראַנטן, אלע אמע־ריקאַנער. די אמעריקאַנער זײַנען א נאַציע פון אימיגראַנטן... די רעגירונג ווייסט, וועמען אַרײַנלאָזן און וועמען געבן מיט דער קני אין הינטן. אויב דו ביסט שוין דאָ הי, דאַרפסטו אליין זיך זאָרגן וועגן דײַן גורל. נעדאָ־וועס קאָנסטו באַקומען אין „נאַיאַנאַ"...

— ווען די רעגירונג רעגולירט די אײַנוואַנדערונג, האָט זי דערבײַ הויכע פּרינציפּן?

— הויך צי נידעריק, דאָס וועלן מיר באַלד זען. לעמאָשל, בייסן היט־לערישן גענאָציד האָבן ייִדן, וועלנדיק זיך ראַטעווען, געקלאַפּט אין אלע טירן... אַגעוו, זײַט אזוי גוט און זאָגט באַ דער געלעגנהײַט: וויפל פּוילי־שע ייִדן, לעמאָשל, האָט אָפּגעראַטעוועט רוסלאַנד?

— אַרום פיר הונדערט טויזנט.

— און אמעריקע האָט אין דער זעלבער צײַט אומגעקערט צוריק אין אָקעאַן אַרײַן די שיפן מיט פאַרצווייפלטע ייִדישע פּליטים... אזויפיל יאָרן זײַנען שוין דורכגעלאָפן, און א קעלט נעמט דורך דאָס לײַב. קינדער־לעך — וואָס דאַרפט איר מער! — אומשולדיקע אייפעלעך מיט זייערע מאַ־מעס, ווי אויך אלטע לײַט און אומבאַהאָלפענע כאַלאָיִם, זײַנען געשווומען אַף גאָטס באַראָט און, קומענדיק צום ברעג, זיך געבעטן: „לאָזט אונדז אַרײַן... מיר ווילן לעבן"... וואָס זשע קומט פאָר? די באַלעבאַטים פון דער זאַטער שטוב פאַרהאַקן די טירן! אוי, ווי איז מיר...

— און הײַנט, אז עס האָט זיך געיאַוועט דאָס מענאַכעם־מענדלשע אָפּ־פאַל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד (איך רעד דאָ ניט וועגן די, וואָס פאַרייניקן זיך מיט קרויווים), איז אמעריקע ניט בלויז אָפן, זי לויפט קיין ווין און קיין רוים און זוכט באַלאָנים צוצוקומען צו אירע ברעגן...

— זי נישטערט אַרום און רופט און בעט: קומט, ייִדן, קומט צו מיר, איך בין די באָבע יאַכנע... איך וועל שרײַען: אַך, מע האָט אײַך דאָרט פאַרפאָלגט, א סימען, אז איר פאָרט אַרויס. און באַ מיר וועט איר האָבן קאַדאָכעס — צדאָקע־געלט פון „נאַיאַנאַ"...

— וואָס איז דאָרט, אין דער אַסאָסיאײשאָן, אײַער טועכץ?

— איך אַרבעט אין פּאַך־דעפּאַרטאַמענט. מיר זוכן א באַשעפטיקונג פאַר די אימיגראַנטן.

— וויאַזוי טוט איר דאָס?

— מע קומט אַרײַן אין א ביזנעס־אונטערנעמונג, אין א געשעפט, אין א רעסטאָראַציע, און מע זאָגט דעם באַלעבאָס אָדער דעם באָס פונעם יוניאָן, אז אזוי און אזוי, אויב יענע זײַנען ייִדן, פאַרשטייט זיך, מע הייבט אָן זוכן יוישער באַם באַלעבאָס אָדער באַם יוניאָן. פונדעסטוועגן, אימי־גראַנטן פון רוסלאַנד, אַנטלאָפענע פון די פּאָגראָמען. בעסער דעם דזשאָב שוין געבן א ייִדן, איידער א גאָי... און אויב עס העלפט ניט, טוט מען א טרייסל מיטן קולעק: מירן אײַך אוועקשטעלן פאַר א קאַהאָלשן באַיקאָט! קורץ — צי גוט, צי שלעכט, נאָר דעם ראָש פון דער מישפּאָכע אָרדענען מיר ווי־ניט־איז אײַן...

— הייסט עס, אז ווען מע שרײַבט אין די צײַטונגען וועגן שווערי־קײַטן, טרײַבט מען איבער?

— פאַרקערט, מײַן ליבער הער. די שוועריקײַטן זײַנען פיל גרעסער.

— דעהײַנע?

— דעהײַנע! דעהײַנע! קלאַמפּערשט, איר הערט צום ערשטן מאָל, אז ניט ווייניקער פון אַ דריטל סאָוועטישע אימיגראַנטן זײַנען גראַדויִרטע פון אוניווערסיטעטן און פון טעכנישע לערן־אַנשטאַלטן. ס'איז אײַך ניט די אַמאָליקע ייִדישע עמיגראַציע, ווען פון רוסלאַנד זײַנען געפֿאָרן אין קאָלומבוסעס מדינה לופט־מענטשן, און צו דער גרעסטער אינטעליגענ־ציע האָט מען פאַררעכנט שאַמאָסים און דאַרדעקע־מעלאַמדים...

— איז עס אַ כיסאָרן — אינזשעניערן און דאָקטוירים?

— אָבער וווהין זיי אהינטאָן? צווישן די צען מיליאָן אַרבעטסלאָזע אין אַמעריקע זײַנען דאָ גענוג מענטשן מיט הויכער בילדונג... דערבײַ דאַרפֿט איר ניט פֿאַרגעסן, אַז די טעכניקער, וואָס קומען פון רוסלאַנד — ניט נאָר זיי קענען ניט ענגליש, נאָר זיי זײַנען לאַכלוטן ניט באָקי אין פּראָפֿעסיאָ־נעלער קאָנקורענץ. באַ אײַך איז אַן אַנדער סיסטעם פון לעבן...

— וויאַזוי גייט זיך עס צו פּילן דאָ, אין די שטאַטן?

— ניט נאָר עס פּילט זיך. עס ווײַנט זיך! עס בלוטיקט זיך! מע נעמט אָן אַן אימיגראַנט אף אַרבעט, איז שוין גוט? נאָר וואַרט צו אַ ווײַלע. אין אַ וואָך אַרום שטעלט ער זיך ווידער אַרײַן אין „נאַיאַנאַ”, אין פאַר־דע־פּאַרטאַמענט, צו מיר, הייסט עס, און ווײַנט מיט ביטערע טרערן. ער קאָן זיך ניט צופּאַסן צום נאַראָוויסטן באַלעבאָס. ער ווייסט ניט דולדן קיין באַ־ליידיקונגען. מע קוועטשט באַ אים אויס דעם זיבעטן שווייס. באַ אים אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד זײַנען אַנדערע פּאָריאַדקעס. מאָלאָדים וועזדיע אָר נאַס דאָראָגאַ, סטאַריקאַם וועזדיע אָר נאַס פּאָטשאָט.[1]

— מע האָט זיך געריכט, אַז פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד וועלן קומען דערשלאָגענע מענטשן?

— אָן אומגליק, די קאַלע איז צו שיין... די אימיגראַנטן זײַנען געביל־דעטע מענטשן. זיי ווילן באַקומען די זעלבע שטעלעס און געהאַלטן, ווי אונטער די פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד, אַ כוצפּע, האַ?

— וועלכע באַשעפטיקונגען באַקומען זיי?

— די מערהײַט נעמט אָן, נאָך קווענקלענישן און סקאַנדאַלן, די שטע־לעס, וואָס מאַכן זיך אונטער דער האַנט. אין אָט דעם פאַל איז ניט וויכ־טיק, ווער דער מענטש איז געווען און וואָס עס וועט פון אים ווערן. אַבי אַרבעטן און אַליין זיך מאַטעריעל אויסהאַלטן. באַם רייניקן דאָס מיסט אין גאַס גייט מען אָנגעטאָן גאַנץ אָנשטענדיק. אַ כאַלאַט, גומענע הענטש־קעס ביז די עלנבויגנס, אַ בערעטל, אַ האַלדזטוך... אָפּגעאַרבעט, וואַשט זיך דער מענטש אויס, און ער איז ווידער „פאָן אינזשעניער”, „פאָן דאָק־טער”... און אייניקע פּאַסן זיך טאַקע צו. פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן שוין

---

[1] פאַר יונגע איז אומעטום אָפן דער וועג, עלטערע גיט מען באַ אונדז שטענ־דיק אָפּ קאָוועד.

פארפירט אייגענע קרעמלעך, קאפעטעריעס, געשעפטן. נאָר עפּעס קריכט עס ניט... די מערהײַט איז פארצווייפלט.

— נו, און ווען „נאיאנא״ זאָל בעסער באדינען, דאן וואָלט מען זיך גיכער אדאַפּטירט?

— אוי, ניט אין דעם גייט עס. די דאָזיקע יידן קומען אהער פון גאָר אן אנדער וועלט. דאָרט באגייט זיך די עקאָנאָמישע סיסטעם אָן פּריוואט־אייגנטום. מע ארבעט בײַ דער מעלוכע, אָדער, ווי איר טײַנעט, בײַ זיך אליין, און אלע ארבעטן, אלע! דאָס איז דער איקער. אונדזער סאָוועטי־שער ייִד, דער אימיגראנט, וואָס איז בײַ אײַך געווען א בירגער און מיטאמאָל געוואָרן אן עמיגראנט, האָט עס אָפּגעטאָן נאָך דעם, ווי ער האָט אלע זײַנע יאָרן אָפּגעלעבט בײַ זײַן אייגענער סיסטעם, דערבײַ זײַנען די מענטשן אין זײַן מישפּאָכע, ארײַנגערעכנט אָפּט די באָבע מיטן זיידן, געבוירן געוואָרן שוין נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָליוציע... הא, עס גייט עמעצער ארויס פונעם אָפיס. איר זעט? א באקאנטער ייִד, טאקע א סאָוועטישער אימיגראנט... עפּשער אים צורופן?

12. דער אָנגעשטעלטער אין „נאיאנא״ שמועסט מיט זײַנעם א קליענט

— רעב ייִד, כאפּט זיך ניט אוועקצוגיין. איזווינײַטיע, ווי ניע פּאָני־מאיעטיע פּאָ יעווריעיסקי (אנטשולדיקט, איר פארשטייט ניט אף ייִדיש)...

— איר זײַנט, אויב איך האָב קיין טאָעס ניט, דער גאָספּאָדין פון „נאיאנא״?

— מיט א וואָכן צוויי צוריק האָב איך געפונען פאר אײַך א באשעפ־טיקונג אין דער כינעזישער לאָקשן־פאבריק. איך וואַרט ניט אף א דאנק. כ׳האָב געזען, איר גייט ארויס פון דער קאָנטאָר, האָב איך א טראכט גע־טאָן: לאָמיר אים אָפּשטעלן און פרעגן, וויאַזוי עס ארבעט זיך.

— עס ארבעט זיך שוין ניט. דער קיטאיעץ האָט מיך אָפּגעזאָגט.

— איר האָט זיך מיט אים צעווערטלט?

— באהיט גאָט! באם אָנעמען מיך אף ארבעט האָט ער, ווי איר גע־דענקט, ניט געוווּסט צוויי זאכן: אז איך בין געקומען פון סאָוועטנפאר־באנד און אז איך בין לויטן פאך א דאָקטער. דאָס ערשטע איז די סיבע, פארוואָס ער האָט מיך ארויסגעטריבן פון דער ארבעט, און דאָס צווייטע האָט אים געדינט פאר א טערעץ: וויאַזוי קאָן ער דערלויבן, אז א דאָק־טאָר מעדיצין זאָל בײַ אים קנעטן טייג פאר לאָקשן...

— טרויעריק, טרויעריק... באקאנט זיך מיט מײַן פרײַנט. ער רעדט אויך רוסיש.

— ער איז געקומען פון דאָרטן?

— סײַ יאָ, סײַ ניט...

— מאָדנע, ניט עמעס? סײַ יאָ, סײַ ניט... איך באקאָן זיך מיט קיינעם ניט, איך וויל מיט קיינעם ניט זײַן באקאנט!

— דאָס איז אײַער זאך. איך קאָן אײַך געבן אן אייצע...

— טשיקאווע.

— קערט זיך אום קיין ייִסראָעל, פונקט נעכטן זײַנען פון דאָרט געקו־מען צוויי ווערבירער.

— די צאָל ווערבירער דערמאָנט מיר אין א וויץ וועגן דער מעדינע איסלאנד. דאָרט איז געווען איין ייִד, זײַנען אהין געקומען פון ייִסראָעל צוויי ווערבירער, און פון דעמלט אָן זײַנען אין איסלאנד פאראן דרײַ ייִדן...

— איר קאָנט נאָך לאכן?..

— אין ייִסראָעל האָב איך אָפּגעלעבט זיבן כאדאָשים, און פון זיי האָט זיך מיר אײַנגעגעבן בלויז איין כוידעש אָפּצוארבעטן באם וואשן רעפּוע־פלעשלעך... דערפאר טאקע בין איך אוועק קיין אמעריקע. ווילט איר, איך זאָל נאָכאמאָל דורכמאכן דעם קרײַז? און וואָס איז שײַעך מײַן טעווע צו געפינען וועגן אלץ א וויץ, וויל איך אײַך זאָגן, אז בלויז דאָס האלט מיך איצט אָן באם לעבן. ס׳איז אן אלטע טעווע. אין דער היים, אין קיעוו, פלעגן קומען אף דער צונג פריילעכע וויצן, איצט קערן זיי זיך אלע אָן מיטן ארומוואָגלען.

— איז טאקע ניטאָ, איבער וואָס צו פרייען זיך...

— א גוטער וויץ איז אָבער אָפּט אויך א טרעפלעכער ענטפער אף א פראגע, וואָס בויערט דיר דעם מויעך... איר מיינט, אז א דאָקטער קאָן אין ייִסראָעל גיכער געפינען ארבעט לויטן פאך, איידער אין אמעריקע, איז הערט. ס׳האָבן אָנגעהויבן עמיגרירן פון רוסלאנד קיין ייִסראָעל עפּעס צופיל דאָקטוירים. אין איין שיינעם טאָג איז פון טעל־אוויוו אָנגעקומען צום מאָסקווער „אָוויר״ א טעלעגראמע: דאָקטוירים האָבן מיר שוין גענוג, שיקט קראנקע, וועמען צו היילן...

— כא!

— נו, זײַט מיר געזונט. מער וועט מײַן פוס ניט זײַן אין אָט דער פינצטערער לאָך, וואָס רופט זיך „נאיאנא״. אויב מע וועט אײַך זאָגן, אז אפן ברוק אין ניו־יאָרק איז געפונען געוואָרן דער קערפּער פון א געוועזענעם סאָוועטישן דאָקטער, זאָלט איר ניט א בורטשע טאָן, אז איר גלייבט ניט אין דעם...

13. אלע טישן אינעם זאל און איין טישל באם ארײַנגאנג

דער גרויסער זאל פונעם פּאָפּולערן אין ניו־יאָרק רוזוועלט־האָטעל איז הײַנט דורכויס א קאָמוניסטישער. איר הערט? דורכויס א קאָמוניסטי־שער. די ערשטע ריי טישן, פּארדעקטע, פונקט ווי די אנדערע, מיט זויי־בער־ווײַסע טישטעכער, איז אָפּגעגעבן די מיטגלידער פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער פּארטיי. אהער קוקט מען פון אלע זײַטן זאל מיט באַ־ווונדערונג, מע כאזערט איבער די נעמען פון באליבטע כאוויירים. אף די פּענעמער בא פינף־זעקס הונדערט געסט פונעם יאָר־באנקעט לעקאָוועד „דזשויש אפּערס״ איז אויסגעשפּרייט עפּעס א באזונדערס געמיטלעכע שײַן, וועלכע קומט פון א גלויבן, וואָס איז נײַ פאר אמעריקע — לאכלוטן פרײַ פון אופגעשרויפטקײַט, סענסאציע, אײַנגעבוירענער ווידערשפּרעכ־

לעכקײַט. דאָס איז אַ רויִקער באַדאַכטער גלויבן, וואָס האָט אַ סאַך שטיצ־פּונקטן אין דער צוקונפט, נאָר איז אין דער זעלבער צײַט טראַדיציאָנעל אײַנגעפונדעוועט.

איין טיש איז אָוועקגעשטעלט אין דער ברייט פונעם זאַל און גע־ווענדט צו אים מיטן „פּאָנעם". דאָ זאַמלען זיך צונויף אין מעשעך פון עטלעכע מינוט פאַרן אָנהייב פונעם באַנקעט אַ פּאָר צענדליק מענטשן, וואָס מיט דער מערהייט פון זיי בין איך שוין באַקאַנט. אָט קומט אָן סעם ליפּצין. אַך, ווי איך בין גליקלעך צו זען אים, דעם „פּעטער שעפּסל", ווי ער אַליין רופט זיך אָן אין זײַנע ווערק! בײַ דער געלעגנהייט קאָן מען זאָגן, אַז אַמעריקע מעג אין איר געשיכטע בעפּיירעש זיך גרויסן מיט אַזעלכע ייִדישע פּראָלעטאַרישע הומאָריסטן, ווי מוישע נאַדיר, יאָסל קאָט־לער, סעם ליפּצין. פאַרוואָס איז אַזוי שטאַרק אין אָט דעם לאַנד גראָד דער ייִדישער הומאָר? ווײַל ס'איז דאָ פון וואָס צו לאַכן? ווײַל די ערשטע דורות ייִדן־אימיגראַנטן האָבן פאַרשלעפּט מיט זיך דעם טרויעריקן, דעם פריילעכן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער? ס'איז קיין ספק ניט, אַז סײַ דאָס, סײַ יענץ זײַנען סיבעס, פאַרוואָס פון די כאָכמעס אַרום אַמעריקאַנער גליקן קאָן מען זיך קאַטשען פון געלעכטער...

דער זעקס־און־אַכציקיאָריקער קאָמוניסט סעם ליפּצין האָט אַף קיין איין טאָג ניט אופגעהערט צו פירן אין דער „מאָרגן־פרײַהייט" זײַן באַ־רימטן קאָלום „אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט" נאָך דעם, ווי די רעדאַקטאָרן פון דער צײַטונג האָבן פאַראַטן אירע רעוואָליוציאָנערע פּרינציפּן. אָפּט קאָן מען זען, ווי פון זײַנע בײַסיקע פערזן און שמײַסנדיקע אַפאָריזמען פליט אַ פײַל טאַקע אין דער זײַט פון די „אייגענע" רעדאַקטאָרן. און ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן נאָוויקס און סולערס בייזע צעטומלטקײַט, ווען דער ניט געהאָרכזאַמער יונגער זאָקן ברענגט אין רעדאַקציע, פאַר אַ נו־מער פונעם 7־טן נאָיאַבער, אַ געגראַמטע באַגריסונג דעם סאָוועטנפאַר־באַנד.

רום און לויב צו דײַן אַלט האַרץ, צו דײַן שטאָלצן טאַלאַנט, צו דײַן ליכטיקן גלויבן, — גרויסער ייִדישער שריפטשטעלער סעם ליפּצין!

ווער זאָגט עס, אַז די צײַטונג פון מאָריס ווינטשעווסקין און מוישע אָלגינען איז ניט אָנוועזנד אַפן יאָמטעוו פונעם קאָמוניסטישן „דזשויִש אַפערס"? יאָ, די איבנדערמאָנטע רעדאַקטאָרן זײַנען טאַקע ניט אָנוועזנד, ווײַל זיי האָבן דאָ ניט וואָס צו טאָן. אָבער אַליין די „מאָרגן־פרײַהייט", איר גײַסט, אירע טרײַע היטער געפינען זיך צוזאַמען מיט אונדז אין אָט דעם זאַל. לעבן מיר זיצט אַווראָם ווײַס — איינער פון די אַרבעטער־פאַר־טרעטער בײַס דער גרינדונג פון דער „פרײַהייט" און אַ לאַנגיאָריקער מיטגליד פון איר צענטראַלער פאַרוואַלטונג. איר ווילט וויסן, וועגן וואָס מיר שמועסן אין די געציילטע מינוטן, קאָלזמאַן דער פאָרזיצער האָט נאָך ניט אַ קלונג געטאָן מיטן גלעקל? די געשיכטע פון דער ייִדישער אַרבע־טער־באַוועגונג וועט לאָזן שטיין די רענעגאַטן צוגענאָגלט צום שאַנד־סלופּ פאַר דערפירן די באַסיעכידע פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּרע־סע צו אַזאַ געפאַלנקײַט... נו, און וואָס איז שײַעך די יערידע־שטימען, וועלכע הערן זיך דאָ און דאָרט, וועגן דעם אונטערגאַנג פון דער ייִדישער

פֿאָלקס־פּרעסע אין אַמעריקע, איז דער ענטפֿער — ניין און ניין! די געזונטע קויכעס וועלן ווידער אופֿהייבן די פֿאָן פֿון דער באַליבטער „מאָרגן־פֿרײַהײַט“, און דאָס וועט זײַן, נאַטירלעך, די רויטע פֿאָן, וועלכע וועט האָבן אין איר אָרגאַנישן געוועב סײַ די פֿיל שטערן פֿון אַמעריקע, סײַ דעם איינציקן רויטן שטערן, וואָס עס האָבן איר צוגעזייגט די גרינדער.

ביז ערשט ניט לאַנג צוריק האָט געהאַט זײַן קאָמוניסטישע דייע אין דער „מאָרגן־פֿרײַהײַט“־רעדאַקציע איינער פֿון די זעלטענע אידייִש ניט פֿאַרענדערטע ייִדישע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן אין דעם לאַנד דאָוויד סעלצער. פֿאַרשטענדלעך, אַז לעצטנס איז ער געווען געצוווּנגען אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר, אָבער ס'זײַנען געבליבן אין אַקטיוו פֿון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער אַמעריקע זײַנע קרעפֿטיקע בעסאַראַבער קאַטאָווסקי־מאָטיוון, די רײַזעס זײַנע צו די ברעגן פֿון דער וואָלגע, בײַס וועלכע ער האָט איבערדערציילט אין דער וואָלגאָגראַדער פּרעסע און אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ דעם הערלעכן עפּיזאָד פֿון די מילכאָמע־יאָרן — דאָס איבערפֿירן איבערן אָקעאַן און עקספּאָנירן אין אַמעריקע אַן אויסשטעלונג פֿון בילדער, וועלכע ס'האָבן אָנגעמאָלט סטאַלינגראַדער קינדער.

שאַט, עס קלינגט שוין דאָס גלעקל. פֿאַרזיצער פֿונעם באַנקעט איז גערטרודאַ דעקער, וויצע־פּרעזידענט פֿון דער עמאַ לאַזאַרוס־פֿעדעראַציע. עס ווענדן זיך מיט האַרציקע ווערטער צו „דזשויִש אַפֿערס“ זײַן רעדאַקטאָר, פּראָפֿעסאָר פֿונעם קאַליפֿאָרניער אוניווערסיטעט הערבערט אַפּטעקער, דער מיטגליד פֿון פּאָליטביוראָ פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון אַמעריקע דעניעל רובין, די באַוווּסטע קאָמוניסטישע פּובליציסטקע וויקטאָריאַ מיסיק.

וויקטאָריאַ מיסיק איז אַ יונגע נעגערטע. הערנדיק איר רעדע, טו איך אַ פֿרעג בײַ דאָוויד סעלצערן: ווי קומט עס, וואָס זי איז אַזוי היימיש מיט די פּראָבלעמען פֿונעם ייִדישן ייִשעוו אין אַמעריקע? ער שעפּטשעט מיר אין אויער אַרײַן: „וויקטאָריאַ איז אַ מיטגליד פֿון דער ייִדישער קאָמיסיע בײַ אונדז אין דער פּאַרטיי“... איך טראַכט: סאַראַ אָנשוילעכע לעקציע פֿון אינטערנאַציאָנאַליזם פֿאַר די, וואָס פֿאָרען זיך מיט פֿאַרמאַכטע אויגן אַרום דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון די אַמעריקאַנער קאָמוניסטן...

איצט איז מײַן ריי.

איך ווייס ניט, וויאַזוי בײַ אַ באַלדאַרשן פּיקט זיך געוויינלעך אויס זײַן רעדע, און צי ס'זײַנען ביכלאַל פֿאַראַן דאָ אַלגעמיינע פֿאַר אַלעמען געזעצן. קאָן זײַן, אַז בײַ יעדן איינעם קומט די זאַך פֿאָר אַנדערש. פֿאַרלאָזנדיק זיך אין דעם פֿראַט אויף זעלבסטבאַאָבאַכטונג, קום איך צום אויספֿיר, אַז ס'איז זייער שווער איבערצוגעבן דעם דאָזיקן מאָמענט פּינקטלעך. פֿאַר אַלע יאָרן, וואָס עס קומט מיר אויס צו האַלטן רעדעס, געדענק איך ניט קיין איין פֿאַל, איך זאָל האָבן געזאָגט אַזוי, ווי ס'איז פֿון פֿריִער פֿאַרטראַכט געוואָרן. פֿאָרלויפֿיק לייג איך אויס אין געדאַנק דעם פּלאַן, מערק אָן עטלעכע „שלאָגנדיקע“ אידייען, אַפֿילע אַ פּאָר אויסדריקלעכע פֿראַזן און אַפֿאָריזמען, אַזוי אויך דעם סיידער — ווען וואָס אין אָנהייב דערמאָנען און ווען וואָס שפּעטער, און... ווען איך דערהער, אַז מע האָט מיך אויסגערופֿן צום וואָרט, פֿאַרגעס איך אַלץ, וואָס עס איז ערשט פֿאַר־

טראכט און צוגעגרייט געוואָרן, פונקט ווי ס׳וואָלט געווען א מוז אויסצו־טרייסלען דאָס טאָרבעלע געדאנקען פארן זאָגן עפּעס... איך רוף אויס: „כאווייריםו!״, און די רעדע הייבט אָן זיך שפּינען, שווער צו וויסן, פון וואָס. זי איז ווי א קנײַלעכל בײַוול, וואָס ליגט שוין גרייט צו אופקײַק־לען זיך. אמאָל ציט זיך דאָס בײַוועלע גרינג, אמאָל שווער. עס טרעפט אויך, אז נאָך דער ווענדונג צום צוהערער, ער זאָל הערן, לאָזט זיך ניט אָנטאפּן דאָס עקעלע פונעם בײַוועלע, און די רעדע באקומט זיך אָן אומ־געלומפּערטע, אָן פּעפּער און זאלץ — אָדער מיט צופיל ווערטער, ווי כ׳וואָלט אײַנגענומען פלוידער־וואסער, אָדער א מין בעלעמעקען, דולן א דאשעק...

אויך איבערדערציילן מיט פּראָטים אן אייגענע רעדע איז ניט מעגלעך, פונקט ווי פּינקטלעך איבערדערציילן א כאָלעם גיט זיך אײַן בלויז אין די פאלן, ווען דער שלאָף איז געווען אן אויבערפלעכלעכער, ווי עס זאָגן מעדיקער, קימאט שוין ניט קיין שלאָף, נאָר א מין „ליגן אין היץ״.

וועל איך מײַן רעדע ניט איבערדערציילן, בלויז אָנמערקן דאָ א פּאָר מאָמענטן.

אין די לעצטע יאָרן איז דער קאלטער קריג מיט זײַנע מענטשן־פײַנט־לעכע מעטאָדן געוואָרן באזונדערס אומזיניק, אין אים קלאמערן זיך הײַנט די קויכעס, וואָס זײַנען עגאָיִסטיש פאראינטערעסירט אין א מיסעמעשונע־דיקער אטמאָספער, און זי, די דאָזיקע אטמאָספער, האלט אוף אין זיך די גרויסע אין פארנעם וועלט־פּאָוטינע, אין וועלכער דער מײַסטער אף אזעל־כע זאכן, דער אימפּעריאליזם, האָט ארײַנגעשפּינט דאָס, וואָס באגלייט דעם קאלטן קריג צוליב כאָוועס און כאָליען אים, נעמלעך צוליב צעבלאָזן דאָס פײַער, צעפירן א בלאָטקעלע, מאכן א געשריי, א פּראָוואָקאציע, אָפּ־טראָגן א רעכילעס, אָפּטאָקן א ליגן, מאכן אן אָנשטעל, אז דער שעקער איז ראיעל... אגעוו, ווען איבער אזעלכע זאכן הייבט זיך אָן א געשלעג, א דראטשקע, כאפּן ארײַן פּעטש, צווישן אנדערע, אויך די שפּינען פון דער פּאָוטינע...

דער „קלייגער קאלטער קריג״ אף דער ייִדישער גאס איז א טייל פון דער פּאָוטינע אינעם „גרויסן קאלטן קריג״. דעריבער איז קיין כידעש ניט, וואָס אלע מאָל, ווען מיר, סאָוועטישע ייִדן, טרעפן זיך מיט דער ייִדישער געזעלשאפטלעכקײַט אין אויסלאנד, רופן מיר זי ארויסצוגיין פון־נעם קאלטן קריג.

וואָס איז שײַעך דער ייִדישער קולטור־אנטוויקלונג אינעם לאנד, ווו איך בין איצט א גאסט, איז קיינמאָל נאָך ניט געווען אזוי נאָענט, ווי איצט, די קאטאסטראָפע. א סיבע דערפון איז דאָס „איבערשמידן״ אף דער אמעריקאנער ייִדישער גאס אפּאלאָנס פײַערלעכן רײַטוואָגן, וועלכער האָט אמאָל געטראָגן אף זיך קלאסיקער פון ייִדישער ליטעראטור, טעאַ־טער, זשורנאליסטיק, אין א צעפאָרענער קאלטמילכאָמעדיקער טאטשאנקע מיט פארזשאווערטע סקריפּענדיקע רעדער און מיט א קרומען דישעל, אף וועלכער עס זיצן עטלעכע שפּינען פון יענער פּאָוטינע. צו אזא לאגע האָט געבראכט דער ציִעניזם. קעדיי ראטעווען פון אונטערגאנג די ייִדישע קול־

טור און ליטעראטור אין אמעריקע (ווי אין אנדערע ענלעכע לענדער), איז בייטיק אַט דעם פרעכן פאראזיט אראָפּצוזעצן פון די אַקסלען פון דעם האָרעפּאשנעם יידישן אוילעם. צו דעם האָב איך גערופן אין מײַן רעדע אפן באנקעט לעקאָוועד דער כוידעש־שריפט „דזשויִש אפערס".

די אנטיסאָוועטישע פּראָפּאגאנדע איז דער אָפּיום, וועלכן עס ווארפט אונטער דעם קראנקן אוילעם א ספּעציעל געשולטע האנט. דערבײַ דארף מען האָבן אין זינען, אז אנטיסאָוועטיזם איז ניט קיין לאָקאלע „היימישע" קאליוזשע. דאָס „היימישע" אין יעדער נאציאָנאלער סוויווע, וווהין עס דרינגט ארײַן דער קאלטער קריג, ווערט אונטערגעאָרדנט דעם גרויסן אומזין. אין דער יידישער אמעריקאנער סוויווע האָט זיך אין די איצטיקע זיבעציקער יאָרן אויסגעשפּרייט אן איפּעשדיקע בלאָטע, וואָס ציט זיך, אָנהייבנדיק פונעם אנטיסאָוועטיזם פון דעם „פאָרווערטס" און ביז דעם אנטיסאָוועטיזם פון דער אידייִש איבערגעניצעוועטער „מאָרגן־פרײַהײַט". ווער עס זעט דאָס ניט, איז פארפירט פון סענטימענטאלע געפילן. דער פּאָליטישער קאמף איז אָבער הארב, און ער רעכנט זיך בלויז מיט רעאלע פאקטן. די צוויי אנטיסאָוועטיזמען זײַנען אין דער ווירקלעכקײַט איין אנטיסאָוועטיזם, וועלכער גיט, אגעוו, שפּײַז (ווי פּאראדאָקסאל דאָס זאָל זיך ניט אויסווײַזן) דעם מאָדערנעם אנטיסעמיטיזם. פונקט אזוי, ווי אין דעם פארגאנגענעם הייסן קריג האָט מען געדארפט פארטיידיקן די יידן פון מענטשנפרעסערישע האנדלונגען בענעגייע זיי, און דאָס האָט געטאָן דער סאָוועטנפארבאנד, די רויטע ארמיי, — פונקט אזוי זײַנען איצט בייטיק אנטשיידענע מיטלען קעגן אויסנוצן אין גאנג פונעם קאלטן קריג יידישע פּראָבלעמען ווי א רעכילעס־מיטל, א נידעריקע ספּלעטניע אף אָנרייצן איין לאנד אפן צווייטן, איין פעלקער־שורע אף דער אנדערער. ס'איז באוווסט, אז באשטימטע בייזוויליקע קויכעס שטופּן אונטער די יידישע נאציאָנאלע סוויווע, זי זאָל זיך אופהאלטן אין סאמע מיטן פון דער ארויסגערופענער דורך זיי געפערלעכער דראטשקע. פון אזא פײַנטלעכער האנדלונג בענעגייע זיי דארפן די יידן אליין זיך פארטיידיקן, ווײַל די רויטע ארמיי, וועלכע האָט זיי געראטעוועט פונעם פאשיזם, וועט פון דער ציִעניסטישער פּראָפּאגאנדע קיינעם ניט גיין ראטעווען, ס'איז אן איבעיעך ניט פאר איר. אליין די פארפירטע דארפן זיך אופמונטערן, דורכדרינגענדיק זיך מיט יענעם פאָשעטן עמעס, וואָס איז אקטועל־וויכטיק טאקע פאר די יידן: איינער פון די שטארקסטע סטימולן צו אופהאלטן און שפּײַזן דעם אנטיסעמיטיזם אין דער וועלט איז הײַנט דער אנטיסאָוועטיזם. וועגן דעם האָב איך גערעדט אפן באנקעט לעקאָוועד דעם אמעריקאנער קאָמוניסטישן זשורנאל „דזשויִש אפערס".

אין איינעם א מאָמענט, ווען דער אוילעם בא די טישלעך האָט געמיטלעך געשמועסט צווישן זיך, איז צוגעקומען צו מיר, דורכגייענדיק דעם גאנצן זאל, א שטאלטנער גראָוו־האָריקער מאן און געזאָגט, אז מיסטאמע געדענק איך אים ניט, וועט ער מיר דערמאָנען, אז מיט פופצן יאָר צוריק, ווען כ'האָב אין ניו־יאָרק באזוכט די רעדאקציע פונעם „איצט שוין פארשניטענעם" „טאָג־מאָרגן־זשורנאל", האָבן מיך דאָרט אופגענומען עטלעכע ליטעראטן, צווישן זיי בענציען גאָלדבערג, כאיִם שאָשקעס, מייער שטי־

קער... „איר דאַרפט מיר לאַנג ניט דערציילן, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן, — איר זײַנט מייער שטיקער, און כ'בין צופרידן אײַך צו זען"...

ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן אָרט, האָט דער זיקאָרן מיר אונטערגעזאָגט עטלעכע שורעס פון זײַנער אַ ליד וועגן וואַלד. פאַרוואָס עס איז גראָד די דאָזיקע ליד געקומען אויף געדאַנק, ווייס איך ניט. „די מורעשקעס שפּילן ליבעס אונטער שירעמלעך פון וואַסערגזשיבעס. די האַרטע ביימער־קאָרעס טראַסקען אין דער זון, פּוילערווילעס בליאַסקען. פון צופיל גליק שפּרינגען אַרום די דרײַצנפיסיקע שפּינען, ווי אַראָפּ פונעם זינען"... ווײַטער קומט אַרײַן אַ האַרצרײַסנדיקע מילדע באָבעצי אין וואַלד און אין דער ליד: „ווען די באָבעצי וועט בינדן שפּענדלעך און בינטלעך, וועלן די ביימער רוישן און דער ווינט וועט ווינטלען. פייגל וועלן זינגען, און דער ווינט וועט זיך פרייען און אַריבער דער באָבעציס קאָפּ זיך דרייען. דער בער וועט קושן אירע צעריסענע שקראַבעס און איר אָנטקעגנטראָגן זײַנע שוואַרצע לאַפּעס. די מורעשקעס און די גאָלדענע פליגן וועלן בײַסן איר הויט און זיך קריגן און קריגן". די דראַמע האָט אַן ענדע, די ליד האָט אַ סאָף: „ווען דער באָבעציס אויגן וועלן פון מידקײַט פינטלען, וועט זי נעמען אויף די פּלייצעס די געבונדענע בינטלען און מיטן וואַלד, מיטן באַרג, מיטן ווינט זיך געזעגענען. דער הימל וועט מיט גאָלדענע רענדלעך רעגענען"...

עס האָט מיך אַ ציי געטאָן צו פרעגן בײַ דעם גאַליציש געבוירענעם, גאַליציש שרײַבנדיקן, אַמעריקאַניש לעבנדיקן פּאָעט: „איך בעט אײַך, קאָרלעגע, זאָגט מיר אונטער, וואָס עס באַטײַטן די ווערטער, וועלכע זײַנען פונקט ווי אַרויסגעשעפּטע פון אַ סאַזשלקע — וואַסערגזשיבעס, פּוילערווילעס"... נאָר דער באַנקעט איז געגאַנגען ווײַטער, און מייער שטיקער האָט זיך אומגעקערט אויף זײַן אָרט.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַכוץ די אַלע טישן אין זאַל, איז געווען נאָך איינער — פאַר זשורנאַליסטן — בײַם אַרײַנגאַנג. דאָרט איז געזעסן די קעגנערישע פּרעסע. איך ווייס ניט, ווער נאָך, אויסער שטיקערן, האָט זיך גענײַגעריקט בײַ יענעם טישל, אָבער איין פּאַרשוין איז אין עטלעכע טעג אַרום דערשינען אינעם „פאָרווערטס" מיט אַן אַרטיקל וועגן דעם באַנקעט. דאָס איז דער שונד־שרײַבער ש. ל. שנײַדערמאַן, וועגן וועלכן „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט בעשאַטוי געשריבן, אַז ער איז נאָך אין שפּאַנישן בירגערקריג געווען אַ צוגעשיקטער פּראָוואָקאַטאָר, און ער האָט ניט געוואַגט עס אָפּלייקענען. שנײַדערמאַן האָט אין זײַן נוסעך אַרויסגעלייגט פאַרן לייענער, אַז ער האָט „פאַרבראַכט אַ זונטיקדיקן נאָכמיטיק פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט אַרן ווערגעליס"; ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן אַ מאָדנע אויסווײַזעניש: „(ווערגעליס) האָט קעסיידער געשאָקלט צו מיר מיטן קאָפּ... איך האָב, נאַטירלעך, ניט אָפּגעענטפערט אויף דעם פאַלשן שמייכל". ער האָט אָפּגעשטעקט אַ ליגן: „(ווערגעליס) האָט דורך אַ דריטער פּערזאָן מיר געלאָזט וויסן, אַז ער איז גרייט מיט מיר צו שמועסן בעיעכידעס"... איך שטויס זיך אָן, אַז דער ליגן נעמט זיך פון בולוואַרישרעפּאָרטיאָרישער קאָנקורענץ. שנײַדערמאַן האָט שוין דאַן געוווּסט, אַז מיט מיר האָט געשמועסט אַ צווייטער ניו־יאָרקער כעוורעמאַן, דער רע־

דאָקטאָר פֿונעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל״ געראַשן דזשייקאָבסאָן, װעלכער קאָנקורירט מיט אים אין באַאַרבעטן דעם אוילעם־גוילעם, — און ער האָט באַשטימט אַרױסשטעקן זײַן פֿרײַנטל אַ צונג... די טשיקאַװע געשיכטע, װי אַזױ געראַשן דזשייקאָבסאָן האָט זיך מיט מיר באַגעגנט און געשמועסט, װעל איך באַלד באַשרײַבן.

14. די מײַסע װירד דעם לעזער מאַכען װאַכען, יעדער, װאָס װעט לעזען, װירד מוסען לאַכען

די געדיכטע שװאַרצע באָרד און די אױסערגעװײנלעך ערלעכע אױגן מאַכן אים ענלעך אױף אַן אײדעם, װאָס איז אָקאָרשט אַראָפּ פֿון קעסט... באַ אָט דעם צײַטונגס־מאַן איז דער עמעס, װי מע זאָגט, ניט אײַנגעשטאַנען. איך באַהאַלט פֿון אים ניט, װאָס איך טראַכט װעגן זײַן שרײַבעכץ. ער טוט זיך אַ כאַפּ פֿאַרן האַרצן: „אַנטשולדיקט, איר האָט אַ טאָעס״...

די דאָזיקע װערטער האָבן אַ שײַכעס צו געראַשן דזשייקאָבסאָנען, און אָנגעשריבן האָב איך זײ מיט פֿופֿצן יאָר צוריק, װען דער בלאָפֿער מיט די ערלעכע אױגן האָט מיך דערטאַפּט אין װאַשינגטאָן, געשמועסט מיט מיר און שפּעטער איבערגעדרײט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרױף דאָס, װאָס כ׳האָב אים געזאָגט װי דעם נײַס־רעפּאָרטיאָר פֿונעם „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״. איצט גיט דזשייקאָבסאָן אַלײן אַרױס אַ בלאַט, זאָל זײַן אַ „שמאַטע־בלעטל״ (לױט דעם אױסדרוק פֿונעם רעדאַקטאָר פֿון „פֿאָרװערטס״, װעלכער האָט אַנומלטן אין אַ בײזן איבערוף געקרױנט אַזױ דעם „אַלגעמײנעם זשורנאַל״), זאָל זײַן אַן אָבסקוראַנטיש װאָס־אין־דער־קאָרט־בלעטל, אָבער אַ געדרוקטס, פֿונדעסטװעגן...

האָבנדיק די געװוינשאַפֿטן פֿון אַ פֿלינקן זשורנאַליסט נאָך פֿון די רעפּאָרטיאָרישע צײַטן, האָט דזשייקאָבסאָן אָפּגעשלאָגן די טעלעפֿאָנען אין דער ייִדישער קאָמיסיע פֿון דער קאָמפּאַרטײ, און כ׳האָב געגעבן די האַסקאָמע אים אָפּנעמען, טראַכטנדיק דערבײַ מיט אַ שמייכל, אַז ס׳איז איצט פּאַסיק צו איבערפֿראַזירן צוליב אים אַן אַלטן ייִדישן אַנעקדאָט. „רעבע, אַ מיסנאַגיד קלאַפּט אין טיר.״ — „טרײַבט אים אַרױס.״ — „ער איז נאָך ניט אַרײַנגעגאַנגען״. — „לאָזט אים אַרײַן און טרײַבט אים אַרױס...״. אין געגעבענעם פֿאַל איז ניטאָ קײן רעבע און ניטאָ קײן מיסנאַגיד. פֿאַרשטײט זיך, אַז דזשייקאָבסאָן װעט קומען צו מיר מיט זײַנע אײגענע אױסזיכטן, אָבער נאָך אַלעם דאַרף ער אָנדרוקן אין זײַן צײַטונג אַן אָנעמבאַרן פֿאַר אונדז טעקסט פֿונעם שמועס. ניט ער, דער מענטש געראַשן דזשייקאָבסאָן, װעט אַרױסגעטריבן װערן, נאָר, אַזױ צו זאָגן, דער דיבוק, װאָס זיצט אין אים — דער בלאָפֿער...

זײַנע פּרוּװן צו אײַנאָרדענען דעם שמועס „אין אַ נײטראַל אָרט״ האָבן ניט געהאַט קײן דערפֿאָלג. איך בין אַ גאַסט פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ, און װער עס װיל מיך זען, זאָל זיך מאַטריעך זײַן אַרײַנצוקומען צו מײַנע כאַװײרים, אױב, פֿאַרשטענדלעך, יענע װעלן אַרײַנלאָזן.

א כאַוועד בּרענגט אַרויף דזשייקאָבּסאָנען אַף דעם געהעריקן שטאָק און פירט אים אַרײַן אינעם צימער, ווו איך געפין זיך. ס'איז, קאָן זיך דוכטן, א דירעקטע פאָרזעצונג פון אונדזערע שמועסן, וועלכע זײַנען פאָרגעקומען מיט פופצן יאָר צוריק. יענע צײַט און די הײַנטיקע אַסאָציִירן זיך אײנע מיט דער אַנדערער גאַנץ פּאָשעט. דעמלט — דזשייקאָבּסאָן, איצט אויך — דזשייקאָבּסאָן. ניט אַנדערש, אַז אינעם געזינדל פון דער אַמעריקאַנער יִדישער רעאַקציאָנערער פּרעסע האָט אופגעהערט עפּעס־וואָס געשען, ס'איז פאַר דער צײַט קיינער ניט געבוירן און קיינער ניט געשטאָרבן. ווערליק איך זיץ איצט און שמועס מיטן זעלבן גערשן דזשייקאָבּסאָן, אַן ערעך וועגן די זעלבע זאַכן, ווי מיט אָנדערהאַלבן צענדליק יאָר צוריק, קאָן מען מיינען, אַז די צײַט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דאָס איז אָבער ניט אַזוי. אָפּגעשטעלט האָט זיך די שעפערישקייט און אפילע די פאַנטאַזיע, די פייִקייט צוצוטראַכטן עפּעס נײַס, באַ דער יִדישער רעאַקציע, און וואָס שײַעך געבוירן — געשטאָרבן, זײַנען טאַקע — אַנעמעסן — קיין נײַע קויכעס דאָ ניט צוגעקומען, דאָס הייסט — גאָרניט און קיינער איז ניט געבוירן געוואָרן פאַר די פופצן יאָר, אָבער געשטאָרבן, פאַרשוווּנדן זײַנען א סאַך. גאַנצע צײַטונגען זײַנען „געשטאָרבן". פונעם ערנסטן יִדישן טעאַטער איז אין ניו־יאָרק פאַרבליבן בלויז א דערמאָנונג. דער אַמעריקאַנער יִדישער פאַרלאַג, ווי אַן אינסטיטוציע, האָט פאַרלאָרן זײַן סטאַבּילע באַזע, און ביכער פון יִדישע שרײַבער, וואָס לעבן אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, גייען הײַנט אַרויס אין... טעל־אַוויוו.

מיט דזשייקאָבּסאָנען רעדן מיר אָפּ, אַז אַף וויפל ער אַליין איז „באַלעבאָס פון דער צײַטונג", גיט ער מיר דאָס וואָרט אָפּצודרוקן אָן ענדערונגען אַלץ, וואָס איך וועל אים דאָ זאָגן — „אָס באַ אָס". אַפּן אָנצוג איז באַ אים, ווי עס זעט אויס, צוגעפּאַסט א רעפּאָרטיאָריש מיקראָפאָנדל, און ער אַליין האַלט זיך די גאַנצע צײַט האַרט לעבן מיר, קעדיי מײַן „אָס באַ אָס" זאָל פאַרשריבן ווערן. איך טראַכט באַ זיך, אַז באַלד וועל איך דאָ פּאָשעט אָפּדיקטירן דזשייקאָבּסאָנען מײַנס אַן אַרטיקל פאַר די לייענער פונעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל". אַזאַ געלעגנהײַט מאַכט זיך זעלטן...

און שטעלט אײַך פאָר: דער פאַרטראַכט איז טאַקע מעקוּיִעם געוואָרן! דאָס, וואָס גערשן דזשייקאָבּסאָן האָט פאַרעפנטלעכט וועגן אונדזער שמועס, — אויב אַרויסלאָזן פון דאָרט די עטלעכע צוגעטראַכטע (אָן דעם באַגייט ער זיך ניט...) קלייִנלעך־נאַיִווע „עקלעך", קאָן אַפילע פאַרשפּאָרן מיר א גאַנג אין מײַנע נאָטיצן, בייס עס וועט זײַן נויטווענדיק צו ענטפערן אַף געוויסע פראַגן.

וועל איך, אַף טשיקאַוועס, אײַנמאָסטען דאָ, אין די וועג־נאָטיצן, גרעסערע פראַגמענטן פונעם רעפּאָרטאַזש, וואָס גערשן דזשייקאָבּסאָן האָט אָנגעדרוקט נאָך אונדזער שמועס אין זײַן „אַלגעמיינעם זשורנאַל".

„לעצטן פרײַטיק, — שרײַבט ער, — בין איך אַוועק אין דער צענטראַלע פון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אַף 235 וועסט 23־טע גאַס. באַ דער טיר האָט מיך אָפּגעוואַרט א יִדיש רעדנדיקער יונגערמאַן, וועלכער האָט דערציילט, אַז ער איז א פרײַוויליקער מיטאַרבעטער אין דער יִדישער אָפּטיילונג פון דער קאָמפּאַרטיי. ער האָט מיך אַרופגעפירט מיטן

עלעווייטאָר אױפֿן פֿינפֿטן שטאָק אין א צימער, וווּ עס האָט געוואַרט אױף מיר אַרן ווערגעליס.

ווערגעליס האָט זיך זייער פֿריינטלעך באַגריסט. ער האָט דערמאָנט אונדזער באַגעגעניש מיט פֿופֿצן יאָר צוריק און די רעפּאָרטאַזשן, וואָס איך האָב וועגן אים געשריבן אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל". „איך האָף, אַז מיר וועלן זיך ווידער באַגעגענען אין אַ צוואַנציק יאָר אַרום און אונטער־ציִען אַן אונטערשטעכע שורע פֿון אונדזערע געראַנגלען און דערגרייכונ־גען",— האָט דער רעדאַקטאָר פֿונעם סאָוועטישן ייִדישן זשורנאַל באַ־מערקט. „איצט איז געקומען די צײַט, ווען מע דאַרף אויסנוצן רעסורסן אױף פּאָזיטיווער אַרבעט. מע מוז אומבאַדינגט אָפּשטעלן דעם קאַלטן קריג אין ייִדישן לעבן"... אױף ווי לאַנג איז ער געקומען קיין אַמעריקע? ווער־געליס האָט געענטפֿערט, אַז ער וועט באַזוכן אַ צאָל שטעט און וועט בלײַבן דאָ „ווי לאַנג עס וועט זײַן נייטיק". ער איז געקומען אַלס גאַסט פֿון „דזשויש אַפֿערס", דעם זשורנאַל פֿון דער „יעווסעקציע" (ייִדישע אָפּ־טײלונג) פֿון דער אַמעריקאַנער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. „עס אינטערעסירט מיך צו זען, וואָס עס איז פֿאָרגעקומען אין ייִדישן לעבן אין די לעצטע פֿופֿצן יאָר"... „אַז מע קוקט צוריק,— האָט אַרן ווערגעליס געזאָגט,— זעט מען, אַז עס זײַנען אַנגעווענדט געוואָרן אַלע קויכעס אױף צו „שלעפּן דעם שטריק". איר געדענקט,— אין די אַמאָליקע ייִדישע שטעטלעך פֿלעגן צוויי מאַכנעס אָנכאַפּן אַ שטריק פֿון ביידע זײַטן און שלעפּן, איין מאַכנע צו זיך און די צווייטע צו זיך. אױף דער ייִדישער גאַס איז געפּאַטערט געוואָרן נאָך פֿופֿצן יאָר אױף צו שלעפּן דעם שטריק... ס'איז געפּאַטערט געוואָרן פֿאָלקס־ענערגיע אױף אָט דער שלעפּעניש. איצט דאַרף מען מאַכן אַ סאָף צו איר...

אַרן ווערגעליס האָט געזאָגט, אַז ער באַשולדיקט די אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין פֿאַרטאַכלעוועט געלט און צײַט אױף דער דאָזי־קער שטריק־שלעפּעניש. נעמט, צום בײַשפּיל, די פֿראַגע פֿון ייִדישער עמיגראַציע פֿונעם ראַטנפֿאַרבאַנד. אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן דעמאָנסטרירט און געשריגן, אַז יעדער ייִד, וואָס וויל אַרויספֿאָרן פֿון רוסלאַנד, דאַרף האָבן די רעכט צו טאָן דאָס. מיר האָבן אױף דעם געענטפֿערט, אַז לויט אונדזער געזעץ קאָן יעדער אײַנער אַרויספֿאָרן, און ס'איז אַ פֿאַקט, אַז 150 טויזנט ייִדן האָבן עמיגרירט. איצט שרײַען די אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס, מיר זאָלן מאַכן די אויסוואַנדערונג שנעלער. ענטפֿערן מיר זיי: מיר מישן זיך ניט אין אײַערע איניאָנים, און איר מישט זיך ניט אין אונדזערע. מיר קענען ניט טאָן דאָס, וואָס אײַך ווילט זיך, באַ אונדז זײַנען פֿאַראַן פּרינציפּיעלע שטעלונגען. איך אײַצע די אַמעריקאַנער ייִדישע גרופּעס אויפֿצוהערן ציִען די שטריק... ווערגעליס האָט גערעדט וועגן די גלאָבאַלע אינטערעסן. ער האָט דערקלערט, אַז ייִדן אין רוסלאַנד און ייִדן אין אַמעריקע דאַרפֿן צוזאַמענאַרבעטן, קעדיי באַוואָרענען, עס זאָל ניט קומען צו דער איבערכאַזערונג פֿונעם כורבן און פֿון דעם אומקום פֿון זעקס מיליאָן ייִדן.

דערלויבט מיר, האָט ער ווײַטער דערקלערט, צו רעדן אין פּאָעטישע געשטאַלטן. אין יאַם איז פֿאַראַן צופֿלוס און אָפּפֿלוס. ווען איך קוק אױף דער

לאגע פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זע איך א צופּלוס, ניט געבוג א שטאַרקן, אָבער דאָך — אַן אופשטײַג אין דער יידישער קול־טור־אַרבעט. בײַ אײַך אין אַמעריקע זע איך אַן אָפּפּלוס.

„דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גרויסן קויעך און איז דער אויסדרוק פון א היכער ליטעראַרישער אַנט־וויקלונג. די צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז געוואָרן א טעגלעכע. די צאָל ביכער פון יידישער קינסטלערישער ליטעראַטור, וואָס עס וועט אַרויסלאָזן דער מאָסקווער פאַרלאַג, וועט דערגיין ביז 10—15 א יאָר. לעצטנס איז געגרינדעט געוואָרן א יידישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער, וועלכער טרעט אַרויס אין פאַרשיידענע שטעט פונעם ראַטנפאַרבאַנד. מע דאַרף אָפּשאַצן דעם צופּלוס אינעם יידישן קולטור־לעבן אין רוסלאַנד לויט דעם, וואָס עס איז פאַראַן, און ניט לויט די דעקלאַראַציעס, וועלכע ווערן געמאַכט.

ניט געקוקט אף דעם, וואָס א סאַך יידיש לייענענדיקע מענטשן זײַנען פאַר די קימאַט צוויי פאַרגאַנגענע יאָרצענדליקער געשטאָרבן און אויך פיל פון די לייענער זײַנען אַרויסגעפאָרן, האַלט אַן „סאָוועטיש היימלאַנד" די זעלבע צירקוליאַציע, און קריגן אַן אַלטן נומער איז זייער שווער. „מיר פאַרקויפן אַלע עקזעמפּליאַרן", — האָט דער רעדאַקטאָר פון דער מאָנאַטלעכער אויסגאַבע באַטאָנט. ער האָט געשילדערט „סאָוועטיש היימ־לאַנד" ווי א זעלטענע וויכטיקע טריבונע, וואָס נעמט אַרום אַלע אויס־דרוקן פונעם שעפערישן וואָרט: ראָמאַנען, פּאָעזיע, דערציילונגען, עסייען, רעפּאָרטאַזשן, כראָניק, אפילע א רובריק אף דערלערנען די יידישע שפּראַך און אַן אָפּטיילונג, וואָס גיט אף רוסיש און אף ענגליש דעם טאַמציס פו־נעם אינהאַלט פון יעדן נומער. אַרום דעם זשורנאַל גרופּירן זיך ביז 150 מיטאַרבעטער, וועלכע מאַכן א בײַטראַג, יעדער איינער אף זײַן שטייגער און לויט זײַן טאַלאַנט. „און יעדער איינער באַקומט האָנאָראַר. מיר צאָלן א רובל מיט פּופציק קאָפּעקעס פאַר א שורע פון א ליד און דרײַ הונדערט רובל פאַר א דרוק־בויגן אין פּראָזע".

דער רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט געזאָגט, אַז בייס ער זעט א צופּלוס אין רוסלאַנד, איז אין אַמעריקע צו מערקן אַן אָפּפּלוס. די יידישע צײַטונג „פרײַע אַרבעטער־שטימע" איז געשטאָרבן, דער „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל" איז אונטערגעגאַנגען, דער „פאָרווערטס" האָט אופגע־הערט צו דערשײַנען מאָנטיק און שאַבעס, די „מאָרגן־פרײַהײַט" גייט אַרויס דרײַ טעג אין וואָך. עס דרוקן זיך וויי‌ניקער ביכער. די לאַגע פונעם יידישן קולטור־וועזן איז ווײַט פון זײַן האָפערדיק. דעריבער, האָט ווער־געליס אויסגעפירט, וואָלט איך פאָרגעשלאָגן זיך טוישן מיט דערפאַרונג אָנשטאָט פירן א קאַלטן קריג. ער האָט דערבײַ באַוואָרנט, אַז ער מיינט ניט אידעאָלאָגישע קאָאָפּעראַציע. אידעאָלאָגיש, האָט ער באַטאָנט, קאָן ניט קומען צו א וואָפנשטילשטאַנד. עס קאָן און דאַרף געפירט ווערן א דיסקוסיע צווישן ביידע אידיישע וועלטן, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז מע דאַרף פירן א קאַלטן קריג, זײַן געשפּאַנט, וועלן שטערן און אומברענגען איינער דעם צווייטן.

בייס אונדזער אינטערוויו האָט ווערגעליס באַטאָנט, אַז ער איז א

מאַרקסיסט, אַ קאָמוניסט. ער האָט געזאָגט, אַז מאָסקווע וויל ניט פאַרכאַפּן די וועלט און אַז די קאָמוניסטן זײַנען ניט אויסן איבערצומאַכן, אַז אַלע זאָלן ווערן מאַרקסיסטן. ער האָט אָבער אַזוי ווי פאַרבײַגייענדיק אַרײַנגעוואָרפן די פאָלגנדע פראַזע: „אַלציינס וועט די וועלט ווערן אונדזער וועלט. דער פּראָצעס איז אַזאַ, בײַס וועלכן פעלקער און לענדער באַגרײַפן, אַז די מאַרקסיסטישע סיסטעם איז די ריכטיקע", — האָט געזאָגט דער רעדאַקטאָר פונעם סאָוועטישן זשורנאַל"...

איז דאָך גוט, האַ? מע האָט דערלעבט, אַז אין דעם ניו־יאָרקער „אַלגעמיינעם זשורנאַל" זאָל פאַרעפנטלעכן אַזאַ עמעסדיקן מאַטעריאַל דער זשורנאַליסט מיט די ערלעכע אויגן, באַ וועמען דער עמעס איז ביז אָט דעם דאָזיקן פאַל קיינמאָל ניט אײַנגעשטאַנען... אָן און פאַר זיך איז עס, אָן ספק, דערפרייענדיק. אָבער...

הערט אַ מעשׂה.

ס'דאַרף דורכגיין ניט מער, ווי אַ וואָך צײַט (ביזן דערשײַנען פון דעם קומענדיקן נומער פונעם „אַלגעמיינעם זשורנאַל"), אַז דער זעלבער גערשן דזשייקאָבסאָן מיט די ערלעכע אויגן אַאַוו. זאָל אַרויס מיט אַן אַרטיקל אונטערן סימפּאַטישן נאָמען „אויסהאַקן די ציין". „אונדזערע כאַכאָמים, — שרײַבט ער, — האָבן שוין לאַנג געזאָגט, אַז „ודע מה שתשיב, זאָלסט וויסן וואָס צו ענטפערן"... וואָס זשע ווייסט וואָס מיר צו ענטפערן דער כאָכעם דזשייקאָבסאָן? „דער עמעס איז, אַז איך ווייס אַפילע ניט ווי אָנצופאַנגען", — איז ער זיך מודע. און דעריבער פּאַסקנט ער: „אויסהאַקן די ציין!" — „אַ ראָשע דאַרף מען אויסהאַקן די ציין, ער זאָל אופהערן בײַסן"... אָבער וואָס אַזוינס האָט באַוויזן אָפּצוטאָן דער ראָשע? ווײַזט זיך אַרויס, אַז ס'האָט באַוויזן אָנקומען פון טעל־אוויוו אַ וואָרענונג פאַר דער רעאַקציאָנערער יִדישער פּרעסע אין ניו־יאָרק, זי זאָל אָנעמען די געהעריקע שמוץ־מיטלען קעגן מיר, ווײַל מיט עטלעכע טעג פאַרן אָפּפליִען קיין אַמעריקע האָב איך אין דער מאָסקווער צײַטונג „איזוועסטיאַ" אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל וועגן די פאַלשע געגנ פונעם ציִעניזם בענעגייע דער יִדישער קולטור. דער נומער פון „איזוועסטיאַ" מיטן אַרטיקל איז נאָך ניט דערגאַנגען קיין ניו־יאָרק, נאָר אין טעל־אוויוו האָט מען עס שוין געלייענט. עס רעדט זיך אַזוי, אַז גערשן דזשייקאָבסאָן איז „באַלעבאָס פון דער צײַטונג", ער איז אַן אונטערקערער אינעם שטיבל באַ דעם ליובאַוויטשער רעבן, און ווען דאָרט איז באַוווסט געוואָרן וועגן זײַן אינטערוויו מיטן מאָסקווער קאָמוניסט, האָט מען אים מיסטאָמע גוט אַרײַנגעלייגט אין קאָלנער אַרײַן, אַפילע געדראָעט אים דורכטרײַבן...

איינער אַ פרײַנט, וואָס האָט דער ערשטער געצויגן מײַן אופמערקזאַמקײַט אַף דער ענדערונג אינעם טאָן פון דער ניו־יאָרקער געלער פּרעסע, איז געווען אײַנפאַלעריש צו פרעגן מיך: אויב איר האָט געוווסט, אַז אין געציילטע טעג אַרום פאָרט איר אָפּ צוגאַסט קיין אַמעריקע, וואָלט עפּשער געהאַט אַ זין אָפּצוהאַלטן די פּובליקאַציע פונעם אַרטיקל, קעדיי ניט שרעקן די גענדז? נו, יאָ, אָט נעם איך אומישנע צופּאַסן זיך צו די פאָלי־

טישע געשמאַקן פון דער יידישער רעאַקציע... אַזוינס איז ניט אין אונדזער טעווע. פונקט פאַרקערט, אין פאַל פון אַ מעגלעכן דיאַלאָג דאַרפן זײַן קלאָר די אידייִשע פּאָזיציעס. נו, און וואָס איז שײַעך דער מאָס איידל־קײַט אינעם קעגנערס ענטפער אָף דער אָדער יענער שטעלונג, איז עס אָפּהענגיק פון דעם, וואָס פאַר אַ זיטן יענער פאַרמאָגט. באַ גערשן דזשײַ־קאָבסאָנען איז דער עפּיזאָד מיטן פאַרעפנטלעכן מײַנע אַרויסזאָגונגען געווען אַ אָפּלויכט פון אַ ווײַטער זאַרביציע אין טיפן אונט־פּינצטער. אַזאַ אופטו איז אָבער געווען ניט נאַטירלעך פאַרן פּינצטערלינג, און ער האָט גלײַך זיך אומגעקערט אָף זײַן אָרט, טוענדיק עס אָף אַ נאַרישן אופן. פאַראַן אַ זאָג אין מישלע: אַזוי ווי דער הונט קערט זיך אום און עסט אויף צוריק זײַן אויסברעכעכץ, אַזוי טוט דער נאַר איבערכאַזערן זײַן נאַריש־קײַט.

אין סאַכאַקל איז באַלערעוודיק אַלץ, וואָס עס טרעפט אין וועג בײַס אַ רײַזע. האַגאַם עס איז ניט געווען פּאָרויסגעזען, איך זאָל זיך באַגעגענען מיט דער געלער פּרעסע, איז גוט און נוצלעך, וואָס כ׳בין געווען

דאָרט, ווו יעדער שמירער פּירט אַ רעדאַקציאָן,
דאָרט, ווו יעדער פּירער הייבט (גאָרניט) אָן צו טאָן, —

ווי עס זאָגט זיך אין אַ ליד פון אַן אַלטן אַמעריקאַנער יידישן פּאָעט.

15. אַמעריקאַנער פּאַסירונגען

אויב דו ווילסט קענען דאָס לאַנד, אָדער די שטאָט, וווהין דו ביסט געקומען אָף אַ קורצער צײַט, זאָלסטו זיך צוקוקן, מיט וואָס פאַר אַ פּאַסי־רונגען עס איז זיך דאָרט נויהעג דער דורכשניטלעכער בירגער.

אין ניו־יאָרק ריידן איצט אַלע וועגן דעם פּלוצעמדיקן טויט פון נעל־סאָן ראָקפעלער. דער מולטי־מיליאָנער איז פיר מאָל געווען גובערנאַטאָר אין דער שטאָט, וועגן וועלכער עס זאָגט זיך, אַז מע קאָן אָן אופהער אָף איר קוקן, נאָר לעבן אין איר איז בעסער מיט גרויסע איבערײַסן...

און נאָך פיל אַנדערע צערטלעכע רייד הערט מען אין ניו־יאָרק וועגן ניו־יאָרק:

א שטאָט, וואָס האָט מוירע פאַר זיך אַליין.

א שטאָט, וואָס איז זיך אַליין דערעסן געוואָרן ביזן טויט.

מע קאָן פאַר אַ דאָלער דאָ קויפן אַספּירין אָפּן גאַנצן לעבן, נאָר אײַנ־שלינגען אים מוז מען פאַר אײן וואָך (דער ערשטער האָט דעם דאָזיקן קאַלאַמבור געזאָגט, האָבנדיק אין זינען גאַנץ אַמעריקע, אַ פּאָפּולערער אַר־טיסט — באַרימאָר איז זײַן נאָמען, — און איצט פּאַסן צו אָט דעם זאָג צו ניו־יאָרק די ניו־יאָרקער אײַנוווינער).

א צעטיילטע שטאָט... ניט נאָר אָף ווײַסע און שוואַרצע.

די הויפּטשטאָט פון קאַנסער.

א שטאָט, ווו יעדער זיבעטער מענטש לעבט פון צדאָקע און ווינט אין אַ כורווע.

אזא איבערבאפעלקערטע שטאָט איז נאָך ניט געווען, זינט די וועלט שטייט.

א דאמף־קעסל, וואָס האלט באם אופרײַסן זיך פון אינווייניק.

א גיגאנטישער אײַזבערג פון שטאָל און גלאָז, אן ארײַנגעקוועטשטער צווישן צוויי טײַכן.

א שטאָט, וואָס איז גײַסטיק אויסגעשעפּט — פון פּאכעד, פון ניט וויסן וואָס צו טאָן, פון אָרעמקײַט און אָפּגעלאָזנקײַט, פון אייגענער אכזאָריעס...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו ראָקפעלערן.

מע גיט איבער, אז ער פלעגט באקומען א האכנאָסע פון פיר מיליאָן דאָלער א כוידעש. וועגן דעם האָט אין מײַן אָנוועזנהײַט גערעדט א ניו־יאָרקער טוישעוו, וועלכער ארבעט אין א טראנספּאָרט־קאָמפּאניע ניט קיין פולע וואָך פאר 480 דאָלער א כוידעש (דירע־געלט צאָלט ער 300 דאָלער). דער פארדינער פון פיר מיליאָן האָט אָבער דורכגעמאכט ניט קיין גרינגן וועג. ער אליין האָט אמאָל דערציילט אין דער טעלעוויזיע וועגן זײַנע קינדער־יאָרן, אז דער טאטע דזשאָן פלעגט אים געבן טאשן־געלט פּופציק צענט, און ער האָט ביכלאל געמוזט פארשרײַבן אלע זײַנע האכנאָסעס און הויצאָעס. אזוי האָט ער זיך אָפּגערעכנט באם טאטן פאר דעם אָרעמען בודזשעט, און אויב ס'האָט זיך געמאכט א דעפיציט, איז דזשאָן געווען שטארק אין קאס.

און אָט איז נאָך א פּראט פונעם שווערן לעבן, וואָס עס האָט געהאט איינער פון די באלעבאטים פון „סטאנדארד אויל", „טשיין־מאנהעטן־באנק", „איסטערן אײַרליינז" און אנד.

ווען ער איז געוואָרן וויצע־פּרעזידענט פונעם לאנד, האָט א ספּעציעלע אויספאָרשונגס־קאָמיסיע פונעם סענאט זיך פארנומען מיט זײַנעם א ריין־פּערזענלעכן איניען: פארוואָס ער האָט געשענקט פּופציק טויזנט דאָלער טאשן־געלט זײַן געוועזענעם באאמטן און ראטגעבער, דעם האָרוואַרד־פּראָפעסאָר הענרי קיסינדזשער, וועלכער איז מיט מאזל געוואָרן דער מעלוכע־סעקרעטאר אין ניקסאָנס אדמיניסטראציע. עפשער קאָן מען מיינען, אז ער האָט אונטערגעקויפט דעם האצלאָכעדיקן מעלוכע־מאן? אײַ, טשעפּעט זיך אָפּ, בא אזא אשירעס איז פּופציק טויזנט דאָלער ניט קיין סאך מער פון פּופציק צענט בא אן אָרעם קינד...

אגעוו, ס'איז באוווסט אויך אזא פּיקאנטער פאקט. ווען ריטשארד ניקסאָן איז געוואָרן פּרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן, האָט ער אף אן אופנאמע בא זיך אין שטוב געוואָלט באקאנען דעם נײַעם יוסטיץ־מיניסטער מיט ראָקפעלערן. „אָ, ס'איז ניטאָ קיין נויטווענדיקײַט פאָרצושטעלן מיר דזשאָן מיטשעלן, — האָט באמערקט דער מולטי־מיליאָנער, — ער איז מײַן יוריסט, אָדער, אויב אײַך ווילט זיך, געווען מײַן יוריסט"...

מיסטאמע וויל דער לייענער וויסן, מיט וואָס נאָך איז פארינטריגירט דער דורכשניטלעכער ניו־יאָרקער בירגער. גלייבט מיר, אז פּאסירונגען פעלן דאָ ניט. לעמאָשל, מע רעדט וועגן א פארמעסט, ווער ס'וועט גיכער

ארופלויפן צופוס אפן אכט־און־זעכציקסטן שטאָק פון „עמפּייר סטעיט בילדינג“. געזיגט האָט א יונגערמאן, וועלכער האָט דורכגעמאכט די 1557 טרעפּלעך פאר צוועלף מינוט און נײַנצן סעקונדעס.

נו, איך האָף, אז פארן פארלאָזן ניו־יאָרק וועט זיך מיר אײַנגעבן נאָכאמאָל זיך אָנפרעגן, וועגן וועלכע פאסירונגען מע שמועסט אין שטאָט...

16. אינקאָגניטאָ בא די „רוסישע ייִדן“

ווען מע איז צוגאסט אין פרעמדע מעקוימעס — וויאזוי זעט מען זיך דאָרט ניט מיט מענטשן פון היימישע קאנטן? ס׳וואָלט בעפּיירעש געווען אן אוולע...

פאָרנדיק קיין בראיטאָן־ביטש, דעם ניו־יאָרקער שטאָט־כײלעק, וואָס קומט ארויס צו די פּליאזשן און וואָס איז איצט א מאָקעם־מיקלעט פאר „רוסישע ייִדן“, בין איך אזוי פארטאָן אין מײַנע ראַיוינעס, אז איך באמערק ניט, איבער וועלכע גאסן און געטאָס עס גייט דורך אונדזער וועג. יאָ, דער פּאראדאָקס פון דער צײַט קאָן בעעמעס דערשיטערן. מיט פופצן יאָר צוריק האָט בראיטאָן־ביטש עקזיסטירט פּונקט ווי איצט, אָבער ס׳איז מיר סטאם ניט אײַנגעפאלן אהין צו פאָרן, ווײַל אויב „רוסישע ייִדן“ זײַנען דעמלט יאָ געווען אין ניו־יאָרק, האָט מען זיי געדארפט זוכן צווישן די אלטע אימיגראנטישע דוירעס, אין דער נויט־עמיגראציע פונעם צארישן רוסלאנד און פון דעם היטלערישן דײַטשלאנד, ווען עס האָבן דעם ייִדישן פאָלק געדראָעט מיט פארניכטונג דער קעשענעווער פּאָגראָם, די קרישטאָל־נאכט...

וואָס זשע איז איצט אזוינס געשען? וואָס האָט געטראָפן מיט די ברידער־ייִדן, אז א נאָכקרימעניש נאָך יענע עמיגראציעס זאָל זיך באווײַזן אין די זיבעציקער יאָרן? די שוידערלעכע וועלט־מילכאָמע האָט זיך פון לאנג שוין פארענדיקט מיטן זיג איבער דער כײַע. צוזאמען מיט אנדערע פעלקער האָט דאָס ייִדישע פאָלק אופגענומען רו און ווידערופלעבונג. ס׳האָט זיך אײַנגעשטעלט א שטייגער־לעבן אין די אופגעריכטע היימען. ווידער שטראָמט די פרידלעכע צײַט מיטן אומבײַט־סיידער פון פריידן און זאָרגן, נאכעס און פארדראָסן. און וואָס איז שײַעך די פארדראָסן, זײַנען זיי אין מאָסקווע און אין ווילנע, אין קעשענעוו, קיִעוו, טאשקענט, סווערדלאָווסק, לענינגראד — געוויינלעכע פארדראָסן, ווי עס פירט זיך אין לעבן, און בעשום־אויפן ניט קיין ערנסטע סיבע צו „פאקעווען די טשעמאָדאנעס“. ארויסרופן בא א סאָוועטישן מענטשן אָט דעם דאָזיקן מעשוגאס קאָנען איצט בלויז צוויי צאָרעס: א סיסטעמאטישע בייזוויליקע פארפירערישע העצע פון דער זײַט און אייגענע אומגעלומפּערטע, גאָר ניט קיין ערלעכע בענעגייע דער צײַט, דעם היימלאנד און בענעגייע זיך אליין אילוזיעס און אויסרעכענונגען, וועלכע זײַנען מעסוגל צו ברענגען אומפארמײַדלעך צו א פּערזענלעכער קאטאסטראָפע.

איך מיין, אז ווען עס וועט דורכגיין אָט דאָס מעשוגאס, דאן וועלן ייִדן, אונטערגעהאלטן פון די אנדערע פעלקער, מאכן א היסטאָרישן

מישפּעט איבער די אונטערהעצער. איך זע דאָס שוין איצט, ווײַל דער
גורל האָט מיך פיל מאָל צונויפגעפירט פּאָנעם־על־פּאָנעם מיט די אומ־
גליקלעך געוואָרענע אימיגראַנטן — אין די ערטער פון זייער נײַער, מיי־
שטיינסגעזאָגט, אויסקומעניש, סײַ אין אייראָפּע, סײַ איצטער, אין אמעריקע.
איך זע שוין פאָרויס דעם קומענדיקן „קליינעם נירענבערגער פּראָצעס",
ווו אף דער באשולדיקונגס־באַנק וועט זיצן דער ציוניזם — ניט נאָר פאַר
זײַנע גאזלעוואָיעס בענעגייע דעם פּאַלעסטינישן פאָלק, נאָר אויך פאַר
דורכפירן דעם עמיגראַציע־פאַרברעכן קעגן דעם ייִדישן פאָלק — פאַר ציי־
ניש אָפּנאַרן פיל צענדליקער טויזנטער מענטשן און, אין רעזולטאַט, פאַר
שאַפן א סוויווע פון נאָווענאַדניקעס־ייִדן, אַרויסגעריסענע פון דער וועלט
פון סאָציאַליזם, ווו זיי זײַנען געבוירן, ווו זיי האָבן געלעבט, פאַרוואָרצל־
טע און אײַנגעשטייגערטע אין זייערע געבורט־היימען, און איצט פּלאָנטערן
זיי זיך אונטער די פיס בא אַנדערע סוויוועס, וועלכע זײַנען אזוי אויך
באַלעסטיקט מיט אייגענע צאָרעס און פּראָבלעמען. עס רופט אַרויס שטוי־
נונג, וואָס מענטשן, בא וועמען קיינער האָט ניט אָפּגענומען זייער מאָקעם,
זײַנען געוואָרן קוואַרטיראַנטן בא יענעם, זיי ריכטן אָפּ א מעשונע־פּרײַווי־
ליקן גאָלעס, לעבן אין פרעמדע דירעס, אַרבעטן, ווי מע זאָגט, בא דער
פירמע „מעסטגאַס און שטיינטרעט", פאַרשטעלן זיך פאַר א מין נאַציאָ־
נאַלן אוירעך, ווען ס'איז דערצו ניטאָ קיין ערנסטע סיבע, ווערן באָסיאַ־
קעס, אַרומשלעפּער, און אלס קאָנסעקווענץ פון דעם ווערן זיי אויך גאַנץ
אָפּט מאָראַלישע קריפּלס, וואָס ריידן אָן אף זייער מוטערלאַנד, דינען
דעם איבערקויפער פון נעשאָמעס, קריכן אין אַנדערע אידעאָלאָגיעס,
שטעלן זיך אליין אונטער פאַר רעליגיעס און סעקטעס נאָך א לעבנלאַנג
ניט וויסן פון זיי...

בראַיטאָן־ביטש זעט אויס ווי א פאַרשטאָט מיט אן אײַזנבאַן־פּלאַטפאָר־
מע. און ווען מע קוקט זיך גוט צו, ווײַזט זיך אַרויס, אז די פּלאַטפאָרמע
פירט אין... אָקעאַן־אײַנגוס, פּאָשעטער גערעדט — ס'איז א ברייטער ברעטל־
דיקער טראָטואַר צווישן די לעצטע הײַזער פון דער שטאָט און דעם וואַ־
סער־ברעג. לענגויס דעם טראָטואַר זעט מען גרין־געפאַרבטע, שוין אָפּגע־
בליאַקעוועטע בענק (ווי אין א סקווער), אף וועלכע עס זיצן מענטשן,
מערסטנס באַיאָרטע, אין אָסיען־מאַנטלען און אין אָנגערוקטע ביז די
אויערן שליאַפּעס, אָדער אין ווינטער־היטלען. די ייִנגערע דרייען זיך אַרום
אהין־אהער און שמועסן צווישן זיך. אלע — אף די בענק און אף די טראָ־
טואַר־ברעטער — זײַנען פאַרטאָן אין א שמועס, בייס וועלכן מע מאַכט
שטאַרק מיט די הענט און מע רײַסט איינער באַם אַנדערן די קנעפּ פונעם
מאַנטל. אינמיטן די רייד שטעלט מען זיך אָפּ, קעדיי אַרײַנרוימען עפּעס
אין אויער אַרײַן, אָדער איבערכאַפּן דעם אָטעם. דער יאַם איז אָנגעכמור־
רעט, די מענטשן זײַנען אָסיענדיקע, ס'איז קאַלט און אומהיימלעך.

די אימיגראַנטן „עטעמען מיט לופט" — טאַקע זייער א נוצלעכע זאַך,
אָבער אויב א פילאָסאָפיר טאָן, איז עס אן אַרומדרייען זיך פון שפּאָגל־
נײַע לופט־מענטשן. זיי זײַנען נאָך אָנגעטאָן אין סאָוועטישע מאַנטלען און
היטלען, נאָר דער פּייזאַזש איז שוין ניט אזא, ווי אינעם אָדעסער פּריי־
מאָרסקע פּאַרק.

אָט זײַנען מיר שוין אפן בראַיטאָנביטשער טראָטואר — איך און עטלעכע ניו־יאָרקער כאווײרים מײַנע, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען באווײַזן מיר „די רוסישע גאָלדזוכער", ווי אײנער פון זײ האָט זיך אויסגעדריקט. איך בין מיט אים ניט מאסקים:

— אויב איר ווילט זיך פאנאנדערקלײַבן אינעם כאראקטער פון אָט דער דאָזיקער עמיגראציע, — זאָג איך, — דארפט איר גוט וויסן, ווער די מענטשן זײַנען, אין וועלכע ערטער פונעם סאָוועטנפארבאנד האָבן זײ געלעבט און ווער האָט אין יעדער קאָנקרעטער מישפּאָכע ארײַנגעטראָגן דאָס נאָגן־זיך אין וואַרטעניש אף עמיגרירן — דער טאטע מיט דער מאַמען? דער זיידע? די קינדער?..

אין ווילנע, לעמבערג, קעשענעוו, טשערנאָוויץ, דאָס הייסט אין די מײַרעוו־געביטן פונעם לאנד, האָב איך געוווסט ניט ווייניק באַיאָרטע יִדן און יִדענעס, וועלכע האָבן באלאנגט צום „קאפּיטאליסטישן דאָר", און זײ האָבן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן — איך טרײַב ניט איבער — פארהיט אין דער נעשאָמע דעם טרוים נאָך א שיפסקארטע, אָדער זיך ארומגעדרייט אין עלטער פון אכצן־צוואנציק יאָר צווישן „כאלוצים", אין דער ציִעניסטישער יוגנט, און נאָכדעם דאָס גאנצע לעבן זיך געהאלטן אין איין גרייטן צום „פאָרן", נאָר עפּעס־וואָס האָט טאָמיד ניט געלאָזט: צוערשט, אין דער סמעטאנישער ליטע, אין פילסודסקי־פוילן, אין דער באָיארישער רומעניע — די שווערקײַטן צונויפצונעמען אף א בילעט, און דערצו נאָך די פרישע, אָקאָרשטיקע ביטערע דערפארונג, וועלכע זאָגט אונטער, אז דער שאָכן אָדער דער קאָרעוו האָט שוין געפרווווט „פאָרן" און איז ארײַנגעפאלן אין זעלבן קאפּיטאליזם; שפּעטער א ביסל האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און די לעבנגעבליבענע זײַנען געלאָפן ניט קיין אמעריקע, ניט קיין פאלעסטינע, נאָר אין טיף רוסלאנד — זיך ראטעווען. נאָכן קריג האָט געדארפט דורכגיין א לענגערע צײַט, אז די שיפסקארטע זאָל ווידער קריכן אין קאָפּ ארײַן בא די, וואָס זײַנען געכאפּט אף אָט דעם סאָרט מעשוגאס. ווי ס'איז באוווסט, האָט לאנגע יאָרן געדויערט דער ניט גוטער קאלטער קריג, ווען מיגראציע פון בירגער איז געווען פארשווערט, און ערשט נאָך העלסינקי, בא דער לינדערונג פון דער אטמאָספער, בייס עס איז, ביכלאל גערעדט, פעסטער געוואָרן די סטאביליזאציע פונעם מאטעריעלן מאצעוו, אײַנשליסנדיק, געוויינלעך, פריידן און פארדראָסן, אומבאדינגט פארדראָסן (וואָס אָן אנדערס מאָל וואָלטן זיי פונקט אזוי דורכגעגאַן, ווי זיי זײַנען אופגעקומען), — ערשט אין די זיבעציקער יאָרן האָט געקאָנט א שפרייט טאָן זיך די עמיגראציע, וועלכע האָט, אומפארמײַדלעך, געטראָפן אויך אין אנדערע סוויוועס, אויסער „מײַרעוודיקע יִדן". די ציִעניסטישע סאָם־פראָפּאגאנדע האָט אָפּגעזוכט באלאָנים, און ניט ווייניק, צווישן „גרוזינער יִדן" — אפן רעליגיִעזן באָדן, צווישן די, ווען קלײנע פארדראָסן האָבן פארטונקלט דעם קאָפּ מיטן הארצן מיטן געוויסן, אויך צווישן גלאט ניט שטאנדהאפטיקע און לײַכטזיניקע פארשוינען, צווישן „קינדער, וועמענס עלטערן עס פאָרן", און צווישן „עלטערן, וועמענס קינדער עס פאָרן", צווישן קאָלערליי קרויווים, קאלעס, כאסאנים, ניט דערשאצטע דאָקטוירים, ארטיסטן, ליטעראטן...

מע דארף אויסדריקן מיטגעפיל ניט דעם לאנד, פונוואנען אָט דער אוילעם פאָרט ארויס, נאָר די לענדער, ווו זיי באזעצן זיך און וווהין זיי ברענגען אַרײַן זייערע קרענקלעכע פּראָבלעמען, זייערע געשטרויכלטע כאראקטערן, די אנטוישונגען, די דערמאָנונג וועגן א פארלאָרן לעבן, די נאָסטאלגיע. זיכער האָט די סאָוועטישע געזעלשאפט גאָרניט פארלאָרן. נו, און וואָס איז שײַך מיטגעפיל צו די אומגליקלעכע בראיטאָנביטשער „קוראָרטניקעס", האָט מען זיי דען באם עמיגרירן ניט געוואָרנט וועגן דעם?

האקלאל, פאר מײַנע אויגן שפרייט זיך די ניו־יאָרקער פאָרשטאָט בראיטאָן־ביטש. די ברעטער אף דער קלאדקע באם ברעג פונעם אטלאנ־טישן אָקעאן סקריפּען, ווי ניט געשמירטע רעדער פון א וואָגן. איך קוק זיך אײַן אין די פּענעמער פון די אָפּגעפרעמדטע מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָגן אין גרופּקעס און מעסטן די לענג און די ברייט פונעם טראָטואר. פארלוירנקײַט, כאראָטע, דערנידעריקונג און הילפלאָזיקײַט — אָט וואָס איך זע אף די פּענעמער פון די אימיגראנטן. מײַן אויער כאפט אוף אלטע ווערטער, וועלכע קלינגען פאר מיר אזוי נײַ און אומגעריכט, ווי כ׳וואָלט זיי הערן צום ערשטן מאָל: „פּאָסטאָיאלעץ", „עקדעשניק", „גרינע", „נאטוראליזירטע", „אונטערטאנשאפט", „פּאָדאנסטווע", „אלטגע־זעסענע", „נײַגעקומענע"...

עס הערן זיך אָפּגעהאקטע פראזעס:

— ער וועט מיך ניט נעמען...

— זאָל אים נעמען דאָס קאדאָכעס...

— די קיצווע קלעקט קוים אף וואסער צו דער קאשע...

אן עלעגאנטער הויכוואוקסיקער מאנצבל מיט טרוקענע אײַנגעפאלענע באקן זיצט אף א באנק, ארומגערינגלט מיט יוגנט (ער איז אלט א יאָר זיבעציק), פונעם מאנטל זעט זיך ארויס אן ארטיסטישע „באבאָטשקע". ער דעקלאמירט:

В Стамбуле, под ногами турка,
Истоптан, грязен и загажен,
Валялся план Санкт-Петербурга,
В квадратном дюйме — триста сажен...[1]

אף די ברעטער פונעם טראָטואר שטייט א שטוב. עפּעס ענלעכס קאָן מען זען בא די פליטנטרײַבער אף גרויסע טײַכן. לעם ארײַנגאנג, אף דער שילד און אף די פענצטער, וואָס קוקן צום אָקעאן — א היימיש וואָרט «Москва», אָנגעשריבן טאקע מיט רוסישע אויסיעס. אין די פענצטער זײַ־נען אויסגעשטעלט מאטריאָשקעס, טעלער מיט גערייכערטע פיש, קאָנ־פעטן „מישקא" און „בעלאָטשקא". דער רעסטאָראן געהער צו „רוסישע

[1] אונטער די פיס באם טערק — א מאפּע,
סטאמבול פארוויקלט אין איר פערשקעס.
סאנקט־פעטערבורג איז קענטלעך דאפקע,
דרײַ הונדערט קלאפטער אין א ווערשקע.

ייִדן״. די נײַגעקומענע גייען אהין ניט אַרײַן. איך עפן אוף די טיר: בא די טישלעך זיצט קיינער ניט. דאָס קאָל פונעם באַיאָרטן עלעגאַנטן מאַנצבל לאָזט זיך ווידער הערן, ווען איך טרעט שוין אַראָפּ פונעם טראָטואַר און גיי אַוועק מיט מײַנע פרײַנט שפּאַצירן איבער דער בראָדוויי־ביטש־אַוועניו:

Моя тоска — как эта карта,
В квадратном дюйме — триста сажен...[1]

בראַיטאָן־ביטש־אַוועניו איז אַ לאַנגע שמאָלע גאַס, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון איינע קרעמלעך, גרינס־שטעלכלעך, ביליקע קאַפע־הײַזער. די גאַס איז מיט אַ „דאַך״: אויבן, איבער איר גאַנצער ברייט און לענג, דאָרט, וווּ ס׳דאַרף זײַן בלויער הימל, ציִען זיך בעטאָנענע פּליטעס, אַף וועלכע ס׳זײַנען דורכגעלייגט רעלסן פון דער שטאָטישער באַן, וואָס עס האָט אַ טיפּישן אַמעריקאַנער נאָמען — „עלעווייטער״. בא שאָלעם־אַלייכעמען ווערט געזאָגט: „אַזאַ לייטער, וואָס מע רופט אים עלעווייטער״. נו, אַ לייטער קאָן מען אופשטעלן און אַוועקלייגן. דער עלעווייטער „ליגט״, און זײַנע טרעפּלעך־שפּאַלעס שפּאַרן זיך שיר ניט אָן אין די קעפּ פון די מענטשן אַף דער גאַס.

און מיט מענטשן שוויבלט און גריבלט אַף בראַיטאָן־ביטש־אַוועניו. קעדיי אַ קוק טאָן אַף זיי, בין איך איצט אהער געקומען. מענטשן, מענטשן! וואָס טראָגט עס אײַך אין ברודנעם שטראָם אַרײַן, אין אויסרײַסעניש! אָט דו, לעמאָשל, דו מיינסט, איך ווייס ניט, אַז ערשט מיט געציילטע וואָכן צוריק פלעגסטו נאָך אַרײַנקומען „אין פּראָפקאָם״, „אין פּאַרטקאָם״ און רעדן מײַסע באַלעבאָס און צום וויפלטן מאָל דערמאָנען, אַז ס׳איז, גאָט צו דאַנקען, סאָוועטסקע וולאַסט, און אויב מע וועט ניט טאָן אַזוי, ווי דו ווילסט, וועסטו „ביזן צעקאַ דערגיין״. איז וואָס זשע ביסטו דערגאַנגען ביז צו בראַיטאָן־ביטש־אַוועניו? און טו אַ קוק אין שפּיגל, ס׳איז דיר קיין בושע ניט? אַרופגעפּיאַלעט אַף זיך געקעסטלטע הויזן־„דודאָטשקעס״, אַ שיטער־געל קאַשקעטל, און האַוועסט אַרום אונטערן עלעווייטער, אַ צעפּאַטערטער פון יאָגעניש נאָך פּריוואַט־אייגנטום — מענאַכעם־מענדל מיט די ביינער... דו — דער אומאַנער „כלאָפּעץ״. האָסט אַ שפּײַ געטאָן אַף דער סאָפּיִעווקע? דײַן טאַטע ליגט אַפן הויכן ברעג פונעם דניעפּער, ער האָט אָפּגענומען צוריק באַם דײַטש קיִעוו. און דו האָסט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו טײַנען, אַז דו ווילסט ניט אומאַן, דאַרפסט ניט קיִעוו, ווײַל דו האָסט אײַנגענומען בראַיטאָן־ביטש־אַוועניו. טיפּעש! אין ניו־יאָרק וועסטו, אין בעסטן פאַל, פאַרדינען עטלעכע איבעריקע דאָלער אַף צו קויפן פאַר זיי געקעסטלטע מאַטקעס, אין אומאַן דאַרפסטו זיי ניט האָבן, אין ניו־יאָרק פאַרשפּילסטו אַף אייביק אומאַן. טיפּעש!

איך לאָז זיך ניט אַרײַן מיט קיינעם אין קיין שמועס. אינקאָגניטאָ, איז אינקאָגניטאָ. קוקן, הערן און טראַכטן. ווען איך זאָל ניט וויסן, אַז

---

[1] מײַן בענקשאַפט איז אַזאַ, ווי אָט די מאַפּע. דרײַ הונדערט קלאַפטער אין איעדער ווערשקע.

דאָס אַלץ איז רעאַל, וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז מע דרייט דאָ אַ פילם וועגן נעפּ. „איבערגעטאָנענע" אַרומשמײַענדיקע מענטשעלעך, צווישן זיי עטלעכע שלעגערס — „בינדיוזשניקעס", סטראַשידלעס, פּראָסט גערעדט — דריבנע גאַנגסטערס, וואָס שרעקן דעם אוילעם און נעמען בא אים צינש. וווּלגאַרע מוידן. הונגעריקע קינדער. רעדלעך פון נײַגעריקע אינמיטן דער גאַס. באַראַכאָלקעס אויף די ראָגן. שטופּעריַי. מיעסע ווערטער. אַ ספּעציפישער רוסיש־ייִדישער זשאַרגאָן. היי, דו! ביסט נאָך נעכטן געגאַנגען „אין פּראָפּקאָם", „אין זאַווקאָם", „אין פּאַרטקאָם", געטראָגן אַ ריין העמדל, געגאָלט די באָרד, געריייניקט די נעגל. האָסט גענוצט אַזעלכע ווערטער, ווי „איזוויניטיע", „פּאָזשאַלויסטאַ", „טשעלאָוועק זוווטשיט גאָרדאָ"[1], — וואָס זשע האָסטו פאַר אַ קורצער צײַט אַזוי זיך אַראָפּגעלאָזט?

אַ רעסטאָראַן אויף דער אַוועניו. די שילד — אויף רוסיש: «Одесса». אָן אַנדער אויפשריפט — מיט ייִדישע אויסיעס: „קאָשערע קנישעס". באַם אַרײַנגאַנג אין „אָדעססאַ" — אַ בופעט. „וועגט מיר אָפּ אַ האַלב פונט רוסישן קאָלבעס"... „מיט אודאָוואָלסטוויע, דאַמאָטשקע... מאַטילדאַ סאַמוילאָוונאַ! פּאָדאַיטע קוסאָק קאָלבאַסי איז לוטשעוואָ סאָרטאַ... אַ נאַס ניע אַבוועשיוואַיוט"...[2] „וואָס זאָגט איר אויף אים? פּאַראַכטאָגן פרײַטיק האָב איך אויך דאָ געקויפט אַ האַלב פונט קאָלבעס, איז דאָרט געווען ווייניקער מיט פּופּציק גראַם... פעלן זאָל אים פּופּציק כּדאָשים צום לעבן!.."

שאַט, מע זינגט אויף ייִדיש. דאָס איז ניט קיין שאַרמאַנשטשיק, קיין בלינדער פידלער, קיין גאַסן־טענצערן. אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן האָט זיך צוגעשפּאַרט צו אַ קעלער־ווינקל פון אַ קלייט. לעם איר שטייען צוויי מאַנצבלען, מע זעט גלײַך, אַז איינער איז אַ נאַטוראַליזירטער אַמעריקאַנער, דער צווייטער — אַ גרינער. מײַנע באַגלייטער באַמערקן ניט אָט דעם דרײַלינג און גייען ווײַטער, שמועסנדיק צווישן זיך. די פרוי זינגט פאַר זיך, און ווען איך שטעל זיך אָפּ, איז זי ניט צופרידן. איך פאַרשרײַב די ווערטער פון איר ליד:

איך גיי אַרום אין די גאַסן
איינע אַליין.
איך האָב ניט, מיט וועמען צו רעדן,
נאָר מיט זיך אַליין.
אוי, אין אַ פרעמדער מעדינע
בין איך פאַרוואָגלט געוואָרן.
פון גאָט אַליין
איז געקומען דער צאָרן...

זי וויל מיך, ווײַזט אויס, אַ שטאָך טאָן, רײַסט זי איבער די דאָזיקע ליד און הייבט אָן אַן אַנדערע:

---

[1] „אַנטשולדיקט", „ביטע", „מענטש קלינגט שטאָלץ". (רוס.).
[2] „מיט פאַרגעניגן, דאַמאָטשקע... מאַטילדע סאַמוילאָוונע! דערלאַנגט אַהער אַ שטיקל וווּרשט פונעם בעסטן סאָרט... בא אונדז וועגט מען אָן נאַרערײַ"... (רוס.).

קומט אַ ייִד אין אַ פרעמד לאַנד,
קלאַפּט אין פרעמדע טירן.
קיינער דריקט אים ניט די האַנט.
ווּעמען וועט זײַן עלנט רירן!

זי קוקט אַף מיר אַזוי, ווי זי וואָלט זאָגן: אָט האָסטו דיר, שלימאַזל, דײַן כיילעק פאַר אָפּשטעלן זיך אומגעבעטן לעם אַ מענטשן, וואָס זינגט פאַר זיך, מער פאַר קיינעם ניט. און איך, פון מײַן זײַט, בין דערוועל פול מיט דײַגעס: ניט אַרויסלאָזן פון אויג די כאַווירים, וואָס זײַנען אַוועק פאָרויס, און קורץ זיך דורכשמועסן מיט דער זינגערן און מיט די צוויי מאַנצבלען. די זינגערן לייגט אַף מיר קיין אַכט ניט. זי שעפּטשעט שטיל די ווערטער פון איר ליד און ווישט די אויגן מיטן דינעם שאַרפעלע, וואָס וויקלט אַרום איר האַלדז. איינער פון די מאַנצבלען — דער נאַטוראַליזיר־טער — טוט מיר צוליב און וואַרפט צו עטלעכע ווערטער:

— איר זײַנט דאָ אַלע אַף גרויסע צאָרעס...

ער איז מיט מיר אַף „דו":

— אויב דו ביסט אַ מענטש פון סאָכנוט און קלײַבסט זיך אײַנריידן די יורדים, זיי זאָלן זיך אומקערן קיין ייִסראָעל, בעט איך דיך, גיי אַוועק.

אַ ווונק צו דער זינגערן:

— זי איז אין קאַס אַף דער ייִדישער מעדינע, ווײַל איבער דעם אַרויס־רוף־בריוו אהינצו האָט דער וועג געבראַכט אהערצו...

זעענדיק, אַז איך קלײַב זיך אַוועקגיין, כאַפּט ער אַרויס פון קעשענע אַן אַלט ביכל, וואָס איז פאַרגעלט פון דער צײַט און אײַנגאַנצן שוין צע־שאָטן, ער נעמט לײַכט אַראָפּ דאָס זײַטל, אַף וועלכן דאָס ביכל איז אויפ־געעפנט, און שטופּט עס מיר אַרײַן אין קעשענע:

— קיין געלט האָב איך ניט, איז נעם די שיימע, זי וועט דיר צוניץ קומען...

איך יאָג אָן מײַנע כאַווירים און באַקוק דערווײַל די „שיימע". ס'איז אַ בלעטל פון יויסעף אָפּאַטאָשוס אַ בוך, וועלכן כ'האָב געלייענט מיט אַ יאָר פערציק צוריק, און עס געדענקט זיך, אַז דאָס איז אַ זאַמלונג פון בילדלעך און סקיצן וועגן באַגעגענישן, וואָס דער אווטאָר האָט געהאַט אין וועג. דאָס מאָל קומט אָפּאַטאָשו אָן מיט דער באַן עפּעס אין אַן אַמעריקאַ־נער שטעטל, ווו ער וועט האַלטן אַ לעקציע וועגן דער רײַזע קיין סאָ־וועטן־רוסלאַנד, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק דורכגעמאַכט (די סקיצע איז אָנגעשריבן אין 1929 יאָר). פאַר דער לעקציע שמועסן די אָרטיקע ייִדן מיטן גאַסט. אָט איז דער טייל פונעם דיאַלאָג, וועלכער איז אַף דעם זײַטל פונעם בוך אונטערגעשטראָכן מיט אַ רויטן בלײַער:

„— כאַווער אָפּאַטאָשו, איר זײַנט טאַקע געווען אין אָדעס אויך?

— געווען.

— טאָ ווי זעט איצט אויס אָדעס? שיין, ווי אַמאָל?

— אָדעס איז שיין.

— הערסט, ליובאָטשקע? זיי זאָגן, אַז אָדעס איז נאָך אַלץ שיין! מיר

זײַנען דאָך געבוירענע אָדעסער! מיר האָבן דאָרט געאַרבעט ביזן טויזנט נײַן הונדערט צוויי־און־צוואַנציקסטן. כ׳בין געווען א קאָמיסאַר איבער דרו־קערײַען, איז מיר אײַנגעפאַלן א מעשוגאַס גאָר אהערצו קומען, פּעדלען מיט א וואָגן אויבסט... אײַ, כאַוועער אָפּאַטאָשו, אָדעס, אָדעס! ווי קומט מען צוריק אהין? אָבער פּושקינסקאַיאַ איז א שיינע גאַס, האַ?

— זייער שיין.

— הערסט, ליובאָטשקע? וועַר עס רעדט א שלעכט וואָרט אפן ראַטנ־לאַנד, מעג אים ס׳מויל פאַרקרימט ווערן!"

דאָס האָט געשריבן ניט ארן ווערגעליס, נאָר יויסעף אָפּאַטאָשו.

17. אין טכום־האַמוישעוו פון אמעריקע

פאָרנדיק צוריק פון בראַיטאָן־ביטש, שטעלן מיר זיך אָפּ אין וויליאַמס־בורג און אין קראַון הײַטס — בײַ די סאַטמאַרער און ליובאַוויטשער. ס׳איז מיר שוין אויסגעקומען ניט איין מאָל צו שרײַבן וועגן די דאָזיקע נעסטן פונעם יידישן מיטלאַלטער, דעריבער וועל איך איצט אויסמײַדן באַוווּסטע פּראַטים. וויכטיק איז דאָס, וואָס גופע די עקזיסטענץ פון געטאָס אין לעצטן פערטל פונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז עמעצן נייטיק. אין דער וועלט קומט איצט פאָר אן עכטע רעוואָליוציע קעגן פאַרגליווערטע הי־סטאָרישע ווערטן. צענדליקער פעלקער און לענדער זאָגן זיך אָפּ פון נעכטיקע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אַטריבוטן. איז דען ניט מאָדנע, וואָס אין אזא לאַנד, ווי אמעריקע, האָט זיך דער אָרטאָדאָקסיע אײַנגעגעבן ארופוואַרפן א צײַמל אף א גרויסן טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג? פאַר די פופצן יאָר, וואָס איך בין דאָ ניט געווען, זײַנען די געטאָ־ווענט אין ברוקלין געוואָרן שטאַרקער און העכער. וועגן דעם זאָרגט זיך די ראַ־באָנישע רעאַקציע. דאָס איז, זעט אויס, איר איינציקער אויסוועג. אין א פאַרשלאָסענער נאַציאָנאַלער סוויווע קאָן מען אופהאַלטן א קאָנסערוואַ־טיוון שטייגער, ווּהין עס וועט שווערער זײַן אַרײַנצודרינגען דעם פּראָ־גרעס.

צו דעם ברייטן אוילעם רעדט מען מיט פּראָפּאַגאַנדיסטישע דריידלעך. אָט אזוי:

— לאָמיר אופהערן צו שרעקן זיך פאַרן וואָרט געטאָ. אין געוויסע אומשטענדן זײַנען געטאָס טאָמיד געווען און זיי פאַרבלײַבן דער פּראַק־טישער אויסוועג, ווען פאַר די יידן שטייט די פּראָבלעם פון זעלבסטהילף און קאָאָפּעראַציע אינווייניק אין דער נאַציאָנאַלער סוויווע;

— אין די שטעט וועט אונדזער יידישקײַט זיך לאַנג ניט קענען האַלטן, דאַרפן מיר זיך צונויפנעמען אין קליינע גרופּעס און אויסבויען שטעט־לעך, בײַשטעטלעך, פאָרשטעטלעך. א יידישע יוגנט, פאַר וועמען די על־טערן וועלן אופבויען א רויִק שטעטל, וועט זיך אײַנלעבן מיט יידישקײַט אף א גאַנץ לעבן.

איינער פון די טעאָרעטיקער פונעם יידישן נאַציאָנאַליזם — א. גאָ־לאָמב — האָט אין זײַנעם אן אַרטיקל געפּרוּווט פאַרינטערעסירן אַלע רע־אַקציאָנערע שטרעמונגען מיט דער אידיי פון שאַפן א ספּעציפיש אמערי־

קאנישן טכום־האמוישעוו: „אופריכטיקע ציִעניסטן, וואָס זאָרגן וועגן דעם קיִעם פון ייִסראָעל, דארפן זען, אז די קומענדיקע דוירעס זאָלן אויך העלפן דער מעדינע, זאָלן וועלן העלפן איר, זאָלן וויסן דעם טאַם פון גאנצער ייִדישקייַט און בענקען נאָך אזא. עס דארפן וועלן די שטעטלעך פרומע ייִדן, ווייַל נאָר אין אזוינע קלענערע און אייַנהייַטלעכע קיבוצים וועט מען קענען אָפּהיטן א ייִדישן שאבעס און יאָמטעוו. עס דארפן אומבאדינגט וועגן דעם זאָרגן עמעסע און אופריכטיקע בונדיסטן. מע רעדט וועגן אווטאָנאָמיע — אדעראבע, קומט און נעמט זי. קיינער שטערט אייַך ניט צו האָבן אזא קולטור־אווטאָנאָמיע... די שטעטלעך קענען זיך אויספורעמען פארשיידן, לויט די אידעאָלאָגיעס, זיי וועלן אָבער אלע זייַן ייִדישע"... (א. גאָלאָמב. „טעריטאָריִאליזם אף די ערטער". זשורנאל „אויפן שוועל", מייַ — יון, 1963).

איצט, אזוי ווי מיט פופצן יאָר צוריק, זע איך מיט די אייגענע אויגן, וואָס אזא ייִדישקייַט באטייַט אף דער פראקטיק.

ס'איז ריכטיק, אז באָראָ־פּארק, לעמאָשל, זעט אויסערלעך אויס ווי אן אמאָליק ייִדיש שטעטל אין גאליציע. אלטע נידעריקע הייַזער מיט ייִדישע שילדן, געשריבן אינעם לאָשנקוידעשדיקן סטיל, גאסן אָן קינאָטעאטערן, קלובן, טאנץ־זאלן, צירקן, רעסטאָראנען — די שילדן און מוידאָעס זאָגן אָן ניט וועגן סערוויס־אונטערנעמונגען, ניט וועגן פארווייַלונגס־ערטער, נאָר — טאלמעטוירעס און יעשיוועס, ראבאָנים און שאדכאָנים, שידוכים און בריסן, כאסענעס און לעווייַעס. דאָס שטעטל האָט פארמאָגט אמאָל אן אייגענע עקאָנאָמיק, זאָל זייַן אן אָרעמע, א זעלבסטבאדינערישע, אָבער דאָך — א גאנצן קלאס באלמעלאָכעס, א פּראָדוציר־באזע, וועלכע האָט באדינט סייַ דאָס שטעטל גופע, סייַ די ארומיקע דערפער. די אויסטויש־סיסטעם האָט געהאט ניט נאָר עקאָנאָמישע פונקציעס — אויך סאָציִאלע. דאָס אלץ האָט געשאפן די געזעלשאפטלעכע אטמאָספער אינעם שטעטל און אין לעצטן רעזולטאט — די רעוואָליוציִאָנערע באוועגונג.

ארומפאָרנדיק איבער די „ייִדישע גאסן" פון ניו־יאָרק — ראָטלעדזש סטריט, בערפאָרד אוועניו, איסטערן פארקוויי, קינגסטאָן, לי אוועניו, ראָדני סטריט, עמפייר בולווארד און נאָך און נאָך, קאָן איך ניט געפינען דאָס וויכטיקסטע, וואָס פארייניקט מענטשן אין א ייִשעוו — סימאָנים פון עקאָנאָמישער טעטיקייַט. די קאָשערע קרעמלעך, מאצע־בעקערייַען, יאטקעס זייַנען, אזוי צו זאָגן, פארשטייגערטע קעמערלעך פונעם רעליגיִעזן אומגאנג־לעבן. דער סאטמארער „הויף", דער ליובאוויטשער „הויף" (מע רופט זיי אין דער פרעסע „אימפעריעס") זייַנען פאקטיש צעשפרייטע איבער דער ברוקלינער פאָרשטאָט, פייַנטלעכע איינע צו דער אנדערער, סעקטאנטישע באזעצונגען, בא אנדערע רעליגיעס וואָלטן זיי געקאָנט הייסן מאָנאסטירן. פארשטייט זיך, הייַנטיקע צייַטן באגייט מען זיך ניט מיט ארבעטן אף די גערטנער־בייטן און מיט אופראמען די אייגענע קעליעס. די באלעבאטים פון דער סאטמארער „אימפעריע", אשטייגער, פארמאָגן אָנצאָליקע פלייש־געשעפטן, א מיל, א גרויסע בעקערייַ, וועלכע באקט ווינטער־מאצע פאר די כסידים פון סאטמאר אין פארשיידענע לענדער פון דער וועלט. די דאָזיקע „אינדוסטריע" ברענגט אריַין שווערע מיליאָ־

נען האכנאָסע. דער רעבע איז א גרויסער מומכע אף ביזנעס, דאָס זעלבע אויך דער קאָנקורירנדיקער, דער ליובאַוויטשער.

אויב אָבער ריידן ערנסט, זײַנען די דאָזיקע צוויי אומגעלומפּערטע פּאַראַדיע־„אימפּעריעס" — אויסגעכאַוועטע אף א קינסטלעכן באָדן רעזער־וואציעס פון אָבסקוראַנטישן פּאַראַזיטיזם, און אין פאַרגלײַך מיט זיי זײַנען די אמאָליקע יידישע שטעטעלעך — דאָס ווײַסרוסישע ליובאַוויטש און דאָס אונגאַרישע סאַטמאַר — געווען בעעמעס קוואליקע, טיף פאַרוואָרצלטע געמיינשאַפטן פון האָרעפּאַשנע מענטשן. פונעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַלער נוצלעכקײַט האָט איין שמיד, איין באָנדער פונעם אַלטן ליובאַוויטש מערער די ווערט, איידער א טויזנטקעפּיקע כאָפּטע כאַבאַדניקעס (פאַר־שפּרייטער פון „יידישקײַט", וועלכע רופן זיך „חב״ד" — כאָכמע, בינע, דאַאַס) — כסידים, מאַדריכים, מעלאַמדים און אנדערע לײַדיקגייער, וועלכע שטעלן צונויף דאָס כאַיל פון רעבּ מענאַכעם־מענדל שנייערסאָן, דעם באָס פון די הײַנטצײַטיקע ליובאַוויטשער.

איך פאָר אַרום איבער די פרומע גאַסן פון ברוקלין און קאָן זיך ניט צווינגען צו גלייבן, אז דאָס אלץ, וואָס איך זע, איז רעאַל אין אונדזער צײַט. עפשער בין איך אַרײַנגעפאַלן אף א מאַסקאַראַד, אָדער אף א פּאַראַד פון אַלטע מאָדעס? אָט שטעלט מען דאָך אַרויס אָפּגעלעבטע אוטאָמאָבילן, איז פאַרוואָס ניט באַווײַזן דאָס אָנטועכץ פון לאַנג פאַרגאַנגענע צײַטן? שטרײַמלעך פון פעלץ, ציצעס, קאַפּאָטעס, אונטער וועלכע עס זעען זיך אַרויס ווײַסע זאָקן. מאַנצבּלען אין יאַרמלקעס, פרויען אין שײַטלעך, קינדער מיט געקרײַזלטע פייעס. טשיקאַווע? אַוואַדע וואָלט ניט געשאַט זיך דערמאָנען, ווי׳אַזוי ס׳האָט אויסגעזען דאָס נעכטיקע, אָבער מיטן טנײַ, אז דאָס דאָזיקע נעכטיקע זאָל ניט אַרויס פון צווישן די ווענט פונעם מוזיי.

איך פאָר צוריק קיין מאַנהעטן דורך דער אַלטער בריק. אוראָם לעסין האָט אמאָל באַשריבן, ווי׳אַזוי ער פאָרט אין דער פאַרקערטער ריכטונג. דאָס מיזרעך־פערטל פון איסט־סאַיד איז אים אויסגעקומען אף דער רעכטער זײַט פון דער בריק. פאַר מיר שפּרייט עס זיך אף לינקס. דאָן איז געווען א גאָלדענער ווינטער־טאָג, ראָזלעכע שטיקער אײַז זײַנען געדיכט אַרומגעשווומען אינעם גרינלעך־בלויען וואַסער פון דעם איסט־ריווער. איצט איז דער ווינטער־טאָג פול מיט זון, וואָס עס איז אזוי זעלטן אינעם ניו־יאָרקער וועטער. איך קוק אַראָפּ אונטער דער בריק: שטיקער אײַז — אַוואַדע ראָזלעכע, ווײַל מאַנהעטן גיסט אַרײַן אין איסט־ריווער אַזויפיל הייסע פאַבריק־וואַסער, אז דאָס אײַז שמעלצט זיך און קרישלט זיך. ווײַטער פונעם טײַך גרייכט ניט דער וואַרעמער שטראָם פון דער ציוויליזאַציע. צו וויליאַמסבורג און סאַטמאַר דערגייט ער ניט.

אוראָם לעסין האָט געשריבן, אז פאָרנדיק פון מאַנהעטן דורך דער ברוקלינער בריק, האָט ער געטראַכט וועגן דעם האַלבן מיליאָן יידישע אימיגראַנטן, אײַנוווינער פון דער איסט־סאַיד, און ער האָט געהאַט א גרויסן ווילן — שטאַרקן זייער גײַסט, אָנרירן מיט פײַער זייער האַרץ.

פאָרנדיק פון ברוקלין דורך דער אַלטער ברוקלינער בריק, פיל איך און וויל דאָס זעלבע.

18. א גלעזעלע מאַשקע אין רעסטאָראַן „באַלאַלײַקאַ"

אַזוי טאַקע איז אָנגעשריבן אויף דער שילד: „Balalayka" — א רעסטאָראַן מיט רוסישע מאכלים. ניו־יאָרק האָט געגוג אינטערעס פאר דעם, איבערהויפּט, אַז דער באַלעבאָס איז א זינגער, וואָס האָט ערשט ניט לאַנג צוריק געהאַט זײַן באַשטענדיק אָרט אויף די כאָשעווסטע עסטראַדעס אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

עמיל האָראָוועץ הייסט דער באַלעבאָס פונעם ניו־יאָרקער רעסטאָראַן. ער האָט עמיגרירט קיין ישׂראָעל מיט פינף יאָר צוריק. אין מאָסקווע זײַנען נאָך פאַראַן ליבהאָבער פון דער עסטראַדע, וואָס געדענקען אים, דעם מיטלוועקסיקן פולבלעך־געפּאַקטן סימפּאַטישן זינגער מיטן טיף לירישן קאָל און מיט די אויפגעכאַפּטע מאָדערנע אויספּילערישע מאַנירן.

מע דאַרף פאַרשטיין, אַז פון אָנהייב אָן האָט ניט ישׂראָעל אים געצויגן צו זיך. זײַן „רײַכער פעטער" וווינט אין אַמעריקע, און עמיל האָראָוועץ איז בעטעווע א פּראַקטישע נאַטור, עס האָט אים געצויגן און געקישעפט דאָס אַנדערע לעבן, ניט ספּעציעל באַם קויסל מאַראַוווי, נאָר, לאָמיר זאָגן אָן פאַרדרייעניש — דאָס לעבן, וואָס איז געזיכערטער אין דער נאָענטקייט מיטן „רײַכן פעטער".

עס האָט מיך בעפּיירעש א צי געטאָן זיך זען מיט האָראָוועצן. ערשטנס, דערפאַר, ווײַל מיר האָבן אין מאָסקווע זיך געכאַוועוט, געוועזן, קאָן מען זאָגן, גוטע פרײַנט, קיינמאָל מיט קיין וואָרט זיך ניט פאַרביטן, און, צווייטנס, ווײַל צום אַלגעמיינעם בילד פון „רוסישע ייִדן" אין זייער אַמעריקאַנער גילגל האָט מיר געפעלט דער אײַנגעאָרדנטער, דער צופרידענער מיטן מאַטעריעלן מאַצעוו אין דער עמיגראַציע.

מײַן באַווײַזן זיך אין זײַן ניו־יאָרקער רעסטאָראַציע האָט, עמעס, אין די ערשטע רעגעס עטוואָס דערשיטערט עמיל האָראָוועצן. ער האָט אָבער שנעל זיך באַהערשט און, ניט מאַכנדיק קיין ווען פון דעם, וואָס דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט העכער פינף יאָר צוריק אויפן טווערסקאָי בולוואַר אין מאָסקווע, האָט ער, אַזוי זיך, דערעכאַגעוודיק, א מאַך געטאָן:

— דו ווייסט, הײַנט איז בא מיר אַן עכטער אוקראַיִנישער באָרשטש, באַלד הייס איך גרייטן א טישל, און בראָנפן איז בא מיר „סטאָליטשנער"...

אומגעקערט האָט ער זיך פון דער קיך אין א פּאָר מינוט אַרום, טראָגנדיק אין איין האַנט א פלאַש און מיט דער צווייטער פירנדיק, ווי אויף א וואַלס, זײַן פרוי.

— מוסיע, — האָט ער אויסגערופן, — טו א קוק און זאָג, ווער דאָס איז...

ווען דאָס געמיט האָט זיך אײַנגעשטילט, האָט עמיל האָראָוועץ א ווײַז געטאָן אויף די עטלעכע טישלעך, וועלכע זײַנען געווען צונויפגערוקט איבער מיטן זאַל (אַרום זיי זײַנען געזעסן א צענדליק ענגליש־רוסיש־ייִדישרעדנדיקע מענטשן), און געזאָגט צו מיר מיט האַרץ:

— אָט דאָס, וואָס דו זעסט, איז דער גאַנצער עמעס. איצט קאָנסטו עס באַשרײַבן...

איך האָב זיך אָנגעפרעגט:

— דו זינגסט דאָ?

— יאָ, נאָר איך וויל ניט, דו זאָלסט זען, ווי איך זינג צווישן די טישלעך...

— איך בעט דיך...

ער איז אוועק אין צווייטן עק זאַל, זיך צוגעשפּאַרט צו אַ בענקל און אויסגעזונגען אַ פּאָפּורי פון רוסישע און ציגײַנערשע ראָמאַנסן און פון ייִדישע שליאַגערס. ווען ער האָט זיך אומגעקערט צו אונדזער טיש, האָבן אַלע געהאַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט.

— וואָס מוטשעסטו זיך? — האָב איך באַרויִקט האַראָוועצן. — דו האָסט אין צענטער פון ניו־יאָרק אַ רעסטאָראַן...

— איך בין אַ זינגער, — האָט ער ניט געלאָזט מיך ווײַטער ריידן.

— דער רעסטאָראַן איז גאָר אַ פײַנער...

— ווילסט, וועל איך דיר דערציילן, וואָס עס איז געווען, אשטייגער, נעכטן... טוריסטן פון ייִסראָעל זײַנען געזעסן בײַ די זעלבע טישלעך. ווען זיי האָבן אײַנגענומען עטלעכע פלעשלעך, איז מיר איבערגעגעבן גע־וואָרן, אַז זיי פאָדערן מיר צו זיך. זינגט „האַטיקוואָ!”, האָב איך דערהערט, און ווען כ'האָב געזאָגט, אַז איך זינג ניט אויף העברעיִש, איז געוואָרן אַ טומל, אַן אומאָרדענונג. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט באַצאָלן פיר הונדערט דאָלער פאַר דער וועטשערע. כ'האָב אַרויסגערופן פּאָליציי. מע האָט גע־בראָכן בענקלעך. די פּאָליציי האָט בײַ זיי געדרייט אויף הינטן די הענט...

— נו, האָט מען דאָך סאָפּקאָלסאָף באַצאָלט פאַר דער וועטשערע...

— מע האָט באַצאָלט, באַצאָלט. אָבער איך בין אַ זינגער...

— פונדעסטוועגן, גלעלט האָסטו מערער, איידער אין מאָסקווע.

— כ'וועל נאָך דאַרפן אַ סאַך יאָרן אויסצאָלן פאַרן רעסטאָראַן...

— זאָג, וואָס איז איצט דײַן ווילן?

— איך וויל, מע זאָל מיר דערלויבן צופאָרן קיין מאָסקווע צום זון.

— דו האָסט שוין אַמעריקאַנער בירגערשאַפט?

— איבעראיאָר וועל איך האָבן בירגערשאַפט... איז מײַן איינציקער טרוים פאַרבליבן: צופאָרן קיין מאָסקווע צום זון...

האַראָוועץ האָט הערצלעך געליטן. ער איז ניט געווען אין אַ געענג־טער לאַגע, זיך ניט געגייטיקט אין מאַטעריעלער הילף, ניט געוואַרט, מע זאָל אויף אים ראַכמאָנעס האָבן. אין אים האָט געליטן די נעשאָמע. ער האָט געמאַכט אויף מיר דעם אײַנדרוק פון אַ בעעמעס אומגליקלעכן מענטשן.

אין קעשענע בײַ מיר איז געלעגן דער „פּאָרווערטס” מיט אַ מודעאָ, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט אין אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַנטיסאָוועטישער פּראָגראַם אַרום דעם גורל פון די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור פּערעץ מאַרקיש, דאָוויד האָפשטיין, לייב קוויטקאָ און איציק פעפער אַרויסטרעטן מיט אַ קאָנצערט „עמיל האַראָ־וועץ, וועלכער איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע זינגער אין סאָ־וועטן־רוסלאַנד”. דעם קאָנצערט אָרדנט אײַן בעשוטפעסדיק דער אַרבעט־טער־רינג — אַ שאָטן פון אַן אַמאָל אַמביציעזער אַנטיקאָמוניסטישער אָר־גאַניזאַציע — און די „סאָסיעטי פאָר אַדוועגסטמענט אָוו דזשודאַיִזם”.

וואָס זשע קלאָגסטו זיך, עמיל האַראָוועץ? אַט האָסטו דאָך אויך קאָנ־צערטן, ניט נאָר אַ רעסטאָראַן...

און אין דער זעלבער קעשענע בא מיר איז געלעגן אַ בייגעלע פּאַפּיר, אַף וועלכן כ'האָב באַ די זאַלצמאַנס אין שטוב, ווו איך האָב אַן אכסאַניע, אַראָפּגעשריבן פון דעם טאַטנס, רוזון זאַלצמאַנס, אַ נאָטיץ־ביכעלע עטלע־כע שורעס, וועלכע שטאַמען פון כאַיִם־נאַכמען ביאַליקס אַן אַרויסזאָגונג וועגן אַמעריקע. אָט וואָס עס האָט מיט גרויס ווייטעק אָפּגעמערקט דער גרויסער דיכטער:

— די ברעקלעך יידישקייט, וואָס די אַמעריקאַנער יידן האָבן מיטגע־בראַכט מיט זיך פון זייערע געבורט־לענדער, האָבן ניט פאַרהיט קיין הייוון פאַר נייעם טייג, זיי זיינען פאַרשימלט געוואָרן און טויגן בלויז אַלס מייכל פאַר די בייזע מייז".

19. די שטימונג אין לאָס־אַנדזשעלעס איז אַ פּראָסאָוועטישע

ניטאָ קיין גרעסערער פאַרגעניגן ווי אַרויסכאַפּן זיך אַן אַ פּראָגראַם, גלאַט אַזוי זיך, אין גאַס, טאַקע דאָ, אין דער דריטער שטאָט פון אַמערי־קע לויט איר גרייס, זיך דערפילן אַלס איינער פון די אָרטיקע איינוווי־נער, אַ קוק טאָן באַלעבאַטיש פון די באַרג־הויכקייטן אַף דער פּאַנאָראַמע פון דער סאַמע האַריזאָנטאַלער אַמעריקאַנער שטאָט, ווי מע פלעגט זי רופן נאָך גאָר ניט לאַנג, מיט פופצן יאָר צוריק, אָבער היינט איז זי שוין באַרייכערט מיט אַ ווערטיקאַלן סילועט אינעם געשעפטלעכן צענטער, — און פון דער הייך דערזען באַשיימפּערלעך, אַז די שטאָט האָט ניט בלויז זיך אופגעהויבן, קיין איינהאָרע, ביזן צוויי־און־זעכציקסטן שטאָק פון אַט יענעם שוואַרץ־אָפּשיינענדיקן טורעם־געביי, נאָר זי זעצט אויך פאָר צו צעשפּאַרן זיך אין דער ברייט, געגליכן צו אַ גיגאַנטישן שטיק טייג אונ־טער דער קאַטשלקע פון אַ בעקערן, זיך אַריינזעצן שפּעטער אין אַ באַ־צאָלטן ניט־היימישן אווטאָמאָביל, און אין דעם אומופהערלעכן שטראָם פון, דוכט זיך, אַלע 5.069.198 אווטאָס, וועלכע לאָס־אַנדזשעלעס, צוזאַמען מיט די אַרומיקע שטעטלעך, פאַרמאָגט לויט דער סטאַטיסטיק פון היינ־טיקן יאַנוואַר, זיך אַוועקשלעפּן מיט דער פּאַמעלעכקייט פון צען־פופצן קילאָמעטער פאַר אַ שאָ איבערן בולוואַר פון די שקיִעס, וועלכער האָט אַ לענג פון עטלעכע צענדליק קילאָמעטער און שפּאַרט זיך אָן אין סאַמע אָקעאַן.

איר וועט פרעגן, פאַרוואָס איך קלייב אויס פאַר זיך, פון כּיִעס־וועגן, גראָד דעם בולוואַר פון זון־פאַרגאַנגן, וועל איך ענטפערן: דערפאַר, ווייל אַט דער בולוואַר פון די שקיִעס — דאָס איז לאָס־אַנדזשעלעס, און לאָס־אַנדזשעלעס איז דער בולוואַר פון די שקיִעס. פּרוווט אַליין דורכמאַכן דעם דאָזיקן וועג, וועט איר זען, סאַראַ פאַרגעניגן עס איז אָנהייבן די רייזע אין באַריאָ, דעם שפּאַניש רעדנדיקן מיזרעך־ראַיאָן פון דער שטאָט, ווו די גאַסן זיינען שטיל־שטילע, נאָר פולע מיט באַנדעס יונגעלייט, וועל־כע רופן זיך „טשאָלאָס" (איר קאָנט פונקט אָנטרעפן אַף אַ געשלעג צווישן

צוויי אַזעלכע באַנדעס, דאַן וועט איר פאַרשטיין, וואָס עס באַטײַט, אַז בלוט גיסט זיך אין די גאַסן), דורכפאָרן אַ פּאָר קוואַרטאַלן אין באַיל הייטס, פאַרקערעוועוען צו אַ גאַס, וואָס ליגט אָפּן שיפּוי פון עפּעס אַ בערגל (די שטאָט אינגאַנצן איז צעשפּרייט איבער אַ נידער־אָרט) און מיטאַמאָל דערזען פונדערווײַטן די לעגענדאַרע שײַנקײַטן פון האָליוווד, פריִער פאַר אַלץ — דעם טאָוול אַף מאַונטי־לי, וועלכער מעלדעט, אַז דאָ הייבט זיך אָן האָליוווד. דאָס רעקלאַמע־טעוועלע איז הויך, ווי אַ פּירעטאַזשיקער מויער, און ווערט באַלויכטן פון עטלעכע טויזנט לעמפּעלעך. ס׳וועט קיין סאָך צײַט ניט נעמען, און איר וועט זיך איבערצײַגן, אַז האָליוווד, דאָס „לאַנד פון כאַלוימעס", בלישטשעט מערער פון דרויסן, איידער אינווייניק. פאַר־שטייט זיך, נאַרקאָמאַנען און פּראָסטיטוטקעס זײַנען נאָך קיין באַווײַז ניט פון „אויסשליסלעכקײַט" אין אַמעריקע. אָבער אָט די מאַכנעס פאַרלוירענע יונגעלײַט, אַרײַנגעצויגענע און אַרײַנגעזויגענע אינעם זומפּ פון אילויזאָ־רישן רום און רײַכקײַט, דאָס עקסטראַוואַגאַנטע פּירעכץ, וואָס קומט פון אויסגעשעפּטקײַט און היסטעריע, די אינדוסטריע פון זינלאָזער פאַרווײַ־לונג, די שלימאַזלדיקע סטאַטיסטן און מוזיקאַנטן (אַף יעדן „שטערן" — הונדערטער אַרומבלאָנדזשענדיקע איבערן שקיִע־בולוואַר שלימאַזאָלים מיט זייערע גיטאַרעס — פאַרצווייפלטע „שפּילער", „זינגער", „פאַרפאַ־סער", וועלכע אָרדענען זיך סאָפּקאָלסאָף אײַן אין סערוויס, אָדער קערן זיך אום צו זייערע היים־ערטער, אָפּט גרייטע אַף דעם זעלבסטמאָרד־פּי־נאַל), — אָט דאָס אַלץ וואַרפט אַף האָליוווד אַ גאַנץ באַזונדערע שײַן.

און אויב מיר זײַנען שוין מיט אײַך אין דעם בולוואַר פון זון־פאַר־גאַנגען (ווו ס׳פאַרגייען אויך, ווי מיר זעען, ניט אויפגעגאַנגענע „שטערן") דאַרפן מיר זיך ניט אָפּשטעלן אינמיטן וועג, ווײַל אין האָליוווד ענדיקט זיך ניט דער בולוואַר, און ס׳וועט זײַן ניט יוישערדיק אַרומגיין מיט אַ זײַט דעם לוקסוס־קוואַרטאַל ביווערלי־הילז, וועלכער ליגט אַף מײַרעוו פון האָליוווד און איז ניט קיין קלענערער מעיוכעס — שוין מיט דעם אַליין, וואָס איינע פון זײַנע גאַסן, ראָדעאָ־דראַיוו, איז דער סאַמע טײַער־סטער האַנדלס־צענטער אין דער וועלט. דער באַצאָלטער ניט היימישער אויטאָמאָביל וועט זיך דאָ מיט שווערקײַטן דורכשטופּן צווישן די „מער־סעדעסן" און „ראָלס־ראָיסן", באַווײַזנדיק דעם אויג פיל אָפּגעזונדערטע פּאַלאַצן, אַרום וועלכע, אַף די ראַכוועסן פון בײַשטוביקע לאָנקעס, מיִען זיך מומכים־גערטנער, אָפּטער פון אַלץ יאַפּאַנעזער.

אַ ביסל ווײַטער וועלן מיר מיטן שקיִע־בולוואַר זיך פאַרנעמען אַף צאָפּן און, אַזוי צו זאָגן, אַראָפּגליטשן זיך פון די הויכקײַטן אין דער ני־דער, צו די קוואַרטאַלן פון סטודענטן. איך וואָלט דאָ גערן פאַרבראַכט אַ ביסל מיט די שטודירנדיקע יונגעלײַט, נאָר אַף וויפל דאָס אַרויסכאַפּן זיך אין גאַס אָן אַ פּראָגראַם קאָן אַרויסרופן זאָרג בײַ די ליבע באַלעבאַטים פונעם הויז, ווו איך שטיי אײַן, איז די בעסטע זאַך זיך אומקערן „אַהיים".

מײַן היים — די שטוב פון אַ מעכײַעדיקן פאָלקס־מענטש, אַ געוועזע־נעם פאַרבער, אַ געזעלשאַפטלעכן טוער מיט קולטור און וויסן. מע רופט אים אַווראָם גאַלינסקי. ער איז אַמאָל אַראָפּגעפאַלן פון דער רישעוואַ־ניע, און דאָס האָט אָפּן גאַנצן לעבן שוין צעבראָכן זײַנע ביינער, אָבער

אין גײַסט איז ער דער הייפּעך פון צעבראָכנקײַט. אַ רויִקער — אפילו, ווי אייניקע מיינען, „צופיל טרוקן", אַ קאָנסעקווענט־ערלעכער אין דער באַציִונג צו מענטשן — אפילו, ווי אייניקע מיינען, „צופיל שטרענג", און איבערגעגעבענער דער זאַך אָן וואַקלענישן און גריבלענישן — אפילו, ווי אייניקע מיינען, „צופיל" און „פּעדאַנטיש". בײַ אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד וואָלט מען אים גערופן לויטן נאָמען פון אַ פּאָפּולערן בוך „נאַסטאַיאַשטשי טשעלאָוועק" — „דער עכטער מענטש". אַ פרוי האָט ער זיך גענומען אַזאַ, וואָס בעסער דאַרף מען ניט. גיטע איז סײַ „אוראַמס כאַווערטע", אַ מיטקעמפערן (זי האָט איין מאָל עפנטלעך דערלאַנגט פּעטש אַ צעיושעטער אַנטיסאָוועטיסטקע), סײַ „אַ רעפּוע פאַר אוראָמען" מיט איר פריילעכקײַט, פּאַשטעס, אָפענער קעמפערישקײַט.

אויב צו דעם דאָזיקן פּרעכטיקן פּאָרפּאָלק צוגעבן אַלעקס קאָלקינען, זײַנען פאַר מיר אַלע דרײַ איינייִנעם דער בעסטער „מאַטעריאַל" אַף צו שילדערן די הײַנטיקע ייִדישע פּראָגרעסיווע אַמעריקע. קאָלקין האָט גענומען אַף זיך די שווערע אַרבעט צו באַגלייטן מיך אין דער רײַזע איבערן לאַנד, און דעריבער האָב איך איצט, אומקערנדיק זיך פונעם שקיִע־בולוואַר, אַ נײַעם פאַרגעניגן: זיצן אַ ביסל מידלעך אין אַ געמיטלעכן צימער און הערן דורך דער אָפענער טיר, ווי אין צווייטן צימער שמועסן צווישן זיך אוראָם גאַלינסקי און אַלעקס קאָלקין און ווי עס שליסט זיך אָן צו זייער שמועס גיטע גאַלינסקע, וועלכע פּאָרעט זיך אין קיך, בישכיינעס מיט יענעם צווייטן צימער.

זיי רעדן וועגן דער גרויסער פאָלקס־פאַרזאַמלונג אינעם ייִדישן „יאַבלאָן־צענטער", אַף וועלכער כ'האָב דערציילט וועגן דעם לעבן פון די סאָוועטישע ייִדן. אין זאַל איז געזעסן, געשטאַנען, זיך געשטופּט אין די דורכגענג „גאַנץ לאָס־אַנדזשעלעס". הער איך זיך צו, וויִאַזוי דאָ אין שטוב פירט מען אונטער אַ סאַכאַקל.

אוראָם גאַלינסקי: די סקעפּטיקער דרייען זיך איצט אַפן קאָרעק. זעט איר, טײַנען זיי, דאָס, וואָס מע איז געקומען הערן ווערגעליסן, הייסט נאָך ניט, אַז מע איז מאַסקים מיט אים... נו, יאָ — סקעפּטיקער בלײַבן סקעפּטיקער...

אַלעקס קאָלקין: מע דאַרף קוקן אַפן איניען ברייטער. אין דער ייִדישער סוויווע, פּונקט ווי אינעם אַמעריקאַנער פאָלק ביכלאַל, גייט אַ פאַרביטערטער פאַרמעסט צווישן צוויי טענדענצן. ווען דער פּראָגרעסיווער קויעך נעמט די אויבערהאַנט, קומען צוהילף דעם רעאַקציאָנערן קויעך פאַרשיידענע ניט גלייבער און האַלבע נעוויִים...

גיטע גאַלינסקע (פון דער קיך): אַ האַלבער נאָווי איז אַ גאַנצער נאַר!

אוראָם גאַלינסקי: די עטלעכע אַמאָל־געוועזענע, וואָס זײַנען געכאַפּט אַף נאַציאָנאַליזם, דרייען זיך איצט אַרויס פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט...

אַלעקס קאָלקין: זיי זײַנען דורכגעפאַלן, דעריבער שאָקלען זיי זיך אָפּ פונעם סקאַנדאַליסט, וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען אַפן מיטינג און מע האָט געמוזט אים אײַנשטילן...

גיטע גאַלינסקע (פון דער קיך): פאַראַן אַ ווערטל, אַז ווען ניט די לוקניקער ייִדן, וואָלטן די שקאָצים קיין שטיינער ניט געוואָרפן!

װעגן אײנעם אַן „אַמאָל־געװעזענעם“, פֿון די ליטעראַטן, װעלכער איז ניט געקומען אױף דער פֿאָלקס־פֿאַרזאַמלונג אױס מורא, אַז געװיסע ניו־יאָרקער אױסגאַבעס װעלן אים דערפֿאַר ניט דרוקן:

אַלעקס קאָלקין: אײַ, לאָזט אים אָפּ... ניט אין אַזעלכע גײט שױן איצט...

גיטע גאַלינסקע: ניפּטער־פּיפּטער, אַבי ער לעבט און האָט פּאַרנאָסע!

בעשאַסמײַסע קומען אַרײַן געסט — אַקטיװיסטן פֿון דער פּראָגרעסיװער באַװעגונג, אָנטײלנעמער פֿון דער נעכטיקער פֿאַרזאַמלונג אין יאַבלאָנאָװ־צענטער. אָט איז אַלײן דער פֿאָרזיצער פֿונעם מיטינג — סעם אַראָנאָף, אַן אָנגעזעענער קלאַל־טוער אין לאָס־אַנדזשעלעס. אין די װײַטע דרײַסיקער יאָרן איז ער געװען צװישן די אַמעריקאַנער ספּעציאַליסטן, װעלכע האָבן געאַרבעט אין סאָװעטנפֿאַרבאַנד אױף די בױונגען פֿונעם ערשטן פּינפּיאָר. איצט איז ער טעטיק אין דער פּרײַנטשאַפֿט־באַװעגונג מיט פֿססר, אין די ייִדישע פּראָגרעסיװע קלובן. ניט לאַנג צוריק האָט כאַװער סעם באַזוכט ביראָבידזשאַן, און װעגן דער רײַזע האָט ער אָנגעשריבן זײער אַ גוטע בראָשור. ער גיט מיר איבער אַ בריװעלע פֿונעם דיריגענט פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקס־כאָר אין לאָס־אַנדזשעלעס װאַלדעמאַן היללע — ניט קײן ייִד, — װעלכער בעט, איך זאָל צושיקן פֿאַר דעם כאָר די לידער (מיט נאָטן), װעלכע עס פֿאַרעפֿנטלעכט „סאָװעטיש הײמלאַנד“.

װאַלדעמאַן היללע האָט אױפֿן מיטינג אין יאַבלאָנאָװ־צענטער געהאַלטן אַן אָריגינעלע רעדע. בעשאַס דער אױלעם האָט אײנשטימיק מיר געגעבן עטלעכע מינוט אױף איבערכאַפּן דעם אָטעם און דערבײַ דורכקוקן דעם באַרג צעטעלעך, װאָס איז אױסגעװאַקסן אױפֿן פּרעזידיום־טיש, איז ער, װאַלדעמאַן היללע, דער אַלטער מוזיקאַנט, צוגעגאַנגען צום אינסטרומענט און אױסגעשפּילט עטלעכע פּאָפּולערע ייִדישע קאָמפּאָס־מעלאָדיעס...

עמעצער פֿון די אַרײַנגעקומענע זאָגט װעגן דער שטימונג אין שטאָט:

— די שטימונג איז אַ פּראָסאָװעטישע.

20. אידיט בעק. מאַקס גיטלין

אַמעריקע איז צעטײלט אױף שטאַטן. איר מאַפּע איז צעקעסטלט אױף אַכט און פֿערציק קעסטעלעך, דאָס נײַן־און־פֿערציקסטע איז אַליאַסקע, אױף יענער זײַט קאַנאַדע, און דער פֿופֿציקסטער שטאַט זײַנען די האַװאַיער אינדזלען, װעלכע האָבן, „מיטן אײגענעם װילן“, צוגעשניטן זײער אָקעאַן צום טײַך פּאָטאָמאַק. די ליניעס אױף דער מאַפּע זײַנען גראַדע, מע זעט, אַז די האַנט, װאָס האָט זײ געצײכנט, איז נאָכגעגאַנגען נאָך אַ װירע און ניט נאָך די ערד־קרומקײַטן. אַזױ צײכענען אָן קלײנע מײדעלעך מיט קרײַד אױפֿן אַספֿאַלט, אָדער מיט אַ שפּענדעלע אױף דער ערד, זײערע „קלאַסן“ אױף צו שפּילן זיך אין זײ — אַריבערשפּרינגען אױף אײן פֿוס פֿון „קלאַס“ צו „קלאַס“.

אַגעװ, אױב איר װילט, קאָן מען פֿאָרזעצן װײַטער צו פֿירן דעם פֿאַר־גלײַך — דערמאָנען, לעמאָשל, אַז דאָס אַריבערשפּרינגען פֿון אײן קלאַס אין אַ צװײטן איז פֿאַר פֿיל בירגער פֿון אַמעריקע ניט קײן שפּיל, נאָר אָפּט דער זין פֿונעם לעבן. באַזונדערס בולעט איז עס, דוכט מיר, צו זען

אין דער „יידישער אמעריקע". וווהין זײַנט איר אהינגעקומען, יידן — ארבעטער פון די שוויץ־שאַפּן? ווו ביסטו, עדעלשטאַטס, באָוושאָווערס, ווינטשעווסקיס, רייזענס, אָלגינס יידישער פּראָלעטאַריער? מע האָט זיך ארופגעארבעט? צום קליינבירגערלעכן און מיטל־בורזשואזן שיכט? אף איין פוס — פון קלאַס צו קלאַס... זיך אָפּגעזאָגט פון קלאַסנקאַמף, אריבערגעפעקלט זיך אף דער ווארעמער זײַט, צום קלאַס־שעקענעגעד...

יאָ, אזא איז, צום באַדויערן, דער עמעס וועגן דעם הײַנטיקן מאַצעוו פון אַ געוויסן טייל פונעם עמיגראַנטישן דאָר. מע דאַרף און מע מוז זאָגן דעם עמעס! איך ווייס, אז די דאָזיקע ווערטער מײַנע וועלן ארויסרופן א היסטעריקע בא די אויסוווּרפן — די רענעגאַטן. דאָס האָט אָבער קיין שום ווערט ניט. ס'איז קלאָר, אז מיטן נאָמען פּראָלעטאַריער אף פענסיע דעקן זיך צו געוועזענע פּראָלעטאַריער — איצטיקע קליינבירגער. א פּראָלעטאַריער, ווערנדיק אלט אין יאָרן, בלײַבט א זון פון זײַן קלאַס. פּראָלעטאַריער גייען ניט אוועק אף פענסיע פון זייער אַרט לעבן און פון זייער אַרט דענקען. די, וואָס מיינען און טוען פאַרקערט, זײַנען ניט קיין אידייִשע פענסיאָנערן, נאָר אידייִשע איבערלויפער.

קורץ, אמעריקע איז צעטיילט אף שטאַטן. יעדער שטאַט האָט זײַן הויפּטשטאָט. אין יעדער הויפּטשטאָט איז פאַראַן א קאַפּיטאָלי.

אין סאַקראַמענטאָ, דער הויפּטשטאָט פון קאַליפאָרניע, זײַנען אפן קאַפּיטאָלי אויסגעקריצט די ווערטער: „ברינג מי מען טו מעטש מאַי מאַונטיינס" — ברענג מיר מענטשן, געגליכן צו מײַנע בערג. אָט אין וואָס פאַר א בילדעריש־דערהויבענעם נוסעך עס האָט גערעדט די גאָלדענע קאַליפאָרניע אין איר ראָמאַנטישן באַזעצונגס־פּעריִאָד! מענטשן, וואָס זײַנען געגליכן צו בערג... א ליאַדע האַנט קאָן זיי ניט אָפּרוקן פון זייער אָרט, אַן אָנגעלאָפענער ווינט, ווי שטאַרק ער זאָל ניט זײַן, איז ניט בעקויעך איבערקערן זיי אף דער אנדערער זײַט, עס קלעפּט זיך צו זיי ניט קיין בלאָטע און קיין שטויב, בערג! מענטשן, וואָס זײַנען געגליכן צו בערג...

די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב זיך שוין געטראָפן אין לאָס־אַנדזשעלעס, זײַנען גרויסמאַסשטאַביק און באַשטענדיק, ווי די קאַליפאָרניער בערג. אזעלכע זײַנען אויך מײַנע נײַע באַקאַנטע — מאַקס גיטלין און אידיט בעק.

אין מאָסקווע פלעג איך אָפּט לייענען בריוו, וואָס א קאַליפאָרניער טוישעוו שיקט רעגולער אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מאַקס גיטלין — איז געווען דער אונטערשריפט. און אין יעדן בריוו איז פאַראַן אונטער דער כסימע א צושריפט: „איך זע שלעכט, דעריבער דיקטיר איך מײַן פרײַנט מ. קאַרעליצן, און ער שרײַבט מיט זײַן האַנט..." די בריוו זײַנען פאַקטיש פּאָלעמישע ארטיקלען, אָנגעשריבענע לויט אלע קלאָלים פונעם זשאַנער — אין א געפּרעסטן סטיל, מיט „טעזיס" און „אַנטיטעזיס", מיט „לאָמיר זען, וואָס זיי זאָגן" און „מיר ברענגען אונדזערע דערווידערונגען און ארגומענטן". גיטלינס בריוו־ארטיקלען ווערן געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד", אין דער צײַטונג פון די יִיסראָעלדיקע קאָמוניסטן „דער וועג". דאָס זײַנען ווירדיקע און דרייסטע ארויסטרעטונגען פון א לייענער קעגן דעם הײַנטצײַטיקן רעוויזיאָניזם, וואָס האָט פארכאַפּט

די ייִדישע פרעסע: באַזונדערס שנעל רעאַגירט גיטלין אויף די אַנטיסאָוועטישע קונצן פון די ניו־יאָרקער „געוועזענע". ווען אַ צײַטונג מיט אַזאַ אָנפאַל קומט אָן קיין מאָסקווע, זוכן מיר שוין אין פּאָטשט־קעסטל גיטלינס אַ בריוו. דאָס וואָלט ניט אַרויסגערופן בײַ קיינעם קיין כידעש — די פרײַנטשאַפט צום סאָוועטנפאַרבאַנד איז בײַ די אַמעריקאַנער ייִדישע פאָלקסמאַסן אַ טראַדיציע, — ווען עס זאָלן אין דער לעצטער צײַט זיך ניט מערן אויך בײַשפּילן פון פּאָליטישער קליינמוטיקייט אין די אַמאָל פּראָגרעסיווע קרײַזן.

וועגן די קליינמוטיקע האָט טרעפלעך געשריבן סעם ליפּצין: „איך קען אַ מענטשן, וואָס דער יאָ איז בײַ אים קיין יאָ ניט און דער ניין קיין ניין ניט. דער יאָ און דער ניין איז בײַ אים איין מיין... ער שאָקלט אַלע מאָל מיטן קאָפּ אין דער לענג און אין דער ברייט. נו, גיי טרעף, וואָס דאָס מיינט! איך קען, ווידער, אַ צווייטן מענטשן, בײַ וועמען דער יאָ איז אַ ניין, און דער ניין איז אַ יאָ"... אַפּן פּאָליטישן לאָשן הייסט עס: מע איז פרײַנט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד צווישן פיר אויגן, נאָר מע נעמט דרייען מיטן צונג און זיך אַרומקוקן, צי עמעצער וועט עס ניט דערהערן, ווען מע דאַרף מעלדן וועגן דעם אין דער עפנטלעכקייט...

מײַנע נײַע באַקאַנטע אין לאָס־אַנדזשעלעס — מאַקס גיטלין און אידיט בעק — זײַנען מענטשן מיט אַ גרינטלעכער, ווײַטזיכטיקער, כאַלילע ניט אייגננוציקער, וועלט־אויפפאַסונג. זיי זײַנען פּאָלקס־מענטשן מיט אַ לויטערן סייכל, און מיר איז גוט מיט זיי. איך — אַ סאָוועטישער בירגער, און זיי — אַמעריקאַנער בירגער, האָבן מיר וועגן וואָס זיך דורכצורייד. זיי שטעלן מיר ניט קיין באַדינג: דער סאָוועטנפאַרבאַנד וועט פאַרדינען אונדזער באַגײַסטיקונג, אויב ער וועט טאָן אַזוי און אַזוי... זיי גלייבן אין די יעסוידעס, זיי זײַנען באַשיידן אין זייערע רעקאָמענדאַציעס.

אידיט בעק איז טאַקע יענע אומקאָמפּראָמיסלעכע פרוי, וועמענס פּראָטעסט קעגן דער פאַרענדערטקייט פון דער פּאָליטישער פּלאַטפאָרם פון די „געוועזענע" מע האָט מיר באַוויזן אין ניו־יאָרק אויף דער באַגעגעניש מיט די פּראָגרעסיווע ייִדישע געזעלשאַפטלעכע טוער. איצט, ווען איך בין געקומען צוגאַסט צו איר אַהיים, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז מיר ביידע האָבן אין מאָסקווע „אַן אַלגעמיינעם באַקאַנטן" — דעם לעגענדאַרן אין די דרײַסיקער יאָרן אַמעריקאַנער פּיאָנער האַרי אײַזמאַן (מענטשן פון די דרײַסיקער, דערמאָנט זיך: אין פיל שטעט פון דער וועלט, און אומעטום אין ראַטנפאַרבאַנד, קומען פאָר מאַסן־דעמאָנסטראַציעס, וועלכע פאָדערן, מע זאָל אין אַמעריקע באַפרײַען פון דער טורמע דאָס קעמפערישע ייִנגל, דעם יונגן פּיאָנער האַרי, און די רויטע האַלדזטיכלעך פון דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט באַגעגענען אים אַפּן רויטן פּלאַץ, ווען ער איז אַרויס אויף דער פרײַ און אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד...).

עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז אידיט בעק איז האַרי אײַזמאַנס שוועסטער... אַצינד, באַם אָנשרײַבן די דאָזיקע ווערטער, האָט פאַרקלעמט בײַ מיר דאָס האַרץ: ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון אַמעריקע, איז געקומען צו מיר האַרי אײַזמאַן, און כ'האָב אים אָפּגעגעבן אַ גרוס פון זײַן שוועסטער: אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַקע, און אידיט

איז געקומען צו פליִען קיין מאָסקווע אף זײַן לעוויִע. איר לעצט וואָרט באם קייווער האָבן פּארעפנטלעכט די „קאָמסאָמאָלסקאיא פּראוודא" און „סאָוועטיש היימלאנד". זי האָט זיך דערמאָנט אין די ווײַט פארגאנגענע יאָרן: „אין א קאלטער נעפלדיקער נאכט איז די גאנצע מישפּאָכע און הונדערטער פרײַנט געקומען אין ניו־יאָרקער פּאָרט דיך באגלייטן. מיר האָבן מיט טרערן אין די אויגן געקוקט, ווי די שיף פירט דיך אוועק אין אן אומבאקאנט לעבן. מיר האָבן געשריגן, געזונגען, געוויינט, און דו האָסט אונדז אויך עפּעס געזונגען, ביז מיר האָבן פארלוירן פון אויג איינע די אנדערע.

דער ראטנפארבאנד, די סאָוועטישע פּיאָנערן האָבן דיך וואַרעם אופגענומען, געגעבן דיר א וווינונג, בילדונג, א שוץ. דאָ האָסטו געפונען דײַן גליק — א פרוי, א טאָכטער, אייניקלעך. און אף שטענדיק ביסטו פארבליבן אין די פּיאָנערן־רייען. דו האָסט געענטפערט אף צוטרוי מיט צוטרוי, אף ליבע מיט ליבע.

ווען היטלער איז אָנגעפאלן אף דײַן נײַער היים, ביסטו אוועק זי פארטיידיקן. דו האָסט ניט ארויסגעלאָזט די ביקס פון האנט, ביז עס האָט ניט געשלאָגן די שאָ פון ניצאָכן.

דו האָסט געהאט נאָך איין געווער — דאָס פלאמיקע וואָרט פון א קאָמוניסט, זשורנאליסט, געזעלשאפטלעכן טוער.

זייער גיך, צו פרי ביסטו אוועק פון אונדז"...

אידיט בעק איז אן ענגלישע דיכטערן. ווען איך בין געקומען אין איר לאָס־אנדזשעלעסער היים, האָט זי מיר אונטערגעטראָגן א לידער־זאמלונג, וואָס זי האָט ניט לאנג צוריק ארויסגעלאָזט. דאָרט איז פאראן א ליד „יידיש" און אין דער ליד — אזעלכע שורעס:

יידיש... סײַ לײַכט צו דערקלערן, סײַ שווער צו פארשטיין,
א קאָנגלאָמעראט פון לעשוינעס.
די ווערטלעך — מיט שמייכלען, נאָר ערנסט
דער מיין...

א גוטן אָוונט האָב איך פארבראכט אין דער געמיטלעכער היים פון אידיט בעק, צוזאמען מיט מיר און מיט אלעקס קאָלקינען זײַנען דאָרט געווען נאָך זעכציק מענטשן. א גאנצער „מיטינג", ווי מע האָט ליב צו זאָגן אין אמעריקע.

בא מאקס גיטלינען, וועמען מיר האָבן באזוכט אין א פּאָר טעג ארום, זײַנען בײַגעווען די סאמע נאָענטע מענטשן: זײַן זון הערבערט, לייזער־מוישע קארעליץ מיט דער פרוי, די גאלינסקיס און אנדערע. מיר האָבן אינעם הענקאָק־האָטעל געטרונקען א לעכאַים לעקאָוועד גיטלינס געבורטסטאָג. אין מעשעך פון די פּאָר שאָ, וואָס מיר האָבן פארבראכט, זײַנען דערציילט געוואָרן אזויפיל טשיקאווע קאליפאָרניער סוזשעטן, אז כ'האָב ניט באוויזן זיי צו פארצייכענען. אָט האָב איך, אשטייגער, ניט געוווּסט, אז דער ארטיסט, וואָס האָט געשפּילט אין נײַנצן קינאָ־פילמען די ראָל פון טארזאן — דזשאָני ווײַסמיולער — איז פריִער געווען א פראָ־

פּעסיאָנעלער ספּאָרטסמען, און בייס די אָלימפּישע שפּילן פון די יאָרן 1924 און 1928 האָט ער געוווּנען מעדאַלן אין די שווים־באַסיינען. אָף די עלטערע יאָרן איז אים אַריין אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ, און ער וויל בעשום־אופן ניט ווערן אויס טאַרזאַן — ווידער וויסמיולער. לאָס־אַנדזשעלעס לײַדט טאַקע פון אים, ווײַל ער האָט אַ טעווע צו שרײַען אויך איצט מיט זײַנע באַרימטע טאַרזאַנישע קוילעס, און דערמיט שרעקט ער קינד־און־קייט. אָף אָט דעם סמאַך האָט דער לאָס־אַנדזשעלעסער געריכט אַרויסגע־טראָגן אַ פּסאַק־דין, אַז דזשאָני ווײַסמיולער איז געריכט פון די געדאַנקען, און אַלס אָפּעקון איז צו אים צוגעשטעלט געוואָרן זײַן זעקסטע פרוי — מאַריַע ווײַסמיולער.

ווי געפעלט אײַך די מײַסע?

איינער פון גיטלינס געסט האָט מיר דערלאַנגט אַן אויסשניט פונעם ניו־יאָרקער „אַלגעמיינעם זשורנאַל״, ווו ס׳איז אָנגעדרוקט אַזאַ קאַליפאָר־ניער מודעאָ:

חברה קדישא
אָרטאָדאָקס טשאַפּעל
7832 סאַנטאָ מאָניקאַ בולעוואַרד
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. טעל. 8886—653
אַלע לוויות דורכגעפירט דורך אידן דומרי תורה
ומצוות, אַ מקוה אויפ׳ן פּלאַץ. כבוד המת שטרענג
אָפּגעהיט, ספּעציאַליסטן אין טראַנספּאָרטירען
נפטרים קיין ישראל. — פּרײַזען מעסיגע.

בײַ אונדז אין מאָסקווע איז פאַראַן אַ ספּעציעלע הומאָריסטישע אויס־גאַבע — זי הייסט „קראָקאָדיל״, — אין וועלכער אַזעלכע מינים מאַטעריאַלן, ווי די דאָזיקע מודעאָ, ווערן געוויינלעך פאַרעפנטלעכט. אין אַמעריקע אָבער מאַכט מען פון גאָרנישט ניט קיין געלעכטער. מע מאַכט געלט אין אַמעריקע. און אויב מע קאָן מאַכן אַ ביסל געלט פון טראַנספּאָרטירן מיי־סים קיין ערעץ־יִיסראָעל (פּרײַזען מעסיגע!), איז פאַרוואָס טאַקע ניט?

21. ווער איז שולדיק?

און אויב מע רעדט שוין פון הומאָר, האָב איך געפונען אַן אויצער פון דעם מין אין אַ נאָטיץ, וואָס עס האָט אָפּגעדרוקט אַ יִידישער שרײַ־בער פון לאָס־אַנדזשעלעס — י. א. ראַנטש. דער כאָשעווער אַוטאָר דער־ציילט זײַנע לייענער, אַז אין אָט דער שטאָט זײַנען פאַראַן זעקס קלובן פון דער פרויען־באַוועגונג אָפּן נאָמען פון עמאַ לאַזאַרוס.

איידער מיר קומען צום איניען גופא, דאַרף מען אופקלערן, וואָס אַזוינס איז אַ יִידישער קלוב אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ווי באַוווּסט, איז אַ קלוב אין סאָוועטנפאַרבאַנד — אַ געבײַדע, אַזאַ פּאַ־לאַץ, אַן אָרט, ווו ס׳קלײַבן זיך צונויף מענטשן, קעדיי צו זען אַ ספּעקּ־טאַקל, אַ קאָנצערט, אַ קינאָ־פילם, לייענען אַ צײַטונג, שפּילן אין ביליאַרד,

אין שאכמאטן; די יוגנט — טאנצט, די ליבהאָבער פון פּאָליטיק — הערן אויס א לעקציע, פּאָלעמיזירן, כקירען... אין א קלוב זײַנען פאראן קרײַזלעך: פון זינגען, פון שטעלן דראמעס, פון באלעט, פון מוזיק, פון פאָטאָ־קונסט, פון מאָלן, פון נייען און אויסנייען... אין די ערשטע יאָרצענדליקער נאָך דער רעוואָליוציע זײַנען בא אונדז געווען נאציאָנאלע קלובן, איצט זײַנען די סאָוועטישע מענטשן אזוי געייניקט, אז בירגער פון אלע נאציעס אינעם זאוואָד, אין קאָלווירט פארברענגען אין דעם קלוב צוזאמען. אויב מע פירט דורך אין צושויער־זאל אָן אָוונט, לעמאָשל, וועגן שאָלעם־אלייכעמען, און מע רעכנט פון פריער אויס, אז די אָנטיילנעמער וועלן געהערן צו פארשיידענע נאציאָנאליטעטן, און, נאטירלעך, אז דער אָוונט וועט געפירט ווערן אף אונדזער פארמיטלונגס־שפּראך, אף רוסיש — דאן איז דער קלוב היינט „אַן אלסאָוועטישער". אויב אָבער עס נעמט זיך צונויף בלויז א יידישער אוילעם, און וועגן שאָלעם־אלייכעמען גייט א רייד אף יידיש, — דאן איז דער קלוב אין מעשעך פון היינטיקן אָוונט „א יידישער". אף דער פראגע — וויפל יידישע קלובן (אָדער אוקראַיִנישע, קאזאכישע, מאָלדאווישע קלובן) זײַנען פאראן אין סאָוועטנפארבאנד, וועט אײַך יעדערער ענטפערן, אז בא אונדז זײַנען אלע קלובן אָפן פאר יידן און זײַנען טאָמיד גרייט דורכצופירן קולטור־אונטערנעמונגען אף יידיש, אויב זיי וועלן פון פריער פארפלאנירט ווערן (דאָס זעלבע — אף אנדערע שפּראכן). דאָס איז דער סאָציאליסטישער צוגאנג, אָן אבסאָליוט נײַער פאר מענטשן פון א קאפּיטאליסטיש לאנד. דערפאר אָבער זעט אויס אונדז, סאָוועטישע מענטשן, מאָדנע, ווען מע זאָגט, אז אין לאָס־אנדזשעלעס זײַנען פאראן זעקס יידישע פרויען־קלובן, און קיין קלוב־געבײַדעס, קיין פּאלאצן פון קולטור האָבן זיי ניט: דאָס זײַנען פּאָשעט גערעדט, גרופּעס פרויען, וועלכע קלײַבן זיך צונויף אין די היימען, אָדער דינגען אָפּ פארן אייגענעם געלט א לאָקאל...

נאָר ניט דאָס בין איך אויסן, ווען איך זאָג, אז כ'האָב געפונען אָן אויצער פון הומאָר בא י. א. ראָנטשן אין זײַן נאָטיץ. ראָנטש באשרײַבט, ערשטנס, מיט וואָס די פרויען־קלובן פארנעמען זיך. שרײַבט ער: „מע גיט אָפּ בא יעדן מיטינג א באריכט וועגן געזונט־צושטאנד פון דער און יענער פרוי"... און, צווייטנס, טיילט מיט דער אווטאָר: „לעצטנס האָבן די פרויען־קלובן אָנגעהויבן ארײַנעמען אלס מיטגלידער מענער..."

מע קאָן אָט אזוי זיך פאָרשטעלן, לויט ראָנטשן, א „מיטינג" אין א פרויען־קלוב: די פאָרזיצערן — דאָס מאָל א מאנצבל — לייענט פאָר די אָרדנטלעכע מעדיצינישע סוואָדקע. דאָס געזונט בא די מיטגלידערנס פון אונדזער פרויען־קלוב, — זאָגט ער, — איז, גאָט צו דאנקען, היינט בעסער... בא דער כאווערטע מוישע גרינשפּאָן איז שוין דורכגעגאנגען דאָס פארקילעכץ...".

אָן שום שפּאס שמועס איך זיך דורך וועגן דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן אין לאָס־אנדזשעלעס מיט מײַן אלטן פרײַנט אין אָט דער שטאָט אוראָם מײַמודעס, וועלכער איז מיט פופצן יאָר צוריק, בייס מײַן ערשטן באזוך, געווען דער גאסט־אופנעמער אלס פאָרשטייער פון דער דעמלט פּראָגרעסיווער „מאָרגן־פרײַהײַט" אין לאָס־אנדזשעלעס, און איצט

פירט ער מיך איבער די גאסן פון דער שטאָט, אזוי צו זאָגן, „גאנץ פּרי־וואט".

אין לאָס־אנדזשעלעס, נאָך מער, איידער אין ניו־יאָרק, זעט מען דעם כורבן פונעם יידישן קולטור־לעבן אין אמעריקע. דער יישעוו וואקסט דאָ, ווי אף הייוון. ס'איז א ראָמאנטישע געשיכטע, וויאזוי פון איינעם א יידן, וועלכער האָט זיך באזעצט אינעם דערפל לאָס־אנדזשעלעס אין 1842 יאָר, מיט הונדערט זיבן און דרײַסיק יערעלעך צוריק, איז פאוואָלינקע, צו הײַנטיקן טאָג, געוואָרן 600,000 יידן. און די דאָזיקע זעקס הונדערט טויזנט יידן, צונויפגענומענע אין איין שטאָט, האָבן ניט קיין איין וועלכעס־ניט־איז טעאטערל, קיין איין, זאָל זײַן א פערטל־בלעטלדיק, צײַטונגל. מע טרייסט זיך מיט די ציוניסטישע געשרייען, אז מע דארף ניט האָבן קיין טעגלעכע יידישע צײַטונג אין ביראָבידזשאן, ווײַל צוליב וואָס אזא קאָמוניסטישע פּראָפּאגאנדע, אז ביכלאל לעבן אין ביראָבידזשאן ווייניקער פון צוואנציק טויזנט יידן; און מע דארף ניט האָבן אין ביראָבידזשאן פאר אזוי ווייניק יידן אויך דעם סאָלידן יידישן דראמאטישן פאָלקס־טעאטער, און מע דארף ניט שאפן פאר אזא קליינער צאָל יידישע נעפּאשעס א נײַעם גרויסן מוזיקאלן קאמער־טעאטער. פארוואָס? ווײַל דאָס געבן פאר ווייניק יידן גרויסע קולטור־מעגלעכקײַטן איז — קאָמוניסטישע פּראָפּאגאנדע... די פארדארבער ווייסן אף זיכער, אז „בא די סאָוועטן" איז שלעכט, ווען ס'איז ניטאָ, און שלעכט, ווען ס'איז דאָ; שלעכט, ווען ס'איז ווייניק, ווען ס'איז א סאך...

לאָמיר אף א רעגע דערלאָזן, אז דורך עפּעס א נעס האָבן מיר אָנגעהויבן צו פארשטיין די פישטשערײַ, וואָס פלעדערמײַז שיקן אָפּ פון זייערע אין פינצטערניש געהאלטענע כורוועס צו די פייגל אין די ליכטיקע דרויסן־ערטער. דאן וואָלטן מיר פעסטגעשטעלט, אז אין די אויגן פון די פלעדערמײַז זעט אויס דאָס לעבן פון די פייגל אין דער ליכטיקײַט טאָמיד אומהיימלעך — סײַ ווען די נעסטן האלט מען ערשט אין בויען, סײַ ווען דאָ און דאָרט זעט מען שוין א נעסט...

יאנקעוו גלאטשטיין האָט ניט לאנג פאר זײַן טויט געשריבן, אז „מיט דרײַסיק יאָר צוריק" — דאָס הייסט הארט פאר דער צווייטער וועלט־מילכאָמע — „האָט קאליפאָרניע געהאט א הונדערט פופציק טויזנט יידן, און זי האָט זיך דאן בארימט מיט א יידישער צײַטונג און מיט וואָכנבלעטער פאר יידן, מיט אינסטיטוציעס, אין וועלכע עס האָט געלעבט די יידישע שפּראך"; „מיט צוואנציק יאָר צוריק" — דאָס הייסט אין די לעצטע פערציקער און אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן — „האָט שוין אין קאליפאָרניע, איבערהויפּט אין לאָס־אנדזשעלעס, געלעבט א האלבער מיליאָן יידן, אָבער עס זײַנען שוין ניט געווען קיין יידישע צײַטונגען. די איינציקע וואָכנבלאט אף ענגליש האָט נאָר געהאט א זײַט אף יידיש, ווי א זייכער לעכורבן", — אזוי האָט מיט פארביטערונג געענדיקט זײַן איבערזיכט דער בארימטער אמעריקאנער יידישער שרײַבער. אויך דער ייַנגערער דאָר געדענקט, אז נאָך דער „לאָס־אנדזשעלעסער טעגלעכער צײַטונג", וועלכע איז, אלס „די איינציקע טעגלעכע יידישע צײַטונג אפן פּאַסיפישן ברעג", דערשינען אין 1921 און דערנאָך א געוויסע צײַט אלס א

וואַכנבלאַט, — נאָך איר איז אין 1934 געווען אין לאָס־אַנדזשעלעס „די טעגלעכע פּרעסע", וועלכע איז שפּעטער מעגולגל געוואָרן אין דער וואָכנ־בלאַט „די יידישע פּרעסע". באַ הײַנטיקן טאָג וואָלט מען געקאָנט פון די יידן אין לאָס־אַנדזשעלעס (ווי געזאָגט, 600.000) צונויפשטעלן אַ גרויסע שטאָט, לויט דער באַפעלקערונג אַ פיל גרעסערע, איידער טעל־אוויוו, אין וועלכער עס וווינען עטוואָס מער פון 400.000 מענטשן, און אין דער דאָ־זיקער שטאָט לאָס־אַנדזשעלעס איז שוין אַפילע ניטאָ קיין וואָכנבלאַט אַף ענגליש מיט אַ זײַטל אַף יידיש, „ווי אַ זייכער לעכורבן".

אויב ריידן אָפענע רייד, איז הײַנט אין לאָס־אַנדזשעלעס שוין גאָר־נישט ניטאָ אַזוינס, וועגן וואָס מע זאָל קאָנען אורטיילן ווי וועגן יידישער קולטור אין איר וווקס און אַנטוויקלונג. דער דאָזיקער טרויעריקער מאַ־צעוו איז געגרייט געוואָרן פונלאַנג. מיט פופצן יאָר צוריק, ווען איך האָב באַזוכט לאָס־אַנדזשעלעס צום ערשטן מאָל, האָט די איצט פאַרשטאָרבענע גרויסע יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערן גינע מעדעם מיר געשענקט אַ זאַמלונג מיטן נאָמען „קאַליפאָרניער שריפטן". עטלעכע יידישע שרײַבער און זשורנאַליסטן פון לאָס־אַנדזשעלעס האָבן געשריבן אין דער האַקדאָמע, אַז זיי „מאַכן אַ פּראָבע אַרויסצוגעבן אַ שריפט, אין וועלכער, אויסער ליי־דער, דערציילונגען, עסייען, זאָל זיך אויך אָפּשפּיגלען דאָס לעבן פון די יידן אין שטאָט"... זיי האָפן צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ פּעריאָדישער אויס־גאַבע. דאָס איז אָבער ניט געשען, און איצט בלעטער איך די „קאַליפאָר־ניער שריפטן" און לייען ספּעציעל די ערטער, וואָס גינע מעדעם האָט דעמאָלט אָפּגעצייכנט מיט אַ רויטן בלײַער צוליב מיר — קעדיי עס זאָל מיר גרינגער זײַן אַרײַנדרינגען אין די פּראָבלעמען פונעם קאַליפאָרניער יישעוו. אין דער פולער מאָס אַקטועל זעט מיר הײַנט אויס אַזאַ אַרויס־זאָגונג פון יאַנקעוו אַשפּיז אין זײַן אַרטיקל „יידיש לעבן אין לאָס־אַנד־זשעלעס נעכטן און הײַנט".

„אַ ברויזנדיקע טעטיקײַט קומט פאָר אין דעם יידישן יישעוו פון לאָס־אַנדזשעלעס אין דער צײַט, ווען ס'ווערן געפירט די קאַמפּאַניעס פון דער היסטאַדרוט (פּראָפאַריין־צענטער אין יִסראָעל. — אַ. וו.), פון יונײַטעד דזשויִש אַפיל און פון דעם יונײַטעד דזשויִש וועלפעיר פאָנד (קערפערשאַפטן אַף צו זאַמלען געלט פאַר יִסראָעל. — אַ. וו.). אַרום אָט די קאַמפּאַניעס ווערט דער יידישער יישעוו מאָביליזירט און אָרגאַניזירט דורך דער יידיש־ענגלישער פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, דורך באַנ־קעטן און קאָנצערטן, באַ וועלכע ס'טרעטן אַרויס פּראָמינענטע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקײַטן, וועלכע ווערן אימפּאָרטירט פון ניו־יאָרק און פון אויסער אַמעריקע. געסט פון יִסראָעל באַ אַזעלכע אונטערנעמונגען זײַנען אַן אָפטע דערשײַנונג. אָט די ביז גאָר דערפאָלגרײַכע קאַמפּאַניעס צו שאַפן מיליאָ־נען דאָלאַרן זײַנען דער שטאַרקסטער באַווײַז, אַז ס'איז דאָ אַ גוט אָרגאַ־ניזירטער אַפּאַראַט, וואָס פּלאַנירט, קלערט אויף, באַוועגט און באַווירקט די יידן אין לאָס־אַנדזשעלעס זיך אָפּרופן אַף אַקציעס... דער זעלבער אַפּאַ־ראַט, וועלכער פירט אָן מיט אַלערליי „דראַיווס", איז פאַרדריסלעך נאָכ־לעסיק, ווען ס'קומט צו מאָביליזירן דעם יידישן יישעוו אין מאָמענטן פון ברויזנדיקע וועלט־ און לאַנד־פּאַסירונגען, וואָס האָבן אַ שײַכעס צום ווען

פונעם ייִדישן לעבן... דער אפּאראט, וועלכער קאָאָרדינירט ייִדישע אקציעס אין לאָס־אנדזשעלעס, דארף מען פארצייכענען, איז אפּן געביט פון מאָביליזירן דעם ייִדישן ייִשעוו קעגן די געפארן, וואָס קלאפּן אין אונדזערע טירן, געבליבן באוועגלאָז”...

דער גוט אָרגאניזירטער אפּאראט, וועגן וועלכן עס רעדט מיט אזא איַינגעהאלטענער אופגעבראכטקיַיט יאנקעוו אשפּיז,— דאָס איז דער ציוניסטישער אפּאראט. אשפּיזס ארטיקל איז געשריבן געוואָרן אין 1961 יאָר. זינט דאן האָט דער גוט אָרגאניזירטער ציוניסטישער אפּאראט אין גאנץ אמעריקע זיך דערשלאָגן, מיט דער הילף פון דער אָפיציעלער מאכט אין לאנד, פון די קאָנגרעס־לאָביסטן, פון די דיריזשאָרן פונעם קאלטן קריג, צו אן אומגלייבלעכן, אָבער רעאל־עקזיסטירנדיקן פענאָמען: דער גרעסטער ייִדישער ייִשעוו אין דער וועלט, וועלכער פארמאָגט זעקס מיליאָן נעפאשעס און איז אין מעשעך פון פיל יאָרצענדליקער געפורעמט געוואָרן אלס אייגנארטיקער, סאָציאל־אומרויִקער, קולטור־שעפערישער ייִשעוו, איז אין רעזולטאט פון אומפארשעמטן נאציאָנאלן שאנטאזש און פון פּאָליטישע שווינדלערײַען, וועלכע ווערן באגלייט פון דעם פאראט מיצאד די אמאָליקע „פּראָגרעסיווע”, פארוואנדלט געוואָרן (לאָמיר גלייבן — בלויז אף א געוויסער צײַט) — אין גרונט, פארשטייט זיך,— אין א מין פעריפעריע פאר די אקציעס פונעם ייִסראָעלדיקן ציוניזם, אין א מעלק־קו פון געלטער פאר דעם זעלבן ייִסראָעלדיקן ציוניזם, און אין דער זעלבער צײַט איז אין אָט דעם גרויסן ייִשעוו גופע, אינווייניק אין אים, דערשטיקט און פארניכטעט געוואָרן די סאָציאל־יוירנדיקע פּראָגרעסיוו־נאציאָנאלע באוועגונג, אָפּגעשטעלט געוואָרן די קולטור־ און ליטעראטור־אנטוויקלונג.

פון אָט דעם טרויעריקן בילד דרינגט שוין בעמיילע ארויס דער ענטפער אף דער פראגע, ווער ס'איז שולדיק אינעם טרוקענעם כורבן.

איך שמועס זיך דורך וועגן דעם מיט מײַן אלטן פרײַנט אווראָם מײַמודעס.

מײַמודעסעס פּאָזיציע איז קאָמפּליצירט. ער זוכט נאָך אלץ דעם אויסוועג. לאָמיר האָפן, אז ער וועט געפינען. אונדזער איצטיקע באגעגעניש איז ניט אף צו פירן פּאָלעמיק, נאָר אף זײַן א ביסל צוזאמען. אָפּגעגעסן מיטיק אין א געמיטלעכן רעסטאָראן, שלעפּן מיר זיך ארום איבער דער גאס, גייען פארבײַ א טעמפּל פון די רעפאָרם־ראבאַיִם און פארווײַלן זיך מיט א כאָכמע, אָקאָרשט גענומען פון דעם פּאָלקס מויל. אזעלכע ראבאַיִם־טעמפּלען זײַנען, געוויינלעך, דאָס זעלבע, ווי קלובן פארן העכערן מיטלשטאנד, פאר די אָלרײַטניקעס (הייסט עס, אז קלובן — געבײַדעס, ווו מע קומט זיך צונויף, זײַנען יאָ פאראן, אָבער ניט פאר אמכאָ און ניט פאר די עמאָ לאזארוס־פרויען, ניט פאר זיי...). קעדייי ווערן א מיטגליד פון א קאָנגרעגאציע, טראָגט דער אָלרײַטניק ארײַן עטלעכע הונדערט דאָלער. ווי געוויינלעך, קומט א ייִד אין שול (פארן טעמפּל טויג ניט דאָס וואָרט סינאגאָגע) א פּאָר מאָל אין יאָר, בײַס די יאָמטויווים. באם ארײַנגאנג קויפט מען א בילעט. אָבער וואָס טוט אן אָרעמאן, אז ער האָט ניט מיט וואָס צו באצאָלן? טראכט ער צו א טערעץ, אז ער וועט ארײַן בלויז אף איין מינוטקעלע, ער דארף דאָ פּאָשעט געפינען אזא און אזא ייִדן, וועמען

ער וויל עפּעס איבערגעבן... נו, לאָזט מען דעם אָרעמאַן אַרײַן אין טעמפּל, נאָר מע וואָרנט אים, אַז אָן געצאָלטס זאָל ער ניט וואגן זיך שטעלן דאַוו־נען...

מײַמודעס פירט מיך אַרײַן אין „יִדישן פּענטאגאָן", ווי מע רופט אין שטאָט דעם היגן דאָקומענטאַציע־צענטער — אַ ריין ציִעניסטישע פּראָפּאַ־גאַנדע־אינסטיטוציע. אױפן ערשטן שטאָק וואַרפט זיך מיר אין די אויגן אַ בילדער־אויסשטעלונג, און כ׳טו מאַמעש אַ צאַפּל פון אומדערוואַרטקייט: דאָס זײַנען דאָך טאַנכום קאַפּלאַנס רעפּראָדוקציעס! די באַיאָרטע פרוי, וועלכע פאַרוואַלטעט מיטן וועסטיביול, שעפּטשעט גאַנץ געהיים, ניט וויסנ־דיק, ווער איך בין: „די בילדער פון אָט דעם יִדישן מאָלער זײַנען אומ־לעגאַל אַרויסגעפירט געוואָרן פון רוסלאַנד"... מײַמודעס מאַכט ווייכער מײַן האַרץ: „וואָס אַרט אײַך, זאָל זי פּלאַפּלען... אַנומלטן האָט איינער אַן אָרטיקער יִיד איר אַ זאָג געטאָן: די רעפּראָדוקציעס, טאַקע פּונקט די זעלבע, וואָס בא אײַך, האָב איך לעגאַל געקויפט אין לענינ־גראַד"...

עס קומט אױפן זיקאָרן אַ דערמאָנונג פון מײַנע קינדער־יאָרן, און איך גיב זי איבער מײַמודעסן. איך האָב געהאַט אַ מומע, אַרום וועלכער ס׳פלעגט שטענדיק אַרומפאַדיען עפּעס אַ שכיינע אירע — ברײַנע האָט זי געהייסן. די מומע איז געווען אַ קלוגע יִדענע, האָב איך געהערט, ווי זי זאָגט:

— ווען ברײַנעס אייגענע הינער הערן אױף צו לייגן אייער און זי מוז שטילערהייט אַרונטערלאָזן די האַנט אונטער מײַנער אַ הון, דאַן זאָגט זי ניט „איך האָב בא דיר געגאַנוועט", נאָר „דײַן הון האָט זיך פאַרקליבן מיט אירע אייער צו מיר אין שטעלכל אַרײַן"....

22. לאָמיר שמועסן וועגן דזשויִש סאַבדזשעקטס...

אַמאָליקע יאָרן פלעגט זיך פירן, אַז אויב אַ מענטש האָט געהאַט אַ פּרײַנט אין אַן אַנדער שטאָט, איז ניט שווער געווען צוצופאָרן אַף אַ טאָג־צוויי מיט אַ באַלעגאָלע, צי אפילו מיט דער באַן, קעדיי געוווירע ווערן, וואָס ער מאַכט. הײַנט איז עס אַ צו גרויסער לוקסוס — פאַטערן אַזויפיל צײַט, מע קען אַראָפּנעמען דאָס טרײַבל און אָנקלינגען אין טעלעפאָן.

בין איך פון די, וואָס קוקן אַף דער זאַך אַנדערש, און איך האָב זיך ניט געפוילט קומען פון מאָסקווע קיין טשיקאַגאָ — דורכצושמועסן זיך מיט דזשעק קלינגן. אויב איר וועט זאָגן, אַז איר ווייסט ניט, ווער דזשעק קלינג איז, וועל איך אײַך ניט גלייבן. נאָך מיט פופצן יאָר צוריק, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין דער שטאָט באַם מיטשיגאַן, האָט אַן אָר־טיקער טוישעוו, שמועסנדיק מיט מיר, זיך אויסגעדריקט אַזוי: „דזשעק קלינגן ווייסט דער גאַנצער טשיקאַגער אַרבעטער־קלאַס"... הײַנט־צו־טאָג האָט דער קרײַז זיך פאַרגרעסערט — דזשעק פירט אָן מיט דער אָרגאַניזאַ־ציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע אינעם שטאַט איליי־נאָיס, וועמענס הויפּטשטאָט עס איז טשיקאַגאָ. ווילט איר, איך זאָל אײַך גלייבן, אַז איר קענט ניט דזשעק קלינגן?

גאנצע פופצן יאָר גייט מיר נאָך דער פאַרדראָס פאַר דער איבערגעריסענער באַגעגעניש מיט אים איבער דעם „מאָרד פונעם יאָרהונדערט“. אין יענעם רעגנדיקן אינדערפרי, זיצנדיק אין זײַן אווטאָמאָביל, האָב איך דערהערט דורך ראַדיאָ, אז אָקאָרשט איז דערשאָסן געוואָרן דער פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן דזשאָן פיצדזשעראַלד קענעדי. אינגיכן בין איך פון טשיקאַגאָ אוועקגעפאָרן, ניט צוזעצנדיק זיך אפילע אין דער שטוב בײַ די קלינגס צום טיש, וועלכן די באַלעבאָסטע האָט אזוי זאָרגפעליק ארומגעשטעלט מיט קיבעד.

דאָן איז אין טשיקאַגאָ געגאַנגען אַ רעגן. איצט איז די שטאָט פאַרוואָלגערט מיט שניי. שוין די דריטע וואָך, ווי עס שיט און שיט. די הורבעס ווערן אײַנגעפרוירן און צוגעטאָפּטשעט, קיינער שקראַבעט זיי ניט אראָפּ מיט אַ לאָפּעטע, און ס׳איז שוין באַלד ניטאָ קיין טשיקאַגאָ אף דער וועלט. זעט אויס, אז עס וועט אויסקומען אראָפּבריינגען אַרכעאָלאָגן, זיי זאָלן אָפּגראָבן פון אונטערן שניי די שטאָט, ווען מע וועט באַדאַרפן פעסטשטעלן, וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען אין יאַנוואַר — פעווראַל פונעם 1979 יאָר.

אויב איר ווילט, איז דאָ ביכלאַל קיין אויסטערלישס ניט פאָרגעקומען. די אַרכעאָלאָגן וועלן אראָפּגראַבלען דעם פאַרהאַרטעוועטן שיכט שניי, און די ערשטע זאַך, וואָס זיי וועלן ארופברענגען פון די טיפענישן, וועט זײַן דער הונדערטשטאָקיקער הימלקראַצער „דזשאָן הענקאָק סענטער“. קעדיי זיך דערקלײַבן צו דער אַרײַנגאַנג־טיר און ניט קריכן דורך דאַך, וועט מען אָפּגראָבן דעם שניי אף 332 מעטער אין דער טיף און אָנטאַפּן דעם אַספאַלט, וואָס האָט ביזן שניי־שיט געדינט, ווי די היסטאָריקער וועלן מיטן גאַנצן ערנסט באַהויפּטן, אַלס אַ גלאַטע אויבערפלאַך אף צו גיין און אף צו פאָרן.

אין „דזשאָן הענקאָק“ וועלן די אַרכעאָלאָגן, און אויך מיר מיט אײַך, ניט אַרײַנגיין, ווײַל מע קאָן, כאָלילע, דאָרט פאַרבלאָנדזשעט ווערן. דערפאַר אָבער וועט שוין ניט שווער זײַן אָפּגראָבן אַ פּאָר גאַסן, פריִער פאַר אַלץ, פאַרשטייט זיך, די מיטשיגאַן־אַווענוּ, די סטעיט־סטריט, און אויב ס׳וועט סטײַען קויעך, וועלן די אַרכעאָלאָגן דורכלייגן אונדז אַ וועג צו איינער פון די אַרבעטער־פאָרשטעט, ווו אף דער שטילער דורכגעריכערטער גאַס העימאַרקעט־סקווער האָבן די באַלעבאַטים פון די זאַוואָדן אוועקגעשטעלט דעם אייניציקן אין דער וועלט דענקמאָל לעקאָוועד אַ פּאָליציאַנט. יאָ, יאָ, אַ דענקמאָל דער פּאָליציי! און ווו? פונקט אף דער זעלבער גאַס, ווו די פּאָליציי האָט אין 1886 יאָר געשאָסן אין די אַרבעטער. אפן פּאָסטאַמענט מיטן אויפשריפט „אין נאָמען פונעם פאָלק באַפעל איך, ס׳זאָל זײַן רויִק!“ שטייט מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט אַ שטאָל־מעשענער יונג מיט בראָנזענע וואָנצעס — די פאַרקערפּערונג פון די „קאָפּן“, ווי מע רופט אין אַמעריקע די פּאָליציי־לײַט.

בעשאַס איך פאָר אָפּ מיט דזשעק קלינגן און מיט אַלעקס קאָלקינען פונעם אַעראָפּאָרט, זע איך אים אף טריט און שריט, דעם לעבעדיקן טשיקאַגער פּאָליציאַנט. ער שטייט פעסט און ברייטלעך, פאַנאַנדערגענומען די פיס אין די זײַטן. דער פּיסטאָלעט באָמבלט זיך בײַ אים איבערן סאַמע

פופיק, די קאסקע איז אָנגערוקט אף די ברעמען. ער איז גאָר ניט אזא סטראשידלע, ווי עס מיינען די קליינע קינדער, אָבער פּאָליציי איז פּאָליציי. אָט זעט מען בא איינעם פון „מײַנע" פּאָליציאנטן, וואָס איך פאָר דורך פארבײַ זיי, א ניט גרויס גרוי באלאָנטשיקל אפן פּאסעק, און אפן באלאָנטשיקל זײַנען מיט רויטער פארב אָנגעשריבן עטלעכע ציפערן און אונטער זיי — "riot" (אופשטאנד). דאָס איז א גראנאטע מיט טרערן־גאז. מע דארף ניט פארגעסן, אז יענער, דער שטאָל־מעשענער מיט די בראָנזענע וואָנצעס, האָט באקומען זײַן „אײביקײַט" פאר דער־טרונקען אין בלוט א דעמאָנסטראציע אף דער ארבעטער־גאס, ווו ער שטייט...

דער שניי פאלט און פאלט. עס בלאָזט א בײַסיקער ווינט. טשיקאגאָ ווערט מאַמעש פארפראָרן. אף די גאסן, צוגעטוליעט צו די טראָטוארן און פארשאָטן איניינעם מיט זיי, זעען זיך ארויס מיט זייערע קוים מערקבארע קאָנטורן הונדערטער אוטאָס. דזשעק קלינג דערציילט:

דער גובערנאטאָר פון אילינאָיס איז אוועקגעפאָרן קיין וואשינגטאָן בעטן געלט אף אָפראמען דעם שניי... נו, מ'האָט ניט געגעבן, האָט ער באשטימט זיך אומקערן אהיים, נאָר אף צוריקוועגס זעט ער פון דערלופטן, אז ס'איז נאָך ווינטער אין טשיקאגאָ, און ער הייסט דעם פּילאָט פליִען ווײַטער קיין פלאָרידע, ווו ער וועט איבערווארטן... ס'וואָלט עפשער אזוי טאקע געווען, און בא דער בארימטער אָזערע וואָלט פון דעם נישט גע־וואָרן ניט ווארעמער, ניט קעלטער, נאָר ס'האָבן אופגעהויבן א טומל די טשיקאגער צײַטונגען — וואָס הייסט! א גובערנאטאָר זאָל אנטלויפן איבערן שניי... — און פּונקט הײַנט אינדערפרי איז ער בעשאָלעם צוריקגעקומען צו זײַן אמט. טשיקאגאָ און דער גאנצער שטאט אילינאָיס זײַנען אפן זי־בעטן הימל: זיך אומגעקערט דער „טאטע"!.. אגעוו, ווען זײַנע געהילפן האָבן אים באגעגנט אין אעראָפּאָרט, האָט ער זיך אָנגעפרעגט, צי אין טשיקאגאָ ארבעטן די אנשטאלטן, איז דער ענטפער געווען אזא: „די שטאָט, וואָס ארבעט" (מע רופט אזוי טשיקאגאָ), ארבעט ניט...

איך, פון מײַן זײַט, פארשטיי ניט די בעהאָלע מיטן טומל, וואָס דער שניי־פאל האָט ארויסגערופן בא די אמעריקאנער, א גאנץ סימפּאטיש שנייעלע. וואָס דען ווילט איר, ס'זאָל זײַן ווינטער און אונטער אײַערע פיס זאָלן ריזלען ווארעמע ריטשקעלעך? א ביסל ווײַטער פון עם אעראָפּאָרט, אין די ערטער, ווו די אווטאָמאָבילן און פוסגייער האָבן נאָך ניט באוויזן פארוואנדלען דעם שניי אין א ברודנער קאשע, ליגט ער ווײַס און זויבער, א מעכײַע צו קוקן. דאָס ווינטעלע הייבט אוף איבער אים א רויכל, און סע ווייעט מיט פרישקײַט. ווען מיר פאָרן ארײַן אין שטאָט, גיט זיך מיר גלײַך איבער איר גוטהארציקע שטילקײַט און עפּעס א באזונדערע פײַערלעכקײַט אין איר געמיט־צושטאנד.

מיר שטעלן זיך אָפּ באם מאָטעל „שעראטאָן הילטען" — דאָ וועלן מיר ווינען. ארײַנקומענדיק אין ליכטיקן, געראמען צימער, זאָג איך צו דזשעקן:

— אדעראבע, לאָמיר שמועסן וועגן דזשויִש סאבדזשעקטס (יידישע פראגן)...

23. די ייִדישע פּראָגן אין טשיקאַגאָ

אין טשיקאַגאָ זײַנען די ייִדישע פּראָגן פּונקט אַזוי אַבסורדאַל, ווי אין די אַנדערע גרויסע אַמעריקאַנער שטעט. איר ווילט ייִדן? אָט האָט איר גאַנצע 275.000 אונטער אײַן „דאַך". איר פרעגט זיך אָן אויף ייִדישקײַט? ווײַזן מיר אײַך סינאַגאָגעס, טעמפּלען, יעשיוועס, שילדן מיט כשר, כשר, כשר... וואָס ווילט איר נאָך? ייִדישע קולטור? אַ ייִדישע בלאַט? טעאַטערן? דאָס ניט. איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז די עמיגראַנטישע דורות זײַנען שוין ניט קיין דײַיזאַגער, עס האָט גאַנץ פײַן אָן אַרבעט געטאָן דער שמעלץ־טאָפּ, און האָדי, אָן עק, זײַט ניט קיין אַקשאָנים. יאָ, נאָר פאַרוואָס שטייט נאָך אַלץ אַזאַ שטאַרקער טומל אויף דער ייִדישער גאַס? קומען מיר דאָ צום אַבסורד.

זײַט זיך מאַטריעך, מאַכט צו די אויגן, און זאָל זיך אײַך אויסדוכטן, אַז אַ גרויסע מאַסע מענטשן נעמט זיך דורכלייגן אַ וועג. סע זײַנען פאַראַן צוליב דעם פאַרשיידענע מאַכשירים, די מענטשן זײַנען פאַנאַנדערגעטיילט אין מאַכנעס, אייניקע אַרבעטן שוין. נאָר מע קריגט זיך, געוויסע זאָגן, אַז דער וועג דאַרף פירן פונדאַנען אַהין, אַנדערע — פון דאָרטן אַהער. פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס טײַנען: פונוואַנען איז געדרונגען, אַז אַ וועג מוז ערגעץ פירן? ער מעג זיך דרייען אַרום זיך. קומען נאָך מעווינים און זאָגן, אַז דער גלײַכסטער וועג פירט אין דער טיף, אין דער אַדאָמע, קריגט מען זיך. און סע שטייט אַ ראַש מיט אַ טומל. דערווײַל גייט דורך אַ צײַט און — גאָטעניו האַרציקער, וואָס האָסטו אַזוינס אָפּגעטאָן? דער וועג, די קאָלערליי מאַכשירים, די גרעבער און אַנדערע אַרבעטאָרער זײַנען פאַר־שוווּנדן, און פאַרבליבן איז דער טומל, עפּשער אַפילו אַ שטאַרקערער, איידער דאַן, ווען מע האָט נאָך עפּעס־וואָס דאָ געטאָן. די אויערן ווערן מאַמעש פאַרשטאָפּט פונעם טאַראַראַם, וואָס לאָזט ניט אָפּ און הערט ניט אויף. און באַ דער אַרבעט טוט זיך גאָרניט. די שווערע געלטער, וואָס דאַרפן גיין אויף בויען דעם וועג, ברענען, ווי שטרוי, אין די אײַוועלעך אויף צו אונטערוואַרעמען דעם קוראַזש.

אָט אַזאַ איז דאָס בילד, וויִאַזוי מע לייזט די ייִדישע פּראָגן אין אַמע־ריקע, בעסויכעם אין ניו־יאָרק, לאָס־אַנדזשעלעס, טשיקאַגאָ, און אַוואַדע אויך אין אַלע אַנדערע מעכטיקע, אולטראַ־מאָדערנע, גוואַלדיק הויכע, בליציק־גלאַנציקע, קאָפּפאַרדרייענדיקע שטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

ביכלאַל פאַרנעמט מען זיך דאָ גערן מיטן ייִדישן לעבן אינדערפרעמד. אָבער ווען עס מאַכט זיך אַ פּאַסירונג, וואָס דערמאָנט אין אַן אייגענער ייִדישער פּראַגע, ווערט עס אַן איניען פאַר קליין און גרויס, מע לייגט אַרײַן אין דעם דאָס גאַנצע האַרץ.

טשיקאַגאָ איז ניט לאַנג צוריק פול געוועזן מיט „סקאָקי".

סקאָקי — אַ ברייטפאַרנעמיקער ראַנד־ראַיאָן פון טשיקאַגאָ — איז, ווי מע זאָגט, „אַ ייִדיש שטעטל". פון 70 טויזנט אײַנוווינער זײַנען 40 טויזנט — ייִדן. אַ 6—7 טויזנט פון זיי זײַנען מילכאָמע־פּליטים, ניצל געוואָרענע פון

די טויט־לאַגערן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס ווייסן דעם טאַם פונעם נאַציזם לויט דער אייגענער דערפאַרונג.

און די דאָזיקע ייִדיש באַוווּסטע פאַרשטאַט האָט דער אַמעריקאַנער נעאָנאַציזם אויסגעקליבן אַלס פּלאַץ פאַר אַ מאַרש פון זײַנע שטורמאַק־וויקעס!

דער קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט קעגן דער פאַשיסטישער כוצפּע, האָט געוואָרפן אַ העלע שײַן אויף דער „ייִדישער פראַגע". פון איין זײַט, האָבן זיך געפונען אינעם ייִדישן „עסטאַבלישמענט" אַזעלכע ליבעראַלן, וועלכע האָבן גערופן ניט רייצן די כײַע מיט קאָנטער־דעמאָנסטראַציעס. איינער אַן אַדוואָקאַט, אַ ייִד, זײַן נאָמען איז דייוויד גאָלדבערגער, האָט זיך אַפילו אָנגענומען די קריוודע פון די באַאוולטע נאַציס און געפאָדערט אין געריכט, מע זאָל זיי ניט באַרויבן פון זייערע ציווילע רעכט. ווען מע האָט אים געפרעגט, צי מע דאַרף דערלויבן די פאַשיסטן צו מאַרשירן, אַפילו אויב זיי וועלן טראָגן פּלאַקאַטן „האַרגע ייִדן", האָט ער געענט־פערט, אַז יאָ, דאָס איז אין העסקעם מיט דעם אַמעריקאַנער פּרינציפּ וועגן פרײַהײַט פון וואָרט...

פון דער צווייטער זײַט, האָט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, ווי אַ גאַנצעס, אַרויסגעוויזן אין אָט דעם עפּיזאָד זײַן געזונטן כאַראַקטער. די עטנישע גרופּעס אין סקאָקי און אין גאַנץ טשיקאַגאָ, די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, די קאָמוניסטן האָבן „אויסגעדרייט די הענט" באַ די כוליגאַנעס. אין דער צײַטונג „טשיקאַגאָ סאַן־טײַמס" האָט זיך באַוויזן אַ פאָטאָגראַפיע: אויף פאַן פון אַ גרויסער צאָל שטורמיש געשטימטע דעמאָנסטראַנטן שטייט אַ יונ־גער נעגער. איין האַנט זײַנע איז אויפגעהויבן איבערן קאָפּ, צונויפגעדריקט אין אַ פויסט, און די צווייטע האַנט באַוויַזט אַ פּלאַקאַט מיטן אויפשריפט: „6 מיליאָן ייִדן — מער ניט!". ווען דער אַטאַמאַן פון די נאַציס פראַנק קאָ־לינס האָט זיך צערעדט פאַר זײַנע לײַט אין מאַרקעט־פּאַרק, אַז, הייסט עס, ס'אַרט אים ניט, וואָס ייִדן זײַנען געטייט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי זײַנען ייִדן, פאַרקערט, עס איז אַ שאָד, וואָס אַזויפיל ייִדן זײַנען געבליבן לעבן, — האָט אים געענטפערט אין ראַדזשערס פּאַרק דער נעגרישער פירער דזשע־סי דזשעקסאָן: „מיר וועלן ניט דערלאָזן קיין אַנטיסעמיטישן נאַצי־מאַרש אין סקאָקי! די פראַגע שטייט איצט אַזוי: צי זאָלן מיר זיך פאַרייניקן, אָדער מיר זאָלן אַרײַנפאַלן אין אַ פּאַניק און אָפּטרעטן דאָס פעלד פאַר די נאַציס"...

דאָ דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די צוויי „פּאַרקן" אין טשיקאַגאָ פאַרקער־פּערן צוויי סאָציאַלע סוויוועס. מאַרקעט פּאַרק איז ניט נאָר אַ ווײַסע („נעגער־ריינע") געגנט, נאָר, דעריקער, אַ פּעטע, און אָנגעפּרעסענע, אַ שאָוויניסטישע געגנט. צוויי „פּאַרקן", צוויי טשיקאַגאָס, צוויי וועלטן. ווען דער פּראָגרעסיווער נעגער דזשעסי דזשעקסאָן האָט אויסגערופן: „די פראַגע שטייט אַזוי"... האָט ער אין דער „פראַגע" אַרײַנגערעכנט אַלע „ייִדישע פראַגן", וועלכע דער ייִד דייוויד גאָלדבערגער איזאָלירט פון דעם פרײַ־הײַט־קאַמף פונעם אַמעריקאַנער פאָלק און גיט זיי אָפּ אויף צו דערלייזן דעם נעאָנאַציזם.

ס'איז שוין דורכגעגאַן אַ געוויסע צײַט נאָך יענעם אויפברויז אַרום

סקאָקי. איצט איז דאָ שטיל. איך באַקוק די געגנט, און — צי דער שנײ האָט אַלץ צוגעדעקט, צי „די צײַט האָט פאַרהײלט די װוּנדן”, נאָר אַף די גאַסן אין סקאָקי פילט זיך שוין ניט, אַז עס זײַנען פאַראַן ייִדישע פראַגן אין טשיקאַגאָ. מיר פאָרן פאַרבײַ אַ ראַבאַנישן טעמפּל, און אַף זײַן פראָנטאָן זע איך אַ פּלאַקאַט, װאָס איז אָנגעצויגן פון פענצטער צו פענצטער: „סײװ סאָװיעט דזשוז!” — ראַטעװעט די סאָװעטישע ייִדן. דזשעק קלינג לײגט פאָר אין אַ שפּאַס: לאָמיר אַרופקריכן און איבערמאַכן אײן װאָרט, װעט דער פּלאַקאַט זײַן אַ ריכטיקער — „סײװ סקאָקי דזשוז”...

מיר שטײען אַ רגע באַם טעמפּל מיט פאַריסענע קעפּ. אַ פאַרבײַגײער האָט עס באַמערקט, און, װאַרפנדיק אױך אַ קוק צום פּלאַקאַט, טוט ער אַ זאָג: „אַ רעפּוע צו ייִדישע צאָרעס באַ זיך אין אַמעריקע — ראַטעװען ייִדן באַ זײ אין רוסלאַנד”...

אומקערנדיק זיך אַהײם, מײַדן מיר ניט אױס דעם דזשױש קאָמיוניטי סענטער — אַ גוט באַצאָלטן אַנשטאַלט אַף אײַנצוהאַלטן די ייִדן, באַזונדערס יונגעלײַט, אין אַ רעליגיִעז־נאַציאָנאַליסטישער סװיװע. פאַראַן דאָ, צװישן אַנדערס, אַ באַסײן, אין װעלכן מע שװימט אױסגעשפּראָכן אַפן ייִדישן סײדער — מיט די ציצעס אַפן װאַסער און אין יאַרמלקעס אָנשטאָט גומענע היטעלעך...

(טאַקע אַפן יאַרמלקע־פראָנט האָט דאָס „טשיקאַגער נאַציאָנאַלע ייִדנטום” אָפּגעהאַלטן פּונקט אין אָט די טעג אַ בעעמעס היסטאָרישן ניצאָחן. ס'איז געשען אַזאַ געשיכטע. צװײ אָרטאָדאָקסישע ייִדן זײַנען געקומען אין געריכט, און די אָרדענונגס־אױפזעער — מע רופט זײ אין אַמעריקע באַשײדן „מאַרשאַלן” — האָבן געהײסן, נאָכפאָלגנדיק די פּראָצעדור, אַראָפּנעמען די יאַרמלקעס. דאָס האָט אַרױסגערופן אַ ספּעציעלע געריכט־באַהאַנדלונג, און אין רעזולטאַט פון אַן ענערגישער קאַמפּאַניע פונעם אַמעריקאַנער ייִדישן קאָנגרעס האָט דער פעדעראַלער ריכטער הוירבערט ל. װיס — איך רוף אָן זײַן פולן נאָמען, קעדײ די קומענדיקע היסטאָריקער פונעם ייִדישן פאָלק זאָלן אים אָפּגעבן זײַן פאַרדינט אָרט, — דער פעדעראַלער ריכטער פון טשיקאַגאָ הוירבערט ל. װיס האָט געפּאַסקנט, אַז יאַרמלקעס מעג מען אין געריכט האַלטן אַפן קאָפּ, ניט אין די הענט).

װער זאָגט, אַז אין טשיקאַגאָ פאַרנעמט מען זיך ניט מיט ייִדישע פראַגן!

פאַרשטײט זיך, ס'זײַנען שוין ניטאָ יענע צײַטן, װען אַ ייִד אין טשיקאַגאָ פלעגט נאָך אַ טאָג אַרבעט אין סװעטשאַפּ זיך אַרײַנכאַפּן אין גליקמאַנס טעאַטער אַף בליו אײַלאַנד אַװעניו, אָדער אין אַ צװײטן אַף מעקסװעל סטריט, און, אומקערנדיק זיך אַהײם, פאַרן שלאָף, אַרײַנקוקן אין אײנער פון די דרײַ, און אָפט אין אַלע דרײַ מיטאַמאָל טשיקאַגער טעגלעכע ייִדישע בלעטער, װעלכע האָבן זיך גערופן, װי עס פּירט זיך — „דער ייִדישער קוריער”, „די טעגלעכע ייִדישע פּרעסע”, „דער טעגלעכער ייִדישער קאָל”... נײן, מע זעט שוין ניט אַרומשטורמעװען אין לױף — דעם שטאָטראַיאָן, װוּ ס'דרײען זיך איבערן קאָפּ פון דעם צוגעװױנטן אױלעם די הױכבאַנען און װוּ דער אױלעם אַלײן דרײט זיך אַרום איבער די פּילצאָליקע טשיקאַגער געשעפטן, — מע זעט דאָ שוין ניט דעם דעמלט נאָך יונגן פּאַ־

טעטיש דערהויבענעם קאַלמען מאַרמאָר, דעם ברייט געבילדעטן אין היל־כעס מאַרקסיזם ייִסראָעל־בערביילין, דעם ייִדישן אַנאַרכיסט וויליאַם נאַ־טאַנזאָן, דעם סטאַליער־יונג — שפּעטער אַ גרויסער ייִדישער קאָמפּאָזי־טאָר — יאַנקעוו שייפער. ניין, לאָמיר איצט איינשטילן די אַמביציעס, ס׳איז שוין אָן אַנדער „טשיקאַגער נאַציאָנאַל ייִדנטום״, אָבער איר מעגט אייך זאָגן וואָס איר ווילט, נאָר ס׳האָט זיך פאַרט ניט איינגעגעבן די בייזע מאַרשאַלן אַראָפּצונעמען די יאַרמלקעס בײַ צוויי אָרטאָדאָקסישע ייִדן!

און אויב ס׳איז אײַך קאַרג, קאָן מען צוגעבן נאָך אַ היסטאָרישע דער־גרייכונג. ניט לאַנג צוריק האָט זיך געקאָכט אַרום דעם בוך פונעם פּראָפעסאָר פון טשיקאַגער נאָרטוועסטערן־אוניווערסיטעט אַרטור באַלץ — אַ בוך וועגן דעם „ליגן פון די זעקס מיליאָן״. (דעם פּראָפעסאָרס געביט איז עלעקטראָ־אינזשעניעריע, נאָר ווי איר זעט, איז אים ניט פרעמד אויך די געשיכטע, וויאַזוי כיטרע ייִדן אין די אונטערגעפּאַלענע אונטער היטלערס אָקופּאַציע לענדער האָבן זיך געמאַכט פאַר געטייטע, אין דער צײַט, ווען זיי לעבן אַלע נאָך איצט). איז אָט: אַרויסגעגעבן דעם בוך האָט אַרטור באַלץ ניט אין טשיקאַגאָ, און ניט בכלל אין אַמעריקע, נאָר ערגעץ אין ענגלאַנד, און זאָל אים דאָרט כאַפּן דאָס קאַדאָכעס מיט זײַן טיפּשעס־אינ־זשעניעריע... אבי דער בוך איז ניט דערשינע אין טשיקאַגאָ!

24. דזשעק קלינגס טשיקאַגאָ

לאָמיר, טײַערע לייענער, וואָס גיכער זיך אָפּקערעווען פון אָט דעם אומגעלומפּערטן „נאַציאָנאַלן ייִדנטום״, פון די שוין אײַנגאַנצן אויסגע־שעפּטע „אָפּגעהיטע ייִדן״. עפּשער לוינט בלויז איבערלאָזן אין זיקאָרן, אַז טאָקע זיי שרײַען אין אַלע גאַסן, אַז מיר זײַנען ניט קיין עמעסע ייִדן, נאָך מער, מיר זײַנען, ראַכמאָנע ליצלאָן, סוינע ייִסראָעל, אַנטיסעמיטן און וואָס נאָר ניט.

לאָמיר זיך אומקערן צו דזשעק קלינגס טשיקאַגאָ. אין אָט דעם שטאַרקן שייוועט זע איך ניט בלויז קאָמוניסטן. בעסער איז צו זאָגן, אַז דאָ זאַמלט זיך אויף דער טעטיקער אָפּטימיסטישער קויעך אײנעם פּראָגרעסיוון ייִדישן ייִשעוו פון דער שטאָט.

ווען איך בין אָקאָרשט געקומען קיין טשיקאַגאָ און מע האָט מיר דער־ציילט די מײַסע־סקאַקי, האָט אין דער דערציילונג עטלעכע מאָל זיך איבערגעכאַזערט דער נאָמען פונעם באַוווּסטן אַדוואָקאַט אירווינג סטיינ־בערג. באַזונדערס איז געבליבן געוואָרן זײַנע אָן אַרויסטרעטונג אָף אַ פּראָטעסט־מיטינג, ווו ער האָט אָנגעוויזן אָף דער געפאַר פון פּאַסיווקײַט. אירווינג סטיינבערג, האָט מען מיר געזאָגט, איז אַ מוטיקער קעמפער פאַר גערעכטיקײַט. דערפאַר איז מיר געווען אָנגענעם, ווען כ׳האָב זיך דער־ווּוסט, אַז ער וועט זײַן פאָרזיצער פון דער באַגעגעניש מיט מיר, וועלכע ווערט אײַנגעאָרדנט אין פּאַלמאַ־האָטעל.

דאָרט, אין דעם פּרעכטיקן זאַל, האָט זיך פאַרזאַמלט דזשעק קלינגס

טשיקאגאָ: סײַ דער עלטערער אין די יאָרן ייִדישער אוילעם, וועמענס בונד מיט אונדזער מאמעלאָשן האָט אויסגעשפּראָכענע, כוץ ליטעראַריש־קול־טורעלע, אויך געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פונקציעס, סײַ א גרויסע צאָל געזונטע, שפּרודלדיקע יונגעלײַט. עס זײַנען געקומען הערן דעם גרוס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, צוזאַמען מיט זייערע ייִדישע כאַווײרים, אויך ניט־ייִדן — שוואַרצע און ווײַסע אַמעריקאַנער. צוליב זיי האָט מיט גלאַנץ געפירט די איבערזעצונג דזשאָזעף (יוסעף־לייב) עלביין.

(דאָס איז דער זעלבער עלביין, מיט וועלכן כ'האָב זיך באַגעגנט אין טשיקאַגאָ מיט פופצן יאָר צוריק! דאַן, אין א רעגנדיקן טאָג, ווען מ'האָט אין אַמעריקע דערשאָסן דעם מעלוכע־פּרעזידענט, איז מיר פאַרגעשטאַנען אן עפנטלעכער שמועס מיטן פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר פּרייס באַ א טראַנ־סליאַציע דורך דער ראַדיאָ־סטאַנציע „דאַבליו־בי־בי־עס". אין מײַן טאָג־בוך פון יענער צײַט איז פאַרשריבן: „באַ א ראַג האָט געוואַרט אַף אונד־זער מאַשין איינער פון די מילכאָמע־וועטעראַנען דזשאָזעף (יוסעף־לייב) עלביין. ער וועט זײַן מײַן איבערזעצער. עלביין איז א געוועזענער פּראָ־גרעסיווער טוער. ער איז אָפּגעגאַנגען פון דער באַוועגונג, אָבער ניט צע־קריגט זיך מיט איר. נעכטן האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם קסאַוויאַד פון זײַנער א ליד „געדאַנקען וועגן הײַנטיקן לעבן פון ייִדן אין אַמעריקע". פאַרשטייט זיך, דאָס איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע דיכטונג, אָבער מיר זאָגט די ליד זייער פיל. „מע זיצט דאָ גאַנצע נעכט און מע קלערט, ווי דרייט מען אויס די וועלט פאַרקערט, ווי רוקט מען דאָרט צוריק דעם זייי־גער"...).

העלאָ, דזשאָ! זײַנט איר, הייסט עס, נאָך אַלץ א געוועזענער פּראָגרע־סיווער טוער? פאַר פופצן יאָר האָט מען זיך, גלייב איך, גוט אָפּגערוט, און מע קאָן זיך נעמען נאָכאַמאָל פאַר דער אַרבעט. נו, שרעקט אײַך ניט. איבערזעצן אין אזא זאַל די רייד פון א סאָוועטישן ייִד איז ניט שווער, דער אוילעם איז א פאַרשטאַנדיקער. כאָטש...

דזשעק קלינג שעפּטשעט מיר אָפּן אויער, איך זאָל קוקן אַף רעכטס — אהין, אין סאַמע רעכטן ווינקל פון די לעצטע רייען בענקלעך. דאָרט זיצן א צען־פופצן בויאַנעס פון דער „דזשוויש דעפענס ליג".

— פונוואַנען ווייסטו?

— מיר ווייסן אין זאַל אַלעמען.

— פאַרוואָס זשע האָט איר אַרײַנגעלאָזט די בויאַנעס?

— זאָלן זיי אויך הערן. בויאַנעס זײַנען קיין מענטשן ניט?

— וועלן זיי דאָך בויאַנעווען!

— וועלן מיר זיי העלפן עפענען די טיר.

און שטעלט אײַך פאָר: די בויאַנעס האָבן ביסלעכווײַז פאַרגעסן, וואָר זיי זײַנען און צוליב וואָס מע האָט זיי אהער געשיקט. זיי זײַנען געזעסן און געהערט, ביז ס'איז אַרײַנגעקומען עפּעס א פּרוי און זיי אַרויסגערופן פון זאַל.

יאָ, אינעם זאַל, אין די צענדליקער רייען, זײַנען געזעסן פּרײַנט, ווי

אויך אזעלכע, וואָס דערווידערן קעגן אונדזערע אַרגומענטן, נאָר ווילן אויסהערן, וואָס מיר זאָגן. אָט דאָס איז אוירווינג סאָלק, א באַנקיר. ער איז אַקטיוו אין דער שאָלעם־באַוועגונג. און דאָס איז גיציס, מוישע גיציס, דער אַלטער יידישער שרײַבער, עס ווערט אים פּונקט האַיאָר פינף און אכציק יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק. אין איבעריגס שמועסן מיר.

— מאַניע, — זאָגט ער צו זײַן פרוי, — פאַרענטפער זיך פאַר ווערגע־ליסן, פאַרוואָס מיר דרוקן זיך אויך הײַנט אין זשורנאַל „יידישע קולטור", כאָטש ער איז געוואָרן אַן אַנטיסאָוועטישער...

— איך ווייס עס אַליין, — לאָז איך ניט מאַניען צו פאַרענטפערן די באַ־דויערנדיקע שוואַכקײַט. — איר ווילט זאָגן, טײַערער מוישע, אַז ערגעץ אַנדערש ווו צו דרוקן אײַערע ווערק האָט איר ניט.

און אין זיקאָרן באַ מיר לויכטן זיך אויס עטלעכע שורעס, וואָס עס פאַרשרײַבט אין זײַן טאָגבוך דער העלד פון גיציסעס א ראָמאַן — דער יידישער שרײַבער באַראַש, א פאַרשוין אָן א פעסטן ווילן און אָן א קלאָרן ציל. „אָ, אָדעם, אָדעם!..— פאַרצייכנט אין זײַן טאָגבוך מיט א סענטימענ־טאַלן קרעכץ דער פערסאָנאַזש, דער שרײַבער, — פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געלאָזט אויסברענען, ווי אַן אָנגעצונדענע ראַקעט, און באַלויכטן מײַן הימל מיט אויסגעכאַלעמטע שטערן? פאַרוואָס האָסטו געלאָזט אונדזערע נעשאָמעס וויגן זיך אין ווינט פון צעפלאַקערטן כאַאָס?".

עס האָט קיין זין ניט אָט דאָ, אינעם ווײַט ניט כאַאָטישן זאַל פון אונדזער באַגעגעניש, צו באַהאַנדלען מיט גיציסן די סיבעס פונעם אידייִשן כאַאָס, וועלכער הערשט איצט אין דער יידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. קלאָר איז אָבער, אַז ניט דעם אַבסטראַקטן מענטשן — אָ, אָדעם, אָדעם! — דאַרף מען פאַרגעבן די האַרבע שײַלע. קוידעמקאָל איז נייטיק, אַז די שוין ווייניק פאַרבליבענע באַם שרײַבטיש פּראָגרעסיווע יידישע שריפטשטעלער זאָלן גרויוער זײַן אין זיך דעם שלאָף, וואָס האָט זיי באַפאַלן אין די לעצטע יאָרן, און זיי זאָלן פעסט און קלאָר אַוועקשטעלן צוריק אַף איר אָרט די ליטעראַטור, און מיכוץ איר, אַפּגעווײַטערט פון איר שוועל, אַרויסשטעלן די פאַרדאַרבערס, די אויסגעליידיקטע נעשאָמעס, די פּאָליטישע זוינעס, וועלכע באַמיִען זיך איצט אַרויסשווימען צו דעם ברייטן אוילעם, אויב ניט אין א שעפעריש שיפל, איז כאָטש אַף א שמוציקער אַנטיסאָוועטישער און אַנטיקאָמוניסטישער כוואַליע.

אין זאַל איז די שטימונג א געהויבענע. בעשאַס איך ענטפער אַף די פּילצאָליקע פראַגן, הייבט זיך אוף א יונגער נעגער, און, פרעגנדיק מיך וועגן עפּעס, פאַרופט ער זיך אַף א שטעל אין מײַן בוך „אַף דער יידישער גאַס", וועלכן ס'האָט אַרויסגעלאָזט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין אַן ענגלי־שער איבערזעצונג, דער פאַרלאַג פון דער מאָסקווער נײַס־אַגענץ „נאָוואָ־סטי". עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אָרגאַניזאַטאָרן פונעם אָוונט האָבן הײַנט פאַרקויפט דעם בוך באַם אַרײַנגאַנג אין פּאַלמאַ־האָטעל, און דזשעק קלינג זאָגט מיר וועגן דעם אַזוי:

— אַלע עקזעמפּליאַרן, וואָס מיר האָבן געהאַט, זײַנען אויסגעפאַרקויפט. איצט שרײַב א נײַעם בוך.

25. ס׳איז ווארעם און געמיטלעך אין שטוב

אין אמעריקע איז פארשפרייט נאָך איין אויפן צו איינאָרדענען געזעל־שאפטלעכע באגעגענישן מיט אָנגעפּאָרענע געסט: מע קלײַבט אוף א היפּשן אוילעם — ביז הונדערט פּערזאָן — אין א גערױמער שטוב, און דאָרט רעדט מען זיך דורך מיטן גאסט היימיש, ניט געײַלט. וועגן צוויי אזעלכע טשי־קאגער באגעגענישן וויל איך דערציילן.

א בעעמעס פּארכאפּנדיקע פיגור פון א פּראָגרעסיוון יידישן געזעל־שאפטלעכן טוער אין באדינגונגען פון א קאפּיטאליסטיש לאנד איז געדא־ליע לאנדמאן. ווען איך בין ארײַן אין פּאלמא־האָטעל, האָב איך דערפילט, אז אלע פעדעם ציִען זיך צו אים, צו לאנדמאנען. באם געזעגענען זיך נאָכן אָוונט האָט דזשעק קלינג געזאָגט אלעקס קאָלקינען און מיר, אז אף מאָרגן דארף מען אין דער פּראָגראם פּאָרויסזען „א טעפּעלע קאווע" בא די לאנדמאנס.

אזוי איז טאקע געשען. דאָס טעפּעלע קאווע האָט אין זיך אײַנגעשלאָסן צוויי פליישן — הינער־פלייש און קאלבן־פלייש, א פּאָרשפּײַז, די געווײנ־לעכע גרינס־פּראָדוקטן, לײַכטן ווײַן און... א טעפּעלע קאווע.

אָבער ניט מיט איר גאסטפרײַנטלעכקײַט איז די מישפּאָכע אזוי טשי־קאווע, אפילע ניט מיט דעם, וואָס געדאליע און בעלא לאנדמאן פארמאָגן (געזונט זאָלן זיי זײַן) זיבן אייניקלעך, און אליין זעען זיי איצט אויס ווי אזעלכע, וואָס קאָנען אין דעם פּראט נאָך אָפּטאָן ניט ווייניק...

לאנדמאן און זײַן געזינד זײַנען פּונקט אזוי ווי א מיקראָ־קעמערל פון דער צוקינפטיקער אמעריקע. דער ראָש פון דער מישפּאָכע איז א געווע־זענער פּרעסער־ארבעטער. דער האָרעפּאשניק, ווי מע זאָגט, ליגט אף זײַן גאנץ מענטשלעך געשטאלט. ער טוט אלץ מיט סייכל, צוגעמאָסטן און צוגעפּאסט. ער דארף אָבער זען, אז עס לויִנט צו מיִען זיך. דאָס וויכטיק־סטע: נוץ פארן פּאָלק. דוכט זיך: וואָס קאָן זײַן נוצלעכער פון „אי־קוף" — פון יידישער קולטור, — אָבער ווען די אמעריקאנער „איקוף"־ארגאניזאציע איז ארײַנגעפאלן אין די הענט פון רענעגאטן, איז דער סעקרעטאר פונעם „איקוף" אין טשיקאגאָ געדאליע לאנדמאן אוועק פון דאָרט. יידישע קול־טור, — זאָגט ער, — איז אוודע שטארק נייטיק. אָבער אין איין שפּאָן מיט אנטיסאָוועטיזם איז זי אנטי־יידישע אנטי־קולטור. יאָ, געדאליע לאנדמאן איז אוועק פונעם „איקוף". ער איז אָבער געבליבן בא זײַנע פליכטן אין דער פּראָגרעסיווער יידישער קולטור. ווער איז ער הײַנט, דער אויסגעדינ־טער פּרעסער־ארבעטער געדאליע לאנדמאן? מיטגליד פונעם אויספיר־קאָ־מיטעט פון זײַן פּראָפעסיאָנעלן פאריין. מיטגליד פונעם שטאָט־קאָמיטעט פון די יידישע קולטור־קלובן. וויצע־פּאָרזיצער פון דער אמעריקאניש־סאָוועטישער פרײַנטשאפט־אָרגאניזאציע אין טשיקאגאָ. קאסירער פון דעם „מידוועסט קאונסיל", וואָס פירט דורך יעדן יאָר די געטאָ־אָנדענק־טעג. אָט ווער עס איז געדאליע לאנדמאן!

בא אים אין שטוב איז זיך צונויפגעקומען די שטאָטישע יידישע קאָמי־סיע בא דער קאָמוניסטישער פּארטיי. סארא מענטשן דאָס זײַנען! באגעגע־

נען זיך מיט פרײַנט איז שטענדיק אָנגענעם, אָבער אַ באַזונדערן טאַם האָט דער שמועס בײַ אַ היימישן טיש.

אין שטוב בײַ דזשאָ און מילי פּעלען האָט מען, עמעס, דעם טיש אַרויס־געטראָגן פון גרויסן צימער, ווײַל אוילעם איז אָנגעגאַנגען ווי אויף אַ גע־מאָלדענער אַסיפע, אָבער אַלצייַנס קאָן מען זאָגן, אַז מע האָט זיך דאָ באַגעגנט בײַ אַ היימישן טיש.

די באַלעבאַטים זײַנען מילדע, צוגעלאָזטע מענטשן. צו זיי גייט מען ווי אויף אַ סימכע; צוגעפּוצט, מיט אַ געהויבענער שטימונג. בײַסן אַרײַנגיין קושט מען זיך, ס׳איז געמיטלעך, ציכטיק און פֿײַערלעך. ניין, מילי און דזשאָ פּעלען זײַנען ניט קיין פּאַרטיי־כאַווײַרים. פאַרוואָס? „ווײַל מיר האָבן דערוויײַל נאָך ניט די ווערט״... זייערע געסט זײַנען, ווי זיי אַליין, פּראָגרעסיוו געשטימט. וועגן דעם, אַז מע האַלט זיך בײַ וועלטלעכע אָנ־שווינגען, איז שוין אָפּגערעדט, און איך ווער אויפריכטיק פאַרכידעשט, ווען מע שטעלט מיר פאָר איינעם פון די אָנוועזנדע אויף דער באַגעגעניש — דעם כאַזן ד. פּ. (ער האָט געבעטן, כ׳זאָל ניט אָנגעבן זײַן נאָמען, ווײַל דער ראַבײַ קאָן אים נאָך דורכטרײַבן...).

ד. פּ. איז געווען אַ קלאַרנעטיסט. געוואָרן אַ כאַזן, קעדיי קאָנען אויס־קומען מיט די טאָגטעגלעכע באַדערפעניש. „איר מיינט, איך ווייס ניט, וואָס עס זײַנען אַזוינס די הײַנטיקע ראַבאָנים און ראַבײַס? אָבער קיין אַנ־דער ברײרע האָב איך ניט...״

— אוי, ווהין ווענדט מען זיך? — טוט ער אַן איראָנישן קרעכץ, ווענדנדיק די אויגן אין קאָלקינס זײַט.

אַלעקס קאָלקין ציט אַרויף אויף זיך אַן איראָנישע מינע פון אַנטשלאָסנ־קײַט:

— מע שליסט זיך אָן אין קאַמף.

דער כאַזן מאַכט זיך טאַמעוואַטע:

— אין וועלכן קאַמף?

— אין קלאַסנקאַמף, — ענטפערט אַלעקס קאָלקין.

— קעגן די ראַבאָנים?

— אַוואַדע.

— איר ווילט, מע זאָל מיך פאַרטרײַבן פון מײַן דזשאַבּ?

— וועגן וואָסער דזשאַבּ גייט אַ רייד?

— איך זאָג דאָך אײַך, כ׳בין אַ כאַזן, און דאָס איז מײַן דזשאַבּ.

— נו, און ווען אַן אַרבעטער גייט אַרויס אין אַ שטרײַק, דראָעט אים דען ניט פאַרטריבן צו ווערן פון זײַן דזשאַבּ?

— דאָס איז אַן אַרבעטער, און איך בין אַ כאַזן. איך האָב אַ ווײַב מיט קינדער. שוין אַזויפיל יאָרן, אַז איך לײַד פון די ראַבאָנים...

— און לײַדן ווילט זיך ניט...

— ווער וויל יאָ?

— איז קעמפט.

— דאַן וועט דער ראַבײַ מיך ניט לאָזן זינגען.

— בלײַבט איבער איינס פון די צוויי: אָדער זינגט, אָדער קעמפט!

דער כאַזן וויַיזט מיט דער האַנט אויף איינעם פון די בײַוואוינענדע, וועל־כער פירט אַ שמועס מיט אַ פרוי אין שוואַרצע בריל:

— אָט איז אַ פּראָפעסאָר אין אַ קאָלעדזש. ער האָט געזאָגט די טאַל־מידים עפּעס ניט קיין גלײַך וואָרט וועגן פּאָליטיק, האָט מען אים געוויזן אויף דער טיר, און איצט האַלט ער שוין זײַנע מיינונגען הינטער אַ שלאָס...

— טאַקע גוט, וואָס ער איז געקומען אַהער אויסצוהערן נאָך איין מיי־נונג.

— און איך בין דען ניט צוליב דעם זעלבן געקומען?

די פרוי אין שוואַרצע בריל, מיט וועלכער עס רעדט זיך דורך דער פּראָפעסאָר, איז, ווײַזט זיך אַרויס, אינגאַנצן אַ בלינדע. צו די פעלענס האָט זי געבראַכט צו פירן אַ הונט. ער טרעט ניט אָפּ פון איר אויך דאָ. פאַראַן, אויסער אים, אַ קעלנער בײַ די באַלעבאַטים. יענער גייט אַרום צווישן די טישלען — אַליין אַ שטיקל באַלעבאָס. צווישן זיך זײַנען די צוויי כעוועלײַט פּונקט ווי פרעמדע. דזשאָ פעלען דערקלערט עס דערמיט, וואָס מע האָט זיי גוט אָנגעזאָגט, זיי זאָלן ניט מאַכן זייערע היגטישע שטיק.

שווער צו זאָגן, וואָס פאַר אַ מין אַסיפע עס קומט פאַר אינעם גרויסן צימער. אויב איר ווילט, איז דאָס אַ ליטעראַרישער אָוונט, ווײַל דער ערש־טער רעדנער — דזשעק קלינג — בלעטערט אָן אויפהער מײַן איבערגעזעצטן אויף ענגליש בוך, אין וועלכן ס׳זײַנען אײַנגעשלאָסן די נאָטיצן וועגן מײַן נעסיע קיין אַמעריקע מיט פופצן יאָר צוריק, און ער לייענט פון דאָרט אַרויס לאַנגע אַבזאַצן, קאָמענטירנדיק זיי אויף אַזאַ אופן: דורכגעלייענט אַ שטעל אינעם בוך, הייבט ער גלײַך אָן זיך דורכריידן מיט עמעצן פונעם פאַרזאַמלטן עולם, דערנאָך טרעט אַרײַן אינעם שמועס אַ צווייטער, אַ דריטער, און אין סאַמע מאַמענט, ווען עס ריידן שוין צען אָדער מער מענטשן, טוט ער אַ בלעטער ווײַטער דאָס בוך און זעצט פאָר לייענען.

דער גרעסטער פראַגע־שטעלער איז דער כאַזן. ווען מײַנע ענטפערס ווערן איבערגעזעצט אויף ענגליש (דער עולם איז דאָ ניט נאָר פון אַ ברייטערן פּאָליטישן ספּעקטאָר, ווי אין פּאַלמאַ־האָטעל, ער איז אויך אַ פּילנאַציאָנאַלער — פאַראַן מערער ניט־ייִדן, צווישן זיי נעגערס), — דאַן האַלט ער אין איין פאַריכטן דעם איבערזעצער. ס׳איז אַ כילעל־האַשעם, זאָגט ער, ווען מע פאַרשמירט אַ ניואַנס... דער גאַסט האָט געזאָגט, און אויף ענגליש באַקומט זיך קאַזאַלע־מאַזאַלע... עס איז אַ רײַע, ווי די באָבע הייסט כײַע... אאַוו. אדג.

אַ פאָלקס־מענטש איז אומעטום דער זעלבער. דאַכט זיך, אַזאַ „העק", ווי טשיקאַגאָ, און דער אויסדרוק אויפן פּנים בײַ דעם ייִדיש־ריידער, דער קוועטש און די אינטאָנאַציע, די טעווע צו באַאַרבעטן און אַרומשפּילן אַ וואָרט, צו מאַכן זיך ניט וויסנדיק, ווען מע ווייסט, ניט פאַרשטייענדיק, ווען מע פאַרשטייט, — איז בײַ אים אַ האָרעלע ניט אַנדערש, ווי בײַ דעם ייִדן פון דער מעטראָפּאָליע האָראָדאָק, אָדער פּאָגרעבישטשע, אָדער בעלץ, לעמאָשל.

בייסן צעגיין זיך נאָכן אָוונט, צעגייט מען זיך ניט, מע איז שוין אָנ־געטאָן, מע האַלט שוין די קאַפּעליושן און די שטעקלעך אין די הענט, נאָר מע רירט זיך ניט פון אָרט. ס׳איז געבליבן א שלאַל מיט געדאַנקען, וואָס ניט אַרויסזאָגן זיי איז ניט שײַער:

— איך בין גרייט זיך לאָדן מיט בען־גוריאָנען!

— בען־גוריאָן איז שוין ניטאָ...

— בין איך גרייט מיט זײַנע יאָרשים זיך לאָדן!..

לעם די צוויי צוויי פּאָליטיקער שמועסן צוויי פרויען:

— מײַנער, אַז ער דערזעט א היפּי, פאַרגלוסט זיך אים דאַפּקע מאַכן א איפּע...

— און מײַנער האָט ערגעץ אויסגעלייענט א כאָכמע, אַז די היפּיס טראָגן כאַנעקע־הויזן, פולע מיט לאַטקעס...

א מאַנצבל אין די מיטעלע יאָרן, אין א געקעסטלט העמדל מיט פּאַרקאַ־טשאַטע אַרבל, אָן א פּידזשאַק, פירט אָפּ צום פענצטער אן עלטערן פון זיך, א גראָוהאָריקן, און טוט אים עטלעכע שטופּ אין דער ברוסט מיטן ווײַז־פינגער:

— ווייסט זען, אַז פייסעך נאָוויק און איטשע גאָלדבערג וועלן נאָך גיין אָף די דעמאָנסטראַציעס לעבן דער סאָוועטישער פאָרשטייער־שאַפט...

דער עלטערער גלייבט ניט:

— וואָסי, סע האַלט שוין דערבײַ?

עס מישט זיך אַרײַן א דריטער:

— זיי ברענגען הײַנט מערער שאָדן, איידער דער „פאָרווערטס".

דער עלטערער דערווידערט:

— עפּעס שטימט עס ניט. דער „פאָרווערטס" פירט דאָך אָפּן א סאָ־וועטנפרעסערישע ליניע...

— אָפּענע פאַרפירער זײַנען ניט אַזוי געפערלעך, ווי פאַרשלייערטע.

ער, דער דריטער אינעם שמועס, איז, ווי ער דערציילט, אַנומלטן פונקט געקומען צו פאָרן קיין ניו־יאָרק אין א טאָג, וועו די ייִדישע רעאַק־ציע האָט דאָרט אָרגאַניזירט אן אַנטיסאָוועטישע גאַסן־היסטעריע, און ער רופט זיך אָפּ וועגן איר אַזוי:

— בייס איך האָב דערהערט דעם קוויטש און די געשרייען, די ניט אָנ־שטענדיקע קולעס, האָב איך גלײַך פאַרשטאַנען, אַז אָנהייבן הייבט אָן א געדונגענער מענטש, און נאָך אים קווטשען שוין די פאַרנאַרטע. און שטעלט אײַך פאָר, ס׳זײַנען מיר געקומען אָפּן זינען אונדזערע טשיקאַגער בוינעס...

דער באַיאָרטער, דער אײַנגעהאַלטענער, וואָס מיט זײַן טעווע ניט נאָכ־באָמקען דעם, ווער עס רעדט, האָט ער מאַמזעריש קלוג אַרויסבאַקומען בא זײַנע מיטשפּרעכער פיל מערער פּראָטים און אַרגומענטן, איידער זיי האָבן לעכאַטכילע זיך געקליבן אים געבן, — איז אויך איצט געבליבן טרײַ זײַנע מידעס. ער האָט פאָרזיכטיק דערווידערט:

— אויב ס׳איז אפילע עמעס, אַז דעם עקסטאַז באַם אוילעם רופט אַרויס

א באצאָלטער אָנרייצער, אָדער, ריכטיקער צו זאָגן, אַן אַקטיוויסט בא די אַנטיסאָוועטיקער, זע איך פונדעסטוועגן ניט קיין ענלעכקייט מיט די טשי־קאַגער בוינעס...

— וואָס זשע, איר האָט שוין פאַרגעסן, וויאַזוי דאָס ביקל אין דער בוי־נע, וואָס איז צוגעווינט אַזוי צו האַנדלען, לויפט דער ערשטער אַוועק אין דער מעטאַלענער קאַמער, פונוואַנען מע לאָזט אים גלייך אַרויס, אָבער די מעוווּלוועלע בעהיימעס, וועלכע זיינען אים נאָכגעלאָפן, האָבן זיך שוין אַריינגעפּאַקט...

— מע קאָן דערלאָזן, אַז דער אָנגעדונגענער, ווי איר דריקט זיך אויס, דערמאָנט אינעם ביקל, וועלכן מע רופט, אַגעוו, אין די בוינעס דער פּראָ־וואָקאַטאָר. ניין, אָן קאָס רופט מען אים אַזוי, ס׳איז אַ פּראָפעסיאָנעלע באַצייכענונג... אָבער, זייט מויכל, לויט אייך באַקומט זיך, אַז אויב אַ מענטש גייט אויף די דעמאָנסטראַציעס, האָט ער זיך שוין אַריינגעפּאַקט, ווי אין בוינע די בעהיימעס...

— איך זאָג עס ניט. כאָטש אויך איר זאָלט טויזנט מאָל מיר מויכל זיין, נאָר, דעם עמעס געגעדט, ווען איך הער, וואָס עס דערציילט וועגן די ייִדן אין רוסלאַנד אונדזער גאַסט, טראַכט איך זיך: ריבוינעשעלוילעם, זאָלן זיי דאָרט לעבן אַזוי ווי זיי ווילן. פאַרוואָס דאַרף מען זיך אַנשליסן צו אונדזערע היימישע מאַלפּעס, וואָס האָבן זיך אָנגענומען מיט כוצפּע צו פאָדערן, אַז מענטשן זאָלן ווערן צוריק מאַלפּעס... און ווען איך דערמאָן זיך נאָך דערצו אין דעם אופּטו פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט אָפּ־געראַטעוועט דאָס ייִדישע פאָלק, בין איך ניט ווייט צו מיינען, אַז אויב מע גייט נאָך יענעם אָנגעדונגענעם פּראָוואָקאַטאָר אויף די דעמאָנסטראַציעס, איז דאָס ניט אַנדערש, ווי מע וואָלט, פאָלגנדיק דאָס ביקל, זיך אַריינגע־פּאַקט אין דער מעטאַלענער קאַמער פון אַ בוינע, — יאָ, יאָ, פון אַ בוינע, ווו עס ווערן געשאָכטן מענטשישע נעשאָמעס.

— איך זע, אַז איר קלייַבט ניט אויס קיין ווערטער.

— וואָס דען זאָל איך אייך זאָגן? מיר ריידן דאָך צווישן זיך... סיי איר, סיי איך זיינען אַמעריקאַנער ייִדן. פרעג איך, פאַרוואָס דערלאָזן מיר דאָס? ס׳פעלן צאָרעס בא אונדז אין אַמעריקע? קאַרג פּראָבלעמען בא אונ־דזערע אייגענע ייִדן? ניט לאַנג צוריק האָבן מיר נאָך געהאַט דעמאָנסט־ראַציעס מיט רויטע פאָנען קעגן קאַפּיטאַליזם און רעאַקציע. האָט מען אונדז אונטערגערוקט דעמאָנסטראַציעס אונטערן מאַגנדאָוויד, אין אַ קאָמ־פּאַניע מיט די שווארצע קאַפּאָטעס און מיט די ציוניסטן...

— איר האָט אין אָנהייב געגעדט וועגן דעם קוויטש און די ניט אָנ־שטענדיקע געשרייען אויף די דעמאָנסטראַציעס. אָבער, ווי באַוווסט, האָבן די רוסישע דיפּלאָמאַטן אין ניו־יאָרק נאָך קיינעם ניט געקוילעט. איז וויאַזוי גייט אונטער אָט דער קוויטש צו אייער פאַרגלייך מיט די בוינעס? זעט אויס, אַז איר שלעפּט צו אײנס צו דעם צווייטן פאַר די אויערן...

— כ׳וועל פּרווון אייך אויפקלערן... פריער זאָגט, צי איר זיינט געווען אַמאָל אין דער אַזויגערופענער כאַזערשער אַליי פון די בוינעס?

— יאָ, ס׳איז אויסגעקומען דאָרט צו זיין. אין די צייטן פונעם עקאָנאָ־

מישן בום, זאָלט איר וויסן, פלעגן אין מעשעך פון א טאָג דורכגיין דורך דער אליי העכער הונדערט מיט צוואַנציק טויזנט כאַזיירים...

— און טאַקע דעמלט האָט איינער אַ גוסטאַוו פראַנקלין סוויפט...

— וואָס עפּעס „איינער אַ גוסטאַוו"... איך מוז אייך אונטערזאָגן, אז דאָס האָט ער געגרינדעט די דינאַסטיע פון מולטי־מיליאָנערן, וועלכע האָט זיך ספּעציאַליזירט אַף צעהאַקן און איינפּאַקן דאָס פלייש אין די בוינעס...

— האָט דער דאָזיקער אָפּטאָוועער קאַצעוו געזאָגט אמאָל אַ קלוג וואָרט, וואָס ביז היינט ברענגט מען עס פאָרן לייענער אין די בלעטער, און אויב א ביסל עס א דריי טאָן, פּאַסט עס צו די ניו־יאָרקער דעמאָנסטראַציעס. אינעם כאַזער, — האָט גוסטאַוו פראַנקלין סוויפט זיך באַרימט, — נוץ איך אויס אַלץ, כוץ דעם קוויטש...

— מיר איז טשיקאַווע צו הערן, וואָס איר זאָגט, און ניט איינער א גוסטאַוו.

— איר האָט געפרעגט וועגן דעם קוויטש, ענטפער איך אייך, אז אין אונדזערע היינטיקע אמעריקאַנער בוינעס, אין וועלכע מע קוילעט יידישע נעשאָמעס, נוצט מען אויס קוידעמקאָל און מערסטנס דעם קוויטש, דאָס הייסט דעם גאַסן־סקאַנדאַל. האַקלאָל, דעם כאַזערס קוויטש גייט שוין אויך ניט לעיבעד, אזוי ווי די גאַנצע כאַזעריי...

26. אין דער קירכע אַף מייפּיל אַוועניו

אלפרעד רוביאָ, א פּראָגרעסיווער טוער, איז פּרעזידענט פונעם ראַט פון דער 3־ער אוניטאַרער (פאַריינייקטער) קירכע. די קירכע איז שוין אַלט הונדערט צען יאָר, אזוי אז ניט א היינטציייטיקע פּאָליטישע באַוועגונג האָט זי געשאַפן, און, באַטירלעך, רוביאָ פירט דאָרט ניט קיין שום פּראָ־פּאַגאַנדע. גיכער פון אַלץ, האָט ער צוערשט זיך אַריינגעטאָן אינעם גלויבן, וואָס עס פּריידיקט אָט די קירכע, — די מענטשן זאָלן לעבן צוזאַמען אין דער וועלט, זיי זאָלן זוכן דעם עמעס אין ליבע און העלפן איינער דעם צווייטן, — און, זוכנדיק, האָט ער שוין אָנגעטראָפן אַף א שטעגעלע, וואָס פירט צו פּראָגרעסיווע אָנשויונגען.

די דריטע איז איינע פון א גאַנצער ריי אוניטאַרע קירכעס אין דער שטאָט. זי האָט אַרום צוויי הונדערט פּופציק שטענדיקע מיטגלידער. און וואָס איז שייך דעם גאַנצן לאַנד, איז, ווי מע האַלט, אַרומגעכאַפּט מיט אָט דעם „אינטערנאַציאָנאַל פון רעליגיעס" א צאָל מענטשן, נאָענט צו צוויי הונדערט טויזנט. קיין גייסטיקער פירער אין לאַנד־מאַסשטאַב איז בא זיי ניט פאַראַן. יעדע קירכע איז אַווטאָנאָם. דער גייסטיקער פירער פון דער 3־ער אוניטאַרער קירכע אין טשיקאַגאָ, דאָנאַלד וויט, האָט עס טאַקע געבעטן זיין קאָלעגע, דעם פּראָגרעסיוון טוער אלפרעד רוביאָ, ער זאָל איינלאַדן דעם גאַסט פון סאָוועטנפאַרבאַנד דורכצושמועסן זיך מיט די „מיספּאַלעלים". ס'האָט אויך זיך געמאָלדן א פאָרשטייער פון דער וויכ־טיקסטער אין אמעריקע נעגערישער צייטונג „דעפענדער". ער וויל נעמען

באַם גאַסט אַן אינטערוויו, און דאָס באַקוועמסטע אָרט אַף צו שמועסן וואָלט געווען די דריטע אונטאַרע קירכע, ווײַל, זעט איר, ער, דער קאָרעספּאָנדענט פון דער נעגערישער וואָכנבלאַט, אַ גריך לויט דער נאַציאָנאַליטעט, איז אַן אָרײַנגייער אַהין.

רוביאָ איז געקומען צו אונדז צו פּאָרן און מיט טעמפּעראַמענט גענומען פּאַרטיידיקן דעם פּלאַן. די מיטגלידער פון אָט דער קירכע זײַנען אַנטוישט אין זייערע ערשטיקע גלויבנס. ייִדן און קריסטן, קאַטויליקער און מוסולמענער — ווײַסע און שוואַרצע, פֿרויען און מאַנצבלעך, אַלע האָבן זיי געפֿונען אַ נײַעם גלויבן, ניט אין גאָט, נאָר אין ברודערשאַפֿט, ניט אין ריעליגיעזן צוואַנג, נאָר אין גוטסקײַט פון דעם מענטשן. מע זאָגט זיי, אַז דער סאָוועטישער מענטש האָט אופגעשטעלט זײַן נײַעם גלויבן אַף אַזעלכע און ענלעכע יעסוידעס, ווילן זיי וויסן, וואָס דאָס באַטײַט, ווילן זיי פּרעגן פראַגן, ווילן זיי באַקומען ענטפערס פון אַ דאָרטיקן, אַ סאָוועטישן מענטשן.

פּורײַנט אַלפרעד רוביאָ, גענוג אַרגומענטן. מע טוט אָן די מאַנטלען און מע פּאָרט.

די געבײַדע פון דער קירכע אַף מייפיל אַוועניו איז מיצאַד דעם טשיקאַגער מוניציפּאַליטעט אָפיציעל געקרוינט אַלס איינער פון די אַכט און דרײַסיק אַרכיטעקטור־אַנטיקן פון דער שטאָט. כ׳וואָלט זיך ניט געכידעשט, ווען מע זאָגט מיר, אַז דאָס איז אַ מוזיי־בניניען אָדער אַ טעאַטער, נאָר וויבאַלד מע באַגעגנט אונדז און מע ווײַזט, ווו אָפּשטעלן די מאַשין, איז אַ סימען, אַז מיר זײַנען אָפּן אָרט.

דאָ איז אײַנגעפירט אַזוי, אַז יעדן גאַסט־רעדנער איז געגעבן אין דער פּראָגראַם אַ שאָ צײַט: 55 מינוט רעדט ער און אין די לעצטע 5 מינוט ענטפערט ער אַף פראַגן. הײַנט איז באַשלאָסן געוואָרן דעם סיידער צו ענדערן. פון דער שאָ וועלן 40 מינוט אויסגעטיילט ווערן אַף צו פּרעגן און ענטפערן, ווײַל מע ווייסט פון פריער, אַז דער אוילעם קלײַבט זיך אַ סאַך זאַכן בייס דעם שמועס אויסקלאָרן בעאַריכעס.

דער לאָקאַל, ווו מיר געפינען זיך, טראָגט דעם נאָמען פון פּאָל ראָבסאָנען. ער פאַרנעמט דעם ערשטן שטאָק, און אין אים זײַנען פאַראַן פּילצאָליקע ווינקלען און נישעס, ווו מע טרינקט געוויינלעך קאַווע, מע פאַרווײַלט זיך און מע טוט עפּעס אַן אַרבעט. איצט איז דער גאַנצער שטאָק — אונדזערער. מיר באַמערקן ניט, ווי עס פליט דורך די שאָ, און ווען דער גײַסטיקער פירער זאָגט אָן דעם סאָף פונעם שמועס, גייט צו מיר צו איינער פון די צוהערער און צערעדט זיך אַף ייִדיש:

— איך בין אַ וואַרשעווער, זיך געראַטעוועט אין רוסלאַנד. זאָרגט אײַך ניט: דאָס, וואָס איר האָט ניט באַוויזן צו זאָגן, וועל איך זיי שוין דערציילן. נו, אַ כיעס אײַך אין יעדן אייווער, איר האָט מאַמעש אַלץ אַרויסגעכאַפּט פון מײַן מויל...

דער גײַסטיקער פירער לייגט אונדז פאָר אַרײַנגיין אינעם זאַל, ווו ס׳קומט פאָר די טפילע. דאָרט שטייען עטלעכע רייען בענק, אין פאָדערפלאַן — אַ „שטענדער" פאַרן רעדנער. עטוואָס העכער, אַף דער וואַנט —

א פאַרביק גלאָז־פענצטער פון זעקס קאָלירן, וועלכע סימבאָליזירן אַלע גלויבנס, אַף אַנדערע ווענט הענגען בילדער פון שוואַרצע און ווייסע מאַ־מעס מיט זייערע קינדער. ניינצן קעראַמישע פּאָרטרעטן האָט געשאַפן פאַר דער קירכע דער טשיקאַגער קינסטלער אַנדריין קאַופמאַן.

ווען מיר זיינען אַריינגעקומען אין זאַל, איז די דראָשע שוין געווען פאַרענדיקט, א יונגערמאַן האָט געשפּילט אַף א פידל, דער גייסטיקער פי־רער האָט אויפגעקלערט:

— באַ אונדז דאַוונט מען ניט. מע האַלט דראָשעס. א פּראָפעסאָר פונעם מאַסאַטשוסעטער אוניווערסיטעט האָט אָקאָרשט גערעדט אַף דער טעמע „די וויסנשאַפט און דער מענטשלעכער גייסט"...

מיר קערן זיך אום אַפן ערשטן שטאָק. און דאָרט וואַרט שוין אַף מיר מיסטער געאָרג קעפאַלאָפּולאָס, דער לאַכלוטן ניט־נעגער, וועלכער שטעלט פאַר די נעגערישע וואָכנבלאַט „דעפענדער". ער באַווייזט מיר זיין אויס־גאַבע און גיט דערביי צו, אַז איינעם פון די סאַמע באַרימטע אינטערוויוען פאַר דער פּרעסע האָט געגעבן אַלבערט איינשטיין, דאָס איז געווען אין מיי 1945. דער „דעפענדער" האָט געפרעגט, צי מיט דער ברוינער פּעסט איז שוין פאַרענדיקט, און איינשטיין האָט געענטפערט, אַז דאָס איינעמען בערלין באַטייט נאָך ניט דעם סאָף פונעם פאַשיזם, דאָס איז א גרויסער זיג איבער אים, אָבער פון זיינע אומריינקייטן וועט מען נאָך א לענגערע צייט דאַרפן רייניקן די וועלט.

צום אָנהייב פון אונדזער שמועס זאַמלט זיך צוריק צונויף דער עולם, וואָס איז פריער געזעסן אין זאַל. איך באַווייז ניט צוטרעטן צום ענטפער אַף דער ערשטער פראַגע, ווי עס קומט מיר צוהילף דער וואַרשעווער: „זאָגט אים דאָס און דאָס..." אַזוי — ביזן סאָף פונעם אינטערוויו. דער וואַרשעווער ייִד לאָזט מיך מאַמעש ניט אויסריידן מיינס אָן אייגן וואָרט. ער האָט זיך שוין באַזעצט באַם סאַמע טיש, און, ניט וואַרטנדיק, מע זאָל איבערזעצן פאַר מיר די פראַגע, דיקטירט ער מיר שוין א גרייטן ענט־פער, און ער טוט עס אַזוי קאַטעגאָריש און ער האָט אַזוי פּינקטלעך פאַר־געדענקט אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט אין מיין לעקציע, אַז ווילנדיק ניט ווילנדיק פאָלג איך אים און גיב איבער פאַר די לייענער פון „דעפענדער" זיינע ווערטער. ווען די זאַך איז שוין אָפּגעטאָן, זאָגט מיר מיט היספּעילעס קעפּאַלאָפּולאָס:

— אייער אינטערוויו וועט זיין דער צווייטער סאַמע באַרימטער נאָך איינשטיינס...

27. לאָמיר זיך דורכריידן, קאָלעגע

וועגן דזשעק פישביינען, דעם אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פונעם סאַ־לידן ענגלישן כוידעש־זשורנאַל פאַר ייִדישע פּראָבלעמען „סענטינעל", האָב איך געהערט ניט ווייניק נאָך מיט פופצן יאָר צוריק, ווען כ'בין געקומען דאָס ערשטע מאָל צוגאַסט קיין טשיקאַגאָ. מע האָט מיר דערציילט, אַז פישביין איז אין די פריִע דרייסיקער יאָרן געווען „א הייסער קאָמסאָמאָ־ליעץ". אפילע דאַן, ווען ער האָט שוין אָפּגעקויפט די פּרעסטיזשפולע צייט־

שריפט בא איר דעמלטיקן באלעבאָס פעלדמאַן, איז ער נאָך א געוויסע צײַט געבליבן אין דער פּראָגרעסיווער באַוועגונג. שפּעטער...

„שפּעטער" דאָס איז איצט, דער רײַכער זשורנאַל־פאַרלעגער דזשעק פישביין האָט הײַנט גאַנצפרי אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן זײַן אַמאָליקן כאַווער, דעם איצטיקן אָנפירער פון די טשיקאַגער פּראָלעטאַריער דזשעק קלינגן, און דער בורזשואַזער דזשעק האָט געזאָגט דעם פּראָלעטאַרישן דזשעק: הער אויס, דזשעק, איך האָב זיך ערשט אומגעקערט אַהיים, אַ גאַנצן כוידעש געווען אין וועג, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז ס'זײַנען שוין דורכגעלאָפן אַזויפיל יאָרן ווי מיר זעען זיך ניט, און מע זאָגט, אַז דו האָסט איצט אַ גאַסט, איז קום אַרײַן מיט אים צו מיר, מירן טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע....

די שטוב בא דזשעק פישביינען איז דעקאָרירט מיט בילדער, וועלכע ס'האָט געמאָלט זײַן באַגאַבטע פרוי. אַליין איז דזשעק פישביין ווייניק מאָלעריש, אַ פּאָשעטער ייִד לויטן אויסזען. און — וואָס פאַר מיר איז באַזונדערס ווערטפול, איך זאָל ניט פאַטערן קיין צײַט אָף איבעריקע צערעמאָניעס — ער רעדט אָפענע רייד, אָן דריידלעך, אַ ביסעלע שאַרף איגעם אויסדרוק און, ווי מיר דאַכט, מיט מער אופריכטיקײַט, ווי ס'איז אָנגענומען בא זשורנאַליסטן, וועמענס פאַך עס איז פּאָליטיק.

— סע קאָסט מיך אַ מיליאָן דאָלער אַ יאָר דאָס אַרויסגעבן דעם זשורנאַל. צוליב דעם נייטיק איך זיך אין רעקלאַמע. און דאָס איז מײַן ענטפער אָף דער פראַגע, צי איך בין יאָ פון עמעצן אָפּהענגיק, צי ניט. אַוואַדע בין איך אָפּהענגיק!..

— מע דאַרף האָבן אין זינען, אַז די ייִדישע אַמעריקע איז הײַנט אונטערגעוואָרפן דער שטרענגסטער צענזור. איר ווילט וויסן, ווער ס'איז דער צענזאָר? דער דרוק פון ייִסראָעל! די מאַכט פון לאָביסטן! דאָס איז, זאָג איך אײַך, אַ צענזאָר, וואָס אַזעלכן האָט נאָך די וועלט ניט געזען...

— די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס זײַנען אין אַמעריקע אויסגעליידיקט. זיי האָבן ניט קיין מיטגלידערשאַפט, זיי קאָנען נאָר קויפן טומלער, און זיי האָבן ניט קיין אַנדער אויסוועג ווי פאַנאַנדערוויקלען קאַמפּאַניעס אַרום איניאָגים פון אַנדערע לענדער. אויב ס'וועלן זיך אײַנשטילן די דאָזיקע פּראָבלעמען, וועט מען ניט דאַרפן האָבן די קאָמיטעטן מיט די פירער מיט דער ציִעניסטישער פּאָליטיק...

— אונדזער מאַזל איז, וואָס די אַמעריקאַניש־ייִסראָעלדיקע באַציִונגען שטיצן זיך אָף בעשוטפעסדיקע אינטערעסן, וועלכע זײַנען מער סטראַטעגישע, איידער מאָראַלישע און היסטאָרישע, דער פּרעזידענט פון אַמעריקע וויל, אַז ייִסראָעל זאָל אין די אויגן פונעם אַמעריקאַנער פאָלק אויסזען ניט ווי אַ לאַסט, נאָר ווי אַ סטראַטעגישער פאַרמעגן. און מיר נוצן דאָס אויס.

— איך בין פאַר „דאָיִקײַט". די ייִדישע געזעלשאַפטלעכקײַט אין יעדן לאַנד דאַרף בויען אַ געזונט לעבן טאַקע נאָר בא זיך, און קוידעמקאָל בא זיך. צום באַדויערן, וויל אונדזער עסטאַבלישמענט, אַז דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום זאָל זײַן אַ מין בײַלאַגע צו ייִסראָעל, אַ געבער פון דאָלאַרן און אַן אָפּעקון אין דער צווישנלענדישער פּאָליטיק...

פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע און פיל ענלעכע געדאַנקען האָט דזשעק

ארויסגעזאָגט ניט אין איין אָטעם און ניט אומבאַדינגט אין דעם סיידער, ווי איך גיב זיי דאָ איבער, אָבער דאָס זײַנען זײַנע געדאַנקען, און כ׳קאָן זיך מודע זײַן, אַז ס׳איז מיר געווען אָנגענעם צו הערן די איבערגעבראַכטע אָפּשאַצונגען פון זײַן מויל.

עס איז אויך ניט שווער זיך אָנצושטויסן, אַז אַף געוויסע ארויסזאָגונגען פון מײַן אמעריקאַנער קאָלעגע האָב איך געהאַט אַ סאָוועטישן פּייַרעש. לעמאָשל, גאַנץ מאָדנע, אויב ניט אומגעלומפּערט, זעט אויס די לאָגיק, לויט וועלכער די פּאָזיציע, די אידיישע ליניע, די פּאָליטישע פּלאַטפאָרם פון אַ צײַטשריפט ווערט דיקטירט מיצאַד די רעקלאַמע־געבער. ס׳איז קלאָר, אַז אַף ארויסצוגעבן אַ זשורנאַל דאַרף מען האָבן געלט. דער געזעץ פונעם קאַפּיטאַל איז גרויזאַם. נאָר ס׳זײַנען באַוווּסט ניט ווייניק בײַשפּילן, ווען אַן אומאָפּהענגיקע ארויסגאַבע קעמפט פאַר עקזיסטענץ, ניט אָפּגעבנדיק איר פּראָגראַם, זי שיכטעט אויס אַן אייגענעם לייענער, און זי צווינגט, אין גליקלעכע פאַלן, אויך די רעקלאַמע־געבער צײַטנווײַז אָנקומען צו די דאָזיקע לייענער־שיכטן, און ווען זי קומט אום איינעם ניט גלײַכן פאַרמעסט מיט די פעטע פרעסע־שפּינען, לאָזט זי איבער אַ בענקשאַפט נאָך זיך, אַ געזעלשאַפטלעכע נויטווענדיקײַט אין איר פּראָגראַם, און ניט זעלטן קערט זי זיך אום צום לעבן, זאָל זײַן אונטער אַן אַנדער נאָמען, נאָר זי קערט זיך אום און הייבט אָן ווידער אַ קאָן צו קאַמפן און צו ווירקן. דאָס איז אַ שווערער וועג, אָבער אַ מער ווירדיקער, איידער יענער, וואָס איז ארויסגעפּלאַסטערט מיט מיליאָנען פון ארויסגעלאַסענע רעקלאַמע־געבער.

איך גלייב, אַז דזשעק פישביין וועט זיך ניט בייזערן פאַר אָט די ווערטער, איך האָב דאָך אָקאָרשט באַמערקט, אַז ער אליין רעדט אָפענע רייד, אָן דריידלעך.

זאָגנדיק „איך בין פאַר דאָזיקײַט", האָט דער רעדאַקטאָר פישביין אָן סאָפעק געהאַט אין זינען זײַן זשורנאַל, און אין דער זעלבער צײַט האָט ער אין זעלבן זשורנאַל אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פון איינעם אַ ראַבײַ — ראַלף סיימאָן, — אין וועלכן ס׳ווערט געפּריידיקט דאָרטיקײַט, אַזוי צו זאָגן: דאָס אמעריקאַנער יִידנטום דאַרף, ערשטנס, באַדינען מאַטעריעל און פּאָליטיש יִסראָעל, צווייטנס, ראַטעווען די סאָוועטישע יִדן; און ערשט דריטנס — עפּעס טאָן בא זיך גופע.

פאַר מיר זײַנען אַזעלכע פאַקטן פון דער זשורנאַליסטישער און רעדאַקטאָרישער פּראַקטיק דער אָנשוילעכסטער באַווײַז, אַז מיסטער דזשעק פישביין איז געווען גערעכט, ווען ער האָט זיך אליין פאַרגעבן די פראַגע, צי ער איז פון עמעצן אָפּהענגיק, און געענטפערט מיט אַ האַרצרײַסנדיקן אויסגעשריי: „וואָדע בין איך אָפּהענגיק!" פון וועמען? נו, יאָ, ס׳הייבט זיך אָן פון די רעקלאַמע־געבער, וואָס אויך זיי זײַנען, ווי מיר ווייסן שוין, דורכויס אַ פאַקטאָר פון פּאָליטישן דרוק, און עס ענדיקט זיך מיט — „איר ווילט וויסן, ווער ס׳איז דער צענזאָר? דער דרוק פון יִסראָעל! די מאַכט פון לאָביסטן!.."

דעריבער, ווען מיר זעצן אַוועק זיך דורכצושמועסן ווי צוויי קאָלעגן לויטן פאַך, איז דער סאָוועטישער צאַד, דאָס הייסט איך, ווײַט פון האָבן

וועלכע־ניט־איז איליוזיעס מיקויעך דער גרייטקייט פונעם אמעריקאנער צאַד צו זעלבשטענדיקע אקציעס.

און דאָך — לאָמיר זיך דורכשמועסן, קאָלעגע. זאָגט מיר כאָטש אָט וואָס, אז מע שטייט מיט פארלייגטע הענט און מע זעט צו, וויאזוי די יידישע נאציאָנאליסטישע אָרגאניזאציעס אין אמעריקע האלטן אין איין שיקן אולטימאטומס דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, און מע טוט גאָרניט צו אָפּשטעלן די דאָזיקע אידיאָטסטווע — בא אזא לאגע קאָן זיך דען עפּעס רירן פון אָרט?

דער רעדאַקטאָר פונעם ענגלישן זשורנאַל פאר יידישע איניאָנים כאפּט אונטער דעם געדאנק.

— איצט איז די צייט צו טאָן עפּעס טאָכיקס צוליב אָפּרייניקן די אט־מאָספער אף דער יידישער גאס!

א גלייכע זאך. מאָרגן וועט דער מאָסקווער גאסט זיך טרעפן מיט דעם ניי־אויסגעקליבענעם פּרעזידענט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס פיליפּ קלאָצניק, וואָס טראכט וועגן דעם דער אמעריקא־נער קאָלעגע?

דזשעק פישביין איז קלאָצניקס א נאָענטער פריינט. ס'איז בא זיי אָפּ־געשטעלט, אז יעדן דאָנערשטיק עסן זיי צוזאמען מיטיק און ווארפן זיך איבער מיט א פּאָר ווערטער. קלאָצניק, — זאָגט פישביין, — „קאָסט" 50—60 מיליאָן דאָלער. ער איז א מענטש, וואָס שטייט אף די אייגענע פיס. זיינ־דיק אין טאָך א מאזלדיקער געשעפטסמאן, האָט ער אף זיין לעבנסוועג אָפּט געפּרוווט דאָס מאזל אין גרעזעלשאפטלעכע, פּאָליטישע און אדמיני־סטראטיווע קאריערעס. ער איז איצט אלט פולע איין און זיבעציק יאָר, יינגער פון נאָכעם גאָלדמאנען אף עפּעס מער, ווי א יאָרצענדליק. ער איז אן אמעריקאנער פון קאָפּ ביז די פיס (געבוירן אין קאנזאס סיטי, מיסורי, שטודירט יוריספּרודענץ אין א קאטוילישן קאָלעדזש; געווען באשעפטיקט מיט וווינונג־איניאָנים און מיט די זעלבע פּראָבלעמען זיך פארנומען אין די 40־ער יאָרן אלס באאמטער פון דער רוזוועלט־ און טרומען־אדמיניסטרא־ציע; באם פּרעזידענט קענעדי געווען א ראטגעבער איבער יידישע אָנ־געלעגנהייטן), — אין אונטערשייד פון נאָכעם גאָלדמאנען, וועלכער איז אן אויסגעשפּראָכענער אייראָפּעיער. אזא בייט קאָן, נאטירלעך, אונטערזאָגן ענדערונגען און ניואנסן אינעם סטיל, אין דער אופירונג און אפילע אין דער אָריענטאציע פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. אזוי מיינט דזשעק פיש־ביין. קלאָצניק איז דער דריטער פּרעזידענט פון אָט דער אמביציעזער אָרגאניזאציע, דער ערשטער, פאר גאָלדמאנען, איז געווען סטיפען ווייז, אן אמעריקאנער...

ביכלאל איז דער ספּעקטאָר פון זיינע מיינונגען ניט ווייט פון ד"ר גאָלד־מאנס. האגאם גאָלדמאנס האָריזאָנט־בליק איז ברייטער, מאכט אָבער דעם געהעריקן איינדרוק קלאָצניקס געשעפטלעכער, מער רעאליסטישער צוגאנג. ווייזט אויס, אז דער ראָמאנטישער דאָר איז אוועק, קלאָצניק איז א ביזנעסמען. זיין דערפארונג פון א דיפּלאָמאט (ער איז געווען א מיט־גליד פון דער אמעריקאנער מיסיע אין דער אָרגאניזאציע פון די פאריי־ניקטע נאציעס) גיט צו געצוימטקייט זיינע עפנטלעכע דערקלערונגען.

דאָס הייסט אָבער ניט, אַז ער איז אַ פּאָליטישע רעטעניש. פּאַרקערט, מע ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער האַלט זיך פֿאַר אַ ליבעראַל. צוזאַמען מיט אַנדערע „טויבן״ האָט ער אין 1975 יאָר אונטערגעשריבן אַ דאָקומענט וועגן דער לייזונג פּונעם ייִסראָעל־אַראַבישן קאָנפֿליקט, וואָס האָט אַרויסגערופֿן גרויס אַגמעסנפּעש בײַ די אָפֿיציעלע קרײַזן אין דער מדינה. אין דער עפֿנטלעכקייט איז שוין עטלעכע מאָל אַרויסגעשוווּמען זײַן צעקריגטקייט מיט בעגינען.

אַזוי זאָגט דזשעק פּישביין. ער שטעלט אַרויס פֿאַר וויכטיק אויך דאָס, וואָס קלאָצניק האַלט אונטער אין משך פֿון אַלע זײַנע יאָרן די דעמאָקראַטישע פּאַרטיי, אין דער צײַט, ווען אויפֿן פּאָסט פֿון „פּרעזידענט פֿון אַלע פּרעזידענטן״ פֿון די וויכטיקסטע אַמעריקאַנער ייִדישע אָרגאַניזאַציעס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן אַ מענטש פֿון די רעפּובליקאַנער, דער פֿילאַדעלפֿיער אַדוואָקאַט טעאָדאָר מאַן, וועגן וועלכן ס׳וועלן נאָך ווײַטער געזאָגט ווערן אַ פּאָר ווערטער, אָבער איצט ווערט אונטערגעשטראָכן דאָס, וואָס אויב דער קאָמפּאַס אין ייִדישן וועלט־קאָנגרעס וועט זיך געבן אַ דריי אין עטוואָס אַ נײַער, נעמלעך, אין דער אויסגעשפּראָכן אַמעריקאַנער ריכטונג, דאַן שאַפֿט זיך, ווי מע זאָגט, אַ „שערל״ צווישן דער אָריענטאַציע אויף דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי מיצד דער אָנפֿירונג פֿון דער אַמעריקאַנער ייִדישער „פּרעזידענטן־קאָנפֿערענץ״ און דער אָריענטאַציע אויף דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי מיצד דער אָנפֿירונג פּונעם באַנײַטן ייִדישן וועלט־קאָנגרעס.

האַקלאַל, קאַרג דײַגעס האָבן די ייִדן פֿון אַמעריקע, איז דערצו נאָך אין נאָיאַבער 1977 אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַשינגטאָן דער ייִדישער וועלט־קאָנגרעס און, האָבנדיק אין זינען געוויסע הויך־מעלוכישע אינטערעסן, האָט דער פּרעזידענט דזשימי קאַרטער אײַנגעאָרדנט פֿאַר אים אַ ראָסקאָשנע שאָו, מיט אים אַליין אין דער שפּיץ, מיט דעם עקס־מעלוכע־סעקרעטאַר הענרי קיסינדזשער און מיטן פֿראַנצויזישן געזונטהײַט־מיניסטער פֿרוי סימאָן ווײַל, מיטן באַראָן אַלען דע ראָטשילד און מיט אַ מיניען מיניסטאָרן און געוועזענע מיניסטאָרן פֿון ייִסראָעל, סענאַטאָרן און קאָנגרעסמענער פֿון פּשאַ. די שאָו האָט געהייסן וואַשינגטאָנער סעסיע פּונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. און ווײַל די סעסיע איז געווען אַ וואַשינגטאָנער, איז די לייזונג אויך געווען אַ וואַשינגטאָנער, און דאָס וואָלט קיינעם ניט געאַרט, ווײַל אַלע ווייסן, אַז דער „פּאַרלאַמענט פֿון אַלע ייִדן״ איז, אַזוי ווי געווען, פֿאַרבליבן אַ שאָטן־קערפּערשאַפֿט פֿון דער ציִעניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע מיט פֿונקציעס פֿון אַרײַנשלעפּן וואָס ברייטערע קרײַזן אין איר טעטיקייט, אָן אָנגעטראָכטע און אָנגעבונדענע, אומנאַטירלעכע, קלאַל־ייִסראָעלדיקע, אויסערקלאַסעווע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, אַן אוטאָפּישער און אין פֿיל הינזיכטן אַ דאָן־קיכאָטישער „פּאַרלאַמענט״ (דעם פּרעזידענט ד״ר נאַכעם גאָלדמאַנען פֿלעגט מען רופֿן „דער שטאַטמאַן אָן אַ שטאַט״), און ווײַל לויט אָט דער ליניע איז די לייזונג געווען אַ וואַשינגטאָנער, וואָלט וואַשינגטאָן געדאַרפֿט, דוכט זיך, אויך די ליניע פֿון די אייגענע אָרגאַניזאַציעס אויסגלײַכן מיט יענער, פּונעם „פּאַרלאַמענט״.

נאָר געטאָן געוואָרן איז פּונקט פאַרקערט, און דעריבער האָט זיך באַקומען א סיטואַציע פון א פּאַשעטן פּאַרס...

וועגן דעם ווייסן אלע „נאציאָנאלע ייִדן" אין אַמעריקע: ווי עס האָט געשריבן איינער א פּיפיקער זשורנאַליסט, — סײַ די, וואָס דאַוונען נוסעך אשקענאַז, סײַ די, וואָס דאַוונען ספּאַרדיש, סײַ די, וואָס לייגן ראַבייִנו טאַמס טפילין און ווילן ניט יוצא זײַן בלויז מיט איין פּאָר טפילין, סײַ יענע, וואָס פאַרפעלן אמאָל מינכע־מײַרעוו...

דעם געדאַנק, אז איצט איז די צײַט צו טאָן עפּעס טאַקיקס אף ווייכער מאכן די אַטמאָספּער אף דער ייִדישער גאַס, זאָגט דזשעק פּישביין ארויס נאָכאַמאָל און פאַרענדיקט די רייד מיט א קאַטעגאָרישן אויספיר:

— קלאַצניק קאָן מיט דער צײַט ווערן א פּאָזיטיווער פאַקטאָר...

28. פּיליפּ קלאַצניק שטייט אף ביידע פיס

פּאָרנדיק אין ריטש קאַרלטאָן־האָטעל, ווו מיר וועלן עסן מיטיק מיטן נײַעם פּרעזידענט פון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס פּיליפּ קלאַצניק, האָב איך געזאָגט אלעקס קאַלקינען:

— מע דערציילט, אז ווען כאַיִם־נאַכמען ביאַליק איז אָפּגעווען א צײַט אין אַמעריקע, האָט ער דערזען, אז די טעטיקײַט פון די ייִדישע „נאציאָנאַלע" אָרגאַניזאַציעס איז ניט מער, ווי אײַנאָרדענען באַנקעטן אף צו זאַמלען געלטער. און ווײַל אף די באַנקעטן עסט מען געוויינלעך הינער־פלייש, האָט ביאַליק ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו זאָגן א קאַלאַמבור: דאָס ייִדישע לעבן אין אַמעריקע האַלט זיך אף הינערשע פיסלעך...

קאַלקין האָט א שמייכל געטאָן:

— דאָס זעלבע קאָן מען אויסדריקן אויך מיט אנדערע ווערטער, און דאָס האָט געטאָן ניט קיין אנדערער, ווי נאָכעם גאָלדמאַן, וועלכער האָט בעשײַטע באַמערקט, אז דער גײַסטיקער, אידעאָלאָגישער און קולטורעלער מאַצעוו פונעם ייִדישן יִישעוו אין די שטאַטן איז א מײַל די ברייט און אן אינטש די טיף... יאָ, דאָס אלץ איז טאַקע עמעס, אָבער די קאַפּוליער אָנ־צוהערעניש אײַערע, פּונקט דאַן, ווען מיר קלײַבן זיך גיין עסן הינער־פליייש, זעט מיר אויס צו זײַן א ביסל אַנטי־אַמעריקאַניש...

— איר וועט נאָך זאָגן אַנטי־ייִדיש־אַמעריקאַניש?

— אַנטי־ציִעניסטיש־ייִדיש־אַמעריקאַניש...

— נו, אויב איר וועט ארויסנעמען דאָס וואָרט „ייִדיש", וועלן מיר זיך מיט אײַך ניט שפּאַרן...

שמועסנדיק אזוי, זײַנען מיר צוגעפאָרן צום האָטעל און זיך אופגע־הויבן אפן צוועלפטן שטאָק, אין קאַרלטאָן־קלוב, ווו די רײַכקײַט, קאָן מען זאָגן, רינט איבער דער באָרד. אין די פיר ווענט איז אײַנגעשלאָסן א באַדינונגס־קאָמפּלעקס, וועלכער לאָזט ארײַן אין זיך א מענטשן מיט א טשעק־ביכל און גיט אים אלץ, וואָס ער וויל. פאַר אָט דעם מענטשן זײַ־נען פאַרגרייט פולע זעק מיט פאַרגעניגנס, וואָס האַלטן זיך אוף הינטער די צוגעמאַכטע טירן פון עטלעכע ווייניק באַזוכטע לוקסוס־קלייטן,

אין דעם שטילן קינאָ־זאל און אין „טונקעלן באר״... באם ארײַנגאנג אין די געמיטלעכע לאָקאלן שפרייטן זיך גאסטפרײַנטלעך פארשיידענע וואָרט־ערטער און האָלן, ווו פרעכטיקע הענג־לעמפ לאָזן זיך אראָפ פון די הויכע סטעליעס און פינטלען זיך איבער מיט מעשן־געשײַערטע ווינקל־קאנדעליאברען. אף טריט און שריט — קאפעען, בארן, טרינק־זאלן. נאָענט לעם זיי — בלומען־ און גרינס־אָראנזשערייען, פאָנטאנען, אויסשטעלונגען פון מאָדעס. דאָס אלץ איז צוליב דיר, נעם עס, האלט עס מיט די הענט, שלינג עס אראָפ, טו עס אָן אף זיך, לייג עס ארײַן אין קעשענע, קוק אף דעם, טראָג עס אוועק, — לאָז בלויז איבער א קליין בלעטעלע פאפיר מיטן אופשריפט „טשעק״...

פיליפ קלאָצניק זאָגט אונדז בייסן באקאנען זיך, אז דעם געבײַ האָט ער אויסגעבויט, און דאָ געפינט זיך זײַן וווינונג. ער פירט אונדז אָפ אין רעסטאָראן, אפן זעלבן שטאָק, און דער מיטיק הייבט זיך אָן. מיר זײַנען אינדרײַען, מער זעט מען קיינעם ניט. ווען מיר האלטן שוין אין סאמע מיטן, קומט צו גיין קלאָצניקס זון, אליין שוין ניט קיין יונגערמאנטשיק, צוזאמען מיט נאָך צוויי מאנצבלען. דער טאטע זאָגט דעם זון א פאָר טרוקענע ווערטער, און יענער אָרדנט זיך אײַן מיט זײַנע פרײַנט אין א צווייט אָרט פונעם רעסטאָראן. די קעלנערס קוקן ארויס אף קלאָצניקס א ווונק. ס׳איז שטיל און היימיש. פיליפ קלאָצניק איז שטארק אופגעלעבט. ער רעדט א פרײַען יידיש, צוגעפראוועט מיט ענגלישע ווערטער. דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס רופט ער „דזשויש וואָרלד קאָנגרעס״. אָנגעטאָן איז ער ווי אף דער ארבעט — אין א לײַכטן אָנצוג, אָן צאצקעס, דעם שניפס ניט שטײַף פארצויגן, אָן א טיכעלע אין וועסטל־קעשענקע פונעם פידזשאק, די מאנזשעטן סטארטשען ניט ארויס פון די ארבל. ער איז א מענטש פון מיטעלן וווקס, ווארפט זיך ווייניק אין די אויגן, בלאָזט פון זיך ניט — א מיליאָנער, ווי אלע הײַנטיקע מיליאָנערן.

וואָס איז שײַעך דעם מיינונגס־אויסטויש, וועלכן מיר האָבן געהאט, לוינט עפשער זיך אָפצוהאלטן אין אָט די נאָטיצן פון איבערגעבן דיאלאָגן און מאָנאָלאָגן, בעסער זיך באנוגענען מיט איבערכאזערן דאָס, וואָס איך האָב באַ זיך אין בלאָקנאָט פארצייכנט גלײַך נאָכן פארמאכן הינטער זיך די טיר פונעם האָטעל.

אָט וואָס איך האָב פארשריבן:

קלאָצניק הייבט אָן דעם שמועס מיט א פראזע, פון וועלכער עס שפארט ארויס דער אונטערטעקסט. פארן צוזעצן זיך צום טיש שטייט יעדערער פון אונדז א רעגע באַ זײַן שטול, און דאן טוט קלאָצניק א זאָג, אז — צי מע וויל יאָ, צי מע וויל ניט, נאָר ס׳איז שוין צײַט אוועקזעצן זיך באם טיש. די סיבע דערפון איז ניט דער קאפריז פון דעם אָדער יענעם מענטשן. ס׳איז פון לאנג באמערקט געוואָרן, אז אָפטוענדיק עפעס אזוינס, וואָס עס שטימט ניט מיט דער ביז איצט אײַנגעשטעלטער פראקטיק, און דערגרייכנדיק מיט דעם א דערפאָלג, טײַנעט דער פאָליטיקער, אז ער איז אף דעם געגאנגען לויטן אייגענעם ווילן. אינדערעמעסן אָבער האָט דער אָנגענומענער באשלוס זיך געצײַטיקט און געגרייט, און איצט איז ער ווי פון זיך אליין פארטיק געוואָרן.

אַלץ, וואָס קלאָצניק וויל, איז: מע זאָל זיך טרעפן אַ פּאָר מאָל אין יאָר — די אָנפירונג פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס און פאָרשטייער פון די סאָוועטישע יידן. אינפאָרמירן איינע די אַנדערע וועגן פאַרשיידענע זאַכן. דאָס, וואָס איז נייטיק, — באַהאַנדלען, אַרומריידן. ניט אָנעמען קיין רעקאָמענדאַציעס און באַשלוסן, פּאָשעט אונטערהאַלטן קאָנטאַקטן. וואָסי, ס'איז דען פאַרבאָטן צו דורכשמועסן זיך? מע זאָל מאַכן דעמאָנסטראַציעס און קלאַפּן די פענצטער אין אַעראָפּלאָט? ער אַליין, פיליפּ קלאָצניק, איז קעגן אַנטיסאָוועטיזם. ווען אין טעל־אַוויוו האָט מען אים מיטגעטיילט, אַז עס ווערט פּלאַנירט אַ דריטע בריסעלער קאָנפערענץ וועגן די סאָוועטישע יידן, האָט ער געוואָרנט, אַז דער דזשויש וואָרלד קאָנגרעס וועט דאָרט ניט זיין. איז פאַרוואָס טאַקע ניט איינפירן אָט אַזעלכע טרעפעניש? די סאָוועטישע פירער זאָגן דאָך אַליין, אַז קאָנטאַקטן זיינען בעסער, איידער קאָנפראָנטאַציע...

איך פרעג אים, צי ער איז באַקאַנט מיט דער מאַרקסיסטישער שטעלונג, וואָס אַנערקענט ניט די עקזיסטענץ פון אַן איינהייטלעכער אַלוועלטלעכער אויסערקלאַסעוועער יידישער נאַציע. יאָ, ער איז מאַסקים, אַז יעדערער דאַרף לעבן אין זיין לאַנד אַזוי, ווי ער וויל. דאָס איז אָבער ניט דער ענטפער אויף מיין פראַגע. אַרומפאָרנדיק איבער דער וועלט, קום איך אַלץ מער צום אויספיר, אַז די קעגנער פונעם מאַרקסיזם, באַזונדערס אין דער יידישער סוויווע, ווייסן זייער שוואַך דעם מאַרקסיזם. דאָס איז, בין איך זיכער, ערגער פאַר זיי, איידער פאַר אַנדערע.

עס דאַרף זיין קלאָר, אַז אויסדינגען באַם מאַרקסיזם אַן אָפּוויכונג פון די יעסוידעס וועט זיך ניט איינגעבן — ניט דורך בריסעלער יאַרידן, ניט דורך פאַרבייטן זיי מיט אַ טאַקטיק פון אַריינאַרן. עס דאַרף אָפּגעשטעלט ווערן דער קאַלטער קריג, דאָס ספעקולירן אויף דער „יידישער פראַגע", און אויב עס זיינען פאַראַן נייגעריקע צו באַקאַנען זיך מיט דעם לעבן פון די יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, איז געבליבן צו טאָן דאָס, וואָס איך טו איצטער, ווילנדיק וויסן, וויאַזוי עס לעבן די יידן אין אַמעריקע. דער פרעזידענט פונעם יידישן וועלט־קאָנגרעס קאָן כאָטש מאָרגן קומען אין סאָוועטנפאַרבאַנד. די ריאַלסטע אינפאָרמאַציע באַקומט מען, ווען מע זעט די זאַך מיט די אייגענע אויגן. ס'איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, באַ אַ רעאַליסטישן און רויִקן צוגאַנג צום אינייען, מע זאָל אויסהערן פון צייט צו צייט אַ רעפעראַט פון אַ סאָוועטישן יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער וועגן דעם מאַצעוו פון די יידן אין זיין לאַנד, וועגן דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועגן דער שטעלונג פון די סאָוועטישע יידן צו דער אָדער יענער פּראָבלעם.

מיינע ווערטער וועקן אויף באַ קלאָצניקן אַן אינטערעס. צי איז ניט נאָענט דאָס, וואָס איך זאָג, צו דעם, וואָס ער מיינט? ניין, ס'איז ניט נאָענט. ער האָט אין זינען אָרגאַניזאַציאָנעלע קאָנטאַקטן, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס קאָנען אויסגעטייטשט ווערן ווי אַן אָנשליסונג, אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס, מיצאַד די סאָוועטישע יידן צום דזשויש וואָרלד קאָנגרעס, און איך האָב אין זינען, אַז צווישן סוויוועס טוישן זיך אויס מיט קולטור־דערגרייכונגען, מיט ליטעראַטור־ און קונסט־ווערטן, מיט נוצלעכע

דערפארונגען, און ביידע פירן זיי זיך אויף קאָרעקט איינע צו דער צווייטער.

קלאָצניק זאָגט, אַז ער איז אַ מענטש פון גוטן ווילן, בעשום־אויפן ניט קיין „פּרעסער" פונעם טיפ סאָוועטנפּרעסער. איר זעט, איך עס בעטעווע ווייניק... ער האַלט, אַז די אָנפירער אַף דער אַמעריקאַנער ייִדישער גאַס זוכן ניט זייער באַרוף אין אַרבעטן פאַרן אַנטיסאָוועטיזם, גיכער אַרבעט דער אַנטיסאָוועטיזם אַף זיי. צו אַלץ מוז קומען אַ סאָף, און זיי פאַרשטייען עס. דער דרוק אַפן סאָוועטנפאַרבאַנד, מיינט ער, האָט עפּעס־וואָס געגעבן דאָן, ווען ער האָט אַרייַנגעשפּילט אין דער „גלאָבאַלער דינגעניש" צווישן די גרויסמאַכטן. אַף מייַן פּרוּוו צו מאַכן אַ קאָרעקטיוו צו אָט דעם אָרט פון זייַנע רייד ענטפערט ער, אַז באַלד וועט ער זאָגן אַזוינס, וואָס וועט מיר דאַפקע יאָ געפעלן, און ער זאָגט: צו די דעמאָנסטראַציעס און טומלערייַען איז מען שוין אין אַמעריקע צוגעווינט, און סע וועט קלאָר, אַז זיי זייַנען איבעריק. מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז אין דער אַמעריקאַנער פּסיכאָלאָגיע גייט אַרייַן אַזאַ מאָדנע טעווע, ווי זיך זאָרגן וועגן דער גאַנצער וועלט, דאָס, וואָס איר רופט אָן שטופּן די נאָז אין אַ פרעמדן גאָרטן. דעריבער דאַרף מען זיך ניט אויפרייצן, ווען אין ניו־יאָרק רייַסט מען זיך די גאָרגלען אַרום, לאָמיר זאָגן, דיסידענטן אין רוסלאַנד. ערנסטע פּאָליטיק קוקט זיך ניט אום אַף דעם.

עס גייט אַוועק אַ רייד וועגן אַליִא און עמיגראַציע. פיליפּ קלאָצניק איז געשטימט סקעפּטיש. דער פּרעזידענט פון דער ייִדישער אַגענץ אַלמאָגי זאָגט, אַז ער וויל אַ מיליאָן ייִדן, אָבער אַפילע 150 טויזנט איז ייִסראָעל ניט געווען בעקויעד אייַנצואָרדענען. ווי שטענדיק, האָבן געהאָלפן די אַמעריקאַנער ייִדן — צוגענומען אַ טייל, דאָס הייסט איבערגעמאַכט אַליִא אַף געוויינלעכער עמיגראַציע. איך פרעג קלאָצניקן, צי דאָס עמיגרירן פון אַ צאָל סאָוועטישע ייִדן אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועט זיך אָפּרופן צום גוטן פאַר דעם דאָרטיקן ייִשעוו. זייַן ענטפער: אַליין וועלן זיי קיין נוצן ניט ברענגען אַמעריקע, דאָס דערוואַרטן מיר פון זייערע קינדער און אייניקלעך...

איך זאָג אים, אַז ער וואָלט באַדאַרפט פאַרעפנטלעכן זייַן פּראָגראַם. ער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ: יאָ, עס גייט דערצו...

דערווייַל וועל איך דאָ עטוואָס — טאַקע ניט מער, ווי עטוואָס — צוגעבן פון מייַן זייַט. און ווידער — אַרום דעם איניען, צי עס קאָן האַנדלען פרייַ און אומאָפּהענגיק אַפילע אַזאַ הויכראַנגיקער מאַנהיג באַם ציִעניזם, ווי עס איז פיליפּ קלאָצניק. איך וועל זיך אָפּהאַלטן פון טעאָרעטיזירן און וועל ברענגען בלויז אַ פרישן פאַקט.

בייַם אונדזער שמועס, ווי ס'איז צו זען, האָט קלאָצניק זיך געהאַלטן, ווי ער וואָלט באַהערשט און קאָנטראָלירט די לאַגע אין זייַן סוויווע. נאָר דאָס איז ווייַט ניט אַזוי. ניט לאַנג צוריק, זייַענדיק שוין פּרעזידענט פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, האָט ער געוואַגט אַרויסזאָגן אַ מיינונג, אַז די ייִדישע מעדינע דאַרף מיט אירע האַנדלונגען אַרויסרופן צוטרוי צו איר וואָרט, דערבייַ האָט ער געגעבן אָנצוהערן, אַז דעם פּרעמיער־מיניסטער פון ייִסראָעל — מענאַכעם בעגינען — קאָן מען ניט געטרויען. די ציִע־

ניסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט גלײַך אופגעהויבן אַ אַנטיקלאָצניק־טומל.
ס'איז אים אויסגעוואָרפן געוואָרן, אַז ער האָט געוואָלט אַרויסרופן אַן
אַמעריקאַנער דרוק אַף דער מעדינע. קלאָצניק האָט ניט געקאָנט איגנאָ־
רירן די קאַמפּאַניע פון פּאָליטישן שאַנטאַזש, וועלכע האָט ערשט ניט לאַנג
צוריק פּאַשעט געמאַכט צונישט די טויבן־גרופּע אינעם אַמעריקאַנער ציִע־
ניזם — „ברײרע” — דערפאַר, ווײַל זי האָט אַרויסגעזאָגט אַ מײנונג, אַז
אויב מיט עקספּאַנסיע און קויעך גיט זיך ייִסראָעל ניט אײַן צו באַהערשן
די לאַגע אַפן נאָענטן מיזרעך, איז פאַראַן אַן אַנדער ברײרע, וואָס זעט
פאָרױס אַ גערעכטן, אַלזײַטיקן, דויערנדיקן שאָלעם. נײן, פיליפּ קלאָצניק
איז ניט בעקויעך געווען אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט די קאַמפּאַניע קעגן
אים, און ער האָט געמוזט אָפּלײקענען דאָס, וואָס ער האָט פריִער אין
אַזאַ אָדער אַנדער פאָרם פונדעסטוועגן יאָ געבראַכט אַף די
ליפּן...

(אויב דאָס געזאָגטע איז נאָך ווייניק אַף צו איבערצײַגן זיך, ווי גע־
שרענקט עס זײַנען די מעגלעכקײַטן בא די מער פאָרזיכטיקע ציִעניסטישע
לידערס צו באַגײן זיך פאָרזיכטיקער מיט פּאָליטישע צײַט־פראַגן, וועל
איך דאָ צוגעבן, אַז דער שוין דערמאָנטער אין אָט די נאָטיצן נײַער
„פּרעזידענט פון אַלע ייִדישע פּרעזידענטן” אין אַמעריקע טעאָדאָר מאַן
האָט עפּעס אײן מאָל אַ פּרוּוו געטאָן מיט אַ האַלב מויל אַרויסשטאַמלען
עטלעכע ווערטער וועגן דעם, אַז קאָלזמאַן עס קומען פאָר די אונטער־
האַנדלונגען צווישן ייִסראָעל און עגיפּטן, וואָלט מען באַדאַרפט אָפּשטעלן
דאָס מאַכן נײַע ייִסראָעל־באַזעצונגען אין „יעהודה ושומרון”, פאַשעטער
גערעדט — אַפן מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן, האָט אים געענטפערט די
ציִעניסטישע פּרעסע מיט אָט אַזאַ לאָשן: „דער דאָזיקער פילאַדעלפיער
ייִד איז הײַנט דער פּרעזידענט פון אַלע אַמעריקאַנער ייִדן. מיר האָבן
זויכע געווען, אַז אַלע אָרגאַניזאַציעס האָבן אָפּגעקליבן דעם דאָזיקן טעאָ־
דאָר מאַן, ער זאָל אין זײער נאָמען רעדן פאַר אַלע אַמעריקאַנער ייִדן.
אָבער טעאָדאָר מאַן איז ניט קײן געווײלטער פירער...” („אַלגעמײנער
זשורנאַל”). וואָס איז געבליבן צו טאָן דעם ניט געווײלטן פּרעזידענט,
קעדײ צו בלײַבן אַפן בענקל? ער האָט גלײַך אָנגעשריבן אַ בריוו צום
הויפּט־ראָוו פון ענגלאַנד עמאַנויל יאַקאָבאָוויץ, וועלכער האָט אין לאָנ־
דאָנער „דזשויִש קראָניקל” אַרויסגעזאָגט אַן ערעך דעם זעלבן געדאַנק,
וואָס ער, טעאָדאָר מאַן, און אין דעם דאָזיקן פאַרעפנטלעכטן אין דער
פּרעסע בריוו איז ער, טעאָדאָר מאַן, זיך באַגאַנגען מיטן דרײסטן ראָוו
פונקט אַזוי, ווי מיט אים, טעאָדאָר מאַנען, איז זיך באַגאַנגען די ציִעניס־
טישע פּרעסע, ווען ער האָט געוואַגט אַרויסזאָגן אַן ערעך דעם זעלבן גע־
דאַנק, וואָס דער דרײסטער ראָוו...).

און דאָך וויל איך ניט בעשום־אויפן פאַרמינערן די וויכטיקײַט פון
דעם, אַז די מאַנהיגים פונעם ציִעניזם זאָלן דענקען און האַנדלען רעאַליס־
טיש. וועגן די אײַנגעבוירענע שוואַכקײַטן פון זײערע אַלטע, פאַרזעסענע
„פירער” רײדן זײ אַלײן. דער שוין אונדז באַוווסטער ניו־יאָרקער רעדאַק־
טאָר גערשן דזשײקאָבסאָן האָט געשילדערט די זאַך אַזוי: „אָפּט הערן זיך
מײנונגען, אַז די ייִדישע פירערשאַפט (אין פּשאַ. — א. וו.) האָט באַנקראָ־

טירט: אז די פירער טוען גאָרניט, און ווען זיי טוען יאָ עפּעס, איז עס צו שפּעט און צו ווייניק און טיילמאָל אומגעלומפּערט. די צאָרע באַשטייט אין דעם, וואָס דער אוילעם איז אַטראָפירט, גלײַכגילטיק און אַנטוישט. די מערסטע ייִדן ווייסן, אַז זיי האָבן ניט קיין אײַנפלוס אָף די מאַנהיגים און אַז די פירער האָבן ניט די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט אָפּ־צוגעבן אַ דין־וועכעזשבן. הערשט דעריבער אַ מאָדנע אָפּהענטיקע שטימונג...״

נאָך פינקטלעכער האָט געשריבן אין זײַנעם אַן אַרטיקל דער לאָנדאָ־נער פירנדיקער ציוניסט ד״ר ש. לעווענבערג, איינער פון די שטאַרקערע פּובליציסטן אין זייערע רייען: „אַ ייִדישער קלאַל־טוער האָט אַמאָל גע־זאָגט, אַז אויסער קאָנסטיטוציעס דאַרף מען האָבן סייכל. ייִדישע פירער דאַרפן וויסן, ווען צו רעדן און ווען צו שווײַגן. אַ ביסעלע כאָכמע איז שטענדיק נוצלעך״...

און אָט איז אַ קאָל פון פּאַריזש. אַ טוער פון דער דאָרטיקער סעקציע פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס — וו. קאַראַל — האָט אין זײַנעם אַן אַרטיקל „גוירלדיקע ייִדישע פּראָבלעמען אין דער הײַנטיקער וועלט״ זיך אויסגע־דריקט אַזוי: „אַ גרויסע צאָל ייִדישע פירער טראָגן אַ שווערע פאַראַנט־וואָרטלעכקײַט פאַר פאַרזיידיקן אַ שמאָלן און קליינקעפלדיקן נאַציאָנאַליזם, וואָס פאַרשטאַרקט נאָך מער די איזאָליאַציע פון ייִסראָעל און פון ייִדן ביכלאַל״... ער ברענגט אַן אַרויסזאָגונג פונעם ייִסראָעלדיקן סאָציאָלאָג פּראָפ. טאַל אָף איינער פון די סעסיעס פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס: „די אופּאָסונגען און די מײַסים פון די ציוניסטן זײַנען שטאַרק אַלטמאָדיש און אין ווידערשפּרוך צו דער הײַנטיקער צײַט״...

קאָן זײַן, אַז טאַקע דערפאַר האָט פיליפּ קלאָצניק, געזעגענענדיק זיך מיט מיר, אַ זאָג געטאָן:

— נעמט אַ צעטל פון אַ צוואַנציק־דרײַסיק ייִדישע פירער אין אַמעריי־קע און שיקט זיי רעגולער אַרײַן „סאָוועטיש היימלאַנד״, קעדיי זיי זאָלן ווייסן, וואָס מע טראַכט וועגן די פּראָבלעמען אין מאָסקווע...

29. מאַיאַמי ביטש — אַ גאַניידן אין אַמעריקע

ניט אַנדערש, ווי ס׳איז געשען אַ נעס: פאַר צוויי מיט אַ פערטל שאָ, וואָס כ׳האָב זיך געפונען אין אַעראָפּלאַן, איז פונעם אײַנגעקאָרענעטן, אומפאַרענדערלעכן, דוכט זיך, שוין אָף אייביק אײַנגעשטעלטן טשיקאַגער ווינטער געוואָרן אַ פאַרטיקער, שוין אויך, דוכט זיך, אָף אייביק אַן אײַנ־געשטעלטער פלאָרידער זומער. אַזוי פאַרשיידנאַרטיק איז די וועלט, אַזוי איז זי גרויס און שיין!

די פלאָרידער שטאָט מאַיאַמי ביטש, וווהין מיר זײַנען אָנגעקומען, איז אַ גאַניידן פאַר מענטשן, וואָס ווײַכן פון דער קעלט. מע קאָן זאָגן, אַז די 200 טויזנט אַמעריקאַנער ייִדן, וועלכע האָבן צוביסלעכווײַז זיך דאָ אויפ־געזאַמלט, האָבן געהאַט דערבײַ איין זאָרג: אָנוואָרעמען אַ ביסל די ביי־

נער. דאָס זײַנען עלטערע מענטשן — „ארופגעהאָרעוועטע", אויב מיט אָט דעם וואָרט זיך פּרווּון רעאביליטירן דאָס ניט גענוגיקע „ארופגעארבעטע", וואָס האָט אַ בײַטאָם און ענטפערט ניט, יעדנפאלס, אין דער פולער מאָס אַף דער טײַנע, פארוואָס דער אמאָליקער ארבעטס־מענטש האָט איצט אויסגעקליבן פאר זיך דעם ווייכערן און שטילערן ווארײַאנט פונעם טאָג־לעבן.

די „ייִדישע שטאָט" מאיאמי ביטש זעט אויס ערטערווײַז ווי אונדזערע קוראָרט־שטעט אַפן דאָרעם, נאָר ניט אזוי פונדאמענטאל אוועקגעשטעלט אַף דער ערד, מער ענלעך, מיט אירע מאָלעריש־ברעטלדיקע ווילעס, מיט דער לײַכטער ארויסרופערישקײַט אדג., אַף דעקאָראציעס, וואָס אימיטירן דעם גלאַנץ פון אַ דאָרעמדיקן קראַך. אינדערעמעסן זײַנען לאָס־אנדזשע־לעס, סאַן־פראַנציסקאָ מער „יאלטעדיק", מער „אָדעסיש", איידער מאיאמי ביטש, און אוודאי שוין איידער אליין מאיאמי, די גרעסערע לויטן פאר־נעם, נאָר פיל וואָכעדיקערע פון דער בײַ־אָקעאַנישער פאָרשטאָט אירער מאיאמי ביטש. יאָ, סאַן־פראַנציסקאָ, לאָס־אנדזשעלעס זײַנען אויך איצט דאָס אלטע טײַערע געפּעס, וואָס עס שטעלט ארויס פון זיך קאליפאָרניע. אָבער אליין קאליפאָרניע, זאָל זי מיר מוחל זײַן, איז שוין אַ פאררייכער־טער סאַמאָוואר אין פארגלײַך מיט דער זון־געצערטלטער זילבערנער נאַ־טור־טאָץ, וואָס רופט זיך פלאָרידע, און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס אין אַ מאיאמי ביטש, אַ פאַלם ביטש, אַ סענטשורי סיטי קאָן מען שוין טרעפן קאליפאָרניער, וועלכע זײַנען געקומען אהער עטעמען מיט פרישער לופט, זיך דערוואַרעמען...

טאַקע דאָס ערשטע, וואָס ווארפט זיך אין די אויגן, ווען דו קומסט אָן אין פּעוּוראַל כוידעש קיין מאיאמי ביטש, איז — די גרויסע צאָל עלטערע מענטשן, וועלכע האלטן זיך דאָ אוף אף צו איבערווינטערן. אָט זײַנען זיי, מײַנע ייִדעלעך! זיי זיצן אַף די גאַנעקעס, ווי אמאָל אינעם שטעטל:

אוי לאַנג פון מאָלינעץ, און בין נאָך אַלץ אַ גרינער,
אַ געפּאַקטן סאָבוויי נעם איך אָן פאר אַ קורניק מיט הינער.
אַז איך זע זיך אופהייבן אן עראָפּלאַן צום הימל,
מײַן איך, אַז אַ „סקאַטערט סאַמאָבראַנקאַ" מאַכט דעם טומל.
אַזוי לאַנג פון מאָלינעץ, און ווער וועט עס דען גלויבן,
אַז דער וואָלוואָרט־טורעם איז באַ מיר אַ טויבנשלאַק מיט טויבן!
טויבן מײַנע ווײַסע, מײַנע יונגע טרוימען,
איר זײַנט זיך צעפלויגן, ווי אַ רויך פון קוימען.
אַזוי לאַנג פון מאָלינעץ, און ווער וועט עס דען וויסן:
אַז איך זע אַ קעלבל, וויל איך עס באַגריסן.
און ווי סערגייִ יעסענין מיט די בלויע אויגן —
אַז איך זע אַ קו, וויל איך זיך פאר איר פארבויגן.

(די דאָזיקע ליד האָט אָנגעשריבן הענעך אקערמאַן, אַ ייִדישער דיכ־טער פונעם עמיגראַנטישן דאָר, אַ ווייניק באַוווּסטער, אָבער, ווי מיר האָט זיך אויסגעדוכט, ווען כ'האָב די ליד דורכגעלייענט אין נאָכמען מײַזילס

אנטאָלאָגיע „אמעריקע אין יידישן וואָרט", א ביז גאָר באַגאַבטער אונ. פאַרשטייט זיך, לאַכלוטן ניט קיין „אמעריקאַנער" — אינגאַנצן א „רוסי־שער". אין א צווייטער ליד שרייבט ער אויס מיט ווייטעק: „כ'גיי דאָ אום א פרעמדער אף ניו־יאָרקער גאַסן"... „כ'וווין דאָ אין א דירע אף א שטאָק א הויכן (ס'איז ניט קיין כאַלופּקע, אופגעשטעלט פון ליים), נאָר איך גיב קיין טראַכט ניט, נאָר איך שטעל קיין פוס ניט, כ'זאָל זיך ניט דערמאָנען אין מיין אַלטער היים"...).

מיינע אין טאָך אומגליקלעכע יידן, אפילע ווען נאָכן עמיגרירן קיין אמעריטשקע האָט זיך זיי דאָס לעבן איינגעגעבן, מיינע אייביק בענקענ־דיקע, מיינע איבערגעזעצטע, ווי הינער פון זייער היימישער נאַסידעלע אף אן אנדערער, א פרעמדער... אָט זיצן זיי אף די ווערענדע־גאַנעקעס, אָט גייען זיי ארום אף וואַשינגטאָן־אַוועניו, אף קאַלענס אַוועניו, איבער לינקאָלן־ראָוד, סאַוט ביטש, אָט שטעלן זיי זיך אָפּ בא דעם האָטעל, בא יענעם האָטעל, קוקן אריין פון דרויסן אין קאַפע־הייזער, שפּיינען קלעק פונעם סטריפּטיז־לאָקאַל, וועלכער איז ארומגעשטעלט פאַזע די אויסער־לעכע ווענט מיט „קימאַט גראָטעסקע" סקולפּטורן. זיי זיינען אָנגעטאָן אין פילקאָלירינקע פידזשאַקלעך, אין געקעסטלטע הויזן, ביז פאַרנאַכט — אין פּיזשאַמעס. זיי האָבן שוין ביינכלעך, זיינען ראַזירט און אָנגעדושעט, אָבער טוט זיי נאָר אויס נאַקעט, וועלן זיי ווידער אין איין אויגנבליק ווערן די זעלבע יידן פון מאָלינעץ. אין גאַס פירן זיי זיך אין גרופּקעס, מיט די לעבנס־באַגלייטערנס בא דער זייט, שטעלן זיך אָפּט אָפּ, קעדיי זיך דורכ־וואַרפן מיט א וואָרט, נעמען זיך צונויף אין רעדלעך. פאַראַן צווישן זיי „יונגע אַלטיטשקע" — הויט און ביינער, מיט געפאַרבטע פּאַריקן, פאַראַן גראָבע־קרענקלעכע. ניטאָ בלויז קיין יוגנט, די קינדער זיינען שוין אמעריקאַניזירט. און זיי זוכן ניט ווינטער־צייט קיין וואַרעמע ערטער.

אין קאַפע פירן זיך אייניקע פון זיי אוף, ווי זיי וואָלטן מיט זייער זיין דאָ געטאָן עמעצן א טויווע. בא א טישל זיצן ער און זי. ער — א נאָכאַלנער ייד — שטופּט צוריק די טעלער, בייס די קעלנערן וויל זיי שטעלן אפן טיש. זי — א סאַך ייִנגער פון אים, אָנגעטאָן ווי א פּאַווע, עסט לאַכנדיק און לאַכט עסנדיק, דערביי קוקט זי מערער ארום זיך, איידער אין טעלער אריין. די קעלנערן — א יונגע טונקעלע אינדוסקע, מע זעט זי לויט די גרויסע רינגלעך, גאָלדענע, צי מעשענע, וואָס זיינען אונטער־געהאַנגען בא די שפּיץ אויערן און מינען זיך אין דער שוואַרצקייט פונעם האַלדז, אופכאַפּנדיק בליצן שיין סיי פון די לאָמפּן, סיי פון די גרויסע ווייסע אויגן, וואָס זי, די אינדוסקע, גיט אלע מאָל א צעפּן.

האַקלאַל, מיר זיינען אין מאַיאַמי ביטש. אזויווי אין אלע אנדערע גאַ־ניידנס, גייט דאָ א פאַרביסענער קאַמף צווישן קויכעס פון שלעכטס און קויכעס פון גוטס. די „גאַס" איז פול מיט ליידנשאַפטן, ווייל ס'האָט זיך אָקאָרשט פאַרענדיקט א וויכטיקע שלאַכט ארום דעם אָרטיקן יידישן קול־טור־צענטער.

אָ, דער „דזשויש קאַלטשאָראַל סענטער"! די גרויסע ליכטיקע געביידע

אף לענאָקס אווענױ, װעלכע ס׳האָט אױסגעבױט אף זײַנע אָפּשפּאָרונגען דער ארבעטס־מענטש! מיט א צײַט צוריק האָבן די פלאָרידער אָנהענגער פון אן אנטיסאָװעטישער „מאָרגן־פרײַהײַט" געפּרוּװט פארכאפּן די אָנפירונג מיט אָט דעם צענטער פונעם פּראָגרעסיװן ייִדישן יישעװ. בײַס די װאלן האָבן זײ אָבער געליטן א מאפּאָלע. אלס פּרעזידענט איז װידער אױסגעקליבן געװאָרן מאקס קלײַן — דער אנערקענטער אָנפירער פון דער פּראָגרעסיװער ייִדישער אָרגאניזאציע, װעלכער שטײט פעסט אף דער פּלאטפאָרם פון פּראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם.

בעשאס דער באגעגעניש אין אעראָפּאָרט האָט זיך געפילט, אז מאקס קלײַן איז איבער עפּעס פארדײַגעט. װאָס איז די סיבע? די שפּאלטער פון דער פּראָגרעסיװער באװעגונג קלײַבן זיך פּיקעטירן די מאסן־פארזאמלונג אונדזערע אינעם קולטור־צענטער. יאָ, יאָ — ארומדרײען זיך אפן סאמע פּרימיטיװן אופן מיט אנטיסאָװעטישע פּלאקאטלעך באם ארײַנגאנג און הינטער די פענצטער! זעט אױס, אז דער דורכפאל אין די װאלן האָט שױן אײַנגאנצן אָפּגענומען בא זײ דעם סײכל. הערנדיק, װי עס דערצײלט װעגן דעם מאקס קלײַן און די זײער סימפּאטישע ראָזע סאָרקין (א געװעזענע קראנקן־שװעסטער אין שפּאנישן קריג; אגעװ, צוזאמען מיט איר האָט אין דער אינטערנאציאָנאלער בריגאדע געקעמפט און איז דאָרט פארװוּנדעט געװאָרן אלעקס קאָלקינס פרוי סאָניע), — האָב איך א טראכט געטאָן, אז דער מאָטאָר פונעם לעבן דערנענטערט אמאָל צװישן זיך געשעענישן מיט א קאָפּשװינדלענדיקער שנעלקײַט. ערשט נעכטן האָט מען אין טשיקאגאָ געשמועסט, אז ס׳איז מעגלעך אזא סאָרט אראָפּקײַקלען זיך אין סאמע געמױזעכץ מיצאד אָט די לײַט, און הײַנט, אין מאיאמי ביטש, איז עס שױן א פאקט, איך מוז זיך מודע זײַן, אז װי א טראגישע װאָרענונג, װאָס די צײַט מאכט געװיסע געזעלשאפטלעכע טוער, האָט מיר אױסגעזען דאָס באנוצן בענעגײע די געמאָלדענע פּאָטענציעלע פּיקעטירער דעם צונאָמען „נאָװיקס דעפענס ליג"...

נאָװיק האָט „געראטעװעט" זײַן פּאָנעם מיט דעם, װאָס אין דער לעצטער מינוט האָט ער, דער איניציאטאָר פון אָט דעם אומזין, אָנגעקלונגען פון ניו־יאָרק אין מאיאמי ביטש און געהײסן זיך אָפּהאלטן פון „מארשירן", װײַל אין דער געשאפענער סיטואציע װעט עס ארױסרופן א שטורעם פון פארורטײלונג. בעסער זאָל מען קלינגען אין די טעלעפאָנען, ניט דורכלאָזנדיק קײן אײן ייִדן, און בעטן און פּאָדערן, אז קײנער זאָל ניט קומען אף דער פארזאמלונג (עס איז פאראן א מײנונג, אז אױך דאָס — צװישן פיל אנדערס — איז געװען א סיבע דערפון, װאָס דער גרױסער זאל פונעם קולטור־צענטער איז געװען פול געפּאקט).

יאָ, דער זאל האָט געהודעט מיט יענער גוטער הודערײַ, װעלכע מיר הערן אין די טעלעפאָן־דראָטן, װאָס זאָגן צו געגארטע נײַס פאר די מענטשן. ס׳איז געװען א באגעגעניש פון א װעלט, װאָס װיל װיסן, מיט א װעלט, װאָס װיל דערצײלן. נידער מיט די קלײנלעכע פארדאכטן! באװײַזט אונדז, אדעראבע, אײַער ארט לעבן, לײגט ארױס אײַערע מײנונגען, מיר זײַנען ניט פארדאָרבן, אונדזערע הערצער זײַנען ניט אָפּגעקילט צו דער נײַער װעלט!

אין מעשעך פון א מינוט צען־פופצן פארן אָנהייב פון דער פאָלקס־פארזאמלונג בין איך אזוי באלאגערט פון די אָנוועזנדיקע, אז ס'איז שווער איבערכאפּן דעם אָטעם. דער אוילעם איז געשטימט פאָלעמיש, אָבער ניט בענעגייע אונדז — בענעגייע די „אייגענע" אמעריקאנער באוועגונגען. איינער טוט עס אזוי: ער גיט מיך א שלעפּ באם ארבל, איך זאָל אים אויסהערן, און זאָגט, אז אויב איך האָב כיישעק צו וויסן, ווי־אזוי עס קאָכט איצט אין די שטאטן מיט ציעניזם, דארף איך זיך דערמאָנען, וואָס עס האָט וועגן דעם געשריבן מאָריס ראָזענפעלד אין זיינעם א פעליעטאָן, וואָס הייסט „אינמיטנדערינען". ניט געבנדיק מיר אפילע קיין סעקונדע אף צו דערמאָנען זיך, טוט ער א געשריי אויס:

אמעריקע, וואָס רוישט מיט בלאָף,
ווו מע פארוואסערט אידעאלן —
מיט ציעניסטן איז באפאלן,
מיט ציעניסטן אָן א סאָף.

ווו נאָר א באָק און „פּאָליטישן",
קומט איצט מיט ציען־רייד זיך מישן,
וויל ווערן אונדזער „ראָש־ווערישן"...

באם שטים־קעסטל וועט ציען ציען,
מע דארף נאָר ציענס פעלד צעריען.

א צווייטער פון די פארזאמלטע אין זאל וויל מיר מיטיילן זיין מיי־נונג וועגן נאָך א „יידישער קרענק". ער האָט דעם הויפּט־געדאנק פאר־שריבן, און ס'וועט ניט זיין איבעריק, אויב דאָס וועט אָנגעדרוקט ווערן אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" אין דער רובריק „קאָמענטארן פון רעדאקציע". ווען איך זאָג אים, אז קאָמענטארן שרייבט אליין די רעדאק־ציע, טוט ער א מאך צו מיר: „און מיר, לייענער, זיינען דען ניט די רע־דאקציע?". ער שטעלט זיך אוועק אין א פּאָזיציע און לייענט פונעם פּאפּיר: „אין די זעכציקער—זיבעציקער יאָרן האָט זיך אויסגעפאָרמירט א נייע יידישע רעאקציע. דאָס זיינען די געוועזענע פּראָגרעסיווע טוער, וואָס היינט שווימען זיי איבער דער אָפּאָרטוניסטישער קאליוזשע, אָנציענדיק צוויי זעגלען: „כאָטאָני, מיר האָבן אין דער פארגאנגענהייט געזינדיקט מיטן גלויבן אין סאָוועטנפארבאנד" און „איצט גלייבן מיר אין א צוגעפּיינערטן, צוגעצוקערטן, נאציאָנאליסטיש־יידישלעכן, באפארבטן אין בלוי־ווייסע קאָ־לירן קאָמוניזם"...

די פארזאמלונג האָט זיך פארצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. פאר מיר פערזענלעך איז דער סאמע איינדרוקספולער מאָמענט געווען די רעדע, וואָס עס האָט געהאלטן דער באוווסטער יידישער שרייבער און טרייד־אוניאָן־טוער בען גאָלד. דאָס, וואָס ער איז א ליבלינג באם פובליקום, באַ־וועגט אים, ווייזט אויס, צו זאָרגן זיך ניט בלויז וועגן אינהאלט פון יעדער רעדע, נאָר אויך וועגן איר ארכיטעקטאָניק און אָראטאָרישן סטיל. דאָס

וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט אַף דער איצטיקער פאָלקס־פאַרזאַמלונג, איז די ווערט אַרײַנגעשטעלט צו ווערן אין א כרעסטאָמאַטיע.

פאַרוואָס, — האָט ער זיך געווענדט צום זאַל, — פאַר וועלכע מײַסים־טויוויס דאַרף מען גאָר לויבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד? וואָסי, ס'איז שוין אזוי גרויס זײַן אופטו, וואָס די סאָציאַליסטישע מעדינע האָט ניט די עט־לעכע מיליאָן אַרבעטסלאָזע, וועלכע מיר אין אַמעריקע פאַרמאָגן? צי עפּ־שער פאַרדינט זי דעם אָפּשײַ פון די פעלקער פאַר דעם, וואָס זי האָט ניט געמאָרדעט קינדער, פרויען און זקיינים אין וויעטנאַם? ס'איז דען א גרוי־סער פאַרדינסט, וואָס דאָרט, אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זײַנען אַלע פעלקער גלײַך, עס איז ניטאָ קיין נעגער־פּראַגע, קיין יידן־פּראַגע? אַדעראַבע, זאָגט, פאַרוואָס דאַרפן מיר לויבן דעם סאָוועטנפאַרבאַנד?

און אַף אַזעלכע „אָפּלייקענונגען", וואָס שטעלן מיט זיך פאָר באַזונדערס עפעקטפולע באַשטעטיקונגען, איז געווען געבויט די גאַנצע רעדע זײַנע...

אַף מאָרגן נאָך דער פאַרזאַמלונג האָבן מיר פיל שאָען פאַרבראַכט בא מאַקס קליינען אין שטוב. דער אוילעם האָט זיך געביטן, איין גרופּע האָט פאַרביטן די אַנדערע, אָבער בען גאָלד און אויך דער צווייטער באַקאַנטער ליטעראַטאָר, וואָס וווינט אין מאַיאַמי ביטש, דער קונסט־קענער מאָרדכע יאַרדאַני, זיי און זייערע פרויען זײַנען ניט אָפּגעטראָטן פונעם טיש, ווו דער שמועס איז געגאַנגען.

און דער שמועס איז געווען א וויכטיקער און ערנסטער. מע האָט באַ־דאַרפט ניט בלויז אופקלערן די גרויסע צאָל פראַגן, אָן אָן אויסנאַם, וועל־כע האָבן זיך אײַנגעגלידערט אינעם באַוווסטזײַן פון די אַמעריקאַנער יידן, און אויב זיי ניט אַראָפּנעמען, שטערט עס צו פאַרשטיין דאָס נײַע לעבן אין דעם ליבן און נאָענטן פון דער קינדהײַט אָן רוסלאַנד, — ס'איז בייטיק געווען זיך אופריידן אָט דאָ באַם טיש, אָן קיינע פאָרמאַליטעטן, וועגן ווײַ־טערדיקע קאָנטאַקטן, וועגן געמיינזאַמע האַנדלונגען לעשעם פרײַנט־שאַפט.

ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אין אַעראָפּאָרט, קעדיי אָפּפליִען קיין וואַ־שינגטאָן אַף דער באַגעגעניש מיט די סענאַטאָרן דזשעקסאָן, ריביקאָף, סטיווענסאָן און דזשאַוויטס, האָט גערעגנט, נאָר די זון איז ניט פאַרשוווּנדן, און ס'איז געווען „א זון מיט א רעגן". מיר האָבן זיך שוין אײַנגעאָרדנט אַף די ערטער אינעם לײַנער, נאָר מיטאַמאָל איז געמאָלדן געוואָרן, אַז דער רעיס ווערט אָפּגעלייגט אַף מאָרגן איבער דעם שניי־שטורעם, וועל־כער ד'ערלויבט ניט צו לאַנדן אין דער הויפּטשטאָט. דאָס האָט באַטײַט, אַז די באַגעגעניש אין סענאַט וועט ניט פאָרקומען, ווײַל פון פריִער איז אונדז געווען באַוווסט, אַז הײַנט פאַרנאַכט צעפאָרן זיך די סענאַטאָרן איבערן לאַנד. ס'איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס פליִען קיין ניו־יאָרק און פון דאָרטן קיין וואַשינגטאָן. „נאָו, נאָו" — האָבן גוטמוטיק געענטפערט די אַעראָפּאָרט־באַאַמטע, ניו־יאָרק איז אויך, ווי ס'איז שוין דאָ געמאָלדן, „פאַרמאַכט ביז מאָרגן".

איבער אַמעריקע טראָגט זיך אַרום א שניי־שטורעם.

ווײַזט אויס, עס איז מיר ניט באַשערט זיך אויסטײַנען מיט די געזעצ־געבער פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

30. לאָמיר ריידן וועגן פריילעכע זאכן...

ווײַזט אויס, ס׳איז אַ באַשערטע זאַך, אַז מאיאמי ביטש זאָל אין מעשעך פון נאָך איין מעסלעס דעמאָנסטרירן פאַר דעם גאַסט, אַז די זון, וואָס טשיקאַגאָ, ניו־יאָרק, וואַשינגטאָן און אויך לאָס־אַנדזשעלעס האָבן אָפּגעשיקט אַהער, זי זאָל דאָ איבערווינטערן, געפינט זיך אין אַ זיכער אָרט.

פאַרשטייט זיך, מאַקס קליין און זײַנע קאָלעגן האָבן ניט דורכגעלאָזט די געלעגנהײַט צו אויסנוצן דעם פאַרנאַכט, „וועלכן גאָט און די אוויזאַר־קאָמפּאַניע האָבן אונדז געשענקט", און אײַנאָרדענען אַ נײַע באַגעגעניש, דאָס מאָל מיט אַ היפּשער גרופּע פּראָגרעסיווע ייִדישע טוער, וועלכע האָבן פּונקט אין אָט די שאָען זיך אומגעקערט פון אַ רײַזע קיין קובע — פלאָרידעס נאָענטסטער שכײנע, ביז צו וועלכער ס׳איז, ווי מע זאָגט דאָ, אַ מעהאַלעך פון אַ קאַצן־שפּרונג (דעם דאָזיקן שפּרונג האָבן פיל מאָל געפּרוווט דורכמאַכן די קובינער קאָנטררעוואָליוציאָנערן, וואָס זיצן פאַרטײַעט אין די פלאָרידער וואַרעמע נאָרעס, נאָר אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אָף אָט די מײַז האָט אין קובע יעדעס מאָל שוין געוואַרט די געהעריקע קאַץ...).

נעכטן, בייס איך האָב באַטראַכט מאיאמי ביטש דורכן פענצטער פונעם האָטעל „האָלידיי אין", וועלכער פאַרנעמט אַ גאַנצן קוואַרטאַל אָף דער בײַ־יאַמישער קאַלענס אַוועניו, האָט די שטאָט מיר אויסגעזען קלענער און שטילער. איצט וואַקסט זי אין מײַנע אויגן מיט דער זעלבער שנעלקײַט, מיט וועלכער דער אויטאָמאָביל טראָגט מיך אַרום איבער גאַסן און געסלעך, ווי עס זאָגט זיך בײַ בען גאָלדן אין זײַן גראַטענעם ווערק „אוורעמל ברוידע": „פונדערווײַטנס איז דאָס געווען אַ שטעטל, אָבער בײַ די טוישווים איז דאָס געווען די שטאָט"...

די שטאָט איז מיר געוואָרן נאָענט, אין שײַכעס מיט מײַן צוגאַסט־זײַן האָט אין איר געזיגט די פּרײַנטשאַפט. איך גיב זיך אַפילע אַ קרים, ווען אין אַ פרײַער מינוט לייען איך בײַ נאָרמאַן מעילערן אין זײַן פאַרצייכענונג „מאיאמי און די באַלאַגערונג פון טשיקאַגאָ", אַז „טײַכן פון געשמאַקלאָזיקײַט, זוכנדיק אַ וועג, פאַלן אַרײַן אין די האָטעל־וועסטיבולן פון מאיאמי ביטש". אַזאַ טעווע שוין בײַ אייניקע אַמעריקאַנער שרײַבער: מאַכן צונישט אין די אויגן פון דער וועלט אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך אינעם אייגענעם לאַנד... דער זעלבער נאָרמאַן מעילער שרײַבט אויך וועגן טשיקאַגאָ, אַז האַגאַם דאָס איז בעעמעס אַ גרויסער קראַך, נאָר „אָף זײַן פּאָנעם זעט מען ניט מער ווי אַ ברייטע פליישיקע נאָז מיט צעבלאָזענע נאָזלעכער, וועלכע עטעמען אַרײַן מיט גרויס פלײַס דעם אַווער, די שעדלעכע אויסדאַמפּונגען (מיאַזמען), די מאַכט־גיריקײַט, דעם מאַזלדיקן טאָג, די ווייכלײַביקע פּראָסטיטוטקע און דעם צויבער פונעם שמוציקן דאָלאַר..."

יעדערער, ווער עס קומט קיין מאיאמי ביטש, האָט אַ ברײַרע — זיך ניט פאַרהאַלטן בײַ די טײַכן פון געשמאַקלאָזיקײַט און צוזעצן זיך צו אַ ריין ריטשקעלע, צוזאַמען מיט פּאָשעטע מענטשן, אויסהערן, וואָס זיי זאָגן.

עס טרעפט, אַז זיי דערמאָנען זיך...

מיט פערציק יאָר צוריק, — דערמאָנען זיי זיך, — אין א הייסן יום־טאָג פון דעם טויזנט נײַן הונדערט נײַן־און־דרײַסיקסטן יאָר האָט א שיף מיטן נאָמען „סען־לוי״, א פּליטים־שיף, א שווימענדיקער שוידער, זיך אָפּגעשטעלט טאַקע אָט דאָ־אָ, מע קאָן מיט דער האַנט א ווײַז טאָן אפן אָרט אין אָקעאַן, ווו די שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט, גאַנץ ווײַט פונעם ברעג, זיך אָפּגעשטעלט און מאַמעש געפאַלן צו די פיס דעם אמעריקאַנער לאַנד: „לאָז ארײַן די קינדער, די פרויען, די אַלטע לײַט, די פאַרצווייפלטע, די פאַרסאַרפּעטע פון היץ, די לעכצנדיקע א טרונק וואַסער, די אַנטלאָפענע פון דער ברוינער כײַע, האָב ראַכמאָנעס, ראַטעווע זיי, די ביז טויט דערשראָקענע, די אומשולדיקע, וואָס קעדיי זיי שענקען דאָס לעבן, דאַרפסטו טאָן גיט מערער, ווי עפענען א טיר, מער גאָרניט, בלויז דערלויבן זיי אראָפּגיין פון דער שיף, זיי זאָלן ניט מוזן שווימען צוריק צו יענעם ברעג, ווו עס וואַרט אף אירע קאָרבאָנעס די בלוטדורשטיקע כײַע...״ און אהער, צו דעם אָרט אין אָקעאַן לענגויס דעם פלאָרידער ברעג, ווו ס׳איז געשטאַנען די אומגליקלעכע פּליטים־שיף, האָט אמעריקע ארויסגעשיקט אעראָפּלאַנען, וועלכע האָבן געוואָרנט, אז קיינעם איז ניט דערלויבט צו לאַנדן, ווײַל ס׳איז ארויס א באַפעל אומצוקערן די געטריבענע ייִדן, ניט וויכטיק וווהין, זאָל זײַן אפילע צוריק אין נאַציסטישן דײַטשלאַנד...

די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס״ האָט דאַן באַרויִקט אירע לייענער. יאָ, די שיף מיט ייִדישע פּליטים, וועלכע איז צוגעשטאַנען צו אמעריקע נאָך דעם, ווי ס׳האָבן זי ניט צוגעלאָזט צום ברעג די (דעמלטיקע) הערשער אין קובע, איז אָפּגעשטאַנען א מעסלעס באַ דעם מיזרעך־ברעג פון פלאָרידע, דערנאָך האָט זי זיך „ארומגעדרייט״ אין אָפענעם אָקעאַן, און עס האָבן זי ניט ארויסגעלאָזט פון אויג די אָרדענונגס־היטער — אַן אמעריקאַנער פּאַטרול־שיפל און אַן אעראָפּלאַן, וועלכע האָבן ניט דערלויבט, אז עמעצער פון די פּאַסאַזשירן זאָל שטעלן א פוס אף דער אמעריקאַנער ערד. איצט איז די דערעסן געוואָרענע שיף מיט די 900 אקשאָנים־פּליטים אוועקגעשווומען צוריק אין קאַריבישן יאַם.

די וואַסערן פון פלאָרידע זײַנען, אַזויאַרום, געוואָרן ווידער רויִק און ריין (יודען ריין...).

איך זאָג צו מײַנע פרײַנט פון מאַיאַמי ביטש:

— לאָמיר ריידן וועגן פריילעכע זאַכן... א ביסל נעענטער צום הײַנטיקן טאָג.

זיי דערווידערן ניט. און אָט איז א פרישע פּאַסירונג. זי איז פּאָרגעקומען ערשט ניט לאַנג, מיט אוועלכע צוויי כאָדאָשים פאַר מײַן קומען צו פאָרן קיין אמעריקע.

דער פלאָרידער אוניווערסיטעט געפינט זיך אינעם שטעטל גײנסוויל. ווי עס איז ביכלאַל אײַנגעפירט אין די שטאַטן, זײַנען דאָ די סטודענטישע קלובן שטרענג אָפּגעזונדערט לויטן נאַציאָנאַלן אָדער ראַסעוון פּרינציפּ: א באַזונדער קלוב פאַר שוואַרצע, א באַזונדער קלוב פאַר ייִדן, א באַזונדערער פאַר מעקסיקאַנער, א באַזונדערער פאַר „עכטע אמעריקאַנער״. די

אָפּגעזונדערטקײט ברענגט צו פּעלקער־האַס, צו נאַציאָנאַליסטישער גרויס־האַלטערײַ, צו שאָוויניזם און פאַשיזם.

אַף איינער פון די גאַסן פון געינסוויל זײַנען פאַראַן דרײַ שכיינעסדי־קע, לאָקאַל־איזאָלירטע צווישן זיך, סטודענטישע קלובן. צוויי פון זיי — „סיגמאַ עפּסילאָן" און „קאַפּפּאַ אַלפאַ" — זײַנען פאַרמאַכט פאַר דער ייִדי־שער יוגנט, דערפאַר אָבער איז דער דריטער — „טאַו עפּסילאָן פהי" — אַ ריין ייִדישער, מע רופט אים, לויט די אָנהייב־אויסיעס פון די דרײַ ווער־טער — „טעפ".

איצט שטעלט אײַך פאָר אַ שפּעטע שאָ אין האַלב־נאַכט אין נאָיאַבער כוידעש, ס'איז פּונקט אויסגעפאַלן די פּײַנלעכע דאַטע — 40 יאָר נאָך דער „קרישטאָל־נאַכט", וועלכע די היטלעראָווצעס האָבן דורכגעפירט אין דײַטש־לאַנד. אין ייִדישן „טעפ"־קלוב האַלט מען פּײַערדיקע רעדעס. די צוויי אַנדערע קלובן שטייען באַ זײַנע פענצטער און „קלאַפּן די טעפ". עס הערן זיך אַנטיסעמיטישע אויסרופן. ס'איז נאָך ניט קיין נײַע „קרישטאָל־נאַכט", נאָר לויט דעם, ווי עס פירן זיך די שכיינים באַ די פענצטער, קאָן מען מיי־נען, אַז ס'איז אָן ערעוו: זיי פּאַכען מיט שטעקנס, רײַסן אויס די ביימלעך באַ דער געבײַדע פונעם „טעפ", באַוואַרפן די ווענט מיט אייער, באַגיסן זיי מיט פאַרב, שרײַען מיט באַנומענע קוילעס, אַז היטלער „האָט געטאָן גוט" אַדג.

איר ווילט וויסן, וואָס עס קומט פאָר אין שײַכעס מיט דעם דאָזיקן סקאַנדאַל אין די שפּעטערדיקע טעג? גאָרנישט קומט ניט פאָר. ס'הייסט — רעדן רעדט מען אַ סאַך, אָבער טאָן טוט מען גאָרנישט. איין צאַד זאָגט, אַז ס'איז אַן אויסגעשפּראָכענער אַנטיסעמיטישער אינצידענט, און מע דאַרף די שולדיקע באַשטראָפן; דער צווייטער צאַד פאַרענטפערט זיך, אַז פאַקטיש איז דאָס דריבנע כוליגאַנסטווע, און מע וועט „זיי" שוין אָנרײַבן אַן אויער...

און מײַנע פרײַנט פון מאַיאַמי ביטש קומען אָן צום ביטערן הומאָר:
— וויסטו וואָס? לאָמיר טאַקע ריידן וועגן פרייליכערע זאַכן...

31. נאָו קאָמענטס

אין דער ליטעראַטור־שאַפונג, וואָס רופט זיך רײַזע־באַשרײַבונגען, איז, לויט ווי עס זאָגט מיר אונטער מײַן דערפאַרונג, דאָס שווערסטע — אָפּ־קלײַבן פונעם אָנגעוואַלגער אין די נאָטיץ־ביכלעך די נייטיקע פאַרנאָ־טירונגען און, איבערגעבנדיק זיי דעם לייענער, באַוואָרענען, אַז אַנטקעגן די אָניאָגנדיקע און אַריבעריאָגנדיקע פאַקטן פון דעם שנעלפליסנדיקן לעבן זאָל דאָס אַרויסגעבראַכטע אין דער רײַזע־באַשרײַבונג ניט אויסזען פאַרעל־טערט. אין אונדזער עפּאָכע פון אויגנבליקלעכער אינפאָרמאַציע איז דער צופלוס פון נײַע מאָמענטן אַזוי האַסטיק, אַז פאָרזיכטיקע שרײַבער האַלטן אָפּט זיך אָפּ צו געבן אָפּשאַצונגען, אויסטײַטשן דאָס געזעענע און געהער־טע — טאָמער וועלן נײַע פאַקטן, שוין נאָך דער נעסיִע, אַרײַנברענגען עפּעס אומדערוואַרטס. דערווײַל ווערן די אײַנדרוקן באַ די רײַזנדיקע

שרײַבער אָפּגעקילט, דערווײַטערט און קעדיי זאָגן עפּעס נוצלעכס וועגן פרעמדלענדישע ערטער, דאַרפֿן זיי שוין פֿאָרן אַהין נאָכאַמאָל...

נאַטירלעך, אַז אויך איך האָב צו טאָן, בײַסן שרײַבן מײַנע וועג־פֿאַר־צייכענונגען, מיט אַנלויפנדיקע געשעענישן, אָבער די פֿען שטעל איך, כּאָ־לילע, ניט אָפּ אינמיטן שרײַבן, פֿאַרקערט, איך האַלט זי גרייט פּונקט דאַן, ווען די נײַע נײַעס פּרוּוון אויס אָף לאַנגדויערנדיקײַט די אַלטע, די פֿון מיר פֿאַרפֿיקסירטע. אין זשורנאַליסטיק, אין געזעלשאַפֿטקענטעניש (אָבשטשעסטוואָוועדיעניע) איז ניט שײַעך צו אויסוואַרטן, ביז דער טײַך פֿונעם לעבן וועט זיך אײַנשטילן.

אָט, לעמאָשל, קאַלזמאַן איך האָב געשריבן, זיצנדיק שוין אין דער היים, וועגן מײַן באַגעגעניש אין טשיקאַגאָ מיטן נײַעם פּרעזידענט פֿון דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס (יי. וו. ק.) פֿיליפּ קלאָצניק, האָט דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע מיר אונטערגערוקט אַ פֿריש נײַסעלע, קאָאָפּטירנדיק קלאָצניקן אין זײַן אַדמיניסטראַציע אַלס האַנדלס־מיניסטער פֿונעם לאַנד.

די שפּאָגל־נײַע געשעעניש שאַפֿט אַ טשיקאַווע סיטואַציע. אָף וויפֿל ס׳איז גלײַך פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַן אויפֿקלערונג, אַז דער הויכער באַ־אַמטער אין דער קאַרטער־אַדמיניסטראַציע וועט ניט פֿאַרלאָזן זײַן הויכן אַמט אין ייִדישן וועלט־קאָנגרעס, קומט אַ מאַזלטאָוו דעם ציִעניזם — ער האָט שוין אַ מיניסטער אין אַמעריקע, און עס קומט אַ מאַזלטאָוו דער אַמע־ריקאַנער רעגירונג — זי האָט אַרײַנגעלייגט דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס צו זיך אין קעשענע. און עס איז געבליבן צו זען, וויאַזוי עס וועט האַנד־לען אין נאָמען פֿון דער רעגירונג פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן דער פֿירער פֿון איינער פֿון די צוויי ציִעניסטישע וועלט־אינסטאַנצן (די צווייטע, אוי־סער יי. וו. ק., איז צ. וו. אָ. — די ציִעניסטישע וועלט־אָרגאַניזאַציע) און וויאַזוי דער אַמעריקאַנער רעגירונגס־מיניסטער וועט האַנדלען אין ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. דאָס וועט באַווײַזן די נאָענטע צוקונפֿט. און דערווײַל לאָמיר פֿאָרזעצן, טײַערער לייענער, אונדזער רײַזע, פֿינקטלעכער גע־רעדט — מיט מאַזל זי פֿאַרענדיקן.

ווען דער פּאַסאַזשיר־לײַנער האָט זיך אָפּגעשטעלט אָפֿן פֿליפֿעלד אין ניו־יאָרק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פֿאַר איין נאַכט איז באַם גודזאָן גע־וואָרן וואַרעם, דער ווינט האָט זיך אײַנגעשטילט, עס קאַפּעט פֿון די דע־כער.

אַלעקס קאַלקין האָט מיר מיטגעטיילט, וואָס עס שטייט נאָך פֿאָר, לויט דער פּראָגראַם, צו טאָן פֿאַרן אָפּפֿליִען אַהיים, און כ׳האָב באַקומען אַ ביסל פֿרײַע צײַט, קעדיי זיך געזעגענען מיט דער שטאָט.

אַדיע, ניו־יאָרק. אָף ווידערזען. כ׳באַווײַז דורכצוגיין זיך איבער פֿיל ברייטע אַוועניוס און איבער פֿיל שמאָלע סטריטן. די ניו־יאָרקער אײַלן, איך אויך. מיטאַמאָל וואַקסט אויס לעבן מיר אַ געשוואָלענער אומריינער נעפּעש, וואָס האָט, קאָן מען מיינען, עפּעס אַ פֿערזענלעכע שײַכעס צו מיר, ווײַל ער רעדט צו מיר, שעפּטשענדיק, כאַפּט מיך אָן פֿאַרן שניפּס, ציט מיך פֿאַר דעם אַרבל. איך נעם גיין גיכער. אָפֿן טראָטואַר האָט זיך צעלייגט, ווי גאָט אין אָדעס, אַ נאַרקאָמאַן. קיינער שטעלט זיך ניט אָפּ,

מע שפּאַנט אים אַריבער. אַף טריט און שריט — די „סערפּלעס״ — איבעריקע מענטשן. וועלכע מענטשן רעכענען זיך בײַ דיר פאַר איבעריקע, ניו־יאָרק? עפּשער וואָלט אָט דער דאָזיקער, ווען ער הייבט זיך אויף, געקאָנט אַרײַנשטעלן די טאַפּליעס אין אָט דעם אָפּגעלאָזענעם, פאַרפּעסטיקטן הויז? עפּשער וואָלט געווען אַ יוישער אַרײַנרעכענען צווישן די איבעריקע אָט יענעם פּראַנט, וואָס קוקט אַרויס פון זײַן בלישטשענדיקן אויטאָמאָביל און גלעט דערבײַ, ווי אומגערן, די אָפּגעדעקטע קני בײַ זײַן געפּאַרבטער נעקייווע? אויפן ראָג האָט דער פּראַנט אָפּגעשטעלט דעם אויטאָמאָביל. צוויי אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע כעווראַלײַט לויפן צו און נעמען זיך אויסצוווישן די קוק־גלעזער, כאָטש דער פּראַנט האָט זיי ניט געבעטן און ער גיט פּלוצעם אַ ריס אָפּ פון אָרט די מאַשין און אַ יאָג זי מיט קויעך, די צוויי אומגליקלעכע שפּרינגען אָפּ פון איר, פאַרשפּריצטע מיט בלאָטיקן שנײ פון קאָפּ ביז די פיס...

אָט איז טײַמס־סקווער, דער שטעטעך צווישן בראָדוויי, 7־טער אַוועניו, 42־טער גאַס און 47־טער גאַס, די קלאָאַקע פון ניו־יאָרק. שיכּורע דעבאָשן, גאַסן־סצענעס, אין וועלכע ס׳נעמען אָנטייל בעטלער, פּראָסטיטוטקעס, קעשענע־גאַנאָווים, אַלפאָנסן, דריבנע הענדלער, פּראָפעס:אָנעלע שווינדלער. עפּשער זיך ראַטעווען פון דעם אַלעם און אַראָפּגיין אין דער אונטערערדישער באַן? אָ, דער ניו־יאָרקער מעטראָ, דאָס אומרייִנסטע אָרט צווישן די אַלע, וווּהין די מאַמע־ערד האָט אין זיך אַרײַנגעלאָזט די ציוויליזירטע מענטשהײַט, דאָס געפערלעכסטע אָרט פאַר דעם מענטשנס לעבן! די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס״ האָט אָפּגעדרוקט אַ מין אינסטרוקציע: „ווי:אַזוי בלײַבן לעבן אין מעטראָ״...

(צוריק מיט 75 יאָר, אין דעקאַבער 1904, ווען אין ניו־יאָרק האָט זיך געעפנט די ערשטע ליניע פון דער אונטערערדישער באַן, האָבן אין אַלע קלויסטערס פון דער שטאָט געקלונגען די גלעקער און אינעם האַפן האָבן געהודעט אַלע שיף־סירענעס. ס׳איז געמעלדעט געוואָרן אַ יאָמטעוו־טאָג, אַף די פאַסאַדן פון די הײַזער האָט מען אַרויסגעהאַנגען פענער. דער ערשטער צוג פון 8 וואַגאָנען איז דורכגעפאָרן פונעם שטאָט־מוניציפּאַליטעט ביזקל דעם גרויסן וואָקזאַל, דערנאָך האָט ער פאַרקערעוועט צום טײַמס־סקווער און זיך פאַרנומען אַף צאָפן צום בראָדוויי, ביז דער 45־טער גאַס. גאַנץ ניו־יאָרק האָט אַפּלאָדירט און אויסגעשריגן באַגרייסונגען...).

איך האָב הײַנט אַ גאַנצן פרײַען טאָג! גלייבט מיר, אַז ס׳איז ניטאָ קיין בעסערע זאַך, ווי באַגעגענען זיך און שמועסן מיט מענטשן אין אַ פרעמדער שטאָט, און טאַקע שמועסן גאַנץ פּריוואַט. „האַו דו יו לייק אַמעריקאַ?״ — פרעגט מען מיך, — ווי געפעלט אײַך אונדזער לאַנד? אײַער אַמעריקע איז בעפיירעש אַ פײַנע מעדינע — פאַר אײַך, כאָשעווע אַמעריקאַנער. ווען אַ פרעמדער פאַלט אַהער אַרײַן, אייצע איך אים אַף לאַנג זיך ניט פאַרהאַלטן. אַ קוק געטאָן, אַ טאַפּ געטאָן מיט די הענט, זיך דורכגעגאַן אַהער־אַהין, באַטראַכט און באַכעזשבנט מיטן קאָפּ, און — אַהיים, גיכער אַהיים! עמעס, פאַראַן אַזעלכע, וואָס קאָנען דאָס ניט טאָן, ווײַל זיי האָבן פון דער היים עמיגרירט. איז דאָס זייער אייגענער אומגליק. ווער האָט

זיי געצווונגען אָפּטאָן די נארישקייט? וואָסי, זיי האָבן דען ניט געלייענט די אין טרערן אויסגעווייקטע בריוו, וועלכע דאָס אָרעמע אוקראַינישע שטעטל פלעגט באקומען פון דער רייכער אמעריטשקע נאָך אין די צייטן פון ניקאָלקען? אפילע דעמלט, אין די אומגליק־צייטן, האָט א דיכטער־עמיגראנט (זיין נאָמען איז געווען מיכל קאפלאן) דערציילט אין פערזן, וויאזוי עס איז זיך באגאנגען אין דער פרעמד זיין העלד — מוישע־יאָסל עמיגראנט:

גענוג שוין, — שרייט אויס מוישע־יאָסל, —
דאָס מוז און דאָס וועט באלד געשען!
אהיים וועל איך פאָרן, קיין וואלעדניק,
און טאקע נאָך שאבעס, איר'ט זען.

פארברענט זאָל ער ווערן, קאָלומבוס!
א טייוול געפינט אויס א לאנד!
א גענעם, אף מיינע נעמאָנעס!
עס ברענט דאָ, עס פלאקערט א בראנד!

אהיים וועל איך פאָרן, קיין וואלעדניק.
ארויסגיין אין שטעטלשן מארק,
פארדינען דאָרט עטלעכע גראָשן —
און גאָר ניט געהאָרעוועט שטארק.

און „רענטן" איך וועל דאָרט, אין וואלעדניק,
בא נאָכעם דעם שאמעס א „פלעט",
און קויפן א שיינע קאנאפּע,
און קויפן א הילצערנע בעט.

און הייסן מיר קאָכן א קרופּניק,
איך זאָג אייך, ס'א מייכל־אנטיק!
אהיים וועל איך פאָרן, קיין וואלעדניק,
אהיים וועל איך פאָרן צוריק.

איך האָב אמאָל אין מיינער א פּאָעמע ארייַנגעשריבן די שורע „איך האָב דיך ליב, אמעריקע". פאר וואָס האָב איך זי ליב? פאָרן פאָלק. פאר די מענטשן. פאר די שטעט. פאר די ליידן. פאר ראָבסאָנען. פאר דזשעק קלינגן. אין אמעריקע איז אלץ „גרעיט" — דאָס סאמע בעסטע: הימלקראַצערס און סאָסיסקעס (ווורשטלעך), וועלכע מע רופט צערטלעך „הייסער הונט", דיסניילענד און האָליווד (די וואָכן־אויסגאבע „טיים" האָט געשריבן: „האָליווד איז דאָס איינציקע אין דער וועלט מעשוגאָים־הויז, מיט וועלכן עס פארוואלטן די מעשוגאָים אליין"...). אין אמעריקע איז די סאַ־

מע דעמאָקראַטישע דעמאָקראַטיע. דער פּובליציסט אוויליאַם שיכעד האָט אין זײַנעם אַ בוך צוגעזאָגט די אַמעריקאַנער: „מיר וועלן זײַן דאָס ערשטע לאַנד, וואָס וועט קומען צום פּאַשיזם מיט אַ דעמאָקראַטישן וועג״...

איר ווילט וויסן, וואָס איך זאָג וועגן דעם? נאָו קאָמענטס, קיין שום קאָמענטאַרן...

בעסער הערט אויס, וועלכע נײַס איך האָב זיך דאָס מאָל דערוווּסט אין ניו־יאָרק.

פֿאַראַן דאָ אַ כעווּרע, וואָס רופֿט זיך „קאָמיטעט פֿאַר מישפּאָכע־רייניקײַט (טהרת משפחה) אין יִיסראָעל״. זי האָט שוין, באַרימט זי זיך, באַזאָרגט די מעדינע מיט 266 מיקוועס. און איך דערוויס זיך פֿון דער אַרגענטינער פּראָגרעסיווער צײַטונג „אונדזער לעבן״, וועלכע איך לייען גערן אויך דאָ אין אַמעריקע, אַז לעצטנס האָט דער אַנגערופֿענער קאָמיטעט אופּגענומען אַ דרינגענדיקן סיגנאַל פֿון יערושאָלאַיִם, אַז עס פֿעלן 12 מיקוועס אין די מיליטאַריזירטע יִישוּווים, וואָס די ווילדע אָבסקוראַנטן פֿון „גוש עמונים״ האָבן אופֿגעשטעלט אַף די אָקופּירטע אַראַבישע שעטאָכים. ס'איז אַרויסגעלאָזט געוואָרן אַ רירנדיקער מיקווע־אופֿרוף צום אַמעריקאַנער ייִדנטום. און אין רעזולטאַט האָט מען געקייבלט קיין יערושאָלאַיִם, אַז אַלץ וועט, אימירצעהאַשעם, זײַן אָלרײַט, אַמעריקע וועט מעקײַעם זײַן בעאַהאָוואָ די מיצווע פֿון מיקווע־בויונג. זאָל מען נאָר אײַנהאַלטן די שעטאָכים, וועלן שוין קיין מיקוועס ניט פֿעלן, מע וועט פֿאַרפֿלייצן דעם מײַרעוו־בּרעג מיט פֿרומער מיקווע־וואַסער ביז צום סאַמע יאַרדן...

און נאָך צוויי פּיקאַנטע נײַסן: אַרום אַלקאָהאָליקער און האָמאָסעקסואַליסטן.

אין ניו־יאָרק איז צונויפֿגערופֿן געוואָרן אַ סאָף־וואָך־סעמינאַר, וועמענס אָנטיילנעמער זײַנען געווען אַלקאָהאָליקער, פֿאַרשטייט זיך, ייִדן אַלקאָהאָליקער. העיווּיס די זאַך איז קלאָר, אַז אַ סגולע צו שיקרעס איז ייִדישקײַט, האָט דער סעמינאַר געמאַכט אַ רעקאָמענדאַציע, אַז די ראַבאַיִם זאָלן אין זייערע דראָשעס אַרײַננעמען די דאָזיקע פּראָבלעם, און דאָס וועט שוין געבן דעם צווייענדיקן רעזולטאַט: הילף דעם כוילע און אונטערהאַלט פֿאַר ייִדישקײַט... איינער אַ זשורנאַליסט האָט אונטערן פֿרישן אײַנדרוק פֿונעם סעמינאַר אָנגעשריבן אַזעלכע שורעס: „דער סעמינאַר האָט קלאָר געמאַכט, אַז ייִדן זײַנען ניט שטאַרק אַנדערש פֿון ניט־ייִדן. די אָנגענומענע מיינונג, אַז גאָיִם טרינקען אַ סאַך און ייִדן עסן אַ סאַך, איז ניט ריכטיק. מע וועט שוין ניט קענען זינגען דאָס באַרימטע פֿאָלקסליד, „שיקער איז אַ גאָי...״

איצט וועגן דער צווייטער נײַס. אַף אַ קאָנפֿערענץ פֿון קאָנסערוואַטיווע ראַבאַיִם האָט איינער פֿון זייער כיידער — ראַבײַ דאַוו שוואַרץ — איבערגעגעבן, אַז אין אַמעריקע און אין יִיסראָעל זײַנען פֿאַראַן 12 שולן (סינאַגאָגעס) ספּעציעל פֿאַר האָמאָסעקסואַליסטן, אַזויגערופֿענע „פֿריילעכע סינאַגאָגעס״, ווײַל די האָמאָסעקסואַליסטן פֿילן זיך ניט באַקוועם אין די אַלגעמיינע רעליגיִעזע אינסטיטוציעס. פֿון די מעליצעדיקע רייד, וואָס עס האָט אַרויסגעבראַכט ראַבײַ שוואַרץ, האָבן באַזונדערס אויסגענומען באַ די דעלעגאַטן פֿון דער קאָנפֿערענץ די ווערטער וועגן דעם, אַז מע

דארף דערמוטיקן די ייִדן־האָמאָסעקסואַליסטן, זיי זאָלן קענען אַרײַנקומען אין גאַטס הויז און שעפּן קויעך, פאַרשטענדעניש און גײַסטיקע שטיצע.

...נאָך דעם פרײַען טאָג קומט א טאָג פון ארבעט.

איך האָב שוין אָפּגעשטעקט א וויזיט יאַנקעוו שטיינבערגן, דעם פּרעזידענט פון די „ייִדישע" פאַרלאַגן, וואָס לאָזן אַרויס ביכער אין דער ענגלישער שפּראַך. בא אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די ערשטע שטיינבערגס שטאַמען פון א שטעטעלע אין פּוילן סקאַרזשיסקאָ קאַמיענאַ, פון דאָרטן טאַקע האָבן די שטיינבערגס זיך פאַרשפּרייט איבער דער וועלט, דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען פון היטלערס הענט און די פאַרבליבענע זוכן זיך אַרום. אַליין יאַנקעוו שטיינבערג איז ניט געווען אויף דער אַלוועלטלעכער טרעפונג פון די שטיינבערגס, אָבער ער האַלט, אַז ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער דאַרפן זיך טרעפן לויטן פּרינציפּ פון אַלצייַנע פאַמיליעס, בעשום־אופן ניט לויטן פּאָליטישן פּרינציפּ. ער זאָגט: „זאָל רוסלאַנד געבן אַמעריקע א פּאָר הונדערט שטיינבערגס, וועט אַמעריקע געבן רוסלאַנד א פּאָר הונדערט ראַבינאָוויטשעס"...

און וואָס זאָגט ער מיקויעך „געבן" און „נעמען" ביכער אויף צו דרוקן קעגנזײַטיק אין די פאַרלאַגן פון אונדזערע צוויי לענדער? דאָס, זאָגט ער, איז דערווײַל נאָך ניט קיין רעאַלע זאַך. אין אַמעריקע לאָזט מען גערן אַרויס אַנטיסאָוועטישע ביכער, און אויב די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער ווילן, אַז די אַמעריקאַנער לייענער זאָלן זיך באַקאַנען מיט דער סאָוועטישער ווערסיע פונעם לעבן פון די ייִדן אין ראַטנפאַרבאַנד, דאַרפן זיי די ביכער אַרויסלאָזן בא זיך, עפּשער וועט קומען א צײַט, ווען אַמעריקע וועט עפענען די אויגן אויך אויף אַזעלכע ביכער...

נאָו קאָמענטס, קיין שום קאָמענטאַרן. עפּשער בלויז באַמערקן, אַז עס זײַנען פאַראַן אין אַמעריקע מענטשן, און ניט ווייניק, וואָס קוקן אויף דער זאַך גאָר אַנדערש.

הײַנט האָב איך געשמועסט מיטן פּאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן הענרי ווינסטאָן און מיט א גרופּע כאַווייריים זײַנע — מעמבערס פּאָרזיצערס פון די נאַציאָנאַלע קאָמיסיעס אינעם צענטראַל־קאָמיטעט. עטלעכע שאָ האָט זיך געצויגן די באַגעגעניש, ווינסטאָן איז געווען נאָך א פאַרקילעכץ, און ווען א פּאַרשטייער פון „דיילי וואָרלד" האָט מיך געפרעגט, צי איך בין מאַסקים געבן אַן אינטערוויו פאַר דער צײַטונג, האָב איך געענטפערט, אַז יאָ, פאַרשטייט זיך, מאַסקים, מע קאָן צום אינטערוויו צוטרעטן טאַקע באַלד נאָך דעם, ווי ס'וועט זיך פאַרענדיקן די איצטיקע באַגעגעניש און מיר וועלן מער ניט פאַרהאַלטן דעם כאַווער ווינסטאָן. אויסהערנדיק עס, האָט דער פּאָרזיצער פונעם נאַציאָנאַל־ראַט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע הענרי ווינסטאָן, א מענטש שוין א באַיאָרטער, וועלכער איז, ווי באַוווּסט, אין דער אַמעריקאַנער טורמע בלינד געוואָרן, דערצו נאָך האָט ער אין אָט די טעג געקרענקט, — ווינסטאָן האָט זיך אַפילע א ביסעלע באַליידיקט, וואָס מע וויל אים „אָפּשיקן אויף רו", בייס דער סאָוועטישער כאַווער וועט ענטפערן אויף פראַגן פונעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער אַמעריקאַנער

קאָמפּאַרטיי. אָט טאַקע אין גאַנג פון דעם דאָזיקן אינטערוויו האָט העברי ווינסטאָן אַרײַנגעשטעלט זײַנע אַ פּראַזע, וועלכע איך האָב פאַרשריבן בא זיך אין נאָטיץ־ביכל. ער האָט געזאָגט:

— די קאַמפּאַניעס אַרום די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע עס אָרגאַניזירן און דיריזשירן אין אונדזערע טעג די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן, דאָס איז איינער פון די גרויסע ליגנס, און ער איז מעגלעך אין אַן אַטמאָספער פון פאַרטשאַדעטקייט, בייס די מענטשן זײַנען דעזינפאָרמירט, זיי ווייסן גאָרניט וועגן דער עמעסער לאַגע פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד און אורטיילן וועגן איר לויט די דורכויס פאַלשע שרײַבעכצן פון די זעלבע ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. אין אָט דעם פּראַט וואָלט געווען זייער נוצלעך, עס זאָלן דערשײַנען אין אַמעריקע עטלעכע גוטע ביכער, ווו אַליין די סאָוועטישע ייִדן זאָלן דערציילן וועגן זייער לעבן. דאָס וואָלט, נאַטירלעך, ניט געהאַט קיין שום שײַכעס מיט פּראָפּאַגאַנדע, ווײַל אינפאָרמאַציע דינט בלויז דעם עמעס...

32. אַנטדעקט אַמעריקע?

ס׳איז קימאַט ניטאָ אַזא שריפטשטעלער, וועלכער האָט, באַזוכנדיק אַמעריקע, ניט אָנגעשריבן וועגן איר. איך פאַרזענלעך קלײַב זיך ניט מאַכן קיין אַנטדעקונגען. עס איז פּאַשעט ניט אָנשטענדיק זיך פאַרנעמען מיט אַנטדעקן אַמעריקע. און דאָך וועט די אַמעריקע, וואָס איך האָב געזען, זיך אויסווײַזן פאַר אַ סאַך מענטשן ווי „געעפנט" ערשט איצט. דעריבער וויל איך וואָרענען: יאָ, זי עקזיסטירט באַנאַנד און צוזאַמען מיט דער אַמעריקע, וועלכע איז באַוווסט אַפילע קליינע קינדער, און טאַקע פון יענער צײַט אָן, זינט אַף די ברעגן פון דער נײַער וועלט האָבן זיך אַרויסגעזעצט די ערשטע מענטשן פון דער אַלטער וועלט.

אין דער ייִדישער פּרעסע רופט מען מיך אָפט אָן מעשולעך. איינער אַ שלוימע בען־ייִסראָעל האָט געשריבן אינעם „פאָרווערטס": „איצט פאָרט אַרום איבער דער וועלט דער רויטער מעשולעך אָרן ווערגעליס. איבעראַל, ווו ער קומט, פאַרזאַמלט ער די פּרעסע־לײַט און ווײַזט זיי אויף באַשײַמפערלעך, אַז סאָוועטן־רוסלאַנד באַזאָרגט זײַנע ייִדישע בירגער און זיי האָבן ניט קיין שום פּראָבלעמען, עס איז ניטאָ קיין באַרעכטיקונג פאַר אַ ייִד צו וועלן פאַרלאָזן רוסלאַנד און פאָרן קיין ייִסראָעל"...

אַ דאַנק פאַר איבערדערציילן מײַנעם אַ געדאַנק, קאָלעגע מיטן פּען־נאָמען שלוימע בען־ייִסראָעל. וועגן דער באַרימטער פראַגע, דאָס הייסט וועגן דעם איניען יאָ פאַרלאָזן די היים סאָוועטן־רוסלאַנד, צי ניט פאַרלאָזן זי, וואָלט איך געייצעט איבערגעבן די לייענער פונעם „פאָרווערטס" און פון אַנדערע ייִדישע בלעטער אויך די מיינונג פון מענטשן, וואָס האָבן געוואַנדערט איבער דער פּרעמד ניט ווי רויטע מעשולאָכים, נאָר ווי ווײַסע (אין אַן אומגליקלעכער צײַט פון זייער לעבן) עמיגראַנטן. און זיי, אַפילע זיי האָבן שפּעטער פאַרשאָלטן דעם טאָג, ווען זיי האָבן איבערגעשפּאַנט די היימישע שוועל, אויסקערעווענדיק זיך צו איר מיט דער פּליי־

צע. דער וועלט־באַרימטער זינגער און אַרטיסט אַלעקסאַנדער ווערטינסקי האָט געשריבן אין זײַן בוך „אַ פּערטל יאָרהונדערט אָן דעם היימלאַנד":
„איך בין אַראָפּ פון דער שיף. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. אין עמיגראַציע. אין אַ פינף־און־צוואַנציקיאָריקער פרײַוויליקער פאַרשיקונג. אין אַ לאַנגער און ביטערער בענקשאַפט... אַלע פּאַלמע־ביימער, אַלע זון־אויפגאַנגען, אַלע זון־פאַרגאַנגען אין דער וועלט, די גאַנצע עקזאָטיק פון די ווײַטע לענדער, אַלץ, וואָס איך האָב געזען, אַלץ, וואָס מיך האָט באַגײַסטערט, — גיב איך אָפּ פאַר איין טאָג, פאַר אַ סאַמע כמורנע טאָג, אַ סאַמע רעגנדיקן, סאַמע פאַרוויינטן טאָג בײַ זיך אינעם היימלאַנד..."
נו, און איך, — איך, דער רויטער מעשולעך, — וואָס איך בין גאַנצע דרײַ וואָכן ניט געווען אין דער היים, קער זיך אום אהין מיט אַ האַרץ, אַ פולס מיט זיסער בענקשאַפט, איך קער זיך אום אין מײַן ליכטיקן טאָג צו זיך אינעם היימלאַנד.

דראַמאַטישע נאָוועלן

אײכמאַן אין ירושלים

יערושאָלאַים, דער פּלאַץ באַם קויסל מאַאַראַווי. ערעוו פּורים. די וואַנט זעט זיך אין דער טיף פון דער בינע. זי איז לעקאָוועד יאָמ־טעוו באַלויכטן מיט רעפלעקטאָרן, און מע קאָן אַף איר באַמערקן פאַר־וואַקסענע מיט גרינס און מאָך ערטער, גרעסערע און קלענערע שפּאַרו־נעס. אַן אוילעם ייִדן אין לאַנגע קאַפּאָטעס, טאַלייסים, שטרײַמלעך, יאַרמלקעס, אײניקע מיט שוואַרצע קאַפּעליושן אַף די קעפּ. יעדערער דאַוונט אַף זײַן שטייגער און נוסעך, עס לאָזן זיך פילן קאַלערליי אַק־צענטן: ליטווישער, וואָלינער, גאַליציאַנער, פּאָלעסיער, וואַרשעווער, ספאַרדישער. אײנער נעמט אײַנמיטנדערינען שרײַען מיט באַנומענע קוי־לעס. מע שטופּט קוויטלעך אין די שפּאַרונעס פון דער וואַנט, און מע טוליעט זיך צו איר.

אַפן פּלאַץ — טוריסטן אין לײַכטן אָנטועכץ; כסידישע גרופּעס, סאָלדאַטן, בעטלער, גלאַט אָרטיקע ייִדן, די מערהײַט מיט בערד און לאַנגע געקרײַזלטע פּייעס, אַ סאַך אין האַלבע, אָן שנירלעך, שוואַרצע שטיבלעטן און אין ווײַסע זאָקן. אײניקע קומען אַפן פּלאַץ, אײַנגעוויקלטע אין טאַלייסים; מיידלעך אין שוואַרצע זאָקן און אין לאַנגע קליידלעך, מיט לאַנגע אַרבל און הויכע קעלנערלעך, עלטערע פרויען אין אַלטמאָדישע קליידער; אָפּגעריסענע־אָפּגעשליסענע ביטניקעס, קינדער; עטלעכע נײַע אוילים וואַרפן זיך דורך מיט רוסישע ווערטער: „סטיענאַ פּלאַטשאַ!", „פּלאַקאַט' נאַדאָ, אַ אָני סמעיוטסיאַ", „זאַווטראַ פּראַזדניק פּורים", „אַ טשטאָ טאַקאָיע פּורים?.." אײנער פון זיי, אַ באַיאָרטער, ענטפערט אַף ייִדיש: „פּורים פרייט מען זיך, וואָס האַמאָן האָט געכאַפּט די מאַפּאָלע, און מע לייענט מעגילאַס עסטער"...

אַפן פאָדערפּלאַן טאַנצן יעשיווע־באָכערים מיט היסלײַוועס, אַרופגעלייגט די הענט אײנער דעם צווייטן אַף די אַקסלען. עס הערט זיך דאָס לייענען פון מעגילאַס עסטער. ווי נאָר עס ווערט דערמאָנט דער נאָמען האַמאָן, הייבן די קינדער אָן גראַגערן מיט די גראַגערס און די דערוואַקסענע טופּען מיט די פיס.

עס קומט צו לויפן אַ ייִנגל מיט אַ פּעקל צײַטונגען.

ער שרײַט: א פרישע אָונט־בלאַט! „אַל־האַמישמאַר"! קויפט א צײַטונג, וועט איר אַלצדינג וויסן! ס'איז געמאָלדן א נײַע דעוואַלוואַציע, דער פונט ביליקער אף צען פּראָצענט!

די רעפּלעקטאָרן טראָגן אריבער זייער שײַן פון דעם קויסל אף דער מיט פונעם פּלאַץ. דער טאַנץ הערט אויף. די דאַווגער און די טענצער נעמען זיך צונויף אין רעדלעך. מע פאַרהייבט די טאַלייסים, און אין די הענט באַווײַזן זיך געלט־קופּיורן, בײַטלען, עלעקטראָנישע רעכן־מאַשינדלעך. דער פּלאַץ באַקומט אָן אויסזען פון א בירזשע. אָרטיקע ייִדן רינגלען ארום די טוריסטן.

מע דינגט זיך: „מאַכעטייסע, מיט צען פּראָצענט מערער פאַר יעדן דאָלער"... „אָפּגעמאַכט? ניין?"... „דאָרטן צאָלט מען שוין טײַערער!"

א פרויִשע שטים: „גאָטעניו, פאָטער אין הימל, דאַנק און לויב דיר, וואָס איך האָב כאַטש דעם פּורים־קוילעטש באַוויזן אָפּבאַקן פאַר דער דעוואַלוואַציע!.. אַן אַנדער פרוי שטאַמלט ארויס מיט א פאַרזאַרגט קאָל: „האָמענטאַשן, מאָן־קיכלעך, יויך מיט קרעפּלעך... אין אזא יאַקרעס. אָך!" די נײַע אוילים אף רוסיש: „קאַקאָי אוזשאַס! פּלאַקאַט' נאַדאַ..." דער באַיאָרטער — אף ייִדיש: „א שיינעם שאַלאַכמאָנעם האָט מען זיי אונטערגעטראָגן..." עס דרייט זיך ארום א שנאָרער, דער זעלבער, וואָס וועט שפּעטער זיך ארויסווײַזן פאַר א קאָמיסאַר פון דער זיכערהײַטס־פּאָליציי. ער צעשטופּט די מענטשן אין די רעדלעך, קוקט ארײַן אין פּענעמער, באַטאַפּנדיק, ווי צופעליק, דאָס אייגעם, דאָס א צווייטן, רעדט ארויס מיט א קאָל, וואָס עס דראָעט מערער, איידער עס בעט: „גיט א נעדאָווע", „ייִדן, איר הערט, ייִדן!" אף זײַנע רייד רופט מען זיך אָפּ דאָרט, ווו עס שטופּן זיך, פאַרכושטע, די רוסישע אוילים: „טשטאָ אָן גאָוואָריט?" א ייִנגל לויפט ארום פון איין רעדל צום אַנדערן און זינגט שטיפעריש: „הײַנט איז פּורים, מאָרגן איז אויס, גיט מיר א גראָשן און וואַרפט מיך ארויס!.." איינער פונעם אוילעם: „ראַבויסײַ, שעמט אײַך! מיר געפינען זיך אפן הייליקן פּלאַץ, בא דער מײַרעוו־וואַנט פונעם בייסהאַמיקדעש. דאָס איז אונדז מיסכײַעוו צו טראַכטן ערנסט אויך פּורים!" עמעצער שלאָגט אים איבער, לאַכנדיק: „ניט טאָמיד איז פּורים..." דער ערשטער זעצט פאָר: „ראַבויסײַ! ס'האָט מיר איבערגעריסן די רייד א קאָמוניסט. נישקאָשע, מאָסקווע ווייסט, ועמען ארײַנשיקן אין לאַנד פון די אָווע"... א קאָל אף רוסיש: „טשטאָ אָן גאָוואָריט? דוראַק, פּלאַקאַט' נאַדאָ..." דער ערשטער זעצט פאָר: „אָנשטאָט צו מאַכן זיך א ווען פון דער דעוואַלוואַציע, לאָמיר בעסער, אין זכוס פון פּורים, זיך צונויפלייגן און געבן אונדזערע ייִנגלעך מער קלייזײַען, טאָמער וועט מען מוזן ארויס מיט נאָך א מילכאָמע קעגן אונדזערע סאָנים, די אראַבער!" ווידער דאָס לאַכנדיקע קאָל: „ניט טאָמיד איז פּורים"... אף רוסיש: „קאַקאָי אוזשאַס!". פון א הויכריידער דערהערט זיך אַן אָריענטאַלישע מעלאָדיע און גלײַך נאָך איר די שטים פונעם דיקטאָר: „כאָשעווע און פּילגעשעצטע בירגער פון דער גאָלדענער שטאָט יערושאָלאַיִם, דער רעזידענץ פון דאָוויד האַמעלעך און שלוימע האַמעלעך, דער מעטראָפּאָליע פון אונדזער אַלטער גלאָריִע!.." א כאָר הייבט אָן זינגען די ליד „ירושלים של זהב, של נחושת

ושל אור"![1] — „יערושאָלאים פון גאָלד, פון קופער און ליכט". די קלאנגען פון דער ליד ווערן שטילער, און עס זעצט פאָר דער דיקטאָר: „לעקאָוועד דעם גרויסן יאָמטעוו פורים איז דער יערושאָלאיִמער מוניציפאליטעט געקומען צום געדאנק, אז די בעסטע פורים־שפיל וועט זייַן, אויב עס וועט באוויזן ווערן א ספעקטאקל וועגן דעם מישפעט איבערן האָמאָן פונעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט, דעם מערדער פון די זעקס מיליאָן אונדזערע ברידער און שוועסטער אדאָלף אייכמאן. ס'איז איבעריק צו דערמאָנען, אז דער היסטאָרישער מישפעט איז פאָרגעקומען טאקע דאָ, אין יערושאָלאיִם, צווישן עלפטן און פופצנטן דעצעמבער טויזנט נייַן הונדערט איין־און־זעכציקסטן יאָר, און מע האָט דאָ, אין יערושאָלאיִם, דעם בלוט־הונט מעקאיעם פסאק געווען דעם איין־און־דרייַסיקסטן מייַ טויזנט נייַן הונדערט צוויי־און־זעכציקסטן יאָר. צוליבן הייַנטיקן ספעקטאקל, וועלכער וועט געשטעלט ווערן אינעם זאל, ווו ס'איז פאָרגעקומען דער פראָצעס, איז אייַנגעלאדן געוואָרן פון דער פעדעראטיווער דייַטשישער רעפובליק אן ארטיסט, וואָס איז ווי א טראָפן וואסער ענלעך אף אייכמאנען. ס'וועט אויך גענוצט ווערן די גלעזערנע שטייַג, אין וועלכער עס איז בייַסן מישפעט געזעסן דער אום־מענטש. כאָשעווע און פילגעשעצטע בירגער פון דער גאָלדענער שטאָט יערושאָלאיִם, דער רעזידענץ פון דאָוויד האמעלעך און שלוימע האמעלעך, דער מעטראָפאָליע פון אונדזער אלטער גלאָריע! לייגט אָפ אין א זייַט אייַערע טאָג־דייַגעס און אייַלט אין בייט האָאָם צו זען דעם גרויסן פורים־ספעקטאקל. שאלאָם". דער כאָר זינגט ווידער הויך: „ירושלים של זהב, של נחושת ושול אור"...

די שייַן לעשט זיך אויס. ווען עס ווערט צוריק ליכטיק, זעט מען אף דער סצענע דעם פלאץ פארן בייט האָאָם. די האנדלונג וועט דאָ ווייַטער פאָרקומען אף צוויי דעקאָראציע־פלאכן. איצט איז באלויכטן דער אונטערשטער. אף לינקס זעט זיך דער פאראדנער אריַינגאנג אין צושויער־זאל. ארויסגעשטעלטע רעקלאמע־פלאקאטן פון דעם אייכמאן־פראָצעס. אין דער ווייַטערער פערספעקטיוו לאָזן זיך אראָפ פון די הויכקייַטן צום פלאץ, אין אלע דרייַ זייַטן, שמאָלע געסלעך פון דער יערושאָלאיִמער אלט־שטאָט. אכוץ די קליינע שטיינערנע הייַזקעס זעען זיך סילועטן פון ניט־ייִדישע טעמפלען.

אפן פלאץ: א שוכפוצער מיט א קעסטל, צוגעדעקט מיט מעש און מיט א גלעקל; א פארקויפער פון פורים־געבעקס. עס קומט אָן א פאָטאָרעפאָרטיאָר, באהאנגען מיט אפאראטן. ער פאָטאָגראפירט די רעקלאמע אפן פאסאד פון דער געביַידע און פארשווינדט. ס'באווייַזט זיך דער זעלבער שנאָרער, וואָס לעבן קויסל מאראָווי. ער גייט צו צום שוכפוצער און צום פארקויפער פון פורים־געבעקס און רעדט זיך שטיל מיט זיי דורך. דערנאָך שפארט ער זיך צו צו דער וואנט אזוי, אז מע זעט אים קוים. צוויי יונגעלייַט, לויטן אויסזען יעשיווע־באָכערים, פארפעסטיקן לענגאויס דער וואנט א לאנגע שטיק ווייַס צייַג מיט אן אויפשריפט: „ערעץ־

[1] „יערושאָלאיִם שעל זאהאוו, שעל נעכושאָט וועשעל אויר.

יִיסראָעל איז דער צענטער פון דער וועלט, יערושאָלאַיִם איז דער צענ־טער פון ערעץ־יִיסראָעל, דער בייסהאַמיקדעש איז דער צענטער פון יע־רושאָלאַיִם, אונדז געהערט גאַנץ ערעץ־יִיסראָעל און גאַנץ יערושאָלאַיִם. — גוש עמונים". בייסמײַסטע באַווײַזן זיך פון ערגעץ צוויי יוגנטלעכע אין אַרבעטער־בלוזעס און קלעפּן צו צום עלעקטראָ־סלופּ, פּונקט קעגן דעם אַרײַנגאַנג אין צושויער־זאַל, אַ פּאַפּירענעם פּלאַקאַט: „יִידן און אַראַבער: שאַלעם און פרײַנטשאַפט! פאַרגעסט ניט, אַז אייכמאַנס יאָרשים לעבן צווישן אונדז! — בנקי, קאָמיוג פון יִיסראָעל". ווען די יונגעלײַט צעגייען זיך אין פאַרשיידענע זײַטן (די יעשיווע־באָכערים שטעקן אַרויס צו די קאָמיוגיסטן ציינגער, און יענע באַווײַזן זיי פויסטן), שאַרט זיך אַרויס דער שנאָרער פון זײַן באַהעלטעניש, לייענט פריִער דורך דעם אופשריפט אַפן שטיק ווײַס צײַג און גייט דערנאָך אַריבער צום צוגעקלעפּטן פּלאַקאַט. אופהייבנדיק זיך אַף די שפּיץ פינגער, רײַסט ער אַראָפּ פונעם פּלאַקאַט צוויי פּאַסן, וועלכע בלײַבן הענגען. אַפן סלופּ קאָן מען נאָך לייענען: „אייכמאַנס יאָרשים"... „צווישן אונדז"... עס קומט צו גיין דער באַיאָרטער יִיד, וועלכער איז לעבן קויסל געוועזן צווישן די נײַע אוילים און גערעדט יִידיש.

שנאָרער (צום באַיאָרטן יִידן). אַדוֹינִי! (קיין ענטפער) מאָסיע! גאָספּאָדין! (דאָס זעלבע) סעניאָר! מיסטער! גנעדיקער הער! רעב יִיד...

באַיאָרטער יִיד. אַזוי וואָלט איר גלײַך זאָגן...

שנאָרער. זײַ זיך מאַטריַעך, רעב יִיד (רופט אים מיטן פינגער צו זיך). זײַ מויכל...

באַיאָרטער יִיד. וועמען מויכל זײַן, אייכמאַנען?

שנאָרער. וואָס עפּעס אייכמאַנען?

באַיאָרטער יִיד. ס'איז ווידער אַוועק אַ סעדרע אייכמאַן...

שנאָרער. דו מיינסט, אַפּאָנעם, אייכמאַנס קאָפּיע, דעם אַרטיסט... וואָסי, מע טאָר שוין ניט שפּילן אַ צוירער?

באַיאָרטער יִיד. שפּילן אַ צוירער אַף דער בינע — אַדרעאַבע, אָבער קאָפּירן דעם צוירערס ראָל אַף דער פּראַקטיקע — דאָס איז שוין עפּעס אַנדערס.

שנאָרער. גיב קלאָרע דיבורים.

באַיאָרטער יִיד. קלאָרער קאָן שוין ניט זײַן. איצט איז ער געקומען שפּילן דעם צוירער אין טעאַטער. און אין דרײַ־און־פערציקסטן האָט ער זיך אַראָפּגעיאַוועט קיין אָשווענטשים, קיינער האָט ניט געקאָנט אונטערשיידן, צי דאָס איז דער עמעסער אייכמאַן, צי ניט... דער עמעסער האָט געהאַט עטלעכע קאָפּיעס פון זיך. אין פאַל, אויב די פּאַרטיזאַנער וועלן אים דערשמעקן... ווייסט איר, וואָס דער אַרטיסט האָט אָפּגעטאָן?

שנאָרער. נו, זאָג!

באַיאָרטער יִיד. ס'איז אים ניט געפעלן געוואָרן, וואָס אַף דער טליִע הענגט אַ מענטש שוין אַ וואָך צײַט און שטינקט. האָט ער גע־הייסן אים פאַרבײַטן מיט אַ פרישינקן. אַ רוף געטאָן איינעם אַפן אומ־שלאָג־פּלאַץ: „ווער ביסטו געוועזן פריִער?" „אַן אַרטיסט". „נעם איך דיך אַרײַן אין ספּעקטאַקל. וועסט זײַן דעם געהאַנגענעמס דובליאָר"... אַ גליק,

וואָס אין לאַגער איז פּונקט אָנגעקומען דער עמעסער אייכמאַן, ער האָט געהאַט אַזאַ טעווע: לאָזן פֿאַר זיך די קאָפּיע... און ס'האָט אים פֿאַרדראָסן די מײַסע. האָט ער אַ געשריי געטאָן: „וואָס באַלעבאַטעוועסטו לעבן דער טליִע!" און באַפֿוילן, אַז דער געהאַנגענער זאָל הענגען, און דעם דו־בליאַר — אין קרעמאַטאָרי...

שנאָרער. אין אויוון אַרײַן?

באַיאָרטער ייִד. דער דובליאַר — דאָס בין איך געווען...

שנאָרער. אַרויס דורכן קוימען אַ לעבעדיקער?

באַיאָרטער ייִד. דער אויוון איז אין יענעם טאָג געשטאַנען אויף רעמאָנט.

שנאָרער (גייט צו נעענטער). ווי רופֿט מען דיך?

באַיאָרטער ייִד. אייכמאַן.

שנאָרער. כאָסערדייע... (באַקוקט אים).

באַיאָרטער ייִד. אונדזער פֿאַמיליע איז געווען אויכמאַן, אָבער אין דער ליטע זאָגט מען אַרויס דעם „אוי" ווי „איי", און אַלע רופֿן מיך אייכמאַן... אַזאַ מאָדנע זאַך.

שנאָרער. אַ גוטער נאָמען גייט אָן אומעטום... (נעמט אים אָן פֿאַר די גערגערעס). אַלטער שקראַב! דו מיינסט אַוואַדע, אַז איך בין...

באַיאָרטער ייִד. אַ שנאָרער.

שנאָרער. נאַ! (אַ פֿײַג אין פּאָנעם אַרײַן).

באַיאָרטער ייִד. ווער זשע זײַנט איר?

שנאָרער. זע! (דעקט אויף די אַנדערע זײַט פּונעם לאַץ).

באַיאָרטער ייִד. גנעדיקער הער...

שנאָרער. דער געהיימער דינסט פֿון דער מעדינע איז אַלץ באַוווסט. אַ דעמאָנסטראַציע פֿון אַראַבער בײַסן ספּעקטאַקל... טעראָריסטן... קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע... (ווײַזט מיט דער האַנט אױפֿן צעריסענעם פּלאַקאַט). אײַער אַרבעט!

באַיאָרטער ייִד. דאָס האָט איר דאָך אַראָפּגעריסן דעם פּלאַקאַט.

שנאָרער. מאַך זיך ניט טאַמעוואַטע. דו ביסט דורכגעפֿאַלן.

באַיאָרטער ייִד. איך? ריבוינעשעלוילעם...

שנאָרער (גיט אַ פֿײַף. עס לויפֿן צו דער שוכפּוצער און דער פּאַרקויפֿער פֿון פּורים־געבעקס און הייבן אָן אַרומטאַפּן דעם באַיאָרטן ייִדן, צי ער האָט געווער. דער באַיאָרטער מאַכט פֿריילעכע גוואַלדן). אַלטער שקראַב, באַלד פֿאַרשטאָפּ איך דיר דאָס מויל!

באַיאָרטער ייִד. גענוג שוין מיך צו טאַפּן...

שנאָרער. אַזוי ווי קיין פּיסטאָלעט האָסטו ניט, ביסטו, זעט אויס, געקומען אויסקוקן דאָס אָרט, אַז אַ צווייטער זאָל שיסן...

באַיאָרטער ייִד. גנעדיקער הער! זינט איך האָב דערהערט, אַז אייכמאַנס קאָפּיע וועט שפּילן טעאַטער, קאָן איך ניט רוען. איך וויל זען מײַן אייכמאַנען. כ'האָב אָפּגעלייגט אויף אַ בילעט אין טעאַטער, נאָר די אינפֿליאַציע, זאָלט איר מיר מוחל זײַן...

שנאָרער. אַהאַ, פּראָפּאַגאַנדע!

באַיאָרטער ייִד. גאָרנישט פּראָפּאַגאַנדע. איך בין אינדערפֿרי

געגאַנגען קויפן ברויט און מילך פאַרן ווײַב — אַ כוילע נאָך פונעם אָש־ווענטשימער גאַנײדן, — זײַנען די פּרײַזן אַזוי הויך, אַז מײַן בילעט אין טעאַטער, זאָלט איר מיר מוחל זײַן, האָט ניט געקאָנט זיי אַריבערשפּרינגען... טראַכט איך מיר: כ׳וועל זיך אַרײַנשמוגלען אין זאַל צוזאַמען מיטן עולם, און דאָרט... אונטער אַ באַנק...

שנאָרער. ביסט אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה...

באַיאָרטער ייִד. אַ נײַער עולה... ווײַל איך, זיץ איך אויף דער באַנק, ווײַל איך, ליג איך אונטער דער באַנק... אַבי אַרײַנגיין אין טעאַטער.

שנאָרער. וועסט באַ מיר אַרויסגיין, וועסטו!

באַיאָרטער ייִד. האַלעווײַ העלפט מיר שוין גאָט, איך זאָל אינגאַנצן אַרויסגיין... צוריק אַהיים קיין ווילנע...

שנאָרער. דורכן קומען וועסטו באַ מיר אַרויסגיין!

באַיאָרטער ייִד. נו, אַזאַ מעגלעכקייט האָב איך שוין איינמאָל געהאַט...

ער מישט זיך אויס מיטן עולם, וואָס הייבט אָן שטראָמען אין טעאַטער.

שנאָרער (צום פּאַרקויפער פון פּורים־געבעקס). דו גיי האַנדלען מיט דײַן סחורה אין זאַל אַרײַן. און לאָז ניט אַרויס פון אויג דעם דאָזיקן ייִדן. פאַרשטאַנען?

פּאַרקויפער. ער וועט פון מיר ניט אַוועקגיין (אָפּ).

שנאָרער (צום שוכפּוצער). די אַראַבער לאָזן זיך שוין אַהער אַראָפּ. ווען זיי וועלן פאַרפולן דעם פּלאַץ, זאָלסטו געבן אַ סיגנאַל צו דער אַבלאַווע...

שוכפּוצער. דרײַ קלינג מיטן גלעקל...

די שײַן טראָגט זיך אַריבער צו די ענגע געסלעך פון אַלט־ירושלים, וועלכע לאָזן זיך אַראָפּ פון די הויכקייטן צום פּלאַץ.

עס קומען אָן אַראַבער. דער ערשטער גייט אַ פאַרמעגלעכער, אין אַ געשטרייפטער אַבײַיע מיט אַ ווײַס־שוואַרצער מיצקע, אויסגעהעפט מיט גאָלדענע פעדעם. נאָך אים — פּאָשעט געקליידטע, אין ווײַס־שוואַרצע געשטרייפטע כלאַמידעס און אין ווײַסע קעפיאַס מיט קײַלעכדיקע שוואַרצע בייגל. אייניקע פּרוּוון אַרײַנגיין אין זאַל, נאָר מע לאָזט זיי ניט, אַנדערע באַקוקן די רעקלאַמע־פּלאַקאַטן, נעמען זיך צונויף אין גרופּעס, דריקן אויס אומצופרידנקייט מיטן אויפשריפט אויף דער אַרײַנגאַנג־טיר: „בלויז פאַר ייִדן". דער שוכפּוצער גיט דרײַ קלאַפּ מיטן בערשטל אין מעשענעם גלעקל, און פון אַלע זײַטן רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פּאָליציי־לײַט. אַן אַבלאַווע אויף אַראַבער. געשרייען, זידלערײַען. אַ שאָס. פינצטער. די שײַן צינדט זיך אָן אויפן אייבערשטן פלאַך פון דער סצענע, ווו עס הייבט זיך אָן די פאָרשטעלונג פונעם מישפּעט איבער אייכמאַנען. אונטער אַן אָנגעצייכנטער אויף אַ טונקעלן פאָן העל־קאָנטראַסטירנדיקער מענורע, וועלכע איז באַ די זײַטן אַרומגעלייגט מיט זאַנגען, שטייט דער טיש מיט פּוסטע שטולן פאַר דעם ריכטער און פאַר די בײַזיצנדע, ווי אויך די אַנטקעגנ־

געקערטע שטולן, אַף וועלכע עס זיצן די פאַרשטייער פון דער באַשולדי־קונג און פאַרטיידיקונג, די סעקרעטאַרן און איבערזעצער. אַף רעכטס פונעם טיש פאַר די ריכטער איז אופגעשטעלט א גראַמע גלעזערנע שטײַג מיט א שרײַבטישל און דרײַ פּוסטע שטולן. צווײ װעכטער אין פּאָליצײַישער אוניפאָרם פירן אַרײַן דורך דער הינטער־טיר אייכמאַנען אין דער שטײַג. ער איז דאַר און קליינוווקסיק. א לאַנגע פאַרשפּיציקטע נאָז, שאַרפע אויגן הינטער דיקע ברילן־רעמלעך. א פליך. אָנגעטאָן איז ער אין א טונקל־גרויען אַנצוג מיט א בלוי־גרויען, אין שטרייפן, האַלדז־טוך. זײַן אויסזען — ווי ער וואָלט געקומען ערליידיקן אַן איניען, וואָס פאָדערט געצוימטקײַט, עלעגאַנטע אופירונג. אַרײַנקומענדיק אין שטײַג, פאַר־נייגט ער זיך פאַר דער יִיסראָעל־פאָן און פאַר דער מענוירע, דערנאָך פאַר די בענק פון דער פּרעסע און זעצט זיך אוועק צווישן די צווײ פּאָליציאַנטן. מיט געלאַסענע באַוועגונגען פאַריכט ער די ברילן, פּרווט צורוקן נעענטער צו זיך דעם מיקראָפאָן אַפן טישל, נאָר זעענדיק, אַז דער מיקראָפאָן איז צוגעפעסטיקט, רוקט ער אליין צו אים זיך צו. דער זייגער באַווײַזט נײַן. עס דערהערט זיך א הויך קאָל: „דער געריכט גייט!" אַלע שטייען אוף, די ריכטער פאַרנעמען זייערע ערטער. אַלע זעצן זיך, אייכ־מאַן טוט אָן די אויער־טרײַבלעך, לייגט אוועק פאַר זיך קאָלירטע בלײַ־פעדערס און א שטויס פּאַפּיר. דער סעקרעטאַר פון געריכט מעלדעט: „עס הייבט זיך אָן די באַהאַנדלונג פונעם קרימינאַל־אַקט פּערציק דראַב איין און זעכציק, אין גרונט פון וועלכן עס ליגט דער יוסטיץ־אַקט פון דער רעגירונג קעגן אַדאָלף, דעם זון פון אַדאָלף קאַרל אייכמאַן". דער פאָרזיצער פון געריכט פרעגט דעם באַשולדיקטן, צי ער איז אַדאָלף, דער זון פון אַדאָלף קאַרל אייכמאַן. דער באַשולדיקטער שטעלט זיך אוועק אויסגעצויגן און ענטפערט: „יאָ".
אויסער דער פּראָצעדור פון דער זיצונג — ווי פון זיך אליין, אין דער האַלב־פינצטערניש — דערשײַנען אין שטילשווײַגן פּאַזע די װענט און הינטער די שטולן פון די ריכטער, ווי אויך אין די פינצטער־ראַמען און אין די ווינקלען, מענער, פרויען און קינדער אין לאַגער־אַנטאָן, סקעלעטן, קאַליקעס. זיי בײַטן זיך צומאָל מיט די ערטער, באַוועגן זיך, טוען אַלץ מיט שווײַגנדיקע זשעסטן. די שײַן ווערט שוואַכער, און עס הערט זיך דאָס קאָל פונעם פּראָקוראָר: „אַף דעם פּלאַץ, וווּ איך שטיי פאַר אײַך צו באַשולדיקן אַדאָלף אייכמאַנען, שטיי איך ניט איינער אליין, מיט מיר שטייען דאָ אין דעם מאָמענט זעקס מיליאָן באַשולדיקער. אָבער זיי קאָנען ניט זיך שטעלן אַף די פיס, אַנווײַזן מיט א באַשולדיקנדיקן פינגער אַף דער גלעזערנער צעלע און אויסשרײַען צו דעם, וואָס זיצט דאָרט: מיר באַשולדיקן! זיי קאָנען דאָס ניט טאָן, ווײַל זייער אַש איז אָנגעהויפט צווישן בערגלעך פון אוישוויץ און אַף די פעלדער פון טרעבלינקע, און זייערע קוואָרים זײַנען צעוואָרפן איבער אייראָפּע. זייער בלוט שרײַט, אָבער זייער שטים הערט מען ניט. וועל איך דעריבער זײַן זייער שאַליַעך און אין זייער נאָמען זאָגן דאָס שרעקלעכע באַשולדיקונגס־וואָרט"...
פינצטער. ווען די שײַן צינדט זיך אָן, דערשײַנט ווידער דער פּלאַץ באַם אַרײַנגאַנג אין געריכט־זאַל. ס'האָט זיך פאַרזאַמלט א גרויסער עולעם

אראבער און ייִדן. אַ קאָל אין הויכריידער: „דער ספּעקטאַקל ווערט טראַנסלירט דורך ראַדיאָ. ווער עס איז ניט אַרײַן אין זאַל, קאָן אפן פּלאַץ הערן, וואָס מע רעדט דאָרט". אַ קאָל פונעם אוילעם: „ס'וואָלט געווען אַ יושער, אַז די ראַדיאָ זאָל אויך אונדזערע רייד אפן פּלאַץ איבערגעבן אַהין, אין זאַל אַרײַן!" אַ געריוש פון מאַטאָרן. ס'איז אָנגעקומען אַ נײַע אָפּטיילונג פּאָליציאַנטן און אַגענטן. דער שנאָרער איז אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם מיט צייכנס פון אַ קאָמיסאַר פון דער אָרדענונגס־דינסט.

ק אָ מ י ס אַ ר פ ו ן ד ע ר אָ ר ד ע נ ו נ ג ס ־ ד י נ ס ט (שטייט אינמיטן פּלאַץ). די ייִסראָעלים — אף לינקס, די אראבער — אף רעכטס.

אַ ן אוי ס ג ע ש ר יי. אראבער זײַנען אויך בירגער פון ייִסראָעל!

אַ ן א וי ס ג ע ש ר יי אַ ף ר ו ס י ש. אַ רוסקיע יעווריי! — קודאַ?

ק אָ מ י ס אַ ר פ ו ן ד ע ר אָ ר ד ע נ ו נ ג ס ־ ד י נ ס ט. איך כאַזער איבער: אַלע אראבער — אף דער רעכטער זײַט! שנעלער!

די פּאָליציאַנטן און אַגענטן טרעטן צו אויספּילן דעם באַפעל. זיי וואַרפן זיך אפן אוילעם מיט גומי־שטעקנס און אווטאָמאַטן. אַן אָנגעוואַלגער. געשרייען. כאַאָס. יונגעלײַט שטעלן אַ ווידערשטאַנד. עס דערהערן זיך עטלעכע שאָסן. די פּאָליציאַנטן טרײַבן צו די מאַשינעס אַ גרופּע אַרעסטירטע, בײַ וועלכע די הענט זײַנען פאַרלייגט אף הינטן. איבערן פּלאַץ טראָגט זיך אַ קאָמאַנדע אף דײַטש: „שנעלער! שנעלער!" פונעם געריכטזאַל פּלאַטערן אַרויס די שאָטנס פון קאַצעטלער און פון מענטשן־סקעלעטן. זיי שטעלן זיך אויס בײַ די זײַטן פונעם פּלאַץ און אף די הויכקײַטן. דאָס קאָל פונעם פאָרזיצער פון געריכט: „אַדאָלף, דער זון פון אַדאָלף קאַרל אייכמאַן, דו ווערסט באַשולדיקט פאַרן דאָזיקן געריכט אין פּופּצן אייַנצלהײַטן"... דער טומל אפן פּלאַץ פאַרקלאַפּט דעם הויכריידער, פון וועלכן עס דערטראָגן זיך אין די פּאַוזעס באַזונדערע פראַזעס און ווערטער: „אין דער צײַט צווישן די יאָרן טויזנט נײַן הונדערט נײַן און דרײַסיק און טויזנט נײַן הונדערט פינף און פערציק האָט דער באַשולדיקטער, צוזאַמען מיט אַנדערע, פאַרורזאַכט דאָס אויסהאַרגענען מיליאָנען ייִדן..." — „...דורך פאַרניכטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס די וויכטיקסטע פון זיי זײַנען: איינס. אוישוויץ. דאָ זײַנען פון טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק ביז יאַנוואַר טויזנט נײַן הונדערט פינף און פערציק געטייט געוואָרן מיליאָנען ייִדן אין גאַז־קאַמערן, אין קרעמאַטאָריעס, דורך שיסן און דורך הענגען. דער באַשולדיקטער אַדאָלף אייכמאַן האָט געשטויסן די קאָמאַנדירן פון דעם לאַגער צו באַנוצן זיך מיטן גאַז „ציקלאָן־ב", און אין די יאָרן טויזנט נײַן הונדערט צוויי און פערציק און טויזנט נײַן הונדערט פיר און פערציק האָט ער אויך באַוואָרנט דאָס צושטעלן אַ קוואַנטום גאַז צו פאַרניכטן די ייִדן..." „צוויי. כעלמנאַ. דער דאָזיקער פאַרניכטונגס־לאַגער האָט פונקציאָנירט פונעם כודעש נאָוועמבער טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק ביז אָנהייב טויזנט נײַן הונדערט פינף און פערציק..." בעשאַסן לייענען דעם פּונקט דרײַ הערן זיך בלויז די ווערטער „בעלזשעץ" און „פאַרגיפטנדיקע גאַזן". אפן פּלאַץ — אַן אומופּהערלעך געשריי, עס וואַלגערן זיך פאַרוווּנדעטע. די אראבער

זײַנען שוין אָפּגעטײלט פֿון די ייִדן, זײ שטײען מיט די פּנעמער צו די װענט פֿון די דערבײַיִקע הײַזער, די הענט אין דער הײך. די פּאָליציאַנטן פֿאַרצוימען דאָס אָרט מיט שטעכיקן דראָט. אױף דער ייִדישער זײַט קומט פֿאָר אַ געשלעג, אױסגעשרײען: „אַראַבער — אונדזערע ברידער!”, „איר באַגײט זיך מיט אַראַבער, װי אײכמאַן מיט ייִדן!” אױף רוסיש: „פּאָלונדראַ! סאָלדאַטי!” אַ געװרויש פֿון מאָטאָרן. עס באַװײַזט זיך אַ מיליטער־אײנהײַט און שטױסט אױף די ייִדן אױף אַ װײַטערן פּלאַץ, װעלכן מע זעט אין דער פּערספּעקטיװ. דאָרט װערן די געשלעגן שטאַרקער.

דאָס קאָל אײנעם הױכרײדער: „פּיר. סאָביבאָר. דער דאָזיקער פֿאַרניכטונגס־לאַגער איז געלאָזט געװאָרן אין גאַנג אין מאַרט כּודעש טױזנט נײַן הונדערט צװײ און פֿערציק און ער האָט פֿונקציאָנירט ביז אָקטיאַבער טױזנט נײַן הונדערט דרײַ און פֿערציק. צװישן אַנדערן זײַנען דאָרט אײַנגעריכטעט געװאָרן פֿינף שטײנערנע צימערן, אין װעלכע מע פֿלעגט אַרײַנלאָזן פֿאַרגיפֿטונגס־גאַזן”...

דאָרט, װוּ די מיליטער־אײנהײַט פֿאַרנעמט זיך מיט צעטרײַבן די פֿאַר־זאַמלטע ייִדן, זײַנען געװאָרפֿן געװאָרן עטלעכע גאַז־גראַנאַטעס. עס דער־הערן זיך אױסגעשרײען: „גאַזן! טרערן־גאַזן!” דאָס קאָל אין הױכרײדער: „פֿינף. טרעבלינקע... געלאָזט געװאָרן אין גאַנג דעם דרײַ־און־צװאַנציקסטן יול טױזנט נײַן הונדערט צװײ און פֿערציק... באַנוצט פֿאַרגיפֿטונגס־גאַזן... זעקס. מײַדאַנעק...” אױסגעשרײען צװישן די אַראַבער: „זעט! דאָרט צע־טרײַבט מען אונדזערע ייִדישע כּאװײרים מיט גאַזן!”. עס הײבט זיך אָן אױך דאָ אַ געשלעג מיט דער פּאָליצײ.

קאָמיסאַר פֿון דער אָרדענונגס־דינסט. מיר רופֿן אײַך, אַראַבישע בירגער, אַרױסגעבן די טעראָריסטן, װעלכע זײַנען באַהאַלטן דאָ צװישן אײַך. מיר רופֿן עס טאָן פֿרײַװיליק.

אַן אַראַבער (פּונעם אױלעם). מיר פֿאָדערן מאַכן אַ סאָף צום טעראָר איבער דער אַראַבישער באַפֿעלקערונג.

קאָמיסאַר. איך צײל ביז דרײַ.

אַ קאָל פֿונעם אױלעם: אײכמאַנס עסעסאָװצעס פֿלעגן אױך צײלן ביז דרײַ.

קאָמיסאַר. (קאָמאַנדעװעט). פֿאַרזעצן די אַבלאַװע!

אַ טומל. אױסגעשרײען. אַ מישמאַש. מע שלעפּט אָפּ באַזונדערע אַראַבער אין אַ זײַט, זוכנדיק געװער. פֿונעם הױכרײדער דערטראָגן זיך אָפּגעריסענע פֿראַזעס: „ייִדן אין געטאָס און אין אַנדערע ערטער... אין אַכזאָ־ריעסדיקע און אומענטשלעכע באַדינגונגען”... „דער צװעק איז געװען צו דערנידעריקן די ייִדן, אװעקנעמען זײערע מענטשלעכע רעכט, פֿאַרשאַפֿן לײדן און פּײַן”... „פּלוצלינגדיקע אַבלאַװעס און מאַסן־אַרעסטן פֿון ייִדן, װעלכע זײַנען ניט באַגאַנגען קײן שום פֿאַרברעכן, בלױז דערפֿאַר, װײַל זײ זײַנען ייִדן”... סע פֿאָרט צו אַ פּאָליצײ־פֿורגאָן, אין װעלכן מע װאַרפֿט אַרײַן, האַלטנדיק פֿאַר די הענט און פֿאַר די פֿיס, אײניקע אַראַבער. דורכן

הויכריידער הערט זיך ווײַטער: „אַדאָלף אייכמאַן האָט פּראַקטיקירט פּאָליצייִשע אַקציעס בענעגייע די ייִדן...‟ „...ער האָט גוירעם געווען דאָס פאַרטרײַבן ייִדן פון די ווינ־ערטער מיטן ציל צו באַזעצן דײַטשישע פאַמיליעס‟... אויסגעשרייען צווישן די אַראַבער: „הערט! הערט!‟

א יונגער אַראַבער ..(הייבט זיך אויף אַף די אַקסלען פון א צווייטן יונגן אַראַבער). הערט, אין וואָס מע באַשולדיקט אייכמאַנען! ער האָט אַראָפּגעטריבן ייִדן פון זייערע ווינ־פּלעצער. און אונדזערע אַראַבישער הײַזער, וועלכע זײַנען געשטאַנען אַנטקעגן דעם קויסל און אויך דאָ אַף אַט דעם פּלאַץ, לעם בייט האַאָם, האָט מען דען ניט אופּגעריסן, און אונדז, אַראַבער, האָט מען ניט פאַרטריבן? (פּאָליציאַנטן שלעפּן אים צום פּאָליציי־פורגאָן). ייִדן! איר האָט פאַרגעסן, אַז דאָס זעלבע האָט מען געטאָן מיט אײַך!..

קאָמיסאַר פון דער אָרדענונגס־דינסט. אויסשליסן די ראַדיאָ! (וואַרפט אַראָפּ דעם הויכריידער אַף דער ערד. דאָס קאָל אָבער לאָזט זיך פון דאָרט הערן: „אין דעם יאָר טויזנט נײַן הונדערט איין און פערציק האָט דער באַשולדיקטער באַפוילן אַראָפּטרײַבן אין די אָקופּירטע געביטן פון יוגאָסלאַוויע פערצן טויזנט סלאַוויאַנישע בירגער פון זייערע ערטער, קעדיי באַזעצן דײַטשישע פאַמיליעס‟...). צו אַלדי רוכעס די טראַנסליאַציע! (טאַפּטשעט מיט די פיס דעם הויכריידער, אין וועלכן ס׳פאַרשווינדט דאָס קאָל).

פינצטער. די ליכט צינדט זיך אָן אַפן אייבערשטן פּלאַן פון דער סצענע. דאָרט גייט דער מישפּעט. אייכמאַן זיצט רויק אין דער גלעזערנער שטײַג, מאַכט נאָטיצן, צייכנט עפּעס מיט קאָלירטע בלײַפעדערס.

פּאָרזיצער פון געריכט. באַשולדיקטער! צי האָט איר גענוג אופמערקזאַם געהערט דאָס, וועגן וואָס עס ווערט דאָ באַריכטעט?

אייכמאַן. יאָ, הער פּאָרזיצער פונעם הויכן געריכט. איך בעט אײַך זײַן אַזוי וויליק אָפּצונעמען בא מיר די צייכענונג, וועלכע כ׳האָב אָקאָרשט געמאַכט (דערלאַנגט איינעם פון די וועכטער א בויגן פּאַפּיר מיט א צייכענונג פון איבערגעפלאָכטענע ליניעס, רינגעלעך, קוואַדראַטן. דער וועכטער גיט עס איבער צום טיש פון די ריכטער). איך גלייב, אַז מײַן צייכענונג וועט העלפן זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין דעם איניען. דאָס איז א גראַפישע שילדערונג פון דער ענד־לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע. די רויטע ליניעס באַדײַטן טויט. די גרינע — דעפּאָרטאַציע. די בלויע — דיסקרימינאַציע־מיטלען. דער קוואַדראַט אינעם לינקן ווינקל — דאָס איז די פערטע לייזונג, אינעם רעכטן ווינקל — די פינפטע. איין רינגעלע איז הימלער, דאָס צווייטע — מיולער. באַם ראַנד אינעם סאַמע סאָף — דאָס בין איך. די רויטע ליניעס האָבן צו מיר קיין שײַכעס ניט. איך האָב געהאַט צו טאָן בלויז מיט די גרינע און בלויע, דאָס הייסט מיט דעפּאָרטאַציע און דיסקרימינאַציע. איך פערזענלעך האָב קיינעם ניט דערהאַרגעט. בלויז דאָס קוקן אַף מענטשלעך בלוט האָט בא מיר אַרויסגערופן עקל...

אין זאל פונעם געריכט הערן זיך גרויליקע אויסגעשרייען. מאנצבלען וויינען. פרויען פאלן אין כאלאָשעס. אָרדענונגס־היטער טראָגן ארויס פון זאל די אויסגע־שעפּטע מענטשן.

פאָרזיצער פון געריכט. איך גיב דאָס וואָרט דעם הער אדוואָקאט פונעם באשולדיקטן, דעם דאָקטאָר סערוואטיוס.

אדוואָקאט פונעם באשולדיקטן (מיט דער פּלייצע צום צושויער־זאל). איך פּראָטעסטיר. דאָס געריכט איז ניט קיין טעאטער, און אלץ דארף פּאָרקומען אף א רויִקן אויפן.

די אומאָרדענונג אין זאל ווערט פאָרגעזעצט. פאזע די ווענט, אין די פענצטער־ראמען און הינטער די שטולן פון די ריכטער, פירן זיך אויף אומרויִק די קאצעט־לער אין לאגער־אָנטאָן, די סקעלעטן, די מייסים.

פאָרזיצער פון געריכט. איך רייס איבער די זיצונג אף צען מינוט.

די שייַן ווערט טונקעלער, אָבער מע זעט דאָס אלגעמיינע בילד: אפן פּלאַץ איז שוין פארענדיקט די אָבלאווע. עס קלייַבן זיך ווידער צונויף אראבער און יידן. צווישן אוילעם — דער קאָמיסאר פון דער אָרדענונגס־דינסט, ווידער אינעם געשטאלט פון א שנאָרער. דער שוכפוצער זיצט בא זייַן קעסטל מיטן גלעקל. דער אופגעזאמלטער אוילעם שטייט און קוקט אף ארוף, צום אייבערשטן פלאך פון דער סצענע, ווו עס איז געמאָלדן אן איבערייַס אינעם מישפּעט. די ריכטער און דער איבעריקער פּערסאָנאל זייַנען אוועקגעגאנגען, און ווען פון דער גלעזערנער שטייַג גייט ארויס, צוזאמען מיט די וועכטער, דער ארטיסט, וואָס שפּילט אייכ־מאנען, באווייַזט זיך דער באיאָרטער ייִד, וועלכער איז פריִער געשטאנען אפן פּלאַץ און איז אריַין מיטן אוילעם־שטראָם אין זאל. דער פארקויפער פון פורים־געבעקס גייט אים נאָך, אָבער עטלעכע קוינים האלטן אָפּ דאָס נאָכשפּירן, קויפנ־דיק געבעקס. דער באיאָרטער ייִד פארשטעלט פאר דעם ארטיסט דעם וועג, ביידע קוקן זיך אָן אָנגעשטרענגט.

באיאָרטער ייִד. דו! אייכמאנס קאָפּיע! קוק זיך גוט צו צו מיר, געדענקסט?

ארטיסט. איך ווייס ניט, ווער איר זייַנט.

באיאָרטער ייִד. איך בין דער דובליאָר פונעם געהאנגענעם אין אָשוויענטשים. דערמאָן זיך! דער געהאנגענער האָט געשטונקען, ביסט געווען אזוי ליבנסווירדיק און מיך געשיקט אף זייַן אָרט... נו, געדענקסט?

ארטיסט. וואָס פארלאנגט איר פון מיר? איך בין אן ארטיסט. איך שפּיל אייכמאנען, ווייַל די נאטור האָט געוואָלט, איך זאָל זייַן אף אים ענלעך.

באיאָרטער ייִד. יאָ, דאָס איז אזוי. אָבער הערט, מענטשן! הערט, ייִדן און אראבער פון יערושאָלאיִם, פון גאנץ מעדינאַס־יִיסראָעל! הערט, מענטשן פון דער וועלט! (בעשאס ער רעדט, פארשווינדט דער אר־טיסט אין דער באגלייטונג פון די וועכטער). דאָס לעבן איז דאָך אויך א טעאטער, פּונקט ווי טעאטער — דאָס איז לעבן. ניט עמעס, האַ? אָט נעמט, לעמאָשל, דעם הייַנטיקן פאל. אף דער בינע זעט איר אייכמאנען דעם צוירער, און עס שפּילט אים א מענטש, וואָס זייַן נאָמען מעג זייַן אפילע יעזוס און זייַן פאך — אפילע א בלומענציכטלער, אָבער ס'איז עמעס, אז

ניט בלויז ער שפּילט אייכמאַנען, נאָר ער איז דאָס זעלבע, וואָס ער. בעשאַס יענער איז געווען עס־עס־אָבערשטורמבאַנפיורער און לייטער פון דער אָפּטיילונג פאַר ייִדישע איניאַנים אין געסטאַפּאָ, אַנדערש געזאָגט — געטאָן זײַן בלוטיקע אַרבעט, וועלכע איז אַלעמען באַוווּסט, האָט דער דאָזיקער, זײַענדיק דעם צווירערס קאָפּיע, דערגרייכט ענלעכקײַט ניט בלויז אינעם אויסזען, נאָר אויך אין טאָך. ער פלעגט קאָפּירן די האַנדלונגען פונעם אָריגינאַל! איך בין אויך אַן אַרטיסט, און איך ווייס, אַז עס זײַנען פאַראַן מענטשן פון אָט דעם פאַך, בײַ וועמען די ראָל ווערט זייער צווייטע נאַטור. איז אָט: דעם אָריגינאַל אַדאָלף אייכמאַן האָט מען אין יערושאָלאַיִם אויפגעהאַנגען, און אין דער זעלבער צײַט האָט מען זײַן קאָפּיע, דעם נאָכמאַכער, דעם נאָכפאָלגער, דעם, ווער עס האָט געקאָנט הענגען אָדער שיסן אַ מענטשן, פאַרווײַלנדיק זיך מיט דעם, — אים האָט מען פאַרבעטן צוליב אַ ספּעקטאַקל. (דער פּאַרקויפער פון פּורים־געבעקס רײַסט זיך אַרויס פון צווישן די קוינים און לויפט אַוועק אפן פּלאַץ, ווו ער רעדט זיך דורך מיטן שנאָרער). אָבער מענטשן! אַראַבער און ייִדן פון יערושאָלאַיִם, פון גאַנץ מעדינאַס־ייִסראָעל! מענטשן פון דער וועלט! די מײַסע מיטן ספּעקטאַקל דאָ אַף אָט דער בינע דאַרף פון אײַך ניט פאַרשטעלן דעם איקער. און ניט דעם ספּעקטאַקל בין איך אויסן, ווען איך ווענד זיך צו אײַך. (דער שנאָרער רײַסט זיך אַרײַנצוגיין אין זאַל, נאָר בײַ דער טיר האָבן זיך שוין אַוועקגעשטעלט די קאַצעטלער אין לאַגער־אָנטאָן, און זיי לאָזן אים ניט אַרײַן, ער גייט אָפּ). טוט אַ קוק, וואָס עס טוט זיך בישכיינעס מיטן געריכט־זאַל, אפן פּלאַץ און אין דער גאַנצער שטאָט. צי זעט איר ניט און צי הערט איר ניט אַ סאַך אַזוינס, וואָס איז ענלעך אַף דעם, וועגן וואָס עס רעדט זיך דאָ, אין געריכט־זאַל? און איך וויל אײַך פרעגן, מענטשן, איך פרעג בײַ אײַך: ווו איז די עמעסע שפּיל — דאָ, צי דאָרט? מע שפּילט אין פּאַשיזם אַף דער סצענע, צי מע ברענגט אַרוף פּאַשיזם אפן פּלאַץ? אָט דאָס וויל איך אײַך פרעגן, און דאָס וויל איך אײַך זאָגן, ייִדן און אַראַבער פון יערושאָלאַיִם, פון גאַנץ מעדינאַס־ייִסראָעל, מענטשן פון דער וועלט!

דער שנאָרער באַווײַזט זיך באַם אַרײַנגאַנג, איבערגעטאָן אין לאַגער־קליידער, צוזאַמען מיטן שוכפּוצער און מיטן פּאַרקויפער פון פּורים־געבעקס — אויך איבערגעטאָנענע. זיי לויפן צו צום באַיאָרטן ייִדן און פאַרשליסן אים די הענט מיט קייטלעך.

שנאָרער. ראַבויסײַ! אַזוי ווי איר קוקט אים אָן, איז ער דאָס טאַקע יענער אויסוואָרף, וועלכער איז געווען די העסלעכע קאָפּיע פונעם צווייטער אַדאָלף אייכמאַן (אַ טומל אפן פּלאַץ און אַף דער סצענע). מיר האָבן אַ באַפעל אים איבערצוגעבן אין די הענט פון דער גערעכטיקײַט!

באַיאָרטער ייִד. ליִיגסט, הונט! דו און דײַנע באַהעלפער זײַנען די הײַנטיקע עסעסאָווצעס, איך דערקען אײַך אַפילע אין די קליידער פון קאַצעטלער.

שנאָרער. וועסט באַצאָלן אויך פאַר אָט די רייד, ווען מע וועט דיך

אוועקשטעלן פאַרן געזעץ. און איצט, אַדעראַבע, זאָג, אַז אַלע זאָלן הערן: ווי איז דײַן פֿאַמיליע, ווי רופֿט מען דיך? זאָג!
באַיאָרטער ייִד. מײַן פֿאַמיליע איז אייכמאַן.

דער טומל ווערט שטאַרקער. עטלעכע מענטשן וואַרפֿן זיך צו שלאָגן דעם באַיאָרטן ייִדן. ער שרײַט עפּעס, וויל זיך פֿאַרטיידיקן, נאָר קיינער הערט ניט, וואָס ער זאָגט. מע פֿירט אים אַרײַן דורך דער הינטער־טיר אין דער גלעזערנער שטײַג, און צוויי וועכטער זעצן זיך אוועק אויף רעכטס און אויף לינקס פֿון אים. די שײַן אויפֿן פּלאַץ לעשט זיך אויס. אויפֿן אייבערשטן פּלאַץ פֿון דער סצענע הייבט זיך אָן אַ מישפּט. עס דערהערט זיך אַ הויך קאָל: „דער געריכט גייט". אַלע שטייען אויף, די ריכטער פֿאַרנעמען זייערע ערטער. אַלע זעצן זיך. דער סעקרעטאַר פֿון געריכט מעלדעט: „עס הייבט זיך אָן די באַהאַנדלונג פֿונעם קרימינאַל־אַקט פּערציק דראַב צוויי און זעכציק, אין גרונט פֿון וועלכן עס ליגט די באַשולדיקונג קעגן דעם ייִדן אייכמאַן, וועלכער האָט געבראַכן די אָרדענונג בײַם דעם ספּעקטאַקל פֿונעם מישפּט איבער אַדאָלף, דעם זון פֿון אַדאָלף קאַרל אייכמאַן..."

מע זעט, ווי אין דער האַלב־פֿינצטערניש פֿאַרשווינדן פּאַזע די ווענט, אין די פֿענצטער־ראַמען און הינטער די שטולן פֿון די ריכטער, ווי אויך אין די ווינקלען און בײַם אַרײַנגאַנג פֿון זאַל און אומעטום אויפֿן פּלאַץ, די מענער, פֿרויען, און קינדער אין לאַגער־אָנטאָן, די קאַליקעס און סקעלעטן. זייער אָרט פֿאַרנעמען פּאָליציאַנטן און אַגענטן פֿון דער אָרדענונגס־דינסט.

פֿאָרהאַנג

א טאָעם גערהאט אין כעזשבן

דאָס ערשטע בילד

די סצענע שטעלט מיט זיך פאָר א צימער אין א זומער־ווינונג. דער טיש איז געדעקט, ווי צו א יאָמטעוו. מיט דער פּלייצע צום טיש, מיטן פּאָנעם צום פּובליקום זיצט אין א פאָטעל אף רעדלעך און שלאָפט פּינכעס — אן אלטער ייִד, פון האָרעפּאשניקעס. לעם אים, מאמעש לעם סאמע אויער, שטייען אין אן ענגן קרײַז, מאכן מיט די הענט און שרײַען עפּעס זײַן שנור מארוסיע — א יונג בלאָנד ווײַבל — און דאָס פּאָרפאָלק, וואָס ווינט אין דער צווייטער העלפט פון דער זומער־ווינונג (דער ארײַנגאנג אין זייער דירע געפינט זיך אף דער קעגנ־יבערדיקער זײַט פונעם הויז און קומט ארויס צו דער גאס) — פּאווא רובענאָוונא, פּינכעסעס שוועסטער, און איר מאן צאריאָוו, א גוטמוטיקער, כיטרער מענטש פון א יאָר 65, געווען אמאָל א לעב־יונג, פאר זײַנע מידעס רופט מען אים „דער אמעריקאנער".

ווען ס'עפנט זיך דער פאָרהאנג, רעדן אלע, יעדערער זײַנס, און פּינכעס שלאָפט געשמאק. צום צושויער דערגייען ניט קיין ווערטער — בלויז דער גרויסער טומל און דאָס אונטערכראָפּען פונעם שלאָפנדיקן.

מיטאמאָל ווערט שטיל. מארוסיע, פּאווא רובענאָוונא און צאריאָוו הערן זיך צו צום טיגנאל פון א פארבײַפאָרנדיקן אווטאָ, דערנאָך ברעכט ווידער אויס א געשריי: „געקומען!" „אזוי גיך געקומען!" „מיט אן אווטאָמאָביל געקומען!" „וועקט אוף דעם טאטן!" „קומט באגעגענען!" און — נאָכאמאָל שטיל. פּאווא רובענאָוונא ווארפט זיך עפּעס צו זאָגן, נאָר צאריאָוו שטעלט זי אָפּ מיט זײַן שטענדיק ווערטל: „רעד ניט..."

צאריאָוו. **אײַ־אײַ־אײַ, מארוסיע, ניט געקאָנט אונדז פריִער זאָגן, אז עס קומט אזא מין גאסט!** (מארוסיע וויל עפּעס זאָגן).

פּאווא רובענאָוונא. פארענטפער זיך ניט! מיר ווינען אף יענער זײַט וואנט, און אז די אמעריקאנער מומע קומט, האָבן מיר זיך דערוווּסט פון דעם, וואָס דאָ קלינגט מען שוין מיט די טעלער.

צאריאָוו (צו פּאווא רובענאָוונא). **רעד ניט...** (זיי לויפן ארויס, מארוסיע הערט זיך צו אָנגעשטרענגט, וואָס עס טוט זיך אין גאס. דאָרט אָבער, ווי אויך דאָ, אף דער בינע, אין שא־שטיל).

פּינכעס (כאפּט זיך אוף, ווי פון א שטויס). **הא! הא!** (קוקט זיך ארום) **ניטאָ נאָך די אמעריקאנערן? ניט געקומען?** (אומצופרידן) **וויפל מאָל האָב איך אָנגעזאָגט, אז ווען איך שלאָף, זאָל מען ניט אופהערן צו טומלען...** (גענעצט הויך אף א קאָל. מארוסיע מאכט אף אים מיט די הענט: ש־ש־ש־ש!) **וואָס האָסטו זיך צעפּאָכעט מיט די הענט, מארוסינקע?**

מארוסיע. טאטע, שא!

פּינכעס. שא און שא. פון אײַער שטיל־זײַן קאָן מען מיט קיין אויג ניט צומאכן... איך האָב אזוי אויך קראנקע נערוון...

מארוסיע. וואָסי, טאטע? ס'איז שוין געוואָרן פונקט קאַפּויר? קעדיי א מענטש זאָל שלאָפן, דארף מען, אז הארמאטן זאָלן שיסן? נו, און אויב עס איז, כאָלילע, שטיל אף דער וועלט, איז שוין אויס, מע קאָן ניט שלאָפן?..

פ י נ כ ע ס. מאַרוסיע, פיר מיט מיר ניט קיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ דויערנדיקן שאָלעם אויף דער וועלט. איך וויל שלאָפן, וויל איך (קרעכצט, איינמאַסטענדיק זיך אין פּאַטעל), און אַז טומל קאָן איך ניט... פאַרשטייסט, אַזאַ מענטש בין איך, אַז עס שלאָפט זיך מיר בלויז, ווען ס'איז טומלדיק. נו, דו ביסט אַ שנור, מאַרוסינקע, מעגסטו וועגן מײַנע פּריוויטשקעס ניט וויסן... פרעג, זײַ זיך מאַטריעך, באַם מאַן דײַנעם, באַ עליע־מיילעכקען... ער ווייסט...

מ אַ ר ו ס י ע. טאַטע, ביידע וויסן מיר, אַז איר זײַנט אויף די מילכאָמעס געווען אַן אַרטילעריסט און אין דער צײַט צווישן די מילכאָמעס האָט איר געאַרבעט אין טומלדיקע ערטער: פריער אַפן מאַרק, וווּ מע פאַרופט קוי־נים און מע דינגט זיך, אַזש די אויערן פּלאַצן, נאָכדעם אין אַ ווײַבער־שער סינאַגאָגע, צווישן ווײַבער...

פ י נ כ ע ס (זאָגט אונטער). ניט אין אַ סינאַגאָגע, נאָר אין אַ באָד...

מ אַ ר ו ס י ע. אין אַ ווײַבערשער באָד?!

פ י נ כ ע ס (אין קאַס). פאַרוואָס דאַפקע אין אַ ווײַבערשער? נו, און מיר, מאַנצבלען, מיר טומלען דען ניט אין אַ באָד? נאַקעטע מענטשן שרײַען...

מ אַ ר ו ס י ע. און נאָך שפּעטער האָט איר, טאַטע, געאַרבעט אין אַ...

פ י נ כ ע ס. אין אַ ראַדילנע דאָם... דאָרט איז אויך ניט שטיל.

מ אַ ר ו ס י ע. און אין אַ מיל, און אין אַ בוינע, וווּ מע קוילעט אָקסן...

פ י נ כ ע ס. דעם געשריי אין אַ בוינע באַם קוילען אָקסן איז, פונדעסט־וועגן, ניט צו פאַרגלײַכן מיטן געשריי, לאָמיר זאָגן, אין אַ באָד...

מ אַ ר ו ס י ע. ביפראַט אין אַ ווײַבערשער...

פ י נ כ ע ס. אָט ל'איך דיר באַלד אַרײַנלייגן אין די ביינער אַרײַן!..

מ אַ ר ו ס י ע (לאַשטשעט זיך צו אים). טאַטע, וואָס דאַרפט איר לייקענען? ניט שיין פאַר אַ סאָוועטישן מענטשן, פאַר אַ כאָשעווען פּענסיאָ־נער...

פ י נ כ ע ס. וואָס זשע לייקן איך אַזוינס?

מ אַ ר ו ס י ע. איר האָט דאָך פאָרט געאַרבעט אין אַ ווײַבערשער באָד...

פ י נ כ ע ס. אין ניקאָלקעס צײַטן נאָך...

מ אַ ר ו ס י ע. אָבער, ווי איך פאַרשטיי, האָבן דאָך אויך באַ ניקאָלקען אין אַ ווײַבערשער באָד זיך געוואַשן הוילע ווײַבער...

פ י נ כ ע ס (שוין האַלב אין דרעמל, פרעגט ניט זיכער). מאַרוסינקע, עפּעס האָסטו זיך צערעדט אויף ייִדיש... דו קענסט שוין ניט שלעכט ייִדיש, האַ?

מ אַ ר ו ס י ע. אַז דער מאַן איז אַ ייִד און דער שווער — אַ ייִד, איז פּרווו ניט קענען קיין ייִדיש... ס'איז, זאָג איך אײַך, טאַטע, אויך אַ סימען, אַז דרוזשבאַ נאַראָדאָוו איז באַ אונדז אין בלוט...

פ י נ כ ע ס. גוט, גוט... אָבער איך בעט דיך, טאָכטערקע, אויב דו רעדסט שוין יאָ אויף ייִדיש, זאָלסטו זײַן אָפּגעהיט מיט ווערטער... אָט, לע־מאָשל, זאָגסטו, אַז איך בין געווען אין דער ווײַבערשער באָד צווישן הוילע ווײַבער... דאַרפסטו וויסן, אַז צווישן הוילע ווײַבער קאָן באַטײַטן — צווישן איינע ווײַבער און קאָן אויך באַטײַטן צווישן נאַקעטע ווײַבער...

מאַרוסיע (צעלאַכט זיך שטאַרק, דערנאָך רעדט מיט איבערגעטריי־בענעם ערנסט). **אַפילע אין דער טוירע שטייט געשריבן...**

פּינכעס. וואָס ווייסטו וועגן טוירע, מאַרוסינקע... וועגן דער הייליקער טוירע... ביסט, ווי מע פלעגט אַמאָל, ניט היינט געדאַכט, זאָגן, אַ שיקסל... און אַז עליע־מיילעכקע, מיין זון, איז אַ יידיש קינד, ווייסט ער דען עפּעס פון דער טוירע? ביידע זיינט איר, גאָט צו דאַנקען, ווייט פון אַזעלכע זאַכן...

מאַרוסיע. פון וועלכע זאַכן?

פּינכעס. נו, פון אַ בלאַט געמאַרע, לעמאָשל, צי פון דעם, וואָס גע־הערט זיך אָן צו אַ כאַזן, צו אַ באַדכן, אַ קאַברען, אַ גאַבע, אַ שויכעט, אַ מויעל, אַ ראָוו, אַ קוואָרעסמאַן, אַ רעבע, אַ שאַדכן... צי פון האָבן עפּעס אַ פאַרשטאַנד אין אַ פאָרעץ, אין אַ סויכער, אין אַ גובערנאַטאָר, אין אַ קייסער סאַפּקאָלסאָף!

מאַרוסיע (הייבט אָן שפּילעוודיק זינגען, מיט אַ שטאַרקן רוסישן אַקצענט, אָבער מיט אַ געפיל צו דער מעלאָדיע און אַפילע איבערגעטריבן לעגאַבע דעם „נאַציאָנאַלן קוועטש").

ראַבויסיי, ראַבויסיי! כאַכאָמים אָן אַ ברעג!
כ'וועל איייך פרעגן, כ'וועל אייך פרעגן...
נו, פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
ענטפערט אַלע אַף מיין שיילע:
וויאַזוי שלאָפט דער קייסער, וויאַזוי?

מ'שיט אָן אַ פולן ביידער מיט פעדערן
און מ'כמאַליעט אַהין אַריין דעם קייסער,
און דריי פאָלקן סאָלדאַטן
שטייען אַ גאַנצע נאַכט און שרייען: שאַ! שאַ!

פּינכעס (אומצופרידן). **שאַ!**

מאַרוסיע. טאַטע, שטענדיק, ווען איך זינג די דאָזיקע ליד, שרייט איר אַף מיר. וואָס געפעלט אייך ניט אין איר?

פּינכעס. דעם עמעס געזאָגט, טאָכטערקע, זינט איך האָב געגומען שלאָפן, אַזוי ווי אָט דער־אָ קייסער, דאָס הייסט אונטערן געשריי פון דריי פאָלקן סאָלדאַטן, קאָן איך ניט פאַרלייַדן, ווען מע לאַכט זיך פון דעם אויס אין אַ ליד... (ווען פּינכעס רעדט, זעצט פאָר מאַרוסיע זינגען דעם מאָטיוו אָן די ווערטער. פּינכעס הייבט אָן אונטער דער ליד איינ־דרעמלען: ער רעדט פאַמעלעך, פאַרשלאָפן). **אין דער ווייַבערשער באָד, מאַרוסינקע, בין איך, כאַסכאָלילע, באַ דער מיקווע ניט געשטאַנען, ניין... געהאַקט האָלץ האָב איך, געהייצט דעם קעסל...** (מאַרוסיע זינגט העכער, פּינכעס רעדט קוים). **אין דער ווייַבערשער באָד... אַפן מאַרק... אין מיי־קאָלקעס צייטן...** (שלאָפט איין. עס לויפן אַריין צאַריאָוו און פּאַווא רו־בענאָוונא. זיי האָבן זיך איבערגעטאָן אין בונטע, שווערע קליידער: פּאַ־ווא רובענאָוונא אין אַן אַלטמאָדישן סאַק און אין אַ הויכער הוט, צאַ־

ריאָוו — אין אַ טונקעלן זשילעט, אַ „סאָבאַטשקע״ לעבן קאָלנער, די הויזן און דאָס היטל פון אַלציינעם געשטריפּטן ציץ. דער טומל ווערט ווידער גרויס. מע קאָן גאָרנישט ניט פאַרשטיין).

מאַרוסיע. דיאַדיע צאַריאָוו! טיאָטיע פּאַווא! ענטפערט איין וואָרט: זי איז געקומען?

צאַריאָוו. }
פּאַווא רובענאָוונאַ. } ניט געקומען. ניט...

מאַרוסיע. דיאַדיע צאַריאָוו, טיאָטיע פּאַווא רובענאָוונאַ! וואָס האָט איר זיך אַזוי אויסגעדראָצלט?

עס ווערט שטיל: צאַריאָוו און פּאַווא רובענאָוונאַ זעצן זיך צו אַפן דיוואַן אַרום מאַרוסיען און נעמען עפּעס אײַנטײַנען מיט איר. פּינכעס כאַפּט זיך אויף, באַקוקט דאָס פּאָרל און צעלאַכט זיך שטילערהייט. ער מאַכט אָן אָנשטעל, אַז ער שלאָפט. אין מעשעך פונעם ווײַטערדיקן שמועס עפנט ער עטלעכע מאָל די אויגן און זאָגט אַ פּאָר ווערטער אין אַ זײַט.

פּאַווא רובענאָוונאַ (ווײַזט אַף פּינכעסן). מאַרוסינקע, אַז ער איז דאָ, האָב איך מורא צו ריידן...

מאַרוסיע. רעדט. דער טאַטע שלאָפט.

צאַריאָוו (בעט זיך). רעד ניט...

פּינכעס (אין אַ זײַט). אַ גאַנץ לעבן האַלט ער אין איין בעטן באַ איר, זי זאָל ניט רעדן... און זי הערט אים ווי דעם קאָטער...

פּאַווא רובענאָוונאַ (פירט איבער אַף אַן אַנדער אָרט מאַרוסיען. צאַריאָוו לויפט זיי נאָך, בעטנדיק: „רעד ניט, רעד ניט״...). פאַרשטייסט, מאַרוסינקע, באַ אונדז, ייִדן, איז דאָ אַ מינהעג. מע לאָדט זיך.

פּינכעס שטעלט אָן דעם אויער, קעדיי בעסער צו הערן, וואָס פּאַווא רובענאָוונאַ זאָגט.

מאַרוסיע. וואָס איז עס פאַר אַ וואָרט: מע לאָדט זיך? איך ווייס: מע לאָדט זיך אָן... דאָס הייסט, מע נעמט אַ מאַסע.

פּאַווא רובענאָוונאַ. ניין, מע לאָדט זיך, מע...

צאַריאָוו. מע קריגט זיך איבער עפּעס: דאָס איז דײַנס! ניין, ס׳איז מײַנס!..

מאַרוסיע. אָט איז דער טאַטע פּינכעס אַן אַלטער ייִד, ער ווייסט מינהאָגים, און עפּעס זע איך ניט, ער זאָל זיך לאָדן... (פּינכעס מאַכט זיך ווידער שלאָפנדיק).

פּאַווא רובענאָוונאַ. קינד וואָס דו ביסט, טאַקע מיט אים וועלן מיר זיך לאָדן (פּינכעס שטרענגט זיך נאָכאַמאָל אָן צו הערן). מאַרוסינקע, איך מעג דיר עס אָנטרויען?

צאַריאָוו. רעד ניט...

פּאַווא רובענאָוונאַ. מאַרוסינקע, אַ שטוב איז געבליבן אין שטעטל, דער מאַמעס שטוב.

פ י נ כ ע ס. הא, די שטוב לאָזט זיי ניט צורו! וואַרט, וואַרט, איר וועט זיך פאַרשפּאָרן צו לאָדן (קערט זיך אָפּ פון זיי).

מ א ר ו ס י ע. וועגן וועמעס מאַמע רעדט איר?

פ א ו ו א ר ו ב ע נ א ָ ו ו נ א. נו, מײַן מאַמע, זײַן מאַמע (ווײַזט אָף פּינ־כעסן), דײַן עליע־מיילעכס באַבושקע... ווייסט דען ניט, אַז מיט אַ יאָר דרײַסיק צוריק איז די באַבושקע מיטן דיעדושקע, אָלעוואַאשאָלעם, אַריי־בערגעפאָרן אהין, קיין אַמעריקע?

צ א ר י א ָ ו. רעד ניט, פאַווא...

פ א ו ו א ר ו ב ע נ א ָ ו ו נ א (פירט איבער מאַרוסיען אָף אַ נײַ אָרט, צאַריאָוו גייט זיי נאָך. פאַווא רובענאָוונא רעדט סוידעסדיק). איז געבליבן אין אַמעריקע אַ צאַוואָע. דער מאַמעס צאַוואָע. אַ סוואָרע, אַז אַ האַלבע שטוב האָט זי אָפּגעשריבן פּינכעסן און די צווייטע העלפט צעטיילט צווישן מיר מיט פעסלען, מײַן עלטערער שוועסטער, וואָס איז מיטגעפאָרן מיט דער מאַמען קיין אַמעריקע און לעבט איצט דאָרטן, ווי גאָט אין אָדעס...

מ א ר ו ס י ע. איז וואַרטן מיר, הייסט עס, אָף דער מומע פעסל? דאָס דאַרף זי איצט צו אונדז קומען?

צ א ר י א ָ ו (צו פאַווען). רעד ניט. איך וועל אַליין זאָגן. (צו מאַרו־סיען) פונוואַנען ווייסן מיר, ווער עס קומט? דערוווּסט האָבן מיר זיך דאָך ~~וועגן~~ דעם ערשט־אָ, ווען דו האָסט שוין צעשטעלט די טעלער... נו, אַ מו־מע קומט. וואָס פאַר אַ מומע, ווייסן מיר ניט. פאַווא וויל...

פ א ו ו א ר ו ב ע נ א ָ ו ו נ א. איך וויל, און דו ווילסט ניט?!

צ א ר י א ָ ו (נאָכגיביק). איך מוז אויך וועלן... און אַנדער ברירע האָב איך?

פ א ו ו א ר ו ב ע נ א ָ ו ו נ א. מיר ביידע ווילן נעמען בײַ דער מומען אַ פּאַפּיר, אַז אַמעריקע זאָגט זיך אָפּ פון דעם פערטל שטוב. וועט עס דעמלט איבערגיין צו אונדז, און מיר וועלן אויך האָבן אַ האַלבע שטוב... וואָס זײַנען מיר ערגער פון פּינכעסן?

צ א ר י א ָ ו. האָב צײַט. מיר וועלן זיך ערשט נעמען לאָדן, ווען דאָס פּאַפּיר וועט שוין ליגן דאָ־אָ (ווײַזט אָף דער קעשענע).

פ י נ כ ע ס (אין אַ זײַט). לאָזט דינען...

מ א ר ו ס י ע. מומע פאַווא, צוליב וואָס דאַרפט איר עס? אין שטעטל איז די שטוב אַן אַלטע... אין מאָסקווע האָט איר אַ קוואַרטיר און אַ שטיקל דאַטשע אויך...

צ א ר י א ָ ו. אײַ מאַרוסינקע, ביסט אוואַדע געערעכט, רעד ניט...

פ א ו ו א ר ו ב ע נ א ָ ו ו נ א. רעד ניט! רעד ניט! אָפּגעריסענער נאַר! דו טו נאָר אַ טראַכט: אַזאַ ניעסטשאַסטנער פּענסיאָנער, ווי דו, באַקומט מיטאַמאָל אַ האַלבע שטוב... אַ פּאַלאַץ! אַן אימעניע! פּאָמעשטשיק צאַריאָוו, און שוין. וואָס איז דיר שלעכט? ווילסטו, פאַרקויף די שטוב און קויף אַ „וואָלגע", ווילסטו, שענק זי מאַרוסיען מיט עליע־מיילעכן...

מ א ר ו ס י ע (לאַכט). טיאָטיע פאַווא, טשעפּעט זיך אָפּ. איך מיט עליע־מיילעכן דאַרפן ניט האָבן קיין שטוב אין שטעטל...

פּ אַ ווּ אַ ר ו ב ע נ אָ ו ו נ אַ. איר דאַרפֿט! אַ מענטש דאַרף אַלץ! צוליב וואָס, מיינסטו, דערציייל איך עס דיר?

מ אַ ר ו ס י ע. איך ווייס ניט.

צ אַ ר י אָ ו ו (צו פּאַווען). רעד ניט.

פּ אַ ווּ אַ ר ו ב ע נ אָ ו ו נ אַ (שטופּט אים אָפּ). איך וויל, איר זאָלט אונדז העלפֿן... דו און עליע־מיילעך... זיך דורכריידן מיט דער מומען... און ער (ווײַזט אַף פּינכעסן), ער זאָל ניט וויסן... מאַרוסינקע, טו אַ טויווע...

מ אַ ר ו ס י ע. וואָס רעדט איר, מומע? נו, איך וועל אײַך ניט אַרויס־געבן, אויב איר ווילט. דער טאַטע פּינכעס איז אַזאַ, אַז ער וועט שפּעטער אַפּילע ניט זײַן אין קאַס אַף מיר... פֿאַר אים זײַנען אײַערע לאַדענישן ניט מער, ווי אַן אַנעקדאָט. גוט, איך וועל אײַך ניט אַרויסגעבן. אָבער שפּילן עפּעס דאָ אַ ראָל... וואָס רעדט איר, מומע?

עס דערהערט זיך ווידער אַ סיגנאַל פֿון אַ פֿאַרבײַפֿאָרנדיקן אווטאָ. צאַריאָוו און פּאַווּאַ רובענאָוונאַ לויפֿן אַרויס. מאַרוסיע נעמט שטיל זינגען אַ רוסישע ליד, ווישט אויס דאָס מעבל, צעשטעלט די טעלער אַפֿן טיש.

(פּינכעס דרייט זיך אין פּאַטעל)

מ אַ ר ו ס י ע. טאַטע, וואָס זאָל איך טאָן, איר זאָלט רויִק שלאָפֿן?

פּ י נ כ ע ס. מאַך אַ טומל.

מ אַ ר ו ס י ע. שרײַען?

פּ י נ כ ע ס. וואָס רעדסטו? די אַמעריקאַנער מומע וועט מיינען, אַז איך שלאָג דיך...

מ אַ ר ו ס י ע. עפּשער איבערוקן דעם טיש, אומוואַרפֿן די בענקלעך, נו, פֿאַר אַ נויט צעברעכן אַ פּאָר טעלער?

פּ י נ כ ע ס. דאָס הייסט — מאַכן אַ פּאָגראָם, הייסט עס. אַמאָל, באַ ניי־קאָלקען, פֿלעגן זײַן יִדישע פּאָגראָמען, איצט וועלן מיר אַף טשיקאַוועס זען אַ יִדיש־רוסישן געמישטן פּאָגראָם...

מ אַ ר ו ס י ע. טאַטע, וואָס זשע טוט מען?

פּ י נ כ ע ס. דריי אָן דעם פּאַטעפֿאָן. נאָר איך בעט דיך, שפּיל מיר ניט די ליד, וויאַזוי סע שלאָפֿט דער קייסער.

מ אַ ר ו ס י ע. גוט, גוט, טאַטע. ווײַבאַלד עס קומט צו אונדז אַן אַמעריי־קאַנערן, און דאָרט איז טומל אין דער מאָדע, וועל איך באַלד אַ זוך טאָן און אויפֿקשטעלן עפּעס פֿון די הײַנטיקע אַמעריקאַנער פּלאַסטינקעס. (דרייט אָן דעם פּאַטעפֿאָן). באַלד וועלן מיר אײַך פֿאַרוויגן מיט אַמעריקאַ־נער טומל, טאַטע.

פּ י נ כ ע ס. דו זאָגסט — טומל... באַ זיי, באַ די אַמעריקאַנצעס, אַז די שטאָט גייט זיך לייגן שלאָפֿן, שיסט מען אַרויס פֿונעם הימלקראַצער אַ ראַקעטע אין הימל, און אַלע שאָפֿערן הייבן אָן אין דער זעלבער מינוט קוועטשן אַף די סירענעס פֿון די אווטאָמאָבילן. אַו־אַו־אַו־אַו־אַו! אַ סוואָרע, אַז מע שליסט אַפּילע אײַן די אַטאָמנע טרעוואָגע... די זאַוואָדן

פײַפֿן, די פֿאַראָוואָזן פײַפֿן, אַלע סמאַרקאַטע ייִנגלעך — פײַפֿן! די ראַדיאָ שרײַט, דער גאַנגסטער שיסט, די שטאָט גייט כאַדאָראַם. און דעמלט שלאָפֿט שוין אײַן די שטאָט...

מאַרוסיע שטעלט אַוועק אַ פּלאַסטינקע. עס דערהערט זיך אַ גרילצנדיקע בוגי־וווגי־מוזיק. פּינכעס שלאָפֿט אײַן. עס קערן זיך אום, מיט אַ געהיימען און צעטראָגענעם אויסזען, צאַריאָוו און פּאַווּאַ רובענאָוונאַ. מאַרוסיע רוקט אָפּ אין אַ ווײַטער ווינקל דעם שרײַענדיקן פּאַטעפֿאָן.

צ אַ ר י אָ ו ו (אַזוי, אַז מאַרוסיע זאָל ניט הערן). פּאַוואָטשקע... ווײַבעלע מײַנס... איצט ביסטו צופֿרידן, האַ? פֿאַרשטייסט, זי איז אונדזערע, מײַנע און דײַנע איז זי! ניט אַלע טאָג קומען אינאָסטראַנצעס...

פּ אַ ו ו אַ ר ו ב ע נ אָ ו ו נ אַ. צאַריאָוו, פּלאַפּל ניט מיט דער צונג, זאָג, וואָס מע דאַרף איצט טאָן. פֿאַרגעס ניט, אַז זי איז דאָרט אַליין און אַז צווישן אונדזער קאָמנאַטע און אָט דער איז אַ דין ווענטל (קלאַפּט אין וואַנט).

צ אַ ר י אָ ו ו (אויסער־זיך). בעהיימע, וועסטו זי דאָרט איבערשרעקן, די אַמעריקאַנערן. צודערצו קאָן זי נאָך מיינען, אַז מע רופֿט זי, וועסט ניט באַווײַזן קיין פּיפּס טאָן, ווי זי שטעלט זיך אַהער אַרײַן אָן אונדזער הילף...

פּ אַ ו ו אַ ר ו ב ע נ אָ ו ו נ אַ. אוי, שרעק מיך ניט, צאַריאָוו, עס פֿעלט אונדז, מײַן בראַטאָק זאָל זיך דערוויסן, אַז מיר האָבן זי איבערגעכאַפּט...

צ אַ ר י אָ ו ו. שאַ, רעד ניט... (נאָך אַ פּאַוזע גייט ער צו צו מאַרוסיען און צעלאַכט זיך גוטמוטיק). מאַרוסיע, אומניצע, ערן וואָרט, ס׳אַ געדאַנק. איך זאָג דיר, מאַרוסיע, פֿאַרוואָס טאַקע זאָל אַזאַ כאַשעווער מענטש (ווײַזט אַף פּינכעסן), פֿאַרוואָס זאָל ער ניט שלאָפֿן אונטער אַ מעכאַניזירטן טומל? (טראַכט אַ ווײַלע). און פֿאַרוואָס טאַקע ניט אַרויספֿירן אים צוזאַמען מיטן פּאַטעפֿאָן אַף דער פּאָליאַנע? אויב שלאָפֿן, איז שוין בעסער אַף דער פֿרײַער לופֿט... און ווען די מומע פֿון אַמעריקע וועט קומען, וועלן מיר אים שוין יאַקאָס געפֿינען און אופֿוועקן, און מיט גרויס פּאָמפּע און פּאָטשאָט וועלן מיר אים אַרײַנפֿירן צוריק אין שטוב אַרײַן...

מ אַ ר ו ס י ע. אָן אײַנפֿאַל באַ אײַך, דיאַדיע צאַריאָוו...

פּ אַ ו ו אַ ר ו ב ע נ אָ ו ו נ אַ (צו צאַריאָוון). וואָס ווילסטו טאָן?

צ אַ ר י אָ ו ו (שטרענג). רעד ניט, נעם, פּאַווּאַ רובענאָוונאַ, העלף מאַרוסיען... פּינכעס אונדזערער האָט פֿאַרדינט, מע זאָל אים אַרומפֿירן אַף רעדלעך...

טוט אַ שטויס דעם פּאָטעל און גיט אים איבער מאַרוסיען, וואָס שטויסט אים ווײַטער, צום אַרויסגאַנג; דעם שפּילנדיקן פּאַטעפֿאָן גיט צאַריאָוו איבער אין די הענט אַרײַן פּאַווּאַ רובענאָוונען און באַפֿוילט איר: „טראָג!" אַזוי גייען זיי אַרויס: מאַרוסיע, שטויסנדיק פֿאַר זיך דעם פּאָטעל מיט פּינכעסן, וואָס האָט זיך צעלייגט און שלאָפֿט, פּאַווּאַ רובענאָוונאַ — מיט דעם שפּילנדיקן פּאַטעפֿאָן אין די הענט. ווען די טיר פֿאַרמאַכט זיך נאָך זיי, כאַפּט צאַריאָוו עטלעכע פֿלעשער ווײַן פֿון טיש און אַ טעלער מיט פֿאַרבײַסעכץ און לויפֿט אויך אַרויס.

פֿאָרהאַנג

דאָס צווייטע בילד

דער הויף ארום דער זומער־ווױנונג. רעכטס — א גאנעק, וואָס פירט אין שטוב אריַין. פונעם גאנעק גייט א סטעזשקע צו דער צווייטער זיַיט פונעם הויז, ווו עס ווױנען די צאַריאָווס. פון דאָרט, אזוי אז מע זאָל אים ניט זען, באוויַיזט זיך א פּאָר מאָל צאַריאָוו און טראָגט ארויס פון פּינכעסעס שטוב די פארבליבענע פלעשער וויַין און די טעלער מיט פארביַיסעכץ. אף יענער זיַיט פלויט, אין דער טיף פון דער סצענע — א פּאָליאַנע. עס זעט זיך דאָרט פּינכעס, שלאָפנדיק אין פאָטעל, און לעם אים, אפן גראָז — מארוסיע. שטיל דערגייט פון דער פּאָליאַנע דאָס שפּילן פונעם פּאטעפאָן.

שטיפעריש־פאַרזיכטיק, באהאלטנדיק זיך אין שאָטן פון דער שטוב, קומט אריַין פּינכעסעס זון עליע־מיילעך. ער קערט זיך אום פון זאוואָד, ווו ער ארבעט אלס שלאָסער. אָנגעטאָן איז ער אין א קאָמבינעזאָן, אף דער האנט — א רויט בענדל מיט אן אויפשריפט „דרוזשיניק". וויַיזט אויס, אז עליע־מיילעך האָט נאָך פונדערוויַיטן דערזען, ווי צאַריאָוו פארנעמט זיך מיט שטוב־גנייווע. ער וויל מיט אים א שפּאס טאָן, און דעריבער טאקע באוויַיזט ער זיך אזוי אומגעריכט און נעמט „ארומרינגלען" צאַריאָוון, וואָס לאָזט זיך אראָפּ פונעם גאנעק מיט א טעלער פארביַיסעכץ אין די הענט און מיט ארויסשטארצנדיקע פון די קעשענעס פלעשער וויַין. צאַריאָוו פּרוּווט זיך אים אויסמיַידן. עליע־מיילעך, ווי געווײנלעך א דרוזשיניק, טוט א שטילן פיַיף מיט זיַין פיַיפל און פארשטעלט אים דעם וועג.

עליע־מיילעך. גראזשדאנין צאַריאָוו, רוקי וו וועררך!

צאַריאָוו. עליע־מייִלעכקע, וויש אָפּ די נאָז, בא מיר ביסטו ניט קיין דרוזשיניק.

עליע־מיילעך (נעמט אראָפּ פונעם פלויט א קריגל, וואָס מע האָט אויפגעהאנגען צום טריקענען, שלעפּט ארויס פון צאַריאָווס קעשענע א פלאש וויַין און גיסט אָן). **לעכאַים, דיאדיע צאַריאָוו!** (פארביַיסט פונעם טעלער, וואָס צאַריאָוו האלט אין ביידע הענט).

צאַריאָוו. עליע־מיילעך, איך וועל דיך מיימעסן (וויַיזט אף דער פּאָליאַנע). **גיי שוין בעסער אהין. דיַין מארוסקע קוקט אף דיר ארויס, ווי אמאָליקע יאָרן, שאבעסצונאכטס, פלעג א יידענע ארויסקוקן אף א שטערן...**

עליע־מיילעך. איר לאכט מיט יאשטשערקעס, דיאדיע צאַריאָוו... (גיסט ווידעראמאָל אָן, טרינקט אויס און פארביַיסט).

צאַריאָוו. איך לאך פון דיַין יידישן נאָמען, עליע־מיילעך. הייסן הייסטו טאקע מיט א יידישן נאָמען, אָבער וואָס איז פון דעם דער טאכלעס? עליע־מיילעך — א סאָוועטסקער שלאָסער, א געשמאדטער יונג... (טוט א מאך מיט דער האנט, לאָזט זיך גיין).

עליע־מיילעך (שריַיט אים נאָך). **דיאדיע צאַריאָוו! דיאדיע צאַריאָוו!**

צאַריאָוו. (שטעלט זיך אָפּ מיטן טעלער אין די הענט, אף וועלכן עס ליגן די אָפּפאלן פונעם עסן). **האָ?**

עליע־מיילעך. און איר, כאָטש איר זיַינט צאַריאָוו...

צאַריאָוו. נארעלע, מיַין פאמיליע איז סארין... פון סארין האָב איך געמוזט מאכן צארין...

עליע־מיילעך. נו, יאָ, און פון צאַרין איז שוין מיט דער האַנט דערלאַנגען ביז צאַריאָוו... אַזוי ווי באַ שאָלעם־אַליינכעמען: קאָפּל איז גאָפּל, גאָפּל איז ווילקע, ווילקע איז פּילקע, און פּילקע איז פּילאַרעט. איז וויל איך אײַך טאַקע זאָגן, דיאַדיע צאַריאָוו, אַז כאָטש איר האָט זיך געמאַכט אַזאַ פאַמיליע, העלפט עס אײַך ניט, און אַלע זעען, אַז איר זײַנט אַ שטיק ייִדישער... ייִדישער...

צאַריאָוו. וואָס — אַ שטיק ייִדישער? אַדרעאַבע, שייגעץ, זאָג...

עליע־מיילעך. אַ שטיק ייִדישער ביזאָיען... (פּײַפט מיטן פּײַפל, רופט מאַרוסיען, זי זאָל צוגיין).

צאַריאָוו (מיט גוטן). שאַ, עליע־מיילעך, זײַ ניט אַזוי אין כּעס... פונדעסטוועגן בין איך דיר אַ פעטער. און אין מאַראַלנע קאָדעקס שטייט בעפּיירעש, אַז אַ מענטש אַ מענטשן איז אַ פרײַנט... (עליע־מיילעך וויל אוועקגיין). שטיי, וואַרט אַ רעגעלע, עליע־מיילעך. איך וויל דיך עפּעס בעטן...

עליע־מיילעך. טאָמיד בעט איר עפּעס, דיאַדיע צאַריאָוו.

צאַריאָוו. דאָס לעצטע מאָל... איך שווער באַ באָרד און פּייעס... (רוקט זיך צו נעענטער צו עליע־מיילעכן). זאָג מיר, ליבינקער, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דער שטוב? קענסט מיר עפּעס זאָגן?

עליע־מיילעך. מיט וועלכער שטוב?

צאַריאָוו. נו, מיט אײַער שטוב.

עליע־מיילעך. איך פאַרשטיי ניט, פעטער צאַריאָוו, וואָס איר מיינט מיט דעם. איך בין, עמעס, הײַנט פון זאַוואָד ניט פאַרפאָרן אַהיים, גלײַך אַוועק אַהער, אָף דער דאַטשע, נאָר וואָס קאָן געשען מיט אַ שטוב, פונוואַנען מע איז ערשט אַריבערגעפאָרן הינטער דער שטאָט? איך פאַרשטיי ניט, דיאַדיע צאַריאָוו, וואָס איר פרעגט מיך.

צאַריאָוו. עליע־מיילעך, דו ביסט, צי דו מאַכסט זיך? וועגן וועלכער שטוב רעדסטו? דער קאָמונאַלער מויער, ווו איר וווינט איצט, — דאָס איז אַ שטוב? אַ גאָסודאַרסטווענע אימושטשעסטווע מיט קאָמונאַלנע עלעקטריטשעסטווע און מיט קאָמונאַלנעם גאַז — אָט וואָס עס זײַנען אײַערע דרײַ צימערן און מײַנע צוויי צימערן. איך פרעג דיך וועגן דער שטוב!

עליע־מיילעך (שאָקלט מיטן קאָפּ). געטרונקען האָב איך, און שיכּער איז ער...

צאַריאָוו. ניין, איך בין ניט שיכּער, עליע־מיילעכקע. דו הער מיך אויס, איך פרעג וועגן דער שטוב אין שטעטל, וועגן דער ירושע־שטוב פרעג איך...

עליע־מיילעך. וואָלט איר אַזוי טאַקע געזאָגט... ירושע־שטוב... (ווינקט אין צאַריאָווס זײַט). די דירע, וואָס די מעלוכע גיט אים, איז קײַן שפּײַ, ער טראַכט וועגן ירושע־שטיבער... זײַן טאַטנס ירושע... (דערמאָנט זיך אין עפּעס, ווענדט זיך ווידער צו צאַריאָוון). דיאַדיע צאַריאָוו, וועגן דער שטוב אין שטעטל פרעגט איר? האָט דאָך דער טאַטע די לעצטע טעג געהאַט אַ סאַך מיט איר צו טאָן...

צאַריאָוו (ניײַגעריק, דערשראָקן). וואָס הייסט, געהאַט צו טאָן? וואָס האָט ער געטאָן מיט איר?

עליע־מיילעך. נו, געוואַזגעט זיך מיט דער באָבעס שטוב אין שטעטל... ער וויל עפּעס מיט איר טאָן...

צאַריאָוו. וואָס טאָן?!

עליע־מיילעך. איך זאָל אַזוי וויסן פון צאָרעס, דיאַדיע צאַריאָוו.

פון הינטער דער וואַנט שטעקט אַרײַן דעם קאָפּ פּאַווא רובענאָוונא. זי מאַכט אומגעדולדיק צו צאַריאָוון מיט די הענט: „וואָס ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן? קום אַהער, שלימאַזל." „וואָס איז געשען?" — פרעגט צאַריאָוו. פּאַווא רובענאָוונא שעפּ־טשעט: „זי וויל אַרויסגיין פון שטוב!.. אַהער וויל זי אַרויסגיין!.. זי זאָגט, אַז ניט אונדז האָט זי, זעט אויס, געזוכט!"... צאַריאָוו טוט אַ וואָרף אין אַ זײַט דעם טעלער און לויפט אַוועק נאָך פּאַווא רובענאָוונען, שרײַענדיק „אײַ־אײַ־אײַ! אײַ־אײַ־אײַ!" אין דער זעלבער צײַט שלעפּט שוין עליע־מיילעך זײַן ווײַבל איבערן פּלויט. עס הייבט זיך אויף אַ פרײלעכער געפילדער, מע קושט זיך.

מאַרוסיע. עליאַ־מיילאַכקאַ! אַזוי לאַנג בין איך שוין פון אינסטיטוט געקומען, און דו ביסט ניטאָ... און מײַן כאַווערטע, אַ ייִדישקע, האָט מיך אַ ליד אויסגעלערנט זינגען. וועגן דיר! (זינגט, עליע־מיילעך כאַפּט אונ־טער).

וועז דער שלאָסער עליע־מיילעך
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך עליע־מיילעך, —
האָט ער זיך דאָס רעכט געגעבן
און אַ דריי געטאָן דאָס לעבן,
און דאָס לעבן שנעל אַ דריי געטאָן האָט ער.
און אַז דאָס לעבעדיקע לעבן
האָט זיך לעבעדיק געלעבנט אַאַוו.

באַמערקנדיק, אַז עליע־מיילעך זינגט העכער, ווי געוויינלעך, רוקט זיך מאַרוסיע צו אים צו און נעמט שמעקן, טײַנענדיק דערבײַ: „טו אַן אָטעם, טו אַן אָטעם..."

עליע־מיילעך. וואָס דאַרפסטו פרעגן באַם מויל? פרעג באַם פלעשל... (דערלאַנגט איר די פלאַש און דאָס קריגל, וואָס וואַלגערן זיך באַם פּלויט).

מאַרוסיע. אוי, אַ צאָרע אָף מיר! אַ מין איידעלן מאַן איך האָב. אַז אײַנגאַנצן טרינקט ער דאָך ווײַן פון אַ טאָפּ...

עליע־מיילעך. און פון וואָסער נאָך פּאָסודע קאָן מען טרינקען ווײַן?

מאַרוסיע. וואָס זשע, דו ווייסט ניט? ווײַן קאָן מען טרינקען פון אַ פעסל, פון אַן עמער...

עליע־מיילעך. אָבער אפילו אַ גאַנץ פעסל וואָלט ניט געקאָנט פאַרגיסן דעם הונגער, וואָס אַ מענטש אָף דער אַרבעט פילט, ווען עס גיט זיך אים ניט אײַן אָפּצועסן מיטיק בײַס דעם איבעררײַס...

מאַרוסיע. שוין ווידער אויסלענדישע טוריסטן באַ אײַך אין צעך?

עליע־מיילעך. שטעל זיך פאָר, ווידער. הײַנט איז צווישן זיי גע־ווען אַ ייִדישקע... געקומען אין צעך און זיך אָוועקגעשטעלט מיך אויס־

פרעגן. נו, איז ווי קערעוועט מען זיך אויס צו איר מיט דער פלייצע און מע לויפט אין סטאָלאָווע?

מ א ר ו ס י ע. מײַן הונגעריק ייִנגעלע וועט אזוינס ניט טאָן... ער איז בא מיר א דזשענטלמען...

ע ל י ע־מ י י ל ע ך. דער דזשענטלמען פארשטייט אָבער ניט, וואָס עס קומט פאַר דאָ, בא אײַך, לעדי. איך פרעג עס, אגעוו, ווי א דרוזשיניק. פארוואָס האָב איך זיך צונויפגעשטויסן דאָ־אָ, אף דעם אָרט, מיטן בירגער צאריאָוו, וואָס האָט פון דער דאָזיקער טיר ארויסגעטראָגן אָט די־אָ פלעשער מיט ווײַן און אָט דעם־אָ טעלער מיט פארבײַסעכץ?

מ א ר ו ס י ע. אזוי גאָר? שא, איך הייב עפּעס אָן צו פארשטיין!.. (שטרענג). כאוועך דרוזשיניק, גיי דער ערשטער. גיי, מירן דיר באווײַזן דאָס אָרט, ווו די גבייווע איז פאָרגעקומען.

ע ל י ע־מ י י ל ע ך. אָבער וואָס איז געשען?

מ א ר ו ס י ע. האָסט שוין פארגעסן? דער טאטע האָט נעכטן באקומען א קארטל פונעם אינטוריסט, אז עס בעט זיך צו אונדז א מומע... פון אמעריקע...

ע ל י ע־מ י י ל ע ך. האלט מיך, איך פאל אום. ווייניק קומען אמעריקא־נער מומעס און פעטערס אפן זאוואָד, ווילן זיי נאָך אהיים אויך קומען...

מ א ר ו ס י ע. וואָס ארט דיך? זאָלן זיי, געזונטערהייט, קוקן אף אונד־זער לעבן. ביפראט, אז אהער דארף קומען דײַן אייגענע מומע...

ע ל י ע־מ י י ל ע ך. זי זאָל נאָר ניט זײַן אין דער זעלבער צײַט מאַ־קארטיט א שוועגערן...

מ א ר ו ס י ע. אוי, עליע־מיילעכקא, באלד וועט זיך דער טאטע אופּ־כאפּן. (שטופּט אים אונטער). קום שוין גיכער א קוק טאָן אף דעם דיאדיע צאריאָווס ארבעט... (ביידע אָפּ אין שטוב ארײַן).

פאָרהאנג

דאָס דריטע בילד

פארן פאָרהאנג. עס דערטראָגט זיך אהער דאָס שפּילן פונעם פּאטעפאָן. פון יענער זײַט הויז, פון דאָרט, ווו עס וווינען די צאריאָווס, באווײַזט זיך, באקוקנדיק דעם ארום, די אמעריקאנערן — א יונגע פרוי, אָנגעטאָן זומערדיק־פּראָסט. נאָך איר לויפט נאָך פאווא רובענאָוונא.

פ א ו ו א ר ו ב ע נ אָ ו ו נ א. וואָס האָט איר דאָ ניט געזען?.. פע! פע! גייט ניט אהער... גייט בעסער אהין... (ווײַזט אף צוריק, צו דער זײַט פון די צאריאָווס).

ד י א מ ע ר י ק א נ ע ר ן. אומעטום איז דאָ וווּנדערלעך. א מין ראכ־וועס... זאָגט, כאוורטע, ווער זשע זײַנט איר, פונדעסטוועגן?..

פ א ו ו א ר ו ב ע נ אָ ו ו נ א (פײַערלעך). איך בין אײַער פלעמעניצע.

ד י א מ ע ר י ק א נ ע ר ן (אין א זײַט). עס פעלט איר א קלעפּקע...

(ס'קומט צו, אן אופגערודערטער, צאריאָוו. ער רעדט אף שטומלאָשן מיט

פאווא רובענאָוונען. די אמעריקאנערן באמערקט עס). **נו, און דער דאָזי־קער ווייסט, דאכט זיך, ביכלאל ניט, ווער עס האָט אים געשליידערט... האלט אין איין טײַנען, אז עס קומט אים פון מיר עפּעס א שטוב... מיטאמאָל, נא דיר גאָר א פלעמעניק מיט א פלעמעניצע, וואָס ביידע אײנײנעם זײַנען זיי אלט ארום־און־ארום א יאָר הונדערט פופציק... איך האָב געטײַנעט צו דער באָבע פעסל: לאָזט מיך צורו מיט אײַערע פלעמעניקעס אין רוסלאנד... איז ניין, אָנשטאָט זען מאָסקווע בין איך ארײַנגעפאלן אהער צו פלע־מעניקעס...**

הינטערן פאָרהאנג הערט אוף שפּילן דער פּאטעפאָן. עס דערטראָגט זיך פון דאָרט פינכעסעס קאָל: „מארוסיע! מארוסיע!"

די אמעריקאנערן (קוקט זיך אײַן אהין, וווּ עס זיצט אין פּאָ־טעל פינכעס). **זײַט אזוי גוט, זאָגט מיר, אָט דער־אָ, דער זיידעשי אין שטרויענעם פּאָטעל... ער איז עפּשער אויך...**

פאווא רובענאָוונא (מיט פּאטאָס). **אײַער פלעמעניק! ער איז עס טאקע אײַער סאמע־סאמע פלעמעניק!**

צאריאָוו (שלעפּט זי אָפּ אין א זײַט). **בעהיימע, רעד ניט... גיי אָף דער פּאָליאַנע און שטעל אוועק א נײַע פלאסטינקע.** (פאווא רובענאָוונא — אָפּ אן אומצופרידענע. צאריאָוו ווענדט זיך צו דער אמעריקאנערן). **איך פארשטיי, איך פארשטיי... איר זײַנט ניט צופרידן, זײַנט איר... בא אונדז, אין אונדזער סאָוועטסקע מעדינע, איז אזוי זעלטן צו געפינען א רעכטן פלעמעניק...** (ווײַזט אָף זיך) **א רעכטן פלעמעניק, זאָג איך...** (די אמעריקאנערן לאכט גוטמוטיק. צאריאָוו זעצט פּאָר מיט היץ). **ניין, מומעניו־לעבן, ניין. צו אמעריקע זײַנען מיר נאָך ניט דערגאנגען, ניין. א סימען האָט איר, אז אויב נעמען, לעמאָשל, אן אמעריקאנער מומע, איז זי טויזנט מאָל יינגער און כיינעווודיקער פון אירע סאָוועטסקע פלע־מעניקעס...** (עס קערט זיך אום א דערשראָקענע פאווא רובענאָוונא). **כיי־נעוודיקער און יינגער...** (באווײַזט אָף פאווא רובענאָוונען), **איידער זי...** (פאווא רובענאָוונא רעדט שט״ל צו צאריאָוון: „פינכעס גייט אהער! פינ־כעס גייט!". צאריאָוו איז אזוי ארײַנגעטאָן אין דער אמעריקאנערן, אז פאוועס רייד דערגייען ניט צו אים).

די אמעריקאנערן. כאווער, מיך כידעשט אײַער טאָן, איך בין אן אמעריקאנער קאָמוניסטקע, כאווער.

צאריאָוו (גוטמוטיק). **אז איר קומט אהער, זײַנט איר אלע קאָמוּ־ניסטן...**

פאווא רובענאָוונא. פינכעס גייט אהער! פינכעס גייט!

צאריאָוו (שלעפּט נאָך זיך די אמעריקאנערן). **מומע, לאָמיר גיין אהער! טאנטע, לאָמיר גיין אהין!**

די אמעריקאנערן. לאָזט אָפּ, איך וויל מיט אײַך ניט גיין. (לאכט) **איך בין אײַך ניט קיין מומע...** (אין דער זעלבער צײַט שטייט שוין לעבן זיי פינכעס).

פ י נ כ ע ס. (שאָקלט מיטן קאָפּ). שוין יענע מומע... מיסטאמע זײַנט איר מײַן שוועסטער פּעסלס אַן אייניקל... האַ?

ד י א מ ע ר י ק א נ ע ר ן. טאַקע יאָ. פונוואַנען ווייסט איר?

פ י נ כ ע ס. ניט שווער זיך אָנצושטויסן. שאָלעם־אַליכעם, טאָכטערקע! (נעמט זי אַרום). איך בין, קומט אויס, דײַן פעטער פּינכעס...

ד י א מ ע ר י ק א נ ע ר ן (ניט זיכער). און ניט מײַן פּלעמעניק?

צ א ר י אָ ו ו. אַ פּלעמעניק בין איך!

פּ א ו ו א ר ו ב נ אָ ו ו נ א. איך — אַ פּלעמעניצע! (די אַמעריקאַנערן קערט זיך פון זיי אָפּ. זיי קוקן זיך איבער און רוקן זיך אַרויס).

פ י נ כ ע ס. ביסט געקומען, טאָכטערקע, קוקן אויף אונדזער לעבן, איז קוק... פאַראַן בײַ אונדז אַזעלכע באַשעפענישן אויך... ווייניק, זייער ווייניק, נאָר פאַראַן...

ד י א מ ע ר י ק א נ ע ר ן. ווער זײַנען זיי?

פ י נ כ ע ס. אים רופן מיר, זאָלסט קיין פאַריבל ניט האָבן, בײַ זיך אין דער היים — אַמעריקאַנער. מעגסט אים גלייבן, אַז ער וויל זיך דיר אָנקערן כאָטשבי אַ פּלעמעניק, אָבי אַרײַן אין אַמעריקאַנער יִחוּס... נו, און זי, די שוועסטער מײַנע, דײַן מומע פּאַווע — זי איז נאָך פון קינדווײַז אָן געווען אַ קאַפּעלע ניט מיט אַלעמען... (ער נעמט זי פאַר דער האַנט און פירט זי אַוועק מיט די ווערטער: „קום, טאָכטערקע, קום אַהיים...").

דער פאָרהאַנג עפנט זיך. ווידער, ווי אין דעם ערשטן בילד, שטעלט די סצענע מיט זיך פאָר דעם צימער אין דער זומער־וווינונג. אָפן טיש איז אַן אומאָרדע־נונג, עס וואַלגערן זיך אַ פּאָר איבערגעקערטע פלעשער, וואָס צאַריאָוו האָט ניט באַוויזן צונעמען, און אויך גלעזלעך, טעלער, גאָפּל־מעסער. דער טישטעך איז אָף העלפט אַראָפּגעצויגן און שלעפּט זיך אָף דער ערד. אַ פּאָר בענקלעך זײַנען איבערגעקערט מיט די פיסלעך אַרויף.

מאַרוסיע און עליע־מיילעך האָווען אַרום טיש, מאַכן אָף ים אַן אָרדענונג.

ע ל י ע־מ י י ל ע ך. טאַקע זיך שטאַרק הײַנט אָנגעהאָרעוועט... און קיין מיטיק ניט געגעסן... דעם פּלאַן אויספּילן דאַרף מען? הײַנט די טוריסטן פון אויסלאַנד! — זיי לאָזן ניט צורו... די יידישקע צווישן זיי — זי האַלט מיך אין איין פרעגן: נו, גוט, איר זײַנט אַ ייִד. אין צעך אַרבעט איר אַלס שלאָסער. אײַערע כאַווײרים־אַרבעטער זײַנען רוסן. און מיט וואָס זײַנט איר אַ ייִד? וואָס אַזוינס איז בײַ אײַך אין רוסלאַנד אַ ייִד?

מ א ר ו ס י ע. וואָס זשע האָסטו געענטפערט?

ע ל י ע־מ י י ל ע ך. איך האָב געזאָגט: איר ווילט, וועל איך אײַך אויס־זינגען אַ ליד, וואָס מיר אין דער היים זינגען זי. און טאַקע אינמיטן צעך, לעם דעם סטאַנאָק, צווישן אַלע מײַנע כעוורע־שלאָסער, האָב איך זיך אַ שטעל געטאָן און — אָפּן גאַנצן קאָל! (זינגט, מאַרוסיע כאַפּט אונטער. פּינ־כעס פירט דורך פאַרבײַ דעם אָפענעם פענצטער די אַמעריקאַנערן. זיי שטעלן זיך אָפּ און הערן אויס, שמייכלענדיק איינער צום אַנדערן, די ליד).

ע ל י ע־מ י י ל ע ך (פרעגט). וואָס איז אַ ייִד?

מ א ר ו ס י ע. אַ באַלעגאָלע?

עליע־מײלעך. ניט!
מארוסיע. א שטריקלדרייער?
עליע־מײלעך. ניט!
מארוסיע. גלאט א שלימאזל?
עליע־מײלעך. ניט!
מארוסיע. וואָס זשע איז א ייִד?
עליע־מײלעך. א טראקטאָריסט — א ייִד.

א שלאָסער און א שמיד.
קיין לופטמענטש איז ער ניט,
כאָטש איגדערלופטן פליט —
א ליאָטשיק איז א ייִד,
א קאָסמאָנאווט א ייִד.

מארוסיע (פרעגט). וואָס מאכט א ייִד?
עליע־מײלעך. ער האנדלט־וואנדלט?
מארוסיע. ניט!
עליע־מײלעך. מאכט מיט די זײַטן?
מארוסיע. ניט!
עליע־מײלעך. וואָס זשע מאכט א ייִד?
מארוסיע. ער פירט א שיף געניט.

ער זינגט אין פעלד א ליד,
דאָס הײמלאנד זײַנס ער היט.
א ייִד איז הײַנט ניט מיד —
דער שפּאָגל־נײַער ייִד,
יאָ, דער געזונטער ייִד.

די אמעריקאנערן (אין אָפענעם פענצטער). בראוואָ, בראוואָ!
(מארוסיע און עליע־מײלעך זײַנען פארכידעשט פונעם אומגעריכטן אויס־געשריי. די אמעריקאנערן און פינכעס קומען ארײַן אין צימער).

עליע־מײלעך. אוי, איך מעג שווערן, אז דאָס איז די זעלבע אמע־ריקאנערן, וואָס הײַנט אין צעך...

די אמעריקאנערן. יאָ, כאווער, דאָס בין איך, די זעלבע... איך האָב אײַך גלײַך דערקענט...

פינכעס. קינדער, דאָס איז אונדזער גאסט, מײַן שוועסטער פעסלס אייניקל, פון אמעריקע...

עליע־מײלעך (מיט פארלײַכטערונג). אָט דאָס איז גאָר עפּעס אנ־דערש... (באמערקט, אז די אמעריקאנערן קוקט אף דעם רויטן בענדל, וואָס ער טראָגט אפן ארבל). כידעשט זיך ניט, דאָס בענדל באטײַט, אז אין א פרײַער שאָ היט איך אפּ באַ זיך אין גאס די אָרדענונג. נו, לע־מאָשל — אויב איר זײַט שיקער, נעם איך אײַך צו (אלע לאכן).

מארוסיע. און איך בין מארוסיע. א לאבאָראַנטקע אפן זאַוואָד. קום, שוועסטער, לאָמיר גיין זיך אײַנוואַשן און צעקעמען די פּאַטלעס...

זיי נעמען זיך אָן פאר די הענט און, גייענדיק, ריידן זיי: די אמעריקאַנערן — „אָ, דו ביסט א רוסישע, יאָ? אָבער זינגסט גוט די ייִדישע ליד“, מארוסיע — „איך ווייס נאָך איין ליד וועגן דעם, ווי עס שלאָפט א קייסער... ראַבויסײַ, ראַבויסײַ...“ פּינכעס טופּעט מיט דער פוס — „מארוסיע, זאָלסט מיר די דאָזיקע ליד ניט זינגען!“. מארוסיע לאַכט און שעפּטשעט עפּעס דער אמעריקאַנערן אפן אויער. יענע לאַכט אויך. זיי שטייען שוין בא דער טיר, ווען עס קומען אַרײַן מיט א סאַך טעלער און פלעשער אין די הענט צאַריאָוו און פּאַווא רובענאָוונא, אָנגעטאָן אין אונטערגעשטראָכן פּראָסטע, א ביסל אפילע אָפּגעטראָגענע קליידער. אלע קוקן אף זיי מיט אינטערעס.

פּינכעס (ער האָט פארשטאַנען, אין וואָס דאָ גייט, ער קוקט אף דעם פּאָרל און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: „אײַ־אײַ־אײַ, ווי שעמט איר זיך ניט“... ווענדט זיך צו דער אמעריקאַנערן): נו, און אָט די צוויי באַשעפענישן... זיי זײַנען... איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, ווער זיי זײַנען... (צו צאַריאָוון און פּאַווא רובענאָוונען) ווער זײַנט איר?

פּאַווא רובענאָוונא. א פלעמעניצע בין איך!

צאַריאָוו א פלעמעניק. איך בין א פלעמעניק!..

עליע־מײַלעך (שפּרינגט אַרײַן אין די רייד). זי איז זײַן פלעמעניצע... און ער איז איר פלעמעניק...

פּינכעס. גאָלדענע ווערטער. אזוי איז עס טאַקע... (אלע לאַכן).

די אמעריקאַנערן (מיט מיטלײַד צו צאַריאָוון און צו פּאַווא רובענאָוונען). כאַווײרים, אַנטשולדיקט, וואָס איך לאַך אויך... א גאַסט בין איך, איך דאַרף זײַן העפלעך... נאָר עס לאַכט זיך, איר פארשטייט?.. איר זײַנט ווילע,ביידע ווילע מענטשן... נאָר אזוי ניט ענלעך אף אלע איבע־ריקע... אף די סאָוועטישע, וואָס אין די זאַוואָדן, אין די גאַסן, אָט דאָ־אָ אין שטוב... זײַט מיר מויכל, איך בעט אײַך... ס'איז טאַקע ענלעך, ווי איר וואָלט דאָ אין רוסלאַנד געווען אמעריקאַנער...

פּאַווא רובענאָוונא (מיט פרייד). וואָס האָט איר געזאָגט: מיר זײַנען ענלעך אף אמעריקאַנער? איך און מײַן צאַריאָוו?

די אמעריקאַנערן. נו, יאָ, איך וויל זאָגן...

מארוסיע. זאָג טאַקע, וואָס דו ווילסט מיט דעם זאָגן...

די אמעריקאַנערן. דו פארשטייסט, קוזינא מארוסיא, פאַר־שטייסט?.. ווען אַן אמעריקאַנער איז אַן אמעריקאַנער, איז עס...

פּינכעס. ווי גאָט אליין האָט געבאָטן...

די אמעריקאַנערן. ס'איז אָל־רײַט. ווערי גוד... אָבער ווען א סאָוועטישער מענטש מאַכט פון זיך אַן אמעריקאַנער, איז עס שוין...

עליע־מײַלעך. פּע!

מארוסיע. טפו!

צאַריאָוו. שפּײַט ניט אזוי... אויב איך וועל הייסן מײַן פּאַווא רו־בענאָוונען, וועט זי אזוי א שפּײַ טאָן... (עס ווערט א טומל. עליע־מײַלעך

פּײַפּט אין פּײַפּל. פּינכעס, וואָס האָט זיך נאָך פריִער צוגעזעצט אַף אַ שטול, נעמט פונעם טומל אײַנשלאָפן).

צאַריאָוו (צו דער אמעריקאַנערן). איר זעט, מומע? איר זעט? אָט זײַנען אונדזערע סאָוועטסקע פּאַריאַדקעס... (ווײַזט אַף עליע־מײַלעכן). אין יעדער מישפּאָכע איז דאָ אַ צוגעשיקטער פּאָליציאַנט... מיט אַ רויט בענדל!

פּאַווּאַ רובענאָוונאַ. אוי, אַ ליטל־ראָק וועלן זיי אונדז מאַכן!.. (צו פּינכעסן) זאָג בעסער, וואָס איז מיט דער מאַמעס שטוב, האַ? זאָג דאָ אַפן אָרט, וואָס ווילסטו טאָן מיט איר, מיט דער שטוב!

פּינכעס. מיט דער שטוב, מיט דער מאַמעס שטוב, פּאַוואָטשקע, האָב איך שוין געטאָן אַלץ, וואָס מע דאַרף טאָן...

צאַריאָוו. וואָס זשע?

פּינכעס. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך זי אָפּגעשריבן פאַר אַ קינדערגאָרטן אין שטעטל. געשענקט די קינדער האָב איך זי... (צאַריאָוו און פּאַווּאַ הייבן אָן שרײַען. זיי כאַפּן אָן די אמעריקאַנערן פאַר די הענט און שלעפּן זי צום אַרויסגאַנג: „קומט, מומע, מיר וועלן אײַך דערציילן...”).

די אמעריקאַנערן. כּאַווערטע... כּאַוועער... איך האָב אײַך שוין, דאַכט זיך, געזאָגט, אַז איך בין אַ קאָמוניסטקע. אַן אמעריקאַנער קאָמוניסטקע. איר האָט בײדע פּאָשעט אַ טאָעס אין כעזשבן...

מאַרוסיע. } אַ טאָעס אין כעזשבן! יאָ, יאָ, זיי האָבן שוין אַ יאָר
עליע־מײַלעך. } פינף און פופציק אַ טאָעס אין כעזשבן!..

דער געשריי, אַ פריילעכער, ניט קיין בייזער, ווערט שטאַרקער און ס'איז ניט מעגלעך פאַנאַנדערצוקלײַבן קיין איינציקע ווערטער. עס ריידן אַלע, מע מאַכט מיט די הענט און מע רעדט — יעדערער זײַנס. פּינכעס צעלייגט זיך ברייטלעך אַף זײַן שטול און נעמט געשמאַק אונטערכראָפּען. מאַרוסיע שרײַט אויס: „נו, איז געגאַנגען זיך וואַשן?” זי שלעפּט פריילעך אַרויס פאַר דער האַנט די אמעריקאַנערן. עליע־מײַלעך לויפט נאָך זיי קונדייסיש נאָך, פּײַפנדיק אינעם פּײַפּל. עס ווערט שטיל.

פּינכעס (פון שלאָף). וויפל מאָל האָב איך אָנגעזאָגט, אַז ווען איך שלאָף...

צאַריאָוו. שאַ־שאַ... כאַפּ זיך ניט אויף... (צו פּאַווּאַ רובענאָוונען, שטרענג). דעם פּאַטעפאָן אַהער! פּלאַסטינקעס!

פּאַווּאַ רובענאָוונאַ — אָפּ.

פּינכעס. וויפל מאָל האָב איך אָנגעזאָגט...

צאַריאָוו (מיט אַ מילד קאָל). יאָ, יאָ, איך פאַרשטיי, דו דאַרפסט אַ טומל... אָן טומל קאָנסטו ניט שלאָפן... איז שלאָף דיר געזונטערהייט... און איך... מײַלע, אָן אַ יערושע־שטוב בין איך זיך, הייסט עס, ווידער אַ פּענסיאָנער, און גאָר... אַ פּענסיאָנער בין איך...

פּאַווּאַ רובענאָוונאַ האָט געבראַכט דעם פּאַטעפאָן מיט אַ פּאַק פּלאַסטינקעס. זי טוט אַ געשריי: „נאַ!”, שפּײַט אויס און אַנטלויפט. צאַריאָוו פאַרפירט אָפּגיך דעם

פאטעפאָן, שטעלט אוועק די ערשטע פלאַסטינקע, וואָס מאַכט זיך אים אונטער דער האַנט, און לויפט אויך אַרויס. דער פּאַטעפאָן שפּילט די ליד, וואָס פּינכעס האָט פּיַינט:

ראַבויסיַי, ראַבויסיַי! כאַכאָמים אָן א ברעג!
כ׳וועל איַיך פרעגן, כ׳וועל איַיך פרעגן...
נו, פרעג זשע, פרעג זשע, פרעג!
ענטפערט אַלע אויף מיַין שיַילע!
וויאַזוי שלאָפט דער קייסער, וויאַזוי?
מ׳שיט אָן א פולן כיידער מיט פעדערן
און מ׳כמאַליעט אַהין אַריַין דעם קייסער,
און דריַי פאָלקן סאָלדאַטן
שטייען א גאַנצע נאַכט און שריַיען: שאַ! שאַ!

פאָרהאַנג

וועהאָריַיע...

(קינאָ־פּאַרצייכענונג)

אַרום די פּראַגן, וועלכע מיר קלײַבן זיך דאָ באַהאַנדלען, איז ניטאָ צווישן דעם אוילעם קיין אײַנפּאַרשטענדעניש. זיי רופן אַרויס פאַרשיידענע מיינונגען, און אָפט טראָגן זיך אַרום מיט זיי געשטרויכלטע מענטשן. די קינאָ־פּובליציסטיק איז באַרופן אַרײַנברענגען קלאָרקײַט, אופשטעלן דעם עמעס. דאָס קאָן זי טאָן, אָנקומענדיק צום דאָקומענטאַלן מעטאָד.

אונדזער פילם דאַרף זײַן אַ קינאָ־פּאַרצייכענונג, לאָמיר זיך אופריידן, אַז אַדרעסירן וועלן מיר אים אַזאַ צושויער, וועלכער ווייסט נאָך ניט די געבראַכטע פאַקטן אין זייער גאַנצן סכום און באַדײַט; וועלכער צווייפלט, מעגלעך, זוכט אַן ענטפער אָף דער „ייִדישער פראַגע", וואָס אונדזער אידיי:שער קעגנער רוקט אים אונטער. נאָך מער, פּראָפּעס:אָנעלע דעזינפאָרמאַטאָרן האָבן שוין פון פרי:ער באַוויזן פאַרטונקלען די נעשאָמעס באַ אייניקע אונדזערע קומענדיקע צושויער מיט אומצוטרוי צו די אַרגומענטן, וועלכע מיר וועלן ברענגען.

דער פילם וועט זײַן נוצלעך, אויב אָן אומרו וועט אַרומכאַפּן זײַנע שעפער. פאַרשטייט זיך, אַז די זאָרג איז באַ אונדז אַן אַנדערע, איידער באַ יענע, וועמען עס לאָזט ניט צורו, אָן שום סיבעס, דער מאַצעוו פון די ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. עס אַרט אונדז, וואָס מענטשן פאַלן אַרײַן אין אַ טאָעס, אָבער אין קאַס אָף זיי זײַנען מיר פאַר דעם ניט. אונדזער קאַרוואָנע איז — ערנסט זיך דורכשמועסן מיטן קינאָ־צושויער, קעדיי ווי ווײַט מעגלעך צעווייען באַ אים דעם צווייפל. דאָס סאַמע וועזנטלעכע איז סײַ פאַר אים, סײַ פאַר אונדז אָט וואָס: די סאָוועטישע ייִדן זײַנען, אָן שום סאָפעק, געווען און געבליבן טרײַ די דעראָבערונגען פונעם אָקטיאַבער, דעם סאָציאַליסטישן לעבנסשטייגער, זייער פאַטרי:אָטישן כויוו. און אויב עמעצער איז זיך טויע, וועט אונדזער פילם אים געבן אַרגומענטן, ער זאָל ווידער אָנהייבן גלייבן אינעם עמעס.

מיר דאַרפן האָבן פאַר זיך אַ קלאָרע אופגאַבע, און דאָס באַטײַט — אַ קלאָפּ טאָן איבער די רעכילעסן, אַז, קלוימערשט, די ייִדן זײַנען פרעמדע אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

איך ווינטש די שעפער פונעם פילם, זיי זאָלן דרייסט אַרײַנדרינגען אין דער טעמע, ניט אויסמײַדן קיין „שאַרפע ווינקלען", זיך דערשלאָגן, אַז דער געדאַנקלעכער אַקצענט זאָל אומעטום אוועקגעשטעלט ווערן דאָרט, ווו ער דאַרף שטיין, זאָרגפעליק אָפּהיטן אין אונדזער געמיינזאַם ווערק די נאַטירלעכע אַטמאָספער פון אָפשײַ צו דער נאַצי:אָנאַלער סוויווע, אין וועלכער עס שטייט פאַר צו שעפן לעבנס־מאַטעריאַל.

האַקלאַל, מיר קלײַבן אויס פאַרן פילם דעם פאַרצייכענונג־זשאַנער. דאָס וועט זײַן אַ דאָקומענטאַלע קינאָ־פאַרצייכענונג. לאָמיר זי אָנרופן „דער עמעס בייטיקט זיך אויך אין באַווײַזן (אַרגומענטן)", אָדער — קורץ אָף ייִדיש „וועהאָרײַע"...

גלײַך נאָך דעם נאָמען פֿונעם פֿילם לויפֿן דורך איבערן עקראַן צוויי אופּשריפֿטן:

„דער עמעס נייטיקט זיך ניט אין ארגומענטן.“

„ווײַבאַלד אָבער עס זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וואָס צווייפֿלען, איז ניט איבעריק צו ברענגען ארגומענטן.“

איבער דער קיראָוו־גאַס אין מאָסקווע פֿאָרט אַן אויטאָבוס פֿון דער קינאָ־סטודיע. באַם הויז נומ. 17 שטעלט ער זיך אָפּ, און עס גייט ארויס פֿון אים א מיידל, וואָס איז אָפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט בא דער ארבעט איבערן פֿילם. איידער זי קומט ארײַן אין הויז, שטעלט זי אָן איר קאַמערע אויף דער שילד בא דער טיר, און דער צושויער דערוויסט זיך, אז דאָ געפֿינט זיך די רעדאַקציע פֿונעם יידישן כוידעש־זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וועלכן ס'לאָזט ארויס דער שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר.

אויפֿן עקראַן בײַטן זיך אין א שנעלן טעמפּ די קאַדרען. מיר זעען די הילע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“, א וויטרינע פֿון א צײַטונגס־קיאָסק, אין וועלכער ס'איז ארויסגעשטעלט א פֿרישער נומער פֿונעם זשורנאַל. אין וועסטיביול פֿון א האָטעל קויפֿן אים אויסלענדישע טוריסטן. אָט איז ער אויף א סטענד אין דער מאָסקווער צענטראַלער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק אויף נ. א. נעקראַסאָווס נאָמען, אין לייען־זאַל פֿון דער ביבליאָטעק קומט פֿאָר א קאָנפֿערענץ פֿון לייענער פֿון דער יידישער ליטעראַטור. מיר זעען א פֿאָטאָגראַפֿיע: אין א טראַנסליאַציע פֿון דער צענטראַלער טעלעוויזיע אין מאָסקווע באַווײַזט דער פּאָליטישער קאָמענטאַטאָר פֿון דער צײַטונג „פּראַוודאַ“ יורי זשוקאָוו א צעעפֿנטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“. נאָך איין פֿאָטאָגראַפֿיע: רעקלאַמע־מעלדונגען, וועלכע די אַמעריקאַנער פֿירמע «Imported publications», וואָס האַנדלט מיט ביכער, האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער ענגלישער און יידישער פּרעסע. דער דיקטאָר זעצט איבער אויף רוסיש: „סאָוועטיש היימלאַנד“ — א יידישער כוידעשלעכער זשורנאַל, וואָס דערשײַנט זינט 1961 יאָר. געטרײַ דער טראַדיציע פֿון דער יידישער ליטעראַטור, קונסט, דראַמע און מוזיק, האָט „סאָוועטיש היימלאַנד“ זיך פֿאַרדינט א כאָשעווען נאָמען אין מעשעך פֿון די שוין צוויי צענדליק יאָר פֿון זײַן דערשײַנען. די ווערק אינעם זשורנאַל זײַנען געשריבן אין דעם שענסטן יידישן ליטעראַרישן סטיל. „סאָוועטיש היימלאַנד“ גיט א סיסטעמאַטישן איבערבליק פֿון דער יידישער קולטור אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. ער האָט דעם גרעסטן טיראַזש צווישן אַלע יידישע אויסגאַבעס אין דער וועלט. יעדן מאָנאַט קאָנט איר לייענען ווערק פֿון די וויכטיקסטע הײַנטצײַטיקע שריפֿטשטעלער און פֿון די יידישע קלאַסיקער. „סאָוועטיש היימלאַנד“ דרוקט אייניקע איבערזעצונגען אויף ענגליש און אויף רוסיש“.

דאָס מיידל, וואָס איז אָפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פֿונעם פֿילם, גייט ארײַן אין לאָקאַל פֿון דער רעדאַקציע. זי וועט דאָ „דרייען“ איר קאַמערע, און אין דער זעלבער צײַט וועט אַן אַנדער קאַמערע אראָפּכאַפּן זי.

אַט גייט זי זיך דורך איבער די אַרבעט־צימערן פון דער רעדאַקציע. איינער איז פול געפּאַקט מיט מענטשן, אין אַ צווייטן געפינט קוים די קאַמערע צווישן די אָנגעוואַלגערטע ביכער און מאַנוסקריפּטן דעם רע־דאַקציע־מיטאַרבעטער. אין ראַכוועסדיקן „הויפּט־צימער", וועלכער איז אַרומגעשטעלט מיט מאָדערן מעבל, קומען מיר אַריין בעשאַס אַן איבע־רייס אין דער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע. די קאַמערע פּאַנאָראַמירט איבער די פּענעמער פון די שרייבער, וואָס שמועסן באַ די טישן, באַ די ביכער־שראַנקן, נעמען זיך צונויף אין רעדלעך, גייען פון צימער אַרויס און גייען אַריין. איינע רייכערן, אַנדערע טרינקען טיי. מע רעדט אין אַלע טעלעפאָנען, שטערנדיק איינער דעם אַנדערן. ס'איז, ווי מע זאָגט, „אַ קינסטלערישע אומאָרדענונג".

דער דיקטאָר קלערט אויף: די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע פון אַט דער סאָלידער ליטעראַרישער אויסגאַבע זיינען באַדייטנדיקע ייִדישע שריפטשטעלער, וואָס לעבן אין פאַרשיידענע שטעט פונעם לאַנד (אויפן עקראַן ווערט באַוויזן יעדערער באַזונדער, אַזוי ווי ער פּירט זיך דאָ אין צימער, און עס איז געגעבן אַן אויפשריפט: זיין נאָמען און פאַמיליע און דאָס אָרט, וווּ ער וווינט). אויף דער היינטיקער זיצונג, פאַרן איבעררייס, האָט די רעדקאָלעגיע באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אָפּטער צו דרוקן דאָקו־מענטאַלע שילדערונגען פונעם לעבנסשטייגער, וועלכן עס האַלטן אויף די סאָוועטישע ייִדן.

די קאַמערע זוכט אויף דעם וואָרטזאָגער — מיר וועלן אַזוי אָנרופן יענעם פאַרשטייער פון דער רעדאַקציע, וועמען די שעפער פונעם פילם וועלן אַרויספירן אין פאָדערפּלאַן, ער זאָל קאָמענטירן די ערטער אין דער קינאָ־פאַרצייכענונג, וועלכע נייטיקן זיך אין דעם.

דער וואָרטזאָגער: מיר האָבן באַשטימט, אַז איינער פון די נאָ־ענטסטע נומערן פון אונדזער זשורנאַל זאָל אָרויסגעגעבן ווערן אין־גאַנצן — פון טעוועלע ביז טעוועלע — דער קינסטלערישער פאַרצייכענונג, דאָס הייסט דעם דאָקומענטאַלן זשאַנער, און מיר וועלן אָנרופן דעם נו־מער באַדינגלעך „אַזוי לעבן מיר". די סאָוועטישע ייִדן לעבן שוין פון לאַנג ניט אין די אָרעמע, באַדנלאָזע שטעטלעך (אויפן עקראַן — קאַדרען פון פילמען אויף שאָלעם־אַליייכעמס סוזשעטן). היינט זעט דאָס אַלץ אויס ווי אַ בייזער כאַ־לעם. ס'איז קעדיי צו וויסן, אַז דאַפקע צו אַט דער טרויעריקער פאַרגאַנ־גענהייט ווילן אומקערן די סאָוועטישע ייִדן יענע ניט היימישע שטאַדלאָ־נים, וואָס פאַרנעמען זיך אין אַנדערע לענדער מיט זייער לעבן. באַ די ציִעניסטן רופט אַרויס אַ קאַשמאַר די פאַרייניטשאַפט פון פעלקער אין דער סאָציִאַליסטישער געזעלשאַפט. זיי באַמיִען זיך צו צעקריגן די ייִדן מיט די רוסן, אוקראַיִנער, ליטווינער, מאָלדאַוואַנער, אַריינטרייבן די ייִדן צוריק אין טכום. דאָס שטימט אָבער ניט מיטן גלייכן סייכל. צוליב וואָס אָפּ־טיילן די ייִדן פון דער גאַנצער סוויווע אַרבעטער, קאָלווירטניקעס, איִנ־זשעניערן, מיליטערלייט, שאַכטיאָרן, אויב זיי זיינען אַליין פונקט אַזעל־כע שאַכטיאָרן, מיליטערלייט, אינזשעניערן, קאָלווירטניקעס, אַרבעטער? צוליב וואָס זיי אַראָפּנעמען פון דער צעלינאַ, אַרויספירן פון די אוראַלער זאַוואָדן, פון די גיגאַנטישע עלעקטראָסטאַנציעס, פון די מאָסקווער, לע־

בינגראַדער, קיִעווער נײַ־בויונגען, אויב זיי זײַנען דאָרט אופגענומען מיט קאָוועד צווישן די מענטשן פון אנדערע פעלקער? אין אונדזערע דאָקו־מענטאַלע פאַרצייכענונגען וועלן זיי אליין דערציילן וועגן זיך...

פונעם עקראַן דערטראָגט זיך דער געדויש פון א זאַוואָדישן צעך. דאָס מיידל, וואָס איז אָפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פונעם פילם, גייט צו צו איי־נעם פון די ווערקשטעלן און דערנעענטערט דעם מיקראָפאָן צום אַר־בעטער:

— אײַער פאַמיליע איז ווײַנשטיין[1]. וווּנדערבאַר! ענטפערט אונדז אף איין־איינציקער פראַגע. וויאַזוי לעבט איר? וואָס שטערט אײַך? ווער לאָזט אײַך ניט טאָן דאָס, וואָס איר ווילט? צי האָט איר אַגמעסנעפּעס? פון וואָס זײַנט איר ניט צופרידן? לעמאָשל, צי איז עמעס, אז בא אונדז אין לאַנד זײַנען פאַראַן ווייניק ייִדן מיניסטאָרן, ייִדן גענעראַלן און אדמי־ראַלן? איבער וואָס קריגט איר זיך מיט אײַערע רוסישע שכיינים? ווען האָט איר דאָס לעצטע מאָל זיך צונויפגעשטויסן מיט אַנטיסעמיטיזם? וואָס שטערט אײַך צו לויבן גאָטס נאָמען אין א סינאַגאָגע?

דער אַרבעטער האָט זיך אויסגעקאָרעוועט מיטן פּאָנעם צום צושויער. דאָס איז, ווײַזט זיך אַרויס, א יונגער קרעפטיקער באָכער. ער זאָגט מיט א שמייכל:

— טוט נאָר א קוק אף אָט דעם מיידל. זי האָט מיר פאַרגעבן, ווי איר קענט זיך איבערצײַגן, בלויז איין־איינציקע פראַגע...

דאָס מיידל: אויב ס'איז אײַך שווער צו שענקען דעם פילמיליאָניקן קינאָ־צושויער א פּאָר איבעריקע מינוט, קענט איר אויסקלײַבן פון אלע פראַגעס איינע און ענטפערן.

ווײַנשטיין (אונטערגעשטראָכן לאַנגזאַם). איך וועל אײַך זאָגן, וואָס עס שטערט מיר צו לויבן גאָטס נאָמען אין סינאַגאָגע...

דאָס מיידל: זאָגט, זאָגט!

ווײַנשטיין: עס שטערט מיר דאָס, וואָס קיין גאָט איז ניטאָ און אף צו לויבן קיינעם ניט דאַרף מען ניט גיין אין סינאַגאָגע.

דאָס מיידל: מיינט ניט, כאָוועד, אז די פראַגע האָט ניט קיין זין. אָט איז אַן אויסשניט פון דער צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס". כ'וועל פאַר אײַך איבערזעצן דאָס, וואָס אין אָט דער צײַטונג שרײַבט זייערער א זשורנאַליסט.

ווײַנשטיין: איר דאַרפט זיך ניט מאַטריִען זײַן, כ'לייען אויך אף ענגליש (קוקט אַרײַן אין צײַטונגס־אויסשניט. די קאַמערע באַווײַזט זי דעם צושויער. עס ווערן אונטערגעשטראָכן צוויי שורעס: „אין רוסלאַנד פאַרמאַכט מען אומעטום די סינאַגאָגעס, אין גאַנצן לאַנד זײַנען פאַרבליבן ניט מער ווי הונדערט געבעט־הײַזער פאַר ייִדן"...). אַלץ איז דאָ ריכטיק, אויסער דעם, וואָס אָנשטאָט „מע פאַרמאַכט", דאַרף מען שרײַבן „פאַר־מאַכן זיך". דער סאָוועטנפאַרבאַנד האָט געעפנט דעם קאָסמאָס. מיר זײַנען אַטעיִסטן, איך, א סאָוועטישער אַרבעטער, בין פונקט איצט פאַרנומען מיט

[1] די פאַמיליעס דאָ און ווײַטער, וועלכע זײַנען צוגעטראַכטע, דאַרפן אינעם פילם פאַרביטן ווערן אף די עמעסע (אווטאָר).

שלײַפֿן דעטאַלן פֿאַר אַ נײַער קאָסמישער שיף. און דאָ קומט צו גײן אַ כוץ־לעאָרעץ־כאָכעם און שלעפּט מיך צוריק פֿון אָט דעם צעך אין סינאַר גאָגע אַרײַן, װעלכע עס האָט, אַגעװ, אױפֿגעהערט צו באַזוכן נאָך מײַן זײדע — ער איז געװען אַ פּולעמיאָטשיק באַ בודיאָנין.

דאָס מײדל: צי קען זיך ניט מאַכן, אַז אַזױ װי איר טראַכטן בלױז די אָפּשטאַמיקע פֿון בודיאָנאָװצעס? ס'זײַנען דאָך אָבער פֿאַראַן אױך אָפּ־שטאַמיקע, לעמאָשל, פֿון נעפּמאַנעס....

װײַנשטײן: פֿאַראַן. פֿאַרשטײט זיך, פֿאַראַן. און ניט װײניק. פֿאַר־געס אָבער ניט, ליב מײדל, אַז די סאָװעטנמאַכט איז שױן אַלט, קײן אײַנ־האָרע, אַריבער זעכציק יערעלעך. נעם, אַף טשיקאָװעס, שלױמע פּינקעלן, ער איז אַ מײַסטער אַף אונדזער אױטשאַסטאָק, אין אַ פּאָר יאָר אַרום װעט ער שױן זײַן, װי די אַלטע ייִדן זאָגן, אַ בען־שיװים. אָבער אַף פּענסיע אײַלט ער זיך ניט. (װענדט זיך צום שאָכן) סערגײ װאַסיליעװיטש, דו זעסט ניט פּינקעלן?

סערגײ װאַסיליעװיטש: אָט שטײט ער דאָרט, אַבראַמיטש. קוק בעסער... ער דרײט אַרײַן אַ שרײַפֿעלע אין קאָפּ באַ די, װעמען דאָס שרײַפֿעלע פֿעלט אױס... (צוזאַמען מיט דרײַ־פֿיר אַרבעטער זעט מען די פֿיגור פֿון אַ טיפּישן מײַסטער פֿון דער „טראַדיציאָנעלער שול“. ער איז אָנגע־טאָן אין אַ ספּעצאָװקע־פּידזשאַקל, װאָס איז דורכגעזאַפּט מיט אײל, אַפֿן קאָפּ — אַ קאַשקעטל, איבערגעדרײט דעם דאַשעק צום קאַרק, איבער די אױגן—גלעזלעך־ברילן, װאָס פֿעסטיקן זיך צו מיט שטאָלענע דרעטלעך).

װײַנשטײן: זאָגט, אַדעראַבע, צי ער האָט אין זיך עפּעס נעפּמאַ־נישס. אָבער װיסן דאַרפֿט איר, אַז דער טאַטע, דער זײדע און דער על־טערזײדע זײַנען באַ אים געװען, װי ער דערצײלט, קרעמער. זײ האָבן געהאַלטן אַ שניט־קראָם...

סערגײ װאַסיליעװיטש: זײַ מױכל, װעניאַמין, װאָס איך קריך אין די רײד. האָסט דאָך אַלײן מיך אַ רוף געטאָן. אָט ביסטו, און אָט איז אַבראַמיטש. דאָ איז מיר אַלץ קלאָר. אָבער ס'איז געװען אױך זלאַטקין...

װײַנשטײן: זלאַטקין האָט אױך אין צעך געהאַט אַ שעם פֿון אַן עגאָיִסט און פֿון אַ באַלעבעסל. ס'איז קײן כידעש ניט, װאָס אַזעלכע פֿאָרן אַװעק קײן ייִסראָעל. יעדער געפֿינט זײַן אָרט. די מענטשן זײַנען באַ אונדז, סערגײ, ניט פֿון אײן שטאַמפּ געמאַכט, פֿאַראַן פֿאַרשײדענע...

סערגײ װאַסיליעװיטש: דאָס איז קלאָר. ס'זײַנען געװען באַר־סמאַטשן, געװען באַלעגופֿים. אױב אַ מענטש איז אַ שלעכטער, הײסט עס ניט, אַז שלעכט איז זײַן נאַציע. העלף זשע מיר זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן... באַ אונדז אין הױז איז אײנער אַ ייִד אַװעקגעפֿאָרן קײן אַמעריקע. איצט שרײַבט ער אונדז אַלעמען בריװ: איך שטײ אַף די קני. איר זאָלט בעטן פֿאַר מיר דעם װערכאָװני סאָװעט, פֿאַרשטײסט? דער מענטש האָט גע־מאַכט אַ טאָעס. איך זאָג: ס'אַ ראַכמאָנעס אַף אים, לאָמיר אָנשרײַבן אַ שטאַדלאָנעס־פּאַפּיר. אָבער פֿאַװעל אַסטאַכאָװ איז קעגן. און ער טײַנעט אַפֿילע, אַז עס קומען פֿאַר מאָדנע זאַכן. אָט איז אײן ייִד אַװעקגעפֿאָרן, אָט אַ צװײטער. געאַרבעט, זיך געלערנט, געװאַקסן מיט אַלעמען אײנײנעם.

און אַט פאָרן זיי אוועק. וווהין? אין אַ קאַפּיטאַליסטיש לאַנד פאָרן זיי. אַ שאָד...

ווײַנשטיין: ביסט גערעכט, סעריאָזשע. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד איז עס. כ'וואָלט געזאָגט, אַ ביטערער פּאַרדראָס. און אין דער זעלבער צײַט איז זייער גוט, וואָס בא אונדז פּאַלט קיינעם ניט אײַן צו פאַרשטיין די זאַך אַזוי ווי אין יענעם אַנעקדאָט... שטיי אַ ווײַלע. ווער, אויב ניט דו, האָט מיר אים דערציילט?

סערגיי וואַסיליעוויטש: וועגן דעם, אַז אויב איוואַן האָט גע־גאַנוועט, זאָגט מען, אַז געגאַנוועט האָט איוואַן, אָבער אויב עס האָט גע־גאַנוועט אבראַם, זאָגט מען, אַז עס האָט געגאַנוועט אַ ייִד... (ביידע לאַכן פריילעך. זיי נעמען זיך אַרום און גייען אַוועק אין דער טיף פונעם צעך).

דער ווײַטערדיקער עפּיזאָד רופט זיך אָן „אַ מעמאָריאַל אינעם דאָרף, ווו ס'איז געבוירן געוואָרן דראַגונסקי".

די פּאַנאָראַמע פונעם דאָרף פאַרנעמט דעם גאַנצן עקראַן — אַ ראַכ־וועסדיקע און בונט־קאָליריקע, אַ טיפּישע פאַר דער מיטל־רוסישער לאַנד־שאַפט. אין צענטער שטייט אַ דרײַקאַנטיקער אָבעליסק פון גראַניט. צו אים דערנעענטערט זיך אַן אוילעם מענטשן. ווען צווישן זיי קאָדרירן זיך אויס צוויי — אַ מיליטערמאַן און אַ ציווילער, דערהערט זיך דעם דיק־טאָרס קאָל: — דער וואָרטזאָגער אין אונדזער פילם האָט אַן אַלטן פרײַנט, דעם גענעראַל־פּאָלקאָווניק דאָוויד דראַגונסקי, וועלכער איז קאָ־מאַנדיר פון די העכסטע אָפיצערישע קורסן פון דער סאָוועטישער אַרמיי (אין קאָדער — דער גענעראַל ד. אַ. דראַגונסקי אויפן קאָמאַנדנע פונקט בייס מיליטערישע איבונגען).

דער וואָרטזאָגער: דאָוויד דראַגונסקי טראָגט אויף זײַן ברוסט צוויי גאָלדענע שטערן. אַזאַ הויכע אויסצייכענונג האָבן אין אונדזער לאַנד זייער ווייניק מענטשן. צוויי מאָל העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד איז דראַ־גונסקי געוואָרן אויף דער מילכאָמע, ווו ער האָט געפירט הונדערטער טאַנ־קען קעגן די פאַשיסטן. געבוירן געוואָרן איז דאָוויד דראַגונסקי אויף דער אוקראַינע, לעבן טשערניגאָוו, אין אַ שנײַדער־מישפּאָכע. די דראַגונסקיס האָבן אין דער מילכאָמע פאַרלאָרן מער פון דרײַסיק לעבנס. אייניקע זײַנען געפאַלן אין שלאַכט, אַנדערע ליגן אין די גריבער און יאַרן, פאַר־מוטשעטע און דערשאָסענע פון די היטלעראָווצעס.

דאָוויד דראַגונסקי: איינמאָל, ווען איך בין געקומען קיין פאַ־ריזש אויף דער עפענונג פונעם מעמאָריאַל לעקאָוועד דעם ייִדישן מאַר־טירער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אופגעבויט דעם מעמאָריאַל האָט אַ רײַכער געשעפטסמאַן — דער אַכציקיאָריקער ייִצכאָק שנײַדערסאָן, וועלכער איז בײַז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געוועזן קאַזיאָנע ראַבינער אין טשערניגאָוו. בייס אונדזער ערשטער באַגעגעניש האָט מײַן לאַנדסמאַן, האַראַוו שנײַדערסאָן, אויסגעשריגן:

— זײַנט איר, הייסט עס, פון די דראַגונסקיס! יאָ, יאָ, איך געדענק אײַער מישפּאָכע, וואָס האָט געוווינט אין אַ פאַרוואָרפן הינטערגעסל. דאָס שטעטל אײַערס האָט געהערט צו מײַן „יעפּאַרכיע". און איך האָב גע־ווינט... וואָס, איר ווייסט ניט, ווו איך האָב געוווינט?

איך דאַרף זיך מודיע זײַן — כ'האָב ניט געוווּסט. שנײַדערסאָן האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז זײַן הויז איז געשטאַנען ווידזאַווי דער רעזידענציע פֿונעם טשערניגאָווער גענעראַל־גובערנאַטאָר. און איך, פֿון מײַן זײַט, איך — דער זון פֿון אַ ייִדישן שנײַדער, האָב אויך געגעבן אַ טשיקאַווע אינפֿאָרמאַציע מײַן אַלטן בען־איר:

— אַוודאי איז עס אַ צופֿעליקייט, נאָר ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו קאָמאַנדעווען מיטן טשערניגאָווער גאַרניזאָן, און געווינט האָב איך... איר ווייסט, ווו איך האָב געוווינט?

שנײַדערסאָן האָט ניט געוווּסט.

— מײַן רעזידענציע איז געווען אין דער געוועזענער רעזידענציע פֿונעם גענעראַל־גובערנאַטאָר...

דעם גאַנצן עקראַן פֿאַרנעמט אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון אַ גרויסער ייִדישער מישפּאָכע.

דער דיקטאָר באַווײַזט מיטן פֿינגער, אַז אָט דאָס דאָזיקע דאַרע ייִנגעלע — ער איינער איז געבליבן לעבן, און די איבעריקע, און נאָך פֿיל אַנדערע פֿון די דראַגונסקיס, וועלכע זײַנען ניטאָ אויף דער פֿאָטאָגראַפֿיע, זײַנען געוואָרן אַ טייל פֿון די זעקס מיליאָן ייִדן, וועמען ס'האָבן פֿאַרניכטעט די פֿאַשיסטן. און אָט דאָס דאַרע ייִנגעלע איז אויסגעוואַקסן און איז פֿאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין פּיאָנערישן אָטריאַד, אין קאָמסאָמאָל, און שפּעטער איז עס אין דער רויטער אַרמיי דורכגעגאַנגען דעם גרויסן וועג, אָנהייבנדיק פֿון אַ סאָלדאַט און ביז אַ „פּולן גענעראַל". אויף דער מילכאָמע איז דאָוויד דראַגונסקי געווען צווישן די, וועמען דאָס סאָוועטישע היימלאַנד האָט געשיקט בעקאָמע צו נעמען אין די פֿאַשיסטן. איינער פֿון די נאָבלסטע אויפֿטוען זײַערע איז געווען דאָס, וואָס זיי האָבן געראַטעוועט דאָס ייִדישע פֿאָלק פֿון אינגאַנצן פֿאַרניכטעט צו ווערן.

דראַגונסקי און דער וואָרטזאָגער פֿונעם פֿילם לייגן אַוועק בלומען אויף דעם דענקמאָל. מע זעט אויסגעקריצט אויף דער סטעלע דאָס בילד פֿון אַן עלטערער פֿרוי.

ד ע ר ד י ק ט אָ ר: דאָס איז דעם גענעראַלס מאַמע, מע האָט זי דערשאָסן אויף דער שוועל פֿון איר שטוב (אויפֿן עקראַן — די שטוב. באַם אַרײַנגאַנג איז צוגעפֿעסטיקט אַ מעמאָריעלע ברעט).

ד ע ר ד י ק ט אָ ר: די גוטהאַרציקע אײַנוווינער פֿונעם רוסישן דאָרף סוויאַטסק, אויף דער בריאַנשטשינע, האָבן ניט פֿאַרגעסן, אַז דאָ, אין אָט דער כאַטע, האָט געלעבט אין דער קינדהײַט דער צוויי מאָל העלד פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד דאָוויד דראַגונסקי. די רעגירונג פֿון דער סאָוועטישער מעדינע האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן דאָרפֿס־פּלאַץ זײַן ביוסט.

שפּאַצירנדיק איבער דער גאַס, שמועסן דראַגונסקי און דער וואָרטזאָגער פֿונעם פֿילם וועגן די געפֿילן, וואָס זײַנען פֿאַרבונדן מיט דעם אָרט, ווו דער מענטש איז אויסגעוואַקסן.

ד ע ר וואָ ר ט ז אָ ג ע ר: אָט טײַנען די ציוניסטן, אַז מע דאַרף פֿאַר אַ היימלאַנד רעכענען דאָס לאַנד, אין וועלכן עס האָבן געלעבט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק די אָוועס, נאָר דאָס איז אַן אײַנרעדעניש. ערשטנס, ווײַנען אין יענעם לאַנד אין מעשעך פֿון אַלע צוואַנציק יאָרהונדערטער

גאָר אַנדערע מענטשן, און, צווייטנס, שטעלט זיך די פראַגע: נו, און וואָס איז, אויב אַזוי, באַ אַ בען־אָדאָם די אייגענע נעסט — ניט קיין היימלאַנד?

ד ר א ג ו נ ס ק י: אפן פראַנט האָב איך פאַרטיידיקט די אייגענע נעסט, דאָס הייסט — מײַן היימלאַנד. אָט וועגן דער דאָזיקער כאַטע און וועגן דעם דאָרף סוויאַטסק האָב איך ניט אופגעהערט צו טראַכטן, און אַהער קום איך צו גיין, און דאָ האַלט זיך אוף, ווי מע זאָגט, מײַן נעשאָמע. עפּשער זעט עס אויס ווי איבערגעטריבן, נאָר אַ ייִד אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אַן עכ־טער סאָוועטישער ייִד, קאָן ריידן וועגן זײַן היים בלויז מיט דערהויבענע ווערטער. ער האָט דאָך פאַרגאָסן בלוט פאַר איר...

ד ע ר ו ו אָ ר ט ז אָ ג ע ר: אין בירגערקריג האָבן די ווײַסגוואַרדייער ניט אומזיסט געטומלט אַרום „ייִדן און קאָמיסאַרן"...

ד ר א ג ו נ ס ק י: פון די יונגע יאָרן געדענק איך אַ ליד פונעם ערשטן סאָוועטישן ייִדישן פּאָעט אָשער שוואַרצמאַן, וועלכער איז געווען אַ רויט־אַרמייער באַ שטשאָרסן און האָט גערופן אַלעמען צו פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד.

אפגיך צום פערד,
די האַנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז — אַ פאָן.
דער סוינע באַ די טויערן!

די קאַמערע קערט זיך אום אין רעדאַקציע־צימער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", ווו עס האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיקט דער איבערײַס צווישן די זיצונגען פון דער רעדקאָלעגיע. דאָס מיידל, וואָס איז אָפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פונעם פילם, באַמיט זיך נעמען אַן אינטערוויו דאָס באַ איינעם, דאָס באַ אַ צווייטן מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע, נאָר יענע האָבן קיין כיישעק ניט. זי זוכט אָפּ באַם טיש דעם וואָרטזאָגער, וועלכן עס פאַרשטעלן פון די צושויער עטלעכע מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע (זיי האָבן געבראַכט דעם וואָרטזאָגער אַ פּאַק מיט טיפּאָגראַפיע־אָפּצוגן און די פרישע פּאָטשט. צווישן די אַרײַנגעבראַכטע צײַטונגען קלײַבט אויס די קאַמערע דעם „בירָאָבידזשאַנער שטערן", און קאָלזמאַן זי „מישט" אים, הייבט זיך אָן דער דיאַלאָג צווישן דעם מיידל מיטן וואָרטזאָגער).

ד אָ ס מ יי ד ל (מיט קאַס): דער רועך ווייסט וואָס! קיין איינער פון זיי קאָנטאַטשעט ניט. אַ באַשלוס האָבן זיי דאַפקע אָנגענומען אַ גוטן, אָבער זאָגן וועגן דעם אַ פּאָר ווערטער — דאָס ניט... איך בעט ניט פאַר־געסן, אַז איך בין אָף דער אַרבעט!

ד ע ר ו ו אָ ר ט ז אָ ג ע ר (מיט פאַרדראָס): עס שלאָגט שוין צו דער גאַל. איר פאַרשטייט? ס'איז דערעסן...

— וואָס איז דערעסן?

— ס'איז, וויל איך זאָגן, נימעס צו ענטפערן אָף איינע און די זעלבע פראַגעס (קוקט אפן זייגער). מיט אָנדערהאַלבן שאָ צוריק זײַנען אַרײַנגע־קומען אין רעדאַקציע טוריסטן פון גאָנדוראַס. מיר האָבן ערשט אָנגע־

הויבן די זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע. ריבוינעשעלוילעם, אין יענעם גאַנדוראַס זײַנען יידן פאַראַן אַף אַ רעפּוע, און פונדעסטוועגן נעמט מען זיך צו געבן אונדז אייצעס, וויאַזוי מיר, יידן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, זאָלן לעבן. און איך, לעמאָשל, האָב אַ ווילן צו פאַרגעבן אויך זיי אַ פראַגע — פאַרוואָס האַלטן זיך ניט אוף אין גאַנדוראַס קיין יידן...

— און זיי?

— זיי האָבן איבערגעריסן די אַרבעט פון דער רעדקאָלעגיע: זײַט זיך מאַטריִעך און דערציילט אונדז, וויאַזוי מע פאַרפאָלגט די יידישע ליטע־ראַטור אין סאָוועטנפאַרבאַנד... זאָגן מיר: ס׳איז ניטאָ קיין צײַט און קיין ווילן זיך פאַרענטפערן פאַר אײַך. מיר זײַנען שטאַרק פאַרנומען מיט שאַפן די יידישע ליטעראַטור בא אונדז אין סאָוועטנפאַרבאַנד. פאַרשטייט זיך, פאַראַן פריידן, פאַראַן זאָרגן. אָט איז געשען אַן אומגליק — די רע־דאַקציע האָט צוגעגרייט צום דרוק דעם קסאָוויאַד פון אַ נײַעם ראָמאַן פונעם קיִעווער שרײַבער מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, און דאָ באַקומען מיר אַ יעדיִע, אַז טאַלאַלאַיעווסקי איז געשטאָרבן. איר ווייסט ניט, וואָס עס באַ־טײַט פאַר דער יידישער ליטעראַטור, ווען עס שטאַרבט אַ שרײַבער! נאָר מיר האָבן אויך פריידן. כאָטש זעלטן, אָבער ס׳מאַכט זיך אַ צוווּקס... אַפן אוראַל, אין דער אַלטער רוסישער שטאָט פּערם האָבן זיך באַוויזן צוויי יונגע יידישע פּראָזע־שרײַבער. צוויי אינזשעניערן. דאָס פאַרפאָלק אַרן און בראָכע בורשטיין. ווילן איך אײַך פרעגן, צי האָט איר געקענט טאַלאַ־לאַיעווסקין? און זײַנע ווערק האָט איר געלייענט? און דאָס יידיש־שרײַבן פון די בורשטיינס זײַנט איר בעקויעך אָפּצושאַצן?

— איר פרעגט דאָס מיך?

— ניין, די גאַנדוראַסער טוריסטן. ווען מיר האָבן געשמועסט מיט זיי, האָט זיך געפילט, ווי גלײַך זיי וואָלטן זאָגן: „דולט אונדז ניט אַ קאָפּ מיט אײַערע יונגע אוראַלער אינזשעניערן, וואָס דרוקן ווערק אַף יידיש. דערציילט אונדז בעסער וועגן דעם, ווי מע פאַרפאָלגט בא אײַך יידישע שרײַבער. וועגן דעם דערציילט!״ מיר האָבן ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. בא אונדז איז אַ זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע, און מיט געסט דאַרף מען זיך באַגיין העפלעך... האָבן מיר זיך אָנגעפרעגט בא זיי: „פונוואַנען נעמט איר, אַז מע פאַרפאָלגט אונדז?״. „וועגן דעם שרײַבט די גאַנדוראַסער פּרעסע״. „און זי פונוואַנען ווייסט?״. „ס׳באַזאָרגט זי מיט מאַטעריאַלן דער יידישער צענטער אין גאַנדוראַס״. „נאָר אין גאַנדוראַס זײַנען ניטאָ קיין יידן אַף צו שאַפן אַ צענטער״. איינער אַ טוריסט מאַכט אונדז קלאָר די זאַך (עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ ייִסראָעלדיקער בירגער, וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין גאַנדוראַס): „מיר האָבן צענטרען אין פיל לענדער פון דער וועלט״... און ער הייבט אָן צו פאַרוואַרפן אונדז מיט נאַרישע פראַגן...

— אַנטשולדיקט, איך וויל אײַך פאַרגעבן איין־איינציקע פראַגע. וואָס וועט זײַן מיט דער יידישער ליטעראַטור, ווען עס וועט שטאַרבן דער לעצטער לייענער? וויפל אוטאָרן פאַרמאָגט אײַער זשורנאַל? מיט וואָס שיידט זיך אונטער איווריט פון העברעיש? וואָס איז דאָס פאַר אַ לאָשן?..

— איר זײַנט אַ יידישקע?

— יאָ, נאָר בא אונדז אין דער פאמיליע רעדט מען אף רוסיש.

— ייִדן פאַרמאָגן צוויי שפּראַכן, ייִדיש און איוורית. דאָס איז א לאַנגע געשיכטע. אַלע שפּראַכן זײַנען גוט, ווען ס׳זײַנען גוט די געדאַנקען. נו, כאַפּט אַראָפּ מיט אײַער קאַמערע א פּאָר אונדזערע ליטעראַטור־מײַסטערס, און איך וועל זיך פּרווון אַרויסבאַקומען פון זיי עפּעס־וואָס מיקויעך די פאַרפאָלגונגען. מיר וועלן ריידן, נאַטירלעך, אף ייִדיש, און עמעצער וועט פאַר די קינאָ־צושויער איבערזעצן די רייד אף רוסיש...

דאָס מיידל, וואָס איז אָפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט, שטעלט אָן דעם אָביעקטיוו פון דער קאַמערע אף איינעם פון די בײַוועזנדע, און דער וואָרטזאָגער זעצט זיך צו אים צו.

ד ע ר ד י ק ט אָ ר. דאָס איז דער אָנגעזעענער ייִדישער בעלעטריסט נאָטע לוריע. זײַן ראָמאַן „דער סטעפּ רופט" האָט אין דער פאַרמילכאָמעדיקער ייִדישער סאָוועטישער פּראָזע געמאַכט א רוישעם, און די קריטיק האָט אָנגערופן נאָטע לוריען „דער ייִדישער שאָלאָכאָוו". אין א בוך־פאָרם האָט דער ראָמאַן זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין 1932 יאָר.

דעם שמועס, וועלכן דער וואָרטזאָגער פונעם פילם וועט האָבן מיט נאָטע לוריען, איז אינעם סצענאַרי ניט ווינטשנסווערט צו געבן „פאַרפּראָגראַמירט" פון פריִער מיט אַלע רייד־ניואַנסן. ווען ס׳וועט אָבער פאַרשריבן ווערן דער שמועס אין זײַן פרײַען, נאַטירלעכן גאַנג, וועט דער צושויער זיך דערוויסן, אז דאָס ווערק, וואָס דער ייִדישער שרײַבער האָט אָנגעשריבן מיט קימאַט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווערט אויך איצט אָפּגעהיט און אַרויסגעגעבן אף פאַרשיידענע שפּראַכן מיצאַד די מעלוכישע פאַרלאַגן. נאָטע לוריע וועט דערציילן וועגן די לעצטע אויסגאַבעס פון זײַנע ביכער. אין 1976 יאָר האָט דער קיִעווער פאַרלאַג „דניפּראָ" אַרויסגעלאָזט א נײַע אויפלאַגע פון „דער סטעפּ רופט" אף אוקראַיִניש, אין א יאָר אַרום איז אף רוסיש דערשינען דער זעלבער ראָמאַן אין מאָסקווע, אין טאָמע כאָשעווסטן סאָוועטישן ליטעראַרישן פאַרלאַג „גאָסליטיזדאַט". אגעוו, דער טיראַזש פון דער רוסישער אויסגאַבע איז 50.000 עקזעמפּליאַרן. ס׳איז דורכגעגאַנגען נאָך א יאָר, און א צווייטער קיִעווער פאַרלאַג — „ראַדיאַנסקי פּיסמעניק" האָט אַרויסגעגעבן א זאַמלונג פון נאָטע לוריעס איבערגעזעצטע אף אוקראַיִניש ווערק אונטערן נאָמען „וו דאָראָזי" — „אין וועג", און אין זעלבן 1978 יאָר איז אינעם מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" דערשינען אף ייִדיש לוריעס בוך „יאַם און הימל", אין וועלכן ס׳איז אײַנגעשלאָסן זײַן נײַער ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע", ווי אויך דערציילונגען און קינסטלערישע פאַרצייכענונגען.

דער דיקטאָר וועט אופרופן אויך אַנדערע בײַוועזנדע ייִדישע שרײַבער, און דער צושויער וועט זיך דערוויסן וועגן דעם, ווי אָפט זײַנען פּובליקירט געוואָרן זייערע ווערק אין די לעצטע פּאָר יאָר.

צוויי מאָסקווער פאַרלאַגן האָבן אַרויסגעלאָזט אין 1979 יאָר שמועל גאָרדאָנס ביכער. אין „סאָוועטסקי פּיסאַטעל" איז אף ייִדיש אַרויס זײַן זאַמלונג אונטערן נאָמען „די אייביקע מאָס" און אין „גאָסליטיזדאַט" — א בוך אף רוסיש „אויסגעווײלטע דערציילונגען".

און אָט איז נאָך איין ייִדישער אַוטאָר — אווראָם גאָנטאַר. אין מעשעך

פון איין יאָר האָט ער אַרויסגעגעבן דרײַ ביכער: אין „סאָוועטסקי פּי־
סאַטעל״, אויף ייִדיש, די לידער־זאַמלונג „נעגינע״, אין „גאָסליטיזדאַט״ אַן
אײַנבענדיקע זאַמלונג פון אויסגעוויילטער ליריק אין דער רוסישער
איבערזעצונג און אין „דיעטגיז״ אַ בוך פאַר קינדער (דער טיראַזש פון
אָט דעם בוך איז 100.000 עקזעמפּליאַרן!).

בײַסן שמועס וועלן נאָטע לוריע און די אַנדערע שרײַבער באַווײַזן די
צושויער אַלע נײַע אויסגאַבעס פון זייערע ווערק — סײַ אויף ייִדיש, סײַ
אין דער איבערזעצונג אויף אַנדערע שפּראַכן.

אַ מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז בוזי
מילער. ווען די קאַמערע באַווײַזט אים, טיילט דער דיקטאָר מיט, אַז די
ראָמאַנען, דערציילונגען, פּיעסן, וועלכע בוזי מילער שאַפט, זײַנען מערסטנ־
טייל געווידמעט דעם קאַנט, וווּ ער וווינט — ביראָבידזשאַן. מיט 45
יאָר צוריק איז ב. מילער געקומען, צוזאַמען מיט די ערשטע ייִדן־איבער־
וואַנדערער, אויף אָט דער טײַגע־ערד.

בוזי מילער דערציילט: די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז רײַך און
פּערספּעקטיוו, מע רופט זי — דער דימענט פונעם ווײַטן מיזרעך (קאַדרען פון
דער קינאָ־כראָניק). זי איז באַלוינט מיט אַ לענין־אָרדען און מיט אַן
אָרדען פון פעלקער־פרײַנטשאַפט. ס׳ווילט זיך, אַז אין ביראָבידזשאַן זאָלן
זײַן מערער ייִדן, נאָר קיין רעטעניש זײַנען אויך אין אָט דער פראַגע
ניט פאַראַן. פּאָשעט, דאָס לאַנד אונדזערס איז גוואַלדיק גרויס, און יע־
דערער וווינט דאָרט, וווּ ער וויל, וווּ ס׳איז אים באַקוועם צו וווינען, וווּ
עס געפעלט אים דער קלימאַט, וווּ עס וווינען זײַנע קרויווים. ביכלאַל,
איז דער איקער ניט אין דעם, וויפל ייִדן עס פאַרמאָגט איצט ביראָביד־
זשאַן. וויכטיק איז דאָס, וואָס די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט איז פאַרשריבן
אין דער קאָנסטיטוציע פונעם לאַנד אַלס נאַציאָנאַלע אַדמיניסטראַטיוו־
טעריטאָריעלע אויסבילדונג. עס עקזיסטירט אַ סאָציאַליסטישע סאָוועטי־
שע ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט. דאָס געפעלט ניט די ציוניסטן, ווײַל אָט
די דעמאָקראַטישע, סאָוועטישע לייזונג פון דער אייביקער פראַגע באַ־
ווײַזט, ווי שאָוויניסטיש, אַנטידעמאָקראַטיש די פראַגע ווערט געלייזט
בײַ זיי.

דער וואָרטזאָגער פונעם פילם זאָגט בוזי מילערן, אַז אָפט פרעגט מען
זיך אָן, וואָס עס ווערט געטאָן אין דער געגנט, קעדיי צוציִען נײַע ייִדן־
איבערוואַנדערער. מילער באַרירט אויך די דאָזיקע פּראָבלעם:

— אין ביראָבידזשאַן מערקט זיך אָן אַ טענדענץ צו אינטענסיוו אַנט־
וויקלען די מאָדערנע אינדוסטריע. אַזעלכע זאַוואָדן, ווי „דאַלסעלמאַש״,
וועלכער פּראָדוצירט קאָמבײַנען, דער טראַנספאָרמאַטאָר־זאַוואָד און אַנ־
דערע, ציִען שוין הײַנט צו די יוגנט פון אַנדערע קאַנטן. אויף דער הויך־
אינדוסטריעלער באַזע וועלן אויפקומען טעכנישע הויכשולן. די געגנט
פאַרמאָגט היפּשע נאַטור־רײַכטימער. דאָס כינגאַנער אײַזנאַרץ, די בורייער
שטיינקוילן, דאָס סוטאַרער גאָלד, די אומויסשעפּלעכע רעזערוון פון גע־
הילץ — דאָס אַלץ וועט רופן צו זיך מענטשן. מע דאַרף אויך ניט פאַר־
געסן, אַז די בײַקאַל־אַמורער מאַגיסטראַל גייט דורך האַרט לעם דער
ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, פונקט בײַ אירע סאַמע רײַכע ערטער...

דער וואַרטזאָגער: דאָס איז זייער וויל, אָבער שוין צײַט פֿאָרזעצן די אַרבעט פֿון דער רעדקאָלעגיע. (ווענדט זיך צום מיידל, וואָס איז אָפּעראַ־טאָר־קאָרעספּאָנדענט). איך גלייב, אַז איר זײַנט צופֿרידן מיט אָט דעם איבעררײַס אין דער זיצונג פֿון דער רעדקאָלעגיע. אָף ווידערזען, ליב מיידל. (גיט איר איבער אַ נומער פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"). אין אונדזער זשורנאַל דרוקן זיך פֿון כּסדר צו כּסדר הילפֿס־מאַטעריאַלן אָף צו דערלערנען יידיש, זיי קאָנען אײַך צוניץ קומען.

דאָס מיידל: זײַט געזונט! (באַ דער טיר שטייט זי זיך אָן מיט טעלעכקע אויסלענדער, וועלכע זײַנען געקומען באַזוכן די רעדאַקציע. אומקערנדיק זיך צוריק צו דעם טיש, שטעלט זי אָן אָף די געסט איר קאַמערע).

דער דיקטאָר: דאָס איז אַ גרופּע פּראָגרעסיווע מענטשן פֿון ייִס־ראָעל, און ס'איז קיין כּידעש ניט, וואָס דער שמועס מיט זיי האָט זיך, ווי אַליין פֿון זיך, אַרײַנגעשריבן אין טאָג־סיידער פֿון דער רעדקאָלעגיע־זיצונג. (אָפּן עקראַן — אַ קאַדער אָן קלאַנג: אַרום דעם טיש זיצן אין אַן ענגן קרײַז די מיטגלידער פֿון דער רעדקאָלעגיע און די געסט. עס פֿילט זיך, אַז די פֿראַגן, וואָס זיי באַהאַנדלען, זײַנען ערנסטע און גאָר ניט קיין לײַכטע). די געסט פֿון ייִסראָעל זײַנען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד ניט דאָס ערשטע מאָל, און מיט די סאָוועטישע יידישע שרײַבער זײַנען זיי פֿער־זענלעך באַקאַנט שוין פֿון פֿריִער. מיר וואָלטן אין קיין פֿאַל ניט אונטער־געהערט, וועגן וואָס זיי שמועסן דאָ באַם רעדאַקציאָנעלן טיש, נאָר דער וואָרטזאָגער פֿון אונדזער פֿילם האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָך איין פֿראַגע איז פֿאַרשריבן אין דער פּראָגראַם פֿונעם פֿילם, וועלכע מיר האָבן אים צוגעשיקט, איידער די מיטאַרבעטער פֿון דער קינאָ־סטודיע זײַנען געקו־מען אין רעדאַקציע, בעמלעך — אָט די דאָזיקע פֿראַגע (אָפּן עקראַן — אַ בויגן פּאַפּיר, אָף וועלכן ס'איז אָנגעדרוקט די פּראָגראַם פֿונעם פֿילם — עפּיזאָדן, וואָס דאַרפֿן אין אים אַרײַן. עמעצנס אַ האַנט שטרײַכט אונטער מיט אַ בלײַער פֿאָלגנדע שורעס: „וועט קיין מאָסקווע וועט קומען אוועל־כע־ניט־איז גרופּע ייִסראַעלים, אויסנוצן די געלעגנהײַט, און, אויב די געסט וועלן ניט דערווידערן, פֿאַרשרײַבן אַ שמועס מיט זיי וועגן דעם, ווי־אַזוי עס לעבן אין ייִסראָעל די געוועזענע סאָוועטישע יידן, וועלכע האָבן עמיגרירט). אָט וואָס עס האָבן דערציילט די געסט.

ערשטער גאַסט פֿון ייִסראָעל: דאָסראָוו געוועזענע סאָוועטישע יידן קאָנען זיך ניט צופּאַסן צום לעבן אין ייִסראָעל.

דער וואָרטזאָגער: פֿאַרוואָס?

ערשטער גאַסט: דער קאַפּיטאַליזם טראָגט אַליין אונטער זײַן גאַנצע פּראַכט — די אָפּגעפֿרעמדקייט, וואָס מענטשן פֿילן איינער צום אַנדערן, די האַרצלאָזיקייט פֿון די באַלעבאַטים אָף דער אַרבעט, די ניט באַשיצטקייט פֿון אַלטע מענטשן און פֿון קראַנקע, די סיסטעם פֿון קרע־דיטן, וואָס מאַכט דעם באַלכּויוו פֿאַר אַ קנעכט...

צווייטער גאַסט: איר דאַרפֿט וויסן, אַז די אינפֿליאַציע ברענגט ניט ווייניקער אָנגעשטרענגטקייט פֿאַר ייִסראָעל, איידער די אַרומרינג־לונג מיט אַ שלאָל לענדער, וואָס די מעדינע האָט אָקופּירט. קימאַט אַ

העלפט פונעם מעלוכע־בודזשעט גייט אוועק אף הארמאטן, באָמבעס, באָמבארדיר־אעראָפּלאנען, ביקס־אווטאָמאטן.

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט: ס׳איז קיין כידעש ניט, וואָס עמיגראנטן פון אײַערע ערטער ווילן זיך אומקערן צוריק אהיים. אין יִיסראָעל טוט מען אלץ, קעדיי שטערן זיי דאָס צו טאָן. מע צווינגט אומצוקערן דאָס הילפס־געלט — „עזרא קאספּיט לעאָלע״ — וואָס איז באקומען געוואָרן לויט די קלאָלים פון דער אלי׳א. אָבער דאָס הייסט — אָפּארבעטן דעם כויוו. און מע געפינט דערווײַל צענדליקער אדמיניסטראטיווע שטערונגען אף צו מאכן אומעגלעך דאָס ארויספאָרן.

ד ע ר וו אָ ר ט ז אָ ג ע ר: קומט אויס, אז די געוועזענע סאָוועטישע יִידן קאָנען קימאט ניט פארלאָזן לעגאל יִיסראָעל. פונוואנען זשע נעמען זיך די הונדערטער און טויזנטער יוירדים אין ווין, זשענעווע, רוים, בריסעל, ניו־יאָרק?

ד ר י ט ע ר ג א ס ט: מע פאָרט קלוימערשט ארויס קיין עסטרײַך, צי אין אן אנדער לאנד, זיך היילן, אָדער „זיך זען מיט קרויווים״, און צוריק קיין יִיסראָעל קערט מען זיך ניט אום. דערקלײַבן זיך ביז עסטרײַך איז ניט פון די גרינגע זאכן, אָבער דאָס איז נאָך ניט אלץ. אין ווין איז פיל שווערער באקומען בא דער סאָוועטישער געזאנדשאפט א דערלויבעניש ארײַנצופאָרן, איידער אין מאָסקווע — א דערלויבעניש ארויסצופאָרן...

ד ע ר וו אָ ר ט ז אָ ג ע ר: וואָס איז דער אויסוועג?

צ ו ו י י ט ע ר ג א ס ט: קעדיי ניט הונגערן, דינגט מען זיך דערווײַל אָן פאר קעלנערס, וועשערנס, דינסטן, שווארצארבעטער. דער אומגליק איז, וואָס די אָרטיקע ציִעניסטן, אשטייגער אין עסטרײַך אָדער אין בעלגיע, הייבן גלײַך אָן שאנטאזשירן און פארפאָלגן דעם יוירעד. אויב ער איז יונג און געזונט, איז פאר אים פארגרייט נאָך איין אויסוועג: אוועקלאָזן זיך אין אן אנדער לאנד און דאָרט גיין דינען אין אן אנטיסאָוועטישן צענטער...

ע ר ש ט ע ר ג א ס ט: א סאך פאָרן אוועק אין די יִידישע געטאָס פון ניו־יאָרק, קיין מײַרעוו־דײַטשלאנד, אין די נויט־קווארטאלן פון רוים, און פון דאָרט, פון אָט די אומגליק־ערטער, קערן זיי זיך שוין קיינמאָל ניט אום...

ד ע ר וו אָ ר ט ז אָ ג ע ר: ס׳איז אומדערטרעגלעך שווער וועגן דעם צו ריידן. ערשט נעכטן האָבן אָט די מענטשן נאָך געלעבט נאָרמאל, געהאט אן אָנשטענדיקן אויסזען. טוט א קוק אף די פאָטאָגראפיעס (די קאמערע באווײַזט זיי). אין ניו־יאָרק באזעצן זיך די אימיגראנטן אינעם קווארטאל ברײַטאָן ביטש, וועלכן מע רופט — די ניו־יאָרקער בעראכאָלקע. געוועזענע סאָוועטישע יִידן דרייען זיך דאָרט ארום אָן ארבעט, אָן א סטאבילן לעבנס־ניוואָ, דערצו נאָך מוטשעט זיי די בענקשאפט נאָך די היימישע ערטער. און אָט איז טאקע אן עמעסע בעראכאָלקע, דער מארק אין רוים, וווּ מע קאָן זען די אימיגראנטן פון אינדערפרי ביז שפּעט אין אָוונט. בא אונדז אין סאָוועטנפארבאנד איז אזוינס געווען אין די צײַטן פונעם נעפּ...

פון דער הייך פונעם דריטן אָדער פערטן שטאָק פון א דערנעבנדיק הויז באווײַזט די קאמערע, וויאזוי עס זעט אויס דער ניט פונקציאָנירנ־

דיקער אָפּגעלאָזענער האַפן, באַם אַרײַנגאַנג אין וועלכן עס הענגט אַ שילדל Ostia.

דער דיקטאָר: לעם אָט דעם אַלטן האַפן אינעם שטעטעלע אָסטיִא, וואָס געפינט זיך ניט ווײַט פון דער איטאַליענישער הויפּטשטאָט, קלײַבט זיך צונויף יעדן זונטיק אַ מאַרק פון אַלטוואַרג. די אימיגראַנטן האַנדלען דאָ מיט זאַכן, וועלכע זיי האָבן געבראַכט פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. די לירעס, וואָס זיי לייזן אויס פאַרן אַלטוואַרג, אָפּט פאַר אַזאַ סכוירע, ווי קנעפּלעך, גאָלמעסערס, שקאַרפּעטקעס, רענצלעך, — זײַנען זייער איינציקע האַכנאָסע אויף דערהאַלטן די נעשאָמע. אַלע זײַנען זיי ניט לאַנג צוריק געווען בירגער פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד. נאָכן עמיגרירן פון דאָרט האָבן זיי ניט געוואָלט לעבן אין יִסראָעל, און איצט פּרוּוון זיי בלײַבן אין די אייראָפּעִישע לענדער אָדער אַרויספאָרן קיין אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע.

די באַראַכאָלקע ווערט באַוויזן סײַ אין אַלגעמיינעם פּלאַן, סײַ מיט פּראָטים. מע זעט אַ ביזאָיענדיקן אָנפלאָנטער פון נעבעכדיקע מענטשן, וואָס פּילדערן, דראָען, בעטן זיך, שעלטן איינער דעם אַנדערן. עס הערן זיך — אויף רוסיש און יִדיש — מאַרק־לאָשן, זידלערײַ. די איטאַליענער, באַזונדערס קינדער, קומען אַהער אַ קוק טאָן, ווי אויף אַן אַטראַקציִאָן.

דער דיקטאָר: אָט דער דאָזיקער אומגליקלעכער מענטש האָט ניט לאַנג צוריק געאַרבעט אויף אַ סאָוועטישן זאַוואָד, און דער־אָ איז געווען אַ סטודענט. איצט פאַרקויפן זיי דאָ מאָסקווער פּלאַסטינקעס, פּידזשאַקן פון דער פירמע „שווייפּראָם“ און מעשענע קנעפּ מיט אַ סערפּ־און־האַמער אויף זיי... און אָט די דאָזיקע יונגע פרוי — זי איז שוין באַם אָפּגרונט...

דריטער גאַסט: זאָגט, פאַרוואָס קאָנען זיי זיך ניט אומקערן אין סאָוועטנפאַרבאַנד?

אויפן עקראַן באַווײַזט זיך אַן אומבאַקאַנטער מענטש. דער אויפשריפט: „שעף פונעם אָפּטייל פון וויזעס און דערלויבענישן — „אָוויר“ — זאָטאָוו קאָנסטאַנטין איוואַנאָוויטש“. ער זאָגט:

— מע וואָרנט זיי וועגן דעם, ווען זיי פאָדערן עמיגראַנטישע וויזעס. אין אונדזער קאָנסטיטוציע איז פאַרשריבן, אַז מענטשן, וואָס פאַרלאָזן דאָס לאַנד און באַזעצן זיך אין אַנדערע ערטער, פאַרלירן די סאָוועטישע בירגערשאַפט.

אויפן עקראַן — אַ צימער אין סאָוועטישן קאָנסולאַט בײַ דער גערואַנדשאַפט פון פּסר אין רוים. אויף אַן אויפנאַם באַם קאָנסול געפינט זיך אַ גרופּע עמיגראַנטן, וועלכע ווילן זיך אומקערן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דער דאָזיקער עפּיזאָד וועט זיך מיט נאַטירלעכער עמעסדיקײַט אָנשרײַבן, ווען אַ קאַמערע וועט אויפן אָרט דאָקומענטירן דעם טעקסט. דער אינהאַלט פונעם עפּיזאָד וועט זײַן אַזאַ: די עמיגראַנטן בעטן, מע זאָל זיי אַרויסגעבן אומקער־וויזעס. דער קאָנסול זאָגט זיי אָפּ אין דער באַקאָשע, פאַרופנדיק זיך אויף די געזעצן פון אונדזער לאַנד. ווײַטער קערט אונדז אום די קאַמערע אין רעדאַקציע־לאָקאַל פון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

צווייטער גאַסט: קומט אויס, אַז די אָפּגענאַרטע מענטשן זײַנען פאַרורטיילט אויף אַ קאַטאַסטראָפע... און אין דער זעלבער צײַט האָבן די

וווּרבּיר־צענטרען בּאַ אונדז אין ייִסראָעל געשאַפן אַ ספּעציעלן „רוסישן קאָמיטעט", וועלכער קריגט אַרויס בּאַ די נײַע עמיגראַנטן אַדרעסן פון זייערע קרויווים און בּאַקאַנטע, קעדיי אָפּשיקן אַהין בּריוו און פּעקלעך אין נאָמען פון צוגעטראַכטע „שוועסטער", „בּרידער", „מומעס", „פּעטערס", און אַזויאַרום נאָכאַמאָל אָפּנאַרן, ווידעראַמאָל פאַרנאַרן סאָוועטישע ייִדן קיין ייִסראָעל...

דער וואָרטזאָגער: אַ סאַך וואַרפן אָפּ מיט עקל די פאַלשע פּאַפּירן.

די קאַמערע כאַפּט אַרויס פון פאַרשיידענע סוויוועס דאָס איין מענטשן, דאָס אַ צווייטן, דאָס אַ דריטן. די אונטערשריפטן דערקלערן, ווער די מענטש זײַנען.

אַ בּאַיאָרטער מאַנצבּל: אַכוץ אין לענינגראַד, האָב איך אין ערגעץ ניט קיין קרויווים. און מיטאַמאָל האָבּן זיי זיך פּאָיאַווועט אַזש אין טעל־אוויוו... נו, די געפעלשטע אײַנלאַדונג האָב איך אַרײַנגעוואָרפן אין קאָרזינע...

אַ יונג ווײַבּל: אוי, עלקע מיט אירע גענג... אַליין האָט זי מיט דרײַ יאָר צוריק זיך פּיקטיוו צעשריבּן מיט אַ פּאָניעוועזשער אַלטיטשקן, וואָס האָט אין ייִסראָעל עטלעכע שוועסטערקינדער, און זי איז גוט אַרײַנגעפאַלן, פאַרנעמט זיך דאָרט מיט דער רועך ווייסט וואָס. איז דען אַ כּידעש, וואָס זי האָט אויך פאַר די כאַווערטעס געפונען קרויווימלעך? מיסטאַמע צאָלט מען איר פאַר אונדז מעזומען. אָך, עלקע...

אַ טעכנישער ספּעציאַליסט: מע דאַרף פאַרשטיין, אַז זיי בּייטיקן זיך אין מײַן פּראָפעסיע. און וואָס איז שײַעך דעם אויסרייד, אַז מע פאַרייניקט מישפּאָכעס, זײַנען דאָך, ווי די ציעניסטן זאָגן, אַלע ייִדן בּרידער... און ס'איז לאַכלוטן ניט שווער מיר אונטערוקן אַ קלוימערשט פאַרגעסענע באָבע אָדער אַ גלידשוועסטערקינד (לאַכט). פאַרשטייט זיך, איך האָב הערצלעך אָפּגעדאַנקט און אָנגעשריבּן אַ פּראָטעסט אין דער צײַטונג.

אַ בּיראָבּידזשאַנער: בּאַ אונדז אין בּיראָבּידזשאַן זײַנען ניטאָ קיין נאַראָנים. עפּעס איינמאָל האָט מײַן פּלוינעסטע בּאַקומען „אַ גרוס פון אַ קאָרעוו", איז דאָס געוואָרן אין אונדזער מישפּאָכע אַ גלײַכוווערטל אַף זיך כאָכמענען. האַקיצער, אין דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט האָט זיך פאַר אַט די אַלע יאָרן ניט געפונען קיין איין מענטש, וואָס זאָל זיך אַרײַנעמען אַ מאַנקאָליע — עמיגרירן קיין ייִסראָעל. מיט אַ צײַט צוריק האָט אונדזערע אַ בּיראָבּידזשאַנקע — פייגע פײַנמאַן — זייער טרעפלעך געענטפערט די „קרויווים" אַף די שפּאַלטן פון דעם מאָסקווער זשורנאַל „סאָוועטסקאַיאַ זשענשטשינאַ". אָט הערט אַף טשיקאַוועס...

פייגע פײַנמאַן (דער אונטערשריפט: „אַ קאָלווירטניצע, וווינט אינעם דאָרף וואַלדהיים, בּאַלוינט מיטן לענין־אָרדען און מיט דעם אָרדען „ערן־צייכן"): יאָ, איך האָב געגעבּן אַן ענטפער די נײַ־געבּאַקענע קרויווים... (נעמט אין האַנט אַ זשורנאַל־נומער, לייענט). „וואָס פאַראַ מעכוטאָנים זײַנען מיר מיט אײַך? וואָס פאַראַ קרויווים? אַפילע ריידנדיק אַף איין לאָשן, קאָנען מיר איינע די אַנדערע ניט פאַרשטיין, ווײַל מיר גע־

הערן צו פֿאַרשיידענע קלאַסן און געפֿינען זיך אַף פֿאַרשיידענע זײַטן פֿון דער באַריקאַדע. די סאָוועטישע ייִדן זײַנען אַרבעטס־מענטשן, וואָס לעבן מיט די אידייען פֿון שאָלעם און אינטערנאַציאָנאַליזם. און איר, וואָס איר שרײַט, אַז איר זײַנט אונדזערע קרויווים, איר דריקט אויס די אינטערעסן פֿונעם ציִעניזם. אַזוי, אַז צונויפֿריידן זיך וועלן מיר ניט קענען״.

די קאַמערע טראָגט אונדז ווידער אַריבער אין דער רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד״, ווו עס קומט פֿאָר די זיצונג פֿון דער רעדקאָלעגיע.

ד ע ר ו ו אָ ר ט ז אָ ג ע ר: פֿאַר אונדזער הײַנטיקער זיצונג איז צוגעגרייט געוואָרן אַ קורצע אינפֿאָרמאַציע. איך בעט אײַך, כאַווײרים, זיך מיט איר באַקאַנען.

אַפֿן עקראַן — אַ דײַטלעכער אויפֿשריפֿט: „ציפֿערן און פֿאַקטן וועגן דעם, וואָס פֿאַר אַן אָרט עס פֿאַרנעמען די ייִדן אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפֿט״. איבערן עקראַן לויפֿט דורך אַ שורע נאָך אַ שורע:

לויט דער לעצטער פֿאָלקסציילונג זײַנען אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד פֿאַראַן העכער 2 מיליאָן ייִדן[1].

צווישן די דעפּוטאַטן פֿונעם אויבער־סאָוועט פֿון פֿססר, פֿון די אויבער־סאָוועטן פֿון די פֿאַרבאַנדישע רעפּובליקן און פֿון די אַרטיקע סאָוועטן איז די צאָל ייִדן — 7647.

אינטערוויו מיט אַ דעפּוטאַט.

פ ר א ג ע: ווער זײַנט איר?

ע נ ט פ ע ר: איך בין אַן אינזשעניער. מײַן נאָמען איז לייזער סטריִער.

פ ר א ג ע: לייזער יאַקאָוולעוויטש, איר זײַנט אַ דעפּוטאַט פֿונעם שטאָטישן סאָוועט פֿון קאַמענסקאַיאַ־בוגסקאַיאַ?

ע נ ט פ ע ר: יאָ. אונדזער ייִשעוו איז ניט קיין גרויסער, נאָר זייער אַ געמיטלעכער און אַ שיינער. פֿונדאַנען איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען ביז לוואָוו.

פ ר א ג ע: אײַער נאַציאָנאַליטעט?

ע נ ט פ ע ר: איך בין אַ ייִד.

פ ר א ג ע: צו וועלכע נאַציאָנאַליטעטן געהערן אײַערע וויילער?

ע נ ט פ ע ר: אינעם וואַל־קרײַז, ווו איך בין אויסגעקליבן אַלס דעפּוטאַט, וווינען 4285 רוסן, 1532 אוקראַיִנער, 388 ווײַסרוסן און 30 ייִדן.

פ ר א ג ע: די ייִדן, וואָס האָבן אָפּגעגעבן פֿאַר אײַך זייערע שטימען, האָבן אַרויסגערוקט אַ באַזונדערע וואַל־פּראָגראַם?

ע נ ט פ ע ר: די ייִדישע בירגער פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד לעבן אין אַ פֿרײַנטלעכער פֿילנאַציאָנאַלער מישפּאָכע. בא אונדז איז איין פּראָגראַם — אַן אַלגעמיינע פֿאַר אַלע פֿעלקער.

פ ר א ג ע: פֿון דער צווייטער זײַט, צי איז אין גאַנג פֿון דער וואַל־קאַמפּאַניע געווען כאָטש איין פֿאַל, ווען אַ וויילער פֿון אַן אַנדער נאַציאָ־

[1] די ציפֿערן זײַנען דאָ און ווײַטער גענומען פֿון דער סטאַטיסטיק פֿאַרן 1975. אין אײַנקלאַנג מיט דער איצטיקער סטאַטיסטיק דאַרפֿן אַרײַנגעטראָגן ווערן די געהעריקע קאָרעקטיוון.

נאַליטעט — אַ רוס, אוקראַיִנער אָדער ווײַסרוס — זאָל געווען אַרויסזאָגן אַ פּרעטענזיע, אַז אַ ייִד איז ניט מעסוגל צו פֿאָרשטעלן אין סאָוועט פֿון דעפּוטאַטן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן?

ע נ ט פ ע ר: בא אונדז אין לאַנד איז אַזאַ אַבסורד אויסגעשלאָסן.

איבערן עקראַן לויפֿן נײַע שורעס:

די צאָל געלערנטע, ייִדן לויט דער נאַציאָנאַליטעט, אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד. צווישן די 68.000 וויסנשאַפֿטלעכע טוער־ייִדן זײַנען פֿאַראַן 4200 מיטן טיטל דאָקטאָר פֿון וויסנשאַפֿטן, 23.800 קאַנדידאַטן פֿון וויסנשאַפֿטן. דאָס הייסט, אַז 41,8 פּראָצענט זײַנען גראַדויִרט מיט טיטלען. די אַלפֿאַרבאַנדישע וויסנשאַפֿט־אַקאַדעמיע ציילט אָן 57 ייִדן —ווירקלעכע מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן. די אַקאַדעמיע פֿון מעדיצינישע וויסנשאַפֿטן — 20 ווירקלעכע מיטגלידער און מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן.

צווישן דער ייִדישער באַפֿעלקערונג זײַנען אין 1973 יאָר געווען 375.000 מענטשן מיט העכער בילדונג. דאָס באַטײַט, אַז 17,4 פּראָצענט פֿון אַלע ייִדן אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד האָבן פֿאַרענדיקטע אינסטיטוט־בילדונג, אין דער צײַט, ווען דורכשניטלעך אין גאַנצן לאַנד איז דער פּראָצענט — 5,3.

אינטערוויו מיט אַ פּעדאַגאָג פֿונעם מאָסקווער מעלוכישן אוניווערסיטעט.

ד ע ר פּ ע ד אַ ג אָ ג: איר פֿרעגט, צי אין די הויכשולן פֿונעם לאַנד זײַנען פֿאַראַן ווייניק אָדער אַ סאַך ייִדן־סטודענטן? אַזוי אָבער שטעלן די פֿראַגע האָט קיין זין ניט. אין די סאָוועטישע אינסטיטוטן און אוניווערסיטעטן זײַנען פֿאַראַן אַזויפֿיל סטודענטן־ייִדן, וויפֿל עס האָבן אויסגעהאַלטן די אַרײַנטריט־עקזאַמענעס. אָט אַזאַ ענטפֿער וואָלט איך געגעבן אויף אײַער פֿראַגע.

פֿ ר אַ ג ע: פֿונדעסטוועגן, באַם איצטיקן מאַצעוו — צי קען מען ריידן וועגן דיסקרימינאַציע?

ע נ ט פ ע ר: מע קען, אויב שטעלן פֿאַר זיך אַ באַוווּסטזיניקן ציל, טרײַבן רעכילעס אויפֿן סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

איבערן עקראַן לויפֿן נײַע שורעס:

העכער 500.000 ייִדן האָבן אין די מילכאָמע־יאָרן זיך געפֿונען אין די רייען פֿון דער סאָוועטישער אַרמיי. 160.722 פֿון זיי זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס און מעדאַלן. 137 האָבן באַקומען דעם העכסטן טיטל העלד פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד. צוויי פֿון זיי — צוויי מאָל.

אינטערוויו מיט אַ העלד פֿונעם סאָוועטנפֿאַרבאַנד.

פֿ ר אַ ג ע: דערציילט אײַנקורצן וועגן זיך.

ע נ ט פ ע ר: העגגריך האַפּמאַן. מיליטערישער פּליִער אין דער שטורעם־אַוויאַציע, גוואַרדיע פּאַלקאָווניק אין דעמיסיע. לויט דער נאַציאָנאַליטעט אַ ייִד. אינעם אַוויאַפּאָלק, וועמענס קאָמאַנדיר איך בין געווען, האָבן געקעמפֿט רוסן, גרוזינער, אוקראַיִנער, קאַזאַכן, לעטן.

פֿ ר אַ ג ע: מיר בעטן אײַך ריידן נאָר וועגן זיך.

ע נ ט פ ע ר. דאָס סאָוועטישע היימלאַנד האָבן מיט זייער לעבן פֿאַרטיידיקט די זין און טעכטער פֿון אַלע פֿעלקער אין אונדזער לאַנד. פֿאַר־

שטייט זיך, עס איז פאַראַן אַ סטאַטיסטיק, וויפל רוסן זײַנען באַלוינט מיט אָרדענס, וויפל אוקראַיִנער, ייִדן, ווײַסרוסן און אַזוי ווײַטער. מיר ריידן אָבער וועגן דעם אין באַזונדערע פאַלן, נעמלעך — ווען עמעצער צווייפלט, לעמאָשל, צי ס'איז געווען געווען גענוג מאַמאָשעסדיק דער בײַטראָג אינעם זיג מיצאַד דעם אָדער יענעם פאָלק און צי די סאָוועטישע רעגירונג האָט ווי ס'געהער צו זײַן אָפּגעשאַצט דעם דאָזיקן בײַטראָג.

איבערן עקראַן לויפן נײַע שורעס:

ייִדן — העלדן פון סאָציאַליסטישער מי — 82, לאַורעאַטן פון דער לע־נין־פּרעמיע — 123 (11 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל), לאַורעאַטן פון דער מעלוכע־פּרעמיע — 1478 (12 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל).

אָפן עקראַן זעט מען די קיראָוו־גאַס אין מאָסקווע, דאָס הויז, אין וועלכן ס'געפינט זיך די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימ־לאַנד". דאָס מיידל, וואָס איז אָפּעראַטאָר־קאָרעספּאָנדענט פונעם פילם, זעצט זיך אַרײַן אינעם אווטאָבוס פון דער קינאָ־סטודיע. דער אווטאָבוס פאָרט אָפּ.

נאָטיצן אָן
אסיידער

א מענטש זעט עפּעס, הערט וואָס מע רעדט, טראַכט וועגן עפּעס. ער ווייסט, אַז דאָס געזעענע און דאָס געהערטע וועלן זיך נאָכאַמאָל פּונקט אַזוי, ווי איצט, ניט איבערכאַזערן. נעמט ער דאָס נאָטיץ־ביכל און פאַרשרײַבט, וואָס ער האָט געזען אָדער געהערט, וועגן וואָס ער האָט געטראַכט.

ער לאָזט גאָרנישט ניט פּאַרפאַלן גיין. ניט וויסנדיק נאָך, ווען און ווו די פאַרנאָטירונג וועט צוניץ קומען, שרײַבט ער, פרײַ פון קאַוואָנעס און היסכײַוועסן. די נאָטיץ, וועלכע ער שרײַבט **איצט**, האָט ניט קיין דירעקטע שײַכעס צו דער נאָטיץ, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן **פריִער**. אויסגעשטעלט אין איין ריי, שאַפן ניט עטלעכע נאָטיצן קיין כראָנאָלאָגיש, אָדער טעמאַטיש, אָדער לאָגיש סיידער. דאָס וויכטיקע קומט ניט אַפן „וויכטיקן אָרט". ס'איז ניטאָ קיין אינערלעכע סיסטעם אין נאָטיץ־ביכל. פאַראַן דער מענטש, וואָס שרײַבט, זײַן פּערזענלעכקײַט, פאַראַן דאָס אויג, וואָס זעט, דער אויער, וואָס הערט, דער מויעך, וואָס דענקט.

נאָטיצן שרײַבן זיך ניט, קעדיי צו פאַרעפנטלעכט ווערן. ס'איז, אַזוי צו זאָגן, לאַבאָראַטאָריע. אָבער אָפט מאַכט זיך, אַז עס האָט יאָ א זין צו פּובליקירן די נאָטיצן. דאַן קאָן מען, פאַרשטייט זיך, זיי אויסשטעלן אין א געוויסן סיידער. בעסער אָבער זיך ניט אַרײַנמישן אין זייער נאַטירלעכן גאַנג.

ווען דאָס אייגענע איז קײַ־שפּײַ

זײַענדיק אין אמסטערדאם, האָב איך אנומלטן זיך צערעדט מיט איינעם א ייִדן וועגן ייִדיש. ווען יענער האָט א זאָג געטאָן, אז ייִדיש איז „א פֿאַרדאָרבונג פֿון הויכדײַטש“, האָב איך אים געפֿרעגט, צי ער ווייסט, אז די האָלענדישע שפּראַך, מיט וועלכער ער נוצט זיך, איז פֿון איין שטאם מיט נידערדײַטש. יאָ, האָט געענטפֿערט דער האָלענדישער ייִד, ס׳איז טאַקע אזוי, אָבער וואָס פֿאַרגלײַכט איר ייִדיש צו האָלענדיש...

ער האָט פּינקטלעך פֿאַרגעדענקט, וויפֿל מאָל דאָס ייִדישע פֿאָלק האָט געביטן זײַן שפּראַך. אַראַמייִש האָט ער טרעפֿלעך אָנגערופֿן טאַרגום־לאָשן, און עס זײַנען אים געווען ניט פֿרעמד אייניקע דעטאַלן, לעמאָשל, אז פֿונעם טאַנאַך האָט מען ספּעציעל געמאַכט א טאַרגום, אן איבערזעצונג אױף אַראַמייִש, כּדי מע זאָל פֿאַרשטיין, וועגן וואָס אין טאַנאַך רעדט זיך.

— פֿון אַראַמייִש זײַנען די ייִדן פּאַוואָלינקע אַריבערגעגאַנגען אױף אַראַביש... ס׳האָט געדויערט בײַ טויזנט יאָר... דערנאָך — שפּאַניש... לעצטנס — דײַטש... (דער האָלענדישער ייִד האָט פֿאַרבויגן א פֿינגער נאָך א פֿינגער) הויכדײַטשער דיאַלעקט... טײַטש־ייִדיש... ייִדיש. דאָס איז א קײַמער־לאָן ווידער פֿון א יאָרטויזנט. אומזיסט אָנגעלייגט אזויפֿיל וועג. איצט, ווייסט איר דאָך, באַגייען זיך אונדזערע ייִדן גאַנץ גוט מיט דער שפּראַך פֿון דעם לאַנד, ווו זיי לעבן. ייִדיש, קאָן מען זאָגן, איז טויט...

אין זעלבן האָלאַנד, ווען א מענטש זאָל, כאָלילע, אזוי ריידן וועגן האָלענדישן לאָשן, וואָלט ער געכאַפּט א פֿײַנעם פּסאַק. מײַן אמסטערדאַמער ייִד אָבער האָט זיך געפֿילט באַליידיקט, וואָס מע נעמט אים קלאָל דערווידערן.

צוריקגעשמועסט

דער ייִדישער „צוריקגעשמועסט“ איז א היפּשער פֿאָרשריט אין פּראַט פֿון געדאַנקלעכקײַט — א שליסל צו זעלבסטפֿאַרטײַפֿערונג, צום זוכן אן אַל־טערנאַטיוון ענטפֿער אױף א שײַלע, ווען עס דוכט זיך, אז דער ענטפֿער איז שוין פֿאַראַן.

דער שרײַבער, וואָס האָט עס אַמבעסטן פֿאַרשטאַנען, איז שאָלעם־אַלייכעם. די ברייִרע קומט אָבער בײַ אים פֿון ניט האָבן קיין אַנדער ברייִ־רע. זײַן פּערסאָנאַזש באַרויִקט זיך מיט דעם, וואָס אין יעדער פֿינצטערניש איז דאָ, אויב מע וויל, א ביסל ליכטיקײַט.

פֿון „צוריקגעשמועסט“ שטראָמט אַרויס דער ביטאָכן.

אָבער — צוריקגעשמועסט... אויב אױף אַלץ געפֿינען א „צוריקגעשמועסט“, קאָן מען, ראַכמאָנע ליצלאָן, אָפּטרעטן אַפֿילע דאָס אייגענע לעבן.

✧

צו דער פראגע וועגן גראם

צי גראמען זיך „פינגערהוט" און „הונגעריק"? אוודע יאָ. אפילע מיט מער רעכט, איידער „האנט" און „וואנט".

פינגערהו:ט

הונגער:יק

פון דער דאָזיקער סכעמע איז ניט שווער צו זען, אז די גרונט־מאסע אין די צוויי ווערטער („נגערהו" און „הונגער") איז קרוויוויש לויטן קלאנג. ווען מע פירט ארויס אזעלכע ווערטער אף דער גראמען־פּאָזיציע פון א סטראָפע, נעמען זיי ווירקן איינס אפן צווייטן, ווי צונויפגעפירטע קעגנזייטיקע מאגניטן, אין דער צייט, ווען „האנט" און „וואנט" זיינען ענלעך אף שפּילקעס, מיט וועלכע מע קאָן, אויב מע וויל, פארשפּיליען די סטראָפע, זי זאָל זיך ווי־ניט־איז האלטן.

✧

פארוואָס מיר שרייבן יידיש פון רעכטס אף לינקס

פון לינקס אף רעכטס שרייבן די צאָפנדיקע פעלקער. די דאָרעמדיקע (צווישן זיי די יידן) — פון רעכטס אף לינקס, און די פעלקער, וועלכע לעבן נעענטער צום עקוואטאָר — פון אויבן אראָפּ.

דאָס איז, ווייזט אויס, אָפּהענגיק פון דעם, מיט וועלכער האנט מע שרייבט. א געלינקטער (ליעווושא), ווען ער שרייבט פון לינקס אף רעכטס, פארשטעלט ער מיט זיך דאָס אָנגעשריבענע און צעשמירט דעם טינט. די סטאטיסטיק באווייזט, אז וואָס ווייטער אף דאָרעם, אלץ מער טרעפן זיך געלינקטע מענטשן. מיט וואָס דערקלערט זיך עס?

ס'איז באוווּסט, אז אדאנק דעם אומקרייזן פון דער ערד ארום איר אייגענער אקס זיינען אין צאָפנדיקן האלבקיילעך די רעכטע ברעגן פון די טייכן העכער פון די לינקע. פונקט אזוי (די פליסיקייטן אינעם מענטשנס קערפּער רעאגירן אף דעם אומקרייזן פון דער ערד) איז אין צאָפנדיקן האלבקיילעך מער אנטוויקלט די רעכטע זייט פונעם קערפּער באם מענטשן, ד. ה. עס איז שטארקער די רעכטע האנט איידער די לינקע.

א פארקערט בילד טרעפן מיר אין דאָרעמדיקן האלבקיילעך, ווו די אומקרייז־קראפט פון דער ערד ווירקט אין דער פארקערטער ריכטונג, און דעריבער איז דאָרט בא אן אלץ גרעסערער צאָל מענטשן מער אנט־וויקלט דער לינקער טייל פונעם קערפּער, און זיי זיינען געלינקטע. היי־סטאָריש האָט עס בא די יידן, אראבער און אנדערע דאָרעם־פעלקער געקאָנט ארויסרופן די נויטווענדיקייט צו שרייבן פון רעכטס אף לינקס.

✧

קושניראָוו איז געווען אין זײַן צײַט דער בעסטער רעדאַקטאָר פון ייִדישער פּאָעזיע. מיט אים האָט זיך אין געוויסע „פּונקטן" געקאָנט פאַרגלײַכן בלויז האַלקין, אָבער מיט איינס איז האַלקין געווען הינטערשטעליק — ער פלעגט פאַרליבטערהייט דאָ און דאָרט אַרײַנשרײַבן אין דער פרעמדער ליד אַן אייגענע שורע.

די רייצנדיקסטע מינוטן פון מײַן לעבן אין דער ליטעראַטור זײַנען יענע, ווען קושניראָוו פלעגט צוזאַמען מיט מיר אַרײַן אין אַ גערענגל מיט דעם מאַטעריאַל, וואָס איך האָב שוין גערעכנט פאַר אַ ליד, און ער — נאָך ניט.

ער איז געווען לאַכלוטן טויב צו די רייד, אַז די אָדער יענע אַפּווײַכונג פון דעם „רעזשים", וואָס הערשט אינעם זשאַנער, איז אַן אַנטפּלעקונג פון נאָוואַטאָרישקײַט, אַ פּרוּוו צו באַפרײַען זיך פון די „קייטן", פון רוטינע.

— פאַרוואָס מאַכט מען ניט באַ אַ בענקל קיין פיסלעך פון פאַרשיידענער לענג? ווײַל אַף אַזאַ נאָוואַטאָריש בענקל וואָלט מען ניט געקאָנט זיצן...

די צאָל טראַפּן אין דער שורע פלעגט ער ציילן, מאַכנדיק פון דער לינקער האַנט אַ קולעק און פירנדיק מיטן גראָבן פינגער פון דער רעכטער האַנט איבער די ביינדלעך („בערגעלעך") און גריבעלעך באַ די צוזויפגעלייגטע פינגער פון דער לינקער האַנט. ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די צאָל טראַפּן איז אַזאַ, ווי מע דאַרף, פלעגט ער אַרויסשטאַמלען זײַן באַליבט וואָרט „אַזוי־אָ...", וואָס באַ אים האָט עס (פונקט ווי באַ די פראַנצויזן דער „אָ־לאַ־לאַ") געקאָנט אויסדריקן אַלע ניואַנסן פונעם געמיט.

צו דער סטראָפע אַלס קעמערל פון דער ליד האָט ער געהאַט גאָר גרויסע פאָדערונגען. ער האָט קיינמאָל ניט אַרויסגעלאָזט פון אויג אירע אויטאָנאָמע פונקציעס. די ליד אַלס אַ גאַנצע האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ניט ווי אַ געפלאָכטענע פון לאָגישע „פעדעם", נאָר ווי אַ מין שטימונגסמאָזאיק, אין וועלכער מע זעט קוים אָן די גרענעצן צווישן באַזונדערע קעמערלעך. נאָר אויב אַרויסכאַפּן אַ באַליביק קעמערל באַזונדער, איז עס אָן און פאַר זיך אַ פאַרענדיקטס. אין אַ ליד פלעגט ער פריִער פאַר אַלץ זוכן איבעריקע סטראָפעס, אַזעלכע, וואָס מע קען זיך באַגיין אָן זיי. פאַר אַן איבעריקער האָט ער געהאַלטן יענע סטראָפע, וואָס „טראָגט ניט אַרײַן איר ביסעלע פײַער" אין געגעבענעם שטימונגס־אָנגלי, — זי מעג זײַן אַ געניאַלע.

ס'איז קיין סאָד ניט, אַז דאָס אַלץ קומט פון אוועקשטעלן אין צענטער פון דער קונסט דעם אימאַזש, די בילדערישקײַט — קושניראָוו איז אין אַ באַדײַטנדיקער מאָס געווען אַן אימאַזשיניסט. באַזונדערס איז דער געפיל פון אימאַזש אים צוניץ געקומען בײַסן רעדאַגירן.

און נאָך אַ שטריך פון דער קושניראָווישער פּאָעטיק.

די סטראָפע גופע (עס גייט א רייד וועגן א פירשורעדיקער) האָט ער לאַבאָראַטאָריש געטיילט אַף דער העלפט: אַף די ערשטע צוויי שורעס און אַף דער דריטער מיט דער פערטער. מייִנסטנס דיכטער, — פלעגט ער טײַנען, — פאַרצייכענען די ערשטע צוויי שורעס אויפן פּאַפּיר אַזוי, ווי זיי קומען אויף נאַטירלעך אין זייער קאָפּ, און דערנאָך מײַסטרעווען זיי דעם צווייטן טייל פון דער סטראָפע, האָבנדיק אין זינען די אויסערלעכע זײַט, מערסטנס דעם גראַם. דאָס ברענגט דערצו, אַז די סטראָפע קאָן זיך ניט אײַנהאַלטן אַף איר אָרט. זי הייבט אָן זיך צו קײַקלען, ווי אויפן וואַסער א פּוכיר, וואָס איז צעטיילט מיט א ווענטל אויפצווייען, און דער אונטערשטער טייל, וועלכער דאַרף האַלטן דעם פּוכיר אויפן וואַסער, איז א לייִדיקער, דער אייבערשטער טייל — א פולער. ווען די ליד באַשטייט פון עטלעכע סטראָפעס, בוצקען זיי זיך צווישן זיך, און די ליד פאַרלירט דאָס גלײַכגעוויכט, דעם אָטעם.

בא קושניראָוון האָט דער גראַם געהאַט אַן אויסשליסלעך געדאַנקלעכע פונקציע. „דער גראַם, — פלעגט ליב האָבן צו וואָרענען קושניראָוו, — איז ניט קיין שפּילעכל! פונקט ווי די בלעטלעך בא דער קווייט זײַנען ניט צוליב שיינקײַט־וועגן. די בלעטלעך טראָגן מיט זיך דעם טאָך פון דער קווייט. דער גראַם גייט אַרײַן אין דער נעשאָמע פון דער ליד, ער ריזלט צווישן די שורעס, אַזוי ווי א שטרעמעלע איבערן דנאָ פונעם ריטשקעלע"...

„מאַכנדיק" א שורע, און בישכיינעס מיט איר א צווייטע, א דריטע, א פערטע, פלעגט קושניראָוו צוערשט לאָזן פרײַ דעם נאַטירלעכן גאַנג פון די ווערטער. דעם גראַם פלעגט ער „אויסקוועטשן" פון דעם שוין פאַראַנענעם ווערטער־מאַטעריאַל, ווי מע קוועטשט אויס פונעם ווײַנשל דאָס קערעלע. דעם גרעסטן נעס פון מײַסטערשאַפט פלעג איך בא קושניראָוון זען אין דעם, וואָס דער „צימעס" פון דער סטראָפע ליגט בא אים אין דער דריטער און פערטער שורע, און ניט אין די ערשטע צוויי. דאָס איז א באַווײַז, אַז דער דיכטער איז באַלעבאָס איבער דער ליד.

א גוט ווערק שרײַבט זיך גרינג

ס'איז ניט ריכטיק, וואָס מע טײַנעט, אַז קלוימערשט אַף צו שאַפן א גוט ווערק פאָדערט זיך א סאַך מי און שווייס. „פאוסט" איז, עמעס, געשריבן געוואָרן פינף און צוואַנציק יאָר, אָבער „האַמלעט" — איין כוידעש.

צו אונדז איז גאָרנישט ניט דערגאַנגען וועגן דעם שעפערישן מעטאָד פונעם מעכאַבער פון „שיר־האשירים", און דאָך בין איך זיכער, אַז „שיר־האשירים" איז אויסגעזונגען געוואָרן אין איין אָטעם.

די מערהייט שרייבער, מיט וועלכע ס'איז מיר אויסגעקומען צו ריידן וועגן זייער ארבעט, האָבן דערציילט, אַז די בעסערע ווערק האָבן זיך געשריבן גיך און גרינג, די שוואַכערע — פּאַמעלעך.

✧

וואָס דאַרף מען טאָן צוליב אונדזער העמשעך

פֿון זינט עס דערשיינט „סאָוועטיש היימלאַנד”, האָבן מיר זיך עטלעכע מאָל, באַ געלעגנהייטן, געווענדט צו די בירגערלעכע יידישע שרייבער אין אויסלאַנד מיט פֿאָרשלאָגן — סיי פּרינציפּיעלע לויטן טאָך, סיי אַזעלכע, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו דעם אָדער יענעם קאָנקרעטן פֿאַל, און אַלע מאָל האָבן די בירגערלעכע שרייבער רעאַגירט נאַכלעסיק און אַפּאַטיש.

די סיבע דערפֿון איז קלאָר: אין יענע לענדער זיינען די יידישע שריפֿטשטעלער „צוגעשריבן” צו באַשטימטע בלעטער און זשורנאַלכלעך, זיי הענגען אָפּ פֿון זיי און זיינען געפּענטעט.

זיי קאָנען זיך זעלבשטענדיק ניט אונטערכאַסמענען אונטער צוויימאָל־צוויי־איז־פֿיר.

ווען די יידישע שרייבער פֿון פֿאַרשיידענע לענדער זאָלן זיך אוועקזעצן באַ איין טיש, אָדער ווען אין דער יידישער פּרעסע זאָל זיך אָנהייבן אַ דיאַלאָג אַרום די העמשעך־פּראָבלעמען פֿון אונדזער ליטעראַטור, דאַן וואָלטן מיר מינאַסטאַם אַרויסגעזאָגט אַזעלכע פּאַשעטע עמעסן, וואָס אַפּפֿרעגן זיי איז באַ אַלע אומשטענדן שווער.

לעמאָשל:

— יידיש לאָשן און יידישע ליטעראַטור וועלן זיך אין דעם איצטיקן דאָר נאָך ניט אויסשעפּן. די זאָרג פֿאַרן העמשעך איז אַן אַקטועלע אויפֿגאַבע, און זי פֿאָדערט מוט און רעאַליזם.

— אין יִסראָעל, אין דער יידישער מעדינע, מוז אָפּגעשטעלט ווערן די דיסקרימינאַציע פֿון יידיש. אין אַמעריקע, סאָוועטנפֿאַרבאַנד און אין אַנדערע לענדער איז דער שליסל צו דער פּראָבלעם אַזאַ: עס דאַרפֿן אויסגענוצט ווערן יענע מיטלען אָף שטיצן יידיש, יידישע קולטור און ליטעראַטור, וועלכע זיינען פֿאַסיק פֿאַרן געגעבענעם לאַנד. די יידישע פּעריאָדיק איז באַרופֿן אין דעם פּראַט אונטערצוהאַלטן דעם אויסטויש פֿון דערפֿאַרונג און ניט דערלאָזן, אַז ביליקע פּראָפּאַגאַנדיסטן זאָלן זיך פֿאַרנעמען מיט „צעטרעטן די פּלאַנצן אָפֿן שאָכנס פֿעלד”.

— די יידישע ליטעראַטור וועט קאָנען ווייטער עקזיסטירן בלויז אין דעם פֿאַל, אויב זי וועט ניט שלעפּן דאָס פֿאָלקס־לעבן אָף צוריק. די רעכילעס־שרייבעכצן, וואָס עס פּובליקירן אַנטיסאָוועטישע קליינקאַליבערדיקע איבערלויפֿער און אָנגעדרונגענע אָף די יאַרידים פֿונעם קאַלטן קריג סקאַנדאַליסטן, האָבן קיין שום שייכעס ניט צו „איזיאַשטשנאַיאַ סלאָוועס־

נאָסט", ווי מע זאָגט אויף רוסיש, און זייערע אווטאָרן דאַרפן באַזײַטיקט ווערן פון דער ליטעראַרישער סוויווע.

— דער נאַציאָנאַלער אויסדרוק איז איינע פון די אַנטפּלעקונגען פון הײַנטצײַטיקײַט, ד.ה. נאַציאָנאַלער קאָלאָריט פון דעם נעכטן קאָן ניט און טאָר ניט אָנגעבונדן ווערן דער ליטעראַטור הײַנט. די ייִדישע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור וועט האָבן אַ העמשעך, אויב זי וועט שילדערן דעם הײַנטיקן מאַצעוו פונעם פאָלק.

ניט אין „געטן זיך" גייט דאָ

אין אַ קורצער צײַט נאָכן קריג — איך האָב זיך דאַן אָקאָרשט דעמאָביליזירט פון דער אַרמיי — האָט מיר דער דערמאָנט ברייט באַקאַנטער שרײַבער לייזער קאַצאָוויטש פאַרעפנטלעכט פאַרגעלייענט זײַנע אַ פאַרצייכענונג, געווידמעט דעם אָנגריף פון דער סאָוועטישער אַרמיי אויף מינסק. אין דער פאַרצייכענונג איז געווען אַן אָרט, ווו די באַפרײַטע מינסקער ייִדן רעדן זיך אויס דאָס האַרץ פאַרן אָווטאָר, און איינער זאָגט אים, אַז פאַרשפּאַרנדיק די ייִדן אין געטאָ, האָבן די פאַשיסטן זיי „געוואָלט געטן" מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג פון שטאָט.

ס'האָט אַזוי געטראָפן, אַז פונקט אין יענע טעג איז קיין מאָסקווע אַראָפּגעקומען דער קיִעווער פילאָלאָג עליע ספּיוואַק, און איך האָב אים דערציילט וועגן דאָזיקן טשיקאַווען זאָג, וועלכן קאַצאָוויטש האָט פאַרצייכנט. ספּיוואַק איז געווען פאַרכידעשט:

— געשיקט זיך, מיינט נאָך עמעצער, אַז „געטאָ"" שטאַמט פונעם העברעיִשן „גט" — צעשיידונג?..

— געטאָ איז אָפּשיידונג, ניט צעשיידונג, — האָט ער געזאָגט, — די מענטשן אין געטאָ זײַנען פאַרשפּאַרט, איזאָלירט, אָפּגעטיילט פון דער גאַנצער שטאָט. אַרײַן אין געטאָ — הייסט ניט „געבן אַ געט".

ספּיוואַק האָט בײַ דער דאָזיקער געלעגנהײַט מיר דערציילט, אַז אין זײַנער אַן אַרבעט, וועלכע ער גרייט צום פאַרעפנטלעכן, שטעלט ער די פראַגע וועגן אָפּשטאַם פונעם וואָרט „געטאָ", און ער גיט אָפּ געדענקט דער נאַטירלעכסטער פון אַלע ווערסיעס, דעהײַנע — אויף וויפל דער ערשטער ייִדן־קוואַרטאַל איז אויפגעקומען אין ווענעציע, בײַשכיינעס מיט דער אײַזנגיסערײַ gietto, — שטאַמט טאַקע פון דאָרטן דאָס וואָרט „געטאָ".

מײַן ערשטע ליד

איך געדענק ניט, װען אײַנגעטלעך איך האָב אָנגעהױבן פּאַרפּאַסן לי־דער. מעגלעך, אַז דאָס איז געװען נאָך אײדער איך האָב זיך אױסגע־לערנט שרײַבן.

װען איך בין שױן געגאַנגען אין שול, פּלעג איך „אױסטראַכטן" אַ ליד און גלײַך לױפֿן צו עמעצן פֿון מײַנע כאַװײרים, קעדײ זי אַרײַנ־שרײַבן אין זײַן העפֿטל („אַלבאָם"). אַלײן קײן העפֿטל האָב איך ניט געפֿירט (מע פֿלעגט טאַקע אַזױ זאָגן: פֿירן אַ העפֿטל). װעגן מײַנע שאַ־פֿונגען פֿון יענער צײַט קאָן איך איצט גאָרנישט ניט זאָגן, װײַל צו מיר האָבן זײ זיך צוריק ניט אומגעקערט, און איך װײס ניט, װאָס זײ שטעלן מיט זיך פֿאָר.

מײַן סאַמע ערשטע ליד, װאָס האָט זיך פֿאַרהיט אין די פּאַפּירן פֿונעם פֿאַרשטאָרבענעם סאָװעטישן שרײַבער עמאַנויל קאַזאַקעװיטש, געהערט צום 1932 יאָר.

די ליד איז פֿאַרבונדן מיט פֿאָלגנדן עפּיזאָד פֿון מײַן לעבן.

איך האָב דאַן געװוינט אין אַ פּיצינקן טײַגע־יִשעװ קימקאַן, ניט װײַט פֿון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע ביראַקאַן, אינעם ביראָבידזשאַנער יִדישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן, געלעבט דאָרט צוזאַמען מיט מײַן עלטערן ברודער יוסעף, אָלעװהאַשאָלעם, װעלכער איז אַהין אַראָפּגעשיקט גע־װאָרן אַף צו אָרגאַניזירן אַ װירטשאַפֿט פֿון האָניקצוכט. די טײַגע האָט געשפּרודלט מיט װילדע בינען, אָבער קײן מענטשן אַף צו קולטיװירן זײ און פֿאַרנעמען זיך מיט דער װירטשאַפֿט זײַנען דערװײַל נאָך ניט געװען. דער ברודער האָט אױסגעשריבן פֿונעם ראַיאָן צװײ בעהײמעס מיט עטלעכע קעלבלעך, קעדײ צוגרײטן אַ שפּײַז־באַזע פֿאַר די קומענ־דיקע איבערװאַנדערער.

איך בין געװען דאַן אַ ייִנגל פֿון 14 יאָר. אײנמאָל האָב איך געפּאַ־שעט די בעהײמעס באַם ברעג פֿון אַ טײַכל, װאָס איז אַ שטיק מעהאַלעך געפֿלאָסן לענגױס דעם אײַזנבאַן־אָנשיט, און װען פֿאַרבײַ דער טשערעדע האָט װי פֿון דער העלער הױט זיך אַ טראָג געטאָן אַ צוג, זײַנען די בע־הײמעס פֿון גרױס שרעק אַרײַן אין טײַכל, און אײן קעלבל איז דער־טרונקען געװאָרן.

נאָך דער דאָזיקער פּאַסירונג בין איך עטלעכע שאָ אָפּגעלעגן אַף דער ערד און געװײנט. אַ באַקאַנטער יעגער האָט מיך פֿאַרנאַכט־צו דער־זען און אײנינעם מיט דער טשערעדע אַראָפּגעבראַכט צוריק אין ייִשעװ. דעם זעלבן פֿאַרנאַכט האָב איך זיך אומגעקערט צוזאַמען מיטן ברודער און מיטן יעגער צום טײַכל, און ביזװאַנען די דערװאַקסענע האָבן זיך געײיסעקט מיטן דערטרונקענעם קעלבל, בין איך דערװײַל געזעסן אַף דער לעװאָנע־באַלױכטענער לאָנקע און געשריבן אַף אַ פּאַפּיראָסן־פּודעלע „נאַשאַ מאַרקאַ" אַ ליד.

אָט איז זי:

* * *

בעסער אָף אייביק פאַרגיין זאָל די זון,
איידער באַם קעלבל די אויגן.
זיץ איך אין וואַלד און איך טראַכט
פונדערפון,
טײַנע זיך אויס מיט א פויגל.
טרינקט זיך דאָס קעלבל אין שטראָמיקן
טײַך,
רינען אין טײַך מײַנע טרערן.
גאָטעניו, ענטפער מיר טייקעף און גלײַך —
צי וועסטו מײַן טפילע דערהערן?

פאָלק און לאָשן

מע האָט זיך נאָך ביז איצט ענדגילטיק ניט צונויפגערעדט, וואָס אַזוינס עס איז א פאָלק. די אַנטראָפּאָלאָגן און עטנאָגראַפן צעפירן מיט די הענט און קאָנען ניט קומען צו אַן אַלגעמיינעם אויספיר. אין פיל לענדער איז אָנגענומען צו פאַררעכענען די בירגער פון אַלע נאַציאָנאַליטעטן אַלס אָנגעהעריקע צו דער גרונט־נאַציע. אין די לענדער פונעם מוסולמענישן גלויבן געהערן צו נאַציאָנאַלע מינדערהײַטן יענע מענטשן, וועלכע פרייִדיקן אַנדערע רעליגיעס. די האָלענדער און פלאַמאַנדער (אַזוי אויך די כאָרוואַטן, סערבן און באָסניער) רעדן אָף אַלצייִנע שפּראַכן, אָבער דער רעליגיעזער פאַקטאָר האָט דאָרט אָפּגעשפּילט זײַן ראָל אין דער אויסבילדונג פון פאַרשיידענע פעלקער. דער גרוזינישער ייִד און דער ייִד פון ליטע, אויב זיי זײַנען נאָך דערצו ניט קיין גלויביקע, האָבן ניט צווישן זיך לאַכלוטן קיין געמיינזאַמס פונעם עטנישן שטאַנדפּונקט. אין ייִסראָעל האָט דער ציוניזם צונויפגענומען ייִדן פון דער גאַנצער וועלט („קבוץ גליות" — די צונויפזאַמלונג פון די גאָלעסן), מיינענדיק, ווײַזט אויס, אַז זיי וועלן זיך אויסמישן און ווערן איין פאָלק („מיזוג גליות" — די אויסמישונג פון די גאָלעסן). אָבער גראָד אין דער ייִדישער מעדינע איז אָנשוילעך צו זען, אַז ייִדן פון די איסלאַמישע לענדער זײַנען ניט פון איין עטנישער גרופּע מיט אייראָפּעיִשע ייִדן. די טרויעריק באַרימטע פאַרשע „ווער איז א ייִד" איז ניט קיין צופעליקע פאַר אָט דעם לאַנד, וואָס האַלט ערשט אין אויספאָרמירן זײַן נאַציע, צונויפנעמענדיק זי לויטן זעלבן שטייגער, ווי אַרכעאָלאָגן נעמען צונויף פון שערבלעך א קרוג, וואָס איז צעבראָכן געוואָרן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק.

ווען מע רעדט וועגן דעם באַגריף פאָלק, דאַרף מען אויך האָבן אין זינען אָט וואָס: אין רעזולטאַט פון די אינטענסיווע פּראָצעסן פון קאָנסאָלידאַציע און אַסימילאַציע בילדן זיך אויס אין אַ סך לענדער היפּשע גרופּעס מענטשן מיט איבערגאַנגס־פאָרמען פון קולטור און נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיַין. עס טרעפט, אַז אַזעלכע גרופּעס און אַפילו גאַנצע פעלקער (קרויווישע נאַציאָנאַלע סוויוועס) הייבן זיך אָן צוזאַמענגיסן אין נייַע עטנישע געמיינשאַפטן. אַנדערע גרופּעס, זיַיענדיק אַרומגערינגלט מיט דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער סוויווע, אַסימילירן זיך.

דער נאָמען פון דער מערהיַיט פעלקער פאַלט צונויף מיטן נאָמען פון דער שפּראַך, אַף וועלכער זיי רעדן. מיר זיַינען ייִדן. אונדזער שפּראַך איז ייִדיש. דאַכט זיך — פּראָסט און פּאָשעט, אָבער דאָס לעבן איז פיל קאָמפּליצירטער. לעמאָשל — די שפּראַך אין ייִסראָעל איז איוריט. צי בלייַבט איבער דער נאָמען ייִדן? אַ סימען, אַז אין ייִסראָעל רופט מען זיך טאַקע גערן ייִסראַיילים, און ניט ייִדן. געוויסע סאַברעס שטרייַכן אַפילו אונטער, אַז זיי זיַינען ניט קיין ייִדן. עמעס, דאָס איז בלינדער לאַנד־שאָוויניזם, צוגעפעפערט מיט נאַציאָנאַלן ניהיליזם. אָבער די פּראָבלעם ווערט אַזוי אָדער אַנדערש קאָמפּליצירטער.

פונוואַנען שטאַמט דאָס וואָרט ייִד? מע קאָן מיינען: ייִד — Jude. (Jude איז געקומען אין דער דײַטשישער שפּראַך פונעם לאַטײַנישן Judaeus). דאָס הייסט, אַז „ייִד“ שטאַמט קלוימערשט פון דער דײַטשישער שפּראַך. אינדערעמעסן אָבער האָבן די ייִדן זיך גערופן „יהודי“ נאָך לאַנג פאַרן גאָלעס ואַשקענאַז, לויטן לאַנד יהודה, ווו זיי האָבן געלעבט.

דער נאָמען פון דער שפּראַך פאָלגט נאָך דעם נאָמען פונעם פאָלק, און ניט פאַרקערט.

ליטעראַרישע גענדז

צווישן די ליטעראַטן, וועלכע פאָרן אַרויס פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד קיין ייִסראָעל, באַגעגענען זיך אויך אַזעלכע, וואָס האָפן מיט דעם אַליין פאַרריכטן זייערע איניאָנים אין פּראָפעסיאָנעל־שעפערישן זין.

צו זיי איז צוגעפּאַסט העכעריך היינעס אַ זאָג וועגן דער גאַנדז, וואָס האָט זיך גענומען אַריבערפליִען דעם טיַיך ריין, קעדיי באַוויַיזן, אַז זי איז אַ שוואַלב. געבליבן איז אָבער די גאַנדז אַ גאַנדז.

איך האָב ניט אונטער דער האַנט היינעס אָריגינעלע אויסגאַבע, וועל איך די צוויי שורעס ברענגען אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש:

Гусенок за Рейн полетел
и гусем вернулся...

דער ציוניזם האָט שיר ניט אונטערגעריסן ביאַליקס טאַלאַנט. סאַראַ גרויס גליק דאָס איז, וואָס דער טאַלאַנט איז געווען שטאַרקער פֿונעם ציוניזם.

ווען עס איז נאָרוואָס אויפֿגעקומען די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור, האָבן אונדזערע קריטיקער, באַזונדערס יעכעזקל דאָברושין, אונטערגעשטראָכן די אַנטיביאַליקישקייט פֿון מאַרקישן, האָפשטיינען אאַ. ס'איז קלאָר, פֿאַרוואָס די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אין אָנהייב געדאַרפֿט „גויווער זײַן" ביאַליקן: די ווירקונג זײַנע איז געווען אַ דירעקטע, זי האָט פּונקט ווי געשטערט דעם נײַעם.

דאָס וואַקלען זיך פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג באַם אָפּשאַצן דעם אָדער יענעם שרײַבער איז אין פֿאַרלויף פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע אַן אָפּטע דערשײַנונג. ס'איז קיין סאָפֿעק ניט, אַז די זיגזאַגן פֿון דער געזעלשאַפֿטלעכער אַנטוויקלונג ווירקן דירעקט אויף די עסטעטישע קריטעריען.

וועגן דעם זאָגט איידעס, לעמאָשל, דער גורל פֿון יעסענינען, ווענעמס שעם איז אַמאָל געווען הויך ביזן הימל און אַמאָל איז ער געפֿאַלן.

האַגאַם סערגיי יעסענין איז געווען טרײַ און איבערגעגעבן דעם אָקטיאַבער, האָט אין זײַן דיכטונג זיך טראַגיש אָפּגעשפּיגלט דער קריזיס פֿונעם פּאַטריאַרכאַלן פּויערשן לעבן. די ניט פֿאַרענטפֿערטע פֿראַגע „וווּהין טראָגן אונדז די געשעענישן — דער בלינדער גורל?" (Куда несет нас рок событий?) איז אויפֿגעשווומען אין דער אַטמאָספֿער פֿון „מאָסקווע קאַבאַצקאַיאַ". דאָס האָט געבראַכט צו היפּשע ווידערשפּרוכן אין יעסענינס דיכטונג, וואָס די דעמלטיקע קריטיק האָט אויפֿגענומען אויף איר אויפֿן. אָנשטאָט אויפֿדעקן דעם דיכטערס שוואַכקייט, האָט זי קימאַט שוין אינגאַנצן אָפּגעלייקנט זײַן שאַפֿונג, און מער ווי אַ פֿערטל יאָרהונדערט איז יעסענינס נאָמען געווען ווי אויסגעמעקט פֿון דער רוסישער פּאָעזיע.

די לאַגע האָט זיך געענדערט אין דער מיט פֿון די 50־ער יאָרן, און צום זיבעציקיאָריקן געבורטסטאָג פֿונעם דיכטער (1965) האָט דער לאַורעאַט פֿון דער לענין־פּרעמיע אַלעקסאַנדער פּראָקאָפּיעוו געקאָנט אָנשרײַבן: „ס'איז שוין צײַט צו ריידן וועגן ס. אַ. יעסענינען ווי וועגן אַ גרויסן נאַציאָנאַלן רוסישן פּאָעט, און ריידן ניט שטילערהייט, נאָר הויך אויף אַ קאָל". די באַדײַטונג פֿון די דאָזיקע ווערטער ווערט קלאָר, ווען מיר דערמאָנען זיך, אַז אין 1926 האָט דער קריטיקער ל. סאָסנאָווסקי, ברענגענדיק אין דער „קאָמסאָמאָלסקאַיאַ פּראַוודאַ" יעסענינס שורע „איך לייען פֿאַר פּראָסטיטוטקעס לידער און זשליאָקע מיט באַנדיטן ספּירט", באַמערקט: „אין אָט דעם שווידערלעכן געמויזעכץ פֿאָרמירט זיך די אידעאָלאָגיע פֿון יעסענינען, וועמען מע קרוינט (ווײַזט אויס, שיקערערהייט) אַלס אַ „גרויסן נאַציאָנאַלן פּאָעט"...

די אָפּשאַצונג פֿון יעסענינס דיכטונג האָט זיך גרינטלעך געענדערט, און דאָס איז ניט קיין קאַפּריז פֿון דער צײַט. די רוסישע ליטעראַטור־

קריטיק האָט פּונקט אַזוי געוואָרפן אַ נײַע שײַן אויף דער שאַפונג פון מאַ־רינע צוועטאַיעוואַ, מיכאַיל בולגאַקאָוו, פּאַוועל וואַסיליעוו אאַ.

זינט ס׳האָבן אַנטי־ביאַליקיש געקלונגען די לידער בײַ האַפּשטיינען, מאַרקישן, פיניבערגן, זײַנען דורכגעגאַנגען פיל יאָרן, די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור איז געוואָרן צעצווײַגט און פאַרוואָרצלט, און מיר קאָנען איצט, קוקנדיק פון אַ מעהאַלעך, אָפּשאַצן ביאַליקן אויף אַזאַ מין אויפן, אַז זײַן וועריטפולע שאַפונג זאָל פאַרבלײַבן ווי אַ רינג אין דער גאָלדענער קייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

ניט דערפאַר, ווײַל ביאַליק איז שוין אַוועק אין דער אייביקייט און ער קאָן ניט אויפווירקן אויף צײַט־מאָמענטן, נאָר ווײַל אייביקייט איז אין ליטעראַרישן פּראָצעס שטאַרקער און געוויכטער פון צײַט־מאָמענט.

✧

צו דער פראַגע וועגן דער געאָגראַפיע פון דער יידישער ליטעראַטור

מע קאָן ניט ריידן ערנסט וועגן דער געאָגראַפיע פון דער יידישער ליטעראַטור, ביזוואַנען אַלע אַזויגערופענע ליטעראַרישע צענטרען וועלן ניט האָבן אייגענע שרײַבער. ביז איצט האָבן מיר צו טאָן מיט מיגראַציע פון יידישע שריפטשטעלער, וואָס איז ניט אַרויסגערופן פון ליטעראַרישע סיבעס. איינער אַ קריטיקער האָט ניט לאַנג צוריק זיך גענומען באַשרײַבן די געאָגראַפיע פון דער יידישער ליטעראַטור, איז ער אַרומגעגאַנגען גאַנצענע טעג מיט איין פראַגע אויף די ליפּן: וווּ לעבט הײַנט דער אָדער יענער שרײַבער? איך האָב אים געפרווט אונטערהעלפן מיט אַן אייצע: זאָל ער אַרײַנקוקן אין דעם שרײַבערס ווערק, וועט ער זיכער, לויט די מאָטיוון, לויטן קאָלאָריט, לויט דער שפּראַך און, סאָפּקאָלסאָף, לויטן אַדרעס פון עם פאַרלאַג, וווּ די ביכער זײַנען דערשינען, פעסטשטעלן דאָס לאַנד, וואָס האָט געבוירן און גענערט דעם שרײַבער. דערווידערנדיק מיר, האָט ער אָנגערופן, ווי אַ בײַשפּיל, יידישע שרײַבער, וועלכע זײַנען ליטעראַריש אויפגעקומען אין פוילן, יאָרנלאַנג זיך געפונען אין סאָוועטנ־פאַרבאַנד, איצט לעבן זיי אין אַרגענטינע אָדער קאַנאַדע, ביכער גיבן זיי אַרויס אין דעם יסראָעלדיקן פאַרלאַג.

יידישע שרײַבער אין אַמעריקע, מיזרעך־אייראָפּע, יסראָעל, לאַטײַן־אַמעריקע, קאַנאַדע, אַוסטראַליע זײַנען אָפּשטאַמיקע פון רוסלאַנד, פוילן, רומעניע, ליטע. זיי לעבן הײַנט אין דעם אָדער יענעם לאַנד דערפאַר, ווײַל דאָרט האָט זיך אָפּגעזוכט אַ קאָרעוו, אָדער, לאָמיר זאָגן, די טאָכ־טער האָט „אַהין" כאַסענע געהאַט. אייניקע זײַנען אין די ווײַטע שטור־מישע צײַטן געלאָפן פון דער רעוואָליוציע. אַלזאָ, מיט קליינע אויסנאַ־מען איז דער יידישער שרײַבער אין אויסלאַנד ניט אויפגעקומען שעפע־ריש אין דעם לאַנד, וווּ ער וווינט, און דאָס דאָזיקע לאַנד מיט זײַנע

פראָבלעמען און לעבנסשטייגער ווערט ווייניק אָפּגעשפּיגלט אין די ווערק, וואָס דער שרײַבער שאפט. מע קאָן אָפּט הערן, ווי אין מאָסקווע פרעגט זיך אָן א לייענער בא געקומענע טוריסטן: „ווו לעבט איצט ראָכל קאָרן — אין טאָראָנטאָ, דאכט זיך?". „א סוואָרע, אז כאַים גראַדע האָט נאָך אין די פּופּציקער יאָרן כאסענע געהאט אין אמעריקע, איז ער טאקע דאָרט געבליבן שטעקן?" אאוו. אדג.

אין דעם סאמע יינגסטן געאָגראפישן צענטער פון דער יידישער ליי־טעראטור, אין יִשׂראל, זײַנען נאָך ביז איצט ניטאָ קיין יידיש־שרײַבער פון דעם אייגענעם באָדן. דאָס בילד איז קלאָר אן אומגעלומפּערטס. פאר דער לעצטער צײַט איז יִשׂראל געוואָרן דאָס אָרט, וווהין עס לויפן זיך צונויף אידייִשע דעזערטירן. וואָס וועט זײַן ווײַטער? צי וועט דער אומ־ריינער שטראָם טאקע פארשווונקען דאָס, וואָס די יִשׂראלדיקע ווי־דערשפּרעכלעכע ווירקלעכקײַט האָט ארײַנגעטראָגן אינעם שעפערישן ליטעראטור־אויצער?

✧

אזוי ווי די מענטשנפרעסער

איך האָב זיך געכאפּט, אז אין דער באשרײַבונג פון מײַן באגעגעניש אין לאָנדאָן מיטן לאורעאט פון דער נאָבעל־פּרעמיע שמועל־יוסעף אג־נאָן האָב איך דורכגעלאָזט א טשיקאַוון עפּיזאָד.

ס'איז צווישן אונדז געגאנגען א רייד וועגן דעם, אז אין אויסלאנד שאצט מען אָפּ דאָס לעבן פון די סאָוועטישע יידן לויטן פּרינציפּ — גלײַך איז קרום, קרום איז גלײַך. אגנאָן האָט געבראכט א מאָשל.

...אין אפריקע לעבט א שייוועט פון גרויזאמע מענטשנפרעסער ניאם־ניאם. ס'איז באוווסט זייערע א ליד —

„גאָט האָט געוואָלט באשאפן די וועלט. דער שעד האָט אים געזאָגט:

— איך וויל ניט!

גאָט האָט געענטפערט הויך אף א קאָל:

— און איך וויל!

דער שעד איז אוועק און זיך באהאלטן א צערייצטער אין א ווינקל. „אויב גאָט וועט עפּעס באשאפן, וועל איך באשאפן פונקט דאָס פאר־קערטע".

גאָט האָט באשאפן די מאלפּע. דעמלט האָט דער שעד באשאפן דעם מענטשן.

דער מענטש איז א מאלפּע מיט צוויי הענט (און ניט מיט פיר הענט, ווי די מאלפּע), נאָר ער איז ניט אזוי שיין, ווי זי, און איז א סאך ביי־זער..."

די מענטשנפרעסער האָבן, זעט אויס, געווירטייעלט וועגן מענטש—מאל־פּע אזוי, אז עס האָט זיך באקומען גלײַך — קרום, קרום — גלײַך.

✧

ווען מע זאָגט: „די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור", פאַר־שפּאַרט מען שוין זיי אָנרופן באַ די נעמען, ווייל אַלע ווייסן, אַז דאָס זײַנען מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ. עס שאַפט זיך אַן אײַנ־דרוק, אַז עס זײַנען געווען בלויז דרײַ וואַקאַנטע ערטער, און איצט זײַ־נען זיי פאַרנומען.

טרעפט אָבער, אַז אַ הײַנטיקער לייענער, בלעטערנדיק ווידער אַור־ראָם רייזענען, לעמאַשל, — זײַנע פּרעכטיקע, אײביק לעבעדיקע דערציי־לונגען, די דערשיטערנדיקע לידער, — שרײַט אויס: „דאָס איז דאָך קלאַ־סיק! עכטע קלאַסיק!" נו, און מאָריס ווינטשעווסקי, דער אָנהייבער און גרונטלייגער פונעם גאַנצן סאָציאַליסטיש־פּראָלעטאַרישן גאַנג אין דער יידישער ליטעראַטור, דער גרויסער מײַסטער אין אַלע זשאַנרען, אַרײַנ־גערעכנט דעם פּאָליטישן פּאַמפלעט און די צײַטונגס־פּובליציסטיק, דער „זיידע" (אויסער אים האָט בלויז מענדעלע מויכער־ספאָרים פאַרדינט אין דער ליטעראַטור אַזאַ ראַנג), — ער איז ניט קיין קלאַסיקער? און געשיקט זיך, האָט ניט געגעבן קיין קלאַסיקער דער נײַער פּעריאָד, וואָס מיר רופן אים נאָכקלאַסישער פּעריאָד און וואָס מיט אים זײַנען פאַרבונדן די נע־מען פון בערגעלסאָנען און אשן, פון מאַרקישן, לייוויקן, אָפּאַטאָשון, האַלפּערנען?

די ליטעראַטור־פאָרשונג אײַלט זיך ניט צו געבן אַן ענטפער אף אָט די דאָזיקע פראַגן.

און דאָך מוזן מיר וועגן דעם טראַכטן.

אין אוראַלטן רוים האָט מען מיטן נאָמען „קלאַסיקער" גערופן אַלע בירגער פונעם פּריווילעגירטן „ערשטן קלאַס". דער שרײַבער אַול העלי האָט אין II יה. פון אונדזער ערע דער ערשטער געקרוינט אַלס קלאַסי־קער די מוסטערהאַפטע שרײַבער, וועלכע רופן אַרויס באַוווּנדערונג און געהערן דעריבער צום ערשטן ליטעראַרישן „קלאַס".

פון דעמלט אָן האָט זיך דער באַגריף פאַרשפּרייט איבער אַלע ליטע־ראַטורן פון דער וועלט. סענט ביאָוו האָט געשריבן: „אַ קלאַסיקער איז יענער שרײַבער, וועלכער האָט באַרײַכערט דעם מענטשלעכן גײַסט, האָט גע־צווּנגען דעם מענטשן, ער זאָל שטעלן אַ טראָט פאָרויס, האָט אַנטדעקט אַוועלכן־ניט־איז אָנסאָפעקדיקן מאָראַלישן אימפּעראַטיוו, אָדער האָט אויס־געפונען לײַדנשאַפט אין דעם האַרץ, וואָס האָט זיך ביז דאַן שוין גע־רעכנט פאַר לאַכלוטן אויסגעשעפּט; האָט איבערגעגעבן דעם געזונטן מענטשן זײַן געדאַנק, זײַן עמפּינדונג, זײַנע אַנטדעקונגען — אומאָפּהענ־גיק, אין וועלכער פאָרם, אַבי די פאָרם זאָל זײַן ברייט, גרויס, דין און קלוגשאַפטלעך; יענער שרײַבער איז אַ קלאַסיקער, וועלכער האָט גערעדט מיט אַלעמען אין אַ נוסעך, וואָס איז אינדיווידועל און אײנציײַטיק אַלע־מענס, אין אַ סטיל, וואָס איז נײַ אָן נעאָלאָגיזמען, נײַ, נאָר אײנצײַטיק אַלט און איז הײַנטצײַטיק בענעגייע אַלע עפּאָכעס".

אויב ס'איז ריכטיק, אַז אַ קלאַסיש ווערק איז אַ שעדעווער פון ליטע־ראַטור אָדער קונסט, דה. אַ ווערק, וואָס דריקט אויס אין אַן אַמערסטן

פאַרפֿולקומטער פֿאָרם די פּראָבלעמען (אידעאַלן), וועלכע זײַנען אין דעם אַרײַנגעטאָן, — איז אויך ריכטיק, אַז קלאַסיקער פֿון פֿאַרשיידענע צײַטן דאַרפֿן ניט אומבאַדינגט זײַן פֿון איינער און דער זעלבער פּראָפֿעסיאָנע־לער מאַדרייגע. די מאָלערײַ אין די היילן, וועלכע געהערט צו דער עפּאָ־כע פֿון נעאָליט, איז אַן און פֿאַר זיך קלאַסיק, האַגאַם זי פּרעטענדירט ניט צו פֿאַרגלײַכן זיך מיט דער סיקסטינער מאַדאָנע.

דאָס אַלץ זײַנען אַלגעמיין אָנגענומענע עמעסן, עס בלײַבט אָבער די אַלטע פֿראַגע בעשײַכעס דער ייִדישער ליטעראַטור:

צי זײַנען בײַ אונדז געווען בלויז דרײַ קלאַסיקער — מענדעלע, שאָ־לעם־אַלייכעם, פּערעץ?

מאָריס ווינטשעווסקי, אַווראָם רייזען — זײַנען ניט קיין קלאַסיקער?

צווישן די רישוינים פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון XX יה. זײַנען ניט געווען אַזעלכע, וואָס פֿאַרדינען דעם נאָמען קלאַסיקער?

✧

דערנעענטערונג פֿון שפּראַכן

מיר רעדן אָפֿט וועגן דער פּראָבלעם פֿון קעגנזײַטיקער באַפֿרוכפּערונג און דערנעענטערונג פֿון קולטורן, שפּראַכן. מיר זוכן פֿאַקטן, וועלכע באַווײַזן, אַז צווישנבאַציִונגען פֿון אָט דעם מין זײַנען ווירקלעך פֿאַראַן. און מיר פֿאַרגעסן גאָר, אַז דער סאַמע אָנשוילעכער באַווײַז דערצו ליגט מאַמעש בײַ אונדז אויף דער צונג.

עס איז דאָך אומעגלעך ניט צו באַמערקן, ווי אָפֿן און פֿאַרטרוילעך די צוויי שפּראַכן בײַ אונדזער פֿאָלק — די אַזוי פֿאַרשיידענע לויטן סע־מאַנטישן געבוי, לויטן עלטער, לויטן עטנישן אָפּשטאַם — פֿאַרשוועסטערן זיך לײַבלעך דורך אַ קעגנזײַטיקן בלוט־אומבײַט.

וועגן דעם בײַטראָג פֿון העברעיִש אין דער בויונג פֿון ייִדיש ווייסט אַפֿילע אַ קינד. ווערטער פֿון העברעיִשן (פּונקט ווי פֿון גערמאַנישן) אָפּ־שטאַם זײַנען באַזישע באַשטאַנדטיילן פֿון דער ייִדישער שפּראַך. יעדעס פֿינפֿט ייִדיש וואָרט איז פֿון העברעיִשן אָדער אַראַמייִשן שוירעש. דער זאַצגעבוי פֿון ייִדיש איז אַ העברעיִשער.

איך האָב געהערט וועגן פּאַראַדאָקסן: ווען מע וויל זאָגן אַ גראָב וואָרט אין ייִדיש, נוצט מען העברעיִש. פֿון דער צווייטער זײַט, ווײַזט אָן די לאָגיק, אַז ווערטער, וואָס באַצייכענען הייליקע באַגריפֿן, דאַרפֿן קומען ניט אַנדערש ווי פֿון לאָשנקוידעש; איז אָבער אין ייִדיש דאָס וואָרט „גאָט", אַשטייגער, פֿון דײַטשישן אָפּשטאַם, און דאָס וואָרט „כאַזער" — פֿון לאָשנקוידעש. „דאַוונען", „בענטשן", „קלויז", „פּאָליש" — שטאַמען ניט פֿון העברעיִש... מאַמעש עס גלייבט זיך ניט... פֿאַראַן ווינקעלעך אין דער וואָרט־באַלעבאַטישקײַט, ווו דאָס פֿאָלק האָט צוגעקוקט מיט אַ שמייכל, וויאַזוי קאָהאָלשע און ראַבאָנישע „איִנסטאַנצן" האָבן אײַנגע־

פירט זייערע קלאָלים. אויב נעמען דאָס וואָרט „גאָט“, איז דאָך ביכלאל געווען פארבאָטן אָנרופן אים באם נאָמען. דערפאר ווערט באנוצט א באצייכענונג, וואָס שטאמט ניט פון דער טוירע־טערמינאָלאָגיע.

וויכטיק איז אָבער ניט דאָס. העברעיִש איז געשטאנען בא דעם וויגעלע פון ייִדיש, און העברעיִש־איווריט איז אויך איצט איינער פון די קוואלן פאר דער ווײַטערדיקער אנטוויקלונג פון דער פארהעלטניסמעסיק יונגער ייִדישער שפראך. אין די 60—70־ער יאָרן איז אין ייִדיש היפש אויסגעוואקסן די צאָל העברעיִזמען אין פארגלײַך מיט די 40־ער יאָרן. ווײַזט אויס, אז עס שפילט דאָ א ראָל דאָס, וואָס אין די לעצטע יאָרצענדליקער האָט איווריט אָנגעזאמלט קויכעס, און זײַן ווירקונג איז אוועק ווײַטער, איידער דאן, ווען העברעיִש איז געווען א געשריבענע שפראך.

אזוי אָדער אנדערש, נאָר קיינעם כידעשט ניט די האשפּאָע אף ייִדיש, וואָס קומט פון איווריט. א „דעליקאטע פראגע“ איז דאָס פארקערטע. הערט א מײַסע! די שיפכע — דאָס דינסטמיידל — האָט גאָר א דייע בא דער געוועוערס — בא דער הארנטע. מע הייבט אוף אן אליארעם: ייִדיש האָט זיך ארײַנגעגאנוועט אין העברעיִש! העברעיִש אסימילירט זיך מיט אנדערע שפראכן, זי ווערט פונקט ווי אײַנגעשלונגען פון ייִדיש! ייִדיש וועט אָפּטאָן העברעיִש אף טערקיש...

וואָס עמעס, איז עמעס. דאָס מאָדערנע העברעיִש איז פול מיט ייִדישע אידיאָמען, מיט אייגנטימלעכע פאר דער ייִדישער שפראך אויסדרוקן. דאָס דארף אָבער קיינעם ניט באומרויִקן, און ס'זײַנען ניטאָ קיין סיבעס, פארוואָס מע דארף זיך אָנעמען די קריוודע פון העברעיִש. אויב עמעצער ציטערט איימעס־מאָוועס, אז ייִדיש מיט זײַן דערפינדערישקײַט און צוגעפאסטקײַט צו קאָנקורענץ קאָן אסימילירן אין זיך די ציטעריקע יאכסנטע העברעיִש, פארוואנדלענדיק זי אין א „ייִדישן דיאלעקט“, — פארשטייט ער גאָרניט אין היסטאָרישן פראָצעס פון שפראך־פארוואנדלונגען. ווען איך האָב, געדענקט זיך, פארפירט א שמועס וועגן אָט דער פראגע מיט אגנאָנען, דעם גרעסטן ייִדיש־בארײַכערער פון איווריט, האָט ער באמערקט אומצופרידן: „ביכלדיקע העברעיִסטן לייענען העברעיִש מיט די אויגן, און איך הער אים מיט די אויערן... זיי לייענען די טעקסטן אין דער טוירע, און איך הער דאָס לאָשן אינעם לעבן“...

אויסער אלעמען, איז איבערגעטריבן די סאקאָנע גופע. מע קאָן ניט מאסקים זײַן מיטן ייִסראָעלדיקן פאָרשער פון איווריט צווי וואַרדי, וועלכער האָט זיך געקלאָגט, אז די קאָנטאקטן מיט ייִדיש שטעלן אונטער א סאָפעק „די ווײַטערדיקע אנטוויקלונג פונעם לאָשן איווריט אף העברעיִשע פונדאמענטן“. „אָט דער געענדערטער קלימאט, — שרײַבט וואַרדי, — רופט ארויס די זאָרג, אז פון איצט אָן און אף ווײַטער איז צוגעגרייט דער באָדן און ס'זײַנען אָפן די טויערן, אז דער כאראקטער און דער גײַסט פונעם לאָשן איווריט זאָלן זיך אסימילירן אינעם גײַסט און אין דעם כאראקטער פונעם לאָשן ייִדיש — ביזן פארלוירנגיין פון דער זעלבשטענדיקײַט פון העברעיִש“...

די שאָוויניסטן האָבן מוירע פאר שפראך־קאָנטאקטן, פונקט ווי זיי האָבן מוירע פאר געמישטע כאסענעס. דאָס לעבן אָבער רעכנט זיך ניט

מיט שאָוויניסטן. דער העברעיִש פון דער נײַער צײַט האָט זיך טאָמיד אופגעהאַלטן אין א סוויווע פון יידיש־לאָשן. די גרעסטע העברעיִשע שרײַבער פונעם לעצטן יאָרהונדערט זײַנען געווען יידישע שרײַבער: מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם, פּערעץ, ביאַליק, שנייער. דער נעס פון יידיש־העברעיִש איז — ביידנס ניט וועלן זײַן איזאָלירט איינער פונעם צווייטן, זייער אייניקײַט, האגאם פּילצאָליקע אינטריגאַנטן האָבן זיך געסטאַרעט זיי צו צעקריגן.

דאָס אופלעבן העברעיִש אלס מאָדערנע רייד־שפּראַך האָט געפאָדערט פיל מי אין געביט פון לעקסיק, טערמינאָלאָגיע, וואָרטשאַפונג, פראַזעאָלאָגיע. יידיש האָט דאָ געשפּילט א היפּשע ראָל. גערעכט איז געווען דער צונויפשטעלער פונעם סאָוועטישן איווריט־רוסישן ווערטערבוך פ. שאַפּיראָ, ווען ער האָט אין זײַנעם אן ארטיקל (זאַמלבוך «Семитские языки», מאָסקווע, 1963) אָפּגעמערקט: „בא היינטיקן טאָג באַיינפלוסט יידיש איווריט און גיט אים אָפט צו א באַזונדערן פאָלקסטימלעכן קאָלאָריט. מע קאָן באַשטימט זאָגן, אז יידיש ווערט איינער פון די פרוכטבאַרסטע באַהעלפער באַם באַרײַכערן איווריט — ניט אַזוי אין דירעקטן לעקסישן זין, ווי אין דער אַנטוויקלונג פון זײַן אַלגעמיינעם פראַזעאָלאָגישן בוי".

אַלזאָ, שפּראַכן באַפרוכפּערן איינע די צווייטע, און צווישן זיי קומט פאָר א פּראָצעס פון דערנעענטערונג. דאָס ווערט ברענגען אין לעצטן סאַכאַקל צום צונויפגיסן זיך אין איין אַלמענטשלעך לאָשן. אן אַנשוילעכער בײַשפּיל פון דערנעענטערונג און באַפרוכפּערונג איז יידיש — העברעיִש.

ווען הייבט זיך אָן פּאָעזיע

איך פּעווראַל 1957, זײַענדיק צוליב עפּעס אן איניען אין לענינגראַד, בין איך אראָפּגעקומען צו אַנא אכמאַטאָווען, קעדיי זי בעטן אַנטיילצונעמען אין אן עפנטלעכן אָונט, געווידמעט פּערעץ מארקישן. דער אָונט האָט געדאַרפט פאָרקומען אין צענטראַלן ליטעראַטן־הויז, און אכמאַטאָווע האָט פּונקט אין יענע טעג זיך געקליבן קיין מאָסקווע.

ווען די זאַך איז געווען דערליידיקט, האָט אַנא אַנדרייעווונא אַנגעהויבן מיר דערציילן וועגן אירן א שמועס מיט אַלעקסאַנדער בלאָקן, וואָס זי האָט פאַרגעדענקט פון דער פריִער יוגנט.

— איך וואָלט זיך ניט אונטערגענומען צו איבערגעבן דאָס, וואָס א צווייטער מענטש האָט מיר מיט פיל יאָרן צוריק געזאָגט, נאָר דאָ גייט וועגן א זעלטן־טרעפלעכן געדאַנק מיקויעך דעם עצעם כאַראַקטער פונעם פּאָעטישן שאַפן, און איך בין מיט אים פּולקום מאַסקים, דער אַפּהאַלט איז בלויז אין דעם, וואָס אן אַנדער מענטש האָט עס מיר געזאָגט. נו, מיילע...

און דער געדאַנק איז אַזאַ (איך האָב אים באַ זיך פאַרצייכנט פּינקטלעך, ווי אַכמאַטאָווע האָט אים אַרויסגעזאָגט):

— „געוויינלעך נעמט מען אָן פאַר פּאָעזיע געגראַמטע שורעס. דער אומגליק איז, וואָס ס'איז אין ערגעץ ניטאָ קיין אָביעקטיווע אָנווייַזונג, לויט וועלכער מע זאָל קאָנען פעסטשטעלן די מאָס פּאָעזיע אין אַ טעקסט, אומאָפּהענגיק פון געשמאַק, סימפּאַטיעס און פּערזענלעכער פאַראינטערעסירטקייט".

— „פּראָפעסאָר גליטשן זיך אַלפּי־קלאַל אויס אַף איינעם און דעם זעלבן אָרט, — דאָרט, ווו מע דאַרף באַשליסן, צי עס שרייַבט זיך פּראָזע, צי פּאָעזיע. אויב די שורעס זייַנען קורצע, און ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זיי אַ באַשטימטער ריטם, און דאָס ענדע־וואָרט פון איין שורע האָט אָנגעהויבן אונטערקלייַבן פאַר זיך אַ באַטרעפלעך־קלינגענדיק ענדע־וואָרט אין אַן אַנדער שורע, — דאַן מוז דער פּראָפעסאָר זייַן געניט שטרענג צו זיך אַף צו באַשליסן, צי די לופט אין דעם טעקסט, וואָס ער שרייַבט, איז טאַקע באַהויכט מיט פּאָעזיע, צי ס'איז פאַראַן איבער אים פּאָעטישער הימל. נאַטירלעך, עס הייסט ניט, אַז פּראָזע איז בלויז ערד, און פּאָעזיע איז בלויז הימל. מע דאַרף ניט פאַרפלאַכן...

לאָמיר נעמען אַלס בייַשפּיל דעם ליבע־זשאַנער. ביזוואַנען עס ווערט דערציילט, וויאַזוי ער האָט דערזען זי (אָדער פאַרקערט), און זיי זייַנען אַוועק שפּאַצירן, און ער האָט אַ גלעט געטאָן איר האַנט, און זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים, און אָט האָבן זיך שוין באַגעגנט זייערע ליפּן, און ער האָט איר געזאָגט, אָדער זי אים: „איך האָב דיך ליב", — ביזדאַנען איז עס טיפּישע פּראָזע, אַפילו אויב די שורעס גראַמען זיך מיט די שענסטע גראַמען. דער מעגלעכער אָנהייב פון פּאָעזיע ליגט אין דעם „אונטערטעקסט" פונעם געפיל"...

איך צווייפל ניט, אַז די מערהייַט מענטשן, וואָס שרייַבן געגראַמטע שורעס און רופן זיך אָן מיטן נאָמען „פּאָעט", פאַרשטייען ניט אָט דעם דאָזיקן פּאָשעטן עמעס.

✧

צי דאַרף מען „איבערזעצן" נאַציאָנאַלן קאָלאָריט

דאָס, וואָס פיל ביכער פון יידישע שרייַבער גייען לעצטנס אַרויס אין דער איבערזעצונג אַף רוסיש, אוקראַאיניש, ווייַסרוסיש, מאָלדאַוויש, ליטוויש, שטעלט אַוועק די פּראָבלעם, וויאַזוי צו טראַנספאָרמירן אין אַן אַנדער שפּראַך דאָס יידישע נאַציאָנאַלע וואָרט־געשטאַלט. אין די פּאָעטישע זאַמלונגען פון די לעצטע יאָרן מערקט זיך אָפּטער פון אַלץ די טענדענץ איבערצוזעצן ניט בלויז די לעקסיק, נאָר אויך דעם קאָלאָריט, דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט. דער איבערזעצער באַקומט גאָר אַנדערע פונקציעס,

איידער די פון שטענדיק באוווסטע: שוין ניט קיין קאָמוניקאַטיווע — פון איין שפּראַך אין אַ צווייטער, נאָר איבעראַרבעטנדיקע, דאָס הייסט, דער איבערזעצער נעמט אַראָפּ פונעם אָריגינאַל דאָס נאַציאָנאַלע, מוירע האָבנ־דיק, אַז דער לייענער פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט וועט דאָס ניט פאַרשטיין, און שטעלט אונטער אַן אַדעקוואַט, וואָס שטאַמט פון דער נאַ־ציאָנאַלער סוויווע, צו וועלכער עס געהער דער נײַער לייענער.

מיט איבערזעצן יידישע דיכטונג אַף רוסיש פאַרנעמט זיך הײַנט, ווי באַוווּסט, דער טיף־רוסישער פּאָעט, און בייס זײַן אַרבעט האָט ער ניט פאַר די אויגן דעם אָריגינאַל, נאָר אַ ווערטערלעכע איבערזעצונג (פּאַד־סטראָטשניק). פון דעם באַקומט זיך אַמאָל, אַז ער ווייסט ניט, ווו דער חמר שטייט: אין שטאַל, צי אין קעלער. אַלס רעזולטאַט קאָן זיך אַמאָל מאַכן, אַז, לעמאָשל, האָפּשטיינס „אַלטער ווײַן, שטאַרקער ווײַן" זאָל קלינגען אַף רוסיש ווי «Старый осел, сильный осел».

עס טרעפט, אַז צום איבערזעצער דערגייט ניט די נאַציאָנאַלע באַ־דינגלעכקײַט פונעם אָריגינאַל. ס'איז דאָ גילטיק דער אַנעקדאָט, אין וועלכן דער דאָקטער, דער ניט־ייד, פרעגט באַם יידן דעם כוילע, פון ווען אָן ער איז קראַנק. אַז יענער ענטפערט „זינט טישעבאָוו", איז נאָך דעם דאָקטער ניט קלאָר, וואָס פאַר אַ דאַטע דאָס איז. „ווען אונדזער בייסהאַ־מיקדעש איז כאָרעוו געוואָרן", — פאַרפינקטלעכט דער כוילע. און דער דאָקטער שרײַט אויס מיט גרויס פאַרוווּנדערונג: „אַזוי לאַנג זײַט איר קראַנק?!".

אַן איבערזעצער דאַרף וויסן (בעסער געזאָגט — פילן), וויאַזוי מע „זעצט איבער" דעם נאַציאָנאַלן אונטערטעקסט. אַנדערש פאַרשטייט ער ניט דאָס, וואָס עס פאַרשטייט ניט דער דאָקטער פונעם אַנעקדאָט.

ניט לאַנג צוריק האָט די רוסישע דיכטערן רימע קאַזאַקאָווא זיך גע־נומען איבערזעצן מײַנע ליבע־לידער, און אין איינער פון זיי האָט זי זיך אָנגעשטויסן אַף דער שורע „האַנעשאָמע לאָך, וועהאַגוף שעלאָך", וועלכע זי האָט צוערשט געהאַט בעדייע טראַנספאָרמירן פונקט אַזוי, ווי דעם יידישן אויסדרוק „איך געהער דיר מיטן לײַב און מיט דעם לעבן". זי האָט אָבער אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז זיכער ניט צופעליק, וואָס דער אויטאָר פון דער ליד, שרײַבנדיק זי אין יידיש, קומט אָן צו דער אַנ־דערער, מער עלטערער שוועסטער־שפּראַך, ווען ער דאַרף איבערגעבן דעם עקסטאַז פון אַ ליבע־שווּע, און זי האָט אויך אין דער רוסישער איבער־זעצונג פון דער ליד געלאָזט זיך שווערן אין העברעיש.

אַן אָנהעגנגער פון באַזײַטיקן דעם אורקאָלאָריט פון דער ליד צוליב מאַכן זי צוגענגלעכער פאַר דעם נײַעם לייענער וואָלט מיט דעם, לויט מײַן מיינונג, די ליד געפּאַטערט.

✧

א בלעטל פון מײַן טאָגבוך: געדאנקען וועגן נעגינע פון די אוראלטע צײַטן

21 סעפּטיאַבער 1969.

איך האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער וועט בא מיר ניט זײַן קײן טאָגבוך און אַז די פאַרבליבענע העפטלעך וועל איך פאַרברענען. און דאָך האָט איין העפטל זיך פאַרוואַלגערט צווישן די זאכן, וועלכע איך האָב געבראַכט מיט זיך אהער קײן יערעוואַן. איז מילא, זאָל מײַנס איבערגיין: א טאָגבוך איז דאָ, און צײַט האָב איך איצט אויך, וועל איך פאַרצייכענען עטוואָס אין שײַכעס מיט מײַן הײַנטיקן באַזוך אין מאַטענאַדאַראַן.

קײן יערעוואַן בין איך געקומען לויט דער אײַנלאַדונג פונעם קאָמיטעט אַף צו פײַערן דעם הונדערטסטן געבורטסטאָג פון טומאַניאַנען. אין די איבעררײַסן צווישן זיצונגען גיט זיך מיר אײַן צו באַקוקן די שטאָט. הײַנט האָב איך באַגעגנט דעם פּראָפעסאָר סערגיי דאָראַניאַן, וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אין מאָסקווער מעלוכישן פאַרלאַג פון קינסטלערישער ליטעראַטור (גאָסליטיזדאַט) פאַרוואַלטעט מיטן סעקטאָר פון נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. דאָראַניאַן איז מײַנער אַן אַלטער פרײַנט, און ער האָט זיך אונטערגענומען מיר באַווײַזן מאַטענאַדאַראַן — אַזוי רופט מען דעם אַרטיקן אינסטיטוט פון אוראַלטע קסאַוויאַדן.

ס'וועלן דורכגיין יאָרן, און דער צויבער פון אָט דעם הייכל פון פאַלקס־זיקאָרן וועט זיך פון מיר ניט אָפּטאָן. פאַר די אויגן שטייען די בלעטער, אַף וועלכע עס זײַנען אָנגעמאָלט רײַטער אַף העלפאַנדן; פופצן יאָרהונדערטער זײַנען זיי אַלט...

אָבער ניט וועגן די אוניקאַלע דענקמעלער פון שריפט און וויסן האָב איך זיך גענומען דאָ צו פאַרצייכענען. כ'וויל פאַרשרײַבן אינקורצן מײַנעם א טשיקאַווען שמועס מיטן פּראָפעסאָר דאָראַניאַן.

נעמענדיק אין האַנט, איינס נאָכן אַנדערן, עטלעכע אַלטע ביכער, האָט סערגיי דאָראַניאַן מיר באַווײַזן, אַז איבער די ווערטער אין די שורעס זעען זיך אָן רויטע פּאַסיקלעך — אַזעלכע צייכנס, ווי מע וואָלט געשטעלט דעם טראָפּ אַף דעם אָדער יענעם וואָרט.

— בא די אָוועס פון די הײַנטיקע אַרמענער זײַנען דאָס געווען, אַזוי צו זאָגן, זינגעוודיקע קסאַוויאַדן, — האָט סוידעסדיק מיר געשעפּטשעט אָפּן אויער מײַן פרײַנט. — דעם טעקסט האָט מען געקאָנט סײַ לייענען, סײַ זינגען. די דאָזיקע „נאָטן” רופט מען בא אונדז אין אַרמעניע „האַזעס” (אַף רוסיש — хазы). דער שליסל צו זיי איז פאַרלאָרן געגאַנגען, זיי באַצייכענען, הייסט עס, פאַרגליווערט געוואָרענע מוזיק...

— און עס איז טאַקע ניט מעגלעך ווידער צו לאָזן הערן, וו:אַזוי ס'האָבן געזונגען די אוראַלטע אַרמענער?

— שוין לענגערע יאָרצענדליקער, ווי מע פּרוּווט זיך עס טאָן. לעמאָשל, דער קאָמפּאָזיטאָר קאָמיטאַס האָט פיל קויכעס אָפּגעגעבן אַף אויפדעקן דעם טײַטש פון די האַזעס. די איצטיקע געלערנטע זעצן פאָר אײַנ־

געשפּאַרט זײַן מי. ס'איז אָבער שווער, זייער שווער צו לאָזן קלינגען א פּאסיקל איבער אַן אָס...

מײַן פרײַנט, דער ארמעניִשער פּראָפעסאָר, האָט, פון זײַן זײַט, זיך אָנגעפרעגט בא מיר וועגן דעם זעלבן איניען בא די אוראַלטע ייִדן. מיר האָבן גענומען פארגלײַכן, און ס'איז בעפּיירעש ניט שווער געווען צו גע־פינען ענלעכס בא ביידע פעלקער.

די מוזיק בא אונדזערע אָוועס איז באַשטאַנען אין דעם ספּעציפישן אויפן פון לייענען די טוירע. איין ניגן איז געווען צוליב לייענען דעם כומעש, א צווייטער — פאר דער האפטוירע. אין דער טוירע זעט מען צייכנס אונטער און איבער די ווערטער — דאָס איז די „טעמי הנגינה" — דער טראָפּ.

דאָס זעלבע, ווי בא די ארמענער. מיטן אונטערשייד, וואָס די ייִדן האָבן דאָר נאָך דאָר ארויסגעבראַכט דעם טעקסט אף א קאָל, טאַטעס האָבן לויטן זיקאָרן „געשטעלט דעם טראָפּ". די נעגינע שעבאַלפּע איז געווען די „קיילע" אף צו פארהיטן דעם קלאַנג פון דער מוזיק, האַגאַם דעם צייכן, וועלכן עס טראָגט דאָס וואָרט אין דער טוירע, פארשטייט ניט ד'ער זינגער.

ווען דער קאָמפּאָזיטאָר קאָמיטאַס האָט זיך גענומען דעשיפרירן די האַזעס, האָט ער ניט געהאַט פאר זיך דעם אָנשוילעכן מאַטעריאַל, וועלכן עס פארמאָגט דער פאָרשער פון אוראַלטער מוזיק בא ייִדן. אין די אוראַלטע ארמעניִשע קסאוויאַדן האָבן מיר צו טאָן (א זעלטנהײַט!) מיט וועלטלעכער מוזיק. די אוראַלטע ייִדישע מוזיק איז אַן אָריִענטאַלישע, און צווישן די מיספּאַלעלים פון אָפּגעזונדערטע צווישן זיך דוירעס טראָגט זיך אַריבער די נעגינע, ווי א פונק איבער אַן עלעקטריש פעלד. ארײַנקו־מענדיק הײַנט אין א סינאַגאָגע, דערהערן מיר דאָרט (מיט די גילגולים פון ד'ער צײַט) דעם מוזיקאַלן מאַטעריאַל, וואָס איז אין דער טוירע באַ־צייכנט מיט „ייִדישע האַזעס". עס פאָדערט זיך ניט קיין אָנשטרענגונג אף צו פעסטשטעלן, אַז, לעמאָשל, דער ניגן פונעם כומעש קאָנטראַסטירט מוזיקאַליש מיט דער האַפטוירע. קיינער פון די צוהערער כידעשט זיך גאָרניט, וואָס דער נײַער דאָר געדענקט, וויאַזוי צו זינגען דעם ניגן פון „מעגילעס עסטער". אין סידער און אין מאַכזער האָבן אַן אייגענעם גע־זאַנג־נוסעך די אײַנגעשלאָסענע אין זיי טפילעס, טילים־פּסוקים אַדג.

האַקלאַל, דאָס לעבן דערלאָזט ניט, עס זאָל עפּעס־וואָס פארלוירן גיין. פונקט אַזוי, ווי ס'איז באוואָרנט געוואָרן, עס זאָל זיך פארהיטן די ווערטערלעכע שאַפונג פון שלוימע האַמעלעך — „שיר־האַשירים", — זײַ־נען מיסטאַמע אויך היסטאָריש געשאַפן געוואָרן פאָרמען אף צו פארהיטן שלוימע האַמעלעכס קאָל.

איך האָב געזאָגט מײַן ארמעניִשן פרײַנט: די קלאַנגלעכע פארקער־פערונג פון די „האַזעס" וואָלט איך, אף אײַער אָרט, געזוכט אין די נוס־כאָעס פון די רייד און ניגונים בא די הײַנטיקע ארמענער.

✧

ווען מע קוקט אף דער ייִדישער ליטעראַטור דורך „אין־זיך״־ברילן

באַ יאַנקעוו גלאַטשטיינען איז פאַראַן אַן אַרטיקל „אַ שנעל־לויף איבער דער ייִדישער פּאָעזיע״. דאָס לויפן שנעל האָט געטויגט דעם אינזיכיסט אָף צו אויסשפּרייטן אַ פאַראַדנעם טעפּיך פאַר דעם אינזיכיזם.

איך רעד שוין ניט פון דעם, אַז געטאָן האָט ער עס, ווען ס׳איז ניט געווען, ווער עס זאָל גיין איבערן טעפּיך: דאָס אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן, בייס קיין אינזיכיסטן זײַנען שוין פּאַקטיש ניטאָ, אַליין גלאַטשטיין האָט אופגעהערט צו שרײַבן אינזיכיסטיש. דאָס איז אַבער נאָך ניט אַלץ. צווייגנדיק דעם אינזיכיזם די ניט־אייגנטימלעכע פאַר אים מײַלעס פון רעאַליסטישער דיכטונג, מאַכט גלאַטשטיין צו גאָרנישט די אַפּאַנעמעסן רעאַליסטישע אייגנשאַפטן, וועלכע עס האָט געהאַט אַן אַנדער שיטע אין דער ייִדישער דיכטונג פון אַמעריקע — די גרופּע „יונגע״.

אָט וויִאַזוי סע זעט אויס דאָס היסטאָרישע בילד פון דער ייִדישער פּאָעזיע, געזען דורך „אין־זיך״־ברילן: פּערזאָנלאַזיקײַט אין ייִדישן פאָלקסליד; פּערזאָנלאָזיקײַט באַ די דיכטער אין האַסקאָלע־פּעריאָד; דאָס שטרעבן צו געבן זיך מיצאַד די „יונגע״ אין אַמעריקע, באַ וועלכע די פּאָעזיע ווערט אָבער פאַרפלאַכט און פאַרינהאַלטלאָזיקט. לעסאָף קומען די אינטראָספּעקטיוויסטן (אינזיכיסטן), וועלכע מאַכן די ברייטע וועלט פאַר אַ טעמע, נאָר אָפּגעשפּיגלט אין דעם דיכטער...

אָנהייבנדיק פון דער פאָלקס־דיכטונג און ביז די אינזיכיסטן, איז אַלץ „פּע״. ווײַל — „פּערזאָנלאָזיק״, דאָס הייסט אָן אַן „איך״, פּינקטלעכער — אָן אַן „אין־זיך״. עמעס, דער אווטאָר פון דער סכעמע האָט פאַרגעסן צו געפינען אַן אָרט פאַר פּערעצעס דיכטונג, פאַר די ערשטע פּראָלעטאַרישע פּאָעטן, פאַר דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג. נאָר דאָס איז שוין ניט וויכטיק, ווײַל נאָך אַלעמען זײַנען דאָך געקומען די אינטראָספּעקטיוויסטן, און זיי האָבן אַרײַנגעטאָן אין דער ייִדישער דיכטונג דעם „איך״ און דעם „אין־זיך״ און דעם „אַרום־זיך״...

✧

אַ געטאָ פאַר העברעיִזמען אין דער ייִדישער שפּראַך?

געלייענט אין אַ צײַטונג: „עס איז עמעס, אַז אין דער אַנטוויקלונג פון ייִדיש קאָן מען זען די ייִדישע וואַנדערונגען, דעם ייִדישן גאַלעס...״

ניין, עס איז ניט עמעס. דער אווטאָר איז דאָ פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פאָרמעלן מאָמענט. דער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער ייִדישער שפּראַך דערציילט אונדז גיכער וועגן דער מיטאַרבעט פונעם ייִדישן פאָלק מיט

אַנדערע פעלקער. ייִדיש איז אַ פעלד פון דויערסדיקע שפּראַך־קאָנטאַקטן. מיר זעען אין ייִדיש דאָס אָפּבילד פון די באַמיִונגען פונעם פאָלק צו בויען זײַן לעבן לעהייפּעך די יעסוידעס פון גאָלעס, אין איינקלאַנג מיט דער צײַט, לויטן פּרינציפּ פון קעגנזײַטיקער הילף פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע סוויוועס.

בײַ די אָנהענגער פון דעם ייִדישן איזאָליאַציאָניזם איז פאַרשלאָגן דער קאָפּ מיט גאָלעס־ און געטאָ־קאַטעגאָריעס. אויב שוין יאָ נאָכפאָלגן זייער מעטאָדאָלאָגיע אין פּראַט פון לינגוויסטיק, איז טשיקאַווע אָט וואָס. די עקסטרעמע העברעיִסטן און די עקסטרעמע ייִדישיסטן, ווען זיי באַהאַנדלען די ייִדישע שפּראַך, האַלטן זיך בײַ אַן אַלגעמיינעם פאַר זיי שטאַנדפּונקט: אויף דער טעריטאָריע פון דער ייִדישער שפּראַך שטעלן זיי אויף אַ געטאָ־וואַנט אַרום יענעם „ייִכעסדיקן עלעמענט" (לעקסישן), וועלכער איז, לויט זייער טעאָריע, „קאָשער", און זיי קערן וועלטן, קעדיי ניט צו דערלאָזן, אַז אַנדערע לעקסישע עלעמענטן — „טרייפע" — זאָלן האָבן אַן אַרײַנגאַנג־שײַן אין דער שפּראַכלעכער געטאָ.

דער ציִעניסטישער טעאָרעטיקער סירקין, לעמאָשל (ער איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ כאָסיד בלויז פון דעם העברעיִשן עלעמענט), האָט אַנומלטן באַמערקט: „דורך אירע העברעיִשע ווערטער איז די דאָזיקע שפּראַך געוואָרן ייִדיש, און דורך דעם פרעמדן דײַטשישן סקעלעט, ווי אויך דורך דער לײַכטקײַט, מיט וועלכער אַנדערע שפּראַכן גייען אַרײַן אין איר און פאַרענדערן זי, איז די שפּראַך געוואָרן אַ זשאַרגאָן".

אַ צווייטער ציִעניסט — טאַוויאָוו — זאָגט אויס דעם סאָד, אַז ניט אין „דײַטשישן סקעלעט" גייט עס. די העברעיִסטן האָבן אין זינען גאָר אַן אַנדער „פרעמדן עלעמענט", פאַר וועלכן זיי ווילן פאַרהאַקן די טויערן פון זער ייִדיש־שפּראַכלעכער געטאָ. „ניט נאָר סלאַווישע ווערטער, — שרײַבט טאַוויאָוו, — נאָר אויך סלאַווישן גײַסט האָבן די ייִדן אַרײַנגעבראַכט אין זייער דײַטשישער שפּראַך".

טײַטנדיק מיט ביטל אויף די ייִדן, זאָגט דער העברעיִסט, אַז ייִדיש איז „זייער דײַטשישע שפּראַך", און אַפילע זי, שוין אָפּגערעדט פון דער לאָשנקוידעשדיקער סמעטענע אין ייִדיש־לאָשן, מאַכן זי קאַליע מיט סלאַווישע ווערטער, מיט „סלאַווישן גײַסט"...

נאַטירלעך, מיר זײַנען אויפגעבראַכט פון אַזעלכע רייד. מיר ווייסן אָבער, אַז דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, דער יאַריד אַרום ייִדיש. אַליין ייִדיש לאַכט זיך אויס פון אָט די באַטלאָנישע „טעאָרעטיקער". ווי באַוווּסט, איז אונדזער מאַמעלאָשן קיינמאָל אונטער אַ פאַרשלאָסענעם טויער ניט געזעסן.

✧

דער אקצענט זאָל ניט זײַן אַזאַ ווי אינעם מאַכזור

דער געדאַנקלעכער אַקצענט דאַרף טאָמיד זײַן באַגרינדעט אין קאָנ־טעקסט. דער מענטש, וואָס הערט (לייענט), דאַרף אין דעם אַקצענט באַ־קומען אַ צוגאָבלעכע אינטאָנאַציע אָדער אַן אָנווײַזונג אויף גראַד וויכטי־קײַט פון דעם אויסגעטיילטן וואָרט.

סע זאָל זיך ניט באַקומען ווי מיטן אויסדרוק: ער האָט געמאַכט „המלך״, וואָס עס באַטײַט — ער האָט אַ געשריי געטאָן, געפּרוווט סטראַ־שען. אַזאַ טײַטש אינעם אויסדרוק נעמט זיך, ווי מע זאָגט, פון דעם, וואָס אין מאַכזור איז דאָס וואָרט „המלך״ אָפּגעדרוקט מיט שטאַרק גרויסע אויסיעס, און דער כאַזן, זינגענדיק ביז איצט גאַנץ רויִק, טוט מיטאַמאָל אַ געשריי אויס: „המלך!״ אַזאַ אויפן פון שטעלן דעם אַקצענט אויף איינעם פון די ווערטער אין דער שורה איז אַ צופעליקער און טויג עפּשער בלויז פאַר אַ נאַר אַ כאַזן.

✧

קעגן אָפּגעלעבטע טראַדיציעס

איך טראַכט וועגן דעם איידעלן געפיל, וואָס מע רופט אים נאַציאָנאַ־לער שטאָלץ. אין וועלכע נעשאָמע־קוואַלן איז זײַן אָנהייב, פון וועלכע קרײַטעכצער נעמט ער זײַנע דינע אַראָמאַטן? ס׳איז קלאָר, אַז ווען אָט דער דאָזיקער געפיל קומט פון דער טיף פון דער נעשאָמע און איז אַ נאַטירלעכער, ניט קיין נאָכגעמאַכטער, האַלט ער זיך אויף טיפע וואָרצלען, וועלכע זײַנען פאַרקניפּט מיט געזונטע, דוירעסדיקע טראַדיציעס פונעם פאָלק.

און אויב אַזוי, איז דאָך וויכטיק צו וויסן, וועלכע טראַדיציעס דאַרף מען אופהאַלטן און וועלכע ניט.

אין דער אויסלענדישער יידישער פּובליציסטיק איז געוואָרן אַ מאָדע צו געבן אין דעם פּראַט אייצעס די סאָוועטישע יידן.

מע שטעלט זיך אַרויס אויף כויזעק.

„לאָמיר נעמען, ווי אַ מאָשל, דעם יאָמטעוו פּייסעך... מיר טראַכטן: וואָס וואָלט עס געשאָט דער סאָוועטיש־יידישער שול, ווען זי וואָלט אין די יאָרן, ווען ס׳איז געווען אַ יידישע שול אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אײַנגע־פירט אַ מין סיידער — מיט פערעצן, מיט שאָלעם־אַלייכעמען, מיט אווראָם רייזענען. יאָ, און מיט עליִאָהו האַנאָווי. און אויף יידיש! (זאָל זײַן אַ ביסל רוסיש אויך!!)״.

דאָס איז געשריבן אין 1972!

איטשע גאָלדבערג, דער רעדאַקטאָר פונעם ניו־יאָרקער „איקוף״־זשורנאַל „יידישע קולטור״, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אַלס טרײַ־

בונע פארן וועלטלעכן פּראָגרעסיוון קולטור־געדאַנק, איז אַן אַנהענגער פונעם טעזיס אין טאַלמוד, אַז מער ווי די ייִדן האָבן געהיט שאַבעס, האָט שאַבעס געהיט די ייִדן. און ער באַמיט זיך די דאָזיקע לאָגיק אָנבינדן די סאָוועטישע ייִדן אַלס קוואַל פאַר נאַציאָנאַלע טראַדיציעס.

גייענדיק מיט אָט דעם דערעך, געפינט איטשע גאָלדבערג גאָר אַנדערע אַקטועלע טראַדיציעס. „פאַרוואָס באַנוצן מיר זיך מיט דעם באַגריף כּיוון? ווײַל דאָס זאָגט אונדז אונטער אַן אַנדער אַלטע טראַדיציע, און אויך אַ שיינע — די טראַדיציע פון „שכּל ישׂראל ערבין זה בזה" — „אַלע ייִדן זײַנען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן". (אַנאַ פּראַנק, הייסט עס, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר קאַסטנערן; ראָטשילד מעג פאַרשפּרייטן זײַן פאַראַנטוואָרטלעכקײַט ביז צו „זאָרגן" זיך פאַר אַ טראַקטאָריסט, לעמאָשל, פון בירָאָבידזשאַן... — א. וו.).

דאָס פּריידיקן „שוטפעסדיקע אַחריוּתס" לויטן נאַציאָנאַלן — ניט קלאַסעוון — פּרינציפּ איז נייטיק איטשע גאָלדבערגן, קעדיי צו באַרעכטיקן דאָס זעלבע אין באַצוג צו דער זעקסטאָגיקער מילכאָמע אין 1967 און אויך קעדיי, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אָט דער „טראַדיציע" („איין ייִדישער ייִשעוו מוז אויף זיך טראָגן די אַחריוּתס פאַרן צווייטן"), באַרעכטיקן דאָס אָנשליסן זיך פון די „ייִדישע לינקע קרײַזן איבער דער וועלט" צו די שאָדן־טומלערײַען אַרום „דער צוקונפט פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן... אין סאָוועטנפאַרבאַנד".

אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, און מיר זעען שוין, ווי איטשע גאָלדבערג איז דערגאַנגען צום איקער־ציל פון זײַנע זוכענישן אַרום „נאַציאָנאַלע טראַדיציעס". ער האַלט אַפילע ניט פאַר נייטיק אַרומצורײדן און דערקלערן דעם מעשונע־מאָדנעם פאַקט, וואָס ער, אַ רעדאַקטאָר פון אַ פּראָגרעסיוור פאַרפּראָגראַמירטן זשורנאַל, פּריידיקט אין אָט דעם זשורנאַל אָפענעם ציִעניזם: „פאַראַן אַ 2000־יאָריקע טראַדיציע אין ייִדישן לעבן פון בענקען נאָך ציִען. מע דאַרף ניט און מע מוז ניט זײַן קיין ציִעניסט אויף צו פאַרשטיין אָט די בענקעניש (וואָס דען דאַרף מען צוליב דעם זײַן? — א. וו.). מע מוז אַפילע ניט אָננעמען די פּאָליטיק פון דער ייִסראָעל־רעגירונג צו אונטערשטיצן די בענקעניש (איטשע גאָלדבערג ווייסט דען ניט, אַז ווער עס שטיצט דאָס „בענקען נאָך ציִען", העלפט רעאַליזירן די פּאָליטיק פון די ייִסראָעלדיקע ציִעניסטישע רעגירונגס־קרײַזן? — א. וו.)".

איטשע גאָלדבערג מאַכט אַן אויסרייד די נאַרישע עקסטרעמיסטן־טומלער: מע דאַרף ניט גוואַלדעווען „שיק אַרויס מײַן פאָלק!" — אַ סאַך באַקוועמער וועט זײַן, אויב דאָס זעלבע וועט געטאָן ווערן אין זכות פון אַ נאַציאָנאַלער טראַדיציע...

...און דאָך איז בא איטשע גאָלדבערגן, אין זײַן עסיי „וועלטלעכקײַט און טראַדיציע", פון וועלכן איך האָב דאָ גענומען די ציטאַטעס, פאַראַן גלײַכע געדאַנקען, וואָס פאַרדינען אויך, מע זאָל זיי אַראָפּשרײַבן. אַשטייגער: „...אַ טראַדיציע קאָן אַמאָל ווערן אַ קייט אַרום האַלדז"; „געשיכטע, — האָט געזאָגט דער באַוווּסטער ייִדישער געלערנטער האָראַס קאַלען, — אויב זי ווערט ניט אָנגעווענדט צום איצט, קאָן זי ווערן אַ קוטשע מיסט". שאַרפע, אָבער עמעסע רייד! „אַקוראַט, ווי אַ פאָלק קאָן ניט לעבן אָן

טראַדיציע, פּונקט אַזוי טאָר עס ניט לעבן אין די פאַרפרוירענע ראַמען פֿון אַן אָפּגעלעבטער טראַדיציע"; „עס זײַנען אין טאָג פֿאַראַן קלוגע און ניט קלוגע טראַדיציעס, נײטיקע און ניט נײטיקע טראַדיציעס".

✧

אַנאַנסן

אַנאַנסן זײַנען ניט קיין קינסטלערישע ווערק. איך ווייס עס. אורטיילן וועגן דער שפּראַך פֿון דעם אָדער יענעם ייִשעוו לויט אַנאַנסן אין דער דאָרטיקער פּרעסע — איז אַן אומזין. דער אַנאָנס־געבער איז פֿאַרינטערעסירט, אַז יעדער איינער זאָל פֿאַרשטיין, וואָס אין אַנאָנס שטייט.
און דאָך... לאָמיר אַ קוק טאָן, אויף וואָס פֿאַר אַ ייִדיש לאָשן מע דאַרף ריידן, קעדיי אַלע זאָלן וויסן דעם מײַן.
אַן אַנאָנס אין אַ ניו־יאָרקער ייִדישער צײַטונג:

טשאַפּד ביף און פרײַער אָניאָן צום היילן אַ קאָלד? איר וועט זײַן איבערראַשט צו וויסען, אַז דאָקטוירים ראַטען אַזוי, אַזוי האָבען זיי געראַטען אין איטאַליע, אין אַכטען יאָרהונדערט, אין דער שטאָט פּאַדוא. איך ווייס נישט ווי זייערע פּאַציענטען האָבען זיך דערהאָלט, אָבער אײַער פאַמיליע וועט עסען אַזאַ מאָלצײַט מיט גרויס פאַרגעניגען. און איך האָף, אַז עס וועט זיי זײַן צו־געזונט אַזאַ רייצענד־געווירצטער מאכל ווי מעקסיקען טשילי. איז עסט געזונטערהייט.

אַן אַנאָנס אין אַ מאָנטעווידעער צײַטונג:

עס פאַרקויפט זיך

אַ זעלטענע געלעגנהײַט! אַ גראַבאַדאָר אַלטאַ פידעלידאַד 2 וועלאָסיראַדעס, גראַווירט 4 פּיסטאָס, צוליב אָפּפאָרן בלויז 18 טויזנט פּעזעס, זען: כאָאַקין וועלאַזקאָ 3207 טעל.: 55120.

ס'איז גרינג זיך פֿאָרשטעלן, וויאַזוי עס וואָלט אויסגעזען אַן אַנאָנס, אַדרעסירט די ייִדן, אשטייגער, פֿון שאַנכײַ...

✧

אייביקער רום און מאַרמאָר־שטויב

די אוראַלטע היסטאָרישער האָבן אָנגערופֿן דעם אַלעקסאַנדריער לײַכטטורעם צווישן די זיבן וווּנדער פֿון דער וועלט. דער אַלמעכטיקער פּאַרעפּטאָלאָמיי, לויט ווערמענס באַפֿעל דער טורעם איז אויפֿגעשטעלט געוואָרן, האָט באַוואָרנט, די ווײַטערדיקע דורות זאָלן ניט פֿאַרגעסן, אַז

דאָס איז ער דער אוטאָר פֿונעם גרויסן אופּטו. אויף מאַרמאָר פֿונעם פֿאַנטאַסטיש־גרויסאַרטיקן געבײַ, דעם אײנציקן אין דער געשיכטע, איז אויסגעקריצט געוואָרן אַן אויפֿשריפֿט: „דער קייסער פּטאָלאָמײ — פֿאַר די רעטונגס־געטער, לעטויוועס די מענטשן, וועלכע שווימען אין יאַם".

נאָר ווער איז געווען דער אַרכיטעקטאָר — דער עמעסער שעפֿער! — פֿונעם זיבעטן וווּנדער פֿון דער וועלט? וועגן דעם האָט פֿאַרע ניט געלאָזט קײן טימען פֿאַר די קומענדיקע דורעס.

דעם סאָד האָט אויסגעזאָגט די צײַט. ווען די יאַם־כוואַליעס האָבן מיט זייער דורעסלאַנגן שווענקען און קלאַפּן אַראָפּגעטראָגן פֿונעם געבײַ דעם מאַרמאָר־שטויב און מיט אים אײַנעם יענע ווערזנטלעכע, אָבער שוין גוט באַוווּסטע היסטאָרישע ספּראָווקע וועגן דעם פֿאַרע פּטאָלאָמײ, — דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויף דעם געבײַ גופֿע, הינטערן מאַרמאָר־שטויב, אין דער אָפּגעקילטער וואַפּנע איז אַרײַנגעקריצט אַן אַנדער אויפֿשריפֿט: „סאָסטראַטוס פֿון דער שטאָט קינד, דער זון פֿון דעקסיפֿליאַנען — פֿאַר די רעטונגס־געטער, לעטויוועס די מענטשן, וועלכע שווימען אין יאַם".

די דאָזיקע געשיכטע, — זי איז טיפּיש פֿאַר אַלע צײַטן, — נייטיקט זיך ניט, מע זאָל זי אויסטײַטשן. מע קאָן בלויז זאָגן, אַז עלטער פֿון דעם צולאָכעס צווישן דעם קייסער און דעם מאַרמאָר־שטויב איז דער יאַדאכעס צווישן די יאַם־כוואַליעס און דעם געבײַ.

✧

וואָס אַ פּאָעט לאָזט נאָך זיך איבער

אַ פּאָעט שרײַבט, ווי דער שטייגער איז, זייער פֿיל, נאָר ער לאָזט נאָך זיך איבער געציילטע צוויי, צי דרײַ, צי פֿיר, צי מערער (אָפּהענגיק, ווי גרויס עס איז זײַן טאַלאַנט) לידער. עס מאַכט זיך, אַז דעם דיכטער גיט זיך אײַן אויף זײַן שאַפֿונגס־וועג אַרײַנשרײַבן אין דער אַנטאָלאָגיע פֿון דער פּאָעזיע פֿון זײַן פֿאָלק אינגאַנצן איין שורע, אָדער צוויי שורעס, — און דאָס איז אַ גליק!

דאָס ברעקעלע ערד, וווּ עס וועלן אויפֿגיין דעם דיכטערס „אייביקע פֿערזן", צוליב וועלכע ער האָט אָפּגעראַשט אַ לעבן, געפֿינט זיך אויף אַ שאַפֿונגס־לאַנג פֿעלד, ווײַט פֿון די ראַנדן, און דער דיכטער־אַקערער קומט צו זיי צו, מערסטנס אומגעריכט, ניט וויסנדיק אָפּטמאָל ביזן סאָף פֿון זײַנע טעג, אַז דאָס איז זײַן בײַטראָג. ער אַקערט און אַקערט ווײַטער זײַן פֿעלד, זוכט און נישטערט, און ווען ער אַליין ווערט זיך שוין ענדיקן, ווען אייביקע ווינטעלעך וועלן ווידער אויסבלאָזן און אויסגלײַכן דאָס פֿעלד, — דאַן וועלן זיך אָנהייבן אַרויסזען באַזונדערס בולעט יענע פּאָר פֿאַרבליבענע שורעס.

✧

פּאָעזיע — א בענטשונג

ס׳איז באוווסט א געשיכטע מיט א פראַנצויזישן פּאָעט, אַן ארמענער לויט דער נאַציאָנאַליטעט, מע האָט אים גערופן קאָסטאַן זאַריאַן, וועלכער האָט געשריבן, דאכט זיך, אויך אויף ענגליש און איטאַליעניש, אָבער קיינ־מאָל ניט אויף ארמעניש. די שפּראַך פון זיינע עלטערן האָט ער, עמעס, אין די רייפע יאָרן עטוואָס אויסגעלערנט, אָבער ניט אזוי גוט, ער זאָל קאָנען אויף איר שרייבן ליטעראַרישע ווערק.

גאַנצע זיבעציק יאָר פון זיין לעבן איז ער אָפּגעווען ווייט פון זיין געבורטס־לאַנד. ער פלעגט דרוקן פּאָעמעס, לידער, ראָמאַנען, קריטישע עסייען אין פּאַריז, רוים, בריסעל, קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאָפיע, ניו־יאָרק, באָסטאָן, — ניט אין יערעוואַן. אין פּאַריז האָט ער ארויסגעגעבן א זשור־נאַל, וועלכן ס׳האָבן איליוסטרירט פּיקאַסאָ, דעלאָנע, שאַגאַל, לעזשע, אָבער ווען מע האָט אים געבראַכט א רעפּראָדוקציע פון סאַריאַנס א בילד, האָט ער זי אין זשורנאַל ניט אָנגענומען, ווייל דער ארמענישער פּייזאַזש איז אים געווען פרעמד. זיינע פריינט זיינען געווען ווערכאַרן, דרייזער, לאָרקאַ, בונין, פּיראַנדעלאָ, רעמאַרק — קיין איין ארמענער ניט צווישן זיי.

אַנומלטן האָט קאָסטאַן זאַריאַן געבראַכט ווערכאַרנען א העפט מיט זיינע פראַנצויזישע לידער. דער גרויסער דיכטער האָט געבלעטערט דאָס העפטל און, פּונקט ווי ענטפערנדיק אויף די אייגענע מאַכשאָוועס, א פרעג געטאָן זאַריאַנען:

— אויף וועלכער שפּראַך בענטשט איר?

— איך בין ניט קיין גלויביקער.

— נו, און ווען איר וואָלט געגלויבט אין גאָט, — אויף וועלכער שפּראַך וואָלט איר דאַן געבענטשט?

אין פיל יאָרן ארום, — קאָסטאַן זאַריאַן האָט שוין אריבערגעשטיגן דעם אכטן צענדליק, — האָט ער באַשריבן דעם דאָזיקן שמועס מיט ווער־כאַרנען. ווען יענער איז באַשטאַנען, אז זאַריאַן זאָל זאָגן, אויף וועלכער שפּראַך ער וואָלט געבענטשט, זיינען אין זיקאָרן באַם פראַנצויזיש רעדנ־דיקן, פראַנצויזיש שרייבנדיקן, פראַנצויזיש דענקענדיקן פּאָעט אופגע־שוווּמען די ווערטער פון א טפילע, וועלכע ער האָט קינדווייז אויסגע־לערנט אויף אויסווייניק, און זיינע ליפּן האָבן אָנגעהויבן שטילערהייט בענטשן אויף ארמעניש. עמיל ווערכאַרן האָט אופמערקזאַם זיך צוגעהערט, און ווען זאַריאַן איז אַנשוויגן געוואָרן, האָט ער געזאָגט:

— פּאָעזיע איז אויך א בענטשונג...

✧

א שפּיל אין ווערטער

אין די ליטעראַרישע קרײַזן פון מאָסקווע דערציילט מען, ווי מאַרקיש, פעפער, קוויטקאָ, בערגעלסאָן, קושניראָוו, האַלקין האָבן איינמאָל, בײַס א זיצונג פון דער ביוראָ פון די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער, זיך גענומען מיטאַמאָל שפּילן אין ווערטער.

דאָס איז אַן עמעסע געשיכטע, און ווײַל איך בין דערבײַ בײַגעווען, וועל איך פאַרצייכענען די פּראָטים.

די זיצונג איז פאָרגעקומען אין דער דירע באַ יעכעזקל דאָברושינען. ס'האָט שוין געהאַט זיך אָנגעהויבן דער קאַלטער קריג, און, ווי באַוווּסט, האָט די ייִדישע ליטעראַטור אים ניט אויסגעמיטן. עפּעס איינער אַ פּיש־מאַן, צי שיפּמאַן, איך געדענק ניט פּינקטלעך, האָט געשריבן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס", אַז „באַ די סאָוועטן" האָבן די ייִדישע שרײַבער שוין פאַרגעסן ייִדיש. בערגעלסאָן האָט זיך עס גענומען צום האַרצן און אָנגעהויבן אַף דער זיצונג זיך נאָכפרעגן, צי עמעצער ווייסט, ווער עס איז דער אווטאָר. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַלע ווייסן ניט, איז דאָברושין אַרויסגעגאַן פון צימער נאָך זאַלמען רייזענס לעקסיקאָן — עפּ־שער איז דאָרט עפּעס פאַראַן וועגן פּישמאַנען (שיפּמאַנען). קושניראָוו, וואָס איז געווען דער פאַרלעזער פונעם אַרטיקל אין „פאָרווערטס", האָט דערווײַל געהאַלטן באַם וואָרט, ווו עס ווערט דערציילט, אַז בעשאַס פעפער איז געקומען מיט מיכאָעלסן קיין ניו־יאָרק, האָט מען אים אַף דער ערש־טער פּרעסע־קאָנפערענץ געפרעגט, צי ער עסט קוגל, און געענטפערט האָט ער אַף דער פראַגע מיט אַ פראַגע, האַלב אַף ייִדיש, האַלב אַף רו־סיש: „קוגעל? וואָס איז עס — קוגעל?.."

די זיצונג האָט געלאַכט. פעפער האָט אַ זאָג געטאָן אפן שפּאָלער אויפן דאָס וואָרט „קיגל", זיך אָפּגעשטעלט אַ רעגע און אויסגעשאָסן:

— אַ לאָקשענער קיגל, אַ רעטשענער קיגל, אַ קיגל פון פּאָפּעשוי, אַ בילקע־קיגל...

— אַ געבלעטערטער, אַ געפלאָכטענער, אַ געקנאָטענער, אַ פּראַנ־צויזישער, אַ פײַגענער, אַ געשמאָלצענער... קוגל! — האָט אונטערגעהאַלטן האַלקין, נאָר געזאָגט האָט ער „קוגל", ניט „קיגל".

בערגעלסאָן האָט אַראָפּגעטרייסלט דעם אַש פונעם פּאַפּיראָס און גע־פּרוווט פאַרענדיקן דעם איניען:

— אַז דער קיגל איז ניט קיין געראָטענער, זוגט מען, אַז ער איז אַ געוואָרפענער...

דאָ איז אין דער שפּיל אַרײַן מאַרקיש. ער האָט אָנגעהויבן וואַרפן מיט „וויראַזשעניעס" — שוין ניט פונעם קוגל־זשאַנער, נאָר גלאַט אַזוי:

— צולייגן אַ קנייטל! צעפירן די מילך! אַרײַנסמיטשקען דעם מאַמ־זער! צעגיין זיך די פּיס! פאַרבליוטע אויגן! זובאַטע ציין!..

און, אַרויסגעריסן באַ קושניראָוון דעם „פאָרווערטס", האָט ער גענו־מען פאָכען מיט אים אינדערלופטן:

— רעכנסט דעם פאַרך צו צום מיניען, שטייט ער שוין פאַרן אָמעד... קוויטקאָ האָט צוגעהאָלפן:

— אַ פּאָרך כאַפּט די ערשטע היטל...

די רעפּליקעס וועגן דעם פּאָרך האָבן אָפּגעקלונגען אַזוי, ווי גלײַך זײַ זײַנען עס די רעצענזיע אויף אַן אַרטיקל פון פישמאַנען (שיפּמאַנען). ס'האָט זיך אָבער געוואָלט, אַז די שפּיל אין ווערטער זאָל אָנגיין ווײַטער, און קושנירשאָוו איז אונטערגעקומען מיט אַ פראַגע:

— האַלקין, בײַ אײַך אין ראָהאַטשאָוו איז געווען אַ שוואַם־ייִדענע?

— פּאַרוואָס ניט? כאַטש זי האָט פאַרקויפט שוואָמען, ניט קיין שוואָמען, פלעגט מען זי רופן טאַקע שוואַם־ייִדענע... אַלע ווײַבערשע פּראָפעסיעס האָט ראָהאַטשאָוו געהאַט: אַ טוקערן. אַ פליקערן. אַ קוועטשערן (געקוועטשט ווײַנשל). אַ צוקער־בעקערן...

— און אַ שמאַלץ־ייִדענע איז בײַ אײַך געווען?

— געווען, געווען.

— און אַ פּעטרישקע־ווײַבל? און אַ היגער־סויכערטע?

— אַן אָפּשפּרעכערן. אַ האָניק־ווײַבל.

— און אַן אוגערקע־ווײַבל. און אַ הייוון־ווײַבל.

— אָבער קיין זאָקנמאַכערן איז אין ראָהאַטשאָוו ניט געווען: צו אַ טעכניטשנע פּראָפעסיע...

— שטעלט אײַך פאָר, אַז אויך אַ זאָקנמאַכערן איז געווען! עמעס, געשטריקט האָט זי הענטשקעס. „פּאַרוואָס זשע, נעכע־לעבן, רופט איר זיך זאָקנמאַכערן, אויב איר מאַכט הענטשקעס?״ אויף דעם פלעגט זי ענטפערן: „ווײַל זאָקן מאַכט מען אויך״...

די שפּיל וואָלט זיך נאָך געצויגן ווײַטער, נאָר ס'האָט זיך דערהערט אַ הוסטל פון יענער זײַט טיר, און קוויטקאָ האָט אויסגעשריגן:

— קינדער, שאַט! די מאַמע כאַצי גייט.

דאָברושין איז אַרײַן אין צימער, אופגעהאַנגען זײַן שטעקן אויפן פּאָטעל און, אײַנמאָסטענדיק זיך אין פּאָטעל מיט אַ מעכײַעדיקן קרעכץ, זיך מודיע געווען, אַז ער איז די עטלעכע מינוט אָפּגעשטאַנען בײַ דער טיר און איז גאָר צום ביכער־שראַנק מיט זאַלמען רייזענס לעקסיקאָן ניט דערגאַנגען. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו האַלקינען:

— אייגנטלעך, האָט איר פאַרגעסן צו דערמאָנען אַ פּראָפעסיע פון אַ שמאַטע־ווײַבל. אײַ־אײַ־אײַ, שמועל, האָניק־ווײַבלעך ליגן אײַך אין קאָפּ...

✧

ווען מענדעלע וואָלט נאָך געלעבט עטלעכע יאָר

איינער פון די שענסטע פּערלען פון דער ליטעראַטור־פאָרשונג איז העבריך מאַנס אַ דעפיניציע פון דער רוסישער קלאַסיק ווי די „רעוואָ־ליוציע ביז דער רעוואָליוציע״.

מע קאָן אויך זאָגן, אַז גאָרקיס „געזאַנג וועגן שטורעמפויגל״, בלאָקס „צוועלף״, בריוסאָווס ליד „אַרבעט״, מאַיאַקאָווסקיס „אָדע צו דער רע־

וואָליוציע״ — זײַנען די פיר רעדער, אף וועלכע די רוסישע דיכטונג איז אַרײַנגעפאָרן אין סאָוועטישן פּעריאָד.

דער גורל האָט אזוי געוואָלט, אז מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־אליכעם זאָלן שטאַרבן באַ דער סאַמע שוועל פון דער נײַער עפּאָכע. א גרויסער שאָד, וואָס האַגאַם זיי זײַנען דערגאַנגען צו אָט דער שוועל, האָבן זיי ניט באַוויזן זי איבערטרעטן... די לאָגיק פון זייער שאַפונג האָט אונטערגעזאָגט ביז גאָר טשיקאַווע העמשייכים, ווײַל צו יענער צײַט האָט די יידישע קלאַסיק שוין א סאַך אָפּגעטאָן, קעדיי אויפוועקן באַ אירע לייענער „די רעוואָליוציע ביז דער רעוואָליוציע״.

ווען מענדעלע, לעמאָשל, זאָל נאָך געווען לעבן עטלעכע יאָר, וואָלט ער צוזאַמען מיט גאָרקין, אַקאָפּיאַנען, קופּאַלאַן און אנדערע ליטעראַרישע רישוינים פון אונדזער יאָרהונדערט געוואָרן אן אָנהייבער פון דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

✧

נאָטיצן וועגן נעגינע

די צווייטע ליד (נאָך דער מאַמעס וויגליד), וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן אין מײַן לעבן, איז געווען דאָס מורמלען (באָרמאָטשען) פון עם גלוכאַר. דער וואַלד־האָן איז מינאַסטאַם דער עלטסטער זינגער אף דער וועלט. ווען דער מענטש איז אויכעט געווען א וואַלד־באַשעפעניש, האָט אין דער ראָשטשע, אין סאַמע טויבן ווינקל, שוין געגעבן קאָנצערטן דער שאַליאַפּין־פויגל, וועמענס טיטל „מאַעסטראָ פון עם וואַלד״ עס האָט באַשטעטיקט די נאַטור אַליין.

א קינד נאָך, האָב איך איינמאָל, א שפּראָץ אף טאָג, זיך פאַרקליבן אין א טײַגע־זומפּ און שטאַרק זיך דערשראָקן, דערזעענדיק שטיין א שפּאַן צוויי פון מיר, אף א הויכער קאָטשקע, א מעגושעמדיקן האָן מיט אן אויסגעצויגענעם האַלדז, ווי גלײַך ער וואָלט זיך וואַרגן, און מיט א צעפּאָכעטן עק. איך בין אָבער גלײַך געקומען צו־זיך, ווײַל פון די שמועסן מיט אָרטיקע יעגער־ייִנגלעך האָב איך שוין געוווּסט, וואָס אזוינס עס איז א גלוכאַר. און ווען דער פויגל האָט אָנגעהויבן אַרויסברענגען שטילע קלאַנגען, האָב איך אויך אויסגעצויגן דעם האַלדז און מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם געבליבן שטעקן צווישן קאָטשקעס — אַליין קימאַט אויך א קאָטשקע.

די קלאַנגען האָבן צוערשט דערמאָנט דאָס טרעשטשען פון טרוקענע צווײַגן, ווען מע ברעכט זיי פון עם בוים. דערנאָך האָט זיך דערהערט א מין שיפּען, ווי באַם שלײַפן א מעסער, און די דאָזיקע צוויי כאַראַקטעריסטישע קלאַנגען־שנירעלעך, אַרײַנפאַלנדיק אין א ריטם און איבערפלעכטנדיק זיך איינס מיטן אנדערן, האָבן אָנגעהויבן זיך באַפאַרבן עמאָציאָנעל, ציטערן, טרייסלען זיך, שטאַרקער ווערן און שוואַכער ווערן,

און, וויברירנדיק אין דער שטילקײַט, שאַרנדיק זיך איבער דעם וואַלד, גענומען אים אַרײַנקריכן אַזוי קונציק אין די אייוורים, אַז ס׳האָט געדוכט: קיינמאָל איז קיין וואַלד ניט געווען און קיינמאָל וועט קיין וואַלד ניט זײַן אָן אַזאַ מין נעגינע.

באַ די נעוויִים איז מוזיק געווען אַ סטימולירנדיקער פאַקטאָר פאַרן גײַסט, אַ מיטל „אַרײַנצוגיין אין דער ראָל״. מיט נעגינע פלעגן די נעוויִים דערוועקן אין זיך די פייִקײַט צו פאָרויסזאָגן. די לעגענדע דערציילט, אַז דער קיניג פון יעהודע יעהוישאָפאָט האָט פאַר אַ מילכאָמע זיך פאַרשלאָסן מיט עלישע האַנאָווי און גענומען זיך אָנפרעגן, וואָס עס דערוואַרט זײַן כאַיִל. דער נאָווי האָט געהייסן אַרײַנרופן אַ מענאַגן (אַ זינגער), און אונטער די קלאַנגען פונעם געזאַנג און פון דעם שפּילן האָט ער טאַקע דערפילט אין זיך דעם רועך־האַנעוווּע. ווי עס ווערט ווײַטער דערציילט, האָט עלישע האַנאָווי פאָרויסגעזאָגט יעהוישאָפאָטן אַ זיג איבערן קיניג פון מויאָוו, און דאָס נעוויִעס איז מעקוייעם געוואָרן.

איך האָב אַמאָל געפרעגט באַם קאָמפּאָזיטאָר לייב פולווער, וואָסער מוזיקאַלער אינסטרומענט איז באַ די ייִדן געווען דער ערשטער? פולווער איז פון דער יוגנט אָן געווען פולקאָם אַסימילירט, און דאָך האָט ער ניט בלויז געוווּסט צו זאָגן: „דער קינויר״, נאָר ער האָט אויך צוגעגעבן:

— דאָוויד האַמעלעך האָט געשפּילט אויף אַ קינויר.

— וואָס איז עס — אַ פידל?

— אַ פידל, יאָ. און אויב איר ווילט, קאָנט איר באַ אײַניקע היסטאָריקער פּועלן, אַז קינויר איז אַ האַרפּע. און באַ יאָסיף פלאַוויוסן געדענקט איר, וויאַזוי עס ווערט באַשריבן דער קינויר? אַ דרײַעקעכיקער אינסטרומענט מיט צען סטרונעס, דער שפּילער קלאַפּט מיט די פינגער איבער די סטרונעס...

— און איך האָב געמיינט, ס׳איז אַ גיטאַרע...

— אַ גיטאַרע אויך...

אַגעוו, ווען דאָוויד האָט נאָך ניט געטראָגן זײַן קרוין, פלעגט דער קיניג שאָול, אַ קראַנקער אויף מעלאַנכאָליע, אים רופן צו זיך און באַפוילן, ער זאָל שפּילן. אין טאַנאַך (שמואל א. טז, כג) שטייט געשריבן, אַז פון די קלאַנגען פון דאָווידס קינויר פלעגט שאָולן בעסער ווערן, דער שלעכטער גײַסט — די מעלאַנכאָליע — פלעגט פון אים זיך אָפּטאָן.

אויב איר ווילט, קאָן מען זאָגן, אַז פון אים, פון דאָווידן, קומט אַרויס די עסטראַדע־קונסט. ווען ער האָט געיאַרשנט פון שאָולן די קרוין, האָבן זיך אין קיניגלעכן הויף אײַנגעפונדעוועט גאַנצע פיר טויזנט זינגער און שפּילער, וועלכע זײַנען געווען אײַנגעטיילט אין „אַנסאַמבלען״ בעראָש מיט צוויי מײַסטערס — אָסאָף און יעדוסון, — וואָס ווערן אָנגערופן „דעם קיניגס נעוויִים״, און וועגן זיי איז באַמערקט געוואָרן אין טאַנאַך, אַז זיי „זאָגן נעוויִעס אויף פידלען און האַרפן״...

ווען בעטהאָווען איז נאָך ניט געווען טויב, האָט ער איינמאָל באַזוכט א סינאַגאָגע און געהערט זינגען קאָלנידרע. העט שפּעטער, א יאָר פאַר זײַן טויט, האָט די מעלאָדיע אויפגעלעבט בא אים אין זיקאָרן און ער האָט זי אַרײַנגעפירט אין זײַן לעצטן קוואַרטעט „אָפּוס 131״.

אין דער יוגנט האָט בעטהאָווען איבערגעלעבט א שטורמישע ליבע צו א ייִדיש מיידל — ראַכעל לעווענשטיין, — און זײַנע ביאָגראַפן האַלטן, אַז „די טרויעריקסטע און די דערהויבנסטע מעלאָדיע״, ווי לעוו טאָלסטאָי האָט אָנגערופן קאָלנידרע, איז געווען זײַן, בעטהאָווענס, צוריק־געשריי צו יענע ראָמאַנטישע פײַנפולע יונגע טעג פון זײַן לעבן.

איצט לאָמיר זיך אַרײַנטראַכטן אין די אַלע זאַכן, און מירן זען, אַז אָדער די ביאָגראַפן זײַנען זיך טויע, ווײַל זיי האָבן אין זינען בלויז די מוזיק פון קאָלנידרע און ניט די טפילע ווי א גאַנצע, אָדער אַליין בעטהאָווען (פונקט ווי טאָלסטאָי) האָט, הערנדיק די מעלאָדיע, ניט געוווסט, צו וואָסער טעקסט זי איז צוגעפּאַסט.

דער אַקט, וואָס מע רופט אים „קאָלנידרע״, האָט א שמאָל־וועלטלעכן ציל, ניט קיין רעליגיעזן, האַגאַם ער ווערט רעאַליזירט אין דער פאָרם פון א טפילע צו גאָט. ס׳איז א גאַנץ פּראָזאַישער איניען. האָבנדיק, ווי אַלע מיזרעך־פעלקער, אַן עקספּאַנסיוון כאַראַקטער, זײַנען די אוראַלטע ייִדן שטענדיק גרייט געווען צו געבן א נײידער, צוזאָגן עפּעס, פאַרפליכטן זיך, שווערן זיך צו אָפּטאָן. און פונקט אַזוי שנעל און אומבאַטראַכט, ווי דער צוזאָג פלעגט אָפּט געגעבן ווערן, אַזוי איז ער ניט איין מאָל אויך געוואָרן פאַרגעסן. פאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע זאַכלאַגע האָט גוירעם געווען מיספאַרשטייעַנישן, ווי אויך געוויסן־ביסן. פונדאַנען שטאַמט דער ריטואַל האַטאָראַט נעדאָרים — דאָס אויפלייזן מיצאַד דעם ראָוו א נײידער. פאַקטיש ליגט די זעלבע סיבע אין יעסאָד פונעם אַקט פון קאָלנידרע — דאָס געבעט צו גאָט, וואָס מע זינגט אויס פאַרנאַכט, אָנהייב יאָמקיפּער.

אין דער מינוט, ווען דער כאַזן באַם אָמעד האָט אָפּגעדעקט דאָס פּאָנעם פון אונטערן טאַלעס, אויסגעווישט די אויגן מיט א רויטער פאַטשיילע און גענומען, אין אָנפאַנג שטיל־שטיל, צוזאַמען מיט זײַנע מעשוירערים, אויסזינגען די טענער פון קאָלנידרע, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז די טעמע פון אַזאַ פּליסטערונג איז א געטלעך־דערהויבענע. אינדערעמעסן אָבער האָבן די אַראַמייִשע ווערטער פונעם געבעט באַטײַט בוכשטעבלעך אָט וואָס:

„אַלע צוזאָגן (די דאָזיקע צוויי ווערטער — אַלע צוזאָגן — קלינגען אין אַראַמייִש ווי „קאָלנידרע״, פונדאַנען דער נאָמען פונעם געזאַנג. — א. וו.), פאַרפליכטונגען, שוועס... דאָס, וואָס מיר האָבן צוגעזאָגט, אָדער זיך געשווירן, אָדער זיך פאַרפליכטעט, אָדער דאָס, מיט וואָס מיר האָבן זיך מיסכײַעוו געווען, אָנהייבנדיק פון דעם הײַנטיקן טאָג פון פאַרגעבן די זינד און ביזן קומענדיקן גליקלעכן אָנקום פונעם טאָג פון פאַרגעבן די זינד, — אַף דעם אַלעם האָבן מיר כאַראָטע. זאָל דאָס אַלץ זיך רעכענען פאַר אָפּגעפּרעגט, פאַר אַזוינס, וואָס מע איז מויכל, פאַר פאַרניכטעטס, פאַר ניט קיין ווירקלעכס, פאַר אַזוינס, וואָס האָט פאַרלוירן די קראַפט... די נעדאָרים וועלן ניט זײַן פאַרעכנט פאַר נעדאָרים, די פאַר־

פליכטונגען וועלן ניט פארפליכטן און די שוווּע וועט ניט זײַן קיין שוווּע"...

סארא זאכלעכער, ניט דערהויבענער אָפּזאָג צו האלטן וואָרט; דער רעליגיעזער אוילעם האָט אים ארופגעשלעפּט אפן באלעמער און אָנגעקליידט אים אין די הימלשע בגאָדים פון א טפילע, מוירע האָבנדיק, אז אנדערש וועט ער אין גאָטס אינסטאנצן ניט זײַן גילטיק און מע וועט מוזן באקומען די שטראָף פאר איינזײַטיק ברעכן דעם ניידער.

נאָך זאכלעכער און קאָנקרעטער איז געווען די באוואָרעניש, וואָס איז אין רוסלאנד צוגעגעבן געוואָרן צום אורטעקסט לויטן באשלוס פונעם מיניסטעריום פון אינערלעכע איניאָנים, וועלכער האָט באקומען די אלהעכסטע באשטעטיקונג דעם 25 אָקטיאבער 1857, און פון דעמלט אָן ווערט פארן זינגען קאָלנידרע געמאָלדן פאָלגנדיקס:

„אין נאָמען פון גאָט און פונעם געזעץ פרעגן מיר אָפּ נעדאָרים און אזעלכע מינים שוווּעס, דורך וועלכע עמעץ־ווער, געבנדיק דעם ניידער אָדער די שוווּע, האָט דורך דעם ארופגענומען אף זיך אן אײַנגעהאלטנקײַט צו אוועלכן־ניט־איז אָפּזאָג פון עפּעס, ווי ביכלאל שוווּעס, וואָס האָבן א שײַכעס פערזענלעך און אויסשליסלעך צו אים; אָבער זאָל גאָט אויסהיטן יעדן איינעם צו מיינען, אז מיר האָבן אופגעגעבן שוווּעס און פריסיאגעס, וועלכע מע גיט דער רעגירונג, אָדער דעם געריכט און בײַכלאל אין באצוג צו די אינטערעסן פון א צווייטער פערזאָן, אומאָפּהענגיק פון זײַן אָפּשטאם און גלויבן"... אאוו.

אָט אזוי האלט עס מיט „דער טרויעריקסטער און דערהויבנסטער מעלאָדיע". דאָס לעבן איז הארב און איז פּאָשעט. די גאנצע יאָמקיפּער־טראַגיק, די טײַכן טרערן האָבן זיך גענומען פונעם פאכעד פאר דעם, וואָס, קלוימערשט, באם בוירע־אוילאָם, און ניט אף דער ערד, ווערט אָפּגעמאָסטן און פארטיילט די גויט אָדער די האצלאָכע, די ווייען און פריידן, די קראנקײַטן, צאָרעס, אומגליקן, פאסירונגען, און פונקט ווי קינדער רופן צוהילף דאָס געוויין אף ווייכער מאכן דאָס הארץ בא טאטע־מאמע, אזוי האָבן עלטערע יידן און יידענעס געוויינט מיט ביטערע טרערן פאר גאָט, געקליאנטשעט בא אים „א גוט קוויטל" („א גוטע כסימע"), געלאָזט אין גאנג דאָס קאפּאָרעס־שלאָגן („מיר צום לעבן, דיר צום טויט"), דאָס פּראווען האטאָראט נעדאָרים, דאָס ארײַנכאפּן מאלקעס — לאָזן זיך צו באקומען 39 שמיץ אלס אָפּקומעניש פאר באגאנגענע זינד, די הארצרײַסנדיקע קלאָג־מעלאָדיעס אין די באָטעמעדראָשים אונטערן אקאָמפּאנעמענט פון ווײַבערשע היסטעריקעס, און ענדלעך — דאָס געזאנג קאָלנידרע, א געניאלס לויט דער מוזיק און א צוגענאָגלטס צום טאָג־לעבן לויט דעם טעקסט.

אָט דעם ווידערשפּרוך, דעם אײַנרײַס צווישן „הימלדיקן" און ערדישן אין קאָלנידרע האָבן ריכטיק אופגעכאפּט די גרויסע כאזאָנים — מוישע קוסעוויצקי, גערשן סיראָטא און אנדערע, — וועלכע האָבן אויסגעפילט קאָלנידרע אָן דעם רעליגיעז־מיסטישן נעפּל, ווי זינגער, ווי אזעלכע זינגער, וואָס פארשטייען דעם „קוועטש", ווײַל אויסער דער שטים און דער פּאָעטישער וויזיע, פארמאָגן זיי נאָך די ספּעציפישע כאזאָנישע פאר־

שטענדעניש מיטן מאַטעריאַל. די טראַדיציאָנעלע טרויעריק־אַנגסטפולע מעלאָדיע, וועלכע גייט אַריבער לאַנגזאַם פון פּיאַניסימאָ צו פאָרטיסימאָ, האָט קוסעוויצקי, לעמאָשל, באַרײַכערט מיט אינטאָנאַציעס, וועלכע זײַנען ווײַט פון אונטערטעניקייט און שוואַכקייט. זײַן הויך, שטאַרק קאָל האָט געפּאָדערט, זיך געקלאָגט און אַפילו ערטערווײַז „געקלאַפּט אין טיש״.

✧

בלעטלעך פון מײַן טאָגבוך

נעכטן בין איך ווידער געפאָרן צו ראָבסאָנען אין דער סאַנאַטאָריע „באַרוויכע״, וווּ ער רוט זיך אָפּ צוזאַמען מיט זײַן פרוי עסלאַנדאַ. דאָס איז געווען שוין ס׳דריטע מאָל (אַ טאָג נאָך אַ טאָג), ווען מיר זײַנען זיך צונויפגעקומען אָפּ צו אָפּרעדן וועגן דעם אָוונט, געווידמעט שאָלעם־אַליינכעמען — צו זײַן 100־טן געבורטסטאָג, — וועלכער וועט פאָרקומען אין קאָלאָנען־זאַל פונעם הויז פון די פאַריינען, און סײַ איך, סײַ ראָבסאָן האָבן צוערשט געמיינט, אַז דער שמועס וועט זײַן אַ קורצער און איך וועל זיך אומקערן קיין מאָסקווע נאָך ביזן מיטיק. ערשט עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז „פּאַוועל וואַסיליעוויטש״ (אַזוי רופן מיר ראָבסאָנען) האָט, קאָן מען זאָגן, געוואַרט אויף דער געלעגנהייט זיך דורכצושמועסן, און מיר איז אויך די זאַך טשיקאַווע, און אָט... דרײַ טעג נאָכאַנאַנד שמועסן מיר, און ס׳איז דערווײַל ערשט צו האָפן, אַז מאָרגן, אימירצעשעם, וועלן מיר סאָפּקאָלסאָף זיך אַ נעם טאָן פאַר דער עצעם טעמע וועגן דעם אָוונט, כאָטש — וואָס איז דאָ פאַראַן צו ריידן: ניטאָ, דאַכט זיך, אין דער וועלט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל ניט גרייט זײַן אָנטיילצונעמען אין אַן אָוונט וועגן שאָלעם־אַליינכעמען.

דערווײַל זיצן מיר אַ שאָ און צוויי און דרײַ — און מיר רעדן.

— צי ווייסט איר, — פרעגט ראָבסאָן, — וויאַזוי איך בין געוואָרן אַ זינגער?

— איך ווייס ניט.

— גאָר אומגעריכט בין איך געוואָרן אַ זינגער! ס׳איז געשען אין מײַנע סטודענטישע יאָרן, ווען איך האָב, אויסער שטודירן, אַרײַנגעכאַפּט אויך אַ ביסל ספּאָרט — פוטבאָל און באַסקעטבאָל, און באַזונדערס האָב איך זיך אָפּגעגעבן דעם טעאַטער. דאָרט, אין דראַמאַטישן קרײַז פון קאָלעדזש, ווו כ׳האָב זיך געלערנט, איז עס טאַקע געשען: פון מײַן „איניווערניק״, פון די טיפענישן פון מײַן וועזן, האָט זיך מיטאַמאָל אַרויסגעריסן דער באַס, וועגן וועלכן כ׳האָב ביז דעמלט קיין אַנונג ניט געהאַט... נו, ווי אַנדערע פאַרוואַנדלונגען, איז אויך מײַן פאַרוואַנדלען זיך אין אַ זינגער געווען ניט מער ווי אַ צופאַל. איך האָב דעמלט געשפּילט די הויפּט־ראָל אין דער סטודענטישער שטעלונג פון יודזשין אָ׳נילס פּיעסע „דער אימפּעראַטאָר דזשאָנס״. אויף דעם אָרט, ווו דער אימפּעראַטאָר האָט באַ־

דאַרפט שטימונגספול אונטערפּײַפן, האָב איך איינמאָל, אָנשטאָט פּײַפן, אָנגעהויבן אַף דער בינע צו זינגען. איר האָט מיסטאָמע געהערט וועגן די ספּיריטשועלס, אונדזערע נעגערשע לידער, מערסטנס אַף ביבלישע סוזשעטן, וואָס די שוואַרצהויטיקע קנעכט אין אַמעריקע פלעגן פאַרפאַסן, קעדיי אין אַן עזאָפּישער פאָרם אַרויסזאָגן זייער פּראָטעסט קעגן די אַכ־זאָריעסן פון די ווײַסע. איז אָט — מיט אַ ספּיריטשועל האָב איך פאַרביטן דאָס פּײַפן! איר ווייסט ניט, וואָס עס האָט זיך דאַן געטאָן אין זאַל... פאַר מיר האָט זיך עס פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס איך בין געוואָרן אַ פּראָ־פעסיאָנעלער זינגער...

— פּאַוועל וואַסיליעוויטש, איר האָט אָקאָרשט געזאָגט, אַז דער באַס האָט זיך פון אײַך „אַרויסגעריסן". ער איז, הייסט עס, פּונקט ווי געזעסן אין אײַך, און איר האָט פריִער אָדער שפּעטער זיך געמוטשעט פון אים באַ־פרײַען, „אויסליידיקן דעם האַלדז פון די קלאַנגען". פּונקט אַזאַ געפיל איז, ווי איך ווייס לויט זיך אַליין, פאַראַן באַם דיכטער, ווען די ליד איז שוין באַ אים פאַרטיק, ער „וואַרגט זיך מיט איר", זי „ליגט אים אונטערן האַרצן", ער מוז זי אַרויסגעבן, אַניט נאָגט אים עפּעס אינווייניק, ער דאַרף, כאָטש איך איבער, אויסליידיקן זײַן וועזן פון איר...

— די באַדערפעניש צו אויסליידיקן פון קלאַנגען די נעשאָמע, דעם „אינווייניק", דעם האַלדז, איז אַן ערעך אַזאַ, ווי דער מוז אַרויסצולאָזן אַ ביסל דאַמף, קעדיי דער קעסל זאָל ניט פּלאַצן. אָפט הייב איך אָן גלאַט אַזוי „רײַסן דעם גאָרגל": אָ! אָ! אָ! אָ! — עס זאָל מיר גרינגער ווערן. די מערהײַט מענטשן מיינען, אַז זינגען הייסט אויסשליסלעך אַרויסברענגען האַרמאָנישע קלאַנגען. אַזאַ קוק איז נאַיִוו. ווער ווייסט ניט, אַז מוזיק איז ביכלאַל פיל מערער, איידער דאָס, וואָס מיר באַצייכענען מיט אָט דעם נאָמען. אַרבעט — איז מוזיק, דער אָנגעשטרענגטער, פולער אָטעם באַ דעם, וואָס אַרבעט, איז געזאַנג. ווען אַ מענטש הוסט אַפילע, זינגט ער. דאָס ריידן — איז מוזיק. הײַנט דער געלעכטער פון אַ מענטשן! הערט זיך צו, ווען מע לאַכט! פאַרוואָס פאַרשרײַבט מען ניט אַף פּלאַטן, וויִאַזוי עס לאַכן פאַרשיידנערליי מענטשן? אָט וועל איך באַלד אַ לאַך טאָן, וועט טוואַרישטש רוקוסוווסקי זיך ניט ווילנדיק אָפּשטעלן און מיט כידעש און נײַגער זיך צוהערן צו דער מוזיק פון מײַן געלעכטער... (אין דער רעגע איז פאַרבײַ דער באַנק, אַף וועלכער מיר זײַנען געזעסן, דורכ־געגאַנגען אַ הויכער עלעגאַנט־געבויטער מענטש — אָנגעטאָן אין אַ היי־מישן יעגער־רעקל, — טאַקע, ווײַזט זיך אַרויס, דער מאַרשאַל ראָקאָ־סאָווסקי).

ראָבסאָן רעדט וועגן ייִדן און נעגערס:

— אויב צווישן די ווערטער: „ייִד" און „נעגער" אַרײַנשרײַבן דאָס וואָרט „אַמעריקע", דאַרף מען צו דעם צוגעבן די אַלגעמיינע פאַר ביידע פעלקער ציפער „300", אָדער עטוואָס מער — ניט אין דער פּינקטלעכער ציפער גייט דאָ, מיט יעדן טאָג ווערט זי דאָך, נאַטירלעך, גרעסער. די ערשטע נעגער־שקלאַפן זײַנען אין דזשיימסטאַון אַראָפּגעפירט געוואָרן פון דער שיף בלויז מיט 35 יאָר פאַר דעם, ווי קיין ניו־אַמסטערדאַם איז געקומען די ערשטע גרופּע ייִדן. און פון אָנהייב אָן האָט עפּעס וועזנט־

לעכס פֿאַרבונדן די נעגערס און די ייִדן. אײנע זײַנען געװען פֿאַרשקלאַפֿט און אַרױסגעפֿירט פֿון זײער הײם, די אַנדערע — פֿאַרפֿאָלגט פֿון פּאָגראָמען און געצװוּנגען זײער הײם צו פֿאַרלאָזן. אָט די צװײ פֿעלקער זײַנען נאָך אױך הײַנט ניט „הונדערטפּראָצענטיק אַמעריקאַניש", האָגאָם אין געװעב, װאָס רופֿט זיך אַמעריקע, פֿלעכטן זיך אַרײַן זײערע פֿאַרביקע שטײַפֿע פֿעדעם אױף אַלע הונדערט פּראָצענט! האַקלאַל, מײַן טײַערער, ס'איז שױן פּאַװאָלינקע מער װי 300 יאָר, הײסט עס, װי די נעגערס און די ייִדן גײען אַרום איבער אַמעריקע אױף אומזעבאַר צונױפֿפֿאַלנדיקע װעגן... און מערקװירדיק: װען איך זינג אַ ייִדישע ליד פֿאַר נעגערס, דאַרף איך ניט „איבערפֿאַרבן" װײַס אױף שװאַרץ, איך דאַרף ניט „איבערזעצן" די ריטמען און די אַקצענטן. אָפֿט כידעש איך זיך, װי גרינג די ייִדן נעמען אױף נעגערשע מעלאָדיעס. און דאָס פֿירט מיך װידער אַרױף אױפֿן געדאַנק, אַז מוזיק איז פֿיל מערער, אײדער דאָס, װאָס מיר באַצײכענען מיט אָט דעם נאָמען. װײַזט אױס, אַז צונױפֿגעקרעמפּעװעטע פֿױסטן — זײַנען מוזיק, פֿאַרדראָס און צאָרן, און אױך בענקשאַפֿט נאָך פֿרײַהײַט — אַװאַדע מוזיק. אײנמאָל, װען איך האָב אױף אַ נעגערשער פּראָטעסט־פֿאַרזאַמלונג געזונגען אױף ייִדיש „זאָג ניט קײנמאָל, אַז דו גײסט דעם לעצטן װעג", האָבן אין זאַל זיך אַלע אױפֿגעשטעלט. אױף מאָרגן האָב איך צװישן ייִדן געזונגען די נעגערשע ליד װעגן װאַסערפֿירער. איר געדענקט עפּעס, װי־אַזױ אין אַ פּאָר קופּלעטן הערט זיך דאָס שװערע אַרױסאָטעמען פֿונעם װאַסערפֿירער באַם שלעפּן דעם פֿולן עמער מיט װאַסער. איך זינג, און הער, װי מיט מיר צוזאַמען לאָזט אַרױס דער גאַנצער אױלעם דעם אומיקאַלן פֿאַר אַ זינגער אָטעם־קלאַנג...

נאָך אײנעם אַ קאָנצערט פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער בין איך צוזאַמען מיטן קאָמפּאָזיטאָר זינאָװי קאָמפּאַנײעץ אַרױסגעגאַן אין גאַס, און װײַל ס'איז געשטאַנען אַ װאַרעמער, פֿרישער אָװנט, זײַנען מיר אַװעק זיך דורכשפּאַצירן איבער מאָסקװע.

די מאָדערנע ליניעס פֿון די נײַע מױערן, אונטערערדישע דורכגאַנגען, קאַפֿע־הײַזער, האָגאָם זײ זײַנען גענוג „בײגעװדיק" לעגאַבע די אַלטע פֿאָרמען פֿון דער שטאָט, פֿירן אַ מין װיקועך מיט זײ, אָפּפֿרישנדיק אין סאַכאַקל דעם אױסזען פֿון די גאַסן און פּלעצער.

װעגן דעם האָבן מיר גערעדט, און מיר זײַנען בײדע געקומען צום געדאַנק, אַז אַזעלכע „צװישנבאַציִונגען" צװישן טראַדיציע און הײַנטצײַטיקײַט זײַנען לעבנסנײטיק אױך פֿאַר דער נאַציאָנאַלער מוזיק, אַרײַנגערעכנט די זינגליד, קעדײ אױסמײַדן דאָס פֿאַרװאַנדלען די נאַציאָנאַלע קונסט אין אַ פֿעלד פֿון נאַציאָנאַלער עקזאָטיק.

דער דאָזיקער שמועס איז געװאָרן אָן אָנהײב פֿון מײַן צוזאַמענאַרבעט מיט אַ רײ קאָמפּאָזיטאָרן אױף צו שאַפֿן הײַנטצײַטיקן רעפּערטואַר פֿאַר ייִדישע סאָװעטישע זינגער. ס'איז ניט אַװעק קײן סך צײַט, און אין „סאָװעטיש הײמלאַנד" האָט זיך באַװיזן קאָמפּאַנײעצעס „זינג מיר אַ נײַע ייִדישע ליד". די װערטער האָב איך פֿאַרפֿאַסט מיטן מײַן צו פֿאַר־

פירן א וויקועך, פונקט אזא, ווי צווישן די נײַע ליניעס אין דער ארכיטעקטור מיט די אלטע.

פון דעמלט אָן האָב איך שוין אָנגעשריבן א גרויסע צאָל לידער פאר מוזיק, און יעדע פון זיי האָט איר גורל. אָט, לעמאָשל, איז די געשיכטע פון דער ליד „דאָס יִדישע מיידל מארוסיע”.

בעשאַס מײַנער א רײַזע איבער מאָלדאוויע בין איך איינמאָל ארײַנגעקומען אין א ביר־הויז, וואָס שטייט באם וועג ניט ווײַט פון קעשענעוו. די פארקויפערן איז געווען א יונגע פרוי מיט א מערקבאר פינטעלע טרויער אין די גרויסע טונקעלע אויגן און מיט א שווערן שווארצן צאָפּ איבערן אקסל. מע האָט זי גערופן מארוסיע. צערעדנדיק זיך מיט מיר, האָט זי אין עפּעס א קאָנטעקסט דערמאָנט דעם נאָמען פון איר מאמען — אודאָטיע סערגייעוונא. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז מארוסיע איז געבוירן געוואָרן בא יִדישע טאטע־מאמע. ווען די פאשיסטן האָבן אָקופּירט מאָלדאוויע, האָט מען זי, אן אייפעלע, געשטעלט צום צעשיסן צוזאמען מיט אירע עלטערן, אין אן אלגעמיינער גרוב. די עלטערן זײַנען אומגעקומען, נאָר זי, דאָס קליינע מיידעלע, איז געבליבן לעבן, ווײַל די מערדער האָבן געשאָסן „העכער פון איר קאָפּ”. אודאָטיע סערגייעוונא, א שכיינע, האָט זי ארויסגעשלעפּט פון גרוב, א האלב־טויטע, אָנגערופן זי מיטן רוסישן נאָמען מארוסיא און שפּעטער זי דערצויגן ווי אן אייגן קינד.

א דערשיטערטער פון דער געשיכטע, האָב איך אָנגעשריבן א ליד, וואָס הייבט זיך אָן מיט די שורעס „דאָס יִדישע מיידל מארוסיע מיט בײַבלישע אויגן און צעפּ, געבוירן זי איז צווישן רוסן און צווישן די רוסן זי לעבט”, — און זינאָווי קאָמפּאנייעץ האָט פארפאסט מוזיק.

פארשטענדלעך, אז אין אזא ליד קאָן די מעלאָדיע ניט זײַן קיין נאַציאָנאַל־אָפּגעשלאָסענע. ס׳איז דאָך א געשיכטע, ווו די אָנטיילנעמער זײַנען מענטשן פון צוויי נאציעס, ניט פון איינער. מארוסיעס געשטאלט איז פונקט אזוי קאָמפּליצירט ווי איר גורל. אויב אין דער גרוב איז מארוסיע געווען א יִדישקע, איז זי אין שטוב געוואָרן א רוסישע. אין דער זעלבער צײַט איז קיין צווייפל ניט, אז פון גרוב זײַנען מיט איר אין שטוב מיטגעגאנגען די שאָטנס פון אירע יִדישע טאטע־מאמע, און איר געהארגעטע מאמע און אודאָטיע סערגייעוונא — איר לעבנסלאנגע מאמע — האָבן שוין געהאט איין געשטאלט.

די מוזיק פון א ליד, וועלכע איז געבויט אף אָט דער געשיכטע, האָט דאָס אלץ באדארפט אָפּשפּיגלען, פריִער פאר אלץ און מערסטנס אין די אינטאָנאציעס.

אויך וועגן דעם, אז אין דער הײַנטצײַטיקער יִדישער מוזיק דארף זיך הערן די מעלאָדיק פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר, יִדן, לעבן, אויך וועגן דעם, געדענק איך, האָבן מיר גערעדט — קאָמפּאנייעץ און איך, ארומשפּאצירנדיק אין א שיינעם פארנאכט איבער מאָסקווע.

✧

די טאָכלעס־רייד פון אווראָם סוצקעווער

ווען דער רעדאַקטאָר פון דער טעל־אוויווער צײַטשריפט „די גאָלדענע קייט" אווראָם סוצקעווער איז געקומען אויף אַ קורצער צײַט קיין פּאַריז, האָט אַ מיטאַרבעטער פון דער דאָרטיקער צײַטונג „אונדזער וואָרט" פאַרגעבן אים „אַ רייע פראַגן", און סוצקעווער האָט בײַ דער געלעגנהײַט אַרויסגעזאָגט זײַנע געדאַנקען. „ווי אַזוי שטעלט איר זיך פאָר הײַנט, אין אונדזערע טעג, די ראָל פון אַ ייִדישן דיכטער?" — האָט געוואָלט וויסן דער פּאַריזער זשורנאַליסט.

טאַקע טשיקאַווע: ווי אַזוי שטעלט זיך פאָר אַ טוער פון דער הײַנטיקער ייִשׂראל־ליטעראַטור די מיסיע פונעם הײַנטיקן שרײַבער?

סוצקעווערס ענטפער איז אַ מוסטער פון קליינשטעטלדיקער גײַווע, פון שייגעצדיקער אַן נאַציאָנאַלער פּאָזע, אין דער צײַט, ווען עס האַנדלט זיך ווערגן אַן איניען, וועלכער פאָדערט פּראָסטע רייד.

„די ראָל פון אַ ייִדישן דיכטער אין אונדזערע טעג, — האָט סוצקעווער דעקלאַמירט פאַר דעם זשורנאַליסט, — איז דערהייבן דאָס ייִדישע וואָרט צום סאַמע אויבנאָן פון דער וועלט־דיכטונג און אײַנגראַווירן זײַן פאַרזענלעכקײַט אין באַוווסטזײַן פון דער מענטשהײַט"...

אַ הייליקע מיסיע: מע דאַרף ווערן דער „אויבנאָן". אין אַ געוויסן פּראַט איז שוין, לויט סוצקעווערן, דער ייִדישער שריפטשטעלער „געזאַלבט": „אַ ייִדישער דיכטער אין אונדזערע טעג דאַרף קוידעמקאָל טאָמיד געדענקען זײַן געזאַלבטקייט. ער איז געזאַלבט מיטן בלוט פון זײַנע אויסגעמאָרדעטע כאַוויירים אין געטאָס, טורמעס און לאַגערן. ער איז דאָס זינגענדיקע מויל פון די טויטע..."

אָבער וואָסערע געזאַנגען דאַרף „דאָס זינגענדיקע מויל פון די טויטע" זינגען הײַנט? עפּשער איז דער כּיוון פון ייִדישע דיכטער — אויפהייבן זייער קאָל לעטויוועס אַ געגעכטיק צוזאַמענלעבן צווישן ייִשׂראל און די אַראַבישע לענדער, פאַר סאָציאַלער באַנײַונג אין ייִשׂראל, קעגן די קויכעס, וועלכע שלעפּן די יונגע מדינה צום אָפּגרונט?

ניין! — שרײַט אויס סוצקעווער. — איינמאָל ניין!

אויף דער פראַגע פונעם זשורנאַליסט „מיט וואָס קענט איר דערקלערן דעם פאַקט, וואָס די ייִנגערע ייִדישע שרײַבער פון ייִשׂראל זײַנען בײַכלאַל ניט מיטבאַטייליקט אין עפנטלעכן לעבן פון לאַנד?" — גיט ער אַ פּרעצעדענטלאָזן פאַר דער ערנסטער ליטעראַטור ענטפער:

„איך פאַרשטיי ניט, וואָס עס מיינט „ניט מיטבאַטייליקט אין דעם עפנטלעכן לעבן פון לאַנד". אויב עס מיינט — אין פּאָליטישן לעבן, האַלט איך עס אין אַ היפּשער מאָס פאַר אַ בראָכע. די ייִדישע ליטעראַטור האָט גענוג באַצאָלט פאַרן זײַן פּאָליטיש אַנגאַזשירט. דער פּאַרטיי־מיקראָב האָט אויפגעפרעסן ניט איין שרײַבער סײַ אין ראַטנפאַרבאַנד, סײַ אין אַמעריקע. אין ייִשׂראל האָט זיך דער ייִדישער שרײַבער פאַר קיינעם ניט געבוקט און האָט ניט געדאַרפט „צעברעכן קיין לוכעס"...

...אין איינער פון אווראָם סוצקעווערס לידער ווערט געשילדערט, ווי דער אַווטאָר קומט אַרײַן אין אַ פּאַריזער „קעלער פון פאַרגעסן", קעדיי

זיך אַ ביסל אָפּוועגדן פון ערדישע זאַכן. די ליד ענדיקט זיך מיט אַזאַ סטראָפע:

מיר זענען אראָפּ זיך פארגעסן
און האָבן דערביי פארגעסן,
אז אין קעלערן פון פארגעסן
קאָן מען ניט פארגעסן...

איך וואָלט געשיצט סוצקעווערן, ער זאָל זיך ארייַנטראַכטן אין דער דאָזיקער אייגענער ליד, אויב ער וויל פארשטיין, וואָס עס קומט ארויס פון „ניט מיטבאטייליקן זיך אין דעם עפנטלעכן לעבן פון לאַנד".

✧

אָשער שווארצמאַן, גאַלאַקטיאָן טאַבידזע...

טאָמיד בלייַבן מיר שטיין פארגאַפטע, ווען מיט אַלציינע מאָטיוון, מיט ענלעכע טעמאַטישע, סוזשעטישע, געדאַנקלעכע לייזונגען רופן זיך איבער שריפטשטעלער פון פארשיידענע עפּאָכעס, אָדער פון דערווייַטער־טע צווישן זיך געאָגראַפישע ספּערעס, ד.ה. אַזעלכע שריפטשטעלער, וועלכע האָבן פּערזענלעך ניט געקאָנט זיך טרעפן איינער מיטן צווייטן, און די ענלעכקייט פון זייערע ווערק איז אַ רעזולטאַט פון אָביעקטיווע געזעצן פונעם געזעלשאַפטלעכן באַוווסטזייַן.

אַ בולעטן ביישפּיל דערפון געפינען מיר אין דער נאָענטקייט צווישן די לידער, וועלכע עס האָבן אין איינער און דער זעלבער צייט, אָבער אין גאָר פארשיידענע נאַציאָנאַלע סוויוועס, אָנגעשריבן צוויי פּאָעטן, וואָס פאראייניקט האָט זיי בלויז און אויסשליסלעך די רעוואָליוציאָנערע אידייִשקייט. די צוויי שריפטשטעלער זיינען — אָשער שווארצמאַן, אַ יידישער פּאָעט, און גאַלאַקטיאָן טאַבידזע — אַ גרוזינישער פּאָעט.

אין אַ ליד פון 1917 האָט טאַבידזע אויסגערופן (אין דער רוסישער איבערזעצונג):

Солнце взошло!
Становитесь в колонны!
Стройтесь!
Знамена, знамена —
скорей!

און מיר דערמאָנען זיך שווארצמאַנס:

אפגיך צום פערד, די האַנט שטאָל אָן,
ס'איז איצט די שווערד,
די שפּיז אַ פאָן...

די פאַר־רעוואָליוציאָנערע מאָטיוון, וועלכע שפּיגלען אָפּ דעם גרויסן פאַרגעפיל פונעם אָנקומענדיקן שטורעם און באַנייִונג, זײַנען אויך שטאַרק ענלעך באביידע דיכטער. שוואַרצמאַן שרײַבט אין 1911:

אלע טאָג פאַר זונען־אופגאַנג
שווײַגן שטיל דאָס פעלד, דער וואַלד;
דאָרטן ווײַט די לענג פון מיזרעך
ווערט מיט ראָזער שײַן באַשטראַלט.
פאַר אַ שטורעם־ווינט אַ שטאַרקן
וואַרטן שטיל אי פעלד, אי וואַלד...
לויפט די צווײַגן דורך אַ ווינטל
און רוימט אײַן: אָט באַלד, אָט באַלד...

און אָט איז דער זעלבער פאַרגעפיל פון דער אָנקומענדיקער רעוואָ־ליוציע, אויסגעדריקט דורך נאַטור־אַסאָציאַציעס, בא טאַבידזע אין 1913:

Туча в душу льет истому.
Лик свой чистый солнце хмурит.
Видно, быть великой буре!
Душно. Тяжко. Клонит в дрему.
Лес чинар стоит понуро.
Видно, ветру быть большому,
Видно, быть великой буре!

דער פערזענלעכער גורל באַם גרוזינישן דיכטער און באַם יידישן איז געווען אַ פאַרשיידענער. שוואַרצמאַן איז באַם סאַמע אָנהייב פון זײַן שעפערישן וועג פאַרשניטן געוואָרן, טאַבידזע האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנג פרוכטבאַר לעבן. אָן אַלציינער איז זייער אופטו: ביידע זײַנען זיי די אָנהייבער פונעם סאָוועטישן פעריאָד אין זייערע נאַציאָנאַלע פּאָעזיעס. אין דער געשיכטע פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור שטייען זיי איינער לעבן דעם אַנדערן.

✧

ניטאָ, ווער ס'זאָל לאַכן

די אַנטיסאָוועטישע יידישע טומלער שלעפּן געוויינלעך אַרײַן ניט־יידישע ליטעראַטן אין זייערע קאַמפּאַניעס אַרום דעם גורל פון די סאָ־וועטישע יידישע שרײַבער, און דאָס ברענגט, צווישן אַנדערס, נײַע בײַ־שפּילן, וויאַזוי אין אייניקע נאַציאָנאַלע סוויוועס ווייסט מען ניט גאָרנישט וועגן אונדזער ליטעראַטור.
אָט איז איינער פון די לעצטע אַבסורדן.

אין בוענאָס־אײַרעס, אַף אַן אַנטיסאָוועטישער פֿאַרזאַמלונג, האָט די דאָרטיקע שפּאַניש־שפּראַכיקע שרײַבערן סיריאַ פּאַלעטי, לויט ווי עס גיט איבער די צײַטונג „לאַ נאַסיאָן“, דערציילט דעם עולם וועגן בער־געלסאָנען, מאַרקישן, קוויטקאָן, האָפּשטיינען און אַנדערע גרויסע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער בוכשטעבלעך אָט וואָס:

„זיי האָבן אָפּגעלעבט די העברעיִשע שפּראַך, וועלכע זיי האָבן פֿאַרשפּרייט מינדלעך, ווײַל ס'איז זיי פֿאַרבאָטן געוואָרן צו פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע ווערק, און אַזוי־אַרום האָבן זיי דערגרייכט, אַז די שפּראַך פֿון דאַווענען האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ לעבעדיק לשון... די דאָזיקע שרײַבער האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט די דערנענטערונג צו דער ביבל, וועלכע גאָט האָט געגעבן די מענטשן, קעדיי זיי זאָלן זיך דערהייבן“...

✧

פּאָעזיע און געדאַנקלעכקײַט

טרעפֿלעכער פֿון אַנדערע האָט אויסגעטײַטשט דעם מעהוס פֿון פּאָעזיע מיכאַיִל פּרישווין: פּאָעזיע — דאָס איז דער פּאַרגעפֿיל פֿונעם געדאַנק.

אַ דיכטער שאַפֿט זײַן ליד „מיטן האַרצן“, ניט „מיט דעם געדאַנק“. צוטראַכטן אַ ליד קאָן יעדערער, אויסדיכטן אַ ליד איז בעקוויעך בלויז אַ פּאָעט.

ניטאָ אַזאַ באַזונדערער זשאַנער — אינטעלעקטועלע דיכטונג. ווען אין עמעסער פּאָעט פֿאַרוואַנדלט אין דיכטונג אַ פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק, קומט פּאָר פּונקט דאָס זעלבע, ווי דאָן, ווען פֿון אַן אויפֿטרייסלונג ווערט באַם מענטשן דאָס אויג פֿאַרטונקלט מיט אַ טרער. אין דער טרער „שטעקט“ דעם מענטשנס האַרץ, אין דער ליד איז דער פֿילאָסאָפֿישער געדאַנק דורכגעלאָזט דורכן דיכטערס נעשאָמע־קישעף.

די אָנהענגער פֿון „אינטעלעקטועלער דיכטונג“ פֿאַרינטעלעקטועלעווען, מאַכן פֿאַרדרייט און פֿאַרפּלאָנטערט גופֿע דעם באַגריף פּאָעזיע. דער טיפֿזיניקער מיילעך ראַוויטש, לעמאָשל, שרײַבט אין זײַנעם אַ „דיאַלאָג מיט זיך אַליין“, וועלכן ער רופֿט אָן „וועגן אַבסאָליוטער פּאָעזיע“: „מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט פֿיר איך אַ דיאַלאָג מיט זיך אַליין אַף דער טעמע: פּאָעזיע. פּאָעזיע איז אַן עלעמענט אין דער פֿאָרם און אין דעם אינהאַלט פֿון אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אין דעם לעבן און טויט פֿון דער אייביק־גײַסטיקער באַשעפֿעניש, וואָס גייט, קריכט, לויפֿט, שווימט און פֿליט, אויף און אונטער און איבער דער פֿלאַך פֿון דעם קאַדור האָאַרעץ“.

גיי, פֿאַרשטיי עפּעס.

בעסער וואָלט ער געזאָגט: ניט יעדע באַשעפֿעניש, וואָס „גייט, קריכט, לויפֿט“ — און טראַכט! — קאָן שאַפֿן דיכטונג. ער וויל אָבער ניט אויסזען ניט געניג אינטעלעקטועל, און ער... האַקט אַ טשײַניק. עמעס, נאָך זײַן דעפֿיניציע פֿונעם באַגריף פּאָעזיע גיט ער אָפּ ריין ייִדישן אויפֿן אַ מאַך

דעם „צוריקגערעדט“: „אין די ערשטע פּאָר פּסוקים פון דעם מײַמער (אָן אבזאַץ, אַ קאַפּיטעלע הייסט בא אים אַ פּאָסעק...— א. וו.) האָבן מיר אין אַ דיאַלאָג מיט זיך אַליין געפרעגט: איז פּאָעזיע דאָ, אויף דער וועלט, און בעיקער אין אונדזער יידישער וועלט, (מעסוגל) אופצופּלאָנטערן דאָס פאַרפּלאָנטערטע, אָדער צו פאַרנעפּלען דאָס קלאָרע?“

✧

שולדיק איז דער קרומער שידעך פון זײַן טאַטן

— פאַרוואָס שרײַבט איר פון שיידים?

— איך שרײַב פון דעם פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן, און דעמלט האָט מען געגלייבט אין שיידים. איך אַליין גלייב אויך אין שיידים...

דער דאָזיקער דיאַלאָג איז געבראַכט געוואָרן אין דער יסראָעלדיקער „יידישער צײַטונג“, אין אַ באַריכט וועגן אַ באַגעגעניש מיט לייענער, וועלכע ס'האָט געהאַט אין טעל־אוויוער לייוויק־הויז דער שרײַבער יִצכאָק באַשעוויס בעשאַס זײַנעם אַ גאַסט־באַזוך אין דער מעדינע.

די פראַגע האָט פאַרגעבן אַ לייענערן. ווי מיר זעען, האָט דעם שרײַבערס ענטפער גאָרנישט ניט פאַרענטפערט. באַשעוויס האָט בלויז אָנערקענט, אַז סײַ ער אַליין, סײַ זײַנע פּערסאָנאַזשן זײַנען געבליבן שטעקן אינעם פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן. קעדיי דאָס צו פעסטשטעלן, האָט מען ניט באַדאַרפט וואַרטן אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אין טעל־אוויוו. די לייענער ווייסן אַזוי אויך דעם טאָך פון באַשעוויס־זינגערס פאַרעפנטלעכטע ראָמאַנען: אידעאַליזאַציע פונעם נעכטן, יענוועלטיקע אינטערעסן, פּאָרנאָגראַפיע, זנוס, שרעטעלעך, שיידים.

לעמאַן האָעמעס דאַרף מען אָבער זאָגן, אַז דאָס מאָל, אויפן אָוונט אין לייוויק־הויז, האָט באַשעוויס פאָרגעלייענט דאַפקע אַ רעאַליסטיש־אָנגעשריבענע סקיצע — „דאָס הויקערל“, אין וועלכער ס'ווערט דערציילט, וויאַזוי ער, באַשעוויס, איז אַנומלטן אַרומגעגאַנגען מיט זײַן העברעיִשער איבערזעצערן איבער טעל־אוויוו, און אין איינעם אַ שמאָלן געסל, „פול מיט געשעטלעך פון אויבסט, גרינסן, טישן מיט העמדער, מײַטקעס, שיך“, האָט ער זיך דערפילט, ווי אויף דער אַלטער קראָכמאַלנע־גאַס אין דער אַמאָליקער יידישער וואַרשע. ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אַפילע דעם כאַראַקטעריסטישן פּערסאָנאַזש פון דער קראָכמאַלנע — אַ הויקערל, וואָס האַנדלט מיט אויבסט... קעדיי צו האָבן אַ באַווײַז, אַז באַשעוויס קאָן אויך — ווען ער וויל — שאַפן אַ רעאַליסטיש בילד, שרײַב איך דאָ אַראָפּ אַ גרעסערן אויסצוג פון דער סקיצע:

„ערשט איצט פאַלט מיר אײַן, אַז כ'האָב פאַרלוירן מײַן איבערזעצערן... איך גיי זי זוכן, אָבער יעדער טראָט קומט מיר אָן מיט שוועריקײַטן. מע שטופּט מיך, מע שטויסט מיך, און קוילעס הוילן אויף מיר פון אַלע זײַטן... אין געדראַנג שטרעקן אויס בעטלערס הענט נאָך נעדאָווע,

קאַליקעס ווײַזן זייערע פּעלערן, אַ בלינדער פּרוּווט זינגען אַ ליד, אַ טײַמענער אין אַ זילבער־געשלייפטער יאַרמלקע, מיט אַ ווײַסער באָרד פון אַ נאָווי, אין אַ מאַלבעש פון ווײַסע און שוואַרצע פּאַסן, ווי אַ טאָלעס, טרייסלט אַ פּושקע מיט אַן אויפשריפט... איך פאַרנעם אַ היימישן געקלאַפּ און הייב אויף דעם בליק. אויף אַ באַלקאָן, וואָס הענגט קרום, אָפּגעריסן פון טינק, גרייט יעדע רעגע אַראָפּצופאַלן, שטייט אַ מויד און קלאַפּט אויס בעטגעוואַנט מיט אַ שטעקן. פון פענצטער מיט צעבראָכענע לאָדנס גלאָצן אַרויס צעשויבערטע ווײַבער, האַלב־נאַקעטע קינדער. אויסגעדאַרטע טײַבעלעך, אורייניקלעך פון די טערל־טויבן, וואָס מ׳האָט פון זיי מאַקריוו געווען קאָרבאָנעס, האַלטן זיך אויף אויף איבערבלײַבענישן פון געזימצן. זיי הענגען אויף ניסים. זיי וואַרטן אויף אַ טויבישן מאָשיעך... אין דער גאַנצער כמימע בלאָזט אַן אַ ווינטל פון יאַם־האַגאָדל, געמישט מיט דעם זאַמד פון דעם מידבאָר סינײַ. מיטאַמאָל דערזע איך מײַן איבערזעצערן. זי האָט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ שרײַבערן, אַ סויפערטע בעייִסראָעל, אַן אָנהענגערן פון קאַפקאַן, אַן אויסטײַטשערן פון דזשאָיסן, און אַז זי שרײַבט אַ בוך וועגן גנעסיִנען. ס׳האָט זי פאַרכאַפּט די אוראַלטע ווײַבערשע לוסט נאָך מעציִעס. זי שטייט בײַ אַ געשטעל און נישטערט אין אַ קופּע מיט ווײַבערשן אונטערוועש"...

דער געבראַכטער אויסצוג פון דער סקיצע באַווײַזט, אַז מע וואָלט געקאָנט באַגריסן די פּלוצעמדיקע אַנטפּלעקונג פון באַשעוויסן אין גאָר אַ נײַער קוואַליטעט. ווען דאָס זאָל זײַן אַזוי, וואָלט דער איבערגעבראַכטער דיִאַלאָג צווישן דעם אווטאָר מיט דער לייענערן וועגן שיידים אויסגעזען גאַנץ מאָדנע. וואָס פאַרא שיידים? ווי קומען אַהער שיידים?

צום באַדויערן, איז עס אָבער ניט אַזוי. די סקיצע איז אַ סקיצע, נאָר באַשעוויס בלײַבט באַשעוויס. אָט וואָס עס איז ווײַטער פאָרגעקומען אין לייוויק־הויז, אפן אָוונט מיטן גאַסט.

ס׳איז אַלץ געגאַנגען גוט און וווּיל. באַשעוויס האָט פאָרגעלייענט זײַן סקיצע, דערבײַ האָט דער פאָרזיצנדער אים פאָרגעשטעלט ווי ס׳געהער צו זײַן פאַרן אוילעם אַלס דעם „גרעסטן פון די הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָזאִיקער", און מיטאַמאָל האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט אַן „אוילע פון רוסלאַנד" און פאַרגעבן דעם אווטאָר אַזאַ פראַגע:

— איך בעט אײַך, וואָס זײַנט איר אויסן געווען מיט דער דערציילונג? וועלכע קאַוואָנע האָט איר געהאַט?

(ווײַזט אויס, דער „אוילע" האָט פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך שוין ניט אין רוסלאַנד, וווּ ס׳איז אָנגענומען, אַז אַ שרײַבער דאַרף עפּעס יאָ אויסן זײַן מיט זײַנעם אַ ווערק...).

ווי געזאָגט, איז אין באַשעוויסעס סקיצע, לויט מײַן מיינונג, דאַפקע יאָ פאַראַן אַ געוויסע קאַוואָנע, נאָר דער „אוילע פון רוסלאַנד" האָט זיך גלײַך וועגן דעם ניט געכאַפּט, און ער האָט פאַרגעבן זײַן פראַגע. באַשעוויס האָט (ווי עס גיט איבער די „ייִדישע צײַטונג") געענטפערט:

— איך בין נישט קיין פירער, נאָר אַ שרײַבער. רוסלאַנד האָט אײַנגעשפּאַנט די ליטעראַטור צו דינען דער אידיי, און דאָס טויג ניט. איך

שרײַבן לויט גוטע צי שלעכטע אינספּיראַציעס, און זאָל דער לייענער אַליין מאַכן דערפֿון מאַסקאָנעס...

רעדנדיק וועגן רוסלאַנד, האָט באַשעוויס ניט פֿאַרגעסן צו באַליידיקן דעם אָנדענק פֿון די גרויסע סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער פּערעץ מאַרקיש, דאָוויד בערגעלסאָן און אַנד. „איך וועל זיי ניט אוועקשטעלן אין איין רײַ מיט מײַן טאַטן און מיט מײַן זיידן. זיי האָבן געלעסטערט און פֿאַרניייגט דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן", — האָט געלעצעוועט באַשעוויס. און ער האָט זײַן שמועס מיט די לייענער פֿאַרענדיקט מיט אַזאַ אינטימער דעטאַל פֿון זײַן אייגן לעבן: „צען שרײַבער (פֿון אַמעריקע), — האָט ער דערציילט, — האָבן אָנגעגעבן אַ באַקאָשע צו פֿאָרן קיין רוסלאַנד, אָבער נאָר איינער האָט באַקומען די וויזע", און דער איינער איז טאַקע ער אַליין (פֿאַרט דער סאַמע גרעסטער... — א. וו.). אָבער ער איז ניט געפֿאָרן, ער האָט מוירע געהאַט. „מיר ווייסן דאָך ווויל, אַז די באָלשעוויקעס זײַנען געניבֿי בוידעק די ציצעס, און אויב זיי האָבן מיך אויסגעקליבן פֿון צען, בין איך מיסטאַמע געווען דער גרעסטער (פֿאַרוואָס ניט דער סאַמע גרעסטער? — א. וו.) אַפּטרײַניקער"...

עמעצער אין זאַל האָט פֿון פֿאַרכידעשטקײַט אויסגעבראָכן מיט אַ דערשראָקן קאָל:

— פֿריש און געזונט און מעשוגע!..

מע דאַרף האַלטן, אַז דאָס איז געווען אַן „אוילע פֿון רוסלאַנד". ער איז, ווײַזט אויס, ניט אינפֿאָרמירט וועגן באַשעוויסעס אַ זאָג (אין איינעם פֿון זײַנעם אַ ווערק), אַז די מאַמע זײַנע און דער טאַטע זײַנען געווען אַ קרומער שידעך, און דאָס באַגלייט אים, ייִצחאָק באַשעוויסן, אין זײַן גאַנצן ליטעראַרישן שאַפֿן.

קורץ גערעדט, אין זײַן קרומען אַרט שרײַבן און דענקען איז שולדיק דער קרומער שידעך פֿון זײַן טאַטן.

✧

צו מײַן נאָך ניט אָנגעשריבענער אַווטאָביאָגראַפֿיע

ס'וועט קומען אַ צײַט, און מע וועט דאַרפֿן זיך אוועקזעצן און באַשרײַבן דאָס אייגענע לעבן. אָבער איצט, ביזוואַנען ס'האָט נאָך ניט פּריספּיטשעט, איז געגוג (איבערנעמענדיק די טערמינאָלאָגיע בײַ די מאָלער) פֿאַרגרייטן עסקיזן.

לעמאָשל, די געשיכטע, וויאַזוי איך בין בייס דער מילכאָמע „אומגעקומען".

אין דער צײַטונג „אייניקײַט" פֿאַרן 18 דעקאַבער 1945 האָט אַרן קושניראָוו (ער איז דאַן געווען הויפּט־רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג) אָפּגעדרוקט זײַנע אַ נאָטיץ אונטערן נאָמען „וועגן דעם דיכטער אַרן ווערגעליס". קושניראָוו האָט געשריבן:

„דער טאָג, ווען דאָס היטלערישע דײַטשלאנד איז פארעטעריש אָנגעפאלן אף אונדזער היימלאנד, האָט געטראָפן ווערגעליסן אין דער רויטער ארמיי, אין די רייען פון אונדזער רומפולן גרענעץ־מיליטער. ער האָט אָנטיילגענומען אין די ערשטע שווערע שלאכטן קעגן די פאשיסטישע האָרדעס... אין 1943 איז אף א לאנגער צײַט איבערגעריסן געוואָרן די פארבינדונג צווישן דעם דיכטער־שלאכטמאן מיט זײַנע כאווײרים. אף אלע אונדזערע אָנפראגעס האָבן מיר קיין בארויִקנדיקן ענטפער ניט באקומען, און עס האָט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז ווערגעליס איז אומגעקומען. אין מײַן ארויסטרעטונג אפן פלענום פון די סאָוועטישע שרײַבער אין מײַ ד. י. האָב איך עפנטלעך וועגן דעם געמאָלדן..."

אין די לעצטע שורעס פון דער נאָטיץ מעלדעט קושניראָוו, אז „ווערגעליס לעבט. ער איז א לאנגע צײַט געלעגן א שווער־פארוונדעטער אין שפיטאָל".

אָט וואָס עס איז מיט מיר דעמלט געשען.

ס'איז געווען א פריִער פרילינג. אף די פעלדער פון צענטראל־רוסלאנד האָבן די שנייען אומגעריכט גענומען „שווימען", ד.ה. צעגיין, ווי פוטער אף א ווארעמער סקאָוואָראָדע. אונדז, בא א צוויי הונדערט פארוונדעטע סאָלדאטן און אָפיצערן, האָט מען אויסגעשריבן פון די מיליטערישע שפיטאָלן אלס „אויסגעהיילטע, אָבער נאָך ניט אף אזויפיל, מע זאָל האָבן א גרונט צו באקומען די דערלויבעניש גיין אין שלאכט".

אין יענע טעג האָט איבער דעם ווארעמען וועטער זיך דאָ און דאָרט אנטפלעקט אף די אָקאָרשט פארלאָזטע שלאכטפעלדער (די סאָוועטישע ארמיי האָט אָנגעגריפן) א גרויסע צאָל קערפערס פון דערהארגעטע סאָלדאטן — אונדזערע און דעם סוינעס. מע האָט באדארפט זיי דרינגענדיק אופקלײַבן און ברענגען צו קווורע, ניט נאָר ווײַל דאָס איז דער כויוו פון די לעבעדיקע בענעגייע די טויטע, נאָר אויך ווײַל אין די בײַליגנדיקע דערפער האָבן זיך באוויזן סימאָנים פון אן עפידעמיע.

האקלאל, די צוויי מייעס „אויסגעהיילטע, אָבער נאָך ניט אף אזויפיל..." זײַנען אָפגעשיקט געוואָרן אף אן ארבעט, אָפן גערעדט — ניט אף קיין שטארק אָנגענעמער... מע האָט אונדז ארויסגעגעבן סאפיאָרנע העקלעך, מיט וועלכע מיר האָבן באדארפט „אויסהאקן" פון דעם אײַז און פונעם שניי די סאָלדאטישע קערפערס, אָפטיילנדיק נאָכדעם „אונדזערע" פון „זייערע". אָפט איז אויסגעקומען בוכשטעבלעך „אָפרײַסן" איינעם פונעם אנדערן, ווײַל היינטער מאָסקווע (דאָס איז פאָרגעקומען צוויי־דרײַ קילאָמעטער אף מײַרעוו פונעם ראיאָן־צענטער פאָדאָלסק) פלעגט אָפט דערגיין ניט נאָר צו שפיז־אטאקעס, נאָר צו האנט־געשלעגן.

איינמאָל איז אין אונדזער זעמליאנקע ארײַנגעקומען א „ריינינקער מאיאָר" (א שטאביסט) מיט אוויִאציע־פאָגאָנעס און זיך אָנגעפרעגט, צי עס זײַנען פאראן צווישן אונדז שיסער־ראדיסטן. דערוויסנדיק זיך, אז אזעלכע זײַנען ניטאָ, האָט ער אינקורצן געמאָלדן, אז ניט ווײַט פונדאנען, אפן סערפוכאָווער אעראָדראָם, זיצן אָן „ארבעט" ניט קאָמפלעקטירטע עקיפאזשן פון עטלעכע באָמבארדיר־אעראָפלאנען, און, טײַטנדיק מיטן

פינגער, האָט ער קורץ באַפוילן: „דו וועסט גיין מיט מיר! און דו! און דו!..״

די אַרויסגערופענע זײַנען געווען גליקלעך: וואָס פאַר אַ ווערט האָט, צי מע איז יאָ, צי ניט אַ שיסער־ראַדיסט, אויב אין וועלכע־ניט־איז צוויי־דרײַ שאָ אַרום וועט מען ווערן אויס מייסים־העקער — ווידער פראָנטאָוויק! נו, און וואָס שײַעך מיר, איז די זאַך ביכלאַל געווען פיל גינסטיקער, ווײַל פונדעסטוועגן האָב איך שוין צו יענער צײַט געהאַט דורכגעמאַכט די לערע אין אַ שול פון מיליטערישע פאַראַשוטיסטן.

אָט אַזוי בין איך אין איין שיינעם טאָג געוואָרן אַ שיסער־ראַדיסט אויף אַ שווערן באָמבאַרדירער „טב־7״. דער קוילנוואַרפער פון דער סיסטעם „טשקאַס״ האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ניט קיין שטאַרק קאָמפּליצירטן, און די ערשטע דרײַ רעיסן אין הינטערלאַנד פונעם סוינע זײַנען דורכגעגאַן בעשאָלעם. מיר זײַנען געפלויגן קיין האָמעל און דאָרט אַראָפּגעוואָרפן דעם „פראַכט״ אויף אַ פעלד־אַעראָדראָם. קיין איין מאָל האָבן אונדז ניט נאָכגעיאָגט די פײַנטלעכע פאַרניכטלער, דאָס פײַער פון די דײַטשישע זעביטקעס האָבן מיר אינעם נאַכט־הימל גוט געזען ווײַט אונטער אונדזער „בויך״, און איך האָב אפילע אָנגעשריבן אין אַ בריוו צו אַ כאַווער, אַז סאָפּקאָלסאָף בין איך אַרײַנגעפאַלן אין אַ געפערלאָזער טייל.

ס׳איז געווען אַ כוישעך־שוואַרצע אַפּרעל־נאַכט, ווען מיר האָבן זיך דאָס פערטע מאָל אויפגעהויבן פונעם סערפּוכאָווער אַעראָדראָם, און מיר זײַנען דאָ גלײַך אויפן אָרט אַראָפּגעקלאַפּט געוואָרן. פונעם עקיפּאַזש האָבן באַוויזן זיך אַראָפּוואַרפן דער צווייטער פּילאָט און איך. די איבעריקע זײַנען אומגעקומען. איך בין געפאַלן אויף אַ וואַלד, און ווײַל די קאַטאַסטראָפע איז געשען אויף אַ קליינער הייך, האָב איך זיך שטאַרק צעמיימעסט אין די ביימער־קרוינען.

ליגנדיק שוין אין שפּיטאָל, אין דער שטאָט אַרזאַמאַס, האָב איך באַקומען פון סערפּוכאָוו אַ בריוו און זיך דערוווּסט, וואָס עס איז געשען אין יענער נאַכט. אונדזערע מיידלעך, די זעניטשיצעס, שטאַרק מידע, אויפגעוועקטע פון שלאָף, האָבן אַ טאָעס געהאַט, און ווען מיר האָבן געמאַכט דעם ערשטן קרײַז איבערן אַעראָדראָם, האָבן זיי אָנגענומען אונדזער באָמבאַרדיר־אַעראָפּלאַן פאַר אַ „פרעמדן גאַסט״, און — זיי האָבן זיך אַליין פאַרכידעשט! — פאַר לאַנגע כאַדאָשים האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל געטראָפן פונעם ערשטן שאָס...

אין יענער צײַט האָב איך ניט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיט די ליטעראַרישע קרײַזן אין מאָסקווע: איך האָב אפילע ניט געוווּסט, אַז עס גייט אַרויס די צײַטונג „איינִיקײַט״. ס׳איז דעריבער פאַרשטענדלעך, ווי שטאַרק איך האָב זיך פאַרוווּנדערט, ווען בעשאַס אַ טראַדיציאָנעלער אין די מילכאָמע־יאָרן פאַנאַנדערטיילונג פון מאַטאָנעס פאַר די פאַרוווּנדעטע זעלנער אין דער שפּיטאָל־פּאַלאַטע האָב איך פונעם בעטל דערזען, אַז איין מאַטאָנע איז אײַנגעוויקלט אין אַ יִידישער צײַטונג, און דאָס קעפּל פון דער צײַטונג איז געווען „איינִיקײַט״. כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַן אויסלענדישע בלאַט: אַן אַמעריקאַנער צי קאַנאַדער. „שוועסטערקע, גיב מיר אָט די־אָ מאַטאָנע״, — האָב איך אַ בעט געטאָן, און אין אַ האַלבער

שאָ ארום איז שוין גרייט געווען אַ דרײַעקיק־צונויפגעלייגט בריוול צו קושניראָוון.
אזא געשיכטע איז געשען...

✧

ארום ייִדיש און העברעיִש

דאָוויד פּינסקי האָט געזאָגט: אין ערעץ־ייִסראָעל האָבן מיר ליב ייִדיש און רעדן העברעיִש, און בעכאָל טפוצעס ייִסראָעל רעדן מיר ייִדיש און האָבן ליב העברעיִש. כאַיִם־נאַכמען ביאַליקס אַ זאָג: ייִדיש האָט אין גאַנצן אַפּגעהיט העברעיִש (די צונויפשטעלער פונעם גרויסן ייִדישן ווערטערבוך האָבן ניט לאַנג צוריק מיטגעטיילט אין דער פּרעסע, אַז עס וועלן אין ווערטערבוך פאַרפיקסירט ווערן ארום 250 טויזנט ווערטער פון דער ייִדישער שפּראַך. פון זיי זײַנען 25 טויזנט — העברעיִזמען. דאָס באַטײַט, אַז אין די עפּאָכעס, ווען לאַשנקוידעש איז געווען אַ טויטע שפּראַך, האָט ייִדיש אדאָפּטירט אזא גרויסע צאָל קינדער פון איר שוועסטער...).

אָפט ווערט ארויסגעזאָגט אַ מיינונג, אַז ביז דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט מען אין די קולטורעלע קרײַזן גערעכנט ייִדיש פאַר אַ ניט־ייִדישער שפּראַך — בלויז פאַר אַ מיטל אָף זיך אופרייִדן.
איז דאָך אָבער דער טשערנאָוויצער אקט גופע געווען אַ פּויעל־יויצע פון אַ היסטאָרישער אַנטוויקלונג, וואָס אין איר יעסאָד איז געלעגן דאָס פאָלקס־לעבן, און אין ליטעראַרישן אויסדרוק — די ייִדישע קלאַסיק.

דעם „שעם" פון פאַרדאָרבענעם דײַטש האָט דער אָנפאַנגלעכער ייִדיש (ייִדיש־טײַטש) באַקומען ניט אין דער ייִדישער רייד־סוויווע, נאָר בײַ די דײַטשן, ווײַל אינעם ייִדישן קוואַרטאַל האָט מען גערעדט אַנדערש. ס'האָט שוין דעמלט געפעלט דער אימפּערפעקט, דער אומלאַוט. באַזונדערס האָבן זיך ניט געפּאָרט מיט דער אורשפּראַך — מיט דײַטש — די לאַשנקוידעשיזמען. אָבער וואָס האָט דאָ געקאָנט העלפן, אויב פאַר די ריידער איז די שפּראַך פון זייערע אור־אורזיידעס גראָד געווען לאַשנקוידעש?

אַ טשיקאַווע דעטאַל: ווען די הײַנטצײַטיקע העברעיִסטן קלאָגן זיך, אַז ייִדיש פאַרכאַפּט העברעיִש (איווריט ווערט ייִדישיזירט), מאַכן זיי צווישן אַנדערס אופמערקזאַם, אַז די צאָרע איז אין דער נעגינע: אפילע סאַברעס אין ייִסראָעל רעדן שוין הײַנט איווריט מיט אַ ייִדישן קוועטש...

געהערט פון אן אמעריקאנער טוריסט: אין די שטאטן גיט א ייד אָפּ זײַן קינד אין העברעישן קלאַס, קעדיי „אײַנהאלטן יידישקײַט". וועגן דעם, אז מיצאד די ציוניסטן ווערט דעם יידישן פאָלק אונטערגערוקט אן איליוזיע צו שאפן אין די הײַנטיקע צײַטן א דאָר „פּארצײַטיקע יידן" (יהודים קדמונים), האָט נאָך מיט זעקס צענדליק יאָר צוריק געשריבן אכאד־האָאָם.

ניט לאנג צוריק האָט די רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד" באַזוכט אן אמעריקאנער בעגער — איינער פון מארטין ליוטער קינגס נאָכפאָלגער. ווען איך האָב אים דערציילט וועגן דעם, וואָס עס האָט מיר געזאָגט דער טוריסט וועגן די פארזאָרגער פון יידישקײַט דורך אראָפּברענגען קיין ניו־יאָרק העברעיש, איז ער, פון זײַן זײַט, מיר אנטקעגנגעקומען מיט א בײַשפּיל פון זײַן אייגן פאָלק:

די אורעלטערן פון די אמעריקאנער נעגרען האָבן אין אפריקע גערעדט אָף דער שפראך פון סאָאהילאָ. האָט זיך איצט באוויזן אזא „נאַציאָנאַלע גרופע", וואָס אָנשטאָט צו קעמפן פארן העמשעך פון די נעגרען אין דער הײַנטצײַטיקער אמעריקאנער ציוויליזאציע, וועלכע איז פאָר זיי די לעבנס־סוויווע, פּראָקלאמירן זיי, אז דער אויסוועג פאר די אמעריקאַנער נעגרען איז... אָנהייבן ריידן אָף סאָאהילאָ.

לאָמיר אָנצייכענען דאָס גאנצע קייטעלע — רינגל נאָך רינגל — פונעם שפראך־פּראָצעס בא יידן ביזן קריסטנטום.

קוידעמקאָל — אָף וועלכער שפראך האָבן גערעדט די פאר־קנאאנישע יידישע שוואָטים? די שוואָטים, וועלכע זײַנען ארײַנגעדרונגען אין קנאאן, האָבן העברעיש ניט געוווּסט. מע קאָן רעכענען, אז העיויס דאָס אויסגאנגס־לאנד איז געווען מעסאָפּאָטאמיע, האָבן די שוואָטים הויפּטזאכלעך גערעדט אָף א כאלדעישן דיאלעקט. אין קנאאן לערנען זיי זיך אויס העברעיש — די שפראך פון די דאָרטיקע סעמיטן.

אינעם באָוול־גאָלעס כאפּט איבער די מעטראָפּאָלישע לאנד־שפראך — אראמעיש — די בכוירע בא העברעיש, וועלכע בלײַבט בלויז די שפראך פונעם רעליגיעזן קולט און פון דער ליטעראטור, די שפּעטערדיקע דוירעס אין באָוול פארגעסן שוין ביכלאל העברעיש. אין IV—III יאָרהונדערטער ביז אונדזער צײַטרעכענונג איז די אראמעישע שפראך ניט נאָר פארשפּרייט אין שטייגער־לעבן, נאָר זי ווערט צוביסלעכווײַז אויך א ליטעראַרישע שפראך, פארנעמענדיק פלאץ אין דער ביבלישער און געזעצגעבערישער ליטעראטור. „עזרא" און „דאניעל" זײַנען צווייִשפּראכיק.

דער ווײַטערדיקער עטאפּ — די מישנע־שפראך, „לשון חכמים" (דאָס לאָשן פון געלערנטע), העברעישער און אראמעישער לעקסישער מאטעריאל, א באַרײַכערטער מיט לאטײַנישע, גריכישע, פערסישע עלעמענטן אָף צו באצייכענען טערמינען פון ערד־ארבעט, נאטור, כפייצים, ווי אויך אבסטראקט־פילאָסאָפישע און וויסנשאפטלעכע באגריפן. א סינטעזירטע שפראך. זי שטאמט פון „קויהעלעס". סײַ איר געזעצגעבערישע צווײַג, די „האלאָכע"־שפראך, סײַ איר „אגאָדע"־צווײַג טיילן זיך אויס מיט לאקאָ־

נישע, טרעפלעכע, שארפע, פינקטלעכע פראזעס, מיט קורצן, ניט־פאַר־שווענדערישן זאצבוי, וואָס איינצײַטיק באַטײַט עס (פאַר דער ליטעראַטור) אַ פאַרלוסט פון פּאָעטישע, מאָלערישע, עמאָציאָנעלע מעגלעכקײַטן. שווער, בעעמעס, צו פאָרשטעלן זיך, אַז, לאָמיר זאָגן, „שיר־האשירים" זאָל אָנגעשריבן ווערן אף אָט דעם טרוקענעם מישנע־דיִאַלעקט.

אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען: די צווישנבאַציִונגען צווישן העברעיִש און אַראַמעיִש אין יענער טקופע דערמאָנט די צווישנבאַציִונגען צווישן העברעיִש און יִדיש אין אונדזער צײַט. דאָס קלאַסישע נעוויִשע לאָשן ווערט אַראַמעיִזירט. דער אַראַמעיִשער טעקסט פון „עזראָ" און „דאַניִעל" ווימלט מיט העברעיִזמען. וואַרשײַנלעך, אין דער מישנע־טקופע איז אַרײַן אין באַנוץ דער טערמין „לאָשנקוידעש", און פאַר דער אומגאַנגס־שפּראַך אַראַמעיִש — לאָשן כוילֹ (פּראָסטע שפּראַך).

דער אָנגרײַפערישער העלעניזם איז טאָמיד גרייט געווען צו געבן די אַרומיקע שפּראַכן דעם נייטיקן לעקסישן מאַטעריאַל אף צו באַצייכענען נײַע לעבנס־דערשײַנונגען. צום לעצטן יאָרהונדערט פאַרן קריסטנטום ווערט דאָס אַרײַנדרינגען פון גריכישע און אַנדערע פרעמדשפּראַכיקע באַגריפן אין יִדישן לעבן אַ נאַטירלעכע און אומפאַרמײַדלעכע דערשײַנונג. דער דאָזיקער פּראָצעס שוואַכט זיך אָפּ צו דער צײַט פונעם קריסטנטום, ווען די פאָרמירונג פונעם מישנע־דיִאַלעקט האָט זיך שוין קימאַט ווי פאַרענדיקט.

אין די ווײַטערדיקע צײַטן קומט פאָר אָט וואָס.

דער מאַקאַבייִשער אופשטאַנד ברענגט צו דעם, אַז דער העלעניזם פאַרלירט די דעראָבערטע פּאָזיציעס. די העברעיִשע שפּראַך נעמט ווידער די אויבערהאַנט, האַגאַם אַראַמעיִש בלײַבט אַלס אומגאַנגס־שפּראַך. עס צעפלאַקערט זיך דער אַנטאַגאָניזם צווישן לשון חכמים (מישנע־דיִאַלעקט), צוזאַמען מיט העברעיִש, און לאָשן העדיוט (אַראַמעיִש, די שפּראַך פונעם פּאָשעטן האַמוין). דאָס דערמאָנט אונדז אין דעם שפּראַכן־קאַמף באַ יִדן אין XIX יאָרהונדערט, וואָס אַן אַמביציִעז־אַנאַכראָניסטישער אָפּהילך פון אים דויערט ביז הײַנטיקן טאָג...

און נאָך איין היסטאָרישע פּאַראַלעל: די געשיכטע פון דער אַראַמעיִשער שפּראַך באַ יִדן האָט זיך געצויגן אַן ערעך טויזנט יאָר. אַזוי לאַנג, ווי ביז איצט די געשיכטע פון יִדיש...

די פאָלקס־שפּראַך באַ יִדן נאָכן קריסטנטום בלײַבט, ווי געווען, אַראַמעיִש, ביזן VII יאָרהונדערט.

✧

ווּוהין יִדן שפּאַרן עס אָן

אַ נײַס פון דער יִדישער פּרעסע:

קיין יִסראָעל איז געקומען צוגאַסט דער פּרעמיער־מיניסטער פון דער נעגער־רעפּובליק באַרבאַדאָס, וועלכע געפינט זיך אף אַן אינדזל אין אַט־

לאַנטישן אָקעאַן, אין וועסט־אינדיע. ווי עס פּירט זיך, האָט מען אים גע־בראַכט צו פירן צום קויסל מאַראַווי. הערט זשע אַ מייַסע.

בייַס דער צערעמאָניע האָט דער ראַטגעבער פונעם פּרעמיער פון באַר־באַדאָס זיך צערעדט מיטן ראַוו האַקוילעל פון ייִסראָעל, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי ביידע שטאַמען פון איין שטעטל אין פּוילן, און ייִנגל־ווייַז האָבן זיי זיך געכאַוועט. די פאַרזאַמלטע האָבן אַזש פאַרגעסן, אַז עס קומט פאָר אַן אָפיציעלער אַקט פון צוויי מעלוכעס, — אַזוי טשיקאַווע איז געווען צו הערן, ווי עס ריידן זיך דורך אויף אַ היימישן ייִדיש דער באַרבאַדאָסער דיפּלאָמאַט און דער ייִסראָעלדיקער ראַוו.

✧

שרייַבער אין ייִסראָעל

שווער איז געווען און שווער איז פאַרבליבן דער גוירל פון די שרייַ־בער אין ייִסראָעל. אוי, שווער...

דער העברעיִשער דיכטער ש. שאַלאָם האָט געשריבן: „כאַיִם־נאַכמען ביאַליק האָט מיר דערציילט אַ יאָר פאַר זייַן טויט, אַז ווען עס וואָלט זיך געפונען אַ מענטש, וואָס זאָל אים געבן 50 ערעץ־ייִסראָעלדיקע פונטן אַ כוידעש, וואָלט ער פאַרלאָזט דעם גאַנצן ראַש און געטומל און זיך פאַר־שלאָסן אין זייַן דירע אין ראַמאַט־גאַן, קעדיי צו פאַרענדיקן דעם פּיירעש צו מישנע. אָבער עס האָט זיך ניט געפונען קיין מענטש, און ס׳האָט זיך ניט געפונען קיין אַנשטאַלט, וואָס זאָל אים, דעם פאָטער פון דער הייַנט־צייַטיקער העברעיִשער דיכטונג, אויסשטרעקן די 50 ערעץ־ייִסראָעלדיקע פונטן, וועלכע זייַנען אים געווען נייטיק אויף זייַן אויסקומעניש אין מעשעך פון אַ כוידעש... שאָול טשערניכאָווסקי איז געשטאָרבן אין אַ געדונגענעם צימער אויף אַ שטויביקער רוישיקער גאַס. דערבייַ פלעגט ער זאָגן וועגן זיך אַליין: „לי משלי אין כלום, גם לא שולחן" (מייַן אייגנס האָב איך גאָרנישט, אויך קיין טיש ניט)...

וועגן דעם איצטיקן מאַצעוו פון אַ ייִדישן שרייַבער אין ייִסראָעל לייי־ענען מיר אין אַ ציקל לידער פון י. פּאַפּערניקאָוו מיטן פילזאָגנדיקן נאָ־מען „צאַר פון ייִדיש". דער באַוווסטער ייִסראָעל־דיכטער שרייַבט: „כ׳בין אין דער פרעמד מער באַקאַנט, ווי אין אייגענעם לאַנד", — און ער זעצט פאָר:

ס׳האָט די פרעמד נאָך דאָס ליד מייַנס אַזוי
ניט פאַרשעמט,
ווי עס טוט עס מייַן היים, ווו איך זינג צו
דער וואַנט,
ווייַל מע האָט דאָ דאָס ייִדישע לאָשן מייַנס
פייַנט.

איז דער ביטערער אויספיר:

ווער ס'מיינט ניט דאָס ליד מײַנס, מיינט
אויכעט ניט מיך,
און איך בין בא מיר אין דער היים —
ניט בא זיך...

און אָט איז א פאקט פון די לעצטע פאָר יאָר, א פאקט, וואָס קלינגט ווי א בייזער וויץ, ווען מע דערמאָנט זיך אין אים גלײַך נאָכן דורכלייענען די שורע פונעם יִיסראָעלדיקן טוישעוו־דיכטער וועגן דעם, אז בא זיך אין דער היים איז ער ניט בא זיך:

די דעזערטירן פון דער סאָוועטישער יִידישער ליטעראַטור האָבן א געוויסע צײַט ארויסגעלאָזט אין טעל־אוויוו א העפטל מיטן נאָמען „ביי זיך". זיי זײַנען דאפקע יאָ שוין בא זיך...

✧

די זינגליד

מיט וואָס האָט אויסגענומען מיכל גאָרדאָן, וועגן דער יִידישער דיכטונג קאָן מען מיט רעכט זאָגן, אז זי איז אופגעקומען ווי א זינגליד. אָן אויסנאַם איז געווען עפּשער בלויז עטינגערס דיכטונג. אָבער שוין גאָטלאָבערס פערזן זײַנען געזונגען געוואָרן. און ווײַטער זײַנען די לידער, ווי נאָר זיי פלעגן פארפאַסט ווערן, אוועק אין פאָלק ארײַן מיט מעלאָדיעס. וועלכע אייגנשאפטן האָט אזא ליד געמוזט האָבן?

זי האָט פריִער פאר אלץ געדארפט זײַן א מאסעווע ליד, דאָס הייסט זײַן פארשטענדלעך דעם דורכשניטלעכן מענטשן און, דעריקער, זײַן אָט דעם מענטשן דורכויס נייטיק. דעריבער האָט אזא ליד אין יעטווידן עטאפּ געדארפט זיך אויסצייכענען מיט אקטועלקײַט. מיכל גאָרדאָנס ליד האָט מען אופגעהערט זינגען ניט דעמלט, ווען עס איז אופגעקומען א נײַער ארט ליד (לויט דער פאָרם), נאָר ווען די טעמאטיק פון גאָרדאָנס ליד האָט אָפּגעוועלקט.

די פארשפרייטקײַט פון דער זינגליד, איר פּאָפּולערקײַט איז אלע מאָל געווען פונקט אזוי גרויס, ווי גרויס עס איז געווען די געזעלשאפטלעכע באדײַטונג פון דער טעמע, וועלכע די ליד האָט בארירט.

דינעזאָן וועגן דער זינגליד. „וואָס זאָגט דער האמוין אף די לידער פון אונדזער בארימטסטן און באַגאבטסטן יִידישן פאָלקסדיכטער ה. אווראָם גאָלדפאדן?.. געוויס ווייסן טויזנטער ניט, וועמעס לידער זיי זינגען אָדער זיי הערן זינגענדיק, אָבער זיי ווייסן גאַנץ גוט דעם אינהאלט פון זיי... דער פאָלקסדיכטער, אין וועמעס געפילפולן הארץ זיי זײַנען צום ערשטן מאָל געבאָרן געוואָרן, דורך איינע געטלעכע באגײַסטערונג, האָט זיי אף דאָס פאפיר געשריבן ניט פאר זיך, נאָר פאר זײַן פאָלק, פאר זײַנע

ברידער און שוועסטער, וועלכע ער ליבט, ווי דאָס לעבן, און אָפּפערט זײַן מי פאַר זיי.

נאָך איידער די וועלט האָט גאָלדפאַדנס לידער געקענט, זײַנען שוין באַקאַנט און מיט ליבע אָנגענומען געוואָרן די לידער פון אונדזער עלטסטן און ערלעכסטן פאָלקסדיכטער מיכל גאָרדאָן. און ווער האָט נאָך הײַנט פאַרגעסן זײַנע ליבע און קלוגע לידער, וואָס זיי זײַנען שוין אַלט איבער פערציק יאָר (געשריבן אין 1888. — א. ו.)? ווער ווייסט ניט דאָס ליד „דער ייד אין גאָלעס”, און ווער האָט עס ניט געזונגען, אָדער ווײַניקסטנס ניט געהערט עס זינגענדיק אין א יידיש הויז?.. אַלע ווייסן זײַנע לידער, אַלע זינגען נאָך אַדהײַנט „דאָס ליד פון דער שטיפמוטער”, „דאָס ליד פון דער מאשקע”, „דאָס ליד פון דער כעוורע באָרשטש”, „דאָס ליד פון די צוויאַקעס” און נאָך אַזעלכע, וואָס זײַנען דעם פאָלקס אייגנס געוואָרן”...

דער סאָף פון דער זינגליד. י.־ל. פּערעץ איז, דאַכט זיך, געווען דער ערשטער, וואָס האָט אופגעהערט זיך אָריענטירן אף דער זינגליד. שאָלעם־אַלייכעם האָט געהאַלטן פאַר נייטיק ציִען ווײַטער די טראַדיציע פון דער פאָלקסליד. ער פלעגט אָנווײַזן, אף וואָס פאַר א מאָטיוו זאָלן זײַנע לידער געזונגען ווערן. פּערעץ האָט עס ניט געוואָלט טאָן. צום זינגען האָט ער זײַנס א ליד קיינמאָל ניט באַשטימט (געווען אין דער יידישער דיכטונג ניט ווייניק פאַלן, ווען לידער זײַנען געזונגען געוואָרן, כאָטש זיי זײַנען לעכאַטכילע ניט אויסגערעכנט געווען צום זינגען. אַזוי איז עס פאָרגעקומען מיט אווראָם רייזענס לידער).

עטיוד וועגן פאַסטערנאַק

וועגן מײַנע אָפטע באַגעגענישן אין די פופציקער יאָרן מיט באָריס לעאָנידאָוויטש פּאַסטערנאַק האָב איך בײַ זיך פאַרשריבן געציילטע שור־רעס, און בלויז איין שמועס אונדזערער האָט איבערגעלאָזט אין מײַנע נאָטיץ־ביכלעך אָן אָנזעעוודיקן שפּור. אין יאָרן ארום, ווען ס׳האָט גענומען טומלען מיט „דאָקטער זשיוואַגאָ”, האָט זיך ארויסגעוויזן, אַז אין יענעם טאָג האָט פּאַסטערנאַק מיר פאָרגעלייענט צוויי קורצע „יידישע פראַגמענטן” פונעם ראָמאַן, ווילנדיק, ווײַזט אויס, זיי „אויספּרוּוון אף א מייוון”.

דער שמועס איז פאָרגעקומען, גלייב איך, אין 1955 יאָר. אין מײַן נאָטיץ־ביכל איז די דאַטע ניט אָנגעוויזן, נאָר ס׳האָט זיך פאַרגעדענקט, אַז געקומען בין איך צו פּאַסטערנאַקן קיין פּערעדעלקינאָ אין מײַנעם א געבורטסטאָג און, דערווּסנדיק זיך, אַז די שטימונג איז בײַ מיר ניט קיין געהויבענע, וואָס עס האָט אין יענער צײַט געטראָפן גאַנץ אָפט, האָט ער אין א שפּאַס אויסגעשריגן:

— איר זאָלט נאָר ניט אָפּטאָן דאָס, וואָס פיל פּאָעטן, ווי מע וואָלט זיך צונויפגערעדט, טוען אָפּ אין עלטער פון זיבן און דרײַסיק יאָר! דאַנ־קען גאָט, מיר דראָעט עס ניט. איך האָב שוין אָפּגעלעבט די קריטישע צאָל יאָרן און צוגאָבלעך נאָך אַכט און צוואַנציק...

מײַן זיבן־און־דרײַסיקסטן געבורטסטאָג האָב איך דערגרייכט אין 1955, פּאַסטערנאַק איז געבוירן געוואָרן אין 1890, דאָס הייסט, אַז אין 1955 איז ער אַלט געווען 37 + 28.

צו באָריס לעאָנידאָוויטשן פלעג איך קיינמאָל ניט קומען לויט אָן אײַנלאַדונג. אײנעם יישעוו פּערעדעלקינאָ, הינטער מאָסקווע, געפינט זיך, ווי באַוווּסט, אַ „שעפעריש הויז" פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד, וווּ איך פלעג פון מאָל צו מאָל באַזוכן מײַנע פרײַנט און דערבײַ זיך אויך אַרײַנכאַפּן צו די פּאַסטערנאַקס. דאָס מאָל, אָבער, האָב איך באַקומען פון באָריס לעאָנידאָוויטשן אַ קאַרטל, און איך בין גלײַך אַרויסגעפאָרן קיין פּערע־דעלקינאָ, ניט רעכענענדיק זיך מיט דעם, וואָס ס'איז מײַנער אַ געבורטס־טאָג.

„זײַן" גאַס — זי רופט זיך איצט „פּאַוולענקאָ־גאַס" — איז בלויז פון איין זײַט פאַרבויט מיט דאַטשעס, די צווייטע זײַט איז אַ קאַלווירטיש פעלד — ער פלעגט עס רופן „ניעיאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ", אַנדײַטנדיק, אַז ס'איז ניט דאָס זעלבע, וואָס לעוו טאָלסטאָיס „יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ"... טאַקע דאָרט, אין צווייטן עק פונעם פעלד, אויף אַ הויכעניש, געפינט זיך דער בעסאָלמען, וווּ עס ליגט איצט פּאַסטערנאַק.

פון די פענצטער פון זײַן גרויס צווייסטאָקיק הויז, וואָס שטייט אין דער טיפעניש פונעם הויף, אויפן וואַלד־ראַנד, זעט מען אַ בלישטשענדיקן אויסגעפּוצטן קלויסטער. יעדעס מאָל, ווען אַ גאַסט פלעגט צוגיין צום פענצטער און אַרויסקוקן דורך אים, — ס'האָט געמעגט זײַן ניט דאָס ער־שטע מאָל, — פלעגט באָריס לעאָנידאָוויטש דערציילן עפּעס־וואָס וועגן דעם קלויסטער („דאַכט זיך, מע האָט אים אוועקגעשטעלט אין איוואַן גראָזניס צײַטן. די גלעקער האָט מען פון דעמלט אָן ניט געביטן... איך האָב דעם איניען ספּעציעל אויסגעפאָרשט". אָדער — „דאָרט איז געווען דער גוט פונעם באַיאַרין קאָליטשעוו... וואָס, איר האָט ניט געהערט וועגן דעם באַיאַרין קאָליטשעווס אָפּאָזיציע צום צאַר?.." אאַז"וו.).

אײנעם טאָג, וועגן וועלכן איך וועל באַלד דערציילן, איז די לופט געווען פול מיט טערפּקע רייכעס. פון דער „ניעיאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ" האָט זיך אויפגעהויבן און געשפּרייט זיך ביז צום סאַמע וואַלד אַ געדיכטע פּאַרע, ווי געוויינלעך הינטער מאָסקווע, ווען עס שמעקט שוין מיט מײַ. די ערד אַרום די בערעזעס בײַ פּאַסטערנאַקן אין הויף איז נאָך ניט געווען צוגעטריקנט, און מיר זײַנען געזעסן הארט בײַ דער וואַנט אויף די אָנגעוואַלגערטע קלעצער.

באָריס לעאָנידאָוויטש האָט געהאַט אַ טעווע צו ריידן ניט לאַגיש, אָבער הויפנדיק די געדאַנקען איינעם אויף דעם אַנדערן. ווען איך בין אַרײַן אין הויף, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן, צורייכערנדיק נערוועז און ברעכנ־דיק דערבײַ די שוועבעלעך:

— איך ווייס ניט, וואָס איר טראַכט וועגן אַנאַטאָל פראַנסן... פאַר מיר פערזענלעך איז געגוג איבערצולייענען זײַנע ראָמאַנען איין־איינציק מאָל, איבערגענוג. אָבער אין זײַנע אַרויסזאָגונגען איז אָפּט פאַראַן אַזוינס, וואָס איך וואָלט אויסגעקריצט אַף די טויערן פון אַלע קונסט־אַקאַדעמיעס און פון אַלע שרײַבערישע אָרגאַניזאַציעס. נעמט, לעמאָשל, אַזאַ זאַך. לויט פראַנסן, דראָען דער קונסט צוויי ווילדע כײַעס: אַ קינסטלער, וואָס איז ניט קיין מײַסטער, און אַ מײַסטער, וועלכער איז ניט קיין קינסטלער. האַ?!

און ער האָט אַליין זיך איבערגעשלאָגן די רייד:

— איך וויל אײַך עפּעס איבערלייענען. איר ווייסט די מײַסע מיט פּאַ־וואָרסקיס קאַץ? אַף אַ קאָמיסיע האָט מען געהייסן פּאַוואָרסקין אַראָפּנע־מען פון זײַן בילד אַ קאַץ. עפּעס שטימט זי ניט מיט דער קאָמפּאָזיציע. זי איז לאַכלוטן איבעריק. בעסער, וולאַדימיר אַנדרייעוויטש, איר זאָלט זי ביכלאַל באַזײַטיקן... אַרויסגעגאַנגען פּונעם צימער, האָט פּאַוואָרסקי אַ שמייכל געטאָן צו די אַנדערע קינסטלער, וועלכע האָבן געוואַרט, מע זאָל זיי אַרויסרופן אַף דער קאָמיסיע: די קאַץ האָב איך אָנגעמאָלט בלויז צוליב דער קאָמיסיע, זי זאָל האָבן וואָס אַראָפּצונעמען... אַזוי האָט ער געזאָגט. פון דעמלט אָן איז בא די מאָלער פאַראַן אַזאַ וואָרט: פּאַוואָרסקיס קאַץ...

ער האָט מיך אוועקגעפירט אין שטוב אַרײַן, צום שרײַבטיש, גענומען פון דאָרט אַ פּאָר בלעטלעך פּאַפּיר און איז גלייך אַרויס צוזאַמען מיט מיר צוריק אין דרויסן. אוועקזעצנדיק מיך אַף די קלעצער, האָט ער אָנגעהויבן לייענען מיט אַ טויבלעך קאָל, וואָס איז געגאַנגען טיף פונעם גאָרגל (איך ברענג די ווײַטערדיקע פראַגמענטן אין מײַן איבערזעצונג):

„פון זינט דער גימנאַזיסט מישע גאָרדאָן געדענקט זיך, האָט ער ניט אופגעהערט זיך צו כידעשן, וואָס, האָבנדיק אַלציינע מיט אַלעמען הענט און פיס, אַלציינע געוווינשאַפטן און רעדנדיק אַף איין שפּראַך, קאָן מען זײַן ניט אַזאַ, ווי אַלע, און דערבײַ עפּעס אַזאַ, וועלכער געפעלט ניט קיין סאַך מענטשן און וועמען מע האָט ניט ליב. ער האָט ניט געקאָנט פאַר־שטיין די לאַגע, בא וועלכער, אויב דו ביסט ערגער פון אַנדערע, קאָנסטו ניט מאַכן קיין אָנשטרענגונגען אַף צו ווערן בעסער. וואָס הייסט זײַן אַ ייד? צוליב וואָס איז דאָס אײַנגעפירט? מיט וואָס ווערט באַלוינט אָדער באַרעכטיקט אָט דאָס אַרויסרופערישע, אומבאַהאָלפענע מעלדן וועגן זיך, וואָס אויסער אַנגסטן ברענגט עס גאָרניט?"

געענדיקט לייענען דעם ערשטן פראַגמענט, האָט באָריס לעאָנידאָוויטש אָנגעשטעלט אַף מיר זײַנע גרויסע אויגן פון פלוימען־קאָליר און, בײַסנ־דיק, ווי געוויינלעך, די אונטערשטע ליפּ, געזאָגט:

— איך פאַרשטיי, איר זײַנט אַן אַנדער מענטש, און איר לעבט אין אַן אַנדער צײַט. איר זײַנט געגאַנגען שלאָגן זיך מיט היטלערן, און וואָס עס טראַכט עמעצער וועגן אײַער אָפּשטאַם, אַרט אײַך ניט. אָבער איך פרעג אײַך: מישעס האַרץ־שמערצן דערגייען צו אײַך? זײַן טאַטע, גריי־גאָרי אָסיפּאָוויטש, איז אַ פּריסיאַזשני פּאָווערעני, ניט קיין פאַבריק־אַר־בעטער...

— ניין, מישעס הארץ־שמערצן דערגייען צו מיר ניט, — האָב איך געענטפערט. — נאַטירלעך, איך פאַרשטיי, וואָס ער זאָגט, אָבער הערן וועגן דעם הער איך אָן כיישעק. איך זע אײַן אַ מאַגגל אין נאַציאָנאַלער זעלבסטווירדע, ווען אַ ייִדן פאַרפאָלגט דער געדאַנק, אַז זײַן אָפּשטאַם שטערט אים אין לעבן...

פּאַסטערנאַק איז אין קאַס געוואָרן:

— אין אַלץ און אין אַלעמען זוכט איר דעם אידעאַלן מענטשן... אויב ניט קיין העלד, איז אַ מעשטשאַנין!.. נו, גוט, איך וועל אײַך פאָרלייענען נאָך עפּעס, און עפּשער וועט איר מאַסקים זײַן, אַז עס גייט די רייד פון עטוואָס העכערס, איידער פון צופּאַסן זיך צום לעבן... נאָר שרעקט זיך ניט, אײַך וויל איך ניט אַרײַנציִען אין קריסטנטום, כ׳באַהאַנדל דעם איניען מיטן ייִדישן פאָלק...

זײַן פּאָנעם האָט אין אָט דער מינוט אויסגעזען אָפּגעצערט, נאָך לעבעדיקער און שמעלער, ווי געווייִנלעך. די אָנגעשוואָלענע ליפּן און דער שאַרף אָנגעצייכנטער קין האָבן אים צוגעגעבן אַ נאַיוון אויסדרוק, און איך האָב שוין דערוואַרט, ער זאָל אַ פּליעסקע טאָן מיט די הענט, און, שווערנדיק זיך, אַז עס האָט זיך אים פּאַשעט פאַרוואָלט אַ פאַרוויל טאָן זיך, — רעדן אַ ביסל וועגן הויכע מאַטעריעס, — וועט ער מיך אַוועקשלעפּן צוריק אין צימער, צום ראָיאַל און, פאַרוואַרפנדיק אױף הינטן דעם קאָפּ, אַ שפּיל טאָן עפּעס פון זײַן באַליבטן קאָמפּאָזיטאָר — סקריאַבינען... ער איז אָבער פאַרבליבן אין זײַן פריערדיקער ראָל, פּאַרהיטנדיק דעם טאָן פון אַ פרייִדיקער. ניט אָפּטרעטנדיק פון מיר און ניט לאָזנדיק מיך ארויסזאָגן זיך געניער וועגן מישעס הארץ־שמערצן, האָט ער פאָרגעזעצט:

— דאָס קריסטנטום, וואָס איז אַליין אַרויס פונעם ייִדישן פאָלק, מעלדעט: ניטאָ קיין פעלקער, פאַראַן באַזונדערע מענטשן. ווו צאַרסטוויע באָזשיעם ניעט עלינאַ אי יודייאַ (אין גאָטס מאַלכעס איז ניטאָ קיין עלין און קיין ייִד). פון אָט דעם פאָלק איז, הייסט עס, געקומען די באַפרײַונג פונעם כויוו צו זײַן אויך אַף ווײַטער פעלקער, אָבער אַף אים אַליין איז אַרופגעלייגט געוואָרן דער מוז צו בלײַבן אַ פאָלק!

ער האָט גענומען לייענען פון אַ צווייט זײַטל פּאַפּיר:

„צוליב וועמענס נוצן איז אָט די פרײַוויליקע מאַרטירערײַ, ווער ניי־טיקט זיך אין דעם, אַז אין מעשעך פון יאָרהונדערטער זאָלן באַדעקט ווערן מיט שפּאָט און אָפּגיין מיט בלוט אַזויפיל אין גאָרנישט ניט שול־דיקע זקיינים, פרויען און קינדער, אַזעלכע איידעלע און געניגטע צו טאָן גוטס? פאַרוואָס זײַנען די הערשער פון די מויכעס אין אָט דעם פאָלק ניט געגאַנגען ווײַטער פונעם וועלט־שמערץ און פון דער איראָניזירנדי־קער כאָכמע? פאַרוואָס האָט מען ניט געזאָגט: „הערט אויף. גענוג. מער דאַרף מען ניט. רופט זיך ניט אַזוי ווי פריער. זאַמלט זיך ניט צונויף אין אַ רעדל, צעגייט זיך. זײַט מיט אַלעמען. איר זײַנט די ערשטע און די בעסטע קריסטן אין דער וועלט. איר זײַנט פּונקט דאָס, אַנטקעגן וואָס עס האָבן אײַך קעגנגעשטעלט די סאַמע ערגסטע און שוואַכסטע פון אײַך“...

ווען ער האָט געענדיקט לייענען, האָב איך זיך דערפילט, ווי אף מיר וואָלט געמאכט געוואָרן א דרוק, איך זאָל געבן אף עפּעס די האסקאָמע, און כאָטש מיר זײַנען שוין ביידע געווען פון דעם פריִערדיקן שמועס געגוג אָפּגעפרעמדט איינער פונעם צווייטן, האָב איך געשטעלט נאָך איין טראָט דערצו.

— באָריס לעאָנידאָוויטש, — האָב איך געזאָגט, — ייִדישע רעכטלאָזי־קייט האָט די ליטעראַטור געשילדערט ביז איצט. איר לייגט פאָר א מיִ־סיאָנערישע לייזונג. אראָפּנעמען די ייִדן פונעם בילד. פאַוואָרסקיס קאַץ...

אומגעריכט פאַר מיר האָט זיך בא פּאַסטערנאַקן געענדערט די שטי־מונג. ער האָט זיך צעשמייכלט און אָפּגעגעבן מיר ביידע בלעטלעך פּאַ־פּיר:

— נעמט, נעמט. אין דער היים וועט איר עס אליין דורכלייענען, און עפּשער וועט איר דעמלט טראַכטן וועגן מיר בעסער... זאָגט, עס געפעלט אײַך די מײַסע מיט פאַוואָרסקין?

— די דאָזיקע מײַסע פאַרמאָגט א לײַבלעכע שוועסטער אין ייִדישן פאָלקלאָר. ווען אין שטוב איז ענג, געפינט מען אן אויסגאַנג: ארײַנפירן דערצו נאָך איין שטוב די ציג. פון דעם וועט ווערן נאָך ענגער, און אז מע וועט די ציג ארויספירן, וועט ווערן געראַמער.

געענדיקט האָט זיך אונדזער שמועס אזוי, ווי איך האָב פאָרויסגעזען.

— קומט, איך וועל אײַך שפּילן עפּעס פון סקריאַבינען...

צו דער פראַגע „ייִדישקייט”

א זשורנאַליסט, פון די רעליגיִעזע, שרײַבט: „אמאָל האָט מען גע־ווּסט, אז ייִדישקייט הייסט לערנען טוירע, לעבן לויט דער טוירע, זיך מויסער־נעפעש זײַן פאַר דער ייִדישער עמונע, פאַר טוירע און מיצוועס. וואָס איז אָבער הײַנט ייִדישקייט? אָן טוירע, אָן מיצוועס, אָן עמונע?..”

פון דעם דרינגט ארויס, אז דאָס איינציקע, דאָס ראַיעלע, וואָס איז געבליבן אף צו אײַנהיטן דעם נאַציאָנאַלן אייגנאַרט („ייִדישקייט”), איז — טוירע.

נאָר אָט לייענען מיר א בריוו, וועלכן א פּאַשעטער לייענער האָט אָפּ־געדרוקט אין א בירגערלעכער צײַטונג:

„איך וווין אין ווענעסועלע, ווו ייִדישקייט האַלט זיך אוף אף א ביז גאָר אָריגינעלן אופן. שאַבעס גאַנצפרי קענט איר באַגעגענען איינציקע ייִדן, וועלכע פאָרן מיטן אויטאָמאָביל אין שול (סינאַגאָגע) צום ערשטן מיניען מיטן טאַלעס אונטערן אָרעם און מיטן ציגאַר אין מויל. זיי זשעברעווען שנעל אָפּ דאָס ביסל דאַוונען, קעדיי באַוויַיזן אכט אזייגער צו זײַן שוין אין געשעפט. הייסט דאָס ייִדישקייט?

אין קאראקאס האָט מען אופגעבויט א סינאגאָגע, וועלכע האָט גע־קאָסט מיליאָנען. אָבער סײַ אינדערוואָכן, סײַ שאבעס קען מען דאָרט קוים צונויפזאמלען א מיניען יידן. דאקעגן זײַנען דאָ א סאך אלטע לײַט, וועלכע וואָלטן גערן באצאָלט, קעדיי צו האָבן א היים, ווו זיי זאָלן זיך קענען אויסטײַנען מיט א צווייטן מענטשן, ווײַל זיי זײַנען איינזאם, פארלאָזט דורך זייערע קינדער, וועלכע זײַנען פארנומען מיט נאָכיאָגן זיך נאָך מיסכער און פארווײַלונגען. הייסט דאָס יידישקײַט?

95 פראָצענט פון די יידן גייען נאָר דרײַ מאָל אין יאָר אין שול ארײַן: צו קאָלנידרע, צו יזקער און צו שויפער בלאָזן. דאָס פּאָנעם פּר־נעם ראָוו שטראלט פאר פרייד, ווען ער קאָן נאָכאמאָל און ווידעראמאָל דערמאָנען דאָס פינטעלע ייד. הייסט דאָס יידישקײַט?

אויסלערנען א יינגל לייגן טפילן קאָסט אָט וויפל: דער קידעש, שאַ־בעס אינדערפרי בײַס דער בארמיצווע, קאָסט טויזנטער. דער באל, שאַ־בעסצונאכטס, קאָסט שוין צענדליקער טויזנטער. און די טפילן האָט דער בארמיצווע אָנגעטאָן איין־און־איינציק מאָל. הייסט דאָס יידיש־קײַט?

יעדעס יאָר, פאר קאָלנידרע, האלט דער ראָוו באַ אונדז א דראָשע אין שול, דערמאָנענדיק די וויכטיקײַט פונעם יוים־האדין. צום סאָף ווענדט ער זיך צו די מיספאלעלים מיט א באקאָשע, אז זיי זאָלן נעמען אין אכט די הייליקײַט פון דעם טאָג און ניט צופאָרן מיטן אווטאָ נאָענט צו דער שול... אָבער ווי עס זאָל ניט זײַן, איז עס אלץ יידישקײַט? שמועל פײַגנבאום. קאראקאס, ווענעסועלע״.

א כאראקטעריסטישער דאָקומענט פון דער איצטיקער עפּאָכע אינעם לעבן פון דעם יידישן פאלק. די היסטאָרישע וויסנשאפט וועט אזעלכע גווילעס־איידעס זוכן מיט ליכט.

✧

מײַנע „ביראָבידזשאנער״ מילכאָמע־לידער

אפן פראָנט האָב איך ניט אופגעהערט צו שרײַבן ביראָבידזשאנער לידער.

> ווי גוט וואָלט געווען איצט ארײַן צווישן צווײַגן,
> פארשנײַדן די זעג אין א דעמבענעם שטאם —
> אזוי ווי איך פלעג עס טאָן אין דער טײַגע
> באַ ברעגן אמורער, אין ביראָבידזשאן.

די דאָזיקע ליד („צוויי דעמבן״) האָב איך אָנגעשריבן אין 1944, אין א וואלד לעבן דער פויליש־דײַטשישער גרענעץ. איך בין געווען טויט־מיד פון דער מילכאָמע. שוין צוויי מאָל פארווונדעט, אויסגעבענקט נאָך היים און נאָך ארבעט. דער סטימול פאר דער נעשאָמע־סטרונע, זי זאָל אָנהייבן ארויסגעבן קלאנגען, איז געקומען פון דעם פייזאזש, וואָס האָט

זיך אַ שטעל געטאָן פֿאַר די אויגן, ווען מיר זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אין דעם סוינעס טראַנשיי און, פֿאַרענדיקנדיק מיט עטלעכע פּריצן, וועלכע האָבן נאָך געשאָסן, האָבן מיר, ביזן באַקומען אַ נײַעם באַפֿעל, באַלעבט די פֿרעמדע טראַנשיי. — דערבײַ האָט יעדערער געטאָן זײַן טועכץ: זיך פֿאַרצויגן מיט אַ ציגאַרעט, אַוועקגענומען בײַ די געהאַרגעטע די פּאַטראָנעס, אַ שלונג געטאָן פֿון דער פֿליאַגע, איבערגעוויקלט די אָנעטשעס אויף די פֿיס...

איך האָב זיך אַרומגעקוקט — ס׳איז געווען באַם סאַמע ראַנד פֿונעם וואַלד, — און כ׳האָב דערזען: „בײַ אונדזער פּאָזיציע — צוויי דעמבן, צוויי ריזן"... פֿאַר דער ערשטער שורע פֿון דער ליד „צוויי דעמבן" האָב איך ווי אַראָפּגענומען אַ פֿאָטאָגראַפֿיש בילד פֿון דעם, וואָס די אויגן האָבן געזען. ווײַטער האָבן זיך באַוויזן און צונויפֿגעקייטלט זיך מיט גראַמען די ווײַטערדיקע שורעס.

פֿאַרוואָס איז „צוויי דעמבן" אַ ביראָבידזשאַנער ליד? ווײַל אין איר האָב איך אויפֿן מילכאָמע־פֿאָן „געצייכנט" די געפֿילן, וועלכע זײַנען געווען אָנגערעגט פֿון מײַנע ביראָבידזשאַנער דערמאָנונגען.

דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן מײַנע „ביראָבידזשאַנער" מילכאָמע־לידער „אין סוינעס הינטערלאַנד" (1942), „וואַלד" (1942), „אין דאָרף וואַגײַקאַ" (1943), „פֿרײַנטשאַפֿט" (1944), „אַ בריוו פֿון בערלין" (1945).

אויפֿן פֿראָנט פֿלעגן די סאָלדאַטן געוויינלעך זיך מעלדן ווי אוראַלער, סיבירער, מאָסקווער. ווען איך פֿלעג אין די איבעררײַסן צווישן די שלאַכטן שרײַבן אַ ליד, איז דער לירישער העלד מײַנער טאָמיד געווען אַ ביראָבידזשאַנער.

מיט אַ קויל כ׳וועל דעם טויט דערווידערן,
מיט די ציין, מיטן בלוט, מיט דער האַנט.
אַך, ווי ס׳בענקט שוין דאָס האַרץ בײַ מיר ווידער
נאָך אַ ליד וועגן ביראָבידזשאַן.

זאָלט איר וויסן: איך שטיי איצט אינמיטן
פֿון מײַן שליכעס צום גליק אויף דער ערד,
און איך גיי דורך אַטאַקעס צום פֿרידן,
וואָס איז, פּונקט ווי די ליד, מיר באַשערט.

אין מילכאָמעס פֿאַרבלוטיקטע לידער
איז אַ ליכטיקע גרויסקײַט פֿאַראַן,
נאָר עס בענקט שוין דאָס האַרץ בײַ מיר ווידער
נאָך אַ ליד וועגן ביראָבידזשאַן.

די דאָזיקע שורעס האָב איך אָנגעשריבן אין 1943, אויפֿן ערשטן אוקראַיִנישן פֿראָנט.

✧

פון די אמעראצים שטאמט די טוירע...

ס'איז ביז גאָר טשיקאַווע נאָכצושפּירן נאָכן גוירל פון ווערטער. לעמאָשל — מיר זאָגן אמהאָרעץ און באַצייכענען דערמיט אַ מענטשן, וועמען עס פעלט וויסן. אָבער אורשפּרינגלעך האָט מען מיט אָט דעם וואָרט געמיינט דאָס פּאָלק פונעם לאַנד (עם־הארץ), דאָס הייסט די געוויינלעכע מענטשן. מיט דער צײַט, ווען עס האָבן זיך באַוויזן געבילדעטע, לאַמדאָנים, האָט מען אָנגעהויבן באַטראַכטן דעם פּראָסטן כּײַוועקיײַעם ווי אַן אומוויסנדן, אַ פינצטערלינג, אַזאַ, וואָס יאָכלט ניט, וואָס איז באַהאַוונט אַזוי ווי אַ טערק אין ראַבאָנאָן־קאָדעש...

דאָס וואָרט אמהאָרעץ האָט באַקומען אַ נעגאַטיוון באַטײַט. „קאָנסערוואַטיוו" אין דעם פּראַט איז אָבער פאַרבליבן דער היסטאָרישער זיקאָרן, וועלכער האָט ניט געלאָזט, ס'זאָל פאַרגעסן ווערן דער גוטער מיין פונעם באַגריף. דער ראַמבאַם האָט געגעבן אַ דעפיניציע פון די, וואָס גייען אַרײַן אין אַמעראַצים־שיכט פונעם פאָלק: „קיין טוירע האָבן זיי ניט, אַבער מײַסים האָבן זיי". אין דער געמאָרע איז געזאָגט: „שמהם תצא תורה" — פון זיי שטאַמט די טוירע.

פון די אַמעראַצים שטאַמט די טוירע...

✧

פּאָלקס־פּאַנטאַזיע

די פּאָלקס־פּאַנטאַזיע איז פאַרפליִגן אַזוי הויך — העכער קאָן שוין ניט זײַן. און דאָך האָט זי פונעם שטייגער־לעבן קיינמאָל זיך ניט דערווײַטערט. מײַן באָבע פלעגט זאָגן: „וואָס טוט מען מיט אַ מאַקע? מע נעמט אַ סקריפּ פון אַ טויער און מע לייגט אים אַרײַן אין אַ לאָך פון אַ בייגל און מע שטעלט אוועק די קיילע מיט דער דאָזיקער רעפּוע אויף אַן איבערגעבראָטענער שטרוי זיך אָפּצוקאָכן. ווען עס ווערט פאַרטיק, לייגט מען עס צו צו דער מאַקע, און אויב ס'וועט ניט העלפן, וועט עס ניט שאַטן".

אַזוינס צוטראַכטן...

נאָר אויב זיך גוט צוקוקן, זײַנען דאָ אַלע איבערגעדרייטע מעטאַפאָרן „פאַרמישט" אויף טאָגטעגלעכן שטייגער.

✧

סוידעס פון פּאָעטישער שאפונג

איך געדענק ניט קיין איין פאל, כ'זאָל ווען־ניט־איז האָבן פארטראכט א לירישע ליד לויט א פאָרויסבאשטימטן פלאן. אזא אומגעלומפּערטקייט איז ניט מעגלעך אפילע זיך פאָרצושטעלן. מע קאָן, פארשטייט זיך, וועלן אָנשרייבן אזא און אזא ליד, אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אז בא דעם דיכטער וועט די זעלבסטבאשטעלונג זיך באקומען. אויספלאנירן א פּראָזע־ווערק — דאָס מוז מען. אָן א גוט דורכגעטראכטן פלאן וועט ניט ארויס קיין טאָלק. אויך א פּאָעמע, א מאָשל קאָן מען — און מע דארף — פון פריער פארטראכטן און באטראכטן, אָבער ניט קיין לירישע ליד. דאָס פּאָעטישע רעגנדל טריפט אין אזא פאל ארויס פון א וואָלקן, וואָס פינקטלעך וויסן, פונוואנען ער האָט זיך גענומען, איז ניט מעגלעך. זאָל עס אייך ניט וווּנדערן, נאָר איך פארזיכער אייך, אז אין דער מינוט, ווען אָט דער וואָלקן האָט זיך שוין „אָנגעזויגן מיט הארץ" און זיך אָפּגעשטעלט אף דעם אָרט, פונוואנען ער וועט באלד „זיך אויסגיסן", — אין אָט דער מינוט פיל איך מאמעש דאָס „אָרט" פיזיש. איך קאָן אָנווייזן מיטן פינגער, ווו דער וואָלקן שטייט, — נעם די פען, גיכער, ס'וועט באלד א שפּריץ טאָן. פארשרייב! ניין, ס'איז ניט קיין איינריידעניש, כ'האָב עס הונדערטער מאָל געפילט. בא יעדן דיכטער איז מיסטאמע דאָס „אָרט" אן אנדערס. קיין אויספאָרשונג וועגן דעם, קיין מיינונגס־אויסטויש צווישן די פּאָעטן איז ניט געווען.

ביכלאל איז ביז גאָר טשיקאווע, וויאזוי „דאָס" קומט פאָר. ווען די צוויי שוועסטער — פיזיאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגיע — זאָלן צוזאמען אונטערקוקן דעם פּראָצעס פון שאפונג, דאן וואָלטן, קאָן זיין, אויסגעקלאָרט געוואָרן אזעלכע פארהוילנסטע סוידעס פון דער מענטשלעכער גייסטיקער נאטור, ווי באגאבטקייט, באגייסטערונג און — ענדלעך — געניאלקייט. עפּשער וועט קומען א צייט, ווען ס'וועט זיך איינגעבן צו באקומען — אויסטיילן באזונדער — אָט דעם איראציאָנעלן „וואָלקן פון שאפונג". די פיזיק האָט דאָך שוין ארויסבאקומען פון דער נאטור די נעגאטיווע טיילעכלעך. אנטישטאָף איז מיט א קורצער צייט צוריק געווען אין דער וויסנשאפט נאָך פארהוילענער, איידער אָט דער פּאָעטישער „וואָלקן".

✧

צייטבליק און וייטבליק

פאר א מענטשן, וואָס איז קראנק אף ווייטזיכטיקייט, זעט אויס צעפלאָסן, ניט קלאָר דאָס נאָענטע. א ווייטזיכטיקער איז „בלינדער", איידער א קורצזיכטיקער, ניט געקוקט דערוף, וואָס ער זעט ווייטער. קעדיי ניט פארלירן פון אויג דאָס שכיינעסדיקע, דארף ער אָפּטרעטן אף צוריק.

ווען פון וויטזיכטיקייט (פון דער קרענק) ליידט א שרייבער אין זיין שאפונג, באקומט דער „אף־צוריק" אויסגעשפראכענע סאציאלע פונקציעס.

אויב דער אווטאר פון א היסטאריש ווערק זעט ניט דעם מעהאלעך צווישן דער צייט פון דער באשריבענער געשעעניש און דער צייט, ווען דאס ווערק ווערט געשריבן, — איז ער א „וויטזיכטיקער". דאס זעלבע קאן מען זאגן וועגן א דיכטער, וועלכער שרייבט בלויז אף „אייביקע" טעמעס און באגייט זיך אן פראבלעמען פון דער היינטיקער צייט.

וויטבליק און צייטבליק מוזן באגלייטן איינס דאס אנדערע.

✧

„קרומקייט", וועלכע מע טאר ניט אויסגלייכן

ניט לאנג צוריק האט מען אין דער אוזבעקישער שטאט בוכארא אויס־געגלייכט א פירהונדערטיאריקן מינארעט, וועלכער האט אנגעהויבן פאלן. מע האט אים פארפעסטיקט — שוין א קרום־שטייענדיקן — מיט שטאלענע טראסן און, צעטיילנדיק דאס ארט אונטער אים אף ניט קיין גרויסע כא־לאקים, האט מען ארויסגענומען די ערד פריער פון איין כיילעק, דערנאך פון א צווייטן, פון א דריטן, פון א פערטן, פארגיסנדיק די פוסטקייטן מיט בעטאן. אזויארום, האט אונטערן מינארעט זיך באוויזן א בעטאנענער פונ־דאמענט מיט א גלייכער אויבערפלאך. אין כאלאל, וואס האט זיך געשאפן צווישן דעם אלטן און דעם נייעם פונדאמענטן, האט מען ארייננעלייגט זעקלעך מיט זאמד, און ערשט דעמלט האט מען גענומען פאמעלעך אפ־לאזן די טראסן, וועלכע האבן איינגעהאלטן דעם פאלנדיקן מינארעט. אונטער דער מאסע פונעם ביניען האט דאס זאמד גענומען אויסרינען, און דער מינארעט האט לאנגזאם און רעגלמעסיק זיך אראפגעלאזט אפן נייעם בעטאנענעם פונדאמענט — זיך אויסגעגלייכט.

אויב ס'איז אזוי לייכט אזוינס אפצוטאן, דאן פרעגט זיך: פארוואס האט מען ביז איצט ניט צוגעטראכט, וויאזוי צו אפראטעווען דעם וועלט־בארימטן פיזאנער טורעם, וועלכער נייגט זיך אלץ מערער צו דער ערד, ביזוואנען ער וועט אין איינעם שיינעם טאג א פאל טאן?

דער ענטפער איז א פראסטער. דער מינארעט אין בוכארא איז פון אנפאנג געווען א גלייכער. דאס שטיין גלייך איז פארלייגט אין זיין „נא־טור". קרומקייט איז דער ניט נארמאלער מאצעוו זיינער. דעריבער איז דאס ניט לאזן אים פאלן — בלויז א טעכנישע פראבלעם.

גאר אן אנדערע איז די פראבלעם פון ראטעווען דעם פערצנטויזנט־טאניקן גלאקן־טורעם אין דער איטאליענישער שטאט פיזא, וועלכן מע האט דערפאר טאקע געבויט אזוי לאנג (גאנצע 176 יאר), וויל די מענטש־הייט האט געוואלט באוויזן א קונץ: זי וועט אויפשטעלן ווערטיקאל א הויכע (54,5 מעטער), מיט דער האנט געמאכטע זאך, א ניט גלייכשטייענ־דיקע, ווי געוויינלעך, און די זאך וועט, פאלנדיק קלוימערשט, שטיין און

שטיין, און ניט אומפאלן (א מין קינדערשפיל אין די מאסשטאבן פון דער מענטשהייט; עמעצער האָט, געדענקט זיך, געשריבן: דאָס באַזיניקן דעם אטאָם איז א קינדערשפיל אין פארגלייך מיטן באַזיניקן די שפיל פון קינדער...).

אויסגלייכן דעם פיזאנער טורעם — הייסט אופשטעלן זיין נאטירלעך „פאלן". ניט אוועקשטעלן אים אף א פונדאמענט מיט א גלייכער אויבער־פלאך, נאָר, פארקערט, אים אומקערן צוריק צו זיין קרומקייט (אין דעם פאל קאָן גיין א רייד וועגן גלייכער קרומקייט).

דאָס, וואָס איך זאָג דאָ, איז קלאָר אלעמען. אין ליטעראַרישן פלאן איז עס, צום באדויערן, „אן איניען צום באהאנדלען". לעמאָשל, די דער־שינענע ביכלעך פון מאָטל גרוביאנס איבערגעזעצטע לידער באווייזן, אז דער רוסישער פּאָעט באמיט זיך, געוויינלעך, „צוקעמען די צעשויבערט־קייט" פונעם אָריגינאל, „אויסגלייכן" די אפאָריסטיק, די מעטאפאָרן, דעם גאנג און דעם אָטעם. אָבער גרוביאנס פּאָעטיק איז א „פיזאנער טורעם". איבערגעבן אין אן אנדער לאָשן איר פראכט, איר איין־און־איינציקייט באטייט — אופשטעלן איר „קרומקייט".

אָט וויאַזוי עס זעט אויס גרוביאנס נאטירלעכע מאניר צו שטיין „ניט גלייך". ער מאָלט, אשטייגער, דעם הארבסט: „ס'האָט דער הארבסט אריינ־געלייגט צוויי פינגער אין מויל און פייפט און וועקט דעם גאָרטן, וואָס איז שוין הויל. דער ווינט אין שטיינערנעם פלויט א מעסער שלייפט, ער וועט עס אריינשטעקן דעם גאָרטן אין הארץ. נאָר עפּל א פּאָר, וואָס הענ־גען אף דער צווייג נאָך רויט, דראָען מיט פויסטן שטייפע. זאָל ער, דער ווינט, שלייפן, דער גאָרטן האָט שוין אזעלעכס געהאט, ס'וועט שטארבן דער ווינטער באם פלויט, און דער ווינט וועט נאָך קומען צום גאָרטן בעטן א גרינע בלאט"...

אין דער גאנצער יידישער פּאָעזיע, און ניט נאָר אין דער יידישער, איז ניט מעגלעך אָפּצוזוכן א הארבסט, וואָס איז ענלעך אף דעם דאָזיקן. און דערגרייכט האָט עס מאָטל גרוביאן אדאנק זיין אָפּגעהיטער „קרומ־קייט", וועלכע מע טאָר ניט אויסגלייכן.

אליין דער דיכטער האָט עס אויסגעצייכנט פארשטאנען:

מיט מיינע אויגן

העננט א רעגן אף די אויגן,
און די ערד איז אויסגעבויגן.
בערג און וועלדער,
קרומע טייכן,
ווען מע זאָל עס אלץ אויסגלייכן —
כלעבן, אז סע וואָלט ניט טויגן;
אָט די ראָד פון רעגנבויגן,
וואָס איבער וועלדער
שטייט געבויגן,
און די ווינטמיל,

ווי צוגעזעצט האָט זיך א פויגל
אף א פליגל...
ליבער פויגל,
שיינער פויגל,
ביסט א וועלט שוין אויסגעפלויגן
און געקומען
צו א קרומען
ווינטמיל־פליגל —
כלעבן, אז סע וואָלט ניט טויגן,
ווען דער פליגל איז א גלײַכער...
בערג און וועלדער, קרומע טײַכן,
ווען מע זאָל עס אלץ אויסגלײַכן:
אָט די דערפער אינעם בארג־טאָל,
פּי און פערד און פּײַכטע סטויגן —
כלעבן, אז סע וואָלט ניט טויגן;

מאָטל גרוביאַנס נאָמען וועט, ווארשײַנלעך, שטיין אין דער ריי פון די נעמען פון די סאמע אָריגינעלסטע יידישע פּאָעטן. זײַן „קרומקײַט" טאָר מען ניט אויסגלײַכן!

✧

דער אָנהייב

אין צײַטן ארום וועט די געשיכטע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" געפאָרשט ווערן. ס'איז וויכטיק איצט צו פארצייכענען די סאמע ערשטע טריט.

ווי באַוווּסט, האָט דער אַלמאַנאַך „היימלאַנד" אופגעהערט צו דערשײַנען אין 1948. „סאָוועטיש היימלאַנד" הייבט זיך אָן אין 1961.

דעם 28 פעברואַר 1961 איז דער באַשלוס ארויסצוגעבן „סאָוועטיש היימלאַנד" „געלעגן אין קעשענע". אף מאָרגן, דעם 1 מארט, מיטוואָך, האָט די רעדאַקציע פאַרנומען א צימער אינעם מויער פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", אפן צוועטנאָי בולוואַר.

אין מעשעך פון די ערשטע צוויי וואָכן — ביזן 14 מאַרט — האָב איך „געפירט א העפטל", פאַרנאָטירט עפעס־וואָס פון דער טאָג־כראָניק. איך שרײַב דאָ ארויס פונעם העפטל דאָס וועזנטלעכע.

1961. 1 מאַרט. עס טרעטן צו צו דער ארבעט: 1) א. ווערגעליס (הויפּט־רעדאַקטאָר); 2) א. גאָנטאַר (פאַרוואַלטער פונעם פּראָזע־אָפּטייל); 3) מ. טייף (פאַרוואַלטער פונעם פּאָעזיע־אָפּטייל); 4) נ. אויסלענדער (פאַרוואַלטער פון דעם אָפּטייל פון קריטיק און ביבליאָגראַפיע); 5) מ. לעוו (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר); 6) מ. לאַנדמאַן (מאַשיניסטקע).

אָנהייב טאָג איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פּסטר אַ שריפֿטלעכע באַקאָשע, ער זאָל דערלויבן, אַז די מיטאַרבעטער פֿון רעדאַקציע זאָלן צוטרעטן אויסצופֿילן זייערע פֿליכטן, ניט וואַרטנ־דיק, ביזוואַנען די באַטרעפֿנדיקע מעלוכע־אַנשטאַלטן וועלן באַשטעטיקן די רעשימע פֿון די אַמטן אין רעדאַקציע, דעם כּוידעש־געהאַלט, די בודזשעט־סמעטע. אין מעשעך פֿונעם טאָג איז די דערלויבעניש באַקומען געוואָרן.

דער רעדאַקציע־אָפּטייל פֿון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ", וועל־כער האָט אָפּגעטראָטן זײַן צימער פֿאַר „סאָוועטיש היימלאַנד", האָט אַרומגעצאַמט מיט לײַכטע ווענטלעך אַ ברייט אָרט אין קאָרידאָר באַם אַרײַנגאַנג אַפֿן פֿינפֿטן שטאָק. אין דער צווייטער העלפֿט טאָג, צופֿרי־דענע מיט זייער צײַטווײַליקן אַרבעטס־קאַבינעט, זײַנען די כאַווײרים פֿון אָט דעם אָפּטייל געקומען צו אונדז און געהאָלפֿן אויסשטאַטן מיט מעבל די רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל.

2 מאַרט. ס'איז פֿאָרגעקומען אַ דעטאַלער שמועס וועגן די נאָרמעס פֿון אונדזער אַרבעט, וועגן די באַציִונגען מיט דער ליטעראַרישער סוויווע.

זיך צונויפֿגערעדט: 1) די שפּעטערישע אָפּטיילן שטעלן צונויף צעטלען פֿון אַלע ייִדישע שרײַבער אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד (לויט די זשאַנרען); 2) גאָנטאַר גרייט צו אַ פּראָיעקט פֿון אַ בריוו, וועלכער וועט דינען אַלס אײַנלאַדונג אָנטיילצונעמען אינעם זשורנאַל; 3) אין דער לעצטער וואָך פֿונעם כּוידעש וועט צונויפֿגערופֿן ווערן די רעדקאָלעגיע.

3 מאַרט. אַן אויסטויש פֿון אינפֿאָרמאַציע וועגן די צעטלען פֿון די שרײַבער.

באַהאַנדלונג פֿונעם בריוו, וואָס וועט געשיקט ווערן אַלע ייִדישע שרײַבער. נאָכן אַרײַנטראָגן אויסבעסערונגען איז דער פּראָיעקט אומגע־קערט געוואָרן א. גאָנטאַרן, ער זאָל צוגרייטן דעם ענדגילטיקן וואַריאַנט.

אַן אינפֿאָרמאַציע וועגן דעם טאָג־סיידער פֿונעם ערשטן פּלענום פֿון דער רעדקאָלעגיע.

נאָטע לוריע און פֿאַליקמאַן קלײַבן זיך קומען קיין מאָסקווע אין די נאָענטסטע טעג. מילער געפֿינט זיך דאָ. ער האָט הײַנט אָף דער זיצונג אינפֿאָרמירט וועגן די בירָאבידזשאַנער שרײַבער.

4 מאַרט. אָנגענומען דעם טעקסט פֿונעם בריוו צו די ייִדישע שרײַבער.

זיך צונויפֿגערעדט: דעם בריוו איבערקלאַפּן אָף אַ בלאַנק פֿונעם שרײַ־בער־פֿאַרבאַנד און אָפּשיקן אים אַן ערעך צו 110 — 120 כאַווײרים.

דורכפֿירן די פּלענאַרע זיצונג פֿון דער רעדקאָלעגיע (מיטן אָנטייל פֿון די מיטאַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע) לויט אַזאַ טאָג־סיידער: 1) פֿאָר־טראָג — „די יעסוידעס, אָף וועלכע ס'וועט זיך בויען אונדזער זשורנאַל"; 2) אינפֿאָרמאַציע פֿון די רעדאַקציע־אָפּטיילן, דער פּלאַן פֿון די ערשטע דרײַ נומערן; 3) מיטיילונגען פֿון די ערטער וועגן דער שעפֿערישער אַר־בעט פֿון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער; 4) אָרגאַניזאַציאָנעלע פֿראַגן.

פֿאַרן שליסן דעם פּלענום, אין מעשעך פֿון דעם לעצטן טאָג, — קאָ־לעקטיוו לייענען ווערק, וואָס די שרײַבער וועלן פֿאָרלייגן דעם זשורנאַל.

6 מארט (מאָנטיק). די רעדאקציע האָט דערהאלטן די ערשטע צוויי בריוו (קיפּניס פון קיִעוו, פלאטנער פון מינסק). געקומען רעמעניק זיך דורכשמועסן וועגן די ריכטליניעס פון דער קריטיק. נאָכעם אויסלענדער פירט אונטער א סאכאקל פונעם שמועס. עס ווערט אקצענטירט פאָלגנדעס: דער הײַנטיקער עטאפּ אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור; דער געענדערטער מאצעוו אין דער ייִדישער סוויווע לויט דעם, ווי עס שילדערט אים דאָס קאָלעקטיווע ווערק פון אלע שרײַבער פונעם סאָוועטישן פעריאָד — די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור; די טעמע היימלאנד; פאטריאָטיזם, פעלקער־פרײַנטשאפט, אָרגאנישע באהעפטונג מיטן סאָוועטישן לעבן; הײַנטצײַטיקע פארוואנדלונגען אין דער נאציאָנאלער פּראָבלעמאטיק; ייִדישע ליטעראטור אין אויסלאנד — פּראָגרעסיווע און רעאקציאָנערע.

זיך צונויפגערעדט: אדרעסירן אײַנלאדונגען אָנטיילצונעמען אין אונדזער זשורנאל א ריי רוסישע, אוקראַיִנישע, ליטווישע, מאָלדאווישע שרײַבער, בעטן, זיי זאָלן אונדז צושיקן ניט קיין פאָרמעלע באגריסונגען, נאָר ווערק צו פארעפנטלעכן. אזויארום וועלן מיר גלײַך פון אָנהייב אקטיווירן אלע קויכעס, וועלכע זײַנען מעסוגל צו מאכן ברייט די האָריזאָנטן פונעם זשורנאל.

די דרײַ אָפּטיילן האָבן אינפאָרמירט וועגן זייער אָנהייב. די דיכטונג וועט האָבן א צענטראלע פאר איינעם פון די נאָענטע נומערן פּאָעמע (טייפס). די פּראָזע טאפּט אָן איר הײַנטצײַטיק ווערק (ט. גען). ערנסט זײַנען די ערשטע אָפּרופן פון די קריטיקער. אירמע דרוקער (געקומען הײַנט קיין מאָסקווע) האָט דערציילט וועגן דער ארבעט פון די אָדעסער שרײַבער און וועגן זײַן אייגענעם פּאָרטפעל.

7 מארט. א טאָג פאר אָרגאניזאציאָנעלע פראגן.

די רעדאקציע האָט באקומען די ערשטע מאנוסקריפּטן (פון יעכיִעל שרײַבמאנען, הירש בלאָשטיינען, איציק קיפּניסן, יעכיִעל פאליקמאנען).

פארנאכט — א באזוך (א. ווערגעליס, מ. טייף, א. גאָנטאר) בא ז. וועגנער דראָפּן אין זײַן שטוב. באגריסט אים מיטן זשורנאל און אים דערציילט וועגן די מעגלעכקײַטן, וועלכע שאפן זיך איצט פאר דעם „שרײַבערצעך". ליובע (די טאָכטער) האָט געשטעלט ווײַן. דער אלטער איז גוט געשטימט, ער איז גרייט צו טאָן אלץ פארן זשורנאל. איבערגעגעבן אונדז צוויי זײַנע דערציילונגען. וועט אויך צוטרעטן צו דער ארבעט איבער אן עסיי, אדרעסירט דער יוגנט. ביז גאָר אינטערעסאנט!

8 מארט. נאָך מאנוסקריפּטן פאר די ערשטע נומערן (פון אײַזיק פּלאָטנערן, מאָטל גרוביאנען, שיקע דריזן).

די רעדאקציע האָבן באזוכט ציפּע בערגעלסאָן, ליובע קושניראָווע. די אלמאָנעס פון די שרײַבער־גרונטלייגער זײַנען גרייט איבערגעבן אין אונדזער רעשוס די ארכיוון.

פארבעטן אין רעדאקציע ע. פאלקאָוויטשן. דעם שמועס מיט אים ארויסגעטראָגן אויף דער אלגעמיינער זיצונג (מיטן אָנטייל פון מילערן, רעמעניקן, פרײַ און פון אלע מיטארבעטער).

ארויסגעזאָגטע ווונטשן: 1) די מאַטעריאַלן וועגן שפּראַך זאָלן אין זשורנאַל האָבן אַ קאָנקרעטן כאַראַקטער — דאָס ייִדישע לאָשן אין פאַרלויף פון די 60־ער יאָרן; ווי האַלט עס איצט מיט דער שפּראַך אין די אויסלענדישע ייִדישע צײַטונגען און ליטעראַרישע זשורנאַלן און אויך (אין דער ערשטער ריי) אין „ביראָבידזשאַנער שטערן“ אדג.; 2) דרינגענדיק אײַנשאַפן פאַר דער רעדאַקציע די נייטיקע ווערטערביכער, לעקסיקאָנען, ספּעציִעלע האַנט־ביכער; 3) פאָרויסזען דאָס אײַנפירן אין דער געהעריקער צײַט אַ סטאַביל ווינקל — אין יעדן נומער פונעם זשורנאַל — „לעקציעס וועגן ייִדיש“.

זיך צונויפגערעדט: 1) די רעדאַקציע ווענדט זיך אין די רעגולירנדיקע אינסטאַנצן איבער שפּראַך־אָנגעלעגנהײַטן בײַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פּסר וועגן דער צוועקמעסיקײַט צו אופשטעלן אין סאָוועטישן ייִדישן אויסלייג די ענדע־אויסיִעס. פאָרלייגן, אַז די קאָמפּעטענץ צו אַרגומענטירן און שפּעטער פאַרווירקלעכן דעם פאָרשלאָג זאָל אָנגעטרויט ווערן דער רעדקאָלעגיע און רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וואָס עס וועט געבן די מעגלעכקײַט אײַנצופירן צוריק די ענדע־אויסיִעס שוין אין ערשטן נומער פון דעם זשורנאַל; 2) די רעדאַקציע וועט נעמען אַן אָריענטאַציע אויף דורכפירן אַן אַלפאַרבאַנדישע באַראַטונג וועגן פראַגן פון ייִדישער שפּראַך, זי וועט אויך אָריענטירן די קויכעס פון די לינגוויסטן אויף צו שאַפן און אַרויסגעבן צוויי פונדאַמענטאַלע ווערטערביכער: אַ ייִדיש־רוסישן און אַ רוסיש־ייִדישן.

9 מאַרטש. זייערע ווערק האָבן צוגעשיקט כאַיִם מעלאַמוד, אײַזיק הורבערמאַן, שיפרע כאָלאָדענקאָ. אַ בריוועלע פון מוישע אַלטמאַנען. ע. פאָלקאָוויטש זאָגט צו אָנשרײַבן פאַרן זשורנאַל אַן אַרבעט „אָפּשײַ פאַרן לאָשן“.

די רעדאַקציע־מיטאַרבעטער האָבן שפּעט אין אָוונט פאַרבראַכט אַ פּאָר שאָ בײַ יאַנקעוו שטערנבערגן. דאָס ווערטפּולע אינעם שמועס — דער אַכריַיעס־געפיל. מע דאַרף בויען דעם „אַפּסנײַ“־ביניען ניט ווי אַ צײַטווײַליקן „באַראַק“, נאָר ווי אַ פאַרפונדעוועטע שטוב — אויף לאַנג. צום באַדויערן, זײַנען פאַראַן שרײַבער, וואָס גלייבן נאָך ניט („ס׳וועט מיסטאַמע זײַן ניט קיין פעריִאָדישע אויסגאַבע, נאָר אַן אײנמאָליקער אָדער צווייטמאָליקער אַלמאַנאַך. דעריבער דאַרף מען די פאַראַנענע מאַנוסקריפּטן אָפּדרוקן אין דעם נומער, וואָס גרייט זיך איצט, און מער גאָרנישט“...). אויך פאַראַן עטלעכע אַזעלכע, פאַר וועמען דאָס דערשײַנען פון אַ רעגולערן זשורנאַל איז אַן אומגליק: ס׳וועט אָפּפאַלן די מעגלעכקײַט צו באַקומען אין די רוסישע פאַרלאַגן און אין ליטפאָנד „קאָמפּענסאַציע“ פאַר ניט האָבן וווּ זיך דרוקן אויף דער מוטערשפּראַך...

שטערנבערג האַלט, אַז ס׳האָט זיך געשאַפן אַ מעגלעכקײַט פאַר „גרויסן גאַנג“ און אַז אַלע בעסטע שעפערישע קויכעס פון אונדזער ליטעראַטור וועלן זיך גאָר איינגיכן צונויפזאַמלען אַרום „סאָוועטיש היימלאַנד“. ער זאָגט אַרויס די האַשאָרע, אַז קיין „ריינע דיכטער“ און קיין „ריינע פּראָזאַיִקער“ וועלן אינעם נײַעם עטאַפּ קימאַט ניט זײַן. עס שטייט אונדז פאָר אַ סאַך איבערצושאַצן, ווידעראַמאָל דעפינירן. מיר וועלן איצט אַרויסזאָגן

דאָס ניט אַרויסגעזאָגטע אין מעשעך פון לאַנגע יאָרן. דעריבער וועט אַ דיכטער אָדער אַ פּראָזאַיקער „אַרײַנקוקן“ אויך אין דער קריטיק.

שטערנבערג קלײַבט זיך אַרויסטרעטן אָפּט מיט ליטעראַרישער עסייִסטיק. באַזונדערס ציט אים צו באַשרײַבן (אין דער פאָרם פון זיכרוינעס) זײַנע באַגעגענישן מיט בערגעלסאָנען אין אויסלאַנד, ווען באַם גרויסן שרײַבער איז שוין רײַף געווען דער ווילן צו באַזעצן זיך אין סאָוועטנפאַרבאַנד, ווי אויך די באַגעגעניש אַף די וועגן פונעם רעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד צווישן עלי־עזער שטיינבאַרג און דעם יונגן לייב קוויטקאָ.

פאַרן ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“ גיט שטערנבערג לידער וועגן טאָלסטאָיען.

10 מאַרט. נאָכעם אויסלענדערס מיטיילונג וועגן די מאַטעריאַלן פונעם קריטישן אָפּטייל פאַר די ערשטע נומערן פונעם זשורנאַל. עס ווערן פאָרגעלייגט: 1) דאָס „פּראָגראַם־אַרטיקל“ (אַ ווענדונג צו די לייענער); 2) אַן אָפּהאַנדלונג „די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור און דאָס סאָוועטישע היימלאַנד“; 3) צום 20־טן יאָרטאָג פון דער מילכאָמע — אַן אַרטיקל וועגן די אומגעקומענע יונגע פּאָעטן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן אַרויסלאָזן זייערע ערשטע ביכער, — און אַ ביבליאָגראַפישע נאָטיץ וועגן די ווערק פון די שרײַבער, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט פון פראָנט; 4) מיטיילונגען: וועגן די דערשינענע אין די לעצטע יאָרן איבערזעצונגען פון ייִדישער ליטעראַטור אַף רוסיש, וועגן שוואַרצמאַנס און בערגעלסאָנס ביכער, וועלכע זײַנען אַרויס אַף ייִדיש; 5) אַ רעצענזיע אַף דער ליטעראַרישער זײַט אין „ביראָבידזשאַנער שטערן“; 6) אַ „טריבונע פון שרײַבער“.

בײַס דער באַהאַנדלונג פון אויסלענדערס אינפאָרמאַציע זײַנען אָנגערופן געוואָרן נאָך טעמעס פאַרן ערשטן און צווייטן נומער: די לעניןגעשטאַלט אין דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור; אַ מאַטעריאַל, וואָס זאָל „אָפּרופן“ די דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג; אַ פּראָבלעם־אַרטיקל וועגן דער צײַטמעסיקײַט פון אַ הײַנטיקן עטאַפּ אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

נ. אויסלענדערן איז פאָרגעלייגט געוואָרן ביז מאָנטיק צונויפשטעלן דעם פּלאַן.

11 מאַרט. אַ טאָג פון לייענען און באַהאַנדלען די באַקומענע מאַנוסקריפּטן.

13 מאַרט (מאָנטיק). פּעקלעך (צוויי מאָל אין טאָג) „ליבע בריוולעך“ פון די ערטער. די אויטאָרן ווײַזן אַרויס אַ טיפן פאַרשטאַנד פאַר די שעפערישע און אידייִשע אויפגאַבן. בריוו און טעלעגראַמעס פון רוסישע שרײַבער (שאַגיניאַן, פּאַוסטאָווסקי, סורקאָוו, טיכאָנאָוו, סימאָנאָוו).

די פּלענער פון אַלע דרײַ אָפּטיילן פאַרן ערשטן נומער — שוין באַשטעטיקט.

זיך פאַרנומען מיט דרוקערײַ־אויסשטאַטונג.

14 מאַרט. אַ פאַרמאַכטע זיצונג פון דער רעדאַקציע (אָן אײַנגעלאַדענע).

זיך צונויפגערעדט: די לאַנגדויערנדיקע טאָגטעגלעכע באַראַטונגען זײַנען ביז הײַנט געווען נייטיק. מע האָט באַדאַרפט אײַנשטעלן פּרינציפּן, סטיל,

נאָרמעס. אַף ווײַטער גייען מיר איבער צו וועכנטלעכע „ליעטוטשקעס" (יעדן מאָנטיק) מיט אַ זאַכלעכן טאָג־סיידער. דער מאַנוסקריפּט פונעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" דאַרף זײַן גרייט „אַף שוואַרץ" צום 20 אַפּרעל.

✧

לאורעאטן פון דעזערטירסטווע

איך דערמאָן זיך אין אַ מילכאָמע־עפּיזאָד.

אַ קאָנוואָיר האָט צוגעפירט צו אונדזער פעלד־קיך עטלעכע געפאַנגענע דײַטשן און, אָנווײַזנדיק אַף איינעם פון זיי, אַ זאָג געטאָן צום קעכער:

— אים ווארף צו מער מיט אַ לעפל. אַן איבערגעלאָפענער...

דער קעכער האָט זיך ניט געײַלט אַרײַנצולייגן אינעם איבערגעלאָפענעמס קעסעלע דעם לעפל הירזשענע קאַשע:

— פאַראַן ניט ווייניק אַזעלכע באַלאָנים: פון דאָרט דעזערטירן, און דאָ עסן קאַשע...

פאַר יעדן סאָוועטישן מענטשן איז דעמלט קלאָר געווען, אַז אויב אַ דײַטשישער סאָלדאַט לייגט אַוועק דאָס געווער, איז עס נוצלעך, אָבער פּרעמירן אים פאַר דעם מיט קאַשע — דאָס ניט...

איצט, ווען עס קומט קיין ייִסראָעל אַ דעזערטיר פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז עס, דערצו נאָך, אין טאָך אַן אַנדער איניען. אַ דעזערטיר פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור!

אָבער — טוט נאָר אַ טראַכט! — ער באַווײַזט נאָך נישט איבערצובײַטן די מאָסקווער פּלודערן אַף טעל־אוויווער, ווי מע רוקט אים שוין אין דער יאַד אַרײַן אַ „ליטעראַרישע פּרעמיע"...

פאַר וואָס — אַ פּרעמיע? פאַר וועלכע ווערק?

אַ פּרעמיע פאַר איבערקערן דעם פעלץ, פאַר באַשמוצן די אָפּשטאַם־ליטעראַטור, פאַר צושטעלן „סכוירע" די סאָנים פונעם געבוירן־לאַנד!

דער דורכשניטלעכער לאורעאַט פון דעזערטירסטווע איז אין די פריִערדיקע צײַטן, ביז ער האָט זיך אַראָפּגעיאַוועט מיט זײַנע בעבעכעס קיין ייִסראָעל, קיינמאָל, נאַטירלעך, ניט געלויבט געוואָרן, — אַפילו ניט געהאַט קיין נאָמען אַף צו דערמאָנט ווערן — אין דער ייִדישער און העברעיִשער בורזשואַזער פּרעסע, אַזוי אויך אין דער דאָרטיקער ליטעראַטור־קריטיק.

קאָן מען דאָך מיינען, אַז קומענדיק קיין ייִסראָעל, האָט ער, אָן אָנגעגורטער מיט די „נײַע אָנשויונגען", זיך מיטאַמאָל אַזוי צעזונגען, — זאָל זײַן אַף אַ ציוניסטישן מאָטיוו, — אַז ס'איז פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס דער ציוניזם איינגט אים צו אַ פּרעמיע.

נאָר ניין, דער דעזערטיר האָט גאָרנישט ניט געבראַכט דעם נײַעם באַלעבאָס זײַנעם, אויסער זיך אליין, און דער ציוניזם עפּנט איצט פאַר

אים זײַן בײַטל ניט ווי פֿאַר אַ שרײַבער, נאָר ווי פֿאַר אַזאַ סאָרט בריע, וואָס פֿאַרקױפֿט זיך.

אַזאַ איז דער טאָך און די ווערט פֿון די „ליטעראַרישע פּרעמיעס", וועלכע די דעזערטירן באַקומען אין טעל־אָוויוו.

פֿון דער ליטעראַטור־געשיכטע איז באַוווּסט, אַז פּרעמיעס פֿאַר ליטע־ראַרישע ווערק זײַנען געווען און זײַנען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע. אין די צאַ־רישע צײַטן האָט רוסלאַנד געהאַט ניט נאָר אַ פּושקין־פּרעמיע, נאָר אויך אַ פּרעמיע אָפּן נאָמען פֿונעם טרעגער פֿון דער סאַמע שוואַרצסטער רע־אַקציע גראַף אַראַקטשײעוו, וועלכער האָט „געשפּענדעט" (ווי עס דריקן זיך הײַנט אויס די ייִסראָעלדיקע יידישע בלעטער) 50 טויזנט רובל אָף צו באַלוינען דעם אויטאָר פֿון דער „בעסטער" געשיכטע פֿונעם קייסער אַלעקסאַנדער I. אין הײַנטצײַטיקן פֿראַנקרײַך זײַנען פֿאַראַן מער פֿון פֿינף הונדערט פּרעמיעס, צווישן זיי — אַ פּרעמיע פֿאַר דעם סאַמע ערגסטן בוך פֿונעם יאָר...

באַם ציוניזם סטײַעט ניט קיין פֿאַנטאַזיע אַ שמייכל צו טאָן, ווי עס טוען, לעמאָשל, די פֿראַנצויזן. באַם צווייגענען פּרעמיעס אַזעלכע ליטעראַ־רישע מענוואָלים, אָדער, ווי עס האָט געהאַנדלט דער צאַריזם אין רוסלאַנד, צו מעלדן אָפֿן, אַז דאָס זײַנען פּרעמיעס פֿון די הײַנטצײַטיקע ייִסראָעלדיקע אַראַקטשײעווס.

נו, און וואָס גיט אַזאַ פּרעמיע גופֿא די „לאָורעאַטן"?

אויב איבערפֿירן דעם מעזומען פֿון דער דורכשניטלעכער ציוניסטישער פּרעמיע אָף אונדזער סאָוועטיש געלט, איז עס אַ סומע, אַן ערעך, פֿון 125 — 200 רובל (1000 — 1500 ייִסראָעלדיקע ליר) — אַ מין איינמאָליקע נעדאָווע, אַ „לעפֿל קאַשע" פֿאַר דעם איבערלויפֿער.

באַקומענדיק אַזאַ „פּרעמיע", האָט איינער פֿון די באַגליקטע, דער גע־וועזענער סאָוועטישער שרײַבער ה. אָשעראָוויטש, לויט ווי ס'האָט אױ־בערגעגעבן די טעל־אָוויווער צײַטונג „לעצטע נײַעס", געהאַלטן פֿאַר דער זשורי אַ רעדע, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„איינס פֿון די ערשטע ווערטער, וואָס מע לערנט אויס אַ קינד (און מעגלעך, אַז טאַקע גלײַך נאָכן סאַמע ערשטן וואָרט „מאַמע"), איז דאָס וואָרט „אַ דאַנק" — דאָס וואָרט, מיט וועלכן די עלטערן לערנען דעם מענטשעלע־אָנהייבער קאָמפּענסירן פֿאַרן באַקומען עפּעס, דאָס וואָרט, וואָס בלײַבט אין זײַן באַנוץ אָף ס'גאַנצע לעבן און וועט אוואַדע אָנהאַלטן, קאָלזמאַן אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט וועט עקזיסטירן אַ געבן — און נעמען"...

דאָס פּאָנעם פֿלאַמט פֿון בושע...

✧

פֿאַקטן אָף צו גערענקען

ווער וועט אונטערזאָגן דעם ייִדישן פֿאָלק — וואָס צו געדענקען און וואָס ניט?

צי קאָן דאָס ייִדישע פֿאָלק, אַשטייגער, פֿאַרגעסן, וויאַזוי די לידערס פֿון דער מײַרעוו־וועלט האָבן זיך געמאַכט ניט הערנדיק, ווען פֿון די אָקופּירטע לענדער האָט זיך צו זיי דערטראָגן דער ווייגעשריי פֿון מיליאָנען ייִדן, ווען די היטלעראָווצעס האָבן געהאַלטן אין אויסשעכטן?

נאָכן קריג זײַנען באַוווּסט געוואָרן פֿראַטים — וועגן די שיפֿן מיט ייִדן, וועלכע מ׳האָט ניט צוגעלאָזט צו אַ ברעג און זיי האָבן געמוזט פֿאַרקערעווען גלײַך צום הענקער אין די הענט אַרײַן, וועגן דעם מיסכער פֿון „ייִדישע עמיסאַרן״ מיט די פֿאַשיסטישע אַטאַמאַנען אַרום אַן אויסקויף־פּרײַז פֿאַר אַרויסלאָזן פֿון די נעגל די, און וועמען די ציִעניסטן בייטיקן זיך.

און אָט זײַנען אַ פּאָר ווייניקער באַקאַנטע אין דער עפֿנטלעכקײַט פֿאַקטן.

אין 1940 האָט דער שוועדישער פּאַרלאַמענט אָנגענומען אַ באַשלוס צו דערלויבן 20 טויזנט ייִדן פֿון דײַטשלאַנד זיך צו באַזעצן אין שוועדן. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם, האָט דער אויבער־ראַבינער פֿונעם נייטראַלן לאַנד, דער ציִעניסטישער מאַנהיג ד״ר מ. ערענפּרײַז, צוזאַמען מיטן פֿאָרזיצער פֿון דער שטאָקהאָלמער קעהילע, זיך געווענדט צו דער שוועדישער רעגירונג, זי זאָל דעם באַשלוס ניט פֿאַרווירקלעכן, ווײַל דאָס באַזעצן זיך פֿון טויזנטער ייִדן — ווען אַפֿילע דאָס זאָל זײַן בלויז אָף אַ צײַט — איז מעסוגל אַרויסצורופֿן אַנטיסעמיטיזם אין שוועדן. באַקומענדיק אַזאַ ניט געוויינלעכע באַקאָשע, האָט די שוועדישע רעגירונג באָטל געמאַכט דעם אָנגענומענעם באַשלוס. צוואַנציק טויזנט לעבנס זײַנען ניט געראַטעוועט געוואָרן...

אין דער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע איז שוין ניט ווייניק געשריבן געוואָרן וועגן די אונטערהאַנדלונגען אין אונגאַרן צווישן אייכמאַנען און קאַסטנערן אַרום דעם איניען „בלוט פאר סכוירע״: די דײַטשישע פֿאַשיסטן האָבן צוגעזאָגט אַרויסלאָזן אַ געוויסע צאָל אונגאַרישע ייִדן קיין טערקײַ, אויב דאָס געשעפֿט וועט באַצאָלט ווערן מיט לאַסט־אויטאָמאָבילן, קאָפֿע, טיי, צוקער. קאָלזמאַן קאַסטנער האָט זיך געדונגען וועגן פֿראָטים, איז אַ צווייטער אונגאַרישער ציִעניסט, יויעל בראַנד, אַרויסגעפֿאָרן קיין סטאַמבול. דעם 1 יון 1944 האָט ער זיך געטראָפֿן אָף דער סיריש־טערקישער גרענעץ מיט מוישע שאַרעטן, וועלכער איז שפּעטער, ווי באַוווּסט, געוואָרן פּרעמיער־מיניסטער און אויסערן־מיניסטער פֿון ייִסראָעל. בראַנד האָט איבערגעגעבן דעם הויכן ציִעניסטישן אַפּאַראַטשיק, אַז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די פֿאַרניכטונג פֿונעם לעצטן מיליאָן אייראָפּעיִשע ייִדן; וואָס איז שײַעך די אונגאַרישע ייִדן, ווערן זיי דעפּאָרטירט אין די טויט־קאַמערן פֿון אָשווענטשים מיט אַ טעמפּ פֿון 12 טויזנט מענטשן טעגלעך! שאַרעט האָט זיך אומגעקערט קיין ערעץ־ייִסראָעל און אינפֿאָרמירט

וועגן דעם שמועס מיט בראַנדן בען־גוריאָנען און אַנדערע קאָלעגן אין דער ציוניסטישער אָנפירונג.

ווען אין 1964 איז פאַרן טעל־אוויווער געריכט געשטאַנען גרינוואַלד, וועלכער האָט אויף דער גאַס דערשאָסן קאַסטנערן, איז אויף דעם פאַרהער געקומען צו רייד וועגן אָט דעם עפּיזאָד, און דער עמעס איז אַרופגעשווומען, ווי בוימל אויף וואַסער. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אָנפירער פון „סאָכנוט״ („יידישע אַגענץ״) האָבן אין יוני 1944 פּאַשעט אויסבאַהאַלטן פון דער עפנטלעכער מיינונג דעם גרויליקן סיגנאַל, וועלכן זיי האָבן באַקומען...

ס׳האָט, ווי מע זאָגט, אָנגערוקט אויף זיך דאָס טויבע היטל אויך דער אַזויגערופענער „רעטונגס־קאָמיטעט״ אין ערעץ־יִשׂראָעל. זײַן אָנפירער — יִצחאָק גרינבוים — האָט שפּעטער געשריבן אין זײַן בוך „בימי חורבן ושואה״ — „אין די טעג פון חורבן און אומקום״: „און ווען מע האָט מיר אָנגעוויזן: איר קאָנט דאָך געבן פון די געלטער פון קרן היסוד (קערן־היעסאָד — גרונט־פאָנד) פאַר דער רעטונג פון די יידן אין די גאָלעסלענדער, האָב איך געזאָגט: „ניין!״ און איך זאָג נאָכאַמאָל: „ניין!״. לויט מײַן מיינונג, דאַרף מען זיך אַנטקעגנשטעלן אָט דער כוואַליע, וואָס רוקט אָפּ די ציוניסטישע טעטיקײַטן אויפן צווייטן אָרט...״

אין דער זעלבער צײַט, ווען די „נאַציאָנאַלע״ קאַמצעניוקעס האָבן געקוואַפּעט אויף אַ גראָשן, אָפּזאָגנדיק זיך צו עפענען זייער פּאַרטייִשע קאַסע צוליב דער רעטונג פון אוועלכע־ניט־איז זעקס מיליאָן יידן, — אין אָט דער זעלבער צײַט האָט די רויטע אַרמיי פאַרגאָסן איר בלוט, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דאָס יידישע פאָלק פונעם פאַשיסטישן כאַליעף.

ווען מע פרעגט מיך, וואָס פאַר אַ קאָמענטאַר גייט אַמערסטן אונטער צו אונטערסאַכאַקלען די פאַקטן, וועלכע כ׳האָב דאָ פאַרצייכנט, וואָלט איך פאָרגעלייגט אַרויסהייבן פון דער פאַרגאַנגענהײַט נאָך איין היסטאָרישן פּראַט:

אין סאַמע ברען פון דער אַנטיהיטלערישער מילכאָמע, דעם 20 אָקטיאַבער 1943, האָבן אין לאָנדאָן, אין אַ זאַל מיט פאַרמאַסקירטע פון די לופט־פּיראַטן פענצטער, זיך פאַרזאַמלט פאָרשטייער פון יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס צו געזעגענען זיך מיט צוויי סאָוועטישע שעליכים — שלוימע מיכאָעלסן און איציק פעפערן. אָט מיט וואָס פאַרא ווערטער פעפער האָט פאַרענדיקט זײַן אָפּשיידונגס־רעדע:

— היטלער מאַכט גוואַלדן, אַז די יידן האָבן זיך מעשאַדעך געווען מיט דער רויטער אַרמיי. ניט די רויטע אַרמיי, ניט די יידן שעמען זיך ניט מיט דעם דאָזיקן שידעך.

גאָטס מעשוגאַס

די גראַפאָמאַנען האָבן פאַרכאַפּט אין דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור די מאַכט. מאַמעש, זיי גייען אויף דאָרט, וווּ מע האָט זיי ניט פאַרזייט — אין „קאָמיטעטן", אויף „אויפנאַמעס", באַם „צעטיילן פּרײַזן", אין די פאַרוואַלטונגען פון „שרײַבער־פאַרבאַנדן" — אומעטום.

פאַרשטייט זיך, כוץ אין דער עצם ליטעראַרישער שאַפונג.

דאָ איז מען גראַפאָמאַנען.

מיט וואָס זשע האָבן זיי פאַרכאַפּט די בירגערלעכע פּרעסע, די טריבונעס פון ציִעניסטישע קאָנפערענצן און סעסיעס, די ביוראָען פון ליטעראַרישע פאַריינען און קאָמיטעטן? מיט אַנטיסאָוועטיזם. זייערע באַלעבאַטים דאַרפן ניט, אַז ליטעראַטור זאָל אַרײַנברענגען ליטעראַרישע ווערק. די גאַנגבאַרע סכוירע איז — אַנטיסאָוועטיזם.

אָט — אַ בײַשפּיל.

איינער פון די כעוורע דרײַ פּייען אינעם הײַנטצײַטיקן ליטעראַרישן קוילער־געסל איז דער ספּעץ אַרום סאָוועטישע ייִדן עליעזער ווײַזעל (וויזעל). דאָס האָט ער זיך טרויעריק באַוווּסט געמאַכט מיט דעם, וואָס ער פלעגט פאַרגרייטן פאַר פּראָפּאַגאַנדיסטישע צענטרען שטאַמפּן פון בראָשורן וועגן די בידנע רוסישע ייִדן (ניט זעענדיק אַפילע זיי אין די אויגן...). אויף דער זעלבער ברענענדיק־בראָטנדיקער טעמע שרײַבט ווײַזעל זײַנע ליטעראַרישע ווערק אין פאַרשיידנערליי זשאַנרען — אין בעלעטריסטיק, פּובליציסטיק, דראַמאַטורגיע... וועגן אַזעלכע, ווי ער, זאָגט מען: ער טאַנצט אויף אַ טעלער. אָדער: ער מאַכט פייגל אין דער לופטן. אָדער: ער האָט שוין ניט פון איין אויוון ברויט געגעסן. אָדער: ער איז שוין געווען אין מיל און אין באָד און אין העקדעש...

לעצטנס האָט ווײַזעל פאַרנומען אַן אָרט בײַ דער מיזרעך־וואַנט פון דער ייִדישער בירגערלעכער דראַמען־שאַפונג, צוטראָגנדיק צו אָט דער וואַנט אַ פּיעסע „זאַלמען אָדער גאָטס מעשוגאַס". איך פיל, אַז מע מוז עפּעס זאָגן וועגן דעם אינהאַלט פון „זאַלמען אאַוו.", אַנדערש קאָן נאָך עמעצער צווייפלען, צי עליעזער ווײַזעל האָט דאָס רעכט צו זײַן צווישן די גראַפאָמאַנען, וועלכע האַלטן איצט די מאַכט אין דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור.

בעקיצער — „זאַלמען אָדער גאָטס מעשוגאַס". אַ סינאַגאָגע אויף דער בינע. ווו? פאַרשטייט זיך, אין סאָוועטנפאַרבאַנד. וואָס זשע פאַר אַ טראַגעדיע איז געשען מיט דער סינאַגאָגע? זי געפינט זיך אונטער אַ פּאָליציישן אויפזיכט! און די ייִדן? זיי אַלע — מיספּאַלעלים פון דער סינאַגאָגע — זײַנען געראַדעפּט און אַרײַנגענומען אין אַ קלעם — זיי זאָלן „אַליין אויסגיין"...

מע זאָל זיך אונטערגעבן די פּאָדערונגען פון דער מאַכט, אָדער... עפּשער... זיך ווענדן צו דער וועלט?

אין דער סינאַגאָגע איז פאַראַן אַ ראָוו. דאָס איז דער הויפּט־פּערסאָנאַזש אין דער דראַמע. דער ראָוו וועט אָפּראַטעווען דעם גײַסטיקן העמשעך! וויאַזוי? האָט געדולד. וואַרט צו ביז יאָמקיפּער און גלייבט ווײַ־

זעלן, אַז פּונקט אין אָט דעם טאָג האָט זיך אין שטעטל, צוליב אַ צופאַל, פאַרהאַלטן אַ דורכפאָרנדיקע גרופּע ייִדן (טוריסטן) פון אויסלאַנד. דאָס האָט געצווונגען די פּאָליציי פונעם שטעטל צו אַרומרינגלען די סינאַגאָגע. דער ראָוו אָבער — און דאָ קומט די קולמינאַציע פון דער שאַפונג, — דער ראָוו, אַ באַהערשטער פון עפּעס אַ געטלעכן מעשוגאַס, נוצט אויס די געלעגנהייַט און מאַכט אַ פייַנעם סקאַנדאַל...

איצט פרעגט זיך: ווי אַזוי וועט זיך אויפירן די מאַכט, די סאָוועטישע מאַכט? וואָס וועט זי טאָן אין אַזאַ אויסגאַנגלאָזער פאַר איר סיטואַציע? צי וועט זי ניט האַלטן פאַר גלייַכער צו „פאַרטוישן די עקספּלאָזיע פון גאָטס מעשוגאַס”, גלייַך ווי גאָרנישט וואָלט ניט געשען? אָט אין דעם גייט עס, ראַבויסיי. אָף דער בינע קומט פאָר אַ טיפער קאָנפליקט. דער ראָוו באַזיגט די פּאָליציי — די סאָוועטישע פּאָליציי, נאַטירלעך.

דער קלוגער פראַנצויזישער טעאַטער־קריטיקער זשאַן־זשאַק גאָטיע האָט אין דער צייַטונג „לע פיגאַראָ” אַזוי אָפּגעשאַצט די דאָזיקע אַנטי־סאָוועטישע סכוירע ווייַזעלס: „אויב אין ערשטן טייל איז די פּיעסע צו טעאָרעטיש, באַנוגנדיק זיך מיט אַן אויסטויש פון רעדעס, ווערט זי אין צווייטן טייל מער טעאַטראַליש”. און גאָטיע גיט צו: „אָף וויפל לייַדנ־שאַפטן קאָנען דערפירן צו ווייַט, האַלט איך פאַר נייטיק אָפּצוראַטן די אַנטיסעמיטן צו גיין זען „זאַלמען אָדער גאָטס מעשוגאַס”...

פאַרוואָס עפּעס אָפּראַטן בלויז די אַנטיסעמיטן?

✧

דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש רעדאַגירט די זאַמלונג „נייַע ייִדישע לידער”

שאָסטאַקאָוויטשן עפּעס פאַרצושלאָגן פלעגט זייַן „געפערלעך”: ער האָט ניט געוווסט פון דערווידערן — מיט אַלץ גרייט געווען מאַסקים צו זייַן, בלויז געצווייפלט, צי ער „טויג דערצו”, און אויב מע האָט אים געזאָגט, אַז יאָ, ער טויג, האָט ער מיט דאַנקבאַרקייַט אייַנגעשטימט. געווייַנלעך פלעגט גיין אַ רייד, אַז ער זאָל אָפּגעבן צוליב עפּעס־וואָס זייַן צייַט און זייַנע קויכעס.

אַרייַנקומענדיק איינמאָל צו אים אײנײנעם מיטן קאָמפּאָזיטאָר זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, האָב איך געהאַט שוין צוגעגרייט אַ גאַנצן פּאַק אַרגומענטן לעטויוועס אַרויסגעבן אינעם פאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר” אַ זאַמלונג נייַע ייִדישע לידער אונטער זייַן, שאָסטאַקאָוויטשעס, אַלגעמיינער רעדאַקציע. דער פאַרלאַג איז אין יענער צייַט געווען פאַרוואָרפן מיט מאַנוסקריפּטן, דערצו נאָך האָט מען די פלענער שוין צונויפגעשטעלט אָף עטלעכע יאָר פאָרויס, און דאָס אַראָפּוואַרפן אַהין, אַזוי צו זאָגן, אונדזער דעסאַנט האָט געקאָנט האָבן האַצלאָכע בלויז בײַ דעם באַדינג, אויב דער ערשטער פאַראַשוט וועט זייַן שאָסטאַקאָוויטשעס.

— דמיטרי דמיטריִעוויטש, ס'איז פאראַן בײַ אונדז אַ באַגאַבטע מאַכנע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן...

— ווייניק צו זאָגן באַגאַבטע! גענוג אָנרופן לעוו מיכײַלאָוויטשן! און סענדערייען... איך בעט אײַך, וואָס מאַכט סענדעריי?

— סײַ לעוו פּולווער, סײַ סאַמויל סענדעריי, און אויך אַ גוטער צענדליק אַנדערע ייִדישע קאָמפּאָזיטאָרן, האָבן פאַר דער לעצטער צײַט געשאַפן נײַע לידער...

— נײַע ייִדישע לידער... דוכט זיך, אַז איך פאַרשטיי, מיט וואָס דער ייִדישער מעלאָס שיידט זיך אונטער פון אַלע אַנדערע. אַ פריילעכער מאָטיוו איז בײַ ייִדן טאָמיד געבויט אויף טרויעריקע אינטאָנאַציעס... איר וועט פון מיר לאַכן. איך ווייס, איר וועט לאַכן... נאָר אַנטשולדיקט, אַזוי איז עס דאָך: אַ פאָלק איז ווי אַ מענטש... פאַרוואָס נעמט דאָס פאָלק מיטאַמאָל אונטערמורמלען אַ פריילעכע ליד? ווײַל אויפן האַרצן איז טרויעריק...

אויף זײַן פּנים האָט זיך באַוויזן יענער אויסדרוק פון פיזישער אומבאַהאָלפנקײַט, וועלכער פלעגט בײַ אַלעמען, וועמען עס האָט אים נאָענט געקענט, אַרויסרופן אַלע מאָל אַ כידעש, ווײַל אומבאַהאָלפנקײַט האָט ניט געפּאַסט צום אויסערגעוויינלעכן שעם, מיט וועלכן ס'איז אין דער גאַנצער וועלט געווען אַרומגערינגלט זײַן נאָמען. איידער פאַרגעבן מיר די „סאַמע שווערסטע פראַגע", האָט ער דורכגעמאַכט די כאַראַקטעריסטישע פאַר אים באַוועגונג מיט דער לינקער האַנט: צוערשט זיך צוגערירט צו דער באַק, דערנאָך מאַשינעל־גיך אַ קוועטש געטאָן אויפן נאָז־בויגן פון די ברילן און צוגעגלעט די האָר אויף דער לינקער זײַט פונעם קאָפּ.

— איר ווילט, אַז די לידער זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אין „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר"? — האָט ער ניט זיכער זיך אָנגעפרעגט.

— צוליב דעם וועט איר מוזן, דמיטרי דמיטריִעוויטש, אָנשרײַבן אין פאַרלאַג, אַז איר זײַנט מסכּים זײַן דער רעדאַקטאָר...

— צי איך בין מסכּים? און וואָס וועלן זאָגן די קאָמפּאָזיטאָרן? וואָס וועט זאָגן לעוו מיכײַלאָוויטש?

— אַלע בעטן אײַך.

— אַ דאַנק... שטאַרק גערירט. שטאַרק.

אַרומשפּאַנענדיק אַ פאַרכושטער איבערן צימער, האָט ער געפרעגט:

— וואָס וועלן מיר טאָן?

— אויב איר ווילט אויסהערן די לידער דאַרפן, ווײַזט אויס, די קאָמפּאָזיטאָרן אַ פּאָר מאָל זיך פאַרזאַמלען דאָ בײַ אײַך...

— אָ, איך וועל זײַן צופרידן...

שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אַרבעט אויף צונויפשטעלן דעם זאַמלבוך איז זייער אַ קאָמפּליצירטע. שאָסטאַקאָוויטשעס אַרבעט־צימער אינעם פאַרבאַנד פון די קאָמפּאָזיטאָרן פון דער רוסלענדישער רעפּובליק, וווּ ער איז געווען דער ערשטער סעקרעטאַר, פלעגט טאָגטעגלעך פאַרפולן אַ היפּשער אוילעם — לייב יאַמפּאָלסקי, זינאָווי קאָמפּאַנייעץ, לייב פּולווער, יאַנקעוו שטערנבערג, אָטיליע ליכטענשטיין, שיקע דריז, שלוימע ראַבינאָוויטש, שמועל סענדעריי, לייב בירנאָוו, אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן

און שרײַבער, ווי אויך עטלעכע ייִדישע זינגער און די מיטאַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועלכע זײַנען געווען באַופֿטראַגט צו אָרגאַניזירן די באַגעגענישן.

ווען די לידער־זאַמלונג איז שוין געווען צונויפֿגעשטעלט, האָב איך, אַלס ליטעראַרישער רעדאַקטאָר, געבעטן שאָסטאַקאָוויטשן, ער זאָל אָנ־שרײַבן אַן אַרײַנפֿיר. דמיטרי דמיטריעוויטש איז מסכּים געווען, צווייפֿ־לענדיק דערבײַ, אַף זײַן אויפֿן, צי ער „טויג דערצו". באַם באַהאַנדלען דעם איניען האָט ער דערווײַל געוווּנמען ריידן וועגן דער ייִדישער מוזיק אַזוי קלאָר און פּאַשעט, אַז איך האָב ניט אויסגעהאַלטן:

— דאָס איז דער אַרײַנפֿיר! לאָמיר גיכער אים פֿאַרשרײַבן אַף פּאַפּיר! ס'האָט זיך באַקומען אָט וואָס:

„אַלע מאָל, ווען עס באַווײַזן זיך נײַע אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע לי־דער, רופֿט עס בײַ מיר אַרויס אַ געפֿיל פֿון פֿרייד. די ייִדישע פֿאָלקס־מו־זיק איז אַן אוניקאַלע לויט איר עמאָציאָנעלן אויסדרוק. אירע אָפּקלאַנ־גען הערן זיך אין די ווערק פֿון פֿיל גרויסע וועלט־קאָמפּאָזיטאָרן.

אין אונדזער צײַט לעבט און אַנטוויקלט זיך די ייִדישע ליד. אַ נײַער באַווײַז דערפֿון איז די דאָזיקע זאַמלונג, אין וועלכער עס זײַנען אײַנגע־שלאָסן ווערק, וואָס עס האָבן געשאַפֿן פֿאַר די לעצטע יאָרן סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן.

איך ווינטש די נײַע ייִדישע לידער אַ מאַזלדיקן וועג.

דמיטרי שאָסטאַקאָוויטש".

אין דער דערשינענער זאַמלונג („נײַע ייִדישע לידער". אַלפֿאַרבאַנדי־שער פֿאַרלאַג „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר". מאָסקווע, 1970) איז די דאָזיקע אַרויסזאָגונג פֿונעם גענִיאַלן מוזיקאַנט אויסגעזעצט אַף ייִדיש און אַף רוסיש.

✧

געדאַנקען, וועלכע קומען אויף באַם אויספֿאָרן אַ וועלט

איך מאָל זיך אויס אַזאַ מין פֿאַל:

אַ פֿען־מענטש — אַ שריפֿטשטעלער אָדער אַ זשורנאַליסט — קערט זיך אום אַהיים נאָך אַ רײַזע איבער לענדער פֿון דער וועלט, און ער פֿירט מיט זיך אין זײַן נאָטיץ־ביכל אַזעלכע פֿאַרצייכענונגען פֿונעם וועג, וועל־כע זײַנען ניט מער ווי טוריסטישע פּראָספּעקטן.

אין אַזאַ פֿאַל, מיין איך, וואָלט בײַ קיינעם ניט אַרויסגערופֿן קיין דער־ווידערונג, אויב אין דער טאָמאָזשניע, בײַסן קאָנטראָל, זאָל אָט דאָס נאָ־

טיץ־ביכל קאָנפיסקירט ווערן, ווי אַן אונטערגעמאַכטע זאַך, וועלכע ס׳איז ניט ווינטשענסווערט אַרײַנצופירן.

וואָס אָנבאַלאַנגט מיך פּערזענלעך, לאָז איך זיך אָוועק אין אַ רײַזע קיין אויסלאַנד בלויז דאַן, ווען איך פיל אַ באַדערפעניש סײַ צו זען, וויאַזוי עס לעבן די מענטשן אין דעם אַנדערן לאַנד, סײַ צו דערציילן יענע מענטשן וועגן דעם לעבן אין מײַן אייגן לאַנד.

ווען איך פאָר אַרויס אין פרעמדע מעקומעס, שפיר איך מיט אַ באַזונדערער אָנשוילעכקײַט, אַז איך בין אַ יידישער דיכטער און אַז איך בין אַ פאָרשטייער פון די צוויי מיליאָן יידן, וועמענס היימלאַנד עס איז דער סאָוועטנפאַרבאַנד. אין דעם זע איך די סיבע, פאַרוואָס עס האָבן אַ זין מײַנע באַגעגענישן און קאָנטאַקטן אין דעם לאַנד, וווהין איך קום אויף אַ קורצער צײַט.

אַ רײַזע איז איינע פון די פאָרמען פון פּאָלעמיק. דער רײַזנדער פירט אַרויס אײַנדרוקן, — דאָס איז ריכטיק, אָבער ער לאָזט אויך איבער אײַנדרוקן, דאָס הייסט — ער איז אַ שאַליעך פון דער סוויוע, פונוואַנען ער קומט. אין פאָלק זאָגט מען: אַפילע אַז אַ פייגעלע פליט דורך, לאָזט עס אויך אַ פעדערל...

איך בין אויסגעווען אין אַ פּאָר צענדליק לענדער פון דער וועלט, און אויף דעם אָדער אַנדערן אופן — דורך נאָטיצן אינעם טאָגבוך, דורך מאָמענטאַלע פאַרצייכענונגען אָדער דורך בריוו אַהיים — האָב איך געלאָזט אַ שפּור פונעם געזעענעם און איבערגעלעבטן. די געסיעס זײַנען פאָרגעקומען בייס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע איז געשטאַנען אַ שלעכטער וועטער — אין די זעכציקער און אין די ערשטע זיבעציקער יאָרן. באַזונדערס איז עס שײַעך דעם וועטער אויף דער „יידישער גאַס״, וווּ — צום אומגליק — דער קאַלטער קריג האָט זיך פאַרהאַלטן מערער איידער אין דער גרויסער וועלט, און ער דויערט נאָך ביז איצט.

אין דער דאָזיקער אומגעבונג איז מיר, דעם סאָוועטישן יידישן שרײַבער, דעם סאָוועטישן ייִד, אָנגענעם צו שפּירן, אַז יעדע רײַזע מײַנע איז אַ טיילכל פונעם קאַמף קעגן דעם בייז.

דער געפיל פון שטאָלץ פון אַ סאָוועטישן מענטשן זאָגט אונטער צו קומען אין די אויסלאַנדס ניט ווי אַן אוירעך און אויך ניט ווי אַזאַ, וואָס פּאָרט אַרום צוליב פילאַנטראָפיע; ניט וואָגלען, ניט בלאָנקען, ניט וואַנדלען, נאַווענאַדעווען, שנאָרן, קאַלענדרעווען — ווי אַ בראָדיאַגע פון דער באַסע־קאָמאַנדע; ניט טראָגן זיך, טעלעבענדען זיך, אַרומשליאָנדרעווען. דאָס זאָלן טאָן יענע, וואָס זײַנען מעשאַרסים בײַ פרעמדע באַלעבאַטים. דער סאָוועטישער מענטש, וועלכער וואַרפט אָפּ דעם אַלטן קלאַל, אַז דער שענסטער שפּאַציר איז פאַר דער אייגענער טיר, טראָגט מיט זיך אין אַן אַנדער לאַנד זײַן גרויסן עמעס, זײַן נײַעם וועלט־באַנעם.

מיט אַזאַ באַגאַזש איז אַוואַדע ניט קיין שווערע מי דאָס אויספאָרן אַ וועלט.

✧

וויאַזוי עס איז געשטאָרבן נ. אויסלענדער

נאָכעם אויסלענדער איז געווען זייער אַן עלנטער מענטש. צוביסלעך זײַנען אים אָפּגעשטאָרבן קימאַט אַלע נאָענטע: צוערשט דער שוואָגער און נעשאָמע־קרוויזשער פּרײַנט עזרא פינינבערג, שפּעטער די לעבנס־באַגלייטערן מירע כענקינע, צולעצט פינינבערגס פרוי און כענקינעס שוועסטער יעווע... ווען ס'האָט אין מאָסקווע זיך געעפנט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", איז קיראָווּ־גאַס, 17 געוואָרן, אייגנטלעך, זײַן איינציקע היים.

ער האָט פאַרן זשורנאַל ניט געקאַרגט און ניט געזשאַלעוועט קיין צײַט און קיין קויכעס. אויב ס'איז טאַקע עמעס, אַז שוין די סאַמע ערש־טע טריט פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרמאָגן מאַסשטאַב, איז עס אין אַ גרויסער מאָס זײַן פאַרדינסט.

דער אויפן, וויאַזוי אויסלענדער איז געשטאָרבן, האָט מיך דערשי־טערט.

אין אָט דעם האַרבסטיקן נאָכמיטיק בין איך געקומען אים צו באַזוכן אין אָנקאָלאָגישן שפּיטאָל. ס'איז שוין דאַן געווען באַוווּסט דער טרויע־ריקער אויסגאַנג פון דער כירורגישער אָפּעראַציע, און האַגאַם אין אַזעל־כע פאַלן איז קלאָר, אַז דעם כוילעס טעג זײַנען געציילטע, האָב איך וועגן דעם ניט געטראַכט: ניוקע, ווי מיר, זײַנע נאָענטע, האָבן אים גע־רופן, איז אַליין געווען אַ דאָקטער, און, ליגנדיק אין שפּיטאָל, פלעגט ער טײַטשן, אַז וואָס־וואָס, נאָר די פאַראַלן פונעם מאַלעכהאַמאָוועס ווייסט ער, און דערווײַל איז דאָס „ניט מער, ווי אַ וויזיט־קאַרטל"...

אין וואַרט־זאַל פונעם שפּיטאָל האָב איך זיך געטראָפן מיט זײַנער אַ קרויווע, וועלכע האָט מיר געגעבן אַ כאַלאַט און צוגעזאָגט אָפּצוהאַלטן זיך פון גיין אין דער פּאַלאַטע, קאָלזמאַן איך וועל דאָרט זײַן. אויסלענ־דער איז געלעגן ניט אין יענעם צימער, וווּ איך פלעג אים באַזוכן פריִער. די מעדיצין־שוועסטער, וואָס האָט מיך אַרײַנגעפירט צו אים, האָט פאַר־טרוילעך מיר געזאָגט: „די אָפּעראַציע איז אַן ענדגילטיקע". איך האָב אים געטראָפן ליגן אויפן רוקן, די אויגן צוגעמאַכט. ער האָט גלײַך געגנ־מען ריידן, ניט רעאַגירנדיק אויף אַלע מײַנע פּרוּוון צו דערוויסן זיך, וויאַזוי ער פילט זיך. זײַנע ערשטע ווערטער זײַנען געווען:

— איך קאָן ניט מאַסקים זײַן מיטן ווערטל, אַז ווען דער מענטש איז געזונט, האָט ער אַ סאַך דאגות, און אַז ער ווערט קראַנק, האָט ער איין דאגה...

און די דאגות האָט ניוקע געהאַט גאָר פון אַ געזונטן מענטשן. ס'איז אים שווער, האָט ער זיך געקלאָגט, ליגן אַזוי־אָ אָן אַרבעט. ער בעט, אַז ווען איך קום צו אים „אַהער, הינטער דער ווײַסער טיר", זאָל איך ברענגען מיט זיך „עפּעס צו טאָן". אָט, לעמאָשל, האָט ער זיך הײַנט דערמאָנט, אַז ס'איז געוואָרן פונקט פופציק יאָר, זינט אָשער שוואַרצמאַן האָט אָנגעשריבן די ליד „און ס'וואָלט דעם סאָד באַנאַכט די ערד דער־ציילט די ווינטן שטילערהייט"... איז עפּשער קעדײַ איבערדרוקן די ליד אין „סאָוועטיש היימלאַנד", און ער, אויסלענדער, וואָלט אָנגעשריבן אַן

אַרײַנפיר. האַלטנדיק אַלץ צוגעמאַכט די אויגן, — איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז ער האָט זיי שוין מער, ביזן לעצטן אָטעם, ניט געהאַט קיין קויעך צו עפענען, — האָט ער אַרויסגעוויזן אין אָט דער מינוט אויסערגעוויינלעכע גײַסט־אַקטיווקײַט. דער שטערן האָט זיך בײַ אים, גאַנץ אָנשוילעך פאַר מיר, אָנגערוקט טיפער איבער די אויגן, די מויל־ווינקלען זײַנען לענגער און שאַרפער געוואָרן, און זיי האָבן פונקט ווי צוגעקייטלט זיך צו די ראַנדן פונעם שטערן, און איך האָב דערהערט דײַטלעך אַרויסגערעדטע, פראָפעסאָריש־פאָרמולירטע ווערטער (נ. אויסלענדער האָט געהאַט דעם טיטל פראָפעסאָר):

— אָפט זאָגט מען, אַז דער ליבע־רענעסאַנס אין דער יידישער דיכטונג האָט קאַטאַסטראָפאַל פאַרשפּעטיקט. די גריכן האָבן געהאַט פעטראַרקעס ליבע־ליריק מיט אַ האַלבן טויזנט יאָר פריער, איידער שוואַרצמאַן האָט מיט יידישע קלאַנגען אויסגעזונגען דאָס רענעסאַנסאַרטיקע „כ׳וואָלט אפן העכסטן פעלדזן־שפּיץ אַרופגעגאַנגען, זיך געשטעלט צו לאָזן וויסן מיט אַ בליץ אַ האַלבער וועלט: זי האָט מיך ליב! זי האָט מיך ליב!”

ביוקע האָט דורכגעלייענט אויף אויסווייניק די דיכטערישע סטראָפע אַזוי פליסיק, פונקט ווי פאַר אים וואָלט געלעגן אַן אָפענער בוך מיט אָט דער ליד. ניט איבערכאַפנדיק דעם אָטעם, האָט ער פאָרגעזעצט:

— אײַ, מע דאַרף ניט מישן איינס מיטן אַנדערן. אַשערס ליד איז געווען דער אָנזאָג פון אַ נײַעם ליבע־רענעסאַנס אינעם יידישן שטעטל. און וואָס איז שײַעך דעם פאַרגלײַך מיט פעטראַרקען, איז אָנדערהאַלבן טויזנט יאָר פאַר אָט דעם גריכישן ליבע־דיכטער געווען „שיר־השירים”...

ווען איך בין אַוועקגעגאַנגען פון דער פאַלאַטע, האָט אויסלענדער גענומען בײַ מיר דאָס וואָרט, אַז אין אַ פאָר טעג אַרום וועל איך אים ברענגען „עפעס אַן אַרבעט”. דער שפּיטאָל האָט זיך געפונען אין אַ ווײַטער וואַלדיקער פאָרשטאָט, שוין נאָכן איזמײַלאָווער פאַרק, און איך בין אין וועג פאַרפאָרן אין שרײַבער־פאַרבאַנד, אַזוי, אַז דאָס אומקערן זיך אין רעדאַקציע האָט געדויערט אַ שאָ אָנדערהאַלבן — צוויי. איך האָב ניט באַוויזן זיך צוזעצן, ווי אין צימער איז אַרײַן אַ בלאַסע מײַן סעקרעטאַר און געבעטן, איך זאָל נעמען דאָס טעלעפאָן־טרײַבל.

— ביוקע איז אָקאָרשט געשטאָרבן, — האָט מיטגעטיילט פונעם שפּיטאָל זײַן קרויווע.

✧

דער גורל פון די שלאָס־אויסיעס

פאַרוואָס האָט מען אין די רעפאָרם־צײַטן פונעם ייִדישן אויסלייג אַרויסגעטריבן פון דעם אַלעפבייס די פינף ענדע־אויסיעס (אָדער, ווי מע רופט זיי אויך — די שלאָס־אויסיעס)? פאַר וועלכן כעט?

דער באַוווסטער ייִדישער לינגוויסט פון די 20—30־ער יאָרן אײַזיק זאַרעצקי האָט אין זײַנעם אַן אַרטיקל געגעבן אַן ענטפער אויף אָט דער פראַגע: „...פינף איבעריקע אויסיעס האַלט מען אויס אין אַלעפבייס, אויסיעס ליידיקגייער, עקספּלואַטאַטאָרן, ווי די רוסישע „טוויאָרדי זנאַק" און „יאַט", אַלעווהאַשאָלעם. עקספּלואַטאַטאָרן — מיינט מען ניט אויף געלעכטער: זיי רויבן קאָנקרעטע יאָרן און קויכעס בײַ די קינדער, וואָס לערנען זיך און וועלן זיך לערנען, בײַ די דערוואַקסענע, וועלכע ליקווידירן זייער אַנאַלפאַבעטיזם. האַלטן אין אַלעפבייס ניט נייטיקע אויסיעס איז אַ קולטורעלער און עקאָנאָמישער שאָדן"...

אַ. זאַרעצקי דערציילט, אַז די פראַגע וועגן דער נויטווענדיקייט צו קעמפן קעגן די ענדע־אויסיעס איז צום ערשטן מאָל, נאָך די פּראָיעקטן פון די יאָרן 1911—1913, געשטעלט געוואָרן פּראַקטיש אין 1930, אין דער מאָסקווער פילאָלאָגישער קאָמיסיע. דאַן איז שוין מעגלעך געווען „מיט רעוואָליוציאָנערער דרייסטקייט" צוטרעטן צו פאַרווירקלעכן די רעפאָרם פונעם אויסלייג אין דער ייִדישער שפּראַך. די ברייטע ייִדישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט ניט געקאָנט ניט זען, אַז די אַקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אין די סאַמע ערשטע יאָרן באַוויזן צו באַנײַען די רוסישע אָרטאָגראַפיע, און וואָס איז שײַך דער ייִדישער, איז שוין אין אַקטיאַבער כוידעש 1918 — פאַרשטייט זיך, ניט צופעליק — דערשינען אינעם מאָסקווער זשורנאַל „קולטור און בילדונג" אַ נאָטיץ אונטערן פילצוזאָגנדיקן נאָמען „אַ רעוואָליוציע אין דער ייִדישער אָרטאָגראַפיע". די רעפאָרם פונעם אויסלייג, דערונטער די אָפּעראַציע קעגן די שלאָס־אויסיעס, האָט אָבער אין פּראַקטישן זיך זיך אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן. ס'האָט ניט געהאָלפן, וואָס זי האָט אַרויסגערופן באַוויליקונג אויך אין דער כאַרקאָווער פילאָלאָגישער קאָמיסיע און בײַס דער דיסקוסיע אין דער זאַמלונג „ייִדיש" (כאַרקאָוו, 1923). אין עטלעכע יאָר אַרום שרײַבט אַ. זאַרעצקי אינעם אויבנציטירטן אַרטיקל, אַז „מע דאַרף דערמאָנען צו גוטן (דעם ליטעראַרישן זשורנאַל) „רויטע וועלט", וואָס האָט געפונען מוט אָפּצודרוקן דעם אויפרוף פון דער כאַרקאָווער פילאָלאָגישער קאָמיסיע אָן ענדע־אויסיעס („רויטע וועלט", נומ. 5, 1924), און עס לייענט זיך גאָר ניט אַזוי שווער, ווי מע וויל מיינען"...

האַקלאַל, איינער פון די ווײַטע פאָרגייער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — דער זשורנאַל „רויטע וועלט", וועמענס בײַטראָג אין דער געשיכטע פונעם סאָוועטישן ייִדישן ליטעראַרישן וואָרט איז אומבאַשטרײַטבאַר, — האָט אָפּגעוואָרפן די שלאָס־אויסיעס. פאַרוואָס זשע, פרעגט זיך, האָבן מיר געפונען פאַר נייטיק זיי אופשטעלן, ווען מיר זײַנען צוגעטראָטן צו פאָרמולירן די פּרינציפּיעלע יעסוידעס פון אַ נײַעם ליטעראַרישן זשורנאַל אין די 60־ער יאָרן?

ווײַזט אויס, אַז באַשלאָסן האָט דאָס לעבן אַליין. אויב זיך האַלטן בײַ א. זאַרעצקיס אַרגומענטן, וואָס זײַנען קעגן די ענדע־אויס:עס (אין די צײַטן, ווען דאָס ייִדישע לאָשן האָבן דערלערנט קינדער אין די שולן און דערוואַקסענע אין די קרײַזלעך פֿאַר אַנאַלפֿאַבעטן), דאַן באַקומען מיר גענוג אַרגומענטן לטובֿת די דאָזיקע אויס:עס. דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, די נײַסטע ייִדישע ליטעראַרישע ווערק דערשײַנען הײַנט־צו־טאָג פֿאַר אַן אַאודיטאָריע, וואָס ניט נאָר עס שטייט איר ניט פֿאָר, אַלפּי־קלאַל, צו אויסלערנען זיך לייענען, נאָר זי הייבט שוין אָן (ווי טרויעריק דאָס זאָל ניט זײַן) ביסלעכווײַז צו פֿאַרגעסן, ווי:אַזוי צו לייענען. און העיויס אויף זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָבן געוואָרט מיט אומגעדולד און אינטערעס ליבהאָבער פֿונעם ייִדישן וואָרט (מענטשן פֿונעם עלטערן דאָר) ניט בלויז אין סאָוועטנפֿאַרבאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער, ווו מע איז צו די שלאָס־אויס:עס צוגעוווינט,— דעריבער האָבן מיר געהאַלטן, אַז עס וועט ניט שאַטן אונדזער שריפֿטלעכן לאָשן, אויב מיר וועלן, צוליבן וויכטיקן פֿאַר דער אָרטאָגראַפֿיע פּרינציפּ פֿון איינהײַטלעכקײַט, צוריק אַרײַנלאָזן אין ייִדישן אַלעפֿבייס די אויס:עס, וועלכע מע האָט מיט דרײַ־פֿיר צענדליק יאָר צוריק אָנגערופֿן „אויס:עס — ליידיקגייער, עקספּלואַטאַטאָרן“.

✧

יעדער גאָען האָט זײַן שיגאָען

די „אומשטערבלעכע“ אין דער פֿראַנצויזישער אַקאַדעמיע גיבן זיך אָפּ מיט פֿאַרטײַטשן באַזונדערע ווערטער, זייער מיין איז — אָפּהיטן די טויערן פֿון פֿראַנצויזיש. לעצטנס האָבן זיי אַ לענגערע צײַט מיט גרויס אַקשאָנעס געפֿאָרשט די פֿראַגע, צי זונטיק דאַרף פֿאַררעכנט ווערן אַלס ערשטער טאָג פֿון דער וואָך, ווי ס'איז געווען אײַנגעפֿירט אין מעשׂעך פֿונעם 19־טן יאָרהונדערט, אָדער עס זאָל בלײַבן, לויטן ווערטערבוך פֿונעם 1935, אַז זונטיק שליסט די וואָך.

גאַנץ פֿראַנקרײַך האָט געוואָרט מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם: וואָס וועלן פּאַסקענען די געוויבים? און זיי, פֿון זייער זײַט, זײַנען דאָך אין די הײַנטיקע צײַטן, ווי באַוווּסט, לאָיאַל צום פּראַקטישן לעבן און זיי ווילן ניט, מע זאָל זיך שושקען, אַז „אַ סך וויסן און ווייניק נוצן“, — האָבן זיי געגעבן צו וויסן אַ נײַע, שוין אָן סאָפּעק אַן אומשטערבלעכע דעפֿיניציע: „זונטיק איז אַ טאָג פֿון דער וואָך, וואָס איז אויסגעטיילט צוליב אָפּרו“...

מע זאָגט אַרויס אַ השערה, אַז אַצינד גייען זיי איבער צו פֿאַרטײַטשן שאַבעס. דאַרף מען זיי אונטערזאָגן אייניקע דינע ניואַנסן — ווי ברייט מע קאָן שאַבעס נוצן אין ייִדיש. בײַשפּילן: מע מאַכט שאַבעס. מע האַלט שאַבעס. עס קאָן טרעפֿן, אַז אַ מענטש זאָל אַרײַנפֿאָרן אין שאַבעס. מיט שאַבעס איז מעגלעך צו באַצייכענען אַן אומגעריכטע פּאַסירונג (גוט־

שאבעס באַ דירן!), אָדער אַן „אָנטועכץ", וואָס עס קאָן אויך באַטײַטן א געמיט־צושטאַנד (פאַר א נויט טוט מען אָן דעם שאבעס אינדערוואָכן...). אַז מע זאָגט שאבעס, איז נאָך ניט אַלץ געזאָגט. פאַראַן שאבעס־בערײשיס (ווען מע לייענט „בערײשיס"), שאבעס־כאַזאָן (פאַר טישעבאָוו, ווען מע לייענט דאָס קאַפּיטל פון ישעיע, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „כאַזאָן יעשאַיאָהו"), שאבעס־מיבאָרכים (ווען מע בענטשט ראָשכוידעש), שאבעס־נאַכמו (נאָך טישעבאָוו, ווען מע לייענט „טרייסט, טרייסט, מײַן פאָלק..."). ס'איז פאַראַן, סאָפּקאָלסאָף, דער שאבעס־האַגאָדל — דער גרויסער שאבעס (פאַר פייסעך)! און ווער ווייסט ניט וועגן דעם שאבעס, וועלכער פאַלט צווישן ראָשעשאָנע און יאָמקיפּער, אָדער וועגן שאבעס־שירע — מע לייענט דאַן די סעדרע מיט מוישע ראַבײנוס ליב־געזאַנג.

און דאָס וויכטיקסטע: מע דאַרף וואָרענען די „אומשטערבלעכע", אַז בייס זייער אַסיפע אונטערן באַרימטן קײַלעכדיקן קופּאָל פונעם אינסטיטוט פון פראַנקרײַך, אַפן ברעג פון דער סען, זאָל זיך קיינער פון זיי ניט פאַרנעמען פרײַטיק פאַרנאַכט מיט אויסנייען עפּעס, ווי זיי טוען עס געוויינלעך אַף די לאַנג־צעצויגענע זיצונגען, ווײַל אַנדערש וועלן זיי מאַכן שאבעס־שטעך, וועלכע האַלטן ניט...

יידיש האָט אים אָפּגעטאָן אַף טערקיש

מיט הונדערט יאָר צוריק, ווען אלעקסאַנדער צעדערבוים האָט זיך מישטאַדל געווען וועגן א דערלויבעניש אַרויסצוגעבן „קול מבשר", האָט ער ניט געזשאַלעוועט קיין אויסדרוקן אַף צו פאַרשעמען ייִדיש. „א זשורנאַל אַף ייִדיש, — האָט ער געשריבן, — איז א גוט מיטל צו פאַרמײַעסן דאָס דאָזיקע לאָשן באַ ייִדן אין די אויגן".

ער האָט ניט געקאָנט פאָרויסזען, אַז טאַקע אין דער העברעישער וואָכנשריפט, וועלכע ער קלײַבט זיך צו שאפן, וועט זיך מיט דער צײַט באַווײַזן פאַר די לייענער מענדעלע מויכער־ספאָרים, דער אָנהייבער פון א קלאַסישער טקופע אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די „ברידער ייִדן" וועלן דאָס באַנעמען?

דעם 1 יול 1943 איז אין ניו־יאָרק, אינעם אַסטאָר־האָטעל, פאָרגעקומען א קאַבאַלעס־פּאָנעם לעקאָוועד די סאָוועטישע געסט שלוימע מיכאָעלס און איציק פעפער. אָט וואָס עס האָט אַף אָט דער פאַרזאַמלונג געזאָגט אין זײַן אַרויסטרעטונג איינער פון די אָנפירער פון „אַמעריקען דזשוּיש קאָמיטע" (דזשיימס נ. ראָזענבערג):

„פון אן ערעך א מיליאָן מיט 750 טויזנט יידן, וועלכע האָבן באַוויזן זיך ארויסראַטעווען פון דער „אַקס“ זינט דעם אָנהייב פון דער מילכאָמע, זײַנען א מיליאָן מיט 600 טויזנט עוואַקוירט געוואָרן מיצאַד דער סאָוועטישער רעגירונג — פון מיזרעך־פוילן און פון דער רוסישער טעריטאָריע, וואָס די נאַציס האָבן שפּעטער פאַרכאַפּט. די סאָוועטישע רעגירונג האָט די געראַטעוועטע יידן אריבערגעפירט ווײַט אין דעם רוסישן הינטערלאַנד, אף יענער זײַט אוראַל. בא 150 טויזנט יידן האָבן באַוויזן צו דערגרייכן פּאַלעסטינע, די פאַראייניקטע שטאַטן און אַנדערע לענדער איבער די יאַמען... דער סאַכאַקל פון די ציפערן, וואָס איך האַלט זיי פאַר קאָנסערוואַטיווע, זאָגט, אַז רוסלאַנד האָט געראַטעוועט פון דער נאַציאויסראָטונג מער ווי צען מאָל אַזויפיל יידן, ווי די איבעריקע טיילן (פון דער אַנטיהיטלערישער קאָאַליציע) צוזאַמענגענומען. לאָמיר דאָס גוט באַנעמען, ברידער יידן“.

✧

רעב כאָנאָן דער באַרעמהאַרציקער האָט מיר געזאָגט...

פאַראַן בא מיר א באַקאַנטער ייד אין פּאָדקאָלאָקאָלני־געסל אין מאָסקווע. איך גלייב, אַז ער לייענט ניט די הײַנטיקע אויסגאַבעס, און איך מעג דעריבער פאַרעפנטלעכן די נאָטיצן וועגן זײַן קלוגשאַפט און ערודיציע, — ער וועט זיי ניט זען. די אַנדערע באַקאַנטע זײַנע, וועלכע וועלן זיך אָנשטויסן, וועמען איך האָב דאָ אין זינען, בעט איך, זיי זאָלן אים ניט דערציילן וועגן דעם, ווײַל אויב אפילע ער וועט מיר דערוף גאָרנישט ניט זאָגן, איז קיין סאָפעק ניט, אַז ער וועט אף ווײַטער ווערן געצוימט אין אונדזערע שמועסן.

צוליב באַקוועמלעכקײַט וועל איך אים אָנרופן מיטן אויסגעטראַכטן נאָמען רעב כאָנאָן, וואָס עס באַטײַט — דער באַרעמהאַרציקער, ווײַל אין זײַן מיסיע אַלס מיטשפּרעכער און ארויסהעלפער איז ער ענלעך אף א באַרעמהאַרציקער שוועסטער...

אָט וואָס כ'האָב אין פאַרשיידענע צײַטן פאַרצייכנט אין מײַן נאָטיץ־ביכל וועגן אונדזערע באַגעגענישן.

באַנוצנדיק באַם שרײַבן אָן אַרטיקל דעם אויסדרוק „נײַס — דאָס איז אַלטס, וואָס איז שוין גוט פאַרגעסן“, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך ווייס ניט, ווער דער ערשטער האָט אים ארויסגעזאָגט. איך בין גלײַך אַוועק צו רעב כאָנאָנען, און יענער האָט מיר געענטפערט מיט געמאַכטן קאַס:

— דאָס אַליין, וואָס איר פרעגט מיר איצט אָט די פראַגע, איז א נײַס...

— אין וועלכן זין?

— א נײַס דערפאַר, ווײַל איר האָט שוין פאַרגעסן, אַז מיט א פּאָר יאָר צוריק זײַנט איר געקומען צו מיר צו לויפן מיט דער זעלבער פראַגע...

— קאָן זײַן. אָבער די זאַך גופא האָט איר ניט פאַרענטפערט.

ער האָט געוווּמען ריידן, צעציטערנדיק די ווערטער, פונקט ווי ער וואָלט מיט דעם געזאָגט: „פאַרשטאָפּטער קאָפּ, וועסט געדענקען, צי ניט?״:

— מאַדמואַזעל בערטען... די שנײַדערן בא דער קייסעריניע מאַריע־אַנטואַנעטע... אָנשטאָט אופנייען דער האַרנטע אַ נײַ קלייד האָט זי עטוואָס אָפּגעפּרישט דאָס אַלטע און, דערלאַנגענדיק זי דער פּאַציענטקע, צוגעגעבן פאַר דער אייביקײַט דעם געניאַלן אַפאָריזם, וועלכן איר האָט דאָ איבערגעכאַזערט.

ווען איך האָב שוין געעפנט די טיר אַף אָוועקצוגיין, האָט ער מיר נאָכגעשריען:

— דאָס איז פאָרגעקומען אין סאָף פונעם אַכצנטן יאָרהונדערט, און ס׳איז בעפּייִרעש געווען אַ נײַס, ווײַל אַלע האָבן שוין דאַן גוט פאַרגעסן, אַז דעם זעלבן געדאַנק האָט אין פערצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעזאָגט דער גרויסער ענגלישער דיכטער דזשעפרי טשאָסער...

אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז דערלאָזט געוואָרן אַ לעכערלעכער פעלער: ס׳האָט זיך באַקומען, אַז דער שרײַבער, וועמענס ביאָגראַפיע עס ווערט איבערדערציילט, איז געשטאָרבן איידער ער איז געבוירן געוואָרן. וועגן דעם האָט רעב כאַנאַן מיר געזאָגט:

— ס׳איז ניט אָריגינעל. פאַראַן אין דער וועלט אַזעלכע פאַנאַטיקער פון דער קריסטלעכער עמונע, וואָס האַגאַם זיי גלייבן ניט, אַז יעזוס קריסטוס האָט געלעבט, גלייבן זיי אָבער יאָ, אַז יידן האָבן אים דערהארגעט...

איך בין געקומען צו רעב כאַנאַנען נאָך אַ ספּראַווקע: אַ פּאָר דאַטעס פון שלוימע האַמיילעכס לעבן. האָט רעב כאַנאַן פאַרשטעקט די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס און גענומען זיך קאַטשען פון די אָפּצאַסן צו די פּיס־פינגער און צוריק. די דאַטעס און ציפערן האָט ער אויסגעזונגען מיט אַ פילאָסאָפישן ניגון:

— געבוירן אין צוויי טויזנט נײַן הונדערט צוועלפטן יאָר זינט דעם וועלט־באַשאַף — לויט דער יידישער צײַט (וואָס עס מאַכט אויס לויט דער קריסטלעכער — נײַן הונדערט צוואַנציק זעקס פאַר אונדזער ערע). אַ צוועלפיאָריקן האָט דער טאַטע זײַנער, דאָוויד האַמיילעך, אים געזאַלבט. פערציק יאָר האָט שלוימע געקיניגט, ביזן צוויי טויזנט נײַן הונדערט פיר־און־זעכציקסטן — לויט דער יידישער צײַט (וואָס עס מאַכט אויס לויט דער קריסטלעכער — נײַן הונדערט זעכציק פינף פאַר אונדזער ערע). אָפּגעלעבט האָט שלוימע האַמיילעך קורצע צוויי און פופציק יאָר.

אזא פינקטלעכע ספּראַווקע וועגן שלוימע האַמיילעכן האָט ער מיר געגעבן, רעב כאַנאַן דער באַרעמהאַרציקער!

רעב כאָנאָן איז געווען היינט זייער בייז און טרוקן, ער האָט גערעדט, ווי זיך געביסן, און וועגן דעם איצטיקן מאַצעוו פון דער יידישער ליטע־ראַטור האָט ער געמאַכט אזא מין פאַרגלייַך:

— מע קען די ליטעראַטור אונדזערע פאַרגלייַכן צו אַן אַעראָפּלאַן, וואָס פאַלט (מע זאָגט: פאַרלירט די הייך) מיט אַן אופגעהויבענער נאָז (טיעוריאַיעט וויסאָטו ס פּאַדניאַטים נאָסאָם): ער איז, הייסט עס, טאַקע געווענדט צו דער הייך, אָבער ער פאַלט... פאַלט.

— און איינצייטיק דערמיט, — האָט ער זיך פאַריכט, פאַרבלייַבנדיק נאָך אַלץ בייז און טרוקן, — איינצייטיק דערמיט, טוט אונדזער ליטעראַטור דאָס זעלבע, וואָס עס טוט דער פּיזאַנער טורעם: זי פאַלט און פאַלט, האַלט אונדז אין איין שרעקן, אַז אָט־אָט וועט זי אומפאַלן, נאָר, באַרעכ־האַשעם, זי שטייט נאָך אַלץ אויף איר אָרט.

✧

דיַגעס פון אַן אַמעריקאַנער ראָוו

עס שטעלט זיך אַרייַן אין מייַן אַרבעטס־צימער אַ ייד מיט אַ קייַלעכ־דיק בערדל און מיט פּייעס, אָבער אָנגעטאָן לויט די היינטיקע צייַטן, אַן אויסלענדישער טוריסט. זעענדיק, אַז איך האַלט אין ריידן דורכן טעלע־פאָן, קערעוועט ער זיך אויס צו דער וואַנט און שאָקלט זיך אַ מינוט פינף, מורמלענדיק עפּעס אונטער דער נאָז.

ווייַטער שמועסן מיר.

— זאָל אייַך ניט כידעשן, וואָס איך האָב זיך דאָ געשטעלט דאַווענען. אין יו־עס־עס־אַר קאָנט איר אויסגיין אַפּן אָרט, און קיינער וועט אייַך ניט זאָגן, ווו עס געפינט זיך נאָענט אַ בייס־האַקנעסעס.

— האָט איר געפונען אַן אויסוועג: אָפּדאַוונען אין דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד"...

— מייַן דזשאָב איז אַ מויעל. דערצו האָב איך סמיכעס פון אַ ראָוו, און אין דער זעלבער צייַט בין איך אַ שטיקל פאַבריקאַנט...

— אַ ראָוו־מויעל־פאַבריקאַנט?

— אַ ראָוו און אַ מויעל און אַ פאַבריקאַנט. איין קוגל אין דריי קיי־לעס...

— וואָס איז די סיבע דערפון?

— מיט סמיכעס בין איך מער כאַשעוו אַלס מויעל. און וואָס איז שייַעך פאַבריקאַנט, דאַרפט איר וויסן, אַז בא אונדז אין אַמעריקע איז שוין האַנט־אַרבעט פון לאַנג פאַרגעסן, מע מוז האָבן אַ מאַשינקע...

— האָט איר געעפנט אַ פאַבריק פון מאַטאַרלעך פאַר דער מויעל־אַר־בעט?

— א געזונט אין אײַער קאָפּ, איר זאָלט דערלעבן מאָשיעכן! אז צווישן אונדזער לאנד און אײַערן האָט זיך אָנגעהויבן א דעטאַנט, און רוסלאַנד שטעלט שוין בא זיך אוועק א ברוויערײַ פון קאָקא־קאָלאַ, טראכט איך זיך: מיט וואָס איז מײַן פּאַך ערגער?

— האקיצער, איר ווילט פארקויפן די סאָוועטישע יידן א פּארטיע מויעל־מאַשינקעס...

— דאָס איז אזוי זיך, נומער צוויי. נומער איינס, האָב איך א דרינג־גענדיקן איניען. בא אונדז איז אוועק א קלאַנג, אז אין מאָסקווע האָט מען פארמאַכט די גרויסע קאָרשול. דערוווסט וועגן דעם האָב איך זיך אין יי'סראָעל, ווו איך בין איצט אָפּגעוועזן א פּאָר וואָכן, און אגעוור־אורכע קאָן איך אײַך מוידיע זײַן, אז גראָד אין יידישן לאנד האָבן די פרומע לײַט, די נאַטוראַקאַרטניקעס, מיין איך, ניט גענומען מײַן אפּאַראַט, נאָך מער — זיי האָבן אים ארײַנגעלייגט אין כיירעם. איז אָט — איך האָב זיך שוין געקליבן פון יי'סראָעל אהיים, נאָר מיטאַמאָל א נײַס: אין מאָסקווע האָט מען פארמאַכט די קאָרשול. א גזאר אף יידן!

— און דאָס האָט אײַך אָפּגעהאַלטן פון אומקערן זיך צו דער צײַט אהיים?

— אוואדע, יאָ... ס'האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז קיינער האָט די קאָרשול ניט פארמאַכט און אפילע ניט געקליבן זיך צו פארמאַכן זי... פוסטע קלאַנגען... מע פלאַפּלט!.. די מאָסקווער סינאַגאָגע איז אָפן, גייט און דאַוונט!

— א דאַנק פאר דער אייצע... וואָס זשע זײַנט איר געקומען דאַווענען אין רעדאַקציע?

— איך בין געקומען אײַך זאָגן, מע זאָל מער ניט פלאַפּלען, זאָל מען ניט...

— ווו זאָל מען מער ניט פלאַפּלען?

— אין יי'סראָעל! אין אמעריקע!

— איר קומט פון יי'סראָעל, איר לעבט אין אמעריקע... זאָגט עס דאָרטן!

— דאָרט רעדט מען צו דער וואַנט...

— אויב ס'איז קיין סאָד ניט: וועלכע יידישע בלאַט לייענט איר אין דער היים?

— מע קוקט ארײַן אין „פאָרווערטס"...

— דעם „פאָרווערטס" גלייבט איר?

— וועמען דען? אײַך?

— איך האָב דאָ א פרישן „פאָרווערטס". נאַט, לייענט. אין דעטראָיט האָט מען געוואָרפן א באָמבע אין א סינאַגאָגע. א באָמבע געוואָרפן! איר הערט?

— איך הער, איך הער. שרײַט ניט אזוי...

— פארוואָס האָט איר ניט געײַלט צוריק אהיים, קיין אמעריקע, קעדיי דאָרט עפּעס טאָן פאר דער סינאַגאָגע, וועלכע מע האָט געוואָלט פאר־מאַכן מיט א באָמבע? פארוואָס האָט איר זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עמעצער פלאַפּלט, און געלאָפן קיין מאָסקווע?

— יו־עס־אר איז א סאָציאַליסטישע מעדינע, מיסטער ווערגעליס! אויב מע הערט ריידן, אז אין יו־עס־אר האָט מען פאַרמאַכט א סי־נאַגאָגע, דאַרף מען זיך צונויפלויפן ווי אף א סרייפע. נו, און אמעריקע איז, ווי איר ווייסט, א פריי לאַנד: ווילסטו, וואַרף א באָמבע, ווילסטו, וואַרף ניט...

✧

היימלאַנד — די אַקטועלסטע טעמע

עס רופט ניט אַרויס קיין צווייפל, אַז וואָס ווייטער, וועט אַלץ מער אין דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור, אין אירע נײַסטע ווערק, זיך אויסטיילן די טעמע היימלאַנד אַלס איינע פון די סאַמע אַקטועלסטע. אין א געוויסער מאָס קאָן איצט אַפילע גיין א רייד וועגן דעם, אַז פאַר אונדז איז דאָס א ספּעציפיש־ייִדישע טעמע, ווײַל גראָד צווישן די ייִדן איז פאַראַן אַן אָרגאַניזירטע סוויווע, וועלכע באַהויפּטעט, אַז געבוירן־לאַנד איז גאָלעס־לאַנד, און פרעמד־לאַנד דאַרף ווערן אייגן־לאַנד.

אין די לעצטע יאָרצענדליקער האָבן זיך די קאָליזיעס אַרום די דאָזי־קע פּלאָנטערנישן ביז גאָר פאַרשאַרפט. דאָס לעבן ברענגט אונדז, שרײַ־בער, פולע הויפנס מאַטעריאַל צוליב פאַרכאַפּנדיקע סוזשעטן. אין מיש־פּאָכעס און אַרבעטס־קאָלעקטיוון, צווישן טאַטעס און קינדער, צווישן לאַנג־יאָריקע באַקאַנטע, אַפילע צווישן געליבטע קומען פאָר לעבנס־קאָנ־פליקטן, וואָס די סיבע פון זיי איז די אומלאָיאַלקײַט, וועלכע עס טראָגט אַרײַן דער ציִעניזם.

לויט זייער טאָך זײַנען דאָס קאָנפליקטן צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן דעם הײַנטיקן מענטשן און דעם ווערעמל פונעם נעכטן, וואָס טאָ־טשעט אים נאָך, צווישן העמשעך און צוריק־גיין. עס שטויסן זיך צונויף: ערלעכקײַט און ספּעקוליאַציע, עכטקײַט און אַוואַנטיורע, עמעס און שעקער, פליכט און אומדאַנקבאַרקײַט, פאַרוואָרצלטקײַט און העפקער, אייגנליבע און אַכרײַעס פאַרן קלאַל.

דער כויוו בינדט זיך אָן אין טראַדיציאָנעלן געפיל, ווײַל די ערד פון געבורט איז אויך די ערד, אין וועלכער עס ליגט דאָס געביין פון דוירעס פאָרגענגער.

פּאַטריאָטיזם ווערט דער מאַמאָשעסדיקער אויספּרווו — וויאַזוי דער הײַנטיקער מענטש, אין געגעבענעם פאַל דער ייִד, שטעלט אַרײַן דאָס איי־ביק־נאַציאָנאַלע אינעם איצטיקן קאָנטעקסט פון זײַן אייגענעם סאָציאַלן און עטנישן מאַצעוו; אין דער הײַנטצײַטיקער סאָציאַל־שטייגערישער אַרומרינגלונג; אין דער אידייִש־פּאָליטישער רעאַלקײַט, וואָס איז איצט אין אים און אַרום אים.

גופע דער באַגריף פּאַטריאָטיזם ווערט אַ פּעלד פאַרן „בירגערקריג״ צווישן קאָנצעפּציעס. מיר זאָגן: מוטער־לאַנד, פאָטער־לאַנד, גערווירן־לאַנד, היימלאַנד; די ציוניסטן מאַכן אַלץ איבער אויף ערעץ־ייִשׂראל.

די טעמע סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם, ליבע און צוגעבונדנקייט צו רוס־לאַנד ווערט, אַזויאַרום, די צענטראַלע אין אונדזער הײַנטיקער ייִדישער ליטעראַטור, פּונקט ווי אין די 20־ער יאָרן איז עס געווען די אַקטיאַבער־טעמע (קאַמף פאַר אַ יושרדיקער סאָציאַלער אָרדענונג), אין די 30־ער יאָרן — די טעמע פון פּראָדוקטיוויזירן דאָס ייִדישע לעבן (קאַמף פאַר אַרויסגיין פונעם טכום־שטעטל אויף די ראַכוועסן פון סאָציאַליזם), אין די 40־ער יאָרן — די מילכאָמע־טעמע (קאַמף קעגן דער היטלער־געפאַר, דעם פאַשיזם, פאַר פאַרטיידיקן דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד, דאָס לעבן און די פרײַהײַט אויף דער וועלט, די עצם עקזיסטענץ פונעם ייִדישן פאָלק).

✧

פּראָטים

אַ טוישעוו פונעם שטעטעלע פאָלאָנע האָט מיר דערציילט:

פערעץ מאַרקישן פלעגט מען אין דער קינדהײַט רופן שימשן־בער דעם שנײַדערס אייניקל.

זײַן טאַטע דאָוויד איז געווען אַן אַגענט אין „זינגערס״ קאָנטאָר.

די מאַמע האָט געהייסן עלקע. איר מיידלשע פאַמיליע — שטיימאַן. דער זיידע שימשן־בער — איר טאַטע. דער ברודער איר — מוישע, פערעצעס אַ פעטער — האָט געהאַט אַ זון אווראָם שטיימאַן, פערעצעס שוועסטער־קינד, מיט וועלכן דער קומענדיקער דיכטער פלעגט אין שטעטעלע „זיך טאָמיד אַרומדרייען״.

געווען איז פערעץ מאַרקיש אין דער קינדהײַט אַ מעשוירער בײַ בע־רעש דעם כאַזן אין דער פאָלאָנער גרויסער שול.

זאָלן די פּראָטים פאַרצייכנט ווערן.

✧

קאָן זײַן

דאָס איז געווען בײַס מײַן ערשטער באַגעגעניש מיט שאָסטאַקאָוויטשן.

איינער פון מײַנע פּראָפעסאָרן אויפן ליטעראַרישן פאַקולטעט פון דעם מאָסקווער „בובנאָוו״־אינסטיטוט, דער פאָלקלאָריסט סאָקאָלאָוו, האָט דאַן, צוזאַמען מיט יעכעזקל דאָברושינען, אָפּגעקליבן אין אַ רוסישער זאַמלונג פון ייִדישן פאָלקלאָר די טעקסטן פאַר דעם איצט שוין באַרימטן „ייִדישן

ציקל״, וועלכן שאָסטאַקאָוויטש האָט אין יענער צײַט זיך געקליבן ערשט צו שאַפן. מע האָט באַדאַרפט איבערגעבן דעם קאָמפּאָזיטאָר די אָפּגעקליבענע מאַטעריאַלן און אין פאַל, אויב ס׳וועט נייטיק זײַן, ענטפערן אַף זײַנע פראַגעס בעשײַכעס דעם טעקסט. סאָקאָלאָוו האָט אָנגעקלונגען שאָסטאַקאָוויטשן אין טעלעפאָן און געבעטן, ער זאָל אופנעמען זײַנעם אַ סטודענט, וואָס קען יידיש.

פון דעם שמועס, וואָס דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אין יענעם אָוונט פאַרפירט מיטן דאָזיקן סטודענט, מיט מיר, הייסט עס, געדענק איך אָט וואָס.

— איך בין אזוי געווינט צו שרײַבן נאָטן, אז, גלייבט מיר, אַנומלטן האָב איך, אוועקגייענדיק פון שטוב, איבערגעלאָזט אַ צעטעלע דער וועשערן און שפּעטער זיך געכאַפּט, אז כ׳האָב עס אָנגעשריבן ווי אַ מוזיקאַלע פראַזע... — שאָסטאַקאָוויטש האָט דורכגעפירט אַף אַ בויגן שטײַף פּאַפיר עטלעכע פאַראַלעלע ליניעס און אין זיי אַרײַנגעשריבן אַ „שליסל״ און אַנדערע צייכנס פון דער מוזיק־שפּראַך. — יאָ, איך שרײַב נאָטן דאָס גאַנצע לעבן. נאָר פרעגט מיך, פונוואַנען זיי נעמען זיך און ווער ס׳האָט זיי צוגעטראַכט, וועל איך אײַך ניט ענטפערן...

איך האָב אים געזאָגט:

— איר ווייסט, איך בין ניט אָרעוו, אז אזוי איז עס טאַקע, נאָר אָפּט דוכט זיך מיר, אז דער דערפינדער פון נאָטן האָט געוווסט קוואַדראַטשריפט, דאָס הייסט יידישע אותיות. אָט וועל איך אָנשרײַבן אַ שלאָס־פּיי. איז אַף איר דען ניט ענלעך דער מוזיקאַלער „שליסל״? איך קוק אַף דער שורע צייכנס, וואָס איר האָט אָנגעשריבן, און געפין דאָרט סײַ אַ יוד, סײַ אַ נון, סײַ איבערגעקערטע בייסן און ריישן... עפשער האָט דער דערפינדער פון נאָטן געהאַלטן פאַר די אויגן אַ יידישן אַלעפבייס?

שאָסטאַקאָוויטש האָט, ווישנדיק די ברילן, אַרויסגעשטאַמלט:

— קאָן זײַן...

✧

א ביסל דעמאָגראַפיע

(די צאָל יידן אין דער וועלט)

די סטאַטיסטיק בײַ יידן איז טאָמיד און פון שטענדיק אָן אַ לעפיערעכדיקע. זשורנאַליסטן „שלעפן״ ציפערן פון קאָלערליי קוואַלן און לייגן צו זיי צו, „אַפן אויג״, אַ געוויסע צאָל, אזוי, אז עס זאָל פאַררעכנט ווערן די צײַט, וואָס איז דורכגעגאַנגען, זינט יענע ציפערן זײַנען אויסגעפירט געוואָרן. באַם אופשטעלן די צאָל יידן אין דער אָדער יענער שטאָט קומט מען אָן צום קעהילע־צעטל, וואָס דאָס איז פונקט אזוי ראַיעל, ווי רעכענען פאַר פייגל בלויז די, וואָס זיצן אין איין סאָד. הונדערט און הונדערט מיט איינס איז אַלציינס, — זאָגט אַ ייִד. אז ער נעמט זיך איבערציילן זײַן גאַס, איז — ווי עס לוינט אים: אָדער ער פאַררעכנט זיך מיט זײַן געזינד

צווי מאָל, אָדער באַם ציילן פֿאַרגעסט ער דאָס אייגענע ווײַב מיט דער שוויגער...

בײַ אורראָם רייזנעץ איז דאָ אַ דערציילונג „דער סטאַטיסטיק". דער העלד ציפּרין איז „פֿאַרכאַפּט פֿון דעם קונצשטיק, וואָס איז סטאַטיסטיק שטעקט", און פֿון די נוצן, וואָס די וועלט קאָן דערפֿון האָבן. „די פּרײַזלעכע כאַסענע באַטראַכט ער און נאָטירט אין זײַן ביכל, ווי די טרויעריקע לעווײַע"...

דערווײַל גייט ער דורך די בריק, ווו עס שטייט אַ בעטלער מיט צוויי הילצערנע פֿיס. עס באַהערשט אים אַ סטאַטיסטישע אידיי: ער וועט שטיין און קוקן, וויפֿל גיבן יאָ און וויפֿל גיבן ניט קיין נדאָווע.

„עס גייט איינער פֿאַרבײַ. דער בעטלער שטעלט אָן זײַן וויינענדיק פּאָנעם, שטרעקט אויס די האַנט מיטן היטל. עס ווירקט אָבער ניט — יענער גייט פֿאַרבײַ ווי ניט אים מיינט מען גאָר.

— 1 — נישט! — ציילט ציפּרין אין געדאַנק און נעמט זיך ווידער נאָכקוקן.

ער ציילט אָן ביז 9 — קיינער גיט ניט. ציפּרין איז זייער צופֿרידן; ער וועט דערפֿון מאַכן גאַנצע קאָמבינאַציעס...

ענדלעך גייט פֿאַרבײַ אַ פֿרוי. זי שטעקט אַרײַן די האַנט אין קליידטאַש, נעמט אַרויס פֿון דאָרט עפּעס אַ מאַטבייע און וואַרפֿט זי אַרײַן דעם בעטלער אין היטל.

— פֿון צען גיט איינע! — ציפּרין כאַפּט געשווינד אַרויס דאָס נאָטיצביכל פֿון טאַש און וויל עס פֿאַרנאָטירן; נאָר באַלד פֿאַלט אים אײַן אַ מער גליקלעכע סטאַטיסטישע אידיי:

— ווער גיט מער: פֿרויען צי מענער? — ער בלײַבט שטיין נאָך אַ לענגערע צײַט, און די סטאַטיסטיק קומט ענדלעך אויס אַזוי:

פֿון 100 דורכגייענדיקע גיבן אַ נדאָווע דעם בעטלער 7; פֿון די 7 זײַנען 6 פֿרויען און 1 מאַנצבל.

ער פֿאַרנאָטירט עס און וויל שוין, אַ גליקלעכער, אוועקגיין. עס איז ווירקלעך זייער אַ באַלערעוודיקע סטאַטיסטיק. ער האָפֿט, אַז ער וועט זי פֿאַרעפֿנטלעכן, קאָן ער קוינע־שעם זײַן און עפּשער נאָך באַרימט ווערן.

פֿאַר גרויס גליק באַשליסט ער צו געבן דעם בעטלער אַ נדאָווע. זאָל עס ניט הייסן, אַז ער האָט עקספּלואַטירט, אויסגענוצט אַ בעטלער.

ער לאָזט זיך גיין צום בעטלער.

פּלוצעם האַלט אים עפּעס אָפּ; ער הייבט אָן צו קלערן.

עמעס, איך בין גאָר אַ סטאַטיסטיקער, אָבער אין רעכענונג וועל איך דאָך גיין אַלס מענטש. אַלזאָ וועט שוין די סטאַטיסטיק אַנדערש אויסקומען, נעמלעך: פֿון יעדע 101 מענטשן גיבן אַ נדאָווע דעם בעטלער 8: זעקס נקייווע'ס און שוין צוויי מאַנצבלען.

אים ווערט עס קאַשע:

— אַלנפֿאַלס, איז נאָך בײַ מיר ניט קלאָר, צי איך דאַרף אַרײַנגיין אין דעם כעזשבן, צי ניט. מיט מײַן נדאָווע קאָן איך אַף אַזאַ אויפֿן קאַליע מאַכן די סטאַטיסטיק. איך טאָר ניט געבן — האָט ער שוין פֿעסט באַשלאָסן.

און אומזיסט האָט דער בעטלער מיט די הילצערנע פיס און מיט דעם וויינענדיקן פּאָנעם געהאַלטן אָנגעגרייט זײַן היטל: קיין נעדאָווע האָט ער ניט באַקומען".

יאָ, ס'איז בעפּיירעש א שאָד, וואָס דער הער ציפּרין האָט געמוזט באַגיין אַזאַ כּאַזערײַ, אָבער, ווי מע זאָגט, — וואָס טוט מען ניט צוליב דער וויסנשאַפט, אין געגעבענעם פּאַל צוליב דעם, אַז די סטאַטיסטיק זאָל זײַן אַ פּינקטלעכע.

לאָמיר פונדעסטוועגן האָפן, אַז מיט צונויפשטעלן די סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל יידן אין דער וועלט פּאַרנעמען זיך ניט אַזעלכע ליבהאָ־בער, ווי דער הער ציפּרין...

אָט וואָס עס זאָגט די סטאַטיסטיק:

ערעוו דער אַנטיהיטלערישער מילכאָמע, אין 1939, זײַנען אין דער וועלט געווען 16,6 מיליאָן יידן. דער נאַטירלעכער צוּוווּקס פּאַר דרײַ צענדליק יאָר נאָכן זיג איבער דעם היטלעריזם האָט אַף אַ דריטל „ניט געדעקט" די טראַגישע פּאַרלוסטן, הײַנט לעבן אין 85 לענדער 14,5 מי־ליאָן יידן. ניטאָ נאָך אַזאַ פּאַלק, וואָס זאָל פּאַר אַזויפיל יאָרן ווערן ווײַ־ניקער אין צאָל...

די גרעסטע יידישע יישווים געפינען זיך אין דרײַ לענדער: פּשא (קנאַפּע 6 מיליאָן), ייסראָעל (באַ 3 מיליאָן), סאָוועטנפאַרבאַנד (ווייניקער פון 2,5 מיליאָן). אויב פון די איבעריקע 3 מיליאָן יידן אָראָפּרעכענען די 1,5 מיליאָן, וואָס לעבן אין ענגלאַנד, פראַנקרײַך און אַרגענטינע צוזאַמענ־גענומען (מיט אייניקע אָפּנייגונגען — צו 500 טויזנט אין יעדן פון אָט די לענדער), ווי אויך די יידן אין די איצט נאָך היפּשע יישווים אין קאַנאַ־דע (300 טויזנט), בראַזיל (160 טויזנט), דאָרעם־אַפריקע (118 טויזנט), רומעניע (100 טויזנט), אונגאַרן (80 טויזנט), אַוסטראַליע (72 טויזנט), דײַטשלאַנד (32 טויזנט), — באַקומט זיך, אַז אַף די אַנדערע זיבעציק מיט אַ סמיטשיק לענדער פּאַלט אויס אַ וואָסערע 600 — 700 טויזנט יידן.

ס'איז באַוווּסט אַ סטאַטיסטיק פון מיט הונדערט יאָר צוריק (1880). דאַן זײַנען געווען 7,7 מיליאָן יידן, און 90 פּראָצענט פון זיי (6,8 מי־ליאָן) האָבן געלעבט אין אייראָפּע, בלויז 250 טויזנט — אין פּשא. איצט, אין אונדזער דאָר, לעבן 70 פּראָצענט יידן אין די לענדער, ווו מיט הונ־דערט יאָר צוריק האָט געלעבט 1 פּראָצענט (אין פּשא, פּאַלעסטינע, דאָ־רעם־אַפריקע, קאַנאַדע, אַוסטראַליע, אַרגענטינע אאַ.).

די איבערוועגנדיקע מערהײַט יידן (94 פּראָצענט) געפינט זיך איצט אין פיר שפּראַך־סוויוועס: ענגליש (65 פּראָצענט), רוסיש (19 פּראָצענט), שפּאַניש־פּאָרטוגאַליש (6 פּראָצענט), פראַנצויזיש (4 פּראָצענט).

אַ פּאָר טשיקאַווע באַאָבאַכטונגען:

דאָס בילד פון צעשפּרייטקײַט און צעזייטקײַט פון די יידן איבער די לענדער פון דער וועלט ווערט ווייניקער שרעקנדיק, ווען מע קוקט אַרײַן אין דער סטאַטיסטיק, וועלכע באַווײַזט, אַז די מערהײַט יידן וווינט אין אַ צענדליק וועלט־שטעט (ניו־יאָרק — פון 2 מיליאָן ביז 2,5, לאָס־אַנדזשע־לעס — פון 600 טויזנט ביז 700 טויזנט, באַ דער איצטיקער אינטענסיוו־קײַט פונעם וווּקס — ביז אַ מיליאָן, בוענאָס־אײַרעס — 350 טויזנט, פּאַ־

ריזש — 300 טויזנט, לאָנדאָן — 285 טויזנט, מאָסקווע — 250 טויזנט, לעניִנגראַד — 162 טויזנט; ניט גערעכנט אַזעלכע „יִדישע שטעט", ווי טשיקאַגאָ, פּילאַדעלפיע, קיִעוו אאַ.). אין יִשׂראל — אַ קליין לענדעלע — איז אין ראַדיוס פון 12 קילאָמעטער מיטן צענטער אין טעל־אַוויוו קאָנצענטרירט אַ קאָמפּאַקטע מאַסע פון 1 מיליאָן 250 טויזנט נעפּאַשעס, וואָס עס מאַכט אויס בערך 40 פּראָצ. פון דער גאַנצער יִדישער באַפעלקערונג אין דער מדינה.

די סטאַטיסטיק וועגן „צעשפּרייטקייט" מערקט אויך אָפּ, אַז גראָד אין יענע רעגיאָנען, וווּ עס געפינט זיך די מערהייט פון דער מענטשהייט, זיינען קימאַט ניטאָ קיין יִדן. אין כינע (850 מיליאָן איינוווינער) לעבן 30 יִדן, אין אינדיע (600 מיליאָן) — 12 טויזנט יִדן. דאָס זעלבע בילד זעען מיר אויפן אַפריקאַנישן קאָנטינענט.

און צולעצט — אַ ציִטונגס־נאָטיץ, וועלכע עס האָט פאַרשפּרייט די יִדישע טעלעגראַף־אַגענטור (יִטא). מיר וועלן דאָ זען דעם באַרימטן יִדישן „קוועטש":

„די דעמאָגראַפן ווייזן אָן, אַז ווען יעזוס איז געבוירן געוואָרן, מיט 1975 יאָר צוריק, האָבן אין דער גאַנצער וועלט געלעבט 44 מיליאָן מענטשן. דאַן זיינען געווען אַ מיליאָן בריטן, און הייַנט ציילן זיי אַן 47 מיליאָן; 6 מיליאָן עגיפּטער, הייַנט — 37 מיליאָן. אייראָפּע האָט דאַן געציילט 15 מיליאָן מענטשן און הייַנט — 470 מיליאָן. מאַכן מיר אַ כעזשבן: אין יענער צייַט זיינען געווען 4 מיליאָן יִדן, און הייַנט, נאָך 2 טויזנט יאָר, וואָלטן די יִדן אין נאָרמאַלע באַדינגונגען אָנגעציילט 150 מיליאָן..."

✧

צו דער פראַגע: יִדישע דיכטונג און יִדישער פאָלקלאָר

אין דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון דער יִדישער דיכטונג ווערט באַשטעטיקט דער געדאַנק, אַז בײַ די קוואַלן איז געשטאַנען דאָס פאָלק.

וועגן דעם האָט צו זאָגן ניט בלויז די כראָנאָלאָגיע פון דער יִדישער דיכטונג, נאָר, מערער פון אַלץ, איר אינהאַלט.

די פאָלקסליד האָט אַנטפּלעקט דעם באָדן, וואָס אויף אים איז אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע דיכטונג. אַלץ, וואָס פריער, לעמאָשל, האָט פאַרלאַנגט פון דעם דיכטערישן וואָרט, איז שוין צו זײַן צײַט געווען אין דער פאָלקסליד.

ס'איז מערקווירדיק, וואָס דער איבערוף פון דער פראָפעסיאָנעלער דיכטונג מיטן פאָלקלאָר לאָזט זיך אַמדײַטלעכסטן הערן דאַפקע אין דער ליריק, און ניט אין דער סאַטירע. וועלוול זבאַרזשערס ליד וועגן דעם אומגליקלעכן פאַרליבטן האָט אין זיך דעם עמעסן פאָלקלאָר־טאָן.

די פאָלקסליד האָט אָפן זיך אָריענטירט אויף ליריק. דאָס איז געווען לעכאַטכילע די גרענעץ־ליניע צווישן דער ליטעראַרישער דיכטונג און

דעם פֿאָלקלאָר. דער מענטש, וואָס האָט פֿיגורירט אין אונדזער ליטעראַרישער דיכטונג פֿון דער אָנהייב־תּקופֿה, איז געווען שטאַרק אָרעם אין געפֿיל אין פֿאַרגלײַך מיטן פֿאָלקלאָר־מענטש. דער עמאָציאָנעלער אינהאַלט פֿון דער ליטעראַרישער דיכטונג איז געווען אומבאַדײַטנדיק. ערשט אין דער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג האָט זיך דאָס אויסגעגלײַכט. עס האָט זיך אויפֿגעהויבן דאָס פֿאָלק, און דער מענטש פֿון פֿאָלק האָט אויך אין דער ליטעראַטור געזאָגט זײַן וואָרט, ווי ער האָט עס פֿריִער געזאָגט אין פֿאָלקלאָר.

געווען צײַטן, ווען צווישן דעם פֿאָלקלאָר און דער דיכטונג האָט זיך אײַנגעשטעלט אַן עמעסער אַנטאַגאָניזם. דעם אַנטאַגאָניזם האָט פֿערעץ באַוויזן אַראָפּצונעמען אין דער פּראָזע („פֿאָלקסטימלעכע געשיכטן"), אָבער ניט אין דער דיכטונג. די מחיצה צווישן דיכטונג און פֿאָלקלאָר האָט ניט געקענט אָפּשאַפֿן אויך שאָלעם־עליכעם, כאָטש זײַן נעקראַסאָווישע טענדענץ האָט געהאַט אַ מיין — צופֿירן די ייִדישע דיכטונג צו די קוואַלן פֿונעם פֿאָלקלאָר.

נענטער פֿון אַלעמען צום פֿאָלקס־קוואַל אין דער אַלטער דיכטונג איז צוגעקומען אַווראָם רייזען. אָבער ער איז ניט געווען אימשטאַנד צו אויפֿנעמען די בילדערישקײַט אַלס יסוד פֿון דער פּאָעטיק, וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער פֿאָלקסליד.

קיינער פֿון די ייִדישע דיכטער — ביז די סאָוועטישע — האָט ניט געלייזט די רעטעניש: וואָס איז אַזוינס באַפֿליגלטקײַט פֿון דער פֿאָלקסליד, וואָס איז איר קראַפֿט...

פֿון מײַן פּאַריזשער טאָגבוך

איך בין אַרומגעגאַנגען איבער פּער־לאַשעז, זיך אײַנגעקוקט אין די אָריגינעל באַצירטע מאַצייווע־שטיינער און סקולפּטורן, וועלכע דריקן אויס, ווי עס פּאַסט פֿאַר דעם אָרט, טרויער, אַסקעטישע געצוימטקײַט, יענוועלטישע מעטאַפֿאָרן.

מיטאַמאָל האָב איך דערזען אַף אײנעם אַ קייווער אַ סקולפּטור פֿון אַ נאַקעטן מאַנצביל, אַזאַ ווידערשפּרעכלעכע צו טויט און צו טרויער, אַז דאָס גרינע בעסוילעם־ווינקעלע האָט גענומען אויסזען גיכער ווי אַ סקווער.

אויפֿן שטיין איז געווען אויסגעקריצט: „אָסקאַר ווײַלד".

אַך, יאָ, ער איז דאָך געשטאָרבן אין פּאַריזש, אין צוויי יאָר אַרום נאָך דעם, ווי מ'האָט אים אַרויסגעטריבן פֿון ענגלאַנד...

מײַן באַגלייטער האָט מיר דערציילט, אַז די סקולפּטור פֿונעם נאַקעטן מאַנצביל האָט געמאַכט דער גרויסער קינסטלער יאַנקעוו עפּשטיין. די ערד אַרום קייווער האָט אָפּגעקויפֿט אַ פֿאַרערערין פֿונעם שרײַבער. אַ פֿרײַוויליקע לייענער־געזעלשאַפֿט האָט זיך אַ לאַנגע צײַט געלאָדן מיט דער אַד־

מיניסטראַציע פון פער־לאַשעז, איידער יענע האָט דערלויבט צו עפענען דעם דענקמאָל, וועלכער רופט אַרויס בא די באַזוכער פונעם בעסוילעם געפילן, קעגנזעצלעכע צו די, וואָס באַהערשן דאָס האַרץ בייס אַ לעווייע.

✧

גלאַט אַזוי זיך...

לידער און סטראָפעס, אָנגעשריבענע אין נוסעך פון עפּיגראַמען, זײַנען קיינמאָל ניט געווען אין מײַן שאַפונג קיין „זשאַנער". איך פאַרשרײַב זיי, געוויינלעך, ווי אָן אָנגעלאָפענעם געדאַנק (פינקטלעכער, ווי אָן אײַנדרוק), ניט אַף צו פאַרעפנטלעכן, גלאַט אַזוי זיך.

דעם שאַפונגס־פּראָצעס פון אַזעלכע פען־מיניאַטיורן קאָן מען זיך פאָרשטעלן דורך אַ פאַרגלײַך: עס זיצט אַ מענטש בא אַ טיש צוזאַמען מיט אַנדערע מענטשן, און בעשאַס עמעצער רעדט, כאַפּט ער דערווײַל אַראָפּ אַף אַ פּאַפּיר זײַן פּאָרטרעטל, אָדער דעם שאָכנס פּאָרטרעטל, אָדער ער מאָלט דאָס, וואָס גראָד איצט לייגט זיך אים אַף דער פען: אַ האָרבאַטע נאָז, קרומע ליפּן, אַ קאָץ אַף אַ בוים...

איך נעם אַמאָל בלעטערן מײַנע נאָטיץ־ביכלעך און, טרעפנדיק דאָרט די הומאָריסטישע עסקיזן, דערמאָן איך זיך, בא וועלכע אומשטענדן כ'האָב זיי „אָנגעוואָרפן" און ווען — קאָנקרעט — איך האָב „געמאָלט".

אָט וועל איך באַלד, אַף טשיקאַווס, אַרויסשרײַבן פון פאַרשיידענע העפטלעך אַ צענדליק מײַנע הומאָריסטישע מיניאַטיורן.

ווע גן שעמעוודיקײַט

כ'ווייס ניט, צי עס איז אַזוי, צי ניט אַזוי,
נאָר פון שטענדיק אָן איך הער — מע שמועסט,
אַז די שעמעוודיקײַט בא דער פרוי
איז פון זעלבן סאָרט, ווי בא סטאַטוס.

אפן טויט פון א שלעכטן מענטשן

אין סיביר איז פאַראַן אַ ווערטל,
אינעם ווערטל עס זאָגט זיך פראָסט:
ווען עס שטאַרבט אַ מענטש אַ
שלעכטער,
לאָזט ער נאָך זיך דעם פראָסט.

דער העלד פון אייגענע כאלוימעס

אָט גייט דער העלד פון אייגענע כאלוימעס
(מע דארף קיין סאך ניט: ליב האָבן נאָר זיך) —
ער איז, אזוי ווי אלע שמאָלע קוימענס,
פארשטאָפּט מיט סאזשע פון דער אייגענער קיך.

צו א פאָרפאָלק

הערט שוין אוף, נו הערט שוין אוף זיך קריגן —
מ׳האָט אין איין בעט געזען אײַךביידע ליגן,
מע האָט געזען אײַך עסן פון איין טעלער,
מע זאָגט: איר האָט אפילע איין דעם זעלבן
פּעלער, —
מיט אלעמען,
מיט זיך אליין
זיך קריגן...

א סגולע פאר פליכעוואטע, וואָס האָבן בערד

מאָדנע זעען אויס די בערדיקע מיט קעפּ
מיט פליכעוואטע:
הארט און האָריק איז דער קין,
דער קאָפּ איז הויל און ווייך.
וואָלט איך וויסן, אז עס וועט זיי
ניט פארשאטן,
איבערגעדרייט כ׳וואָלט דעם קאָפּ זיי מיטן
קין אינד׳רהייך.

א שטאָטישע קאָקעטקע אין א גאָרטן

אינמיטן זומער האָסט די נעגל אף די הענט
פארשטעקט אין הענטשקעס,
די ווייכע קײַלעכדיקע אקסלען
האלטסטו רייצנדיק אנטבלויזט.
איז וואָס זשע רעדסטו לאָשנהאָרע
אף דער אומשולדיקער פּשענעטשקע,
וואָס די געשמאקע קערנדלעך זי שטעלט ארויס?

א באוואָרעניש

די קאץ איז ברוגעז:
וואָס קומט איר
פאַר איבערלויפן דעם וועג?
זי טראָגט דען אַ שעד אַף די לאַפּקעס?
זי טראָגט דינאַמיט אַף דעם עק?
מע זאָגט איר:
קיס־קיס, ס׳איז אַן אוולע,
אומזיסט איז בעפּיירעש די שרעק,
ביסט גאָט די נעשאָמע שולדיק.
און דאָך —
לויף ניט איבער דעם וועג...

אוועקגייענדיק, גיי אוועק

פאַרגאַנגען איז די זון אַן טײַנעס, אָן געבעט,
געקומען שוין איר צײַט:
— אַ גוטע נאַכט, ס׳איז שפּעט...
פאַרגאַנגען איז די זון — זי האָט זיך
ניט פאַרהאַלטן.
און דו?
וואָס מאַכסטו גוואַלדן?

כמאַרעס און נאַראָנים

כמאַרעס שווימען נאָזנדיק,
שטעלן אָפּ זיך מאַזלדיק:
פול מיט הויכן כיין,
פול מיט זיך אַליין,
און נאַראָנים שטייען אונטן מיט פאַריסענע קעפּ
און מיט דערשראָקענע אויגן...
און דערנאָך, ניט פרעגנדיק,
נעמען כמאַרעס רעגענען,
גיסן שנעל זיך אויס,
און זיי ווערן אויס,
און די נאַראָנים שטייען מיט ארויסגעשטעקטע צינגער,
פּיטש־נאַס פונעם רעגן...

✧

יידישע שרייבער...

ביז גאָר ניט לאַנג צוריק איז אַלץ קלאָר געווען אין דעם איניען, ווער עס איז בא אונדז, יידן, אַ שרייבער. פאר אזעלכן האָט זיך פון טאָמיד אָן גערעכנט: אַ ראָמאַניסט, אַ דערציילער, אַ דיכטער, אַ דראַמאַטורג, אַ קריטיקער. אין שטרענג־פּראָפעסיאָנעלן זין האָבן אין סאָוועטנפאַרבאַנד, לעמאָשל, זיך נישט אָנגערופן שרייבער ניט אַזעלכע באַרימטע לינגוויסטן, אווטאָרן פון וויכטיקע ביכער, ווי ספּיוואַק, זאַרעצקי, פּאַלקאָוויטש, ניט די סאָציאָלאָגן־פּובליציסטן דימאַנשטיין, עסטער, אַגורסקי, ליבערבערג, ניט די היסטאָריע־פאָרשער הייליקמאַן, סאָסיס, ניט די פּלעיאַדע סאָוועטישע יידישע זשורנאַליסטן — אָ. סטרעליץ, ב. גאָלדענבערג, ש. ראַבינאָוויטש, ס. פּריי. די אָנגעהעריקייט צום שרייבער־צעך האָט זיך געפירט לויט אַ האַרבן קלאַל: מע האָט געדאַרפט צוליב דעם דרוקן קינסטלערישע ליטעראַטור, דערביי פון אַנערקענטער קוואַליטעט, אָדער זיין ליטעראַטור־קריטיקער לויטן פאַך.

איצט איז די יידישע ליטעראַרישע סוויווע אין אַמעריקע, יִשׂראל און אין אַנדערע לענדער דערגאַנגען אין אָט דעם פּראַט מאַמעש צו אַ קאַטאַסטראָפע. דער קאַלטער קריג, די אַריינמישונג פון פאַרטייישע (ניט שעפערישע) פאַנדן אין טאָגטעגלעכן לעבן פון דער סוויווע, — דאָס אַלץ האָט אין יענע לענדער געבראַכט צו דעוואַלוואַציע פונעם עצם באַגריף יידישע שרייבער. דאָרט שטאַרבן שוין אויס די לעצטע פּראָפעסיאָנאַלן און ס׳פאַרמירן זיך גאַנצע שרייבער־פאַריינען פון ניט־שרייבער. געגוג צו פאַרנעמען זיך מיט טאָג־זשורנאַליסטיק — אָנדראַקען עטלעכע מייערס, ניט אָפּהיטנדיק אַפילע ווי ס׳געהער צו זיין די שפּראַך־ און סטילקלאָלים, און מע איז שוין אַ יידישער שרייבער, מע „גייט אַריין אין דער פאַרוואַלטונג״, און — וואָס מיר אָפּאַטאָשו, לייוויק, אַש, מאַנגער, ווער מיר בערגעלסאָן, מאַרקיש, דער ניסטער, האָפשטיין! — די דאָזיקע און אַנדערע גרויסע שרייבערישע נעמען ווערן איצט, אַלס קלאַל, צוגעצויגן אין די קריגערייען אַף צודעקן מיט זיי די נידעריקע פּאָליטיקאַנסטווע פון די אַפּאַראַטשיקעס־„שרייבער״...

בלויז אין סאָוועטנפאַרבאַנד ווערט נאָך בא היינטיקן טאָג אָפּגעהיט דער פּראָפעסיאָנעלער טאָך פונעם יידישן שריפטשטעלער.

וועג־נאָטיצן

געוויינלעך, ווען איך קער זיך אום אהיים פון אַ רייזע אין אַ צווייט לאַנד, געדויערן וואָכן, ביזוואַנען איך קלייב פאַנאַנדער די נאָטיצן, איינדרוק־פאַרצייכענונגען, פאַרשריבענע געשפּרעכן, וועלכע זיינען צעוואָרפן איבער קאָלערליי בלאָקנאָטן, וויזיט־קאַרטלעך, רעקלאַמע־בלעטלעך, פּאַפּירענע סאַלפעטקעס.

איך פֿאַרעפֿנטלעך שפּעטער בלויז אַ טייל פֿון די פֿאַרנאָטירונגען, האָבנדיק אין זינען דעם גאָלדענעם קלאַל, אַז ניט וועגן אַלץ, וואָס אַ מענטש זעט און הערט, דאַרף ער דערציילן אַנדערע מענטשן.

דערנאָך נעמט זיך מיר אויסווײַזן, אַז געוויסע געשעענישן פֿונעם ווענ האָב איך אומזיסט ניט באַשריבן אין דער פּובליקירטער פֿאַרצייכענונג, און איך האָב כאַראָטע. דערווײַל רוקט זיך אָן אַ נײַע רײַזע, נאָך וועל־כער די צאָל ניט פֿאַרעפֿנטלעכטע פֿאַרנאָטירונגען ווערט גרעסער...

אייניקע פֿון זיי איז קעדײַ צו פֿאָרהיטן פֿאַרן לייענער.

1. לויט עלזאַ טריאָלעס אײַצע

ווען עס האָט זיך פֿאַרענדיקט דער אופֿנאַם אין דער סאָוועטישער גע־זאַנדשאַפֿט (מע האָט אָפּגעזעגנט אַ גרופּע מאָסקווער אַרטיסטן און אָפּע־ראַטאָרן נאָכן פּראָדוצירן אַ פֿילם אין פּאַריז), האָט עלזאַ טריאָלע גע־בעטן, איך זאָל זי באַגלייטן אױף פּלאַס דע טערן, ווו זי וועט אױף אַ פּאָר מינוט אַרופֿקומען אין איינעם אַ הויז צוליב אַן איניען, און דערנאָך וועט זי מיך אָפּפֿירן אין האָטעל.

— האָטעל, האָטעל... — האָט זי געגומען, אױף איר אויפֿן, אַרויספֿירן זיך אַליין אױף עפּעס אַ געדאַנק, טוענדיק עס מיט דער הילף פֿון ווערטער, וועלכע זי האָט גיך־גיך אַרויסגערעדט און צוויי־דרײַ מאָל איבערגעכאַ־זערט, — האָטעל, האָטעל... פּלאַס דע טערן, פּלאַס דע טערן... אַך, יאָ! איך וויל אײַך דערציילן, אַז אין פֿיר־און־צוואַנציקסטן האָב איך זיך אומגעקערט קיין פּאַריז פֿון בערלין, ווו כ'האָב געוווינט אַ יאָר צײַט און זיך דאָרטן געטראָפֿן מיט מײַן שוועסטער לילי בריק... יאָ, האָב איך די ערשטע צײַט געוווינט לעם פּלאַס דע טערן, אין אַ האָטעל...

דאָס איז געווען שוין נאָך דעם, ווי זי איז זיך צעגאַנגען מיט איר ערשטן מאַן — אַנדרע טריאָלע, מיט וועלכן זי האָט כאַסענע געהאַט אין 1917 אין מאָסקווע.

— מאָסקווע, מאָסקווע... מאָסקווע! גלייבט מיר, דאָס גאַנצע לעבן פֿאַר איך ניט אַרויס פֿון מאָסקווע, כאָטש איך בין אַוועקגעפֿאָרן פֿון דאָרט אין אַכצנטן יאָר. דעם טײַערן אַנדרע האָב איך געזאָגט, אַז עס לוינט ניט פֿאַנאַנדערפֿאַקעווען די טשעמאָדאַנעס, ווײַל אײַנגיכן דאַרף מען פֿאָרן צוריק קיין מאָסקווע, נאָר באַקומען האָט זיך אַזוי, אַז אין נײַנצנטן יאָר האָבן מיר זיך באַזעצט אָפּן אינדזל טאַיטי... עפּשער איז אײַך אַמאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט מײַן ערשטער בוך אױף רוסיש — „וועגן טאַיטי"... ניין? אָבער שטעלט אײַך פֿאָר, פֿאַראַן אַזאַ בוך...

דערנאָך האָט זי מיך געפֿרעגט, צי איך האָב געלייענט אירע אַ גרע־סערע דערציילונג וועגן ייִדן, און כ'האָב געמוזט זיך מודיע זײַן, אַז די דערציילונג איז מיר ניט געפֿעלן, ווײַל אין איר איז ניט פֿאַראַן קיין נאַציאָנאַלער שטייגער און אייגנאַרטיקייט, קיין ייִדישע כאַראַקטערן — דאָס לעבן פֿון די ייִדן ווערט ניט באַוויזן, נאָר באַהאַנדלט. זי האָט אויסגע־שריגן ניט מיט איר קאָל, ווי עס וואָלט זי אַ ביס געטאָן אַ שלאַנג:

— באהאנדלען! באוויַזן! עס דרייט זיך ארום א פאָלק צווישן פעלקער, און אויב עמעצער וויל וויסן, וואָס דאָס איז אזוינס, קאָן ער באקומען אן ענטפער בלויז בא שאָלעם־אַלייכעמען, דאָס הייסט בא א שריַיבער פונעם אָנהייב יאָרהונדערט. נו, און איצט? איך וויל האָבן א צענדליק ביכער, לויט וועלכע כ׳זאָל זיך שאפן א פאָרשטעלונג, וואָס עס איז אזוינס דער יידישער מענטש אין די לעצטע פופציק יאָר פון דער נייַער ערע. ניט איך וויל, נאָר עס איז אומבאדינגט נייטיק! די פראנצויזן און די רוסן האָבן זיך ניט געאמפערט, צי זייערע ליטעראטורן דארפן באוויַזן, צי באהאנדלען די פּראָבלעמען פונעם פאָלק. זאָליא און טאָלסטאָי האָבן באוויזן, געמאָלט, געשילדערט; גערצען און וואָלטער האָבן מערסטנס באהאנדלט. טוט וואָס איר ווילט, כאָשעווע יידישע שריַיבער, אָבער דערציילט מיר ניט קיין געשיכטע, וויאזוי כאנע האָט אנומלטן זיך באגעגנט מיט אווראָמען און זיי האָבן זיך ליב באקומען. דאָס איז בא אנדערע פעלקער אויך פאראן. זאָגט מיר, אָדער באוויַזט מיר, וויאזוי זעט אויס דאָס געשטאלט פונעם יידישן פאָלק אין דעם לאנד, וווּ איר זעט עס, וויאזוי זעט עס אויס, וואָס טוט עס, מיט וועלכע אידייען איז עס פארכאפט, וואָס עסט עס, וויאזוי גייט עס אָנגעטאָן, וועלכע לידער זינגט עס. און דאָס, וואָס עס פעלט מיר אין דעם פראט, זיַינען די לעצטע פופציק יאָר נאָך שאָלעם־אַלייכעמען, די שילדערונג פונעם יידישן לעבן, מיין איך, אין אונדזער ציַיט. איך רייד דאָ ניט וועגן קוואליטעט, וועגן דעם קויעך פון קינסטלערישער שילדערונג. זאָל זיַין פּאָשעט דערציילט, אָדער באוויזן, אָדער באהאנדלט, נאָר — מיט מאסשטאב!

זי האָט זיך דערפילט מיד און איז אף לאנג אנשוויגן געוואָרן. ערגעץ באם בולוואר באָנמארשע איז די מאשין אריַין אין צוגעטונקלטע געסלעך און פארקערעוועט אף רי פערדינאנד דיוואל. עלזא האָט געזאָגט:

— איך האָב געדארפט פאָרן אף רעכטס, דורך רי דע ראָזיע, נאָר דער רועך ווייסט, פארוואָס ס׳האָט מיך א טראָג געטאָן אהער, קאָן זיַין דערפאר, וויַיל אמאָל איז דאָ געווען די יידן־גאס, און מיר ריידן וועגן יידן...

— וואָס קאָן זיַין נאָך מער יידישער אין פאריזש, ווי רי דע ראָזיע, דאָס געסל אפן „פלעצל"?

— נו, יאָ! האָב איך טאקע מיט מיַין אריַינפאָרן אין דער יידן־גאס פונעם פערצנטן יאָרהונדערט געוואָלט איַיך מאכן אן אָנדיַיט, אז די ליטעראטור וועגן יידן דארף שוין פון דאָרט ארויספאָרן. און זאָל זיַין איַיער אָביעקט דאָס היַינטיקע פאריזשער „פלעצל", צי דער היַינטיקער בירָאבידזשאן, זאָל דאָס זיַין דער וועג פון יידן אין רוסלאנד נאָכן אָקטיאבער, צי די לעצטע אופטרייסלונגען, וועלכע זיַינען פארבונדן מיט יִסראָעל, זאָל דאָס זיַין, סאָפקאָלסאָף, אלע די זאכן אינייינעם, אָבער איינס איז קלאָר: מע דארף שריַיבן וועגן אייגענעם פאָלק! אלע שריַיבער דארפן שריַיבן! זאָל יעדערער אָנשריַיבן א ראָמאן פונעם יידישן לעבן מיטן ציל צו דערציילן דער וועלט, וואָס אזוינס איז יידן. איך האָב אָנגעשריבן אזוי, ווי כ׳האָב געקאָנט. איצט — שריַיבט איר אָן!

זי האָט גוט געקאָנט פּאַריזש! אַף רי דע ראָזיע האָט זי אָפּגעשטעלט די מאַשין לעם אַ יאַטקע, וואָס איז שוין געווען צוגעמאַכט, נאָר דורכן פענצטער האָט זי מיר באַוויזן די סכוירע און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פרייד־באַגײַסטערונג אויסגעשריגן:

— איר זעט? אַף רעכטס, אָט אין יענעם ווינקל, הענגט שעפּסן־פלייש. מע פּאַרקויפט עס די ספּאַרדישע ייִדן. זיי ווייסן אַ טאָלק אין שאָף. און פאַר די אשקענאַזים, זעט איר, האַלט מען דאָ פלייש פון רינדער. דאַכט זיך, אַ דעטאַל. נאָר אין סאָוועטנפאַרבאַנד, לעמאָשל, וואָלט עס אויסגעזען ווילד. ביכלאַל איז עס אַ שטריך פונעם ייִדישן לעבן ספּעציעל בא אונדז אין פראַנקרײַך. דעריבער דאַרף עס פאַרצייכענען אַ ייִדישער שרײַבער פון פּאַריזש. און איר דאַרפט פאַרצייכענען די פּראָטים פונעם לעבן אין אײַער לאַנד. שאָלעם־אַליכעם האָט עס געטאָן. פאַרוואָס טוט איר דאָס ניט?

מיר זײַנען דורכגעפאָרן אַ ייִדיש רעסטאָראַנדל, אַ בעקערײַ, נאָך איין יאַטקע, אַ געשעפט פון טאַליסים און סידורים.

איך האָב געזאָגט עלזען, אַז די ייִדישע שרײַבער פון פּאַריזש מײַדן אויס צו שרײַבן וועגן אָט דעם וועלטל, און זי האָט טריומפירט: „זעט איר! און וואָס זאָג איך? זאָלן זיי שרײַבן! און איר זאָלט שרײַבן וועגן אײַערס!"

אַף צוריקוועגס פון פּלאַס דע טערן האָט זי ווידער זיך צערעדט וועגן איר „ייִדישער דערציילונג":

— ס'איז אַ פראַגע פון לאָשן... גופע דאָס, וואָס איך שרײַב אַף פראַנצויזיש וועגן ייִדישן לעבן, איז די סיבע פון דעם, וואָס איך באַווײַז ניט, נאָר באַהאַנדל. אַף צו מאָלן דאַרף מען האָבן פאַרבן, און פאַרב אין דער ליטעראַטור — איז דאָס וואָרט.

זי האָט אַרײַנגענומען דעם קאָפּ אין די אַקסלען און זיך שטאַרק אָנגעשטרענגט, ווי זי וואָלט געשלעפּט פון די טיפענישן פון איר וועזן די זעלטענע דערמאָנונג, וועלכע זי האָט מיר דאָ גלײַך אַרויסגעזאָגט:

— אין אַכט־און־דרײַסיקסטן איז אַרויס מײַן ערשטער פראַנצויזישער ראָמאַן „אַ גוטנאָוונט, טערעזע". אָנגעהויבן שרײַבן האָב איך אים אין רוסיש און אַליין איבערגעזעצט אַף פראַנצויזיש. אַראָגאָן האָט מיך ניט געלאָזט עס טאָן: לעב זיך אַרײַן אין דער שפּראַך, אַף וועלכער עס ריידן דײַנע העלדן! מײַן גאַנצע שעפערישע איבערגעשטאַלטונג איז פאָרגעקומען טאַקע אין אָט דער צײַט, צוזאַמען מיטן איבערגיין אין אַן אַנדער שפּראַך־סטיכייע. און איר ווייסט, ווען איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מײַן כּיוון איז שרײַבן וועגן דעם פראַנצויזישן לעבן? ווען ס'איז צו מיר דערגאַנגען, אַז מײַן וואָרט איז — פראַנצויזיש. איך האָב געבראַכט דעם מאַנוסקריפּט פון „טערעזען" צום פאַרלעגער ראָבערט דאַניעל, פאָרגעלייענט אים עטלעכע זײַטלעך, און ער האָט מיך אָפּגעשטעלט: „מאַסקים. איך שיק גלײַך אָפּ די זאַך אין דרוקערײַ"... וואָס איז שײַך דער דערציילונג וועגן דעם ייִדישן לעבן, האָב איך זי געקאָנט אָנשרײַבן אַף וועלכער שפּראַך

איר ווילט. ס'איז געווען מײַנער אַן אָפּרוף אָף דער טעמע, די טעמע גופא דאַרף רעאַליזירן אַ ייִדישער שרײַבער.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט באַם אַרײַנגאַנג אין האָטעל. עלזאַ האָט, אויסשליסנדיק דעם מאָטאָר, מיך אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, ניט לאַנג געטראַכט: וואָס שיידט אונטער אַ שרײַבער פון זײַן פאָרגייער?

— די צײַט, — האָב איך געענטפערט.

— צײַט, צײַט, צײַט... שרײַבט אָן אַ ראָמאַן „די צײַט". האָט ניט מוירע, אַז עס וועט זיך באַ אײַך ניט באַקומען ווי באַ די פּראָזאַיִקער. איר זײַנט אַ פּאָעט, און דאָס איז שוין גענוג, איר זאָלט אָנשרײַבן אַ ראָמאַן. באַווײַזט (אָדער באַהאַנדלט, — ווי איר ווילט!) דעם וועג פון אײַער דאָר ייִדן אין סאָוועטנפאַרבאַנד (אין פאַרבינדונג, פאַרשטייט זיך, מיט דעם פריִערדיקן דאָר און מיט דעם שפּעטערדיקן) פאַר די פופציק יאָר, וואָס איר זײַנט אַלט. איך גיב אײַך צוליב דעם צוועלף־פופצן דרוקבויגן. ניט מער. אין אַ ראָמאַן מיטן נאָמען „די צײַט" דאַרפן די געשעענישן אינעם סוזשעט ניט פאַרנעמען צופיל צײַט...

אַרײַנקומענדיק אין מײַן האָטעל־צימער, האָב איך זיך צוגעזעצט צום שרײַבטיש, אַוועקגעלייגט פאַר זיך אַ ריין בייגעלע פּאַפּיר און אָנגעשריבן:

„די צײַט

ראָמאַן אין פיר נאָוועלן מיט אַן עפּילאָג.

...לאָמיר אָנהייבן פון דאָרט, ווו עס האָבן געענדיקט אונדזערע פאָרגייער."

2. אַ ליד פון די ערשטע לאָנדאָנער אימיגראַנטן

אין לאָנדאָן האָב איך אַנומלטן געטראָפן אין וויקטאָריִא־פּאַרק אַן אַלטן ייִדן, שוין אַ זאָקן, וועלכער איז געזעסן, דרעמלענדיק, אָף אַ באַנק און אונטערגעמורמלט זיך אונטער דער נאָז אַ לידעלע. איך האָב אויך זיך צוגעזעצט, דערנאָך פאַרפירט אַ שמועס מיט אים, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט, אַזוי זיצנדיק אין וויקטאָריִא־פּאַרק, זיך דערמאָנט אַ ליד פון די ווײַטע יונגע יאָרן, אַ ליד, וועלכע ס'האָט אַמאָל געזונגען קינד־און־קייט (שפּעטער האָב איך געזען איר טעקסט אינעם לאָנדאָנער זשורנאַל „לאָשן און לעבן").

די ליד הייסט טאַקע „וויקטאָריִא־פּאַרק". איך מיין, אַז דאָס איז ניט בלויז אַ דערשיטערנדיקער דאָקומענט פון די עמיגראַציע־צײַטן באַ ייִדן (די געשיכטע כאַזערט זיך איבער, באַזונדערס מיט איר טראַגישער זײַט!),

נאָר אויך אַ מוסטער פון הויכער פּאָעטישער קונסט באַ די ייִדישע פאָלקס־מאסן. אָט איז איר טעקסט:

לאָנדאָן ווערט איצט שטארק געליבט — וויקטאָריִא פּארק,
וויקטאָריִא־פּארק.
ווער וואָלט דאָס געגלויבט אין וויקטאָריִא־פּארק?
אַ פּראָסטער גאָרטן, אָבער שטארק — וויקטאָריִא־פּארק,
וויקטאָריִא־פּארק.
אַ פּארטעך מיט אַ גראָבן קארק אין וויקטאָריִא־פּארק,
וויקטאָריִא־פּארק,

און יעדער איינער רוט אויס די ביינער...
מע פּאַלט אַף שטיינער, פארלירט מען די ציינער,
מע ליגט און מע כראָפּעט, פון די נעזער קאַפּעט.
מע לויפט פארסאָפּעט אין וויקטאָריִא־פּארק.

יודקע גייט מיט רייטשל טשאק — וויקטאָריִא־פּארק,
וויקטאָריִא־פּארק,
זי איין שוך און ער איין זאָק אין וויקטאָריִא־פּארק.
נאכמען־בער גייט מיט זײַן ווײַב — וויקטאָריִא־פּארק,
וויקטאָריִא־פּארק,
לאַנדסלײַט זוכן דאָרט אַ דזשאָב, אין וויקטאָריִא־פּארק,
וויקטאָריִא־פּארק,

דאָרט גייט כײַע־איטע, אַ מויד פון ליטע,
זי איז די דריטע, זי וווינט אין סיטי,
דער רויטער בעני, די גראָבע דזשעני,
די געשטופּלטע פּעני — אין וויקטאָריִא־פּארק!

3. אין אַ רעגן

עס רעגנט אין ווין. אַ גאַנצן טאָג גיסט ווי פון אַן עמער. די שטאָט איז אַף דורך־און־דורך דורכגענומען מיט וואָלקנדיקער טונקלקײַט. איך וועל הײַנט אלציינס פארבלײַבן דעם גאַנצן אָוונט אין האָטעל, לאָז איך זיך אראָפּ אין רעסטאָראַן, קעדיי אַ קוק טאָן אַף מענטשן...

— העלאָ! גוטען אַבענד! — אזוי באַגריסט זיך מיט מיר, כאָצי ענגליש, כאָצי דײַטש, מײַן אלטער באקאַנטער (שוין דאָס דריטע מאָל זיץ איך מיט אים באַ איין טישל) הער קארל. ער איז אַ גראָבטשינקער, אַ גלאַ־טינקער, שטארק אַ גוטמוטיקער. אַ דײַטש. אַ זינגער. געקומען קיין ווין פון באַן צוליב מישפּאָכע־אָנגעלעגנהײַטן. אלעמאָל, ווען ער רעדט מיט מיר, שלאָגט ער זיך אליין איבער די רייד מיט אַ לידעלע, וואָס ער האָט צוגעטראכט, און עס באַשטייט פון איין קורצער שורע: „ווין — באַן... באַן — ווין"... ער זאָגט, אַז צוגעטראכט האָט ער דאָס לידעלע ספּעציעל

צוליב מיר, ווי זײַן וויזיט־קאַרטל, איך זאָל וויסן, אז איך האָב צו טאָן מיט א מענטשן פון באַן, וועלכער געפינט זיך אין ווין.

הער קאַרל שטאַמט פונעם אינדזל העלהאָלאַנד, — ער רופט עס אָן — אַמאָל „דער רויטער פעלדז", ווײַל ס'איז „געמאַכט" פון רויטן זאַמד־גראַניט, אַמאָל „דער לעקער טעלער", לויטן אויסזען. אויף א קײַלעכדיקן טעלער", לויטן אויסזען.

העלהאָלאַנד, זאָגט הער קאַרל, איז באַרימט מיט פינף אויסטערליש־קײַטן: דאָרט איז אין יעדן קובאַמעטער לופט פאַראַן צען מאָל מער אָזאָן און יאָד, איידער אף די שפּיצן פון די שווייצאַרישע אַלפּן; דער קייזער האָט אין סאָף פונעם פאַריקן יאָרהונדערט געמאַכט א בײַט מיט דער ענג־לישער קיניגין: זי אים — העלהאָלאַנד, ער איר — זאַנזיבאַר; די אײַנוווי־נער פונעם פעלדז מיט א שעטעך פון איין קוואַדראַטן קילאָמעטער פלעגן אין די אַמאָליקע צײַטן פאַרנאַרן מיט שײַטערס די דורכשווימענדיקע סאָכרישע שיפן און זיי באַראַבעווען; בײַם דער צווייטער וועלט־מילכאָמע האָט היטלער אַרויסגעמעשאַלייעכט פון העלהאָלאַנד אַלע אײַנוווינער און אויסגעבויט דאָרט אונטערערדישע אַעראָדראָמען, קאַזאַרמעס, סקלאַדן. די ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן אָן אויפהער באָמבאַרדירט דאָס אינדזל, מע זאָגט, אז דאָרט זײַנען פאַראַן מער וואַראָנקעס (גריבער פון די אויפ־רײַסן), איידערביימער; און די פינפטע אויסטערלישקײַט, לויט ווי עס מיינט הער קאַרל, איז דאָס, וואָס אין העלהאָלאַנד האָט דער דיכטער פאַן פאַלערסלעבען פאַרפאַסט די „ליד פון די דײַטשן", וועלכע איז שפּעטער געוואָרן דער הימן „דויטשלאַנד, דויטשלאַנד איבער אַלעס". די מוזיק האָט מען גענומען בא הײַדנען...

הערנדיק די רייד פונעם העלהאָלאַנדער באַן־ווינער דײַטש, באַשטים איך א שטאָך טאָן אים מיט מײַנער אַן אויסטערלישקײַט:

— צי האָט איר, הער קאַרל, געהערט וועגן דער ליד פון די געטאָ־יידן „זאָג ניט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג"?

— אָ, יאָ, יאָ...

— זי איז געוואָרן דער הימן פון ווידערשטאַנד מיצאַד די יידן קעגן די ווילדקײַטן פונעם פאַשיזם. און איר ווייסט, וועמענס מוזיק מע האָט גענומען צו דער ליד?

ער ווייסט ניט. איך דערצייל אים וועגן דעם סאָוועטישן קאָמפּאָזיטאָר, דעם ייד דמיטרי פּאָקראַס...

◊

א פֿאָרשלאָג

איך האָב א פֿאָרשלאָג.

אָפּט רעדט מען וועגן דעם, אז ס'איז שוין צײַט זיך פֿאנאנדערקלײַבן אין די כלוקעדייעס צווישן די שריפֿטשטעלער פֿון „ביידע זײַטן באריקאַדע", וואָס שרײַבן אויף יידיש. מע שיידט זיך טאקע אונטער מיט דער איידעאָלאָגיע, אָבער ניטאָ אזא איינער, וואָס זאָל זיך אָפֿן מודיע זײַן, אז ער איז קעגן פּראָגרעס, אלנפֿאלס קעגן וועלטלעכקײַט. אָן שום ספֿק, זײַנען אלע — פֿאר העמשעך, דה. פֿאר דעם, אז די מאמע־ליטעראטור זאָל לעבן ווײַטער...

אָבער ווער זאָל אָנטיילנעמען אין דעם שמועס? וועגן דעם — מײַן פֿאָרשלאָג.

דער, וואָס קומט „צום טיש", דאַרף ארופֿלייגן אויף אים זײַנע דערשײַנענע ליטעראַרישע ווערק, א מין אַרײַנגאַנג־קאַרטע, קעדיי האָבן דאָס רעכט צו זאָגן א דייע אין דער ליטעראַטור.

באזונדערס איצט איז נייטיק אזא מיטל, ווײַל דאָרט, אויף יענער זײַט, איז אין דעם פּראַט א מישמאַש. ניטאָ קימאַט מיט וועמען צו ריידן. עס פֿעלן שוין — פֿאַר די לעצטע יאָרן — מאַנגער, גלאַטשטיין, לעיעלעס, אויערבאך, מאַלאַדאָווסקע, וואָגלער, פֿוקס, אַליצקי, ראַוויטש. די „טירן" זײַנען געבליבן אָפֿן אויף הפֿקר...

צי האָט איר, איבערגעבליבענע, אָפּגעוויגן און באַטראַכט די ערנסטקײַט פֿון אזא מאַצעוו?

✧

דער אָנהייב פֿון מײַן ביאָגראַפֿיע

דאָס סאַמע ערשטע, וואָס איך געדענק אין מײַן לעבן, איז — א שטאַרקער שטורעם, וועלכן כ'האָב באַקומען, פֿאַלנדיק פֿון דער מאַמעס הענט.

אין זיקאָרן איז פֿאַרבליבן: א גאָרטן. א פּלויט. ס'איז טאַמוזדיק הייס. די מאַמע לויפֿט, סאָפּענדיק מיט א כריפּ. איר פּאָנעם איז דערשראָקן, די האָר צעלאָזט. איך האַלט זיך אָן פֿאַר איר האַלדז, נאָר מיטאַמאָל פֿאַרטשעפּעט זי זיך באַם ווינקל פּונעם צונויפֿגעפֿלאָכטענעם פֿון ווייכע צווײַגעלעך פּלויט, און איך פֿאַל אַרויס פֿון אירע הענט אויף צונויפֿגעלייגטע קלעצער.

ווען איך בין שוין געווען א גרויס קינד, האָט זי מיר דערציילט, אז פֿאַרלאָפֿן איז די פּאַסירונג אין 1920. כ'בין אַלט געווען דאָס דריטע יאָר. אין שטעטל איז אַרײַן אינמיטן העלן טאָג א באַנדע. מײַן מאַמע האָט זיך פּונקט געפֿונען בײַ באַקאַנטע אין דער סאָף־שטעטלדיקער גאַס, וווּ ס'האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די פֿעלדער. דערזען זי, איז איינער פֿון די באַנדיטן אַרויסגעריטן פֿון דער ריי און מיט א שיקער געשריי גענומען זיך נאָכ־

יאָגן. זי האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן אַף די הענט און אַזוי דערלאָפן ביז די קלעצער. און ווי עס טרעפט, האָט אונדז אָפּגעגליקט: דער אטאמאן האָט, ווײַזט אויס, געדארפט אָפּגעבן א פאראָרדענונג באַם ארײַנקומען אין שטעטל, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם באנדיט. די מאמע האָט מיך אופגעהויבן פון דער ערד און זיך באהאלטן מיט מיר אין גאָרטן...

✧

ניט־מאטעריעלקײַט

באגײַסטערונג — Вдохновение — איז ניט קיין מאטעריעלע זאך, נאָר עפּעס א מין „וואָלקנדל”, פון וועלכן עס „טוט א גאָס” די שעפערישע פּאָטענץ, אָדער, אויב זאָגן אנדערש, פון וועלכן עס „שפּינט זיך אויס” דאָס געטלעכע מענטשלעכע פונעם ווערק, וואָס ווערט אויסגעדאכט און — פארשריבן, אָנגעמאָלט, פאָרגעלייענט, איבערגעדיכטעט אין געשטאלטן, אויסגעשפּילט, געמאכט פון עפּעס אדג.

אזא „וואָלקן” איז אָן שום סאָפעק פאראן, האגאם, איך כאזער איבער, דאָס איז ניט קיין מאטעריעלקײַט, מע קאָן עס ניט אָנטאפּן מיט די הענט, ניט דערזען מיט די אויגן, און מע ווייסט אויך ניט, ווו, אין וועלכן אָרט עס געפינט זיך.

ווער עמעצער זאָגן: די דאָזיקע רייד זײַנען אויסגעשפּראָכענער אי־דעאליזם! נארישקײַטן. צו ניט־מאטעריאליזם, און אפילו צו אנטי־מאטע־ריאליזם, צו אידעאליזם דערגייט יענער, ווער עס האָט זיך אליין פאר־גראָבן אין מאטעריעלן, און ער האָט מוירע אָפּפירן די אויגן אין א זײַט אַף צו קאָנען דאָס מאטעריעלע דערזען אינגאנצן און עס באזיניקן. אזא מענטשן שרעקט, לעמאָשל, אויך דאָס, וואָס די הײַנטצײַטיקע פיזיק באַ־קומט צומאָל א „ניט־מאטעריעלן” כאראקטער: אין איר האָבן זיך באוויזן אזעלכע „מאָדנע” באגריפן, ווי פאָרויספאָלגנדיקער — опережающий — פּאָטענציאל (עלעקטראָן־כוואליעס, וועלכע ווערן אופגענומען איידער עס קומט פאָר די אויסשטראלונג), טונעל־עפעקט (דאָס דורכגיין פון עלעק־טראָנען דורך באריערן, וועלכע ס׳איז לויט די געזעצן פון מעגלעכע פאלן — по законам вероятностей — ניט מעגלעך בײַצוקומען), טאכיאָנען (טיילעכלעך, וואָס באוועגן זיך גיכער פון ליכט, און דאָס עפנט אוף פאר אונדז דעם צוריקגאנג פון דער צײַט)...

צוריקגאנג פון דער צײַט באטײַט דאָך אויך: לאָזן דעם „וואָלקן” שטיין, ווען ס׳איז שוין רעאליזירט דאָס ווערק, און דאן וועט מעגלעך זײַן „א פּרווו טאָן אפּן צאָך” דעם ניט־מאטעריעלן „וואָלקן”, באטראכטן אים אָן דעם „גיפטעלע”, ווי מע באטראכט א שלאנג, וואָס האָט שוין אָפּגעגעבן דעם טאם (זאָל קיינעם ניט שרעקן דאָס וואָרט סאָם אין קאָנטעקסט פון פּאָעזיע. סאם איז ניט טאָמיד שלעכט, און פּאָעזיע איז ניט טאָמיד מילד...).

✧

פונוואַנען נעמען זיך געטאָס

לויט ווי עס דערציילט די טוירע, האָט דער ריבוינעשעלוילעם געמאַכט דרײַ האַוודאָלעס (אָפּשיידן).

דאָס אָפּטיילן ליכט פון פינצטערניש (ערשטע האַוודאָלע) איז געווען אַן אומבאַדינגטער אַקט פונעם וועלט־באַשאַף. דאָס אָפּטיילן ריינס פון אומריינס, שאַבעס פון אינדערוואָכן (צווייטע האַוודאָלע) האָט געהאָלפן אײַנשטעלן דעם ראַציאָנעלן מענטשן־שטייגער. דער ריבוינעשעלוילעם האָט אָבער אַזוי זיך אַרײַנגעטאָן אינעם צעשיידן, אָפּצאַמען, צעטיילן, פאַנאַנדערגרענעצן, אָפּזונדערן, אָפּטיילן, פאַנאַנדערשיידן, אַז ער האָט מיט דער דריטער האַוודאָלע אָנגעטאָן גרויסע צאָרעס, געבנדיק אַן אימפּולס די פינצטערע קויכעס אין אַלע צײַטן צו פּריידיקן דאָס אָפּטיילן די ייִדן פון די אַנדערע פעלקער: ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי[1].

אין גאַנג פון דוירעס איז דער אומזין דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז אַ וואָרט ווי אַלע ווערטער — „גוי", וואָס ווערט אין די ערשטע ספֿאָרים (אין טאַנאַך) באַנוצט ווי די באַצייכענונג פון פאָלק ביכלאַל, איז צוגעפּאַסט געוואָרן צו צעטיילן מענטשן אויף ייִדן און ניט־ייִדן. עס מוז באַוווּסט ווערן אַלעמען, אַז אין באַזונדערע טיילן פונעם טאַנאַך („שמויס", סייפער יע־הוישוא אאַ.) ווערט אויך אַליין דאָס ייִדישע פאָלק באַצייכנט מיטן נאָמען „גוי": וראה כי עמך הגוי הזה[2].

פון דער דריטער האַוודאָלע, קאָן מען זאָגן, נעמען זיך געטאָס און דער טכום־האַמוישעוו.

פאַרגעסענע לידער

עס טרעפט, אַז אַן אייגענע ליד ווערט אָן שום סיבע פאַרגעסן פון מיר אַליין, איך באַנוגן זיך מיט פאַרעפנטלעכן זי אין אַ צײַטונג אָדער זשורנאַל און שליס זי ניט אײַן אין מײַנע זאַמלונגען, כאָטש אויף אַנדערע, פיל שוואַכערע פון איר לידער פאַלט אויס אָט דער גורל. ווען עמעצער זאָל מיך פרעגן, פאַר וועלכע זינד זי איז בײַ מיר אַ שטיפקינד, וואָלט איך ניט געקאָנט ענטפערן.

מע קאָן עס זען לויט אַזאַ בײַשפּיל.

דער ערשטער נומער פונעם אַלמאַנאַך „היימלאַנד" איז דערשינען, ווי באַוווּסט, צו דער דאַטע — 30 יאָר סאָוועטנמאַכט. די רעדקאָלעגיע האָט אויסגערעכנט, אַז די ערשטע ליד פאַר דער ערשטער זײַט אינעם ערשטן

---

[1] איך וועל אײַך אָפּטיילן פון אַנדערע פעלקער, קעדיי איר זאָלט געהערן נאָר צו מיר.

[2] און זע, אַז דאָס דאָזיקע פאָלק איז דאָך דײַן פאָלק.

נומער וועט געבן פערעץ מארקיש. ער האָט אָבער פאַרגעלייגט זײַן נאָכ־מילכאָמע־ציקל „קאווקאז", און אָפּגעבנדיק אים בא א פולן צימער מיט שרײַבער אַרן קושניראָוו, האָט ער אָפּגעזוכט מיט די אויגן מיך מיט מוישע בראָדערזאָנען (מיר זײַנען געזעסן אין א זײַט, פאַרטאָן אין א שמועס) און, ווי זײַן טעווע איז געווען, טעאַטראַליש, מיט אַן אָנדײַט אַף א רעווערענס, א זאָג געטאָן צו אונדז:

— אָט טאַקע פאַר איַך ביידן, מײַנע ליבע הערן, טרעט איך אָפּ די בעסטע טעמע און דעם גרעסטן כויוו. נו, ווּפּעריאָד!

בראָדערזאָן האָט אין עטלעכע טעג ארום געבראַכט זײַן ליד „דרײַסיק־יעריקײַט". זי איז אָפּגעדרוקט אינעם ערשטן נומער „היימלאַנד" און הייבט זיך אָן מיט דער סטראָפע:

איך האָב אין דײַנע שײַנענדיקע אויגן טיף
  אַרײַנגעקוקט, אָקטיאַבער,
און כ'האָב די גרויסע מענטשלעכקײַט אין זיי
  דערזען;
פון אַלעם גליקלעכסטן און שענסטן — דו ביסט
  דער מעכאַבער,
און רומפול איז געווען דײַן אַנטשטיין און דײַן
  געשען.

די לעצטע שורעס פון בראָדערזאָנס אָקטיאַבער־ליד לייענען זיך אזוי:

און איצט, אזא — נאָך דעם זיג איבער די זיגן
  אַלע —
אָקטיאַבער פרילינגדיקער שטייט אין נײַ געבוי,
מיר שײַנט דײַן דרײַסיקיעריקײַט, וואָס ווערט
  ניסגאַלע,
ווי הימל וואָלקנלאָזער, פּאָשעט, ליכטיק, בלוי!

קושניראָוו האָט מיך ניט געלאָזט צורו: איך מוז אָנשרײַבן מײַן ליד. איך בין דעמאָלט אַלט געווען ערעוו־דרײַסיק. עס האָט געדאַרפט זײַן א ליד וועגן אָקטיאַבער און וועגן דעם אָקטיאַבער־דאָר. סאָפּקאָלסאָף האָב איך די ליד אָנגעשריבן. זי עפנט אויף דעם ערשטן נומער „היימלאַנד". אָט איז זי:

דרײַסיק יאָר

עס ווערט אונדז אַלעמען הײַנט דרײַסיק יאָר —
דעם בכאָר, דעם אָנהייבער פון אונדזער דאָר,
וואָס האָט שוין דעמבן־האַרבקײַט אין די הויטן,
און אויך דעם ייִנגסטן, וואָס איז צאַרט, ווי בעז,

און אויך דעם אייפּעלע אין ווייכער נעסט —
דעם אייניקל פון יענעם גוואר פאַרגרויטן...
און אויך אָט דעם, וואָס איז אין זיבעצנטן יאָר
געפאַלן אַף דער שוועל פונעם אָקטיאַבער —
אויך אים איז דרײַסיק יאָר הײַנט, ווי דעם דאָר,
פאַר וועלכן ער די פרײַהײַט האָט דעראָבערט.
און אויך אָט דעם, וואָס האָט זײַן הייליק לאַנד
אין איין־און־פערציקסטן באַשיצט מיט טרײַהײַט
און, פאַלנדיק, די ביקס פאַרפּרעסט אין האַנט —
אויך אים ווערט דרײַסיק יאָר הײַנט, ווי דער
פרײַהײַט.

ס׳איז אונדזער דאָר מיט גרויסן כיין באַהעלט,
ס׳איז אונדזער כיין — די ווירדע פון דער וועלט,
און אונדזער פּאָן איז פון דער וועלט די צוקונפט.
מיר זײַנען יונג. מיר האָבן קראַפט און דראַנג:
צו איבערקערן בערג, צו אויסכאָוועז א זאַנג,
באַלוינען פרײַנט, און פײַנט אין שלאַכט פאַרצוקן.
דאָס קלייד פון בויער פּאַסט אונדז און געפעלט,
דעם זייערס קלייד אַף אונדז — ווי אָנגעמאָסטן,
נאָר ס׳פּאַסט אונדז אויך א כאַקינע שינעל,
וואָס מאַכט אונדז שטרענגער, אָנגעצילטער,
פראָסטער,

אין איר מיר זײַנען דורכגעגאַן געוואַגט
א שווערן וועג דורך ווייען און דורך שנייען —
פון ערשטן שטורעם בא דעם טײַך נעווא
ביז די פאָנטאָנען אַף דער שוואַרצער שפּרייע...
געקומען זײַנען מיר צו דעם באַזונטן ברעג!
א קינד שטעל אָפּ אציִנד אינמיטן וועג, —
דאָס קינד אפילע ווייסט, ווי אָט דעם ברעג צו
שעצן.

ער ענדיקט זיך, דער ברעג, באַם זוים פון פרײַען
פעלד,

דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן אן אנדער וועלט,
א וועלט מיט וועלף און וועלפּישע געזעצן.
מיר ווייסן עס. מיר זײַנען יונג און שטאַרק.
ס׳האָט לענין אונדז געלערנט ווי צו שטרײַטן —
ווי אויסכאָוועז א זאַנג, ווי אופהייבן א באַרג
און וויאַזוי באַשיצן ס׳היימלאַנד דאָס באַפרײַטע.
מיט דרײַסיק יאָר מיר זײַנען אָנגעגורט,
און לעגינס כאָכמע איז אין אונדזער שטרעבן.
פאַר אונדזער מי — נאָר אונדז געהער די פרוכט,
און ברייט צעעפנט איז פאַר אונדז דאָס לעבן!

עס זײַנען אוועק טעג און יאָרן. איך האָב פאַרגעסן אין דער ליד „דרײַסיק יאָר", און אָן שום סיבעס דערצו איז זי ניט אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין קײן אײן ווײַטערדיקן בוך מײַנעם.

דאָס זעלבע איז געשען מיט ניט ווינציק אנדערע מײַנע לידער. איך ברענג דאָ דרײַ פון זײ:

א סרײפּע אין טײַגע

באַנאַכט האָט אין טײַגע זיך פּלוצעם צעפּלאַקערט
א סרײפּע,
און שיקערער פלאַם האָט געריסן דעם טײַגישן
פּענט,
א געגנט א גאַנצע האָט מאָדנע און בלאָס זיך
צעשמײכלט,
מיט מוירע צענומען די שוואַרצע, די טײַגישע הענט.

באַנאַכט זײַנען ווײַסער געוואָרן די קלײנינקע שטערן.
און אײנער א שטערן האָט העל זיך צעבערענט
אינעם וואַלד.
באַנאַכט זײַנען ווילד און דערשראָקן געלאָפן די
בערן,
געוואָרפן די טײַגישע הײם, וואָס צעבערענט און
צעפאַלט.

באַנאַכט האָט דאָס פײַער געשלונגען די טײַגישע
לענגען,
אוועק אין דער הײך, ווי א בײזער אַן ערדישער רוף,
א זאָקן א בוים איז אין לופטן געבליבן שווער
הענגען
און שפּעטער געלאָזן אף העפקער זײַן וואָגיקן גוף.

באַנאַכט האָט א שטאָלענער צוג זיך אין פײַער
געטראָגן
און אויכעט געשפּיגן אף דעם, וואָס צעבערענט.
א געגנט האָט פלינק נאָכן צוג זיך גענומען צו יאָגן
און גלײביק געשטרעקט צו דעם צוג אירע נאַקעטע
הענט.

די לערערן

דער יונגער גענעראַל האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר,
די אַלטע לערערן האָט אים באַקוקט פאַרכידעשט.
און ס'האָט דער גענעראַל געזאָגט צו איר
אף מענדעלעס און יִיצכאָק־לײבושעס ייִדיש:

„גוטמאָרגן אײַך, מײַן צאַרטע, ווײַסע טויב,
גוטמאָרגן, ערשטע שײַן אין מײַנע אויגן!
די גאָלד־באַצירטע שלאַכט־היטל דערלויבט
אַראָפּנעמען פאַר אײַך — און זיך פאַרנויגן...
דעם פרײַען סייכל און דעם ווילן־לוסט
האָט איר פאַרפלאַנצט אין האַרץ מײַנעם, ווי בלומען,
און איצט וואָלט איך באַשאָנקען אײַער ברוסט
מיט אַלע אָרדענס, וואָס איך האָב באַקומען...״

די לערערן האָט אויסגעווישט די בריל,
וואָס מיט אַ טרער פון אויג האָט זיך פאַרצויגן...
...צוריק מיט דרײַסיק יאָר. אין קלאַס איז שטיל,
אַ זיבניאָריקער עס שטייט איר פאַר די אויגן
דאָס יינגל, וואָס איז איצט אַ גענעראַל,
דער היטער פון איר זויבערן געוויסן,
איר שילער, וואָס האָט אויסגעהיט דעם שטראַל
פון כאָכמע און פון דרייסטקײַט און פון וויסן.

דער פליער

ווי גוט, ווי ווויל איז אין אַ פלי אַ שווערן
איבערן מילכוועג מיט לעוואָנע גיין באַנאַנד,
אַ פלאַטער טאָן מיט פליגל צווישן שטערן
און אָנטאַפּן אַ וואָלקן מיט דער האַנט.
דערפילן, ווי די שטערן ווערן גרעסער
און ווי דער וואָלקן נידעריקער ווערט,
און וויסן, אַז צו אַלע הימלס שלעסער
האָסט צוגעקליבן שליסל אויף דער ערד...

דער פליער שטײַגט אין הימלשן געקלעטער,
און די געהיימע הייך פאַר אים איצט שוועבט,
און באַם עראָפּלאַן זײַנען די רעדער
מיט ערד פון זײַן מעדינע נאָך באַקלעפּט.
דער פליער — שוין אין העכסטער הייך פאַרוויקלט —
די וואַרעמקײַט פון רויערד איצט באַגערט;
דעם רום פון היימלאַנד טראָגט ער אויף די פליגל,
ווײַל אויף די רעדער אָטעמט נאָך די ערד...

ער ווערט אויף אָט די אומרויִקע שרויפן
אַ מעסט טאָן אַלע ווינטן אין דער הייך
און פון דער ערד מיט אימפּעט זיך צעלויפן
צו הייכן, וועלכע רופן אים — דערגרייך!

ניט אָפּרײַסן די פינגער פון דעם רודער,
א גליקלעכער, וואָס אים איז דאָ באַשערט
אַרויסרופן אין הימל א גערודער
און אָפּהיטן די שטילקייט אױף דער ערד!

✧

וואָס איז אַזוינס די „יידישע גאַס"

א גאַס איז — א פּאַס ערד, וואָס איז פון ביידע זײַטן אַרומגעשטעלט מיט הײַזער. די גאַס האָט טראָטואַרן פאַר די מענטשן און א דורכפאָר פאַרן טראַנספּאָרט.

איך ווייס ניט, צי פּונקט אַזוי פאַרטײַטשט דאָס וואָרט „גאַס" די ענציקלאָפּעדיעס, נאָר אין מײַן פאָרשטעלונג — און מיסטאָמע אויך אין אײַערער — איז עס אַזוי.

איצט זײַט זיך מאַטריח און לייענט דורך די עטלעכע ווערטער, וועלכע כ'האָב אַרויסגעכאַפּט פון א צײַטונג: „...ס'איז שוין לאַנג אױף דער יידישער גאַס אין אַמעריקע ניט געווען אַזוי טומלדיק". וואָס זאָל דאָס באַטײַטן? ס'איז דען פאַראַן א גאַס, וואָס איר נאָמען איז „יידישע"? און אויב יאָ, איז פאַרוואָס עפּעס „גאַס אין אַמעריקע"? פאַרוואָס רופט מען ניט אָן די קאָנקרעטע אַמעריקאַנער שטאָט, אין וועלכער די „יידישע גאַס" געפינט זיך?

אין קיין איין יישוב פון די פאַרייניקטע שטאַטן איז אַזא גאַס ניטאָ. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, א בילדערישער אויסדרוק, וואָס עס האָבן צוגעטראַכט די שפּיצעכיקע קעפּ — די זשורנאַליסטן. און פאַרשטיין דאַרף מען דאָס אַזוי:

אין אַמעריקע זײַנען פאַראַן אַרום זעקס מיליאָן יידן. בעערעך א פינפטל פון זיי רעכענען יידיש פאַר זייער מוטער־שפּראַך. איז אָט — אויב אין געדאַנק דורכפירן א מין ליניע איבער דעם גאַנצן אַמעריקאַנער לעבן, איבער ניו־יאָרקער הייסע שאַפּן און טשיקאַגער שעכט־הײַזער, קאַליפאָרניער פּליאַזשן און לעוואַדער פּאָליגאָנען, איבער באַנקן, בירזשעס, זאַוואָדן, פערמעס, סטראַכיר־קאָמפּאַניעס, אַדוואָקאַטישע ביוראָען, פּאָליטישע פּאַרטייען און גרופּן — פּראָגרעסיווע, רעאַקציאָנערע, „אַפּאָליטישע", — און אויב זיך אויסמאָלן אַזא בילד, אַז לעבגויס דער דאָזיקער ליניע האַלטן זיך אויף בלויז יידן, און קוידעמקאָל טאַקע יענע, וואָס רעכענען יידיש פאַר זייער מאַמעלאָשן, איז דאָס די „יידישע גאַס פון אַמעריקע".

אױף דער „יידישער גאַס" אין קאָלערליי לענדער פון דער וועלט לעבט א פאָלק, וואָס רופט אַרויס צו זיך גרויס נײַגער בײַ די אַנדערע פעלקער. א מאָדנע כאַראַקטער האָט דאָס יידישע פאָלק: ס'איז באַריידעוודיק און היציק, ווי די שוואָטים פון דאָרעם, אײַנגעשפּאַרט און אײַנגעפונדעוועט, ווי אױף צאָפן, פול מיט כאָכמע, נעוויייש פאַרבאָרגן אין זיך, ווי די מיז־

רעד־פעלקער, טראַדיציאָנעל אין די זיטן און צוזאַמען דערמיט העכסט מאָדערן, ווי די פעלקער אַף מיזרעך. אויב דער גורל פון אונדזער יידיש פאָלק איז אַזאַ, אַז שטענדיק קוקט מען אַף דעם מיט נײַגער, איז עס מיסטאַמע ניט צופעליק.

✧

צו דער פראַגע פון געטלעכקײַט

איך געדענק פון מײַנע כיידער־יאָרן: די גרעסטע קאָפּדרייעניש האָב איך געהאַט בײַ, דערגרונטעוועדיק זיך אין די ספאָרים צום אריפמעטישן באַטרעף פון יידישע אויסיעס, האָב איך געמישט, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל, איינעם און אַ צווייטן און אַ דריטן סייפער און ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס זאָל באַדײַטן, ווען אָפן אָרט, ווו עס קומט דאָס קאַפּיטל 15, איז קיינמאָל ניט געשטאַנען „יה" און שטענדיק — „טו".

פונקט אין דער צײַט, ווען כ'האָב זיך דערוווּסט די סיבע, פאַרוואָס „יה" פאַרמאָגט אַ פּסעוודאָנים, איז מיר אַרײַנגעפאַלן אין די הענט אַ יידיש ביכל, וועמענס אוטאָר שאָלעם ראַבינאָוויטש האָט זיך אויך גערופן מיט אַ פּסעוודאָנים — שאָלעם־אַלייכעם, און העיויס די סיבע אינעם ערשטן פאַל איז געווען דאָס, וואָס „יה" איז איינער פון די נעמען פון גאָט — צו הייליק אַף געברויכט ווערן פאַר וואָכעדיקע צוועקן, — האָב איך באַזיך באַשלאָסן, אַז אויך שאָלעם ראַבינאָוויטש איז דער אייגן־נאָמען פון אַ געטלעך וועזן און, אַלס אַ ווײַטערדיקע אַסאָציאַציע, — אַז בכלל זײַנען אַלע שרײַבער געטער אין מענטשן־געשטאַלט.

ערשט דעמלט, ווען איך אַליין האָב גענומען פּאַרפּאַסן לידער און אין דעם ביראָבידזשאַנער זשורנאַל „פאָרפּאָסט" האָט דער ליטעראַטור־קריטיקער ש. קליטעניק מיך אָנגערופן אין זײַנעם אַן אַרטיקל צום ערשטן מאָל שרײַבער, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די פּאַראַלעל צווישן שרײַבער און „יה" איז איבערגעטריבן...

✧

מאַרקיש האָט מיר אַמאָל געזאָגט...

— איך וויל, איר זאָלט וויסן, אַז כידעשן זיך, פאַרוואָס בײַ מיר באַקומט זיך אַ ליד גרעסער אין דער צאָל שורעס, איידער בײַ האַלקינען, אָדער בײַ קושניראָוון, איז דאָס זעלבע ווי ניט פאַרשטיין דעם אונטערשייד צווישן אַ קאָראָווע (ער האָט דאָס וואָרט אַרויסגעבראַכט אין רוסיש, צוויי מאָל נאָכאַנאַנד, דאָס צווייטע מאָל — צעטיילט אַף טראַפן: קאָ־ראָ־

ווע, וויזנדיק מיט די הענט פאַרשיידענע פאָרמען פון דער בעהיימע), ניט פאַרשטיין דעם אונטערשייד פון אַ קאַראַ־ווע מיט אַ באָזשע קאָראָווקע (די ווערטער „באָזשע קאָראָווקע" — „גאָטס קיעלע" — האָט ער אַרויסגערעדט אָן אַ קאָל, בלויז מיט די ליפּן, שעפּטשענדיק פּילבאַר, צעפּירנדיק דערביי מיט די הענט און פינטלענדיק מיט די אויגן).

✧

דער כאַלעם איז גרעסער פון דער נאַכט

ווי עס שרייבט די פּרעסע, האָבן געוויסע קרייזן אין מעדינאַס יִיסראָעל געזען אַזאַ שווידערלעכן כאַלעם, אַז זיי האָבן זיך אַזש צעשריִען פון שלאָף:

— ראַטעוועט, סע ברענט! עס קומט צו אונדז צוגאַסט אַ סאָוועטישער ייִדישער שרייבער, און, פאַרשטענדלעך, ניט ווי אַ דעזערטיר!

— לאָזט אים ניט אַריין אין דער מעדינע! כאַפּט אים! האַרגעט אים אַוועק!

ווען די אַלע שיינע געשרייען אין דער ציִוניסטישער פּרעסע זיינען דערגאַנגען צו מיר קיין מאָסקווע, האָב איך ביכלאַל ניט געוווּסט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. כ'האָב אין דעם טאָג געהאַלטן אין שרייבן אַ ליִרישע פּאָעמע, רעדאַגירט קסאַוויאַדן פאַר אַן אָרדנטלעכן נומער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", זיך פאַרנומען מיט שטוב־זאַכן.

אין דער פּאַריזשער צייטונג „נייע פּרעסע" האָב איך דורכגעלייענט צוויי מיטיילונגען מיטאַמאָל — אינעם נומער פון 30 אַפּרעל — 2 מיי 1977, אַז איך קום „אויף אַ וויזיט פון אַ וואָך צייט קיין ייִסראָעל אַלס גאַסט פונעם „קאָמיטעט פאַר דערנענטערונג צווישן ייִסראָעל און פּסָסר", און אינעם נומער פון 5 — 6 מיי, אַז איך האָב „דערווייל אַנולירט די רייזע, ניט אָנגעבנדיק קיין מאָטיוון"...

אין אַזאַ פּאַסירונג דאַרף מען זיך פאַנאַנדערקלייבן. צוליב באַקוועמלעכקייט וועל איך זיך האַלטן אויך ווייטער באַ דער „נייער פּרעסע" און אַראָפּשרייבן פון דאָרט (14 — 16 מיי) דעם קאָמענטאַר „רעוואָלטירנדיקע מעטאָדן":

„מיר האָבן, אָפן סמאַך פון די אינפאָרמאַציעס פונעם ביולעטען פון דער ייִדישער טעלעגראַפן־אַגענטור, לעצטנס איבערגעגעבן, אַז אַרן ווערגעליס דאַרף באַזוכן ייִסראָעל, און מיט עטלעכע טעג שפּעטער — אַז ער האָט דערווייל אַנולירט דעם באַזוך. וויזט זיך איצט אַרויס, אַז די גאַנצע געשיכטע איז געווען אַ זשורנאַליסטישע קאַטשקע, און שוין גאָר ניט קיין אומשולדיקע.

דעם 27 אַפּרעל האָט די ייִסראָעלדיקע צייטונג „מאַאַריוו" געמאָלדן, אַז איינער מיטן נאָמען איזענשטאַט פון אַ „קאָמיטעט פאַר אַ דערנענטערונג צווישן ייִסראָעל און פּסָסר" האָט איבערגעגעבן, אַז ווערגעליס

„וועט דעם קומענדיקן דינסטיק קומען אַף אַ באַזוך אין ייִסראַעל". דאָס איז פון קיינעם ניט דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרן, דאקעגן האָט גלײַך אויסגעבראָכן אין פיל צײַטונגען, און ניט בלויז אין צײַטונגען, אַ מאבל מיט סטירעסדיקע יעדיעס, קלאַנגען, דערקלערונגען. לויט איינע, וועט ער ניט קומען דעם קומענדיקן דינסטיק, נאָר אַ ביסל שפּעטער, לויט אַנדערע, האָט ער נאָך ניט אָנגעגעבן אַף אַ ייִסראַעל־וויזע. לויט נאָך אַנדערע, וועט ער קיין וויזע ניט קריגן, אויב ער וועט זי בעטן.

אינצווישן האָט ווערגעליס דערקלערט, אַז ער איז „פאַרכידעשט פון דער יעדיִע", און אַז ער האָט „ביכלאַל ניט בעדייע צו קומען איצט קיין ייִסראַעל". אָבער דער אָנגעהויבענער ספּעקטאַקל האָט זיך דערמיט ניט געענדיקט, פאַרקערט — ערשט זיך פאַנאַנדערגעשפּילט. די זשורנאַליסטישע קאַטשקע האָט אַרויסגעשטעקט איר פּאָליטיש כאַזער־פּיסל. דעם 2־טן מײַ, ווען די האַקכאָשע פון אַ. ווערגעליס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ ריי צײַטונגען, איז דערשינען אַ צווייטע אינפאָרמאַציע מיט אַן אָנזעעוודיקן טיטל, אַז „די אסירי ציון זײַנען קעגן ווערגעליסעס באַזוך". ווײַטער דערוויסן מיר זיך:

ערשטנס, אַז די וואָרטזאָגער פון דער אָרגאַניזאַציע פון אסירי ציון האָבן געוואָרנט, אַז אויב ווערגעליס וועט קומען קיין ייִסראָעל, וועט זײַן לעבן שטיין אין געפאַר (אין דער טעל־אוויווער צײַטונג „דער וועג" איז וועגן דעם געזאָגט: „אַף דער פּרעסע־קאָנפערענץ, וועלכע איז פאָרגעקומען פרײַטיק אין בייט איגרון אין יערושאָלאַיִם, האָט מען געוואָרנט, אַז „עס קאָן זײַן אַן אַטענטאַט אַף זײַן לעבן בײַסן באַזוך אין לאַנד". און נאָך: „ה' יעכעזקל פאָלאַכאָוויץ, פאָרזיצער פונעם פאַרבאַנד פון אסירי ציון, האָט דערקלערט אין נאָמען פון די מיטגלידער פונעם פאַרבאַנד, אַז „אויב ווערגעליס וועט פונדעסטוועגן קומען, וואָרענען מיר, אַז זײַן לעבן איז אין געפאַר"... — אַ. וו.). און צווייטנס, — אָט די וואָרטזאָגער האָבן אַף דער זעלבער פּרעסע־קאָנפערענץ אונטערגעשטראָכן: עס איז בײַ זיי פאַראַן אַ פאַרדאַכט, אַז „די כוואַליע פון שטרײַקן אין לאַנד ווערט אַרויסגערופן פון קאָמוניסטישע העצער" און „דאָס דערשײַנען פון אַרן ווערגעליס אין לאַנד וועט זײַן אַ בײַשטײַער און אַ הילף די דאָזיקע העצער און סאַבאָטאַזשניקעס, וועמענס ציל עס איז צו רויִנירן די ייִסראָעלדיקע ווירטשאַפט און די גאַנצע מעדינע".

איר זעט אַ מייוון אַף די דיבורים? פאַראַן אין זיי צוויי זאַכן מיטאַמאָל: סײַ אַ פּאָשעטע דראָונג מיט מאָרד, סײַ אַן אַטאַקע קעגן די קעמפנדיקע אַרבעטער פון ייִסראָעל, וואָס דאָס איז פאַקטיש אַן אַטאַקע קעגן ייִסראָעל גופע.

אַזוי־אַרום, קריכט אַרויס די נאָל פון זאַק, און עס ווערט קלאָר, צוליב וועלכע צוועקן ס'איז פאַבריצירט געוואָרן די זשורנאַליסטישע קאַטשקע.

איצט, אַז עס איז שוין פאַרצייכנט די גאַנצע געשיכטע, בלײַבט איבער, איך זאָל צוגעבן צו איר מײַן קאָמענטאַר. ער איז אָבער שוין פאַראַן אינעם קעפּל פון דער דאָזיקער נאָטיץ.

✧

דיכטערישע וויזיע.

צאַפּלעניש פון אומנאַטירלעכן אין דעם האַרצן.

קימאַט פרומע שטאַמלעניש באַם פּילן די נאַטור.

באַהעפטונג מיט שטימונג־כוואַליעס, וואָס קומען פון וואַסער, לופט, ערד, פלאַנץ, מענטש, כײַע, אויך פון „גאָרנישט".

דאָס אַלץ, וואָס איך באַצייכן ווי נעשאָמע־צושטאַנד פון אַ מענטשן, וועלכער איז גרייט נעמען אַ פען און שאַפן דיכטונג, איז צו מיר געקומען אַ סאַך פריִער, איידער איך האָב גענומען די פען אין האַנט, דאָס הייסט, פאַרן אָנשרײַבן די ערשטע ליד.

ווי איך געדענק, איז די דיכטערישע וויזיע אַראָפּ אויף מיר צום ערשטן מאָל אין דער פריִער קינדהײַט, נאָך אין שטעטעלע ליובאַר, איידער אונדזער מישפּאָכע איז אַריבערגעפאָרן קיין בירעבידזשאַן. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר פינף. אין אייניקע שאַבאָסים פלעג איך באַגלייטן דעם טאַטן אין שול אַרײַן.

איינמאָל האָט געטראָפן דער גרויסער וווּנדער. ס'איז געווען אַ שאַבעס ערעוו ראָשכוידעש. באַם דאַווענען האָט מען אויסגערופן דעם מוילעד. דער טאַטע האָט מיר אַ שעפּטשע געטאָן אויפן אויער: „דאָס געבורט פון דער נײַער לעוואָנע, זוניו... הער". און כ'האָב דערהערט, ווי מע רופט אָן דעם טאָג, די שאָ, די מינוט, די רעגע...

— טאַטע, — האָב איך געפרעגט, — מוילעד זײַן איז, הייסט עס, דאָס זעלבע וואָס געבוירן?

— געבערן, — האָט ער מיך פאַריכט, איך זאָל אַרויסברענגען דאָס וואָרט אויפן וואָלינער אופן, און צוגעלייגט אַ פינגער צו די ליפּן.

— געווינען? האָבן?

— ש־שאַ...

— טאַטעניו, אַז מע גייט מעכאַדעש זײַן, איז וואָס?

— וואָס — וואָס?

— מעכאַדעש זײַן הייסט באַנײַען? באַנײַען די לעוואָנע?

— ווען עס גייט אויף אַ נײַע לעוואָנע, באַנײַט זיך גאָטס וועלט...

אַ פּאַרקישעפטער, אין אַ פּאַכעדיק־געהיימען ציטער, בין איך געשטאַנען אונטערן פרײַען הימל, צווישן אַ גרויסער צאָל שוואַרצע קאַפּאָטעס, און, האַלטנדיק, ווי אַלע, דאָס פּאָנעם קעגן דעם לעוואָנע־ריפטל, האָב איך זיך צוגעהערט צום געבעט. ווידעראַמאָל צושטיין צום טאַטן מיט פראַגעס האָב איך שוין ניט געוואַגט, נאָר ער אַליין האָט געכאַפּט דעם מאָמענט און מיר אַ זאָג געטאָן אויפן אויער: „יידן ווייהען אײַן דעם געבורט פון דער נײַער לעוואָנע, זוניו... הער".

— ווייהען אײַן...

איך האָב געזוכט דעם צוזאַמענהאַנג פון ווערטער, געהאַלטן אין מויעך זייער אָפּבילד אינעם טאָגטעגלעכן לעבן. מוילעד זײַן און — געבוירן? געבוירן, געווינען, האָבן... מעכאַדעש זײַן און — באַנײַען? אײַנווייהען...

נאָר דאָס צאַפּלעניש פון אומנאַטירלעכן אין דעם האַרצן, די דיכטע־רישע וויזיע איז געקומען ניט פון ווערטער, ניין. דער גרויסער וווּנדער האָט געטראָפן מיט מיר, ווען כ'האָב צוערשט דערזען דאָס לעוואָנע־ריפּטל אָפּן באַנאַכטיקן צוגעכמאַרעטן הימל, ווי דער מוילעד וואָלט זיך געריי־כערט און געלאָפן, געלאָפן, בלײַבנדיק שטיין אױף איין אָרט. די שוואַרצע פּלייצעס האָבן אויך געהאַט פאַר מיר א הימלשע שײַכעס, און ס'האָט געדאַרפט געשען דאָס לעכערלעכע, קעדיי כ'זאָל זיך אומקערן מיט די כושים אױף דער ערד. שטייענדיק לעם מײַן טאַטן, האָב איך אַרויפגעקוקט צום הימל איבערן רעכטן אַקסל פון רעב פּרויִם דעם סאָלדאַט, וועלכער פלעגט שפּײַזן אונדזער קינדערשע פאַנטאַזיע מיט דעם, וואָס דער רעכ־טער אויער בײַ אים איז געווען אָפּגעריסן, און דאָס אָרט — פאַרנייט, שאַפּנדיק א מין צונויפגעקאַטשעטן זוים, ווי בײַ א קרעפּל. און מיטאַמאָל, שטייענדיק אַזוי פאַרכאָלעמט הינטער דער מעכטיקער פּלייצע מיט א פאַר־ריסענעם קאָפּ, זע איך, ווי דאָס לעוואָנע־ריפּטל פּאַסט זיך צו פּונקט צום פעלנדיקן אויער — רעב פּרויקע דעם סאָלדאַטס!

איך לופּע אויס א פאָר גרויסע אויגן און שרײַ מיט ניט מײַן קאָל:

— טאַטע! דער מוילעד איז דעם סאָלדאַטס אויער!

דער אוילעם האָט זיך א רודער געטאָן, נאָר ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און עס איז ווידער געוואָרן געמיטלעך. מע האָט שוין געדאַרפט זיך צע־גיין איבער די היימען. רעב פּרויקע האָט זיך אויסגעקערעוועט צו מיר, אָפּרײַסנדיק, ווי מיר האָט עס אויסגעזען, דעם לעוואָנע־אויער פון זײַן קאָפּ, און א טרובע געטאָן מיט אַן ערדישן באַס:

— באָך ס טאָבאָי!

די אַנדערע ייִדן האָבן זיך צערעדט מיט געלעכטערלעך:

— גוט שאַבעס, כאַשע, וואָס מאַכסטו, באַשע?

— אין מיטן טאַנץ פּלאַצט די סטרונע...

— א דונער האָט אים געטראָפן...

ווי דאָס זאָל ניט זײַן, נאָר זינט דעמלט, פיל איך די מעטאַפאָרישקײַט פון דער נאַטור, און — מע קאָן בעפיירעש אַזוי זאָגן: עס האָט מיך אין יענעם ווײַטן־ווײַטן אָפּדערנאַכט געטראָפן דער דונער פון שרײַבערײַ, האַגאַם, ווי געזאָגט, די פעדער האָט אָנגעהויבן שרײַבן העט שפּעטער... און נאָך אָט וואָס.

דער באַדאַכטער געפיל פון היימלאַנד נעמט אין מיר דעם אָנהייב, קאָן זײַן, פון דער מינוט, ווען אָפּן וועג אַהיים, אין דעם זעלבן פאַרנאַכט, האָט דער טאַטע, נאָכפילנדיק מיט אַן אינטויִטיוון ליבע־כוש מײַן צע־מישטקײַט, זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס און פאַרגעזעצט אונד־זער אײַליקן, באַם אויסרופן דעם מוילעד, שמועס וועגן צוזאַמענהאַנג פון ווערטער:

— דו ווייסט, זוניו, אַזוי ווי מוילעד זײַן הייסט געבוירן, אַזוי קומט אַרויס פון מוילעדעס דאָס געבורטס־לאַנד...

— דאָס היימלאַנד... — האָט זיך אַראָפּגעריסן פון מײַנע ליפּן.

פאַרשטייט זיך, עס גלייבט זיך ניט, אַז אַזא באַזיניקטקײַט זאָל קומען אין פינפיאָריקן עלטער. איך רעכן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אונטער, דער־

מאָן זיך צענדליקער פּראָטים, און — בענעמאָנעס, ס׳קומט ווידער און ווי־דער ארויס, אז דאָס איז געשען אין ווײַטע יאָרן פון מײַן קינדהײַט. אזא איז געווען די צײַט, ווען אונדזער פרײַע קינדהײַט איז פארלאָפן!

✧

לינעצקיס נאָוועלע אין פערזן

לינעצקי האָט איבערגעלאָזט איינע א ליד, וועלכע פּאַרטרעט אין דער יידישער דיכטונג פונעם אָנהייב־פּעריאָד א גאנצן זשאַנער — די נאָוועלע אין פערזן. די ליד הייסט „א שפּילקע אין פופּיק”. קאָנטיק, אז אָנגעשריבן איז זי אין די 80־ער יאָרן (אלנפאלס, האָט לינעצקי זי געדרוקט אין זײַ־נער אָן אויסגאַבע מיט דער צענזור־דערלויבעניש: „אָדעס, 1885”). ס׳איז א דערציילערישע ליד, אָבער ניט קיין מאָנאָלאָגארטיקע. אָן עמעסע דער־ציילונג: מיט א ווענדונג צום לעזער, מיט אן ארײַנפיר און א פינאַל. וואָס שײַעך דער קאָמפּאָזיציע, איז עס אָן סאָפּעק דאָס בעסטע, וואָס עס פאר־מאָגט די יידישע דיכטונג פון יענער צײַט. לויט דער דעמאָקראַטישער טענדענץ איז דאָס שוין א שטיק שאָלעם־אליכעם. אויך דער טיפּאַזש איז שאָלעם־אליכעמיש. שפּרינצע די קורעלאַפּניצע — דאָס איז די יידענע פון שאָלעם־אליכעמס „גענדז”.

פרעגט זיך: פאַרוואָס האָט לינעצקי געהאלטן פאר נייטיק צו שרײַבן די דערציילונג אין פערזן? שוין זשע צוליב דער עפּיגראַמאַטישער שלאָ־געוודיקײַט? ס׳מאַכט אן אײַנדרוק, אז דער פערז איז דאָ בארופן ניט בלויז צו דערהויבן דעם אלגעמיינעם ניוואָ פון דער דערציילונג, נאָר באזונדערס צו פארשטארקן די שפּאַנעוודיקײַט, שטײַפער מאכן די סוזשעטישע פּרוּ־זשינע.

אן אויסגעצייכנטער איז דער פינאַל פון דער ליד:

א קראַנקער אײַנגעהאָרבעטער ייד ליגט אין העקדעש געשוואָלן,
א בלייכע יידענע ניאַנטשעט א פרעמד קינד און וואַשט די פאָלן,
באַ א פאָלאָנקע שטייט א פּראַטשקע, „האנזע” הייסט זי שוין לאַנג,
א קרעציקער באָכער ליגט אין באָד אף דער אייבערשטער באַנק,
אן אָפּגעריסן יינגל טראָגט ארום שוואַקס צווישן די הייף
און נאָך א קאַטערינשטשיק קאַטשעט זיך א מיידל אף א רייף.
איר דערקענט ניט, מײַן ליבער אוילעם, אָ־דאָס געזינדל?
ניין? טאַקע א וווּנדער —
דאָס איז דאָך שפּרינצע מיטן מאַן, מיט אירע פיר קינדער...

דער דאָזיקער פינאַל האָט אָפּגערוקט אין א זײַט דאָס אנעקדאָטישע, וואָס איז פאַראַן אין דער פאַבולע פון דער ליד. דער עכטער דראַמאַטיזם פון דער סיטואַציע האָט אין דעם פינאַל זיך אנטפּלעקט אזוי אָנשווילעך,

אז קיינער האָט שוין ניט געקענט צווייפלען אין דער רעאַלקייט פונעם טיפּישן, וואָס איז פאַרלייגט אין דער דערציילונג.

צי לאָזט זיך זאָגן, אַז לינעצקיס ליד האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער טראַדיציע פון בערל בראָדערס לידער־מאָנאָלאָגן? אַ געוויסער עמעס איז דערין פאַראַן, אָבער גראָדע דערביי ווארפט זיך אין די אויגן, וו־אַזוי ס'איז אויסגעוואַקסן דער מאַסשטאַב פון דער שילדערונג, וו־אַזוי דער געשריי „וועלט, וועלט, מעגסט שוין אונטערגיין!" איז אַריינגעדרונגען אין דער טיף פונעם ווערק. שאָלעם־אַליכעמס „יידישע טשינאָווניקעס" האָט אויך זיך אָנגעשלאָסן אין דער זעלבער טראַדיציע, אָבער שוין דורך לי־נעצקיס פאַרמיטלונג.

✧

פאַרגעסענע לידער(2)

אין אַ פריערדיקער נאָטיץ האָב איך שוין אָנגערופן 4 לידער מיינע, אין וועלכע איך אַליין האָב, אָן שום סיבע דערצו, „פאַרגעסן" — זיך באַנוגנט מיט פאַרעפנטלעכן זיי אין אַ צייטונג אָדער זשורנאַל.

אָט זיינען נאָך צוויי מיינע „שטיפקינדער".

די ליד „זשאַקלין קענעדי" האָב איך אָנגעשריבן אין אַמעריקע, אין עטלעכע טעג נאָך דעם, ווי עס איז אומגעבראַכט געוואָרן דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אומקערנדיק זיך פונעם אַרלינגטאָנער בע־סוילעם, וווּ איך האָב באַזוכט קענעדיס קייווער, האָב איך אין האָטעל־נומער איינגעשלאָסן די טעלעוויזיע און שוין דאָס וויפלטע מאָל געזען די ווייטעקפולע סצענע, וו־אַזוי דער גרויסעסדיקער מאַנצבל האָט זיך אין אָפענעם אויטאָמאָביל צוגעטוליעט צו דער שויס פון זיין פרוי. די ליד, וועלכע איך האָב דאָ אָפן אָרט אָנגעשריבן, איז געווען פול מיט מיטלייד צו דער פאַריאָסעמטער זשאַקלין. שפּעטער האָב איך די ליד פאַרעפנט־לעכט אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין אַ גרעסערן ציקל, נאָר, דערווייסנדיק זיך, אַז די „ערשטע לעדי פון אַמעריקע", די יונגע אַלמאָנע, האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ גריכישן מאַגנאַט, בין איך געווען אַזוי אַנטוישט, אַז באַם אַרויס־געבן די זאַמלונג פון מיינע לידער, אין וועלכער ס'איז געווען אַן אָפּטייל פון דיכטערישע רייזע־מאָטיוון, האָב איך די דאָזיקע ליד אַרויסגענומען פון זאַץ. אָט איז זי:

זשאַקלין קענעדי

גרוילן, גרוילן!

צייטן שווערינקע.

אַך, זשאַקלין, דזשעקי, אויף דיר האָב איך מער

ראַכמאָנעס,

איידער אף גאַנץ אַמעריקע.
דײַן דזשאָנען באַווייַנט מען,
נאָר וואָס איז דער מער?

אַמעריקע וועט האָבן אַ פּרעזידענט אַן אַנדערן,
און דו וועסט קיין צווייטן דזשאָן ניט האָבן.
דײַן שטוב וועט פּוסט פון אַמעריקעס שאַנד ווערן,
אין אַרלינגטאָן וועט מען דײַן מאַן באַגראָבן.

אָך, זשאַקלין, דזשעקי, ערשט איצטער ווייס איך:
די הויט בײַ אַ פרוי איז האַרט און געדיכט.
דו האָסט ניט געשריגן, ווען ס'בלוט דאָס הייסע
פון דזשאָנען האָט פּלוצעם אָפּגעבריט דיך.

ערשט איצטער ווייס איך:
אין שויס בײַ פרויען
עס קאָן זיך צאַפּלען, פּאַר אַ נויט,
און זיך דעם מוטערשן אָטעם פאַרטרויען —
ניט בלויז דאָס לעבן, נאָר אויך דער טויט.

גרוילן, גרוילן!
צײַטן שווערינקע,
אָך, זשאַקלין, דזשעקי, אף דיר האָב איך מער
ראַכמאָנעס,
איידער אף גאַנץ אַמעריקע.

די צווייטע ליד, וועלכע איך וויל דאָ פאַרצייכענען, איז אָנגעשריבן געוואָרן אין 1939 ספּעציעל פאַר אַ זאַמלונג, געווידמעט דעם 20־טן יאָר־טאָג פון אָשער שוואַרצמאַנס טויט. ס'איז געווען אין סאַמע אָנהייב פון מײַן „שרײַבערישער קאַריערע", און, זײַענדיק נאָך נאַיוו און ניט דער־פאַרן, האָב איך געמיינט, אַז אײַנשליסן אַ ליד אין אייגענעם בוך, אויב איך האָב זי געשריבן לויט אַ באַשטעלונג, פאַר אַ קאָלעקטיווער אויסגאַ־בע, איז ניט געוווּנטשן. דער באַגלייטנדיקער מאָטיוו אין דער ליד, אויסער דער הויפּט־טעמע, איז דאָס באַפרײַען מיצאַד דער רויטער אַרמיי סאַרנע, די שטאָט, וווּ ס'האָט אָפּגעגעבן זײַן לעבן דער רויטאַרמייער אָשער שוואַרצמאַן:

בײַ סאַרנע

האַלט אײַן דײַן פערד, אָ, אויפגעברויזטער רײַטער.
האַלט אײַן די ווינטן די סענטיאַבערדיקע, כמאַרנע,
מיר וועלן דאָ זיך אָפּרוען, בײַ סאַרנע,
דורך אונדז אַציגד אף שטענדיק שוין באַפרײַטער.
פאַרנייג דײַן קאָפּ.

פֿון קוואָרים־אופֿשריפֿטן דעם זשאַווער
וואַש אָפּ.
דאָ איז באַערדיקט אונדזער כאַוועד —
פֿאַרבייג דײַן קאָפּ.

אַנטבלויז די שווערד.
דײַן שוועש דער געשיכטע:
ביזוואַנען וועסט ניט אופֿלעבן די ערד,
פֿאַר וועלכער אומגעקומען ס'איז דער דיכטער, —
וועט זײַן אַנטבלויזט דײַן צאָרן און דײַן שווערד!

✧

רעב כאַנאָן דער באַרעמהאַרציקער האָט מיר געזאָגט...

(פֿ אָ ר ז ע צ ו נ ג)

איך האָב שוין אַנומלטן פֿאַרשריבן עטלעכע טשיקאַווע שמועסן מיט מײַן באַקאַנטן ייִדן פֿונעם פּאָדקאָלאָקאָלני־געסל אין מאָסקווע, וועלכן איך רוף אָן, צוליב באַקוועמלעכקײַט, מיטן אויסגעטראַכטן נאָמען רעב כאַנאָן.

איצט וועל איך ברענגען ווײַטערדיקע באַווײַזן פֿון רעב כאַנאָנס קלוג־שאַפֿט.

(וואָס איז שײַך דעם אויסערלעכן אויסזען און די מידעס פֿון רעב כאַנאָנען, וועט, דוכט מיר, פֿאַר דער הײַנטיקער נאָטיץ זײַן גענוג צו פֿאַרצייכענען, אַז ער האָט ליב צו האַלטן די הענט צונויפֿגעלייגט, ווי אַ בייגל, אַרײַנשטעקנדיק איין האַנט אינעם אַרבל פֿון דער צווייטער, — מיטן אויסנאַם, אַז דאַן, ווען ער פֿירט זיך אויף, צוליב עפּעס אַ סיבע, שפּילעוודיק אָדער אַרויסרופֿעריש, שטעקט ער אַרײַן די הענט טיף אין די הויזן־קעשענעס און נעמט זיך קאַטשען פֿון די אָפּצאַסן צו די פּיס־פֿינגער און צוריק).

דעם גרעסטן פֿאַרגעניגן פֿון אונדזערע שמועסן האָב איך דעמלט, ווען רעב כאַנאָן שטעלט זיך אָוועק ריידן וועגן ליטעראַטור און ליטעראַרישע איניאָנים ביכלאַל, און איך רייץ אים אָן און גיב אים צו נאָך מער שטע־כיקן טעמפּעראַמענט, דערווידערנדיק בעקיווין ווו מע דאַרף און ווו מע דאַרף ניט.

ער איז מאַסקים מיטן אוראַלטן רוימער סענעקאַ, וועלכער האָט גע־זאָגט: „ס'איז קיינמאָל ניט געווען קיין גרויסער טאַלאַנט אָן אַ צומיש פֿון מעשוגאַס”. סענעקאַס געדאַנק ברענגט ער אַרויס מיט דער גרעסטער קאַטעגאָרישקײַט, ווי אַ באַדינג צו פֿירן ווײַטער דעם שמועס:

— מע דאַרף זיך ניט אַרײַנלאָזן אין פּילפּל, אין פּשעטלעך, וואָס פֿאַר־

דרייען דעם קאָפּ, און גלײַך פֿון אָנהייב דאַרף מען מאסקים זײַן, אַז נו־לום מאגנום אינגעניום סינע מיקסטורא דעמענטיע פוּיט!

איך שטעל אַרײַן פֿאַרזיכטיק:

— די אַלטע טעאָריע וועגן „געטלעכן מעשוגאַס"...

רעב כאַנאַן ווערט אַנגעצונדן:

— וואָס שרעקט איר זיך אַזוי? פֿון אײַך גופֿא, ווען איר שרײַבט אַן אַ פּאָעטישע שורע, שרײַט דען ניט אַרויס דער קונסט־דיבוק?

— אַ שורע דאַרף מען קאָנען אָנשרײַבן לאָגיש.

— פֿאַראַן לאָגיק פֿון אַ בוכהאַלטער און פֿאַראַן לאָגיק פֿון אַ שעפֿער. ווען גאָגאָל, טאָרקוואַטאָ טאַסאָ, רוסאָ וואָלטן געהאַט אַ פּסיכיק מיט לאָגישע פֿאַרהעלטענישן, דאַן וואָלטן ניט געשײַנט אין דער אייביקייט זייערע ווערק. איך קאָן מיט אײַך ניט ריידן ערנסט וועגן אַזעלכע זאַכן, ביז־וואַנען איר וועט ניט לייענען נאַכאַמאָל, אַשטייגער, פֿראַנסואַ ווי־אָנען, דורכזיפֿנדיק זײַנע לירישע זעונגען דורך דעם געשטאַלט פֿון אַ דיכטער אַ וואַגאַבונד, ביזוואַנען איר וועט וואָלטערס גענ־אַל־סאַרקאַסטישע פּראָזע ניט אַרונטערשטעלן אונטער דער שײַן פֿון זײַנע דין־ליפּנדיקע, כיטרע געזיכט־שטריכן, וועלכע דערמאָנען, ווי־אַזוי ער, דער גרעסטער דענקער פֿון זײַן צײַט, האָט געכאַנפֿעט מאַכטהאָבער און ניט געסטאַרעט זיך קיינ־מאָל צו זײַן מאָראַליש אָפּגעהיט באַם פֿאַרווירקלעכן עגאָיסטישע צילן. פּרוּווט אין פֿאַל ווערלענס לידער געפֿינען זײַן נייגונג צו שפּײַען אויף אָנגענומענע קלאָלים און מינהאָגים, וואָס עס האָט זיך אין זײַן פּערזענלעכ־קײַט אַנטפּלעקט אין אויסגעשפּראָכענער דעגענעראַטיווקײַט, פּרוּווט אָסקאַר אוײַלדס „פּאָרטרעט פֿון דאָריאַן גריי" צונויפֿפּאָרן מיטן פּאָרטרעט פֿונעם אווטאָר — אַ סאַלאָנען־לייב און צום סאָף פֿון זײַן לעבן אַן אויסגעשעפּטן העפֿקער־מענטש, — און ערשט דאַן וועט מיר גרינג זײַן צו אײַנשמועסן אײַך דאָס, וואָס קליגערע פֿון אײַך ווייסן שוין פֿון לאַנג.

איבערלייענענדיק אין אַן אַמעראַצישער בראָשור איבער פֿראַגן פֿון יודאַיזם, אַז די ייִדישע רעליגיע האָט פֿאַרבאָטן צו פֿאַרנעמען זיך מיט סקולפּטור און מאָלערײַ, ווײַל — „זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ אָדער אַ געשטאַלט", „זאָלסט זיך ניט בוקן צו זיי און זאָלסט זיי ניט דינען", האָט רעב כאַנאַן זיך צעלאַכט מיט צופֿרידנקײַט, אָבער אייניצײַטיק אויך שעמעוודיק, ווי ער וואָלט דערזען זײַן קעגנער באַם אָפּטאָן אַ ניט שיינע זאַך:

— טאַקע אַזוי, אָבער אַ ביסל אַנדערש... דאָס פֿאַרבאָטן געצן־דינסט איז אייגנס, און וועגן קונסט דאַרף מען אַזוי ניט ריידן...

ער האָט אויפֿגעבלעטערט אַ סייפֿער, וואָרענענדיק מיך פֿון פֿריִער, אַז ס'איז דאָרט פֿאַראַן אַן אָרט וועגן דעם לעגענדאַרן בוי־מײַסטער און קינסטלער פֿונעם אוראַלט בעצאַלעל. די איבערזעצונג פֿון די עטלעכע שורעס (פֿון העברעיִש אויף ייִדיש) קלינגט אַזוי: „...און ער איז אָנגעפֿילט געוואָרן מיטן גײַסט פֿון גאָט אין כאָכמע און פֿאַרשטאַנד און מיט אַ טאַ־לאַנט צו יעדער מעלאָכע — אויסצוקינצלען קונציקע זאַכן, אַרבעטן אין

גאָלד, זילבער און קופּער, די שניצונג אײַנפּאַסן אין שטיינער און אין האָלץ, אַרבעטן אין יעטווידער קונסט־אַרבעט"...

— אָט אַזוי! — האָט רעב כּאַנאַן אויסגעשריגן און פאַרמאַכט מיט אַ קנאַק דעם סייפער.

דערנאָך האָט ער, אַ באַרוזיקטער, מיט אַ גלײַכגילטיק קאָל גענומען איבערעכענען, ווו מע קען אָפּגעפינען סקולפּטור־אַרבעטן און קונסט־מאָ־לערײַ בײַ די אוראַלטע ייִדן: אין דעם בייס־האַמיקדעש, אין די האָלצשניט־אילוסטראַציעס צו דער אַגאָדע שעל פּייסעך, אין מעגילאַס־עסטער, צע־נאָ־אורענאָ, געשניצטע אָרנקוידעשן און בעלעמערס, געהעפטע פּאָרויכעסן און טוירע־מענטעלעך, אַף די בילדער פון מוישען און אַרענען, וועלכע פלעגן הענגען אין די ייִדישע שטיבער פון אַמאָל...

ס'איז געגאַנגען אַ רייד וועגן איינעם אַ ראָמאַן, ווו דער הויפּט־העלד פירט זיך אויף ניט לויט דער איבערלעכער לאָגיק, נאָר געשטויסן פון אומ־דערוואַרטע אימפּולסן, האַגאַם דער כאַראַקטער זײַנער איז אין אַלגעמיין אַ שטאַנדהאַפטיקער, אָן קאַפּריזן.

ווען איך האָב קריטיקירט די אויפירונג פונעם הויפּט־העלד, האָט רעב כּאַנאַן מיך געבעטן:

— לאָזט אים צורו...

ער האָט פאַרטיידיקט אויך דעם אַוטאָר:

— אַ שרײַבער איז ווי אַ קסיאַנדז: פאַר די זינד פון זײַנע פאַרשוינען קומט ער ניט אָפּ...

אַ שריפטשטעלער, וואָס האָט אַלע יאָרן געאַרבעט אינעם זשאַנער פון ליטעראַטור־קריטיק, איז אַריבער צו פּראָזע, און דאָרט האָט ער דערלאָזט די זעלבע פעלערן און שוואַכקייטן, וועלכע ער פלעגט קריטיקירן בײַ אַנדערע פּראָזע־שרײַבער.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט רעב כּאַנאַן מיר דערציילט אַ געשיכ־טע פון אַ ייִדישער מאַמע, וועמענס זון עס קלײַבט זיך אַוועקגיין אין דער עסטרײַכישער אַרמיי, קעדיי צו שלאָגן די טערקן. „שיס אַ טערק און רו זיך אָפּ, — זאָגט זי אים אָן, — שפּעטער שיס נאָך אַ טערק און רו זיך ווידער אָפּ"... ווען דער זון פרעגט: „וואָס וועט זײַן, אויב דער טערק וועט שיסן מיך?" — שטעלט די מאַמע אָן אַף אים אַ פּאָר אויגן און פרעגט: „פאַרוואָס זאָל דער טערק דיך שיסן?"...

מיר שמועסן וועגן טראַדיציע. אַנאַ אַכמאַטאָוואַ האָט ערגעץ באַמערקט, אַז טראַדיציע — דאָס איז די פאַרגאַנגענהײַט, וועלכע גייט אַריבער אין דער צוקונפט. רעב כּאַנאַן האַלט, אַז קעדיי אָנטרעפן אַף דער דאָזיקער דעפיניציע, האָט די רוסישע דיכטערן געדאַרפט זײַן באַקאַנט מיט אַ גע־וויסן סיידער בײַ די ייִדן.

— מיט וועלכן סיידער?

— מיט דעם, וואָס ייִדן טראָגן אָפּ די נאַכט צום קומענדיקן טאָג. אַזוי שטעלט זיך צונויף אַ מעסלעס, און אויב אַ יאָמטעוו פּאַלט אויס אַף היינט, דויערט ער שוין, אָנגעהויבן פון דער נעכטיקער נאַכט... מע קאָן זאָגן, אַז אַזאַ סיידער פאַרקערפּערט מיט זיך דעם טאָך פון טראַדיציע.

איך בין געקומען צו רעב כאָנאָנען אַהיים, קעדיי באַוויזן אים אַ פּריי־שע ניו־יאָרקער צייטונג, אין וועלכער ס'ווערט מיטגעטיילט, אַז עס איז געשטאָרבן יאַנקעוו אַדלער. אויסהערנדיק מיך, רירט זיך רעב כאָנאָן ניט פון אָרט, בלייבט שטיין אַזויווי ער איז געשטאַנען, איינמיטן צימער, צו־נויפגעלייגט די הענט ווי אַ בייגל. די צייטונג נעמט ער ניט בא מיר און, צומאַכנדיק די אויגן, רעדט ער אַרויס אין איין אָטעם, מיט אַ צוגעשטיל־טער שטים:

— געשטאָרבן אין עלטער פון הונדערט און איין יאָר. באַוויזן אָנצו־שרייבן אַכצן טויזנט לידער און דרייסיק טויזנט פּעליעטאָנען, ניט רעכע־נענדיק די פּיעסן...

איך בין געווען דערשטוינט: אין דער צייטונג־נאָטיץ זיינען אָנגערופן די זעלבע ציפערן. געשיקט זיך האָט רעב כאָנאָן שוין פריער געוווסט די נייס? ער האָט אויפגעקלערט:

— וואָס זשע, איר געדענקט ניט, אַז דאָס האָט איר אַליין פאַראיאָרן דערציילט מיר, וויפל געגראַמטע און ניט געגראַמטע ווערק עס האָט אָנ־געשריבן פאַר זיין לעבן י. אַדלער, וועמענס פּען־נאָמען עס איז כ. קאָוו־נער? איך, פון מיין זייט, האָב בלויז זיך דערלויבט צו פּאַסקענען, אַז נאָך הונדערט יאָר פאַרפּאַסט מען שוין מער ניט קיין פּאָעזיע און קיין הומאָ־ריסטישע פּראָזע...

✧

אין בריסעל און אין פּאַריזש

ווען אין בריסעל איז פאָרגעקומען די צווייטע „וועלט"־קאָנפערענץ אַרום די סאָוועטישע ייִדן (אין פעוראַל 1976), האָב איך זיך געפונען אין אָט דער שטאָט צוזאַמען מיטן העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד העגריך האָפּ־מאַן, אַ געוועזענעם מיליטערישן פּליער.

די קאָנפערענץ האָט אין סאַמע אָנהייב אויסגעדעכנעט איר אופּרודערי־שע סענסאַציאָנעלקייט. צו אונדז איז דערגאַנגען אַן אַרויסזאָגונג פונעם ראָש פון דער ענגלישער דעלעגאַציע לאָרד פּישער: „קעדיי מעלדן איינער דעם אַנדערן, אַז די סאָוועטן געפעלן אונדז ניט, האָבן מיר ניט געדאַרפט פאָרן קיין בריסעל און אויסגעבן אַזעלכע גרויסע געלטער אַף אַראָפּברענ־גען אָנדערהאַלבן טויזנט צוהערער. וועגן דעם זעלבן האָבן מיר געקאָנט זיך דורכריידן, בלייבנדיק אין דער היים"...

א טאָג ערעוו דער שלוס־זיצונג האָט זיך צו מיר געווענדט די איטאַליִענישע זשורנאַליסטקע פאַלקאָנע (פון דער צײַטונג „איל טעמפּאָ") מיט א באַקאָשע, איך זאָל זי אויפנעמען און ענטפערן אויף אירע פראַגן. זי איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון דרײַ מאַנצבלען, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איינער פון זיי איז דער אַרויסגעפאָרענער פון אונדזער לאַנד פיזיקער אַלעקסאַנדער וואָראָנעל, א זיצער אין פרעזידיום פון דער קאָנפערענץ, און די צוויי אַנדערע זײַנען די זין פון נעם מאָסקווער דיסידענט פּראָפעסאָר לעוויטש, וועלכע האָבן אויך עמיגרירט. העניק האָפמאַן האָט מיך געבעטן אײַנריידן, איך זאָל זיי אַלע „אָפּשיקן אויף דער פרישער לופט". ס׳איז מיר אָבער געווען טשיקאַווע צו וויסן, וואָס עס מיינט אָט דער וויזיט, און ווײַטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז טאַקע דער אָנשוילעכער דורכפאַל פון דער קאָנפערענץ האָט געבראַכט צו מיר דעם דרײַלינג. וואָראָנעל האָט גענומען טײַנען וועגן עפּעס „א קאָמפּראָמיס", וועלכן ס׳איז שוין צײַט צו שליסן. איך האָב געענטפערט: „וואָס פאַר א קאָמפּראָמיס האָט איר אין זינען? דאָס, וואָס איר זײַנט אַרויסגעפאָרן פון נעם סאָוועטנפאַרבאַנד, איז, נאַטירלעך, אײַער זאַך, אָבער איר טוט אָן שאָדן דעם לאַנד, וואָס איר האָט פאַרלאָזט. איז וועגן וועלכע קאָמפּראָמיסן קאָן גיין א ריייד? איר דאַרפט אויפהערן צו טרײַבן רעכילעס, און דאַן וועלן מיר פאַרגעסן, אַז איר לעבט אויף דער וועלט"...

בייסן שמועס האָט וואָראָנעל ניט ווילנדיק אויסגעזאָגט דעם סאָד, אַז עטלעכע מיטגלידער פון נעם פרעזידיום פון דער בריסעלער קאָנפערענץ קלײַבן זיך נאָך איר שלוס־זיצונג איבערפאָרן קיין פּאַריזש און דאָרט אַרויסטרעטן אין דער פּאָפּולערער אין גאַנץ אייראָפּע טעלעוויזיע־פּראָגראַם, וועלכע רופט זיך אָן „פון איינס ביז צוויי אַזייגער באַטאָג", כּדי געבן א פאַסיקע פאַר זיי אָפּשאַצונג פון דער דורכגעפירטער אַקציע.

ווען די געסט זײַנען אַוועקגעגאַנגען, האָבן מיר בא אונדזערע פּרײַנט צווישן די בעלגישע ייִדן דורכגעקאָנטראָלירט דאָס, וואָס וואָראָנעל האָט געזאָגט, און ס׳איז באַשטעטיקט געוואָרן, אַז יאָ — קיין פּאַריזש קלײַבן זיך אַרויספאָרן, אויף צו דורכפירן א פּראָפּאַגאַנדיסטישע טעלעוויזיע־טראַנסליאַציע, די אָנפירער פון דער בריסעלער קאָנפערענץ גאָלדע מעיִר, יויסעף אַלמאָגי, מוישע דאַיאַן. אויף וויפל דאָ איז געגאַנגען אין א פּרוּוו צו פאַרדעקן דעם דורכפאַל פון א פּראָוואָקאַציע, האָבן מיר — האָפמאַן און איך — באַשטימט האַנדלען שנעל און אַנטשיידן. ניט וואַרטנדיק, ביז וואַנען עס וועט זײַן אן עראָפּלאַן קיין פּאַריזש, האָבן מיר דעם זעלבן טאָג זיך אָפּגעזעגנט מיט בריסעל און אַרויסגעפאָרן מיט אן אויטאָמאָביל אין דער פראַנצויזישער הויפּטשטאָט. פאַרנאַכט האָבן מיר זיך דאָרט פאַרבונדן מיטן קאָמענטאַטאָר פון דער אויבן אָנגערופענער פּאַריזשער טעלעוויזיע־פּראָגראַם איוו מורוזי, וועלכער איז מסכּים געווען אָפּנעמען בא אונדז אן עפנטלעכן אינטערוויו. אויף מאָרגן, איינס אַזייגער באַטאָג, האָבן די טעלעוויזיע־צוהערער פון פראַנקרײַך און פון די בײַליגנדיקע לענדער, אַרײַנגערעכנט בעלגיע, זיך דערוווּסט, וואָס מיר, סאָוועטישע ייִדן, טראַכטן וועגן דער אַנטיסאָוועטישער קאָנפערענץ.

זעענדיק, אַז די פאַרפּראָגראַמירטע פאַר אונדזער אַרויסטרעטונג צײַט

איז ניט אויסגעשעפּט, האָט מורוזי מיך געבעטן ענטפערן אַף נאָך א פראַגע:

— וואָס טראַכט איר וועגן דער מיסיע, וואָס עס האָט אַף זיך גענומען די ערן־פאָרזיצערן פון דער קאָנפערענץ, די געוועזענע פרעמיערשע פון ייִסראָעל גאָלדע מעיר?

איך האָב געענטפערט:

— אלס מעלוכע־טוער האָט גאָלדע מעיר אָנגעטאָן צאָרעס דעם פאָלק פון ייִסראָעל. געוויס צו זאָגן, אז די מילכאָמע, אין וועלכער די מעדינע איז אַרײַנגעטראָטן און האָט זי געפירט בייס די מאדאם איז געווען אויסערן־מיניסטער און פרעמיער, האָט ביז איצט קיין אויסגאנג און קיין סאָף ניט. וואָס איז שײַעך דער הײַנטיקער ראָל, וועלכע עס האָט גענומען אַף זיך גאָלדע מעיר, דארף אויסגעדריקט ווערן באדויערונג, וואָס, זײַענדיק שוין א זקיינע, שלעפּט זי זיך נאָך אלץ ארום איבער דער וועלט ווי אַן אָנטיילנעמערן פון געזעלשאפטלעכע סקאנדאלן. איך וואָלט געגעבן איר אַן אייצע, זי זאָל זיך בעסער פארנעמען מיט אירע אייניקלעך און איך דער פרײַער צײַט שטריקן א זאָק...

ס'האָט געדויערט א מינוט פופצן (מיר האָבן באוויזן פארלאָזן די סטודיע און זיך אופהייבן אַף א שטאָק העכער, צו מורוזין אין ארבעטס־צימער, קעדיי אויסטרינקען מיט אים א טעפּעלע קאווע), ווי ס'האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן און א דיפּלאָמאט פון דער ייִסראָעלדיקער אמבאסאדע האָט געמאָלדן, אז „ווערגעליס האָט באליידיקט דעם געוועזענעם רעגירונגס־שעף פון ייִסראָעל און אז עס וועט פאָרגענומען ווערן פאָלגנדעס: איינס — אַן אָפיציעלער פּראָטעסט דער פאריזשער טעלעוויזיע, צוויי — א מאסן־אָפּפלוס פון דער רעקלאמע, וועלכע די פאריזשער טעלעוויזיע באקומט פון ציוניסטישע קוואלן.

איצו מורוזי האָט זיך פארענטפערט:

— לויט אָנגענומענע נאָרמעס דארף קיינעם ניט שאָקירן, ווען א מאנצבל ווינטשט א באַיאָרטער פרוי, זי זאָל ארומגיין ארום אירע אייניקלעך און זיך אָפּגעבן מיט שטוב־זאכן... אויב איר בלײַבט אָבער בא אײַער מיינונג, אז מוסיע ווערגעליס האָט באליידיקט מאדאם מעיר, בין איך געצוווּנגען צו דערמאָנען אײַך, אז מיט אייניקע טעג פריער האָט מאדאם מעיר באליידיקט דאָס לאנד פון מוסיע ווערגעליס...

און אונדז האָט ער געזאָגט מיט א שמייכל:

— איר דארפט בעטן גאָט, אז די ייִסראָעלדיקע אמבאסאדע זאָל זיך באנאַרישן און טאָקע צושיקן אזא פּראָטעסט... ניט יעדע אדמיניסטראציע דורך דער טעלעוויזיע איז זיכע אָפּגעצייכנט צו ווערן מיטן פארלירן דעם קאָנטראָל איבער זיך מיצאד דעם קעגנער...

אין צוויי טעג ארום איז אין מורוזיס טעלעוויזיע־פּראָגראם דערשינען די בריגאדע אָנפירער פון דער בריסעלער קאָנפערענץ. דאָס איז געווען א שטיקל קאָמפּענסאציע. די ייִסראָעל־אמבאסאדע האָט דערמיט אויך באקומען א מעגלעכקײַט ניט אָפּצוטאָן יענע נאַרישקײַט...

✧

די צײַט פֿון דער „רויטער וועלט", און די צײַט פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד"

דער זשורנאַל „די רויטע וועלט" איז געווען דער אַמערסטן „סאָלידער פֿאָרגייער" פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד". ער איז דערשינען אין אַ צײַט פֿון העכסטן אופֿבלי פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד. האָפֿשטיין און קוויטקאָ, בערגעלסאָן און מאַרקיש, גאָדינער און דאַניִעל, נויעך לוריע, נאָטע לוריע, אָרלאַנד, כאַשטשעוואַצקי, אָליעווסקי, האַרצמאַן, דיִאַמאַנט, — אַ פּראַכטפֿולער קאָלעקטיוו אַוטאָרן. און די לייענער! אַך, די ייִדישע לייענער אין די אוקראַיִנישע שטעטלעך פֿון יענע יאָרן...

עס איז מיר הײַנט אַרײַנגעפֿאַלן אין די הענט דער מאַרט־נומער פֿון דער „רויטער וועלט" פֿאַרן 1930, אַף דער 11־טער זײַט לייען איך אַ נאָטיץ:

„ווי אונדזערע לייענער קענען באַמערקן, איז שוין דער איצטיקער נומער געדרוקט אין 2000 עקזעמפּליאַרן, אַ באַווײַז, אַז דער טיראַזש פֿון דער „רויטער וועלט" ווערט גרעסער. אָבער דאָס איז נאָך ווייניק. עס איז מעגלעך צו דערפֿירן דעם טיראַזש צו 3000 עקזעמפּליאַרן, אויב די פּאַרטייִשע און סאָוועטישע אָרגאַניזאַציעס און איינצלנע כאַווײרים וועלן אַרויסווײַזן מער אַקטיווקייט אין דעם פּראַט"...

„סאָוועטיש היימלאַנד" האָט ניט קיין גענוגנדע קאָמפּאַקטע לייענער־באַזע, זאָגן מיר הײַנט. ניטאָ שוין יענע ייִדישע שטעטלעך און אין יעדן שטעטל — די ייִדישע שול, דער קלוב, די עפֿנטלעכע ביבליאָטעק, די ליט־קרײַזלעך. און דאָך... דאָך פֿאַרמאָגט „סאָוועטיש היימלאַנד" (אַ גרעסערער אין עטלעכע מאָל, לויטן פֿאַרנעם, פֿון דער „רויטער וועלט") בלויז אין אַ דרײַ־פֿיר גרויסע שטעט (מאָסקווע, לענינגראַד, קיִעוו, טשערנאָוויץ) די פֿולע צאָל לייענער, וואָס די „רויטע וועלט" האָט געהאַט, נאָך אַלע אָנשטרענגונגען, אינעם גאַנצן לאַנד.

וואָס איז דאָס — איינע פֿון די רעטענישן, מיט וועלכע ס'איז באַרימט די ייִדישע ליטעראַטור? ניין, די צײַט איז אַן אַנדערע. די ליטעראַטור, דער שרײַבער, דער לייענער — זיי זײַנען אַנדערש געפֿורעמט. מע קאָן עס אָננעמען פֿאַר אַ פּאַראַדאָקס, נאָר אַזוי איז דאָס: בײַס דער סאָוועטישער ייִד גייט צו די טיפֿעניש פֿון דער אַלסאָוועטישער קולטור, זעט אים אויס צו זײַן גאַנץ וויכטיק איבערצולאָזן פֿאַר זיך אין אַן אייגן ווינקעלע דעם ספּעציפֿישן נאַציאָנאַלן ליטעראַרישן מאַטעריאַל, וועלכער איז ניט נאָר אַ „לעזע"־מאַטעריאַל, נאָר ער דערמאָנט אין לעבנס־פֿראַגן, אין אַזעלכע, וואָס דער ענטפֿער אַף זיי איז טיילווײַז שוין פֿאַראַן און טיילווײַז — נאָך ניט.

✧

וויאזוי פייפט א קויל

איך פלעג מיינען, אז א קויל רייסט אוף, טוט א קנאַל, הילכט אָפּ. און אָט איז געקומען „די עמעסע מילכאָמע"...

איך האָב דערהערט נאָענט לעם אויער א צערטלעכן, שוואכן, קורצן פייף, כ'וואָלט זאָגן — אז אָנגענעמענעם, ענלעך אף דעם זשומען פון א זאטן קאָמאַר אין די וואַרעמע פאַרנאכטן.

ביזוואַנען כ'בין ניט פאַרווונדעט געוואָרן, האָב איך ניט געקאָנט זיך צוגעוווינען צו „נעמען ערנסט" דאָס פייפן פון א קויל.

✧

נאַציאָנאַליזם — שאָוויניזם

דער נאַציאָנאַליזם הייבט זיך אָן פון אָבאָראָנע — פון אפעלירן צום ראַכמאָנעס. ער גייט אָבער גלייך איבער אין אָנגריף און צילט אין אַנדערע דאָס, פון וואָס ער האָט אָקאָרשט געזוכט א שוץ.

ראַכמאָנעס־נאַציאָנאַליזם און גראָבּיונגערישער שאָוויניזם נעסטן זיך אין איינע און די זעלבע נעשאָמעס.

✧

„די נעשאָמע פון דער געזעלשאַפט"

א גאַנץ לעבן פאַרנעמען זיך מענטשן מיט איבערדערציילן דאָס, וואָס עס האָט זיך זיי פאַרגעדענקט פון דעם שוין דורכגעלעבטן. פאַראַן אַזעלכע, וואָס טוען דאָס מיט מער טאַלאַנט, איידער אַנדערע, און אין א מעסיבע זיינען זיי „די נעשאָמע פון דער געזעלשאַפט".

✧

זיי מיינען ניט די אַגאָדע, נאָר די קניידלעך

ווען די יידן זיינען געלאָפן פון היטלערן, האָבן די אמעריקאַנער יידישע אָרגאַניזאַציעס ניט געהאָלפן זיי אַריינקומען קיין אמעריקע, די שיפן מיט פליטים פלעגט מען פאָשעט ניט צולאָזן צו די ברעגן. איצט זוכן אַרום די זעלבע אָרגאַניזאַציעס געוועזענע סאָוועטישע יידן אף די באַראַ־

כאָלקעס פון רוים און ווין, און ניט נאָר מע שלעפּט זיי קיין אַמעריקע, נאָר מע איז גרייט אַ געווּיסע צײַט זיי אויסהאַלטן, ווי איידעמס אַף קעסט.

ניט די ייִדן אינטערעסירן אָט די אָרגאַניזאַציעס, נאָר די „פּאָליטיק“, וואָס מע קאָן מיט זיי פּראַווען.

✧

פּאָעזיע. באַגײַסטערונג

די זעלטנסטע און גליקלעכסטע רעגעס פון פּאָעזיע לעבן איבער יענע מענטשן, וואָס זײַנען באַשאָנקען מיט אַ ניט געוויינלעכער זעל. אויב ס'איז געשען מיט אַזאַ מענטשן דאָס, וואָס דער רוסישער דיכטער רופט אָן „טשודנאָיע מגנאָווענייע“ — צויבערדיקע רעגע, און פון דעם איז פאַרבליבן אַן „אָפּדרוק“ אַף פּאַפּיר אָדער אַן „אויסהויך“ אַף קלאַנגען־טאַשמע, דאַן מעג מען זאָגן, אַז עפּעס איז צוגעקומען דער וועלט־פּאָעזיע.

מע קאָן ניט שאַפן פּאָעזיע, זי זאָל זײַן פּונקט אַזאַ, ווי עס ווילט זיך פון פריִער, און זי זאָל קומען פּונקט דאַן, ווען מע וויל. דאָס איז אוממעגלעך, ווײַל אין באַגײַסטערונג איז באַלעבאָס ניט דער זינען. אַן עכטער פּאָעט וועט ניט זאָגן, אַז ער קלײַבט זיך פאַרפאַסן אַ ליד. אויב אַ דיכטער דערציילט אײַך, אַז ער „אַרבעט אַף אַ ליד“, זאָלט איר עס פאַרשטיין אַזוי, אַז אין אַ שורן „אויסגעהויכטן“ ווערק שטעלט ער איבער אַ וואָרט, מאַכט אַנדערש אַ שורע, און דאָס איז בעפּיירעש אַרבעט, טאַקע ביטיקע אַרבעט, ווײַל נאָך דעם אוריגנבליקלעכן אויפלויכט פון באַגײַסטערונג קאָן מען זיך אַרומזען און פאַריכטן עפּעס־וואָס אין די אויסדרוק־מיטלען (גאָט זאָל אָפּהיטן, אַז די פּען, וואָס בעסערט אויס, זאָל אָנרירן אויך דעם אורמיטלבאַרן „אָפּדרוק“ פון דער טשודנאָיע מגנאָווענייע!).

דער שאַפנדיקער מענטשן־גײַסט איז געגליכן צו טליִענדיקע קוילן, וועלכע הייבן אָן מיטאַמאָל צו „עטעמען“, קיינער ווייסט ניט, ווער אָדער וואָס עס „בלאָזט“ אַף זיי; אָט בליצן זיי אויף, גיסן זיך איבער פון בלוי־פיִאָלעט ביז פונצער־רויט, שטעקן אַרויס צינגער, ציטערשטשען זיך, מאַכן פון די פלעמעלעך יאָ־גלייבלעכע און ניט־גלייבלעכע בילדער־פאַנטאַזיעס, און, אוי־וויי, אָט פאַלן זיי שוין אײַן (סע הערט אויף צו „בלאָזן“), און די רעגע איז אויס.

אונדזער באַוווסטזײַן איז ניט בעקויעך פּאָרויסצוזאָגן, ווען די שעפערישע באַגײַסטערונג וועט זיך באַווײַזן און ווען פאַרשווינדן. אויב ס'וואָלט זיך אײַנגעגעבן מיט עפּעס אַ מיטל צו סטאַביליזירן זי, איז איינס פון די צוויי — אָדער די מענטשהײַט וואָלט באַקומען קיינמאָל ביז איצט נאָך ניט עקזיסטירנדיקע אין אַזאַ מאַסשטאַב גײַסטיקע אוצרעס, און דאָס וואָלט זי געפירט צו אַ לאַכלוטן נײַער, ניט פאָרויסגעזעענער ציוויליזאַציע, אָדער עס וואָלט פאָרגעקומען אַ קאַטאַסטראָפאַלע דעוואַלוואַציע פון פּאָעזיע.

אין דער דערשײנונג שעפֿערישע באַגײַסטערונג איז פֿאַראַן אײנער אַ מאָמענט, וואָס אָפֿט פֿאַרגעסט מען אין אים, דעהײַנו: דער דיכטער הײבט אָן פֿאַרפֿאַסן בײס די באַגײַסטערונג האַלט שוין בײַ אים אין „קילער" ווערן, זי גײט לעװײַבעד. דאָס באַטײַט, אַז אַפֿילו די גרעסטע מוסטערן פֿון דער וועלט־פּאָעזיע זײַנען מערסטנס בלויז שוואַכע רעאַליזירונגען פֿון דעם דיכטערס באַגײַסטערונג.

עליִאָהו באַכער

מע גלײבט, אַז עליִאָהו באַכער איז דער ערשטער שריפֿטשטעלער, וועלכער איז אַרײַן אין מײַן באַוווּסטזײַן. זײַן פּאָפּולערקײַט בײַ דעם שטעטלשן מאַסן־מענטש אין דער נײַער צײַט שטאַמט, דוכט מיר, ניט בלויז פֿון ליטעראַרישע מאָטיוון, נאָר קוידעם־קאָל פֿון דער צופֿעליקײַט, וואָס עס זײַנען צונויפֿגעפֿאַלן קלאַנגלעך און לויטן עצם אינהאַלט די ווערטער „באָווע־מעסעס" און „באָבע־מעסעס", האַגאַם בײַ עליִאָהו באַכער קומט ניט „באָווע" פֿון דער ייִדישער באָבע, נאָר פֿון איטאַליענישן „באָוואָ" (די איבערגעדיכטעטע מיצאַד עליִאָהו באַכער איטאַליענישע ווערסיע פֿון דער ענגלישער ריטער־דערצײלונג „Sir Bevis of Hamton" הײסט "Buovo d'Anton").

אין אָנהײב האָט מיך פּראַקטיש מער גאָרנישט ניט אינטערעסירט. שפּעטער אָבער האָב איך זיך דערוווּסט אַזוינס, וואָס האָט מיך מאַמעש געפּלעפֿט. דער „באָווע־בוך" איז, ווײַזט זיך אַרויס, בלויז אַן עפּיזאָד, און ניט דער סאַמע וויכטיקער, אין דער אויסטערלישער לעבנס־דראַמע און אין טיטאַנישן אופֿטו פֿון אַ בעממעס גרויסער שעפֿערישער פּערזענלעכ־קײַט.

אָט זײַנען אײניקע פֿראַטים.

ווען דער יונגער געלערנטער עליִאָהו בען אָשער האַלעווי אַשקענאַזי לעוויטאַ איז אין די ערשטע נײַנציקער יאָרן פֿונעם פֿופֿצנטן יאָרהונדערט געקומען קײן פּאַדואַ (איטאַליע) פֿון זײַן דײַטשישער געבוירנשטאָט נײַ־שטאָט, איז ער שוין געווען באַוווּסט אַלס אײנער פֿון די אָמערסטן ערנ־סטע טאַנאַך־פֿאַרשער און קענער פֿונעם העברעישן דיקדוק. ער איז אין די איטאַליענישע שטעט פּאַדואַ, ווענעציע, רוים געווען, לויט די הײַנטיקע באַגריפֿן, אַ פּעדאַגאָג, אָדער פּראָפֿעסאָר — געלערנט קאַטוילישע גײַסט־לעכע העברעיִש (אײנצײַטיק — טאַנאַך, קאַבאַלע), און אַלײן, שוין דער טאַלמיד, זיך געלערנט בײַ זײַ גריכיש, לאַטײַן און אַלגעמײנע וויסן. פֿאַר די שילער זײַנע האָט ער איבערגעזעצט פֿון העברעיִש אויף לאַטײַן אויס־צוגן פֿון „ספֿר היצירה", געשריבן פּירושים צו אַנדערע ספֿרים. אין ווענעציע האָט ער, כּוץ אַ רײ פּירושים און חיבורים, געשאַפֿן זײַן פּאָפּו־לערן סײפֿער „מסורת המסורות", אין וועלכן ס'ווערט פֿאַר די קומענדיקע

דויִרעס אָנגעגעבן די ריכטיקע אויסשפּראַך און דער אויסלייג פֿונעם ביבלישן טעקסט און ס'איז פֿאַרטײַטשט די מעסוירע פֿון טאַנאַך. אין ווענעציע האָט ער אָנגעשריבן דעם סייפֿער וועגן די טאַלמוד־אַפּאָריזמען „התשבי", איבערגעזעצט אויף דײַטש איִעוו און טהילים, געשאַפֿן ווערטערביכער פֿון אַראַמעיִש. ער איז דער אַוטאָר פֿונעם ערשטן ייִדיש־העברעיִשן ווערטערבוך. דעם סייפֿער טהילים האָט ער איבערגעזעצט אויף ייִדיש.

און באַוווּסט און באַרימט איז ער געוואָרן אַדאַנק גאָר אַ „זײַטיק שטיקל אַרבעט" — דער איבערדיכטונג פֿון אַ בוך פֿאַרכאַפּנדיקע ניט געשטויגענע געשיכטעס. ער האָט דערגרייכט דאָס, וואָס עס קאָנען זיך ווינטשן די סאַמע אָנגענומענע באַם פֿאָלק מעכאַברים: פֿון „באָווא־מײַסע" איז געוואָרן „באָבע־מײַסע", און דאָס ערשטע האָט אַזוי צוגעטראָפֿן צום צווייטן, אַז דער פֿאָלקס־אויסדרוק וועגן דער באָבעס מײַסעס ווערט שוין אין מעשעך פֿון יאָרהונדערטער צוגעשריבן דעם „באָווא־בוך". ביכלאַל איז, דוכט זיך, קיין איין ייִדישער שרײַבער ניט געווען אַזוי פּאָפּולער אין פֿאָלק, ווי עלִיאָהו באָכער. עפּשער בלויז שאָלעם־אַלייכעם קאָן זיך מיט אים אין דעם זין פֿאַרגלײַכן. די מערהײַט פֿאָרשער צווייפֿלען אָבער אין דעם...

עלִיאָהו באָכערס פּערזענלעך לעבן איז פֿול מיט אויסטערלישע געשעענישן. ס'איז אַ דערשיטערנדיקער ראָמאַן מיט דורכויס טראַגישע צוזאַמענשטויסן, מיט אַזעלכע מיספֿאַרשטייענישן און אומגעריכטע קאָליזיעס, אַז מאַמעש עס גלייבט זיך ניט.

געווען איז עלִיאָהו באָכער אַן אײַנגעקאָרעניִעטער לאַמעדוואָווניק, אַן אַסקעטישער אָפּהיטער פֿון די מיצוועס פֿון דער טוירע (שומר תורה ומצבות), געהיט און געפּלעגט די ייִדישע עמונע. און דאָך האָט ער דאָס גאַנצע לעבן געהערט פֿאָרוווּרפֿן און געהאַט אויסצושטיין פֿאַרפֿאָלגונגען פֿון די רעליגיִעזע מאַנהיגים, ווײַל ס'איז ניט געווען געפֿעלן זײַן צוזאַמענאַרבעט מיט קריסטלעכע טעאָלאָגן, גאַלאָכים אַדג.

באַזונדערס האָט ניט געלאָזט רויִק שלאָפֿן די אָבסקוראַנטן עלִיאָהו באָכערס פֿרײַנטשאַפֿט מיטן קאַרדינאַל אַדזשעטאַ דע וויטערבאַ. אין רוים האָט דער העברעיִשער לערנער און פּאָעט געלעבט צען יאָר אינעם קאַרדינאַלס הויז. וואָס האָט ער דאָרט געטאָן? מיט וואָס זיך פֿאַרנומען? צי איז ער ניט ניכשל געוואָרן פֿון די קאַטוילישע פּאָסטולאַטן? ניין, האָט אָפּגעוואָרפֿן יעדן כשאַד דער גאָטספֿאָרכטיקער לאַמעדוואָווניק. ער לערנט מיטן קאַרדינאַל לאָשנקוידעש, זעצט איבער צוליב אים פּיירושים פֿון „ספר היצירה". באַזונדערס נײַגעריק איז דער קאַטוילישער גײַסטלעכער צו קאַבאָלע, — פֿאַרוואָס ניט מיטהעלפֿן אים אין דעם? אַגעוו, האָט עלִיאָהו בען אָשער האַלייווי אַשקענאַזי לעוויטאַ טאַקע דאָ, אינעם קאַרדינאַלס שטוב, זיך דערוואָרבן דעם צונאָמען „באָכער", פֿאַרפּאַסנדיק פֿאַר אַדזשעטאַ דע וויטערבאַ אַ סייפֿער אונטערן טיטל „הבחור" (אָדער „דקדוק אליהו").

ווען אין 1511 יאָר איז קיין רוים אָנגעקומען מאַרטין לוטער, דער גרינדער פֿון דער קריסטלעכער רעפֿאָרמאַציע, האָט אַדזשעטאַ דע וויטערבאַ זיי צוזאַמענגעפֿירט, און ס'איז ניט שווער זיך פֿאָרצושטעלן ווי גרויסמאַסשטאַביק און פֿאַרכאַפּנדיק ס'איז געווען דאָס בילד, בײַס דער ניי־

שטאָטער פּערציקיאָריקער ייִד האָט געקנעלט לאַשנקוידעש מיטן גרעסטן דײַטש פֿונעם מיטלאַלטער.

די אַבסקוראַנטן קאָנען ביז הײַנט ניט מוחל זײַן דעם געלערנטן. איך דערמאָן זיך אַזאַ פֿאַל. אין פּאַריז האָב איך זיך אַנומלטן געטראָפֿן מיט אַ ראָװ, װאָס האָט זיך מיר געשװוירן, אַז ער האָט מיט אַ װאַלגערהאָלץ אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ זײַן אייגענעם זון, װעלכער האָט געװאָלט זיך שמדן, און געמאַכט אים טויב. „װי קומט עס, — האָב איך געפֿרעגט דעם ראָװ, — איר זאָלט אַזױנס טאָן?" און דער ענטפֿער איז געװען: „איך װיל ניט האָבן נאָכן טויט דאָס מזל פֿון עליִאָהו באָכער..." „װאָס זשע פֿאַר אַ מזל האָט ער געהאַט?" דער ראָװ האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט פֿאַרן קאָפּ: „אױף אַלע מײַנע סאָנים געזאָגט געװאָרן... עמעס, עליִאָהו באָכער האָט עס קאָשער פֿאַרדינט, װײַל ער האָט פּונקט װי אָפּגעשמדט די אייגענע נעשאָמע, האָבנדיק צו טאָן דאָס גאַנצע לעבן מיט גאַלאָכים..." איך האָב געהאַלטן פֿאַר איבעריק צו רעאַביליטירן דעם ליכטיקן גאָען פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון XVI יה. אין די אויגן פֿונעם פֿינצטערן אַבסקוראַנט פֿון דעם סאָף פֿון XX יה. אָבער פֿאַרשטאַנען האָב איך, מיט װאָס דער ראָװ איז זיך נויקעם אין עליִאָהו באָכער, דערמאָנענדיק װעגן יענעמס „מזל נאָכן טויט".

און ס'איז טאַקע ניטאָ אױף װאָס מעקאַנע צו זײַן. װען רוים האָט איבערגענומען בײַ שפּאַניע די אינקװיזיטאָרישע רעדיפֿעס אױף ייִדן, װעלכע זײַנען באַגלייט געװאָרן מיט ברענען ביכער, האָט זיך אין די פּויפּסטלעכע קאַנצעליאַריעס פֿון יוליוס דעם דריטן און שפּעטער פֿון פּאַװעל דעם פֿערטן באַװיזן דער עקלהאַפֿטער טיפּ מאָסרים, מעװוינים אין די „שװאַרצע פֿינטעלעך" פֿון צװישן די מעשומאָדים. די געשיכטע װײסט צװײ באַזונדערס גרויסע אָרגיעס פֿון דעם מין: דאָס עפֿנטלעכע פֿאַרברענען טאַלמודישע ספֿאָרים דעם 9 סענטיאַבער 1553 אין רוים אױפֿן סקװער קעמפּאָ דע פֿיאָרי און דער ביכער־שײַטער אין פֿינף יאָר אַרום אין דער צאָפֿן־איטאַליענישער שטאָט קרימאָנאָ. אין ביידע פֿאַלן זײַנען צװישן די הויפּטמאָסרים, װעלכע האָבן געגעבן „באַװײַזן", אַז די ייִדישע ספֿאָרים זײַנען פֿול מיט באַליידיקונגען קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע, געװען צװײ יונגע מענטשן, לײַבלעכע ברידער, װאָס האָבן נאָכן שמדן זיך אָנגענומען די נעמען דזשיאָװאַני באַטיסטאַ און װיטאָריאַ אַליאַנאַ — די אייניקלעך פֿונעם גרויסן ייִדישן שרײַבער און געלערנטן עליִאָהו באָכער.

✧

דאָס זעלבע, װאָס אַ ליכט אָן אַ שנויץ

װאָס איז אַזױנס אַ ליד אָדער אַ פּראָזע־שאַפֿונג, װעלכע האָבן ניט קיין סימאָנים פֿון דער הײַנטצײַטיקייט?

פֿאַראַן צו דעם אַ פֿאָלקס־מאָשל.

א ייִד אין שטעטל האָט געפֿונען אַפֿן בוידעם אַן אַלטן קאַסטן מיט כּיילעוו־ליכט, א פֿאַרקלאַפּטן. האָט ער אים פֿאַרקויפֿט א צווייטן ייִד, ניט אויפֿפּעפּענענדיק, און דער קונה האָט צוליב א ביסל רעוועך אים ווײַטער פֿאַרקויפֿט, וועֶן ס׳איז אונטערגעקומען א באַלן. אַזוי איז דער קאַסטן מיט ליכט איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט, געבנדיק קעסיידער רעוועך. איינער א קונה האָט אָבער פֿון נײַגעריקייט געעפֿנט א ברעטל, אַרויסגענומען איין ליכט און געפּרוּווט זי אָנצינדן. זעט ער, אַז קיין שנויץ איז ניטאָ, אַזוי האָט מען אַלפֿי־טאָעס די פֿאַרטיקע סכוירע געגאָסן, און ניט אומזיסט איז דער קאַסטן געשטאַנען אויפֿן בוידעם. סטײַטש, — האָט דער לעצטער קונה זיך אַרופֿגעוואָרפֿן אויף דעם לעצטן פֿאַרקויפֿער, — די ליכט קאָנען דאָך ניט לײַכטן! יענער האָט אים אָנגעקוקט, ווי א משוגענעם: א האַלבע שטאָט האָט שוין אײַנגעהאַנדלט דעם קאַסטן און ווידער אים פֿאַרקויפֿט מיט רעוועך, און קיינעם איז אַפֿילו ניט געקומען אין קאָפּ א קוק צו טאָן אויף דער סכוירע, ווײַל דאָס זײַנען ליכט צום האַנדלען, און ניט צום לײַכטן...

א ליד אָדער א פּראָזע־שאַפֿונג, וועלכע האָט ניט קיין סימאָנים פֿון דער הײַנטצײַטיקײַט, איז ליטעראַטור צום דרוקן, ניט צו ברענגען נוצן דער געזעלשאַפֿט.

✧

א פּסאַק־דין פֿון דער צײַט

מע דאַרף ניט פֿאַרמאַכן די אויגן אויף דער אומגעהייער טראַגישער לאַגע אין דער ליטעראַטור אויף ייִדיש הײַנט־צו־טאָג, א לאַגע, וואָס איז ניט קיין רעזולטאַט פֿון קינסטלעך בײַגעטראָגענע סיבעס. גיכער פֿון אַלץ איז דאָס א פּסאַק־דין פֿון דער צײַט. שווער איז דער מאַצעוו פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע לענדער, ווו זי איז נאָך פֿאַראַן. שווער, שווער, זייער שווער.

ס׳איז מעגלעך א פֿאַרגלײַך מיט א שטאָט, אין וועלכער קיינער ווערט ניט געבוירן און נאָר מע שטאַרבט. דער פֿאַרגלײַך וואָלט געווען באַ יעדערן אויף דער צונג, ווען אַזאַ שטאָט זאָל זײַן אויף דער וועלט. עס קומט אויך אויף די אַסאָציאַציע מיט א דעמאָגראַפֿישער שאַגרען־הויט. טאָג נאָך טאָג ווערט די שטאָט, אין פּראַט פֿון מענטשן, קלענער און וויניקער. דערבײַ בלײַבט אַלץ ווי געווען, פּונקט ווי ס׳וואָלט קיין וועזנטלעכס ניט פֿאַרגעקומען. אין שטאָט ברענט ליכט. עס אַרבעט די וואַסערלייטונג, די קאַנאַליזאַציע. אויף די פּלעצער שטייען דענקמעלער און ס׳הענגען זייגערס. מענטשן פֿראַוו ען יאָמטויוים, קומען זיך צונויף אויף קיווער־אָווּס, וויינען און לאַכן. מע שטעלט אַרויס פּענער, מע מאַרשירט, מע קריגט זיך און מע פּראָקלאַמירט אידייען. אַלץ איז אויף אָן אָרט, ווי אין יעדער שטאָט. די טראַמווײַען גייען. די זייגערס ווײַזן די צײַט. אויף די ראָגן רע־

גולירט מען די באַוועגונג פֿונעם טראַנספּאָרט און פֿון די פֿוסגייער. ווי נאָר סע יאָוועט זיך אַף דער וועלט עפּעס נײַס אין דער אַרכיטעקטור, אינעם באַלײַכטן די גאַסן, אין די קליידער־מאָדעס, — פֿירט מען עס אײַן אויך דאָ. די צאָרע איז אָבער, וואָס די מענטשן אין דער שטאָט שטאַרבן אויס. קיינער ווערט ניט געבוירן.

✧

געמײַנזאַמער ריטם

אַמשטאַרקסטן פֿילט איר דעם געמיינזאַמען ריטם, צוקוקנדיק ווי צוויי אָדער מער פֿידלער שפּילן צוזאַמען לויט איין פּאַרטיטור. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל דער צונויפֿפֿאַלנדיקער קלאַנגען־גאַנג ווערט באַשטעטיקט און אונטערגעהאַלטן פֿון אַלציינס זיך באַוועגנדיקע סמיטשיקעס.

בײַ אַ פֿאַרליבט פּאָרל פֿאַלט צונויף דאָס געמיינזאַמע קלאַפּן פֿון די הערצער מיט דעם אַלציינעם „שפּילן" פֿון די אויגן.

✧

אַ ליטעראַרישער מענאַכעם־מענדל

מיט איינעם אַ שריפֿטשטעלער — לאָמיר אים געבן אַ צוגעטראַכטן נאָמען סאַנטיקאָווסקי — איז געשען גאָר פֿרי דער אומגליק פֿון שעפֿערישער אימפּאָטענץ. איך וועל דאָ ניט באַהאַנדלען די סיבע: פֿאַרוואָס. דאָס אַליין, וואָס ער האָט אויפֿגעהערט צו שאַפֿן פּונקט אין מאָמענט פֿון דעם איבערבראָך, ווען די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט זיך אָפּגעקערט פֿונעם גראָדליניקן מעטאָד „אויב ניט שוואַרץ, איז ווײַס, אויב ניט גוט, איז שלעכט", זאָגט אונטער דעם ענטפֿער אַף דער פֿראַגע. די פֿאַרעפֿנטלעכטע ווערק פֿון אָט דעם אַוטאָר אין זײַנע יונגע יאָרן פֿאַרמאָגן דעם כיין פֿון האַמעטנעקײַט, וואָס מע האָט דעמלט געקאָנט אויפֿנעמען ווי אַ סימען פֿון האַמויִנישן אַרט אויסדריקן זיך. ס'האָט אַפֿילע אימפּאָנירט, וואָס זײַנע פּערסאָנאַזשן זײַנען געווען אָדער „ברייטפּלייציקע", אָדער „שמאָלפּלייציקע"; אָדער „הויכוווקסיקע", אָדער „קליינוווקסיקע" (גיכער פֿון אַלץ קליינקעפּיקע, שווערקעפּיקע, טעמפּקעפּיקע, גראָבקעפּיקע, שוואַכקעפּיקע, פֿלאַכקעפּיקע, האַרטקעפּיקע, שמאָלקעפּיקע, קרומקעפּיקע); שמועסנדיק מיט עמעצן פּאָנעם־על־פּאָנעם, האָבן זיי יענעם געקלאַפּט מיט דער האַנט איבער דער פּלייצע, אָנשטאָט איבער אַן אַקסל, דערבײַ מיט דער צווייטער האַנט געקראַצט בײַ זיך די פּאָטיליניצע אאַוו. אדג. צײַטן האָבן זיך

אָבער געביטן, און מע האָט שוין ניט געקאָנט אופנעמען סאָנטיקאָווסקיס שרײַבעכץ, עס האָט אויסגעזען אזוי, ווי אין א הײַנטוועלטיקן שטראָם פון אווטאָמאָבילן זאָל זיך באווײַזן אן אייזל־געשפּאן, וועלכער רופט דאפּקע ארויס מיטלײַד, נאָר מאכן פון דעם אייזל אן אווטאָ איז ניט מעגלעך. שפּעטער האָט סאָנטיקאָווסקי געפּרוווט פארבײַטן דעם מאָטאָר פון שאַפונג מיט אָנקלאָגעס אף די רעדאקציעס, אָבער אויך דאָס איז, ווי באַווּסט, אומזיסטע טירכע. איז ער געפאלן אף א האמצאָע.

ער האָט גענומען זיך „רײַבן" אין די קולוארן א סאך מער, ווי א פאַרנומענער ליטעראטאָר קאָן דאָס. צוערשט האָט ער „אײַנגענומען" די פּאָליקליניק, וואָס געפינט זיך אין פילשטאָקיקן הויז, ווו ס׳ווינען שרײַבער. גאַנצפרי, אופגעשטאנען פון שלאָף, זעצט ער זיך ניט צום שרײַבטיש, נאָר שאַרט זיך ארײַן אין קאָרידאָר מיט די הארטע בענק און באשילדלטע טירן. דאָרט דערציילט ער א גוטן צענדליק רוסישע שריפטשטעלער קאָלעריי געהויבענע געשיכטעס וועגן זײַנע אמאָליקע ווערק און וועגן דעם, אז איצט האָבן זײַנע פערזענלעכע סאָנים פארכאפּט די רעדאקציע־טישן. אין מעשעך פון טאָג כאזערט ער איבער דאָס זעלבע אין שרײַבער־קלוב, אין א פאָר פארלאגן, וואָס באשעפטיקן זיך מיט ארויסגעבן ייִדישע אווטאָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג און אף דער מוטער־שפּראך, פּאָשעט אין גאס. ס׳האָט אים צוגעשפּילט, וואָס די רעדאקטאָרן פון ייִדישע ווערק אין די ייִדישע אויסגאבעס, זײַענדיק, אויסער דעם, פארנומען מיט שרײַבן אייגענע ווערק, האָבן קיין צײַט ניט געהאט אים נאָכצוגיין, קעדיי אָפּרופן זײַנע רייד, דערצו נאָך האָט יעדער שריפטשטעלער ארום זיך, ווי געווינלעך, ניט־פארגינער, גלאט נײַגעריקע און, גאָט זאָל אָפּהיטן, סאָנים. סאָנטיקאָווסקי האָט דאָס אלץ מײַסטעריש אויסגענוצט, און שטעלט אײַך פאָר:

ניט שאַפנדיק שוין אין מעשעך פון א דרײַ־פיר יאָרצענדליק קיין איין זאך, וואָס פארדינט געדרוקט צו ווערן, האָט סאָנטיקאָווסקי ארום זיך א גאַנץ היפּשע אנדערש־לאָשנדיקע סוויווע פון מיטפּילנדיקע, מערסטנס טשינאָווניקעס, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין איין שורע זײַנע ניט געלייענט, נאָר גלייבן אים אפן וואָרט, און אייניקע מאָלן פאר זיך אפילע די ייִדישע ליטעראטור ווי א רינג, ווו אף איין זײַט פון דעם קאנאט שטייט דאָס גאנצע ליטעראטור־געזינד, און אף דער צווייטער זײַט — סאָנטיקאָווסקי. דעם ליטעראַרישן מענאכעם־מענדל דוכט זיך שוין אויס, אז ער וועט זיך באַגיין אָן דער ייִדישער ליטעראטור...

אַן אוניקאַל ווינקעלע פון יידישער שאַפונג — די באַדכאָנישע דיכטונג

דער באַדכן און די יידישע פאָלקסליד. די פאַרהעלטעניש צווישן דעם באַדכאָנישן שטייגער און דער פאָלקסליד — איז אַ פּראָבלעם, וואָס איז נעגייע אונדזער גאַנצער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג, אָנהייבנדיק פון די שפּילמאַנס (די „נאַרן“, די „פריילעכע יידן“) און ביז הײַנטיקן טאָג.

דער באַדכן איז אַ כאַסענע־דיכטער. ער האָט געזאָלט מעסאַמייעך זײַן דעם עוילעם אױף דער כאַסענע. זײַן פונקציע איז אומעטום די זעלבע. אָבער ניט געקוקט דערויף, איז אַ באַשטימטע דיפערענציאַציע צווישן די באַדכאָנים געווען. אייניקע האָבן „געלאַכט“, אַנדערע האָבן „געזיפצט“ (אויב מע זאָל זיך סכעמאַטיש אויסדריקן). אַ טיפּישער „זיפצער“ איז געווען בערל בראָדער. ער איז דער עמעסער פאָרגייער פונעם „טרערן־מיליאָנער“ מאָריס ראָזנפעלד, אויך אין אַ געוויסער הינזיכט פון אווראָם רייזענען.

ווען מע זאָל שטעלן די פראַגע אין ליטעראַרישן פּלאַן וועגן דעם באַדכענס האַשפּאָע, מוז אָנגעוויזן ווערן, אַז ניט אַקסענפעלדס געגראַמטע האַקדאָמעס צו די פּיעסן און צום „שטערנטיכל“, ניט א. מ. דיקס האַקדאָמעס און גראַמען (לעמאָשל, „אַלטע יידישע זאַגען“) און אויך ניט עטינגערס מעשאָלים קאָנען ניט געשטעלט ווערן דורכויס אויסער דעם קרײַז פון דער באַדכאָנישער ווירקונג. פון דער צווייטער זײַט, האָט דער באַדכן געמוזט אָנעמען דעם מאָשל, די פאַבל, קעדיי ווי־עס־איז פאַרבלײַבן באַם געבאָט, אַז מע דאַרף קיינעם ניט באַליידיקן, אָבער אין דעם מאָשל האָט מען געהאַט צו טאָן מיט „כאַראַקטערן“, ווי בערל בראָדער זאָגט, און דאָס איז גראָדע געווען עטינגערס שביט. דער באַדכן איז, הייסט עס, אַליין געווען ווי אַ שוואָם, אײַנזאַפּנדיק אין זיך אַלערליי ווירקונגען. ער איז אין אַ געוויסער מאָס דער באַראָמעטער פאַר די שטימונגען אין דער ליטעראַטור פון זײַן צײַט. עס מוז אָבער געפונען ווערן אויך די פונקציע, וואָס דער באַדכן האָט בענעגייע דעם פאָלקלאָר.

צי האָט דער באַדכן גענומען פון דאָרטן דאָס קריגן זיך מיט דער וועלט? געוויס ניט. פאַר דער פאָלקסליד איז ביכלאַל געווען אַקטועל גאָר עפּעס אַנדערש. די פאָלקסליד איז געבויט געוואָרן אױף אַ לירישן פּלאַן. בלויז אין די פאַלן, ווען דער באַדכן האָט זיך געהאַלטן באַ דעם אינטימען געפיל, האָט ער אָרגאַניש זיך דערנעענטערט צו דער פאָלקסליד. ער האָט געקאָנט קומען צום פאָלקס־נוסעך אויך דורך אַן אומוועג: דורך היסטאָרישע לידער, כראָניקעס (אַזוי געפינט ער אויך באַ אַקסענפעלדן די באַשרײַבונג פון מינסקער סרייפעס).

דער לירישער מאָטיוו באַ דעם באַדכן. אין אָט דער פּראָבלעם מוז דער פאָרמעלער אַנאַליז גיין באַנאַנד מיטן פאַרגלײַך פון דער טעמאַטיק. ס'איז קלאָר, אַז דער באַדכן האָט זיך געשאַפן זײַן קרײַז טעמעס. ער האָט, לעמאָשל, זייער ווייניק אָפּגעגעבן זיך מיט ליבע. באַדכאָנישע לי־

דער אף אָט דער טעמע טרעפן זיך זעלטן אפילע בא דעם באָהעמישגעשטימטן וועלוול זבארזשער. אויך די פאמיליען־ליריק, דער מאָטיוו שטיפמוטער, שוויגער אדג. האָט ווייניק פארנומען אָרט אין באדכאָנישן שטייגער. ווי געזאָגט, האָט דער באדכן מער געהאט צו טאָן מיטן „כאראקטער", דאָס הייסט מיט דער אָביעקטיווער שילדערונג פון געוויסע סאָציאלע גרופן, איידער מיט ארויסברענגען זייערע סוביעקטיווע איבערלעבונגען.

פאראן נאָך איין פאָרם פון ליריזם באם באדכן — דער אינטים־איראָנישער נוסעך. רעדנדיק קלוימערשט אין נאָמען פון א העלד, לאכט דער באדכן אים אויס. לעכאטכילע, בא בערל בראָדער, האָט די דאָזיקע אווטאָכאראקטעריסטיק פון די העלדן געזאָלט האָבן א לירישן כאראקטער, דערפאר פלעגט בערל בראָדער אָנהייבן אלע מאָל מיטן נוסעך: „איך, נעבעך, אָרעמער שוסטער" אאוו. אָבער שפעטער, בא די איבעריקע באדכאָנים, איז אלץ ווייניקער און ווייניקער פארבליבן פון אָט דעם נוסעך, און אויב עס פלעגט נאָך ריידן א קוואָרעס־מאן, איז בלויז קעדיי צו שילדערן די פארגענגלעכקייט פונעם לעבן איבערהויפט און ניט דאָס לעבן פונעם קוואָרעס־מאן ביפראט.

דער ליריזם פונעם באדכן איז געווען דאָסראָוו מאגידיש. ער האָט אנטהאלטן א סאך מוסער, וואָס האָט אָפט אָנגערירט געזעלשאפטלעכע טעמעס. אין אזעלכע פאלן איז דער באדכן געווען א מין פאָלקס־פובליציסט. דאָ האָט שוין דער ליריזם געמוזט אָננעמען אן אנדער כאראקטער. ער האָט געמוזט, פון איין זייט, ווערן ברייטער, אידייִשער, פון דער אנדערער זייט אָבער, איז ער געוואָרן בלאסער, פארלאָרן די אומיטלבארע קראפט. דער „בייזער מארשאלעק" האָט ארויסגעשטויסן דעם באָהעמע־מענטש, דעם בראָדער זינגער. דאָס האָט געפירט צו עליאָקום צונזערס שטייגער־מאָטיוו.

באדכאָנישע דיכטונג אין די 70־ער יאָרן. די באדכאָנישע דיכטונג איז ערשט אין די 60־ער יאָרן, באזונדערס אין די 70־ער יאָרן געקומען צום לייענער. מיסטאמע האָבן דערביי מיטגעווירקט אויך געוויסע אָביעקטיווע פאקטאָרן, לעמאָשל, די דרוק־מעגלעכקייטן. אזוי, האָבן מיר די באדכאָנישע ווערק אין אָדעס אין א פיל קלענערער צאָל איידער אין ווילנע. ליטע האָט איבערהויפט ארויסגערוקט מער באדכאָנים־אנאָנימען איידער אוקראינע. אין אוקראינע האָבן זיי זיך קימאט אלע דערהויבן צו דער מאדרייגע פון ליטערארישע פערזענלעכקייטן. אין דער ליטע זיינען זיי געבליבן נאָר באדכאָנים (מיט קליינע אויסנאמען). דערביי איז מערקווירדיק, וואָס מיר ווייסן אזוי ווייניק וועגן פוילישע באדכאָנים, האגאם אין דער לעקסיק פון די ווילנער באדכאָנים זעט מען גאנץ אָפט שפורן פון פוילישער אָפשטאמונג.

באדכאָנישע דיכטונג אין די 80־ער יאָרן. אין 1887 יאָר האָט שאָלעם־אלייכעם געשריבן: „קיין באדכן אין פאָלקסבלאט וויל איך ניט זיין". ווייזט אויס, אז צו יענער צייט איז שוין אין דעם באגריף „באדכן" געווען א היפשע מאָס פון וולגארישקייט. שאָלעם־אלייכעם האָט טאקע דער

ערשטער אָנגעהויבן פֿירן אַן אַנטשיידענעם קאַמף מיט די באַדכאָנים. ער האָט עס געמוזט טאָן דערפֿאַר, ווײַל דער באַדכאָנישער שטייגער איז גע־וואָרן דער מאָקעם־מיקלעט פֿאַר אויסגעשעפּטע ליטעראַטן.

צי שטייט ניט די יערידע פֿונעם באַדכאָנישן שטייגער אין צוזאַמענ־האַנג מיט דער פּרעסע־אַנטוויקלונג? מעגלעך, אַז אַזוי איז דאָס טאַקע. ס׳איז דאָך קיין צופֿאַל ניט, וואָס אין „קול מבשר״, ווי איבערהויפּט אין דער פּרעסע פֿון די 70־ער און 80־ער יאָרן, איז קיינמאָל ניט געדרוקט געוואָרן קיין זאַך פֿון די באַדכאָנים. די באַדכאָנים האָבן ניט באַשאַפֿן דעם פֿעליעטאָן, כאָטש, ווי עס דאַכט זיך, איז ער פֿאַר זיי געווען ווי אָנ־געמאָסטן (ר׳ מאָרדכעלע).

אַלנפֿאַלס, איז דאָס אַן אינטערעסאַנטע פֿראַגע: צי זײַנען ניט די באַד־כאָנים געוואָרן איבעריק דאַן, ווען ס׳האָט זיך פֿאַרשפּרייט אינעם ייִדישן ייִשעוו די פּרעסע?

✧

וויאַזוי האָט ער דאָס געמאַכט, אַז קיינער זאָל וועגן דעם ניט וויסן

א גראַפֿאָמאַן קומט צו זײַן באַקאַנטן, אַ פֿאַרלעגער, וועלכער זאָגט זיך געוויינלעך אָפּ אפֿילו צו באַקאַנען זיך מיט די קסאַוויאַדן, וואָס יענער ברענגט צו טראָגן.

— דו ווייסט, איך האָב אָנגעשריבן אַ נײַעם בוך און אים אַ נאָמען געגעבן „וויאַזוי האָב איך עס געמאַכט, אַז קיינער זאָל ניט וויסן״...

— וואָס זשע האָסטו דאָרט אַזוינס געמאַכט?

— דאָס קאָן איך דיר ניט זאָגן.

— און אויב איך וועל אַליין דורכלייענען?

— וועסטו אויך ניט וויסן.

— טשיקאַווע... טראָג אַרײַן דעם קסאַוויאַד.

✧

א פֿאַרגלײַך

א ליטעראַטאָר, וואָס שרײַבט אױף ייִדיש, אויסמײַדנדיק דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו, דעם קאָלאָריט פֿון דער ספּעציפֿישער סוויווע, די טראַדיציאָנעלע לעקסיק און פֿראַזעאָלאָגיע אוקעדוימע, קאָן זיך ניט רעכענען פֿאַר אַ ייִדישן שרײַבער איבער דער זעלבער סיבע, פֿאַרוואָס עס קאָן ניט זײַן אַ ייִדישער קלויסטער, צי אַ פּראַוואָסלאַווע סינאַגאָגע.

✧

ווער איז א פּאָעט

צוזאמען מיט דער וועלט פון רעאַליטעטן טראָגט מיט זיך דער פּאָעט א וועלט פון ניט רעאַלע, אויסגעדאַכטע, פאַנטאַסטישע, מעטאַפאָרישע „שטאָפן" און אויסמעסטונגען. דערביי איז אָפּגעהיט אַזאַ באַדינג: דאָס רעאַלע און דאָס אויסגעדאַכטע זיינען באַם פּאָעט האַרמאָניש צונויפגע־בונדן און קעגנזייטיק באַווירקט, אַלדאָס רעאַלע ווערט טראַנספאָרמירט אין פאַנטאַזיע און די פאַנטאַזיע איז אָפּן גרענעץ פון רעאַלן.

✧

וויִדער — פאַרגעסענע לידער

„וויִדער" — ווייל איך האָב שוין אַ פּאָר מאָל פאַרצייכנט באַ זיך אָט די דאָזיקע טעמע. עס איז געגאַנגען אַ רייד וועגן מיינע לידער, וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין זשורנאַלן און צייטונגען און כ'האָב זיי שפּע־טער, אָן אַ סיבה דערצו, ניט איינגעשלאָסן אין די דערשינענע זאַמלונ־גען (לידער־„שטיפקינדער").

איצט איז געקומען די ריי פאַר אַזעלכע לידער, וועלכע איך האָב איבער צופעליקע טעמים ביכלאַל ניט פאַרעפנטלעכט.

אין מיטן פון די זעכציקער יאָרן איז באַהאַנדלט געוואָרן די אידיי וועגן דעם, אַז אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל „גיין צו־גאַסט" צו דער יִיסראָעלדיקער פּערטליאַר־שריפט „די גאָלדענע קייט". דאָס הייסט, אַז אַ גאַנצער נומער פון דער „גאָלדענער קייט" זאָל אויס־געטיילט ווערן פאַר נייע ווערק פון די סאָוועטישע יִידישע שרייבער. וועגן דעם דאָזיקן איניגען האָב איך זיך דורכגעשריבן מיטן יִיסראָעלדיקן רעדאַקטאָר־קאָלעגע אַ. סוצקעווער, און מע האָט אָפּגעמאַכט, אַז אַזוי זאָל זיין. ס'האָט אָבער אויסגעבראָכן די „זעקסטאָגיקע מילכאָמע", און לעמאַן האָעמעס דאַרף איך זאָגן, אַז ניט „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט צו־ריקגעוויזן די צונויפגערעדטקייט...

צווישן די מאַטעריאַלן פאַרן ספּעציעלן נומער פון דער „גאָלדענער קייט", וועלכע מיר האָבן אָפּגעשיקט קיין טעל־אַוויוו, איז געווען מיינע אַ ליד, איך ברענג זי דאָ אָן קופּירן:

אַ ברִיוו צו אַן אוועקגעגאַנגענעם

איר זיינט פון אַלטן שטאַם אַ צווייג,
איר שטאַמט פון גאָלעס דאָך אָוואַדע.
און איך בין אומרויִק און שווייג,
ווען איר
פאַר אונדז
זיינט זיך מיסוואַדע.

כ׳בין דעמלט אויך געווען אין וועג,
און שווער געטראָפן האָט אונדז ביידן.
נאָר פון דעם וועג זײַנט איר אוועק —
אוועק, קעדיי מיט מיר זיך שיידן.

איר זאָגט: דרײַ טויזנט יאָר מיט גוואלד
געצויגן זיך צום ברונעם האָט איר.
און איך בין אויך אזויפיל אלט! —
איך ענטפער אײַך.
און שוין? און פּאָטער?

עס איז אין אויג מײַנעם דער ווײ,
פּונקט ווי דער צאָפּן־יאם פּארפרוירן.
איך בין אין רוסלאנדס הויכן שניי
אין דעם אָקטיאבער־יאָר געבוירן.

און איר זײַנט אויך געווען אין וועג.
דער קריג געטראָפן האָט אונדז ביידן.
נאָר פון דעם וועג זײַנט איר אוועק —
אוועק, קעדיי מיט מיר זיך שיידן.

די ווערטער מײַנע איצט איך שפּאָר,
ווײַל ס׳שרײַט ארויס פון אלע פענצטער:
אין זכוס פון דרײַסיק הונדערט יאָר —
די לעצטע פּופּציק ניט צעטרענצלען!

איר זײַנט פון אלטן שטאם א צווײַג,
איר שטאמט פון גאָלעס דאָך אוואדע.
און איך בין אומרויִק און שווײַג,
ווען איר
פאר אונדז
זײַנט זיך מיסוואדע.

„אן אלעגאָריע״ איז א ליד, וועלכע איז אָנגעשריבן געוואָרן אין גאנג פון ליטעראַרישער פּאלעמיק, אלס אָפּרוף אף א קאָנקרעטן שמועס מיט א קאָנקרעטן שרײַבער, וואָס אָנרופן דאָ זײַן נאָמען איז איבעריק.

אן אלעגאָריע

ס׳איז אן אײַנגעשטעלטער סיידער:
א געזונטער, יונגער בוים
האָט ניט מוירע, ס׳זאָל א צווייטער
אָפּנעמען בא אים דעם רוים.

רונדאַרום מיט כיישעק ווילדן
וואַקסןביימער — פֿול דער וואַלד.
איינער וואַקסט מיט גוטן ווילן,
און אַן אַנדערער — מיט גוואַלד.

און דעם גוואַר איז ליב און אייגן
אַלץ, וואָס לעבט מיט בלי־און־דראַנג.
מערער ביימער — מערער פֿייגל,
מערער פֿייגל — מער געזאַנג...

איך אַ זײַט, פֿון וואַלד אַנטלאָפֿן,
אַ טרױכליאַווער זאָקן שטייט.
ס'הוילע פֿעלד איז פֿאַר אים אָפֿן,
נאָר פֿאַרשטעלט
פֿון וואַלד די פֿרייד.

ער וואָלט געבן זיך אַ ניידער
זײַן ווי יענער יונגער בוים,
האָט ער מוירע: ס'וועט אַ צווייטער
אָפּנעמען בײַ אים דעם רוים.

און אָט זײַנען עטלעכע לירישע לידער. זיי זײַנען אַלע געשריבן אין איין צײַט. די דרוק־מאַשין אַף זיי אָפּדרוקן איז, ווי מע זאָגט, „געווען פֿאַרנומען מיט אַנדערע אַרבעטן”, און פֿאַרשטעקנדיק זיי אין אַ ווײַטן שופֿלאָד, האָב איך מיט דער צײַט בִּיכלאַל פֿאַרגעסן אין זיי.

א ליד וועגן שיינקייט

עס טאַנצן צוויי גימנאַסטקעס,
זיי טאַנצן גוט און שיין.
איך קוק אַף זיי פֿונווײַטן —
דאָס פּאָנעם נאַס, איך וויין.
וואָס גיס איך הייסע טרערן?
ס'איז שרעקלעך דען? ס'טוט וויי?
ס'איז שווער דען אַפֿן האַרצן,
ווען ס'טאַנצן מיידלעך צוויי?
אַן אומגליק האָט געטראָפֿן?
אַ צאָרע וואַרט אַף זיי?

עס טאַנצן צוויי גימנאַסטקעס,
איך קוק אַף זיי און וויין.
און וואָס איז דען פֿאַרלאָפֿן?
אַך, פֿרעגט מיך ניט, ס'איז שיין...

1958

די מ׳עסע

קומסט אַרײַן — אַ שײנע. אױסגעכאַליעט, צוגעפּוצט, פּאַרצױגן
אין געפּרעסטע זײַדענע צי װאָלענע בעגאָדים.
קומסט אַרײַן — אַ שײנע, מיט אַ רײנעם גלײַכגילט אין די אױגן,
און דו װאַרטסט, איך זאָל דיך אָפּשאַצן, װי דעם רעקרוט באַם „גאָדיען".

און די שײנקײַט דײַנע — ניט פאַר גאָט, און ניט פאַר לײַט און ניט פאַר קײנעם,
װי דאָס גאָלד בײַ די נעגידים — אַף אַרױסשטעלן און אַף פאַרשליסן.
קומסט צו גײן, און כײנדלסט זיך און פרעגסט: איך בין אַ שײנע?
— נײן ביסט ניט קײן שײנע. ביסט אַ מ׳עסע.

אַלץ, װאָס יעדן מענטש פאַרשיקערט מיט פאַרדראָס, געװײן און שמײכל:
די פאַרליבטקײַט, און דער אײפער, און דער קוש, און די געפילן,
אַלץ איז װאָכעדיק באַרעכנט אין דײַן אױסמוּשטירטן סײכל —
אַך, לעמאַנעשעם, געװינען... אַך, כאָלילע, ניט פאַרשפּילן...

כ'װעל די פּוסטקײַט און דעם גלײַכגילט אױסברעכן פון דײַנע אױגן,
װי מיט קלאַפּ פון פּוס מע זעצט אַרױס אַ טיר פון די זאַװיסעס.
ס'איז אַ ליגן. ס'איז אַ פּוסטער כאָלעם. ניט געשטױגן, ניט געפלױגן.
דו ביסט ניט קײן שײנע. ביסט אַ מ׳עסע.

1957

אַ בילדל

אײנדערלופטן שיט און שור'װעט,
פליט און פאַלט געדיכט אַ שנײ —
אױסגעגאָסן פון דער אורװעלט,
װי אַ װײַסעכל פון אײ.
אַף דעם פּלאַץ פון די װאָקזאַלן
שטײט אַ טשערעדע טאַקסי.
די װאָקזאַלן — פונקט װי שטאַלן,
די מאַשינעס — פונקט װי פי...

גײ איך צו צום בלױען היטל
און איך זאָג אים: — הער מיך אױס,
אײדער די אַספאַלטן היטן,
בעסער װאָלסטו שױן דאָס הױז
מיט די פענצטער, װי װיטרינעס,
מיט די זאַלן — הױך און ברײט —
אופגעפּראַלט פאַר די מאַשינעס,
װעלכע גליװערן פאַרשנײט...

נאָר עס קומט אַ פּולער צוג אָן,
און פון זיך ער וואַרפט אַרויס
פרייד און ראַש, און שפּיל און יוגנט,
פּאַסאַזשירן — קליין און גרויס.
יעדער איינער איז אַ באַלן
אַ טאַקסי פאַרכאַפּן פרי׳ר.
די מאַשינעס — פּונקט ווי שטאַלן,
און די מענטשן — פּונקט ווי פי.

און אין סאַמע־סאַמע מיטן,
אויף אַ קליינעם פּיעדעסטאַל,
רויק שטייט דאָס בלויע היטל
מיטן פּאָנעם צום וואָקזאַל.
ווי אַ פּאַסטעך מיטן שטעקל
טוט ער קישעפדיק אַ וויז.
די מאַשינעס זיך דערשרעקן
און צעלויפן זיך ווי מייז.

כ׳וואַרט אַ גאַנצע שאָ און מערער,
ביז צוריק זיי קומען אָן —
פרישן שניי געבראַכט אויף דעכער,
דרעמלען איין באַנייס אַ קאָן.
אויף דעם פּלאַץ פון די וואָקזאַלן
שטייט אַ טשערעדע טאַקסי.
די וואָקזאַלן — פּונקט ווי שטאַלן,
די מאַשינעס — פּונקט ווי פי...

1956

אַ ליגן

דער אָנהייב פון יאַמטעוו איז וואָכעדיק פּראָסט:
מע נעמט זיך אַראָפּ אויף דער פּיאַטע אַ מאָס,
דאָס הייסט, אַז מע גרייט שוין די פיס צו דעם טאַנץ,
צום טרעטן דעם יאָמטעוו מיט סקריפּ און מיט גלאַנץ.

באַצייטנס באַשטעלט מען אַ נייעם קאַמזויל,
מע בויטעט דעם בוטל מיט בראַנפן: „וואויל״...
באַ בענקלעך און בענק דעם געזעס וואַשט מען אָפּ,
באַ זיך וואַשט מען אָפּ דאָס געזיכט און דעם קאָפּ.

אויף יאָמטעוו פאַרשפּאַרט מען דאָס פי אין דער שטאַל,
די געסט — מעכוטאָנים פאַרנאַרט מען אין זאַל,
מע שיקט נאָך די קלעזמער...

און גלײַך מע פֿאַרגעסט
דאָס האַוועןֹ, דאָס לױפֿן.
מע זאָגט צו די געסט:

„איך זיץ זיך אַזוי און דערזע, אַז איר גײט...
צו מיר? —
ס׳איז מײַן טיש פֿאַר אײַך שטענדיק געגרײט!
אַ דאַנק פֿאַר דעם קאַוועד. נאָר שאַט, ס׳איז דאָך הײַנט...
ס׳אַ יאָמטעוו בײַ מיר דאָך... אַ דאַנק, מײַנע פֿרײַנט״.

(און אָנשטעל מע מאַכט,
אַז מע האָט ניט געוואַרט...)
דעם ליגן פֿאַרענדיקט מען ליבלעך און צאַרט:
„דער אָנהייב פֿון יאָמטעוו, איר זעט דאָך, איז פֿראָסט:
אין יאָמטעוו דערמאָנט מען זיך ערשט בײַ דעם טאָסט...״

1957

✧

רעב כאַנאָן דער באַרעמהאַרציקער האָט מיר געזאָגט...

(פֿאָרזעצונג 2)

דאָס פֿאָרן אין פֿאָדקאַלאָקאַלני־געסל צו רעב כאַנאָן דעם באַרעמהאַר־ציקן איז שוין בײַ מיר אַרײַן אין דער טעווע. פֿריִער האָט צוליב דעם געדאַרפֿט זײַן אַ סיבע. איצט מאַכט זיך, אַז די סיבע טראַכט איך צו, אַבי זיך אַ ביסל אָפּפֿרישן מיט הערן די רייד און מיט זען די אופּירונגען פֿון אָט דעם ליבן מענטשן.

דאָס מאָל האָט מיר אָפּגעגליקט: כ׳האָב געטראָפֿן בײַ רעב כאַנאָנען אין שטוב אַ פֿרוי. געווען איז דאָס זײַן שוועסטער, וועלכע איז, ווי עס ווײַזט זיך אַרויס, אַראָפּגעקומען פֿון אַן אַמאָליק יידיש שטעטל אויף דער אוקראַינע, וווּ זי איז אַ לערערן פֿון מוזיק. אין מעשעך פֿון די פּאָר שאָ, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט בײַ רעב כאַנאָנען, האָט ער זי קיין איין מאָל ניט אָנגע־רופֿן באַם נאָמען, און מיר איז ניט געווען באַקוועם זיך אָנצופֿרעגן, דע־ריבער ווייס איך ניט, ווי אַזוי מע רופֿט זי. מער ניט, אין זײַנע שפּאַט־רייד וועגן איר האָט אַ קלונג געטאָן דער טרעפֿלעכער, ווי ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט, צונאָמען סענדעריכע די יידענע, און ווײַטער וועל איך זי טאַקע רופֿן סענדעריכע.

אַ גוטהאַרציקע, אַן אויסגעשפּראָכענע ווײַבערשע נעשאָמע, מע קען זי אַרום אַ פֿינגער אַרומוויקלען, איז סענדעריכע אומגעוואַקלט אין איינס: זי גלייבט, אַז דאָס יידישע שטעטל איז ניט אויף אייביק פֿאַרשוווּנדן,

ס׳וועט נאָך קומען אַ צײַט... וווינענדיק דאָרט, ווו עס איז געווען אַמאָל אַ שטעטעלע, פֿאַרנעמט זי זיך, אויסער לערערײַ אין אַן אוקראַיִנישער שול, מיט פֿאַרשרײַבן לויטן זיקאָרן און אופֿזוכן ייִדישן פֿאָלקלאָר. כּאַנאַן האַלט זי פֿאַר אַ צאַפּ אָן אַ קאָפּ.

שמועסנדיק, דערמאָנען מיר זיך וועגן דער אײַנריידעניש, אַז אַ ליקער־כּאַמע איז אַ שלעכטער סימען פֿאַר ייִדן. מישט זיך סענדעריכע אַרײַן:

— וואָס איז מיר סטראַשנע? ס׳איז מיר ניט סטראַשנע. איך קאָן אָנצינדן די עלעקטריטשעסטווע...

כּאַנאַן קוקט אױף איר עטלעכע רעגעס, און אוועקשטעלנדיק זיך צווישן איר און מיר, זאָגט ער אָן קאַס און אָן קיינע שום אַנדערע עמאָציעס:

— מע שרײַבט אין די גאַזעטן, אַז עס זײַנען פֿאַראַן ווײַבלעך פּרעמיער־מיניסטאָרן. זאָג איך אײַך: דאָרט, ווו אַזוינס האָט געטראָפֿן, קאָן געמאָלט זײַן, אַז פֿערד זאָלן מאַכן רעוואָליוציע צוליב בעהיימעס...

סענדעריכע פֿאַרשרײַבט סגולעס, רעפֿועס, לידער מיט מעלאָדיעס, ניגונים, וויצן, ווערטלעך, מײַסעס, אײַנריידענישן, ציילענישן. דאָס, וואָס זי פֿאַרשרײַבט, איז אַמערסטן שוין באַוווסט. און דאָך — ווי שיין זי איז אין איר באַשעפֿטיקונג! „איך קאָן אײַך געבן אַ באַשווערונג,״ — זאָגט זי און הייבט אָן גיך־גיך שטעפּן מיט דער צונג: „האַקן, באַקן, בראָטן, ברענען, וואָס עס וועט ליגן, דער וועט ליגן אין געהענעם״... דערנאָך מאַכט זי צו מיר גאַנץ ערנסט: „זאָגנדיק עס, זאָלט איר נעמען די ציצעס אין דער האַנט פֿאַר אָן איידעס״...

זי ווײַזט אונדז מיט קינדערשער אומיטלבאַרקייט, וויאַזוי אַמאָל פֿלעגט מען שפּילן אין באַלעבאָסטעס, אין כּאַסן־קאַלע, אין קיצלען זיך; וויאַזוי מע האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַ קאַראַהאָד, זינגענדיק: „האַקמעסער, בראָקמעסער, מיר איז גוט, דיר איז נאָך בעסער״.

די שפּיל אין קיצלען זיך. איינער דערציילט אַ מײַסעלע, און אַלע איבעריקע אילוסטרירן די פּאַסירונגען מיט די פֿינגער. יעדער פֿינגער שפּילט די ראָל פֿון אַ פּערזאָן אין דער מײַסע. באַם דערמאָנען אַ פּערזאָן רירט מען אָן מיט די פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט דעם באַטרעפֿנדיקן פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט, אָדער מע פֿירט דורך די געהעריקע באַוועגונגען לויטן אינהאַלט פֿונעם מײַסעלע. די ווערטער זײַנען אַזעלכע:

— די שוואַרצע קאַניע האָט געקאָכט אַ גריץ. האָבן אַלע קינדערלעך געהאָלפֿן. ס׳האָט דער עלטסטער (מע באַרירט דערבײַ דעם ווײַזפֿינגער) געבראַכט האָלץ, דער מיטלסטער געבראַכט וואַסער (דעם מיטלסטן פֿינגער), דער דריטער געמאַכט פֿײַער (דעם געהעריקן — דריטן — פֿינגער), און איצעלע־פּיצעלע האָט געקוקט (דעם קליינעם פֿינגער). נאָר דער גראָבער כּאַזער האָט גאָרניט געוואָלט טאָן. אַז די גריץ איז געוואָרן פֿאַרטיק, האָט די שוואַרצע קאָניע געגעבן מיר אַ פֿול שיסעלע, דיר אַ ביסעלע, אים נאָך ווייניקער פֿון אַ ביסעלע, און איצעלע־פּיצעלע האָט זי נאָך גאָרניט געגעבן. דערווײַל איז געקומען דער גראָבער כּאַזער און אופֿגעגעסן די גאַנצע פֿאַן מיט גריץ (די אָנטיילנעמער פֿון דער שפּיל באַוועגן דעם

גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט איבער דער דלאָניע און זאָגן „האַם, האַם, האַם!"). איז די שוואַרצע קאָניע געוואָרן זייער אין קאַס און גענומען א מעסער און געקוילעט דעם גראָבן כאַזער (די אָנטיילנעמער פידלען מיטן קאַנט פון דער רעכטער דלאָניע איבערן גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט און זאָגן „קיזעלע, מיזעלע, כיק, כיק!"). די אָנטייל־נעמער אין דער שפיל הייבן אָן צו קיצלען איינער דעם אנדערן.

ס'איז צו זען, אַז רעב כאַנאָן האָט ליב סענדעריכען. בייס זי רעדט און לייענט פון איר העפטל, קרימט ער זיך, ווי פון א מאַראַנץ, וואָס איז צו ווײַניק, נאָר עס ווילט זיך נאָך. יעדע רעגע בייגט ער זיך אָן צו מײַן אויער און זאָגט עפעס, צוערשט: „קאָלאָקאָטשעט ווי א גאַנדז", שפעטער מיט בנײַגער: „וואָס עמעס איז עמעס" און „פראָסטע זמאָסטע"; און לעסאָף:

— זי האַלט אויס די פראָבע, האַ?

איך הייב אָן צו לויבן סענדעריכען, ווערט ער ווידער קיסלע:

— עט, א פיסקל ווי א שויר האַניסקל...

סענדעריכע טוט א פליעסקע מיט די הענט און צעלאַכט זיך, כאָטש לויט די רייד, וואָס זי וועט באַלד אַרויסברענגען, וואָלט מען אויך געקאָנט זיך פאַנאַנדערוויינען. זי זאָגט:

— ריבוינעשעלוילעם... שויר האַניסקל איז דאָך אַן אָקס, וואָס האָט גע־טייט א מענטשן...

און רעב כאַנאָן פאַרענדיקט דעם געדאַנק, טוענדיק א פיר מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט אונטערגעכאַסמעט א פאַפיר:

— און פאַר דעם, מײַן טײַערע סענדעריכע די יִדענע, האָט מען דעם אָקס פאַרורטיילט פאַרשטיינט צו ווערן.

ווי זײַן טעווע איז, הייבט רעב כאַנאָן אָן צו „גראָבן טיפער". ער נעמט אַרויס פונעם ביכער־שראַנק א באַנד פון וועלימיר כליעבניקאָוון און לייענט פאַר אונדז דורך א נאָטיץ וועגן קישעף־לאָשן. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז די פאַרעדענישן (заговоры) און פאַרשפרעכענישן (заклинания), אָט די „שאַגאַדאַם, מאַגאַדאַם, וויגאַדאַם, פיץ פאַץ, פאַצו" זײַנען אין טאָך אַרויסגעבראַכטע אָף א קאָל ווערטער־טראָפן, וואָס מע שרײַבט זיי צו דעם קויעך צו פאַרקישעפן דעם מענטשן.

— און זעט, וואָס פאַר א געני:אַלן פאַרגלײַך עס מאַכט כליעבניקאָוו, — שרײַט אויס רעב כאַנאָן און לייענט ווײַטער: — „אויב אָנעמען, אַז אין דער נעשאָמע זיצט א רעגירונג פון דעם זינען און דאָרט איז פאַראַן א ברויזנדיק פאָלק פון געפילן, דאַן זײַנען די פאַרעדענישן (заговоры) און דאָס פאַרשטעלטע לאָשן א מין ווענדונג איבערן קאָפ פון דער רעגירונג דירעקט צום פאָלק פון די געפילן..."

ערשט צום סאָף פונעם שמועס קומט צו רייד, אַז סענדעריכע איז דאָך א לערערן פון מוזיק, דאַרף זי עפעס אויסזינגען פון יִדישער נעגינע. ווען מע זאָגט עס איר, טוט זי א פליעסקע מיט די הענט און צעלאַכט זיך. נאָר אָט ווערט זי אײַנגאַנצן ערנסט און פרעגט:

— א טפילע? א קינע? א זעמער?

רעב כאַנאָן שלאָגט זי איבער:

— עפשער פאַרגי ענד בעסט?..

זי פאַרוויטלט זיך אַזש:

— ריבוינעשעלוילעם... גערשווין איז דאָך אַ הײַנטיקער.

דערנאָך רופט זי אויס, אַזוי ווי פאַר שילער אין קלאַס:

— פאַראַן פאַרשיידענע נוסכאָעס. נוסעך אַשקענאַז...

עפּעס ווי פאַרשעמענדיק זיך, וואָס זײַן באַליבטע שוועסטער — אַ זעכ־ציקיאָריקע שוין, גראָבלײַביקע, אײַנגעהאָרבעטע, פּילגעווידערטע, שטאַרק שלאַפּע — וועט זיך אַוועקשטעלן זינגען פאַר אַ פרעמדן מענטשן, האָט רעב כאַנאָן אין איין רעגע געמאַכט אַ סאָף צום ספּעקטאַקל:

— אָדער דו גיסט אונדז אַ גלאָז טיי, אָדער מיר גייען אַראָפּ אין סעדל עטעמען מיט לופט...

סענדעריכע האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט און צעלאַכט זיך אַזוי אומבאַהאָלפן־נעבעכדיק, אַז דאָס האַרץ האָט בײַ מיר אַזש גענומען וויי טאָן.

✧

סידי טאַל

דאָס איז געווען מיט פיל יאָרן צוריק, און ווען אין יענעם אָפּדער־נאַכט וואָלט איך געשמועסט מיט עמעצן אַנדערש, ניט מיט מיכאָעלסן, איז אַ גרויסער ספק, צי ס׳וואָלט איצט מעגלעך געווען אויפֿצושטעלן אין זיכּרון די פּרטים פֿונעם שמועס. מיכאָעלס האָט גערעדט מיט אַזאַ אײַנגעבוירענעם כּיין, אַז עס איז געגוג זיך דערמאָנען זײַן געשטאַלט, ווי די רייד הייבן אָן אַליין צו קלינגען.

מיר זײַנען געגאַנגען פֿונעם טעאַטער, וועלכער געפֿינט זיך אין מאָסק־ווער שטאָטישן סאָד „ערמיטאַזש", נאָך אַ קאָנצערט פֿון סידי טאַל. די אַקטריסע האָט שוין אין דער פֿאַרמילכאָמעדיקער רומעניע געהאַט דעם שעם פֿון אַן אויפֿגייענדיקן שטערן, און דעם נײַעם, סאָוועטישן צושויער, האָט זי מאַמעש באַצויבערט. בײַ אַלעמען אויף די ליפּן זײַנען געלעגן אירע טמימעסדיקע אַרײַנזאָגעכצן. ס׳איז שטאַרק געפֿעלן געוואָרן דאָס האַרט־לעכע און מעלאָדישע לאָשן פֿון דער ייִדישער גאַליציע, די אומגעקינצלט־קײַט — אַ מין פֿאַרשטעלן זיך מיט קינדערשער נאַיִווקײַט און מיט ווײַ־בערשן פּראָווינציאַליזם.

איך האָב דעמלט אָנגעפּירט מיט די ייִדישע טראַנסליאַציעס פֿון דער אַלפֿאַרבאַנדישער ראַדיאָ. אין יענעם אָפּדערנאַכט איז פֿאַרגעשטאַנען צו פֿאַרשרײַבן אין דער סטודיע אַ ספּעקטאַקל פֿונעם גאַסט, און כ׳האָב צו־זאַמען מיט מיכאָעלסן זיך אַוועקגעלאָזט גלײַך פֿונעם קאָנצערט צום הויז פֿון ראַדיאָ־קאָמיטעט.

מיכאָעלס איז געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט שווערע טריט, ווי אויף בינע־

ברעטער, ווען מע דארף אזוי גיין לויט דער רעמארקע. וויסנדיק, אז דער סקווער צווישן פעטראָווקע און דעם פושקין־פלאץ איז נאָך פול מיט צושויער פונעם קאָנצערט, וועלכע קערן זיך אום אהיים, האָט ער טאקע צוערשט פאָזירט א ביסל, נאָר ריידנדיק וועגן סידי טאל, זיך אזוי באגײַסטערט, אז דאָס, וואָס מע קוקט אף אים פון דער זײַט, האָט שוין אף אים ניט געווירקט.

זײַנע אָפשאצונגען זײַנען געווען ריין פראָפעסיאָנעלע: ווען די אקטריסע פאלט ארײַן אין דער ראָל, איז שווער פון דאָרט זי ארויסשלעפן, זי רײַסט ניט קיין קוליסן, שפילט ניט פאר דער גאליאָרקע, נעמט דעם אוילעם אף זיכער אדג. ער האָט געמאכט א פאָר דינע באמערקונגען וועגן די מיטלען, מיט וועלכע ס׳ווערט דערגרייכט די איבערגעשטאלטונג ניט בלויז פון דער אקטריסע, נאָר פונעם צושויער אויך. איך בין מסכים געווען מיט אים, אָבער איין זאָג זײַנער האָט זיך פארענדיקט מיט א צווייפלהאפטן פאָרשלאָג.

— איר לאָשן! איר גאליציאנער יידיש! מיר, דאָ אין מאָסקווע, האָבן דאָך שוין לאנג ניט געהערט אזא ניגן אין דעם לאָשן, אזא מאָדוליאציע, דאָס דריקן דאָ און דאָס דריקן דאָרט. איר פארשטייט, וואָס איך מיין? סידי טאל איז ניט קיין יענטע, קיין לעפטשיכע, אין מײַרעוו זאָגט מען א קאלאקאָטקע, א קלאפאָטשיכע, אויב איר ווילט — א קוואָקלע ווי די מומע צוואָקלע. זי איז א הײַנטיקע זאָגערקע, וועלכע ווייסט די מויל־מעלאָכע. באריידעוודיקײַט? מײַנעלאָשן? דאָס רעדן פיסקאטע? יאָ, אָבער זי גייט דאָך ארויס מיט לאָשן, קעדיי אויסגיסן דאָס הארץ! איז אָט, טײַערער מײַנער. צוליב אָפהיטן פאר די קומענדיקע דורות דאָס לאָשן פון די בוקארעשטער, טשערנאָוויצער, יאסער יידענעס, וואָלט איך פאר אזעלכע זאָגערנס, ווי סידי טאל, געמאכט, ווי אף רוסיש הייסט עס, א זאפאָוויעדניק, אין יידישן באגריף — א מין שפראך־געטאָ...

איך האָב דערווידערט: נעמען א לעבעדיק לאָשן אינעם מויל פון א הײַנטצײַטיקער קינסטלערן און ארײַנפירן עס אין זאפאָוויעדניק (דאָס וואָרט געטאָ וויל איך אפילע ניט ברענגען אף די ליפן)! מיכאָעלס האָט מיר נאָכגעגעבן, אָבער, ווי מע זאָגט, בלויז לויט דער פאָרם:

— מיילע, לאָמיר בײַטן דעם פאָרשלאָג. איך וואָלט פארשריבן איר קאָל אף א פלאסטינקע... אף צוויי פלאסטינקעס, אף דרײַ, אף צען. די דאָזיקע פלאסטינקעס קאָן מען איצט דרייען, ווי הויכע קונסט, צוליב פארגעניגן, און פאר די ווײַטערדיקע דורות וועט דאָס זײַן א מוסטער פון דער עטנישער סוויווע, אין וועלכער ס׳האָט געלעבט די אקטריסע...

אינהאלט

די צײַט. ראָמאַן 3

אין פופצן יאָר ארום. רײַזעס 169

דראמאטישע נאָוועלן 281

אייכמאַן אין ירושלאָים 283

א טאָעס געהאט אין כעזשבן 296

וועהאָרײַע 313

נאָטיצן אָן א סיידער 331

ארן ווערגעליס

די צײַט

מ., „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 1981 י. 480 זײַטן
ארויסלאָז־פּלאַן פון 1981, נומ. 244

קינסטלער אי. סאַלניקאָווא

רעדאקטאָר ש. גאָרדאָן
קינסטלערישער רעדאקטאָר וו. מעדוועדעוו
טעכנישער רעדאקטאָר ט. קאַזאָווסקאַיאַ
קאָרעקטאָר ב. גערשמאַן

אינפאָרמאַציע־ביולעטען נומ. 2534

אָפּגעגעבן אין זאַץ 09.03.81. אונטערגעשריבן צום דרוק 25.09.81. פאָרמאַט 84×108 1/32. טיפּאָגראַפיש פּאַפּיר נומ. 1. הויכדרוק. באַדינגלעכע דרוקבויגן 25,20. פאַרלעגערישע דיסקאָנט־בויגן 28,98. טיראַזש 2250. באַשטעלונג נומ. 177. פּרײַז 2 ר. 10 ק. פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, 121069. מאָסקווע, וואָראָווסקי־גאַס, הויז נומ. 11. באַלוינטע מיטן אָרדען פון דער רויטער ארבעטס־פאָן טיפּאָגראַפיע נומ. 7 „איסקראַ רעוואָליוציִי״ פון „סאָיוזפּאָליגראַפפּראָם״ פונעם מעלוכע־קאָמיטעט פון פּססר איבער די איניאָנים פון פאַרלאַגן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל. 121019. מאָסקווע, אַקסאַקאָוו־זעסל, הויז נומ. 13.

Арон Вергелис

ВРЕМЯ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1981, 480 стр.
План выпуска 1981 г. № 244

Художник *И. Г. Сальникова*
Редактор *С. В. Гордон*
Худож. редактор *В. В. Медведев*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор *Б. А. Гершман*

ИБ № 2534

Сдано в набор 09.03.81. Подписано к печати 25.09.81. Формат 84×108 1/32. Бумага тип. № 1. Высокая печать. Усл. печ. л. 25,20. Уч.-изд. л. 28,98. Тираж 2250 экз. Заказ № 177. Цена 2 р. 10 к. Издательство «Советский писатель», 121069, Москва, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.